STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01157

# MOSHEH

## Sholem Asch

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Paulette Buchbinder*
*in memory of*
*Gussie & Harry Kaufman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# משה

משה־שמואל־שקלאַרסקי

ניו־יאָרק, 1951

SHOLEM ASCH

# MOSHE

(Moses)

Copyright, 1951, by SHOLEM ASCH

First published in New York by G. P. Putnam's Sons

MORRIS S. SKLARSKY, *Publisher*
10 Monroe St., New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A.

344

ניט דאָס געשעענע איז אמת, נאָר דאָס געוואָרענע. דאָס גע־שעענע איז נאָר דער קערן, וואָס די צייט פאַרזייט אין דער ערד. דער קערן ווערט פאַרפוילט און פאַרלוירן; וואָס עס שפּראָצט־אַרויס דערפון, ווערט דער אמת. וואָרעם „אמת שפּראָצט־אַרויס פון דער ערד".

די האַנט פון גאָט, וואָס איז געווען אין דעם געשעעניש, האָט אויפגעריסן אַלע חתימות פון פאַרשווייגן, געשפּאָלטן די ניט־דורכ־דרינגלעכע ווענט פון מצריים, און פאַרזייט געוואָרן איז אין דעם באָדן פון דער געשיכטע דער קערן פון אמת, וואָס האָט געבראַכט די ערשטע שפּראָצונג פון אונדזער ציוויליזאַציע און אונדזער סדר, וואָס עס זאָגן אויף דעם עדות אין היינטיקן טאָג — איר און איך.

# ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

## 1

עס זענען געווען פיל סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז רעמסס דער צווייטער זאָל פאַרלאָזן די רעזידענץ־שטאָט, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן פון די אַלטע דינאַסטיעס, די שטאָט טעבעס,ביים ברעג פון נילוס־טייך, און באַזעצן זיך אין מעמפיס, ביי דער גרענעץ פון וועג, וואָס פירט צו די אַזיאַטישע לענדער.

אַחוץ דער סכּנה פון די אַזיאַטישע לענדער, וואָס האָבן אַלץ מער אַרויסגערוקט זיך אין פאָדערגרונט און געדרענגט אויף די גרענעצן פון עגיפּטן, וואָס רעמסס דער צווייטער האָט געוואָלט זיי האָבן אויפן אויג, האָט זיין מאַניע צו בויען, וואָס האָט אים באַהערשט פון זיין פריסטער יוגנט אָן, אים אַזוי געפאַנגען, אַז ער האָט ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון זיין אייגענעם כּהן־גדול און דעם כּהן־גדול פון זיין פאָטער, דעם גרויסן גאָט ראַ, וואָס פון זיין פלייש איז ער געקנאָטן, פאַרטראַכט צו בויען אַ נייע הויפּט־שטאָט ביים ברעג פון דער שקלאַפן־פּראָווינץ גושן, אין דער דעלטאַ, אַ שטאָט מיט טעמפּלען און פּאַלאַצן, וואָס זאָל טראָגן זיין נאָמען.

עס זענען נאָך געווען אַנדערע סיבות. דער תּבואה־פאַרוואַלטער פון די מלכותדיקע גיטער, דער מעכטיקער שר פּונטיפוס, אַ קיניגלעכער פעכער־האַלטער, האָט אים אויפגעגעבן אַ פּלאַן צו באַנוצן די פיל הענט פון די שקלאַפן אויף צו בויען שפּייכלער־שטעט, אין וועלכע מען זאָל אָפּלייגן די תּבואות פון די זאַטע יאָרן פאַר די הונגעריקע; און זיין בוי־מייסטער, דער מעכטיקער שר נאַוואַראַ, אויך אַ פעכער־האַלטער, האָט דעם פּלאַן אויסגעאַרבעט, אַז די שפּייכלער־שטעט זאָלן אויסגעבויט ווערן אין דער געגנט פון גושן, — הן מחמת עקאָנאָמיע,

כדי ניט צו באַדאַרפן איבערפירן די שקלאַפן אין אַן אַנדער פּראָווינץ; און מער נאָך מחמת דעם, וואָס די דעלטאַ אין וועלכער די פּראָווינץ געפינט זיך, איז זייער געאייגנט פאַר דעם מאַטעריאַל, פון וועלכן מען וועט בויען די שטעט. דער פעטער שלים, וואָס דער נילוס לאָזט איבער אין דער דעלטאַ, ווערט גיך פאַר־טריקנט פון דער הייסער זון. די ערד פאַרמאָגט דאָרטן אַ סך קאַלך און ליים, און ווען מען מישט זי מיט שטרוי, באַקומט זיך אַ שטאַרקער בוי־מאַטעריאַל. די שקלאַפן וועלן אים קאָנען אויסאַרבעטן אויפן אָרט און אים צושטעלן באַצייטנס צו די בוי־פּלעצער.

זינט דער הויף פון רעמסס דעם צווייטן האָט זיך איבערגעצויגן קיין מעמ־פיס, איז דער נידעריקער טייל פון דער דעלטאַ, נאָענט פון גושן, געוואָרן דער באַליבטער פּלאַץ פון געיעג מיט שיס־פּיילן און שליידער־שטעקלעך אויף פאַלקן און אַנדערע פייגל, אַ ספּאָרט, וואָס פּרעה און זיינע נאָענטע האָבן אַזוי גערן געהאַט.

ווען דער נילוס, נאָך אַן אויסגאָס, האָט זיך צוריקגעצויגן אין זיין שטענדיקער קאָרעטע, האָט ער איבערגעלאָזן אַ פעטע שליימיקע שיכט, וואָס האָט לאַנג זיך אויפגעהאַלטן אין גריבער און אין זומפּיקע סאַזשעלקעס, וואו די זון איז ניט לייכט צוגעקומען. די זומפּן, ס'רוב באַוואַקסן מיט אזוב־גראָז און באַמבוראָרן, האָבן געווימלט מיט אַלערליי ווערעם, פעטבייכיקע גרינע זשאַבעס, שליימיקע קריכע־דיקע יאַשטשערקעס און גרינרוקנדיקע נילוס־שלאַנגען מיט קעפּ פון יבשהדיקע חיות, — צוציענדיקע, געשמאַקע נערונג פאַר פאַרשיידענעם געפליגל, פון דעם רויבערישן פאַלקפויגל ביז דעם שטאָלצן אָדלער, פון דער אומשולדיקער טויב ביז דעם שוואַרצן נבלה־פויגל, דער אַפּשרעקנדיקער סאָווע.

דער ספּאָרט פון פויגל־געיעג איז געווען אַזוי אָנגענומען אין פּרעהס הויף, אַז ער איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר אַלע אַנדערע, וואָס געהערן ניט צום הויף, כאָטש פריער איז דאָס געיעג אויף ווילדע פייגל געווען אַ באַשעפטיקונג פאַר שקלאַפן.

אויך דער פּרינץ מיט דעם פרעמד קלינגענדיקן נאָמען משה, אַרומגערינגלט אין פּרעהס הויף מיט אומצוטרוי און מיסטישקייט מחמת דעם, וואָס טייל האָבן ניט געגלייבט, אַז ער איז דער אמתער זון פון דער פּרינצעסין בתיה, איז ניט צוגע־לאָזן געוואָרן צו נעמען אָנטייל אין פּרעהס אַרויספאָר מיט זיין סוויטע אויף דעם געיעג אין דער דעלטאַ פון גושן.

פאַרשיידענע קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין פּרעהס הויף וועגן דעם פרעמדן פּרינץ. אין די הויך פּריסטערישע קרייזן, די שטאַרקסטע קאַסטע אין פּרעהס הויף, אַרום דעם אַלמעכטיקן כהן־גדול, האָט מען זיך געשושקעט אויפן אויער, אַז מען האָט געפונען פאַרשריבן אין די דברי־הימים, אַז דער פּרינץ איז אַ קינד פון אַן עברישער שקלאַפן־מוטער, וואָס פּרעהס טאָכטער האָט געפונען שווימען אין אַ קעסטל אויפן נילוס. אָבער די מעשה איז געהאַלטן געוואָרן בסוד־סודות אין דעם כהן־גדולס קרייזן, און עס איז אַפילו פאַרבאָטן געווען וועגן דעם צו רעדן. בענקנעכאַס אַליין, דער ברייטברוסטיקער, מעכטיק געבויטער כהן־גדול, מיט דעם גרויסן נאַקעט געגאָלטן קאָפּ, וואָס אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז ניט קיין גרויסער פריינד פון דעם פּרינץ און פאַרהאַלט זיך צו אים מיט פיל חשד, האָט אָבער אָפיציעל — און האַלב אָפיציעל, — וואו נאָר ער האָט געהאַט די

געלעגנהייט, אַליין געשטיצט די אַפּיציעלע ווערסיע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין די הויפקרייזן און וואָס דעם פּרינצס מוטער, בתיה, האָט אַזוי עקשנותדיק פאַרטייד יקט, אַז דעם זון האָט זי, די פּרינצעסין, געבוירן, פּונקט אַזוי ווי די געטין איזיס האָט געבוירן — דעם גאָט האָרוס. דורך דעם האָט דער פּרינץ אַ פּנים, וואָס דער־מאָנט מיט זיין שפּיציקער נאָז דעם פאַלקנקאָפּ פון גאָט האָרוס.

אין יעדער פאַל איז דעם יונגן פּרינץ, מחמת אַזאַ סיבה אָדער אַן אַנדער, פאַרבאָטן געווען צו דערנעענטערן זיך צו די זומפּן־קאַרעטעס, וואָס ציען זיך ווי אויסגעטריקנטע אָרעמס פון דעם נילוס־טייך און דערלאַנגען טיף אין דעם טאָל אַריין. דערפון האָבן געוואוסט אַלע אויפזעערס פון פּרעהס הויז, און דער פאַרבאָט איז מיט דער גאַנצער עגיפּטישער דיסציפּלינירטקייט אָפּגעהיט געוואָרן פון דעם פּרינצס נעענטסטע באַגלייטערס, דערציערס און אויפזעערס, זינט דער הויף האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין מעמפיס, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט פון דער שקלאַפן־פּראָווינץ גושן.

מחמת דעם האָט אַן אימת־מות אַרומגעכאַפּט דעם סריס־אויפזעער, וואָס איז אין אַ פרימאָרגן מיטגעריטן מיטן פּרינץ אויף זיין אַרויספאָר צום ברעג פון נילוס, ווען ער האָט דערזען ווי דער יונגער פּרינץ לאָזט לויז די לייצעס פון זיין פערד, און אַנשטאָט צו רייטן אין דער ריכטונג פון דעם נילוס־ברעג, ווי ער פלעגט עס טון יעדן פרימאָרגן, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט אין אַ זייט און אין פולן גאַלאָפּ געלאָזט זיך צו דער דעלטאַ אַרונטער וואו עס ליגט די אומגעגנט פון גושן. אויף דעם נאַקעטן, ווייסן, שווער באַפליישטן לייב פון דעם סריס, האָבן אַרויסגע־שלאָגן אַנגסטן וואָס האָבן איצט, אין דער העלער זון, אויסגעקוקט ווי פּערל; זיין אָפּגעגאָלטער קאָפּ האָט געגלאַנצט אין די ברענענדיקע שטראַלן, — און וויפיל כוחות ער האָט געהאַט, האָט ער געשטורעמט זיין פערד צו דעריאָגן דעם אַוועקגאַלאָפּירטן פּרינץ.

— זון פון ראַ, אין זיין אייגענעם פלייש, קינד פון איזיס, גייסט פון האָרוס, שטעל זיך אָפּ, שטעל זיך אָפּ, שטעל זיך אָפּ! — האָט דער סריס גערופן אין טויטאַנגסטן, און אים איז סוף־כל־סוף געראָטן אָנצויאָגן דעם פּרינץ.

— איך וויל גיין אויף געיעג אין די זומפּן פון דער דעלטאַ, מען זאָגט, די גאַנצע געגנט איז פול מיט פייגל.

— אין נאָמען פון דיין מוטער, קינד פון ראַ, גייסט פון די געטער, גיי נישט אַהין. די דעלטאַ איז פאַרשלאָסן פאַר דיר, קינד־גאָט האָרוס, מיט די קייטן פון פאַרבאָט.

— פאַר וואָס? — האָט דער פּרינץ געפרעגט אין אויפרעגונג, און ווי תמיד, ווען ער האָט זיך אויפגערעגט, איז אים דאָס לשון שווער אָנגעקומען: ער האָט מיט שטאַמלעניש קוים דאָס וואָרט אַרויסגעבראַכט, און זיין שיין פּנים, מיט דער שפּיציקער אָדלערנאָז, וואָס האָט אים ענלעך געמאַכט צום גאָט האָרוס, שוין אַזוי צעוואָרעמט פון גאַלאָפּירן, האָט, אין זיין פאַרלוירנקייט, נאָך מער געררייטלט זיך.

— דו, וואָס דו האָסט געלערנט חכמה פון דעם אַלוויסנדיקן גאָט טאָט, וואָס האָט דיך געהיילט פון די וואונדן פון דיין פעטער, דעם גאָט סעט, ווייסט וואויל, אַז דיין מוטער, דאָס קינד פון ראַ, האָט דיך — ווי איזיס האָרוסן — געפונען אַ

שווימענדיקן אין די זומפּן פון דער דעלטאַ, ווי דאָס טויטע לייב פון דיין אײדעלן פאָטער, דעם גאָט פון די טויטע, אָזיריס, וואָס דיין שלעכטער פעטער, גאָט סעט, האָט געטייט אויס אייפערזוכט צו דיין מוטער איזיס. דאָרט לויערט אויף דיר דיין פעטער סעט, וואָס דו פירסט מיט אים אַן אייביקע מלחמה צו נעמען נקמה פאַר דיין פאָטערס טויט.

דער יונגער פּרינץ האָט געוואוסט, אַז די עגיפּטער גלייבן, אַז ער איז אַ גילגול פון גאָט האָרוס. זיין מוטער, רעמסס׳ טאָכטער, האָט פאַרשפּרייט דעם גלויבן צוליב די אויסטערלישע אומשטענדן, ביי וועלכע זי האָט אים געפונען, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. דער פּרינץ האָט אָבער געוואוסט, אַז עס איז אמת וואָס זיינע שונאים צווישן די פּריסטערס דערציילן וועגן אים: ער איז אַ קינד פון אַ יידישער שקלאַפין אין גושן, וואָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון אַ פריערדיקן פרעהס גזירה צו דערטרינקען אַלע ניי־געבוירענע יידישע קינדער, לאָזנדיק אים אין אַ קעסטל אויפן וואַסער פון נילוס־טייך, וואו פרעהס טאָכטער האָט אים געפונען. ער האָט אויך געוואוסט, אַז ער שטאַמט אָפּ פון אַן אויסגע־ווײלטער פאַמיליע, וואָס געהערט צו אַ שבט פון די היטערס פון דער טראַדיציע. דאָס אַלץ איז ער דערגאַנגען פון זיין אייגענער מוטער אַליין, וואָס איז געוואָרן זיין אַם. זי האָט אין אים אַריינגערעדט, בשעת ער האָט געזויגן פון איר מילך, ער זאָל ניט פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם. און ווען אפילו ער איז געווען צו יונג צו קאָנען געדענקען ניט נאָר זיין מוטערס ווערטער, נאָר אפילו איר פּנים, אָדער דאָס פּנים פון זיין פאָטער, אָדער זיין ברודער, וואָס ער האָט זיי ניט מער געזען, זינט מען האָט אים צוריקגעבראַכט פון דער אַם אין פרעהס הויף אַריין, האָט אָבער די משפּחה אויפגעהאַלטן זיין אָפּשטאַם דורך שיקן צו אים אַ געהיימען שליח. דער שליח איז געווען זיין אייגענע שוועסטער, וואָס האָט דורך אויסטערלישע וועגן און מיטלען געפונען אַ צוטריט צו אים אין פרעהס אָפּגעשלאָסענעם, אָפּגעהיטענעם הויף.

אויך זיין איצטיק אַרויסרייסן זיך פון אונטער זיין אויפזעערס השגחה איז ניט געווען איבער זיין שטאַרקן חשק צו גיין אויף געיעג. ער האָט געוואָלט כאָטש איין מאָל באַזוכן די שקלאַפן־פּראָווינץ און זען זיינע ברידער, די שקלאַפן־בויערס פון דער שטאָט פּיתום, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דעם געיעג־פּלאַץ. און אפשר וועט ער האָבן די געלעגנהייט צונויפצוטרעפן זיך מיט זיינע אייגענע, מיט זיין מוטער, מיט זיין פאָטער, מיט זיין ברודער, וואָס ער האָט זיי פון זיינע קינ־דעריאָרן אָן ניט געזען און געוואוסט בלויז וועגן זייער עקסיסטענץ דורך זיין שוועסטער.

ער האָט געוואוסט, אַז די שוואַרצע, זון־אָפּגעברענטע הויכע מיידל־פיגור, פאַרקליידט ווי אַן עגיפּטיש דאָרפסמיידל, וואָס שטייט אָפּט ביים טויער פון פרעהס הויף, איז זיין שוועסטער. זי וואַרט אָפּ זיין אַרויסקומען, וואַרפט אים צו בליקן, ווען זי קאָן זיך ניט דערנעענטערן צו אים. און אויך איצט, ווען ער רייט צו דער שקלאַפנשטאָט, מוז זי ערגעץ פון הינטן נאָכלויפן נאָך זיין פערד. ווען אפילו ער האָט זי ניט געזען, האָט ער געקאָנט פילן איר בליק רוען אויף זיינע פּלייצעס, אויף זיין רוקן. עס האָט געברענט אין אים די בענקשאַפט צו טרעפן זיך מיט

זיינע אייגענע, געוואויר ווערן וועגן זיין אָפּשטאַם. ווער זענען זיי, די שקלאַפֿן, פֿון וואַנען קומען זיי? ווי אַזוי האָבן זיי זיך גענומען אין עגיפּטן? ער האָט גע־וואָלט זען זיינע ברידער ביי דער אַרבעט, פֿילן, ווי זיי, דעם טעם פֿון ביטערקייט אויף זיינע ליפּן, פֿילן אויף זיין אייגענעם לייב די שמיץ פֿון דעם אויפֿזעערס באַטעקעס.

נעכט לאַנגע איז ער געלעגן, קלערנדיק אויף זיין געלעגער ווי אַזוי אויס־צופֿירן זיין פּלאַן. ער האָט געוואוסט, אַז ער ווערט באַוואַכט מיט הונדערטער אויגן, אַז זיין יעדער טראָט ווערט נאָכגעשפּירט פֿון געזעענע און ניט־געזעענע אויפֿזעערס, וואָס די פּריסטערס שטעלן אָן. ער האָט דערפֿאַר אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס האָט זיך אים געמאַכט אין דעם מאָמענט, ווען ער איז פֿאַר־אויסגעווען עטלעכע טריט פֿון זיין באַגלייטער, צו לאָזן זיין פֿערד אין גאַלאָפּ צו גושן צו. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז אַזוי לייכט וועט עס אים ניט אָנקומען. דער באַגלייטער, כאָטש ער איז געווען זיין אונטערטעניקער קנעכט און דינער, האָט אָבער געקראָגן די מאַכט פֿון די פּריסטערס צו רופֿן נאָך הילף און צוריק־ברענגען דעם פּרינץ אין הויף אַריין אפֿילו מיט געוואַלט. ער האָט דערפֿאַר געזוכט אַ שאַרף מיטל צו געווינען דעם באַגלייטער פֿאַר זיין פּלאַן. עס איז אים איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק אויסצונוצן דאָס געפֿיל פֿון פֿאַרגעטערונג, וואָס דער וועכ־טער פֿילט פֿאַר זיין האַר, און אים אַזוי אַרום באַהערשן.

— צי ווייסן די עגיפּטישע כהנים, אַז מיר אַליין, דעם קינד פֿון איזיס, פֿון פֿרעהס אַלע אַנדערע קינדער, איז איבערגעגעבן געוואָרן דער געהיימער שפּרוך, דער שם המפֿורש פֿון גאָט רא, וואָס מיין מוטער איזיס האָט אַרויסבאַקומען פֿון אים, ווען דער גאָט רא איז אַלט און קראַנק געוואָרן, און מיין מוטער האָט אים כּישוף געטון און פֿאַרסמט אים מיט זיין אייגענעם גאַווער, וואָס איז גערונען פֿון זיין מויל? אַלע טויערן פֿון דער נאַכט זענען אָפֿען פֿאַר מיר. דורך דעם ליכט פֿון דער לבֿנה דרינג איך אַריין אין אַלע געהיימענישן און מיט דעם כּוח פֿון נאָמען רא קאָן איך וואונדער שאַפֿן.

דער באַגלייטער איז שיר ניט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זיין פֿערד. זיין גרויסער קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און זיין לייב אַ וואַקל, ווי ער וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פֿערד, — און ער איז טאַקע באַלד אַראָפּגעפֿאַלן אויך. ער האָט זיך אויסגע־צויגן מיטן פּנים אויף דער ערד פֿאַר דעם פּרינץ משהס פֿערד.

— הייב זיך אויף און שטעל זיך פֿאַר מיר! — האָט דער פּרינץ אים געזאָגט מיט אַ באַפֿעלערישער מעטאַלענער שטים.

דער אויפֿזעער האָט זיך אויפֿגעהויבן, געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, ניט דערוועגט זיך צו קוקן דעם פּרינץ אין פּנים אַריין. עס האָט זיך דעם אויפֿזעער געדאַכט, אַז די שטראַלן פֿון רא, ווען ער קומט אַרויס אין פֿרי־מאָרגן איבער דעם הימל און לאָזט זיי פֿאַלן איבער די וועלן פֿון נילוס, לייכטן אַרויס פֿון דעם פּרינצס פּנים. ער האָט געפֿילט דעם הייסן ברי פֿון די שטראַלן אויף זיין לייב.

און עס איז באמת געקומען אַן ענדערונג אין דעם פּרינץ מיט די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. די שטראַלן זענען ניט געקומען פֿון זיין פּנים, נאָר

פון זיינע אויגן. זיינע אויגן זענען געווען צוויי ברענענדיקע פייערן, און דאָס חשמל־ליכט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיי, האָט געהאַט דעם באַפעלערישן ברי פון שפּיציקע פיילן, ווען זיי באַרירן דאָס לייב. אומגעזעענע, האָבן זיי פאַרוואונדט ווי פיילן. די שאַרפקייט פון זיין בליק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קלאַנג פון זיין שטים, וואָס האָט ווי אַ האַמער געשלאָגן איבערן קאָפּ.

— קינד פון ראַ, פון זיין אייגענעם פליש, — איז געשטאַנען פאַר אים דער אויפזעער און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט, אין מורא, אַז איין וואָרט פון גאָטס מויל און די ערד וועט עפענען איר מויל און אים איינשלינגען. — וואָס באַפעלסטו? — האָט דער אויפזעער געשטאַמלט.

— זעץ זיך אויף דיין פערד און רייט הינטער מיר. און וואָס דו וועסט זען, און וואָס דו וועסט הערן, זאָל באַגראָבן ווערן אין דעם קבר פון דיין האַרץ.

— יאָ, קינד פון ראַ, פון זיין אייגענעם פליש.

ווען אָבער דער אויפזעער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד, האָט ער זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט, גליך מענטש און פערד וואָלטן ביידע פאַרגליווערט געוואָרן.

— פאַר וואָס רייטסטו ניט הינטער מיר? — האָט משהס שטים געפרעגט מיט דער פריערדיקער באַפעלערישקייט.

דער אויפזעער האָט געציטערט, געפּלאָטערט. ער האָט געזען דעם טויט פאַר זיינע אויגן, וואָס מיט איין רוף ברענגט אים גאָט אויף זיין קאָפּ. דאָך האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט. אין טרייסלעניש, האָט ער געשטאַמלט:

— קינד פון ראַ, ווי אַזוי קאָן איך פאַרלאָזן דעם ברעג פון נילוס, אַז דער שרייבער האָט פאַרשריבן דעם ראַפּאָרט, — צוויי פערד פאַרן פּרינץ און זיין באַגלייטער צום ברעג פון נילוס?

אַ ווייכער שמייכל האָט דורכגעצוקט איבער דעם פּרינצס דעליקאַטע ליפּן. ער האָט זיך געטראַכט: „די פאַרשקלאַפונג איז שטאַרקער פון טויט״.

— דאָרט אין ראַפּאָרט פון שרייבער קריצט אַ פייערדיק קריצשטעקל אויס: „צוויי פערד פאַרן פּרינץ משה און זיין באַגלייטער — צום לאַנד גושן״, — האָט דער פּרינץ געזאָגט.

ערשט דענסמאָל האָט דער אויפזעער געקאָנט זיך אַ ריר טון פון אָרט, ווי ער וואָלט באַפרייט געוואָרן פון די עגיפּטישע דיסציפּלין־קייטן, וואָס האָבן אים געהאַלטן צוגעשמידט.

אַזוי ווייט ווי דער בליק פון אויג האָט געקאָנט אַרומנעמען, האָט דער פּרינץ משה דערזען אַ ברייט, פלאַך רויט־בלאָטיק פעלד, וואָס האָט אויסגעפילט די ברעגן פון האָריזאָנט. דאָס פעלד איז באַדעקט געווען מיט שורות אַרבעטער, געשלענגלטע קייטן נאַקעטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַוועגט און זיך געוויגט אין אַ ריטמיש געמאָסטענעם סדר. עס איז ניט געווען קיין אינדיווידועלע אַרבעט פון איינצלנע מענטשן, נאָר איין טייל אַרבעט איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דעם צווייטן טייל, איין אַרבעטער איז געווען אָפּהענגיק פון צווייטן, אַזוי אַז דער אינדיווידועלער אַרבעטער איז דאָ פאַרלוירן געגאַנגען, איז געוואָרן נאָר איין רינגל אין דער קייט.

פון אויסגעטריקנטע זומפן, וואָס זענען געלעגן פאַרהאַרטעוועט אין זייערע קאַרעטעס, האָבן זיך געשלענגלט קייטן אַרבעטער, שלעפּנדיק אויף זייערע נאַקעטע פּלייצעס קראַמיסלעס, אָן וועלכע עס זענען געווען אָנגעהאַנגען צוויי גלייכוואָגיקע קערב. זיי, די טרעגערס, האָבן צוגעטראָגן די קערב מיט בלאָטיקן ליים צו אַן אַפּלייג־פּלאַץ, וואו עס האָבן שוין געוואַרט די טרעטערס. די טרעטערס האָבן געהאַלפן אויסלאָדן דעם מאַטעריאַל. מישערס האָבן געמישט דעם מאַטעריאַל מיט אָפּגעקליבענעם שטרוי, און די טרעטערס זענען ביזן האַלבן נאַקעטן לייב געשטאַנען אין דער בלאָטע און געטראָטן מיט די פיס די קלעפּיקע מאַסע. פון די פוסטרעטערס האָבן אַנדערע טרעגערס געשלעפּט דעם אויסגעקנאָטענעם ליים אין קערב אויף זייערע פּלייצעס און אים אָפּגעלייגט ביי דער קייט ציגל־קנעטערס. די ציגל־קנעטערס האָבן מיט געניטע הענט אויסגעפורעמט דעם מאַטעריאַל אין גרויסע ציגל. אַנדערע נאַקעטע שקלאַפן האָבן אויסגעלייגט די ציגל שורותוויז, איבערלאָזנדיק גענוג אָפּענעם פּלאַץ פון איין ציגל צום אַנדערן, צו באַקן זיך אין דער זון.

ביים עק פון דער קייט איז געשטאַנען אַ הויכע פירעקעכדיקע וואַנט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ מאָס. די לעצטע צוויי אַרבעטער אין דער קייט האָבן באַלייגט די וואַנט מיט די פריש־אויסגעאַרבעטע ציגל. ביי איין עק וואַנט איז קונציק אויף די קני געזעסן אַ שרייבער און האָט פאַרצייכנט אויף אַ ליימטאָוול די אָפּגעלייגטע ציגל. אַנטקעגן אָוונט האָט די וואַנט געמוזט זיין באַלייגט פול מיט ציגל. דאָס ליידיק געבליבענע אָרט האָט באַוויזן, אַז די קייט שקלאַפן איז געווען הינטערשטעליק, און לויט דעם אויספעל זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן.

דער שרייבער ביים עק פון יעדער שקלאַפנקייט איז געווען אַן עגיפּטער, וואָס מען האָט עס אָנגעזען אין זיין אָפּגעגאָלטן קאָפּ און אָפּגעגאָלטע באָרד און וואָנצעס. דאָס טוך, וואָס האָט צוגעדעקט זיין שאַנד, איז אויך געווען פון אַ באַזונדער פאָרעם: פון ווייסן איידעלן עגיפּטישן ציץ, איז עס געווען געוויקלט לויז און אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ שערץ. זיין נאַקעטער קערפּער איז געווען נעגעריש שוואַרץ, מיט אַ ברייטן רוקן און מוסקלדיקע אָרעמס.

די שקלאַפן זענען געווען סעמיטן. דאָס האָט מען אָנגעזען אין די קורצע שוואַרצע בערד, טייל מיט קאָזעשפּיצן, און לאַנגע געקרייזלטע פּיאות, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון זייערע געקרייזלטע קעפּ איבער די באַקן. זיי זענען אויך געווען נאַקעט, נאָר זייערע שאַנדטיכער זענען באַשטאַנען אויס שמוציקן זאַק־מאַטעריאַל, פאַרבונדן אַרום זייערע לענדן. זיי האָבן זייערע טיכער ניט געטראָגן אויף די לענדן פאַר אַ צירונג, מיט געשטריקטע פרענדז, ווי די עגיפּטער, נאָר אויף צו פאַרדעקן זייער שאַנד, און האָבן זיי דערפאַר געטראָגן ניט לויז, נאָר פאַרפעסטיקט און פאַרבונדן מיט שטריק און בענדער.

זייערע לייבער, אויסגעמאָגערטע און אָפּגעצערטע פון הונגער און היץ האָבן אַרויסבאַוויזן די ביינער פון זייערע ריפּן און רוקנס. זייער שוואַרץ אָפּגעברענטע הויט האָט איצט, אין די ברענענדיקע זונשטראַלן, געגלאַנצט ווי קופּער פון די אַנגסטן און שווייסטראָפּנס, וואָס האָבן זיך געגאָסן ווי קליינע ריטשקעלעך. זייערע פּנימער זענען געווען שטום און פאַרזאָרגט, מיט שטייף פאַרשלאָסענע פאַר־

שמאַכטע ליפּן; אָבער זייערע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון די פאַרביסענע פּנימער מיט די לאַנגע אויסגעבויגענע נעזער מיט אַזאַ ברענענדיקן ליכט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשאָסן מיט פייערפיילן די גאַנצע ביטערקייט פון זייער אָנגעזאַמלטן צער און צאָרן. זיי האָבן געטון זייער אַרבעט אין שווערן שווייגן, טרעטנדיק מיט שווערע טריט און שווערן ריטעם, אונטער די בייטשן, געפלאָכטן פון אזוב־גראָז, וואָס זייערע צוויי יידישע שוטרים האָבן געהאַלטן אין די הענט איבער זייערע לייבער, באַגלייטנדיק זיי אין זייער שקלאַפנגאַנג.

פאַר ניט אויספילן די געהעריקע מאָס ציגל האָט געטראָגן דאָס אַחריות ניט דער איינצלנער אַרבעטער, נאָר די גאַנצע שקלאַפנקייט, וואָס מען פלעגט באַשטראָפן מיט לאַנגער נאַכטאַרבעט און פאַרקלענערטע שפּייזפּאַרציעס. דערפאַר זענען איבער יעדער קייט געזעצט געוואָרן צוויי יידישע שוטרים, וואָס זאָלן אָנטרייבן זייערע אייגענע ברידער און אַליין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם שרייבער. דער שרייבער האָט געענטפערט דעם אויפזעער, דער אויפזעער — דעם העכערן קאָמיסאַר פון אַרבעט.

אַזוי האָט זיך געשלענגלט ווי אַ בייסנדיקע שלאַנג די שקלאַפנקייט אין עגיפּטן — ביז צו פּרעהס שטול אַרויף.

וואו דער יונגער פּרינץ האָט געקוקט, האָט ער געזען די שקלאַפנריינגען, וואָס האָבן זיך געקייטלט איינס אין דעם אַנדערן, גלייך ווי די גאַנצע ערד וואָלט געווען באַדעקט מיט זיי. נידעריקע, אונטערגעדריקטע, נאַקעטע, מיט פאַרקאָלטענעוועטע קעפּ האָר און בערד, דרעפּטשען זיי מיט די פיס אין די בלאָטע־גראָבנס. ווען דאָס אויג איז צוגעוואוינט געוואָרן צו זיי, האָט ער אָנגעהויבן אונטערשיידן די באַזונדערע דעטאַלן פון דער אַרבעט. ניט אַלע האָבן געקנאָטן אין דער בלאָטע, ניט אַלע האָבן געפורעמט ציגל; עס זענען אויך געווען קייטן שקלאַפן, וואָס זענען געווען איינגעשפּאַנט אין שטריק־פּעטליעס מיט זייערע לייבער איינער נאָכן אַנדערן.

די לאַנגע קייט טונקל־גלאַנצנדיקע לייבער איז געווען ווי איין געבונדענע מאָנסטער־חיה מיט אַ סך לייבער, אַ סך פיס און הענט, וואָס האָט זיך געגעבן אַ באַוועג צוזאַמען מיט אַלע פיס און אַ צי נאָך זיך מיט אַלע לייבער אַ שווערן שטיין, צו וועלכן זי איז געווען צוגעבונדן. אויפן שטיין אַליין איז געזעסן אַן עגיפּטישער שרייבער. מיט אַ פאָך פון אַ שטעקן האָט ער געגעבן אַ סיגנאַל.

צו ערשט האָט זיך משהן אויסגעוויזן, אַז די קייטן שקלאַפן, וואָס פורעמען די ציגל, און די רייען קנעכט, וואָס שלעפּן די שטיינער, זענען ניט קיין באַזונדערע יחידים, נאָר שנורן מערעשקעס, וואָס ציען זיך איבער אַ וועג, אָדער לאַנגע טשערעפּאַכעס מיט פיל פיס, וואָס קריכן איבער הייסע זאַמדן פון מדבר. נאָר וואָס לענגער ער האָט זיך איינגעקוקט, אַלץ מער האָט זיין אויג אָנגעהויבן אַרויסהייבן פון דער צוזאַמענגעקנאָטענער מאַסע שקלאַפנלייבער איינצלנע פּנימער. זיין אויג האָט אָנגעהויבן אויסצייכענען באַזונדערע יחידים, יחידים מיט אייגענע קעפּ, לייבער, הענט און פיס. אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרויסלייכטן פון דער מאַסע לייבער מיט באַזונדערע בליקן, מיינונגען, פאָדערונגען; אויגן, וואָס האָבען אַרויסגעברענט פון די שוואַרצע פּנימער, פון געדיכטן האָר־געוועב מיט טונקעלע

פייערשטראַלן, סטראַשענדיק מיט זייערע בייז אָנזאָגנדיקע בליקן; אַנדערע אויגן, אויסגעלאָשענע, רעזיגנירטע, האָבן געקוקט גלייכגילטיק פאַר זיך; אויגן, וואָס האָבן געקוקט אין אַ זייט, ווי פאַרעקשנטע אייזלען, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין מיטן וועג און פאַרטראָגן אַלערליי עינויים אויף זייערע לייבער, נאָר רירן זיך ניט פון אָרט.

ער האָט באַמערקט ווי גופים האָבן זיך אויפגעשטעלט אין די שקלאַפנקייטן, אויסגעצויגן זיך, זענען געבליבן שטיין און האָבן פאַרטראָגן אויף זייערע לייבער, מיט עקשנותדיקער שטומקייט, די ברענענדיקע שמיץ פון די שוטרים, ביז זיי זענען געפאַלן אונטער די בייטשן, און מען האָט זיי אַרויסגענומען פון שפאַן און פאַרשאַרט ווי שרצים אין אַ זייט אין זאַמד. ער האָט באַמערקט ווי גאָר אַנדערע לייבער האָבן זיך אַרויסגעבריקעוועט פון געשפאַן און געפּרוּווט הייבן די הענט קעגן זייערע פייניקער. די מערסטע אָבער האָבן געטראָגן דעם געשפאַן פון די כאָמוטן, די שווער פאַלנדיקע שמיץ, מיט חיהשער געדולדיקייט, אין שטומקייט.

מיט אַ מאָל האָט משה באַמערקט ווי זיינע הענט ציטערן, אַ שווידער האָט אים אַרומגענומען ווי ער וואָלט זיך געווען געפונען אין אַ שטורעמווינט. זיין האַרץ איז געוואָרן אָנגעפילט מיט ביטערקייט. ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער איז איינער פון זיי, אַז ער איז געבוירן צווישן זיי, און זיין פאָטער און מוטער, זיין ברודער און שוועסטער געפינען זיך צווישן זיי, און זיי זענען טאַקע די סיבה וואָס ער האָט געשטעלט זיין זיכערקייט אין סכנה און איז, קעגן פּרעהס באַפעל, געקו־מען אַהער זיי צו זען ביי דער אַרבעט. נאָך מער, ער איז געקומען צו זיי, ווייל ער האָט דאָ אַ געוויסע באַשטעלונג: עס וואַרט דאָ ווער אויף אים, וואָס ווערט אים צונויפברענגען מיט זיין משפּחה. ער האָט אָבער ניט געקאָנט איצט, ביים אָנ־בליק פון די שקלאַפנקייטן, צונויפבינדן זיי מיט זיך. זענען דאָס זיינע ברידער? ניין, דאָס זענען שקלאַפן, און ער איז אַ פּרינץ אין פּרעהס הויף. ער איז דאָך געווען בייז אויף זיך פאַר דעם געפיל פון פרעמדקייט, אפילו פון פאַראַכטונג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט פאַר די געדולדיקע שקלאַפן. זיינע געפילן האָבן זיך גע־מישט. אַ הייליק פייער האָט געברענט אין אים. זיינע הענט האָבן געציטערט פאַר כעס. זיין צאָרן איז געוואַקסן אין אים ניט נאָר אויף די שוטרים, ווי ער האָט זיי געזען פייניקן די שקלאַפן, אויף פּרעהס גאַנצער סיסטעם, נאָר אויך אויף די שקלאַפן. „שקלאַפן, שקלאַפן, שקלאַפן, — וואָס גייען זיי מיר אָן?"

עפּעס האָט ער פּלוצלינג דערזען. ער האָט דערזען פון דער ווייטנס אַ גרופּע ווייבער זיצן אויף דער ערד מיט קערב עסנוואַרג, קרוגן וואַסער. באַלד האָט ער נאָך געזען ווי מען האָט אויסגעשפּאַנט אַ קייט שקלאַפן פון דער אַרבעט און זיי פריי־געלאָזט. די מענער, אויסגעמוטשעטע, זייערע לייבער גלאַנציק אין דער זון פון באַגאָסענעם שווייס און ריטשקעלעך בלוט, וואָס די שמיץ האָבן אויפגעעפנט אין די אָנגעשוואָלענע אָדערן, זענען מיט די לעצטע כוחות געקראָכן צום אָרט, וואו די ווייבער זענען געזעסן.

די ווייבער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע ערטער, זענען געלאָפן אַנט־קעגן די מענער, וואָס מען האָט ערשט אויסגעשפּאַנט פון יאָך. זיי האָבן אַרומ־גענומען די מענער מיט צערטלעכקייט, אָפּגעווישט מיט די הענט דעם שווייס,

וואָס איז געווען פון זייערע פּנימער. זיי האָבן אַרונטערגענומען זייערע קאָפּ־טיכער און זיי אָנגעטון אויף די קעפּ פון די מענער, האָבן זיי פאַרשטעלט פון די שמייסנדיקע זונשטראַלן און זיי צוגעהאָלפן צוקומען צום פלאַץ פון אָפּרו. טייל ווייבער האָבן אַריינגענומען די קעפּ פון זייערע מענער צו זיך אין שויס, האָבן מיט די צונגען אָפּגעווישט די אַנגסטן, זיי געגעבן טרינקען וואַסער פון די קרוגן, געריבן צו זיי מיט די אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פאַרחלשט פון זייערע שוואַרצע פּנימער.

משה האָט געקאָנט הערן די טרייסטווערטער, וואָס האָבן אַרויסגעשריגן פון די ווייבערשע פּנימער, אויגן, העלדזער און מיילער. זיי האָבן געקושט די ריטש־קעלעך בלוט אויף די לייבער פון די שקלאַפן, באַשאָטנט זיי מיט די אייגענע לייבער פון די זונשטראַלן.

משה איז גערירט געוואָרן פון דער ווייבערשער צערטלעכקייט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער. אַן אויפזעער איז געשטאַנען איבער די שקלאַפן, האָט אָפּגעוואַרט, קענטיק, די צייט פון זייער רוען. ער האָט געפרעגט דעם אויפזעער:

— ווער זענען די פרויען?

— דאָס זענען די ווייבער פון די שקלאַפן. זיי קומען אַרויס צו זיי אין דער צייט פון זייער רוען, ברענגען זיי עסן.

— האָבן שקלאַפן משפחות? — פרעגט משה.

— די יידישע שקלאַפן האַלטן זיך אָן זייערע משפחות. וויפל מיר האָבן ניט געפּרואווט זיי אַרויסרייסן פון די קרייזן פון זייערע משפחות און אויסמישן זייערע ווייבער, איז דאָס אונדז ניט געראָטן. די יידישע ווייבער דערקענען נאָך זייערע מענער און האַלטן זיך אָן זיי.

משה איז שטיין געבליבן. זיין האַרץ האָט אַ גרויס גליק דערפילט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט וואַכעדיקע אויגן און אָן אויפגעלויכטענעם פּנים אויף די יידישע משפחות.

„שקלאַפן, וואָס דערקענען זייערע משפחות, זענען ניט קיין שקלאַפן״, — האָט ער זיך געזאָגט.

נאָר די החלטה האָט נאָך מער געצונדן זיין כּעס. זיינע ביינער האָבן איצט געפלאַקערט אין דעם פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרץ.

ער האָט דערפילט אַ פּאָר יונגע אויגן. די אויגן האָט ער געקענט. די אויגן האָבן געהערט צו אַ יונגער פרוי, אַ פרוי, וואָס גייט אים נאָך טריט ביי טריט זינט חדשים און יאָרן, וואַרט אים אָפּ אין שאָטן פון די קאָלאָנאַדעס, אונטער דעם פּאַסאַד פון פרעהס שלאָס. טייל מאָל, ווען ער קומט אַרויס אין פרימאָרגן פון שלאָס, באַגלייט פון זיין דערציער, דערזעט ער זי ווי זי שטייט און וואַרט אים אָפּ. צוליב איר טאַקע האָט ער אַלץ איינגעשטעלט און דערוועגט זיך אַרויסצו־קומען צו די שקלאַפן. מיט אַ צייט צוריק האָט זי אים אָנגעטראָפן און מיט אַ וואונק פאַרלאָקט אין אַ זייט. זי האָט אים אָנגעטרויט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט עס געהאַט געפילט בחוש, דערוואוסט זיך פון דעם דורך זייטיקע מיילער, נאָר ניט געוואָלט גלייבן, ניט געוואָלט גלייבן, אַז זיין משפחה לעבט נאָך ביזן היינטיקן

טאָג און געפינט זיך צווישן די עברים־שקלאַפן אין גושן. זי האָט אים אַנגעטרויט דעם סוד, אַז ער איז איר ברודער און זי איז זיין שוועסטער, מרים.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זי דערקענט. זי איז געשטאַנען צווישן דער גרופּע ווייבער, וואָס האָבן געטרייסט און געצערטלט זייערע מענער, און האָט מיט אַ סענסיטיוויקייט באַטראַכט אים, משהן, געוואָלט, קענטיק, דערגיין ווי אַזוי די סצענע ווירקט אויף אים. זי האָט אים באַטראַכט, און די געפילן, וואָס זיין אַנטייל אין דעם גורל פון די שקלאַפן האָבן אויפגעוועקט אין איר, האָבן געשפּילט מיט גליקזעליקייט און רחמים אויף איר דאַרן, לאַנגן, אָפּגעברענטן פּנים.

משה האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען זיין באַגלייטער. דער סריס, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהיט זיינע טריט, האָט זיך פאַרלוירן אויף אַ ווייל אין דעם געדראַנג פון די רועדיקע שקלאַפן מיט זייערע ווייבער. האָט משה, מיטן אומ־געהייערן כּוח, וואָס דער באַגער צו דערקענען זיינע עלטערן האָט אים געגעבן, געטון אַ שפּרונג צו דער יונגער פרוי, האָט פאַרדריקט איר האַנט ביז ווייטיק און געזאָגט ווי מיט געבייזער:

— געשווינד, קום און ברענג מיך צו מיינע עלטערן!

די פרוי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער מאַסע, משה האָט איר נאָכגעגאַנגען־אײלט מיט פלינקע טריט.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אַז איך וועל היינט קומען?

— איך האָב דיך אָפּגעוואַרט יעדער טאָג. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען.

משה האָט שוין מער גאָרניט גערעדט און געאײלט נאָך דער פרוי.

## 2

באַלד הינטער דעם בוי־פּלאַץ האָט זיך אויסגעצויגן דער שקלאַפן־לאַגער. דער לאַגער איז געווען באַשטעלט מיט געצעלטן, אויפגעשלאָגענע פון באַמבוי־שטאַנגען, באַדעקט מיט דעכלעך אויס פּאַלמענצווייגן, מיט ראַגאָזשעס, געפלאָכטן אויס אזוב און אַנדערע גראָזן. דאָס גאַנצע לעבן פון לאַגער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דרויסן, ווייל די געצעלטן זענען געלעגן אָפּן, נאָר אַ טייל פון זיי האָט געהאַט ווענטלעך פון געפלאָכטענע צווייגן.

אין לאַגער איז אַנגעגאַנגען אַ גרויסע באַוועגונג. פיל פרויען האָבן פלייסיק באַאַרבעט זייערע גערטנער אַרום די געצעלטן, אַנדערע זענען געווען פאַרטון אין זייער הויזאַרבעט, האָבן פאַרגעברייט זייער געקעכץ אויף שטיינער־מזבחות, פון וועלכע עס זענען אויפגעגאַנגען דעמפיקע רויכן, געטראָגן וואַסערקרוגן אויף די קעפּ אָדער אַנגעהאַנגען אויף קראָמיסלעס, געמאָלן זאַנגען אויף מילשטיינער.

משה האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די געצעלטן, ניט קוקנדיק אויף מרים, וואָס האָט אַרויסגעוויזן איר אומגעדולדיקייט, אָפּשטעלנדיק זיך יעדער מאָל, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צוגעקוקט צום לעבן, צו דער האַוועדיקער אַרבעט אַרום. קינדער האָט מען געזען אין לאַגער, און דאָס פּיל פון פאַרשיידענעם עלטער, אָנגעוואָרפן ווי מחנות הינער. אָבער משה האָט שוין באַמערקט די גרויסע צאָל מיידלעך צווישן די קינדער; ער האָט כמעט ניט געזען קיין יינגלעך. ער האָט געוואוסט דעם טעם דערפון.

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַ געשריי, אַ גערודער. ער האָט זיך אומ־געקוקט און דערזען ווי אַ מוטער, גרויס און מעכטיק, מיט לאַנגע, אַראָפּהענגענ־דיקע, אויסגעצויגענע בריסט, רייסט זיך און באַרעט זיך מיט עגיפּטישע שוטרים. ער האָט נאָר באַמערקט ווי אירע שטאַרקע הענט האַלטן צוויי דערשראָקענע קינדער צוגעטוליעט צו איר לייב, און מיט אירע אָפּשרעקנדיקע אויגן, אויפגע־ריסענעם מויל און צעפלאָשעטע האָר קעמפט זי קעגן צוויי שטאַרקע מענער, וואָס ווילן די קינדער אַרויסרייסן פון אירע הענט.

אַנדערע ווייבער האָבן איבערגעלאָזט די אַרבעט אין די גערטנדלעך, אָדער ביי די געצעלטן, און זענען געקומען שיצן די מוטער. עס האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן די ווייבער און די שוטרים. די קינדער האָבן געשריגן, און די מוטער האָט מיט איר מויל ציין זיך איינגעביסן אין דעם נאַקעטן אָרעם פון אַ שוטר, וואָס האָט שוין געהאַט דאָס קינד אין דער האַנט. דער צווייטער שוטר האָט מיט זיין קורצן מעסער, וואָס ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון זיין גאַרטל, גע־שאָכטן דאָס קינד, וואָס די מוטער האָט נאָך געהאַלטן צוגעדריקט צו איר ברוסט. אַ שטראָם בלוט האָט זיך אַ גאָס געגעבן, און באַגאָסן די מוטער און דעם שוטר צוזאַמען. די מוטער איז איצט שוואַך געוואָרן. זי האָט דאָס פאַרוואונדטע קינד צוגעדריקט צו איר ברוסט צו פאַרשטעלן די וואונד מיט איר לייב. די שוטרים האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט, האָבן אַרויסגעכאַפּט פון אירע הענט דאָס צווייטע קינד און איבערגעלאָזן די מוטער מיט דעם טויטן קינד וואָס איז גע־פאַלן אויף אירע הענט.

אין משהן האָט זיך אָנגעצונדן אַ כעס. זיין פּנים איז בלייך געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט געזוכט מיט דער האַנט דאָס מעסער, וואָס האָט געשטעקט ביי אים אין גאַרטל, נאָר איידער ער האָט עס אַרויסגעצויגן, איז זיין האַנט צוריקגעהאַלטן געוואָרן דורך מרימס שטאַרקן דרוק.

— קוק דיך איין און זע און שוויג, — האָט זי געזאָגט.

— ווער זענען זיי? — האָט משה געפרעגט, כאָטש ער האָט עפּעס געוואוסט.

— פּרעהס שוטרים. געקומען זוכן די זכרים, וואָס די יידישע מוטערס באַ־האַלטן אויס.

— יאָ, איך וויס, — האָט משה שטיל געענטפערט.

מרים האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט.

ער האָט געהערט אַ געלעכטער הינטער זיך, אַ געלעכטער, וואָס האָט אויס־געבראָכן ווי אַ שטראָם וואַסער וואָלט זיך אַדורכגעריסן דורך אַ צאַמענדיקער וואַנט. ער האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט געזען די מוטער, וואָס מען האָט פון

איר אַוועקגעריסן דאָס קינד, ווי זי שטייט מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן און איר ערדשוואַרצן פּנים, אירע לאַנגע האָר צעוואָרפן איבער איר נאַקעט לייב, האַלט אויף די הענט איר צום טויט פאַרוואונדיקט קינד און לאַכט, לאַכט, לאַכט.

— איינס וועט איר פון אונדז אַוועקרויבן און צען וועלן מיר געווינען, — האָט אַ פּרוי נאָכגערופן די שוטרים.

— ווי דאָס זאַמד ביים ים וועלן מיר פאַרזייען אונדזער זאָמען, — האָט אַ צווייטע פרוי נאָכגערופן די שוטרים פון איר געצעלט אַרויס.

— קום, זיי וואַרטן אויף דיר, — האָט מרים גערופן דעם גאַפנדיקן משהן.

ער איז שוין געגאַנגען נאָך איר שווייגנדיק.

לסוף איז ער אָנגעקומען צו אַ ווינקל, וואו די הייזקעס און געצעלטן זענען ניט מער געווען באַדעקט מיט פאַלמען־געוועבס איבער פיר שטאַנגען, נאָר זענען געווען געקלעפּט אויס נילוסליים, די דעכלעך געפלאָכטן פון פאַלמענצווייגן און באַלייגט מיט ליים. די פלעצער אַרום די געצעלטן זענען אויך געהאַלטן געוואָרן אין בעסערער אָרדענונג. זיי זענען געווען באַדעקט מיט באַב, גרייפּלעך און גערשטן־קאָרן אין שטרענג־אָפּגעהיטענע בייטן. ביי פיל פון די הייזלעך האָט ער געזען קליינע סטאַוון, געצויגן פון דעם נילוס־אויסגאָס, וואו עס זענען אַרום־געשוואומען גענדז און אַנדער געפליגל.

לסוף האָט אים מרים צוגעפירט צו איינעם פון די הייזלעך פון באַמבו־שטאַנגען הינטער אַ באַמבו־וועלדל, וואו אין דער עפענונג, פאַרהאַנגען מיט אַ פלאַכטע־פאָרהאַנג, האָט אויסגעוואַרט אויף אים אַ פאַמיליע פון דריי.

— דאָס איז דייך פאָטער עמרם, דיין מוטער יוכבד און דיין ברודער אהרן, פרינץ משה, — האָט מרים געזאָגט.

משהס בליק איז געפאַלן אויף זיין מוטערס פּנים און ניט געקאָנט מער אַוועקרייסן זיך דערפון. דער מוטערס פּנים איז געווען אַדורכגעאַקערט מיט געדיכטע שניטן, פאַלדן, אין אַן אָפּגעבערענטער, אויסגעאַרבעטער הויט, איר האַלדז הויך און אָנגעשוואָלן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע ווייסע אויגן־אויסשניטן. זי האָט פון גערירטקייט צעקרימט אירע געשוואָלענע ליפּן, און משה האָט דערזען דעם איינצעלנעם צאָן, וואָס זיצט אין איר יאָסלע. ער האָט געקוקט אויף אירע אויסגעאַרבעטע הענט, וואָס זענען געווען פאַרלייגט ווי אין ייאוש. ער האָט געקוקט אויף אירע באָרוועסע פיס מיט די דיקע פינגער, אויסגעקרימטע ווי וואָרצלען. אַ וואַרעמקייט האָט אים אַדורכגענומען. ווי דורך אַ זיפּ פון גע־דיכטן רויך האָט ער דערקענט דאָס פּנים פון זיינע פריע קינדעריאָרן, ווען ער האָט געזויגן ביי איר.

ער האָט נאָך מער דערקענט אין זיין מוטערס פּנים מיט די צערדיקע שניטן, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט אַרום אירע אויגן און מויל, דערקענט און דערפילט דעם צער פון אַלע יידישע מוטערס פון מצריים, וואָס מען רויבט פון זיי אַוועק זייערע קינדער. אין אירע הענט האָט ער דערקענט די הענט, וואָס ראַנגלען זיך מיט די משחיתים איבער דעם לעבן פון זייערע עופעלעך; אין איר בליק — דעם לעצטן בליק, וואָס אַ מוטער וואַרפט צו איר צוגערויבט קינד.

ער האָט געניגט נידעריק דעם קאָפּ פאַר איר און אַרומגעהאַלדזט זי מיט

די הענט, וואָס די מוטער אַליין האָט זיך דאָס ניט דערוועגט צו טון, און געקושט די גענזאַלצענע טרערן, וואָס זענען גערונען איבער דער מוטערס באַקן.

ווען די באַגריסונג איז געקומען צו אַ סוף, האָט דער פּרינץ אָנגעהויבן מיט אַ שטאַמלדיקן לשון:

— ווער זענט איר? פון וואַנען קומט איר? וואָס איז אייער אָפּשטאַם? — האָט ער געפרעגט.

— מיר רופן זיך עברים, מיר שטאַמען אָפּ פון דעם פאָטער פון אונדזער שטאַם, אברהם, וואָס איז געקומען פון יענער זייט טייך, נאָר מיר רופן זיך אויך ישראל, די קינדער פון ישראל, אויפן נאָמען פון אַן אַנדער פאָטער פון אונדזער שטאַם, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער, קיין מצריים. מיר קומען פון די לענדער, וואָס ליגן אויף יענער זייט מדבר, און מיר האָפן, אַז דער גייסט וואָס האָט זיך באַוויזן צו אונדזערע אָבות, וועט אונדז איין טאָג צוריקברענגען אַהין.

— און פון וואַנען האָט איר זיך גענומען דאָ, אין מצריים?

— אַ פאָטער פון איינעם פון אונדזערע שטאַמען איז אַמאָל געווען אַ מושל אין מצריים. נאָך אים זענען נאָכגעקומען די אַנדערע אָבות פון אונדזערע שטאַמען. מיר זענען געקומען ווי פרייע מענטשן. די אָבות פון אונדזערע שטאַמען האָבן דאָ געהאַט גרויסע גיטער און פיל רייכקייט. די מצרים האָבן זיך געשטאַרקט איבער זיי און זיי פאַרשקלאַפט.

משה האָט געקוקט אויף דעם יונגנמאַן, וואָס האָט גערעדט מיט אים. עס איז געווען זיין ברודער אהרן, אַ הויכער שיין געבויטער מענטש. אַ שוואַרצע, גלייך געשניטענע באָרד אין סירישן סטיל האָט אַרומגענומען זיין שיין אויסגע־לענגערט פּנים. די האָר פון קאָפּ זענען ביי אים אַראָפּגעהאָנגען אין געצירטע לאָקן ווי ביי איינעם פון פּרעהס הויפמענטשן; זיי זענען אפילו געווען געאיילט. זיין קלייד איז ניט דאָס קלייד פון אַ שקלאַף, — דער קורצער פאַרטעך, וואָס דעקט צו די שאַנד, — נאָר דער יונגערמאַן איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן לייוונטענעם קלייד, באַצירט אפילו מיט שוואַרצע און פּיאָלעטע פּאַסן, וואָס האָט צוגעדעקט זיין לייב פון דעם האַלדז ביז צו די סאַנדאַלן אויף זיינע פיס. און משה האָט מיט וואונדער אויסגעפונען, אַז זיין ברודער ענטפערט אים אָפּ אין קאָפּטיש, אין דעם לשון פון די געבילדעטע, פון די שרייבערס און די כהנים פון עגיפּטן, ניט אין איינעם פון די סעמיטישע דיאַלעקטן, וואָס די שקלאַפן ריידן אין זיי.

— ווי אַזוי קומט עס, וואָס איר זענט ניט מיט די שקלאַפן ביי דער אַרבעט?

— וואונדערט זיך משה. — צי צאָלט איר אָפּ אייער שקלאַפנצינז דורך אַן אַנדער אַרבעט?

— אונדזער שבט האָט די פּריווילעגיע פון קדמונים אָן צו זיין פריי פון שקלאַפן־אַרבעט, ווייל מיר געהערן צום שבט פון די פּריסטער און טראַדיציע־היטער פון אונדזערע שטאַמען, — ענטפערט אהרן.

— אָנערקענט פּרעה די פּריווילעגיע פון אייער שבט?

— די פּריווילעגיע פון אונדזער שבט שטייט פאַרשריבן אין די געזעצביכער פון מצריים און איז פאַרהייליקט דורך דער טראַדיציע פון די פּרעהס. מיר האָבן

די פריווילעגיע פון אונדזער שבט אויסגעקעמפט פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס פרעה האָט פאַרשקלאַפט אונדזערע שטאַמען. מיר זענען באַשטאַנען אויף אונדזער פריסטערלעכער פריווילעגיע און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טון שקלאַפן־אַרבעט.

— אויב פרעה אַנערקענט אייך פאַר דעם פריסטער־שבט פון צווישן די עברישע שבטים, מוז ער שוין ממילא אַנערקענען, אַז אַלע אייערע שבטים זענען ניט קיין שקלאַפן, וואָרעם שקלאַפן האָבן ניט קיין פריסטערס. נאָר פרייע מענטשן איז אין עגיפּטן דערלויבט צו דינען און צו בעטן צו די געטער. שקלאַפן איז דאָס פאַרווערט; שקלאַפן האָבן ניט קיין געטער.

— מיר ווייסן דערפון, — ענטפערט אהרן, — און דאָס איז אונדזער באַ־וויז, אַז די פאַרשקלאַפונג פון אונדזערע שבטים אין קיין מאָל ניט לעגאַליזירט געוואָרן דורך די עגיפּטישע געזעצן. מיר זענען ניט געקומען אין לאַנד אַריין ווי געפאַנגענע אין מלחמה, מיר זענען אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין ווי פרייע מענטשן, אויף פרעהס פאַרבעטונג. און דערפאַר זענען מיר אַזוי אייפעריק אויף יעדער פריווילעגיע פון אונדזער פריסטערשטאַם. מיר היטן אָפּ אונדזערע גע־בורטן. יעדער קינד, וואָס ווערט געבוירן ביי אונדז, ווערט פאַררעכנט צו דעם שבט פון זיינע עלטערן, און מיר ווייסן ווי צו האַלטן די משפחות אין ריינקייט.

— יעדער קינד? ווערן ביי אייך געבוירן קינדער, וואָס פרעהס שוטרים נעמען זיי ניט צו פון אייך? — פרעגט משה.

— דו האָסט געהערט, וואָס די פרוי האָט נאָכגעשריגן דעם שוטר? — האָט מרים אים געענטפערט. — איינס וועט איר פון אונדז אַוועקרויבן און צען וועלן מיר געווינען...

— מיר האָבן געהיימע ערטער און קאַנאַלן געגראָבן אין מדבר, וואו מיר באַהאַלטן אויס אונדזערע קינדער פון פרעהס אויפזעער. דאָרט ווערען זיי אויפ־געצויגן פון אונדזערע אַמען און הייבאַמען. דיין שוועסטער מרים איז איינע פון זיי, — זאָגט אהרן, — ביז די קינדער ווערן גענוג גרויס, אַז אונדזערע פירערס און עלטסטע זאָלן זיי קאָנען אַנטרויען די טראַדיציע און די געזעצן פון אונדזערע שטאַמען. דענסמאָל נעמען מיר זיי אַרויס און מישן זיי אויס מיט די מיטגלידערס פון משפחות, יעדערן אין זיין שבט פון וועלכן ער שטאַמט אָפּ. מיר שיקן זיי דורך אונדזערע אויפזעערס צו דער אַרבעט, אין איינעם מיט די אַנדערע מיטגלידערס פון די משפחות. טייל מאָל דערקענען זיי פרעהס אויפזעערס ביי דער אַרבעט, אַז זיי זענען ניי אויסגעוואַקסענע קינדער, וואָס זענען ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן ביי זייער געבוירן. דענסמאָל נעמען זיי אַזאַ יינגל און לאָזן אים איינמויערן אין די ווענט ווי ציגל. נאָר אָפט מאָל געלינגט אונדז אונטערצוקויפן די אויפזעערס און די שרייבערס, און זיי פאַרזעען דעם ניי־געקומענעם. אַזוי דערהאַלטן מיר אונדזער אָפּשטאַם.

— נאָך וואָס? צוליב וואָס פאַר אַ ציל? כּדי אָפּצולעבן אַ לעבן־לאַנג אין שקלאַפעריי?

— די צייט פון אונדזער באַפרייאונג וועט קומען. און דערפאַר האָבן מיר געשיקט דיך רופן, ברודער. דיין פאָטער און מוטער, ווי אַלע שבטים פון ישראל,

דערוואַרטן אַ צייכן פון גאָט, אַז די צייט פון אונדזער פאַרשקלאַפונג האָט זיך געענדיקט און אונדזער אויסלייזונג איז נאָענט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— אונדזערע זקנים, וואָס זענען די היטערס פון דער טראַדיציע, האָבן אויס־גערעכנט, אַז עס ענדיקן זיך באַלד די פיר הונדערט יאָר, וואָס דער גאָט פון אונדזערע אָבות האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז מיר וועלן זיין אין שקלאַפעריי, ווען ער האָט מיט אונדזער שטאַמפאָטער אברהם אַ ברית פון געטריישאַפט געשלאָסן.

— האָבן די געטער געשלאָסן אַ בונד פון געטריישאַפט מיט אונדזער שטאַמפאָטער אויך פאַר אונדז?

— ניט די געטער, — האָט אהרן פעסט אָפּגעענטפערט, — נאָר דער איינ־איינציקער לעבעדיקער גאָט, וואָס איז דאָ איבער דער וועלט.

— איינאיינציקער לעבעדיקער גאָט? אויך ביי אונדז, אין מצרים, האָט אַ פּרעה געוואָלט אויסבייטן אַלע געטער פאַר אַן איינאיינציקן גאָט. מען האָט אים דערפאַר אָראָפּגעזעצט פון זיין טראָן און געטייט. מצרים האָט ליב טויטע געטער, ניט קיין לעבעדיקע, — זאָגט משה.

— איך ווייס עס, — ענטפערט אָפּ אהרן. — דער גאָט פון אונדזערע אָבות איז ניט קיין אומבאַוואוסטער לעבעדיקער גאָט, ווי דער גאָט, וואָס פּרעה האָט געוואָלט איינפירן, נאָר אונדזער גאָט איז דער איינציקער לעבעדיקער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב.

— ווי איז זיין נאָמען? — פרעגט משה.

— נאָך וואָס ווילסטו וויסן זיין נאָמען? קיינער קאָן ניט פאַרכּישופן אונד־זער גאָט מיטן כּוח פון זיין נאָמען ווי איזיס האָט פאַרכּישופט דעם גאָט ראַ, — זאָגט אהרן.

— פון וואַנען ווייסטו פון דעם?

— די פּריסטער־ביכער פון מצרים זענען מיר ניט פרעמד, — האָט אהרן אָפּגעענטפערט.

— יאָ, איך האָב באַמערקט, אַז דו ווייסט די מנהגים פון די כּהנים פון מצרים, — זאָגט משה. — איך האָב ניט געפרעגט נאָך זיין נאָמען. איך פרעג, צי דער גאָט איז אַ באַוואוסטער גאָט.

— ער איז אונדז באַוואוסט דורך אונדזערע אָבות.

— און פון וואַנען ווייסט איר פון דעם?

— אונדזער טראַדיציע, די מנהגים פון אונדזערע עלטערן, אונדזער אמונה ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור די עלטסטע פון אונדזער פאָלק, און זיי, די עלטסטע, היטן אָפּ אונדזער אָפּשטאַם און אונדזער מסורה.

— ווער זענען זיי?

— דאָס זענען די זקני־ישראל, די לוויים, וואָס דו געהערסט אויך צו זיי. זיי ווערן אויסגעוויילט פון אונדזער שבט, זיי זיצן, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, אין היילן־געצעלטן, וואָס מיר האָבן געמאַכט פאַר זיי, זיי חזרן די מסורה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון די ערשטע דורות, און זיי האַלטן זי ריין און הייליק. איינער גיט עס איבער דעם אַנדערן, און זיי ווייסן פון אונדזער אָפּשטאַם.

זיי קאָנען דאָס לעבן פון אונדזערע עלטערן. זיי ווייסן פון דעם ברית וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אונדזער שטאַמפאָטער. אפשר ווייסן זיי אויך דעם נאָמען פון אונדזער גאָט, נאָר זיי האַלטן אים בסוד. וואָרעם פאַר אונדז איז דער נאָמען ניט אַרויסצורעדן.

— פיר מיך צו זיי, ברודער אהרן. איך וויל וויסן פון אַלצדינג, וואָס איך קאָן און מעג וויסן. פון מיין אָפּשטאַם, פון דעם לעבן פון די אָבות, פון אונדזער מסורה. איך וויל אַלץ לערנען.

— ווילסטו דען בלייבן מיט אונדז? — פרעגט אהרן.

— ווי איר, וויל איך אָפּוואַרטן די גאולה, וואָס אונדזער גאָט האָט צוגע־זאָגט אונדזער שטאַמפאָטער.

— און אויסבייטן פרעהס פּאַלאַץ אויף אונדזער אָרעמער היים אין קנעכט־שאַפט? — פרעגט די מוטער מיט פרייד.

— איז עס דען ניט מיין קנעכטשאַפט און מיין אָרעמקייט ווי אייערע? — זאָגט משה און מאַכט אַ טריט נעענטער צו דער מוטער.

ער האָט באַמערקט אירע הענט ווי זי האָט זיי געהאַלטן פאַרלייגט. ער האָט גענומען אירע הענט אין זיינע און זיי באַטראַכט. עס זענען געווען די הענט פון אַלע עברישע מאַמעס, וואָס מען האָט אַוועקגעריסן זייערע קינדער פון זיי, צו־זאַמענגעקנאָטן אין זיין מוטערס אויסגעקרימטע, פאַרוואָרצלטע פינגער, וואָס האָבן געשריגן צו גאָט פאַר וויטיק. ער האָט צוגעלייגט די הענט צו זיין מויל.

— די סכנה וועט פאַר דיר זיין גרויס, ווען דו וועסט פאַרבלייבן מיט אונדז.

— איז די סכנה ניט געווען גרויס, ווען דו האָסט מיך אויסגעבעט אין קעסטל און געלאָזט מיך שווימען איבער די וועלן פון נילוס? אָבער דער גאָט פון אונדזערע אָבות האָט מיך מציל געווען.

— איך דאַנק דיר, גאָט פון אונדזערע עלטערן, וואָס דו האָסט געהאַלטן אָנגעבונדן מיין זונס האַרץ צו דיר אין דער פרעמד, אין פרעהס הויז, — האָט דער אַלטער עמרם קוים אַרויסגעשטאַמלט די ווערטער און אויפגעהויבן די הענט צום הימל.

— ברודער משה, דו פאַרגעסט, אַז מיר זענען דאָ אין פאַרשקלאַפונג. ווי אַזוי וועסטו קאָנען זיין מיט אונדז נאָך פרעהס פּאַלאַץ? — האָט אהרן געפרעגט.

— איר זענט דאָ פרייער ווי איך אין פרעהס פּאַלאַץ, — האָט משה אָפּ־געענטפערט.

די משפחה איז שטיל געבליבן נאָך משהס ווערטער. זיי האָבן אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. זיי האָבן געפילט אין די ווערטער משהס געפאַנגענשאַפט אין פרעהס הויף.

—איז פרעהס טאָכטער ניט גוט צו דיר, מיין קינד? — פרעגט די מוטער פאַרזאָרגט.

— מיין מוטער בתיה איז מיר אַזוי טייער ווי דו, מיין מוטער יוכבד. האָט זי מיך ניט צוגענומען ווי אַ זון? און וויפל מאָל האָט זי מיך באַשירעמט פון שלעכטס און מיך מציל געווען פון טויט? — האָט משה אָפּגעענטפערט.

אהרן, דער עלטערער ברודער, אַזוי אויך מרים, זיין שוועסטער, האָבן זיך

פאַרוואונדערט איבער משהס רייד. די מוטער, ווי עס האָט איר ניט ווײ געטון איר זונס צוגעהעריקייט צו אַן אַנדער מוטער, האָט אָפּגעענטפערט:

— זי האָט דיך אַרויסגעצויגן פון וואַסער און דיר געגעבן דעם נאָמען משה, און זי האָט מיך, דיין מוטער, געלאָזט דיך זייגן, און זי האָט דיך צוגענומען ווי אַן אייגן קינד.

— און זי האָט מיך באַשיצט, ווי אַ לייבין באַשיצט אירע קינדער, פון די הענט פון בענקנעכאָס, דעם כהן־גדול, — האָט משה צוגעשטימט.

— מיט כבוד פאַר מיין ברודער משה, און אַז די רייד וועלן וואוילגעפעלן אין די אויערן פון מיין ברודער אהרן, וועל איך זאָגן, אַז עס איז ניט גוט, אַז מיין ברודער משה זאָל פאַרלאָזן אַזוי פלוצלינג פּרעהס הויז אַן דעם וויסן פון זיין מוטער, פּרעהס טאָכטער. זיינע טריט ווערן געהיט אין פּרעהס הויז, און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן אויסגעפינען, אַז דער פּרינץ פעלט, וועלן זיי אַרויסשיקן שוטרים און נוגשים נאָך אים — אים צו זוכן. און בענקנעכאָס האָט זיינע מרגלים דאָ ביי אונדז אין גושן. און אַז זיי וועלן אים קומען זוכן ביי אונדז, וועלן זיי אויס־געפינען די קינדער, וואָס מיר באַהאַלטן אויס אין די היילן פון מדבר, און זיי וועלן קומען און זיי וועלן טייטן די מוטערס מיט די קינדער. דורך דעם איז מיין עצה, אַז דער פּרינץ זאָל צוריקגיין אין פּרעהס הויז און זאָל פאַרטרויען אין די אויערן פון פּרעהס טאָכטער, אַז ער האָט געפונען זיין מוטער און ברודער און ער וויל זיין מיט זיי אַ געוויסע צייט. פּרעהס טאָכטער איז זייער גוט צו מיין ברודער משה, און זי וועט אים לאָזן טון וואָס זיין האַרץ גלוסט און אים באַ־שיצן פון די שונאים ווי ביז איצט, — האָט געזאָגט מרים, וואָס איז געווען די פּראַקטישסטע אין דער פאַמיליע.

משה האָט זיך געזעגנט מיט זיין פאָטער און מוטער, מיט זיין ברודער און שוועסטער, זיי געהאַלדזט, געקושט און געווינטשט אויף זייער האַלדז. און ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּיתום, וואו ער האָט געפונען זיין באַגלייטער און זיין היטער וואַרטן אויף אים מיט די פערד, ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט.

ווען משה איז צוגעקומען צו דעם זומפּיקן טאָל הינטער גושן, איז ער אַריינ־געריטן אין אַ מאַסע פליגל, וואָס האָבן געפלאַטערט דערשראָקן אַרום אים, צע־פלאַשעטע פליגל פון פייגל, וואָס דער גאַלאָפּ פון זיין פערד האָט אויפגערודערט פון זומפּ אַרויס. עס איז געווען פאַר נאַכט און די זון איז אונטערגעגאַנגען רויט, ווי אַ ברענענדיקער טייך, הינטער די איינצעלנע הויכע באַמבוביימער, וואָס זענען געשטאַנען ווי הויכע פּעכערס אויף אַן איינזאַמען קליינעם אינדזל. מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט ווי עפּעס שלאָגט אַן אין זיין ברוסט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביי דער ברוסט און אָנגערירט אַ צעשראָקענע טויב, וואָס איז געקומען צו פליען צו אים ווי זי וואָלט געזוכט שוץ ביי אים. משה האָט ניט געוואוסט, וואָס די טויב וויל. ער האָט זי, אין יעדן פאַל, אַריינגענומען הינטער זיין טוניקע און געטוליעט זי צו זיין נאַקעטער ברוסט. נאָר דאָ האָט ער דער־פילט אַ ברענענדיקן צופּ אין אָרעם. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ צעווילדעטן פאַלקפויגל מיט בייזע אויגן אַטאַקירן זיין אָרעם מיטן שאַרפן שנאָבל.

דאָס האָט דער פאָלק זיך געיאָגט נאָך דער טויב, און ער אַטאַקירט דעם מענטשן, וואָס באַשיצט זיין קרבן.

משה האָט געשמייכלט, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פאָלק, וואָס האָט אים אַטאַקירט, און גערעדט ווי צו זיך:

— פויגל, דאָ האָסטו מיין אָרעם, נאָר די טויב וועל איך דיר ניט אַרויסגעבן.

און ער האָט געוואָרעמט דעם ציטערדיקן קרבן אויף זיין פלאַטערדיקער ברוסט, וואָרעם די טויב איז ביי אים געוואָרן אַ צייכן.

# 3

„איך בין דער גאָט אַטום, איך בין, וואָס איז אַליין.

איך בין דער גאָט רא אין זיין ערשטן אויפקום".

פאַרטייטשט עס:

„דער גרויסער גאָט, וואָס האָט זיך אַליין געשאַפן, איז דאָס וואַסער. דאָס איז דער הימלשער ים, דער פאָטער פון די געטער".

פון קינדווייז אָן, זינט מען האָט אים אַריינגעבראַכט אין פרעהס הויף אַריין, נאָך דעם ווי די מוטער האָט אים אַנטוויינט, האָט משה געלערנט די שפּרוכן פון די פריסטערס, אַז די זון איז גאָט רא, וואָס האָט געמאַכט אַלץ, וואָס עס איז פאַראַן:

„פון זיינע אויגן איז די מענטשהייט געקומען, און די געטער פון זיין מויל".

מען האָט געהאַלטן אין איין איינקנעלן מיט אים, אַז רא איז דער גאָט פון דער זון, דער גאָט פון מצריים, און פרעה איז אין זיין פּערזענלעכקייט, „פלייש פון זיין פלייש". מען האָט אים געלערנט הערלעכע הימנען זינגען וועגן רא:

„דו ביסט ווייט, דיינע שטראַלן זענען אויף דר׳ערד.
גייסטו אונטער אין מערב־זייט,
ווערט די ערד פינצטער ווי דער טויט.
דו דערהאַלטסט דעם זון אין לייב פון דער מוטער,
דו באַרואיקסט אים, ער זאָל ניט וויינען,
דו ביסט די אָם אין מוטערס לייב".

יעדער פּסוק האָט געהאַט אַן אויסטייטשונג, וואָס דער תּלמיד האָט געמוזט לערנען נאָכצוזאָגן: „דער רא, וואָס האָט געשאַפן זיין אייגענעם נאָמען".

און דאָך האָט דער גאָט רא באַוואָרעמט מיט זיינע ליכטער און שטראַלן ניט נאָר די ביידע לענדער פון מצריים אַליין, נאָר אַלע לענדער. ער ציט אַרויס גרינסן פון דער ערד, מאַכט בליען די געוויקסן, ברענגט אַרויס די קנאָספּן פון דיביימער — ניט נאָר פון די לענדער ביים טייך נילוס, נאָר איבער דעם גאַנצן פּנים פון דער ערד. ער באַוואָרעמט מיט זיינע שטראַלן פריינד און פיינט. די

זון איז ניט אונטערגעגאַנגען, ווען פּרעה איז געשטאָרבן. זי איז ניט פינצטער געוואָרן פאַרן שונא, ווען פּרעה האָט מלחמה געהאַלטן מיט אַ פרעמד פאָלק. ווי אַזוי קאָן רא זיין דער באַשאַפער פון דער וועלט, אַז ער ווערט געצוואונגען, ווי די לבנה און די שטערן, אויפצוגיין און אונטערצוגיין צו זיין באַשטימטער צייט? ווי אַזוי קאָן רא זיין דער באַשאַפער פון דער וועלט, אַז ער איז אונטערגעוואָרפן אונטער דעם געזעץ, וואָס עס האָט ווער אויסגעשטעלט פאַר אים? איזיס קריגט מאַכט איבער אים ביים אויסנאַרן פון אים דעם נאָמען. אַחוץ רא, זענען פאַראַן נאָך אַנדערע געטער און געטינס, וואָס זיי זענען אייפערזיכטיק איינס אויפן אַנדערן, האַלטן מלחמה צווישן זיך, ווערן פאַרסמט.

און דאָך, מיט זייער גאַנצן פאַרהערלעכן די זון און די ליכטיקייט, האָבן די עגיפּטער געדינט דער נאַכט און דעם טויט. דער שוואַרצער שאָטן פון דעם גרויסן מעכטיקן גאָט אָזיריס, וואָס יעדער פּרעה, נאָך זיין אָפּלעבן, גייט אַריבער אין זיין רשות, איז געלעגן געדיכט איבער דער זון פון מצריים. יעדער פּרעה, ווי יעדער הויכער באַאַמטער, יעדער פּריסטער, — די אַנדערע זענען ניט געקומען אין באַטראַכט, — האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרגעברייט זיך פאַר זיין טויט, געהאַלטן אין איין פאַרברייטן זיין קבר, בויען זיין פּיראַמידע, אָדער אויסהאַקן זיין קבר אין אַ פעלדז, אַנגרייטן די טיכער, די בענדער, די בשמים, די אייַלן, די וויינען, דאָס ביר, די ברויטן, דאָס מעבל און די פור, וואָס ער וועט מיטנעמען מיט זיך אין קבר אַריין. צענדליקער טויזנטער שקלאַפן האָבן געהאַקט פעלדזן, געשלעפּט שטיינער, נאָך מער טויזנטער — געבויט, געהויבן די פּיראַמידעס. אינזשיניערן, אַרכיטעקטן, שרייבערס, סקולפּטאָרן, מאָלערס, טענצערס, געפעכט־מייסטערס, מוזיקערס, מייסטערס אין האַלץ — אַלע האָבן געאַרבעט, פאַרטיק געמאַכט די קברים, די מומיעטיכער, די כּלים, די פּראָדוקטן, וואָס דער געשטאָרבענער נעמט מיט אין קבר אַריין.

אָזיריס, קיניג פון דער אייביקייט, הערשער פון דער נידערוועלט, איז געווען אַזוי מעכטיק ווי רא. זיינע טעמפּלען האָבן פאַרנומען גאַנצע קוואַרטאַלן אין טעבעס, אין מעמפיס. צענדליקער טויזנטער שקלאַפן האָבן באַאַרבעט די פעלדער, וואָס האָבן געהערט צו די טעמפּלען, אַנדערע האָבן אָפּגעהיט די פּראָדוקטן אין די אַנצאָליקע קאַמערן און שפּייכלערס, וואָס זענען געווען אַרום די טעמפּלען. ער, דער גאָט אָזיריס, ווי רא־אַמאָן, האָט געהאַט ניט נאָר זיינע כּהנים, נאָר אויך זיינע זינגערינס, זיין האַרעם אַפילו, זיין ווייב — צווישן די לעבעדיקע.

משה, וואָס פּרעהס טאָכטער האָט אים געפונען שווימען אין אַ קעסטל אין טייך נילוס און אים אַדאָפּטירט פאַר אַ זון, האָט פון זיין פּריער יוגנט אָן פיינט געהאַט אי רא, דעם גאָט פון דער זון, אי אָזיריס, דעם גאָט פון נאַכט און טויט. אַלע אין פּרעהס הויף האָבן געוואוסט, אַז דאָס פאַרלאָזענע קינד, וואָס פּרעהס טאָכטער האָט געזאָגט, אַז זי האָט אים געפונען, ווי איזיס האָט געפונען איר זון האָרוס, אין די זומפּן פון דער דעלטאַ, איז פון די קינדער פון די עברישע שקלאַפן. אַט־די עברישע נאַטור זיינע האָט עס רעוואָלטירט קעגן די געטער פון מצריים פון זיין פּריסטער יוגנט אָן. זיין שנאה צו אָזיריס, צום גאָט פון טויט, וואָס די מוטער האָט אים, משהן, דווקא געוואָלט דערציען ווי זיינעם אַ פּריסטער, האָט

איבערגעשטיגן זיין שנאה צו די אַנדערע געטער. ער האָט געהאַסט דעם טויט, און זיין שנאה צו די געטער און, דער עיקר, צו יעדער קולט פון טויט, האָט איבערגעלאָזט אַן אייביקן שטריך אין זיין כאַראַקטער און געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן גאַנצן גאַנג פון זיין לעבן.

זיין מוטער, פּרעהס טאָכטער, איז ניט נאָר געווען אַ פּריסטערין פון גאָט אָזיריס, נאָר ווי די פּאַרקערפּערונג פון איזיס, האָט זי זיך געהאַלטן און איז געוואָרן אָנערקענט פאַרן ווייב פון גאָט און אויפזעערין פון זיין האַרעם. צום האַרעם האָבן געהערט פרויען פון די העכסטע באַאַמטע און פּריסטער־פרויען. זייער עובדה איז געווען צו שפּילן פאַרן גאָט אויף זייערע האַרפן, צו טאַנצן פאַר אים און העלפן דער געטין איזיס זוכן איר געליבטן און באַקלאָגן זיין טויט.

אָפט מאָל האָט בתיה אָפּגעריכט אַ פּריוואַטן ריטואַל פאַר דעם גאָט אָזיריס אין איר טעמפּל, וואָס זי האָט געהאַט אין איר פּאַלאַץ. זי האָט דענסמאָל געטראָגן, ווי די געטין איזיס, אַ הערנער־קרוין אויפן קאָפּ. זי האָט געוואַשן איר גאָט ווי מען וואַשט אַ קינד, געזאַלבט אים מיט אייל, באַקליידט אים מיט ווייסע קליידער און באַהאַנגען אים מיט צירונג.

ווען משה איז געווען יונג, פלעגט זי אים באַנוצן אין דעם צערעמאָניאַל פאַר דעם יונגן האָרוס. מען האָט אים אָנגעטון אַ קאָפּ־באַדעקנס פון אַ פויגל, און די פּרינצעסין האָט אים גענומען אויף די קני אין איר שויס אַריין און אים גע־טראָגן, ווי איזיס טראָגט האָרוסן אין איר שויס, און אים אָנגעזויגן פון איר ברוסט.

משה איז פאַרבליבן אַ פרעמדער אין פּרעהס הויף און פון זיין פריער יוגנט אָן געהאַט אַ ווידערווילן קעגן אָט־די ריטואַלן און זיין געצוואונגענעם טייל אין זיי אין דער ראָלע פון האָרוס. קעגן דעם שטרענגן פאַרזאָג פון זיינע דערציערס און אויפזעערס, האָט ער שוין דענסמאָל געזוכט צו באַגעגענען די עברישע שקלאַפן פון גושן, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז צווישן זיי האַלטן זיך אויף זיינע אמתע עלטערן. עס האָט אים געצויגן צו זיי, ווייל ער האָט געוואָלט קלאָר ווערן אין זיין אָפּשטאַם און צוגעהעריקייט. מיט אַזאַ האַלטונג האָט ער ניט נאָר אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ באַזונדער פּאָזיציע אין הויף, נאָר אויך געשטעלט זייער אָפּט זיין לעבן אין סכנה.

אין די יאָרן פון זיין דערציאונג איז דער וועג צו זיינע עלטערן געווען אין גאַנצן פאַרשטעלט פאַר אים. דאָס פרעמדע קינד, אַדאָפּטירט פון פּרעהס טאָכטער, איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ פּרינץ. רעמסס דער צווייטער האָט ניט געהאַט קיין גליק צו זין. צוועלף זין זענען אים געשטאָרבן, קוים איינער איז געבליבן צו פאַרנעמען זיין טראָן. ווען אפילו עס איז געווען אויסגעשלאָסן, אַז דער אַדאָפּטירטער זון זאָל גאָר האָבן וואָסער עס איז רעכט אָדער האָפענונג אויף פּרעהס קרוין, האָט דער עצם פאַקט אַליין, וואָס עס זענען געווען אין הויף ווינציק דירעקטע יורשים פון פּרעהס טראָן, געמאַכט די פּאָזיציע פון דעם פרעמדן פּרינץ, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ לייבלעכן זון, זייער וויכטיק. דער הויפּט־פּריסטער מיט דער גאַנצער פּריסטער־קליקע זענען געוואָרן זיינע ביטערע שונאים איבער דעם פרעמדן בלוט, וואָס ריגט אין זיינע אָדערן.

משהס פּאָזיציע אין הויף האָט אים ניט באַפרייט פון אַ שטרענג דיסציפּלי־

נירטער דערציאונג. ווי עס איז געווען דער מנהג אין פּרעהס הויף, האָבן אַדאָפּטירטע קינדער זיך דערצויגן צוזאַמען מיט לייבלעכע פּרינצן. ניט אין הויף, נאָר אין דער שטרענגער מיליטער־אַקאַדעמיע, וואו עס האָבן אויך געקראָגן זייער ערשטע דערציאונג די זין פון די אָנגעזעענע משפּחות, אַלץ איינס, צי זיי האָבן שפּעטער אויסגעקליבן פאַר זיך אַ מיליטערישע קאַריערע, אָדער זיי האָבן אָנגענומען שטעלן אין דער פּריסטער־היעראַרכיע.

די דערציאונג אין דער אַקאַדעמיע איז געווען זייער אַ שטרענגע. דער קאַדעט וואָס האָט געקראָגן דעם טיטול „קאַפּיטאַן פון שטאַל", האָט געמוזט אָנ־הייבן דעם טאָג זייער פרי און איז געהאַלטן געוואָרן אין דער שול ביז נאָך האַלבן טאָג. דער צווייטער האַלבער טאָג איז אויסגענוצט געוואָרן אויף ספּאָרט און אַטלעטישער מושטירונג. פאַר דעם קלענסטן אָפּנייג אין לערנען און אין דער איינגעשטעלטער דיסציפּלין איז דער סטודענט באַשטראָפט געוואָרן מיט שמיץ. די עגיפּטער האָבן געהאַט אַ וואָרט: „דאָס יינגל האָט די אויערן פון הינטן; דורך דעם קאָן ער נאָר הערן דורך דעם הינטן".

אין דער אַקאַדעמישער שול האָט דער יונגער פּרינץ געלערנט לייענען און שרייבן קאָפּטיש, אַזוי אויך די געהיימע שריפט פון די פּריסטערס; צו דער בילדערשריפט פון היעראָגליפן זענען צוגעלאָזט געוואָרן נאָר די תּלמידים, וואָס האָבן זיך געגרייט פאַר אַ פּריסטער־קאַריערע. מען האָט אויך געלערנט די פעלקלשריפט, מיט וועלכער די שרייבער האָבן זיך באַנוצט, און אויך די סעמיטישע שריפט פון די אַזיאַטישע פעלקער, די כּנענים, די חתּים און די סיריער, וואָס מען האָט אויסגעריכט קעגן זיי אָפטע מיליטערישע עקספּעדיציעס, זינט די צייטן פון רעמסס דעם ערשטן, דעם פאָטער פון דעם איצט־רעגירנדיקן פּרעה.

אין דעם לערנקורס איז אויך אַריינגעגאַנגען אַגריקולטור, געזעץ און רע־גירונג; אַסטראָנאָמיע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך איינגעשלאָסן שטערן־זעעריי, דאָס פאָראויסזאָגן דורך די שטערן די מזלות פון יחידים און פעלקער, כּישוף־אָפּשפּרעכענישן און כּישוף־רפואות דורך אָנרופן נעמען פון געטער און רוחות, דורך מישגעטראַנקען אָדער דורך צוזאַמענקנעטן פאַרשיידענע אַבסורדע עלעמענטן, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו עקלדיקייט; אַ בערך קליינע קענטשאַפט אין אַנאַטאָמיע, אַ היבשער גראַד פון געאָמעטריע, אינזשעניער־ און בוי־קונסט.

ווען דער פּרינץ איז דערגאַנגען אין זיין לערנען צו דער מדרגה פון „קאַ־פּיטאַן פון שטאַל", האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעל פון „גאָטס פאָטער" אין דעם גרויסן טעמפּל פון אַמאָן אין רעמסס, וואָס די מוטער האָט אויסגע־פּועלט פאַר אים. צו דער מוטערס פאַרדראָס און דער צופרידנקייט פון די פּריסטערס, האָט דער יונגער פּרינץ אויסגעקליבן פאַר זיך אַ מיליטערישע קאַריערע.

ער האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע עקספּעדיציעס, וואָס פּרעה האָט אַרויסגעשיקט קיין אַפריקע. ער האָט אַדורכגעשניטן דעם גאַנצן קאָנטינענט פון אַפריקע, וואו דאָס מיליטער האָט גענומען געפאַנגען הונדערטער טויזנטער שוואַרצע און ווייסע שקלאַפן צו באַאַרבעטן די פעלדער פון מצריים. ער האָט

דערגרייכט אַבעסיניע, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איינגעמען די הויפּט־שטאָט, מער דורך קלוגע סטראַטעגישע איינפאַלן ווי דורך פעלדקאַמף.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון די מיליטערישע עקספּעדיציעס, האָט ער באַקומען דעם טיטול „פּעכער־האַלטער", וואָס זיין פּלאַץ אין פּרעהס הויף האָט אים באַרעכטיקט דערצו. דער טיטול האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו געפינען זיך אין פּרעהס סוויטע ביי אַלע אויפנאַמעס, צו שטיין באַלד הינטער פּרעהס טראָן. דאָס האָט אים געגעבן פּרעסטיזש צווישן די גרויסע לייט און שוץ קעגן זיינע שונאים.

אָבער דער יונגער פּרינץ, אַטלעטיש געבויט, מיט אַ גבורה, וואָס קאָן ברעכן אייזן, שיין ווי אַ יונגער שטאַרקער פּאַלמענבוים, אָנגענעם אָנצוקוקן, מיט דער העכסטער פּראָטעקציע אין הויף ווי דער אַדאָפּטירטער זון פון דער באַליבטער פּרינצעסין, און פּעכער־האַלטער, האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער פון דער אָנגעזעענסטער פּריסטער־פאַמיליע, וואָס די מוטער האָט אים געשדכנט, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע כבודים, האָט אָפט מאָל פאַרפעלט בייצוזיין פּרעהס אויפנאַמעס און צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ גלייך הינטערן טראָן אין איינעם מיט אַלע גרויסע פון מצריים. ער האָט זיך ניט באַוויזן אין די טעמפּלען ביי גרויסע פייערונגען און קרבנות־ריטואַלן. ער האָט אפילו אויסגעמיטן אָנטייל צו נעמען אין די פּראָצעסיעס פון פּרימאַרגן צו באַגריסן די זון, וואָס איז געווען אַ הייליקע עבודה. דערפאַר אָבער האָט ער זיך פאַרנומען מיט זאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ טיפן חשד אויפן פּרינץ, אַז ער איז אַן אויפרודערער און אויפהעצער פון די נידעריקע עלעמענטן. דאָס האָט אויפגעוועקט אַ שנאה צו אים אין פּריסטערלעכע קרייזן, געשאַפן פאַרפערמדונג אין זיינע אייגענע היימישע קרייזן אַרום דער פּרינצעסין און געשטעלט זיין קאַריערע און אפילו זיין לעבן אין גרויס סכנה.

מחמת זיין אָנגעהערן זיך מיט די עברישע שקלאַפן־שבטים פון גושן, האָט ער אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם גאַנצן סאָציאַלן סיסטעם פון מצריים.

ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז זיינע אייגענע, די עברישע שקלאַפן, זענען ניט מער ווי אַ גאָר קליינער טייל פון דער קנעכטשאַפט אין מצריים, אין גאַנצן עטלעכע צענדליק טויזנטער, וואָס מען האָט זיי ניט געהאַלטן וויכטיק אין דער עקאָנאָמיע פון פּרעהס מצריים. אַזוי קליין איז געווען, אין דער אמתן, זייער טייל, אַז די שרייבערס און טעמפּל־כראָניקערס האָבן גאָר פון זיי ניט אָפּגעגעבן קיין ראַפּאָרטן; אויך זענען זיי ניט פאַרצייכנט געוואָרן אין די שטיין־דאָקומענטן פאַר די שפּעטערדיקע דורות, זיי זענען געווען אַ נאַטירלעכער עלעמענט פון ציגל־קנעטערס, וואָס מען האָט געהאַלטן אויף די בויפּלעצער אין דער נייער שפּייכלער־שטאָט פּיתום, וואָס פּרעה האָט געבויט אין גושן. אמת טאַקע, זיי האָבן געקינדלט אַ סך, אָבער פאַר דעם האָבן פּרעהס אויפזעערס געזאָרגט: זיי האָבן אויסגע־הרגעט די ערשט־געבוירענע זכרים. זיי האָבן זיך דאָך געקליגט אָפּצוראַטעווען ניט ווייניק קינדער דורך אויסבאַהאַלטן זיי פון פּרעהס אויפזעערס.

פּרעהס מיליטער האָט געבראַכט שקלאַפן פון נאָענטע און ווייטע לענדער פון יענער זייט מדבר, חתים און עמונים, כנענים און מואבים, אַראַבער פון סיריע

און פון אַלע לענדער אַרום דעם רויטן ים און פון דעם גאַנצן קאָנטינענט פון אַפריקע ביז אַבעסיניע, ווייסע און שוואַרצע. דאָס גאַנצע לייב פון מצריים איז באַדעקט געווען מיט איין צרעת פון שקלאַפן — ניט נאָר פון פרעמדלענדישע, געפאַנגענע פון דער מלחמה־שווערד, נאָר אַפילו פון געבוירענע עגיפּטער. אין גאַנץ מצריים זענען ניט געווען קיין פרייע מענטשן, אַחוץ פּרעהן, זיין רייכן הויף, די העכסטע פּריסטערס און די גרויסע פּאַרוואַלטערס. נאָר אַפילו זיי אַליין זענען אַזוי געווען איינגעפלאָכטן אין דעם טאָטאַליטאַרן סיסטעם פון לאַנד, אַז זיי זענען אַלע געווען שקלאַפן צו פּרעה מלך מצריים. קיין פּויער האָט ניט באַאַרבעט זיין ערד, קיין בויער האָט ניט געבויט זיין הויז, קיין פלאַנצער האָט ניט געפלאַנצט זיין גאָרטן, קיין פיטערער האָט ניט געפיטערט זיינע רינדער, קיין סטאָליער האָט ניט געמאַכט זיין טיש — פאַר זיך. אַל דאָס געשאַפענע האָט געהערט צו דעם, וואָס האָט ניט געשאַפן. דאָס גאַנצע גוטס פון מצריים, פון פּיצוכט, פון אַגראַר־פּראָדוקטן ביז צו דעם ווערק פון האַנטווערקער האָט געהערט דער מלוכה, אָדער פּרעהן, אָדער דעם טעמפּל. די פּראָדוצירערס האָבן געקראָגן אויסגעצאָלט זייער שכר אין פּראָדוקטן, וואָס זיי אַליין האָבן פּראָדוצירט, לויט דעם שטאַנד און ווערט פון זייער אַרבעט. דער חילוק צווישן דעם אינטעליגענטן אַרבעטער און דעם פּשוטן איז נאָר געווען אין דעם, וואָס דער אינטעליגענטער און ספּעציאַליזירטער אַרבעטער האָט געקראָגן בעסערע קעסט ווי דער געוויינטלעכער אַרבעטער. דער קינסטלער, דער בויער, דער סקולפּטאָר, דער מאָלער, דער אינזשעניער, דער שרייבער, דער פאַרוואַלטער, — קיינער האָט ניט געטון זיין אַרבעט אויס פרייען ווילן, נאָר איז אַנגעטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט דורך הונגער. דער שקלאַפן־אויפזעער אַליין האָט געשקלאַפט פאַר זיין האַר פּונקט אַזוי ווי דער שקלאַף, וואָס ער האָט אַנגעטריבן, אַזוי, אַז דאָס ווערטל איז אַרומגעגאַנגען: דעם שרייבער־אויפזעערס עובדה איז אַנצויאָגן דאָס אייזעלע, וואָס איז דער פּראָסטער אַרבעטער, אָבער ביידע זענען זיי פאַרשקלאַפט צו איין מולך־גאָט, צו דער מלוכה, וואָס איז פּרעה.

דער סיסטעם פון אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים איז געווען אַזוי פאַרהייליקט דורך דערציאונג און מנהג, אַז מען וואָלט עס באַטראַכט פאַר דעם שווערסטן מלוכה־פאַראַט, פאַר מאַיעסטעט־באַליידיקונג און געטער־לעסטערונג, ווען איינער, ווער עס זאָל ניט זיין, וואָלט זיך דערוועגט אויסצודריקן אויפן לייכטסטן אופן זיין פּראָטעסט קעגן דעם רעזשים, — ניט נאָר צווישן די מאַכטהאָלטערס, נאָר אַפילו צווישן דעם פּשוטן פאָלק. עס איז שוין געווען אַזאַ נאַטירלעכער שטייגער לעבן, אַז אַלע האָבן עס פאַר ליב גענומען. אין זיין מיזערנער נאָרע האָט דער שקלאַפישער ערדאַרבעטער געקרעכצט, אַז ער איז אַן אייזעלע, וואָס שלעפּט צו שווער און עסט צו גרינג. זיי האָבן אויסגעקלאָגט, די פאַרקנעכטע מאַסן, זייער ווייטיק אין רירנדיקע פאָלקס־לידער, וואָס זענען דורכגעווייקט געווען מיט טרערן און אַנגסטן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין גאָט אַפילו, וואָס זיי זאָלן קענען אויסגיסן פאַר אים זייער צער, קיין אמונה, וואָס זאָל זיי געבן האָפענונג אָדער מוט. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין געזעץ, וואָס זאָל זיי לערנען, וואָס מען מעג, אָדער וואָס עס איז פאַרבאָטן. דער מין מענטש איז דעגראַדירט געוואָרן צום מצב פון

אַ בהמה. און דאָס פֿאָלק האָט טאַקע געלעבט ווי בהמות. די ווייבער האָבן געהאַט געשלעכט־פֿאַרהעלטעניש מיט ציגנבעק, די מענער — מיט קליינפֿי; קינדער זענען געבוירן געוואָרן פֿאַרקריפּלטע, פֿאַרזעעניש. די קאַליקעס האָט מען געטויט, אָדער געוואָרפֿן צו די חיות; די געזונטע זענען באַשאַפֿן געוואָרן צו פּראַצע און שווייס.

דאָס איז געווען דער צושטאַנד פֿון מצרים, וואָס דער פֿרעמדער פּרינץ, משה, האָט דערזען, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי דורך אַ באַריר פֿון גאָטס האַנט, פֿון זיין מצרישער סביבה, אין וועלכער ער איז אויפֿגעצויגן און גרויס געוואָרן.

דער יונגער פּרינץ איז מיט אַ מאָל אויפֿגעוועקט געוואָרן, גלייך אַ שטורעמ־ווינט וואָלט אים אַנגענומען און אויפֿגעהויבן אין דער הייך, אַז ער זאָל זען דעם זומפּ פֿון זינד און פֿאַרברעך, אין וועלכן עגיפּטן פֿוילט. דער פּרינץ, וואָס איז אויפֿגעצויגן געוואָרן אין פּרעהס הויף, האָט דערשפּירט, דערפֿילט, דערזען אין זיין לייב און אין זיין נשמה די גרענעץ צווישן גערעכט און אומגערעכט, וואָס קיינער אין עגיפּטן האָט עס ניט געזען און ניט געפֿילט. עס איז געווען ווי דער פֿרעמדער וואָלט זיך אין משהן אויפֿגעוועקט, דער פֿרעמדער, וואָס קומט פֿון אַן אַנדער וועלט, וואו עס זענען פֿאַראַן מאָסן און וואָגן צו מעסטן און וועגן מענטש־לעכע מעשים. ער האָט דערפֿילט די עוולה, און די עוולה האָט געבריט אין אים ווי פֿייער. שטימען פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות זענען דערגאַנגען צו אים אויף ניט־דירעקטע וועגן, וואָס זיי האָבן געריעדט אין זיין בלוט; פֿון אָבות, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געהערט און ניט געוואוסט פֿון זייער עקסיסטענץ.

ווי דער שקלאַף אין פּרעהס הויף, ווי ער האָט זיך איצט געזען, האָט ער ניט געהאַט קיין גאָט צו וועמען צו בעטן, אויף וועמען צו האָפֿן. די געטער פֿון מצרים זענען קיין מאָל ניט געווען זיינע, ער האָט זיי געהאַסט מיט אַלע זיינע חושים, — געהאַסט זייערע טויטע, מומיע־אַרטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן אָנגעפֿילט אַלע טעמפּלען און אַלע פּאַלאַצן אין מצרים. מער פֿון אַלע — די געטער פֿון דער נידערוועלט, — אָזיריס, דעם האַר פֿון טויט, וואָס זיצט אויף זיין שטול מיט די עמבלעמען פֿון זיין ממשלה — דעם האָקן און דעם קאַנטשיק — אין זיין האַנט צו משפּטן די טויטע נשמות, וואָס מען ברענגט פֿאַר אים; האָרוס, זיין זון, דעם גאָט מיטן פֿויגלקאָפּ, וואָס אין זיין ראָלע וויל די מוטער אים, משהן, נאָכאַנאַנד איינשפּאַנען, דעם גאָט וואָס פֿירט אַריין דעם טויטן, שטעלט אים פֿאַר אָזיריסן, נעמט אַרויס דאָס האַרץ פֿון טויטן, וועגט עס אָפּ. דער פּסק־דין פֿאַרן טויטן איז — אָדער אין גן־עדן אַריין מיט אָזיריסן, אָדער מגולגל צו ווערן אין אַ שוואַרצן חזיר. משה האָט געהאַסט דעם טויט און דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג פֿון דער צווייטער וועלט, וואָס ברענגט אַזוי פֿיל צרות, טרערן און שווייס פֿון שקלאַפֿריי צו די לעבעדיקע.

ער האָט ניט באַהאַלטן זיינע געפֿילן.

אין פּרעהס הויף, נאָך דער פֿאַרשקלאַפֿונג און די געטער, האָט משה פֿיינט געהאַט די קיניגין נעפֿערטאַרי. רעמסס׳ ווייב איז אַ לאַנגע צייט קראַנק געווען. דורך דער גאַנצער צייט פֿון איר קראַנקהייט האָבן צענדליקער טויזנטער שקלאַפֿן געבויט איר מאַוזאָליי אין דעם „טאָל פֿון די מלכים״. אַנדערע טויזנטער שקלאַפֿן

האָבן געאַרבעט אויף דער דעקאָרירונג און אויסצירונג פון דעם דענקמאָל. די גרעסטע קינסטלער פון לאַנד האָבן דעקאָרירט דעם באַלקן און די ווענט.

דער באַלקן איז געווען געדעקט מיט לאַזור־שטיין. די גאַניסטע קינסטלערס האָבן אויסגעמאָלט סצענעס פון הויף־לעבן אויף די ווענט, שטיינקריצערס האָבן אויסגעהוילט פון דעם האַרטסטן שוואַרצן פעלדזנשטיין, געבראַכט מיט שקלאַפּישע הענט פון גאַנץ ווייט אין מדבר, איר אָרון און מייסטער־סקולפּטאָרן האָבן אויס־געהאַמערט איר פיגור פון אַ מומיע און די פיגורן פון געטער, כישוף־אָפּשפּרע־כערס; אייל־מישערס, לייוונט־שפּינערס, בשמים־אָפּקלייבערס האָבן פּאַרגעברייט די באַלזאַמירונג פון איר מומיע. נאָך אַנדערע טויזנטער שקלאַפן פון די מייסטער־בעלי־מלאכות, גאָלדשמידן, מייסטערס אין האָלץ, האָבן צוגעגרייט דאָס מעבל, די קאַסטנס, די טישן, און דאָס צירונג, וואָס די קיניגין וועט מיטנעמען אין קבר אַריין, אַחוץ די טויזנטער שקלאַפן אויפן לאַנד, וואָס האָבן פּאַרטיק געמאַכט די ברויטן, די קוכנס, די איילן, די פּרוכט, די געבדז און קאַטשקעס, וואָס וועלן אָנפילן איר קבר, אין איינעם מיט אירע באַליבטע הינט און קעץ.

ביי דער לויה האָט מען די טויטע קיניגין און אירע באַמאָלטע מומיעס אוועקגעשטעלט ווי לעבעדיקע פּאַר דעם אַריינגאַנג פון איר מאַוזאָליי, אונטער־געהאַלטן פון כהנים אין מאַסקעס פון די געטער. און עס איז פּאַר איר פּאַרביי־געגאַנגען די פּראָצעסיע פון שקלאַפן, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אין מאַוזאָליי די שטולן און טישן, געשניטענע אויס עלפאַנטביין, מיט לאַזור־שטיין און גאָלד באַזעצט, דעם פּאַוויליאָן, אין וועלכן די קיניגין וועט רוען, די בעטלעך און דאָס ווייסצייג, אירע שמיר־איילן, פּערפומען, איר צירונג און אירע העמדער. דערנאָך זענען געגאַנגען די שקלאַפן מיט די פּראָוויאַנטן. ווי פּאַר אַ גרויסן באַנקעט האָט מען געטראָגן לעבעדיקע עופות, געפלאָכטענע קערב מיט ברויטן און קוכנס, באַמאָלטע קרוגן מיט ווייַנען און איילן, בלומען־וואַזאָנעס, אַפילו אַן אָקס און ציגן, און אירע באַליבטע צוויי הינט.

צו דער באַגרעבעניש פון דער קיניגין האָבן די כהנים צוגעטראַכט אַ קונץ־שטיק: די מומיע־קיניגין האָט אויפגעעפנט איר מויל און האָט אַרויסגעגעבן אַ לאַנגן „אַ—אַ!” פון באַוואונדערונג. און ווען די פּריסטערין, פּאַרקליידט ווי די געטין איזיס, האָט צוגעטראָגן דעם צייכן פון אייביקן לעבן אין דער פאָרעם פון אַ שלייף צו דער נאָז פון דער מומיע, וואָס דאָס האָט באַטייט, אַז די געטין דער־קלערט די קיניגין גלייך מיט די געטער, האָט אַ פייערווערק־פלאַם, וואָס די כישוף־כהנים האָבן דענסמאָל געהאַט אויסגעפונען, אַרויסגעזעצט פון איזיס׳ שלייף און אויפגעפלאַמט אין אַ ראַקעטע אַרויף צום הימל, וואָס עס איז דערקלערט געוואָרן פּאַר אַ נס.

דער גאַנצער הויף ביי פּרעהן האָט אויפגעהעלט מיט דעם הערלעכן צייכן, אַז די קיניגין איז אַריינגענומען געוואָרן צווישן די געטער און געקרוינט געוואָרן פּאַר דער מוטער פון די געטער, ווי איזיס.

דענסמאָל האָט מען אויפגעכאַפּט אַ באַמערקונג, וואָס דער פּרעמדער, ווי מען האָט גערופן משהן צווישן די פּריסטער, האָט געזאָלט מאַכן. אַ שקלאַף, אַ שריי־בער אין פּרעהס הויז, האָט עס אויפגעכאַפּט און געבראַכט צו די אויערן פון די

פריסטערס. דער פרינץ האָט געזאָלט זאָגן צו זיינעם אַ באַגלייטער, אַז „אין מצריים אַרבעטן די לעבעדיקע פאַר די טויטע".

מען האָט אָנגעשטעלט שפּיאָנען און היטערס צו האַלטן אַן אויג אויף אים.

מען האָט אויסגעפונען, אַז דער פרעמדער קומט זייער אָפט צווישן די שקלאַפן, אינטערעסירט זיך מיט זייער גורל, רעדט מיט זיי, לאָזט באַרירן זיינע קליידער און האָט אַפילו אַליין אָנגערירט מיט די הענט שקלאַפן־לייבער. דאָס אַליין האָט אים שוין געמאַכט טמא און אים אויסגעשלאָסן פון אָנטייל צו נעמען אין רעליגיעזע ריטואַלן אין די טעמפלען, אָדער אַפילו נאָר דאָרט בייצווזיין.

מען איז אַפילו געוואויר געוואָרן, אַז ער האָט מיט די אייגענע הענט באַשטראָפט אַ שרייבער פון פרעהס הויף, ווייל דער שרייבער האָט געשלאָגן איינעם פון זיינע שקלאַפן. ווען אַפילו דער שרייבער אַליין איז געווען אַ שקלאַף, איז ער אָבער געווען פאַררעכנט פאַר דעם אָנטרייבער פון דעם שווער באַלאַדענעם אייזל און האָט דערפאַר רעכט געהאַט אים צו באַשטראָפן. די זינד איז באַשטאַנען, דער עיקר, אין דעם, וואָס משה, אַ האַר אין פרעהס הויז, באַשענקט מיט דער הויכער ווערדע צו טראָגן פרעהס פעכער, האָט ניט געטאָרט אָנרירן אַ שקלאַף מיט זיינע הענט. עס איז אים אויך פאַררעכנט געוואָרן די זינד פון זיין אַרונטער־לאָזן זיך אַליין צו באַשטראָפן אַ שקלאַף, ווייל אַ שקלאַף האָט געקאָנט באַשטראָפט ווערן נאָר פון אַ צווייטן שקלאַף, — דער האַר אַליין האָט נאָר באַדאַרפט באַפעלן.

די אַלע באַשולדיקונגען קעגן משהן זענען געקומען צום אויער פון דעם הויך־פריסטער בענקנעכאָס.

בענקנעכאָס, ערשטער כהן־גדול פון גרויסן גאָט אַמאָן־ראַ, איז געווען דער צווייטער מעכטיקער מענטש אין מצריים נאָך פרעהן. ער איז ניט נאָר געווען כהן־גדול פון אַמאָן, נאָר ער איז אויך געווען הויפּט־כהן פון אַלע געטער און האָט געהאַט צו זאָגן איבער אַלע טעמפלען און איבער אַלע פריסטערס.

ער איז דערגאַנגען צו דער הויכער שטעל מדרגהווייז. זיין ערשטע דערציאונג האָט ער באַקומען, ווי אַלע קינדער פון די אַריסטאָקראַטישע הערשער, אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע ווי אַ „קאַפּיטאַן פון שטאַל". דערנאָך האָט ער געהאַלטן די פאַרשיידענע פריסטער־ראַנגען, אָנגעהויבן פון דעם ערשטן ראַנג פון „גאָטס פאָטער", ווען ער האָט געלערנט די געהיימענישן פון דער פריסטער־קאַסטע, דערנאָך אין דעם ראַנג פון אַ „וועב", וואָס עס הייסט, פריסטער־אַקטיאָר, פריס־טער־פאַרלייענער, פריסטער פון רייניקונג, שמעקנדיק און פאַרזוכנדיק דאָס בלוט, וואָס מען האָט געבראַכט פאַר די געטער, אויך פריסטער־באַקליידער, וואָס זיין עובדה איז געווען צו באַקליידן דעם גאָט אַמאָן; דערנאָך צווייטער געהילף פון כהן־גדול, ביז ער האָט, לסוף, דערגרייכט די הויכע מדרגה פון פריסטער פון אַלע געטער.

זיין עשירות איז געווען ניט צו שאַצן. שוין דער טעמפּל פון אַמאָן אַליין האָט געהאַט פערציק טויזנט שקלאַפן, וואָס האָבן באַאַרבעט די פעלדער־פּאָסע־סיעס פון טעמפּל. זיינע אַגענטן האָבן אויפגעמאָנט מס פון פיל שטעט פון לאַנד און מחוץ דעם לאַנד, וואָס פרעה האָט דאָס אָוועקגעשענקט די טעמפלען. די מאַגאַזינען און שפּייכלערס, וואָס האָבן געהערט צו די טעמפלען, האָבן זיך

געבראַכן פון תבואות, פּראָדוצירטע סחורות, ווי לייוונטן, כּלים פון אַלעבאַסטער, בראַנדז, צירונג און אָן אַ שיעור קרוגן וויין, האָניק, ביר, אָנגעזאַמלט פון די טעמפּל־פּאַסעסיעס.

טויזנטער געבילדעטע שקלאַפן, פאַרוואַלטער, „שרייבער", אַרכיטעקטן, אינ־זשעניערן, מאָלערס, סקולפּטאָרן, בראָנדז־גיסערס און שטיין־קריצערס, האָבן געהערט צו די טעמפּלען. די פּריסטער־קאַסטע אין מצריים איז געווען אַ מלוכה אין אַ מלוכה, און איר הערשער איז געווען דער כּהן־גדול בענקנעכאַס.

דער כּהן־גדול איז געווען אַ מענטש פון מעכטיקן געביי, הויך און ברייט, ווי אַ גאָט אַן אַטלעט, ווי אויסגעהאַמערט פון שוואַרצן עגיפּטישן קיזל־שטיין. זיין גרויסער קאָפּ איז געווען געגאָלט, אַזוי אויך דאָס פּנים. קיין האָר האָט זיך ניט געטאָרט געפינען אויף זיין לייב, כּדי עס זאָל זיך, חלילה, ניט אַריינכאַפּן אין זיי אַ לויז אָדער אַן אַנדער ווערעמל, וואָס וואָלט אים טמא געמאַכט פאַר דער עבודה. זיינע גרויסע, ווייסע, קאַלטע אויגן זענען געווען אַריינגעזעצט אין זיין מעכטיקן נאַקעטן פּנים ווי אומנאַטירלעכע אויגן, וואָס זיצן אין אַ מומיע. דאָס איז נאָר געווען בשעת ער האָט אָפּגעריכט די עבודה פון טעמפּל. אין לעבן אָבער, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין הויף, האָט ער געטראָגן אַ געדיכטן, גע־קניפּטן שוואַרצן שייטל אויפן קאָפּ, געפלאָכטן ווי אַ העלם און אַראָפּגעהאָנגען אין לאַפּן איבער זיינע אויערן און קאַרק. איבער זיין מעכטיקער נאַקעטער ברוסט האָט ער געטראָגן אַ ברייטן קאָלנערבאַנד, אויסגעהאַמערט אין גאָלד, באַזעצט מיט לאַזור און אַנדערע פּרעכטיקע שטיינער, וואָס האָט באַדעקט די ברוסט ווי אַ שילד. אַ שערץ, געוועבט אויס דעם דינסטן לייוונט, האָט פאַרשטעלט דעם נידעריקן טייל קערפּער.

אָנגעטון אַזוי און מיט אַ שטאַב־שטעקן אין האַנט, וואָס איז געווען די עמבלעם פון זיין הויכן אַמט, האָט ער איין טאָג זיך באַוויזן אין פּרעהס הויף, האָט פאַרלאַנגט און באַקומען אַן אוידיענץ ביי פּרעהן.

ער האָט אָנגעקלאָגט פאַר פּרעהן דעם פרעמדן פּרינץ, וואָס לעסטערט די געטער, באַליידיקט די גייסטער, וואָס רוען ביי אָזיריס, פאַראומריייניקט זיך מיט די שקלאַפן און בונטעוועט זיי קעגן פּרעהן.

משה האָט געהאַט איין גוטן מלאך אין פּרעהס הויף. דאָס איז געווען די פּרינצעסין, וואָס האָט אים אַדאָפּטירט פאַר איר זון.

רעמסס דער צווייטער האָט געהאַט פיל טעכטער. די טעכטער פון זיינע קעפּס־ווייבער האָבן זיך דווקא יאָ געהאַלטן ביי אים. זיי האָבן געלעבט אין דעם האַרעם אין הויף. אויסגעלערנט צו שפּילן אויף האַרפן און טאַנצן, זענען זיי דערצויגן געוואָרן ווי פּרעהס פּרעמיע־טעכטער. ווען מען האָט באַדאַרפט געווינען אַ וויכטיקן כּהן, אָדער באַלוינען פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכער אויסצייכענונג אַ פירער פון חייל, אָדער שליסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט אַ שטאַרקן מאָנאַרך פון סיריע אָדער מעסאָפּאָטאַמיע, וואָס מען האָט ניט געקאָנט מנצח זיין אויפן פעלד, האָט מען אים געגעבן פּרעהס אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב און ער האָט געקראָגן דעם טיטל „פּרעהס איידעם".

די טעכטער זענען געזעסן אין דעם גרויסן זאַל פון האַרעם, טראָגנדיק אויף

די קעפּ פאַרגליווערטע קרוינען, און האָבן זיך געשמאָלצן פון דער וואַרעמקייט און געקילט דאָס לייב פון דער היץ.

זיי זענען אויסגעזעסן, פּרעהס טעכטער, אין זייערע דורכזיכטיקע באַטיסטענע העמדער און געלאָזט זיך באַדינען פון נאַקעטע יונגע מיידלעך־שקלאַפינס, וואָס האָבן אונטערגעטראָגן פרישע לאָטוס־בלומען צו זייערע נעזער צו שמעקן, און געוויילט זיך מיט די טענץ פון די נאַקעטע טענצערינס אונטערן צושפּיל פון האַרפן.

אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט זייער יוגנט אין דעם הארעם, אַן אָרנאַמענט פון פּרעהס הויף, ביז עס איז געקומען זייער צייט און זיי זענען אָפּגעגעבן געוואָרן ווי אַ געשאַנק צו פּרעהס פאַוואָריטן, ווי אַ באַלוינונג פאַר די גרויסע, אָדער ווי אַן אויסבייט פאַר שטעט און שלום־אָפּמאַכן.

אויך משהן איז אָנגעבאָטן געוואָרן איינע פון פּרעהס טעכטער, ווען ער איז געווען געהייכט אין פּרעהס הויף נאָך זיין צוריקקער פון דער מיליטערישער עקס־פּעדיציע אין אַבעסיניע. נאָר מיט זיין מוטערס הילף האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם שידוך.

בתיה, משהס מוטער, איז געווען די לעגיטימע פּרינצעסין, די טאָכטער פון דער געשטאָרבענער קיניגין. זי איז פון לאַנג געווען די הויפּט־פּריסטערין פון איזיס און האָט איבערגענומען איר מוטערס פּלאַץ ווי דאָס ווייב פון גאָט אָזיריס און הויפּט פון זיין האַרעם.

זי איז געווען אַ פרוי מיט שטאַרקע מיסטישע נייגונגען. זי האָט באמת געגלייבט, אַז זי פאַרזאָניפיצירט די געטין איזיס, די געטין האָט זיך באַזעצט אין איר, און מיט אָט דער איינרידעניש האָט זי געהאַלטן אין איין בענקן און קלאָגן, אין איין זוכן איר געליבטן מאַן אָזיריס און אים אַרויספאָדערן פון דער נידער־וועלט, און פּונקט ווי די געטין האָט געפונען האָרוסן, דעם זון פון איר געליבטן, אין דעם זומפּ, אַזוי האָט זי געפונען איר קינד, משה, אין דעם אויסגאָס פון נילוס, אין דעם זומפּ פון דער דעלטאָ. און דאָס, וואָס האָרוס איז געווען פאַר דער געטין, איז משה געווען פאַר איר. ניט נאָר איר געליבט קינד איז ער געווען, נאָר אויך די פאַרקערפּערונג פון איר געליבטסטן, פון איר מאַן אָזיריס.

האָרוס האָט באַפרידיקט דעם ליבעדאָרשט פון איזיס, איר ליבעדאָרשט סיי פון אַ מוטער, סיי פון אַ ווייב. די מיסטישע ליבע פון איזיס פאַר האָרוסן האָט פּרעהס טאָכטער איבערגעטראָגן אויף משהן. זי האָט אויף דעם קינד, וואָס איז געקומען צו איר אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן, איבערגעטראָגן אַלע אירע מוטער־לעכע און ווייבלעכע געפילן און עמאָציעס. נאָך קינדווייז, ווען די פרעמדע יידישע אַם, וואָס האָט אים געזויגן, פּלעגט אים ברענגען אין הויף אַריין, ווי עס איז איר אָנגעזאָגט געוואָרן, פּלעגט די פּרינצעסין אים נעמען אויף דער האַנט און טראָגן אים ווי איזיס האָט געטראָגן האָרוסן. זי האָט אים איר מיידלשע, אומפּרוכטבאַרע ברוסט געשטעקט אין מייללכל אַריין און איינגערעדט זיך, אַז זי קאָרמעט אים ווי איזיס קאָרמעט דעם גאָט האָרוס. שפּעטער איז זי שטאָלץ געווען אויף אים ניט ווייניקער ווי יעדער מוטער — און נאָך מער. זי האָט געפילט, אַז פעסטע בונדן פון ליבע פאַרקניפּן זי מיט דעם פרעמד געבוירענעם. זי האָט מיט געדולד און ליבשאַפט איבערגעטראָגן אַלע שוועריקייטן, אַלע אומ־

באַקוועמקייטן, אַפילו צרות, וואָס דער פרעמד אָפּשטאַמיקער האָט איר פאַר־שאַפט. וואָס מער זי האָט געליטן איבער אים, אַלץ ליבער און טייערער איז ער איר געוואָרן. זי האָט אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן קיין זאַך. זי האָט געגלייבט אין זיין חכמה, אין זיין מזל, אין זיין שטערן, האָט געגלייבט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן פאַר גרויסע אויפטועז, וואָס די געטער האַלטן באַשערט פאַר אים, און אַז זי איז אויסגעוויילט געוואָרן אים צו דערציען און צו באַשיצן, דאָס האָבן טאַקע די געטער איינגעפלאַסן אין איר ברוסט די ניט־פאַרשטענדלעכע מיסטישע ליבע, וואָס זי פילט צו דעם פרעמדן קינד. זי האָט ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט זיך קיין רעכענונג אָפּגעבן אין דעם, נאָר געפילט איין שטאַרקן דאַרשט פון אומבאַגרענעצטער ליבע מיט אירע אַלע טיפסטע און פאַרבאָרגנסטע עמאָ־ציעס, וואָס די געטער האָבן אָנגעצונדן אין איר ברוסט פאַר דעם פרעמדאַרטיקן יונגן מענטשן, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון איר.

משה האָט געהאַט פאַר זיין מוטער אַן ענלעך געפיל. אויך ביי אים האָט זיין געטריישאַפט, זיין ליבע צו דער פרעמדער מוטער ניט אָפּגעשטאַמט פון בלויזער דאַנקבאַרקייט. עס האָט אַרויסגעקוואָלן פון עפּעס טיפערס און וויכ־טיקערס. פון אַלע מענטשן אַרום, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט ווי אַ וואַלד מיט שונאים, איז זי געווען דער איינציקער פונקט, וואו ער קאָן זיך ראַטעווען, זיך אויסבאַהאַלטן און זיך אויסהיטן פון אַלע שטורעמס. ער, ווי זי, האָט אויך געגלייבט, אַז זיין אומבאַוואוסטער גורל האָט פריער באַשטימט, אַז זי זאָל ווערן זיין מוטער. דער אַלעבאַסטער־קאָלאָריט פון איר יונגן דין־געשניטענעם פּנים איז אים געווען אַזוי ליב און טייער און היימיש, אַז ער פלעגט בענקען נאָך איר מיט אַ קינדעריש־טיפער בענקשאַפט, ווען ער האָט זי פאַר אַ צייט ניט געקאָנט זען. יעדער מאָל, ווען ער איז געקומען פּנים־אל־פּנים מיט איר, האָט ער פאַרלוירן זיין מענערישע פעסטקייט. זיינע געדאַנקען וועגן פאַרלאָזן פרעהס הויף, וואָס ער פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט זיי, זענען אויפגעגאַנגען אין אַ קינדערשן געפיל פון ליבשאַפט פאַר זיין מוטער. אין איר בייזיין איז ער געוואָרן צוריק קינד. ער האָט זי ניט נאָר פאַרערט, ווויסנדיק פון די לייד, וואָס ער פאַרשאַפט איר מיט זיין אויפפירן זיך, פון די טענות און תרעומות, וואָס מען האָט צו איר, פון דער איזאָלירטקייט אַפילו פון דער הויכער געזעלשאַפט אַרום דעם הויף, וואָס זי ליידט דערפון צוליב דעם פרעמדן, וואָס זי באַשיצט, נאָר פאַרהערלעכט זי ווי עפּעס אַ מיסטישע און הייליקע געשטאַלט, וואָס איז געקומען צו אים פון אַ העכערער, ניט פאַרשטענדלעכער וועלט. אָפט מאָל פלעגט ער אין איר זען דעם שליח פון דעם גייסט פון זיינע אבי־אָבות, דעם גייסט פון דעם שבט, פון וועלכן ער קומט, וואָס האָט זי אויסגעקליבן צו ווערן זיין מוטער און זיין באַשיצערין. דעם יראת־הכבוד, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין אָפּשטאַם, האָט ער איבער־געטראָגן אויף איר, דער פרעמדער, וואָס ער האָט געזען אין איר אַ טייל פון זיין אייגענעם גורל.

ווען די פּרינצעסין האָט זיך דערוואוסט וועגן דער סכנה, וואָס לויערט אויף איר זון מחמת דער באַשולדיקונג, וואָס דער כהן־גדול האָט אַריינגעבראַכט אויף אים פאַר איר פאָטער, האָט זי זיך אָנגעטון, זיך פאַרשטעלט פאַר דער געטין

איזיס, געקומען פאַר איר פאָטער און אים פשוט געזאָגט, אַז משה איז איר קינד, האָרוס, און אַז זי וועט זיך פאַרסמען ביי די פיס פון גאָט אָזיריס, אויב מען וועט פון איר צונעמען די איינציקע טרייסט וואָס זי האָט, איר קינד, האָרוס־משה.

דאָס האָט משהן אָפּגעראַטעוועט פון זיכערן טויט. מען האָט אים אָבער דערווייטערט פון יעדער אַמטלעכער פונקציע אין פּרעהס הויף, איזאָלירט אים פון דער געזעלשאַפט. מען האָט צוגענומען פון אים אַלע טיטולן און פּריווי־לעגיעס, נאָר אויס איינזען מיט דער מוטער האָט מען געשטעלט איבער אים אַן אויסגעפּרואווטן היטער, אַ סריס פון טעמפּל, אַז ער זאָל היטן זיין יעדער שריט און טריט.

# 4

די פּרינצעסין, וואָס משה האָט גערופן מוטער, איז שוין דעמאָלט געווען אַ פרוי אַריבער די פופציקער, נאָר מיט דער הילף פון דער קאָסמעטישער קונסט, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן בסוד, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מיידל פון קוים צוואַנציק יאָר. איר גוף איז געווען דין, איינגעהילט, ווי אַ מומיע, אין אַ באַטיס־טענעם לייוונטקלייד. איר פּנים איז געווען שמאָליק און לאַנג, מיט אָוואַל־געשניטענע פלוימען־אויגן. דער קאָליר פון איר הויט איז געווען אַזוי דורכ־זיכטיק, טונקל געל, גליין עס וואָלט אויסגעפורעמט געווען אויס אַלעבאַסטער. די דאָקטוירים האָבן זיך גענומען פיל מי צו דערהאַלטן אין דער פּרינצעסינס פּנים דעם בתולהדיקן אָנבליק, וואָס זי האָט געמוזט דערהאַלטן מחמת איר מקריב זיין איר לעבן פאַר די געטער. די גראָד־ליניעדיקע נאָז, דאָס איינ־געפאַלענע מויל און דער דינער האַלדז האָבן איר טאָקע געגעבן דעם אויסזען פון אַ מיידל אַ קינד.

ווען משה האָט זיך געמאָלדן דורך איר סעקרעטאַר־שרייבער, אַז ער וויל האָבן אַן אוידיענץ מיט דער מוטער־פּרינצעסין, איז זי נאָר וואָס געווען געקומען פון דער עבודה, וואָס זי, ווי די פּריסטערין פאַרן גאָט אָזיריס, האָט געהאַט אָפּגעריכט יעדן פרימאָרגן אין דעם פּריוואַטן קליינעם טעמפּל, וואָס זי האָט געהאַט לעבן אירע געמאַכן.

זי האָט נאָר וואָס געהאַט אויסגעטון די קרוין פון דער לבנה מיט די הערנער־שפּיצן, וואָס זי האָט געטראָגן ווי די געטין איזיס. זי איז געווען פול מיט עקסטאַז, מאַגנעטיש ווי אַן אָנגעצונדענער בורשטין־שטיין פון די עמאַציעס, וואָס זי האָט אַדורכגעלעבט בשעת זי האָט דעם גאָט געזאַלבט, אָנגעטון אין ווייסן, געגעבן אים צו שמעקן לאָטוס־בלומען און געזונגען פאַר אים הימנען. איר געמיט איז געווען באַוועגט פון דעם הייליקן מאָמענט פון קומען אין

באַרירונג מיט דעם האָר פון דער נידערוועלט, איר געליבטן און געטלעכן מאַן. די עמאָציעס האָט מען אָנגעזען אויף איר פּנים. אירע בלאָ־שוואַרצע אויגן האָבן געגליט און געבלישטשעט מיט דעם פלאַם פון עקסטאַז. זי האָט זיך געפילט גערייניקט און געהויבן, ווי זי האָט זיך געפילט יעדער מאָל נאָך דער עבודה, וואָס זי האָט אָפּגעריכט פאַר דעם גאָט.

זי האָט משהן אויפגענומען אין איר קליינעם אינטימען בודואַר, וואָס זי האָט געהאַט נאָך אירע באָד־ און זאַלב־קאַמערן, וואו זי האָט ליב געהאַט צו רוען און מכין זיין זיך פאַר דער עבודה.

נאָך די לוקסוסדיקע געמאַכן און באַנקעט־זאַלן מיט די פיל לאָטוס־קאָלאָנאַדעס איז דער פּרינצעסינס בודואַר געווען אַ באַשיידענע קאַמער אָן זיילן, מיט גלאַטע הויכע ווענט. נאָר דער באַלקן איז געווען באַמאָלט מיט אָרנאַמענטן פון רויט, געל און פיאָלעט. אַ ליג־שטול, געשניצט אויס האָלץ און באַזעצט מיט עלפאַנטביין און לאַזור־שטיין. פאַר אים איז געשטאַנען אַ קאַסטן־אַרטיקער טיש, באַפאַרבט און אויסגעזעצט מיט עלפאַנטביין און שניצערייען ווי דאָס ליג־בעטל. אויף דעם בעטל איז האַלב געלעגן און האַלב געזעסן די פּרינצעסין.

אויף אירע שווערע, מיט גאָלדקייטן געפלאָכטענע שייטל־לאָקן איז געזעסן אַ דיאַדעמע־רינג, מיט אַ פויגל־קאָפּ אויפן שטערן. אויף איר הויכן דינעם האַלדז האָט די פּרינצעסין געטראָגן אַ האַלדזבאַנד. איר קלייד אויס באַטיסטענעם לייוונט, געפאַלדעוועט, האָט זי פאַרדעקט ביז צו די פיס, וואָס האָבן גערוט אויף אַ פוס־בענקל. אַ נאַקעט שקלאַפן־מיידל האָט געהאַלטן אַ לאָטוס־בלום אונטער דער פּרינצעסינס נאָז.

ווען משה האָט זי באַגריסט מיט אַ טיפן פאַרנייג פון קאָפּ, האָט זי אַוועקגעשיקט דאָס שקלאַפן־מיידל. זי האָט פאַרבעטן משהן צו זעצן זיך לעבן איר, זי האָט אַריינגענומען זיין האַנט אין אירער און אים געפרעגט מיט אַ צערטלעכער שטימע:

— עס איז מיר זיס דער אָנבליק פון דיין פּנים, מיין זון, ווי עס איז זיס האָרוס' אָנבליק אין די אויגן פון דער מוטער איזיס. וואָס האָסטו מיר צו זאָגן, וואָס די געטער האָבן איינגערוימט אין דיין אויער?

— דיין קנעכט בין איך, וואָס דו האָסט מיך דערהויבן צום ראַנג פון דיין זון. די שטערן פון דער נאַכט האָבן געזען די צערטלעכקייט פון דער מוטער צום זון, און זיי זענען עדות דערויף. דאָס גיט מיר מוט צו ברענגען מיינע רייד פאַר דיר. איך בין אויסגעגאַנגען צו מיינע ברידער און האָב געזען זיי אין זייער שווערער אַרבעט. איך האָב געפונען מיין פאָטער און מוטער צווישן זיי.

די פּרינצעסין האָט זיך פאַרטראַכט אין טרויער. איר הויט אונטער דער קאָסמעטיקע איז בלייך געוואָרן. איר נידעריקע ברוסט האָט זיך געהויבן אין ציטער. זי האָט זיך אָבער באַלד באַרויקט און אים אָפּגעענטפערט:

— איך האָב געוואוסט, אַז איין טאָג וועסטו געפינען דיינע עלטערן צווישן די שקלאַפן אין גושן. איך האָב דיך קיינמאָל ניט געהאַלטן אָפּגעשיידט פון זיי. דיין אייגענער מוטער האָב איך דיך איבערגעגעבן צו זויגן, ווען איך האָב דיך געפונען אין דעם נילוס ווי איזיס האָט געפונען איר קינד.

— איך ווייס עס, מוטער, דו האָסט געשענקט דיין חסד דיין זון פון דעם ערשטן טאָג, וואָס דו האָסט אים געפונען. די געטער האָבן דיך באַשטימט אויף אָפּצוהיטן מיינע טריט פון שלעכטס. ווי קאָן איך דיר דאַנקען פאַר אַלע חסדים, גרויסע מוטער? — האָט משה זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געבויגן זיך פאַר איר.

— און וואָס ווילסטו טון, מיין זון?

— איך וויל גיין צו מיינע ברידער און זיין צווישן זיי, מוטער.

— נאָך אַ שקלאַף צו די שקלאַפן פון מצריים? — פרעגט זי באַזאָרגט.

— מיינע ברידער זענען ניט קיין שקלאַפן, מוטער. צווישן זיי געפינט זיך דער גייסט פון זייער גאָט. זיי היטן זיינע געזעצן, געדענקען די נעמען און די מעשים פון זייערע אָבות און פירן זיך לויט די מידות און די מסורות פון די אָבות, וואָס ווערען איבערגעגעבן פון דור צו דור.

— אָבער קנעכט זיינען זיי אין מצריים.

— זיי לעבן מיט דער האָפענונג אויף דער באַפרייאונג, וואָס זייער גאָט האָט זיי צוגעזאָגט. די, וואָס לעבן אין דערוואַרטונג פון באַפרייאונג, זענען ניט קיין קנעכט, מוטער. און איך וויל זיין מיט זיי אין דער האָפענונג און אין דער דערוואַרטונג פון אויסלייז.

— איז דיר ניט גענוג צו זיין דער זון פון פרעהס טאָכטער, וואָס דו זוכסט אַן אַנדער אויסלייז? ווילסטו דען אויסבייטן דאָס געגעבענע אויף דעם, וואָס דאַרף ערשט קומען?

— דאָס געגעבענע איז מיר פרעמד. דו האָסט זיך געמיט מיט דיין גאַנצער ליבע מיך צוצופּאַסן פאַר דער ראָלע, וואָס דו האָסט באַשטימט פאַר מיר פון דעם ערשטן טאָג אָן. די ראָלע פּאַסט מיר ניט. דאָס קלייד, מיט וועלכן דו האָסט מיך באַקליידט, איז צעריסן געוואָרן אויף מיר. דער גייסט פון מיינע עלטערן האָט מיך געהאַלטן פאַרפרעמדט אין דעם הויז, וואָס דו האָסט געבויט פאַר מיר. איך בין ניט ווערט דעם חסד, וואָס דו האָסט מיר געשענקט, מוטער. אַ פרעמדער בין איך אויף דיין ברוסט אויפגעוואַקסן. איך ליג ווי אַ בוים, וואָס איז אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען פון דער ערד. צו דיינע געטער, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, געהער איך ניט, און מיינע אייגענע געטער קען איך ניט. איך וויל גיין צו מיינע ברידער, איך וועל לערנען צו קענען דעם גייסט פון זייער גאָט. איך וויל ווישן, ווער עס זענען מיינע שטאַמפאָטערס געווען. איך וויל זיך איינפלאַנצן אין דער ערד, וואָס געהערט צו מיין נאַטור און מיין מין. אפשר וועל איך מנוחה און אָנהאַלט געפינען צווישן מיינע ברידער.

די פּרינצעסין האָט ווידער לאַנג געשוויגן אין נאָכקלערן, בעת זי האָט אירע שוואַרצע אויגן ניט אַראָפּגענומען פון משהס פּנים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט מיטלייד און צערטלעכקייט. די ספּאַזמישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געשפּילט איבער איר הויכן לאַנגן האַלדז, האָבן עדות געזאָגט אויף דער טיפער געריריטקייט, וואָס משהס ווערטער האָבן געבראַכט אין איר. זי האָט געצערטלט זיין האַנט אין אירער, און לסוף האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס ניט, מיין זון, צי דו וועסט געפינען אָנהאַלט און מנוחה צווישן דיינע ברידער, צו לאַנג האָסטו פרעמדע לופט געאָטעמט. מיין האַרץ

ציטערט אין מיר, מיינע געדערעם ברומען אין מיר איבער דיין ליידן. די געטער האָבן אַדורכגעפּלאָכטן די אָדערן פון אונדזערע הערצער צוזאַמען און דיין יעדער צער גייט אַדורך דורך דעם בלוט פון מיין האַרץ. איך ווייס, אַז דו פילסט זיך שלעכט אין פּרעהס רייכע פּאַלאַצן. וועסטו אָבער זיך פילן גוט אין די שקלאַפן־געצעלטן פון דיינע ברידער? איך ווייס, אַז אונדזערע געטער זענען דיר פרעמד. צי דען אָבער וועלן דיינע אייגענע דיר היימישער ווערן? דו ביסט אַ פלאַנץ, וואָס איז צו לאַנג געזעסן אין פרעמדער ערד, אין אַ פרעמדן קלימאַט. צי דען אָבער וועסטו געדייען און אויפגיין, ווען דו וועסט איבערגעפלאַנצט ווערן אין דיין אייגענער ערד? די אָדערן פון דיינע וואָרצלען זענען געוואוינט צו אַן אַנדער נערונג; זיי וועלן איינשרימפּן און פאַרשטיינערט ווערן אין דער האַרטער ערד פון שקלאַפן־לאַנד. — דו קאָנסט לעבן אַ פרעמדער צווישן פרעמדע. דו וועסט ניט קאָנען לעבן אַ פרעמדער צווישן אייגענע.

משה האָט זיך פאַרקלערט. זיין שיין מענעריש פּנים איז פאַרטונקלט געוואָרן, זיין הויכער גערונדיקטער שטערן האָט זיך פאַרקנייטשט און זיינע גרויסע פינקלדיקע אויגן זענען באַטריבט געוואָרן.

— איך ווייס, מוטער, אַז די סכנה איז גרויס. און דאָך קאָן איך זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם שריט, וואָס איך וויל טון. אַ גרויסן דאָרשט פון ליבע האָט דער גייסט פון מיין שטאַם אויפגעעפנט אין מיין ברוסט צו מיינע ברידער. איך לייד מער מיט זייער נויט, ווען איך בין ניט מיט זיי ווי ווען איך בין יאָ מיט זיי. ביי נאַכט אויף מיין געלעגער שריי איך אויס פאַר ווייטיק, ווען איך דערמאָן זיך אין זייער פאַרקנעכטונג. ווי אַ לייב פרעסט דאָס רחמנות און די ליבע צו מיינע ברידער אין מיר. איך האָב שטענדיק פאַר מיינע אויגן זייערע אַנגסטן־באַגאָסענע לייבער, וואָס פאַלן אונטער דער שווערקייט פון זייער משא. יעדער שמיץ אויף דעם לייב פון מיין ברודער בריט מיך מיט ברען פון שאַנד און שמאַך. עס איז ווי דער גאָט פון מיינע עלטערן וואָלט זיך אויסגעקליבן מיין האַרץ צו ווערן דער שוואָם, וואָס זאָל אַריינזייגן זייער צער און פּיין. מיין לייב איז צו שוואַך אויסצוהאַלטן די וואָג פון ווייטיק. און אפשר — ווען איך וועל זיין צווישן זיי, איינער פון זיי, ווען איך וועל טרינקען מיט די אויגן דעם פּיין פון זייער עבודת־פּרך, וועל איך לעבן מיט זייער האָפענונג און וואַרטן מיט זיי צוזאַמען אויף דער ישועה, — אפשר וועט מיר דעמאָלט גרינגער זיין צו פאַרטראָגן דעם ווייטיק, ווי ווען איך פאַרבלייב איינער אַליין, אין דרויסן פון זיי.

די פּרינצעסין האָט אויסגעשטרעקט איר קליינע האַנט צו משהס אויגן, האָט אויסגעשעפּט זיינע טרערן, האָט צוגעלייגט איר האַנט צום מויל — און זי האָט געטרונקען זיינע טרערן.

משה האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס טוסטו, מוטער?

— דיינע טרערן זענען די קוואַלן פון ליבע, וואָס די געטער האָבן מיט זיי באַפּרוכפּערט מיין לייב. ווען איך האָב דיך געפונען אַ שווימענדיקן אין דעם קעסטל אויף די אינדן פון דעם נילוס־טייך, האָבן פון דיינע אויגן אַרויסגעקוואָלן די קוואַלן פון טרערן, וואָס איך האָב היינט געזען, מיין זון. און דענסמאָל

האָט מיר די געטין געהייסן טרינקען די טרערן, וואָס צינדן אָן דעם דאָרשט פון ליבע צו דיר, מיין זון. מיין גורל איז געבונדן צו דיינעם, און וואו דו וועסט זיין, וועל איך זיין מיט דיר. גיי צו דיינע ברידער און לערן ביי זיי צו קענען דעם פרעמדן, מעכטיקן גייסט, וואָס פירט אָן מיט דיין גורל. איך פיל און איך ווייס, אַז אַ גייסט, וואָס קומט פון פרעמדע הימלשע ספערן, וואָס אונדזערע געטער האָבן ניט קיין רשות איבער זיי, פירט אָן מיט דיין באַשערטקייט. ער קערעוועט דיינע טריט, ווי אַ שיפער זיין שיפל, און ער פורעמט דיך ווי אַ טעפּער זיין ליים צו ווערן אַ כּלי אין זיין האַנט. ער האָט געוואַכט איבער דיר פון דעם ערשטן טאָג פון דיין געבוירן. ער האָט דיך פון פיל סכּנות מציל געווען. ער האָט דיך אַרויסגענומען פון צווישן די ציין פון לייב, וואו דו האָסט זיך פיל מאָל געפונען. ער האָט זיך געראַנגלט מיט אונדזערע גייסטער און איז זיי בייגעקומען. איך ווייס ניט, ווער דער גייסט איז, און ער איז אויך ניט מיינער. איך געהער צו אַנדערע רשותן און אַנדערע ספערן. נאָר איך נייג מיין קאָפּ אין ערפאָרכט פאַר זיין מעכטיקייט. איך ווייס, אַז איך אַליין בין אַ כּלי אין זיין האַנט אויף אויסצופירן זיין שליחות. וואָרעם אַלץ, וואָס איך האָב געטון און טו, איז דורך זיין געבאָט און דורך זיין ווילן, — און זיין ווילן ווער איך אונטערטעניק. גיי, מיין זון, אין דעם וועג, וואָס דער גייסט פון דיינע עלטערן האָט באַשטימט פאַר דיר. ער וועט דיך שיצן פון יעדער סכּנה, וואָס לויערט אויף דיין וועג, ווי ער האָט עס געטון ביז איצט. ער וועט דיך שיצן פון די הענט פון אונדזערע געטער קעגן אונדזער ווילן, ווי ער האָט דיך געשיצט פון די הענט פון אונדזער כּהן־גדול, און ווען דער גייסט באַפעלט מיר צו זיין אַ געהילף צו זיין שליחות, בין איך גרייט אויסצופירן זיין ווילן קעגן אונדזערע געטער, ווייל אַזוי מוז איך, אַזוי הייסט ער מיר און אַזוי צווינגט ער מיך דורך דעם פייער פון ליבע און געטריישאַפט, וואָס ער האָט אָנגעצונדן אין מיין האַרץ מיט די טרערן, וואָס איך האָב געטרונקען פון דיינע אויגן.

משה האָט אָנגעקוקט די פּרינצעסין. ער האָט זי ניט דערקענט. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט איצט אויסגעזען העכער, איר פּנים האָט זיך געלויכטן מיט דעם ליכט פון אַ הייליק פייער. זי איז ניט מער געווען די פּריסטערין פון אַ פרעמדן גאָט פאַר משהן; זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ נביאה פון אַ גאָט, וואָס איז אים באַקאַנט און נאָענט, ווייל ער איז זיינער.

די פּרינצעסין האָט געפּאַטשט מיט די הענט. אין דער הויכער טיר פון דעם בודואַר האָט זיך באַוויזן אַ יונג, שטאַרק נעגער־מיידל, מיט רינגען אין די אויערן און רינגען אויף אירע לאַנגע הענט. זי איז געווען פון אויסערגעוויינטלעכן וואוקס, מיט אַ מעכטיקער ברוסט, איינגעפּרעסט אין אַן ענגן רויטן באַנד. איר שאַנד איז געווען פאַרדעקט מיט אַ פאַרטעכקלייד, דער בויך מיט דעם נאָפּל אויסגעבלויזט. זי איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד ביים איבערטרעטן די שוועל פון דעם בודואַר.

— פיהאַ, נעם דעם פּרינץ, טו אים אָן אין שקלאַפן־קליידער, פיר אים אַרויס דורך דער געהיימער טיר פון דעם טעמפּל פון איזיס, ברענג אים צו די פעלדער פון די ציגל־קנעטער אין דער שקלאַפן־שטאָט גושן. דו ביסט ערב פאַר זיין

לעבן און גאַנצקייט. דו וועסט זיין מיט אים אַזוי לאַנג ווי ער באַדאַרף דיך, דו וועסט טון, וואָס דו באַדאַרפסט טון, און דו וועסט ניט טון, וואָס דו באַדאַרפסט ניט טון.

— ווי דיינע רייד, גרויסע מוטער! — האָט די נעגערין געברומט.

— גיי, מיין זון, וואוהין דער גייסט פון דיין שטאָם הייסט דיר גיין, — האָט די פרינצעסין געזאָגט.

— מוטער! — האָט משה געבויגן טיף דעם קאָפּ פאַר איר.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט צום לעצטן מאָל אַריינגענומען איר זונס קאָפּ צווישן אירע לאַנגע, דינע אָרעמס.

— מוטער, מיין גייסט וועט אויך זיין דיינער.

— ווען דו וועסט אים געפינען, קום און דערצייל מיר וועגן אים.

— יאָ, מוטער.

# 5

ווי אַ דאָרשטיקע הינד, וואָס נאָך פיל זוכענישן און מאַטערנישן דערגרייכט זי, לסוף, אַ פרישן קוואַל, קוקט זיך ניט אום אויף די ריסן, וואָס די שטאָכערס און די דערנער האָבן איינגעשניטן אין איר פעל אויפן וועג צום קוואַל, אַבי נאָר צו טרינקען וואָס גיכער פון לעבעדיקן וואַסער, אַזוי האָט זיך משה גאַנץ ווייניק געמאַכט אויס די קליינע אַמביציעס, מיט וועלכע די זייטיקע האָבן זיך אַרומגעטראָגן, און ער האָט געצילט נאָר צו איין זאַך, — צו דערקענען וואָס מער און גרינטלעכער זיין אייגן פאָלק.

די מסורה פון די שבטים האָבן די זקני־ישראל אָפּגעהיט און איבערגעגעבן פון דור צו דור. זיי, די זקני־ישראל, זענען באַשטאַנען ניט בלויז פון אַלטע לייט; צווישן זיי זיינען געווען אויך יונגע מענטשן. מען האָט אויסגעזוכט צווישן די שבטים יונגע לייט, באַשאָנקענע פון גאָט מיט חכמה און פאַרשטענדלעכקייט און מען האָט זיי אויסבאַהאַלטן אין דער הייל וואו די זקני־ישראל זענען געזעסן, ווייל מען האָט געוואָלט, אַז די מסורה זאָל זיך אויפהאַלטן אין געדעכעניש פון פרישע, יונגע מוחות פאַר די קומענדיקע דורות. אָבער די וויכטיקסטע פון די זקני־ישראל זענען געווען אַלטע לייט.

איינער פון זיי איז געווען אַ בלינדער. דאָס איז געווען דער זקן עזיאל, וואָס אַלע האָבן אַרויפגעקוקט צו אים און פון זיין מויל פאַרנומען די תולדות פון די אבות. דער בלייכער, הויך געוואַקסענער זקן מיט זיין שיטערער, גראָער באָרד איז געזעסן אויף דער ערד. ער האָט געקוקט מיט זיינע שטאַרע, פאַרגלייזטע אויגן ערגעץ וואו אין די מרחקים, גלייך ער וואָלט געזען עפּעס אַזוינס,

וואָס קיינער זעט עס ניט, און האָט פון דאָרט אַרויסגעשעפּט זיינע ידיעות וועגן דעם בראשית פון די שבטים פון ישראל. די אַנדערע זענען געזעסן אַרום: עמרם, יצהר, חברון, אַ פּאָר פון די יונגע, פון יצהרס קינדער, און זיי האָבן פאַרנומען די רייד, וואָס ער האָט גערעדט צו זיי, און זיי האָבן דאָס איבערגעחזרט פאַר זיך.

מען האָט געזאָגט אויף דעם זקן עזיאל, אַז ער איז אַזוי אַלט, אַז ער געדענקט נאָך דעם דור נאָך יוספן, ווען די עברים זענען נאָך געווען פרייע איינוואוינער פון גושן. אָבער דאָס איז געווען איבערגעכאַפּט. ער אַליין, כאָטש קיין מאָל ניט אין פאַרשקלאַפונג, איז געבוירן געוואָרן ווען די שבטים זענען שוין געווען פאַרשקלאַפט. על־כל־פּנים, האָט מען אים געהאַלטן פאַרן עלטסטן פון די זקנים, וואָס אים איז איבערגעגעבן געוואָרן די מסורה, אַזוי ווי זי איז איבערגעגענטפערט געוואָרן פון דור צו דור ביז צו די אָבות פון די שבטים.

מען האָט דעם זקן געהאַלטן אין גרויס כּבוד און גרויס אָנזען. ווען משה האָט אים געזען, איז ער שוין געווען שוואַך פון עלטער. ער האָט ניט געקאָנט מער באַוועגן זיך. מען האָט אים געהאַלטן איינגעבעט אין פעלכלעך פון ווייסע שאָף און געקאָרמעט אים מיט מילך, ווי מען קאָרמעט אַ קינד. דאָך איז זיין זכרון געווען אַזוי פריש, אַז ווען ער האָט איבערגעגעבן די מסורה, האָט ער זי איבערגעגעבן מיט אַזאַ לעבעדיקייט, ווי ער אַליין וואָלט געווען דערביי און געזען עס מיט זיינע אייגענע אויגן, איידער זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן ביי אים; און פאַרשלאָסן האָבן זיי זיך, כּדי ער זאָל ניט פאַרלירן קיין איין צייכן, קיין איין אות פון די געשעענישן.

צום זקן עזיאל האָבן די אַנדערע זיך געווענדט נאָך באַשייד, ווען עפּעס איז געווען ביי זיי אין ספק ניט נאָר בנוגע אַ געשעעניש, נאָר אויך וועגן אַ מנהג וואָס איז געווען בירושה פון די אָבות, וועגן אַ נאָמען אָדער וועגן אַן אויסדרוק פון איינעם פון די אָבות. וואָרעם ניט נאָר די געשעענישן, און די אַנטפּלעקונגען, און די מנהגים זענען געווען וויכטיק, נאָר אויך דאָס לשון און די ווערטער, אין וועלכע זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון די פריערדיקע דורות: מען האָט גרויס וואָג געלייגט אויף דעם, אַז די ווערטער און דאָס לשון, אין וועלכע די תולדות ווערן איבערגעגעבן, זאָלן ביי איטלעכן פון די זקנים אַרויסקומען גלייך. דער אַלטער האָט קיין מאָל קיין וואָרט ניט מוסיף געווען צו דער מסורה, קיין מאָל קיין וואָרט ניט געמינערט פון איר, ווי אָפט ער זאָל זי ניט האָבן איבערגעחזרט.

און ביי עזיאלס פיס איז משה געזעסן און האָט זיך איינגעהערט און איינגעחזרט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט וועגן דעם לעבן פון די אָבות ביז צום ערשטן אָנהייב. און די ווערטער פון דעם זקן זענען געבליבן איינגעקריצט אין זיין האַרצן ווי מיט אַן אייזערנעם שטילעט.

משה איז געוואויר געוואָרן, אַז אַ גייסט, וואָס זיי האַלטן אים פאַר דעם גאָט פון זייערע אָבות און וואָס באַהאַלט זיך אונטער אַ ניט־אויסגערעדטן נאָמען, האָט באַשאַפן הימל און ערד; אַריינגעבראַכט סדר אין דעם תּהו־ובהו; באַזעצט דעם הימל מיט זון, לבנה און שטערן; באַפעלקערט די ערד מיט אַלערליי חיות

און עופות; אַנגעפילט די ימים און וואַסערן מיט פיש און ווערעם. און געטון האָט ער דאָס ניט צו שפילן זיך אָדער צוליב קאַפּריז, נאָר מיט אַ כוונה. און די כוונה איז געווען גוטסקייט, וואָס איז גערעכטיקייט. וואָרעם דער גייסט האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ חילוק צווישן גוטס און שלעכטס, גערעכטיקייט און זינדיקייט שוין פון דעם ערשטן טאָג פון זיין באַשאַף; און ער וועגט און מעסט אַלע זיינע באַשעפענישן, זייערע טואונגען, זייערע מעשים, צו זען צי זיי זענען גוט אָדער שלעכט, גערעכט אָדער אומגערעכט. ער האָט געבראַכט דעם מבול אויף דער ערד (ער, משה, האָט געוואוסט דערפון פון די בבלשע שריפטן, וואָס ער האָט זיי געלערנט אין דער מיליטער־שול), אויך ניט צו שפּילן זיך אָדער מחמת אַ קאַפּריז, נאָר ווייל זיין באַשאַף, מענטש און בהמה, האָט פאַרפעלט אין דער כוונה פון דעם באַשאַף, אין דער כוונה פון גוטס און רעכטס. און ער האָט אויסגעוויילט יחידים פון אַלע מינים און זיי מציל געווען פון מבול, כדי אָנצוהויבן פון זיי אַ נייעם אָנהייב.

דער גייסט האָט פון ערשטן אָנהייב גענומען אונטער זיין השגחה די וועלט און זיין באַשאַף. ער האָט זיי ניט געלאָזט אויף הפקר, ווען אַפילו ער איז געווען נאָך אומבאַוואוסט פאַר די מענטשן אויף דער ערד. ער האָט געוואַכט איבער זיי. די, וואָס האָבן דערפילט זיין דערוואַרטונג, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן מיט גערעכטיקייט, האָט ער באַגנעדיקט; די אַנדערע, וואָס האָבן פאַרפעלט צו דער־פילן זיין דערוואַרטונג און געטון אומגערעכטיקייט, האָט ער געשטראָפט און פאַרטיליקט. ביז עס האָט אים אויסגעפונען דער ערשטער, דער פאָטער פון זיין פאָלק, אברהם, וואָס מען האָט אים גערופן עברי, מחמת ער איז געקומען פון יענער זייט טייך און איז געווען אַ פרעמדער דאָ, אויף דעם אָרט.

דער פאָטער פון זייער שטאַם איז געווען דער ערשטער פון אַלע מענטשן, וואָס האָט אויסגעפונען, אַז עס איז דאָ איין־איינציקער גייסט, דער באַשאַפער פון אַלצדינג אין הימל און אויף דער ערד. דער גייסט האָט זיך באַוויזן צו אים און געשלאָסן אַ בונד מיט זיינע נאָכקומער אויף אַלע דורות. דער גייסט ווערט זייער גאָט, דער איין־איינציקער גאָט פאַר דעם פאָלק, וואָס וועט אַרויסקומען פון אַברהמען. דאָס וועט זיין אַן אויסדערוויילט פאָלק און עס וועט נעמען אויף זיך אויסצופירן די געזעצן און די מנהגים, וואָס דער גאָט וועט באַשטימען פאַר אים, כדי עס זאָל ווערן אַ מוסטער פון גערעכטיקייט און ערלעכקייט פאַר אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

דאָס פאָלק, וואָס וועט זיין אַזוי פיל ווי די שטערן אין הימל און ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג ים, וועט ערשט באַדאַרפן אַרויסקומען פון אברהמען, וואָס איז נאָך אַן קינדער. דער איין־איינציקער גאָט באַשטימט פאַרן פאָלק אַ לאַנד אויף דער ערד, וואָס ער האָט באַשאַפן, און צייכנט אָן די גרענעצן פאַרן לאַנד. אין דעם לאַנד וועט דאָס פאָלק קומען, צו לעבן דאָרט אין גערעכטיקייט און ערלעכקייט, און מיט דעם וועלן זיי טון דינען צו אים. און פון דענסמאָל אָן וועט דער גאָט האַלטן דעם גורל פונעם פאָלק אין זיין האַנט.

דערקענט און אָנגענומען דעם איינציקן גייסט פאַר זיין גאָט, וואַרפט זיך אברהם אונטער דעם רצון פונעם גייסט און פרעגט ניט אָפּ קיין שום זאַך. ער

וויל ניט וויסן פון קיין טעם, פון קיין תכלית. ער גלייבט אין אים, גלייבט, אַז אַלצדינג וואָס גאָט טוט, באַדאַרף אַזוי זיין און איז צום גוטן. ער פּרוּווט אַפילו ניט אָפּפרעגן, ווען גאָט זאָגט אים, אַז זיינע, אַברהמס, קינדער וועלן זיין אין דער פרעמד, אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט, און וועלן ווערן געפּייניקט פיר הונדערט יאָר, איידער זיי וועלן ווערן אַ פאָלק.

און אַברהם, דער פאָטער פון שטאַם, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דעם אומבאַקאַנטן גאָט, איז גרייט אויפן באַפעל פון דעם גייסט צו ברענגען פאַר אַ קרבן אויף דער עקידה דעם גאַנצן שכר, וואָס צוליב דעם האָט ער דעם בונד געשלאָסן. ניט אָפּצופרעגן דעם באַפעל, ניט צו וויסן דעם טעם דערפון, פירט ער אָן שום תרעומות זיין זון יצחק, וואָס די הבטחה פון דעם גייסט איז איינ־געקנאָטן אין אים, צו פאַרברענען אים אויף דער עקידה. אַברהם האָט מיט טויזנט מיילער זיך איינגעזויגן אין דער אומבאַוואוסטקייט, און פון דאָרט האָט ער אַרויסגעפּישופט דאָס איינציק באַוואוסטע, דעם גייסט פון אייביקן זיין. און ער האָט זיך אים איבערגעגעבן אָן יעדן תנאי. ניט פאַר דער צוקונפט, ניט פאַר זיינע נאָכקומערס האָט אַברהם זיך פאַרבונדן מיטן גייסט, נאָר פאַר זיין אייגענער יחידות מיטן גייסט. אַברהם גייט אויף אין גייסט, ווייל מיט אים און אין אים איז דאָס אייביקע לעבן אָן יעדער פאָרעם און אינהאַלט. אָבער דער גייסט, וואָס האָט באַשאַפן דאָס זיין אין פאָרעם און אינהאַלט, וויל אויפהאַלטן דעם אייביקן בונד מיט אַברהמען ניט דורך צוזאַמענגיסן זיך אין איין יחידות מיט אים דורך טויט, נאָר דורך לעבן, דורך פאָרעם און אינהאַלט. ער נעמט ניט אָן דעם קרבן דורכן טויט פון זיין זון, נאָר ער פאַרלאַנגט פון אים אַ קרבן דורך דעם לעבן פון זיין זון, ווי פון אַלע זין און טעכטער, וואָס וועלן אַרויסקומען פון אים. דער שטייגער פון זייער אויפפירן זיך, די הייליקייט פון זייער לעבן — דאָס זאָל זיין דער קרבן.

און מיט אַ מאָל האָט משה דערזען דעם גאַנצן חילוק צווישן דעם גייסט פון אַברהם און די געטער פון מצרים. ניין, דער גייסט וואָס האָט זיך באַוויזן צו אַברהמען, איז ניט קיין גייסט פון טויט. ער איז ניט קיין אָזיריס, דער גאָט פון אייביקער נאַכט, וואָס פרעה באַהעפט זיך מיט אים אין זיין טויט; ער איז ניט ראַ, וואָס פרעה באַהעפט זיך מיט אים דורך דעם אויפגיין פון דער זון. ער איז דער גאָט פון אייביקן זיין, פון באַשאַף, פון ווערן, פון לעבן, פון אַלץ וואָס איז דאָ. און איין גרויסער דאָ איז אין אים, אין אַלע וועלטן. וואָרעם אַלע וועלטן, אַלץ, וואָס איז דאָ: זון, שטערן, נאַכט, דאָס באַוואוסטע און אומבאַוואוסטע, — איז אַ טייל פון זיין באַשאַף. אין אים איז פאַרקניפּט דער, פאַר וועמען דער באַשאַף איז געוואָרן באַשטימט — דער מענטש. און דורך דעם בונד, וואָס אַברהם האָט געשלאָסן מיט דעם גייסט, זענען אַלע זיינע אָפּשטאַמיקע פאַר־בונדן צווישן זיך, כּדי צו דינען דעם גייסט ניט דורך זייער טויט, נאָר דורך זייערע מעשים אין לעבן.

יעדער איינער פון זיינע שקלאַפן־ברידער, וואָס ער זעט זיי טאָג־טעגלעך דרעפּטשען אין די בלאָטעס און אויסקנעטן מיט באָרוועסע פיס ציגל פאַר פרעהן, איז אַ טייל פון אַברהמס גרויסער דערקענונג. זיינע ברידער זענען דער בונד

מיט דעם גייסט, אין פאַרעם און אינהאַלט. אין זיי לעבט די הבטחה פון גייסט, און מיט דער הבטחה איז איינגעקנאָטן אין זייער בלוט און מאַרך די האָפענונג פון דעם עתיד, פון דעם גאַנצן ישׁ, ווייל זיי זענען דאָס לעבן.

ניין, ניט קיין שקלאַפן פון פּרעה זענען די קינדער פון יוסף, ווי די מצרים האָבן גערופן די פאַרשקלאַפטע עברים, וואָס די שקלאַפן האָבן דאָס, אגב, גערן געהאַט צו הערן, ווייל דאָס צורעכענען זיי צו דער גזע פון דעם רעטער פון מצרים איז געווען די איינציקע זכיה, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי די מצרים. אונטער דער שקלאַפן־שטריק און דעם געשמיסענעם גוף האָט פּולסירט דאָס בלוט פון אברהם, וואָס האָט דער ערשטער אויפגעדעקט דעם אייביקן גייסט פון ז י י ן. יעדערער פון זיי איז געווען געבונדן אויף יצחקס עקידה און איז גרייט געווען צו ברענגען זיין עתיד אַ קרבן פאַרן גייסט. יעדערער פון זיי איז אַן אָפּשטאַמיקער פון דעם ערשטן מענטשן, וואָס איז געגאַנגען אין די וועגן פון דעם גייסט. און מעגן זייערע לייבער טראָגן אויף זיך די שמיץ פון דער שקלאַפן־רוט, לעבט דאָך אין זיי דער ברית, די הבטחה און די האָפענונג פון דעם מענטשן איז גאָט.

אָבער משה איז קודם־כל געווען אַ מענטש פון מעשים. ער האָט געהאַט אַן אָפן אויג פאַר אַלץ, וואָס איז אַרום אים. ער האָט זיך באַלד באַקענט מיט דער נייער סביבה. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם גאַנצן איינשטעל פון דעם שקלאַפן־סיסטעם, וואָס האָט געהאַלטן זיינע ברידער ווי געשמידטע אין שווערע קייטן. עס איז געווען אַ סיסטעם מיט אַ פעסטן קאָדעקס, וואָס האָט באַוואָרנט קעגן יעדער ענדערונג, און צו זיין ווייטיק און שאַנד האָט ער באַלד אויסגעפונען, אַז אַ טייל פון זיינע אייגענע ברידער, און אַפילו זיין אייגענער שבט — זענען ניט ווינציק שולדיק אין דער פאַרשקלאַפונג פון די אַנדערע שבטים. זיי אַלע האָבן געהאַט אַ חלק אין דער פאַרקנעכטונג פון די שבטים דורך זייער דינען פּרעהן, ווי פאַרוואַלטערס און אַפילו אויפזעערס אין דעם שקלאַפן־רעזשים. זיי האָבן פאַרהאַנדלט מיט די עגיפּטישע באַאַמטע וועגן דער צאָל יידישע שקלאַפן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט צושטעלן, זיי האָבן באַשטימט פון צווישן זיך אויפזעערס איבער דער אַרבעט. זיי האָבן געטראָגן די אחריות פאַרן צושטעל פון פּראָוויאַנט פאַר די שקלאַפן־אַרבעטער און האָבן דאָס אויפגעמאַנט, ווי קאָנטריבוציע פון די יידן, וועלכע האָבן דערפאַר באַקומען דאָס רעכט צו באַאַרבעטן זייערע אייגענע נחלות.

ניט אַלע בני־ישראל זענען געווען פאַרשקלאַפט ביי דער פּראָדוקציע פון ציגל אין מצריים. משה איז באַלד געוואויר געוואָרן, אַז די ציגל־אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך גערעכנט צווישן דער קאַטעגאָריע שוואַרצאַרבעטער, האָבן אויסגעמאַכט נאָר אַ טייל פון דער פאַרשקלאַפונג. די בני־ישראל האָבן פאַר־נומען אַן אָרט אין אַלע געביטן פון קוואַליפיצירטע פאַכן און קונסט־מלאכות אין מצריים. די מצרים זענען ניט געווען פון די מענטשן, וואָס זאָלן צוליב דעם לוקסוס פון שנאה לאָזן טאַלאַנטפולע הענט און מוחות גיין לאיבוד. זיי האָבן אויסגענוצט די יונגע שקלאַפן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן שעפערישע פעאיקייטן,

האָבן זיי אַוועקגעגעבן אויף דער לערע און אויסגעבילדט פון זיי קאַדרען פאַכמענישע האַנטווערקער און מייסטער בעלי־מלאכות.

האַרט ביי די ליים־פעלדער, וואו די שוואַרצאַרבעטער האָבן געקנאַטן ליים פאַר ציגל, האָט משה אַנגעטראָפן אַנצאָליקע ווערקשטאַטן פון שטיינהאַקערס, — אָפענע ביידלעך, אויפגעשטעלט אויפן הייסן זאַמד, מיט ראָגאָזשעס פון פאַלמען־בלעטער פאַר אַ שירעם קעגן דער שרפהדיקער היץ. שורות, שורות נאַקעטע רוקנס האָבן זיך געבויגן איבער שטיין־בלאָקן, און גענייטע שקלאַפן־הענט, אַנגעטריבן פון שוטרים און נוגשים, האָבן מיט קופּערנע דורכקלאַפּערס און הילצערנע האַמערס אויסגעהאַקט די רויע בלאָקן אין מויער־שטיינער פון באַשטימטע פאַרעמס, מאָסן און ליניעס. אַנדערע שורות געבויגענע רוקנס און פאַרשוויצטע לייבער האָבן זיך באַוועגט אונטער דעם ריטמישן טאַקט, וואָס אויפזועערס האָבן אויסגעקלאַפּט פאַר זיי, — און הענט, הענט האָבן געשאַרט אין איין באַוועגונג, אַהין און צוריק, שלייפשטיינער איבער די בלאָקן, וואָס זענען געקומען צו זיי פון די שטיינהאַקערס, און אויסגעשליפן און אויסגעגלעט די פלאַכן ביז צו אַ פאָלירטן גלאַנץ פון מירמלשטיין. ווייטער האָבן שורות שטיין־שניידער און שטיין־קריצער, אונטער דער דירעקציע פון מייסטער־קינסטלער, אויסגעקלאַפּט, אויסגעשניטן און ציזעלירט אין שטיין פיגורן פון געטער און מענטשן.

זייערע אַלעמענס לייבער, זייערע רוקנס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף סכנות פון שמיץ ניט ווינציקער ווי די פאַרשוויצטע לייבער פון די קייטן־שקלאַפן, וואָס האָבן, איינגעשפּאַנט ווי לאַסט־חיות, געשלעפּט פעלדזן־שטיינער פון די שטיין־האַקערייען צו די געווערקשטעלן. די שוטרים־אַנטרייבער זענען ניט אָפּגעטראָטן פון זיי, שטענדיק גרייט צו לאָזן אין גאַנג זייערע קאַנטשיקעס און שפּיצרוטן.

קיינער איז נישט געשוינט געוואָרן. אַלץ, וואָס האָט געלעבט, האָט געמוזט אַוועקגעבן זיין לעצטן אָטעם אין פרעהס דינסט. פון געבוירן אָן האָט דאָס קינד, אויב מען האָט עס נאָר געלאָזט לעבן, געהערט צו פרעהן. אַפילו טראָגעדיקע מוטערס זענען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין די וועבערייען, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן זעלבן פעלד. עס האָט ניט געגומען קיין עק און קיין סוף צו די לייוונטן, טיכער, וויקל־בענדער, וואָס זענען גענוצט געוואָרן פאַר לעבעדיקע און טויטע אין מצרים.

באַלד הינטער די ווערקשטעלן פון די שטיין־האַקערס האָט משה געזען אָן אַ שיעור וועב־שטולן, שפינרעדער אונטער פאַלמען־דעכלעך, וואָס ווייבערשע קערפּערס זענען געווען ממש צוגעשמידט צו זיי, ווי זיי וואָלטן געווען אַ ניט־צעשיידלעכער טייל פון די מכשירים. אין טאַקט מיטן קלאַפּן פון פייקל־שטעקלעך, מיט וועלכן די אויפזועערס האָבן אָנגעהאַלטן אַ גלייכע שנעלקייט אין דער אָנגע־טריבענער שקלאַפן־אַרבעט, האָבן הונדערטער פיס געטראָטן די טרעטערס און הונדערטער הענט באַוועגט די וועבער־שיפלען, פאַרלייגט און דורכגעקרייצט די גאַרעס וועב־פעדים. איבער זיי זענען געשטאַנען אַנטרייבער מיט קאַנטשיקעס און שטעקנס און האָבן געוואָרפן מיט שלעק איבער קעפּ און רוקנס און הענט,

וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון טאַקט. געשפּאַנט אַזוי אין דעם יאָך פון וועב־שטול, זענען די וויבער־שקלאַפן געוואָרן אויטאָמאַטיש אַנגעצויגן מיט אַלע זייערע אברים צו רירן זיך — אָן אָפּהאַלט און אָן נאָכלאָז — אין טאַקט און לויט דעם לויף־טעמפּ פון די וועבער־שיפלען. און ווי די מוטערס, אַזוי זענען אויך די קינדער־מיידלעך אָנגעבונדן געווען, ווי אַ ניט־אָפּרייסלעכער טייל, אָן די שפּין־רעדער און וועבער־שיפלען און געיאָגט זיך מיטן שטויס און דראַנג פון זייער לויפן און געדריי.

אַחוץ דער אַרבעט פון שטיין־האַקריי און וועבעריי, וואָס האָט געהאַלטן אין שקלאַפעריי ברייטע מאַסן פון די בני־ישראל, זענען נאָך פיל יחידים, ווי משה האָט באַלד אויסגעפונען, „אויסגעבאָרגט" געוואָרן פאַר שקלאַפן־אַרבעט ביי רייכע מצרים. זיי האָבן געטון סיי עבודת־פרך אין פעלד און גאָרטן, ביי בהמות און פיש־פאַנג, סיי איידעלערע אַרבעטן, וואָס האָבן געפאָדערט פאַכ־מענישע געניטשאַפט.

די בני־ישראל זענען געווען לייב־קנעכט ניט נאָר ביי פרעהן, נאָר אויך ביי די יידישע אויפזעערס, ביי קורחן, ביי דתן און אבירם, וועלכע האָבן זיי געקאָנט פאַרדינגען איינציקווייז און אין מאַסן פאַר כלערליי אַרבעטן און שטעלן, — שטעלן פון פאַרוואַלטער איבער גיטער, שרייבער און בוכהאַלטערס; אַרבעטן פון וועבער, בשמים־מישערס, גאָלד־ און זילבער־שמידן. קיינער איז ניט געווען קיין בעל־הבית פאַר זיך. דאָס לעבן פון איטלעכן בן־ישראל האָט געהערט צו פרעהן; זיין צייט, זיין קונסט, זיין קענען און זיין וויסן — צו קורחן און די אַנדערע יידישע אויפזעערס, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט זיי, ווי מיט עפּעס, וואָס איז זייער אייגנס.

משהס האַרץ איז צעשניטן געוואָרן טויזנט מאָל אַ טאָג — ניט אַזוי צוליב פרעהס אויפזעערס בכלל ווי, דער עיקר, צוליב די נוגשים, וואָס קומען פון ישראל גופא. ער האָט געזען דעם געוועב פון פאַרשקלאַפונג, מיט וועלכן די שפּין פון מצריים האָט פאַרוועבט דעם גאַנצן שטייגער לעבן פון די שבטים פון ישראל. ערגער פון דער הערשאַפט פון די מצרים האָט אים געפייניקט דער איינפיר פון אויפזעערס פון צווישן די בני־ישראל, וועלכע שאַלטן און רעגירן איבער זייערע אייגענע ברידער. זיין האַרץ איז איבערגעזאַפּט געוואָרן מיט בלוט פון די אַנגסטן, וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער די יידישע לייבער אונטער די שמיץ פון די יידישע אויפזעערס. דער שטעל פון הערשערס, וואָס די אויפ־זעערס האָבן גענומען איבער די בני־ישראל, אויסנוצנדיק זייער טרויעריקן מצב, האָט געצונדן זיין כעס אין אים און געוועקט זיין רחמנות און ליבשאַפט פאַר די אָרעמע פון די אָרעמסטע. עס האָט אים וויי געטון דאָס האַרץ פאַר די שוואַכע און אומבאַהאָלפענע, וועלכע זענען געוואָרפן געוואָרן, ווי ביליקער רויב, צו די קרעלן פון חיות־רעות, — ניט נאָר פון די מצרים, נאָר אויך פון די יידישע אויפזעערס, — און ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט זיך אָנצונעמען פאַר זיי, צו טיילן זיין גורל מיט די ליים־טרעטער און ציגל־קלעפּער, ניט מיט די פּריווילעגירטע און אָנגעזעענע פון זיין אייגענעם פּריווילעגירטן שבט לוי.

משהס אייגענער פאַטער, עמרם, איז אַזוי פאַרצווייפלט געווען פון דער לאַנגער פאַרשקלאַפונג, אַז ער האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין דער הבטחה, וואָס גאָט האָט געגעבן די אָבות. און די הבטחה איז דאָך געווען דער איינציקער כּוח, וואָס האָט געשטאַרקט די שבטים און זיי דערהאַלטןביים לעבן.

עמרם האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט צו ברענגען מער קינדער אויף דער וועלט אין שקלאַפעריי. נאָך וואָס באַשאַפן נייע לעבנס? די פיש פון נילוס זאָלן האָבן וואָס צו עסן? נאָר זיין ענערגישע טאָכטער, מרים, וואָס איז געווען ווי אַ פאַקל פון בונט צווישן די שבטים און איר וואָרט פון טרייסט האָט אויפגעלויכטן מיט האָפענונג אין יעדער געצעלט, זי האָט געבראַכט ליכט אויך אין דעם געצעלט פון איר פאָטער. זי האָט צוריקגעבראַכט איר פאָטער דעם בטחון, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעוואוירן. און מער האָט דער בטחון פון דער גאולה זיך געשטאַרקט אין עמרמס הויז נאָך דעם געשעעניש מיטן ייִנגסטן קינד, וואָס איז אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די פיש פון נילוס: פּרעהס טאָכטער האָט אים געפונען, און געבראַכט אין איר פאָטערס הויז אַריין צו דער־ציִען אים ווי איר אייגן קינד. עמרם האָט געזען אין דעם אַן אָנהייב פון דער גאולה. ער האָט געגלייבט, אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן פאַר גרויסע זאַכן.

משהס וואונדערלעכע רעטונג האָט באַלעבט מיט האָפענונג אויף גאולה עמרמס גאַנץ הויזגעזינט און באַוועגט דעם עלטערן זון, אהרן, זיך צוצוגרייטן צום הויכן אַמט, וואָס אים וועט אויסקומען צו פאַרנעמען נאָך דעם געשעעניש פון דער גאולה: ער האָט זיך אויסגעקליבן די כּהונה, וויסנדיק וואָס פאַר אַן אָנגעזען אָרט עס פאַרנעמען די כּהנים אין דעם לעבן פון די מצרים, אין דעם רעליגיעזן שטייגער פון פּרעהס הויף. ער האָט זיך באַקענט מיטן גאַנצן ריטואַל פון די עגיפּטישע כּהנים, און זיך אויסגעלערנט זייערע תּפילות, הימנען און שפּרוכן. ער האָט, אויפן שטייגער פון די עגיפּטישע כּהנים, זיך געהאַלטן אין קערפּערלעכער אָפּגעהיטקייט און שלימות; זיך געקליידט אין שימערדיקער ווייסקייט; זיך געזאַלבט די האָר און באָרד, וואָס ער האָט ניט געגאָלט ווי די מצרישע כּהנים, נאָר געלאָזט וואַקסן נאָך דעם מנהג פון די שבטים; האָט אויס־געבעסערט זיין דיקציע און באַרייכערט זיין ווערטער־אוצר פון געטלעכע סימ־באָלן. און ניט נאָר זיך אַליין האָט ער צוגעגרייט פאַר דער כּהונה, נאָר אויך זיינע צוויי עלטסטע זין, נדב און אַביהוא, האָט ער מדריך געווען, זיי זאָלן אים קאָנען אַרויסהעלפן אין זיין הויכן פאָסטן פון כּהן־גדול, וואָס ער האָט זיך געריכט צו פאַרנעמען.

אהרן איז אָבער געווען אַזוי פאַרטון אין אויפהאַלטן לעבעדיק די טראַדיציע פון די אבות צווישן די שבטים און שטאַרקן אין זיי די האָפענונג אויף דער נאָענטער גאולה, אַז ער האָט צוליב דעם ניט געזען דעם לעבעדיקן עברי. אפשר האָט ער געוואוסט פון דעם פּיין, פון דער נויט, וואָס די שקלאַפן שטייען אויס, נאָר ער איז שוין אַזוי אַריינגעוואַקסן אין דעם רעזשים פון שקלאַפעריי און אַזוי זיך צוגעוואוינט צו דעם, אַז ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך.

ניט נאָר האָט ער ניט פּראָטעסטירט און ניט קעגנגעשטעלט זיך די בני־קורח און די אַנדערע, וואָס האָבן באַהאַנדלט די עברים גלייך ווי זיי וואָלטן געווען ניט קיין מענטשן, נאָר בהמות, נייערט ער איז געווען מיט דער דעה, אַז כּל־זמן די עברים זענען אין גלות ביי פּרעהן, מוז דער גלות אָנגענומען ווערן ווי ער איז. נאָר משה אַליין, דערצויגן ווי אַ פּרייער מענטש אין פּרעהס הויף, האָט געקאָנט באַנעמען דעם רעזושים פון שקלאַפעריי אין זיין גאַנצער גרויליקייט. ער האָט געזען, אַז בשעת זיין ברודער האַלט אין איין אויפהאַלטן די טראַדיציע און גרייט זיך צו דער כּהונה, ווערט דער לעבעדיקער עברי פּאַרפוילט אין די ליים־גריבער פון מצריים, און די סכנה איז גרויס, אַז באַלד וועט שוין ניט זיין וועמען אויסצולייזן און פאַר וועמען אויסצואַרבעטן אַ ריטואַל פון דער כּהונה. אָבער דעם ערגסטן צער האָבן אים פאַרשאַפט די יידישע אויפזעערס, די הויפּט־שוטרים, וואָס פּרעה האָט געשטעלט איבער די שקלאַפן. ניט איין מאָל האָט ער געפּרואווט רעדן מיט זיין ברודער וועגן דעם מעמד פון די עברים אין מצריים, וועגן דער גלייכגילטיקייט פון די בני־לוי צו די יסורים פון זייערע ברידער, וועגן די בני־קרח און די אַלע אַנדערע, וואָס העלפן פּרעהן צו האַלטן די יידן אין קנעכטשאַפט.

— אַזוי לאַנג ווי דער גייסט פון אונדזערע אבות קומט ניט און לייזט אונדז ניט אויס פון קנעכטשאַפט, ווי ער האָט עס מבטיח געווען אונדזערע אבות, מוזן מיר האַלטן, אַז אונדזער צייט איז נאָך ניט געקומען.

— גלייבסטו ניט, מיין ברודער, אַז נאָר די וואָס ווילן ווערן אויסגעלייזט, וועלן אויסגעלייזט ווערן, וויל נאָר די וואָס זענען אין זייער האַרץ בני־חורין, קאָנען ווערן פריי? מיט אייער צושטימונג פאַרשקלאַפט איר די עברים אין זייער האַרץ.

— וואָס ווילסטו זאָלן מיר טון? מורד זיין אין פּרעהן? ווייסטו ניט, מיין ברודער, אַז די אַלע וואָס טרעטן אַרויס קעגן דער קנעכטשאַפט אין מצריים זענען אויך מורד קעגן דעם גייסט פון אונדזערע אבות, וואָס האָט פאָראויסגעזאָגט אונדזער קנעכטשאַפט?

— מיינסטו מיט דעם צו זאָגן, מיין ברודער, אַז דער גרויסער גייסט פון אונדזערע אבות, דער גייסט פון אברהם, יצחק און יעקב, וויל, אַז זייערע אָפּ־שטאַמיקע זאָלן זיין קנעכט אין מצריים און לעבן פון פאַרשקלאַפונג? ווי אַזוי שטעלסטו זיך פאָר דאָס קומען פון דער גאולה, מיין ברודער?

— די גאולה? — זאָגט אהרן און גלעט זיך מיט דער האַנט די געפּוצטע לאַנגע שוואַרצע באָרד, — די גאולה וועט קומען, ווען דער גייסט פון אונדזערע אבות וועט ווייך מאַכן פּרעהס האַרץ און ער וועט איינזען, אַז עס איז קעגן אונדז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה, אַז מיר זענען ניט קיין מלחמה־געפאַנגענע, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר שקלאַפן, נאָר מיר זענען פאַרבעטענע געוואָרן קיין מצריים פון פּרעהן אַליין און פון זיין שני־למלך, יוסף. און ער וועט אונדז באַווייזן די זכיה, וואָס מיר האָבן געהאַט אין די ערשטע צייטן, די זכיה, וואָס מיר, דער שבט

לוי, האָבן עד־היום, און ער וועט אונדז דערלויבן צו דינען פריי אונדזער גאָט, אָדער ער וועט באַשטימען אַן אָרט אין מדבר, וואו מיר וועלן האָבן אונדזער מקום־מקדש און דאָרט ברענגען קרבנות צו דעם גייסט פון אונדזערע אבות.

משה איז בלייך געוואָרן פאַר כּעס. ער האָט פאַרלוירן זיין לשון, וואָס עס פלעגט זיך ביי אים טרעפן, ווען ער פלעגט אין כּעס ווערן. ער האָט זיך געוואַקלט ווי אַ ראָר אין מדבר, אָבער באַמיט זיך צו צווינגען זיין כּעס, צו באַהאַלטן זיין פאַראַכטונג צו דער פאַרשקלאַפונג, וואָס זשאַווערט אין די הערצער פון זיינע אייגענע, פון זיין אייגענער סביבה.

— און אפשר וועט עס טאַקע דיר באַשערט זיין ווייך צו מאַכן פרעהס האַרץ? גאָט האָט באַשטימט פרעהס טאָכטער צו ווערן דיין באַשיצערין און מוטער, — איז דאָס ניט קיין באַווייז, אַז דו ביסט דער אויסדערוויילטער, וואָס דאַרף ווירקן דורך איר ווייך צו מאַכן פרעהס האַרץ, אַז ער זאָל אונדז צוריקגעבן די זכיות, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט איידער מען האָט אונדז געמאַכט פאַר שקלאַפן? צוליב דעם האָבן מיר דאָך געשיקט נאָך דיר!

— אָט אַזוי האַנדלט דער גייסט פון אברהם, יצחק און יעקב מיט זיינע פיינט? דורך בעטן זיך ביי זיי? — פרעגט משה מיט וואונדער.

— האָסט אַ בעסער מיטל קעגן פרעה, דעם מלך פון מצריים?

— איך ניט, אָבער דער גייסט פון אונדזערע אבות — יאָ. מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם! — האָט משה אויסגערופן, און ער האָט פאַרדריקט די האַנט אין אַ פויסט און זי אויפגעהויבן אין דער הייך.

אהרן איז בלייך געוואָרן. ער האָט געבויגן דעם קאָפּ פאַר זיין ברודער. צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען אין משהס אויגן אַ שטראַל ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון זיי. דאָס האָט אים אַנגעפילט מיט פאַרכט.

איין־איינציקער מענטש אין משהס סביבה, וואָס האָט ניט געמאַכט קיין שלום מיט דער שקלאַפעריי, איז געווען זיין שוועסטער מרים, אַ סקעלעטן־ביין, איבערגעצויגן מיט אַ טונקעלער אָפּגעברענטער הויט, ווי אַן אויסגעאַרבעטע לעדער־פעל. נאָר אין דעם סקעלעטן־ביין האָט געברענט אַ הייליק פייער, וואָס האָט זי אַנגעיאָגט צו ניט־אויפהערלעכער, כּסדרדיקער טועונג. זי האָט קיין איין רגע ניט גערוט. זי האָט געקענט די משפּחות, זי איז געווען אין זייערע היימען און האָט געוואוסט פון אַלע זייערע נויטן און צרות. דאָ האָט זי געהאָלפן אַ מוטער אויסצובאַהאַלטן איר קינד, אַדורכגעשמוגלט עס דורך די שומרים און שוטרים און געבראַכט אין אַ זיכערער באַהעלטעניש; דאָ האָט זי געשטאַרקט און געטרייסט אַ מוטער, וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען איר ערשט געבוירענעם זון; און דאָ האָט זי געהאָלפן אַ קראַנק געוואָרענער פרוי צוצוגרייטן דעם אָרעמען מאָלצייט פאַר איר מאַן און עס געבראַכט אים אין פעלד אַריין צו דער אַרבעט. זי האָט אויך געוואוסט פון אַלע סודות ביי די פרויען, און עס זענען איר באַקאַנט געווען די נסיונות, וואָס די פרויען האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די הינט, די עגיפּטישע אויפזעערס, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין די

הימען צו באַצווינגען די יידישע פרויען בשעת די מאַנען זייערע זענען איינגע־שפּאַנט געווען אין די שקלאַפן־קייטן ביי דער אַרבעט.

פון איר איז משה געוואויר געוואָרן וועגן דעם אכזריותדיקן עגיפּטישן אויפזעער אַהאַרניס, וועגן די עינויים וואָס ער טוט אָן די יידישע מוטערס.

די עגיפּטישע שוטרים האָבן, זעט אויס, זיך פאַרלייגט אונטערצוגראָבן די טהרת־המשפּחה, וואָס הערשט אין די יידישע היימען, אַריינצוברענגען אַהין אַ דעמאָראַליזאַציע, וואָס וועט מאַכן די יידן פאַר בעסערע שקלאַפן. די אַנדערע, די ניט־יידישע שקלאַפן, האָבן ניט געוואוסט פון קיין משפּחהדיקער צוגעבונדנ־קייט, און צו דעם־אַ נידעריקן מעמד האָבן די שוטרים זיך פאַרמאָסטן אַרונטער־צושלעפּן די יידישע שקלאַפן, וואָס קיין שום עבודת־פּרך האָט ניט געקאָנט צעשטערן זייער מאָראַל. באַזונדער האָט זיך פאַרלייגט דערויף דער אויפזעער אַהאַרניס, וואָס האָט געצילט מיט דעם צו שטייגן אין זיין קאַריערע פון אַ שקלאַפן־באַצווינגער. עס איז ניט גענוג געווען פאַר אים צו באַפאַלן די יידישע פרויען אין זייערע היימען און זיי טון געוואַלד, ווי עס איז געווען דער שטייגער פון פרעהס אויפזעערס, נאָר ער האָט געוואָלט אַזוי צעברעכן די עקשנותדיקייט פון די פרויען, אַז זיי זאָלן טון זיין רצון מיט נאָכגעביקייט, מיטן גוטן ווילן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, ווי געטריי די יידישע וויבער זענען צו זייערע מאַנען, וואָס פאַר אַ טיפע ליבשאַפט עס הערשט אין די יידישע משפּחות; ער האָט געקענט די ריינלעכקייט, וואָס ווערט דאָרט אָפּגעהיט, די רירנדיקע צאַרט־קייט, מיט וועלכער די וויבער באַגעגענען זייערע מאַנען, ווען זיי קערן זיך אום אויסגעמאַטערטע, פאַרמוטשעטע פון דער אַרבעט. האָט אַהאַרניס געפּרואווט ברעכן דאָס עקשנות פון די וויבער דורך מאַכן נאָך שווערער און פיינלעכער דעם יאָך פון זייערע מאַנען, ביז ער וועט זיי ברענגען צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז זיי וועלן אַליין שטויסן די וויבער זייערע נאָכצוגעבן דעם ווילן פון די אויפזעערס, כּדי לייכטער צו מאַכן זייער יאָך.

דער אויפזעער אַהאַרניס האָט זיך פאַרלייגט אויף דער משפּחה פון פּנחס בן דוסי, פון שבט בנימין. ער האָט געזען ווי די שיינע שלמות צערטלט איר מאַן און ווישט אים מיט איר האַנט אָפּ דעם שווייס פון פּנים, בשעת ער עסט זיין מאָלצייט, וואָס זי ברענגט אים צום פּלאַץ פון אַרבעט. דער אויפזעער האָט גע־וואָרפן גלוסטיקע אויגן אויף דער יונגער פרוי.

איין מאָל אין אָוונט האָט אַהאַרניס זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון פּנחס בן דוסיס געצעלט. ער האָט געפאָדערט, אַז שלמות זאָל זיך אים אָפּגעבן גלייך אויפן אָרט, און טאַקע פאַר די אויגן פון איר מאַן, זיך אָפּגעבן מיט איר אייגענעם גוטן ווילן. און טאָמער ניט, וועט ער אַראָפּנעמען דעם מאַן פון דער שלעפּ־אַרבעט און אים אַריינגעבן צווישן די ליים־טרעטערס, וואָס לויט זיין עלטער און זיינע כּוחות, קאָן ער ניט טון אַזאַ אַרבעט. מאַן און ווייב האָבן בעסער אויסגעקליבן אַריבערצוטראָגן אַלע עינויים קשים איידער צו פאַרשוועכן זייער טהרת־המשפּחה. פון יענעם טאָג אָן האָט דער אויפזעער אַהאַרניס גענומען פייניקן פּנחס בן דוסין. ניט נאָר האָט ער אים אַריינגעגעבן צווישן די ליים־טרעטערס, נאָר ער האָט אים געשלאָגן מכּות־רצח מיט באַטעקעס, ווען ער פלעגט

זיך אָפּשטעלן אַ ווייל אָפּצוקילן די אָפּגעברענטע פּיס. דער אויפזעער האָט נאָר אָפּגעוואַרט די מינוט, ווען דער מאַן פון דער שיינער שלמות וועט בלייבן אָן כוחות, וועט אָוועקפאַלן, פאַרזינקן אין דער גרוב מיט ליים און צעטראָטן ווערן פון די אַנדערע טרעטערס, ווי מען טוט עס מיט אַלע עברים, וואָס פאַלן אַוועק בשעת דער שווערער אַרבעט.

ווען מרים האָט פאַרענדיקט די מעשה, האָט משה געפרעגט:

— און וואָס וועט ווערן מיט איר, מיט שלמות?

— זי וועט נאָכגיין נאָכן מאַן אין טויט אַריין און ניט לאָזן פאַראומרייניקן זיך פון דעם גוי. זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט און מיך געבעטן אַכטונג צו געבן אויף איר זון, וואָס מיר באַהאַלטן אים אויס אין אַ היל מיט אַנדערע קינדער.

משה האָט אַריינגענומען צווישן די ציין דעם שפּיץ פון זיין בערדל, וואָס ער האָט זיך געהאַט פאַרלאָזט דורך דער קורצער צייט וואָס ער איז געווען מיט זיינע ברידער אין גושן. ער האָט געשוויגן אַ לענגערע ווייל. דערנאָך האָט ער גענומען און אויפגעבונדן דעם תּכלת־באַנד איבער זיין שערץ און אים אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך. ער איז געבליבן אין בלויזן שערץ, ווי עס גייען אָנגעטון די שקלאַפן.

— וואַרפסט אַראָפּ פון זיך דעם באַנד פון שבט לוי? די מצרים וועלן דיך אָננעמען פאַר אַ געוויינטלעכן שקלאַף און דיך שלעפּן צו דער אַרבעט, — רופט אויס מרים אין שרעק.

— דאָס וויל איך. איך וויל ניט געניסן פון דעם רעכט, וואָס איז געגעבן פון פרעהן דעם שבט לוי. איך וויל זיין איינער פון זיי.

— ווי אַזוי וועסטו העלפן דיינע ברידער, אויב דו וועסט ווערן אַ שקלאַף ווי זיי?

— ניט זיי, נאָר זיך וויל איך העלפן. איך וויל זיין איינער פון זיי, און דאָס גאָר, — האָט משה געענטפערט.

# 6

מיטן געקרייזלטן שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אַרומגעזוימט אַ פּנים, ווי אויסגעהאַמערט אויס קיזל־שטיין, מיטן שטאַרקן נאַקן, געזעצט אויף ברייטע פּלייצעס, און מיט הענט ווי צוויי האַמערס, האָט משה אויסגעזען ווי אַ שקלאַף, אַ ריז, ווען ער איז געקומען זיך מעלדן צום יידישן שוטר איבער איינער פון די פיל ליים־גריבער.

— פון וועלכן שבט? — האָט אים געפרעגט דער יידישער אויפזעער,

אַנקוקנדיק דעם אומבאַקאַנטן מיט זיינע שפּיזיקע אויגן אויפן לענגלעכן פּנים, וואָס דאָס שפּיציקע געלע סגל־בערדל האָט נאָך לענגער געמאַכט.

— געקומען פריי מאַכן דעם שוואַכן פּנחס בן דוסי פון שבט בנימין. די פיס זענען ביי אים געשוואָלן, ער קאָן ניט אַרבעטן, — האָט משה געזאָגט, אַנשטאָט צו ענטפערן אויף דעם שוטרס פראַגע.

פון דער גרוב אַרויס, פון צווישן די צען נאַקעטע גופים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמענגעשלאָסן, ווי רינגען אין אַ קייט, און געטראַטן צוזאַמען די מאַסע ליים, האָט אַ דאַרער, אויסגעמאַטערטער גוף זיך אויסגעשטרעקט און אויפגעהויבן מיט וואונדער זיין שוויס־געווייקט פּנים. ווער האָט עס אַרויסגעזאָגט זיין נאָמען?

— איך האָב ניט באַקומען קיין רשות פון ציגל־אויפזעער אַהאַרניס, צו באַפרייען פּנחס בן דוסין פון דער אַרבעט — האָט דער יידישער אויפזעער געזאָגט.

— איך בין געקומען אים פריימאַכן, אויפזעער. דער חומר פאַר די ציגל וועט דיר צוגעשטעלט ווערן אין דער פולער מאָס, — האָט משה געזאָגט.

— מיין באַפעל איז צו האַלטן פּנחס בן דוסין אין ליים־גרוב און זען, אַז ער זאָל ניט אָפּשטיין פון דער אַרבייט אויף קיין איין רגע.

— איך וועל פאַרנעמען זיין פּלאַץ! — האָט משה אויסגערופן און מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען אין גרוב, האָט אויפגעהויבן דעם דאַרן, לייכטן עברי, וואָס האָט זיך געבראָכן אין זיינע הענט, און אים אַרויסגעזעצט פון גרוב. נאָך דעם האָט ער צוריק אַ שפּרונג געגעבן און זיך איינגעשלאָסן אין די רייען פון די טרעטערס.

— ניין, טאָרסט עס ניט טון, ער איז פאַראַנטווערט, — האָט דער אויפזעער גענומען שרייען. ער איז צוגעלאָפן צום שווער אָטעמענדיקן, האַלב טויטן פּנחס בן דוסי, וואָס איז געלעגן אַזוי ווי משה האָט אים געהאַט אַוועקגעלייגט אין זאַמד, און אים גענומען פּאַסעווען דאָס לייב מיטן קאַנטשיק, וואָס די אויפזעערס האָבן קיין מאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט.

— צוריק אין גרוב אַריין!

אָבער פון דער גרוב האָט זיך דערהערט משהס שטים פון אַ לייב:

— רשע, פאַר וואָס שלאָגסטו דיין ברודער?

און דער געל באַבערדלטער ייד האָט דערזען אַ פּאָר אויגן, וואָס שיסן מיט פייער, און אַ האַנט, ווי אַ האַמער, אויסגעשטרעקט צו אים פון דער גרוב אַרויס. אַן אימת־מות איז אים באַפאַלן פאַר דעם מעכטיקן פויסט און דעם פייערדיקן בליק, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף אים, און ער האָט אָפּגעלאָזט דעם האַלב טויטן פּנחס.

משה האָט זיך איינגעשלאָסן אין דעם רינג פון די אַנדערע ניין עברים אין גרוב און אָנגעהויבן טון, וואָס זיי האָבן געטון. מיט אַ ריטמישער באַוועגונג, ווי אין טאַנץ, האָבן זיי געטראַטן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ אין דעם געדיכטן שליים, וואָס איז געווען אָפּגעזעצט אויפן דנאָ פון גרוב. פון צייט־צו־צייט האָט מען צוגעשאָטן אין גרוב אַריין שטרוי און זאַמד־שטויב, אויסגעמישט

מיט פאַרטריקנטע בלעטער און שפּענער, וואָס טרעגער האָבן געבראַכט אַהין. דאָס איז אַריינגעקנאָטן געוואָרן אין דעם ליים אויף צו מאַכן די ציגל מאַסיווער, האַרטער. באַלד האָט משה דערפילט ווי זיינע פיס הייבן אָן בריען, גלייך ווי אויפן דנאָ פון דער גרוב וואָלט געברענט אַ פייער און אָנגעהייצט דעם חומר. פון צייט־צו־צייט האָט ער אויך דערפילט אַ שאַרפן שטאָך, ווי אַ האַלץ־שפּליטער וואָלט זיך אין זיין פלייש איינגעגעסן. נאָר דער פיזישער ווייטיק, וואָס האָט זיך געשטאַרקט מיטן ווייטערדיקן טרעטן, איז פאַרטרונקען געוואָרן אין דער אינווייניקסטער צופרידנקייט, אַז ער טוט אַ זאַך, וואָס ער באַדאַרף טון. די גייסטיקע באַפרידיקונג האָט געלאָשן דעם פיזישן ברען, געשטילט דעם ווייטיק. ער האָט זיך געמיט צו טרעטן מיט התמדה, צו טון די אַרבעט בשלימות, ניט אָפּצושטיין פון די אַנדערע, כּדי אויסצופילן די מאָס חומר, וואָס זיין חברותא האָט געמוזט צושטעלן.

מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט ווי אַ נערוועזער שטראָם גייט אַדורך דורך די נאַקעטע, פאַרשוויצטע לייבער פון זיינע מיטאַרבעטערס. די לייבער קאָרטשען זיך איין, שליסן זיך ענגער אין דער קייט, און די פיס הייבן אָן טרעטן מיט נערוועזער ענערגיע, שנעלער און האַרטער. אַ כוואַליע פון שרעק גיסט אָפּ פאַרשוויצטע לייבער מיט אַ נייעם שוויס. אויך דער אויפזעער אויפן ראַנד פון גרוב ווערט נערוועז און נעמט אָנטרייבן די שקלאַפן מיט באַנייטער פוריע. ער צעלאָזט זיך מיטן באַטעק איבער זייערע קעפּ, נאָר ער האָט מורא אַראָפּצולאָזן זיינע שמיץ אויף די לייבער: אַ פּחד איז אים באַפאַלן פון דעם ריז, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט מיט די שקלאַפן אין גרוב.

— רירט זיך, רירט זיך! איינס, צוויי . . . איינס, צוויי . . . אַריין רעכטס, אַרויס לינקס, רעכטס, לינקס! — האַלט דער אויפזעער אין איין אָנטרייבן די שקלאַפן, וואָס שטייען פאַרזונקענע אין דער גרוב מיטן קלעפּיקן ליים, און אַנגסטן זעצן אַרויס ביי אים אויפן שטערן.

באַלד דערזעט ער דעם מענטשן, וואָס האָט אַזוי צערודערט די געמיטער פון שקלאַף און אויפזעער צוגלייך. ביים ראַנד פון גרוב איז געשטאַנען אַ הויכער מצרי. ער איז געווען נאַקעט, ניט מער ווי אין אַ שערץ, וואָס האָט באַדעקט זיין שאַנד, מיט אַ ליסן, געגאָלטן קאָפּ. איבער דער ברוסט ביי אים הענגט אויף אַ קייט אַ מעטאַלן שילדל. אין האַנט האַלט ער אַ באַמבו־שטעקן מיט אַ קופּערנעם קיילעך — ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער גרוב, און זיינע רונדיקע, גראָע אויגן, נאַקעטע, אָן ברעמען, וואָס זענען ביי אים אויך געווען געגאָלט, ווי דער קאָפּ, האָבן געגנישטערט אין דער גרוב. נאָך דעם האָט ער אַרויסגעברומט פאַרן פאַרציטערטן אויפזעער:

— איך זע דאָ ניט פּנחסן. איז ער געפאַלן אין גרוב?

— ניין, פּרעהס פאַרטרעטער, אים פאַרבייט איצט אַן אַנדערער.

— אויף וועמענס באַפעל?

דער ייִדישער אויפזעער האָט געציטערט און געפּלאַטערט און ניט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסברענגען.

— אויף וועמענס באַפעל? — האָט דער מצרי איבערגעפּרעגט אין גרויס צאָרן.

דער אויפזעער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף משהן. ביזן גאַרטל אין ליים, האָט משה אַרויסגעקוקט פון דער גרוב מיט אַ בליק פון אַ באַפעלער.

— אויפן באַפעל פון אַ שקלאַף? — האָט דער מצרי אויסגערופן. — גיי און דערלאַנג אים מיטן קאַנטשיק איבערן קאָפּ!

דער יידישער שוטר איז מיט אונטערגעהאַקטע פיס צוגעגאַנגען צו דער גרוב. און ווי ער האָט געפּרואווט אויפהייבן די האַנט מיטן קאַנטשיק, האָט ער אָנגעטראָפן דעם בליק פון משהס אויגן, און די האַנט האָט זיך ביי אים אַרונטערגעלאָזט, ווי זי וואָלט פלוצלינג געליימט געוואָרן.

— פּרעהס אויפזעער, ער איז ניט קיין שקלאַף, — האָט דער יידישער שוטר געשטאַמלט אין שטייגנדיקער אימה.

— ער איז ניט קיין שקלאַף, ער איז ניט קיין שקלאַף. דאָס וועלן מיר באַלד זען.

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום ראַנד פון גרוב און אויפגעהויבן דעם שטעקן מיטן קופּערנעם קיילעך איבער משהס קאָפּ. פון גרוב האָט אַרויסגעשטעקט דאָס אויבערשטע האַלבע לייב פון אַ מעכטיקן ריז, וואָס פון אונטער זיין הויכן שטערן האָבן אַ פּאָר פלאַמיקע אויגן געשאָסן מיט צאָרנדיקע פייער־פונקען.

אויף דעם מצרים אויסגעשטרעקטע האַנט מיטן שטעקן איז געבליבן הענגען אין דער לופט אָן אומבאַוועגלעכע, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל פאַרשטיינערט געוואָרן.

— ניט קיין שקלאַף? ווער דען איז ער? זאָג, ווער איז ער? — האָט דער מצרי אויסגעשריגן און אַראָפּגעלאָזט מיט רציחה דעם געגאָסענעם קופּערנעם קיילעך אויף דעם יידישן שוטרס קאָפּ.

— פּרעהס אויפזעער, פּרעה וועט גאָרנישט ניט פאַרלירן. אויפן אָרט פון אַ קראַנקן האָט ער באַקומען אַ געזונטן אַרבעטער, אויפן אָרט פון אַ שוואַכן — אַ שטאַרקן. די צאָל ציגל וועט ניט געמינערט ווערן. פאַר וואָס זאָלסטו שלאָגן פּרעהס אַ געטרייען דינער, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט פאַרשולדיקט? — האָט משה גערופן פון גרוב צום מצרי.

— ווער ביסטו, אַז דו זאָלסט זיך דערוועגן צו זאָגן פּרעהס אַן אויפזעער, וואָס ער האָט צו טון? אַלע זענט איר פּרעהס קנעכט, אַלע געהערט איר דעם גרויסן קיניג, סיי די געזונטע, סיי די קראַנקע, סיי די שטאַרקע, סיי די שוואַכע. טרייב דעם פּויליאַק צוריק אין גרוב אַריין! — האָט דער מצרי באַפוילן דעם יידישן אויפזעער.

דער אויפזעער האָט איצט אויסגעלאָזט זיין שווער האַרץ צום קראַנקן פּנחס, וואָס איז געלעגן האַלב איינגעגראָבן אין זאַמד און האָט זיך קיין ריר ניט געטון. די קלעפּ, וואָס דער אויפזעער האָט געקראָגן פון דעם מצרים שטעקן, האָט ער איצט אויסגעטיילט מיטן קאַנטשיק דעם אויסגעדאַרטן, קראַנקן לייב פון דעם פאַרשמאַכטן פּנחס.

— שנעלער אין גרוב אַריין, דו פּויליאַק! פויל ביסטו, ניט קראַנק. אַריין

אין לײם אַרײַן, געשװינד! — האָט דער אויפזעער געטריבן דעם קוים־פּויזענ־דיקן פּנחס צו דער גרוב צו.

— וואָס טוסטו ווי דײַן חבר? — האָט משה געשריגן. — זעסטו ניט, אַז ער איז קראַנק, אַז זײַנע פיס זענען באַדעקט מיט וואונדן? איך פאַרנעם דאָך זײַן פּלאַץ, איך אַרבעט פאַר אים, — האָט משה געהאַלטן אין איין רופן פון גרוב אַרויס.

— דו וועסט אַרבעטן און אויך ער וועט ארבעטן! אַלע זענט איר פּרעהס קנעכט! — האָט דער מצרי געשריגן און מיטן שטעקן צוגעהאַלפן דעם יידישן אויפזעער אַרײַנצוטרײַבן פּנחסן אין גרוב אַרײַן.

נאָר קוים איז פּנחס בן דוסי אַרײַן אין גרוב, האָט אים משה אויפגעכאַפּט אויף די הענט און אים געהאַלטן ווי אַ מוטער האַלט איר קינד. און אַזוי, מיטן קראַנקן אַרבעטער אויף די הענט, האָט משה ווײַטער געטאַפּטשעט אין דעם קלעפּיקן לײם.

— לאָז אים אָפּ, לאָז אים אַרבעטן!

— ער קאָן ניט אַרבעטן, ער וועט פאַלן פון די פיס.

— זאָל ער פאַלן און זאָל ער ווערן צעטראָטן און אײַנגעקנאָטן אין דעם לײם. אין לײם אַרײַן! איך, פּרעהס פאַרטרעטער, באַפעל אַזוי! — האָט דער מצרי גערופן אין גרוב אַרײַן צו די אַנדערע שקלאַפן.

ווען זיי האָבן דערזען דעם בליק אין משהס אויגן, האָט אַ פּחד אַרומגעכאַפּט די קנעכט אין גרוב, און דעם אויפזעער אין דרויסן.

משה האָט דעם קראַנקן, דערשראָקענעם פּנחס אַרויסגעטראָגן פון גרוב, אים אַוועקגעלייגט אויפן זאַמד און געזאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

— דאָ וועט ער זיצן און דאָ וועט ער זיך אָפּרוען. איך וועל טון די אַרבעט פאַר אים. — און משה איז צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין גרוב אַרײַן און זיך אײַנגע־שפּאַנט אין דער קייט פון די לײם־קנעטער.

דער צוזאַמענגעקאָרטשעטער פּנחס איז דערווײַל געלעגן ווי אַ שטיק טויטער חומר. ער איז געלעגן אײַנגעגליווערט, ניט צו באַוועגן מיט קיין אבר.

— איך האָב מורא, אַז ער טויג שוין ניט פאַר דער אַרבעט, — האָט דער יידישער אויפזעער געזאָגט צום מצרי.

— אויב ער טויג ניט פאַר דער אַרבעט, איז ער גוט פאַר עפּעס אַנדערש, — האָט דער מצרי געזאָגט און מיט אַלע כּוחות דערלאַנגט מיטן קופּערנעם קײלעך אַ זעץ דעם קראַנקן עברי איבערן קאָפּ. פּנחסעס קערפּער האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל און איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, טויט.

— נאַט, דאָ האָט איר שטרוי פאַר ציגל, — האָט דער מצרי געזאָגט, אַרײַנשאַרנדיק מיטן שטעקן דעם עבריס טויטן קערפּער אין דער לײמיקער געדיכטעניש אַרײַן.

דער קערפּער איז באַלד נעלם געוואָרן אונטער די פיס פון די פאַרפּײַניקטע לײם־טרעטערס.

מיט איין שפּרונג איז משה געווען אין דרויסן פון גרוב. די הענט האָבן זיך פאַרדריקט בײַ אים אין פויסטן, די אָדערן האָבן אַרויסגעזעצט אויף זײַן דיקן

האַלדז. זיין פּנים איז בלייך געווען און פון די אויגן האָט געשפּריצט מיט פייער. ער איז צוגעגאַנגען צום מצרי. דער מצרי האָט אָנגעהויבן שווער אָטעמען. זיין הויכע פיגור איז קלענער געוואָרן, ווי די פיס וואָלטן זיך געבראָכן אונטער אים פאַר דער ריזן־פיגור, וואָס איז געשטאַנען איבער אים. ער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט.

— אויב דו ביסט איינער פון אונדז, אַן עברי, האָב רחמנות אויף דיינע ברידער. טאָמער וועסטו הרגענען דעם מצרי, וועלן מיר אַלע טיילן דעם גורל פון פּנחס בן דוסי, — האָט דער יידישער אויפזעער געזאָגט מיט שרעק צו משהן.

משה האָט אַריינגענומען דעם שפּיץ באָרד צווישן די ציין און דערווייטערט זיך מיט גיכע טריט.

— ווער איז ער ? — פרעגט דער מצרי דעם יידישן שוטר.

— מיר ווייסן ניט ווער ער איז, נאָר ער איז ניט פון די שקלאַפן.

— פון וואַנען ווייסטו ?

— ער רעדט און האַנדלט ווי אַ בן־חורין.

— ווער ער זאָל ניט זיין, איז ער אַ מורד. לאָז גלייך וויסן דתן און אבירם, אַז אַ געפערלעכער בונטאָווטשיק איז געקומען צווישן די שקלאַפן און בונטעוועט זיי קעגן פרעהן. זאָלן זיי אויסגעפינען, ווער דאָס איז, און אַננעמען מיטלען קעגן אים. איר אַלע וועט ענטפערן פאַר זיינע מעשים!

# 7

ער איז געזעסן, משה, אויף דער שוועל פון זיין פאָטער עמרמסביידל, און מרים, זיין שוועסטער, האָט געהיילט די ברענענדיקע וואונדן, וואָס דער קאַלכ־ליים האָט אים אויסגעברענט אויף די פיס. זיין ברודער אהרן איז געשטאַנען איבער אים און אים פאָרגעוואָרפן זיין ניט באַרעכנטן, געפערלעכן טריט. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס משה האָט אָפּגעטון.

— עס פעלן קנעכט אין מצרים, אַז דו זאָלסט קומען אַזש פון פרעהס הויף צו ווערן איינער פון זיי? דו שטעלסט אין סכנה דעם גאַנצן שבט לוי, וואָרעם אויב פרעה וועט געוואויר ווערן, אַז איינער פון די בני־לוי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּריווילעגיע און געשטעלט זיך אין דער ליים־גרוב צו אַרבעטן דאָרט ווי איינער פון די עברישע קנעכט, וועט ער אַוועקנעמען פון אונדז די זכיה, וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי און עקשנות אויסגעפועלט ביי אים און וועט, חלילה, דעם גאַנצן שבט לוי איינשפּאַנען צו דער אַרבעט. דאָס, מיין ברודער, וועסטו האָבן דערגרייכט מיט דיין אויפטו. אונדזערע ברידער פון די אַנדערע שבטים

וועסטו ניט העלפן און אויף דיין אייגענעם שבט וועסטו ברענגען די פּלאָג פון מצריים, — האָט אהרן געזאָגט אין גרויס אַנגסט צו זיין ברודער.

— איך ווייס ניט, ווער דער שבט לוי איז און פאַר וואָסער זכות קומט עס אים אָן אַנדער גורל ווי אַלע אַנדערע ברידער זיינע. איך ווייס נאָר, אַז דער גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אונדזער שטאַמפאָטער אברהם, איז אַן אל צדק ומשפּט. פון די זקני־ישראל האָב איך געלערנט, אַז דער גייסט וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, דער גייסט פון אברהם, יצחק און יעקב, האָט געבראַכט אַ מבול אויף דער וועלט און אומגעבראַכט אַלע זינדיקע. ער האָט אַ תל געמאַכט פון סדום און עמורה. ער האָט אָבער אויך מציל געווען פון דעם מבול נחן מיט אַלע באַשעפענישן און אויף די תחנונים און בקשות פון אונדזער פאָטער אברהם איז ער גרייט געווען מוחל צו זיין סדום און עמורה זייערע זינד אין דעם זכות פון בלויז פינף צדיקים, ווען זיי וואָלטן זיך נאָר געפונען צווישן זיי. דאָס אַלץ זאָגט מיר, אַז דער גייסט פון אברהם, יצחק און יעקב איז ניט נאָר אַן אל צדק ומשפּט, נאָר אויך אַן אל רחום וחנון. מיר קאָנען ניט וויסן דעם סוד, פאַר וואָס ער האָלט אברהמס קינדער אין געפאַנגענשאַפט ביי פרעהן און פאַר וואָס ער לאָזט די רשעים פייניקן אַזוי די קינדער פון זיין פריינד, נאָר מיר מוזן גלייבן, אַז אויב ער איז דער אל צדק ומשפּט — און ער איז עס טאַקע — קאָן ער ניט פאַרטראָגן קיין עוולה. דורך די פענצטער פון הימל זעט ער, וואָס פרעהס משרתים טוען אָפּ מיט די קינדער פון אברהם, זיין פריינד, און ער איז מיט זיי אין זייער צער. ער וועט באַצאָלן צענפאַך די אַלע וואָס העלפן זיין פאָלק, און וועט נקמה נעמען פון אַלע זיינע פייניקער, וואָרעם ער איז אַן אל רחום וחנון, אָבער אויך אַן אל נוקם ונוטר.

אהרנס כּעס איז געלאָשן געוואָרן פון משהס אמונה. ער האָט דערפילט דעם פיין און דעם צער, וואָס האָבן אויסגערעדט פון זיין ברודערס מויל. און ווידער האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דעם הייליקן פייער, וואָס האָט געברענט אין משהס אויגן. ער האָט זיך אָנגערופן, שוין אין אַ מילדערן טאָן:

— יאָ, דאָס אַלץ וועט זיין, ווען דער גייסט פון אונדזער פאָטער וועט זיך מרחם זיין און אונדז קומען אַרויסנעמען פון מצריים, ווי ער האָט עס מבטיח געווען. ביז דענסמאָל אָבער מוזן מיר טראָגן אויף זיך דעם עול פון עבדות, מוזן מיר ליידן און שווייגן.

— ווי אַזוי קען מען אָבער שווייגן, ווען מען זעט, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען? — האָט משה אויסגערופן און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דער האַנט.

— דו ווייסט בעסער פון אַנדערע, וואָס עס געשעט מיט פרעהס קנעכט, וועלכע פּרואוון זיך בונטעווען קעגן אים, — האָט אהרן געזאָגט.

— איך?

— ביסטו ניט געווען איינער פון פרעהס קריגערס, וואָס האָבן געהאָלפן אונטערטעניק מאַכן פעלקער?

משה האָט געשוויגן אַ ווייל. ער איז בלייך געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די אויגן צו דער ערד און געזאָגט מיט הכנעה:

— יאָ, ברודער אהרן, האָסט מיר דערמאָנט מיין שולד און מיין שאַנד. אין

מיין אומוויסן האָב איך געהאַלפן פּרעהן צו פאַריאָכן אַנדערע פעלקער, ביז וואַנען דער גייסט פון מיינע אבות האָט מיך געלאָזט דערפילן דעם נפש פון קנעכט דורך דער פאַרשקלאַפונג פון מיינע אייגענע ברידער, ביז וואַנען ער האָט מיר געלאָזט פאַרזוכן דעם טעם פון קנעכטשאַפט אויף מיין אייגן לייב.

— קיינער טאָר ניט וויסן דערפון, ברודער משה, — האָט אהרן געזאָגט. — מיר מוזן פאַרהוילן די זאַך ניט נאָר פון פרעהס אויפזעערס, נאָר אויך פון אונדזערע אייגענע שבטים. דתן און אבירם טאָרן זיך ניט דערוויסן דערפון. די בעסטע זאַך וואָלט געווען, דו זאָלסט זיך אומקערן צוריק אין פרעהס הויף. פרעהס טאָכטער איז דיין באַשיצערין, און אַ שטאַרקע באַשיצערין איז זי דיר. וועסט אָפּוואַרטן די צייט, ווען דער גייסט פון אונדזערע עלטערן וועט זיך באַווייזן צו אונדז, און דענסמאָל וועסטו זיין אַ גרעסערע הילף אין פרעהס הויף ווי צווישן אונדז. צווישן אונדז קאָנסטו נאָר זיין נאָך איינער פון פרעהס שקלאַפן.

— דער וועג צו פרעהס הויף איז פאַר מיר פאַרמאַכט אויף אייביק. מיין אָרט איז צווישן מיינע ברידער, — האָט משה געענטפערט.

— צווישן די קנעכט וועט ניט נאָר דיין פרייהייט, נאָר אויך דיין לעבן ניט זיין געזיכערט. גיי און באַהאַלט זיך אויס צווישן די זקני־ישראל. דאָרט אין זייער הייל וועט קיינער ניט וויסן, ווער דו ביסט. וועסט איינהזרן מיט זיי די מסורה און וועסט געפינען נחמה אין דער הבטחה פון דעם אייביקן גייסט. — און אהרן האָט זיך געווענדט צו מרימען אין דער שטיל: — נעם דיין ברודער און באַהאַלט אים אויס. קיינער טאָר ניט וויסן פון זיין באַהעלטעניש, וואָרעם זיין לעבן איז אין סכנה.

*

אָבער משה האָט ניט געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן. אַדרבה, ער האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן וואָס מער צווישן די קנעכט. ער האָט געהאָלפן דעם טרעגער טראָגן זיין משא, האָט זיך איינגעשפּאַנט אין געשפּאַן פון די לאַסט־שקלאַפן, האָט געגראָבן אין איינעם מיט די ערד־גרעבערס. ווי ער וואָלט וועלן פאַרזוכן אַלע טעמים פון פאַרשקלאַפונג, האָט ער זיך געוויזן אויף אַלע פעלדער, וואו עס האָט געדייעט די קנעכטשאַפט פון מצריים, צווישן ציגל־מאַכערס און מויע־רערס, צווישן קאַנאַל־גרעבערסביים טייך נילוס און צווישן שטיין־האַקערס אין פעלדזן־בערג.

קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז. דאָך האָבן אַלע, סיי די שקלאַפן סיי די אויפזעערס, דערקענט אין אים דעם בן־חורין. וואָרעם שוין מיט זיין אויסזען האָט ער זיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער סביבה. פון צווישן די עברישע שקלאַפן, איינגעקוואַרטע פון אַרבעט, הונגער און פּיין, האָט זיין מאַיעס־טעטישע מעכטיקע פיגור זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ קערפּער פון אַ ריז צווישן ליליפּוטן. ער האָט מיט זיין שטאַרקן קנאַכיקן קאָפּ געוועלטיקט איבער אַלעמען. נאָך מער פון זיין אָנבליק האָט באַוועלטנדיק געווירקט דער שיין, וואָס האָט גע־שלאָגן פון זיינע גרויסע אויגן, דאָס ליכט, וואָס האָט באַלויכטן זיין אָפן, פריי פּנים. ער האָט אָן יעדן צייכן פון מאָכט, אין דעם שערץ פון אַ קנעכט, באַפוילן

הערשעריש סיי די שקלאַפן, סיי די יידישע און די מצרישע אויפזעערס. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ געהיימען אויפזעער, פאַר אַ שליח פון פרעהס הויף, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט ווי אַ שקלאַף און איז געקומען צווישן שקלאַפן, כדי צו באַקענען זיך מיט זייער אַרבעט און מיט דעם אויפפירן זיך פון די אויפזעערס איבער זיי. און סיי די געשלאָגענע, סיי די שלעגערס האָבן געציטערט פאַר אים און אויסגעפירט זיינע באַפעלן.

כדי צו באַפרייען זיין אייגענע משפחה מיט זיין ברודער אהרן פון יעדער אחריות פאַר זיינע מעשים און אויך כדי צו באַקענען זיך נעענטער מיטן לעבן פון די שקלאַפן, האָט ער פאַרלאָזט דאָס געצעלט פון זיינע אייגענע און זיך באַזעצט צווישן די שקלאַפן. דער איינציקער מענטש פון צווישן זיינע קרובים, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אָן אים, איז ווייטער געווען זיין שוועסטער מרים. זי האָט ניט געפאָלגט איר ברודער אהרן, וואָס האָט זי געוואָרנט, און זי האָט באַזעצט משהן אין אַ געצעלט צווישן שקלאַפן־ערד־אַרבעטער. זי האָט אויך געזאָרגט פאַר זיין חיונה און אים באַדינט. זי האָט אים געהאָלפן באַקענען זיך מיטן לעבן פון די שקלאַפן און אַריינדרינגען אין זייערע אינטימסטע פאַר־העלטענישן. און ביי איר טאַקע איז ער געוואויר געוואָרן וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון שלמות, דער אלמנה פון פנחס בן דוסי, פון שבט בנימין.

נאָך דעם מאָרד איבער איר מאַן האָט דער מצרי אַהאַרניס זיך גענומען צו איר. ער האָט זי אַוועקגענומען פון דער אַרבעט אין פעלד און האָט זי געצוואונגען צו טון מאַנסבילישע אַרבעט, — צו שלעפּן קערב מיט אויסגעטראָטענער ליים צו די ציגל־מאַכערס. די שלעפּ־אַרבעט האָט איר צעבראָכן דעם רוקן און אויס־געקרימט די היפּטן. איר עקשנות איז אָבער ניט געבראָכן געוואָרן און זי האָט ניט נאָכגעגעבן דעם מצרי. דער רשע איז אין אָן אָונט געקומען צו איר אין געצעלט אַריין און איר געטון געוואַלד פאַר די אויגן פון מענטשן. שלמות האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די חרפה און זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ליים־גרוב, וואו איר מאַן איז צעטראָטן געוואָרן, זי איז געקומען צום זעלביקן סוף, וואָס דער מאַן אירער.

משה האָט געשוויגן אַ לענגערע ווייל נאָך דעם ווי ער האָט געהערט וועגן דעם סוף פון שלמות. ער האָט געלאָזט הענגען זיין גרויסן קאָפּ אויף דער ברוסט, נאָר די געדיכטע ברעמען, וואָס זענען געגאַנגען אויף און אָפּ איבער זיינע אויגן, האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם שטורעם, וואָס האָט געברויזט אינעווייניק אין אים.

— אָבער מיט דעם קרבן האָט דער רשע זיך ניט געלאָזט באַנוגענען. ער גייט איצט נאָך אַנדערע יידישע פרויען. ער פאַלט אויף זיי אָן אין זייערע היימען, און דאָס געשריי פון יידישע מוטערס גייט אויף פון יידישע געצעלטן.

משה האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים און געפרעגט זיין שוועסטער:

— ווען לאָזט זיך די חיה רעה אַרויס אויף פאַרצוקונג?

— ווען עס פאַלט אים איין. ער קוקט נאָך די ווייבער ביי דער אַרבעט און זוכט אויס צווישן זיי זיין קרבן. און געפינט ער דעם קרבן, פאַרלייגט ער זיך אויף אים און לאָזט אים ניט אָפּ, ביז וואַנען ער פירט ניט אויס זיינס. טייל מאָל

קומט ער אַריין אין מיטן טאָג צו אַ פֿרוי אין געצעלט, בשעת דער מאַן איז ביי דער אַרבעט, און טוט איר גענואַלד. אַן אַנדער מאָל קומט ער גראַד אין אַ צייט, ווען דער מאַן איז אין דער היים. ווען ער זאָל זיך ניט באַווייזן צווישן די יידישע געצעלטן, ווערט דאָרט אַ בהלה, ווייל קיין פֿרוי איז ניט זיכער, אַז דער רשע וועט איר ניט טון קיין שלעכטס.

— איז גאָר קיינער ניטאָ, ווער ס׳זאָל אָפּוווערן די חיה־רעה פֿון פֿאַרצוקונג ?

— ווער זאָל עס טון ? ווער קאָן אים זאָגן אַ דעה ? זענען מיר מיט אונדזערע לעבנס און אונדזער כבוד ניט איבערגעגעבן אויף הפקר אין זיינע הענט ?

— עס איז דאָ נאָר איין־איינציקער. און דאָס איז דער גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אונדזערע אבות. ער קוקט אַראָפּ פֿון הימל און זעט און הערט אַלץ. ער האָט געשטעלט אַ גרענעץ צום שלעכטן, — ביז דאַנען זאָלסטו גיין און ניט ווייטער ! און ער גרייט אָן דעם טאָג פֿון שכר פֿאַרן גערעכטן און דעם טאָג פֿון נקמה פֿאַרן שלעכטן, ווי ער האָט עס געטון מיט סדום און עמורה, — האָט משה געענטפֿערט.

ווי אברהם האָט דערקענט דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט אין דעם תהו־ובהו פֿון פֿאַלשע געטער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַזוי האָט משה דערפֿילט די גערעכטיקייט אין דעם ים פֿון זינד, וואָס ער איז געווען איינגעטונקען דערין אין פּרעהס הויף. דערצויגן אין אַן אַטמאָספֿער, וואו עס האָט ניט עקסיסטירט קיין וואָג און קיין מאָס אויף צו וועגן און מעסטן גוטס און שלעכטס, רעכט און אומרעכט, וואו עס איז געווען איין־איינציקער איינטייל אויף פּריווילעגירטע און ניט־פּריווילעגירטע, אויף אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע, האָט משה פֿון דער פֿינצטערער נאַכט פֿון עגיפּטישער קנעכטשאַפֿט דאָך אַרויסגעכישופֿט דעם ליכטיקן שטראַל פֿון געפֿיל פֿאַר גערעכטיקייט. און דאָס האָט אים געגעבן אַ מאָס אָפּצומעסטן גוטס און שלעכטס.

יעדער זינד, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין וועג, איז געווען פֿאַר אים אַ שטרויכל־שטיין, וואָס ער האָט געמוזט אָפּראַמען ; יעדער עוולה, וואָס ער האָט אָנגעטראָפֿן, האָט ער געמוזט אויסגלייכן. אַן אומרעכט האָט געבריט זיין לייב פֿיזיש, ווי אַ פֿייערדיקע וואונד. עס האָט אָנגעצונדן זיין כּעס אין אים און איינגעשפּאַנט אַלע זיינע חושים און גלידער פֿאַר איין עובדה, פֿאַר דער עובדה פֿון אויסראָטן דאָס אומרעכט און גוטמאַכן די עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן. אָבער אין אַן אייזערנעם צאָם האָט ער געהאַלטן זיין טעמפּעראַמענט, דעם כּעס, וואָס האָט געקאָכט אין אים. וואָרעם ער האָט געוואוסט פֿון דער סכּנה, אין וועלכער ער שטעלט זיין אייגענעם נפֿש, אויב ער וועט רעאַגירן קעגן אומרעכט אין מצריים.

פֿון דער סכּנה האָט ער געוואוסט נאָך אין פּרעהס הויף. נאָר אין פּרעהס הויף האָט ער געהאַט איין גרויסן באַשיצער, זיין מוטער. דאָ אָבער, צווישן זיינע אייגענע, האָט ער געמוזט איינהאַלטן זיין צאָרן, זען און הערן — אָבער שווייגן. ער האָט געוואוסט די סכּנה, וואָס לויערט שטענדיק אויף אַלעמען, אויף אַלע יידן. „אַלע וועלן מיר געוואָרפֿן ווערן אין דער ליים־גרוב צו ווערן איינגעקנאָטן אין ציגל״, — האָט אים געהאַט געוואָרנט דער יידישער אויפֿזעער, ווען ער האָט

געוואַלט רעאַגירן אויף דער רציחה פון מצרי. און דאָס האָט אים טאַקע צוריקגעהאַלטן.

איצט אָבער, ווען ער האָט געהערט וועגן דער סכּנה, וואָס דער מצרי איז פאַר די יידישע מוטערס, האָט ער מער ניט געקאָנט זיך צוימען. ער האָט פּשוט געפילט אויף זיך די רוט פון גערעכטיקייט, וועלכע טרייבט אים אָן, באַפעלט אים, באַמעכטיקט אים און באַשטימט אים צו זיין אַ באַשיצער פון די אומבאַשיצטע.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ שומר פון משפּט צווישן די געצעלטן פון די עברישע קנעכט אָפּצוואוואַרטן דאָרט די חיה־רעה, ביז ער וועט זיך נאָך אַ מאָל אַריינרייסן אַהין. ער האָט זיך געדרייט צווישן די געצעלטן ביי טאָג און געשטעלט זיך אָפּצוהיטן די געצעלטן ביי נאַכט.

איין מאָל האָט ער דערזען אים, דעם מצרי, שפּאַנען פון די אַרבעט־פּלעצער צו די געצעלטן צו. עס איז געווען אין אָוונט. אין ליכט פון די גרויסע שיינענ־דיקע שטערן האָט ער אים דערקענט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם לאַנגן שטעקן מיט דעם קופּערנעם קיילעך, וואָס מיט אים האָט ער געפּלעטט דעם קאָפּ פון פּנחס בן דוסי. משה האָט געקוקט אויף דעם שטעקן פון טויט און געזען אין אים די גאַנצע ברוטאַלע מאַכט, וואָס דער מצרי האַלט אין זיין האַנט איבערן לעבן און טויט פון די עברים, די ברידער זיינע.

ער איז אַרויס פון דעם שאָטן פון געצעלט, וואו ער איז געשטאַנען באַהאַלטן, און געגאַנגען דעם מצרי אַנטקעגן.

— וואוהין גייסטו, מצרי? — האָט משה אים געפרעגט.

דער מצרי האָט אויפגעהויבן די אויגן און אָנגעקוקט מיט כּעס און פאַר־וואונדערונג דעם מענטשן, וואָס דערוועגט זיך גאָר אָפּצושטעלן אים אין זיין גאַנג.

— ווער ביסטו, וואָס דו דערוועגסט זיך אָפּצושטעלן פּרעהס אויפזעער?

— פּרעה האָט דיך געשטעלט פאַר אַן אויפזעער איבער דער אַ ר ב ע ט פון די עברים, ניט מער. אָבער איצט איז ניט קיין שעה פון אַרבעט, און דאָ איז ניט קיין פעלד פון אַרבעט. וואָס זוכסטו צווישן די געצעלטן פון די עברים?

דער מצרי איז נבהל ונשתומם געוואָרן פון דער חוצפּה פונעם עברישן קנעכט. ער האָט אַריינגעקוקט משהן אין פּנים אַריין און האָט אים דערקענט.

— אָ, דאָס ביסטו, יענער שקלאַף, וואָס האָט זיך דערוועגט צו שטערן מיר אין מיין דינען פּרעהן. מיינע מענטשן זוכן דיך טאַקע אַרום. גוט, וואָס דו ביסט מיר געקומען אין די הענט אַריין. — און דער מצרי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אָנצוכאַפּן משהן. משה האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

— פּרעה האָט דיך געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער די לייבער אַליין פון די עברים, ניט איבער זייערע נשמות. קיינער האָט דיר קיין רעכט ניט געגעבן מטמא צו זיין די ווייבער זייערע. דאָס רעכט האָסטו זיך אַליין גענומען. מצרי, גיי אַוועק פון דאַנען און לאָז די יידישע פרויען צו רו.

— דו, עברישער קנעכט, האָסט די חוצפּה צו זאָגן פּרעהס אַן אויפזעער, וואָס ער האָט אַ רעכט צו טון און וואָס ניט און צו באַפעלן אים אַוועקצוגיין פון דאַנען? גיב זיך גלייך אונטער מיין מאַכט, אַניט וועסטו קריגן פון מיר, וואָס

עס קומט אַ קנעכט, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן. — און דער מצרי האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן איבער משהס קאָפּ.

כהרף־עין, מיט אַן אַטלעטיש געניטער באַוועגונג, וואָס משה האָט זיך אויסגעלערנט אין פּרעהס גימנאַזיעס, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם שטעקן פון דעם מצריס האַנט און געטון דאָס, וואָס דער מצרי האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן צו טון מיט אים.

משה האָט זיך אַרומגעקוקט, צי איז ניטאָ אַרום קיין לעבעדיקער נפש, וואָס האָט אים געזען דערשלאָגן דעם רשע. די נאַכט איז געווען שטיל און ליכטיק. האָט ער אויפגעהויבן דעם מצריס גוף, אים אַרויפגעלייגט אויף דער פּלייצע און אַוועקגעטראָגן אים ווייט אַוועק פון די יידישע געצעלטן, צום ראַנד פון מדבר. דאָרט האָט ער מיט דעם מצריס שטעקן אויסגעגראָבן אַ גרוב אין זאַמד, אַרײַנגעוואָרפן אַהין דעם מצרי, נאָך אים — זיין בלוטיקן שטעקן, און פאַרשאָטן צוריק די גרוב, פאַרשאָטן זי מיט די פיס און הוילע הענט, צודעקנדיק יעדן שפּור פון דעם וואָס ער האָט אָפּגעטון, פון דעם וואָס האָט געשטעלט אין טויטלעכער סכנה אַלע באַוואוינער פון די יידישע געצעלטן.

## *8*

די פּראָווינץ גושן, אין דער דעלטאַ, וואו יוסף האָט באַזעצט זיינע ברידער און זייערע משפחות, ווען זיי זענען געקומען צו אים קיין מצריים, איז געווען איינע פון די סאַמע פעטע און פרוכפּערדיקע פּראָווינצן אין מצריים. שטרעמ־לעך אַן אַ צאָל האָבן זיך געגאָסן פון די פיל אָדערן פון טייך נילוס אין די ריינ־שטאָקלעך, וואָס האָבן, ווי קאָרעטעס, זיך געגראָבן אין דער פעך שוואַרצער פעטער ערד נאָך אַן אַנפלייץ פון נילוס. די ערד איז געוואָרן אַדורכגעזאַפּט מיט דעם ברכהדיקן שליים, וואָס דער נילוס האָט איבערגעלאָזט נאָכן אָפּפלייץ, און זי באַפרוכפּערט. דאָס האָט גאָר פרי צייטיק געמאַכט די גרינסן, דעם פלאַקס, די תבואות, און, מיט דער זון, וואָס האָט געשיינט אומבאַוואָלקנט דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר, מעגלעך געמאַכט אַ צווייפאַך יערלעך גערעטעניש.

אַחוץ די שפעדיקע גרינסן פון דער ערד, האָבן אין די טייכלעך און ריטש־קעלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן, ווי קליינע קאַנאַלן, אַרום די סעדער און לאָנקעס, זיך געווידמענט פיל געפליגל, קאַטשקעס, געגנדז, באַטשאַנעס, וואָס דער שליים פון נילוס האָט זיי צוגעשטעלט רייכע חיונה — ווערעם, זשאַבעס, יאַשטשערקעס און אַנדערע קריכעדיקע ברואים. די פעלדער האָבן אַ גאַנץ יאָר געטראָגן גוטע פּאַשע, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט ברייטע פיצוכט.

די ערשטע דורות עברים, וואָס האָבן געלעבט אונטערן שוץ פון יוספס

געהייבענער רעפּוטאַציע אין מצרים, האָבן געלעבט אין וואוילטאָג. טייל פון זיי, יוספס דירעקטע קרובים, און אַ סך פון דעם שבט לוי, וואָס האָט זיך באַלד אַרויסגעהויבן איבער די אַנדערע, ווי דער אָנפירנדיקער שבט, זענען אַפילו רייך געוואָרן, און אָנגעזאַמלט לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמעגנס. אַחוץ געדונגענע אַר־בעטער, וואָס זיי האָבן באַשעפטיקט, האָבן זיי מיט דער צייט גענומען נאָכטון די מצרים און אָנגעהויבן באַנוצן שקלאַפן־אַרבעטער, וואָס פּרעהס חיילות האָבן צוגעשטעלט אויפן עגיפּטישן שקלאַפן־מאַרק פון מלחמה־געפאַנגענע צווישן די פיל אונטערגעיאָכטע אַזיאַטישע פעלקער. שפּעטער איז אונטער זייער ממשלה אויך אַרונטערגעפאַלן אַ טייל פון די אָרעמע שבטים, וואָס זיי האָבן געמוזט אָנקומען נאָך הילף צו די רייכערע און מער ענערגישע. און אַזוי האָבן זיי ביס־לעכווייז אַריינגעצויגן אין קנעכטשאַפט ניט נאָר די פרעמדע, נאָר אויך די פון זייערע אייגענע ברידער, וואָס האָבן זיך פאַרשולדיקט צו זיי, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין מצרים צו פאַרקנעכטן אַ בעל־חוב, וואָס צאָלט ניט אָפּ זיין חוב דעם מלווה.

דאָס גיכע פאַרמערן זיך פון רייכע לאַנד־אייגנטימער און פּי־ציכטערס צווישן די עברים אין לאַנד גושן איז געווען איינע פון די סיבות, כאָטש ניט די וויכטיקסטע סיבה, פון דער פאַרשקלאַפונג פון די שבטים אין מצרים. אויפ־געריסן פון קנאה און שנאה צו די פרעמדע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט אין זייערע אייגענע מנהגים פון די אייגעבוירענע מצרים, ניט אַנערקענט זייערע געטער און ניט געצאָלט קיין מס די טעמפּלען פון לאַנד, האָבן זיי מורא געקראָגן פאַר דעם סעפּאַראַטיזם פון די עברים. זיי האָבן לאַנג געזוכט מיטלען איינצו־צאַמען די מאַכט פון די שבטים. ניט מיט איין מאָל האָבן זיי פאַרשקלאַפט אַלע שבטים, נאָר ביסלעכווייז, אָנהויבנדיק מיט די אָרעמע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין חובות ביי די רייכע. די מצרים האָבן אָנגעהויבן קאָנפיסקירן די נחלות פון די ניט־פּריווילעגירטע שבטים, פון די וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון יעקבס קעפּסווייבער, פאַר שטייער און אַנדערע אָפּצאָלן. מיט די נחלות זענען אויך מיטגעגאַנגען די בעלי־בתּים, לויטן עגיפּטישן געזעץ. באַרויבט פון די נחלות, האָבן זיי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו דינען פּריוויליק די נייע בעלי־בתּים.

ניט אַלע האָבן זיך באַלד אונטערגעגעבן דעם שקלאַפן־רעזשים, וואָס מען האָט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף זיי. פיל משפּחות פון שבט דן האָבן אַפילו געפּרואווט רעוואָלטירן. אַנדערע האָבן אין גאַנצן פאַרלאָזט דאָס לאַנד מצרים, זענען אַוועק אין מדבר און זיך באַזעצט אויף די גרענעצן פון לאַנד כּנען.

אָבער פון אַלע שבטים האָבן דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד געשטעלט די בני־לוי. זיי האָבן זיך ניט געלאָזט באַרויבן פון די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן געהאַט נאָך פון יוספס צייטן. ענערגישער פון אַלע אַנדערע שבטים, פעסט אין דער טראַדיציע, שטאָלץ אויף זייער שטאַמפאָטער לוי, וואָס האָט פאַרטיידיקט יעקבס כּבוד מיט געווער אין האַנט, האָבן זיי באַלד נאָך יוספס טויט איבערגעג־נומען די פירערשאַפט איבער די שבטים. פּרעהס לייט האָבן גיך איינגעזען, אַז עס וועט אַ סך גרינגער זיין צו באַהערשן און איינצוהאַלטן די פרעמדע עברישע

שבטים — מיט זייער טראַדיציע פון אבות, מיט זייער גלויבן אין אַ פרעמדן גאָט, מיט זייער ניט־געשטערטן גייסט פון פרייהייט — דורך אייגענע ווי דורך פרעמדע. האָבן זיי איבערגעגעבן דעם שבט לוי די הערשאַפט איבער די אַנדערע שבטים, דורך זיי רעגירט איבער די עברים און איינגעשטעלט דעם רעזשים פון שקלאַפעריי צווישן זיי און צווישן אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

איינע פון די שטאַרקסטע און רייכסטע משפחות פון די בני־לוי נאָך עמרמען, דעם פאָטער פון משה און אהרן, איז געווען די משפחה פון קורח, דעם זון פון יצהר, עמרמס ברודער.

קורח איז דענסמאָל געווען אין זיין בעסטן עלטער, שטאַרק פיזיש, מעכטיק אין זיין אויסזען און מאַוויימדיק אין זיין הערשאַפט איבער די שבטים. זיין פאַרמעגן איז געווען גרויס אין גיטער, סטאַדעס שאָף און רינדער, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער יצהר. להיפוך צו זיין ברודער עמרם, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטען מיט די מצרים אין איינפירן דעם שקלאַפן־רעזשים פאַר די עברים, און די מצרים האָבן דערפאַר קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגן, האָט דער יינגערער יצהר באַלד פון אָנהויב אָן געהאָלפן די מצרים פאַרקנעכטן די שבטים. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אָנגעשטעלט יידישע אויפ־זעערס איבער די שקלאַפן פון גושן און באַשטימט די צאָל שקלאַפן פאַר אַלע סאָרטן אַרבעטן, ווי קנעטן ליים, ברענען ציגל, גראָבן קאַנאַלן, טראָגן משאות און אַנדערע. פרעה האָט פאַרגיטיקט יצהרן פאַר זיין געטריישאַפט. ניט נאָר האָט ער אים געלאָזט האַלטן זיינע פעלדער און בהמות, נאָר ער האָט נאָך פאַרמערט זיין פאַרמעגן מיט נחלות, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די ווידער־שפעניקע עברים. יצהרס גאַנץ עשירות איז איבערגעגאַנגען בירושה צו זיין זון קורח.

אין דעם גרויסן הויז, געבויט פון ציגל אין מצרישן סטיל, אין דעם רחבותדיקן, הויכן געמאַך מיט געל געקאַלכטע ווענט, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם הילצערנעם באַלקן, זענען געווען אויסגעזעצט די בני־לוי. דער עלטערער דור פון די בני־לוי האָט דאָרט אין גאַנצן אויסגעפעלט. עמרם איז געווען צו אַלט און איז געזעסן אין זיין געצעלט. יצהר האָט שוין ניט געלעבט, און די אַלטע חברון און עזיאל זענען געווען באַהאַלטן אין דער הייל פון די זקני־ישראל און האָבן איינגעחזרט די מסורה. די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די ענינים פון די שבטים, זענען געווען אַלע פון דעם יונגן דור. דער ראש־המדברים איז געווען קורח.

ער איז געזעסן אויבנאָן, אויף אַ מין געשניצטן טראָן־שטול. אַ מאַן אין די פערציקער, האָט ער צוליב פעטקייט און שווערן טראָט, אויסגעזען פיל עלטער. ער איז געווען אַ באַלייבטער, אַ קורצער, מיט אַ פעטער גוידער־גאָמבע, אויף וועלכער עס איז געזעסן אַ קורץ געשניטענע שוואַרץ גראַלעכע באָרד, געקניפּט און געקאַרבט אין אַסירישן סטיל. אָנגעטון איז ער געווען אין אַ קאָלירטן קלייד, וואָס האָט פאַרדעקט זיין אייבערשטן טייל קערפּער ביז צו די קני. איבער זיין ברוסט איז געהאַנגען אַ קייט און אויף זיינע פעטע קורצע פינגער האָבן געשטעקט גאָלדענע רינגען.

קעגן איבער אים איז געזעסן אהרן, אויך באַקליידט אין אַ קאָלירטן קלייד, וואָס האָט פּריגעלאָזט איין אַקסל. עס איז געווען במסורה, אַז יעקבס אָפּ־שטאַמיקע האָבן געטראָגן קאָלירטע קליידער, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין מצריים, און די בני־לוי האָבן צוגעדעקט זייער נאַקעטקייט מיט פאַרביקע שטאָפן, כּדי מען זאָל זיי דערקענען צווישן די איבעריקע שבטים.

אַלע פאַרזאַמלטע, צווישן זיי קורחס ברידער, נפג און זכרי, און די קינדער פון עזיאל, מישאל, אליצפן און סתרי, וואָס זענען געזעסן אַרום קורחן, זענען געווען געקליידט אין קאָלירטע שטאָפן, מיטן שילדל פון זייער שטאַם און זייער אַמט אויף דער ברוסט. דער יינגערער דור, קורחס זין, אמיר, אלקנה און אביאסף, ברייטברוסטיק ווי זייער פאָטער, מיט געקרייזלטע בערד, יעדער איינער מיטן שילד פון זיין שטאַם און זיין אַמט אויף דער ברוסט, זענען געשטאַנען הינטער זייערע פעטערס. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די ברידער דתן ואבירם, צוויי יונגע אויפזעערס. כאָטש זיי זענען ניט געווען פון שבט לוי, נאָר פון שבט ראובן, האָט אָבער זייער באַזונדערע שטעלונג זיי באַרעכטיקט בייצוזיין אויף דער אסיפה. זיי האָבן געטראָגן שילדן אויף דער ברוסט און געהאַלטן אין האַנט לאַנגע, געשניטענע באַמבו־שטעקנס, געצירט מיט קופּערנע ריגנגען, וואָס זענען געווען דער צייכן פון זייער העכערן ראַנג אין דעם מצרישן שקלאַפן־רעזשים.

פאַר דער ווערדיקער עדה איז געשטאַנען משה. זיין ברוסט איז געווען בלויז, אָן דעם צייכן פון זיין שטאַם; אויף די לענדן האָט ער געטראָגן דאָס ווייסע באַדעקנס פון דעם שקלאַפן־טראַכט; די האָר אויפן קאָפּ און די געדיכטע באָרד זענען אָראָפּגעהאַנגען אין גרויסע ווילדע געלייגטע לאָקן, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען פון דער אַרבעט אין אַ ליים־גרוב. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. די בני־לוי האָבן אים אויפגעפאָדערט צו שטעלן זיך פאַר אַ משפט, און מען האָט אים אַראָפּגענומען פון דער שקלאַפן־אַרבעט און געבראַכט פאַר זיי.

— משה בן עמרם — האָט קורח זיך געווענדט צו אים מיט אַ בליק פון זיינע אויגן, איינגעזונקענע אין דעם דיקן פעטס, וואָס האָט זיך געפּאַלדעוועט אַרום זיי, און מיט אַ שטימע, וואָס אין איר רויקייט האָט זיך געפילט אויפרעגונג אָדער כּעס מיט אַ צומיש פון טרויער — משה בן עמרם, ברודער אונדזערער, ווען דער גייסט פון אונדזערע אבות איז געווען אַזוי גוט צו דיר און האָט דיך געבראַכט אין פרעהס הויף אַריין און דיך איבערגעגעבן אונטערן שוץ פון פרעהס טאָכטער, האָבן מיר געהאָפט, אַז דאָס טוט דער גייסט פון אונדזערע אבות צוגרייטן אין דיין פערזאָן אַ צווייטן יוסף, וואָס זאָל קומען צו הילף זיינע ברידער אין קנעכטשאַפט. און אַזוי האָבן מיר אַלע יאָרן, וואָס דו ביסט געווען אין פרעהס הויף געמיינט, אַז אַ צווייטער יוסף וואַקסט פאַר אונדז, אַ צווייטער מליץ־יושר פאַר זיינע ברידער, וואָס וועט זיי העלפן אין זייער נויט. ווי זענען אונדזערע הערצער אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, ווען מיר האָבן געהערט פון דער גדולה, וואָס איינער פון אונדז האָט דערגרייכט אין דינסט ביי פרעהן! אין דיין באַשערטקייט האָבן מיר געזען אַ צייכן פון דער האַנט פונעם גייסט, אַז די צייט פון אונדזער גאולה דערנעענטערט זיך. און ווען די זקני־ישראל, וואָס ווייסן די צייט, וואָס דער גייסט פון אונדזערע אבות האָט באַשטימט פאַר אונדזער באַ־

פרייאונג, האָבן אונדז געזאָגט, אַז די צייט דערנעענטערט זיך און די צאָל יאָרן פון אונדזער פייניקונג ווערט פאַרפולט, האָבן מיר דענסמאָל געשיקט נאָך דיר. מיר האָבן געמיינט, אַז דו, משה בן עמרם, ביסט דער אויסדערוויילטער, וואָס דורך דיר, דורך דיין האַנט, וועט דער גייסט פון אונדזערע אבות צוריקשטעלן אונדזער מעמד אין פרעהס ממשלה, ווי אין יוספס צייטן, און עס וועלן אונדז צוריקגעגעבן ווערן אונדזערע זכיות, ווייל דו וועסט באַוועגן פרעהס האַרץ צו טון גוטס מיט אונדז, און מיר וועלן ווידער לעבן אין נחת און אין שלום, ווי פאַרצייטנס. אָבער וואָס איז געשען? אַנשטאָט צו באַפרייען דיינע ברידער, ביסטו אַליין געוואָרן אַ שקלאַף; אַנשטאָט צו דערהויבן אונדזער מצב, ברענגסטו אַ סכנה אויף די קעפּ פון דיינע ברידער, האַרטקייט און שווערע קנעכטשאַפט פאַר דיין גאַנצן שטאַם. אונדזער אַנזען איז געפאַלן אין די אויגן פון פרעהס קנעכט, זינט דו האָסט זיך געוויזן צווישן אונדז. מען איז אונדז אַלעמען חושד אין שטעלן זיך קעגן פרעהן ווייל דו טוסט אויפרייצן אונדזערע ברידער אין קנעכטשאַפט. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דו האָסט געוואָלט לייגן אַ האַנט אויף פרעהס אַן אויפזעער בעת ער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן. און איצט האָבן מיר אַ פאַראָרדענונג צוצושטעלן דעם מורד און ווידערשפעניקער צו דער וואַך פון אָרדענונג. מען האַלט אונדז ערב פאַר די מעשים פון יעדן יחיד. דתן און אבירם, ווייזט די פאַראָרדענונג, וואָס איר האָט באַקומען פון פרעהס הויפּט־אויפזעער.

אליאבס זין, דתן און אבירם, זענען אַרויסגעקומען פון הינטער קורחס שטול און האָבן זיך געשטעלט פאַר אים. זיי האָבן אַוועקגעלייגט די שטעקנס צו קורחס פיס, ווי אַ צייכן פון אונטערטעניקייט, און דער עלטסטער ברודער, דתן, האָט אַרויסגענומען פון גאַרטל אַ באַשריבענעם פּאַפּירוס און מיט אַ פאַרנייג פאַר קורחן אויסגערופן אויף אַ הויכן קול:

— קורח בן יצהר, דאָס איז די שריפט, וואָס מיר האָבן געקראָגן פון פרעהס גרויסן הויפּט־אויפזעער פון דריטער קאַטעגאָריע. — און דתן האָט איבער־געגעבן די שריפט אין די הענט פון קורח בן יצהר.

— דאָ איז די פאַראָרדענונג אויסצוגעפינען דעם מורד, וואָס האָט גע־סטראַשעט פרעהס פאַרשטייער, און אים צושטעלן צו דער וואַך פון אָרדענונג איידער נאָך עס קומט פאַר דער שינוי פון דער לבנה, — האָט קורח אויסגערופן, טייטנדיק אויף דער שריפט.

— פלטיאל, דער יידישער אויפזעער, האָט דערקענט משהן און דערקלערט, אַז דאָס האָט ער זיך געשטעלט קעגן פרעהס פאַרטרעטער און אים געסטראַשעט מיטן טויט, — האָט נדב געזאָגט. — דער יידישער אויפזעער איז דאָ צו זאָגן עדות. זאָל איך אים אַריינפירן, קורח בן יצהר?

— דו באַדאַרפסט אים ניט רופן, — שטעלט אים משה אָפּ מיט דער האַנט. יאָ, דאָס האָב איך זיך געשטעלט קעגן דעם מצרי און אויפגעהויבן די האַנט אויף אים. דער מצרי האָט געהרגעט פאַר מיינע אויגן אַ נפש אין ישראל, איינעם פון מיינע ברידער. און ניט פון מלכות וועגן האָט ער עס געטון, און ניט אין זיין אַמט פון אַן אויפזעער, נאָר מחמת רשעות, מחמת דער שלעכטסקייט פון

זיין האַרץ, ווייל ער האָט געוואָלט מאַנס זיין דעם יידנס ווייב. אויב עס איז נאָר דאָ שולדיקייט אין מיינע הענט, נעמט מיך און גיט מיך איבער דער וואָך פון אָרדענונג. איך שטיי פאַר אייך!

— משה בן עמרם, מיר זענען ניט קיין שופטים איבער רעכט און אומרעכט ביי פּרעהן. פּרעה אַליין און זיינע משרתים זענען די שופטים. ניט פאַר אונדז איז עס צו זאָגן, וואָס אַן אויפזעער מעג אָדער טאָר ניט טון. דו ווייסט עס גאַנץ גוט. און ניט מיר ווילן, חלילה, דיך איבערגעבן אין פּרעהס הענט. אַ ברודער ביסטו צו אונדז, פון אונדזער פלייש און בלוט. מיר פאַרלאַנגען נאָר פון דיר און מיר בעטן דיך: פאַרלאָז דאָס פעלד פון שקלאַפעריי און גיי צוריק אין פּרעהס הויף אַריין. פּרעהס טאָכטער האָט דיך צוגענומען פאַר אַ זון, און אַ זון ביסטו צו איר. זי האָט דיך באַשיצט פון דיינע שונאים ביז איצט און זי וועט דיך ווייטער באַשיצן. אונטער איר שוץ וועט קיינער זיך ניט דערוועגן דיך צו פאַרפאָלגן. און ווער ווייס, אפשר וועסטו מיט דיין מוטערס הילף אויספועלן ביי פּרעהן אַ דערלייכטערונג פאַר דיינע ברידער. גרויסע זאַכן האָט דער גייסט פון אונדזער פאָטער באַשטימט פאַר דיר. דורך דיינע הענט קאָן קומען די גאולה. משה בן עמרם, אַזוי האָבן באַשטימט די עלטסטע פון דיין שבט, און צו זייער וואָרט הער זיך צו! — האָט קורח אויסגערופן.

— קורח בן יצהר, ניט דורך מיינע הענט קאָן קומען די גאולה און ניט דורך די הענט פון אַן אַנדער בשר־ודם, נאָר בלויז דורך די הענט פון דעם איין־איינציקן לעבעדיקן גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אונדזערע אבות און מיט זיי געשלאָסן דעם בונד פון אייביקער צוגעהעריקייט. זיין האַרץ איז וואַך פאַר יעדער אומרעכט און זיין אויג איז אָפן פאַר יעדער עוולה. ער זעט אונדזער שמאַך און שאַנד און ער וועט קומען אייליק צו אונדזער הילף, ווען די צייט וועט קומען און זיין ווילן וועט געשען. נאָר דורך זיינע הענט אַליין קאָנען מיר גע־האָלפן ווערן און נאָר דורך אים וועט די גאולה זיין אַ ריכטיקע און אַ פולע. ווער בין איך, אַז אויף מיר זאָלט איר לייגן די האָפענונג פון די געפּלאָגטע. איך האָב פריער ניט געקענט מיינע ברידער, און איצט, אַז איך קען זיי, בין איך איינער פון זיי, אַ שקלאַף ווי זיי. איך בין מיט זיי אין זייער נויט און פּיין, און מיט זיי וויל איך אויסוואַרטן די גאולה. די ליים־גרוב ביי טאָג, דאָס נאַקעטע געצעלט פון מיינע ברידער ביי נאַכט, — דאָס איז איצט פאַר מיר פּרעהס הויף.

עס איז שטיל געוואָרן אַרום קורח בן יצהר. קורחס פּנים איז אַש־גראָ געוואָרן, דאָס פעטס פון די אַנגעשוואָלענע קישעלעך אַרום די אויגן איז שלאַ־בעריק געוואָרן און זיינע אויגן האָבן זיך נאָך טיפער געטונקען אין די גריבער פעטס. ער האָט געקוקט אויף דתן און אבירם, דתן און אבירם האָבן געקוקט אויף אים, און אַ שווערע שטילקייט איז געשטאַנען אַרום.

דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אהרן און געווענדט זיך צו משהן:

— משה, מיין ברודער, צו לאַנג ביסטו געווען אויף דער פריי, אַז דו זאָלסט קאָנען פאַרשטיין דעם נפש פון דעם געפּלאָגענעם. אויב דער בן־חורין קאָן זיך דערלויבן נאָכצוגעבן זיין פאַרלאַנג, לערנט דער שקלאַף צו טרינקען זיין דאָרשט, ווי דער פרייער זיין געטראַנק. דער איינגעבויגענער רוקן און דער צעבראָכענער

געמיט זענען די פּאַנצערס וואָס באַשיצן דאָס לעבן פונעם קנעכט. מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן צו זיין אַזוי פריי מיט אונדזערע געפילן ווי דו. אויך מיר ווייסן די מאָס פון רעכט און אומרעכט. מיר מוזן דאָס אָבער פאַרגעסן. אויך מיר וואָלטן זיך געוואָלט אַנטקעגנשטעלן פרעהס משרתים, מיר מוזן זיך אָבער אָפּזאָגן דערפון, ווייל אין פאַרשקלאַפונג זענען מיר מער געזיכערט. גיי אַוועק פון דאַנען. אויב דו ווילסט ניט גיין צוריק צו פרעהן אין הויף, זוך דיר אויס אַן אַנדער היים, ברודער משה.

— מיין היים איז צווישן מיינע ברידער אין זייער נויט, ברודער אהרן.

— אָבער אין דער היים קאָנסטו נאָר לעבן ווי אַ שקלאַף, מיט אַ שקלאַפישן געמיט. אַ פרייער צווישן קנעכט ברענגט נאָר סכנה פאַר זיך און טויט פאַר זיינע ברידער.

משה האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און ער האָט געזאָגט אין אַ געבראָכענעם טאָן פון געבעט:

— ברודער אהרן, איך וויל זיין אַ שקלאַף ווי זיי.

— וועסט עס ניט קאָנען, ברודער משה. זעסט דאָך, אַז דו קאָנסט עס ניט. גיי אַוועק פון דאַנען, ברודער משה, איידער עס איז צו שפּעט.

— איך וועל פּרואוון אונטערטעניק מאַכן מיין גייסט, ברענגען מיין רוקן אין קנעכטשאַפט, אַבי נאָר צו זיין מיט זיי — האָט זיך משה געבעטן ביי אהרנען.

— וועסט עס ניט קאָנען, ברודער משה. דער גאָט פון אונדזערע אבות וועט דיך ניט לאָזן. איינער פון אונדז מוז זיין פריי! — האָט אהרן אויסגערופן.

— איך וויל אַזוי זיין מיט זיי, — האָט משה גערעדט ווי פאַר זיך.

— מיר האָבן געטון אונדזערס. מיר האָבן דיך געוואָרנט אין צייט — האָט קורח געזאָגט און אויפגעשטעלט זיך פון זיין טראָן־שטול.

*

ער האָט ניט געקאָנט ווערן איינער פון זיי. וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט, משה, זיך איינצושפּאַנען אין שפּאַן פון קנעכטשאַפט, צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון אַלע זיינע ברידער, צו ווערן איינער פון זיי אָן וואָסער עס איז יתרון, אָדער זכיה, האָט ער ניט געקאָנט צוימען זיין פרייען גייסט. עס איז געווען ווי דער גייסט פון די אבות וואָלט מיט אַ כּיוון געלאָזט גליען אין זיין האַרץ איין פונק פרייהייט אין אַ נאַכט פון קנעכטשאַפט, כּדי פון דעם פונק זאָל אויפקומען און זיך אויסשפּרייטן דאָס ליכט פון באַפרייאונג. אויב אַזוי, מוז ער דאָך דאָ זיצן צווישן זיי, כּדי צו דערמאָנען זיי אויף שריט און טריט, אַז זיי זענען בני־חורין, אַז זיי זענען די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס דער גייסט האָט זיי מבטיח געווען די גאולה. ער מוז זיין צווישן זיי, ניט געקוקט אויף דער סכּנה, וואָס וועט שטענדיק לויערן אויף אים.

האָט ער אָבער רעכט צו זיין אין בן־חורין צווישן עבדים? האָט ער רעכט נאָך שווערער צו מאַכן זייער יאָך פון עבדות? און אַז ער איז טאַקע אַן אבן־נגף פאַר די שבטים פון ישראל, אַזוי ווי אהרן האָט אים געזאָגט, דאָס האָט ער אַליין איינגעזען. ער האָט באַלד באַמערקט, אַז די דיסציפּלין איבער די עברישע

שקלאַפֿן האָט זיך לעצטנס זייער פֿאַרשטייפֿט ניט נאָר מצד די מצרישע, נאָר אויך מצד די יידישע שוטרים. מען האָט די שקלאַפֿן געשלעפּט אַ סך פֿריער צו דער אַרבעט ווי געוויינטלעך, מען האָט זיי פֿון זייערע געלעגערס אַראָפּגעטריבן, ווען די שטערן זענען נאָך געווען אין הימל, און געהאַלטן זיי ביי דער אַרבעט ביז די שטערן זענען ווידער געקומען אין הימל. מען האָט זיי ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו באַאַרבעטן דאָס אייגענע שטיקל גאָרטן, וואָס יעדער שקלאַף האָט געהאַט אַרום זייןביידל. מען האָט זיי ניט געלאָזט זיך אָפּרוען קיין איין מינוט. אויך די ווייבער האָט מען איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, געצוואונגען זיי צו טראָגן קערב מיט ליים אויפֿן קאָפּ. מען האָט זיי שוין ניט געלאָזט, ווי אַמאָל, אַכטונג געבן אויף זייערע אייגענע שטיקלעך נחלות און ברענגען זייערע מאַנען עסן אין פֿעלד אַרויס. מען האָט זיי ניט מער געלאָזט פֿאַרברענגען מיט די מאַנען ביים עסן. זיי זענען אַליין געהאַלטן געוואָרן ווי שקלאַפֿן, אָנגעטריבן און געבייטשט ווי לאַסט־חיות.

משה האָט נאָך באַמערקט, אַז די יידישע שקלאַפֿן־אויפֿזעערס זענען געוואָרן פֿיל האַרטער, אַכזריותדיקער ווי די מצרישע. זיי האָבן זיך געריסן פֿון דער הויט וואָס מער אַרבעט אַרויסצושלאָגן פֿון די אָנגעסט־באַגאָסענע לייבער פֿון זייערע ברידער. אין משהן האָט געברענט דער צאָרן אויף די יידישע אויפֿזעערס מער נאָך ווי אויף די מצרישע. ער האָט זיך אָנגעטון אַ גרויסן כּוח צו צוימען זיין כּעס און ניט אַרויסווייזן דעם יתרון פֿון זיין פֿרייהייט, ער האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן.

ער האָט אויך באַלד איינגעזען, אַז ער איז די דירעקטע סיבה פֿון דעם פֿאַרערגערטן מצב פֿון זיינע ברידער. משה האָט זיך ניט געקאָנט מער ווייזן צווישן די שקלאַפֿן. ווען ער איז נאָר צוגעקומען צו אַ גרופּע אַרבעטער און זיי געוואָלט העלפֿן אין דער אַרבעט, אונטערשטעלן אַן אַקסל אונטער אַ שווערער משא, איבערנעמען דעם שפּאַדל פֿון אַ פֿאַרמאַרעוועטן גרעבער, האָבן די שקלאַפֿן זיך דערשראָקן, זיך אָפּגערוקט פֿון אים און ניט געוואָלט זיין הילף. זיי האָבן געזען אין אים נאָר אַ פֿרעמדן, וואָס געהערט ניט צו זייער סביבה, נאָר איינעם וואָס געהערט צום שונאס לאַגער, אַ פֿאַרשטעלטן מצרי.

און ער האָט טאַקע אַליין געהערט ווי די עברישע שקלאַפֿן האָבן גערעדט וועגן אים הינטער זיין רוקן:

— דאָ גייט דער פֿאַרשטעלטער מצרי, וואָס איז געשיקט פֿון פּרעהן אונדז נאָכצושפּירן.

— זינט ער איז געקומען צווישן אונדז, שמייסן די אויפֿזעערס אַרויס דאָס חיות פֿון אונדז.

משה האָט געוואָלט אויסשרייען און זאָגן זיי: „אַ ברודער בין איך אייערער! איך האָב געהרגעט דעם מצרי פֿון אייערט וועגן!‟ ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט פֿאַרדריקט דעם צער טיף אין האַרצן און געשוויגן. ער האָט געוואוסט פֿון וואַנען עס קומט די מורא פֿאַר אים. טאַקע זיינע אייגענע, — קורח, דתן און אבירם, אהרנס אייגענע זין, נדב און אַביהוא — טוען עס פֿאַרשפּרייטן

דאָס לשון־הרע אויף אים, כדי צו פאַרמיאוסן אים אין די אויגן פון די שקלאַפן און אַזוי אַרום אים פאַרטרייבן פון דאָרטן.

ער האָט אויך באַמערקט ווי אהרן אַליין האַלט זיך פון דער ווייטנס, ווייזט זיך ניט פאַר אים די לעצטע צייט. אַלע, אַלע מיידן אים אויס און סודען זיך הינטער זיין רוקן.

ער האָט געפילט, אַז מען גייט אים נאָך, געהיימע שליחים היטן זיינע טריט. ווען נאָר ער שטעלט זיך אָפּ צווישן אַרבעטער, אַזוי באַווייזט זיך איינער פון זיינע נאָכשפּירערס מיט אַ באַטעק אין דער האַנט און טרייבט אַוועק די אַרבעטער פון אים:

— צוריק צו דער אַרבעט, צוריק! הערט זיך ניט צו צו אים. ער איז ניט פון אונדזערע.

ער האָט געפּרוּווט רעדן מיט זיין שוועסטער מרים. זי איז געבליבן די איינציקע, וואָס האָט אים ניט פאַרלאָזט. זי האָט געזאָרגט וועגן אים, האָט אים אויסגעהאַלטן אין געהיים ביי אירע פריינד צווישן די שקלאַפן.

— איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז, נאָר עס ווערן רק געהאַלטן משפּטים איבער דיר אין קורחס הויז. היט זיך אויס פאַר אהרנס זין.

— יאָ, זיי האָבן געשיקט שליחים מיך צו היטן. זיי גייען נאָך מיינע טריט און פאַרשפּרייטן לשון־הרע אויף מיר צווישן די עברים.

איין מאָל איז ער אָנגעקומען צו דער ליים־גרוב, וואו ער האָט אַנומלטן געשטעלט זיך אַרבעטן אויף פּנחס בן דוסיס פּלאַץ. ער איז גראָד אָנגעקומען ווען די יידישע שוטרים, דתן און אבירם, האָבן געשלאָגן אַ יידישן ליים־טרעטער, וואָס איז פון מידקייט אַוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט. די שטייפע, האַרטע לעדער־פּאַסן פון קאַנטשיק האָבן געשפּאַלטן די הויט פון דעם האַלב טויטן שקלאַף און ריטשקעלעך בלוט האָבן געררונען פון זיינע געפּלאַצטע אָדערן.

— אין גרוב אַריין! אין גרוב אַריין, דו פוילאַק! — האָבן די שוטרים געברומט.

אין משהן האָט זיך אָנגעצונדן דער כּעס. ער האָט פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט באַשלאָסן, האָט ניט געטראַכט מער פון סכּנה. ער האָט נאָר געזען די עוולה, וואָס איין ברודער באַגייט קעגן אַ צווייטן. ער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט כּוח, ווי אַ יונגער לייב, איז צוגעגאַנגען צו דתנען, און מיט איין נעם פאַרדרייט אים די הענט אַהינטער. אין משהס אויגן האָט אַ שווינדל געטון דאָס בלייכע, קליינע, שלעכטע פּנימל פון דעם יידישן שקלאַפן־טרייבער.

— רשע, פאַר וואָס שלאָגסטו דיין ברודער? ווילסטו אים אַריינשמייסן אין גרוב אַריין, ער זאָל דאָרט צעטראָטן ווערן, ווי דער מצרי האָט עס געטון מיט אַן אַנדער יידישן אַרבעטער?

— און ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ האַר און פאַר אַ שופט איבער אונדז? ווילסטו מיך אפשר אויך הרגענען, ווי דו האָסט געהרגעט דעם מצרי?

ווען משה האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער אַוועקגענומען די הענט פון שוטר און פאַרלאָזט דאָס אָרט.

איצט ווייס ער, פאַר וואָס מען האָט שווערער געמאַכט דעם יאָך איבער די עברישע קנעכט: ער אַליין איז די סיבה דערפון.

דעם אָוונט איז מרים געקומען צו אים מיט אַ שליחות פון אהרנען.

— פאַרלאָז וואָס שנעלער גושן. דיין לעבן איז אין סכנה. דתן און אבירם זענען הינטער דיר, און דיינע ברידער האָסטו ניט לייכטער געמאַכט, נאָר גע־בראַכט אַ נאָך שווערערן דרוק אויף זיי.

יאָ, ער האָט עס שוין איצט אַליין געוואוסט און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן גושן.

*

דאָס לאַנד איז געווען אָפּגעשלאָסן ווי מיט אַ קייט. פאָרן לאַנד גושן איז געווען דער גרויסער ים, הינטער אים — מצרים. דער איינציקער וועג, מיט וועלכן משה האָט זיך געקאָנט אַרויסקריגן פון פרעהס גרענעצן, איז געווען אין מדבר־שור, וואָס איז אויף יענער זייט ים־סוף. דער ים־סוף איז ניט געווען דער רויטער ים, וואָס איז געלעגן ווייט אַרונטער, הינטער דעם האַלב־אינדזל סיני, נאָר דער ים, ריכטיקער, דער רויטער זומפּ פון ווילדע וואַסער־גראָזן און באַמבו־שטאַנגען, וואָס האָט זיך געצויגן לענג אויס דער פּראָווינץ גושן און זי אָפּגע־טיילט פון מדבר־שור. ברייטע אָדערן פון גרויסן ים האָבן זיך אַריינגעשניטן אין לאַנד גושן און האָבן זיך צעגאָסן דורך אַ צאָל סטאַוון איבער ברייטע שטחים, ביז זיי האָבן, לסוף, דורך רינשטאָקן און קאַנאַלן אין דעם קלעפּיקן נידעריקן פלאַכלאַנד פון דער דעלטאַ, דערגרייכט דעם ברייטן מרה, דעם טייך פון ביטערן וואַסער; פון דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט און געפלאָסן אין פרייע ווילדע קאָרעטעס, ביז זיי האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין רויטן ים. דער ים־סוף איז ניט געווען טיף. אין פיל ערטער האָט מען געקאָנט אים אַריבערגיין צו פוס, הגם עס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר; אַריינגעצויגן אין דעם געמויזעכץ אונטער די וואַסערפלאַכן, זענען דורכגייער איינגעזונקען געוואָרן אין דער בלאָ־טיקער געדיכטעניש אין איינעם מיט זייערע בהמות און געפעק. נאָר די, וואָס האָבן זיך אויסגעקענט אין דער געגנט, האָבן געוואוסט פון די געציילטע ערטער, וואָס אַ פוסגייער האָט געקאָנט אַריבערשפּריזן אָן סכנה פאַר זיך. פאַר משהן איז דער ים־סוף געווען „אומבאַוואוסטער באָדן". ער האָט נאָר געוואוסט, אַז דער וועג דורכן ים־סוף איז פול מיט סכנות. עס איז אָבער פאָרט געווען דער איינציקער וועג, מיט וועלכן ער וואָלט געקאָנט אַנטרינען און ראַטעווען זיך פון פרעהס רודפים און פון זיינע אייגענע ברידער, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד פון אַלע זייטן איז געווען אַרומגערינגלט מיט פרעהס חייל.

אין דער ענגשאַפט, וואָס משה האָט געפונען צווישן זיינע אייגענע ברידער, האָט אים אויפגעעפנט אַ טיר די פרעמדע מוטער, פרעהס טאָכטער.

צו משהן איז געקומען פיהאַ, די דינסט פון זיין פרעמדער מוטער, בתיה. די פרינצעסין האָט זי געשיקט צו אים מיט אַ שליחות. האָט פיהאַ דורך מרימס הילף אויפגעזוכט משהס באַהעלטעניש: „פרעהס שווערד הענגט איבער דיין קאָפּ. דאָס מאָל איז זי שאַרף, ווייל זי איז געשליפן מיט די הענט פון דיינע ברידער".

— דאָ זענען די מצרישע קליידער, וואָס דיין מוטער האָט דיר געשיקט. טו זיי אָן, מען זאָל דיך ניט דערקענען, און פאַרלאָז דאָס אָרט, וואָרעם פּרעהס וועכטערס זענען הינטער דיר.

— די טירן פון גושן זענען פאַרשלאָסן פאַר מיר — זאָגט משה.

— איך ווייס פון אַ טיר דורך דעם ים־סוף צום מדבר־שור.

— דו קענסט דעם ים־סוף?

— יאָ, איך בין פון יענער געגנט און ווייס די וועגן, וואָס פירן דורך אים. הייב דיך אויף און קום מיט מיר, וואָרעם די צייט איז קורץ.

משה האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַ מצרי, זיך געזעגנט פאַר זיינע עלטערן, געוואונטשן זיי שלום און איז געפאַלן זיין שוועסטער אויפן האַלדז. און דער זון, וואָס מען האָט געלייגט אויף אים אַזוי פיל האָפענונג, האָט פאַרלאָזט זיינע אייגענע אין איינזאַמקייט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט פּיהאַ געפירט משהן איבער די וועגן פון מצרים, דורך די בלאָטעס פון ים־סוף. מיטן אויפגיין פון דער זון האָבן זיי זיך געפונען אין מדבר־שור.

— גיי צוריק צו מיין מוטער און זאָג איר, אַז איך האָב געהאָרכט אירע ווערטער און בעסער אויסגעקליבן צו זיין אַ פרעמדער צווישן פרעמדע איידער אַ פרעמדער צווישן אייגענע.

אָבער פּיהאַ איז אַלץ געשטאַנען לעבן משהן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אונטערטעניקייט, און פיל געבעט איז געלעגן אין דעם חלף־בליאַסק פון אירע אויגן.

— וואָס אַזוינס פאַרלאַנגסטו, פּיהאַ? — האָט משה געפרעגט.

פּיהאַ האָט זיך געבוקט פאַר אים.

— ווי דו, בין איך אויך אַ פּרינצעסין פון אַ קיניגלעכן הויז, און ווי דיין פאָלק, איז אויך מיין פאָלק פאַרקנעכט ביי פּרעהן, און ווי דו, קאָן איך אויך ניט צוזען זייער פּיין און זייער צער. נעם מיך מיט דיר, מיין האַר, און לאָז מיך דיין דינסט זיין.

— איך בין ניט קיין פּרינץ און אויך ניט קיין האַר. איך בין אויף מיין וועג צו ווערן אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד.

— אָבער מיט דיר איז די גרויסע האָפענונג אויף באַפרייאונג, און איך וויל האָבן די האָפענונג אויף אַ טאָג פון גאולה פאַר מיין פאָלק.

— גיי צוריק, פּיהאַ. איך האָב ניט וואָס צו געבן דיר. די האָפענונג קאָנסטו אויך האָבן, ווי יעדער איינער פון אונדז, אויב דו גלייבסט אין גרויסן גייסט, וואָס וועט קומען צו הילף די שוואַכע און די געפּלאָגטע.

— דער גייסט פון דיינע עלטערן?

— ער קאָן אויך ווערן דיין גייסט, ווייל ער איז דער גייסט פון אַלע, וואָס גלייבן אין אים.

# 9

משה האָט זיך געפֿונען אינמיטן אַ ים — אין מדבר. ער האָט ניט געוואוסט אין וועלכער ריכטונג ער זאָל גיין, און עס איז אים אויך געווען אַלץ איינס, וואוהין די פיס זאָלן אים ניט טראָגן. די זאַמדיקע וויסטעניש, וואָס דער ווינט האָט צעבלאָזן אין געהויקערטע בערגלעך, ווי וועלן אויף דער אויבערפלאַך פון ים, האָט זיך געשפּרייט אין אומענדלעכע שטרעקעס אַרום אים, און עס איז דאָרט ניט געווען קיין איין־איינציקער פּונקט, וואָס זיין אויג און זיין האַרץ זאָלן זיך ציִען צו אים צו וועלן אים דערגרייכן.

דער נעענטסטער פּונקט איז געווען דער קאַראַוואַנען־וועג לענג־אויס דעם ברעג פון גרויסן ים, וואָס האָט געפירט צום לאַנד פון די פלשתים, אָדער צו דעם לאַנד כנען, וואָס זיינע שטאַם־פאָטערס זענען פון דאָרט אַנגעקומען קיין מצרים. עס איז געווען דאָס לאַנד פון דער הבטחה, דאָס לאַנד, וואָס דער גייסט האָט איבערגעגעבן אברהמען, יצחקן און יעקבן ווי אַ נחלה פאַר זייערע נאָכקומער. אָבער ער, משה, האָט זיך איצט געפילט אינגאַנצן דערווייטערט, אָפּגעפרעמדט, מער ניט קיין טייל פון דער הבטחה. ער קער זיך מער ניט אָן מיט מצריים, ער קער זיך אויך מער ניט אָן מיט זיינע ברידער. וואָרעם דער, וואָס קאָן ניט זיין מיט זיי אין עבדות, קאָן אויך ניט זיין אין חרות. און וואָס האָט ער צו זוכן צווישן די פרעמדע כנענים, וואָס זיינע ברידער וועלן אמאָל ירשענען זייער לאַנד?

משה האָט זיך געפֿונען אין גרויסן מדבר אָן אַ ברודער און אָן אַ גאָט. די געטער פון מצריים האָט ער שוין לאַנג פאַרלוירן, נאָך פון די קינדער־יאָרן אָן, און דעם גייסט פון זיינע אבות, וואָס ער איז געקומען אים זוכן אין מצריים, צווישן זיינע ברידער, האָט ער ניט געפונען, ריכטיקער, געפונען און צוריק פאַרלוירן. וואָרעם משה האָט זיך געהאַלטן דערווייטערט ניט נאָר פון זיינע ברידער, נאָר אויך דערווייטערט און פאַרפרעמדט פון דעם גייסט פון זיינע אבות. ער האָט געזען אין דעם גייסט פון זיינע אבות דעם גייסט פון גערעכטיקייט, די פאַרקער־פערונג פון צדק, וואָס ער האָט געזוכט זיין גאַנץ לעבן לאַנג. דער שטייגער פון זיין באַשאַפן די וועלט, פון זיין אַנפירן מיטן גורל פון יחידים און פעלקער האָט געהאַט פאַר דעם איין־איינציקן ציל דאָס שלימות פון גערעכטיקייט צווישן מענטשן אויף דער ערד. צוליב דעם האָט ער געשטראָפט די רשעים און פאַר־גיטיקט די צדיקים אָן נשיאת־פנים, ניט צו מאַכן קיין אויסנעם פאַר גרויסע אָדער פאַר קליינע, צי דאָס איז געווען דער מלך פרעה, צי דאָס איז געווען הגר, אַ דינסט־מויד, וואָס זיין פריינד, אַברהם, האָט זי געקריוודעט.

דער אידעאַל פון דעם אל־צדק, וואָס ער האָט צוגערעכנט צום גרויסן גייסט פון זיינע אבות, האָט אים אַנגעפילט מיט אַזוי פיל יראה און אהבה, אַז ער האָט ניט געקאָנט צולאָזן קיין קרומע אָדער אומאַנגענעמע זאַך אין זיינע מעשים. און דאָך איז פאַר משה׳ס אויגן געשטאַנען דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס ער האָט געזען אין מצריים. ער האָט געהערט דאָס געשריי פון די געפּייניקטע, וואָס

שרייט־אַרויס פון דער ערד פון מצריים, — און פאַרוואָס שוויגט ער, דער גייסט פון גערעכטיקייט? פאַרוואָס קומט ער ניט צו איילן צו זייער הילף? פאַרוואָס לייזט ער ניט אויס דעם אונטערגעדריקטן? פאַרוואָס טוט ער ניט מיט די מצרים, וואָס ער האָט געטון מיט סדום און עמורה? ווי אַזוי קאָן ער צוזען, ווי די קינדער פון זיינע פריינד, וואָס ער האָט מיט זיי אַ ברית געשלאָסן, ווערן טאָג־איין, טאָג־אויס צעטראָטן אונטער די פיס פון די ליים־טרעטער און זייער געביין צעמורשט און איינגעקנאָטן אין די ציגל פון מצריים?

ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון די פיר הונדערט יאָר קנעכטשאַפט. מוז טאַקע זייער אויסדערוויילטקייט ווי דאָס פאָלק פון גאָט געקויפט ווערן מיטן פרייז פון ענויים־קשים פון פאַרשקלאַפונג? מוזן זיי געלייטערט ווערן אין פייער פון קאַלך־אויוון איידער זיי ווערן אָנגענומען פון אים פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק? ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טעם פון די יסורים.

משה איז געווען אַ פשוטער מענטש מיט אַן איינציקן וואַכן געפיל פאַר רעכט און אומרעכט. ער האָט נאָר געזען — פון איין זייט, פּיין, יסורים קנעכט־שאַפט, אונטערדריקונג; פון דער צווייטער זייט, זינד און רשעות, הערשער־נאַטורן, וואָס האָבן גענומען מיט געוואַלד זייערע מיט־מענטשן און איינגעשפּאַנט זיי, ווי בהמות, צו טון עבודת־פּרך, און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר די אונטערגעדריקטע און באַשטראָפן די אונטערדריקער, ווי עס איז געווען אַמאָל אין דער צייט פון אברהם־אבינו.

זאָל עס זיין, אַז עס איז ניט מער ווי אַ חלום, וואָס די בענקעניש פון שקלאַפן נאָך אויסלייזונג האָט אים געשאַפן, כּדי צו האָבן אַן אָנהאַלט און אַ טרייסט אין דעם ביטערן לעבן? זאָל עס זיין, אַז עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין הבטחה פון אַ ניט־געזעענעם גייסט, קיינמאָל ניט קיין ברית מיט זייערע אבות, נאָר עס האָט ווער אויסגעטראַכט דעם חזיון, כּדי צו פאַרזיסן די ביטערקייט פון דער שקלאַפעריי? באַלד האָט משה אַליין זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק, וואָס זיין אייגענע פאַרביטערונג האָט געשאַפן אין אים. ניין, שקלאַפן וואַרימען ניט קיין האָפענונג פון גאולה אין זייער ברוסט! זיי זענען ניט קיין שקלאַפן. די הבטחה פון דעם גייסט פון זייערע אבות לעבט צווישן זיי און פאַרמירט זייער לעבן. די הבטחה איז אַזוי שטאַרק, ווי זי וואָלט זיך באַנייט מיט יעדן טאָג. דער גייסט פון זייערע אבות לעבט צווישן זיי און איז מחדש דעם ברית מיט זיי יעדן טאָג. נאָר דאָס אַליין קאָן דערקלערן זייער אויסדערוויילטקייט. זיי קלאַמערן זיך אָן דער האָפענונג, שטאַרקן זיך אין זייער געדולד אַלץ אַריבערצוטראָגן.

דערווייל איז משה געגאַנגען זיין וועג. ער האָט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין ציל פאַר זיך. ער האָט געקענט דעם מדבר פון זיינע פריערדיקע נסיעות און עקספּעדיציעס, אָבער דאָס איז געווען דער מדבר אויפן וועג קיין כּוש, ניט דער וועג צו די אַזיאַטישע לענדער, וואו ער האָט זיך איצט געפונען. ער איז געווען גוט פאַרגעבערייט פאַרן וועג. זיין מוטער האָט אים געשיקט גענוג פּראָוויזיע דורך פּיהאַן, און ער איז אויך געווען באַזאָרגט מיט שטיקלעך זילבער, וואָס זענען געווען עובר לסוחר. ער האָט געוואוסט, אַז

ער געפינט זיך אין מדבר־שור און אַז אויפן וועגן קיין אדום ליגט די אָאַזיס־שטאָט קדש־ברנע.

פון זיין פריער יוגנט אָן, זינט ער האָט געלערנט די בבלשע פלעקל־שריפט אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, האָט ער זיך באַקענט מיט די געשריבענע געזעצן פון דעם לאַנד בבל. ער האָט זיך אויך באַקענט מיט די געזעצן, וואָס רעגולירן די פאַרהעלטענישן צווישן האר און קנעכט. פאַראינטערעסירט פון זיין יוגנט אָן אין געזעצגעבונג, מיט זיין וואַכן געפיל פאַר רעכט און אומרעכט, האָט משה געפונען אין די געזעצן פון בבל אַ מאָס גערעכטיקייט. ער האָט געפונען אין זיי ניט אין ערך מער מענטשלעך איינזען מיט אָרעמעלייט און אלמנות איידער אין די געזעצן פון מצריים, וואָס האָבן דערלאָזט דאָס הפקרות פון ניט־געצוימטער שקלאַפעריי. אָבער אין מצריים אַליין האָט משה וויניק געלעגנהייט געהאַט צו שטודירן גרינטלעכער די קאָדעקסן פון בבל. די פאַר־העלטענישן צווישן מצריים און בבל זענען ניט געווען קיין פריינדלעכע, עס האָט אפילו ניט עקסיסטירט קיין האַנדל־פאַרקער צווישן די צוויי מדינות. פאַרמאָסטן איינס אַקעגן אַנדערן צו פאַרשלינגען די קלענערע מלוכות און שטאַמען, וואָס זענען געלעגן איבער דעם ברייטן שטח צווישן זיי, האָבן די צוויי גרויסע פעלקער געלעבט אין שטענדיקער מורא, אַז די צווייטע מדינה זאָל ניט קריגן די אויבערהאַנט. די אייפערזוכט און די מיליטאַנטישקייט פון קאָנקורענטן האָבן אַזוי אַרום קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט צווישן זיי. משה האָט זיך נאָר באַקענט מיט פראַגמענטן פון דער געזעצגעבונג פון בבל, און ער האָט פון לאַנג אָן געטראַגן זיך מיט אַ געהיימן וואונטש צו גיין קיין בבל און אויפן אָרט באַקענען זיך מיט די געזעצן פון לאַנד. די פיינטלעכקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיין לאַנד און בבל, איז געווען אַ שטער פאַר זיין פּלאַן. איצט אָבער, ווי אַ פּליט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין מדבר, האָט ער געטראַכט נאָכצוגעבן דעם וואונטש פון די אַלטע טעג און גיין דורך אדום און דעם מדבר פון אַראַביע קיין בבל.

אין דעם מדבר־שור איז אָנגעגאַנגען אַ קליינער פאַרקער פון עגיפּטישע קאַראַוואַנען. דער גרויסער וועג פון קאַראַוואַנען האָט זיך געפונען טיפער אַרונטער, אין מדבר פאַרן, אַ דירעקטער וועג פון דער שטאָט מעמפיס צו דעם האַלב־אינדזל סיני. דאָס איז אויך געווען דער וועג צו דער אַראַבישער וויסטעניש דורך דער קליינער אָאַזיס־שטאָט עציון־גבר,ביים אויסגאַנג פון רויטן ים.

דאָרט, וואו משה האָט זיך געפונען, איז דער וועג געווען פוסט און לער. פון דער שטאָט סוכות, וואו פּיהאַ האָט אים אַדורכגעפירט דורך דעם ים פון געמויזעכץ, האָט משה ניט אָנגעטראָפן קיין איין מענטשן אויפן וועג. ער האָט אויך ניט געוואוסט פון קיין אָאַזיס, וואָס ער זאָל דאָרט קאָנען געפינען אַ מלון אויף איבערצונעכטיקן די נאַכט. צו קדש־ברנע אין מדבר צין איז געווען אַ ווייטער מהלך פון אַ וואָך, האָט משה באַשלאָסן צו בלייבן נעכטיקן גלייך אויפן אָרט, וואו ער איז געשטאַנען.

דער אָוונט האָט אָפּגעקילט די הייסקייט פון טאָג. אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן איבער דער אויבערפלאַך פון זאַמד. אַ געדיכטע ראָסע איז געפאַלן און האָט, ווי אַ שלייער, זיך אויסגעשפּרייט אויפן זאַמד. משהן איז קיל געוואָרן.

ער האָט זיך איינגעוויקלט אין דעם ווייסן וואָלענעם קיטל, וואָס פּיהאַ האָט אים געבראַכט, און אַוועקגעזעצט זיך אין אַ קליינעם גראָבן, וואָס דער ווינט האָט אויסגעהוילט צווישן צוויי אָנגעשאָטענע בערגלעך זאַמד. ער האָט אויפגעבונדן דאָס בינטל עסנוואַרג, וואָס ער האָט געטראָגן אָנגעבונדן אויף זיין שטעקן, און די קירבעס־פלאַש, וואָס ער האָט געהאַט צוגעבונדן צו זיין גאַרטל, און גענומען עסן פאַרן שלאָפן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן ראַפּטאַם, און ווען משה האָט זיך אויסגעצויגן אין טאָלכל צווישן די צוויי בערגלעך, זענען די שטערן שוין געשטאַנען גרויס אין הימל און האָבן געשיינט מיט אַ העל ליכט. משה האָט געקוקט אין די שטערן אַריין און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געהערט די זקני־ישראל דערציילן וועגן דעם פאָטער פון אַלע שבטים פון ישראל, ווי ער איז געווען אויפן וועג קיין חרן, און די נאַכט איז אויף אים אָנגעפאַלן, און ער האָט זיך געלייגט אויף דער ערד שלאָפן און ער האָט געזען אין חלום ווי אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און דערלאַנגט מיטן שפּיץ אין הימל, און מלאכים פון אלהים גייען אַרויף און אַראָפּ דעם לייטער. ער האָט איצט פאַרשטאַנען דעם זין פון דעם חלום: עס איז דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן ערד און הימל; דער מענטש איז נישט געוואָרפן אויף הפקר, ווי די בהמה און חיה, נאָר ער שטייט אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זיין באַשעפער, וועלכער פירט־אָן זיין וועלט און רעגירט איבער איר דורך זיינע משרתים די מלאכים, וועלכע האַלטן אין איין שטייגן און נידערן אויף־און־אָפּ דעם לייטער, וואָס פאַרבינדט הימל און ערד. אויך ער, משה, האָט אין דעם ליכט פון די שטערן, וואָס פאַלן איבער דעם זאַמד פון מדבר, געקאָנט זען די מלאכים, וואָס פאַרבינדן הימל און ערד. ער האָט געקאָנט פילן די פאַרבינדונג צווישן באַשאַפער און מענטשן און געקאָנט הערן דאָס קול פון גייסט, וואָס רופט צו יעקבן: „איך בין דער גייסט פון אברהם און דער גייסט פון יצחק, דיין פאָטער".

משהס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פאַרכט פאַרן גייסט פון זיינע אבות. ווי יעקב, האָט ער פאַרלאָזט זיין פאָטערס הויז און געפילט, אַז דער גייסט פון זיינע אבות גייט־מיט מיט אים. און ווי יעקב, האָט ער אויך געוואָלט בעטן צו אים, אים אָנרופן ביים נאָמען, אויסשטרעקן די הענט צו אים און זיך באַהעפטן אָן אים. משה האָט ניט געוואוסט ווי אים אָנצורופן, האָט ניט געוואוסט זיין אָרט, האָט ניט געוואוסט קיין הימן און קיין תפילה צו אים. ער האָט געקענט און געוואוסט ניט מער ווי די הימנען און די תפילות צו די געטער פון מצריים. ער האָט זיי אָבער פיינט געקראָגן און ניט געוואָלט רעדן צום גייסט פון זיינע אבות מיט די ווערטער, וואָס די מצרים זאָגן זיי אַרויס פאַר זייער גאָט רא. ער האָט געזוכט אַ פאַרבינדונג מיטן גייסט פון זיינע אבות. ער האָט געוואָלט דערגרייכן צו אים מיט אַ הימן און מיט אַ נאָמען, וואָס געהערט נאָר אים, דעם גייסט אַליין, און ניט וועלכן־עס־איז אָפּגאָט. ער האָט געוואָלט געהערן צו אים, אַרונטערקומען אונטער זיין השגחה, שטיין אונטער זיין שוץ, ווי עס זענען געשטאַנען זיינע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, און אַלע זייערע קינדער אין מצריים.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, האָט געקניט אין זאַמד און זיין פּנים און זיינע אָרעמס אויסגעשטרעקט צום אויסגעשטערנטן הימל.

„צו דיר, וואָס איך ווייס ניט דיין נאָמען און קען ניט דיין אָרט; צו דיר, וואָס דו ביסט אַרום מיר — ווען אַפילו איך זע דיך ניט; צו דיר, וואָס דו האָסט זיך באַוויזן צו מיינע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, צו דיר הויב איך מיינע רייד. איך ווייס ניט דיינע וועגן און קען ניט דיין גערעכטיקייט. נאָר איך גלויב אין דיין הבטחה, וואָס דו האָסט געגעבן מיינע עלטערן, און ווייס פון אַלץ, וואָס עס ווערט געטון מיט די קינדער פון דיינע פריינד. דו זעסט זייער פּיין און דו הערסט זייער קרעכצן, און דו וועסט דערפילן דיין הבטחה און וועסט זיי אויסלייזן פון זייער קנעכטשאַפט. פאַרגעס ניט אָן מיר, האַלט מיך אָנגעבונדן אָן דיר. אומעטום, וואו איך וועל זיין, לאָז מיך ניט פאַרגעסן אָן דעם פּיין פון מיינע ברידער. האַלט מיך אָנגעבונדן אָן זיי. און ווען זייער צייט וועט קומען און דו וועסט איילן פון דיין וואוינונג מיט דיינע הימלשע חיילות צו זייער באַפרייאונג, באַפריי מיך אויך, גאָט פון מיינע אבות, פאַרשטויס מיך ניט פון דיין פאָלק, לאָז מיך זיין אַ טייל פון זיי".

צומאָרגנס, ווען משה האָט זיך געפונען אויף זיין וועג אין מדבר־שור, האָט ער געהערט אַ שטימע הינטער זיך:

— פוסגייער, פוסגייער, דו ביסט ניט אויף דיין ריכטיקן וועג, — האָט אים ווער גערופן הינטער אים. — דאָס, וואָס דו זוכסט, וועסטו ניט געפינען אויף דיין וועג.

ווען משה האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען ווי אַ מאַן, רייטנדיק אויף אַן אייזעלע, איילט נאָך זיינע טריט. ווען דער מאַן האָט זיך דערנעענטערט צו אים, איז משה פאַרוואונדערט געוואָרן איבער זיין אויסזען.

דער מאַן איז געווען איינגעוויקלט איינגאַנצן אין טיכער און שמאַטעס, וואָס האָבן צוגעדעקט ניט נאָר זיין גוף, נאָר אויך זיין פּנים און האַלדז, אַז מען האָט קוים געקאָנט אַרויסזען זיינע אויגן, און דאָס נאָר איין אויג, ווייל דאָס צווייטע אויג זיינס איז געווען בלינד. פון אָן אָפּענער, רויטער וואונד האָבן געטריפט טראָפּנס ראָפּע. דערפאַר אָבער האָט דאָס אייזעלע זיינס, אויף וועלכן ער האָט געריטן, געהאַט אַ פּנים ווי אַ מענטש, להבדיל, מיט גרויסע קעלבערנע אויגן, וואָס האָבן געשטאַרט אויף משהן. איבער דעם מאַנס קערפּער זענען געהאַנגען אויף לאַנגע שנורן געטער און געצן פון ליים און קליי און פאַרשיידענע פאָרעמס פון חיות, בהמות און שרצים. פון טאָרבעס האָבן אַרויסגעשטעקט ליימענע טאַבעלן און פּאַפּירוס־שריפטן. אויך דאָס אייזעלע איז געווען באַהאַנגען מיט געצן, וואָס איין גרויסער געץ, אין דער פאָרעם פון אַ מומיע־אַרטיקער קאַץ, איז אַראָפּגעהאַנגען פון דעם אייזעלעס האַלדז.

— פון וואַנען ווייסטו, פרעמדער, מיין וועג און מיין ציל? — פרעגט אים משה. — דערצו נאָך מיט פאַרבונדענע אויגן?

— באַדאַרף אַ זעער אויגן צו זען, וואָס עס טוט זיך אויפן וועג? מיין אייזל זעט פאַר מיר. מיין שונא איז זי געווען אין אַן אַנדער לעבן, אין אַן אַנדער דור. איך האָב זי פאַרכישופט און געמאַכט פאַר מיין אייזל. זי איז מיין אויג און

מיין מויל פאַר אַלץ, וואָס איז אויפגעדעקט; פאַרהוילענע זאַכן זע איך מיט מיין גייסט.

— איז וואָס אַזוינס זוך איך, פרעמדער? — פרעגט אים משה.

— דו אנטלויפסט פון אַ גרויסער עוולה און גייסט אויף אַ וועג צו זוכן גערעכטיקייט.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, זעער?

— מיין גייסט, וואָס לעבט אין בלינדן אויג. דו ביסט ניט דאָס קלייד, וואָס דו טראָגסט. דאָס קלייד איז פון פיינסטן עגיפּטישן וואָל און דיין גאַרטל איז באַלייגט מיט בייטלען זילבער, וואָס איך קען זען, אַז זיי האָבן די פולע וואָג, וואָס מאַכט זיי פאַר גוט געלט אין אַלע לענדער. דאָך האָסטו ניט קיין בהמה אונטער דיר, וואָס זאָל טראָגן דעם חשובן לייב און אַזאַ בכבודיק קלייד. און ניט קיין שומר ביי דיין זייט צו היטן דעם אוצר פון דיין גאַרטל פון גזלנים און וועג־רויבער. אויך ניט קיין משרת, וואָס זאָל פרייליאַזן דיינע פּליצעס פון די שווערע פּעק פּראָוויזיע. די ריחות פון גוטע איילן, וואָס קומען־אַרויס פון דיין געפּעק, דערגייען צו מיינע נאָז־לעכער דורך דעם דיקן באַנד אויף מיין פּנים. דאָס אַלץ זאָגט מיר, פרעמדער, אַז אייליק איז געווען דיין וועג, אין גרויס געהיים, אָן אַ באַגלייטער. ווער קאָן עס זיין, וואָס אנטלויפט מיט אַזוי פיל גוטס? אַ גנב? ניין. אַ גנב גייט ניט אַזוי פריי אין העלן טאָג. פרעהס אַ הויך־געשטעלטער משרת, אַ קרוב למלכות, אַ שני־למלך, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט פאַרן הויף? פאַרפאָלגט פון זיינע שונאים, גייט ער זוכן גערעכטיקייט ערגעץ אַנדערש? סיי־ווי־סיי, ווער דו זאָלסט ניט זיין, נויטיקסטו זיך אין דעם שוץ פון די געטער אויף דעם געפערלעכן וועג. אָט האָב איך פאַר דיר אַ שנור מיט הייליקע עקדישן. גאָטס נאָמען שטייט אויסגעקריצט אויף זיי, און איך פאַרטרוי דיר דאָס אין געהיים, — לאָזט דער פרעמדער אַראָפּ זיין שטימע. — איך האָב געהערט דעם נאָמען פון גאָט פון דעם מויל פון גרויסן כהן אין טעמפּל, און דאָ האָב איך אים אויסגעקריצט אויף דעם עקדיש. געבונדן וועט ער זיין צו דיין ווילן. וועסט אים קאָנען באַפעלן ווי אַ שקלאַף, ווי איך באַפעל מיין אייזל, וואָס איז ניט קיין אַנדערער ווי נאָר אַ געפאַנגענער גאָט. איין בייטל מיט דעם שווערן זילבער, און דער גאָט איז דיינער.

— געטער, וואָס מען קאָן פאַנגען און זיי קויפן פאַר זילבער, זאָלן מיינע באַשיצער זיין? ניין, פרעמדער, איך בין אויף דעם וועג צו זוכן דעם, וואָס מען קאָן ניט פאַנגען און מען קאָן אים ניט קויפן ווי אַ שקלאַף. דער גאָט, וואָס איך זוך, איז דער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף זיי. און ער רעגירט איבער זיי מיט גערעכטיקייט, ווייל ער איז אַ גאָט פון גערעכטיקייט.

— וואָס האָב איך געזאָגט? — קלאַפּט זיך דער זעער מיט נחת אויפן בויך. — דאָס קלייד איז אַן עגיפּטיש קלייד, דאָס לייב געהערט פרעהן, ווייל עס איז פון די בני־יוסף. אָבער בחינם וואַרטן זיי, אַז דער גרויסער גאָט זאָל קומען זיי באַפרייען. דער גרויסער גאָט וועט ניט קומען. דער גרויסער גאָט זיצט געפאַנגען אין די פייערדיקע בערג פון סיני. ער האָט ניט געקאָנט אומגיין מיט די מענטשן,

געהאַלטן אין איין פֿאָדערן פֿון זיי גערעכטיקייט. און טאָמער וואָס, איז ער באַלד געקומען און האָט זיי באַשטראָפֿט, געשיקט אויף זיי אַ מבול, געלאָזט רעגענען פֿייער פֿון הימל. ער האָט ניט געקאָנט הויזן ניט מיט די מענטשן, ניט מיט די געטער, איז אײפֿערזיכטיק אויף זיי. האָבן די געטער געמאַכט אַ בונד קעגן אים. זיי האָבן אַרויסבאַקומען זיין נאָמען, האָבן אים אַראָפּגעפּישופּט פֿון די הימלען אויף דער ערד און האַלטן אים געפֿאַנגען אין די פֿייערדיקע בערג פֿון סיני. מען הערט ביינאַכט זיין שטימע, ווי ער קלאָגט אַרויס פֿון די בערג. און אברהמס אייניקלעך זיינען אַלץ פֿאַרשקלאַפֿט ביי פּרעהן און וואַרטן־אויס אויף זיין קומען. בחינם וואַרטן זיי, דער גרויסער גאָט, מיט וועלכן אברהם האָט זיין ברית געשניטן, איז טויט!

— ווי די געטער, אַזוי זענען זייערע זעער. פֿאַלשקייט וואוינט אין זייערע הערצער, ליגן אין זייערע מיילער, שווינדל אין זייערע הענט. ניט אויס דעם חומר פֿון אייערע געטער איז דער גאָט פֿון אברהם געמאַכט, אַז מען זאָל אים קאָנען איינצוימען און נעמען געפֿאַנגען. דער גאָט פֿון אברהם איז דער גאָט פֿון גערעכטיקייט. די גערעכטיקייט קאָן פֿאַרשווינדן אויף אַ ווייל, זי לעבט אָבער תּמיד, ווייל די גערעכטיקייט איז דער אמת.

— אײַ־אײַ־אײַ, אָט־דאָס זאָג איך דאָך דיר. דער גאָט פֿון אַברהם איז געווען דער גאָט פֿון גערעכטיקייט, און דערפֿאַר טאַקע האָט ער ניט געקאָנט הויזן ניט מיט די געטער, ניט מיט די מענטשן. גערעכטיקייט איז אַ צו־טייערער פּרייז צו באַצאָלן פֿאַר אַ גאָט. בחינם וואַרט איר אויס אויף דער גערעכטיקייט, אַז זי זאָל קומען אייך באַפֿרייען. דער גאָט פֿון גערעכטיקייט זיצט אין קייטן געפֿאַנגען. דו פֿאַרבינד זיך ליבערשט מיט די היימישע געטער, וואָס וואוינען אויף דער ערד, קענען די נאַטור פֿון מענטשן און וויסן פֿון זייערע נויטן. אַזאַ קליינער עקדיש־גאָט, וואָס דו קאָנסט קויפֿן פֿאַר אַ צען זילבערנע שקלים, וועט דיר מער העלפֿן אין דיין נויט ווי דער גאָט פֿון גערעכטיקייט. ער וועט דיך באַשיצן פֿון יעדן שלעכטן אויג און דיך פֿאַרהוילן פֿון פּרעהס פֿאַרפֿאָלגער. און פֿאַר אַ ביוטל מיט זילבער קאָנסטו באַקומען פֿון מיר דעם גאָט פֿון הייליקן קאַלב, וואָס וועט שטאַרקן דיינע לענדן און מערן דיין פּרוכטבאַרקייט. אַ פּרעמדער מיט שטאַרקע לענדן און פֿיל פּרוכטבאַרקייט איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין יעדן הויז, וואו עס וואוינען טעכטער.

נאָר משה האָט שוין ניט געהערט דאָס פּלאַפּלען פֿון דעם בלינדן זעער. ער האָט געאײַלט פֿון אים מיט פֿלינקע טריט, לאָזנדיק זיך גיין אין אַן אַנדער וועג, כּדי צו פֿאַרווישן זיין שפּור פֿון פּרעהס נאָכיאָגער, וואָס דער זעער וואָלט זיי געקאָנט אָנווייזן אויף אים. אַנשטאָט צו גיין קיין קדש־ברנע אויפֿן וועג קיין אדום, האָט ער זיך פֿאַרקערעוועט אַרונטער צום מדבר־שור און זיך אַוועקגעלאָזט צו עציון־גבר, וואָס איז ביים אויסגאַס פֿון רויטן ים. דאָרט וועט ער זען, וואָס ער האָט צו טון.

דאָס באַגעגעניש מיטן זעער האָט איבערגעלאָזט אַ שווערקייט אויף משהס געמיט. דער מענטש איז אים געווען פֿרעמד. ער האָט געקענט אַזעלכע זעער, ווילדע נביאים פֿון ווילדע געצן, וואָס וואַנדערן אַרום איבער די מדינות

און פֿאַרקויפֿן די מענטשן זייערע אָפּגעטער. די גאַנצע ערד פֿון מצרים ביז בבל איז צוגעדעקט מיט איין שוואַרצער כמאַרע פֿון כּישוף און געצנדינסט. דאָס כּישוף פֿון מצרים גיסט זיך אַרויס, ווי אַ מבול, און פֿאַרשפּרייט דאָס גאַנצע לאַנד, וואו דער מענטש וואוינט. שרצים און אומוועדיקע חיות, מומיעס פֿון קעץ און קראָקאָדילן הערשן איבער די מענטשן. טויטע געטער זענען זייער געזעץ און די גאַנצע ערד איז אָנגעפּילט מיט שוואַרצע רוחות און אָבערגלויבעריי. גאָט האָט זיך פֿאַרשלאָסן אין די הימלען און אָפּגעטון זיין פּנים פֿון דער ערד. זיין גאַנצע בריאה איז איבערגעלאָזן אויף הפקר. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן יעדער שפּור פֿון אַ געטלעכער השגחה אין דער פֿירונג פֿון מענטשן. אַלע באַנדן זענען פֿרייגעלאָזן. עס מישן זיך אויס מענטש, בהמה און שרץ, און זיי ווערן איין משפּחה, די משפּחה פֿון דער ערד.

דאָס איינציקע פֿאָלק, וואָס עס האַלט זיך נאָך ביי אים אויף אַ פּונק הימלש ליכט, איז פֿאַרשקלאָפֿט ביי געצנדינער. דער זכרון פֿון אַ מסורה פֿון אַ לעבעדיקן איינציקן גאָט טוקט זיך אין אַ ים פֿון עבֿודות און שפֿלות. אברהמס ברית ווערט אויסגעלאָכט און אויסגעשפּאָט פֿון די פֿעלקער. יעדער אָנדענק פֿון אַ העכערן גייסט פֿאַרגייט. די וועלט איז פֿינצטער. דער מענטש איז בלינד. דער איינציקער זעער איז אין קנעכטשאַפֿט, גלייך עס וואָלט, חלילה, אמת געווען, אַז די שרצים־געטער האָבן זיך געשטאַרקט איבער דעם העכערן גאָט און האַלטן אים געפֿאַנגען, כּדי זיי זאָלן רעגירן אומגעשטערט איבער די מענטשן.

אָבער אַלץ אין אים האָט רעוואָלטירט קעגן אַזאַ השגה. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרמשפּטן די וועלט צו אייביקער פֿינצטערניש און דעם מענטשן צום אונטערגיין. דער, וואָס האָט באַשאַפֿן די וועלט, האָט זי באַשאַפֿן מיט אויסגערעכנטקייט פֿאַר אַ באַשטימטן צוועק און תּכלית. ער האָט איינגעפֿירט געזעץ, אָרדענונג אין זיין באַשאַף. עס איז אים ווידער געקומען אויפֿן געדאַנק, וואָס ער האָט זיך שוין געהאָט געזאָגט פֿריער, ווען ער האָט צוגעזען ווי די מצרים דינען צו דער זון ווי צו אַ גאָט. די זון איז ניט קיין באַשאַפֿער, האָט ניט קיין מאַכט איבער דעם גורל פֿון דער וועלט. זי האָט אַפֿילו ניט קיין אייגענעם ווילן. זי איז ניט מער ווי איין כּלי אין דעם באַשאַף און פֿירט זיך לויט דעם סדר און דער אָרדענונג, וואָס גאָט דער באַשאַפֿער האָט פֿעסטגעשטעלט פֿאַר איר. און ווי די זון, אַזוי איז אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפֿן, איינגעפּאַסט אין דעם סיסטעם פֿון זיין פֿירונג. דאָס גרויסע מצרים מיט זיין רחבֿות און גבֿורה איז אַ קנעכט צו אַ קנעכט. און אַזוי זענען אַלע פֿעלקער און אַלע מענטשן, וואָס דערקענען נישט דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, נאָר דינען צו דער שאַפֿונג פֿון גאָט. די איינציקע בני־חורין זענען דווקא פּרעהס שקלאַפֿן, די קינדער פֿון אברהם, וואָס צווישן זיי לעבט די השגה פֿון דער געטלעכקייט און וואָס זיי וואַרטן־אויס אויף גאָטס גערעכטיקייט. און ווען אַפֿילו ער זאַמט זיך צו קומען צו זייער הילף, פֿאַרלירן זיי ניט דעם בטחון און די אמונה אין אים. זיי זענען די פֿרייע אין קנעכטשאַפֿט, ווייל זיי האָבן אַ דין און אַ דיין איבער זיי.

„אָ, גאָט פֿון אברהם, יצחק און יעקבֿ, איינציקער לעבעדיקער גאָט פֿון מיינע אָבֿות, לאָז מיך האָבן מיין חלק מיט די שקלאַפֿן פֿון מצרים. האַלט מיך אָנגע־

בונדן אָן דיר. לאָז מיך זען דיין ליכט און לאָז מיך ניט אַרונטערזינקען אין דעם ים פינצטערניש, וואָס האָט צוגעדעקט דיין ערד", — האָט משה איבערגעחזרט זיין תפילה צו גאָט.

*

אין עציון־גבר, וואָס משה איז אָנגעקומען אַהין נאָך וואָכן וואַנדלעניש, האָט ער באַלד איינגעזען, אַז דאָס אָרט איז געפּערלעך פאַר אים. עציון־גבר איז געווען אַ זאַמל־פונקט פאַר קאַראַוואַנען, וואָס האָבן געצויגן פון מצרים קיין אַראַביע, און איבער דעם וועג זיינען געגאַנגען פּרעהס עקספּעדיציעס, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אין די לענדער פון אַזיע. דאָס אָרט איז אויך געווען אַ האַפן־שטאָט פון רויטן ים, וואו עס האָבן זיך געהאַלטן פּרעהס שיפן. משה האָט זיך ניט לאַנג אויפגעהאַלטן אין עציון־גבר. ער האָט מורא געהאַט, אַז פּרעהס נאָכיאָגער זאָלן אים ניט דערקענען. ער האָט זיך פאַרנומען אויף לינקס, ניט צו דער אַראַבישער וויסטעניש, נאָר צו דער וויסטעניש פון מדין, וואָס איז געלעגן אויף דער צווייטער זייט אויסגאָס פון רויטן ים, און נאָך אַ מעת־לעת וואַנדערן איז ער אין אַ פרימאָרגן אָנגעקומען צו דער אָאַזיס־שטאָט מדין.

ווי דער מנהג איז געווען, ווען אַ פרעמדער קומט־אָן אין אַ שטאָט, האָט ער אויך געמאַכט אַן אָפּשטעל ביים ברונים, וואָס איז געלעגן אויסער דער שטאָט, און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט וואַרטן, ביז מענטשן פון שטאָט וועלן קומען אָנשעפּן וואַסער, צו טרעפן איינעם, וואָס זאָל אים נעמען צו זיך ווי אַן אורח.

עס איז נאָך געווען פרי אין טאָג. די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן אָנגעהויבן טריקענען דעם טוי פון די גרעזער אַרום. דאָס אָרט איז אים געפעלן. ער האָט באַמערקט די קליינע ליימענע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען באַהאַלטן אין שאָטן פון טייטל־ביימער, האָט זיך געלאַבט מיט דער גרינקייט פון די לאָנקעס אַרום די וואַסער־קוואַלן, וואָס האָט אָנגענעם געקילט זיינע אויגן, אַזוי לאַנג פאַרשמאַכט און אָנגעברענט פון די הייסע מדבר־זאַמדן.

משה האָט זיך דערמאָנט אָן זיין עלטער־זיידן, יעקב, וואָס ער האָט אַזוי גערן געהאַט צו הערן מעשיות וועגן אים פון דעם מויל פון די זקני־ישראל. ער האָט געזען פאַר זיך יעקבן ווי ער איז אַזוי געזעסן ביי די ברונימער ביי זיין אָנקומען קיין חרן. עס איז אים אויפן זינען געקומען יעקבס תפילה צו גאָט אין בית־אל, דער נדר, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, אַז ווען גאָט וועט זיין מיט אים אויף דעם וועג, אויף וועלכן ער גייט, און וועט אים געבן ברויט צו עסן און אַ מלבוש אָנצוטון, און וועט אים ברענגען צוריק בשלום צו זיין פאָטערס הויז, וועט גאָט זיין זיין אלהים. אויך ער, משה, איז אַוועק פון זיין פאָטערס הויז. ביין, ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין פאָטערס הויז. זיינע ברידער האָט ער געמוזט פאַרלאָזן, און ער בענקט נאָך זיי, ווי יעקב האָט געבענקט נאָך זיין פאָטער יצחק. און ווי יעקב, בעט ער אויך ביי גאָט, אַז ער זאָל אים היטן אויף זיין וועג. פאַר זיך פאַרלאַנגט ער פון גאָט ניט מער ווי יעקב האָט פאַרלאַנגט, — ברויט צו עסן און אַ מלבוש אָנצוטון, — ניט קיין מלוכות, ניט קיין שררהשאַפט. נאָר דאָס אָרעמע ברויט פון פּראָסטן אַרבעטער און אַ קלייד אָנצוטון פאַרלאַנגט ער פון

גאָט; און נאָך פֿאַרלאַנגט ער און בעט ביי גאָט, אַז ער זאָל אים ברענגען בשלום צוריק אין זיין פֿאָטערס הויז — צו זיין מיט זיינע ברידער צוזאַמען. אין חרות, אָדער אַפֿילו אין עבדות, וויל ער זיין מיט זיי.

און ווי משה טראַכט אַזוי וועגן יעקבן און אַלץ, וואָס עס איז געשען מיט אים ביים ברונים אין חרן, זעט ער ווי רחל קומט־אָן. ער דערקענט זי, זי איז די העכסטע פֿון אַלע אירע שוועסטער. דאָס איז די, וואָס גייט פֿאָראויס פֿון איר סטאַדע שאָף, מיט דעם קרוג אויפֿן אַקסל, אַזוי פֿריי און אַזוי שטאָלץ. און אירע שוואַרצע צעפּ זענען פֿאַרשפּרייט אַרום איר, און איר שטאָלצער קאָפּ זיצט אויף איר הויכן האַלדז, ווי אַ טורעם אין דער זון. אירע טריט זענען געמאָסטענע, פּאַמעלעכע, און איר גאַנץ וועזן באַוועגט זיך אין דעם ריטם פֿון אירע טריט. נאָך די שאָף גייען די שוועסטער. זיי טרייבן אונטער די שאָף. נאָר זיי באַדאַרפֿן זיי ניט אונטערטרייבן: די סטאַדע גייט לאַנגזאַם נאָך דער העכסטער שוועסטער — אין דעם ריטם פֿון אירע טריט.

משה האָט דעם באַגער צוצוקומען צום ברונים און אָנשעפּן וואַסער אין דער קאָרעטע פֿאַר רחלס שאָף, ער טוט אָבער אַ טראַכט, אַז אַ פֿרעמדער איז ער אויף דעם אָרט. די, וואָס קומט־אָן אַהער, איז אים ניט קיין קרובה, ווי רחל איז געווען יעקבס קרובה. אַ פֿרעמדער איז ער דער רחל, וואָס קומט־אָן. ער קאָן איר ניט פֿאַלן אויפֿן האַלדז און איר זאָגן, אַז ער איז איר פֿאָטערס ברודער. זיינע ברידער זענען אין מצרים, אין קנעכטשאַפֿט ביי פּרעהן. זיצט ער אַזוי און קוקט זיך צו ווי די זיבן בתולות שעפּן־אָן וואַסער פֿון ברונים און גיסן דאָס וואַסער אין דער לאַנגער שטיינערנער קאָרעטע, וואָס איז ביים ברונים. די שאָף שטופּן זיך, דאָרשטיקע, צו דעם פֿרישן, קוועלנדיקן וואַסער, וואָס פֿליסט אין דער קאָרעטע. די מיידלעך שטייען צווישן זיי און גלעטן זיי איבער זייערע ווייסע קעפּלעך.

און ווי משה פֿרייט זיך מיטן בילד, וואָס פֿילט־אָן זיין האַרץ מיט גוטן ווילן צו מענטשן, ווי ער זעט־צו די השגחה פֿון דעם באַשאַפֿער, וואָס גיסט זיך אויס, ווי דאָס קוועלנדיקע וואַסער, איבער זיינע באַשעפֿענישן, ווערט זיין געמיט מיט אַ מאָל צערודערט פֿון אַ האַסטיקן אַנגעלויף. אַ ווילד געשריי און רויע הענט שפּאַרן זיך מיט געוואַלד אַריין אין דעם קנויל פֿון די שאָף. דאָ און דאָרט הויבט זיך אַרויס אַ צעשויבערטער קאָפּ, אַ ווילד פּנים מיט אויסגעפּוילטע ציין פֿון אַן אויפֿגעריסענעם מויל. מיט שטעקנס און אַזוב־שטריק הויבן זיי אָן צעטרייבן די סטאַדע שאָף, וואָס ערשט מיט אַ ווייל צופֿריער האָט זי אַזוי בשלומדיק, מיט בהמהשער תּמימות געטרונקען פֿון דער קאָרעטע. די שאָף צעשרעקן זיך, צעשפּרינגען זיך און לאָזן זיך פֿונאַנדער אויף אַלע פֿיר ווינטן, און צווישן זיי די דערשראָקענע מיידלעך, וואָס פּרוּוון, מיט אומבאַהאָלפֿענע, בעטנדיקע אויגן און אָנמעכטיקע הענט, איינהאַלטן די צעיאָגטע סטאַדע.

אין משהן האָט זיך אויפֿגעוועקט דאָס געפֿיל פֿון גערעכטיקייט. ער האָט פֿאַרגעסן אַז ער איז דאָ אַ פֿרעמדער אויפֿן אָרט, אַז פּרעהס שומרים זענען אפֿשר הינטער אים, אַז יעדער איינער קאָן אים נעמען געפֿאַנגען און אים איבער־געבן אין פּרעהס הענט. נאָר איין געפֿיל איז וואַך אין משהן, איין־איינציקע

ליידנשאַפֿט, די ליידנשאַפֿט צו באַשיצן דעם באַוווּלהטן. די עוולה פֿון די פּאַסטוך־יונגען קעגן די פּאַסטוך־מיידלעך צינדט אים אָן מיט צאָרן. און אַט איז ער צווישן זיי, אַ ריז צווישן קאַרליקעס. און שוין מיט זיין הויכן וואוקס, מיט זיין הערשערישן בליק, מיט זיין מאַיעסטעטישער, באַפֿעלערישער שטימע צעדריקט ער, ווי ווערים, די פּחדנישע פּאַסטוכער.

— איר, ווייבער אין מענערשע העמדער, איר ווילדע ציגן־בעק, ווילט אַוועקרויבן דאָס וואַסער, וואָס אײדעלע מיידלשע הענט האָבן מיט מי אָנגעשעפּט? דאָס וואַסער געהערט צו די, וואָס האָבן עס געשעפּט. אַוועק פֿון דאַנען מיט אייערע סטאַדעס, לאָזט פֿריי די קאָרעטעס! — האָט משה באַפֿוילן.

— מיר האָרכן דיך, האַר, — האָבן די פּאַסטוך־יונגען געענטפֿערט מיט שרעק. משה האָט איינגעזאַמלט די צעשפּרייטע סטאַדע פֿון די פּאַסטוך־מיידלעך, האָט זי געבראַכט צו דער קאָרעטע און זי איבערגעגעבן צוריק אין די הענט פֿון די מיידלעך.

— גייט בשלום אַהיים צו אייער פֿאָטער. איך וועל דאָ שטיין אויף דער וואַך און זען, אַז די פּאַסטוך־יונגען זאָלן אייך ניט באַלעסטיקן אויפֿן וועג.

די מיידלעך האָבן געטון, וואָס משה האָט זיי געהייסן.

# 10

זיי האָבן נאָך משהן געפֿונען ביים ברונים, די טעכטער פֿון כהן יתרו, ווען זיי זענען געקומען אים נעמען אַהיים, ווי דער פֿאָטער האָט זיי אָנגעזאָגט. משה איז געזעסן ווי זיי האָבן אים איבערגעלאָזט, אָנגעלענט אויף זיין שטעקן. ער איז געווען אַזוי פֿאַרטון אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי די זיבן בתולות האָבן זיך דערנענטערט צו אים. די עלטסטע פֿון זיי האָט אויפֿגעהויבן איר שטימע און געזאָגט צו אים:

— מיין האַר, אונדזער פֿאָטער רעואל האָט אונדז געשיקט נאָך דיר. אויב מיר האָבן געפֿונען חן אין דיינע אויגן, הויב דיך אויף און קום מיט אונדז און עס מיט אונדז ברויט אונטער אונדזער פֿאָטערס באַלקן.

משה האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז געגאַנגען מיט זיי צו זייער פֿאָטערס הויז.

דער כהן פֿון מדין, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, מיט אָפּגעגאָלטע ברעמען און וואָנצעס, איז אים געקומען אַנטקעגן.

— זאָל דיין קומען אונטער מיין באַלקן זיין געבענטשט. איך האָב געהערט פֿון דעם מויל פֿון מיינע טעכטער ווי דו האָסט זיך אָנגענומען פֿאַר זיי, זיי באַשיצט פֿון די פּאַסטוכער, אָנגעשעפּט פֿאַר זיי וואַסער פֿון ברונים און אָנגעטרונקען זייערע שאָף. און קיין לוין האָסטו ניט פֿאַרלאַנגט פֿאַר אויסהיטן זיי

און ניט דערלאָזן זייערע פאַרפאַלגער צו טון זיי שלעכטס. איך האָב געשיקט מיינע טעכטער צו ברענגען דיך אַהער. פאַרבלייב מיט אונדז אַ ווייל און עס מיט אונדז ברויט. — און יתרו האָט זיך געבוקט פאַר משהן. און נאָך אים איז געקומען זיין זון חובב, אַ יונגער בחור, טונקל־ברוין, אָפּגעברענט פון דער זון, און האָט זיך אויך געבוקט פאַר משהן. דערנאָך זענען געקומען די טעכטער, צפּורה די עלטסטע ביז דער יינגסטער, און זיי האָבן אַלע זיך געבוקט פאַר משהן.

— איך בין צו־קליין פאַר די אַלע חסדים, וואָס איר טוט מיט מיר. איך האָב נאָר געטון, וואָס עס איז אָנגענומען צו טון, האָב באַשיצט אַ שוואַכערן, און קיין דאַנק און קיין לוין קומט מיר ניט פאַר דעם.

— האָסט געטון, וואָס עס איז אָנגענומען צו טון? — וואָונדערט זיך יתרו. — עס פירט זיך ניט אין אונדזער לאַנד, אַז מען זאָל זיך אָננעמען פאַר אַ שוואַכערן. מעג איך וויסן, וואָס עס איז דער נאָמען פון דעם געבענטשטן לאַנד, פון וואַנען דו קומסט? ניט פון מצריים, ווי דיין קלייד זאָגט עדות, אַז דו קומסט?

— עס איז די פירונג פון מיין שטאַם.

— דיין שטאַם? — וואָונדערט זיך ווידער יתרו. — געהערסטו ניט צום שטאַם פון אברהם דעם עברי?

משה איז נשתומם געוואָרן.

— פון וואַנען ווייסטו פון אברהם דעם עברי? און פאַרוואָס רעכנסטו מיך צו צו זיין שטאַם?

— פון וואַנען איך ווייס פון אברהם דעם עברי? ווער פון אונדז ווייסט ניט פון אים? אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דערציילט וועגן אים, און אין אונדזערע דברי־הימים שטייט געשריבן, אַז ער איז אַ פריינד געווען פון גרויסן גייסט. און פון זיין הכנסת־אורחים האָבן מיר געהערט פון אונדזערע קינדער־טעג אָן. אונדזערע אבות האָבן אים פאַר אַ משל פאַר אונדזערע אויגן געשטעלט. און אַז דו מוזט שטאַמען פון זיין שטאַם, ווייס איך פון דעם, וואָס דו טוסט נאָך זיינע מעשים. האָט ער זיך ניט אָנגענומען פאַר לוטן זיין פעטער און מלחמה געהאַלטן מיט כדרלעומר און באַפרייט די אונטערגעדריקטע פעלקער, וואָס דער מלכי־צדק, דער ערשטער כהן פון העכערן גייסט, האָט אים פאַר דעם געבענטשט? און האָט ער זיך ניט אָנגענומען אַפילו פאַר די רשעים פון סדום און עמורה? יאָ, מיר האָבן געהערט פון אברהם דעם עברי! מיר ווייסן פון זיין שטאַם. געהערסטו צו אברהמס שטאַם?

— איך געהער און איך געהער ניט. די אָפּשטאַמיקע פון אברהם זענען קנעכט ביי פרעהן, נאָר איך האָב זיך אויפגעצויגן ווי איינער פון פרעהס זין. מיינע ברידער אַרבעטן אין ליים און ציגל, נאָר איך בין פריי. איך בין ניט קיין קנעכט און ניט קיין בן־חורין. אין פרעהס הויף האָב איך ניט געקאָנט זיין און אויך ניט צווישן מיינע ברידער. איך האָב ניט געקאָנט פאַרבלייבן אַ פרייער צווישן שקלאַפן. איך האָב געזען זייער פיין און נויט, און מיינע הענט האָבן געהאָרכט דעם באַפעל פון מיין פרייען גייסט. זיי האָב איך ניט געקאָנט העלפן און אַליין האָב איך געשטעלט מיין לעבן אין געפאַר. איך בין פאַרטריבן געוואָרן

סיי פון די פּייניקער, סיי פון די געפּייניקטע, און איצט בין איך אַ פּליט פון דיביידע.

— ביי אונז וועסטו געפינען שוץ פון די ביידע. מיר ליגן אָפּגעלייגט פון וועג, טיף אין מדבר, אונטער די בערג פון סיני. אַהער וועלן דיך ניט דערגרייכן פּרעהס שומרים, נאָך ווייניקער — דאָס קרעכצן פון דיינע ברידער. גאָט האָט ניט געבענטשט דעם בויך פון מיין ווייב מיט מענערישן זאָמען. איין־איינציקער זון איז מיין נחלה, און ער איז מיר אַ קנאַפּע הילף. זיין געשטאַלט איז ניט צוגעפּאַסט פאַר קיין כהן. און זיין האַרץ איז אויך ניט דערביי. חובב איז אַ מדבר־מענטש, קען זיך אויס אויף קרייטיכער און געוויקסן. דאָס איז גוט פאַר רפואות, אָבער ניט פאַר דער עבודה. צו דער עבודה באַדאַרף מען אַ מאַן פון הויכן וואוקס, אַ בעל־כוח מיט שטאַרקע הענט, גרויסע אויגן און אַ פרייען ליכטיקן פּנים, אַ מאַן מיט אַ הויכן קול, אַזאַ איינעם ווי דו, וואָס קאָן וואַרפן אַן אימה מיטן בליק פון זיין אויג. דאַרשטיק נאָך באַראַט און הילף זענען דאָ די מענטשן. און ווען אַפילו מיר זיצן אין מדבר, אָפּגעלייגט פון וועג, איז אָבער גרויס דער אָנגעלויף פון היימישע און פרעמדע באַדערפטיקטע. די נויט איז גרויס און פיל זענען די חולאים אויף פאַרשיידענע קרענק, ווייבער־עקרות, וואָס זוכן פרוכטבאַרקייט פאַר זיך און זייערע רינדער. און פלאָגן זענען דאָ פיל. און אַלע קומען זיי צו די געטער נאָך הילף, און זיי מיינען, אַז דער כהן האָט אַ תרופה פאַר אַלע נויטן, קאָן אַלץ ביי די געטער פועלן. און דאָ איז דאָס אייגענע וויסן קנאַפּ, קיין נייע קוואַלן עפענען זיך ניט. נאָך אַלעמען, זיצט מען אין מדבר, ווייט פון דער וועלט. אַ גרויסע הילף קאָנסטו מיר זיין, אַ מענטש וואָס איז ערשט פריש פון מצריים, וויסט די סודות פון כישוף אין די טעמפּלען פון מצריים, איז אין שול געגאַנגען. און אפשר זענען דיר באַקענט די רפואות פון דיינע אבות. מען זאָגט, אַז צווישן יוספס קינדער האַלט זיך פיל מסורה אויף. אַלץ קומט אין אונדזער פאַך צוניץ. אַ גרויסע הילף קאָנסטו מיר זיין.

— כהן פון מדין, גערן וועל איך מיט דיר הויזן, נאָר קיין געהילף אין דיין כהונה קאָן איך ניט זיין. מיין שטאַם קאָן נאָר איין גייסט, דעם גרויסן גייסט פון אונדזערע אבות. קיין אַנדערע זענען ניטאָ. און כישוף איז אַן אומווערדיקייט ביי אונדזער גאָט. אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל מיט דיר בלייבן, קאָן איך בלייבן נאָר אויף איין תּנאי. פּאַסטוכער זענען געווען די אבות פון מיין שטאַם, און אַ פּאַסטוך וויל איך אויך זיין. איך וועל זיין אַ פּאַסטוך פאַר דיינע שאָף.

— אָ, איך האָב פאַרגעסן ווי אייפערזיכטיק עס איז דער הויכער גייסט. און אברהם, דיין פאָטער, האָט דאָך צעשטערט די געצן. מיר אַלע וואָלטן געוואָלט דינען דעם איינציקן גרויסן גייסט, ווען מיר וואָלטן נאָר געוואוסט, ווי אַזוי. קיין נאָמען האָט ער ניט, אין קיין אָרט געפינט ער זיך ניט. און געטער מוזן האָבן ביידע. מענטשן פאַרלאַנגען עפּעס צו זען, אָנטאַפּן מיט די הענט, צו וויסן וואו און ווען. זאָל עס זיין ווי דו זאָגסט. סיי־ווי־סיי, עס איז גוט צו האָבן דיך, מיט דיין פאַרנעם און דיין געשטאַלט, דאָ אויפן אָרט, וואו מאַנספאַרשוינען זענען פאַראַן ווייניק און ווייבער אַ סך. זאָג, פּאַסטוך, וואָס זאָל זיין דיין לוין?

— איינער פון מיינע אבות איז אָנגעקומען, ווי איך, אויף אַ פרעמדן אָרט.

ווי איך, האָט ער קיינעם ניט געהאַט ווי נאָר דעם גייסט פון זיין פאָטער, וואָס האָט אים באַגלייט אויף זיין וועג. און ווי איך, האָט ער ניט געבראַכט מיט זיך קיין גאָלד און קיין זילבער, קיין פי און קיין רינדער, נאָר מער ניט ווי די אַרבעט פון זיינע הענט. און ווען ער האָט געזען דאָס ווייב, וואָס ער האָט ליב געהאַט, האָט ער זיך געשטעלט דינען פאַר איר זיבן האַרטע יאָר. ווען איך בין ביים ברונים געזעסן, האָב איך געטראַכט וועגן יעקבן און געבעטן צו מיין גייסט אין מיין האַרץ, ער זאָל באַשערן מיין וועג און זיין מיט מיר אין דער פרעמד, ווי ער איז געווען מיט יעקבן. דערויף זענען אָנגעקומען דיינע טעכטער מיט דיינע שאָף און איך האָב געזען צפורהן, דיין עלטסטע טאָכטער, ווי יעקב האָט געזען רחלען אָנקומען צום ברונים, און מיין נשמה האָט זיך באַהאַפטן אָן איר. ווי אַ שוועסטער האָט זי מיר אויסגעזען אין מיינע אויגן, אַזוי ווי רחל האָט אויסגעזען אין יעקבס אויגן. גיב מיר דיין טאָכטער, צפורה, פאַר אַ ווייב און איך וועל דינען זיבן יאָר.

— ניט אַפּילו קיין זיבן טעג. אַ זון ביסטו מיר פון ערשטן אויגנבליק, וואָס איך האָב דיך געזען. די טאָכטער איז דיינע און די שאָף זענען דיינע. פון פּאַס־טוכער קומען אַרויס גוטע זעער. אַזוי, אין יעדן פאַל, מיינען דאָ די מענטשן. עס וועט גוט זיין פאַר מיין פרנסה, — האָט יתרו געזאָגט פאַר זיך, און ער האָט זיך געווענדט צו זיין זון:

— גיי, חובב, גרייט־צו אַ רייכע חתונה־סעודה און רוף־צונויף די שטאָט. אַ זון איז צוגעקומען צו יתרון דעם כהן, אַ קינד פון אברהם.

און צו משהן האָט ער געזאָגט:

— איצט זאָג מיר, זון, ווי איז דיין נאָמען? איך האָב דאָס ניט געפרעגט ביי דיר ביז איצט, ווייל איך האָב גערעכנט, אַז דו וועסט ניט האָבן קיין צוטרוי צו אַ פרעמדן. איצט אָבער, אַז דו ביסט מיין חתן, זאָג מיר דיין נאָמען.

— מיין נאָמען איז משה.

— דאָס האָב איך געוואוסט, זינט דו האָסט מיר פאַרטרויט ווער דו ביסט. נאָר וואָס איז דיין פאַרבאָרגענער נאָמען, דער סודותדיקער נאָמען, וואָס דו באַהאַלטסט זיך הינטער אים?

— איך האָב ניט קיין אַנדער נאָמען. מיין נאָמען איז משה.

— עס איז ניט גוט, ווען אַ מענטש האָט נאָר איין נאָמען. מען קאָן אים לייכט כישוף אָפּטון, ווען ער האָט ניט קיין סודותדיקן נאָמען צו באַהאַלטן זיך אין אים. ווי אַ צייכן פון מיין צוטרוי צו דיר, מיין זון, וועל איך דיר זאָגן דעם סוד פון מיין פאַרבאָרגענעם נאָמען. איך טראָג פיל נעמען, נאָר דער נאָמען, וואָס איך טראָג פאַר מיין משפּחה . . . דער נאָמען פאַר מיין משפּחה איז . . . — און יתרו האָט אַרונטערגעלאָזט די שטימע און איינגערוימט משהן אויפן אויער — רעואל. פאַר דיר בין איך רעואל פון היינט־מאָל אָן. פאַר אַנדערע מענטשן — יתרו אָדער יתר. אויך דו מוזט האָבן אַ באַהאַלטענעם נאָמען. ווען עס וועט דיר ווער וועלן כישוף אָפּטון דורך דיין נאָמען משה, וועט ער דיך ניט דערגרייכן, ווייל דו וועסט זיין באַהאַלטן אין דיין סודותדיקן נאָמען, וואָס קיינער וועט ניט וויסן פון דעם ווי נאָר דיין אייגענע משפּחה. איך וועל דיך רופן . . . — און יתרו

האָט זיך אָנגעבויגן צו משהן און אים איינגערוימט אין אויער אַריין זיין סודותדיקן נאָמען.

בשעת יתרו האָט אַזוי אויסגעפירט דעם געהיימען ריטואַל פון בייטן דעם נאָמען, האָט משה זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַרום די אָפּגעטער, צייכנס און כלים פאַר כּישוף, וואָס יתרוס שטוב איז געווען פול מיט זיי. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך ביי לבנען, ווען יעקב איז אָנגעקומען, האָבן זיך געפונען אַ סך תרפים. און ער האָט געזאָגט פאַר זיך: „דער גייסט פון מיינע אבות וויל אַז אויך אין דעם זאָל מיין גורל זיין ווי דער גורל פון יעקב אבינו, אַז מיט תרפים זאָל איך וואוינען, נאָר אין אים זאָל איך גלויבן און אָן אים זאָל איך זיך האַלטן.

*

משהס פאַרטרייבן די פּאַסטוך־יונגען פון ברונים האָט געמאַכט גרויס רושם ניט נאָר אויף יתרוס הויז־געזינט, נאָר אויך אויף אַלע איינוואוינער פון מדין.

מדין איז געווען אַ קליינער אָאַזיס־אינדזל אין גרויסן ים פון מדבר, וואָס האָט פאַרמאָגט גוטע פּאַשע־פעלדער און וואַסער ברונימער. די פּאַסטוך־יונגען האָבן געהערט צו אַ שטאַם פּאַסטוכער, וואָס זענען געזעסן אויפן ראַנד פון מדבר, ניט ווייט פון מדין. זיי האָבן זיך מתקנא־געווען אין די מדינער פאַר זייערע פעלדער און — נאָך מער — זייערע ברונימער. זיי האָבן אָנגעטון די מענטשן פון מדין גרויסע צרות. זיי זענען באַפאַלן פון צייט־צו־צייט די פּאַסטוכער פון מדין, האָבן צוגערויבט פון זיי דאָס וואַסער אָדער פאַריאָגט זיי מיט זייערע סטאַדעס פון פעלד. די מדינער האָבן געלעבט אין שטענדיקער מורא, אַז דער פּאַסטוך־שטאַם זאָל אַמאָל ניט שטאַרקן זיך איבער זיי און זיי אינגאַנצן פאַריאָגן פון דעם געבענטשטן ווינקל. זיי האָבן ניט געהאַט אַרויסצושטעלן פון צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג גענוג מענער, וואָס זאָלן זיין בכוח צו באַשיצן זיי קעגן דעם צודרינגלעכן שכן. זיי האָבן אַפילו געמוזט אָנקומען צו באַנוצן זיך מיט די ווייבער אויף צו פיטערן און היטן זייערע שאָף, וואָס עס האָט אַרויסגע־רופן דעם חוזק און דאָס געלעכטער פון די פּאַסטוך־שטאַמען איבער זיי און זיי געשטעלט אין גרינגשעצונג ביי אַלע אַנדערע שכנים אַרום.

דאָס, וואָס דער פרעמדער, קענטיק, אַ מצרי, האָט איינער אַליין פאַריאָגט אַ מחנה פּאַסטוך־יונגען פון ברונים און באַשיצט יתרוס טעכטער, האָט אַרויס־גערופן גרויס וואונדער ביי די אַרומיקע שכנים, האָט געהויבן משהס אָנזען אין די אויגן פון די מדינער און געוואָרפן אַ שרעק אויף דעם פיינטלעכן פּאַסטוך־שטאַם. עס האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין פאַרשיידענע מעשיות וועגן דעם מצרי, וואָס דער כהן האָט זיך געאיילט צו געבן אים זיין באַליבטסטע טאָכטער פאַר אַ ווייב און אָנצוטרויען אים זיינע שאָף. ער איז ניט נאָר באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ ריז, — און וועגן זיין גבורה האָט מען זיך דערציילט וואונדער־מעשיות, ווי אַזוי ער האָט מיט זיין בלויזן בליק, שאַרף ווי אַ געשליפענע שפּיז, אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די פּאַסטוכער, אַז זיי האָבן זיך געוואָרפן צו דער ערד פאַר אים; נאָר ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ מעכטיקן כּוח פון כּישוף, וואָס ער האָט דאָס געלערנט און איבערגענומען פון די מצרישע כּהנים. מען האָט געזאָגט אויף

אים, אַז ער קען די נעמען פון די געטער, און מיט אַ שפּרוך קאָן ער טויטן אָדער לעבעדיק מאַכן, קראַנק אָדער געזונד מאַכן; ער קען אָפּשפּרעכן עין־הרעס, באַשווערן אַלע רוחות און היילן אַלע קראַנקהייטן. און די לעגענדעס, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דעם פרעמדן מצרישן גבור, וואָס האָט זיך מתחתן־געווען מיט יתרון, האָבן אויך געהאָלפן הויבן דעם אָנזען פון כהן אין די אויגן פון די מדינער און די אַרומיקע שכנים. מען האָט געגלויבט, אַז דער כהן, באַוואָפנט און געשטאַרקט מיט דעם וויסן און דער געניטשאַפט פון זיין מצרישן איידעם, איז בכּוח צו העלפן מענטשן מיט נייע הייל־מיטלען, כּישוף־שפּרוכן און אַלע אַנדערע מאַגישע וויסנשאַפטן, וואָס מצריים איז אַזוי גערימט מיט זיי.

יתרו איז געווען ניט נאָר דער כהן פון מדין, נאָר אויך דער רופא, דער שופט, דער אויסגלייכער פון סכסוכים און דער עצה־געבער פאַר אַלע ענינים, פאַר אַלע טרעפעניש, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אין משפּחות אָדער קהילות, דער העלפער אין אַלע זייערע נויטן און אומגליקן. משה האָט זיך צוגעקוקט צו די מענטשן, וואָס זענען געקומען צום כהן, האָט זיך צוגעהערט צו זייערע פּראָבלעמען, שטודירט די עצות און די ענטפערס, וואָס דער כהן האָט זיי געגעבן. דער כהן האָט געגלויבט אין אַלע געטער און געמיט זיך צופרידנשטעלן איטלעכן לויט דעם גאָט, אין וועלכן ער האָט געגלויבט. ער האָט אויסגעטיילט פאַרשיידענע קמיעות און אָפּשפּרעכעניש, ער האָט אָבער אויך געגעבן רפואות פון שמיר־איילן, זאַלבן, קטורות, וואָס האָבן געהאַט אַ פּעולה. דער כהן פון מדין האָט פאַרמאָגט אַ גרויס וויסן אין צוזאַמענשטעלן רפואות, וואָס ער האָט עס איבער־גענומען בירושה פון אַנדערע כהנים.

עס איז געווען אַ וויסן, אָנגעזאַמלט דורך פיל דורות, איבערגעגעבן און פאַרשפּרייט דורך וואַנדערנדיקע זעערס, וואָס זענען געווען קענער פון פּרימי־טיווער מעדיצין. די מדבר־מענטשן האָבן זייער פיל געליטן פון אויגן־ און הויט־קראַנקהייטן, וואָס די הייסע מדבר־ווינטן און דער דוחק אין וואַסער האָבן זיי געבראַכט. דער כהן, געניט אין די קראַנקהייטן, האָט דערקענט דורך סימפּטאָמען אויף דער הויט, וועלכע צרעת עס לאָזט זיך אויסהיילן, וועלכע איז ניט צום אויסהיילן און וועלכע איז אַנשטעקיק. עס זענען אָנגענומען געוואָרן פאַרזיכטיקע מיטלען צו איזאָלירן די אַנשטעקיקע חולאים; עס זענען אויך איינגעפירט געוואָרן פּרימיטיווע היגיענישע רעגולאַציעס פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג און אַ שטרענגע דיעטע, וועלכע האָט פאַרווערט דאָס באַנוצן פאַר שפּייז געוויסע חיות, בהמות אָדער פיש, וואָס מען האָט געגלויבט, אַז זיי זענען שעדלעך. די אַלע רעגולאַציעס און פאַרבאָטן זענען אויסגעפירט געוואָרן ווי אַ רעליגיעזער ריטואַל, אונטערן דרוק פון דירעקטן געטלעכן באַפעל.

מען איז געקומען צום כהן מיט אַלערליי סכסוכים און געבראַכט פאַר אים אַלערליי לאָדענישן, משפּחה־סכסוכים און שכנישע, פאַרברעכנס פון גנבה און גזלה. עס האָט עקסיסטירט ביי דער באַפעלקערונג פון מדין אַ קאָדעקס פון רעכט, וואָס האָט געטראָגן אַ געוויסע מאָס פּרימיטיוו־מדברדיקן יושר. עס זענען, קודם־כּל, געווען דאָרט אין קראַפט די זיבן פונדאַמענטאַלע געזעצן, וואָס האָבן, לויט דעם אָנגענומענעם גלויבן, געשטאַמט נאָך פון נוחס צייטן. די גע־

זעצן זענען געהייליקט געווען ביי די שבטים פון מדבר. להיפוך צו די מצרים, זענען זיי געווען זייער שטרענג בנוגע דעם אָפּהיטן די גאַנצקייט און די ריינקייט פון דער משפּחה. עס איז פאַרווערט געווען לייבלעכע נאָענטקייט מיט די נאָענטסטע קרובים, ווי אויך מיט בהמות, וואָס עס איז געווען פון די געוויינטלעכע זאַכן צווישן די מצרים. די פּאַסטוך־שבטים האָבן אַפילו געהאַט אַ געוויסע הומאַניטאַרע פאַרהעלטעניש צו די בהמות. זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון באַנוצן אַן אבר מן החי, וואָס די מצרים האָבן עס יאָ געטון, אָדער קאָכן אַ ציגעלע אין דער מילך פון זיין מוטער.

די אַלע געבאָטן, וואָס עס איז ריכטיקער צו באַצייכענען זיי ווי מנהגים, זענען צוגעשריבן געוואָרן צו נוחן, וואָס עס האָט געהייסן, אַז זיי שטאַמען פון אַלטע צייטן און האָבן תּמיד עקסיסטירט, ווי אַ געזעץ פון דער נאַטור. נאָר געהייליקט זענען זיי געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי זענען נאָך באַטראַכט געוואָרן ווי געבאָטן פון אַברהם, וואָס פיל שבטים פון מדבר האָבן זיך געיחוסט מיט אים און אים געהאַלטן פאַרן באַגרינדער און פאָטער פון זייער שטאַם, אים, אָדער זיין זון ישמעאל, אָדער זיין אייניקל עשו. און זיי אַלע זענען אָנגענומען געוואָרן פאַר העלדן, וואָס האָבן געלעבט אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט.

עס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן דעם אויפפירן־זיך פון די העלדן, וועגן זייער שטייגער לעבן און באַנעמונג. אַברהמס הכנסת־אורחים איז געוואָרן אַ הייליקער חוב פאַר פיל שבטים פון מדבר. ביי אַ טייל שבטים איז אָפּגעהיט געוואָרן די מצווה פון כבוד־אב ואם, וואָס זיי האָבן דאָס געמוזט איבערנעמען דורך פאַרשיידענע וועגן פון די עברישע אבות. ביי אַנדערע, ווידער, האָט געהערשט דאָס רעכט פון עלטסטן זון, — ווען דער פאָטער איז אַלט געוואָרן און איז ניט געווען מער ביכולת צו פאַרטיידיקן זיך פיזיש קעגן זיין עלטסטן זון, האָט דער זון אים געהרגעט און אַוועקגענומען פאַר זיך דעם פאָטערס ווייבער און זיין פאַרמעגנס.

זייט־ביי־זייט מיט די גוטע מנהגים האָבן, אַזוי אַרום, אויך געהערשט צווישן די שבטים אין מדבר מנהגים, וואָס זענען געווען פּרימיטיוו־ווילד און אכזריותדיק. ביי אַ טייל שבטים איז געווען איינגעשטעלט אַ מער מענטשלעכע פאַרהעלטעניש צו קנעכט און צו פרעמדע, אַנדערע האָבן געהאַט בנוגע דעם אַ נטיה צו ווילדקייט און אכזריות. אָבער סיי די גוטע, סיי די שלעכטע מנהגים זענען געהאַלטן געוואָרן און אָנגענומען געוואָרן פאַר רעכט. עס איז ניט געווען קיין פעסטגע־שטעלטע מאָס פון יושר. געגאַלטן האָט דער אַלטער מנהג און דאָס אויפפירן־זיך פון דעם און דעם שבט, און לויט אָט־דער מאָס, האָבן זייערע שופטים זיי געמשפּט. עס איז געווען ווי דער מענטש, אַזוי ווי די געטער זיינע, וואָלט געשלאָגן געווען מיט בלינדקייט און ניט געקאָנט אונטערשיידן, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט.

משהס הארץ איז געווען ווי אַ פילטער, דורך וועלכן עס האָט זיך געלייטערט דאָס גוטע פון דעם שלעכטן. מיט זיין אָפּגעם אויג און אָפענעם אויער האָט ער אויפגענומען אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, באַקענט זיך מיט יעדן שטייגער לעבן פון זיינע שכנים, מיט זייערע מנהגים און משפּטים. און ער האָט

דערפילט און דערקענט מיט אַלע זיינע חושים, וועלכע מנהגים און משפטים עס פליסן־אַרויס פון דעם ריינעם קוואַל פון זיינע אבות, וועלכע פון זיי זענען געשטאַנען אונטער דעם חסד פון דעם הויכן גאָט, וואָס זיי האָבן געדינט צו אים. ער האָט דערקענט דעם ווילן פון גאָט, זיין ליבשאַפט און זיין זאָרג פאַר דעם מענטשן. ער האָט דערקענט די האַנט פון דעם מעכטיקן גאָט, און עס האָט זיך ביי אים באַנייט דער בטחון און די אמונה, אַז דער גאָט פון זיינע אבות לעבט און וואַכט איבער דעם מענטשן, — און ווען אַפילו מען זעט ניט זיין מעכטיקע האַנט רעגירן אין דער וועלט, נאָר, פאַרקערט, דער כּוח פון שלעכטס איז דער איינציקער הערשער איבער דער וועלט, וועט גאָטס ממשלה זיך פאָרט באַנייען, ווען די צייט וועט קומען. און ער האָט געגלויבט אין דעם ברית, אין דער הבטחה, וואָס גאָט האָט געגעבן זיינע אבות, און מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין טעמפּעראַמענט האָט ער ליב באַקומען דאָס גוטע און פיינט געקראָגן דאָס שלעכטע, געהאַלטן זיך אָן דעם יושר, ווי אָן דער איינציקער רעטונג אין אַ שטורמדיקן ים, און ניט פאַרטראָגן די עוולה.

ער האָט געלעבט אַליין, איינזאַם אין יתרוס הויז. ניט געקוקט אויפן אָנזען, וואָס ער האָט געוואונען ביי אַלעמען, איז ער געווען אַ פרעמדער ביי זיין אייגענער ווייב. מען האָט שוין געוואוסט ביי יתרון אין שטוב, אַז ער געהערט צו די בני־יוסף, וואָס זענען פאַרשקלאַפט אין גושן. אָבער דאָס איז ניט געווען קיין גנאַי אין יתרוס הויז. די בני־יוסף זענען קיין מאָל ניט פאַררעכנט געווען פאַר שקלאַפן. מען האָט געוואוסט פון זייער אָפּשטאַם און יחוס, און יוספס אָנדענק ווי פרעהס שני־למלך האָט געלעבט ביי די אַרומיקע שכנים. מען האָט אויך געוואוסט וועגן דער האָפענונג אויף דער גאולה, וואָס לעבט צווישן די בני־יוסף, און זייער יחוס פון אַבֿרהמס אָפּשטאַמיקע האָט זיי, ניט געקוקט אויף זייער פאַרשקלאַפונג, צוגעגעבן חשיבות אין די אויגן פון די פעלקער. מען האָט נאָך געוואוסט ביי יתרון, אַז משה איז קיין מאָל ניט געווען קיין שקלאַף אין גושן, אַז ער איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי פרעהן אין הויף און האָט זיך דערצויגן אין די אַקאַדעמיעס פון מצריים. ער האָט געהאַט גרויס וויסן אין אַגריקולטור, וואָס ער האָט דאָס געלערנט אין פרעהס הויף, און געגעבן די מענטשן אָנווייזונגען ווי צו לאָזן אָפּרוען זייערע מאָגערע פעלדער, ווי אַזוי צו מאַכן זיי פעט און פרוכפּערדיק.

אָבער ביי דעם אַלעם האָט אַרום משהס פערזענלעכקייט געהויערט אַ טונקלקייט, און משה האָט מיט גאַרניט געהאָלפן פונאַנדערצוטריאָגן די וואָלקנס פון געהיימעניש, וואָס האָבן אים אַרומגענומען. ניט וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע, — נייך. ער האָט געהאָלפן זיין שווער אין געבן עצות די פיל מענטשן, וואָס זענען געקומען זוכן הילף אין זייער נויט, — נאָר צו זייערע אָפּגעטער האָט ער זיך ניט דערקענט און ניט באַקערט, וואָס עס איז געווען אַזוי זעלבפאַרשטענדלעך, אַז יעדער פרעמדער, וואָס קומט זיך באַזעצן אין אַ נייעם אָרט, זאָל אָננעמען די געטער פון אָרט. ער האָט זיך ניט באַטייליקט אין זייערע יום־טובים. מיט זיין אָפנקייט און זיין היציקן טעמפּעראַמענט האָט ער אַפילו זיך דערוועגט אַרויסצואווייזן זיין פאַראַכטונג פאַר די ווילדע אָרגיעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי דער פייערונג פון איינעם פון זייערע געטער

אונטער אַ בוים, וואו יונג און אַלט האָבן זיך איבערגעגעבן דער געשלעכטלעכער צעלאָזנקייט; אָדער ער האָט זיך געשטעלט קעגן דער טאַטואירונג פון זיין בכור, וואָס זיין ווייב צפורה האָט אים געבוירן, ווי עס איז געווען דער מנהג צו באַצייכענען אַן ערשט־געבוירענעם מיט טאַטואיר־צייכנס פון דער משפחה.

ער האָט ניט געדינט צו די אָרטיקע געטער און אויך ניט אָפּגעריכט קיין עבודה פאַר זיין אייגענעם גאָט. ער האָט זיך אויפגעפירט, גלייך ווי ער, איינער אַליין פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָלט געשטאַנען אויסער דעם שוץ פון אַ גאָט.

און משה האָט זיך טאַקע אַזוי געפילט. ער האָט זיך געזען ווי ער וואָלט געשטאַנען איינער אַליין צווישן הימל און ערד און האָט קיינעם ניט — ניט אין הימל און ניט אויף דער ערד: זיינע ברידער אין גושן האָבן אים פאַרטריבן און געוויס שוין פאַרגעסן אָן אים, און מסתּמא אַזוי אויך דער גאָט פון זיינע אבות. ער איז אָבער געווען דער אייגציקער פון אַלע מענטשן אַרום אים, וואָס האָט געבענקט, געדאַרשט נאָך גאָט, געזוכט דאָס העכערע וועזן, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אַברהמען און אַרויסגעוויזן זיין צוגעבונדנקייט צום מענטשן, זיין ווילן אָנצופירן מיטן מענטשנס גורל און צו באַלייכטן זיין וועג. אַרום אים איז געווען פינצטער איבער דער וועלט און ער האָט געזוכט דאָס ליכט פון גאָט.

און דערביי האָט משה געפּיטערט די שאָף פון זיין שווער. פּיטערן שאָף איז ניט געווען קיין נידעריקע מלאכה. פאַרקערט, דאָס פּיטערן שאָף איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הייליקע רעליגיעזע עבודה. דער פּאַסטוך, וואָס פאַרברענגט מיט זיינע שאָף אין איינזאַמקייט, צווישן הימל און ערד, דרויסן אין מדבר, איז נאָענט צו די געטער. אָפּטמאָל איז דער פּאַסטוך געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ זעער, און מען איז געקומען צו אים פרעגן עצות פאַר אַלע צרות. ער האָט געוואוסט פון רפואות פאַר אַלע מכות, און ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ הייליקן. אָפּטמאָל האָבן פּאַטערס פון שטאַמען, כהנים אָדער אָפּילו הערשער איבער פעלקער פאַרלאָזט זייער ממשלה, זיך צוריקגעצויגן אין איינזאַמקייט און זענען אַרויסגעגאַנגען אין מדבר צו פּיטערן שאָף.

משה אַליין האָט באַטראַכט דאָס פּיטערן שאָף פאַר אַ הייליקער עבודה, ווייל די אבות פון די שבטים פון ישראל, אַברהם, יצחק און יעקב, זענען אַלע געווען פּאַסטוכער. אויך דער פאָטער פון זיין אייגענעם שבט לוי האָט געפּיטערט מיט זיינע ברידער דעם פאָטער יעקבס שאָף, און ער האָט זיך איבערגעגעבן דער עבודה מיט גרויס פלייס און ערנסטקייט.

דאָס פּיטערן שאָף אין מדבר איז ניט געווען קיין גרינגע מלאכה, און עס איז אָנגעקומען משהן זייער שווער זיך אויסצולערנען די מלאכה. מען האָט געמוזט קענען דעם מדבר אין אַלע זיינע געהיימענישן, וואו ס׳ליגט באַהאַלטן ערגעץ־וואו אין אַ טאָלכל צווישן בערגלעך זאַמד אַ פּאַס גרין גראָז, וואָס די פייכטקייט פון אָנהאַלטנדיקן טוי האָט מעגלעך געמאַכט צו וואַקסן, אָדער — וואו אַן איינזאַמלונג וואַסער האַלט זיך אויף אין אַ שפּאַלט. אין דעם פּרט האָט משהן זייער פיל אַרויסגעהאָלפן זיין שוואָגער, דער יונג חובב.

דער יונג חובב איז געווען טונקל־אָפּגעבריענט, ווי אויס בראָנדז געגאָסן,

מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע האָר, אַ טאַטואירט פּנים מיט פאַמיליע־צייכנס אויפן שטערן און אוירינגלעך אין די אויערן. ער האָט געקענט די מדבר־געגנט אַרום מדין ווי דעם הויף פון זיין פאָטערס הויז. ער פלעגט אַרומוואַנדלען אין מדבר, פאַרפאַלן ווערן אויף טעג לאַנגע און ברענגען צוריק פון פאַרבאָרגענע ערטער זעלטענע קאַקטוס־געוויקסן, אזוב־צווייגן, בלעטער מור און דרור, וואָס יתרו האָט אויסגעדריקט פון דעם איילן און אויסגעשטויסן זאַלבן, רפואות פאַר די חולאים, וואָס האָבן געשטראָמט צו אים מיט זייערע חולאתן און צרעתן.

ווען משה האָט אָנגעהויבן אַרויספירן יתרוס שאָף אין מדבר, איז חובב מיטגעגאַנגען מיט אים צו באַקענען אים מיט אַלע פאַרהוילענע ערטער פון דער געגנט אַרום. ער האָט אויפגעדעקט פאַר משהן די סודות פון מדבר, האָט אים אָנגעוויזן די פּאַסן גרין גראָז, וואָס באַהאַלטן זיך אין שפּאַלטן; די זון קומט קיין מאָל ניט צו אַהין, האַלטן זיי דערפאַר איין דעם טוי פון דער נאַכט, וואָס איז גערדיכט, שליימיק און זעטיקט דעם הונגער ווי ברויט. ער האָט געוואוסט, וועלכע קאַקטוס־שטאַמען און פאַלמען־בלעטער האַלטן־אויף וואַסער, וועלכע געוויקסן זענען זיס אין מויל, געשמאַק פאַרן גומען, און וועלכע זענען שעדלעך און טראָגן אין זיך דעם סם־המות. ער האָט אָנגעוויזן משהן אויף פאַרבאָרגענע היילן, וואו ער קאָן זיין סטאַדע באַשירעמען פון זאַמד־שטורעמס, פון געוויטערס. משה האָט געלערנט פון אים מיט התמדה און באַקענט זיך מיט דער נאַטור פון מדבר, גע־לערנט ווי גאָט האָט אַפילו אין מדבר געפלאַנצט לעבן און באַזאָרגט אים מיט מיטלען צו דערהאַלטן דאָס לעבן אין דער וויסטעניש.

מיט די פאַר קעזלעך און פלעצלעך, וואָס צפּורה האָט אים מיטגעגעבן צידה־לדרך, מיט דער קירבעס־פלאַש וואַסער אין זיין גאַרטל פיטערט משה יתרוס שאָף. ער מיט זיך צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור פון די שאָף, וואָס זענען אָנגעטרויט אין זיינע הענט. די שטומע בהמה, וואָס גאָט האָט זי ניט באַ־שאָנקן מיט קיין מיטלען צו פאַרטיידיקן זיך, ווי אַנדערע בעלי־חי, איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן חסד פון פּאַסטוך, ווי דער מענטש איז אָנגעוויזן אויפן חסד פון גאָט. און ער האָט זיך געמיט צו זיין אַ גוטער פּאַסטוך. ער האָט געלערנט צו וויסן דעם נפש פון דער בהמה, צו פאַרשטיין איר שטום מעקען, צו דערקענען, ווען זי איז דאָרשטיק און ווען זי איז הונגעריק. ער האָט אויפגעפּאַסט אויף די יונגע, וואָס די שאָף האָבן אָפּגעוואָרפן אין זאַמד, האָט דערקענט די צייכנס פון הימל, ווען דער שטורעם דערנעענטערט זיך, צו באַשיצן זיין סטאַדע שאָף אין שפּאַלטן, אין היילן. ער האָט אויסגעשפּירט פאַר זיי גראַזיקע ווינקלען און ערטער פון וואַסער־איינזאַמלונג. און די אָפּהענגיקייט פון שטומע שאָף פון דעם מענטשן האָט ער צוגעגליכן צו דעם מענטשנס אָפּהענגיקייט פון גאָט.

אָפטמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז משה האָט באַמערקט אַן אומרואיקייט אין זיין סטאַדע, און ער האָט ניט געוואוסט דעם טעם דערפון. די שאָף האָבן גערופן מיט זייער שטומען מעקען, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען זייער לשון. ער האָט באַמערקט די שרעק, וואָס ליגט אין זייערע תמעוואַטע אויגן, דאָס פּאַנישע צו־זאַמענקאָרטשען־זיך און צוזאַמענקנוילן־זיך פון לייבער, ווי זיי וואָלטן געזוכט שוץ איינס ביים אַנדערן, און ער האָט ניט געזען די סכּנה, וואָס די סטאַדע האָט

דערשפּירט איידער זי האָט זיך נאָך צוגערוקט צו זיי. די סטאַדע האָט דערפּילט דעם ריח פון אַ שאַקאַל, וואָס באַהאַלט זיך אויס ערגעץ אין אַ גרוב, וואַרט דאָרט אויס, אַז די נאַכט זאָל נאָר צופאַלן. די שעפּעלעך האָבן געזען דעם בייזן בליק פון די חיהשע אויגן, ווי ער בלישטשעט אַרויס פון דעם שפּאַלט פון איר באַהעלטעניש, וואָס דער פּאַסטוך איז פאַר דעם בלינד געוועןֿ.

משה האָט געהערט אַמאָל דאָס שרעקעדיקע מעקען און ניט געהערט גאָר אין דעם די תחנונים־ובקשות פון זיינע שאָף, אַז ער זאָל זיי באַשיצן פון דער סכנה. ער, דער פּאַסטוך זייערער, האָט זיך צוגעדעקט מיט זיין וואָלענעם ווייסן מאַנטל פאַר דער קאַלטקייט פון דער נאַכט אונטער די שטערן, ביז דאָס געשריי פון די שאָף האָט אים אויפגעוועקט פון זיין שלאָף, און ער האָט פאַריאָגט די חיה, וואָס איז געקומען פאַרצוקן זיינע שעפּעלעך, אָבער ערשט דעמאָלט, ווען די חיה האָט שוין געקאָנט אוועקטראָגן איר פאַרצוקונג מיט זיך.

ווי ער האָט זיך פאַרגעוואָרפן זיין שטומקייט און זיין בלינדקייט, ווי ער האָט זיך געפילט שפּלדיק פאַר די שטומע שאָף און שולדיק אין ניט־אויסהאַלטן דאָס אַחריות, וואָס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן!

„וואָס פאַר אַ פּאַסטוך בין איך, אויב איך פאַרשטיי ניט דאָס לשון פון מיין סטאַדע?״ — האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן.

פון דענסמאָל אָן האָט ער זיך מער ניט דערוועגט אַוועקצולייגן זיך ביינאַכט אונטער די שטערן, נאָר געשטעלט זיך מיט זיין פּאַסטוך־שטעקן אָפּצוהיטן זיין סטאַדע פון דער סכנה, וואָס די נאַכט קאָן ברענגען אויף איר.

אָן אַנדער מאָל האָט ער באַמערקט ווי אַ יונג שעפּעלע רייסט זיך אָפּ פון דער סטאַדע און אַנטלויפט איינס אַליין, וואָס איז ניט אין דער טבֿע פון שאָף.

משה איילט־נאָך נאָך דעם שעפּעלע מיט פלינקע טריט, אָבער דאָס שעפּעלע דערווייטערט זיך פון אים און ער קאָן עס ניט אָניאָגן. ער יאָגט זיך און יאָגט זיך נאָך דעם, אָבער דאָס שעפּעלע איז פלינקער פון אים. לסוף, נאָך אַ לאַנגן, פאַרשנעלערטן לויפן, יאָגט ער עס אָן אין אַ שפּאַרע פון אַ רינשטאָקל הינטער אַ בערגל זאַמד, וואָס דאָס שעפּעלע האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. שוין קומט משה צו און וויל דאָס שעפּעלע צוריקיאָגן צו דער סטאַדע, ערשט ער זעט ווי דאָס שעפּעלע טרינקט מיט פאַרצאָגטן דאָרשט פון דעם אָפּגעשטאַנענעם וואַסער, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער גרוב הינטער דעם בערגל.

משה האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעם דאָרשטיקן שעפּל און געזאָגט:

„דאָרשיק ביסטו געווען, וואַסער ביסטו געגאַנגען זוכן, און איך האָב דיך נאָך אָנגעיאָגט. ווי מיד מוזטו עס זיין!״ — און ער האָט גענומען דאָס שעפּעלע אויף די פּלייצעס און האָט עס צוריקגעטראָגן צו דער סטאַדע. — „גייסט פון מיינע אבות, לאָז מיך אַ גוטער פּאַסטוך זיין פאַר מיינע שאָף, ווי מיינע אבות זענען דאָס געווען״, — האָט משה געבעטן אין זיין האַרץ, טראָגנדיק דאָס מידע שעפּעלע צו דער סטאַדע צו.

# 11

עטלעכע יאָר זענען אַדורכגעגאַנגען, זינט משה האָט זיך באַזעצט מיט יתרון און פיטערט יתרוס שאָף אין מדבר. ער האָט זיך איינגעוואוינט צום פּאַסטוך־לעבן און עס איז אים געווען צום האַרצן. דאָס איינזאַמע לעבן אין דעם עלנדן מדבר, וואו ער האָט געקאָנט זיין אַליין מיט זיך, געדענקען אין זיינע ברידער און באַהעפטן זיך אין זיין מחשבה אָן דעם גייסט פון זיינע אבות, איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין געמיט.

ער האָט דורך די יאָרן זיך באַקענט מיטן מדבר און געוואוסט פון אַלע זיינע אָאַזיס־פלעצער, וואו עס איז פאַראַן צו געפינען אַ ביסל גראָז, אַ פּאָר טייטל־ביימער און וואַסער־איינזאַמלונג. ער האָט אָוועקגעפירט די שאָף אין מרחקים, גייענדיק נאָך פּאַשע, איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף וואָכן לאַנג אין איינזאַמע פלעצער. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו דערנערן זיך מיט צוקער־ראָרן, מיט די אַסטער־בלימלעך, וואָס וואַקסן אויף שטיינער ווי אַ מאָך, וואָס דער ווינט ברענגט צו טראָגן מיט דעם געדיכטן טוי ביינאַכט, ווי געפּריר אויפן זאַמד; צעריבן אויף מעל, לאָזט זיך מאַכן פון זיי געשמאַקע זיסע פלעצלעך.

איינגעוויקלט אין זיין פּאַסטוך־מאַנטל, פלעגט ער ביינאַכט ליגן ביי זיין סטאַדע און קוקן אין די העלע שטערן אַריין און זוכן דאָרט אַ צייכן, אַ פאַרנעם פון דעם אייביקן גייסט, אין וועלכן ער האָט אַזוי געגלויבט. נאָר ווען ער דער־מאָנט זיך אָן דער עבודת־פרך פון זיינע ברידער, פרעגט ער זיך מיט פאַרוואורף, ווי אַזוי קאָן ער דאָ זיצן אין זיכערקייט, פיטערן שאָף אונטערן הימל במנוחה, אין פרייקייט, בשעת זיינע ברידער גייען־אָפּ מיט בלוט, וואָס פרעהס נוגשים און נוטרים האַלטן אין איין צאַפּן פון זיי.

האָט ער רעכט געהאַט צו פאַרלאָזן זיינע ברידער און אַליין מציל־זיין זיין נפש? איז עס געווען גוט פון אים אַז ער, איינער אַלייך פון זיינע ברידער, זאָל אויפמאָנען די מאָס גערעכטיקייט פון דעם מצרי פאַר זיין זינד? האָט ער געמעגט טויטן דעם מצרי? ווער איז ער, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך דאָס אומברענגען אַ לעבן און דורך דעם שטעלן אין סכנה זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון זיינע ברידער? אפשר איז דער יידישער שוטר טאַקע געווען גערעכט, ווען ער האָט אים צוגעוואָרפן דאָס וואָרט: „ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ שופט”?

משה האָט אָבער באין־אופן ניט געקאָנט זען קיין אומרעכט אין זיינע הענט, אין זיינע מעשים.

„דעם שוטרס זינד האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שופט”, — האָט זיך משה געזאָגט — „האָב איך דען ניט צוגעזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי ער האָט אומגעבראַכט אַ נפש אין ישראל פון זיין אייגענער טובה וועגן און מחמת דער שלעכטקייט פון זיין האַרץ? איך בין געווען אַן עדות פון זיין רשעות, און דאָס האָט מיר געגעבן דאָס רעכט צו ווערן אַ שופט און אויספירן דעם פסק־דין אויף אים. נאָר דער, וואָס האָט אַליין צוגעזען דאָס שלעכטס און די זינד פון דעם

באַשולדיקטן, האָט דאָס רעכט אים צו באַשטראָפן. איך האָב ניט געטאָרט פאַרהוילן און פאַרשווייגן דאָס אומרעכט צוליב מיין אייגענער זיכערקייט. בעסער צו ליידן פאַר גערעכטיקייט איידער צו ווערן אַ שקלאַף פון דער אומגערעכטי־קייט. דעם פסק־דין איבער דעם מצרי האָב איך אַליין געמוזט אויספירן, ווייל איך בין געווען דער עדות פון זיין זינד".

דאָרט אין מדבר, וואו ער האָט געוואַנדערט מיט זיין סטאַדע שאָף, אין די ווייטע אָפּגעלייגענע ערטער, אָפּגעשיידט פון מענטשן, האָט משה אָנגעהויבן פילן מיט אַלע זיינע חושים דעם גייסט פון זיינע אבות. ער האָט דערפילט זיין זיין.

משה האָט געזוכט דעם גייסט און אים געפונען — ניט אין די הימלען, ניט צווישן די שטערן, ניט אין דער זון, ניט אין דער לבנה אָדער אין עפּעס אַן אַנדערן פון זיינע באַשאַפן, ווי די גויים דערזעען זייערע אָפּגעטער; ער האָט דערפילט זיין זיין אין דעם גאַנצן יש פון דער וועלט דורך זיינע מידות און דרכים. דער גייסט האָט ניט נאָר באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ, וואָס עס איז דאָרט פאַראַן, נאָר ער פירט זיין וועלט מיט אַ סדר. קיין איין רגע לאָזט ער ניט זיינע באַשעפענישן אָן זיין אָנפירונג. ער האָט איינגעפירט געזעץ און משפּט פאַר אַלע זייערע טועכצן, האָט איינגעפירט אַ מאָס פאַר גוטס און שלעכטס. און ער משפּט די וועלט און אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפן, דורך איין חוק און משפּט, — און דאָס איז די גערעכטיקייט. אַלץ, וואָס עס איז גערעכט, איז גוט, איז מיט אים און פון אים; אַלץ, וואָס עס איז אומגערעכט, איז שלעכט און זינדיק, איז קעגן אים, קעגן זיין ווילן און קעגן זיין סדר, און עס מוז דערפאַר אָפּגע־ווישט ווערן פון דער ערד.

און ער וועט האַלטן זיין ברית, וועט אויספירן זיין צוזאָג און וועט אויס־לייזן ישראל ניט דורך שתדלנות און פחדנות, ניט דורך אַ צווייטן יוסף, ווי די בני־לוי און זיין ברודער אַהרן מיינען. ניין, ניט דורך תחנונים און בקשות, נאָר דורך משפּט און צדק. און מעג די גאולה פאַרשפּעטיקן צו קומען און מעג פּרעה ווילדעווען, רויבן און מאָרדן און אויסזאַפּן דאָס בלוט פון ישראל, דער גאָט פון משפּט וועט קומען און וועט פאָדערן דין־וחשבון פאַר יעדן נפש, — בלוט פאַר בלוט און לעבן פאַר לעבן. ער וועט אויפפאָדערן און אויפמאָנען פון די מצרים באַצאָלטס פאַר יעדן טאָג פּראַצע און פּיין, וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף די בני־יוסף. זיין גערעכטיקייט וועט אויפשיינען, ווי אַ נייע זון, איבערן הימל, און עס וועלן זען אַלע לעבעדיקע, אַז עס איז דאָ אַ שופט איבער דער וועלט. ער איז שרעקלעך אין זיין נקמה, ווי ער איז הערלעך אין זיין חסד. און זייערע הערצער וועלן צעגיין פון פּחד פאַרן גאָט פון ישראל, און זיי וועלן אַוועק־וואַרפן זייערע אָפּגעטער און געצן, ווי צעבראָכענע שאַרבנס. און וועלן קומען צו די געצעלטן פון ישראל צו פאַרשן און צו זוכן דעם, וואָס האַלט זיין הבטחה צו די אבות און ברענגט גערעכטיקייט פאַרן שטאַרקן און דעם שוואַכן צוגלייך. דענסמאָל וועט נאָר איין גייסט הערשן איבער דער וועלט און איין מאָס פון גערעכטיקייט.

אונטער דער הייסער זון בייטאָג און דעם שטערן־ליכט פון די קאַלטע נעכט אין איינזאַמן מדבר, אין שאָטן פון זיין סטאַדע שאָף, האָט משה אויסגעגליט די

וויזיע פון אַן אל־צדק פון ישראל און זי באַהאַלטן טיף אין זיין האַרץ. און די וויזיע האָט אים געגעבן כּוח אויסצושטיין דעם פּיין און דעם צער פאַר זיינע ברידער אין קנעכטשאַפט, האָט געהויבן זיין בטחון און זיין אמונה אין דער גאולה.

פון צייט־צו־צייט איז ער אַהיימגעקומען פון מדבר צו זיין שווער יתרו אין מדין, צו זיין ווייב צפורה און די צוויי קינדער, וואָס זי האָט אים דורך דער צייט געבוירן. איינמאָל, ווען משה איז אָנגעקומען אַהיים, האָט יתרו אָפּגענומען ביי אים אַ דין־וחשבון פון דער סטאַדע. ער איז אַדורכגעגאַנגען דורך איר און האָט אָפּגעקליבן די יונגע שעפּעלעך, וואָס זענען צוגעקומען דורך דער צייט, וואָס משה האָט געפּיטערט די שאָף אין מדבר. יתרו האָט געוואָלט, אַז זיין איידעם זאָל האָבן זיין אייגענע סטאַדע שאָף פון די צוגעקומענע שעפּעלעך.

— דו האָסט שוין דיינע אייגענע קינדער, — האָט יתרו געזאָגט, — און עס איז צייט, אַז דו זאָלסט זיך מאַכן אַן אייגן הויז און זיך פאַרלייגן אַן אייגענע סטאַדע.

— מיין הויז וועט זיין מיט די בני־ישראל, ווען דער גייסט פון אונדזערע אבות וועט זיי אויסלייזן פון דער קנעכטשאַפט פון מצרים. כּל־זמן זיי זענען אין פאַרשקלאַפונג ביי פרעהן און האָבן ניט קיין היים, האָב איך אויך ניט קיין היים, וואָרעם מיט וואָס בין איך בעסער פון זיי?

— זיי זענען אין דער פרעמד און דו ביסט אין דער היים. דיין היים איז דאָרט, וואו דיין ווייב און קינדער זענען.

— מיין היים איז דאָרט, וואו מיין מאַן איז, — ענטפערט־אָפּ צפורה פאַר משהן. — אויב מיין מאַנס היים איז אין קנעכטשאַפט מיט זיינע ברידער, איז מיין היים אויך דאָרט מיט זיי.

יתרו איז געווען אַ מענטש פון יושר און פון סדר, און עס איז אים געפעלן געווען, וואָס זיין טאָכטער האַלט זיך אַזוי אָן איר מאַן.

— עס איז דער סדר פון דער וועלט, אַז אַ ווייב זאָל זיך באַהעפטן אָן איר מאַן און ווערן מיט אים איין נפש. נאָר דיין מאַנס אָרט איז ניט מער צווישן זיינע ברידער אין מצרים. ער האָט קיינמאָל ניט געהערט צו זיי. אַ פרעמדער איז ער געווען צווישן זיי און אַ פרעמדער איז ער אויך דאָ מיט אונדז. האָט ער נישט אַ נאָמען געגעבן זיין עלטסטן זון גרשם — צום אָנדענק פון זיין פרעמדקייט צו אונדז? אַ פרעמדער האָט ער זיך גערופן אין אַ פרעמדן לאַנד. אַ מענטש מוז וואו־עס־איז געהערן. ער קאָן ניט זיין קיין פרעמדער אין צוויי וועלטן. עס איז צייט, ער זאָל ביי זיך אָפּמאַכן, וועמען ער געהערט, אונדז אָדער זיי.

משה האָט געשוויגן, וואָרעם דאָס, וואָס יתרו האָט געזאָגט, איז געווען דער אמת: אַ פרעמדער גייט ער אַרום צווישן צוויי וועלטן.

— איך ווייס, אַז דיין האַרץ איז מיט דיינע ברידער אין מצרים. דו ביסט ניט דאָ מיט אונדז, דו זעסט ניט דיינע אייגענע קינדער. דו טוסט נאָר טראַכטן וועגן דיינע ברידער, — זאָגט צפורה, ווען זי איז אַליין מיט משהן. — אויב דו ווילסט גיין צו זיי, נעם מיך מיט דיר. איך וויל זיין איינע פון זיי.

— אין מצרים אין געפאַנגענשאַפט?

— עס איז מיר ליבער צו זיין אין געפאַנגענשאַפט מיט דיר איידער דאָ, אויף דער פריי, אָן דיר.

— איך קאָן ניט גיין צו מיינע ברידער אין געפאַנגענשאַפט. האָסט געהערט וואָס דיין פאָטער האָט געזאָגט, און ער האָט רעכט.

— ווי דו, גלויב איך אויך אין גרויסן גייסט, וואָס וועט קומען זיי צו באַפרייען. לאָמיר גיין קיין מצריים און אָפּוואַרטן דאָרט די גאולה אינאיינעם מיט דיינע ברידער.

— איך געהער ניט מער צו זיי און די גאולה איז ניט פאַר מיר. איך בלייב אויסן.

— פאַרוואָס? ביסטו דען ניט איינער פון זיי?

— נאָר די, וואָס קאָנעןליידן ווי זיי און האָפן און גלויבן, האַלטן־אויס די יסורים און זענען שטאַרק אין זייער גלויבן, קאָנען דערוואַרטן די גאולה. איך בין אַנטלאָפן פון זיי, איך האָב אויסגעמיטן דאָס ליידן.

— ליידסטו ניט מער פון זיי? הער איך ניט ווי דו ברומסט ביינאַכט, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, פון דיין געלעגער? ווייס איך ניט ווי דיין האַרץ ווערט איינגעקאַרטשעט פון צער יעדן מאָל, ווען דו דערמאָנסט זיך אָן דער קנעכטשאַפט פון דיינע ברידער? טאָפּל איז דיין ליידן; דו ליידסט מיט זיי און דו ליידסט פאַר זיי.

— ניין, צפורה, איך קאָן ניט גיין צו זיי. גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט אַ פרייען האַרץ און אַ רעבעלישן געמיט. איך מוז זיין ווייט פון זיי. פון דער ווייטנס מוז איך הערן זייער געוויין און זייער געשריי, פון דער ווייטנס וועל איך הערן זייער געזאַנג און זייער יובלען, ווען די שעה פון דערלייזונג וועט קומען. וואָרעם נאָר די, וואָס זענען געווען מיט די קינדער פון אַברהם אין קנעכטשאַפט אין מצריים, קאָנען דערוואַרטן צו זיין אַ טייל פון דער הבטחה, ניט אָבער די, וואָס זענען אַנטלאָפן פון זיי.

*

ווען ער איז איינמאָל אהיימגעקומען מיט יתרוס שאָף פון מדבר, האָט משה אָנגעטראָפן ביי יתרון אורחים. עס האָט אָפט געטראָפן, אַז כהנים אָדער וואַנדערנדיקע זעערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוגאַסט ביי יתרון און געטוישט דאָרט צווישן זיך קמיעות, תרפים, רפואות און כישוף־זאַכן. טייל כהנים און זעערס, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי זיין שווער אין הויז, האָט משה געקענט פון דער שכנישער געגנט. צווישן זיי האָט ער דערקענט דעם בלינדן זעער, וואָס ער האָט איינמאָל אָנגעטראָפן אויף זיין וועג אין מדבר. ער, דער בלינדער, איז דווקא געווען דער ראש־המדברים אין דער קליינער פאַרזאַמלונג:

— ניט אַנדערש, נאָר דער אייבערשטער גייסט פון אַברהם האָט זיי כישוף אָפּגעטון, די עברישע שקלאַפן, אַז זיי זאָלן ניט אָפּקערן פון אים, וואָס פאַראַ צרות און פרעניות ער זאָל ניט האָבן געבראַכט אויף זייערע קעפּ. יעדן טאָג, יעדן טאָג טוט פרעה אויסשעכטן זייערע קינדער צו באָדן זיך אין זייער בלוט, — מען זאָגט, אַז אַ צרעת האָט אים באַפאַלן און די רופאים האָבן אים געהייסן זיך

באָדן אין בלוט פון קינדער, — און זיי זעען־צו ווי מען שעכט זייערע קינדער, און זיי האַלטן זיך נאָך אַלץ ביי זייער גלויבן, אַז דער גייסט וועט קומען און וועט זיי באַפרייען פון פרעהס האַנט. פאַרצייטנס, ביים אַלטן פרעה, האָט מען טויטע שקלאַפן אַריינגעקנאָטן אין ליים אַריין צו מאַכן די ציגל שטייפער און האַרטער. היינט, ביים נייעם פרעהן, קנעט מען זייערע קינדער לעבעדיקערהייט אַריין אין ליים און מען פאַרמויערט זיי אין די ווענט. די קינדער שרייען אַרויס פון די ווענט, — און זייער גייסט זיצט, אַ געפאַנגענער, צווישן די דערנער אין די פייער־בערג, און זיין קול הערט זיך ביינאַכט מיט געוויין און קלאָגעניש איבער דעם פיין און דער נויט פון זיינע גלויביקע, וואָס ער קאָן זיי ניט העלפן.

— יאָ, איך האָב געהערט דערפון, — האָט זיך אָנגערופן אַן אַנדער זעער.

— פאַסטוכער, וואָס פיטערן שאָף אַרום די פייער־בערג, הערן ביינאַכט אַ קול אַרויסשרייען פון די דערנער אַרויס, ווי אַ מענטשלעכע שטימע וואָלט דאָרט געוויינט, אָבער מיט אַזאַ שטאַרקייט און מעכטיקייט, אַז ביימער פאַלן־אום, דערנער ווערן אויסגעריסן מיטן וואָרצל פון דער ערד און פעלדזן־שטיינער שפּאַלטן זיך און פאַלן־אַרונטער אין אָפּגרונט אַריין מיט אַ דונער־קראַך, — און דאָס אַלץ מיטן כוח פון דער שטימע, וואָס שרייט־אַרויס פון די פייער־בערג. ניט אַנדערש, נאָר אַ גייסט איז דאָרט איינגעשלאָסן צווישן די שטיינערנע ווענט פון די בערג. די פאַסטוכער האָבן מורא צוצופירן די שאָף צום באַרג און מיידן אים אויס.

— דאָס האָבן די געטער געפאַנגען גענומען דעם אייבערשטן גייסט פון אַברהם און האַלטן אים איינגעשלאָסן אין די פייערדיקע בערג, אַז ער זאָל ניט קאָנען קומען און באַפרייען אַברהמס קינדער פון זייער קנעכטשאַפט. זיי האָבן מורא, די געטער, אַז אויב די קינדער פון אַברהם וועלן באַפרייט ווערן פון קנעכטשאַפט, וועלן זיי פאַרשפּרייטן דעם נאָמען פון גייסט און זיינע געזעצן צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און די מענטשן וועלן זיך אָפּקערן פון די געטער און זיך באַקערן צו אים. עס וועט זיין דער טויט פון די געטער, אויב די הבטחה, וואָס דער אייבערשטער גאָט האָט געגעבן אַברהמען, וועט דערפילט ווערן.

— יאָ, מיר האָבן געהערט דערפון. אונדזערע עלטערן האָבן דאָס אונדז דערציילט. דער אייבערשטער גאָט פון אַברהם איז אַ גאָט פון אייפערזוכט און נקמה, און ער פאַרטראָגט ניט קיין אַנדערע געטער לעבן זיך. מען זאָגט, אַז דער ערשטער תנאי, וואָס ער האָט אויסגענומען מיט אַברהמען, איז געווען, אַז אַברהמס קינדער זאָלן ניט האָבן קיין אַנדערע געטער, אַחוץ אים, נאָר אים אַליין זאָלן זיי דינען. עס איז אַ געפאַר און אַן אַנגסט פאַר אַלע אַנדערע געטער, אַז די קינדער פון אַברהם, ווען זיי זאָלן באַפרייט ווערן און האָבן די מעגלעכקייט צו דינען דעם אייבערשטן גאָט, וועלן זיי פאַרשפּרייטן זיין שם איבער דער גאַנצער ערד.

— ניט נאָר פאַר די געטער איז ער אַ געפאַר און אַן אַנגסט, נאָר פאַר אונדז אַלעמען, פאַר אַלע כהנים און אַלע זעערס פון די געטער. ווען די פעלקער וועלן הערן, אַז דער גאָט פון אַברהם האָט געהאַלטן זיין הבטחה און באַפרייט די בני־אַברהם פון קנעכטשאַפט אין מצריים, וועלן זיי זיך אַלע באַקערן צו אים.

—די בני־אַברהם טאָרן קיינמאָל ניט באַפרייט ווערן. עס איז אַ געפאַר פאַר אונדז אַלעמען.

— פרעה וועט קיינמאָל ניט פריילאָזן די עברים פון מצרים.

— די כהנים פון מצרים וועלן דאָס ניט דערלאָזן. זיי ווייסן, וואָס פאַר אַ געפאַר דאָס איז פאַר זיי.

— מיר מוזן זען מיט אַלע מיטלען, אַז די עברישע שקלאַפן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דעם אייבערשטן גייסט. מיר מוזן זיי צו וויסן געבן, אַז דער גייסט, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אַברהמען, איז געפאַנגען גענומען פון די אַנדערע געטער, וואָס האָבן געמאַכט אַ בונד קעגן אים, און אַז ער וועט קיינמאָל ניט קומען זיי צו באַפרייען. זאָלן זיי זיך באַקערן צו אונדזערע געטער, צו די געטער פון מצרים. דענסמאָל וועט פרעה פאַרלייכטערן דעם יאָך איבער זיי. נאָר אַזוי אַרום וועט מען קאָנען אָפּמעקן דעם זכרון פון דעם אייבערשטן גייסט פון דער ערד. ווען זיינע גלויביקע וועלען זיך אָפּזאָגן פון אים, וועט ער ממילא פאַר־געסן ווערן, — האָט געזאָגט דער בלינדער זעער.

— די קינדער פון אַברהם וועלן זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן פון זייער גייסט. איך קען זיי. זיי וועלן אַלע יסורים פאַר אים אַריבערטראָגן און וועלן נידערן אין גרוב אַריין מיט דעם בטחון און דער אמונה אין אים. איך האָב מורא, אַז דייך מי צו פאַרשפרייטן די מעשה פון געפאַנגענעם גאָט איז בחינם, — זאָגט יתרו צום בלינדן זעער. — זיי וועלן זיך אויסלאַכן אויס דיר. זיי ווייסן וואויל, אַז דעם גייסט פון זייער פאָטער אַברהם קאָן קיינער ניט פאַנגען. איך ווייס עס.

— אויב אַזוי, באַדאַרף מען זען און זיך מיען, אַז די קינדער פון אַברהם זאָלן אַלע אונטערגיין אין מצרים. מען באַדאַרף צוריידן די כהנים פון מצרים, אַז זיי זאָלן זאָגן פרעהן, אַז ניט נאָר די געטער פון מצרים, נאָר אַלע געטער פון די פעלקער ווילן דעם טויט פון די עברישע שקלאַפן, כדי מיט זייער טויט זאָל אויך דער זכרון פון זייער גייסט אָפּגעמעקט ווערן פון צווישן די לעבעדיקע. וואָרעם זיין זכרון לעבט נאָר צווישן די עברים אַליין, און פון זייערע מיילער קאָנען די מענטשן הערן פון זיין זיין, — האָט געזאָגט אַן אַנדער זעער.

— ניין, ניט נאָר צווישן די עברים לעבט דער גייסט פון אַברהם, נאָר אין זיין גאַנצן באַשאַף. ווען פרעה זאָל ניט נאָר די עברים, נאָר דעם גאַנצן מין מענטשן אָפּמעקן פון דער ערד, וועט ער ניט אָפּווישן דעם זכרון פון דעם אייב־ציקן לעבעדיקן גאָט. זיין רום און זיין לויב וועלן אויסגעזונגען ווערן פון זיין גאַנצן באַשאַף. הימל און ערד וועלן עדות־זאָגן אויף אים, אַז עס איז נאָר דאָ איין־איינציקער גייסט, וואָס האָט זיי באַשאַפן, און וועלן טראָגן זיין שם ביז צום לעצטן טאָג, — האָט משה זיך אָנגערופן מיט כעס פון זיין ווינקל אַרויס.

— דאָס האָבן זיי אויך געזאָגט אויף דעם גאָט אַטאָן, וואָס אַמענהאָטעפּ דער פערטער האָט איינגעפירט אין טעל על־אַמאַרנאַ נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעשאַפט די געטער פון מצרים און פאַרווערט צו דינען צו זיי. איר געדענקט ווי זיי האָבן געזונגען צו גאָט: „דו ביסט דער פאָטער און די מוטער פון אַלץ, וואָס דו האָסט באַשאַפן?" און וואו איז ער איצט? זיין נאָמען טאָר מען ניט דערמאָנען, זיינע טעמפּלען שטייען פאַרוויסט אין טעל על־אַמאַרנאַ און קיין זכר

איז ניט איבערגעבליבן פון אים. דאָס איז דער סוף פון יעדן גאָט, וואָס וויל אָפּשאַפן די אַנדערע געטער. זיין אָרט איז אין די פייער־בערג, וואו ער ווערט געהאַלטן צוגעשמידט צו די פעלדזן־בערג, — האָט געזאָגט איינער פון די זעער.

— צו וועמען פאַרגלייכט איר דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט פון אַברהם? צו איינעם פון זיינע באַשאַפן. וואָס איז געווען און ווער איז געווען אַטאָן? דאָס אייגענע, וואָס אַמון־ראַ, וואָס ער האָט פאַרטריבן, די זון, וואָס איר אַלע דינט צו איר. די זון איז נאָר איינער פון די באַשאַפן פון דעם גרויסן גייסט. ער האָט פיל זונען, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געזען, און אַלץ איז דער באַשאַף פון זיינע הענט, — האָט משה געזאָגט.

— ווער איז דאָס? — פרעגט מיט וואונדער דער בלינדער זעער, זוכנדיק מיט זיין בלינדן אויג אַרום אין יתרוס געמאַך. — דאָס קול איז מיר קענטלעך. איז דאָס ניט דער מאַן, וואָס איך האָב אנומעלטן אַנגעטראָפן אויף מיין וועג אין מדבר? מען האָט מיר דערציילט וועגן אים אין מצריים. ער האָט אויפגעבונטעוועט די עברישע שקלאַפן, געהרגעט פרעהס אַן אויפזעער. די שומרים זוכן אים טאַקע אַרום פעסטצונעמען. זאָל עס זיין דער זעלבער?

— דאָס איז מיין איידעם, משה. ער איז איינער פון די עברים, — האָט יתרו דערקלערט פאַר די פאַרזאַמלטע.

די נייע בייזע בשורות איבער דער באַשווערטער דריקונג פון די עברים אין מצריים האָבן געפּלאָגט משהן און געריבט זיין מנוחה. ער האָט ניט געקאָנט מער ארויסגיין מיט יתרוס שאָף אין מדבר. ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טעם פון די צרות. זאָל עס טאַקע זיין, ווי די כשוף־מאַכער זאָגן, אַז די פאַלשע געטער האָבן זיך געשטאַרקט איבער דעם גאָט פון אַברהם און אַז ער איז, חלילה, פאַר־שוואונדן ווי דער פאַלשער גאָט אַטאָן? ניין, ער ווייסט און ער האָט עס דערפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז דער גייסט פון אַברהם לעבט, אַז ער איז דאָ אין לעבן. ער האָט אים דערקענט אין הונדערטער פאַלן. ער לעבט אין דעם זכרון פון זיינע ברידער, די שקלאַפן, ער דערזעט אים און דערקענט אים אין דעם דרך פון דער וועלט, אין דעם אויפגיין און אין דעם פאַרגיין פון דער זון, אין דעם גאַנג פון די שטערן. ער דערקענט אים אין דעם קלענסטן בליעכץ פון מדבר, ער דערפילט אים אין דער שטומער האַלטונג פון זיינע שאָף, אין דעם ווי עס קלאַמערט זיך די מוטער אָן אירע קליינע, אין דעם חסד, אין דער ליבע פון מוטער צו קינד, אין דעם גאַנצן איינשטעל און אויפפירן־זיך פון זיין באַשאַף. ער טוט ניט אָפּ די אויגן פון זיין באַשאַף, ער איז פול מיט רחמים צו זיין באַשאַף.

אויב אַזוי, פאַרוואָס שוויגט ער? ווי קאָן ער צוזען, וואָס פרעה טוט מיט די קינדער פון זיינע פריינד, מיט דעם זאָמען, וואָס ער האָט מיט אים אַ בונד געשלאָסן? זייער בלוט און זייער געביין ווערן אויסגעמישט און צוזאַמענגעקנאָטן מיטן ליים פון ציגל, זייער חיות ווערט איינגעקנאָטן אין חומר, מיט וועלכן פרעה בויט זיינע שטעט, פּיתום און רעמסס. ווי לאַנג איז דער שיעור? פאַרוואָס קומט ער ניט און פירט ניט אין זיין סדר צווישן די מענטשן, ווי ער האָט עס געטון אין זיין גאַנצן באַשאַף?

זיין האַרץ האָט געוויטיקט איבער דעם שמאַד, וואָס זיי ברענגען אויף דעם גייסט פון אַברהם מיט זייער צוגלייכן אים צו דעם פאַלשן אָפּגאָט אַטאָן. פּרעה אַמענהאָטעפּ דער פערטער האָט אים איינגעפירט אין מצרים, ווען ער האָט רעוואָלטירט קעגן דעם אָנגענומענעם גאָט אַמון־ראַ, האָט צעשטערט זיינע טעמפּלען און פאַרווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען, האָבנדיק אָפּגעמעקט זיין יעדן זכר פון אַלע טעמפּלען און דענקמאָלן. אַמענהאָטעפּ האָט אָפּגעשאַפט אַלע אַנדערע געטער און דערקלערט דעם גאָט אַטאָן פאַר דעם איינציקן גאָט פון מצרים. האָט פאַרלאָזט די רעזידענץ־שטאָט פון די פּרעהס פאַר אים, איז אַוועק מיטן שטראָם פון נילוס און האָט אויפגעבויט פאַר זיך אַ גאַנץ נייע שטאָט צווישן פעלדזן־שטיינער, וואָס ער האָט זי געהייליקט דעם נייעם גאָט. טעל על־אַמאַרנאַ איז געווען דער צענטער פון דער נייער אמונה. קיין אַנדער גאָט האָט ניט געטאָרט דערמאָנט ווערן, נאָר דער איינציקער געבער פון לעבן, דער פאָטער און מוטער פון פּרעהן, דער גאָט אַטאָן. היינט ליגט די שטאָט טעל על־אַמאַרנאַ וויסט, חרוב. קיינער טאָר זי ניט באַטרעטן און קיינער טאָר מער ניט דערמאָנען דעם גאָט אַטאָן. די שפּעטערדיקע פּרעהס, ווי זיין אייגענער איידעם, דער יונגער טוטענקהאָטען, האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם נייעם גאָט אַטאָן פון זיין טראָן און צוריק איינגעפירט אַמון־ראַ און די הערשאַפט פון אַלע אַנדערע געטער. פּרעה איז צוריק געוואָרן דער גאָט ראַ אין זיין אייגענעם לייב און די היעראַרכיע פון די געטער איז אויפסניי אויפגעשטעלט געוואָרן.

די אמונה פון דעם איינציקן גאָט אַטאָן האָט געדויערט אַזוי לאַנג ווי דער פּרעה, וואָס האָט אים איינגעפירט, האָט געלעבט. איצט שטייען זיינע טעמפּלען פאַרוויסט אין דער פאַרלאָזטער שטאָט טעל על־אַמאַרנאַ, וואָס קיינער טאָר ניט באַטרעטן. משה האָט זיי געזען. ער האָט געקענט די שטאָט און ער האָט געזען די טעמפּלען פון דעם „איינציקן" גאָט אַטאָן, אַן אָפּבילד פון דער זון מיט פיל אויסשטראַלנדיקע הענט, וואָס שפּרייטן זיך אויס איבער אַלע פיר ווינקלען, די פיר ווינקלען פון דער ערד.

אין משהן האָט זיך אָנגעצונדן זיין הייליקער צאָרן. ווי ער האָט ניט ליב געהאַט זיינע ברידער און וויפיל זיין האַרץ האָט ניט געבלוטיקט פאַר זייער פּיין, האָט ער זיך מער געקאָרטשעט פון יסורים פאַר דער פאַרשעמטקייט פון דעם גייסט פון אַברהם. דער גייסט פון אַברהם איז געוואָרן ביי אים זיין הימל און ערד, וואָס ער איז אין זיי איינגעפלאַנצט. אויסגעוואָרצלט פון יעדער מענטש־לעכער צוגעהעריקייט, סיי פון פּרעהס הויף, סיי פון זיינע ברידער, אַ פאַרפרעמד־טער פון זיינע אייגענע פאָטער און מוטער, איז דער גייסט פון אַברהם געוואָרן פאַר אים זיין פאָטער און זיין מוטער. ער איז געוואָרן דער פונדאַמענט, וואָס זיין גאַנצער גייסטיקער און פיזישער מהות איז געגרונטפעסטיקט דערויף. ער האָט מער קיינעם ניט געהאַט ווי נאָר דעם גייסט פון אַברהם, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אים אָנצורופן און וואו אים צו זוכן. דער פרעמדער, אומבאַקאַנטער, ניט־באַוואוסטער, דאָך אייגענער, נאָענטער און איינציק־באַוואוסטער גייסט איז געוואָרן זיין פּערזענלעכע צוגעהעריקייט, אַ טייל פון אים.

אין זיין האַרץ האָט געברענט אַ גרויסע קנאה, אַ קנאה פון צער און צאָרן

פאַר דער דערנידערונג, פאַר דער פאַרשעמטקייט פון זיין גייסט. ער האָט זיך מער ניט געקאָנט געפינען אין יתרוס הויז, וואו דער גייסט פון אַברהם איז פאַרשעמט געוואָרן. ער איז אַרויס אין מדבר, איז געפאַלן אויף די קני אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל, האָט אויפגעהויבן די הענט און האָט געשריגן ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב:

„גייסט פון אַברהם, ווי לאַנג וועסטו שווייגן? זע, צו וועמען זיי גלייכן דיך צו!"

## 12

משהס געמיט איז געווען צעשטערט. ער האָט ניט געקאָנט געפינען צוריק זיין שלווה, זיין גלויבן און זיין בטחון, וואָס ער האָט פאַר אַ צייט געפונען אין דער איינזאַמקייט פון מדבר. דאָרט, אין מדבר,ביים פיטערן די שאָף, האָט ער אַפילו געקאָנט מתפלל־זיין צו דעם גייסט פון אַברהם, וואָס ער האָט ניט געוואוסט אָנצורופן זיין נאָמען. אונטער די גרויסע שטערן אין דער שטילער נאַכט פון מדבר, ווען ער האָט געוואַכט איבער זיינע שאָף, האָט ער געפונען אַ נאָמען פאַר אים. ווען ער האָט געזען ווי די שאָף קנוילן זיך איינס אין אַנדערן אונטער דעם אויסגעשטערנטן, זינגענדיקן הימל און זוכן שוץ פאַר דער פאַרלוירנקייט פון דער נאַכט, האָט ער דערפילט דעם חסד פון גאָט, וואָס רוט אויף זיין גאַנצער יצירה. און ער האָט אים אָנגערופן אין זיין האַרץ דער גאָט פון חסד און רחמים.

ער האָט געוואוסט און געפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז דער גאָט פון חסד און רחמים ליידט צוזאַמען מיט זיין פאָלק און מיט אַלע ליידנדיקע. ער ליידט פאַר דעם שלעכטס, וואָס איין מענטש טוט דעם אַנדערן, און ער איז מיט זיין פאָלק אין זייער פיין, אין זייער נויט. ער זעט פון זיין הימל אַלץ, וואָס די מצרים טוען די עברים, ער הערט זייער קרעכצן, ער פאַרנעמט זייער געוויין. דאָס בלוט פון די קינדער, וואָס שרייט־אַרויס פון די מויערן פון די פרעכטיקע בנינים פון מצריים, — ער זעט און הערט — און שווייגט.

עס איז דאָ אַ טעם פאַר זיין שווייגן. ער האָט אויסגעזעצט אַ צייט, און די צייט דערנענטערט זיך. זי לויפט־אָפּ ווי אַ קאַסקאַדע וואַסער, ביז דאָס וואַסער פון געדולד און אויסוואַרטונג וועט אויסגיין.

ער האָט ניט געקאָנט מער איינזיצן אין יתרוס הויז. ער האָט צונויפגענומען זיינע שאָף, האָט געזאָגט שלום צו זיין הויז־געזינט און איז געגאַנגען אין מדבר.

דאָסמאָל האָט ער ניט געוויילט אין מדבר מדין, נאָר ער האָט געפירט זיינע שאָף צו עציון־גבר ביים אויסגאַס פון רויטן ים.

עס איז געווען ווי אַ שטים האָט גערעדט אין זיין האַרץ: גיי צו די בערג פון סיני!

פון די קליינע זאַמד־בערגלעך אין מדבר מדין האָט משה געקאָנט זען די שפּיצן פון די רויטע פעלדזן־בערג פון האַלב־אינדזל סיני, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט אויסגאָס פון רויטן ים. דער פרימאָרגן־בליאַסק און דאָס שטראַלן־ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן אָנגעצונדן די קופּערנע שפּיצן בערג אין אַ גליענדיק פייער, האָבן געגעבן אַ פּערלדיקן שימער די ווייסע קופּאָלן איבער די שניי־בערג, און דער שיין פון רויט און פינקלדיק ווייס האָט זיך גע־שפּיגלט אין דעם בלאָען וואַסער־שפּיגל פון רויטן ים. דער שיין פון די בערג האָט דערגרייכט די זאַמד־פלאַכן פון מדבר מדין. משה האָט געוואוסט, אַז די רויטע קופּער־בערג וואַרפן־אָן פון קדמונים אַ שרעק אויף די בעדואינער און די פּאַסטוכער פון דער גאַנצער געגנט און אַז מענטשן מיידן־אויס צו קומען נאָענט צו זיי. די טרוקנקייט פון דעם קלימאַט, וואו דער חלל ווערט קיינמאָל ניט געשטערט דורך קיין גערויש פון לויפנדיקע וואַסערן, שאַפט אַרום די בערג אַן אויסערגעוויינטלעכע שטילקייט, אַ שטילקייט, וואָס טראָגט אין זיך אַ מין פאַר־שטיינערטע טויטע מנוחה. דער געוועלב פון די בערג העלפט אַרויסברענגען אַ מעכטיקן עכאָ, ווען די שטילקייט ווערט אַמאָל צעשטערט דורך דעם מינדסטן גערויש. אַ פאַל פון אַ שטיין דורך די געוועלבן פון די בערג אין די טאָלן אַריין הילכט־אָפּ מיט אַ מעכטיקן רעש, ווי אַ קאַסקאַדע וואַסער, איבער די זאַמד־שטיינערנע ווענט און שלאָגט־אָפּ אויף מיילן־ווייט מיט אַ וויברירנדיקן ווידער־קלאַנג. אָט־די עכאָ־קולות אין דער טרוקענער לופט, וואָס הערן זיך פון צייט־צו־צייט איבער דעם מדבר, האָבן געשאַפן אין דער פאַנטאַזיע פון די בעדואינישע וואַנדלער לעגענדעס איבער אַלערליי גייסטער און געפאַלענע געטער, וואָס האַלטן זיך אויף אין די פייער־בערג. עס זענען געווען געטער, וואָס די גלויביקע זייערע האָבן פאַרוואָרפן, ווייל זיי זענען ניט ביכולת געווען אַרויסצוהעלפן די מענטשן אין זייער נויט, באַשיצן זיי פון שׂונאים. די געטער זענען געלאָפן פון דעם צאָרן פון די מענטשן, אָדער די שטאַרקערע געטער, זייערע קאָנקורענטן, האָבן זיי גענומען געפאַנגען און געהאַלטן צוגעבונדן צו די קופּער־שטיינער פון די פייער־בערג. און דאָס האָט זייער קלאָגן און זייער וואָיען זיך געהערט אין די נעכט ווייט אַרום אין מדבר.

משה האָט געוואוסט, אַז די אַרומיקע שכנים, אַפילו יתרו אַליין, גלויבן, אַז אויך דער העכערער גייסט, וואָס אַברהם האָט געדינט צו אים, איז ניט ביכולת אָפּצוראַטעווען די עברים פון פּרעהס קנעכטשאַפט און מוז, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע דורכגעפאַלענע געטער, זיך אויפהאַלטן אין די בערג פון סיני, כאָטש מען האָט ניט גערעדט וועגן דעם אין יתרוס הויז, זינט משה איז אָנגעקומען אַהין.

משה אַליין האָט ביז איצט געהאַט אויסגעמיטן צוצוקומען נאָענט צום האַלב־אינדזל סיני. ער האָט געוואוסט, אַז דער האַלב־אינדזל איז זייער אָרעם אין פּאַשע, אַז די ערד באַשטייט דאָרט אויס קופּער־ערץ און זאַמד־שטיינער, וואָס קרישלען זיך און פאַלן אַרונטער פון די בערג. און ווען אַפילו עס איז אין די ווינטער־חדשים צו געפינען דאָרט פּאַסן גרינס צווישן די באַרג־שפּאַלטן, איז דאָס אָרט זייער געפערלעך צוליב די שטיינער, וואָס האַלטן אין איין אַרונטערפאַלן, צוליב די פיל גריבער און היילן, וואָס זענען דאָרט פאַראַן.

דאָסמאָל האָט משה אַריבערגעטראָטן דעם גרינעם אָאַזיס פון עציון־גבר און אַריינגעפירט זיין סטאַדע אויפן האלב־אינדזל סיני. ער האָט אַרונטערגעטריבן די שאָף ביז צום ברעג פון דעם אויסגאָס פון רויטן ים, נאָענט פון דעם באַרג חורב, ווייל זיין שוואָגער חובב האָט אים געהאָט געזאָגט, אַז אין שאָטן פון יענעם באַרג זענען פאַראַן פאַסן גרין גראָז, אַפילו טייטל־ביימער און קאַקטוסן, און אויך וואַסער, איינגעזאַמלט אין די שטיין־שפּאַלטן, וואָס די זון קומט אַהין קיינמאָל ניט צו.

געטון האָט עס משה ווי עס וואָלט אים ווער געגייט דערצו, ניט מיטן אייגענעם ווילן. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון, פאַרוואָס ער טוט דאָס. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אים, חלילה, קיינמאָל ניט געקומען אויפן זינען, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ ממשות אין די רייד פון די זעערס מכּוח דעם, אַז אויך דער גאָט פון אַברהם געפינט זיך מיט די אַנדערע אין די פייער־בערג. פילט ער נישט, ווי דער גאָט פון אַברהם פילט־אָן זיין גאַנצן באַשאַף און אַז עס איז גאָרנישט דאָ אָן אים. זיין, משהס, אייגענער וועג איז אַרויפגעדרונגען געוואָרן אויף אים פון אַן אומבאַוואוסטקייט, ווי עס וואָלט אים מיט ריטער געשמיסן צו גיין צום באַרג סיני.

ער איז אַזוי פאַרצווייפלט געוואָרן פון די שלעכטע ידיעות, וואָס די זעערס האָבן געבראַכט פון זיינע ברידער אין מצריים, און ער האָט זיך גע־פילט אַזוי שולדיק פאַר זייער פאַרשווערטן יאָך ביי פרעהן, אַז ער איז גרייט געווען צו גיין קיין מצריים און איבערגעבן זיך אין פרעהס הענט.

עס איז יתרון און זיין טאָכטער צפּורה אָנגעקומען מיט גרויס מי אים אָפּצוהאַלטן פון דעם, און אויס מורא, אַז פרעהס שומרים זאָלן ניט קומען אים פעסטנעמען אין יתרוס הויז, ווייל זיי זענען זיכער געווען, אַז בלעם וועט אים אַרויסגעבן נאָך דעם ווי ער האָט אים דערקענט, האָבן זיי אים צוגערעדט צו אַנטלויפן צום האַלב־אינדזל סיני און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט.

אין דער שטילקייט, צופוסנס פון דעם באַרג חורב, האָט משה געפונען צוריק זיין מנוחת־הנפש. בייטאָג איז ער געווען פאַרנומען מיט אויסזוכן קאַרגע פאַסן גרין גראָז, וואָס די הייסע זון האָט עס פאַרברענט איידער נאָך עס האָט באַוויזן אַרויסצוקריכן פון די שפּאַלטן אין די שטיינער. צופוסנס פון באַרג חורב האָט ער אָבער געפונען קאַקטוס־געוויקסן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט די ווינטן און די זאַמד־שטורעמס. די קליינע קאַקטוס־געצווייגן זענען געווען אַ באַטעמטער ביסן פאַר זיינע שאָף, וואָס פלעגן זיי אָפּגריזשען ביז צו די סאַמע וואָרצלען. ווי דורך אַ נס האָט זיך אויפגעדעקט פאַר אים אַן איינזאַמלונג וואַסער אין אַ הייל־גרוב, וואָס האָט געמוזט אַרויסקוועלן פון אַן אונטערגרונט־קוואַל, וואָרעם דאָס וואַסער איז געווען פריש, קיל, אַנגענעם פאַרן גומען. משה האָט צוזאַמענגעבראַכט די שאָף אַרום דעם קוואַל און איז געווען ווליק דאָרט צו פאַרבלייבן. דער באַרג חורב, אין דער מיט פון די בערג פון סיני, איז געווען פלאַכער און מער צוגעפּאַסט פאַר פיטערן שאָף ווי

די אַנדערע בערג. עס איז ניט געווען קיין פעלדזן־באַרג פון רויטן קופּער־שטיין אָדער קופּער־זאַמד, נאַקעט און לער ווי די אַנדערע בערג, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט; עס איז געווען אַ באַרג פון ליימיקן שטיין, און פון זיינע שפּאַלטן האָבן אַרויסגעשפּראָצט שטאַכער־וואָרצלען, דערנער־צווייגן און אַנ־דערע גראָזן און געוויקסן, וואָס האָבן צוגעשטעלט חיונה, ווען אַפילו גאַנץ קנאַפּ און קאַרג, פאַר זיינע שאָף, אויך ווייסע פּראַסטיקע שטערן־בלימלעך, וואָס האָבן באַדעקט די פעלדזן ווי מאָך און האָבן געקאָנט שטילן דעם הונגער ווי ברויט.

די אַנדערע בערג אַרום האָבן געהאַט שפּיציקע ווענט, וואָס האָבן זיך געשטרעקט, ווי הענט מיט צעשפּרייטע פינגער, אין די הימלען און געוואָרפן זיך אין אָפּגרונטן אַרונטער. ניט אַזוי דער באַרג חורב. ער איז געווען אויס־געלייגט אין ברייטע פּלאַטאָס, ווי לוחות וואָלטן זיך אויסגעשפּרייט איבער אים. און ווען משה האָט אין אָוונט, איינגעוויקלט אין זיין פּאַסטוך־מאַנטל, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, מיטן פּנים צום הימל, און אויפגעהויבן די הענט אין תפילה, זענען אַלע שטערן פון גאַנצן הימל־געוועלב געווען פאַר־זאַמלט איבער זיין קאָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע עקן וועלט צו הערן זיין געבעט און זיינע קרעכצן.

געוויס האָט ער געזען דאָס פייער, וואָס צינדט זיך אָן פון דער זונס שטראַלן איבער די קופּערנע באַרג־שפּיצן. געוויס האָט ער געהערט די קולות, די קנאַלנדיקע עכאָס, וואָס יעדער גערויש און יעדער געמורמל פון אַ פאַל פון אַ שטיין, פון אַ בלאָז פון ווינט רופט־אַרויס אין די בערג. עס האָט ניט געמאַכט קיין שטאַרקן רושם אויף אים, מחמת ווי אַ געניטער פּאַסטוך האָט ער געוואוסט די סיבה פון די קולות: זיי זענען עכאָס אין געוועלבטן חלל פון פאַרשיידענע קליינע גערוישן. ער האָט דערפאַר געהאַלטן דאָס רעדן און דאָס שרעקעדיקע שושקען־זיך פון די מענטשן אין דער אַרומיקער געגנט וועגן די קולות פאַר ניט מער ווי פּלאַפּלעריי פון קינדער, וואָס שרעקן זיך פאַר שאָטנס אויף די ווענט. אין קיין פאַלשע געטער האָט ער ניט געגלויבט, זיי האָבן ניט עקסיסטירט פאַר אים.

דאָך איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל אויפן שטיין, וואו ער איז געזעסן איבער זיינע שאָף, האָט ער דער־פילט אַ טיפע שטילקייט, ווי ער און דער חלל אַרום וואָלטן אויסגעטיילט געוואָרן פון גאַנצן באַשאַף און אַריינגענומען געוואָרן אין אַ סוכה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און עס איז טאַקע אַזוי געווען.

גראָע וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך און געבליבן הענגען איבער די בערג. די שאַרפע שפּיצן האָבן אַדורכגעשטאָכן די וואָלקנס, און שטיקער רויכערדיקע קנוילן האָבן זיך געטראָגן און אויסגעפּילט דעם חלל פון אונטערגרונט. ווי ווייסע פליגל האָבן זיי געפלאַטערט, טראָגנדיק זיך פון איין שפּיץ באַרג צום אַנדערן ביז זיי האָבן זיך אַרומגעקליבן אויף דעם אָרט, וואו משה איז געזעסן מיט זיינע שאָף, און האָבן אים צוגעדעקט, אים און די

הויערנדיקע שאָף, וואָס האָבן זיך גענורעט איינס אין אַנדערן ווי אין אַ סוכּה.

משה האָט זיך געפילט אַרומגענומען פון אַ גאַנץ אַנדער רשות. אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום ווי דער גאַנצער באַשאַף וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט אויף עפּעס.

איבער משהן איז געקומען אַ צניעותדיקע פאַרכטיקייט. ער האָט געפילט, אַז ער איז נאָענט צו זיין באַשעפער. זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמים איבער דעם גאַנצן באַשאַף, און עס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ דאַרשט נאָך תּפילה. ער האָט אַנידערגעקניט אויפן אָרט, וואו ער איז געווען ביי זיינע שאָף, האָט אויפגעהויבן די הענט און געבעטן:

„גאָט פון חסד און רחמים, קוק אַרונטער פון דער הייך און זע, וואָס עס איז געוואָרן פון דיין באַשאַף. זיי בלאָנדזשען אַרום ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך. זיי האָבן קיינעם ניט, וואָס זאָל זיי אָנווייזן דיין וועג און ברענגען זיי דיין ווילן. האָב רחמנות אויף די מענטשן, וואָס דו האָסט באַשאַפן, אַנטפּלעק זיך צו זיי, ווי דו האָסט עס געטון אַמאָל אין אַברהמס צייטן. נאָך דיר דאַרשט דיין גאַנצער באַשאַף און דיך זוכן זיי, וואָרעם דו אַליין ביסט דער פאָטער פון אַלץ, וואָס לעבט”.

אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט נאָך דער תּפילה, האָבן די וואָלקנס שוין געהאַט אָפּגעצויגן פון דעם אָרט און געשוועבט איבער די שפּיצן בערג. די זון איז אַרויסגעקומען און האָט אַדורכגעלויכטן דורך די וואָלקן־ריסן. אין די בערג אַליין האָט געהערשט די שטילקייט און די מנוחה פון פריער. די שאָף האָבן מיט שלווהדיקער פרומקייט געטריקנט די פייכטע פעל אין דער אויפשטייגנדיקער זון, און אַזוי דער גאַנצער באַשאַף. משה האָט זיך אַרומגעקוקט, און עס איז געווען אין זיינע אויגן ווי דער גאַנצער באַשאַף האָט צוריקגעקראָגן זיין באַנייאונג פון ששת ימי־בראשית. ער איז באַהויכט געווען מיט אומבאַפלעקטער ריינקייט, ווי אַ ניי־געבוירן קינד.

זיינע אויגן זענען מיטאַמאָל פון עפּעס צוגעצויגן געוואָרן אין דער ווייט.

אַ פייערדיקער פלאַם האָט זיך אויפגעהויבן, ווי אַ זייל וואָלט אַרויסגע־שפּראָצט פון דער ערד. ער האָט זיך צוגעקוקט און געזען אַ דאָרנבוים שטיין אין פייער.

עס איז ניט געווען קיין חידוש. עס האָט אָפט געטראָפן, אַז צוליב עפּעס אַ סיבה האָט אין מדבר זיך אָנגעצונדן אַן אויסגעטריקנטער דאָרנבוים; ער האָט אָבער באַלד אויסגעפלאַקערט, ווייל אין מדבר איז ניט געווען וואָס צו ברענען. דאָסמאָל אָבער האָט דאָס פייער אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, און משה האָט זיך געוואונדערט און געטראַכט פאַר זיך: „דער דאָרן ברענט, ברענט און ווערט ניט פאַרצערט”.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט: „איך וועל גיין זען די דאָזיקע גרויסע זעאונג. פאַרוואָס ווערט דער דאָרן ניט פאַרברענט?”

און עס איז געווען ווי ער האָט זיך דערנעענטערט צום ברענענדיקן

דאָרן, האָט פון זיין מיט זיך דערהערט אַ שטימע, וואָס האָט אים ווייך און שטיל אָנגערופן ביים נאָמען:

— משה, משה!

משה האָט זיך ניט דערשראָקן. עס איז געווען ווי די שטימע וואָלט אים פאַרגעקומען באַקאַנט, אַזוי ווי די שטימע פון זיין אייגענעם פאָטער, און ער האָט איר אָפּגעענטפערט:

— דאָ בין איך.

די שטימע האָט גערעדט צו אים פון פלאַמענדיקן דאָרן אַרויס:

— גענען ניט אַהער. טו־אויס די שיך פון דיינע פיס, וואָרעם דאָס אָרט, וואָס דו שטייסט אויף אים, איז הייליקע ערד.

משה איז נשתּומם געוואָרן צו הערן אַ שטימע רעדן פון פייער אַרויס, איז געשטאַנען און האָט געשוויגן.

דאָס קול האָט זיך ווייטער געהערט פון פייער־דאָרן אַרויס:

— איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דער גאָט פון אַבֿרהם, דער גאָט פון יצחק און דער גאָט פון יעקבֿ.

ווען משה האָט דערהערט דאָס וואָרט, האָט ער גענומען דעם עק פון זיין מאַנטל און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים און איז געבליבן שטיין.

און די שטימע האָט ווייטער גערעדט צו אים:

— איך האָב געזען דעם פּיין פון מיין פאָלק, וואָס אין מצרים, און איך האָב צוגעהערט זיין געשריי איבער זיינע דריקער. איך ווייס זיינע ווייטיקן. און איך האָב אַראָפּגענידערט אים מציל־צו־זיין פון דער האַנט פון מצריים און אים אַרויסנעמען פון יענעם לאַנד אין אַ גוטן און אַ ברייטן לאַנד, אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אין דעם אָרט פון דעם כּנעני, און דעם חתּי, און דעם אמורי, און דעם פּריזי, און דעם חוי, און דעם יבֿוסי. וואָרעם דאָס געשריי פון די קינדער פון ישׂראל איז אָנגעקומען צו מיר. און איך האָב געזען די דריקונג, וואָס די מצרים דריקן זיי. דערום קום איצטער, און איך וועל דיך שיקן צו פּרעהן, און נעם אַרויס מיין פאָלק, די קינדער פון ישׂראל, פון מצריים.

משה איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר דעם ברענענדיקן דאָרן און זיין פּנים איז געווען באַהאַלטן אין דעם עק פון זיין מאַנטל. ער האָט ניט געזען קיין געשטאַלט, ער האָט נאָר געהערט דאָס קול, וואָס רעדט אַרויס פון פייער. משה, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם נידעריקסטן אין ישׂראל, וואָס וועט זיכער ניט אויפגענומען ווערן אין דער גאולה, מחמת ער איז ניט געווען אין עבֿודות; ער, וואָס האָט זיך געהאַלטן שולדיק אין דעם, וואָס פּרעה האָט שווערער געמאַכט זיין יאָך איבער די בני־ישׂראל, — ער זאָל דאָס זיין גאָטס שליח אַרויסצונעמען די בני־ישׂראל פון מצריים? ער האָט זיך געבויגן מיט זיין פאַרשטעלטן פּנים טיף צו דער ערד פאַר דעם, וואָס ער זעט ניט, נאָר הערט זיין קול, און זיך אָנגערופן מיט אַ ציטערדיקער

שטימע, וואָס האָט זיך פאַרשטיקט אין אים, און ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין ווערטער:

— ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פּרעהן, און אַז איך זאָל אַרויס־נעמען די קינדער פון ישראל פון מצריים?

די שטימע האָט גערעדט צו אים אין אַ וואַרעמען און ווייכן טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט אים געוואָלט באַרואיקן פון דעם פּחד, וואָס איז אים באַפאַלן:

— אָבער איך וועל זיין מיט דיר, און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן, אַז איך האָב דיך געשיקט. ווען דו וועסט אַרויסנעמען דאָס פאָלק פון מצריים, וועט איר דינען גאָט אויף דעם דאָזיקן באַרג.

אָבער משה איז נאָך מער דערשראָקן געוואָרן פון די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט. מיר וועלן דינען גאָט אויף דעם באַרג? רעדט דאָס דער גאָט פון ישראל צו אים, אָדער, חלילה, איינער פון די גייסטער, וואָס לעבן אין די בערג? אפשר איז טאַקע עפּעס פאַראַן דערינען, וואָס די מענטשן רעדן וועגן דעם באַרג, אַז גייסטער וואוינען אין אים? און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פּרוואון דעם גייסט, וואָס רעדט צו אים, און אויסגעפינען, ווער ער איז. און משה האָט זיך אָנגערופן:

— אָט קום איך צו די קינדער פון ישראל, און איך וועל זאָגן צו זיי: „דער גאָט פון אייערע עלטערן האָט מיך געשיקט צו אייך", — און זיי וועלן זאָגן צו מיר: „וואָס איז זיין נאָמען?" — וואָס זאָל איך זיי ענטפערן?

און די שטימע האָט אים אָפּגעענטפערט:

— איך בין, ווער איך בין. אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: „איך בין" האָט מיך געשיקט צו אייך. יהוה, דער גאָט פון אייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהם, דער גאָט פון יצחק און דער גאָט פון יעקב, האָט מיך געשיקט צו אייך. דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק, און דאָס איז מיין געדעכעניש אויף דור־דורות. — און דאָס קול האָט שוין איצט געקלונגען באַפעלעריש. — גיי, און זאַמל־איין די עלטסטע פון ישראל און זאָג זיי: „יהוה, דער גאָט פון אייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, האָט זיך באַוויזן צו מיר, און האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז ער האָט גע־דאַכט אָן אייך, אָן דעם, וואָס עס ווערט אייך געטון אין מצריים". און ער האָט געזאָגט: „איך וועל אייך אַרויסנעמען פון דעם פּיין פון מצריים און וועל אייך אַריינברענגען אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק". און זיי וועלן צוהערן צו דיין קול, און דו וועסט קומען, דו און די עלטסטע פון ישראל, צו דעם מלך פון מצריים, און איר זאָלט זאָגן צו אים: „יהוה, דער גאָט פון די עברים, האָט זיך געטראָפן פאַר אונדז. און אַצינד, לאָז אונדז גיין, איך בעט דיך, דריי טעג וועגס אין דעם מדבר, כּדי מיר זאָלן מקריב זיין צו יהוה, אונדזער גאָט". — און איך ווייס, אַז דער מלך פון מצריים וועט אייך ניט לאָזן גיין, סיידן דורך אַ שטאַרקער האַנט. וועל איך אויסשטרעקן מיין האַנט, און איך וועל שלאָגן מצריים מיט אַלע מיינע וואונדער, וואָס איך

וועל טון דעריין, און דערנאָך וועט ער אייך אָוועקלאָזן. און עס וועט זיין, אַז איר וועט אַרויסגיין, וועט איר ניט אַרויסגיין מיטליידיקן.

אָבער ערשט איצט, ווען משה האָט זיך איבערגעצייגט, אַז די שטימע, וואָס רעדט צו אים, איז די שטימע פון דעם גאָט פון זיין, דעם גאָט פון באַשאַף, און אז פון אַלע בני־ישראל, פון אַלע בני־לווי האָט ער, משה, אַליין די זכיה, אַז דער גאָט זאָל זיך באַווייזן צו אים און אים שיקן אין שליחות אויס־צולייזן ישראל, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, ווי זיי וועלן קוקן אויף אים מיט אומצוטרוי, ווען ער וועט ברענגען דאָס שליחות פון גאָט צו קורחן, אַפילו צו זיין אייגענעם ברודער, אַהרן, וואָס זיי האָבן אים פאַרטריבן פון מצריים. און ער האָט זיך אָנגערופן מיט פּחד און אַנגסט:

— אָבער זיי וועלן דאָך מיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו מיין קול, וואָרעם זיי וועלן זאָגן: „גאָט האָט זיך ניט באַוויזן צו דיר".

— וואָס איז דאָס אין דיין האַנט? — האָט אים די שטימע געפרעגט.

— אַ שטעקן, — האָט משה געענטפערט.

— טו אים אַ וואַרף צו דער ערד.

משה האָט געוואָרפן דעם שטעקן צו דער ערד, און עס איז געוואָרן אַ מוראדיקע שלאַנג. און משה איז אַנטלאָפן פון איר, וואָרעם ער האָט זיך דער־שראָקן.

— שטרעק־אויס דיין האַנט און נעם זי אַן פאַרן עק, — האָט די שטימע אים באַפוילן.

און משה האָט געטון, וואָס די שטימע האָט אים באַפוילן, האָט אָנגענומען דעם עק פון דער שלאַנג, און זי איז צוריק געוואָרן אַ שטעקן אין זיין האַנט.

דאָס איז, כּדי זיי זאָלן גלויבן, אַז יהוה, דער גאָט פון זייערע עלטערן, האָט זיך באַוויזן צו דיר, — האָט די שטימע געזאָגט. — שטעק אָקאָרשט אַריין דיין האַנט אין דיין בוזעם.

משה האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם, און ווען ער האָט זי אַרויסגענומען, איז זי געווען מצורע, ווייס ווי שניי.

— קער־אום די האַנט צוריק אין דיין בוזעם.

האָט משה אומגעקערט זיין האַנט אין זיין בוזעם, און ווען ער האָט די האַנט אַרויסגעצויגן פון זיין בוזעם, איז זי צוריק געוואָרן ווי זיין לייב.

— עס וועט זיין, אַז זיי וועלן דיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו דעם קול פון דעם ערשטן צייכן, וועלן זיי גלויבן דעם קול פון דעם לעצטן צייכן. און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן די דאָזיקעביידע צייכנס אויך ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו דיין קול, זאָלסטו נעמען פון די וואַסערן פון טייך, און אויסגיסן אויף דער יבשה, און דאָס וואַסער, וואָס דו וועסט נעמען פון טייך, וועט ווערן בלוט אויף דער יבשה.

אָבער וויפל משהס האַרץ איז ניט אָנגעפילט געוואָרן מיט ציטערניש און פרייד איבער דעם גרויסן מאָמענט, איבער דעם, וואָס דער גאָט פון אַברהם אַנטפּלעקט זיך פאַר אים, און וויפל ער האָט ניט געגאַרט נאָך דער שעה פון דער גאולה, איז ער אָבער געווען אַזאַ עניו, אַז ער האָט זיך

באין־אופן ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז אים זאָל איבערגעגעבן ווערן דאָס שליחות צו פרעהן, אים מיט זיין שווערן לשון און אויפגערייצטן געמיט, אַז ער זאָל זיין דער ראש־המדברים פאַר פרעהן. האָט ער זיך אָנגערופן מיט תחנונים־ובקשות, מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— איך בעט דיך, גאָט, איך בין ניט קיין מענטש פון ווערטער, סיי פון נעכטן, סיי פון אייערנעכטן, סיי פון זינט דו רעדסט צו דיין קנעכט. וואָרעם איך בין שווער אויפן מויל און שווער אויף דער צונג.

ניין, די שטימע פון גאָט האָט זיך ניט געבייזערט אויף אים, האָט ניט אַרויסגעשיקט קיין פלאַקער־פייער פון דאָרן אַרויס אים צו פאַרלענדן. זי האָט גערעדט צו אים מיט אַזאַ צאַרטקייט, ווי אַ מוטער טרייסט און נעמט־איין אַ דערשראָקן קינד מיט איר ווייכקייט און ליבע. גאָט האָט אים געשטאַרקט און געטרייסט:

— ווער האָט געמאַכט דעם מענטשן אַ מויל? אָדער ווער מאַכט אים שטום, אָדער טויב, אָדער זעעדיק, אָדער בלינד, אויב ניט איך, גאָט? דערום גיי אַצינד, און איך וועל זיין מיט דיין מויל און וועל דיך לערנען, וואָס דו זאָלסט רעדן.

משה איז איצט געלעגן מיטן פּנים איינגענורעט אין דער ערד פאַר דעם ברענענדיקן דאָרן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי ער קומט צוריק קיין מצריים, און זיין ברודער אהרן דערזעט אים און די אַנדערע עלטסטע פון ישראל, און אהרן ווערט בלייך פאַר שרעק און ער זאָגט אים: „וואָס ביסטו געקומען, ווייטער צו ברענגען אומגליק איבער אונדזערע קעפּ? איז דיר ניט גענוג, וואָס פרעה האָט אונדז געטון פאַר דעם, וואָס דו האָסט געהרגעט דעם מצרי? וואָס ביסטו געקומען, ווייטער צו בונטעווען מיטן ליגן, אַז גאָט האָט זיך באַוויזן צו דיר? פאַרלאָז אונדז מיט דיינע חלומות. דו ביסט נאָר אַ צרה פאַר דיינע אייגענע ברידער". און משה זעט די פּנימער פון די בני־ישראל, ווי זיי שרעקן זיך פאַר אים. ווי אַזוי קאָן ער גיין קיין מצריים נאָך דעם, וואָס ער האָט זיי געטון? ניין. ער נורעט־איין דאָס פּנים טיפער אין דער ערד און שטרעקט־אויס די הענט צום ברענענדיקן דאָרן:

— איך בעט דיך, גאָט, שיק דורך וועמען דו וועסט שיקן.

מיטאַמאָל האָט משה דערפילט ווי אַ שטורעם־ווינט הייבט אים אויף אין דער לופטן און וועט אים אָט־אָט אַרונטערוואַרפן אין אַן אָפּגרונט. עס איז געווען ווי אַ דונער וואָלט אויפגעבראָכן אין דעם קול, וואָס האָט זיך געהערט פון פלאַקערדיקן דאָרן מיט צאָרן, און דער דונער טראָגט אים אין דער לופטן.

— איז ניט פאַראַן אהרן, דיין ברודער, דער לוי? איך ווייס, אַז ער קען יאָ רעדן. און זע, ער גייט דיר נאָך אַרויס אַנטקעגן, און ווי ער וועט דיך דערזען, אַזוי וועט ער זיך האַרציק דערפרייען. און דו וועסט רעדן צו אים, און וועסט אַריינטון די ווערטער אין זיין מויל, און איך וועל זיין מיט דיין מויל, און מיט זיין מויל, און וועל אייך לערנען, וואָס איר זאָלט טון. און ער וועט רעדן פאַר דיר צום פאָלק. און עס וועט זיין, ער וועט דיר

זיין פאַר אַ מויל, און דו וועסט אים זיין ווי אַ גאָט. און זאָלסט נעמען אין דיין האַנט דעם דאָזיקן שטעקן, וואָס מיט אים וועסטו טון די צייכנס.

גאָט האָט גערעדט, און גאָט האָט באַפוילן. ווער קאָן אים ווידערשפּעניקן? און יהוה האָט געוואוסט אַלע זיינע מחשבות. ער האָט פאַרענטפערט אַלע זיינע שאלות און ספקות און נאָכגעגעבן זיינע בקשות. ער האָט אים געגעבן געטלעכן רשות איבער אַהרנען און מאַכט אין זיין מויל. ער האָט אַריינגעטון אַ שטעקן אין זיין האַנט און שיקט אים אַרויסצונעמען די בני־ישראל פון מצרים.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, געבויגן זיך טיף פאַר דעם גייסט פון ישראל, וואָס האָט גערעדט צו אים, און איז געגאַנגען אויספירן זיין שליחות.

*

ער האָט צונויפגעזאַמלט זיינע שאָף און געפירט זיי צוריק קיין מדין.

ער האָט איבערגעגעבן יתרון די סטאַדע און געזאָגט צו אים:

— מיט דיין רשות וועל איך גיין און וועל צוריקקערן צו מיינע ברידער אין מצרים. איך וויל זען, צי זיי לעבן נאָך.

יתרו האָט אים ניט געפּרואווט צוריקהאַלטן. ער האָט אים אַפילו ניט געשטערט, ווען ער האָט געזען ווי משה נעמט זיין ווייב און זיינע צוויי זין מיט זיך קיין מצרים, וואָס עס איז געווען אַ סכנה, אַז זיי זאָלן ווערן שקלאַפן ביי פּרעהן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט משהן האָט עפּעס וואָס פּאַסירט אין מדבר סיני, ווען אַפילו משה האָט פון אים פאַרשוויגן די זאַך. וואָרעם פון משהס אויגן האָט אָפּגעשיינט אַ ליכט, וואָס יתרו האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם, און אַזוי אויך די אַנדערע בני־בית.

און יתרו האָט אים געזאָגט:

— גיי בשלום.

און משה, מיט צפּורהן, זיין ווייב, מיט די צוויי זין, וואָס זי האָט אים געבוירן, איז אָפּגעגאַנגען אין מדבר, אויפן וועג קיין מצרים.

## 13

אין דער הייל זענען געווען פאַרזאַמלט די זקני־ישראל. דער אַלטער, בלינדער עוזיאל איז געזעסן אויף אַ שטיין, אונטערגעלענט אויף ביידע זייטן פון צוויי אַנדערע זקנים. אַרום אים זענען געווען פאַרזאַמלט די מנהיגים פון די שבטים, טייל פון די זקנים, אַנדערע יונגעלייט מיט פריש־שפּראָצנדיקע בערד, מיט געקרייזלטע האָר. צווישן זיי זענען אויך געווען די פּני פון די

בני־לוי, קורח מיט זיינע זין. אויך דתן און אבירם זענען דאָרט געווען, וואָרעם אַחוץ וואָס זיי זענען געווען די ערשטע פון די יידישע שוטרים, זענען זיי אויך געווען עלטסטע און אָנפירער פון זייער שבט ראובן. דאָסמאָל האָבן זיי ניט געטראָגן דעם צייכן פון זייער אַמט אויף דער ברוסט, אַזוי אויך ניט די געפאַרבטע קליידער און די שטעקנס מיט קופערנע קיילעכן, מחמת די פאַרזאַמלונג פון די זקני־ישראל איז געהאַלטן געוואָרן אין געהיים.

פאַר דער עדה איז געשטאַנען דער צוריקגעקומענער משה, און אַהרן האָט גערעדט פאַר אים.

אַהרן האָט דערציילט פון דעם גרויסן געשעעניש, וואָס האָט געטראָפן מיט זיין ברודער: ווי גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין מדבר סיני, ביים באַרג חורב, און האָט אים באַפוילן צו גיין און פאַרזאַמלען די זקני־ישראל און זיי זאָגן, אַז דער גאָט פון זייערע אָבות, דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, האָט זיך באַוויזן צו אים; און ער זאָל זיי אויך לאָזן וויסן, אין גאָטס נאָמען, אַז גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן זיי, אָן דעם, וואָס עס ווערט זיי געטון אין מצריים, און ער וויל זיי אַרויסברענגען פון מצריים אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אין דעם לאַנד כנען, און ער וויל, אַז משה מיט די זקני־ישראל זאָלן גיין צו פרעהן און אים זאָגן: „אונדזער גאָט, דער גאָט פון די עברים, האָט זיך באַוויזן צו אונדז, — און איצט לאָז אונדז גיין אַ וועג פון דריי טעג אין מדבר, כדי מיר זאָלן דאָרט ברענגען קרבנות צו אונדזער גאָט".

און אַהרן האָט זיי דערציילט, אַז אויך ער האָט געהערט די שטימע פון גאָט, וואָס האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל גיין אַנטקעגן זיין ברודער אין מדבר. און ער איז געגאַנגען און האָט באַגעגנט משהן מיט זיין ווייב און זין ביים באַרג פון גאָט, גייענדיק קיין מצריים, אָן מורא און אָן אַנגסט, אויסצופירן זיין שליחות. און משה האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים, און האָט אים געוויזן דעם שטעקן, וואָס גאָט וועט טון מיט אים וואונ־דער און צייכנס; און ער, אַהרן, האָט באַקומען דעם באַפעל פון גאָט צו גלויבן אין אַלץ, וואָס זיין ברודער וועט אים זאָגן. און איצט שטייען זיי פאַר די זקני־ישראל און ברענגען זיי די בשורה פון דער גאולה אין נאָמען פון גאָט.

נאָך אַהרנס רייד האָט געהערשט פאַר אַ לאַנגער ווייל אַ טיפע שטילקייט צווישן די פאַרזאַמלטע. דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט, איז געווען פאַר זיי אַזוי משונהדיק: גאָט זאָל זיך גאָר באַווייזן ניט צו די זקני־ישראל, ניט צו קיין אַנדערן, נאָר דווקא צו איינעם, וואָס איז ניט געווען מיט זיי אין קנעכט־שאַפט, וואָס קען זיי גאָר ניט, — און ניט אין מצריים, נאָר ערגעץ־וואו אין מדבר? לסוף האָט איינער פון די זקנים געזאָגט:

— פון וואַנען ווייסן מיר, אַז דאָס האָט טאַקע אונדזער גאָט, דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, זיך באַוויזן צו דיין ברודער? האָט ער אים געזאָגט זיין נאָמען? אפשר איז עס געווען אַ רוח, אַ שד פון מדבר, וואָס וויל שפּילן מיט אונדז אַ בייז שפּיל?

דאַסמאָל האָט שוין משה געענטפערט:

— איך האָב אים טאַקע געפרעגט אויף זיין נאָמען. איך האָב געזאָגט צום גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו מיר: „ווען די קינדער פון ישראל וועלן מיך פרעגן, ווער האָט דיך געשיקט, ווי איז זיין נאָמען, — וואָס זאָל איך זיי זאָגן?" און ער האָט מיר געענטפערט: „איך בין, ווער איך בין. און זאָג אַזוי צו די קינדער פון ישראל: 'איך בין' האָט מיך געשיקט צו אייך. און זאָג זיי נאָך: דער גאָט פון אייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, האָט מיך געשיקט צו אייך. דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק, און דאָס איז מיין געדעכעניש אויף דור־דורות".

ווען משה האָט געענדיקט רעדן, האָט דער בלינדער עוזיאל זיך אָרונ־טערגעלאָזט אויף די קני, האָט אויפגעהויבן די הענט און אויסגערופן:

— איך דערקען אים, דאָס איז ער. דער, וואָס איז. דאָס איז זיין נאָמען פון דור צו דור. ער איז געווען מיט אונדזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, האָט זיי געוויזן זייער וועג. מיט אים האָבן זיי כורת־ברית געווען פאַר אונדז און פאַר אַלע אונדזערע נאָכקומער ביז צו דעם סוף פון די טעג. ער איז מיט אונדז דאָ, אין מצרים. ער זעט אונדזער צער און אונדזער אַנגסט. ער הערט אונדזער קרעכצן. ער ווייסט פון אונדזער נויט. און ער ליידט מיט אונדז. ער וועט אונדז באַפרייען פון פרעהס יאָך, און ער וועט אונדז ברענגען אין דעם לאַנד פון מילך און האָניק, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אונדזערע עלטערן. און ער וועט זיין מיט אונדזערע קינדער אויף דור־דורות, אין אַלע צייטן, אין אַלע וועלטן, אין אַלע געשעענישן, אין אַלע טועכצן. וואָרעם ער איז דאָס זיין. עס איז ניטאָ קיין זיין אָן אים. ער איז דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב.

— דריי מאָל האָב איך זיך געוועדט קעגן אים און אָפּגעזאָגט זיין פאַר־לאַנג. ניט, חלילה, מחמת איך האָב ניט געגלויבט, אַז ער איז דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. — אין זיין קול האָב איך דערקענט דעם גאָט פון מיינע אבות; אויך ניט מחמת איך האָב מורא צו ברענגען זיינע רייד פאַר פרעהן. איך בין גרייט צו קומען פאַר פרעהן צו יעדער צייט און פאָדערן, אין נאָמען פון מיין גאָט, אַז ער זאָל אויספירן זיין באַפעל. ער האָט מיך געוואָרנט פריער, אַז פרעה וועט אונדז ניט לאָזן גיין, און ער וועט שווער מאַכן פרעהס האַרץ, כדי אין אים און אין גאַנץ מצריים צו באַווייזן זיין גע־רעכטיקייט, זיין מעכטיקע האַנט, וואָס וועט נעמען רעכנשאַפט פאַר יעדן וויי, פאַר יעדן פיין, וואָס פרעה האָט אונדז פאַרשאַפט. איך גלויב און איך ווייס, אַז ער וועט אויפמאָנען פון פרעהן און פון די מצרים יעדן טראָפּן בלוט, וואָס זיי האָבן אונדז פאַרצאַפּט, און ער וועט די מצרים מאַכן פאַר אַ משל פון שרעק, ווי ער האָט עס געטון מיט סדום און עמורה, כדי זיי זאָלן זען, אַלע פייניקער נאָך פרעהן, און זיי זאָלן געדענקען, אַז עס איז דאָ אַ האַנט, וואָס פאָדערט גערעכטיקייט. דאָך האָב איך ניט געוואָלט גיין, דאָך האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צו טון זיין שליחות.

„איך האָב אויסגעשטעלט מיין לייב און לעבן אַנטקעגן זיין צאָרן נאָר דער־פאַר ווייל איך האַלט זיך ניט פאַר ראוי צו זיין דער שליח פון גאָט צו זיין פאָלק. ווער בין איך? דער לעצטער פון צווישן אייך. איך האָב ניט טועם געווען דעם טעם פון צער און פיין, פון עבדות און דריקונג מיט אייך. איך האָב אייך נאָר געבראַכט צרות און אַ שווערן יאָך, און אַליין בין איך אַנטלאָפן אין מדבר. וואָס בין איך, אַז איך זאָל האָבן די זכיה צו זיין דער שליח פון דעם גאָט פון ישראל? גאָט האָט מיך אָבער געפאַנגען ווי אַן אָדלער פאַנגט אַ שעפעלע, און מיך געבונדן און געלייגט אויף מיינע פלייצעס זיין שליחות, און געגעבן דעם שטעקן פון זיין צאָרן אין מיין האַנט, און ער האָט מיך געשיקט צו אייך מיט זיין בשורה אין מיין מויל. און איצט שטיי איך פאַר אייך. גלויבט אין אונדזער גאָט, אין דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב!"

— דאַך וואָלטן מיר געוואָלט זען אַ צייכן, אַז עס איז טאַקע די מאַכט פון גאָט אין דיין האַנט צו טון וואונדער אין זיין נאָמען, — האָט זיך אָנגערופן קורח נאָך לאַנגן נאָכקלערן.

— ניט איך טו עס, נאָר גאָט, דער גאָט פון אברהם, — זאָגט משה און וואַרפט דעם שטעקן פאַר די פיס פון די זקנים.

אַ מוראדיקע שלאַנג האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון דער ערד, אָפּשרעקנ־דיק צו פאַרשלינגען די אַלע אַרום, וואָס וועלן ניט גלויבן. משה האָט אָנגענומען די שלאַנג ביים עק, און זי איז ווידער געוואָרן אַ שטעקן אין זיין האַנט.

— דער צאָרן פון גאָט איז אין משהס שטעקן צו פאַרטיליקן זיינע פיינט, — האָבן זיך געהערט קולות פון די זקנים.

— און צו העלפן ישראל! — האָבן אַנדערע גערופן.

און ווי איין מענטש, האָט די גאַנצע עדה פון די זקני־ישראל אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני, געבייגט די פנימער צו דער ערד און געהויבן די הענט צום הימל.

„גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, דו, וואָס דו האָסט געדאַכט אָן אונדז און געזען אונדזער פיין און לייד, זיי געלויבט, זיי געלויבט!"

אָבער קורח, איינער אַליין, איז ווייטער געזעסן, ווי איינגעמויערט אויף זיין אָרט מיט זיין מעכטיקן קערפּער, אין אַ שווערן, כמורן געמיט, גלייכגילטיק צו דעם וואונדער.

— געוויס איז דאָס אַ צייכן פון מאַכט אין משהס האַנט. אָבער מיר אַלע ווייסן, וואָס די כּישוף־מאַכער זענען ביכולת צו טון מיט זייער כּישוף. זיי לאָזן טויטע רעדן, זיי כּישופן־אַרויס פלאַמפּייערן פון דער לופט, — איז וואָס פאַר אַ באַטרעף וועט אַזאַ צייכן האָבן אין זייערע אויגן? אויב משה און אהרן ווילן, אַז די זקנים פון ישראל זאָלן מיטגיין מיט זיי צו פּרעהן, מוזן זיי ווייזן נאָך אַנדערע צייכנס, מעכטיקערע צייכנס, וואָס זיי וועלן מיט זיי אָפּשרעקן פּרעהן און וואָס דער גאָט שדי האָט זיי אַוודאי איבערגעגעבן, — האָט זיך אָנ־גערופן קורח.

משה האָט געוויזן פאַר דער עדה דעם צווייטן צייכן, וואָס גאָט האָט אים

געהייסן טון. אָבער אויף קורחס ליפּן איז אַלץ געבליבן הענגען דער שמייכל פון ספקות.

— און מיט די צייכנס ווילט איר אָפּשרעקן פּרעהן און זיינע כּישוף־מאַכער?

— גייט דען דאָ אין צייכנס? איז דען ניט אַלץ מעגלעך ביי גאָט? שטייען ניט זיינע הימלשע חיילות גרייט אויסצופירן זיינע שליחותן? — האָט משה געזאָגט, און פאַר כּעס האָט ער, ווי תּמיד, געשטאַמלט און געפּונען מיט שווערקייט די ווערטער.

— גאָט האָט אַפילו ניט געעפנט זיין מויל און ניט גרינג געמאַכט זיין צונג. ווי אַזוי וועט ער רעדן צו פּרעהן? — האָט קורח געפרעגט.

— איך האָב אַליין אָנגעוויזן מיין גאָט אויף מיין פעלער. און ער האָט מיך געטרייסט און מיר געזאָגט, אַז מיין ברודער אַהרן וועט זיין מיין צונג, און ער וועט רעדן פאַר מיר, — האָט משה געזאָגט אין גרויס עניוות, וואָס האָט ניט פאַרפעלט צו מאַכן אַ רושם אַפילו אויף קורחן.

— און וואָס וועט איר רעדן פאַר פּרעהן? — וויל קורח וויסן.

— וואָס גאָט וועט אונדז הייסן. גאָט אַליין וועט אַריינלייגן די ווערטער אין אונדזער מויל און ער וועט אונדז זאָגן, וואָס מיר זאָלן טון.

— אויב אַזוי, איז מיין עצה, אַז משה און אַהרן זאָלן אַליין גיין צו פּרעהן און רעדן צו אים אין נאָמען פון דעם גאָט פון די עברים. זיי ווייסן, וואָס זיי וועלן רעדן צו אים. מיר קאָנען ניט איינשטעלן דעם גורל פון די שבטים פון ישראל אויף אַזאַ מסוכּנעם אופן, וואָרעם אויב עס זאָל טרעפן, אַז זיי וועלן אים דערצערענען, מוז ווער זיין, וואָס זאָל אים איבערבעטן, — האָט קורח געוואָרנט.

און די שוטרים פון די בני־ישראל, מיט דתן און אַבירם בראש, האָבן צוגעשטימט.

— מיר וועלן גיין גלייך און זיך שטעלן פאַר פּרעהן, — האָט אַהרן געזאָגט.

— און מיר וועלן אָפּוואַרטן די זאַך און זען, וואָס עס וועט זיין דערפון, — האָט קורח געענטפערט.

*

נאָכדעם ווי משה איז פאַרשוואונדן פון פּרעהס הויף, האָבן די הויפּלייט, מיט די כּהנים בראש, שוין געזען, אַז יעדער זכר זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דעם פרעמדן, וואָס האָט דערגרייכט פּרינצלעכן שטאַט אין קיניגלעכן הויף און האָט געקאָנט ווערן אַ שטער פאַר דער דינאַסטיע. זיין נאָמען צו דערמאָנען איז געווען פאַרבאָטן. אָבער די הויפּלייט, וואָס משה האָט געהאָט מיט זיי וועלכע־עס־איז פאַרהעלטענישן, און אויך דער אייבער־פּריסטער בענקנעכאָס, זענען אַלע געווען טויט. און ווען אַפילו מענעפּטאַ האָט יאָ געקענט און געדענקט דעם יונגן פּרינץ, וואָס האָט זיך אויפגעצויגן ביי זיין פאָטער אין הויף, ווי אַן אַדאָפּטירטער זון פון זיין שוועסטער, דער פּרינצעסין בתיה, האָט ער אים ניט דערקענט, ווען משה און אַהרן זענען געקומען פאַר אים, ווי פאַרשטייער פון די עברישע שקלאַפן.

מענעפטאַ איז ניט געווען קיין רעמסס דער צווייטער און מצריים איז שוין ניט געווען מער דאָס מצריים פון רמססעס צייט. אויפגערודערט און דערמוטיקט פון דער צווייטער גרויסמאַכט, בבל, וועלכע האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגל איבער די שכנישע לענדער, האָבן די אַזיאַטישע פעלקער אָנגע־הויבן זיך בונטעווען און זיך אָפּרייסן פון מצריים. אַזוי האָבן אויך די ליביער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קאַמפּפעאיקייט, אַליאירט מיט די עטרוסקער פון דעם אינדזל סיציליע, זיך אַפילו דערוועגט אָנצוהויבן אַן אַגרעסיווע מלחמה און אַריינדרינגען אין די עגיפּטישע לענדער. אמת טאַקע, די עגיפּטישע חיילות האָבן זיי בייגעקומען און פרעה האָט געקאָנט זיך רימען אויף זיין מצבה, אַז ער האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד ליביע און איינגעשטילט די חתים. אָבער די מרידות אין די כנענישע לענדער, די פּלישתּים פון אשקלון און עזה האָבן געהאַלטן די עגיפּטישע חיילות אַנגאַזשירט אין מלחמות פאַר יאָרן און יאָרן. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די שקלאַפן אויף פּרעהס אַלע פעלדער און טייכן, אין אַלע טעמפּלען, שפּייכלערס און הויפן, אין אַלע װערק־שטעלן און וועבערייען, די אַלע שקלאַפן אַן אַ צאָל, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די לעבעדיקע און טויטע מצרים צו באַזאָרגן זיי מיט אַלעם גוטן, אויפצוהויבן אייגענע מרידות, פאָדערן פאַר זיך, אויב ניט קיין פולע באַפרייאונג, וואָס פון דעם האָבן זיי אַפילו ניט דערוועגט זיך צו טראַכטן, איז לפּחות בעסערע באַ־דינגונגען פון אַרבעט, ווי מער שפּייז און ווייניקער שעהן פון אַרבעט. טיילמאָל איז פרעה אַפילו געצוואונגען געווען נאָכצוגעבן זיינע שקלאַפן.

מענעפּטאַ האָט איינגעווויליקט אויפצונעמען די פאָרשטייער פון די עברישע שקלאַפן, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז אויך זיי פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל זיי געבן מער שפּייז און אפשר אויך מער צייט צו באַאַרבעטן זייערע קליינע גערטנער.

ער האָט משהן און אַהרנען ניט אויפגענומען, פאַרשטייט זיך, אין אַן אָפיציעלער אוידיענץ, — אַזאַ כבוד ווערט ניט צוגעטיילט קיין שקלאַפן, — ער האָט זיי אויפגענומען אין איינער פון די פיל סקולפּטור־סטודיעס, וואו ער האָט פּאָזירט פאַר מייסטער־סקולפּטאָרן, וועלכע האָבן געהאַמערט אין שוואַרצן גראַניט־שטיין אַ מעכטיקע קיניגלעכע פיגור, אַ מאָנומענט אין דער מאַוזאָלעי־פּיראַמידע, וואָס וועט אַמאָל האַלטן זיין באַלזאַמירטע מומיע. ווען אַפילו עס איז זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן, אַז פרעה זאָל זיך אַנדערש ניט ווייזן פאַר זיינע אונטערטעניקע ווי נאָר אין זיין טאָפּעלער קרוין, אין זיין גאָלדענער פראַכט־צירונג, כדי ער זאָל אויסשטראַלן פון זיך אַ ליכטיקייט, אַקוראַט ווי די זון, וואָס ער פאַרקערפּערט, איז עס אָבער ניט חל געווען פאַר פאָרשטייער פון שקלאַפן, ווייל מען האָט זיי ניט געהאַלטן פאַר ווערדיק צו זען גאָר פרעהן אין זיין פּרעכטיקייט. ער האָט זיי דערפאַר אויפגענומען, ווי ער איז געזעסן פאַר די מייסטער־סקולפּטאָרן, דאָס הייסט, אדם־נאַקעט, האַלטנדיק נאָר דעם סצעפּטער פון זיין מאַכט אין דער האַנט.

מענעפּטאַ איז שוין דענסמאָל אַן אַלטער מאַן געווען, מיד און אויסגע־מוטשעט פון די פיל מלחמות און מרידות, וואָס ער האָט געהאַט אַדורכצומאַכן.

זיין פליישיק לייב האָט זיך געפּאַלדעוועט, אויפגעלאָפן אין שטורעם־כוואַליעס. אַזוי איז אויך דאָס פּנים זיינס געווען באַהאַנגען מיט הויט־טאָרבעס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעצויגן, ליידיקע, פון זיינע באַקן און זיין האַלדז. די פיגור אָבער אין דער סקולפּטור, וואָס ער האָט פאַזירט פאַר איר, איז געווען פון אַ יונגנמאַן אין זיינע בליענדיקסטע יאָרן, מאַסיוו, אַטלעטיש, אַ לייב, האַרט און קנאָכיק, הענט און פיס אויסגעהאַקט אין שטרענגע, גלייכע ליניעס, דאָס פּנים פון אַ יונגן בחור, מיט אַ שפּיציקן בערדל, די גאַנצע פיגור לויטער פאַלשקייט און ליגן, אַזוי ווי די אויסגעקריצטע היעראָגליפן אויף איר, וואָס דערציילן פון זיינע גרויסע נצחונות.

משה און אַהרן זענען געקומען אַליין צו פרעהן. די זקני־ישראל האָבן געהאָרכט קורחס עצה און האָבן דערוייל זיך צוריקגעהאַלטן פון אָנטייל צו נעמען אין דער זאַך, ביז זיי וועלן זען, וואָס עס וועט ווערן דערפון.

אַהרן איז געווען דער רעדער.

ער האָט אָנגעהויבן פון דעם, וואָס די שבטים פון ישראל זענען קיינמאָל ניט געווען קיין מלחמה־געפאַנגענע. זיי זענען געקומען קיין מצרים, ווען פרעה און יוסף האָבן זיי פאַרבעטן צו קומען. זיי זענען דערפאַר ניט אין דער קאַטע־גאָריע פון שקלאַפן, נאָר פרייע מענטשן פון אַן אַנדער שטאַם, וואָס פרעה האָט זיי, ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר די טובות פון איינעם פון זייערע ברידער, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט מצרים פון הונגער, באַוויליקט פאַר זייער ישוב דאָס לאַנד גושן. זיי זענען פאַרשקלאַפּט געוואָרן אָן יעדן רעכט, קעגן דעם געזעץ פון לאַנד. זיי האָבן ניט אָנגענומען די געטער פון מצרים. זיי זענען אָבער אויך ניט אָן אַ גאָט, ווי אַנדערע שקלאַפן, נאָר זענען געבונדן צו דעם גאָט, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט זייערע אבות. איצט האָט דער גאָט פון ישראל, וואָס איז באַקאַנט ביי זיי מיטן נאָמען יהוה, זיי באַפוילן צו קומען פאַר פרעהן און אים זאָגן: „שיק אַרויס מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען אין מדבר”.

פרעה איז נבהל־ונשתומם געוואָרן. דאָס האָט אים נאָך ניט פּאַסירט. פאַר־שטייער פון שקלאַפן קומען געוויינטלעך פאַר אים צו בעטן מער עסן פאַר די שקלאַפן, מער צייט פאַר רוען. און די עברים פאַרלאַנגען גאָר צו דינען זייער גאָט. אַזאַ זאַך איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. שוין דאָס דערמאָנען אַליין דעם נאָמען פון אַן אַנדער גאָט פאַר פרעהן האָט געהייסן באַגיין דעם פאַרברעך פון לעסטערן גאָט און פון בוגד־זיין אין מלכות. פרעה איז רויט געוואָרן פאַר כעס. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין און האָט אָנגעפילט די ליידיקע טאָרבעס פון זיינע באַקן און גאָרגל. דער איינציקער פּעכער־האַלטער, וואָס ער האָט געהאַט לעבן זיך, האָט פון גרויס בהלה אויפגעהערט פּעכערן און אויסגעוואָרט אויף פרעהס אַ וואונק צו הייסן דער וואַך פעסטצונעמען די צוויי חוצפּהדיקע פאַרשטייער פון שקלאַפן. אָבער פרעה, כאָטש זיין פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער ברענט מיט צאָרן, האָט ניט באַפוילן פעסטצונעמען די צוויי שליחים, נאָר האָט זיך אָנגערופן מיט אַ הויך קול, וואָס עס איז אַזוי זעלטן געווען צו הערן פון אים:

— ווער איז יהוה, אַז איך זאָל זיך צוהערן צו זיין קול אָפּצולאָזן ישראל?

ניט איך קען יהוהן, ניט איך וועל אָפּלאָזן ישראל.

אָבער די צוויי שליחים האָבן זיך ניט באַפרידיקט מיט פרעהס פּסק־דין און זיך איינגעשטעלט ווייטער פאַרצובערענגען זייער זאַך:

— דער גאָט פון די עברים האָט זיך באַגעגנט מיט אונדז און אונדז באַפוילן דיר צו זאָגן: „לאָמיר, איך בעט דיך, גיין דריי טעג אין דעם מדבר, און מיר ווען שלאַכטן צו יהוהן אונדזער גאָט, כּדי ער זאָל אונדז ניט פּלאָגן מיט אַ מגפה אָדער מיט שווערד".

אָבער אויך דאָסמאָל האָט פּרעה ניט באַפוילן זיי פּעסטצונעמען. ער האָט זיי אָפּגעפּטרט מיט די ווערטער:

— נאָך וואָס, משה און אַהרן, רייסט איר אָפּ דאָס פאָלק פון זיין אַרבעט? גייט צו אייערע לאַסט־אַרבעטן. דאָס פאָלק פון לאַנד איז געגוג פיל — אָן אייך — און איר ווילט זיי נאָך שטערן פון זייער לאַסט־אַרבעט.

און מיט די ווערטער האָט ער די שליחים אַוועקגעשיקט, ניט צו קרימען קיין האָר אויף זייער קאָפּ, וואָס עס איז געווען אַ גרויס וואונדער פאַר די אַלע, וואָס זענען געווען דערביי.

נאָר שפּעטער, ווען משה און אַהרן האָבן פאַרלאָזט פּרעהן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די צווינגער פון פאָלק און זיינע אויפזעער: „איר זאָלט מער ניט געבן דעם פאָלק קיין שטרוי אויף צו מאַכן די ציגל, אַזוי ווי נעכטן און אייערנעכטן. זאָלן זיי גיין אַליין און קלייבן שטרוי. די צאָל ציגל אָבער, וואָס זיי האָבן געמאַכט נעכטן און אייערנעכטן, זאָלט איר מאָנען פון זיי; איר זאָלט דערפון ניט מינערן. וואָרעם פויל זענען זיי, דערום שרייען זיי: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו אונדזער גאָט. שווער זאָל די אַרבעט זיין אויף די לייט, אַז זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט איר און זיך ניט אָפּגעבן מיט פאַלשע גערייִדן".

דאָס שטרוי, וואָס אָן דעם וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין פּראָדוקציע פון ציגל, פלעגט צוגעשטעלט ווערן פון די תבואה־פעלדער אויפן פלאַץ פון די ציגל־קנעטער. אויך גושן האָט געמוזט צושטעלן אַ געוויסן סכום שטרוי. פּרעהס גזירה האָט געבראַכט אַ צעמישעניש אין דעם איינגעשטעלטן סדר. די יידישע באַצווינגער, וואָס האָבן געהאַט צו ענטפערן די מצרישע אויפזעער פאַר דער אַרבעט פון די עברישע שקלאַפן, האָבן איצט געהאַט צו זאָרגן פאַר דעם, אַז עס זאָל ניט געמינערט ווערן פון דער צאָל ציגל, וואָס די שקלאַפן ווען מוזן פּראָדוצירן, כאָטש קיין שטרוי וועט זיי מער ניט צוגעשטעלט ווערן פון דרויסן. זיי האָבן אַראָפּגענומען אַ טייל טרעגער און ליים־טרעגער פון זייער געוויינטלעכער אַרבעט און זיי אַרויסגעשיקט אין פעלד אַריין צו קלייבן שטרוי. אויך האָבן זיי איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט די יידישע פרויען פון גושן.

מער האָבן שוין די יידישע פרויען קיין צייט ניט געהאַט צוצוגרייטן עסן פאַר זייערע מאַנען און ברענגען עס צום פעלד פון אַרבעט, וואָס עס האָט אויך געבראַכט אַביסל טרייסט און שטאַרקונג די אויסגעמוטשעטע ציגל־מאַכער. זיי האָבן שוין אויך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַאַרבעטן זייער אייגן שטיקל גאָרטן אָדער פעלד. מען האָט די יידישע ווייבער אַרויסגעשיקט איבער אַלע פעלדער צו קלייבן דאָרט שטרוי. און ניט נאָר די ווייבער. מען האָט דערצו

איינגעשפּאַנט די קליינע קינדער, די מיידלעך, וואָס פּרעה האָט דערוויל נאָך געלאָזט לעבן. איבער אַלע וועגן און שטעגן פון מצרים האָט מען געזען די ווייבער און די קינדער פון די עברישע שקלאַפן, פאַרווילדעוועטע, האַלב־נאַ־קעטע, באָרוועסע, מיט צעלאָזענע האָר, אויסגעדאַרטע, אויסגעמאָרעטע, נאָכגיין נאָך די הילצערנע וועגענער, געשפּאַנט מיט אָקסן, און אויפקלייבן יעדער שטרויעלע, וואָס דער היי־וואָגן אָדער תבואה־וואָגן פאַרלירט אויפן וועג. מען האָט געזען עברישע שקלאַפן, מיט צעוואַקסענע בערד און פיאות, זון־פאַר־ברוינטע לייבער, איינגעשפּאַנט, ווי לאַסט־חיות, אין וועגענער מיט שטרוי. מען האָט זיי געזען, די עברישע שקלאַפן פון גושן, איבער גאַנץ מצרים, און אַלע האָבן געוואוסט וועגן זיי, אַז דאָס האָט זיי פּרעה אַזוי דערנידעריקט צו דער מדרגה פון בהמות פאַר זייער גאַוהדיקער אַמביציע, פאַר זייער קלאַמערן־זיך מיט עקשנות אָן זייער היימישן גאָט, וואָס זיי רעדן זיך איין, אַז ער לעבט נאָך, באַוויזט/ זיך צו זיי און פאַרלאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלן דינען צו אים. און מען האָט געחוזקט פון זיי, וואָס זיי האָבן די חוצפּה צו חלומען וועגן באַפרייאונג פון שקלאַפעריי.

די יידישע אָנטרייבער האָבן געזען ווי דאָס פאָלק בלוטיקט און פאַלט אונטער דעם יאָך, וואָס פּרעה האָט געלייגט אויף זיי. זיי האָבן געזען ווי די קליינע מיידלעך קומען צוריק פון די פעלדער, די רוקנס געבויגן, מיט צע־קאַליעטשעטע פיסלעך, וואָס האָבן זיך אונטערגעבראָכן ביי זיי פון מידקייט, מיט סימנים אויף די לייבער פון דעם דרעשערס בייטש. פּרויען האָבן מפּיל־געווען, פאַלנדיק אונטער דער משא פון שטרוי־בינטלעך, וואָס זיי האָבן גע־שלעפּט איבער די וועגן. דאָך, ביי דער גאַנצער אָנשטרענגונג, זענען די שטרוי־קלייבערס ניט געווען בכוח צוצושטעלן דעם סכום שטרוי, וואָס האָט זיך גע־פאָדערט פאַר קנעטן ציגל. די ציגל, געקלעפּט מיט קנאַפּן שטרוי און שלעכטן מאַטעריאַל, האָבן זיך געשפּאָלטן ביים באַקן זיך אויף דער זון. די אויפזעערס האָבן זיי געמוזט אויסבראַקירן, און אין אַ פאַר טעג אַרום האָבן פּרעהס משרתים אויסגעפונען, אַז די צאָל ציגל האָט זיך פאַרמינערט אויף אַ העלפט. די יידישע אויפזעערס זענען געהאַלטן געוואָרן שולדיק פאַר דעם אויספעל.

— מיר קאָנען ניט מער אויסקוועטשן פון די יידישע אַרבעטער. פּרעה פאַרלאַנגט דאָס אוממעגלעכע, — האָבן די אויפזעערס געטענהט.

— פּרעה וועט אייך באַשטראָפן דערפאַר.

— זאָל ער טון מיט אונדז, וואָס ער וויל. מיר וועלן ניט נויטן דאָס פאָלק צו טון דאָס אוממעגלעכע. דאָס פאָלק בלוטיקט פאַר אונדזערע אויגן, — האָבן זיי אַלע אָפּגעענטפערט ווי איין מענטש.

מען האָט דערפאַר גענומען די יידישע אויפזעערס, זיי אויסגעטון נאַקעט און באַשטראָפט מיט שמיץ. מען האָט עס געטון אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן. מען האָט קיינעם ניט געשוינט, אַפילו ניט די עלטסטע, אַפילו ניט דתן און אבירם. מען האָט די צוויי הויכע יידישע שטעל־האַלטער אין פּרעהס מלוכה געשלאָגן מיט רימענס, ווי געוויינטלעכע שקלאַפן, און זיי האָבן, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע אויפזעערס, גענומען פאַר ליב די יסורים און די שאַנד,

וואָס זיי האָבן געליטן פאַר זייערע ברידער, אָבער אָניאָגן די יידישע שטרוי־קלייבערס האָבן זיי ניט געוואָלט, און די נויטיקע צאָל ציגל האָבן זיי ניט געקאָנט צושטעלן.

מען האָט זיי יעדן טאָג געשלאָגן דערפאַר. זיי האָבן געזוכט צו קריגן אַן אוידיענץ ביי פּרעהן אַליין. זיי האָבן אַלץ געגלויבט, אַז דאָס האַנדלען אַזוי פּרעהס אויפזעערס פון זייער אייגענעם בייזן ווילן, אַז פּרעה אַליין ווייסט ניט דערפון, און ווען פּרעה וועט וויסן פון זייער נויט, וועט ער זיי העלפן. אָבער פּרעה האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אויפצונעמען.

זיי האָבן זיך געדרייט אַרום פּרעהס גאָלדענעם פּאַלאַץ, האָבן געפּרוּווט אונטערקויפן הויכע מלוכה־לייט מיט מתנות, האָבן אויסגענוצט פּראָטעקציע, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי פּרעהס הויכע אויפזעערס דורך לאַנג־יעריקן האַנדלען מיט זיי. ביז לסוף איז עס דעם ראש פון די יידישע שטעלהאַלטער ביי פּרעהן, קורחן, און דתן און אַבירם פּאַרט געלונגען צו קומען פאַר פּרעהן. זיי זענען געפאַלן אויף די קני, האָבן איינגעגראָבן די פּנימער אין דעם דיל פאַר פּרעהן און אויפגעהויבן די הענט צו אים אין געוויין און געשריי:

— גרויסער מלך, שיינקייט פון דער זון, פאַרוואָס טוסטו אַזוי צו דיינע קנעכט? קיין שטרוי ווערט ניט געגעבן דיינע קנעכט, און מען הייסט אונדז: מאַכט ציגל! און זע, דיינע קנעכט קריגן געשלאָגן, און די שולד איז אין דיין פאָלק.

— פויל זענט איר, פויל, — האָט זיי פּרעה צוגעוואָרפן מיט גרויס רוגזה. — דערום זאָגט איר: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו יהוהן. גייט אַרבעטן, וואָרעם קיין שטרוי וועט אייך ניט געגעבן ווערן, און די צאָל ציגל מוזט איר צושטעלן.

און מען האָט זיי פאַרטריבן פון פּרעהס אַנזען.

איצט האָבן זיי איינגעזען, אַז זיי זענען אין גרויס אומגליק: מען פאַרלאַנגט פון זיי דאָס אוממעגלעכע, — ניט צו מינערן די צאָל ציגל פאַר יעדן טאָג. און זיי האָבן געוואוסט, ווער עס האָט געבראַכט אויף זיי די צרה.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון פּרעהן, האָבן זיי אָנגעטראָפן משהן און אַהרנען. זיי זענען געשטאַנען אַנטקעגן די שוטרים, אָפּוואַרטנדיק צו הערן פון זיי, וואָס עס איז געשען ביי פּרעהן.

זיי האָבן זיך געווענדט צו משהן און אַהרנען און געזאָגט מיט ביטערקייט:

— גאָט זאָל אַראָפּקוקן אויף אייך און משפּטן, וואָס איר האָט פאַרמיאוסט אונדזער אָנזען אין די אויגן פון פּרעהן, און אין די אויגן פון זיינע קנעכט, צו געבן אַ שווערד אין זייער האַנט אונדז צו הרגענען. זעט, וואָס איר האָט געטון צו דעם אָרעמען פאָלק.

משה האָט געבויגן דעם קאָפּ טיף צו דער ערד. ער האָט זיך געטראַכט: „נאָר אַן אומגליק בין איך, אַן אומגליק פאַר דעם פאָלק פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך האָב זיך באַוויזן צווישן זיי. פאַרוואָס האָט מיך גאָט געשיקט צו זיי?"

און מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ און אַ שווערן געמיט האָט ער זיך אָפּגע־קערט פון זיי און איז געגאַנגען זיין וועג.

אויך משה האָט געזען די פּלאָג, וואָס ער האָט געבראַכט אויף די בני־ישראל. גאָט האָט גאָרניט געטון צו פאַרלייכטערן די משא, וואָס ער האָט געלייגט אויף זייערע פּלייצעס. פאַרקערט, עס איז געווען ווי דער גאָט יהוה האָט אים געשטעלט פאַר אַ נייעם נסיון. כּדי אויסצוגליען זיין האַרץ אין פייער פון נסיון, האָט ער פאַרזייט מיט שטעכעדיקע דערנער זיין וועג צום נצחון. די דערנער האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין זיין פלייש אַריין. האָט ער ניט געזען, וואָס פאַר אַ חרפה און בושה ער האָט געבראַכט זיינע ברידער, די שמיץ פון די באַטעקעס און די שמיץ פון געלעכטער און שפּאָט, וואָס שיטן זיך אויף זייערע לייבער, בשעת זיי וואַנדערן איבער אַלע וועגן פון מצריים צו קלייבן שטרוי? האָט ער ניט געזען די שפּורן בלוט, וואָס די יידישע ווייבער לאָזן איבער נאָך זיך אויף די וועגן, בשעת זיי שלעפּן זיך דאָרט פאַרביי מיט באַלאָדענע רוקנס? האָט ער ניט געזען די שמאָכט פון די קליינע קינדער, שוין אַזוי פרי איינגעשפּאַנטע אין דער עבודת־פּרך? ווי אַזוי קאָן ער איינרוען? וואו זאָל ער נעמען די גערולד, וואָס די אמונה פאַרלאַנגט פון אים? ווי האָט ער מקנא געווען די יידישע נוגשים, וואָס לאָזן זיך שלאָגן און קאַטעווען און נעמען אויף זיך די זינד און די שולד פאַר די בני־ישראל? ער האָט איצט אַ גאַנץ אַנדער געפיל פאַר קורחן און אַלע זיינע אַרויסהעלפערס, אויך פאַר די ברידער דתן און אַבירם, ווען אַפילו זיי האָבן פאַרשפּרייט רכילות אין פאָלק, אַז ליגן, ליגן זאָגט משה, און אַז גאָט פון ישראל האָט זיך קיינמאָל ניט באַוויזן צו אים.

משה האָט געטון אַלץ אין זיין מאַכט צו קומען נאָענט צו זיינע קעגנער. קורח און אַלע זיינע אַרויסהעלפערס זענען זייער דערהויבן געוואָרן אין זיינע אויגן פאַר זייער מוטיקער האַלטונג. ער האָט געגומען זיין ברודער אַהרן און איז געקומען מיט אים פאַר די בני־קורח.

משה האָט זיך געבוקט פאַר קורחן און פאַר אַלע זיינע מיטהעלפער, אַפילו פאַר דתן און אבירם, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— וואויל איז צו אייך און גרויס זענען אייערע זכיות צו טראָגן די יסורים פאַר די בני־ישראל. הלוואַי זאָל מיין חלק זיין מיט אייך. אָבער איך זאָג אייך, דער גאָט פון ישראל, יהוה, האָט מיר פאַראויסגעזאָגט, אַז ער וועט שווער מאַכן פרעהס האַרץ, כּדי ער זאָל אין פרעהן באַווייזן צייכנס און זיינע וואונדער. פרעה און די מצרים האָבן געזינדיקט פאַר הונדערטער יאָרן קעגן גאָט יהוה. זיי האָבן געהאַלטן די בני־ישראל אין געפאַנגענשאַפט, און גאָט וויל אויפמאָנען באַצאָלטס פאַר אַלע זייערע זינד, כּדי עס זאָל זיין אַ צייכן פאַר אַלע רשעים פון דער וועלט, אַז עס איז דאָ אַ שופט, וואָס פאָדערט חשבון. וואַרט און זעט, וואָס דער גאָט יהוה וועט טון מיט פרעהן און מיט די מצרים.

— דערווייל האָט ער אַלע זיינע פיילן געשיקט אין זיין אייגענעם פאָלק אַריין. און דו ביסט די האַנט, וואָס דורך איר האָט ער זיי געשיקט. ווען דער גאָט פון ישראל וואָלט זיך באַוויזן צו דיר, וואָלט ער דיר געווען געגעבן אַ שווערד אין האַנט צו הרגענען פרעהן, ניט זיין אייגן פאָלק. ניין, משה, אַ שטרויכל־שטיין ביסטו געווען פאַר אונדז פון דעם ערשטן טאָג, וואָס דו האָסט

זיך באַוויזן צווישן אונדז. דו טראָגסט אַ שווערד אין דיין האַנט ניט פאַר פּרעהן און זיינע קנעכט, נאָר פאַר אונדזער אייגענעם אָרעמען פאָלק, וואָס בלוטיקט שוין אַזוי אויך געננג. אויב דו האָסט ליב דיינע ברידער אַזוי ווי דו זאָגסט, דערווייטער זיך פון אונדז. אָדער גיי צו דיין מוטער, וועלכע האָט דיך געפונען אין טייך נילוס. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז זי איז די איינציקע, וואָס איז איבערגעבליבן פון אַלע דיינע פריינד און פיינט אין פּרעהס הויף. זי איז פּרעהס אַ שוועסטער. גיי צו איר, וואַרף זיך צו אירע פיס. אפשר וועט זי דיר העלפן רעכטמאַכן דאָס שלעכטס, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף אונדז, און אָפּרופן פּרעהס שרעקלעכע גזירה וועגן שטרוי.

משה איז נבהל־ונשתומם־געוואָרן.

— איצט, ווען דער גאָט פון ישראל האָט געהערט אונדזער געשריי און זעט־צו אונדזער פּיין און איז געקומען אונדז אַרויסנעמען פון מצריים מיט אַ מעכטיקן אָרעם, זאָל איך גיין טון אַזאַ זאַך און פאַרשעמען און קליין מאַכן גאָטס נאָמען אין די אויגן פון זיין פאָלק, אַז דאָס פאָלק זאָל טראַכטן, אַז גאָט איז שוואַך אונדז צו העלפן און מיר באַדאַרפן אָנקומען צו אַ בשר־ודם? זעט איר דען ניט דעם צייכן פון גאָט אין מיין האַנט, דעם שטעקן, וואָס דורך אים טוט ער וואונדער?

— כדי צו ווירקן אויף פּרעהן, וועט דער גאָט יהוהה באַדאַרפן זיך באַנוצן מיט אַנדערע מיטלען, ניט מיט אַ שטעקן. ניין, נאָר אַ חלום, אַ חלום האָסטו געזען, משה, און קיינמאָל האָט דער גאָט פון ישראל ניט באַוויזן זיך פאַר דיר.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ניט נאָר די בני־לוי, די מנהיגים פון די עברים, האָבן געהאַט וועגן אים אַזאַ מיינונג, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט געוואָלט רעדן צו די צעשראָקענע אַרבעטער, האָבן זיי אים ניט געוואָלט הערן. טייל האָבן אים באַליידיקט, אים גערופן „אָפּנאַרער", „פייער־אָנצינדער", „דער, וואָס האָט געבראַכט די צרות אויף אונדז". די אַנדערע, וואָס האָבן רחמנות געהאַט אויף אים און ניט געוואָלט אים אַזוי דערנידעריקן, האָבן געזאָגט אויף אים: „נאָר אַ חלום, אַ חלום האָט ער געזען אין מדבר, אַ חזיון. קיינמאָל האָט דער גאָט פון ישראל זיך ניט באַוויזן צו אים".

און משה איז ווידער געבליבן איזאָלירט, אַליין מיט זיך. ער האָט קיינעם ניט געהאַט ווי נאָר זיין ברודער אַהרן, וועלכער האָט געגלויבט אין אים מיט זיין גאַנצן האַרץ און אמונה. אויך אַהרן האָט געהערט די שטים פון גאָט. האָט אים גאָט ניט געשיקט צו באַגעגענען משהן, ווען ער האָט אים אָנגעטראָפן ביים באַרג סיני אין מדבר? האָט משה ניט אַנטפּלעקט אַלץ פאַר אים? האָט ער ניט געזען אין משהס פּנים דאָס ליכט, וואָס גאָט האָט אָנגעצונדן אין זיינע אויגן? ווערט זיין האַרץ ניט צעגאַנגען פאַר פּחד יעדן מאָל, ווען ער דערזעט דאָס ליכט? ער ווייסט, אַז גאָט איז מיט זיין ברודער אין אַלע זיינע וועגן, און זיין ברודער האָט רשות איבער אים, און גאָט וועט טון די וואונדער דורך משהס האַנט און דורך דעם וואָרט, וואָס משה וועט געבן אין זיין ברודערס מויל אַריין.

נאָך אַ מענטש, וואָס האָט געגלויבט אין משהן, איז געווען זיין שוועסטער מרים. מרים איז איצט געוואָרן פאַר משהן זיין איינציקע משפּחה. זי האָט אַכטונג געגעבן אויף אים און אים אָפּגעהיט ווי אַ מוטער. משה איז איצט געווען

אַליין אין מצרים. זיינע עלטערן זענען שוין געווען טויט, און זיין ווייב צפּורה מיט זיינע צוויי זין האָט ער, אויף דער דרינגלעכער בקשה פון זיין ברודער אַהרן, נאָך פון מיטן וועג געשיקט צוריק צו איר פאָטער יתרו קיין מדין.

מרים האָט גענומען אויף זיך אים משמש צו זיין און אים אָפּהיטן, צו שטאַרקן זיין האַרץ און צו פעסטיקן זיינע הענט מיט איר בטחון און איר התפּעלות.

— האָט דער גאָט פון ישראל דיר ניט איבערגעגעבן קיין מאַכט איבער פּרעהן צו טון מיט אים און מיט זיין פאָלק נאָך דעם רעכט, וואָס עס קומט זיי? פאַרוואָס באַווייזטו ניט דיין שטאַרקע האַנט פאַר פּרעהן? האָסטו ניט דעם שטעקן פון גאָט אין דיין האַנט? — האָט מרים געפרעגט ביי משהן.

— מיין שטאַרקע האַנט? — האָט משה אויסגערופן מיט אימה. — ווער בין איך? אַ בשר־ודם, אַ געקלעפּטער טאָפּ, וואָס גאָט קאָן צעברעכן? איך בין נאָר דער שליח פון זיין וואָרט, און איך קאָן קיין זאַך ניט טון, רעכטס אָדער לינקס, אָן זיין באַפעל. איך קאָן ניט טון קיין וואונדער קעגן פּרעהן, נאָר ער אַליין קאָן עס טון. און עס ציטערט מיין האַרץ פאַר פּחד צו טון איין שריט אויף מיין אייגענער אַחריות, וואָרעם איך בין נאָר אַ מענטש, וואָס זיין האַרץ איז פאַרשטאָפּט און זיין אויג איז בלינד. איך קאָן ניט זען דעם אַנדערן מענטשן. איך משפּט נאָר ווי די שטומע בהמה. וואָס עס איז גוט פאַר מיר, איז גוט אין מיינע אויגן און רעכט אין מיין האַרץ; און וואָס עס איז שלעכט פאַר מיר, איז שלעכט אין מיינע אויגן און זינדיק אין מיין האַרץ. ער אַליין איז דער שופט איבער דער וועלט, איבער אַלע מענטשן. ער הערט און זעט אַלץ, דער משפּט איז נאָר מיט אים אַליין. וואָרעם ער קען און ווייסט זיינע באַשעפענישן. און אויך פּרעה און די מצרים זענען זיינע באַשעפענישן, און ער איז גערעכט אויך צו זיי.

— אָבער בעטן קאָנסטו דאָך צו אים און ברענגען פאַר אים די לייד פון ישראל און דיין אייגענעם פּיין, — האָט אים זיין שוועסטער געזאָגט.

יאָ, דאָס קאָן ער.

זינט גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן ביים באַרג חורב, האָט משה געפילט אַ שטענדיקע נאָענטקייט צו גאָט, ווי די געטלעכקייט וואָלט דערגרייכט צו אים דורך אַ שטראַל, וואָס זי שיקט־אַרויס פון זיך, און איז פאַראַנקערט אין זיין האַרץ. דער שטראַל ליכט האָט געשיינט אין זיינע גרויסע אויגן. דאָס ליכט איז געווען ווי אַ פילטער, וואָס האָט אַדורכגעלייטערט אַלע מענטשלעכע געפילן, געלייטערט זיי פון יעדן פּסלות פון עגאָאיזם אָדער תאווה, און ער האָט געזען די וועלט נאָר פון איין ווינקל אַרויס און געוואויגן זי נאָר מיט איין וואָג, מיט דער וואָג פון רעכט, און געמשפּט זי נאָר מיט איין משפּט, מיט דעם משפּט פון אמת. ווי פול זיין האַרץ איז ניט געווען מיט ליבע, וואָרעמקייט און רחמנות פאַר זיין אייגענעם פאָלק, האָט ער אויך געזען דעם צווייטן צד, דעם צד פון זיינע פייניקער. פּרעהס ממשלה, זיין גזילה, דאָס גרויסע קיניגרייך, — דאָס איז ניט דער באַשאַף פון די אָפּגעטער, פון אַ פאַלשן גאָט רא אָדער אַמון, נאָר פון דעם איינציקן גאָט פון ישראל, וואָס פירט די וועלט מיט גערעכטיקייט. אויב פּרעה האָט דערגרייכט די גדולה, איז דאָ אַ טעם דערביי; און אויב ישראל

ווערט באַשטראָפט און באַליידיקט, געפייניקט און געיאָגט, איז אויך דאָ אַ טעם דערביי. און קיינער קאָן דאָס ניט איבעראַנדערשן ווי נאָר דער גאָט פון ישראל. ער איז דער שופט איבער דער וועלט, און מען מוז לאָזן גאָט אַליין טון זיין רצון.

דאָס איז געווען די סיבה פון משהס אויסהיטן־זיך ניט צו זינדיקן קעגן פרעהן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט דעם וועט ער, חלילה, זינדיקן קעגן גאָט. ער קאָן נאָר טון, וואָס מען הייסט אים.

אָבער זינט גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, האָט זיך אויפגעעפנט פאַר אים אַ טיר צו די הימלען. ער האָט געקאָנט יעדן מאָל קומען פאַר זיין גאָט און אים רופן, ווי אַ קינד רופט אַ פאָטער. ער האָט געקאָנט ברענגען זיינע ספקות און זיינע טענות פאַר גאָט, און ער האָט יעדן מאָל באַקומען אַ תשובה. גאָט האָט גערעדט אין זיין האַרץ. ער האָט געהערט זיין קול, וואָס האָט גערעדט מיט מילדקייט און ליבע, ווי אַ פאָטער רעדט צו אַ זון.

אויך איצט האָט ער געבראַכט זיין שווערן געמיט פאַר גאָט.

אין פעלד ביינאַכט, הינטער די געצעלטן פון ישראל, קניט משה, שטרעקט־אויס די הענט צום הימל און רופט:

— יהוה, יהוה, וואו ביסטו? זע אונדזער שאַנד און אונדזער פיין. גאָט, פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דעם דאָזיקן פאָלק? צו וואָס גאָר האָסטו מיך געשיקט? אַז זינט איך בין געקומען צו פרעהן, צו רעדן אין דיין נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעם דאָזיקן פאָלק, און מציל־זיין האָסטו ניט מציל־געווען דיין פאָלק.

און ער האָט געהערט גאָטס שטים אין זיין האַרץ, וואָס האָט גערעדט צו אים און אים געטרייסט:

— איך בין יהוה, און איך האָב זיך באַוויזן צו אַבֿרהמען, צו יצחקן און צו יעקבֿן, ווי גאָט שדי, אָבער מיט מיין נאָמען יהוה האָב איך זיך ניט געגעבן צו דערקענען צו זיי. און איך האָב אויפגעשטעלט מיין בונד מיט זיי... און איך האָב געהערט דאָס קרעכצן פון די קינדער פון ישראל, וואָס די מצרים פאַר־קנעכטן זיי... דערום זאָג צו די קינדער פון ישראל: איך וועל אייך אַרויסנעמען פון אונטער די לאַסטן פון מצריים און וועל אייך אָפּראַטעווען פון אייער קנעכט־שאַפט, און איך וועל אייך אויסלייזן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און מיט גרויסע משפּטים. און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, און איך וועל אייך זיין צום גאָט. און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה אייער גאָט, וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגן פון אונטער די לאַסטן פון מצריים. און איך וועל אייך ברענגען אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב געשוואוירן צו געבן עס צו אַבֿרהמען, צו יצחקן און צו יעקבֿן, און איך וועל עס געבן צו אייך פאַר אַ ירושה; איך בין יהוה.

און משה איז ווידער געקומען צו די בני־ישראל און האָט זיי געזאָגט, וואָס גאָט יהוה האָט אים אויפסניי פאַרזיכערט. אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו אים פון קורצן געמיט און פון שווערער אַרבעט.

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל האָט גאָט איבערגעחזרט די הבטחה, נאָר ער האָט ניט אָנגעוויזן משהן ווי אַזוי די הבטחה אויסצופירן. גאָט האָט אים קיין מאַכט ניט געגעבן. און משהס אָנזען איז וואָס־אַמאָל מער געפאַלן ביי זיינע ברידער

און אויך ביי פּרעהן. נאָר משה האָט ניט אויפגעהערט גלויבן אין גאָטס וואָרט. ער האָט איבערגעטראָגן אַלע בושות און חרפּות און געוואַרט. ביז איינמאָל האָט ער ווידער דערהערט גאָטס שטימע רעדן אין זיין האַרץ:

— זע, איך האָב דיך געמאַכט ווי אַ גאָט צו פּרעהן, און אַהרן, דיין ברודער, וועט זיין דער נביא. דו וועסט רעדן אַלץ, וואָס איך וועל דיר באַפעלן, און אַהרן, דיין ברודער, וועט רעדן צו פּרעהן, ער זאָל אַוועקלאָזן די קינדער פון ישראל פון זיין לאַנד. און איך וועל האַרט מאַכן פּרעהס האַרץ, און וועל מערן מיינע צייכנס און מיינע וואונדער אין לאַנד מצריים.

איצט האָט ער געוואוסט, אַז די צייט פון דער גאולה איז געקומען. גאָט האָט אים איבערגעגעבן דעם רשות איבער פּרעהן.

# 14

גאָט האָט געוואָלט, אַז פּרעה זאָל וויסן פאָראויס פון יעדער מכה, וואָס ער וועט ברענגען אויף אים. ניט אומגעריכט זאָל פּרעה באַשטראָפט ווערן, נאָר ער זאָל וויסן דערפון באַצייטנס און זיך ריכטן אויף דעם. ווען משה און אַהרן וועלן אים זאָגן יעדן מאָל פאַר וואָס גאָט שלאָגט אים מיט פּלאָגן און פאַרלאַנגן פון אים, אַז ער זאָל פריילאָזן די עברים. וואָרעם ווי גאָט האָט ניט האַרט געמאַכט פּרעהס האַרץ, האָט ער דאָך געוואונטשן, אַז פּרעה זאָל גובר־זיין זיין יצר און זאָל חרטה קריגן איבער דעם שלעכטס, וואָס ער האָט געטון די עברים, און זיי לאָזן פריי. און משה איז זייער פאַרזיכטיק געווען אויסצופירן גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט געהערט אין זיין האַרץ.

גאָט האָט צוערשט באַפוילן משהן און אַהרנען, אַז זיי זאָלן קומען פאַר פּרעהן און אים באַווייזן, אַז זיי האָבן די מאַכט צו צווינגען אים צו באַפרייען ישראל. זיי האָבן געלאָזט פּרעהן וויסן, אַז זיי ווילן ברענגען פאַר אים אַ צייכן, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן צו באַווייזן מיט דעם, אַז גאָט האָט זיי געשיקט צו אים מיט זיין געבאָט. פּרעה איז געווען נייגעריק צו זען דעם צייכן, וואָס די שליחים פון דעם עברישן גאָט האָבן צוגעזאָגט אים צו ווייזן, און ער האָט זיי צוגעלאָזט צו אַן אוידיענץ, צו וועלכער עס זענען אויך פאַררופן געוואָרן פיל פון פּרעהס יועצים, חכמים, כּישוף־מאַכער און כּהנים.

מען מוז זאָגן, דער צייכן, וואָס אַהרן האָט געוויזן אויף משהס באַפעל, האָט ניט נאָר פאַרפעלט צו שאַפן דעם געוואונטשענעם רושם אויף פּרעהן, נאָר ער האָט אַרויסגערופן חוזק און שפּאָט ביי אַלע הויפליית. ווי רעכט האָט קורח געהאַט! עס האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ קינדער־שפּיל. מיט דעם וויל מען זיי אָפּשרעקן? פון אַ שטעקן אַ שלאַנג, — ווער קאָן דאָס ניט באַווייזן?

זייערע שטעקנס זענען אויך געקראָכן ווי שלאַנגען און האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע גרינע קעפּ און רויטע צונגען.

נאָר פּלוצלינג איז עפּעס געשען. משהס שלאַנג האָט זיך געשטאַרקט איבער די אַנדערע און זיי פאַרשלונגען אין זיך, ווי זיי וואָלטן גאָרניט געווען. זאָל דאָס ניט אויסגעטייטשט ווערן, אַז משה איז אַ גרעסערער כישוף־מאַכער פון זיי? דאָס האָט טאַקע אַביסל צוריקגעשטעלט משהס פּרעסטיזש פון אַ מאַגיקער, דאָך האָט דאָס כישוף־מאַכן, וואָס ער האָט באַוויזן, ניט באַדאַרפט באַאומרואיקן די מצרישע כישוף־מאַכער, וואָרעם פּרעה האָט באַלד אַוועקגעשיקט משהן און אַהרנען אין גוטן מוט, מיט אַ חוזק־שמייכל איבער זייער תמימות.

*

פּרעה איז אַרויסגעגאַנגען אין פרימאָרגן צום נילוס־טייך צו ברענגען די זון איבער די זיבן הימלען.

אין זיין גאָלדענעם שטול, געטראָגן אויף די אַקסלען פון זיינע זעלנער אין שטייפע, צילינדער־פאַרעמדיקע העלמען, איז פּרעה געזעסן. די טאָפּעלע קרוין פון מצריים אויף זיין קאָפּ, אָפּשיינענדיק מיט גאָלדענע קייטן און אָרנאַמענטן, — איין פלאַקער־פייער פון די זון־שטראַלן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן אויף זיין גאָלדענעם פאַנצער. טרומייטער, צימבלער און פייקלער האָבן אויסגעשאָלט דעם וועג פאַר פּרעהן. צוויי פון זיינע „נעענטסטע פריינד”, הויכע שטעל־האַלטער, האָבן געטראָגן הויכע פעכערס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן איבער זיין קאָפּ. צוויי לייבן, צוגעבונדענע אויף ביידע זייטן טראָן, האָבן אים באַגלייט. פאַר אים אויפן טראָן איז געשטאַנען זיין בכור, דער יורש־עצר, מיט דעם לאָק פון זיין ייִנגלשקייט אַראָפּהענגענדיק ביי אים פון שטערן, און ער האָט געהאַלטן אַ לאָטוס־בלום ביים פאָטערס נאָז. זיין העכסטער שטעל־האַלטער, מיט דער עמבלעם פון אַ קליינעם פעכער אין האַנט און אַ בוקעט בלומען, איז געגאַנגען מיט שטייפע טריט הינטער דעם טראָן־שטול, די אַנדערע פעכער־טרעגער נאָך אים. פאַר אים האָבן כהנים מיט געגאָלטע קעפּ און ווייסע פּנימער, אין ווייסן אָנגעטון, געוואָרפן רויזן איבערן וועג און גערויכערט ווייִרעך. אַ כאָר פון בלינדע זינגערינס מיט האַרפן אין די הענט, מיט כהנים פאַר אונטערפירער, האָבן געזונגען הימנען מיט האַרפן־צושפּיל:

אָ, ווענד דיין אויער צו מיר, דו אויפשטייענדיקע זון,
דו, וואָס דו באַלייכטסט די צוויי לענדער מיט שיינקייט.
דו, זון־שיין פון דער גאַנצער מענטשהייט,
פאַרטרייבסט די פינצטערניש פון מצריים.
דיין פאָרעם איז פון דיין פאָטער רא,
וואָס הויבט זיך הויך אין די הימלען,
דיינע שטראַלן דרינגען־אַריין אין די ווייטסטע לענדער.

דאָס פאָלק, וואָס איז אַרויסגעקומען אין מאַסן פון דער שטאָט צו זען ווי דער זון פון גאָט רא, פלייש פון זיין פלייש, גייט אַרויס אין זיין פּראַכט, אין זיין

שײַן אויפֿן הימל, האָט זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים צו דער ערד, די הענט אויסגעשטרעקט צום זון־גאָט מיט געבעט:

דו, זון פֿון רע, רע טראָגט אין דײַן האַדע!

און אַנדערע האָבן געשריגן:

גיט לויב צו זײַנע אבות,
די געטער פֿון אייבער־ און נידער־מצרים!
גיט לויב!
זיי ברענגען אים מאַכט און נצחון,
אַ לאַנג לעבן פֿון מיליאָנען יאָרן!

און די כּהנים האָבן געקלאַפּט אין די טאַצן און געוואָרפֿן בלומען פֿאַרן טראָן.

קום, גאָט רע, פֿאָטער און זון אינאיינעם,
און באַשײַן מיט דײַנע שטראַלן דאָס לאַנד פֿון דײַנע קינדער.

זענען פּלוצלינג אַרײַנגעדרונגען אין דער פּראָצעסיע צוויי מענטשן, איינער אַ הויכער, דער אַנדערער אַ נידעריקער, בײדע מיט שוואַרצע בערד און פּיאות, געשפּרענקלט מיט ווײַס. דער ערשטער האָט מיט אַ גרויסן שטעקן, געהויבן אין דער הייך, אָפּגעשטעלט די פּראָצעסיע, און בײדע האָבן זיך געשטעלט פֿאַר פּרעהס טראָן. דער הויכער, מיטן שטעקן אין דער האַנט, האָט מיט אַ געהויבענער שטים גערופֿן צו פּרעהן:

— יהוה, דער גאָט פֿון די עבֿרים, האָט מיך געשיקט צו דיר: לאָז אַוועק מײַן פֿאָלק, זיי זאָלן מיר דינען אין דעם מדבר; און זע, האָסט ניט צוגעהערט ביז אַהער. האָט גאָט אַזוי געזאָגט: דערמיט וועסטו וויסן, אַז איך בין יהוה. זע, איך שלאָג מיט דעם שטעקן, וואָס אין מײַן האַנט, אויפֿן וואַסער, וואָס אין טײַך, פֿאַר די אויגן פֿון פּרעהן און פֿאַר די אויגן פֿון זײַנע קנעכט; און דאָס גאַנצע וואַסער, וואָס אין טײַך, וועט פֿאַרקערט ווערן אין בלוט. און די פֿיש, וואָס אין טײַך, וועלן אויסשטאַרבן, און דער טײַך וועט פֿאַראומרייניקט ווערן, און די מצרים וועלן ניט קאָנען טרינקען וואַסער אויסן טײַך.

און ניט צו וואַרטן אויף קיין ענטפֿער פֿון פּרעהן, ניט אָפּצוקערן זיך צו זען די געפֿלעפּטקייט פֿון פּרעהס לײַט, האָט דער רעדנער זיך איצט געווענדט מיט זײַן הויכער שטים צו זײַן חבֿר:

— אַהרן, יהוה האָט באַפֿוילן: נעם דײַן שטעקן, און שטרעק אויס דײַן האַנט אויף די וואַסערן פֿון מצרים, אויף זייערע שטראָמען, אויף זייערע טײַכן, אויף זייערע געמויזעכצן, און אויף אַלע זייערע אײַנזאַמלונגען פֿון וואַסער, און זיי זאָלן ווערן בלוט; און עס זאָל זײַן בלוט אין גאַנצן לאַנד מצרים, סײַ אין הילצערנע כּלים, סײַ אין שטיינערנע.

און אַהרן האָט גענומען דעם שטעקן און פֿאַר די אויגן פֿון פּרעהן און פֿון אַלע זײַנע קנעכט און באַגלייטער האָט ער געשלאָגן מיטן שטעקן אויף די כוואַליעס פֿון טײַך נילוס.

פּרעה, ווי זײַנע קנעכט, פֿאַרכאַפּט פֿון משהס און אַהרנס דרייסטיקייט צו צעשטערן די פּראָצעסיע און אים אָפּשרעקן מיט זייער גאָטס שטראָף, האָט זיך

אָפּגעשטעלט ביים טייך צו זען, וואָס עס וועט ווערן פון דער זאַך, און אַזוי אויך די גאַנצע פּראָצעסיע. און ער האָט געזען ווי איבערן וואַסער פון טייך, קוים האָט אַהרן באַרירט עס מיט זיין שטעקן, זענען אָנגעקומען שטורעמדיקע כוואַליעס. עס איז געווען ווי אַ פּחד וואָלט באַפאַלן די וועלן, וואָס האָבן געהאַט געפּלייצט רואיק איבער דער פלאַך פון טייך. זיי האָבן אויפגעשטורעמט און געטורעמט זיך אַרויפצו און געשליידערט פון זיך פיש, ווי זיי וואָלטן זיי אויסגעשפּיגן. און כהרף־עין איז דער קאָליר פון דעם וואַסער געוואָרן אַנדערש, — עס איז געוואָרן רויטלעך, צוערשט פאַרבלאַסט, שיטערלעך, נאָר וואָס־אַמאָל אַלץ גע־דיכטער און טונקעלער, קלעפּעדיק ווי סמאָלע. און פגרים פיש אין פיל פאַרעמס און קאָלירן האָבן אָנגעהויבן אַרויפשווענקען אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, געשוואָלענע, מיט אויפגעריסענע בייכער, און זייער אינגעווייד מיט שטראָמען שוואַרץ בלוט האָט אויסגערונען פון זיי און געגעבן דעם וואַסער אַ נייע מראה און נייע אייגנשאַפטן.

באַלד איז אויפגעשטאַנען אַ געשטאַנק פון טייך, וואָס עס איז אוממעגלעך געווען צו פאַרטראָגן. פּרעהס קנעכט האָבן זיך שנעל אַ כאַפּ געטון צו די בוקעטן בלומען, וואָס זיי האָבן געהאַלטן גרייט פאַר פּרעהן, האָבן געריבן רויזן־בלעטלעך און זיי צוגעטראָגן צו פּרעהס נאָז.

— שרעק זיך ניט, פּרעה. דאָס איז מאַגיק. מיר קאָנען עס אויך באַווייזן, — האָבן געטענהט די כהנים, וואָס האָבן אַרומגערינגלט פּרעהס טראָן.

— עס איז די צייט פון יאָר. יעדן זומער אין דער צייט ווערן די פיש געשוואָלן און פאַרעיפּושן דאָס וואַסער פון טייך, — האָבן אים די חכמים באַרואיקט.

פּרעה האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל אים טראָגן אַהיים. אויף משהן און אַהרנען האָט ער זיך מער ניט אומגעקוקט, און אַלע קנעכט האָבן ניט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן, וואָס פּרעה האָט ניט געהייסן זיי פעסטנעמען, נאָר געלאָזט זיי גיין.

שפּעטער אין פּרעהס פּאַלאַץ. עס שטייען פאַר פּרעהן זיינע יועצים, די חכמים, די כהנים, די הויכע שטעל־האַלטער. דער מלך זיצט אויף זיין טראָן. ער איז צעשטרייט, צעטראָגן. די יועצים מיען זיך ווידער אים צו באַרואיקן. זיי פאַרלאַנגען אַלע אין איין קול, אַז דער קיניג זאָל הייסן פעסטנעמען די צוויי מורדים, וואָס האָבן זיך באַוויזן צווישן די עברישע שקלאַפן, און זיי טויטן אויפן אָרט.

— זון פון רא, אין זיין אייגענעם לייב, צוויי שטערבלעכע האָבן דיך באַ־ליידיקט אין דיין העכסטער געטלעכקייט. ווען די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען איבער די הימלען אין איר הערלעכקייט, האָבן צוויי פאַרשטייער פון די עברישע שקלאַפן געפּרוווט זי פאַרהילן אין שוואַרצע וואָלקנס. די שאַנד מוז אָפּגעווישט ווערן מיטן בלוט פון די צוויי גאָט־לעסטערער.

און זיין „נעענטסטער פריינד", דער העכסטער שטעל־האַלטער, דער אייבער־אויפזעער פון גאָלדענעם פּאַלאַץ און עלטסטער פעכער־טרעגער, מעמפּילעס, האָט זיך געוואָרפן פאַר אים און אויסגערופן:

— הערשער פון ראַס הויז, ווען די מצרים וועלן געוואויר ווערן, אַז דו ביסט געשטערט געוואָרן אין דיין הייליקער עבודה פאַר דיין פאָטער און דו האָסט די גאָט־לעסטערער געלאָזט פריגיין, וועלן זיי עס ניט פאַרשטיין און וועלן עס אויסטייטשן, אַז דו, גאָט ראַ, אין זיין אייגענעם לייב, האָסט, חלילה, זיך דערשראָקן פאַר זייער גאָט.

— די מצרים וויסן עס שוין, — האָט דער קיניג זיך אָנגערופן. — זיי טרינקען איצט פאַרשטונקען בלוט פון פיש אויפן אָרט פון וואַסער.

— שיינענדיקע זון, האַר פון אייביקייט, אויג פון גאָט אַמון, ניט קיין בלוט טרינקען זיי, עס איז געפאַרבט וואַסער, וואָס די צוויי גאָט־לעסטערער האָבן עס אַרויסגעבראַכט דורך כּישוף. מיר קאָנען דאָס אויך אויפווייזן, — האָבן די כּשוף־מאַכער ווידער געטענהט, ליגנדיק אויסגעצויגן צו פרעהס פיס.

— גוט, ווייזט עס מיר אויף.

און דער עלטסטער כּישוף־מאַכער האָט דאָס טאַקע באַלד אויפגעוויזן פאַרן קיניג. מיט מיסטישע שפּרעכענישן, אין אַ וואָלקן פון דעמפּיקע ווייערכן, האָט ער איבערגעגאָסן וואַסער פון איין כּלי אין אַ צווייטע, און דאָס וואַסער איז געוואָרן רויט ווי בלוט.

דער קיניג האָט גענומען די כּלי מיט דעם פאַרכּישופטן וואַסער, האָט אַריינגעצויגן די לופט מיט דער נאָז און געזאָגט:

— עס האָט קיין ריח ניט. עס איז ניט קיין בלוט, נאָר געפאַרבט וואַסער. מיר וועלן, אין יעדן פאַל, אָפּוואַרטן די זאַך און זען, וואָס עס וועט דערפון ווערן. מען באַדאַרף ניט מאַכן קיין איבערגעאיילטן שריט, וואָס קאָן אונדז דערנאָך באַנג טון.

די סוויטע האָט פאַרלאָזט דעם קיניג אין גרויס וואונדער און אויפרעגונג. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס דער קיניג איז אַזוי טאָלעראַנט מיט די צוויי עברישע כּישוף־מאַכער.

פרעה האָט אָבער געהאַט זיין געהיימע סיבה פאַר דעם.

אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען משה און אַהרן האָבן זיך באַוויזן פאַר אים אין די סקולפּטור־סטודיעס און געהאַט די חוצפּה צו דערמאָנען פאַר אים דעם נאָמען פון אַן אַנדער גאָט, וואָס געהערט ניט צו די צוויי לענדער פון מצריים, האָט ער בדעה געהאַט צו הייסן זיי פעסטנעמען. ער האָט אָבער אויפגעכאַפּט דעם בליק פון איינעם פון די צוויי, פון דעם, וואָס מען רופט אים משה, און אַן אומבאַוואוסטער פּחד איז אים באַפאַלן פאַר דעם בליק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס שטייט פאַר אים דער גאָט האָרוס אין זיין אייגענעם לייב. ער האָט אָבער ניט געקאָנט צולאָזן אויף קיין רגע דעם געדאַנק, אַז דער גאָט האָרוס וועט זיך באַווייזן צו אים ווי אַ פאַרטיידיקער און באַשיצער פון אַ שקלאַפן־פאָלק און רעדן צו אים אין נאָמען פון אַ פרעמדן גאָט, ניט פון זיין פאָטער אָזיריס, אָדער ראַ, אָדער אַמון. משהס פּנים איז אים אָבער פאַרגעקומען אַזוי באַקאַנט, ווי ער וואָלט אים געוועזן אַמאָל געזען.

לאַנג נאָך משהס אַוועקגיין האָט פרעה נאָכגעקלערט וועגן אים, און זיין פּנים האָט אים ניט געגעבן קיין מנוחה, ביז ער האָט זיך דערמאָנט: „איז דאָס

ניט דער פרינץ פון פרעמדן בלוט, וואָס מיין שוועסטער האָט געפונען אין גע־מויזעכץ פון טייך נילוס אַזוי ווי איזיס האָט דאָרט געפונען האָרוסן?״ — האָט פּרעה זיך געפרעגט. זיין שוועסטער פלעגט איינרעדן די כהנים, אַז זי האָט געפונען איר זון אין די זומפּן פון נילוס און אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון גאָט האָרוס. דאָס איינרעדעניש האָט געהאַט אַ פּעולה אויף די הויפליַיט און זיי האָבן טאַקע אָנגעהויבן זען די געשטאַלט פון דעם גאָט האָרוס אין דעם יינגל מיט די שוואַרצע לאָקן, וואָס פּרעהס טאָכטער פלעגט אים אַזוי צאַרט האַלטן אין אירע אָרעמס. יאָ, ער געדענקט זייער גוט דעם פרינץ, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אים אין דער מיליטער־אַקאַדעמיע, דעם שפּעטערדיקן קריגער פון פּרעהס חייל, דעם פרעמדן, וואָס די כהנים האָבן אַזוי פיינט געהאַט. ער געדענקט אויך ווי ער האָט שפּעטער פאַרלאָזט פּרעהס גאָלדענעם פּאַלאַץ און איז צוריק־געגאַנגען צו די שקלאַפן אין גושן. יאָ, דאָס איז ער, דער משה, וואָס איז איצט צוריקגעקומען אין אַ שליחות פון אַ פרעמדן גאָט.

נאָך דעמזעלבן טאָג האָט ער אויפגעזוכט זיין שוועסטער בתיה אין דעם טעמפּל פון אָזיריס, וואו זי האָט איצט געהויזט ווי זיין אייבער־פּריסטערין און אָפיציעל וויַיב, די פאַרקערפּערונג פון דער געטין איזיס. די שוועסטער, וואָס איז געווען עלטער פון אים און דאָס עלטסטע קינד פון רעמסס דעם צווייטן, האָט, לויט דעם דין, באַדאַרפט חתונה־האָבן מיט איר ברודער, דעם רעגירנדיקן פּרעה, און טיילן מיט אים די מלוכה. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם טראָן. נאָך דעם ווי משה איז אַוועק פון איר, האָט זי זיך אויך אָפּגעזאָגט פון פרינצלעכן לעבן און זיך איינגאַנצן אַוועקגעגעבן דעם גאָט אָזיריס. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזט זיין טעמפּל. פון לאַנגע תעניתים איז זי איינגעשרומפּן, ווי אַ מומיע; אירע אויגן זענען כמעט בלינד געווען פון וויינען אויפן טויט פון איר מאַן. זי האָט געהאַט וויזיעס און געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם, אַז איר קינד, משה, וועט קומען צוריק צו איר אין דער געשטאַלט פון אַ גאָט און וועט טון גרויסע וואונדער.

ווען דער ברודער האָט איר געבראַכט די בשורה, אַז איר זון איז געקומען צוריק, האָט זי זיך געוואָרפן מיטן פּנים פאַר דעם גאָט אָזיריס און אים געדאַנקט:

„איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר שיקן אונדזער זון צו טרייסטן מיך איידער איך גיי צו דיר״.

אָבער דער ברודער האָט איר געזאָגט:

— ניט אין נאָמען פון די מצרישע געטער רעדט ער און ניט די מצרישע געטער האָבן דיין זון געשיקט, נאָר אַן אומבאַקאַנטער גאָט פון די עברישע שקלאַפן. אין זיין נאָמען איז ער געקומען רעדן צו פּרעהן, און דערפאַר קומט אים דער טויט.

ווען בתיה האָט אויסגעהערט די רייד, האָט זי זיך אויפגעהויבן אין איר גאַנצער פּוריע. פון אירע האַלב־בלינדע אויגן האָבן געשלאָגן שטראַלן ליכט, אירע איינגעשרומפּענע הענט האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט ביי איר אויף דער ברוסט, און זי האָט נביאות געזאָגט צו איר ברודער אין נאָמען פון איר גאָט:

„אַזוי זאָגט דער גרויסער גאָט אָזיריס, מיין מאַן: גיי צום זון פון רא און זאָג אים: היט זיך פון צו קרימען אַ האָר אויפן קאָפּ פון מיין זון, האָרוס־משה, וואָרעם איך שטיי הינטער אים און איך וועל נקמה נעמען פאַר אים פון יעדן איינעם סיי אין דער וועלט, סיי אין יענער וועלט".

פּרעה האָט זיך אָבער קנאַפּ־וואָס געמאַכט אויס זיין שוועסטער'ס נביאות. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט פון זיין שוועסטערס איינרעדעניש, אַז זי איז דער גלגול פון דער געטין איזיס, און פון דעם שפּיל, וואָס זי האָט געשפּילט מיט איר געפונענעם זון. ער האָט אָבער געשווינט דעם זון צוליב איינזען מיט דער שוועס־טער, פונקט ווי רעמסס דער צווייטער האָט אים געשוינט צוליב איינזען מיט זיין טאָכטער און אים געשיצט קעגן דעם כעס פון די כהנים. ער האָט אים, אַזוי אַרום, מוחל־געווען זיין גאָט־לעסטערונג און זיין בוגד־זיין אין אים. ווען משה האָט זיך אָבער דערוועגט צו שטערן אים אין זיין אָפּריכטן די עבודה פאַרן גאָט רא ביים טייך נילוס און האָט אים פאַרשעמט אין די אויגן פון זיינע קנעכט מיט דער אויפפאָדערונג אין נאָמען פון אַ פרעמדן גאָט, האָט ער געוואָלט לאָזן משהן טויטן אויפן אָרט. ער וואָלט מיט דעם געמאַכט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו זיין שוועסטערס איינרעדעניש און צוגלייך נקמה גענומען פאַר דער באַליי־דיקונג פון זיין פאָטער. ווען ער האָט אָבער אויסגעשטרעקט די האַנט פון זיין טראָן צו געבן זיינע זעלנער דעם באַפעל, איז זיין מויל שטום געוואָרן און זיין האַנט האָט זיך פאַרשטייפט פון לויטער אימה, וואָס עס איז אים באַפאַלן פון דעם בליק פון משהס אויגן. אַ נייער משה איז איצט געשטאַנען פאַר אים מיטן שטעקן אין דער האַנט, — ניט יענער משה, וואָס ער האָט געקענט פון פּרעהס הויף, נאָר אַזוי ווי די שוועסטער האָט געזאָגט: ווי אַ גאָט, וואָס קאָן מופתים באַווייזן.

פּרעה האָט געפילט, אַז משהס אויגן פאַרמאָגן אַ באַוועלטנדיקן כוח איבער אים: זיי זענען ביכולת אים צו ליימען, אונטערטעניק צו מאַכן זיין ווילן מיט זייער בליק. פּרעה האָט מורא געהאַט צו קוקן אים אין פּנים אַריין. ער האָט אויסגעמיטן דעם בליק. נאָר זיין שטאַרקע אמונה אין זיין אייגענער געטלעכקייט האָט אים געגעבן כוח צו שטעלן זיך קעגן דער געוואַלט־מאַכט, וואָס ער האָט געפילט, אַז משה האָט אין זיין רשות קעגן אים. ער האָט אָבער מורא געהאַט צו ברענגען זיין אייגענע געטלעכקייט אין אָפענער מלחמה מיט דער געטלעכקייט, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון עברישן שליח. ער האָט אויסגעמיטן דעם צוזאַמענ־שטויס, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם אויסגאַנג פון דעם קאַמף. ער האָט באַשיינפּערלעך איינגעזען, אַז פאַר אים שטייט ניט קיין מענטש, נאָר אַ גאָט, ווי ער, פּרעה, אַליין.

ווי אַ פיש, געפאַנגען אין אַ נעץ, האָט ער זיך געראַנגלט קעגן דעם כוח, וואָס משה האָט אויסגעשטראַלט פון זיך אים צו באַוועלטיקן. ער האָט גערופן אַלע זיינע געטער צו קומען אים צוהילף קעגן דער פרעמדער מאַכט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין זיין לאַנד. די כהנים און די גרויסע פון זיין הויף האָבן זיך געמיט אים איינצורעדן, אַז די מעשה מיט די פיש אין טייך איז אַ נאַטירלעכע

זאַך, וואָס וועט איינגיכן פּאַרגיין. כּדי צו פאַרלייכטערן דעם דוחק אין פרישן וואַסער, האָבן זיי געגראָבן גריבער ביים טייך נילוס און געפונען פריש וואַסער. דאָס האָט געשטאַרקט פּרעהס האַרץ אין זיין קאַמף קעגן משהס געטלעכער מאַכט.

און ווען זיבן טעג זענען פאַריבער, און דער טייך האָט גענומען ווידער פליִיצן מיט פרישן, קלאָרן וואַסער, איז פּרעה שוין זיכער געוואָרן, אַז זיינע געטער קעמפן קעגן דעם נייעם גאָט פון די עברים, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן אים, און זיין האַרץ האָט אויפגעהערט זיך שרעקן. דאָך האָט ער זיך ניט דערוועגט צו לייגן אַ האַנט אויף אים.

קוים אָבער האָבן די וואַסערן פון נילוס זיך אויסגעקלערט, האָט משה זיך ווידער באַוויזן פאַר פּרעהן. ניט־געבעטענערהייד, איז ער פּלוצלינג געקומען פאַר אים, גלייך ער וואָלט זיך געוועזן אַדורכגעשאַרט דורך די פיל טיר־היטער און זעלנער פון דער וואַך און זיי וואָלטן אויף אים קיין שליטה ניט געהאַט. משה האָט זיך געשטעלט פאַר אים און אים ווידער געוואָרנט:

— אַזוי זאָגט יהוה: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. און אויב דו ווילסט זיי ניט אָפּלאָזן, אָט פּלאָג איך דיין גאַנצן גבול מיט פרעש. און דער טייך וועט ווידמענען פרעש, און זיי וועלן אַרויפגיין, און וועלן קומען אין דיין הויז, און אין דיין שלאָפקאַמער, און אויף דיין בעט, און אין הויז פון דיינע קנעכט, און אויף דיין פאָלק, און אין דיינע אויוונס, און אין דיינע טייגמולטערס. אי אויף דיר, אי אויף דיין פאָלק, אי אויף דיינע קנעכט וועלן אַרויפגיין די פרעש.

און באַלד איז געשען ווי משה האָט געזאָגט. משה האָט געהייסן אַהרנען, אין גאָטס נאָמען, צו שלאָגן מיט זיין שטעקן אויף די וואַסערן פון לאַנד מצרים. פון די בערג פאַרפוילטע פיש, וואָס זענען געלעגן ביים ברעג טייך, אין די געמויזעכצן, די זומפּן, די שטראָמען, האָבן אָנגעהויבן זיך ווידמענען פרעש, פרעש פון פאַרשיידענע מינים, פאַרעמס און קאָלירן. מצרים האָט געשמט מיט אירע פרעש. אַן אַלט שפּריכוואָרט האָט געזאָגט: „וואו עס הערט זיך דאָס קוואַקען פון פרעש, דאָרט זענען מצריימס גרענעצן". אָבער אַזעלכע מינים פרעש האָט מען נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען. זיי האָבן זיך געווימלט, זיך געמערט ווי די מערעשקעס, זענען אויסגעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט. זיי זענען אויפגעשטאַנען פון די בערג פאַרפוילטע פיש אין די זומפּיקע וואַסערן, גלייך די גאַנצע וועלט וואָלט פאַרקנאָטן געוואָרן אין ברייט־בייכיקע פרעש, מיט ברייטע מיילער, מיט פיל פאַרשפּרייטע פיס; דינע, לענגלעכע, מיט שמאָרעדיקע חזיר־שנויצן, אַנדערע מיט רייפן ווי ביי שלאַנגען און צונגען ווי ביי שלאַנגען. טייל פון זיי האָבן געהאַט פעטע, גלאַטע ווייסע בייכער, וואָס עס האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דאָרט פאַרצווייגטע קלויען, אַנדערע מיט דרויסנ־דיקע שטויס־ציינער, מיט שטעכעדיקע וואַנצעס, פרעש, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי גרויסע שילדקרויטן מיט האַרטע שילדן, וואָס עס האָבן פון אונטער זיי זיך אויסגעשטרעקט איינגעשרומפּענע לעדערנע העלדזער, מיט פּנימער פון סאָוועס, מייז, אַלערליי פייגל. און אַזוי פיל ווי די פאַרעמס זענען געווען זייערע קאָלירן, — אַן אומהיימלעכע פעטע ווייסקייט, אַן אומעטיקע געלקייט, וואָס גיט־אַרויס איר

גיפּטיקייט, אַ מאַטע רויטלעכקייט פון געפלעקטע שלאַנגען. און די פּרעש האָבן אָנגעהויבן צעקריכן זיך פון די טייכן, פון די זומפּן־לעכער, באַוויזן זיך אומע־טום, אין פּלעצער, וואו מען האָט ווייניקער פון אַלץ געקאָנט זיך ריכטן אויף זיי. זיי האָבן אַדורכגעשלייכט זיך דורך פאַרמאַכטע טירן אין די שטובן אַריין, זענען אַריינגעקראָכן אין כּלים פון וואַסער, אין טעפּ געקעכטס, אין מולטערס טייג.

ביינאַכט אויף זייערע געלעגערס האָבן די מצרים דערפילט ווי עס באַרירט זיי אַ קריכעדיקע קלעפּיקייט. דאָ האָט אַ פראָש זיך געריבן מיט זיין פעט־ווייסן בויך אָן אַ מענטשנס לייב, דאָרט האָבן שאַרפע שטעכעדיקע קלויען איינגע־קלעמט אַ ברוסט ביי אַ פרוי, אָדער אַ חזיר־פראָש האָט געגריזשעט דאָס פּנים פון אַ שלאָפנדיקן קינד. מען האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אַנטריגונג פון זיי. זיי האָבן ניט געגעבן קיין רו ניט ביי דער אַרבעט, ניט ביים עסן, ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט, ניט ביים וואַכן, ניט אין שלאָף.

בחינם האָבן די חכמים און די הויכע שטעל־האַלטער פאַרזיכערט פּרעהן, אַז די מגפה פון די פרעש איז אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דאָס האָבן די פּגרים פון די פיש אין די טייכן און געמויזעכצן געמערט דאָס פלאָדיען־זיך פון די פרעש, און עס וועט אויפהערן אַזוי גיך ווי עס וועט זיך אויסלאָזן זייער שפּייז פון די פאַרפוילטע פיש. און די כּהנים און די כּישוף־מאַכער האָבן אים אויפגעוויזן, אַז אויך זיי קאָנען אַרויסברענגען וועריס פון קאַליע־געוואָרענעם וואַסער.

די פרעש האָבן קיינעם ניט געגעבן קיין מנוחה. אין פּרעהס הויז זענען זיי געקומען, פון זיינע גאָלדענע קרוגן זענען מיטן ווייַן געפאַלן פרעש, אין זיין ברויט זענען זיי געווען איינגעקנאָטן, ווי אין דעם ברויט פון דעם אָרעמסטן קנעכט זיינעם; אויף זיין געלעגער זענען זיי געקומען און האָבן געגריזשעט מיט ציין־און־קלויען זיין לייב; זיי זענען געלעגן צווישן אים און זיינע קעפּס־ווייבער. זיין לעבען איז אים פאַרמיאוסט און פאַרעקלט געוואָרן, ווי עס איז מיאוס און עקלדיק געוואָרן דאָס לעבן פון זיין מיזערנסטן אייזל־טרייבער, — און דאָס געשריי פון די מצרים איז אויפגעגאַנגען איבער מצריים.

ער האָט גערופן צוהילף זיינע געשטאָרבענע עלטערן, ער האָט אַליין צו זיך געבעטן, ווי צום גאָט פון דער זון, צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דער פּלאָג, און עס האָט ניט געהאָלפן.

ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך. ער האָט באין־אופן ניט געקאָנט פּועלן ביי זיך צוצולאָזן גאָר אין דער מחשבה אַפילו, אַז עס איז דאָ אַן אַנדער מאַכט, וואָס קאָן געוועלטיקן איבער זיין לאַנד, מחוץ דער מאַכט, וואָס ער האָט באַקומען פון די געטער; אַז אַ פרעמדער האָרוס זאָל האַלטן איבער זיין קאָפּ די רוט פון שטראָף.

אָבער די ענגשאַפט, וואָס איז געקומען איבער מצריים, איז ניט געווען מער אַריבערצוטראָגן.

די פרעש האָבן פּאַראַליזירט יעדער טעטיקייט אין מצריים און פאַרמיאוסט דאָס לעבן פון די מצרים.

און לסוף האָט פּרעה נאָכגעגעבן.

ער האָט געהייסן רופן און ברענגען פאַר אים משהן און אהרנען.

— בעט צו יהוהן, ער זאָל אָפּטון די פּרעש פון מיר און פון מיין פאָלק, און איך וועל אָוועקלאָזן דאָס פאָלק, זיי זאָלן שלאַכטן צו יהוה, — האָט ער געזאָגט צו זיי מיט הכנעה.

און משה האָט אים געענטפערט מיט הכנעה:

— האָב דעם כבוד איבער מיר. אויף ווען זאָל איך בעטן פאַר דיר, און פאַר דיינע קנעכט, און פאַר דיין פאָלק, צו פאַרשניידן די פּרעש פון דיר, און פון דיינע הייזער?

— אויף מאָרגען, — האָט פּרעה געענטפערט.

— אַזוי ווי דיין וואָרט! כדי זאָלסט וויסן, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ גאָט ווי יהוה, אונדזער גאָט.

און דאָס האָט משה געזאָגט פּרעהן אין פּנים, און פּרעה האָט עס פאַרשוויגן.

קוים אָבער האָט גאָט געטון ווי משה האָט געבעטן צו אים און פאַרטיליקט די פּרעש פון לאַנד מצריים, האָט זיך אויפגעוועקט אין פּרעהן זיין גאַנצער שטאָלץ. דאָס בלוט פון זיינע אבות האָט גערעדט אין אים. ער, דער גאָט רא, אין זיין אייגענעם לייב, די זון פון הימל, דאָס לעבן פון דער ערד, זאָל באַדאַרפן אָנקומען נאָך הילף צו אַן אַנדער רשות איבער זיין אייגענעם לאַנד מצריים! ער וועט ניט אַנערקענען דעם גאָט יהוה, און ער וועט ניט אַרויסלאָזן זיין פאָלק צו שלאַכטן צו אים. עס זענען ניטאָ אין מצריים קיין אַנדערע געטער ווי נאָר רא און זיין זון, פּרעה.

דער גרעסטער וואונדער, וואָס גאָט האָט געטון אין מצריים, איז געווען, וואָס די וואונדער האָבן אין אָנהויב גאָר ניט אויסגעקוקט ווי וואונדער. זיי זענען געווען נאַטירלעכע דערשיינונגען, וואָס פלעגן זיך איבערחזרן אין געוויסע צייטן פון יאָר אין מצריים. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז אין די הייסע חדשים פון זומער, ווען די וואַסערן פון נילוס פאַלן זייער נידעריק, זאָלן די פיש גע־שוואָלן ווערן פון דער היץ און זייערע פּגרים זאָלן אויסגעשפּיגן ווערן אויפן ברעג, פאַרשפּרייטנדיק פון זיך גיפטיק־שטיקעדיקע ריחות. און דאָס פוילעניש פון די פיש האָט געמערט דאָס פלאַדיען־זיך פון פּרעש, שילדקרויטן און בלוט־ווערים. און איצט, ווען גאָט האָט פאַרטיליקט די פּרעש, און זיי זענען געלעגן הויפנווייז איבער דעם ברעג טייך, ביי אַלע זומפּן און אַלע איינזאַמלונגען פון וואַסער, האָבן, פאַרשטייט זיך, זיך געווימלט אינסעקטן. עס האָבן זיך אויפגעהויבן וואָלקנס אומגעציפער, וואָס זענען באַפאַלן מענטשן און בהמות, ווי גזלנים, און אויסגענאָגט דאָס בלוט פון די לעבעדיקע. זיי האָבן זיך אַריינגעקראָגן אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון מענטשלעכן לייב און געבריט מיט זייער שטעכע־דיקייט פון פייערדיקע נאָדלען. אַזוי קליין, אַז מען האָט זיי קוים אָנגעזען, און אַנדערע, וואָס מען האָט גאָרניט אָנגעזען. זיי האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט און זענען באַפאַלן מענטש און בהמה. זיי האָבן אָנגעטון געברענטע צרות און ניט געלאָזט קיין רגע מנוחה. זיי האָבן געזויגט דאָס בלוט פון דער הויט, זענען אַריינגעדרונגען אין די אינעוויניקסטע חדרים פון קערפּער. זיי זענען געזעסן דאָרט און האָבן אויסגענאָגט דאָס בלוט פון די אינעווייניקסטע אָרגאַנען. דער מענטש איז זיך פאַרגעקומען ווי אַ לעבעדיקע נבלה, זיין קערפּער איז אים

פאַרמיאוסט געוואָרן פון די קרעץ, בלאָטערן, פרישטשעס און מכּות, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אויף אים. און זיין נשמהדיק לעבן איז אים נמאס געוואָרן פון דעם אינעווייניקסטן אומגעציפער, פון דער עקלדיקער שמוציקייט, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אים.

אָבער פון אויבן־אָן האָט עס אויסגעזען ווי דאָס אומגעציפער וואָלט געווען בדרך־הטבע און געמוזט באַלד ניט ווערן, אַזוי ווי עס וועלן באַלד פאַרשווינדן די קופּעס אָנגעוואַליעטע, פאַרפוילטע פּגרים פון די פרעש, וואָס קאָכן זיך אין דער הייסער זון.

און דווקא אין דער נאַטירלעכקייט פון די פּלאָגן, וואָס זענען געקומען אויף מצרים, האָבן די מצרישע כּישוף־מאַכער איינגעזען גאָטס פינגער. ניין, דאָס איז ניט קיין פאַרבלענדעניש פון אויג, ניט קיין כּישוף־זאַך; דאָס טוט אַ מעכטיקער גאָט, וואָס האָט די מאַכט איבער זיין נאַטור, פּלאָגן פּרעהן ניט מיט קיין כּישוף־שפּרעכענישן, וואָס מען קאָן אָפּווענדן, נאָר מיט נאַטור־פּלאָגענישן, וואָס ער שיקט־אָן איינס נאָכן אַנדערן אויפן לאַנד מצרים. די חרטומים האָבן איינגעזען, אַז זיי קענען דאָס מיט זייער כּישוף ניט אַרויסברענגען און קענען דאָס דערפאַר אויך ניט אַוועקנעמען. און זיי האָבן געזאָגט צו פּרעהן:

— פּרעה, אַ גרויסער, מעכטיקער גאָט האַלט מלחמה מיט דיר, אַ פינגער פון גאָט איז דאָס!

און טאַקע דערפאַר האָט פּרעה זיך איצט מער איינגעשפּאַרט ווי זיינע חכמים און זיינע כּישוף־מאַכער: אויב דאָס איז ניט קיין כּישוף־זאַך, נאָר אַ צייכן פון אַ פיינטלעכן גאָט, וואָס די פרעמדע האָבן געבראַכט אויף אים, מוז ער מיט אים מלחמה האַלטן ביז צום ביטערן סוף. משה ווירקט ניט מיטן כּוח פון די מצרישע געטער און ער אַליין איז ניט קיין פאַרקערפּערונג פון דעם גאָט האָרוס. משה ווירקט דורך יהוהן, אַ גאָט פון זיינע, פּרעהס, שקלאַפן, איז ווי אַזוי קאָן ער נאָכגעבן זיין ווילן?

ער האָט געשיקט אויסצוגעפינען, צי די עברים אין גושן ליידן אויך פון די פּלאָגן. און ער איז געוואויר געוואָרן, אַז אויך דאָרט האָבן זיך געוויזן די פּלאָגענישן פון דער נאַטור, ווען אָפילו ניט אויף אַזאַ שאַרפן שטייגער ווי אין דעם לאַנד, וואָס ליגט ביים נילוס. דאָס האָט אים געגעבן דעם גלויבן, אַז דער נצחון איז אויף זיין זייט. דער גאָט יהוה קאָן אפשר פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון דער נאַטור, ער קאָן זי אָבער ניט מאַכן פאַר אַ געצייג, וואָס נאָר ער אַליין זאָל עס האָבן אין זיין רשות. ווען די נאַטירלעכע פּלאָגן קומען, קומען זיי איבער אַלעמען, סיי איבער די מצרים, סיי איבער זיין אייגענעם פאָלק. דאָס ווייזט, אַז יהוה האָט ניט קיין מאַכט איבער זיי. וואָרעם דאָס ענטפערן די פאַרשטייער פון די עברים, ווען ער, פּרעה, רעדט מיט זיי וועגן זיין ממשלה, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון דעם גאָט פון דער זון, דעם גאָט ראַ:

— די זון שיינט ניט נאָר אין מצריים אַליין. ווען זי גייט אונטער, גייט זי אונטער אין אַנדערע לענדער אַזוי ווי אין מצריים, — האָט אים אָפּטמאָל משה אָנגעוויזן, ווען ער האָט זיך געריכמט פאַר אים מיט זיין מאַכט איבער אים.

ניין, דער גאָט יהוה האָט ניט קיין מאַכט איבער מצריים. אין מצריים וואוינען נאָר די געטער פון מצריים, ניט קיין אַנדערע.

דאָסמאָל האָט ער זיך אַפילו ניט געמיט איינצושטילן אָדער אָפּצוגענאַרן משהן מיט הבטחות כּדי ער זאָל אָפּווענדן פון אים די פּלאָג.

— די מצרים זענען צוגעוואוינט צום בייסעניש פון אומגעציפער. נו, וועלן זיי זיך נאָך אַביסל קראַצן, — האָט ער געחוזקט.

און עס איז געווען ווי דער גאָט פון משהן און אַהרנען האָט געוואוסט פון זיינע געדאַנקען, און ער האָט געשיקט צו אים זיינע שליחים — ווידעראַמאָל בשעתן אָפּריכטן די עבודה ביים וואַסער.

— אויב דו לאָזט ניט אָפּ מיין פאָלק, אָט שיק איך אָן אויף דיר, און אויף דיינע קנעכט, און אויף דיין פאָלק, און אין דיינע הייזער אַ געמיש פליגן, און די הייזער פון מצריים וועלן אָנגעפילט ווערן מיט דעם געמיש פליגן, און אויך די ערד, וואָס זיי זענען אויף איר. און איך וועל אָפּזונדערן אין יענעם טאָג דאָס לאַנד גושן, וואָס מיין פאָלק האַלט זיך אויף דערין, אַז דאָס געמיש פליגן זאָל דאָרט ניט זיין, כּדי זאָלסט וויסן, אַז איך, יהוה, בין אין לאַנד.

און עס איז טאַקע געשען אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט דורך משהן. איבער דעם לאַנד מצריים האָט פּלוצלינג גענומען זיך טראָגן אַ געמיש פליגן. פון דער הוילער הויט זענען זיי געקומען, מחנותווייז האָבן זיי זיך געטראָגן, ווי געדיכטע, טונקעלע וואָלקנס וואָלטן געקומען צו שוועבן און געשפּרייט זיך איבער דער לופט פון מצריים. אין איין מינוט זענען די הייזער פול געוואָרן מיט די פליגן. זיי האָבן צוגעדעקט איטלעכן חפץ, איטלעכע כּלי, זיי האָבן באַדעקט די מענטש־לעכע לייבער און מיט מיליאָנען מיילער געזויגן דאָס בלוט פון אַלע לעבעדיקע, האָבן צעפרעסן די שפּייז, דאָס גרינס פון פעלד און גאָרטן.

פליגק האָט פּרעה געשיקט געוואויר צו ווערן, וואָס עס הערט זיך אין לאַנד גושן. ניין, דאָס לאַנד גושן, דאָרט, וואו זיינע שקלאַפן וואוינען אין ליים־גריבער, אין פייכטקייט, — דאָס לאַנד גושן איז פריי פון דער פּלאָג, אַזוי ווי גאָט וואָלט געצויגן אַן אומגעזעענע מחיצה איבער דער לופט אין לאַנד גושן, — אַהער זאָלט איר ניט אַריינקומען! און דאָס געמיש פליגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיינע גרענעצן.

און דערווייל איז דאָס פּלאָגעניש פון דעם געמיש פליגן געוואָרן אַלץ מער און מער געפערלעך. עס איז ניט באַוואוסט געווען פון וואַנען די פליגן האָבן זיך גענומען, האָט מען דערפאַר ניט געקאָנט וויסן, ווען זיי וועלן פאַרשווינדן, ווי מען האָט עס געוואוסט ביי די אַנדערע פּלאָגן. עס איז ניט געווען צו דער־קלערן די טבע פון דער פּלאָג. מען האָט קיינמאָל פריער ניט געזען אַזעלכע מינים פליגן, ווי זיי האָבן זיך דאָסמאָל באַוויזן אין מצריים. מען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז עס עקסיסטירן גאָר אַזעלכע מינים פּאַראַזיטן. זיי האָבן גאָרניט געהאַט די נאַטור פון פליגן. זיי האָבן זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן, האָבן זיך ניט געלאָזט פאַריאָגן. זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט דער גאַנצער חוצפּה פון אָנגרייפער. גלייך ווי זיי וואָלטן געוואוסט, ווער עס האָט זיי געשיקט, צוליב וואָס מען האָט זיי געשיקט און וואָס דער באַשאַפער דערוואַרט פון זיי, האָבן זיי

געפּאַדערט פון די מצרים זייער מאָס בלוט, געפּאַדערט מיט אַן אַכזריות, ווי דאָס בלוט פון די מצרים וואָלט פון גאָט געווען באַשטימט פאַר זייער חיונה, און זיי האָבן זיך דאָס פראַנק און פריי גענומען. די לייבער פון די מצרים זענען איבער־געגעבן געוואָרן אויף הפקר די נאָדל־שטעך פון די בייזע פליגן, ביז זיי האָבן אויסגעזען אין די אויגן פון די געפּלאָגטע מצרים ווי די רויב־חיות, לייבן און לעמפּערטן אין דער פאָרעם פון פליגן און אינסעקטן, וואָס זענען זיי באַפאַלן.

די אומגעווייִנטלעכקייט פון דעם אומגעציפער, זייערע אויסטערלישע פאָרעמס און קאָלירן, זייער רוצחישע אַגרעסיוויקייט און, דער עיקר, דאָס, וואָס דאָס לאַנד גושן, דער ישוב פון די עברישע קנעכט, וואָס צוליב זיי זענען די פליגן געקומען, איז פריי פון דער פּלאָג, האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף פרעהס קנעכט און שוואַך געמאַכט פרעהס האַרץ.

# 15

עס איז געווען ווי דער גאָט פון ישראל וואָלט געוואָלט נקמה נעמען אין פרעהן און אין דעם דור מצרים פאַר אַלע חטאים, וואָס די מצרים זענען באַגאַנגען קעגן ישראל, און ער האָט פאַרבלענדט פרעהס אויגן און געליימט זיין שׂכל, ער זאָל ניט איינזען, אַז גאָט אַליין האָט איבערגענומען דעם קאַמף קעגן אים פאַר זיין פאָלק ישראל.

פרעה האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז נישט קיין גאָט, נאָר משה אַליין האַלט מלחמה קעגן אים. ער וויל אַרויספירן די עברישע שקלאַפן פון מצריים, כּדי צו ווערן דער קיניג איבער זיי אין מדבר. ער באַנוצט זיך פאַר דעם מיט אַלע מיטלען, וואָס ער האָט איבערגענומען ביי די כּישוף־מאַכער פון מצריים. דעם גאָט יהוה האָט ער נאָר אויסגעטראַכט כּדי אים אָנצושרעקן. דער שטעקן, וואָס ער טוט מיט אים וואונדער, איז ניט מער ווי דער מצרישער שלאַנגען־גאָט, וואָס משה האָט געמוזט פאַרכּישופן מיט אַ שפּרוך, וואָס ער האָט געלערנט פון זיין מוטער, אַז דער גאָט זאָל גרייט זיין אים צו דינען. פרעה האָט באין־אופן ניט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז משה ווירקט מיטן כּוח פון מצרישע געטער קעגן די מצרים, נאָר ער האָט געגלויבט, אַז משה פאַרמאָגט אַ מאַגישע קראַפט דורך דעם, וואָס ער איז געקומען אין פאַרבינדונג מיט אַ פרעמדן גאָט פון מדבר, וואָס איז דער גייסט פון די שקלאַפן. מיט דעם כּוח טוט ער וואונדער, און מיטן זעלבן כּוח האָט ער אויך געפאַנגען גענומען דעם שלאַנגען־גאָט. נאָר באַלד וועלן די געטער פון מצריים קומען אים, פרעהן, צוהילף. זיין פאָטער ראַ, דער גרויסער גאָט פון דער זון, וועט מיט זיינע שטראַלן מלחמה האַלטן קעגן דעם

מדבר־גאָט און וועט אים בייקומען. ער וועט טויטן דעם שלאַנגען־גאָט אין משהס האַנט, און דענסמאָל וועט זיין כּוח זיך אָפּטון פון אים.

פּרעה האָט נאָר געוואָלט געווינען צייט פאַר זיינע געטער צו געבן זיי די געלעגנהייט צו קומען אים צוהילף.

פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען משה איז געקומען פאַר אים מיט דער אויפפאָדערונג, אַז ער זאָל אַוועקלאָזן די עברישע שקלאַפן אויף דריי טעג גאַנג אין מדבר, כּדי צו מאַכן אַ יום־טוב פאַר זייער גאָט, האָט פּרעה גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, אַז משה גענאַרט אים נאָר אָפּ, ווייל ער וויל אַרויסקריגן די יידן פון מצריים אין מדבר אַריין, כּדי צו ווערן קיניג איבער זיי. משה האָט אויך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פּרעה ווייסט, אַז ער גענאַרט אים אָפּ מיט די דריי טעג, נאָר ער מיינט טאַקע, אין דער אמתן, צו באַפרייען די עברים פון פּרעהס פאַרשקלאַפונג. פּרעה האָט אָבער מורא געהאַט צו מאַכן וועלכע־עס־איז הנחה פאַר די עברישע שקלאַפן. דאָס וואָלט געגעבן אַלע אַנדערע שקלאַפן אין דער מלוכה אַ סיגנאַל פאַר ברעכן די דיסציפּלין פון גאַנצן מצרישן שקלאַפן־סיסטעם. עס וואָלט זיי אפשר גאָר אויפגעמוטיקט אויפצוהויבן אַ מרידה קעגן פּרעהס ממשלה, וואָס עס וואָלט געשטעלט אין סכּנה דעם גאַנצן סדר פון מצריים. דאָס האָט פּרעה, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט דערלאָזן.

איצט אָבער, ווען עס איז אים אַזוי ענג געוואָרן און ער האָט איינגעזען, אַז ער מוז אָנקומען צו משהס הילף, כּדי צו באַפרייען זיך פאַר אַ צייט פון די פּלאָגענישן און קאָנען אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט ער אָנגעהויבן אַ דינגע־ניש מיט משהן איבער דעם ווי אַזוי די עברישע שקלאַפן זאָלן מאַכן דעם יום־טוב פאַר זייער גאָט.

ער האָט פאָרגעלייגט משהן:

— ניט אין מדבר זאָלן די עברים אַרויסגיין צו שעכטן פאַר זייער גאָט. איך וועל זיי אָפּלאָזן אויף דריי טעג דאָ אין לאַנד. גייט און מאַכט אייך אייער יום־טוב און שלאַכט אייך פאַר אייער גאָט דאָ אין לאַנד.

משה האָט געשפּילט מיט אים דאָס אייגענע שפּיל און אים אָפּגעענטפערט:

— ווייסטו דען ניט, וואָס די מצרים וועלן אונדז טון, ווען זיי וועלן זען, אַז מיר שלאַכטן צו אַ פרעמדן גאָט? דריי טעג וועגס וועלן מיר גיין אין דעם מדבר, און מיר וועלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט, אַזוי ווי ער וועט אונדז הייסן.

פּרעה האָט אים אָפּגעענטפערט מיט ביטערקייט:

— איך וועל אייך אַוועקלאָזן, איר זאָלט שלאַכטן צו יהוה אייער גאָט אין דעם מדבר, אָבער זייער ווייט זאָלט איר ניט גיין. בעט פאַר מיר.

— זע, איך גיי אַרויס פון דיר, און וועל בעטן צו יהוה, אַז דאָס געמיש פליגן זאָל זיך מאָרגן אָפּטון פון פּרעהן, פון זיינע קנעכט, און פון זיין פאָלק; זאָל אָבער פּרעה ניט ווידער מאַכן געשפּעט, ניט אַוועקצולאָזן דאָס פאָלק צו שלאַכטן צו יהוה.

— איך, פּרעה, וועל ניט האַלטן וואָרט? ווי אַזוי קאָנסטו דאָס זאָגן, משה?

אָבער אַזוי איז עס געשען.

עס איז געווען ווי זיי ביידע, אי פּרעה, אי משה, וואָלטן געוועז געוואוסט, אַז פּרעה האָט ניט בדעה צו האַלטן וואָרט. דאָך איז משה אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן און האָט געבעטן צו גאָט, אַז ער זאָל אָפּטון פון פּרעהן דעם געמיש פליגן. און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו משהס געבעט, און די פליגן, ווי זיי זענען געקומען, אַזוי זענען זיי פאַרשוואונדן.

און פּרעה האָט זיך ווידער איינגעשפּאַרט, אַזוי ווי גאָט האָט פאָראויסגעזאָגט צו משהן.

דאָסמאָל האָט גאָט געשיקט משהן צו פּרעהן — אים צו וואָרענען, אַז ער וועט ברענגען אַ מגפה אויף זיין פי, פערד און אייזלען, און וועט מאַכן אַן אויסנעם פאַר די קינדער פון ישראל. און כדי פּרעה זאָל זיך ניט איינרעדן, אַז עס איז ווידער אַ נאַטור־זאַך, ניט די האַנט פון גאָט, וואָס שיקט די מגפה נאָר פאַר די מצרים אַליין, האָט ער באַשטימט אַ צייט, ווען די מגפה וועט אויסברעכן. און אַזוי איז עס טאַקע געשען. אויף צומאָרגנס נאָך משהס באַווייזן־זיך פאַר פּרעהן איז די מגפה געקומען אויף די בהמות.

פּרעה האָט פלינק געשיקט נאָכפרעגן, צי די מגפה געוועלטיקט ניט אין גושן. ניין, אין גושן ביי די בני־ישראל איז קיין מגפה אויף זייערע בהמות ניט געקומען, — האָט פּרעה געקראָגן די ידיעה.

דאָך האָט דאָס ניט גערירט פּרעהס האַרץ.

דער קאַמף איז איצט געוואָרן אַ האַרטער, אַ פאַרביטערטער. עס איז שוין ניט געווען מער קיין גערעַנגל צווישן משהן און פּרעהן, נאָר אַ מלחמה צווישן געטער, צווישן דעם גאָט פון ישראל און די געטער פון מצריים. וואָס זיכערער פּרעה איז געוואָרן, אַז משה ווירקט ניט דורך כישוף, נאָר אַז הינטער אים שטייט אַן אמתער גייסט, אַ מעכטיקער גייסטיקער כוח, וואָס האָט די ממשלה איבער די געזעצן פון דער נאַטור, אַלץ מער האָט זיין עקשנות זיך געשטאַרקט. פּרעה האָט מער ניט געקעמפט פאַר זיין מאַכט איבער די שקלאַפן; ער האָט געקעמפט פאַר זיינע געטער און פאַר זיין אייגענער געטלעכקייט, — און דער קאַמף איז ניט געווען קיין גלייכער.

פון איין זייט, אַן אָרגאַניזירטע אמונה, מיט פּרעהן פאַר דעם אַלמעכטיקסטן פון די געטער, אַן אמונה מיט אַן אויסגעהאַמערטער דיסציפּלין, וואָס איז פאַר־הייליקט געוואָרן דורך טראַדיציע, מנהגים און אַ קאַנאָניזירטן ריטואַל, זינט טויזנטער יאָרן; אַ מעכטיקע פּריסטער־היעראַרכיע, מיט אַן אַ שיעור טעמפּלען, וואָס האָבן באַהערשט און געפּלעפּט מיט זייערע ריזן־סטאַטועז פון געטער־מומיעס, מיט זייערע ספּעקטאַקלען, מיט זייערע וואונדער; אַ כאַליאַסטרע געטער און געטיכעס, וואָס האַלטן די מערכה פון יעדער מענטשלעכער טעטיקייט, פון דעם מענטשנס חכמה, זיין וואוילזיין, זיין דערנערונג און זיינע פּראָדוקטן, — געטער פון פרוכפּערדיקייט און געטער פון געזונט, געטער פון לעבן און געטער פאַרן לעבן נאָכן טויט, — און איבער זיי אַלעמען איז געשטאַנען דער גאָט רא, די זון פון הימל, וואָס איז פאַרקערפּערט אין פּרעהן אין זיין אייגענעם לייב. דער פּרעה, וואָס איז דער מושל פון די ביידע לענדער פון מצריים, פון דער

מעכטיקסטער מדינה אין דער וועלט, וואָס זיין ממשלה דערגרייכט און שפרייט זיך אויס איבער דעם גאַנצן קאָנטינענט פון אַפריקע, דערגרייכט ביז אַבעסיניע און איבער האַלב־אַזיע ביז צו דער גרענעץ פון אַן איינגעאָרדנטן ישוב. זיינע חיילות, באַוואָפנט מיט די שטאַרקסטע וואָפן, זייערע ווילדע פערד געשפּאַנט אין רייטוועגן, האָבן געבראַכט די פעלקער פון דער וועלט אונטער זייערע פיס. און מצריים איז פול מיט שקלאַפן פון אַלע ראַסן און קאָלירן, ווייסע און נעגערס, וואָס באַאַרבעטן די פעלדער און גערטנער, פירן די שיפן אויף די ימים, פּאַשן בהמות, האָדעווען געפליגל אויף די טייכן און אין די זומפן, בויען שטעט און וועגן, שטעלן־אויף פּיראַמידן, מעכטיקע טעמפּלען.

און פון דער צווייטער זייט, ווער דערוועגט זיך עס צו שטעלן זיך קעגן פרעהן און דעם לאַנד מצריים? אַ קליינער, אומווערדיקער שקלאַפן־שטאַם, וואָס האָט גאָרניט, אַחוץ אַ שוואַכער טראַדיציע פון אבות, וועלכע האָבן געגלויבט אין איין לעבעדיקן גאָט, און אַ בלאַסער האָפענונג אויף אַ הבטחה פון דערלייזונג, וואָס דער גאָט האָט געגעבן זייערע אבות. און אין זייער נאָמען רעדט איינער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מצרי און האָט אַלץ, וואָס ער ווייסט, און אַלץ, וואָס ער קען, געלערנט און איבערגענומען פון די מצרים. ער רעדט אין דעם נאָמען פון אַ מדבר־גאָט, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט און אומבאַוואוסט צווישן געטער און מענטשן. ער האָט ניט באַוויזן ביז איצט צו באַפרייען זיין פאָלק פון פרעהס שקלאַפעריי. און איצט באַנוצט ער זיך מיט אַ שלאַנגען־גאָט, וואָס ער האָט פאַרקערט אין אַ שטעקן, כדי אָנצושרעקן פרעהן מיט נישטיקע פלאָגן, וואָס קיצלען נאָר די הויט פון די מצרים. נישקשה, די מצרים וועלן אויסהאַלטן. זיין, פרעהס, צייט וועט באַלד קומען. באַלד וועט זיך שטאַרקן איבער אים אַמון, דער גאָט פון דער זון, אָזיריס, האָרוס, די געטין איזיס, און אַלע אַנדערע געטער פון מצריים, וואָס וועלן קומען די מצרים צוהילף און וועלן שטאַרקן די לענדן פון זייער זון פרעה, אַז ער זאָל דעם מורד פאַרטיליקן.

פרעה האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון דעם גאָט פון די עברים, — און ער האָט די בני־ישראל ניט פריגעלאָזט.

פרעה האָט זיך ניט געמאַכט דערויס, וואָס דער גאָט פון זיינע שקלאַפן האָט געמאַכט חוזק פון אים און אים אַזוי דערנידעריקט מיט די מיאוסע קרענק פון בלאָטערן און פאַרכעס, וואָס האָבן זיך געזעצט אויף די קעפּ פון זיינע אייגענע כישוף־מאַכער, כהנים און גרויסע אין זיין הויף. זייערע בערד און האָר זענען פאַרקאָלטנט געוואָרן און זיי האָבן ניט זייער שיין, ניט זייער פּאָרנעם אויסגעזען אין זייערע פריסטער־קליידער.

ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט דער גאָט פון ישראל זיך אַ שפּיל געטון מיט אים מיט אַ מער ערנסטער פלאָג. נאָך מער, משה האָט זיך דערוועגט אַריינצוגיין אין דער ממשלה פון פרעהן און איבער זיין קאָפּ און איבער זיין ממשלה האָט ער געוואָרנט די מצרים וועגן דער נייער פלאָג, וואָס גאָט קלייבט זיך צו שיקן איבער זיי. ער האָט זיי געהייסן איינזאַמלען זייערע איבערגעבליבענע פי און בהמות און זיי האַלטן אין די שטאַלן, ניט אַרויסלאָזן אין פעלד, מחמת

ער וועט שיקן איבער דעם לאַנד מצריים אַ שווערן האָגל, וואָס וועט פאַרטיליקן אַלץ, וואָס עס וועט זיך געפינען אין אָפענעם פעלד.

ערשט ווען עס האָבן זיך אויפגעעפנט די פענצטער פון הימל און עס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ האָגל, באַגלייט מיט דונערן און בליצן, ווי מיט פלאַקער־פייערן, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען אין מצריים, און פאַרטיליקט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין פעלד, די ווייַנגערטנער, די סעדער, די תבואות, האָט אויסגעריסן די ביימער און אויסגעהרגעט סיי בהמה, סיי מענטש, וואָס האָט זיך ניט צוגעהערט צו משהס וואָרנונג, ערשט דענסמאָל האָט פּרעה זיך ווידער דערשראָקן, איז שוואַך געוואָרן און געשיקט רופן משהן און אַהרנען, און ער האָט זיך געבעטן ביי זיי:

— איך האָב געזינדיקט דאָסמאָל. יהוה איז גערעכט, און איך און מיין פאָלק זענען אומגערעכט. בעט צו יהוה, און זאָל זיין גענוג די דונערן פון גאָט און דער האָגל, און איך וועל אייך אָוועקלאָזן, און איר וועט דאָ מער ניט בלייבן.

— גוט, — האָט משה אָפּגעענטפערט, — ווי איך גיי אַרויס פון שטאָט, וועל איך אויסשפרייטן די הענט צו יהוה; וועלן די דונערן אויפהערן, און דער האָגל וועט מער ניט זיין, כדי דו זאָלסט וויסן, אַז צו יהוה געהערט די ערד.

משה האָט טאַקע אַזוי געטון. דער האָגל האָט אויפגעהערט, דער רעגן איז מער ניט געווען, און פּרעה האָט ווידער ניט געהאַלטן קיין וואָרט.

ערשט נאָכדעם ווי משה איז געקומען פאַר אים און האָט אים געוואָרנט, אַז גאָט וועט אָנשיקן אויף אים אַ מגפה פון אַ היישעריק, וואָס וועט פאַרצערן און אויפפרעסן יעדן גרינעם בלאַט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון דעם האָגל, און ערשט נאָכדעם ווי זיינע אייגענע קנעכט, עלטסטע און שטעל־האַלטער האָבן זיך דערשראָקן פאַר משהס וואָרנונג און זענען געקומען פאַר פּרעהן און זיך געבעטן ביי אים: „לאָז אָוועק די מענטשן, זאָלן זיי דינען זייער גאָט, איידער מצריים גייט־אונטער" — האָט פּרעה ווידער געשיקט נאָך משהן און אַהרנען.

— גייט דינען יהוה, אייער גאָט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער ווער און ווער זענען די גייער?

— מיר וועלן גיין, מיט אונדזערע יונגע און מיט אונדזערע אַלטע וועלן מיר גיין; מיט אונדזערע זין און מיט אונדזערע טעכטער, מיט אונדזערע שאָף און מיט אונדזערע רינדער וועלן מיר גיין; וואָרעם אַ יום־טוב צו יהוה איז ביי אונדז, — האָט משה געזאָגט.

דאָ איז פּרעה אין כעס געוואָרן. משה האָט אויפגעדעקט פאַר אים זיין גאַנצע כוונה, וואָס איז — דאָס אַרויסנעמען די יידן פון מצריים אויף אייביק.

— זאָל אַזוי יהוה זיין מיט אייך, ווי איך וועל אייך אָוועקלאָזן מיט אייערע געזינטן. זעט, אַז איר האָט עפּעס שלעכטס אין אויסקוק, — האָט פּרעה זיך געכעסט. — ניט אַזוי! גייט אָקאָרשט, איר מענער, און דינט יהוה. וואָרעם דאָס איז דאָך, וואָס איר פאַרלאַנגט.

און מען האָט משהן און אַהרנען אַרויסגעטריבן פון פאַר פּרעהן.

— מען וועט וואַרטן ביז דער היישעריק וועט קומען איבער אים. ער וועט זיך לאָזן איבערבעטן, — האָט משה געזאָגט צו זיין ברודער.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען.

קוים האָבן זיך באַוויזן די ערשטע וועלן פון היישעריק, וואָס האָבן זיך אָנגעטראָגן ווי שוואַרצע וואָלקנס און צוגעדעקט דאָס ליכט פון דער זון אַזוי, אַז עס איז פינצטער געוואָרן אין מצריים, און זיי האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד פון מצריים און געפרעסן פון אים מיט מיליאָנען מיילער, האָט פרעה פלינק געשיקט נאָך משהן און אַהרנען, און ער האָט ווידער געזאָגט צו זיי מיט תחנונים און בקשות:

— איך האָב געזינדיקט צו יהוהן אייער גאָט, און צו אייך. פאַרגיט מיר, איך בעט אייך, מיין חטא, נאָר דאָסמאָל, און בעט צו יהוהן אייער גאָט, ער זאָל אָפּטון פון מיר נאָר די דאָזיקע פּעסט.

משה האָט געבעטן צו זיין גאָט, און גאָט האָט געטון משהס פאַרלאַנג, ווי אַלע מאָל, און פרעה האָט זיך ווידער איינגעשפּאַרט און ניט געהאַלטן וואָרט.

איבער מצריים האָט זיך אַרונטערגעלאָזט דער הימל, ווי אַ שווערער געוועלב. דער געוועלב איז באַשטאַנען פון אַ קופּערנעם אויסשפּרייט, וואָס האָט פאַרשטעלט דאָס ליכט פון דער זון, דער לבנה און די שטערן. קיין שפּור פון הימל האָט מען ניט אָנגעזען, און אין דעם ענגן שטח פון דעם פינצטערן אויסשפּרייט איבער דער ערד האָבן אָנגעהויבן זיך טראָגן ווינטן מיט שטויב און זאַמד. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז עס איז דער פּשוטער כאַמסין, וואָס טראָגט זיך איבער מצריים אין דער צייט פון יאָר, און עס איז טאַקע געווען אויפן שטייגער פון אַ כאַמסין־שטורעמווינט. די מענטשן האָבן ניט אַריינגעאָטעמט אין זיך קיין לופט, נאָר זאַמד, און די זאַמדיקע שטויב־וואָלקנס זענען דאָסמאָל געווען געדיכט און קלעפּיק ווי דער גאַנצער חלל וואָלט אָנגעפּילט געוואָרן מיט געדיכטער בלאָטע. גאַנץ מצריים איז איינגעמויערט געוואָרן אין דער בלאָטע, וואָס איז געשטאַנען אין חלל. די אויגן זענען פאַרשאָטן געוואָרן מיט שטויב, און מען האָט ניט געזען איינער דעם אַנדערן. מען האָט נאָר געזען בלאָטע, ווי אַ געדיכטע זיפּ וואָלט געלעגן אויף די אויגן. מען האָט געאָטעמט שטויב און געגעסן זאַמד. דאָס זאַמד האָט געקנאַקט צווישן די ציין, אַריינגע־קראָגן זיך אין די געלענקען פון די אברים, באַשווערט די באַוועגונגען, און מענטשן און בהמות זענען געוואָרן שלאַקריריק. דאָרט, וואו זיי זענען געשטאַנען, האָבן זיי זיך אָוועקגעלייגט און ניט געקאָנט זיך רירן. איינגעמויערט אין דער שווערער פינצטערער מאַסע, זענען זיי געווען ווי געפּאַנגענע אין אַ שפּינוועבס פון גע־דיכטער פינצטערניש. די פינצטערניש האָט אָנגעהאַלטן סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. פלינק האָט פרעה געשיקט געוואויר ווערן, צי דער כאַמסין־וואָלקן באַדריקט די לופט און פאַרשטעלט דעם הימל אין גושן. ניין, אין גושן איז ליכטיק און קלאָר. דאָסמאָל איז פרעה ווילייק געווען צו לאָזן די ווייבער און די קינדער גיין אין מדבר אַריין צום יום־טוב פון יהוהן, נאָר זייערע בהמות זאָלן זיי לאָזן הינטער זיך פאַר אַ באַוואָרעניש, אַז זיי וועלן צוריקקומען קיין מצריים.

— דו מוזט אונדז מיטגעבן שלאַכטאָפּער און בראַנדאָפּער, כּדי מיר זאָלן מקריב זיין צו יהוהן אונדזער גאָט, און אונדזער פי מוז אויך מיטגיין מיט אונדז; ניט אַ קלוי זאָל איבערבלייבן. וואָרעם דערפון וועלן מיר נעמען אויף צו דינען יהוהן אונדזער גאָט, און מיר ווייסן ניט מיט וואָס מיר וועלן דאַרפן דינען יהוהן, ביז מיר קומען אַהין.

דאָס איז געווען די העכסטע גאָטלעסטערונג, די ערגסטע באַליידיקונג, וואָס משה האָט געקאָנט וואַרפן פּרעהן אין פּנים אַריין: ניט נאָר זאָל ער לאָזן זיינע שקלאַפן מקריב זיין צו אַ פרעמדן גאָט, נאָר ער, פּרעה, דער גאָט פון רא אין זיין אייגענעם לייב, זאָל נאָך זיינע אייגענע רינדער אָפּגעבן צו שלאַכטן צו אַ פרעמדן גאָט, אַ גאָט פון זיינע שקלאַפן! פּרעה איז בייז געוואָרן:

— גיי אַוועק פון מיר. היט זיך, זאָלסט מער מיין פּנים ניט זען, וואָרעם אין דעם טאָג, וואָס דו זעסט מיין פּנים, וועסטו שטאַרבן, — האָט פּרעה געוואָרנט משהן.

— האָסט ריכטיק גערעדט, איך וועל מער ווידער דיין פּנים ניט זען, — האָט משה אָפּגעענטפערט און אים פאַרלאָזט.

*

פון אַלע מכּות, וואָס גאָט האָט געשיקט אויף די מצרים, האָט קיין מכּה ניט געמאַכט אַזאַ מאָוויימדיקן רושם אויף דער באַפעלקערונג פון מצריים, ווי די לעצטע מכּה פון פינצטערניש. שוין ביי די פריערדיקע פּלאָגן, ווען עס איז געווען צו זען באַשיינפּערלעך דעם פינגער פון דעם פרעמדן עברישן גאָט אין זיי — דורך דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַן אויסנעם פאַר זיין פאָלק, איז דער פּחד פון יידישן גאָט געפאַלן אויף די מצרים און זיי האָבן אָנגעהויבן רעספּעקטירן די עברישע שקלאַפן, מורא געקראָגן זיי ווייטער צו קריוודען און באַוועלהן. טייל פון זיי האָבן זיך אַפילו צוגעהערט צו משהס וואָרנונג צו האַלטן זייערע שאָף און רינדער אונטער שוץ, ווען משה האָט אָנגעזאָגט דעם האָגל, און דורך דעם אָפּגעראַטעוועט זייערע בהמות. אָבער די לעצטע מכּה פון פינצטערניש האָט גאָר אויפגעטרייסלט די מצרים, האָט זיי געמאַכט צווייפלען אין זייערע געטער און אונטערגעגראָבן דעם פּרעסטיזש און די אויטאָריטעט פון פּרעהן. עס האָט אויסגעזען ווי דער חוצפּהדיקער יידישער גאָט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מצריים, האָט באַצוואונגען די מצרישע געטער אין זייער אייגענעם לאַנד און אַרויסגעוואָרפן זיי פון זייערע טעמפּלען. וואָס־וואָס, די זון געהערט די מצרים. אַמון־ראַ איז זייער גרעסטער גאָט און פּרעה איז זיין זון אין זיין אייגענעם בלוט־און־פלייש. פּרעה איז די זון, וואָס גיט ליכט און לעבן צו אַלע ברואים. זיינע שטראַלן דערוואַרעמען די ערד און באַפרוכפּערן זי. ער הערשט איבער דער גאַנצער וועלט מיט זיין הערלעכקייט. ווען ער באַווייזט זיך איבער די הימלען מיט די ערשטע מאָרגן־שטראַלן, ברענגט ער פרייד און ליכט פאַר אַלע איינוואוינער פון דער ערד. ווען ער גייט־אונטער, קומט פינצטערניש און טויט איבער דער וועלט. און דאָ איז דער גאָט ראַ באַזיגט געוואָרן דורך אַן אומבאַקאַנטער מאַכט. פאַר דריי טעג איז ער איינגעהילט געוואָרן אין פינצטערניש; פאַר דריי טעג האָט דער גאָט פון די עברישע שקלאַפן אים אַליין

פאַרשקלאַפט און געהאַלטן אים געפאַנגען אין דער ממשלה פון אָזיריס, דעם גאָט פון נאַכט און טויט. פאַר דריי טעג האָבן די מצרים געזען זייער מאַכט געליימט, זייערע געטער פאַרשעמט, זייערע טעמפלען איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער, אינאיינעם מיט גאַנץ מצריים. און דווקא אין גושן, ביי די עברישע שקלאַפן, האָט ראַ־אַמון פאַרשפּרייט זיין אָפּגלאַנץ, גלייך ווי דער גאָט פון די עברים וואָלט גענייט דעם גאָט ראַ צו באַלייכטן נאָר דאָס לאַנד פון די עברים און צו האַלטן זיין אייגן לאַנד אין פינצטערניש. איז דאָס ניט קיין סימן, אַז דער גאָט פון די עברים האָט אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון מדבר און געפינט זיך אויך אין מצריים, און איצט איז זיין האַנט אויפגעהויבן איבער די מצרים?

זינט משה האָט געבראַכט דאָס וואונדערלעכע שליחות פון יהוהן, האָט אַהרן ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיין כהונה, וועגן דעם ווי אַזוי צו פאַר־ווירקלעכן זיין גרויסן חלום פון אויפבויען אַ ריטואַל פאַרן גאָט יהוה, וואָס זאָל מיט זיין פּרעכטיקייט, פייערלעכקייט, מיט זיין שטרענגן צערעמאָניאַל, מיט זיין מיסטעריע און, דער עיקר, מיט זיינע קרבנות און רייכע מתנות, ניט אָפּשטיין פון דעם ריטואַל, וואָס די מצרישע כהנים פירן־אויס פאַר זייערע געטער. ער איז געווען מיט דער דעה, אַז די מאַסע עברישע שקלאַפן, וואָס האָבן ניט קיין אָרגאַניזירטע אמונה און קיין איינגעשטעלטן ריטואַל, נאָר מער ניט ווי אַ שוואַכע טראַדיציע און אַ זכרון פון אבות, וועלן אַנדערש ניט קאָנען איבערגע־פורעמט ווערן אין איין גאַנץ פאָלק און געהאַלטן ווערן אין דער בויטיקער שטרענגער דיסציפּלין, סיידן נאָר מען וועט זיי געבן אַ ריטואַל, וואָס זאָל זיי באַהערשן מיט זיין מיסטישער שטרענגקייט און פייערלעכקייט, אַ ריטואַל גע־שטיצט אויף אַ מעכטיקער קאַסטע כהנים און טעמפּל־שקלאַפן. אַזאַ ריטואַל, וואָס דאָס גאַנצע לעבן לאַנג האָט אַהרן זיך געהאַט פאַרגעברייט פאַר דעם און אויך זיינע זין דערצויגן אין דעם גייסט, האָט אָבער באַדאַרפט האָבן אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין ביכולת צוזושטעלן דער כהונה די בויטיקע אוצרות. די עברישע שקלאַפן, וואָס משה וועט באַפרייען, זענען אָבער אָרעם און נאַקעט. פון וואַנען וועלן זיי נעמען דאָס גאָלד, זילבער און טייערן פּורפּל, וואָס ער באַדאַרף פאַר זיין כהונה?

נאָך דער מגפה פון פינצטערניש, וואָס גאָט האָט געשיקט אויף מצריים, ווען די מצרים האָבן אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר די עברישע שקלאַפן און זיך געחנפעט צו זיי, כדי ביי זיי נושא־חן צו זיין, האָט אַהרן מיט זיינע זין גענומען פאַרשפּרייטן ידיעות צווישן פאָלק, אַז עס איז דער ווילן פון יהוהן, אַז זיי זאָלן זיך אויסבאָרגן פון זייערע מצרישע שכנים גאָלדענע און זילבערנע כלים, טייערע געוועבטע שטאָפן, פּורפּל, זיידנס, גלאַנציקע קליידער — צו באַנוצן זיי, ווען זיי וועלן אויפגיין אין מדבר צו מאַכן אַ יום־טוב און שלאַכטן פאַר זייער גאָט יהוה.

מען האָט די עברישע שקלאַפן געגעבן ביי דעם אָנצוהערן, אַז עס איז דער וואונטש פון יהוהן, אַז זיי זאָלן אויסליידיקן די מצרים.

די עברישע שקלאַפן האָבן פאַרשטאַנען דעם וואונק און אויסגענוצט די פּאַניקע, וואָס איז באַפאַלן די מצרים.

שוין ביי די ערשטע מכות האָבן די מצרישע אויפזעערס נאָכגעלאָזט פון דער האַרטער שקלאַפישער דיסציפּלין. זיי האָבן ניט געפונען אין זיך דעם מוט אָנצוטרייבן די שקלאַפן, ווען אַפילו די הויכע שטעל־האַלטערס ביי פרעהן האָבן געקראָגן דעם קיניגלעכן דעקרעט צו האַלטן די עברישע שקלאַפן אין שפּאַן און נאָך שווערער צו מאַכן דעם יאָך איבער זיי. זיי האָבן פּשוט זיך געשראָקן פאַר די מענטשן, וואָס שטייען אונטערן שוץ פון דעם מוראדיקן מדבר־גאָט, און האָבן געהאַלטן אין איין אונטערקויפן־זיך און אין איין אונטער־חנפענען־זיך ביי זייערע נעכטיקע קרבנות.

— זעסט, איך בין ניט אַזוי ווי די אַנדערע מצרישע אויפזעערס, וואָס זוכן נאָך איבערצושטייגן פרעהס גזירות און ציען פון אייך דאָס חיות אַרויס. איך האָב שטענדיק געהאַט איינזען מיט אייך. איך האָב אָוועקגעקוקט, ווען איר האָט אָפּגעלאָזט פון דער אַרבעט. אפשר ניט אַזוי? — האָט ניט איין מצרישער אויפזעער געזאָגט אַזוי צו אַ יידישן אויפזעער.

— מיר ווייסן וואויל, אַז משה, די פאַרקערפּערונג פון גאָט האָרוס, וואָס פרעהס טאָכטער האָט געפונען אין נילוס, ווי איזיס האָט געפונען איר זון, איז איבערגעגאַנגען צו אייך און ער טוט דאָס פאַר אייך די אַלע וואונדער, ברענגט אויף די מצרים די אַלע פּורעניות, ביז וואַנען פרעה וועט ניט נאָכגעבן זיין פאַרלאַנג און וועט אייך ניט אָוועקלאָזן אין מדבר צו דינען אייער גאָט. בעט פאַר מיר צו האָרוסן, צו אייער משהן, אַז ער זאָל שוינען מיינע רינדער, זאָל מיך ניט שטראָפן מיט די אַנדערע מצרים צוגלייך. איך בין שטענדיק געווען גוט צו אייך. איך האָב קיינמאָל ניט געפּאָדערט מער פון אייך ווי נאָר דאָס, וואָס מיינע עלטסטע האָבן מיר באַפוילן.

די מערסטע מצרים, מטושטש פון די שלעק, וואָס דער פרעמדער גאָט שיקט־אָן אויף זיי דורך דעם שלאַנגען־גאָט אין משהס הענט, האָבן געגלויבט, אַז משה איז ניט קיין אַנדערער, נאָר די פאַרקערפּערונג פון גאָט האָרוס, ווי פרעה איז די פאַרקערפּערונג פון רא. עס זענען אויפגעלעבט געוואָרן די אַלע לעגענדעס, וואָס פלעגן אַרומגיין צווישן די מצרים וועגן דעם פרעמדן פּרינץ.

כל־זמן די עברים האָבן קיינעם ניט געהאַט, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי, זענען זיי געווען אין די אויגן פון די מצרים ניט מער ווי שטויב. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט זיי ווי מיט בהמות. זיי האָבן גאָרניט געזען, אַז די עברים זענען אויך מענטשן, אַז די עברישע מוטער איז אויך אַ מוטער, וואָס ווען מען רייסט אָוועק איר קינד פון איר ברוסט, טוט עס איר וויי.

איצט אָבער, ווען די עברים האָבן אַזוי פּלוצלינג באַקומען אַזאַ מעכטיקן באַשיצער, וואָס באַצאָלט מיט אַזעלכע מכות פאַר דער פאַרשקלאַפונג פון זיין פאָלק, זענען די ערשטוויליקע קנעכט געוואָרן אין די אויגן פון די מצרים ווי גלייכע מיט גלייכע. זיי האָבן פאַרבעטן די עברישע שקלאַפן אין זייערע היימען און זיי אויפגענומען מיט ברייטער גאַסטפריינדלעכקייט. ווי זיי וואָלטן געוואָלט

זיך אויסקויפן פון די פיל זינד, וואָס זיי האָבן געזינדיקט קעגן די עברים, און איינקויפן זיך ביי זיי אין יחוס, האָבן די מצרים גערעדט מיט זייערע שכנים וועגן דעם יום־טוב, וואָס זיי גרייטן זיך צו פייערן אינגיכן אין מדבר, וועגן דער גרויסער צאָל רינדער און געפליגל, וואָס זיי וועלן ברענגען פאַר קרבנות אויפן מזבח פון זייער גאָט, וועגן דער גרויסער פייערלעכקייט, וואָס וועט דאָרט פאָרקומען, מיט טענץ פון די כהנים, מיט געזאַנג פון די ווייבער, מיט שפּילן און רייכע סעודות, און אַלע וועלן זיי זיין אויסגעפּוצט אין געפּאַרבטע קליידער, אין פּרעכטיקער צירונג.

— פון וואַנען זאָלן מיר דאָס אַלץ נעמען? מיר האָבן ביז איצט פאַר אייך געאַרבעט, ווען אַפילו מיר זענען קיינמאָל ניט געווען קיין שקלאַפן. פּרעה האָט אונדז גאַרנישט איבערגעלאָזט ווי נאָר די הויט אויף אונדזערע ביינער, וואָס אויך דאָס האָט ער געשניטן פון אונדז פּאַסנווייז.

צום ערשטן מאָל, זינט די עברים האָבן אַביסל דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט, האָבן זיי דערזען אין וואָס פאַר אַן עשירות, אין וואָס פאַר אַ לוקסוס די מצרים לעבן: זייערע גערטנער, פול מיט פרוכט, זייערע וואַסער־בעקנס, אַרומגעשטעלט מיט געפליגל; זייערע באַלקנס אויס צעדערבוים־האָלץ, באַמאָלט אין פאַרשיי־דענע פאַרבן, זייערע שטולן און בעטן, אויסגעזעצט מיט עלפאַנטביין, זייערע באַדעקנס אויס פּורפּל און בראָקאַט; זייערע כּלים, זייערע בעקנס און קרוגן, זייערע טעלער און בעכערס אויס ריינעם גאָלד; און זייערע ווייבער, באַהאַנגען מיט אַן אַ שיעור אָרנאַמענטן, נאָז־רינגען און אויערינגלעך, בראַסלעטן און פינגער־לעך, באַזעצטע מיט פינקלדיקע שטיינער, זיצן אין געפּאַלדעוועטע, אויס גאָלד געוועבטע קליידער, מיט שקלאַפן־מיידלעך באַדינערינס, וואָס האַלטן פאַר זיי בלומען צו שמעקן, שפּילן פאַר זיי אויף די האַרפן, פעכערן זיי אָדער זאַלבן זיי מיט איילן.

עס האָט זיך אויפגעוועקט אין די עברים אַ גערעכטע איפּערזוכט. האָבן זיי ניט אָנגעזאַמלט דאָס דאָזיקע עשירות פאַר די מצרים? האָבן זיי ניט געהאַלטן געבויגן אַ גאַנצן טאָג דעם רוקן אין דער הייסער זון, אַרבעטענדיק אין פעלד, כּדי די מצרים זאָלן קאָנען רוען אויף זייערע ליג־שטולן? די מצרים האָבן איינגעשפּאַנט די עברישע שקלאַפן אין דרעש־העלצער, אין וועגענער, האָבן אַרויפגעפּאַקט משאות אויף זייערע פּלייצעס. די יידישע ווייבער האָבן געהאַלטן אין איין שפּינען און וועבן די רייכע, קאָלירטע לייוונטן, כּדי די מצרישע פרויען זאָלן קאָנען זיך פּוצן און זיך צירן אין זיי. געהערט ניט דאָס אָנגע־זאַמלטע עשירות פון די מצרים צו די עברים? האָבן זיי דען דאָס ניט געשאַפן טאַקע מיט זייער פּראַצע, מיט דעם שוויס פון זייערע לייבער, מיט דעם בלוט פון זייערע אָדערן?

וויסן האָבן זיי געוואוסט, אַז משה איז געקומען, געשיקט פון דעם גאָט פון ישראל אַרויסצונעמען זיי פון מצריים, און זיי זאָלן זיך מער קיינמאָל ניט צוריקקערן צו דער קנעכטשאַפט ביי פּרעהן. די זקני־ישראל האָבן זיי דאָס געזאָגט, זייערע אויפזעערס האָבן זיי דאָס געלאָזט וויסן. און זיי מאַכן טאַקע די

הכנות פאַר דער לאַנגער, גרויסער נאַכט פון דער באַפרייאונג, וואָס משה האָט זיי אָנגעזאָגט. און טאַקע דערפאַר האָט זיך אויפגעוועקט אין זיי דער באַגער ניט צו פאַרלאָזן מצריים מיט ליידיקע הענט נאָך אַזוי פיל יאָרן פאַרשקלאַפונג; און טאַקע דערפאַר האָט זיך זיי געגלוסט מיטצונעמען מיט זיך אין דעם אומ־באַוואוסטן וועג אַריין דאָס עשירות פון די מצרים, וואָס געהערט על־פי רעכט צו זיי. זיי זענען אָבער נאָך געווען צו שוואַך צו נעמען דאָס בכּוח. פרעה איז נאָך איינגעשפּאַרט און דאָס גרויסע געשעעניש, וואָס משה זאָגט־אָן, איז נאָך ניט געשען. און נאָך איז דאָ אָרדענונג און שטרענגקייט אין מצריים. דאָס חייל רינגלט אַרום די גרויסע שטאָט, וואו פרעה וואוינט, די מצרישע אויפזעער גייען נאָך אַרום מיט זייערע שטעקנס, באַשווערט מיט קופּערנע רינגען, אין די הענט. און עס האָט נאָך אויסגעפעלט מוט צו נעמען, וואָס עס קומט זיי, בכּוח. האָבן זיי אָנגעהויבן אויסנוצן פאַר דעם די אימה, וואָס איז באַפאַלן די מצרים פאַר זייער גאָט.

— מיין גאָט וועט זיך שעמען מיט מיר, — האָט געזאָגט דן בן־יוסף פון שבט דן צו זיין פריצישן בעל־הבית, סערנאַפּוס, ביי וועלכן ער פלעגט דינען ווי אַ פאַרבער פון לייוונטן און וואָלענע שטאָפן. — איך האָב ניט מיט וואָס צו באַווייזן זיך פאַר אים ווי נאָר מיט מיין שאַנד־באַנד. און אַזוי איז אויך מיין ווייב נאַקעט און בלויז. דו וועסט זיך פאַרזינדיקן קעגן מיין גאָט, אויב דו וועסט מיך אַזוי אַוועקשיקן צו דינען אים אין מדבר. ער וועט מיך פרעגן: ווער איז דיין האַר? און איך וועל אים זאָגן: דער איידעלער סערנאַפּוס. און ער וועט מיך נאָך פרעגן: האָט ער דיר באַצאָלט פאַר דיין אַרבעט? און איך וועל ענטפערן: דו זעסט, מיין גאָט, איך בין געווען פאַרדונגען צו אים ווי אַ שקלאַף, און אַחוץ שוואַרצע פלעצלעך און זויערן ביר האָב איך מער גאָרניט באַקומען פון אים. וועט ער מיך פרעגן: אין אַזאַ הולך האָט ער דיך אַוועקגעשיקט מיר צו דינען? ער האָט דיר גאָרנישט מיטגעגעבן קיין טוך צו פאַרדעקן דיין נאַקעטקייט? און דיין ווייב האָט ער אַוועקגעשיקט אָן אַ רינג אין איר נאָז, אָן אַ בראַסלעט, אָן אַ האַלדזבאַנד? און דו ווייסט, מיין גאָט איז זייער אַ בייזער, און ער וועט אויף דיר אָנשיקן איין צרה נאָך דער אַנדערער. איך ווייס ניט, וואָס ער וועט דיר טון. דיינע רינדער וועלן אפשר אויפהערן זיך מערן און פּרוכפּערן, דיינע עופות וועלן אפשר אויסשטאַרבן, אָדער אפשר וועט ער זיך גאָר נוקם־זיין אין דיר אַליין אָדער אין דיינע קינדער. פון מיין גאָט קאָן מען אַלץ דערוואַרטן. זעסט, איך בין דיר אַ גוטער פריינד און איך בין דיר געקומען וואָרענען.

— און וואָס ווילסטו, זאָל איך טון?

— דו האָסט אַזעלכע רייכע קאָלירטע קליידער. באָרג מיר אויס פאַר די פאָר טעג צו באַווייזן זיך אין זיי פאַר מיין גאָט. און אויך אַ פאָר אוירינגלעך באָרג מיר אויס, אַ האַלדזבאַנד און אַ נאָז־רינג און, פאַרשטייט זיך, דיין ווייבס אַ זיידענעם מאַנטל מיין ווייבס נאַקעטקייט צו באַדעקן. און איך וועל דיך דערמאָנען פאַר מיין גאָט צום גוטן און ער וועט דיך בענטשן.

און ווען דן בן־יוסף האָט באַקומען די געוואונטשענע זאַכן פון זיין האַר סערנאַפּוס, באַקומען זיי מיט אַן אָכץ און אַ קרעכץ און מיט אַ וואָרנונג, ער זאָל נאָר זען, אַז קיין זאַך זאָל ניט פאַרלוירן גיין פון די אַלע זאַכן, וואָס דער שרייבער האָט זיי מיט פּינקטלעכקייט פאַרצייכנט אויף אַ פּאַפּירוס־בלאַט, איז ער נאָך געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— און וואו איז אַביסל גוטער שמיר־אייל? אונדזערע לייבער פאַרען פון שווייס. און דו ווילסט דאָך ניט, אַז מיין גאָט זאָל, חלילה, בייז ווערן איבער דעם שלעכטן ריח, וואָס וועט אויפגיין אין זיינע נאָזלעכער?

און ווען דן בן־יוסף האָט באַקומען די קולבע מיט געגליווערטן פּערפום, וואָס די מצרישע ווייבער האַלטן אויף זייערע קעפּ, אַז עס זאָל טריפן איבער זייערע לייבער, האָט ער זיך געווענדט צו זיין האַר:

— און וואָס איז מכּוֹת אַ שאָף, אַ קאַלב, אַ קליין עקסל, אַ פּאָר הינער און קאַטשקעס? דו ווילסט דאָך ניט, אַז איך זאָל מיט ליידיקע הענט קומען פאַר מיין גאָט און אַז ער זאָל דיר דערפאַר אַ פּאָר עקדישן שיקן אין דיין שטוב אַריין? דו געדענקסט די פּרעש?

און דאָס, וואָס דן האָט געטון מיט זיין בעל־הבית סערנאַפּוס, האָבן אַנדערע דנס און יוספס און עזיאלס געטון מיט זייערע בעלי־בתים.

באַלד אָבער האָבן זיי זיך ניט באַנוגענען געלאָזט מיט צירונג און מיט קליידער אַליין. געזען, אַז דער פּחד פון דעם גאָט פון ישראל איז געפאַלן איבער די מצרים, זענען די עברישע שקלאַפן געוואָרן אַלץ מער אויפגערייצט און דער אַנמעכטיקער צאָרן, וואָס האָט, אַ פאַרדריקטער, געטליעט פון דור צו דור אין זייערע הערצער, האָט אויפגעפלאַמט אין זיי. צוזאַמען מיט שקלאַפן פון אַנדערע פעלקער, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו זיי, נעגערס פון אַפריקע און אַזיאַטן פון די כּנענישע לענדער, האָבן זיי מחנותווייז אַוועקגעלאָזט זיך קיין רעמסס, וואו זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין הייזער און פּאַלאַצן און גענומען „אויסבאָרגן" זיך שטוב־זאַכן. מען האָט געריסן די זיידענע דראַפּירן פון די ווענט, די פאָרהאַנגען פון די טירן, געשלעפּט גאָלדענע און זילבערנע כּלים, קרוגן, בעקנס, טעלער, בעכערס. באַפּוצט זיך די קעפּ מיט לאָטוס־בלומען, וואָס זיי האָבן אַוועקגע־רויבט פון די לאָטוס־מיידלעך, באַגאָסן זיך די שמוציקע, פאַרשוויצטע לייבער מיט פּערפומען און שמיר־איילן, אַרונטערגעריסן פון די מצרישע ווייבער זייערע האַלדזבענדער, בראַסלעטן, רינגען, שאַנד־גאַרטלען פאַר זייערע אייגענע ווייבער צו טראָגן אין דעם יום־טוב פאַר דעם גאָט פון ישראל. און אָט האָט מען שוין דאָ און דאָרט געזען אַ שקלאַף מיט אַ לאָטוס־בלום פאַרשטעקט הינטערן אויער, מיט אַ גאָלדענעם רינג צווישן די ציין, מיט אַ רייך־אויסגענייטן זיידן־קלייד אַריבערגעוואָרפן איבער זיין נאַקעטן לייב. טייל האָבן געשלעפּט אויף די פּלייצעס שטולן, באַזעצטע מיט עלפאַנטביין, אָדער איידל־געשניצטע ליג־שטולן, באַצירטע מיט גאָלד; אַנדערע האָבן געטריבן פאַר זיך אָקסן אָדער שעפּסן צו שלאַכטן זיי אין מדבר.

קורח און זיינע חברים זענען געקומען פאַר משהן און האָבן אים געבראַכט

די אַלאַרמירנדיקע נייס, אַז דאָס פאָלק איז אַרויס פון צאַם, מאַכט איבערפאַלן איבער מצרישע הייזער און פלינדערט־אויס אַלץ, וואָס עס קומט אים פאַר די אויגן.
משה האָט געשוויגן. ער האָט נאָכגעקלערט אַ ווייל און געזאָגט:
— קומט שפּעטער צו מיר, וועל איך אייך זאָגן וואָס איר זאָלט טון.
ער איז אַריין צו זיך אין חדר, האָט זיך געוואָרפן צו דער ערד און געפּרואווט דורך תּפילה אַרויסרופן צו זיך זיין גאָט.
אויף דער וואָג פון יושר, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרץ, האָט ער געוואויגן די מעשים פון די עבֿרים. ער האָט זיך אויך געמיט צו זען דעם צד פון די מצרים אַזוי ווי ער האָט געזען דעם צד פון זיינע אייגענע ברידער. ער איז ערבֿ פאַר די עבֿרים, טראָגט דאָס אַחריות פאַר זייערע מעשים. גאָט קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט צולאָזן, אַז דאָס פאָלק, וואָס ער וויל עס אויסדערוויילן ווי זיין מוסטער־פאָלק, זאָל אויף דער שוועל פון דער גאולה באַגיין אַן עוולה. די פּלינדעריי מוז אויפהערן, אָבער דאָס אויסבאָרגן זאַכן פון די מצרים איז באַ־רעכטיקט. הונדערטער יאָרן האָבן די שקלאַפן געאַרבעט פאַר די מצרים. יעדער מצרי האָט זיך באַנוצט מיט זיי, ווי זייער לעבן, זייער פּראַצע, זייער שווייס און זייער בלוט וואָלט געווען הפקר. און ער האָט געהערט די שטים פון זיין גאָט אין זיין האַרץ, די שטים פון זיין גערעכטיקייט.
שפּעטער, ווען קורח מיט זיינע חבֿרים זענען ווידער געקומען פאַר אים, האָט משה געזאָגט:
— ניין, קורח, די בני־ישׂראל רויבן ניט, חלילה. די בני־ישׂראל דערפילן נאָר גאָטס געבאָט. און גאָט האָט מיר געזאָגט: „רעד אין די אויערן פון פאָלק, זיי זאָלן אַנטלייען איטלעכער פון זיין חבֿר און איטלעכע פון איר חבֿרטע זילבערנע זאַכן און גילדערנע זאַכן, און זאָלן זיי אויסראַמען די מצרים פאַר דער דריקונג, וואָס זיי האָבן זיי געדריקט, פאַר דער שווערער אַרבעט, וואָס זיי האָבן געאַרבעט מיט זיי.

# 16

פאַר פּרעהן, אין זיין אינטימען בודואַר, ווי ער איז געלעגן אָנגעלייגט אויף זיין ליג־שטול, איז געשטאַנען זיין „נעענטסטער פריינד״, גובערנאַטאָר פון רעמסס, דער מעכטיקער מעפּעסטאַ, אין זיין אַמטלעכן קלייד, מיטן גאָלדענעם אָדלער אויסגעשפּרייט מיט די אָפענע פליגל אויף זיין נאַקעטער ברוסט, מיטן קליינעם פּעכער, דער עמבלעם פון פּרעהס פריינדשאַפט, אין האַנט. מיט אים איז געווען דער כּהן־גדול פון אַמון־רע, מיט אַ שייטל אויפן געגאָלטן קאָפּ, וואָס איז אַרונ־טערגעהאַנגען אין פּאַסמעס, ווי ביי אַ מומיע, אויף זיינע פּלייצעס.

בײַ דער זײַט פֿון ליג־שטול איז געזעסן פּרעהס עלטסטער זון, דער יורש־עצר.

פּרעה האָט די לעצטע צײַט זיך שטאַרק געעלטערט. די באַמיאונג פֿון זײַנע אַסירישע מײַסטערס אין דער קאָסמעטישער קונסט האָט קוים געקאָנט אויסגלעטן די קנײטשן, וואָס משהס פּלאָגן האָבן געקאַרבט טיף אויף זײַן צעקנאָטענעם פּנים.

דער יורש־עצר, וועלכער איז שוין געווען אַ מאַן אין די דרײַסיקער, האָט מיט זײַן גלאַטן, אויסגעכאָוועטן פּנים אויסגעזען ווי אַ ייִנגל פֿון אַכצן. דער קאָפּ איז געווען בײַ אים אָפּגעגאָלט, אַחוץ דעם מיטעלן טייל, וואו די לאַנגע האָר זענען געווען צוזאַמענגענומען און אויסגעפֿלאָכטן אין אײן שווערן צאָפּ, וואָס איז, ווי אַ לאַנגע, שווערע פּיאה אַראָפּגעהאַנגען בײַ אים אויף דער באַק.

פּרעהס האַנט האָט גערוט צאַרט איבער דעם זונס קאָפּ. דער זון האָט געהאַלטן אַ לאָטוס־בלום נאָענט פֿון דעם פֿאָטערס נאָז. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פֿון רעספּעקט און ליבע. דער יורש־עצר איז שוין אויך באַטראַכט געוואָרן פֿאַר ראַס זון, וואָס האָט געטראָגן די געטלעכקייט אין זיך. ער האָט זיך געפֿונען בײַם פֿאָטערס זײַט בײַ יעדער עפֿנטלעכער צערעמאָניע, וואו מען האָט אים שטענדיק געזען אין אַ שטרענג־פֿאָרמעלער, שטײַפֿלעכער האַלטונג. דאָסמאָל אָבער, אין דעם פֿאָטערס פּריוואַטן געמאַך, איז עס געווען אַ צאַרטע אינטימקײט.

דער אויפֿנעם פֿון די צוויי נעענטסטע פֿרײַנד איז ניט געווען קיין אָפֿיציעלער. עס איז געווען אַ פּריוואַטע באַראַטונג צווישן פּרעהן און זײַנע צוויי העכסטע שטעל־האַלטער, אַ געהײמע באַראַטונג איבער דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין לאַנד. זיי האָבן געבראַכט פֿאַר פּרעהן אַ ראַפּאָרט וועגן דעם רושם, וואָס די פּלאָג פֿון פֿינצטערניש האָט געמאַכט אויף די מצרים.

— די פּלאָג האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין לאַנד. די שקלאַפֿן, ניט נאָר די עברישע, נאָר אויך פֿון אַנדערע שטאַמען, זענען אַרויס פֿון צאַם. זיי בונטעווען זיך קעגן זײַערע הערן, זיי באַפֿאַלן און פּליגדערן־אויס די פּאַלאַצן, זאָגנדיק, אַז דאָס באַרגן זיי נאָר אויס קליידער און צירונג צו טראָגן אין דעם גרויסן יום־טוב פֿון זײַער גאָט. אונדזער עצה איז, אַז דו, געטלעכער קיניג, זאָלסט נאָכגעבן משהס וואונטש. לאָז זיי גײן, די עברישע שקלאַפֿן, לאָז זיי וואָס שנעלער גײן אין מדבר צו פֿײַערן זײַער יום־טוב, אײדער עס ווערט צו־שפּעט. וואָרעם די סיטואַציע איז אַזאַ, אַז דער קאָנטראָל איבער די שקלאַפֿן איז אַרויס פֿון אונדזערע הענט. אונדזערע אויפֿזעערס האָבן מורא געקראָגן פֿאַר זיי און האָבן ניט קײן מוט זיי אָנצוזאָגן צו דער אַרבעט. אַפֿילו דער גאַרניזאָן אין רעמסס האָט זיך דערשראָקן פֿאַר זיי, שוין ניט צו רעדן פֿון דער באַפֿעל־קערונג. אַלע גלויבן זיי, אַז די געטער האָלטן מלחמה פֿאַר די עברים קעגן די מצרים. מען רעדט ווידער וועגן משהן, אַז ער איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון האָרוסן און אַז האָרוס טוט פֿאַר אים וואונדער. מיר זענען שוואַך קעגן אָבערגלויבן, — האָט דער גובערנאַטאָר געענדיקט.

פרעה איז בלייך געוואָרן פאַר כּעס. ער האָט אַוועקגענומען די האַנט פון זיין זונס קאָפּ און מיט דער צווייטער אַוועקגעשאַרט די לאָטוס־בלום, וואָס דער יורש־עצר האָט געהאַלטן פאַר זיין נאָז.

— און דאָס זאָגן מיינע נעענטסטע פריינד, דער גובערנאַטאָר און דער כּהן־גדול, און דאָס איז די עצה, וואָס איר גיט פּרעהן, — נאָכצוגעבן מיין בלוטיקסטן שונא, דעם גאָט פון די עברים? ניין, ניט דורך נאָכגעבן וועלן מיר פריי ווערן פון דעם תּהו־ובֹהו, וואָס דער פרעמדער, דער פאַררעטער פון מצריים האָט געבראַכט אין אונדזער מדינה! היינט איז עס משה, וואָס רעדט־איין די מצרים, אַז ער איז האַרוס; מאָרגן וועט זיין עפּעס אַן אַנדער שקלאַף פון די כּנענים, פון די סיריער, פון די אַבעסיניער, אָדער די ליביער, וואָס וועט טון כּישוף און איינרעדן די מצרים, אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון אָזיריס, אָדער פון עפּעס אַ גאָט פון מדבר, פון די בערג, פון די וועלדער, פון די ימים. ניין, עס זענען ניטאָ קיין אַנדערע געטער, אַחוץ די געטער פון מצריים, און ראַ־אַמון איז דער גאָט איבער אַלע געטער, און איך בין זיין זון אין זיין פלייש און בלוט, און מיין זון, דער יורש־עצר, איז מיין אייגן פלייש און בלוט. און מיר זענען די געטער פון מצריים, ניט די שקלאַפן. ניין, ניט דורך נאָכגעבן וועט מען באַרואיקן די שקלאַפן, נאָר דורך שווערד און שפּיז, דורך שטעקן און רוט. ברענגט אַריין קיין רעמסס דעם גאַרניזאָן פון נעגערס, וואָס שטייט־איין אין מדבר. זיי ווייסן ניט קיין נעמען פון געטער. זאָלן זיי אַרומרינגלען גושן מיט אַן אייזערנער קייט, מיט מיינע רייטוועגן. שיקט אַריין קיין גושן דעם נעגערשן גאַרניזאָן! זאָלן זיי מיט זייערע שווערדן און האַמערס צעקלאַפּן די שאַרבנס פון מאַן און ווייב און קינד און דערנאָך אַוועקלאָזן זייערע געצעלטן מיטן פייער. און די, וואָס וועלן אַנטלויפן פון דער ברענענדיקער שטאָט, וועלן די פערד פון מיינע רייטוועגן צעטראָמפּלען אונטער זייערע פיס, און זאָל קיין שריד־ופליט ניט בלייבן פון די עברישע שקלאַפן, אַז זיי זאָלן זיין אַ משל און אַ מוסר פאַר אַנדערע שקלאַפן. נאָר אַזוי אַרום קאָנען מיר איינשטילן די מרידה, וואָס משה האָט אָנגעצונדן. זאָלן שקלאַפן־אויפזעערס דערשלאָגן מיט שטעקנס משהן מיט זיין ברודער, און דעם גאַנצן שבט לוי נעמען געפאַנגען און זיי אָפּשיקן, אין קייטן געבונדן, צו די קופּער־מינעס אויפן באַרג סיני, ווי איך האָב משהן געוואָרנט, אויב ער וועט זיך דערוועגן אַמאָל צו קומען פאַר מיר.

נאָך האָט פּרעה ניט פאַרענדיקט די רייד, וואָס זענען אַרויסגעקומען מיט שוים אויף זיינע ליפּען, ערשט אַ רעש און אַ געלויף האָט זיך דערהערט פון די אינעווייניקסטע געמאַכן אין פּאַלאַץ. שקלאַפן און היטער האָבן אַרויסגעלאָזט די שפּיזן פון די הענט, זענען געקומען אַריינצולויפן אין פּרעהס געמאַך אין פאַנישער שרעק און האָבן זיך געוואָרפן ביי דער טיר צו דער ערד.

— משה מיטן שטעקן אין דער האַנט איז געקומען אין פּאַלאַץ אַריין!

פּרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון, און ער האָט אויסגערופן אין שרעק און כּעס:

— ווי אַזוי האָט איר זיך דערוועגט אַריינצולאָזן אים? האָב איך אייך ניט באַפוילן אים מער ניט צו לאָזן איבער דער שוועל פון מיין טיר?

— זיין שטעקן שפּייט מיט פייער, זון פון רא. שלאַנגען מיט הונדערטער קעפּ שטאַרצן אַרויס פון זיין שטעקן און פון זייערע אָפענע מיילער שלאָגן פלאַמפייערן. מיר האָבן זיך דערשראָקן.

און איידער זיי האָבן נאָך געענדיקט ריידן, איז משה, מיטן שטעקן אויפגעהויבן אין דער הייך, אַריבערגעטראָטן די שוועל פון פּרעהס געמאַך, איז צוגעקומען אָן אַן אָפּשטעל גאָר נאָענט צום בלייך־געוואָרענעם פּרעהן, האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקן אים אין פּנים אַריין און אָנגעהויבן:

— דאָסמאָל האָט מיך גאָט ניט געשיקט צו דיר, נאָר איך בין אַליין געקומען דיך וואָרענען. ביז איצט האָט דיך גאָט געשטראָפט נאָר דורך האָב־און־גוטס. ער האָט פאַרניכטעט דיינע תּבֿואות, ער האָט געהרגעט דיין פי, — און דו האָסט ניט צוגעהערט צו זיין געבאָט. דאָסמאָל אָבער, דאָס לעצטע מאָל, וועט ער דיך שטראָפן מיט מענטשלעכן נפש. דערפאַר האָב איך ניט געקוקט אויף דיין שרעקן, אַז דו וועסט מיך הרגענען, אויב איך וועל קומען פאַר דיר, ווייל עס גייט אין מענטשלעכן לעבן. הער־צו, אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַרום האַלבער נאַכט וועל איך אַרויסגיין צווישן מצרים. און עס וועט שטאַרבן יעטוועדער בכור אין לאַנד מצרים, פון דעם בכור פון פּרעהן, וואָס דאַרף זיצן אויף זיין טראָן, ביז דעם בכור פון דער דינסט, וואָס הינטער די מילשטיינער; אויך יעטוועדער בכור פון אַ בהמה. און עס וועט ווערן אַ גרויס געשריי אין גאַנצן לאַנד מצרים, וואָס אַזאַ איז ניט געווען און אַזאַ וועט מער ניט זיין. אָבער קעגן אַלע קינדער פון ישראל וועט אַ הונט ניט שאַרפן זיין צונג, סיי קעגן אַ מענטשן, סיי קעגן אַ בהמה; כּדי איר זאָלט וויסן, אַז יהוה שיידט־אָפּ צווישן מצרים און צווישן ישראל. און אַלע די דאָזיקע קנעכט דיינע, — ווייזט משה אָן אויף די דערשראָקענע לייט אַרום פּרעהן, — וועלן אַראָפּנידערן צו מיר און וועלן זיך בוקן צו מיר, און וועלן זיך בעטן ביי מיר: גיי אַרויס, דו מיט דיין גאַנצן פאָלק, וואָס הינטער דיר. — און נאָך דעם וועל איך אַרויסגיין.

עס האָט געדויערט אַ לענגערע ווייל ביז פּרעה איז געקומען צו זיך. ער האָט בדעה געהאַט אויסצושטרעקן די האַנט אין אַ באַפעל צו זיינע קנעכט פעסטצונעמען משהן, נאָר ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. ניט נאָר איז ער געווען זיכער, אַז די קנעכט וועלן אים דאָסמאָל ניט פאָלגן איבער דער מורא פאַר דעם שטעקן אין משהס האַנט, נאָר ער האָט געפילט זיין אייגענע שוואַכקייט. ער אַליין האָט ניט געפונען אין זיך דעם כּוח אַרויסצוגעבן דעם באַפעל. זיין ווילן איז געליימט געוואָרן יעדן מאָל, ווען משה האָט זיך באַוויזן פאַר אים. ער האָט געפילט זיין אָנמעכטיקייט אַנטקעגן משהן, ווי משה וואָלט געווען זיין האַר און זיין גאָט. האָט פּרעה באַנוצט זיך מיט דעם מיטל פון דעם שוואַכן און גערעדט צו משהן ניט מכּוח מאַכט, נאָר מכּוח יושר און רחמנות:

— און דאָס איז דער גאָט, וואָס אויף אים האָסטו אויסגעביטן די געטער פון מצרים? וואו איז זיין גערעכטיקייט, וואָס דו רעדסט אַזוי פיל וועגן דעם,

אויב ער איז גרייט צו טויטן אַ זון פאַר די זינד פון זיין פאָטער ? און וואו איז זיין רחמנות ?

— דאָס רעדסטו אַזוי, פרעה, וואָס דו האָסט געניית די יידישע מוטערס צו דערטרינקען זייערע קינדער ? דו, וואָס דו האָסט אַוועקגעריסן זויג־קינדער פון דער מוטערס ברוסט, געשאָכטן זיי ווי מען שעכט ציגן און געבאָדן זיך אין זייער בלוט ? דו, וואָס דו האָסט געלאָזט צעטרעטן די לייבער פון די קליינע קינדער און זיי איינקנעטן אין ליים און ציגל ? דו רעדסט וועגן יושר און רחמנות ?

— יאָ, אָבער וואָס זענען די מצרים שולדיק ? פאַרוואָס קומט זיי די שטראָף ? פאַרוואָס וויל דיין גאָט טויטן זייערע בכורים ?

— גאַנץ מצריים איז פאַרפעסטעט פון זינד, איין בלוטיקער בלאָטער אויף דעם פנים פון דער ערד איז מצריים. יאָרן און יאָרן לאַנג האָבן די מצרים צוגעזען ווי דיינע קנעכט און דיינע אויפזעער שפּאַלטן מיט זייערע שטעקנס די קעפּ פון די שוואַכע און אַלטע לייט, וואָס קאָנען מער ניט אַרבעטן, און ווי זייערע קערפּערס ווערן געוואָרפן אין די ליים־גריבער, — און זיי האָבן געשוויגן. יעדער איינער פון אייך האָט געהאַלטן אין זיין האַנט דאָס לעבן פון יעדן בן־ישראל. איר האָט זיי איינגעשפּאַנט אין אייערע אַקער־אייזנס, אייערע גראָב־שפּאַדלס און געאַרבעט מיט זיי, ביז זיי האָבן דעם לעצטן הויך אַרויסגעגעבן. מענטשן זענט איר נאָר אַליין. נאָר איר אַליין זענט קינדער פון אייערע געטער, וואָס פאַר אייך האָבן זיי די וועלט באַשאַפן. די איבעריקע זענען אייערע לאַסט־חיות. יעדערער פון אייך איז געווען אַ פרעה פאַר זיינע אייגענע קנעכט. גאַנץ מצריים איז אַדורכגעזאַפּט מיטן בלוט פון אייערע קרבנות, מיט דעם שווייס פון זייערע לייבער און מיט די טרערן פון זייערע מוטערס. אַ טאָג פון רעכענונג קומט, אַ טאָג פון נקמה פון דעם גאָט פון ישראל איבער די מצרים.

— און דאָס זאָגסטו, משה ? דו, וואָס מיין שוועסטער די פּרינצעסין האָט דיך אַרויסגענומען פון וואַסער און דיך גענומען צו זיך פאַר אַ זון. אַ מוטער איז זי געווען צו דיר. זי איז אויך אַ בכורה ביי אירע עלטערן. וועסטו זי אויך טויטן ? איז דאָס דיין דאַנק צו איר ?

— איך האָב געבעטן צו מיין גאָט, און מיין גאָט האָט זי צוגענומען פאַר אַ טאָכטער. און איר נאָמען איז ב ת י ה, מיין טאָכטער, — זאָגט דער גאָט פון ישראל. און מיט ישראל וועט זיין איר חלק, ניט מיט די מצרים. קיין האָר וועט ניט געקרימט ווערן אויף איר קאָפּ, און זי וועט לעבן אין זכרון פון מיין פאָלק, ווי איין־איינציקער ליכטיקער שטראַל פון ליבע און רחמנות אין דעם פינצטערן, אַכזריותדיקן לאַנד פון מצריים. צו די מוטערס אין ישראל וועט זי ווערן געציילט.

און משה האָט פאַרלאָזט פרעהן אין גרימצאָרן.

ווען משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פרעהן, האָט ער דערהערט גאָטס שטים אין זיין האַרץ : — ביין, פרעה וועט ניט צוהערן צו אייך, כדי צו מערן מיינע וואונדער אין דעם לאַנד מצריים. — און גאָט האָט טאַקע אַזוי געטון. פרעה האָט זיך אַפילו ניט דערשראָקן פאַר משהס לעצטער וואָרנונג און האָט ניט

אַרויסגעלאָזט די בני־ישראל פון זיין לאַנד, נאָר האָט געפּלאַנט זיין מערדערישן פּלאַן ווי אַזוי זיי אויסצוראָטן.

*

נאָך די נאַכט האָט משה געהאַט אַ זעאונג וועגן דער לעצטער פּאַרברייטונג צו דער גרויסער נאַכט פון דער גאולה.

אויפן צווייטן טאָג האָט ער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די זקני־ישראל.

נאָך מיט אַ צייט פריער, אונטער פּרעהס אומבאַשרענקטער ממשלה, האָט ער געהאַט אויסגעברייטערט די זקני־ישראל, אַז זיי זאָלן האָבן אַ פאַרטרעטער־שאַפט ניט נאָר פון די בני־לוי אַליין און פון די אָפּיציעלע פאָרשטייער פון די עברישע שקלאַפן ביי פּרעהן, נאָר פון אַלע שבטים. ער האָט, צוליב דעם, באַשטימט עלטסטע איבער יעדן שבט באַזונדער, וואָס פון זיי זענען אויסגעקליבן געוואָרן פאָרשטייער אין דער פאַרזאַמלונג פון די זקני־ישראל.

עס זענען, אַזוי אַרום, שוין געווען צווישן די זקני־ישראל גאַנץ נייע פּנימער, און ניט דווקא אַלטע לייט, נאָר אויך יונגע מענטשן, מענטשן ענערגישע, וואָס זענען געווען באַפּליגלט און באַזעלט מיט אַ ווילן צו פרייהייט, גרייט פאַר איר זיך מקריב צו זיין, מיט אַ טיפער אמונה אין דעם גאָט פון ישראל און אין משהן, זיין שליח.

משה, דער גרויסער עניו, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם קלענסטן אין ישראל, האָט ניט געטראָגן אין זיין האַרץ קיין געפילן פון נקמה און זיך אויס־געהיט מיט סכנת־נפשות פון צו ווערן דער מושל, דער אַליין־הערשער איבער די שבטים פון ישראל. ער האָט דערפאַר באַלד פאַרגעסן, וואָס קורח אָדער דתן און אבירם האָבן אים אָנגעטון אין זייער קעגנערשאַפט. זיכער אין זייער גע־טריישאַפט צו די עברים, ווי זיי האָבן דאָס אַרויסגעוויזן מיט זייער מוטיקן אַרויסטריט, ווען זיי האָבן גענומען אויף זיך די שווערע שטראָף פאַר די עברישע שקלאַפן, האָט משה זיי אויסגעקליבן ווי די פּאַסיקע מענטשן, וואָס זאָלן אַריינ־ברענגען די מאַסע בני־ישראל אין דער נייער דיסציפּלין פאַרן גאָט פון ישראל. ניט נאָר האָט ער זיי ווייטער געלאָזט אויף זייערע פּאָסטנס ווי די אָנפירער פון די בני־ישראל, נאָר ער האָט זיי נאָך איבערגעגעבן נייע רשותן. ער האָט זיי אַריינגענומען אין די זקני־ישראל און זיך געהאַלטן עצות מיט זיי וועגן דעם ענין פון אָרגאַניזירן פּראַקטיש דעם יציאת־מצרים פון אַזאַ גרויסער מאַסע, וואָס זיי אַלע האָבן געגלויבט, אַז עס מוז בקרוב געשען.

ער האָט אויך צוגעצויגן צו די זקני־ישראל זיין שוועסטער מרימס מאַן, חור, און איינעם נאָך גאָר אַ יונגנמאַן, אַ יינגל כּמעט, וואָס משה האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אים, — יהושע בן־נון, פון שבט אפרים.

משה האָט איבערגעגעבן דער פאַרזאַמלונג דעם געבאָט פון גאָט, וואָס ער און אַהרן האָבן באַקומען:

אין דער נאַכט פון דעם פערצענטן טאָג פון חודש וועט עס געשען. גאָט וועט אַדורכגיין צו שלאָגן די מצרים. די בני־ישראל מוזן דערפאַר מאַכן

סימנים אויף זייערע הייזער, וואו זיי געפינען זיך. יעדער משפחה פון אַ הויז־געזינט זאָל שעכטן אַ שאָף און מיט אַ בינטל אַזוב־גראָז, איינגעטונקען אין דעם בלוט פון קרבן, זאָל מען באַשפּריצן דאָס אויבערשטידל און די צוויי ביישטידלעך פון הויז, און קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין הויז ביז אין דער פרי. און גאָט וועט איבערהיפּן איבער דעם איינגאַנג און וועט דעם משחית ניט לאָזן אַריינקומען אין די הייזער פון די בני־ישראל צו שלאָגן. דורך דעם זאָל דער יום־טוב פון באַפרייאונג גערופן ווערן דער יום־טוב פסח, פון איבערהיפּן, און דער טאָג זאָל זיין אַן אייביקער זכרון, אַ געזעץ פאַר אייך און פאַר אייערע קינדער אויף אייביק. און עס וועט זיין, אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד, וואָס גאָט וועט אייך געבן, זאָלט איר אָפּהיטן די דאָזיקע עבודה. און אַז אייערע קינדער וועלן אייך פרעגן: וואָס איז די דאָזיקע עבודה, זאָלט איר זאָגן: אַ קרבן־פּסח איז דאָס צו גאָט, ווייל ער האָט איבערגעהיפּט איבער די הייזער פון די קינדער פון ישראל, ווען ער האָט געשלאָגן מצריים.

עס איז געווען דער ערשטער געבאָט, וואָס משה האָט געבראַכט צו די יידן אין נאָמען פון גאָט, דער געבאָט פון דעם יום־טוב פון איבערגאַנג פון קנעכט־שאַפט צו פרייהייט. עס איז אַ יום־טוב ניט נאָר פאַר זיי אַליין, נאָר אַ יום־טוב פאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אַ יום־טוב פאַר אַלע דורות, וואָס וועלן קומען נאָך זיי אויף אַלע אייביקייטן, צו געדענקען דעם יום־טוב פון באַפרייאונג.

זיי האָבן זיך געבייגט טיף און זיך געבוקט פאַר דעם ניט־געזעענעם גאָט, וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל געהערט זיין שטים דורך משהס מויל.

די דיסציפּלין פון שקלאַפן־סיסטעם איז שוין געווען אַזוי ווייט נאָכגעלאָזט, אַז די יידישע אויפזעער, וואָס האָבן געהאַט די מיסיע פון די זקני־ישראל איבער צוגעבן גאָטס וואָרט צו די בני־ישראל, האָבן געקאָנט אומגעשטערט צוזאַמענ־ברענגען אין איין אָרט איינצלנע מיטגלידער פון משפחות פון די פאַרשיידענע פעלדער פון אַרבייט, וואו זיי זענען געווען פונאַנדערגעשפּרייט. עס איז געווען אַ צונויפקום פון משפחה־מיטגלידער, וואָס די פאַרשקלאַפונג האָט זיי צעזייט און צעשפּרייט צווישן די מצרים. ברודער מיט ברודער האָבן זיך ווידער באַגעגנט, פאָטער און קינדער האָבן זיך אויפסניי געטראָפן צוזאַמען, מוטערס זענען געקומען צוריק צו זייערע הויזגעזינטן, משפּחות זענען פאַראייניקט געוואָרן. מען האָט שוין ניט מורא געהאַט די קליינע קינדער צו לאָזן אַליין אין דער היים, אַז די כאַפּערס זאָלן זיי ניט אַוועקנעמען, מחמת די מצרים האָבן געציטערט צו קומען נאָענט צו די עברישע שקלאַפן.

מען האָט געוואוסט, אַז עס איז די נאַכט פון באַפרייאונג, אַז אין דער נאַכט וועט גאָט זיי אַרויסנעמען פון מצריים אויף אייביק. האָט יעדערער מיט־געבראַכט זיין האָב־און־גוטס, געבונדן אין פּעקלעך אויף די אַקסלען. דאָס, וואָס זיי האָבן „אַנטליען" פון די מצרים, האָבן זיי געבראַכט גאַנץ אָפן צו פירן, — שעפּעלעך, ציגן, אייזלען, אויף וועלכע זיי האָבן אָנגעלאָדן דאָס האָב־און־גוטס, וואָס זיי האָבן גענומען פון די מצרים. אַנדערע האָבן אַרויסגענומען אַ קו פון שטאַל אַרויס; שטייגן מיט געפליגל, קרוגן האָניק, קערב פרוכטן, זעק מעל.

אַ גאַנצן טאָג פון דעם פערצענטן פון חודש האָט זיך געראַיעט אין די געצעלטן פון די עברים אין גושן ווי אין אַ בינשטאָק. די מצרים האָבן געזען, אַז די עברים גרייטן זיך צו עפּעס פאַר, און קיינער האָט זיך מער ניט דערוועגט זיי צו שטערן.

פּרעה האָט ניט געהאַט געגוג צייט אַריינצוברענגען דעם גאַרניזאָן פון נעגערס פון דעם מדבר קיין רעמסס, און דער גאַרניזאָן פון מצרים, וואָס האָט קוואַרטירט אין רעמסס, איז געווען אַזוי אַנגעשטעקט מיט דער פּאַניקע, וואָס איז אַלעמען באַפאַלן, אַז זיי האָבן זיך מער געשראָקן פאַר משהס שטעקן ווי פאַר ניט־פאָלגן פּרעהס באַפעל. פּרעה האָט זיך געשייעט צו קומען מיט זיי אין אָפענעם צוזאַמענשטויס.

די מצרישע אויפזעער איבער די שקלאַפן האָבן שוין לאַנג געוואָרפן זייער אַרבעט און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין נאָרעס, אין לעכער. די בני־ישראל האָבן, אַזוי אַרום, געקאָנט גאָר אומגעשטערט זיך גרייטן פאַר דער נאַכט פון דער גאולה און טון אַלץ ווי גאָט האָט זיי געבאָטן דורך משהס מויל. יעדער משפּחה האָט געשאָכטן בייטאָג איר שעפּעלע און באַשפּריצט מיט אַזוב־גראָז דעם איינגאַנג פון זייערע געצעלטן, כאַלופעס אָדערביידלעך. מען האָט צעלייגט אַ פייער אינדרויסן און געבראָטן דאָס גאַנצע שעפּעלע ווי עס גייט. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט מען זיך פאַרמאַכט אין די געצעלטן און געגעסן צוזאַמען, בחפזון, אין געאייל, מחמת די גאולה האָט געקאָנט אָנקומען יעדער מינוט.

מען האָט דאָס מעל פאַרקנאָטן מיט וואַסער און דאָס טייג איינגעפּאַקט אין טיכער, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו באַקן דאָס ברויט. די לענדן אָנגעגורט, די פּעקלעך אָנגעהאַנגען אויף שטעקנס, זענען אַלע געשטאַנען, גרייט צו גיין ווי משה וועט זיי נאָר הייסן, — און זיי האָבן געוואַרט אויף דעם, וואָס עס וועט געשען.

דערווייל איז נאָך גאָרניט געשען. אַ נאַכט ווי יעדער אַנדערע נאַכט אין פרילינג. זיי האָבן ניט געזען די העלע שטערן, וואָס האָבן געשיינט מיט אַזאַ אויסטערליש־הערלעכן ליכט, ווי דער הימל וואָלט זיך באַקליידט מיט זיין שענסטן שטערן־קלייד לכבוד דעם יום־טוב פון באַפרייאונג. זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון זייערע געצעלטן, אַזוי אויך אַרויסצוקוקן, וואָס עס טוט זיך אינדרויסן. זיי האָבן געהערט דאָס קוואַקען פון זשאַבעס, דאָס זשומען פון פליגעלעך, דאָס געוועב פון דער בריאה, דעם הויך פון וואַקסן, דאָס שאָרכען פון פּאַלמען־צווייגן ווי ווינטן וואָלטן געבלאָזן, ווי טראָפּנס רעגן וואָלטן געפאַלן. מיטאַמאָל איז אַלץ שטיל געוואָרן, ווי די גאַנצע בריאה וואָלט אויפגעהערט זיך רירן און זי שטייט און וואַרט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם אויף עפּעס. די שטיל־קייט האָט געוואָרפן אַ פּחד איבער די לייט. זייערע פּנימער זענען בלייך געוואָרן פאַר שרעק. די קינדער האָבן זיך געקליבן אַרום די מוטערס, די מענער זענען געשטאַנען צוזאַמענגעקוועטשט אין גרופּן, מיט זייערע שטעקנס אין די הענט, און האָבן אויסגעוואַרט אָן אַן אָטעם.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פּיף פון אַ ווינט, ווי אַ מעכטיקער פויגל וואָלט אַדורכגעפלויגן איבער זייערע קעפּ, און זיי האָבן אויך געהערט דאָס וויברירן פון ווינט, וואָס זיינע שטאַרקע פליגל האָבן אויפגערודערט. דער עכאָ פון דעם פליגל־פלאַטער האָט זיך געהערט אַ לענגערע ווייל, ווי דער פויגל איבער זייערע קעפּ האָט זיך דערווייטערט, ביז ער איז אויסגעגאַנגען. און אָט איז ווידער שטיל געוואָרן, ווי די נאַכט וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן אינדרויסן. דערנאָך האָבן זיי מיטאַמאָל דערהערט, — נייך, ניט דערהערט, נאָר באַנומען מיט אַלע חושים, אַז עפּעס וואָס געשעט אינדרויסן, — אַ רעש, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט. עס איז געווען ווי אַ סטאַדע הירשן וואָלטן אַריבערגעשפּרונגען איבער זייערע געצעלטן, און דער גערויש פון דעם ווינט, וואָס איז געקומען, איז געווען אַזוי מעכטיק, ווי אַ שטורעם וואָלט געווען אַדורכגעגאַנגען איבער זייערע קעפּ. פאַר לויטער שרעק האָבן די מענטשן זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד, געמיינט, אַז ניט נאָר זייערע געצעלטן, נאָר דער גאַנצער געוועלב פון הימל פאַלט איבער זייערע קעפּ. און באַלד איז ווידער איינגעטראָטן די מוראדיקע שטילקייט.

אין דעם ים פון שטילקייט, וואָס איז געווען אַרום זיי, האָט מיטאַמאָל זיך דערהערט אַ באַוועגונג, אַ ברומען פון אַ קול. מען האָט צוערשט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ קול דאָס איז, צי דאָס קול פון אַ מענטשן, אָדער פון אַ חיה אין דער נאַכט. דאָס קול איז אָנגעקומען פון ווייט, האָט זיך דערנעענטערט, און ווען עס איז אָנגעקומען גאָר נאָענט, האָט מען געהערט אַ געשריי פון אַ מענטשן. צוערשט איז דאָס געווען אַ געשריי נאָר פון איינעם, און באַלד איז אָנגעקומען אַ געשריי פון אַ צווייטן, און נאָך דעם פון אַ דריטן, ביז עס האָט זיך געהערט פון צענדליגקער ווינקלען אַרויס, פון הונדערטער עקן. ווי ווילדע היינדן זענען זיי אָנגעקומען צו לויפן, ווי ווילדע פייגל; פון אַלע עקן און זייטן פון הימל און ערד זענען זיי געקומען, ווי אַ פייער, וואָס גייט אַרויס פון איין עק און דער ווינט צעטראָגט אים אויף אַלע זייטן. אַזוי איז גושן אַרומגערינגלט געוואָרן פון איין פייער־געשריי.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן געדויערט די געשרייען. און אַ גאַנצע נאַכט פון דעם פערצענטן אויפן פופצענטן טאָג אין חודש ניסן, וואָס וועט פון היינטמאָל אָן גערעכנט ווערן פאַר דעם ערשטן פון די חדשים, איז די משפּחה פון נחשון בן עמינדב, פון דעם שבט יהודה (וואָס אין זיין געצעלט האָט די נשמה פון דעם שרייבער פון די שורות זיך געפונען, ווייל ער געהערט צו דער משפּחה), געווען פאַרזאַמלט. מיט די שטעקנס אין די הענט, מיט די שיך אויף די פיס און די גאַרטלען איבער די לענדן, האָבן זיי מיט פּחד אין זייערע הערצער אויס־געוואַרט דעם אויסגאַנג פון דעם געשעעניש. זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס עס באַדייטן די געשרייען און דער אָנגעלויף פון פיס, וואָס מען האָט געהערט אַ לאַנגע צייט. זאָל עס זיין, אַז דאָס קומען די מצרים מיט ברענענדיקן צאָרן צו שטילן זייער נקמה אין די בני־ישראל? אַרויסצוגיין פון די געצעלטן איז פאַרבאָטן געווען, אַרויסצוקוקן, וואָס עס טוט זיך אינדרויסן, האָבן זיי מורא

געהאַט, האָבן זיי אַ גאַנצע נאַכט געשוועבט צווישן האָפענונג און אימה, ביז עס איז אָנגעקומען דער פאַרטאָג.

פאַרטאָג, מיטן בליאַסק פון דער זון, האָט אַ האַנט אָנגעקלאַפּט אין די לייסטלעך פון זייער געצעלט און אַ שטים האָט גערופן:

— קומט אַרויס, דער גאָט פון ישראל האָט אונדז באַפרייט!

נייך, זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו פאַלן אין פרייד איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז, אין דער גרויסער פרייד איבער דער געקומענער שעה. באַלד האָט זיך אַריינגעריסן צו זיי אין געצעלט אַ כאַלאַסטרע מצרים, וואָס צווישן זיי האָבן די מענטשן אין געצעלט דערקענט זייער אייגענעם נוגש מיטן שרייבער, וואָס פלעגט פאַרצייכענען די צאָל ציגל, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט. פאַר־ווייִנטע פּנימער, צעשויבערטע האָר, צייכנס פון בלוט איבער זייערע לייבער, וואָס זיי האָבן צעקרעלט מיט די אייגענע נעגל פאַר צער. מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ניט מיט כעס, ניט מיט זלזולים, ווי זיי זענען געוואוינט געווען ביז איצט, נאָר מיט תחנונים און בקשות, מיט געוויין און געבעט אין די אויגן:

— גייט, געדענקט אין גאָט און גייט וואָס שנעלער פון דאַנען.

זיי האָבן געהאָלפן אָנלאָדן אויף די אָקסלען פון די בני־יהודה פון נחשון בן־עמינדבס משפחה זייער געפּעק פון גאָלדענע און זילבערנע כּלים, ניט געלאָזט די ווייבער אַרויסנעמען דאָס טייג אינדרויסן צו טריקענען פלעצלעך אויף דער זון, נאָר אַרויסגענומען דאָס טייג פון די מולטערס, איינגעפּאַקט אין די רייכע טיכער פון די מצרישע שכנות און עס אַרויפגעלייגט אויף די אַקסן.

— גייט, גייט פון דאַנען. טאָמער פאַרזאַמט איר נאָך אַ ווייל, וועלן מיר אויסשטאַרבן.

— געוואַלד געשריען, עס איז ניטאָ קיין הויז אין מצריים, וואו עס זאָל ניט זיין קיין מת, — האָבן די מצרישע ווייבער געוויינט.

— מענעפּטאַס אייגענער זון, זיין יורש־עצר, דאָס קינד פון דער זון, האָט מען געפונען טויט אין זיין בעט.

— גייט, גייט!

זיי האָבן קוים צייט געהאַט, די משפחה־לייט פון נחשון בן־עמינדב, צונויפצונעמען זייער אייגנס, צונויפזאַמלען די שאָף און רינדער, צוזאַמענקלייבן די קינדער. אונטערגעטריבן פון די געוויינען און די געבעט־געשרייען פון די מצרים, האָבן זיי פאַרלאָזט זייער געצעלט.

ווען די משפחה איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, האָבן זיי שוין געזען ווי פון אַלע ווינקלען און עקן, פון אַלע גאַסן און הינטערגעסלעך פון גושן ציען־אָן מענער, ווייבער און קינדער. די מענער טראָגן געפּעק אויף זייערע פּלייצעס, און אַזוי פיל זענען דאָרט געווען די גאָלדענע קרוגן און בעכערס, די טעלער און בעקנס, וואָס האָבן געפינקלט אין דער זון אויף די רוקנס פון די טרעגער, אַזוי פיל עלפאַנטביין־שטולן, בעטן, באַדעקנס פון זיידנס און אויסגעהאַפטענע טיכער און קליידער, אַז עס האָט נאָר אויסגעזען, אַז זיי האָבן אויסגעליידיקט די מצרים און פירן אַוועק דאָס גאַנצע עשירות פון לאַנד.

עס איז ניט געווען קיין דורכגאַנג און קיין איינגאַנג אין גושן. אַלע גאַסן זענען געווען באַלייגט מיט באַלאַדענע לייט. סטאַדעס שאָף, רינדער, אייזלען און מחנות קי, נאָכגעטריבן נאָך די משפחות, האָבן אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון די פיל פוסגייער. פון דער געדיכ־טעניש פון די שטויב־וואָלקנס האָט זיך געהערט אַ געזאַנג, אַן אויפברויז פון פריידיקע אויסגעשרייען.

וואָס אַמאָל איז די מחנה געוואָרן גרעסער און גרעסער. פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען נייע עולים. ניט נאָר פון גושן, פון דער אַרומיקער געגנט, נאָר אויך פון רעמסס זענען אָנגעקומען מאַסן מענער מיט ווייבער און קינדער. זיי זענען געווען נאַקעט, און אַלע האָבן זיי געשלעפּט אויף זיך פּעק מיט שטוב־זאַכן, טייל מיט עופות אין די הענט. מען האָט ניט געוואוסט, ווער זיי זענען, צו וועמען זיי געהערן. עס זענען געווען צווישן זיי מענטשן מיט אַזיאַטישע פּנימער און נעגער־שקלאַפן מיט געפאַרבטע קליידער, פאַרוואָרפן איבער די נאַקעטע לייבער.

די מאַסע איז וואָס אַמאָל געוואַקסן, און מען האָט שוין ניט געוואוסט צו וועמען מען געהערט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע שקלאַפן פון מצריים פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָנגעשלאָסן אָן די בני־ישראל, און זיי גייען, גייען. מען האָט ניט געוואוסט, וואוהין מען גייט. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז אין שפּיץ פון די מחנות געפינען זיך משה און אַהרן, און מען איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיי.

# 17

ווי באַלד די עברים האָבן פאַרלאָזט גושן און איבערגעטראָטן דעם מדבר, האָבן משה און אַהרן אויסגערופן, אין נאָמען פון יהוה, אַז די נאַכט פון זייער באַפרייאונג זאָל זיין אַ געדעכעניש־נאַכט פאַר אַלע דורות פון ישראל, וואָס וועלן קומען נאָך זיי, אַ נאַכט פון אויפזיין פאַר יהוה, און אָנגעזאָגט ווי אַזוי דער יום־טוב פסח, דער יום־טוב פון איבערהיפן, זאָל געפייערט ווערן יעדן יאָר, אין יעדער עברישער משפחה; ווי אַזוי מען זאָל, לזכרון פון דער באַפרייאונג, עסן פון דעם לאַם, וואָס מען וועט ברענגען פאַר אַ קרבן צו יהוה, ווער עס וועט מעגן עסן דערפון און ווער ניט, — דעם גאַנצן שטייגער, וואָס זאָל זיין אַן איבער־חזרונג פון דעם אַקט פון דער באַפרייאונג, אַן אייביקער צייכן פאַר אַלע צייטן.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די עטלעכע צענדליק טויזנטער עברים, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון מצריים (די מצרישע כראָניק־שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אונטער אַ טאָטאַליטאַרישן דרוק, האָבן פאַרפעלט צו דער־מאָנען דעם יציאת־מצריים ווי אַ מפּלה פאַר פּרעהן), האָבן זיך אַריינגעכאַפּט

פיל פרעמדע, ניט־עברישע שקלאַפן. זיי האָבן פשוט אויסגענוצט די פּאַניקע, וואָס איז באַפאַלן די מצרים, און אויסגעמישט זיך מיט די מחנות עברים. עס זענען געווען צווישן זיי כּנענישע שקלאַפן, נעגערס פון אַבעסיניע און נאָך פיל אַנדערע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע שקלאַפן. עס האָט זיך באַלד געשטעלט די פראַגע, וואָס מען זאָל טון מיט זיי, צי זאָל מען זיי צורעכענען צום עברישן שטאַם, אָדער האַלטן זיי פאַר ניט מער ווי פרעמדע נאָכלויפער, וואָס האָבן ניט קיין אַנטייל אין דער באַפרייאונג און קאָנען ניט מיטגעציילט ווערן אין די משפחות פון די עברים ביים פייערן דעם יום־טוב פון דער באַפרייאונג. מען האָט געבראַכט די פראַגע פאַר משהן, און ער האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל אין נאָמען פון יהוה:

— דער, וואָס איז געגאַנגען מיט אונדז, איז מיט אונדז. איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם איינגעבוירענעם און פאַר דעם פרעמדן, וואָס וואוינט מיט אייך.

משה האָט געוואוסט זיין ציל און געהאַט זיין פּלאַן פאַר דעם. שוין אין מצריים, ביי די לעצטע וואָרנונגען, וואָס ער האָט געגעבן פּרעהן, האָט ער ניט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז זיין כּוונה איז ניט געווען אַרויסצונעמען די עברים ניט מער ווי אויף דריי טעג אין מדבר, — דאָס האָט ער נאָר אַזוי געזאָגט פּרעהן, — נאָר באַפרייען די עברים פון פּרעהס פאַרשקלאַפונג און אַריינברענגען זיי אין דעם לאַנד, וואָס יהוה האָט אויסגעטיילט פאַר זיי און דאָס צוגעזאָגט זייער פאָטער אַברהם. דער ציל איז געווען צו גיין צום לאַנד כּנען און עס איינ־נעמען פאַר די עברים. אָבער די כּוונה איז, אין תּוך, געווען אַ פיל העכערע, אַ וויכטיקערע ווי דאָס אַליין. ניט נאָר אַ פאָלק זאָל פון די עברים ווערן, וואָס געווינט אַ לאַנד פאַר זיך, נאָר אַ פאָלק פון הייליקע, אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ פאָלק, וואָס זאָל מיט זיין מאָראַלישן לעבן און מיט זיין עטישער אויפפירונג ווערן אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט; אַ פאָלק פון געזעץ, וואָס זאָל מיט זיין לעבן אין גערעכטיקייט אויסדריקן דעם ווילן פון דעם איין־און־איינציקן לעבעדיקן גאָט יהוה.

פאַר אָט־דעם ציל באַדאַרף ער צוערשט ברענגען דאָס פאָלק צום באַרג סיני, וואו יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים, וואו יהוה האָט אים איבערגעגעבן דאָס שליחות צו ברענגען אַהין דאָס פאָלק אים צו דינען. פון דאָרט וועלן זיי פאַרנעמען דעם ווילן פון יהוה, זיינע געזעצן און זיינע באַפעלן. דאָס זאָל זיין זייער ניי געבוירן, דאָס געבוירן אין דעם געזעץ פון יהוה, און זייער בייע באַפרייאונג. ווי די נאַכט פון פסח האָט געבראַכט די באַפרייאונג פון קערפּער, אַזוי זאָל דער באַרג סיני זיין די באַפרייאונג פון דעם גייסט.

כּדי ער זאָל איבערדערציען דאָס פאָלק פון פאַרשקלאַפונג צו באַפרייאונג, קאָן ער זיי ניט פירן מיטן קורצן וועג קיין כּנען, לענג־אויס דעם ברעג פון גרויסן ים, וואָס איז דער נעענטסטער וועג, דורך דעם לאַנד פון די פּלישתּים. דאָס פאָלק איז ערשט פריש פון פאַרשקלאַפונג; ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס, וואָס עס וועט האָבן מיט די פּלישתּים, וועט זיך עס צעלויפן און צוריקגיין קיין מצריים. ניין, ער מוז זיי אַדורכפירן דורך דעם בלאָטיקן אויסגאַס פון

ים־סוף, וואָס ער אַליין איז אים אַדורכגעגאַנגען, און אָנקומען אין מדבר סין, — ערשט דאָרט וועלן זיי פריי זיין אינגאַנצן פון פרעהס יאָך, — און פון דאָרט זיי אַרונטערפירן צו דעם האַלב־אינדזל פון די בערג פון סיני, וואָס ווערן געהאַלטן צווישן צוויי אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון די צוויי אויסגאָסן, סועז און אַקאַבאַ.

משה האָט פון זיין אייגענער דערפאַרונג זייער גוט געוואוסט ווי געפערלעך עס איז דער דורכגאַנג פון אַזוי פיל פוסגייער דורך די ליימיקע זומפּען פון דעם ים פון ראָרן, וואו יעדער בהמה, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַהין, פאַרפירט פון די באַמבו־ראָרן און אַזוב־גראָזן, וואָס געדייען דאָרט, פאַרזינקט פשוט אין דעם אָפּגרונט פון די זומפּען. ער האָט דאָס פאָלק געפירט לענג־אויס דעם זומפּ פון ראָרן צו דער אָאַזיס־שטאָט סוכות, וועלכע ליגט ניט ווייט פון דער צווייטער שפּייכלער־שטאָט, וואָס די עברישע שקלאַפן האָבן געבויט פאַר פרעהן, פּיתום. ער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז ער געפינט זיך אין שאָטן פון פרעהס שווערד. פרעה קאָן אים זייער גרינג דערגרייכן מיט זיינע חיילות. עס וועט מוזן געשען אַ וואונדער פון גאָט, אַז ער זאָל מיט אַזוי פיל פאָלק און רינדער אַריבערגיין בשלום דעם זומפּיקן אָפּגרונד. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דער וואונדער וועט געשען, נאָר ער האָט געהאַט בטחון, אַז גאָט וועט אים אָנווייזן דעם וועג, ווען עס וועט קומען די צייט פאַר דעם.

די עברים, איצט ישראלים, ווי משה האָט זיי גערופן, האָבן דערווייל געהאַט וואָס צו עסן. זיי האָבן געבאַקט אויף דער זון דאָס טייג, וואָס די ווייבער האָבן געטראָגן אין טיכער אויף די פּלייצעס. זיי האָבן אויך געהאַט לרוב די אַלע קרוגן מיט אייל און האָניק, די אַלע קערב מיט גרינצייג; היינט די פיל סטאַדעס שאָף און רינדער און טשאַטעס געפליגל, וואָס זיי האָבן מיטגעטריבן פון מצריים. זיי האָבן געהאַט גענוג צו עסן, און באַרוישט נאָך פון דעם טריאומף פון יהוה איבער די מצרים, האָבן זיי ניט געזען די סכנה, וואָס האָט געלויערט אויף זיי.

די מאַסע פוסגייער, וואָס האָבן געפאָלגט אין די פוסטריט פון משהן און די אַנדערע אָנפירער, מער נאָך ווי שאָף און רינדער, האָבן אויפגעהויבן אַזאַ שטויב, אַז זיי זענען פאַרדעקט און פאַרשטעלט געוואָרן ווי מיט אַ רויך־פאַרהאַנג. אין די ליכטיקע ווייסע נעכט פון די באַפרייאונג־טעג האָבן די שטראַלן פון דער העלער לבנה און די גרויסע שטערן אָן אַ שיעור אַריינגעשימערט אין דעם שטויב־וואָלקן, און זיילן לייכטנדיקער שטויב האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, און עס האָט אויסגעזען ווי פייערדיקע זיילן גייען פאָראויס פאַר די מענטשן ביינאַכט און באַלייכטן זיי דעם וועג.

משה איז געווען אין געאייל, און ער האָט געפירט דאָס פאָלק סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, ווען אַפילו ער האָט נאָך ניט געוואוסט דאָס אָרט אין דעם זומפּיקן ים פון ראָרן, וואָס גאָט האָט באַשטימט, אַז ער זאָל זיי אַהין פירן.

דאָס פאָלק אין זיין געהויבענעם געמיט, פייערלעך און אויפגעמונטערט, איז גאָרניט מיד געוואָרן צו גיין. די יובל־געשרייען, וואָס די ווייבער האָבן אַרויסגעגעבען פון זיך, דאָס לאַכן און וויינען פון די קינדער, דאָס מעקען און ריטשען פון די שאָף און רינדער האָבן פאַרהילכט די לופט. עס איז נאָך ניט

געווען איינגעשטעלט קיין סדר פון די שבטים אין גאַנג, און אַלע זענען געווען אויסגעמישט צוזאַמען.

אויפן דריטן טאָג נאָך זייער פאַרלאָזן סוכות, ווען זיי זענען שוין געווען ביים אָנהויב מדבר, דאָרט, וואו ער נעמט זיך אויסשפּרייטן אין געהויבענע בערג צום אויסגאַס פון ים, האָט משה געקראָגן אַ באַפעל פון גאָט, אַז זיי זאָלן צוריק־גיין צו מצריים צו, צוריק אויפן וועג קיין סוכות, און מאַכן אַן אָפּשטעל ביים ברעג פון דעם זומפּן־קאַנאַל פון ים־סוף, צווישן אַן אָרט, וואָס מען רופט מגדל, און דעם ים־סוף. דאָס איז געווען ניט ווייט פון סוכות, אַנטקעגן דער שפּייכלער־שטאָט פּיתום, וואו דער אויסגאַס פון ים־סוף פאַלט־אַריין אין ברייטע ביטערע אָזיערעס.

דאָס אָרט, וואו זיי האָבן זיך געפונען, איז נאָך געווען דער ראָרן־פולער זומפּן־קאַנאַל. עס איז דאָרט געווען אַ ברייטער אויסגאָס פון אָזיערעס, וואָס שיידן־אָפּ צווישן מצריים און דעם מדבר שור. דאָס וואַסער דאָרט, ווען אַפילו נאָך ניט פריי פון זומפּן און געמויזעכצן, זעט דאָך אויס קלאָרער און לויטערער. דאָס אָרט איז שוין אוממעגלעך אַדורכצושפּרייזן צופוס דורך לייגן פליטן פון באַמבו־שטאַמען און אזוב־גרעזער, וואָס די אָרטיקע באַפעלקערונג באַנוצט ער־געץ אַנדערש פאַר אַ דורכגאַנג דורך דעם זומפּן־ים. דאָס אָרט קאָן מען נאָר אַריבערגיין מיט שיפן, ווי עס טוען פּרעהס חיילות.

די גאַנצע געגנט, ווען אפילו זי ליגט ביים ראַנד פון מדבר, איז באַוואַכט פון עגיפּטישע גאַרניזאָנען, וואָס זענען איינקוואַרטירט ביים אָנהויב אויסגאָס, וואו אַ קאַראַוואַנען־וועג פירט פון מצריים — דורך דעם מדבר שור — צו די אַזיאַטישע לענדער, אַראַביאַ און כנען. אויך ציט זיך דאָרט דער דירעקטער וועג פון מצריים — דורך דעם מדבר סין — צו דער האַפּן־שטאָט פון רויטן ים, עציון־גבר.

עס איז געווען אַ דירעקטע אַרויספאָדערונג פאַר די מצרים. עס איז אומ־מעגלעך געווען ניט צו באַמערקן די גרויסע מחנה „אַנטלאָפענע שקלאַפן" ווי זיי הויערן אויפן ברעג פון ים־סוף, די פייערן, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן, דעם רעש און גערודער, דאָס לאַכן און די פרייד, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דאָרט.

די מענער האָבן געשאָכטן עופות און זיי געבראָטן אויף שייטער־פייערן. דאָ און דאָרט האָבן עטלעכע משפחות זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום אַ שעפּס, וואָס האָט זיך געבראָטן אין אַ זאַמד־גרוב.

די ווייבער האָבן אַרויסגעצויגן די זיידענע, אויסגעהאַפטענע און גע־פאַרבטע קליידער פון זייערע פּעק און זיך אויסגעפּוצט אין זיי, פאַרדעקט זייער נאַקעטקייט. אויסגעצירט מיט גאָלדענע רינגען אין די אויערן, מיט טיאַרעס און שטערן־בענדער אויף די קעפּ, האָבן זיי פּאַראַדירט פאַר די מענער.

איינער פון דער מחנה האָט אָנגעטון אַ געפאַלעדעוועטן פאַרטוך, וואָס ער האָט אַראָפּגעצויגן פון אַ מצרישן גאָט בשעת דער פינצטערניש, וואָס איז געקומען אויפן לאַנד, האָט אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ אַ שווערן געלאָקטן שייטל מיט אַ מעכטיקן העלם, וואָס האָט געבלישטשעט ווי אַ זון, און מיט אַ

קייט פאַר אַ האַלדזבאַנד, מיט רינגען אויף די פינגער און אַ באַמבו־שטעקן אין האַנט, האָט ער געשפּילט פּרעהס „בעסטן פריינד״, זיין גובערנאַטאָר, אָדער כהן־גדול. אַן אַנדערער האָט זיך געלאָזט סערווירן זיין חלק געבראָטן שאָפן־פליש אויף אַ גאָלדענעם טעלער, זיצנדיק ברייט אויף אַן עלפאַנטביין־באַשלאָגענעם שטול, וואָס ער האָט געהאַט די גאַנצע צייט געשלעפּט אויף די פּלייצעס.

פיל פון די עברים האָבן אַרויסגעשלעפּט פון מצריים, אַחוץ כּלים און קליידער, אויך קריגס־געווער, וואָפן, ווי פיילנבויגנס, שפּיזן, שווערדן, פּיקעס מיט קופּערנע שפּיצן, קופּערנע פּאַנצערס. און זיי האָבן זיך פאַרקליידט ווי סאָלדאטן און קריגספירער.

אין לאַגער פון די עברים האָבן זיך אויך געפונען פיל שופרות, טרומפּייטן, צימבלען און טאַצן. און דאָס בלאָזן פון די שופרות, דאָס צימבלען און דאָס קלאַפּן אין די טאַצן, אויסגעמישט מיט די כאָרכל־טענער פון די ווייבער, דאָס שרייען פון די מענער, דאָס לאַכן פון די קינדער, דאָס פלאַקערן פון די פייערן, — דאָס האָט אַלץ אויסגעשאַלט אין דער לבנה־באַשטראַלטער נאַכט אַריין פון מדבר די פרייד פון דער גאולה, אויסגעשאַלט אין הארץ פון פרעהס לאַנד, אין דעם שאָטן פון די פּיראַמידן ביים באָרטן פון רויטן ים.

משה האָט געוואוסט, אַז די גאולה איז נאָך ניט פאַרפולט, אַז ער שטייט נאָך פאַר אַ גרויסן נסיון. גאָט האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז פּרעה וועט זיי נאָכיאָגן, און גאָט וועט לאָזן וויסן, אַז ער איז יהוה. ווי אַזוי אָבער גאָט וועט זיי אָפּראַטעווען פון די מצרים און ווי אַזוי זיי וועלן אַדורכגיין דעם ים, — דאָס האָט גאָט אים ניט געלאָזט וויסן. ער האָט דאָך געגלויבט, אַז אַזוי ווי יהוה האָט זיי געהאָלפן ביז איצט און געוויזן די מצרים זיין שטאַרקן אָרעם, אַזוי וועט ער זיי העלפן אויך דאָסמאָל, און ער האָט געררוט אין זיין בטחון אין גאָט.

ניט אַזוי אָבער זענען געווען די אַנדערע פירער פון די ישראלים, קורח און זיין עדה, דתן און אבירם. אין מיטן דער שאַלנדיקער פרייד פון די בני־ישראל זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט שווערע געמיטער און טרויעריקע פּנימער. נאָך די נסים־ונפלאות, וואָס משה האָט געוויזן מיטן כּוח פון יהוה, האָבן זיי, פאַר־שטייט זיך, געגומען גלויבן אין דער גאולה. זיי האָבן מורא געקראָגן פאַר משהן און אים אַרויסגעוויזן געטריישאַפט. זיי האָבן אויך געגלויבט, אַז ווי נאָר פּרעה וועט אַרויסלאָזן די בני־ישראל פון מצריים, וועט משה, מיט דער הילף פון יהוה, באַווייזן נאָך אַ וואונדער און זיי אַריבערנעמען איבער דעם ים־סוף אין מדבר אַריין, איידער עס לאָזט זיך אויס די קורצע צייט פון פייערונג פאַר יהוהן אין מדבר, וואָס זיי האָבן געבעטן ביי פּרעהן. ווען די דריי טעג זענען אָבער פאַרביי און משה האָט ניט באַוויזן אַריבערצונעמען די באַפרייטע ישראלים איבער דעם ים־סוף, האָט זייער מורא זיך געשטאַרקט פאַר דער גרויסער סכּנה, וואָס הענגט איבער זייערע קעפּ.

קורח האָט שנעל צונויפגערופן זיינע פאַרטרויטע מענטשן פאַר אַ קליינער באַראַטונג. עס זענען נאָר געווען זיינע געטרייע געהילפן, אָנפירער פון די בני־לוי, די העכערע אויפזעער איבער די עברישע שקלאַפן, וואָס משה האָט זיי

געלאָזט האַלטן ווייטער קהלשע שטעלן, ווייל ער איז געווען מיט דער דעה, אַז זיי זענען פּעאיק צו האַלטן אַ געוויסע אָרדענונג אין דער עדה, ביז ער וועט רעאָרגאַניזירן די יציאה און אַנשטעלן זיינע אייגענע מענטשן פאַר אָנפירער פון די שבטים.

זיי זענען געווען אַלע אונטער דער איבער־קאָמאַנדע פון דתן און אבירם. און דתן און אבירם האָבן געהאַט געבראַכט צו קורחן נאָר מענטשן פון אויס־געפּרואווטער געהאָרכיקייט. פאַר זיי האָט קורח פאָרגעלייגט זיין פּלאַן:

— משה בלאָנדזשעט אין מדבר. אויב ער האָט ניט באַוויזן אַריבערצופירן אונדז דורך די געמויזעכץ־קאַנאַלן ביי סוכות, וואו דעם ים־סוף איז שמאָל און עס לאָזט זיך גרינגער אַריבערגיין, וועט ער זיכער ניט קאָנען באַווייזן אַריבער־צופירן דעם גרויסן המון פון פאָלק מיט זיין גאַנצן האָב־און־גוטס, מיט זיינע סטאַדעס שאָף דורך דעם ברייטן אויסגאַנג פון די ביטער־וואַסערן. פון וואַנען וועט ער נעמען די שיפן, וואָס מען באַדאַרף דערצו? ווען פּרעה זאָל אים אַפילו צושטעלן אַלע שיפן פון מצריים, וועלן זיי ניט קלעקן אויף אַריבערצופירן דאָס גאַנצע פאָלק איבערן ים. די דריי טעג יום־טוב אין מדבר זענען פאַרביי, און פּרעה האָט שוין ביז איצט געמוזט איינזען, אַז משה טראַכט גאָרניט צו ברענגען זיינע שקלאַפן צוריק אין מצריים. מיר מעגן זיך ריכטן יעדער רגע צו דערזען פּרעהס רייטוועגן הינטער אונדז. מיר מוזן זיין צוגעגרייט פאַר דעם. מיר וועלן מוזן די גאַנצע שולד לייגן אויף משהן. מיר האָבן קיינמאָל ניט גע־טראַכט צו פאַרלאָזן מצריים. מיר האָבן נאָר געוואָלט דינען אונדזער גאָט און האָבן בדעה געהאַט תיכף נאָך יום־טוב זיך אומקערן צוריק קיין מצריים. משה האָט אונדז פאַרפירט. ער האָט אונדז געוואָלט אַריינגאַרן אין מדבר, כדי צו קאָנען הערשן און געוועלטיקן איבער אונדז. די סכנה איז זייער גרויס. אויב גאָט האָט ניט געהאָלפן משהן ביז איצט און האָט אים פאַרלאָזט, האָבן מיר קיין אַנדער ברירה ניט, נאָר צו גיין צוריק קיין מצריים. פּרעה וועט אונדז אַלעמען אַריינטרייבן אין ים אַריין, אויב מיר וועלן ניט אָפּראַטעווען באַצייטנס אַזוי פיל פון פאָלק וויפיל מיר וועלן קאָנען.

אַלע האָבן מסכים־געווען מיט קורחן. זיי האָבן געקענט די מצרים און געוואוסט, אַז פּרעה איז נאָך ניט געשלאָגן און אַז ער וואַרט נאָר אויס אויף דער געלעגנהייט צו מאַכן אַן אַטאַקע אויף די עברים.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען ווי קורח האָט פאָראויסגעזאָגט. ביי אַלע נסים, וואָס משה האָט געוויזן אין מצריים, ביי אַלע פּורעניות, וואָס ער האָט געבראַכט אויף די מצרים, האָט פּרעה נאָך ניט אויפגעהערט גלויבן, אַז משהס כוח איז נאָר אַ צייטווייליקער און אַ באַגרענעצטער, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן פון אַ גאָט מיט אַ באַגרענעצטער, ניט־אייביקער מאַכט, ווי עס איז געווען דער גאָט אַטאָן, וואָס אמענהאָטעפּ דער פערטער האָט פאַר אַ צייט איינגעפירט אין מצריים. אויך ווי אַטאָן, האָט יענער גאָט געקאָנט בייקומען די געטער פון מצריים, אָבער ניט מער ווי אויף אַ קורצער צייט. און אפשר איז יהוה טאַקע דער גאָט אַטאָן, וואָס איז געקומען צוריק אונטער אַן אַנדער נאָמען, דאָסמאָל ניט צו האַלטן מלחמה מיט די געטער פון מצריים, נאָר צו פאַרניכטן די מצרים

גופא, וואָס ער וויל זיי אויסבייטן אויף אַ שקלאַפן־שטאַם? אויב דאָס איז אַזוי, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. אַזוי ווי די געטער פון מצריים האָבן, באַלד נאָך אַמענהאָטעפּס טויט, מנצח געווען זיין גאָט און אים פאַרטריבן פון מצריים, אַזוי וועלן זיי אים אויך איצט מנצח זיין אין זיין נייער פאָרם.

דער שווערער קלאַפּ פון זיין באַליבטן זונס טויט האָט פרעהן אַזוי דערשלאָגן און אָפּהענטיק געמאַכט, אַז ער האָט געלאָזט די עברים אַרויסגיין פון מצריים. ווען ער איז אָבער געקומען אַביסל צו זיך, האָט ער זיך באַדענקט, וואָס ער האָט געטון. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער און זיינע געטער זענען באַזיגט געוואָרן פון אַ פרעמדן גאָט, און ער האָט דערזען די גרויסע סכנה פון אַ צוזאַמענבראָך פון גאַנצן מלוכה־סיסטעם פון מצריים, וואָס איז געבויט אויף דער ממשלה פון גאָט ראַ, וואָס איז אין פרעהן.

ער האָט דערנסמאַל געשיקט שפּיאָנען נאָכצוזען, וואָס די עברים וועלן טון, — צי וועלן זיי טאַקע צוריקקערן קיין מצריים נאָך די דריי טעג יום־טוב פאַר זייער גאָט אין מדבר, אָדער משה וועט זיי אַוועקפירן דורך די זומפּ־קאַנאַלן ווייטער אין גרויסן מדבר אַריין. אויב משה וועט זיי וועלן אַרויסנעמען פון דעם גרויסן וואַסער־רינג, וואָס נעמט אַרום מצריים, ווי אַזוי וועט ער עס קאָנען טון? ניט אַנדערש, נאָר זיין גאָט וועט אים צושטעלן חיילות פון הימל אין דער פאָרעם פון אָדלערס אָדער אַנדערע אַזעלכע פייגל מיט מעכטיקע פליגל, וואָס זאָלן אַריבערטראָגן די גאַנצע גרויסע עדה מיט זייער פי איבער די זומפּן, וואָרעם קיין אַנדערע מיטלען פאַר אַריבערגיין די זומפּן זענען ניטאָ, אַפילו קיין שיפן טויגן ניט פאַר דעם.

ווען משה האָט אָבער דעם נס ניט באַוויזן, קיין מחנות אָדלערס זענען ניט אַרונטערגעקומען פון די הימלען, נאָר ער, משה, האָט געהאַלטן אין איין טרייבן די אַרויסגעגאַנגענע קנעכט איבער דער גאַנצער לענג פון זומפּן־קאַנאַל ביז צום אויסגאַס פון די ביטער־וואַסערן — און האָט ניט געפונען קיין אָרט, וואָס זאָל זיך לאָזן אַדורכטרעטן, האָט פרעה געזען אין דעם נאָך אַ נצחון פון דעם גאָט ראַ איבער דעם גאָט אַטאָן, ווי אין די צייטן פון קיניג טוטענקהאָטען.

פרעה האָט שנעל צונויפגערופן זיינע יועצים, זיינע „בעסטע פריינד”, די פּעכער־האַלטער, דעם כהן־גדול, דעם גובערנאַטאָר פון רעמסס, דעם אייבער־קאָמאַנדיר פון זיינע רייטוואָגן־בריגאַדעס, און האָט פאַר זיי פאָרגעלייגט זיין פּלאַן:

— יהוה, משהס גאָט, איז ניט קיין אַנדערער ווי דער גאָט אַטאָן, דער שונא פון די עגיפּטישע געטער, וואָס אַמענהאָטעפּ דער פערטער, — זאָל זיין נאָמען אויסגעמעקט ווערן אויף אַלע צייטן, — האָט געפּרוּווט איינפירן אין מצריים. יהוהה־אַטאָן פאַרטראָגט ניט קיין אַנדער גאָט לעבן זיך. אמת, ער האָט געקאָנט פאַר אַ צייט שלאָגן די געטער פון מצריים און די מצרים אַליין מיט פּלאָגן, חרוב־מאַכן זייערע טעמפּלען, הרגענען זייערע כהנים און צעשטערן די סטאַטועס פון די געטער, ער האָט אָבער ניט געקאָנט העלפן זיך אַליין, ווען דער גאָט ראַ, אין דער געשטאַלט פון פרעה טוטענקהאָטען, האָט אים אויסגעקערט פון מצריים, פאַרברענט זיין שטאָט, חרוב־געמאַכט זיינע טעמפּלען, צעשטערט זיינע צייכנס

און פֿאַרוועדט צו דערמאָנען זיין נאָמען אויף אַלע צייטן. יהוה, ווי אַטאָן, איז אַ גאָט פֿון פֿורעניות, ניט קיין גאָט פֿון ברכות, וואָס קאָן העלפֿן זיינע גלויביקע. דאָס קאָן מען איצט קלאָר אַרויסזען. ער האָט אונדז דערשראָקן מיט די צרות, וואָס ער האָט אונדז אָנגעטון, און מיר האָבן זיך געאיילט אַרויסצולאָזן די עברישע שקלאַפֿן. ער איז אָבער ניט ביכולת זיי אָפּצוראַטעווען פֿון אונדזערע הענט. זיי בלאָנדזשען אַרום, צעטומלטע. דער מדבר איז אָפּגעשלאָסן פֿון זיי. און דער גאָט יהוה קאָן זיי ניט אַריבערפֿירן אויף דער צווייטער זייט ים־סוף. די געטער פֿון מצריים האָבן זיי איבערגעגעבן אין אונדזערע הענט. נעם־צונויף מיינע רייטוועגן, — האָט פּרעה זיך געווענדט צו זיין חיל־פֿירער, — און לאָז זיך אַוועק נאָך זיי אין פֿולן אימפּעט! וועסט זיי געפֿינען, דערשראָקענע, צעטומלטע, ביים ברעג ים־סוף. טרייב זיי אין ים אַריין — און זאָל דער נאָמען אַטאָן־יהוה אויסגעמעקט ווערן אויף אַלע צייטן.

— זון פֿון רא אין זיין אייגענעם לייב, צו טויטנקהאַטען וועסטו ווערן צוגעגליכן, דעם נקמה־נעמער פֿאַר די געטער פֿון מצריים, — האָט אויסגערופֿן דער כהן־גדול.

— דו, נקמה־נעמער פֿאַר די מצרים, — האָט דער גובערנאַטאָר אויסגע־רופֿן, — דיינע מעשׂים, די נצחונות, וואָס דו האָסט אָפּגעהאַלטן קעגן דיינע שונאים, די עברים, וועלן פֿאַרשריבן ווערן, צו דיין אייביקער גלאָריע, אויף די ווענט פֿון דיין פּיראַמידע.

— אונדזער גבורה ביסטו, פּרעה, און דער נצחון איז דיינער. ווען אויף דיין גאָלדענעם רייטוואָגן, געשפּאַנט צו דיינע באַפֿליגלטע פֿערד, וועסטו ציען פֿאַראויס פֿאַר דיינע רייטער, וועט עס גאָט רא אין זיין אייגענעם לייב אַרויס־ציען אין זיין זון־פֿראַכט איבערן הימל צו טויטן זיינע שונאים פֿון צווישן די געטער מיט זיינע שטראַלן־שפּיזן. דיינע רייטער בענקען נאָך דיר, רופֿן נאָך דיר. זון פֿון מצריים! רייט פֿאַראויס! — האָט דער גענעראַל אויסגערופֿן.

— יאָ, האָסט רעכט, איך אַליין, דער גאָט רא אין זיין אייגענעם לייב, וועל ציען פֿאַר אייך אין מלחמה מיט מיין שונא, אַטאָן־יהוה. שפּאַנט מיין רייטוואָגן! — האָט פּרעה באַפֿוילן.

אָנגעטון אין דער טאָפּעלער העלם־קרוין, איז פּרעה מענעפּטאַ, סימבאָל פֿון גאָט רא, געשטאַנען, ווי אַלט ער איז ניט געווען, אויף זיין רייטוואָגן, אין שפּיץ פֿון דער רייטוואָגן־בריגאַדע, וואָס ער האָט אַרויסגעפֿירט אין מלחמה קעגן די עברישע שקלאַפֿן. פֿיר ווייסע, גאָלד־באַהאַרנטע פֿערד, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט פֿון חשק און גבורה, האָבן געקלאַפּט מיט די פֿיס פֿאַר אומגעדולד. פּרעהס גאָלדענער פּאַנצער, וואָס זיין נושׂא־כּלים האָט געהאַלטן פֿאַר אים, האָט געפֿלאַטערט אין דער זון ווי ווייס פֿייער. מיט זיין רעכטן אָרעם אויסגעשטרעקט צום פֿיילנבויגן אין דער לינקער, הויך־אויפֿגעהויבענער האַנט, האָט ער פֿאַרנומען די ברכות, דעם לויב, די סאַלוטן פֿאַר זיינע גבורות, וואָס ער וועט ווייזן קעגן דעם גאָט אַטאָן, וואָס איז איצט געוואָרן דער גאָט פֿון ישׂראל. בלינדע זינגער, טעמפּל־שקלאַפֿן, האָבן געקניט פֿאַר אים און געזונגען מיט באַגלייטונג פֿון האַרפֿן־שפּיל:

דו ביסט ווי רױ אין אַלץ, וואָס דו טוסט.
אַלץ געשעט נאָך דעם וואונטש פון דיין האַרץ.
מיר האָבן געזען פיל פון דיינע וואונדער,
זינט דו ביסט געקרוינט פאַר מלך פון ביידע לענדער.
ווען דו באַפעלסט, דעקט דאָס וואַסער צו די בערג,
דער ים הערט זיך באַלד צו צו דיר,
אין דיינע לענדן איז רױ,
דיין באַשעפער וואוינט אין דיר.

שרייבער, מיט קריץ־שטעקעלעך און פּאַפּירוס־מגילות אין די הענט, האָבן געקניט אויף דער ערד, איינער נאָכן אַנדערן, און פאַרצייכנט דאָס געשעעניש פון פרעהס אַרויסרייטן אין שפּיץ פון זיינע רייטוועגן אין מלחמה קעגן דעם גאָט פון די בני־ישראל — פאַר די שפּעטערדיקע דורות.

עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל, אַז פּרעה אַליין פירט זיינע רייטערס אין מלחמה קעגן דעם גאָט פון ישראל, קעגן יהוהן. פּרעה איז געווען צו־אַלט און צו־שוואַך פאַר דעם, און עס איז אויך ניט געווען דער מנהג, אַז פּרעה אַליין זאָל ציען אין מלחמה־פעלד.

וויבאַלד די רייטוועגן האָבן דערגרייכט דעם מדבר הינטער דער שטאָט, אַזוי האָט פּרעה זיך אומגעקערט צוריק אין זיין הויף אַריין. זיין פּלאַץ האָט דענסמאַל איבערגענומען איינער פון זיינע „בעסטע פריינד". מיטן טיטל „פּרעה", וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער מקבל געווען אַלע שבחים און לויבגעזאַנגען, וואָס זענען געקומען דעם אמתדיקן פּרעהן, האָט געפירט די רייטערס אין שלאַכט, און די כראָניק־שרייבער האָבן אַזוי אַרום געקאָנט פאַרצייכענען די נצחונות פון חייל אויף פּרעהס נאָמען...

אין לאַנגע שורות, איינע נאָך דער אַנדערער, זענען געווען אויסגעשטעלט די רייטוועגן. די פיילן־שיסער, אָנגעגאָסן מיט נקמה־גיריקייט, האָבן מיט אויסגעשטרעקטע מעכטיקע אָרעמס געהאַלטן די אומגעדולדיקע, קריג־גלוסטיקע פערד צוריק.

און אָט טראָגן זיי זיך מיט דער פוריע פון מלאכי־חבלה, אַרויסגעשיקט פון שטן, איבער די ברייטע זאַמד־פליינען פון מדבר, מיט פּרעהס ממלא־מקום אין זיין רייטוואָגן פאָראויס, הויבן־אויף וואָלקנס שטויב, וואָס וויקלען זיך ווי פייער־רויכן אין דער לופט און פאַרשטעלן דעם שיין פון דער זון, — טראָגן זיך גלייך צום ברעג פון גרויסן אויסגאָס פאַר בעל־צפון, וואָס זיי ווייסן, אַז די עברישע שקלאַפן, צעמישטע, זוכן דאָרט אַ דורכגאַנג.

אויפן צווייטן טאָג, אַנטקעגן נאַכט, האָבן די ישראלים פון זייער לאַגער דערזען די וואָלקנס שטויב, וואָס הויבן זיך ווי פייער־רויכן צום הימל אין מדבר. די שטויב־רויכן דערנעענטערן זיך צו זיי, און זיי האָבן געוואוסט, אַז פּרעה מיט זיינע רייטוועגן איז הינטער זיי. כהרף־עין איז דער גאַנצער לאַגער פון צענדליקער, צענדליקער טויזנטער עברים און פרעמדע שקלאַפן געווען אין איין אויפרודער. ווי אַ סטאַדע שאָף, ווען זי דערשמעקט דעם ריח פון אַ וואָלף, אַזוי האָבן זיי געוואָרפן זייערע פּעק, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי געקלאַמערט

אָן זיי, און גענומען לויפן. די מוטערס האָבן געכאַפּט די קינדער אויף די הענט און זענען געלאָפן, ניט צו וויסן וואוהין, און זענען באַלד פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער דרינגענדיקער מאַסע, וואָס האָט זיי אַזוי ווי איינגעמויערט אין זיך. באַלד איז די גאַנצע מחנה געוואָרן ווי איין קנויל, און זיי האָבן זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט, וואָרעם איינער איז איינגעשלאָסן געווען אין אַנדערן. אַ גרויס געשריי האָט זיך אויפגעהויבן אין דער מחנה, מיט הענט און קעפּ געטראָגן אין דער הייך:

— גאָט פון ישראל, העלף אונדז! גאָט פון ישראל!

משה איז שוין געווען צווישן זיי. ער איז געווען רואיק און זיכער. ער האָט געוואוסט, אַז די מצרים וועלן זיי נאָכיאָגן, ווי גאָט האָט דאָס אים געזאָגט, און אַז גאָט וועט דערנאָך באַווייזן די מצרים, אַז ער איז יהוה, הגם ער האָט איינגעזען די גרויסע סכנה, אין וועלכער די בני־ישראל געפינען זיך. איינ־געשלאָסענע צווישן ים און די מצרים, וועט יהוה זיי מציל זיין, ווען אַפילו ער האָט אים ניט צו וויסן געגעבן ווי אַזוי ער וועט עס טון. האָט זיי גאָט ניט געוויזן זיינע נסים אין מצריים?

נאָך מער איז ער זיכער געוואָרן אין דעם נצחון איבער די מצרים מחמת דעם, וואָס צום ערשטן מאָל האָט ער איצט געהערט די בני־ישראל, די קנעכט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מצריים, רופן צו יהוה נאָך הילף. די הילף איז מחוייב צו קומען יעדער רגע, איידער נאָך די מצרים וועלן דערגרייכן דעם לאַגער פון די בני־ישראל.

ווי משה שטייט אָבער אַזוי אין דער מיט פון די בני־־ישראל און איידער ער האָט נאָך די מעגלעכקייט צו עפענען דאָס מויל אויף צו באַרואיקן די מאַסע, דערזעט ער זיך אַרומגערינגלט פון די בני־לוי. זיי קוקן אויף אים מיט נקמה־בליצנדיקע אויגן, די הענט אויסגעשטרעקט קעגן אים:

— האָבן מיר דען ניט געוואוסט, אַז דער סוף וועט אַזוי זיין? — האָט דתן געשריגן הויך אויפן קול, אַז דאָס פאָלק זאָל הערן. — זענען דען ניט פאַראַן גענוג קברים אין מצריים, וואָס דו האָסט אונדז אַרויסגעבראַכט צו שטאַרבן אין מדבר?

נאָר קורחס רואיק, וואָרענענדיק קול האָט זיך געהערט העכער פון די אַנדערע:

— דאָס האָבן מיר דאָך אים שטענדיק געזאָגט אין מצריים: „לאָז אונדז דינען די מצרים!” איז אונדז ניט בעסער געווען צו דינען די מצרים איידער צו שטאַרבן אין מדבר?

דאָס פאָלק איז פאַרסמט געוואָרן פון קורחס רייד. די ווערטער וועגן שטאַרבן אין מדבר האָבן אָנגעצונדן אַ פּאַניקע אין זיי, און איצט איז שוין דאָס געשריי געווען אַ קלאַגן, אַ וואָיען פון געשלאָגענע שקלאַפן־האָרדעס:

— וואָס האָסטו אונדז געטון, נאָך וואָס האָסטו אונדז אַרויסגענומען פון מצריים?

משה האָט איינגעזען די גאַנצע סכנה, וואָס ניט פּרעה, נאָר קורח און דתן און אבירם ברענגען אויף די בני־ישראל. כּהרף־עין וועט זיין גאַנץ ווערק צעשטערט ווערן. די בני־ישראל וועלן ווילד צום לאַגער פון די

מצרים און בעטן זיך ביי פּרעהן, ער זאָל זיי צוריקנעמען פאַר שקלאַפן. און משה האָט געטון אַ זאָך, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געטון. ער האָט זיך דערוועגט צו נעמען דאָס גאַנצע אַחריות פאַר יהוה אויף זיך, איידער ער האָט נאָך געקראָגן אַ באַפעל און איידער ער האָט נאָך געוואוסט ווי אַזוי די ישועה וועט קומען און וואָס יהוה האָט בדעה צו טון מיט די מצרים, אָדער מיט די ישראלים, און ווען דאָס וועט געשען.

ער האָט מיט זיינע מעכטיקע הענט אָוועקגעשאַרט פון זיך קורחן און זיין עדה, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער קלאָגנדיקער מחנה אַריין, — און אויפגעשטעלט מיט זיין גרויסן קאָפּ און שטאַרקן נאַקן העכער איבער אַלעמען, האָט ער גערופן מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען מיט זיכערקייט און פעסטקייט:

— האָט ניט קיין מורא! וואַרט און זעט די הילף, וואָס יהוה וועט אייך געבן דעם היינטיקן טאָג נאָך. ווי איר זעט די מצרים היינט, אַזוי וועט איר זיי אויף אייביק מער ניט אָנזען. יהוה וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך. איר שטייט שטיל און שווייגט.

משה האָט גערעדט. משה האָט געוואוסט דעם ווילן פון יהוה, און ער האָט גערעדט אין זיין נאָמען און געגעבן די פאַרזיכערונג. און ווען אַפילו די געפאַר האָט זיך דערנענטערט און זיי האָבן שוין געהערט דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פיס און דעם דונער־קראַך פון פרעהס רייטוועגן, האָבן זיי זיך באַרואיקט.

יהוה וועט מלחמה האַלטן פאַר זיי. משה האָט גערעדט אין זיין נאָמען.

ערשט דענסמאָל האָט משה פאַרלאָזט די עדה, אָפּגערוקט זיך פון זיי. ער איז אַוועק צום אָפענעם ים, האָט געוואָרפן זיך אויף די קני ביים אַנגעשוואָלענעם וואַסער, אויפגעהויבן די הענט און געגומען ברומען ווי אַ לייב:

— יהוה, יהוה, קום און זע אונדזער נויט. איך האָב גערעדט אין דיין נאָמען. אין דיין נאָמען האָב איך געגעבן די פאַרזיכערונג. זאָג מיר, וואָס זאָל איך טון?

ערשט דענסמאָל האָט ער געהערט אַ קול ניט אין זיין האַרץ, ווי תמיד, נאָר אין זיין אויער, גאָטס קול, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט:

— וואָס שרייסטו צו מיר? זאָג די בני־ישראל, זיי זאָלן ציען.

און ערשט אין אַ ווייל אַרום האָט אים יהוה נאָך געזאָגט:

— און דו הויב־אויף דיין שטעקן און שטרעק־אויס דיין האַנט אויפן ים, און שפּאַלט אים, און די בני־ישראל וועלן אַריין אינמיטן ים, אויף טריקעניש. און איך וועל מאַכן פעסט דאָס האַרץ פון די מצרים, און זיי וועלן אַריין נאָך זיי; און איך וועל געערלעכט ווערן דורך פּרעהן, און דורך זיין גאַנצן חיל, דורך זיינע רייטוועגן און דורך זיינע רייטער. און די מצרים וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה.

מיט אַ שאַרפן חוש פאַר די ווערטער פון יהוה צו דערפילן אין זיי זיין פאַרבאַרגענעם ווילן און מיין, האָט ער פאַרנומען דעם רמז, וואָס יהוה האָט אים געגעבן. יהוה האָט אים געזאָגט צוערשט, ער זאָל הייסן די בני־ישראל ווייטער צו ציען, און ערשט שפּעטער האָט ער אים באַפוילן צו הויבן זיין שטעקן איבערן ים. יהוה וויל, אַז די בני־ישראל זאָלן ציען אין ים אַריין איידער

ער שפּאַלט אים. יהוה וויל, אַז די בני־ישראל זאָלן מיט דעם אַרויסווייזן זייער בטחון אין אים. ער וויל, אַז זיי זאָלן ביישטייערן מיט דעם זייער חלק אין דער גאולה, זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זענען ווערט צו זיין בני־חורין, גרייט צו גיין פאַר אים אין ים אַריין. און משה האָט געהיט די זאַך אין זיין האַרץ.

דערווייל האָבן די וואָלקנס שטויב זיך דערנענטערט וואָס אַמאָל מער צו דער מחנה פון ישראל, און מען האָט שוין שאַרף געהערט די גאַלאָפּירנדיקע טריט פון די פערד און דאָס רעשן פון די רעדער אין זאַמד. און אָט באַלד וועלן די רייטוועגן צערייסן די וואָלקנס שטויב און זיך אויפדעקן פאַר זיי. אָבער די וואָלקנס שטויב האָבן זיך ניט צעריסן. אַדרבה, זיי זענען וואָס אַמאָל געדיכטער געוואָרן, געזאַמלט זיך אין דיקע קנוילן און געראַיכערט זיך מיט שרעקעדיקער טונקלקייט. זיי זענען געבליבן הענגען ווי אַ שווערער פאָרהאַנג און געשאַפן אַ צווישנשייד צווישן די בני־ישראל און פרעהס רייטוועגן. דער וואָלקן שטויב איז געווען אַזוי מוראדיק טונקל און שרעקעדיק שווער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ווי אַ מלאך פון הימל וואָלט אַ רויכערדיקע וואַנט אַוועקגעשטעלט צווישן ישראל און די מצרים.

פרעה האָט ניט געקאָנט מער זען דעם לאַגער פון ישראל איבער דער פינצטערניש פון וואָלקן, וואָס האָט זיי צוגעדעקט. ער האָט אָפּגעשטעלט זיינע רייטוועגן אויף איבער נאַכט.

אַנטקעגן־אָבער אין לאַגער פון ישראל איז געווען ליכטיק. העלע שטערן איבער אַ קלאָרן הימל האָבן פאַרזייט זייער פּערל־שימערדיק ליכט אין אַ דורכזיכטיקן חלל און באַגאָסן מיט ליכטיקייט דעם לאַגער פון ישראל.

משה האָט געטון ווי יהוה האָט אים געבאָטן און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן שטעקן איבער דעם ים.

מיטאַמאָל האָט אַ שטאַרקער מזרח־ווינט אָנגעהויבן בלאָזן און צוזאַמענ־טרייבן די וואַסערן. ווי ווילדע הינט לאָזן זיך אַריין אין אַ דערשראָקענע סטאַדע, אַזוי האָבן די ווינטן געביסן און געשמיסן מיט זייער שטורעמדיקן אָטעם. די כוואַליעס, אויפגעשוימטע, צעווירבלטע פון גרויסן ווינט, האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און אויפגעשטעלט זיך ווי טורעמדיקע ווענט אויף רעכטס און אויף לינקס. עס האָט אויסגעזען ווי דאָס וואַסער שטייט פאַרגליווערט ווי צוויי איינגעפרוירענע ווענט, מיט אַ פלאַכן וועג צווישן זיי. אָבער דאָס וואַסער האָט זיך נאָך ניט געהאַט געשפּאָלטן. די ווענט זענען געוואַקסן פון ביידע זייטן, נאָר דער וועג אינמיטן איז נאָך ניט געווען טרוקן. עס איז נאָך דאָרט געווען גענוג וואַסער צום דערטרונקען ווערן.

אַזוי האָט עס געדויערט כמעט אַ גאַנצע נאַכט. די בני־ישראל האָבן מיט אימה באַטראַכט, וואָס עס האָט זיך געטון מיט די אויפגעשטורעמטע וואַסערן פון ים־סוף, און זיי האָבן באַשיינפּערלעך איינגעזען, אַז אויב אַפילו עס געשעט אַ גרויסער נס פאַר זייערע אויגן, דאַך קומט נאָך ניט די רעטונג פאַר זיי. משה, וואָס פלעגט שטענדיק פאַראויסגיין פאַר זיי ווי אַ פייערדיקע זייל, טרעט נאָך אַליין ניט אַריין אין וואַסער. ער וואַרט אויף עפּעס.

און משה האָט געוואַרט. ער האָט געוואַרט אויף אַן אַנדער נס, אויף אַ נס

פון די בני־ישראל, אויף אַ שפּאַלטונג צווישן עבדות און חרות אין די בני־ישראל. ער איז ניט פאַראויסגעגאַנגען פאַר די בני־ישראל אין וואַסער אַריין, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז זיי אַליין זאָלן מקיים זיין בלינדערהייד דעם באַפעל פון גאָט און אַריינטרעטן אין ים אַריין, איידער ער שפּאַלט זיך נאָך. דערפאַר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די בני־ישראל, אַזוי ווי גאָט האָט אים אָנגעזאָגט, צו ציען אין וואַסער אַריין, דאָס הייסט, אין דעם זומפּיקן וואַסער אַריין, איידער עס שפּאַלט זיך נאָך, און אַליין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים באָרטן צו זען ווי די בני־ישראל דערפילן דעם באַפעל פון יהוה. דאָ און דאָרט האָט ווער געפּרואווט אַריינטרעטן אין וואַסער אַריין, נאָר קוים איז ער געזונקען אין דער בלאָטע ביז צו די קני, איז ער צוריק אַרויסגעלאָפן. און משה האָט געוואַרט, עקשנותדיק געוואַרט, און געטראַכט האַרט און שווער: „זענען זיי ווערט דעם נס? אויב זיי טרעטן ניט אין ים אַריין, זענען זיי עבדים, און זיי זענען ניט ווערט אויסגעלייזט צו ווערן". אויך דאָס פאָלק האָט געטראַכט און איז צעמישט געוועזן: דאָ געשעט עפּעס פאַר זייערע אויגן, אַ גרויס און הערלעך געשעעניש, און דאָך ווערן זיי ניט געהאָלפן. איינער שטופּט דעם אַנדערן צו גיין אין ים אַריין, און אַליין האַלטן זיי זיך צוריק. דאָס פאָלק הויבט־אָן זיך שרעקן. די נאַכט גייט פאַרביי, און צומאָרגנס וועט זיי פּרעה אויפדעקן. און משה שטייט ווי אַ זייל פון מירמלשטיין, זיין מעכטיקער קאָפּ געהויבן אין דער הייך, צום הימל, דאָס פּנים באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, די ליפּן באַוועגט, און אין זיין האַרץ לייכט־אויף אַ תּפילה:

— אָ, יהוה, באַווייז דעם נס פאַר ישראל!

און מיטאַמאָל געשעט עס. אַ מאַן פון דער מחנה רייסט זיך אַרויס, שלעפּט זיין ווייב מיט אַ קינד נאָך זיך, טרעט־צו צום ברעג ים און רופט־אויס צום פאָלק:

—בני־ישראל, באַווייזט, אַז איר זענט בני־חורין, אַז איר זענט ווערט די גאולה. קומט, לאָמיר גיין אַנטקעגן דעם גאָט פון ישראל אין ים אַריין!

און ער גייט. דאָס וואַסער דערגרייכט אים ביז צו די קני, — ער גייט. אַ כוואַליע וואַסער קומט אים אַנטקעגן, גיט אים אַ שווענק אָפּ, דערלאַנגט אים ביז צום בויך, — און ער גייט, שלעפּט דאָס ווייב מיטן קינד נאָך זיך — און ער גייט.

און נאָך אים איינער און אַ צווייטער, און צען שוין, און הונדערט שוין. גיין, ניט מער קיין שטומע שאָף, וואָס ווערן פון הינט אַריינגעטריבן אין ים אַריין. פרייע מענטשן, וואָס גייען מיטן אייגענעם ווילן, זענען זיי. די פּעק אויף די פּלייצעס, די קינדער אויף די הענט, מענער און ווייבער גייען און גייען, און באַלד ווערט דער גאַנצער ברעג ים באַפעלקערט, סטאַדעס שאָף ווערן אַריינגעטריבן, בהמות אַריינגעשלעפּט, מיט מענטשן צווישן זיי — גרופּנווייז, איינציקווייז. אַ געזאַנג הערט זיך, אויסרופן צו גאָט, אויסגעשרייען „גאָט פון ישראל!" — און מען האַלט אין איין גיין. דער ערשטער, וואָס גייט פאָראויס, איז ביז צו דער ברוסט אין וואַסער. ער שטעלט זיך ניט אָפּ. געכאַפּט די קינדער אויף די פּלייצעס, און ער גייט, — און דאָס ווייב נאָך אים מיט איר

פּאַק אויף די פּלייצעס, מיט אַ קינד אויף די הענט. און זיי גייען ביידע און די מחנה נאָך זיי.

און דאָס וואַסער דערגרייכט צום האַלדז, צום מויל, — און מיטאַמאָל געשעט עס.

דער ים האָט אַ ציטער געגעבן, ווי אַן אויפרייס וואָלט געשען אין אים. צוויי וואַסער־ווענט האָבן זיך פונאַנדערגערוקט און צווישן זיי האָט זיך אויס־געצויגן, ווי אַן אויסגעפּלאַסטערטער וועג, אַ ברייטער טרוקענער פּאַס. אויף ביידע זייטן פון טרוקענעם שטעג זענען די וואַסער־כוואַליעס שטיין געבליבן, צוויי וואַסערדיקע ווענט. די ווענט זענען געווען וואַסער, מיט דער גאַנצער נאַטור פון וואַסער, מיט אַלע ברואים פון וואַסער; מען האָט געזען די פיש שווימען אין זיי. און דער וועג צווישן די ווענט איז געווען יבשה, מיט דער גאַנצער נאַטור פון יבשה, מיט די ווערים, וואָס ווידמענען זיך, און די קריי־טעכצער, וואָס וואַקסן אויף יבשה. און צווישן די צוויי וואַסער־ווענט זענען די בני־ישראל געגאַנגען. און אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, מיט די פּעק אויף די פּלייצעס, מיט די קינדער אויף די הענט, מיט די סטאַדעס שאָף און רינדער געטריבן פאַר זיך. משה איז געשטאַנען ביים ברעג מיטן שטעקן אין דער האַנט, און אַהרן איז געשטאַנען לעבן אים, מיטן יינגל יהושע, משהס אויסגעקליבענעם באַדינער, ביי דער זייט. און ערשט ווען דער לעצטער פון דער עדה איז אַריין אין ים אַריין, האָט ער פאַרלאָזט דעם באָדן פון מצריים און אַריינגעטראָטן נאָך זיי.

דערוויל איז דער מאָרגנשטערן אַרויסגעקומען, אַ ליכטיקער, אין עק הימל. דער שטויב־וואָלקן, וואָס איז געווען געשטאַנען פאַרגליווערט אין דער בייניאַכ־טיקער פייכטקייט, איז געהאַנגען ווי אַ פאַרהאַנג איבער די מצרים, האָט אָנגע־הויבן צעשפּרייטן זיך און צערייסן זיך, און פּרעה האָט דערזען דורך די דורכ־לויכטן די בני־ישראל ווי זיי האַלטן זיך אינמיטן ים, גלייך זיי וואָלטן זיך געטרונקען, בשעת פאַר אים איז אויסגעשפּרייט אַן אויסגעטריקנטער וועג, וואָס שניידט זיך אַדורך דורך דעם האַרץ פון ים, מיט צוויי וואַסער־ווענט אויף ביידע זייטן.

פּרעה האָט זיך גאָר אַנדערש ניט געקאָנט פאַרשטעלן, נאָר אַז דאָס האָט דער גאָט רא אויסגעטראָטן פאַר זיינע חיילות אַ וועג אין דעם זומפּיקן ים־סוף, כדי אָנצוהאַלטן זיין נצחון איבער זיין שונא; איז ניט רא אַרויסגעקומען איבערן הימל און ציט ער ניט פאַראויס פאַר זיינע חיילות אין זיין רייטוואָגן, געשפּאַנט צו די זון־שטראַלן אין הימל?

— נאָך מיר! זעט, רא האָט אויסגעטריקנט דעם ים פאַר אונדז. ער האָט אים באַפוילן און דער ים האָט באַלד אויסגעפירט דעם באַפעל צו מאַכן אַ וועג פאַר אונדז, אַ וועג אויף צו פאַנגען זיינע פיינט.

— יאָ, דאָס האָסטו באַפוילן דעם ים צו שפּאַלטן זיך, רא אין זיין אייגענעם לייב, — האָבן די רייטער געשריגן.

— רא גייט פאַראויס פאַר אונדז אויף זיין רייטוואָגן אין הימל!

— נאָך מיר!

און פּרעה, פּאַראויס אויף זיין רייטוואָגן, האָט אַוועקגעלאָפּירט אין די וואַסערן אַריין, און נאָך אים זיינע רייטער.

משה האָט געגלויבט, אַז ווען פּרעה וועט דערזען דעם נס, וואָס יהוה האָט געטון פאַר די בני־ישראל, וועט ער זיך דערשרעקן, ווי ער האָט זיך דערשראָקן, ווען יהוה האָט אים געשלאָגן מיט דער מכת־בכורות און וועט לאָזן די בני־ישראל פריי צו גיין אין מדבר. ערשט משה, איצט דער לעצטער הינטער דער מחנה פון ישראל, זעט ווי פּרעה, פאַרעקשנט, מיט אַ פאַרשטיינערט האַרץ, בלינד פון שנאה, גיריק נאָך נקמה, פירט זיינע רייטוועגן גלייך נאָך די בני־ישראל אין ים אַריין. די פערד, פריש פון בייגאַכטיקער רו, שפּריצן מיט שוים פון זייערע מיילער, לאָזנדיק זיך מיט ווילדן אימפּעט נאָך די בני־ישראל. די צעהיצטע פּנימער פון די רייטער ברענען מיט נקמה־לוסט. זיי ציען שוין אָן זייערע פיילנבויגנס און צילן אין די רוקנס פון די בני־ישראל.

און משה, אַדורכגענומען אין זיין גאַנצן וועזן מיט גאָטס וואָרט, הערט ווידער אין זיין האַרץ: „שטרעק־אויס דיין האַנט אויפן ים, און זאָלן די וואַסערן זיך אומקערן אויף די מצרים, אויף זייערע רייטוועגן און אויף זייערע רייטער״.

און משה שטרעקט אויס זיין האַנט אויפן ים.

נייִן, די וואַסער־ווענט זענען ניט אומגעפאַלן איבער זיי, ווי משה האָט זיך געהאַט גערעכנט, נאָר עס האָט אָנגעהויבן רינען פון זיי, ווי אייז־בערג וואָלטן גענומען טייען. שטיקער וואַסער־קריעות האָבן זיך אויפגעלייזט פון די ווענט און פאַרפלייצט דעם נאַרוואַס אויסגעטריקנטן וועג. אַ געדיכטע בלאָטע איז פאַרמישט געוואָרן אונטער די רייטוועגן און די רעדער האָבן אָנגעהויבן זינקען אין געמויזעכץ. די פערד האָבן געטאָפּיעט, געשלעפּט מיט גרויס שוועריקייט די פיס אין דער קלעפּיקער בלאָטע. די מצרים האָבן זיך געפונען אין האַרץ פון ים, פאַרזונקען אין בלאָטעס, איינגעשלאָסן אין וואַסער־ווענט, וואָס וועלן זיי אָט באַלד פאַרשלינגען אין זייערע טיפענישן.

— נייִן, ניט אויפן גאָט אַטאָן גייסטו אין מלחמה, פּרעה! דו האָסט אונדז אָפּגענאַרט. דאָס איז יהוה, דער גאָט פון ישראל. דאָס האָלט ער ווידער מלחמה קעגן אונדז, ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט אונדז אין מצריים גופא.

„עס איז יהוה, ניט דער גאָט אַטאָן! לאָמיר אַנטלויפן פון אים!״ — האָט משה געהערט דעם לעצטן אויסגעשריי פון די מצרים, איידער די וואַסער־ווענט זענען געפאַלן איבער זיי און זיי דערשלונגען.

ווען משה האָט, דער לעצטער פון די בני־ישראל, פאַרלאָזט דעם ים און איז אַרויסגעקומען אויפן צווייטן ברעג פון אויסגאַס, האָט ער זיך געוואָרפן אויף די קני, האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזונגען לויב־געזאַנגען צו יהוהן:

יהוה איז אַ קריגסמאַן,
יהוה איז זיין נאָמען.
פּרעהס רייטוועגן און זיין חייל

האָט ער געוואָרפן אין ים,
זיינע געקליבענע עלטסטע
זענען אין ים־סוף דערטרונקען.

שפּעטערע מסורות האָבן צוגעגעבן, אַז בשעת משה האָט געזונגען די שירה פון נצחון און לויב פאַר יהוהן, האָט ניט נאָר די גאַנצע עדה מיטגעזונגען, נאָר אַפילו קינדער אין דער מוטערס בויך האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם כאָר. ווען אָבער די מלאכים אין הימל האָבן אויך אָנגעהויבן מיטזינגען מיט משהן און די בני־ישראל דאָס ליד פון גבורה, האָט יהוה זיך אָפּגעווענדט פון זיי און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— דער באַשאַף פון מיינע הענט טרינקט זיך אין ים און איר זינגט מיר לויב־געזאַנגען?

די מלאכים האָבן אויפגעהערט זינגען, און אַזוי האָט משה אָפּגעהאַקט דאָס געזאַנג אינמיטן און עס ניט פאַרענדיקט.

# צווייטער טייל

## 1

סוף־כל־סוף זענען זיי פריי. בני־חורין אויף יענער זייט ים־סוף, ביים ראַנד פון מדבר שור.

נאָך קלאַפּן די ווייבער אין די טאַצן, טאַנצן אַרום מרימען מיט געזאַנג און פרייד. טייל בלאָזן־אָן די באַקן און לאָזן־אַרויס אַ גערויש ווי פון פּענבערס, וואָס פּלאַצן, אַנדערע פייפן מיט נאָז־טענער און קעל־טענער און רופן־אויס אין געזאַנג נאָך מרימען:

„זינגט צו גאָט,
וואָרעם ער איז הויך דערהייכט;
דעם פערד מיט זיין רייטער
האָט ער געשליידערט אין ים".

די מענער האָבן עפּעס בעסערס צו טון. זיי זענען פאַרנומען ביים ברעג. די אָנגעקוואָלענע וועלן פון ים־סוף הויבן איצט אָן אַרויסשווענקען פון זייער טיפעניש די טויטע קערפּערס פון די מצרישע רייטערס. די מתים זענען באַ־קליידט מיט קופּערנע פאַנצערס, די קאָמאַנדיר־אָפיצערן טראָגן נאָך אויפן האַלדז גאָלדענע קייטן, באַזעצט מיט טייערע שטיינער. נאָר טייערער פון דעם גאָלד און זילבער, וואָס די כוואַליעס וואַרפן אַרויס, זענען די בינטלעך פיילן, אָנגע־האַנגען אין שיידן אויף פאַסיקעס, און די קורצע שווערדן איבערן דיך פון די טויטע רייטערס. די מענער זוכן גאָלד און זילבער, די יינגערע צווישן זיי קוואַפּען זיך אויף דעם כלי־זין, די פיילנבייגנס, די שווערדן, די פאַנצערס. איטלעך שטיק אייזן, איטלעכער קופּערנער קנאָפּ, איטלעכער לעדערנער רימען,

איטלעכער געשפּאַן פון אַ פערד וועט זיי צוניץ קומען אין מדבר. און זיי קריכן ביזן האַלדז אין דעם געמויזעכץ פון ים־סוף און שלעפּן פון דאָרט אַרויס וואָס נאָר זיי קאָנען. אַ גרופּע יונגעלייט האָבן זיך איינגעשפּאַנט מיט שטריק אין אַ האַלב־פאַרזונקענעם רייטוואָגן און שלעפּן אים אַרויף אויפן ברעג. די רעדער פון וואָגן, באַשלאָגן מיט קופּער, און די גאָלדענע באַצירונגען זענען אַן אַטעסטאַט פון דעם רייטערס העלדנטאַטן אין קריג.

עס איז קיין שיעור ניטאָ צום עשירות, וואָס די מצרים האָבן מיטגענומען מיט זיך אין דער מלחמה, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע זייערע גאָלדענע און בראַנדז־געגאָסענע געטער, אַלע תרפים פון זייערע טעמפּלען מיטגענומען מיט זיך, אַז זיי זאָלן העלפן באַזיגן אַטאָן, דעם פאַרטריבענעם גאָט, וואָס איז צוריקגע־קומען אין געשטאַלט פון יהוה, און אַן עק זענען די פּורפּל־הילעס און די זיידענע וואָלן, וואָס זיי שלעפּן־אַרויס פון ים־סוף. בחינם קאָמאַנדירט משה איבערצולאָזן דאָס עשירות פון די מצרים און ווייטער צו ציען. משה קאָן זיי ניט אַוועקשלעפּן פון ברעג ים־סוף. דער ים־סוף וואַרפט־אַרויס פון זיך אַזאַ שלל מיט אוצרות, אַז זיי פאַרגעסן באַלד דעם ציל און די כוונה פון דער גאולה, זייער באַפרייאונג, און זיי זענען פאַרנומען מיט אויפקלייבן די אוצרות פון די מצרים.

לסוף באַווייזט זיך דער צייכן פון יהוהן ווייטער צו ציען, דער באַלויכטענער וואָלקן, וואָס משה האָט אים באַמערקט אין הימל פון דעם ערשטן טאָג אָן זינט ער האָט פאַרלאָזט גושן. דער וואָלקן גייט פאָראויס, דינט זיי פאַר אַ סיגנאַל — ווען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, ווען צו מאַכן אַן אָפּשטעל, וואוהין צו גיין.

דער גאָלד־באַזוימטער וואָלקן, וואָס נעמט־אָן אין שיין פון דער פאַרגייענ־דיקער זון אַ קאָליר פון ברענענדיקן חשמל, גייט — ניט אין דירעקטער ליניע איבער דער ברייט פון מדבר קיין קדש־ברנע, צום מדבר סין, צום לאַנד כנען, וואָס איז דער ענדציל פון דער נסיעה, נאָר ער לאָזט זיך אַרונטער לענג־אויס דעם ברעג פון דעם סועז־אויסגאָס אויפן וועג צו מדבר־סין. משה ווייסט, וואָס דאָס באַדייט. עס באַדייט, אַז זיי דאַרפן ציען צו דעם האַלב־אינדזל סיני, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט ברענגען אַהין די בני־ישראל צו דינען צו אים אויף דעם באַרג.

אין די זעק, אין די פּעק, וואָס זיי טראָגן אויף די פּלייצעס, געפינען זיך נאָך די פּלעצלעך פון ניט־געזויערטן טייג, וואָס זיי האָבן געבאַקט אין געאייל אויף דער זון, די קרוגן מיט אייל און האָניק, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט מיט זיך פון מצריים אין גרויס דערוואַרטונג, מיט שטאָלצע הערצער איבער זייער גאָט יהוה, וואָס האָט זיי פריגעמאַכט פון זייער שקלאַפעריי. און אַזוי, באַלאָדענע מיטן געפּעק, מיטן כלי־זין פון די מצרים פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, גייען זיי נאָך משהן אין מדבר אַריין.

אויפן דריטן טאָג קומען זיי אָן צום אויסגאָס פון ים־סוף, וואו דאָס וואַסער גיסט זיך אַרויס פון דעם ביטערן וואַסער פון מרה, און משה הייסט זיי מאַכן דאָרט אַן אָפּשטעל צו רוען.

אין דער נאַכט איז משה אַרויסגעגאַנגען צו דער מחנה צו זען די בני־ישראל אין זייער רוען.

פון אַלע זיינע מיטהעלפער און באַגלויבטע, אַפּילו מער פון זיין אייגענעם ברודער, האָט משה מקרב־געווען דעם יונגנמאַן יהושע, וואָס ער האָט אים תּמיד געהאַלטן לעבן זיך. וואָרעם משה האָט געפונען אין אים אַ האַרץ, פול מיט בטחון און מיט גלויבן אין יהוהן, אַ ווילן צו פרייהייט און ניט־באַגרענעצטע געטריישאַפט. ער האָט אים אויך געהאַט לעבן זיך, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דער נאַכט צו זען די מחנה פון די בני־ישראל.

אין דעם ליכט פון די העל־שיינענדיקע שטערן האָט זיי משה געזען ווי זיי ליגן אויסגעשפּרייט אויף זייערע פּעק און זעק, מיט זייערע ווייבער און קינדער, איבער דעם גאַנצן לאַנגן ברעג פון דעם ברייטן ביטער־טייך. עס איז קיין עק ניט געווען צו די טונקעלע פלעקן, וואָס זענען צעוואָרפן געווען איבערן ווייסן זאַמד. יונג און אַלט צוזאַמענגעקנאָטן ביינאַנד, מיט טשערעדעס גאַנצע קליין־פּי, שאָף, רינדער, אָדער קאָזעס, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן איינגעשלאָסן אין מיטן דער משפּחה ווי דעם גרעסטן אוצר, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך פון מצרים. און אַזוי פיל זענען זיי, מענטש און בהמה, געווען, אַז משה האָט זיי ניט געקאָנט אַלעמען אַריינגעמען אין זיין בליק.

ער האָט זיך געחידושט איבער דער גרויסער צאָל קינדער און יוגנטלעכע, וואָס ער האָט זיי געזען ליגן מיט זייערע עלטערן. פּרעה האָט דאָך ניט באַוויזן אויסצוראָטן דעם זאָמען פון אַברהם. וועלכע מוטער האָט זיי אויפגעצויגן אין באַהעלטעניש? ניט אַנדערש, נאָר גאָט פון אַברהם, וואָס האָט זיי באַהיט און באַשירעמט פון די מצרישע נוגשים, איז געווען זייער מוטער־ברוסט, וואָס האָט זיי דערנערט און אויפגעצויגן און איצט זיי צוריקגעבראַכט צו דעם פּאָטערס זייט. און אַזוי וועט גאָט אויך דערנערן די טשערעדע פון ישראל.

ער האָט מיטאַמאָל זיך אַריינגעטון אין זיך און פון עפּעס געקלערט — שווער און באַזאָרגט.

— זענען פיל פרעמדע מיטגעגאַנגען מיט די בני־ישראל? — פרעגט משה פּלוצלינג ביי יהושען.

— אין אָנהויב איז פון מצרים אַרויסגעקומען אַ גרויסער ערב־רב פון פרעמדע שקלאַפן, — האָט יהושע געענטפערט, — נאָר ביים ים־סוף, ווען זיי האָבן דערזען די מצרים נאָכקומען, זענען פיל פון זיי אויס שרעק אַנטלאָפן דורך אומוועגן צוריק קיין מצרים. טייל זענען דאָך געבליבן מיט די בני־ישראל און זענען מיט אונדז אַדורכגעגאַנגען דעם ים־סוף.

— די, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם גאָט פון ישראל און פאַרלאָזט זיך אויף אים, זענען אַ טייל פון אונדז, און ווי די בני ישראל זאָלן זיי באַהאַנדלט ווערן. עס זאָל קיין חילוק ניט זיין צווישן זיי און די בני־ישראל, און איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם היימישן און פרעמדן, — האָט משה געזאָגט.

— אַהרן האָט פּראָקלאַמירט דאָס געזעץ אין דיין נאָמען.

— ניט אין מיין נאָמען, נאָר אין דעם נאָמען פון גאָט יהוה, — האָט משה שטרענג געזאָגט.

אין אַ וויילע אַרום האָט משה געפרעגט יהושען:

— דאָס ברויט, וואָס די בני־ישראל האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, אויף וויפל טעג וועט עס קלעקן?

— טייל פון זיי האָבן עס שוין אינגאַנצן פאַרצערט ביז זיי זענען געקומען צום ים־סוף. טייל האָבן נאָך גרינוואַרג, אייער, עופות, האָניק. דער הונגער לאָזט זיך נאָך דערוויייל ניט זייער שטאַרק פילן אין דער מחנה. דער דאָרשט פייניקט אָבער די קינדער. די מוטערס פּרוואָוון שטילן זייער דאָרשט מיטן וואַסער פון טייך, אָבער דאָס וואַסער איז ביטער, ניט צום טרינקען. און טאָמער פאַרזיסן זיי עס מיט האָניק, עסט דאָס וואַסער אויף דעם טעם פון דעם האָניק. עס הערט זיך שוין אַ געמורמל אין פאָלק. מען פּרוואָווט זיי איינגעמען מיט דער הבטחה, אַז גאָט וועט באַלד שטילן זייער דאָרשט, אָבער דער געמורמל קעגן דיר הערט זיך וואָס־אַמאָל מער.

„פאַרוואָס קעגן מיר?" — האָט משה געטראַכט פאַר זיך. — „צי בין איך דען גאָט?" — אָבער אין דער הייך האָט ער געזאָגט צו יהושען:

— וועגן דעם ניט־געזויערטן ברויט, וואָס די בני־ישראל האָבן מיטגענומען מיט זיך פון מצריים, אַ חוק און אַ געזעץ זאָל עס זיין, אַז די בני־ישראל זאָלן עס עסן צוזאַמען מיט דעם לאַם פון פסח, וואָס זיי וועלן שעכטן איטלעכס יאָר דעם פערצענטן טאָג פון חודש, אין וועלכן זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצריים, פאַר אַן אייביקן זכרון פון די וואונדער, וואָס יהוה האָט געטון פאַר זיי.

— יאָ, דיין ברודער אַהרן און די כהנים שטעלן איין די פּרטים פון דעם געזעץ, אַן איינגעאָרדנטן שטייגער פאַר פייערן דעם קרבן־פסח.

— אַהרן און די כהנים אַרבעטן־איבער גאָטס געזעץ? — וואונדערט זיך משה.

— יאָ. זיי באַשטימען, ווער עס מעג עסן פון דעם קרבן־פסח און ווער ניט, און ווי אַזוי ער זאָל געגעסן ווערן; מען זאָל דאָס פלייש ניט אַרויסנעמען איבּ־דרויסן און קיין ביין זאָל ניט צעבראָכן ווערן פון קרבן; און ווי אַזוי די בני־ישראל זאָלן עסן דאָס ניט־געזויערטע ברויט, ווען זיי וועלן אַריינקומען אין זייער לאַנד אַריין, און וויפל טעג זיי זאָלן עס עסן.

משה האָט געשוויגן אַ ווייל. נאָך דעם האָט ער אויפגעהויבן זיין גרויסן קאָפּ צום אויסגעשטערנטן הימל און זיין גרויס פּנים איז באַלויכטן געוואָרן מיטן שטערן־ליכט, און ער האָט גערעדט צו יהושען:

— אַ גאַנץ נייער סדר וועט מוזן איינגעשטעלט ווערן מכּוח די געזעצן פון גאָט. ניט די כהנים זאָלן עס איינשטעלן, נאָר גאָט אַליין. און ניט די כהנים זאָלן עס פאַרשרייבן, נאָר די אויסגעוויילטע פון די זקני־ישראל, אַזוי ווי עס וועט אַרויסקומען פון גאָטס מויל. אַ חוק און אַ משפּט מוז פעסטגעשטעלט ווערן, ווי באַלד גאָט וועט צושיקן וואַסער צו דער עדה, וואָס ער האָט באַפרייט. וואָרעם עס פאַרלאָזט ניט דער פּאַסטוך זיינע שאָף און ער פירט זיי ניט אין מדבר, סיידן ער מאַכט זיכער, אַז עס איז פאַראַן אויף דעם אָרט וואַסער אָנצו־טרינקען זיינע שאָף, — און יהוה איז פון היינט אָן דער פּאַסטוך פון זיין עדה. און יהוה וועט אונדז אָנווייזן דאָס ברויט, וואָס מיר האָבן צו עסן, און דאָס וואַסער, וואָס מיר האָבן צו טרינקען, ווען די צייט וועט קומען פאַר דעם, — האָט משה אָפּגעענטפערט און איז צוריק געגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין.

אַ גאַנצע נאַכט איז משה ניט געשלאָפן. ער האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט פון גאָט, וואָס זאָל אים קומען זאָגן ווי אַזוי ער וועט נערן דאָס גרויסע פאָלק, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מצריים. עס איז קלאָר געווען, אַז נערן אַזאַ גרויסע עדה איז מעגלעך נאָר דורך אַ נס פון יהוה, — נאָר ער אַליין קאָן דאָס באַווייזן. גאָט האָט אים ניט געזאָגט אין מצריים, אַז די בני־ישראל זאָלן זיך פאַרגרייטן מיט צידה־לדרך פאַר דער נסיעה אין מדבר. אַפילו פון דעם קרבן־פסח, וואָס ער האָט זיי געהייסן שעכטן און עסן אין דער נאַכט פון יציאת־מצריים, האָט ער באַפוילן, אַז זיי זאָלן גאָרניט איבערלאָזן דערפון ביז אינדערפרי, נאָר פאַרברענען, וואָס עס וועט איבערבלייבן. קיין סימן פון אַ צידה־לדרך זאָל ביי די בני־ישראל ניט זיין, די מצות אומגעזויערט, געטריקנט אין געאייל אויף דער זון. יהוה, וואָס האָט אַרויסגענומען די בני־ישראל פון מצריים, — ער אַליין וועט זיי געבן צו עסן און צו טרינקען לרוב אין מדבר. ער איז זייער פאָטער פון היינט מאָל אָן, וואָס וועט זאָרגן פאַר זיי.

אַוודאי וואָלט עס גרינגער געווען פאַר משהן, ווען יהוה וואָלט אים פריער אָנגעוויזן, וואָס ער האָט צו טון. נאָר יהוה וויל, אַז די בני־ישראל זאָלן האָבן בטחון אין אים, אַז זיי זאָלן בלינדערהייד נאָכגיין נאָך אים, ווי אַ סטאַדע שאָף גייט־נאָך נאָך איר פאַסטוך. און פונקט ווי ביי קריעת ים־סוף האָט יהוה גע־וואָלט, אַז די בני־ישראל זאָלן פריער אַרויסווייזן זייער בטחון אין אים און גיין אין ים אַריין, איידער ער וועט אים נאָך שפּאַלטן, אַזוי טוט ער דאָס אייגענע מיט דעם ברויט און דעם וואַסער פאַר דער מחנה אויסוואַנדערער, ביז די נויט וועט קומען, און זיי וועלן רופן צו אים, ווי קינדער רופן צו אַ פאָטער. וואָרעם יהוה וויל, אַז די בני־ישראל זאָלן וויסן, אַז ער אַליין איז זייער שפּייזער און אָן אים זענען זיי אינגאַנצן אָפּהענגיק, זינט זיי האָבן מסכים געווען צוצוהערן זיך צו זיין וואָרט, צו פאַרלאָזן דאָס ברויט פון עבדות, וואָס זיי האָבן געקראָגן ביי פרעהן, און נאָכגיין נאָך אים אין א ניט־געזייטער, ניט־באַזעצטער, טרוקענער וויסטעניש.

משה האָט געהאַט געפירט פרעהס חיילות דורך דעם מדבר אין מלחמה, און ער האָט געוואוסט, וואָס עס הייסט אויסהאַלטן מיט שפּייז גרויסע מחנות מענטשן דורך אַ לאַנגן וועג אין מדבר. ער האָט געוואוסט פון די לאַנגע הכנות, וואָס ווערן געמאַכט מיט חדשים און חדשים פריער, איידער דאָס חיל גייט־אָפּ אין מלחמה, מיט די פיל קאַראַוואַנען קעמלען און אייזלען, באַלאָדענע מיט פיל עסנ־וואַרג און וואַסער. דאָך האָט ער דאַסמאָל זיך געלאָזט בלינדערהייד אין מדבר אַריין, פירנדיק נאָך זיך די גרויסע מחנה באַפרייטע שקלאַפן מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייער פי, שאָף און רינדער, אַוועקגעלאָזט זיך אָן שום הכנות, אָן יעטוועדער באַזאָרגונג פון צידה־לדרך.

איז אָבער ניט אַלץ געשען מיט אים, זינט יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים, דורך נסים? די מכות, וואָס יהוה האָט געבראַכט אויף פרעהן, דאָס אָפּזונדערן די בני־ישראל פון די פלאָגן, וואָס זענען באַפאַלן די מצרים, דאָס טויטן די בכורים פון די מצרים, — היינט דאָס שפּאַלטן דעם ים־סוף. יהוה האָט גענומען דאָס פאָלק צו זיך פאַר אַ געוויסן צוועק; ער האָט באַפרייט דאָס פאָלק ניט

צוליב עפּעס אַ קאַפּריז, נאָר פאַר אַ געוויסן תּכלית. ער האָט זיי געפירט אין מדבר אַריין, כּדי צו ברענגען זיי צום באַרג סיני. דאָס פאָלק געהערט צו יהוהן אַליין. ער איז זייער שפּייזער, און ער וועט משהן אָנווייזן, וואָס ער זאָל טון, ווען די צייט וועט קומען.

ווייסן אָבער דערפון די בני־ישראל און זייערע פירער? ביטער איז געווען דאָס ברויט פון מצרים, געגעצט אין אַנגסטן און טרערן, אָבער זיכער איז עס געווען, ווי זיכער עס איז געווען די בייטש פון אָנטרייבער, וואָס איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ. אומזיכער איז דאָס ברויט פון דעם בן־חורין, און דער גלויביקער האָט ניט מער ווי זיין גלויבן. און יהוה וויל, אַז זיי זאָלן עסן דאָס אומזיכערע ברויט פון בן־חורין און גלויביקן. וועלן זיי דאָס פאַרשטיין?

אַזוי האָט משה געטראַכט און גערעדט צו זיך אַ גאַנצע נאַכט, ביז אַ שטילער רעש, אָנקומענדיק פון דער מחנה בני־ישראל, ווי אַ ווייטער דונער, האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. אין איינגאַנג פון זיין געצעלט האָט ער דערזען זיין ברודער אַהרן, — דאָס פּנים ביי אים איז געווען בלייך און דערשראָקן, — און הינטער אים זענען געשטאַנען אַנדערע פירער פון ישראל.

— וואָס איז געשען? — פרעגט משה.

— גיי אַרויס און זע אַליין, — האָט אים אַהרן געזאָגט.

משה איז אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט אינדרויסן.

די מחנה פון ישראל איז געווען פאַרלאָזט. זיי האָבן איבערגעלאָזט אויף די ערטער זייער געפּעק, זייערע זאַכן, און זענען אַוועק, ווי איין מענטש, צום ברעג פון גרויסן טייך. משה האָט געזען ווי זיי האָבן געשעפּט וואַסער פון טייך, געשעפּט מיט זייערע כּלים, מיט די הענט, געטרונקען און געגעבן זייערע קינדער צו טרינקען. כּהרף־עין האָט משה געהאַט אַ וויזיע פון דער סטאַדע שאָף, וואָס ער פלעגט פירן אין מדבר, ווי זי קומט־אָן, פאַרשמאַכט פון לאַנגן דאָרשט, צו אַן איינזאַמלונג וואַסער, און זיי כאַפּן זיך צו צו טרינקען, און זיי שלינגען מיט אַזאַ ווילדער הנאה, מיט אַזאַ פאַרצאַפּלטער זשליאָקעניש דאָס מחיהדיק־קווענדיקע וואַסער. אָבער די דאָרשטיקע פון דער מחנה אויפן ברעג טייך האָבן געטרונקען גאָרניט מיט קיין פאַרכאַפּטן חשק, ווי זיינע שאָף, נאָר מיט פאַרקרימטע פּנימער, ניט מיט חשק, נאָר מיט ווידערווילן. די קינדער האָבן אויסגעבראָכן דאָס וואַסער אין די הענט אַריין פון די מוטערס און אויפגע־ריסן די לופט מיט זייער וויינען און קלאָגן. אַפילו די שאָף האָבן אַוועקגעדרייט די קעפּ פון דעם וואַסער און געמעקעט אַזוי קלאָגעדיק. די מענער האָבן געצאַמט זייער כּעס, און ווען זיי האָבן דערזען משהן, האָבן זיי געוואָרפן זייערע אייגענע און זענען געלאָפן צו אים. און באַלד איז משה געשטאַנען אינמיטן אַ וואַלד אויסגעשטרעקטע הענט און אַרויפגעריסענע בערד. צאָרנדיקע אויגן האָבן געבליצט אויף אים און אַ געשריי האָט אויסגעבראָכן פון טויזנטער העלדזער:

— וואָס זאָלן מיר טרינקען?

אין משהס האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ גרויס געשריי צו גאָט. ער האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך און געזאָגט: „פאַסטוך, פאַסטוך, דיין טשערעדע איז דאָרשטיק!"

ער האָט געוואוסט, אַז יהוה וועט אים העלפן, און ווי תמיד, וועט ער אים העלפן דורך זיין אייגענעם באַשאַף, דורך אַ באַשאַף, וואָס איז באַשטימט פאַר דעם צוועק צו געבן וואַסער די בני־ישראל. ער האָט געזען די בני־ישראל טרינקען וואַסער ניט פון די קוואַלן, וואָס זיי האָבן געפונען, נאָר פון ים־אויסגאָס, און ער האָט זיי געזאָגט:

— דאָס וואַסער פון ים איז פאַר אַנדערע צוועקן באַשטימט, ניט אויף צו שטילן דעם דאָרשט. פאַרוואָס זוכט איר ניט קיין קוואַלן?

— מיר האָבן געפונען קוואַלן, נאָר דאָס וואַסער איז ביטער. מיר קאָנען עס ניט טועם זיין.

— פירט מיך צו זיי.

זיי האָבן אים געפירט צו די קוואַלן, וואָס זיי האָבן געפונען. משה האָט פאַרזוכט דאָס וואַסער. עס איז געווען ביטער און שווער, ניט צום טרינקען. און מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט אַפּטמאָל געזען אין מדבר פון מדין. ער האָט געזען ווי זיין שווער יתרו פלעגט „היילן" דאָס ביטערע וואַסער פון קוואַלן מיט בלעטער פון לאָרבער־ביימער. דער שווערער, שאַרפער טעם פון לאָרבער־בלעטער טויט־אָפּ די געזאַלצנקייט פון דעם וואַסער אין קוואַלן, וואָס ווערן געגראָבן נאָענט פון ים אָדער פון זאַלץ־פעלדער. די כהנים רופן עס — היילן דאָס וואַסער, לייטערן עס פון שלעכטע ריחות.

וואו וועט ער נעמען לאָרבער־בלעטער אין מדבר שור? דער מדבר איז נאַקעט און לער פון יעטוועדער געוויקס; דער לאָרבער וואַקסט אין פייכטע, שאָטנדיקע אָאַזיסן.

ער קוקט זיך אַרום, און דאָ וואַקסן זיי פאַר אים. גאָט אַליין האָט זיי פאַר־פלאַנצט. טאַקע נידעריקע, פון ווינט אַדורכגעקעמטע, איינגעשרומפענע, דאַרע לאָרבער־געצווייגן, נאָר ער דערקענט זיי. עס דאַכט זיך אים, אַז זיי ריידן צו אים, ווייזן אים אָן, אַז דאָס זענען זיי, וואָס גאָט האָט זיי פאַרפלאַנצט אויפן אָרט צו היילן דאָס וואַסער.

ער איז פלינק צוגעלאָפן, האָט אויסגעריסן עטלעכע לאָרבער־צווייגלעך און געוואָרפן זיי אין קוואַל אַריין. און באַלד דערזעט ער דעם ווייסן עסענץ, וואָס גייט אַרויס פון די דורכגעווייקטע בלעטער און מישט זיך אויס מיטן וואַסער, און דאָס וואַסער ווערט דורכזיכטיק און ריין.

— נעמט און טרינקט, יהוה האָט געהיילט פאַר אייך דאָס וואַסער.

און זיי האָבן געטרונקען, און דאָס וואַסער איז געווען זיס און האָט געלאָשן זייער דאָרשט.

*

שפּעטער אין טאָג, נאָך דעם ווי די עדה האָט געהאַט געשטילט איר דאָרשט, זענען געקומען פאַר משהן און אַהרנען די פאָרשטייער פון דער עדה.

עס זענען נאָך אַלץ געווען דיזעלבע נוטרים פון די שקלאַפן־טעג אין מצריים, מיט קורחן, מיט דתן און אבירם בראש, מיט עטלעכע פון די זקני־העם און אַ צאָל פאַרשטייער פון די שבטים. די פאַרשטייערשאַפט פון די שבטים איז נאָך דערווייל פאַרבליבן ווי געווען. משה האָט איבערגעלאָזט דיזעלבע

אָרדענונג ביז ער וועט קומען צום באַרג סיני און וועט פאַרנעמען פון גאָט די חוקים און משפּטים, וואָס ער האָט דערוואַרט, אַז גאָט וועט אים געבן פאַר די בני־ישראל. די ראשי־המדברים פון דער פאַרשטייערשאַפט זענען נאָך אַלץ געווען די בני־לוי, און פון זיי — קורח און זיין עדה.

ערשט איצט האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט, — האָבן זיי געזאָגט צו משהן, — אַז זיי האָבן פאַרלאָזט מצריים צו־האַסטיק. זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט פאַרצובערייטן שפּייז און געזעלשאַפט וואַסער און די אַלע זאַכן, וואָס אַזאַ גרויסע עדה באַדאַרף האָבן, ווען זי ציט אין מדבר אַריין. צי האָבן משה און אַהרן, ווי אָנפירער פון דער נסיעה אין מדבר, געזאָרגט פאַר דעם, אַז די עדה זאָל האָבן גענוג צו עסן און צו טרינקען? און ווי אַזוי רעכענען זיי איצט דאָס צו באַזאָרגן? און ווי לאַנג וועט געדויערן דער וועג אין מדבר? זיי האָבן נאָר פאַרגעברייט דאָס פאָלק, — האָבן זיי געזאָגט, — אויף דריי טעג צו דינען גאָט אין מדבר. און פאַר דריי טעג האָט דאָס פאָלק געהאַט גענוג שפּייז, אַזוי אויך וואַסער. איצט אָבער, ווען יהוה האָט זיי אַריבערגעפירט איבערן ים־סוף און משה האָט אָפּגע־נייגט פון דעם גלייכן וועג און פירט זיי ניט צו דעם לאַנד כנען, וואָס יהוה האָט פאַרגעברייט פאַר זיי, נאָר אין אַ ווילדן מדבר אַריין, אין מדבר סיני, וואו עס איז ניטאָ צו געפינען קיין נערונג און קיין וואַסער, ווילן זיי וויסן ווי אַזוי וועט ער זיי דערנערן, וואו איז די פּראָוויזיע, וואָס אַ פּרעה פירט מיט זיך, ווען זיין חייל ציט אין מדבר אַריין. און ווי לאַנג רעכנט ער זיי צו האַלטן אין מדבר, ביז זיי וועלן דערגרייכן די גרענעצן פון די לענדער, וואָס ער, משה, זאָגט, אַז גאָט האָט אים געהייסן ברענגען אַהין די בני ישראל צו ירשענען די אַלע לענדער, לויט דער הבטחה צו די אבות? דער יציאת־מצריים איז געווען אַזוי האַסטיק, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו באַזאָרגן די אַלע באַדערפע־נישן פון די בני־ישראל.

משה איז געשטאַנען פאַר זיין געצעלט, ווען די פאַרשטייער פון די בני־ישראל, מיט קורחן און דתן און אבירם, זענען געקומען פאַר אים. ער האָט זיי אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן און עס האָט זיך געדאַכט ווי גאָטס בליץ פלאַקערט־אויף אין זיין בליק און גאָטס וואָרט פלאַקערט פון זיין צונג.

— איר — באַזאָרגן? איר — פאַרברייטן? ווער זענט איר, אַז איר זאָלט פאַרברייטן און באַזאָרגן די נייטן פון ישראל? ווער האָט ביז איצט באַזאָרגט די נייטן פון ישראל? די נייטן פון ישראל באַזאָרגט איין־איינציקער, — און דאָס איז, דער גאָט פון ישראל, יהוה. דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב. וואָס איז ער דען? איז ער אפשר אַ פּרעה, וואָס זאָל פירן פּראָוויזיע פאַר זיינע חיילות אויף די רוקנס פון קעמלען, מיט קאַראַוואַנען אייזלען, וואָס זאָלן שלעפּן לאָגלען וואַסער נאָך זיי? דער הימל איז זיינער און די ערד איז זיינע. ער קאָן באַפעלן די וואָלקנס צו רעגענען און ער קאָן מאַכן בליען דעם מדבר ווי דעם גאָרטן פון עדן. וואו ער איז און אומעטום, וואו ער קומט, דאָרט געפינען זיך זיינע משרתים, דער באַשאַף פון זיינע הענט. ער קאָן באַפעלן די שטיינער אויפצועפענען זייערע הערצער און נעמען שפּריצן מיט קוועלעדיקן וואַסער.

ער קאָן לאָזן רעגענען ברויט פון הימל. ער איז אונדזער שפּייזער און ער איז אונדזער באַזאָרגער.

— געוויס, געוויס האָט אונדז יהוה באַפרייט פון פּרעהס יאָך. אָבער ניט מלאכים האָט גאָט אַרויסגענומען פון מצריים, נאָר מענטשן, און ניט קיין הימלשע באַשעפענישן פירסטו אין מדבר אַרויס, נאָר קינדער פון דער ערד, וואָס זענען אָנגעוויזן אויף זייער חיונה. ווען זיי זענען הונגעריק, שרייען זיי, און ווען זיי זעען ווי זייערע קינדער שמאַכטן פון דאָרשט, וויינען זיי. אין מצריים, ווי ביטער עס איז ניט געווען די נויט פון אַרבעט, האָבן זיי געהאַט זייער באַ־שטימטע חיונה צו דער צייט און גוט וואַסער פאַר זייער דאָרשט. איצט, אַז דו פירסט אונדז אַרויס אין אַן אומבאַזעצטן מדבר, וואָס שטיינערדיק זאַמד איז זיין ערד, פלאַקערדיקער קופּער זיין הימל און די שלאַנג און דער עקדיש — זיינע באַוואוינער, האָבן מיר אַ רעכט צו וויסן, וואָס פאַר אַ הבטחה האָט דיר יהוה געגעבן וועגן אונדזער אויסקומעניש. מיר ווילן וויסן, צי אונדזערע קינדער וועלן ניט אויסגיין פון הונגער און דאָרשט פאַר אונדזערע אויגן אין דעם אומ־מענטשלעכן לאַנד, וואָס איז אָן שפּייז און אָן וואַסער, — האָט קורח גערעדט פאַר דער עדה.

— קיין אַנדער הבטחה האָט מיר יהוה ניט געגעבן ווי נאָר די הבטחה פון געזעץ, אַז — ווען דו וועסט זיך צוהערן צו יהוהס, דיין גאָטס, שטים און וועסט טון, וואָס איז רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן, און וועסט פאַרנעמען זיינע געבאָטן און אָפּהיטן זיינע געזעצן, וועל איך די אַלע פּלאָגן, וואָס איך האָב געטון די מצרים, פאַרמיידן פון דיר. וואָרעם וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז ניט צוליב אייך אַליין האָט אייך יהוה אַרויסגענומען פון מצריים, נאָר צוליב אַ העכערן צוועק, — כּדי איר זאָלט ווערן זיין אויסדערוויילט פאָלק, וואָס זאָל איינפירן זיין געזעץ און רעכט אין דער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן. און צוליב דעם צוועק פיר איך אייך צום באַרג סיני, כּדי איר זאָלט דאָרט פון זיין מויל אַליין הערן זיין ווילן. איר זאָלט ווערן זיין הייליק פאָלק און יהוה זאָל זיין אייער גאָט און אייער פאָטער, און ווי קינדער זאָלט איר זיך פאַרלאָזן אויף אייער פאָטער אין הימל און אים אַליין פאַרטרויען אַלע אייערע נייטן און אַלע אייערע באַדערפעניש‍ן, און איר זאָלט אים פאָלגן בלינדערהייד און האָבן בטחון אין אים. ווען ניט, מיט וואָס זענט איר בעסער פון די מצרים, וואָס גאָט האָט אייך פון זיי אָוועקגענומען? און ווי ער האָט געשטראָפט די מצרים, אַזוי וועט ער אייך שטראָפן. וואָרעם אַזוי ווי יהוה קען היילן די וואַסערן, אַזוי קען ער זיי אויך קראַנק מאַכן, ווי ער האָט עס געטון פאַר די מצרים. טוט די ווערטער איינקריצן אין אייערע הערצער און טוט זיי אויפשרייבן אויף אייערע שטערנס. און איצט, צוריק אין אייערע רייען און גרייט־צו דאָס פאָלק ווייטער צו ציען. איך זע די פייערדיקע זייל, וואָס גייט פאַראויס פאַר אונדז; זי ווייזט אונדז דעם וועג קיין אילם.

צעדריקטע פון זיינע ווערטער, זענען די פאַרשטייער פון די שבטים צוריק־געגאַנגען צו זייערע ערטער און האָבן אויסגעפירט משהס באַפעל, וואָרעם אַ גאַנץ אַנדער משה איז געשטאַנען פאַר זיי; דורך זיין מויל האָט גערעדט יהוה.

נאָר קורח אַליין, מיט דתן און אבירם הינטער אים, איז געשטאַנען פאַר

משהן. קורח מיט זיין ברייטער פיגור האָט געקוקט אויף משהן, און ער האָט ניט אַוועקגענומען זיין בליק פון משהס פייערדיקע אויגן, ווען ער האָט געזאָגט שטרענג:

— משה, משה, הלוואי זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט. טאָמער, חלילה, ניט, וועט דאָס בלוט פון פאָלק זיין אויף דיינע הענט. אַרויסצונעמען זיי מיט ווייב, קינד און שאָף אין מדבר אַריין — אָן עסן און אָן טרינקען!

פאַר אַ צייט האָט זיך געדאַכט, אַז משה האָט רעכט געהאַט, אַז ער האַלט זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן אין נאָמען פון יהוה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז יהוה מאַכט פאַר זיי בליען דעם מדבר ווי אַ גן־עדן און עפּנט־אויף פאַר זיי פון דער ערד קוואַלן מיט קוועלענדיקן וואַסער. דאָרט, וואו דער ווינט שפּרייט־אויס כוואַליעס זאַמד, זענען געוואַקסן פּאַלמען, פול באַהאַנגען מיט טייטלען, און וואו די ערד איז געווען צוגעדעקט מיט אַן אייבערשיכט פון שטיין, האָבן אַרויסגעקוואָלן לעבעדיקע קוואַלן. וואָרעם אין אילם, ביים ברעג פון דעם געזאַלצענעם ברייטן אויסגאָס פון רויטן ים, אַ האַלבער טאָג גאַנג נאָך פון מרה, האָבן זיי געפונען אַן אָאַזיס, באַוואַקסן מיט העלן גרינס, באַשאָטנט פון אַ פּאַלמען־וועלדל, אַן אָאַזיס פון צוועלף קוואַלן פריש וואַסער, ווי גאָט וואָלט באַשטימט אַ באַזונדער קוואַל פאַר איטלעכן שבט.

זיי האָבן באַוויליקט צו זיצן דאָרט און אָפּרוען זיך פון דעם פייערדיקן זאַמד פון מדבר.

# 2

עס איז געווען ווי קורח האָט פריער געזאָגט. פאַרלאָזט דעם אָאַזיס פון אילם, זענען די בני־ישראל אַריינגעטראָטן אין מדבר־סין. נאָך אַ גאַנץ אַנדער מדבר האָט זיך געעפנט פאַר זיי, גאָר ניט דער מדבר ווי די בני־ישראל האָבן אים ביז איצט געקענט. בשעת אין מדבר שור האָבן זייערע שאָף און רינדער געקאָנט נאָך געפינען צום גריזשען אַ קאַקטוס־ביימל אָדער אַ שטאַכער־דאָרן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם זאַמדיקן ים, איז דער מדבר־סין געווען פאַרחתמעט מיט איין שטיינערנער פלאַך, וועלכע האָט פאַרשלאָסן דאָס מויל פון דער ערד מיט אַ רויטלעכער אייבערשיכט פון גראַניט־שטיין. גראַניט־בערגער, אין דער פאָרם פון מוראדיקע ברואים, האָבן זיך דאָרט אויפגעהויבן, דער־לאַנגענדיק מיט זייערע ריזן־קעפּ צום בלוי־שרפעדיקן הימל. טעראַסן האָבן זיך געטורעמט איינע איבער דער אַנדערער, געשטיגן וואָס־אַמאָל העכער, מאַכנדיק אַלץ שווערער דעם וועג פאַר די ווייבער און די קינדער. דאָס קליינפי איז מיד געוואָרן, אויסגעמאַטערט פון הונגער און דאָרשט. נאָרענדיק די נעזער צווישן

די שפּאַלטן פון די שטיינער, זוכנדיק דאָרט אַ בלאַט גרינס אָדער אַן איינזאַמלונג וואַסער, האָבן די שאָף זיך אַוועקגעלייגט איבעראַנאַנד און ניט געוואָלט ווייטער גיין, אַזוי אַז די מענער האָבן מיט גרויס מי געמוזט זיי שלעפּן נאָך זיך.

דאָ און דאָרט האָט צווישן די שטיינערנע ווענט זיך אויפגעעפנט אַ טאָלכל, וואָס אַ ריזלדיקער טייך האָט אויסגעהוילט אין די בערג. מענטש און בהמה האָבן זיך געוואָרפן אַהין, אַהער, גיריק צו געפינען אַ שטרעמל וואַסער פון ערגעץ אַ קוועלכל, וואָס זאָל אַרויסשלאָגן אין די בערג, אָבער אַחוץ אַ קאַסקאַד זאַמד־שטיינער, וואָס האָבן זיך געקרישלט, פאַלנדיק פון די באַרג־שפּיצן אין דער אויסגעטריקנטער קאָרעטע אַריין, האָבן זיי גאָרניט געפונען. דער מדבר, טראָגעדיק מיט זאַמד־שטיין, האָט געבוירן גראַניט.

אַנטקעגן פאַרנאַכט, נאָך אַ דריי־טאָגיקן גאַנג אין מדבר, זענען זיי אָנגעקומען אין אַ שטיינערנעם טאָל, וואָס האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון אַ פּלאַטאָ אינמיטן די ריזיקע באַרג־הייכן. דאָס אָרט האָט זיי, אַחוץ אַ פאַרשאָטנטן אויסבאַהאַלט פון אַן אָנגעהיצטן הימל, וואָס האָט זיי געשמיסן מיט שפּיזיקע שטראַלן, מער גאָרניט אָנגעבאָטן. אויסגעמוטשעטע פון דעם שווערן וועג, האָבן זיי זיך געוואָרפן, יעדערער ווי ער איז געשטאַנען, ביי זייערע פּעק און בהמות.

אַ חודש צייט איז געווען פאַרביי, זינט משה האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים. אַ חודש צייט געפינען זיי זיך אין מדבר, און אין דעם משך האָבן זיי אויפגעגעסן, פאַרצערט יעטוועדער פּראָוויזיע, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך פון מצרים. די עופות, די מצה־פּלעצלעך, די קרוגן האָניק און ווייַן, די פיל קערב מיט גרינוואַרג, — אַלץ איז אַוועק, און אַ סך פון זיי האָבן אויך אויסגעשאָכטן זייערע געציילטע שאָף און אַנדער קליינפי. ס׳רוב אָבער פון זיי האָבן זיך אָנגעטון אַ כּוח און געלאָזט גאַנץ זייערע שאָף און ציגן, וואָס זענען געווען די איינציקע שפּייזער פאַר זייערע קינדער. מיט דעם געירשנטן אינסטינקט פון פּאַסטוכער, האָבן זיי געוואוסט, אַז קליינפי, וואָס זיי פירן מיט זיך, איז דער מקור פון זייערע צוקונפטיקע סטאַדעס, פון וועלכע זיי וועלן ציען זייער חיונה; און מיט דעם עקשנות פון פּאַסטוכער, האָבן זיי ליבער געליטן דעם פּיין פון הונגער און פאַרקוקט דעם צער פון זייערע קינדער, נאָר איינגעהאַלטן די פּאָר שאָף אין דער האָפענונג, אַז נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — און גאָט וועט זיי אַריינפירן אין אַ שפּעדיקן פּאַשע־לאַנד, וואו זיי וועלן געפינען גראָז צו פיטערן זייערע שאָף און רינדער, ווי משה האָט זיי געהאַלטן אין איין צוזאָגן. אָבער דורך דעם גאַנג אין מדבר, נאָך מער — דורך דעם שטיינערדיקן מדבר־סין האָט זיי דער הונגער אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צווייפלען, צי זיי וועלן גאָר אַמאָל דערגרייכן דאָס לאַנד פון מילך און האָניק.

די נאַכט האָט משה פאַרנומען דאָס מורמלען פון די בני־ישראל. ניין, עס איז ניט געווען מער דער פּראָטעסט־געשריי פון מרה, וואו זיי האָבן געשריגן: „וואָס וועלן מיר טרינקען?״ — ביי מרה איז עס געווען אַ פאָדערן, אַ פאָדערן פון מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז משה קאָן זיי העלפן: ער באַדאַרף זיך נאָר ווענדן צו יהוהן, און יהוה וועט אים אָנווייזן אויף אַ קוואַל וואַסער. אין דעם געשריי פון מרה איז געווען אמונה אין יהוהן, און ווי קינדער זענען זיי

געקומען און האָבן געשריגן צו זייער פּאַטער: „וואָס וועלן מיר טרינקען?״ דאָ, אין מדבר־סין, צווישן די אַכזריותדיקע באַרג־הייכן אויף אַ שטיינערדיקער פאַרשלאָסענער ערד, האָט משה געהערט אַ פאַרצווייפלט געוויין אויפגיין פון די שוואַרץ־באַשאָטנטע גרופּעס, ווי זיי זענען געלעגן צוזאַמענגעקאַפּיעט מיט זייערע ווייבער, פאַרשמאַכטע קינדער און מעקעדיקע שעפּעלעך. עס איז געווען אַ שטום, בייז־אַנזאָגנדיק ברומען, אַ ברומען פון פאַרלוירענער האָפענונג, פון יאוש אָן אַ גרענעץ. ניין, עס זענען ניט געווען מער די באַפרייטע קנעכט פון מצריים, וואָס פּראָטעסטירן און פאָדערן; עס זענען געווען שקלאַפן, וואָס האָבן געבענקט נאָך דעם שקלאַפן־ברויט פון מצריים.

ווען משה האָט געהערט, אַז דאָס פאָלק מורמלט, האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער אַהרן:

— קום, לאָמיר אַרויסגיין צו זיי.

— זיי זענען אין גרויסן אויפרודער. זיי שטייען, אַ געזעמל דאָ, אַ געזעמל דאָרט, און רופן־אויס שלעכטע נעמען.

— ווען מיר זיך דען אויסבאַהאַלטן פון זיי? קום.

און משה איז אַרויסגעגאַנגען אין דער נאַכט צו דער עדה. ער האָט זיי געזען, די מענער, ווי זיי שטייען גרופּנווייז. ניין, זיי זענען ניט געשלאָפן די נאַכט. זיי האָבן ניט גערוט. זיי האָבן זיך געשפּאַרט איבער עפּעס, געוואָרפן ווילד מיט די הענט. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ הויכער אויסגעשריי, ווי ניט ווערטער וואָלטן געפאַלן פון מענטשלעכע מיילער, נאָר שטיינער, און גלייך אויף משהס און אַהרנס קעפּ. דאָס מורמלען און דאָס געשריי זענען נאָך געווען צו פאַרטראָגן, אָבער ניט דאָס שטילע געוויין פון די ווייבער ווי זיי האָבן געהויערט ביי זייערע פּעק. די ווייבער האָבן געפּרואווט מיט אַלע זייערע כוחות איינצושטילן די שרייענדיקע קינדער. און משהס האַרץ איז זייער שווער געוואָרן.

עס האָט זיך שנעל צעטראָגן דורך דער עדה, אַז משה און אַהרן געפינען זיך צווישן זיי, און באַלד זענען די ברידער געשטאַנען, איינגעמויערטע אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע מענטשלעכע לייבער. פון פינצטערע פּנימער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָבן אַרויסגעלויכטן צאָרנדיק אָנגעצונדענע אויגן, וואָס האָבן קיין גוטס ניט צוגעזאָגט, און אַ וואַלד הענט, פאַרשטשעמעט אין דראָענדיקע פויסטן, האָבן זיך געשטרעקט צו די ברידער.

ניין, ניט קורח, ניט דתן און ניט אבירם האָבן איצט גערעדט צו משהן און זיין ברודער; דאָס מויל פון פאָלק האָט איצט גערעדט צו זיי מיט ביטערניש.

— וואָס האָט איר געוואָלט פון אונדז? הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן דורך דער האַנט פון גאָט אין לאַנד מצריים, ווען מיר זענען געזעסן איבערן פלייש, ווען מיר האָבן געגעסן ברויט צו זאַט, איידער איר האָט אונדז אַרויסגעשלעפּט אין דעם מדבר צו טויטן אונדז דורך הונגער.

עס זענען געווען ביטערע ווערטער. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס זיי האָבן רעכט געהאַט. משהס האַרץ איז מער צעשניטן געוואָרן פאַר ווייטיק

איבער דעם, וואָס דאָס פאָלק הונגערט, איידער איבער דעם, וואָס זיי מורמלען אַנטקעגן אים.

— ניט מיר האָבן אייך אַרויסגענומען פון מצריים, נאָר יהוה. און יהוה ווייסט, אַז איר זענט הונגעריק און דאָרשטיק, און ער וועט אייך קומען צוהילף. מיר זענען דיזעלבע, וואָס איר: אויב איר וועט פאַרהונגערן, וועלן מיר אויך פאַרהונגערן, און אויב איר וועט אויסגיין פון דאָרשט, וועלן מיר אויסגיין פון דאָרשט. ניט אַנטקעגן אונדז דאַרפן זיין אייערע מורמלערייען, נייערט אַנטקעגן גאָט.

— אָבער ווען וועט ער אונדז געבן עסן? צי מוזן מיר וואַרטן ביז מיר וועלן זען אונדזערע קינדער אויסגיין פאַר אונדזערע אויגן? און ווי אַזוי וועט ער אונדז נערן? זע דאָס גרויסע פאָלק, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אין מדבר. צי וועט ער מאַכן דעם מדבר בליען מיט ברויט פאַר אונדז?

— צי איז דען יהוהס האַנט צו־קורץ אייך צו נערן? דער, וואָס האָט געשפּאָלטן דעם ים פאַר אייך, קאָן שפּאַלטן די הימלען און רעגענען ברויט אויף אייך. נאָר ווען ער וועט דאָס טון, דאָס ווייס איך ניט, ער האָט עס מיר ניט געזאָגט. און ווי אַזוי ער וועט דאָס טון, ווייס איך אויך ניט. דאָס איינציקע, וואָס איך ווייס, איז, אַז דער, וואָס האָט אייך אַרויסגענומען פון מצריים, וועט אייך ניט לאָזן אויסגיין פון הונגער אין מדבר.

— דו ווייסט ניט, ווען ער וועט עס טון און ווי אַזוי ער וועט עס טון, און דו האָסט אונדז געפירט אין אַ שטיינערנעם מדבר אַריין? פאַרוואָס ווענדסטו זיך ניט צו אים? פאַרוואָס פרעגסטו אים ניט, ווי לאַנג ער וועט אונדז לאָזן אַזוי הונגערן?

— ווער בין איך, איך זאָל זאָגן יהוהן, אַז זיין פאָלק הונגערט? ווייסט ער דען דאָס ניט אַליין? קוקט ער ניט אַראָפּ פון זיינע הימלען און זעט ער ניט אייער צער, ווי ער האָט געזען אייער פּיין אין מצריים און געהערט אייער קרעכצן? ניט צו מיר געהערט איר, נאָר צו יהוהן, און ניט איך וועל אייך געבן עסן, נאָר יהוה אַליין. צו אים רופט, און ער וועט אייך ענטפערן, — האָט משה געזאָגט און זיך אָפּגעווענדט פון פאָלק.

נאָר קוים איז ער אַריינגעקומען אין זיין געצעלט אַריין, האָט משה דער־הערט יהוהס שטים אין זיין האַרץ. און די שטים האָט אים צו וויסן געגעבן, ווען יהוה וועט נערן דאָס פאָלק און ווי אַזוי ער וועט עס טון. יהוה האָט צוריק־געהאַלטן זיין שפּייז פון פאָלק ביז איצט, כּדי צו פּרואוון, צי זיי וועלן גיין אין די וועגן פון זיין תּורה, אָדער ניט.

און משה און אַהרן האָבן געקענט ברענגען די גוטע בשורה צו די בני־ישראל.

שטייען שוין איצט משה און אַהרן צווישן אויפגעפלאַמטן פאָלק. הונגעריקע אויגן קוקן אויף זיי, אָבער הערצער, אַנגעזעטיקטע מיט האָפענונג און גלויבן, קלאַפּן אַנטקעגן זיי. וואונדערלעכע ווערטער פאַרנעמען די בני־ישראל, ווערטער, וואָס זיי האָבן קיינמאָל פריער ניט געהערט, קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז זיי

קאָנען גאָר געמאָלט זיין, ווערטער, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט פאַרנומען.

— אויף פליגל פון אָדלערס האָט ער זיי אַריבערגעפירט איבערן ים און פון הימל וועט ער זיי שיקן ברויט.

פאַרחתמעט איז די ערד פון מדבר־סין מיט אַ שטיינערנער חתימה, נאָר די הימלען וועלן פאַרקערט ווערן פאַר זיי אין פעלד, די הימלען וועלן זיך שפּאַלטן אַזוי ווי משה האָט געזאָגט, און גאָט וועט מאַכן רעגענען ברויט.

— אין אָוונט וועט איר וויסן, אַז יהוה האָט אייך אַרויסגענומען פון מצריים. אינדערפרי וועט איר זען די פּראַכט פון גאָט. יהוה האָט געהערט אייער געוויין און אייער געשריי און פאַרנומען אייער מורמלען. און זעט, ער קומט און איילט צו אייער הילף.

און אַהרן האָט זיי אָנגעוויזן אויפן מדבר.

און זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערזען:

אַ פלאַקערדיקער וואָלקן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פון הימל און איז געבליבן שטיין אין דער לופטן פאַר זיי איבערן מדבר. ניט קיין וואָלקן אויס רויך און זאַמד, ווי זיי זענען געוואוינט געווען צו זען אין מדבר, נאָר אַ חשמל־פלאַקערדיק פייער, וואָס האָט געהאַט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן אין זיך, ווי אַ פינגער פון גאָטס האַנט וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט און זיי אָנגעדייט, אַז עס זענען וואָר די רייד, וואָס משה און אַהרן רעדן צו זיי.

— קעגן אָוונט וועט איר עסן פלייש, אינדערפרי וועט איר זיך זעטיקן מיט ברויט, און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה אייער גאָט.

ווי איין מענטש זענען זיי אויסגעזעסן, די גאַנצע עדה, אויף די רויטלעכע, שטיינערנע טעראַסן פון מדבר־סין, געזעסן מיט זייערע ווייבער און קינדער און געהאַלטן אין איין אַרויפקוקן צום הימל, וואָס דאָס ברויט האָט געזאָלט פון דאָרט אַרונטעררעגענען צו זיי. זייערע אויגן האָבן שוין מער ניט געברענט מיטן פייער פון הונגער־קראַנקהייט, נאָר זיי זענען אָנגעצונדן געוואָרן מיטן הייליקן פייער פון בטחון אין יהוהן.

און משה האָט אויסגעוואָרט אויפן ברויט פון יהוה. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים, האָט משה געוואוסט און גע־גלויבט, אַז יהוה נעמט־אַרויס די בני־ישראל פון פרעהס קנעכטשאַפט, כּדי זיי זאָלן ווערן די קנעכט פון זיינע געבאָטן. ניט פרעה, נאָר יהוה איז דער האַר און דער געביטער פון די בני־ישראל, און ווי אַ האַר האָט צו זאָרגן איבער דער חיונה פון זיינע קנעכט, אַזוי האָט יהוה צו באַזאָרגן די חיונה פון די בני־ישראל. זיי זענען זיין פאָלק.

איצט, ווען יהוה וועט זיי שיקן דאָס ברויט פון הימל, וועט עס זיין אַן אויפווייז, אַז יהוה אַליין האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער די בני־ישראל; אַז ער איז זייער האַר, זייער געביטער און זייער פאַרזאָרגער. און די בני־ישראל וועלן וויסן פון היינט־מאָל אָן, וועמען זיי געהערן און וועמען זיי האָבן צו דינען.

משה האָט דערפאַר אויסגעוואָרט מיט אומגעדולד אויפן נס פון שפּייז פאַרן

פאַלק, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ווי אַלע נסים, וואָס יהוה האָט געטון ביז איצט, וועט דער נס פון שפייז אויך געטון ווערן דורך איינעם פון זיינע באַשאַפן, וואָס ער וועט אים באַשטימען צו ברענגען נערונג די בני־ישראל. און משה מיט די בני־ישראל זענען אויסגעזעסן אַ גאַנצן טאָג אויף דעם אָנגעהיצטן שטיינערנעם באָדן פון מדבר־סין און האָבן געקוקט אין הימל אַריין, האָבן אויסגעקוקט אויף דעם נס.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז די זון אונטערגעגאַנגען הינטער די ריזיקע בערג, אָנצינדנדיק מיט אַ העלישן פייער דעם קופּער־רויט פון פעלדזן־שטיין. דער גאַנצער האָריזאָנט האָט געפלאַקערט אין דעם פייער. עס איז געווען ווי די בערג וואָלטן צעשמאָלצן געוואָרן אין דעם פייערדיקן ים, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם הימל. דערווייל זענען אונטן אין טאָל, אונטער די ווענט פון די בערג, אַרונטער־געפאַלן טונקעלע, בלויע שאָטן־שלייערס און האָבן איינגעוויקלט אין זייער טונקלקייט דעם ברייטן טאָל מיט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין אים. די ווייט־צעשפּרייטע גרופּעס פון דער עדה זענען אויסגעמישט געוואָרן און האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער טונקלקייט און זענען געוואָרן מיט איר צו איין מאַסע.

דענסמאָל האָט זיך דערהערט אַ געצוויטשער פון פייגל. מען האָט נאָך די פייגל ניט געזען, נאָר שאָטנס פון פליגל האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן איבער די באַלויכטענע ווענט פון די בערג.

די עדה האָט זיך אויפגעריסן פון די ערטער, ווי איין מענטש, און אַלע האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער צום הימל. דאָס צוויטשערן איז וואָס־אַמאָל העכער געוואָרן, די שאָטנס אויף די ווענט גערדיכטער און אָנגעלאָדענער. מיטאַ־מאָל האָט זיך באַוויזן די ערשטע ריי פון אַ סטייע פייגל. עס זענען ניט געווען די אויסגעהונגערטע ים־מייוועס, וואָס ווידמענען זיך ביים ברעג פון רויטן ים. ניין, ניט קיין אויסגעמאָגערטע ים־פייגל, נאָר דער פעטער, אַזוי גוט באַקאַנטער, היימישער וואַכטלפויגל, מיט דער פעדער־קרוין אויף זיין קעפל, מיטן באַלייגטן פעטס אונטער די ברוינע פעדערן, וואָס רייצט דעם אַפּעטיט. פון וואַנען נעמען זיך דאָ, אין מדבר, די וואַכטלפייגל פון די גושנדיקע זומפּן, וואָס די מצרים גייען נאָך זיי אויף געיעג? איבער מדבריות און איבער בערג זענען זיי געקומען אַהער צו פליען, צוערשט איין ריי, דערנאָך אַ צווייטע, ביז די גאַנצע אַטמאָספער איז צוגעדעקט געוואָרן מיט זייערע פעטע, ברוין־באַפעדערטע קערפּערס. און באַלד האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזט צו די פיס פון דער אויסגעהונגערטער עדה.

ניין, זיי האָבן ניט באַדאַרפט ניט קיין פיילן, ניט קיין וואַרפשפּיזן, ניט קיין געיעגזעק, וואָס די מצרים גייען מיט זיי אויף געיעג נאָך די פייגל. אָן וואַרפ־שפּיזן, אָן געיעגזעק, אָן פיילן און אָן אַנדער וואָפן האָבן זיי געכאַפּט די פייגל. די פייגל זענען אַרונטערגעפלויגן צו זייערע געצעלטן, האָבן אַרונטערגעלאָזט זיך צו זייערע פיס, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי כאַפּן, אַז מען זאָל זיי נעמען און אויספירן אויף זיי גאָטס געבאָט.

אַ יובל־געשריי האָט זיך געהערט פון דער מחנה. אַ געלויף, אַן אויסשטרעקן פון הענט נאָך די פייגל, אַ כאַפּעניש, אַ פריידיק געלעכטער, אַ רעשיק אויסרופן פון וואונדער:

— דאָס איז דאָס פֿלייש, וואָס יהוה האָט אונדז צוגעשיקט!

— דאָס פֿלייש פֿאַרן אָוונט!

באַלד איז געוואָרן אַ פֿליקערײַ, אַ געשליידער פֿון פֿעדערן, און אַ שניי פֿון פֿעדערן האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער דער גאַנצער מחנה, באַגלייט מיט געלעכטער און פֿרייד. און פֿון וואַנען האָבן זיי גענומען טרוקענע שפּענער, צווייגן, געפֿאַלענע בלעטער אין שטיינערנעם מדבר? דאָ און דאָרט האָט שוין אויפֿגעפֿלאַקערט אַ פֿייערל אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט. משפּחות זענען פֿרידלעך, נחת־רוחדיק געזעסן אַרום און האָבן געקוקט מיט סלינעדיקע מײַלער און הונגעריקע אויגן אויפֿן פֿלאַמענדיקן פֿויגל און געקוויקט זיך מיטן אָנגענעמען צישען, וואָס דאָס פֿעטס גיט־אַרויס אין פֿײַער.

ווייניק זענען געשלאָפֿן די נאַכט אין לאַגער. מיד פֿון איבערשטאָפּן זיך די בײַכער מיטן געשמאַקן פֿלייש, האָבן די אויגן זיך געשלאָסן בײַ זיי, דאָך האָבן זיי אָפּגעוואָרט דעם רעגן פֿון ברויט, וואָס יהוה האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן קלײַבן אין פֿרימאָרגן.

— פֿלייש אָן ברויט איז גאָרניט. דאָס ברויט, דאָס ברויט זעטיקט, נאָך אַלעמען, דעם מאָגן. און מיין ניט, אַז איטלעכן אָוונט וועט דיר יהוה אַרײַנוואַרפֿן אַ טאָפּ מיט פֿלייש אין געצעלט אַרײַן. עס וועט גענוג זײַן, אויב נאָר איין מאָל אַ וואָך, אָדער אַפֿילו גאָר איין מאָל אַ חודש זאָל אַזאַ מבול פֿון פֿייגל אָנקומען צו פֿליען. דער עיקר איז דאָס ברויט. איך וואָלט שוין געוואָלט זען ווי עס זעט אויס און וואָס פֿאַר אַ טעם עס האָט.

— איך וויל נאָר וויסן, פֿון וואַנען עס וועט קומען. טאָקע פֿון הימל? אויב אַזוי, וועט עס דאָך מוזן האָבן אַ הימלשן טעם.

— מיין ניט, אַז דו וועסט דיר אָנשטאָפּן אַ פֿולן זאַק דערמיט, ווי דו האָסט דיר אָנגעשטאָפּט אַ פֿולע שטייג מיט די פֿייגל.

— זאָל עס נאָר קומען, וועל איך שוין וויסן, וואָס איך האָב צו טון. איך האַלט פֿון איין כּלל: דאָס, וואָס איך האָב אין דער האַנט, דאָס איז מײַנס.

אַזוי זענען זיי געזעסן, האָבן געשמועסט צווישן זיך און אויסגעוואָרט אויף דעם ברויט, ביז די מידקייט האָט זיי בײַגעקומען און דער שלאָף האָט זיי צוגעמאַכט די אויגן.

פֿאַרטאָג האָבן זיי דערפֿילט אַ קעלט. אַ ציטער איז אַדורכגעגאַנגען דורך זייערע גלידער פֿון דער געדיכטער פֿײַכטקייט פֿון פֿעטן טוי, וואָס האָט זיך געזעצט איבער די פֿלאַכע שטיינער־טעראַסן.

באַלד האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן בלײַכן און די שפּיצן בערג האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן. און עס איז געווען ווי די בערג וואָלטן צוריקגעגעבן די זון, וואָס זיי האָבן אויף בײַנאַכט אײַנגעשלונגען. פֿאַסן ליכטיקע שטראַלן האָבן זיך פֿאַרשפּרייט איבערן הימל און אַראָפּגעשטראָמט מיט אַ מבול ליכט איבער די טעראַסן. מיט טויזנטער פֿײַערדיקע צונגען האָבן זיי דאָרשטיק אָפּגעלעקט די פֿײַכטקייט, וואָס האָט געדיכט באַדעקט די שטיינערנע פֿלאַכן. און ווען די שיכט טוי איז אָפּגעלעקט געוואָרן, האָט זיך באַוויזן אַ דינער, ווייסער געפֿריר איבער דער גאַנצער פֿלאַך פֿון שטיין. דער געפֿריר איז באַשטאַנען פֿון קרישטאָל־

פֿאַרעמדיקע בלימלעך, געבונדן איינס אָן אַנדערן, ווי די קעמערלעך פֿון קאַנדל־צוקער. די זון האָט געשלאָגן אין די בלימלעך, און זיי האָבן אויפֿגעפֿלאַמט, ווי דאָס גאַנצע געזיכט פֿון דער שטיינערדיקער פֿלאַך וואָלט באַדעקט געווען מיט בריליאַנטענע טראָפּן. די מענער, די ווייבער, די קינדער האָבן עס אויפֿגעשעפּט הויפֿנווייז און באַטראַכט עס מיט גרויס שטוינונג. זיי האָבן זיך געשייעט צו נעמען עס צום מויל, וואָרעם די קרישטאָל־בלימלעך האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען פֿאַרשטיינערטע בלימלעך. זיי האָבן עס אונטערגעטראָגן איינער דעם אַנדערן און געפֿרעגט פֿאַרחידושט, ווי אָפּגענאַרטע אין זייער האָפֿענונג:

— מן הוא? וואָס איז עס? — האָבן זיך געהערט איינצלנע שטימעס אין אַ שושקעריי.

— מן הוא? — האָבן זיך שוין געהערט העכער מער שטימעס.

„מן הוא?‟ איז געוואָרן אַ געשריי פֿון אַלע זייטן. זיי זענען אָנגעקומען צו לויפֿן מיט הויפֿנס קלעפּיקע קרישטאָל־בלימלעך און געפֿרעגט איינער ביים אַנדערן: „מן הוא?‟

משה איז דערווייל געשטאַנען פֿאַר דעם איינגאַנג אין זיין געצעלט און האָט מיט פֿריידיק־שטראַליקע אויגן צוגעזען ווי יהוה שטעלט־צו די בני־ישראל זייער טעגלעך ברויט. ער האָט אוודאי געוואוסט, וואָס דאָס איז. וויפֿיל מאָל האָט ער עס אַליין אויפֿגעקליבן צווישן די שפּאַלטן אין די פֿעלדזן־בערג, אָדער פֿון די דינע מילכיקע קאַקטוס־בלעטער, די ווייסע קרישטאָל־בלימלעך, וואָס קלייבן זיך אָן אין מדבר, אַ געמיש פֿון אינסעקטן־אויספֿלוס און אַ שליימיקער פֿלעגמע, וואָס דער טוי פֿאַרטראָגט מיט זיך. פֿאַרטריקנט אויף דער זון, ווערט עס פֿאַרקערט אין אַ מעליק קלעפּעכץ, וואָס האָט גענוג נערונג אין זיך צו דערהאַלטן אַ מענטשלעך לעבן אין מדבר. ער האָט זיך אַליין דערמיט גענערט בשעת ער האָט געפֿיטערט יתרוס שאָף אין מדבר. די באַשטאַנדטיילן פֿון דעם שטאָף זענען צו געפֿינען אין אַ קליינער מאָס אין דעם מדבר, און דער מדבר־מענטש מוז לאַנג זוכן ביז ער געפֿינט עס אָנגעקלעפּט אויף אַ פֿעלדזן־שטיין אָדער אויף אַ צווייג פֿון אַ בוים. דער נס פֿון יהוה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער ווינט און דער ביינאַכטיקער טוי האָבן פֿון אַלע ווינקלען און עקן מדבר צונויפֿגעבראַכט דעם שטאָף אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז ער האָט געקלעקט אויף צו נערן דאָס גאַנצע פֿאָלק. זיכער אין דעם, אַז יהוה וועט האַלטן זיין הבטחה און וועט נערן דאָס פֿאָלק, איז משה נאָך מער דערפֿרייט געוואָרן צו זען, אַז יהוה טוט עס אויף אַזאַ פּשוטן אופֿן, שטעלט־צו דאָס ברויט פֿאַר ישראל, ניט משנה צו זיין זיין טבע, דורך זיין אייגענעם באַשאַף.

— ווי וואונדערלעך זענען די מעשים פֿון יהוה! — האָט זיך משה גע־טראַכט. און צו די בני־ישראל, וואָס האָבן געהאַלטן הויפֿנס מיט דעם מעליקן שטאָף אויסגעשטרעקט צו אים און געפֿרעגט ביי אים אין איין קול: „מן הוא?‟ — האָט ער געזאָגט: — דאָס איז דאָס ברויט, וואָס גאָט האָט אייך געגעבן צו עסן.

און ער האָט גענומען די קרישטאָל־קרישעלעך, זיי צעריבן צווישן די פֿינגער, און עס איז געוואָרן דערפֿון ווייסע קלעפּיקע מעל.

ער האָט אַריינגענומען דאָס ביסל מעל אין מויל אַריין. די מענטשן אַרום האָבן אים נאָכגעטון.

— האָניק־פלעצלעך האָב איך אין מיין מויל, אַזוי זיס אויף מיין גומען, — האָט אַ מאַן אויסגעשריגן מיט פרייד.

— עס איז אין אייל געקנאָטן. אויף פרעהס טיש איז אַזעלכעס ניט אַרויפ־געקומען, — האָט אַ צווייטער אויסגערופן.

— פון וואַנען זאָל עס אויף זיין טיש קומען? זענען זיינע בעקערס אַזעלכע געניטע און וויסן אַלע סודות פון באַקן? יהוה האָט פאַר אונדז דאָס ברויט געבאַקן.

— און מיר שמעקט עס ווי אַ גוט־געבראָטענער בייליק פון אַ פעטער קאַטשקע, — האָט אַ דריטער זיך פאַרכלינעט מיט דעם מן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין שטאָפּן זיך אין מויל אַריין.

— און מיר שמעקט עס ווי אַ פעטער פיש, געפּרעגלט מיט אייל און האָניק.

— און גיט נאָר אַ קוק וויפל עס האָט אָנגעשאָטן! אַ גאַנצן חודש קאָן מען דאָך דערפון לעבן.

— יהוה האָט די גאַנצע עדה פאַרפלייצט מיטן ברויט. נאָ, וויפל דו ווילסט. גאַנצע זעק וועל איך מיר אָנקלייבן, — האָט איינער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד צו זאַמלען דעם מן מיט הענט, מויל און אויגן.

משה האָט זיי אָבער גלייך געוואָרנט:

— דאָס איז די זאַך, וואָס גאָט האָט באַפוילן: קלייבט דערפון איטלעכער לויט זיין עסן; אַן עומר אויף אַ קאָפּ, לויט דער צאָל פון אייערע נפשות אין אייער געצעלט זאָלט איר נעמען, און ניט מער. וואָרעם דאָס איז יהוהס ברויט, וואָס ער האָט אייך געגעבן צו עסן.

אויף די פליגל פון די זון־שטראַלן האָט זיך צעטראָגן די בשורה פון דער ישועה, צעטראָגן זיך איבער אַלע ווינקלען און עקן, וואו די גרויסע מחנה פון די בני־ישראל האָט געלאַגערט.

דער ווייסער קרישטאָל־פאַרעמדיקער שטאָף, וואָס דער מאָרגן־טוי האָט געבראַכט מיט זיך און וואָס זיי וויסן ניט, וואָס עס איז אַזוינס, איז דאָס ברויט, וואָס יהוה האָט זיי אַראָפּגעשיקט פון הימל. עס איז ברויט, געקנאָטן אין האָניק און אייל, יהוהס ברויט, וואָס די מענטשן זאַמלען שוין איין. די מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם מיט אויסגעשטרעקטע מיילער, עס אָפּגעלעקט מיט דער צונג, געכאַפּט עס אין די הענט, געזאַמלט עס אין טיכער און קליידער, געשלעפּט כלים פון דעם געפּעק אַרויס און זיי אָנגעפילט.

בחינם לויפן די אויפזעער פון ישראל אין דער מחנה אַריין און וואָרענען די קלייבער.

— נאָר אַן עומר אויף אַ קאָפּ. וויפל נפשות, אַזוי פיל עומרס, ניט מער. עס איז יהוהס ברויט, ניט אייערס, נאָר אַן עומר אויף אַ קאָפּ.

טייל הערן זיך צו צו די רייד פון די אויפזעער, מעסטן־אָפּ די כלי, וואָס האַלט אַן עומר, אַן עומר אויף אַ קאָפּ. אַנדערע אָבער גראַביען, רייסן, שאַרן מיט די הענט. זיי האָבן שוין אָנגעפילט די כלים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פאַר די געצעלטן, אָנגעשאָטן פול קערב און טיכער. ווען זיי ברענגען עס אָבער

צו זייערע געצעלטן און מעסטן עס אָפּ, איז עס ווי משה האָט געזאָגט: ניט מער אויפגעקליבן ווי אַן עומר אויף אַ קאָפּ. יהוה ווייסט דעם נפש פון זיין באַשאַף, און ער ווייסט וויפל ער באַדאַרף פאַר זיין חיונה. אַזוי פיל האָט ער באַשטימט פאַרן טאָג — און ניט מער.

אָבער פיל ווילן זיך ניט פאַרלאָזן אויף קיין נסים. נסים איבערחזרן זיך ניט. ווייסן זיי ניט, וואָס עס הייסט הונגער? קלינגט ניט נאָך אין זייערע אויערן דאָס געשריי פון זייערע קינדער נאָך ברויט? ערשט נעכטן זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט אַרויסגעהאַנגענע צינגער. אַן עומר איז אַ גרויסע מאָס, מען באַדאַרף עס אָפּלייגן אויף נאָך אַ טאָג. מען וועט נאָר פאַרצערן אַ האַלבן עומר אויף אַ נפש; דאָס איבעריקע וועט מען באַהאַלטן. עס איז ברויט, פאַר־שטייסט, ברויט. מען קאָן עס אויסבייטן ביי אַ שכן אויף עפּעס אַנדערש, אויף אַן איבעריקער הון, אַ שטיקל זילבער־צירונג. אַלץ וועט דער מענטש אַוועקגעבן פאַר ברויט, ווען ער איז הונגעריק.

בחינם וואָרענען די אויפזעער:

— ניט איבערלאָזן אויף מאָרגן! יהוה איז אייער שפּייזער פון היינט־מאָל אָן, און ער ווייסט, אַז איר באַדאַרפט חיונה איטלעכן טאָג. ער וועט אייך איטלעכן טאָג צושיקן דאָס מעסטל מעל. פאַרלאָזט זיך אויף אים. ווי ער האָט אייך היינט גענערט, אַזוי וועט ער אייך אויך מאָרגן באַזאָרגן מיט אייער חלק ברויט.

— איך האָב ליב צו גיין אויפן זיכער. וויפל טעג זענען מיר געווען אָן אַ ביסן ברויט? דאָס אייגענע קאָן מאָרגן אויך געשען. אָט זעט מען שוין ניט היינט די פייגל קומען. קלוג זענען געווען די, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן אַ פּאָר אין זייערע שטייגן. וואָס איך האָב אין דער האַנט, דאָס, ווייס איך, איז מיינס.

— זיי וועלן קומען מאָרגן באָרגן ביי מיר אַ מעסטל מן. וואָרט און זעט. ניט איטלעכן טאָג איז יהוה אַזוי גוט צו אונדז.

און די קלוגע, וואָס האָבן געזאָרגט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, האָבן פאַר־שטעקט אין די כּלים און אויסבאַהאַלטן וויפל מן זיי האָבן נאָר געקאָנט. נאָר ווען עס איז געקומען דער מאָרגנדיקער טאָג און זיי האָבן אַריינגעקוקט אין זייערע אוצרות, האָט אַ געשטאַנק זיי אַנטקעגנגעשלאָגן פון די כּלים אַרויס און זיי האָבן געפונען אין די טעפּ ניט קיין מעל, נאָר קריכעדיקע ווערים.

דערפאַר אָבער האָט אינדרויסן, אונטער דער אויפגייענדיקער זון, געווייסט זיך דאָס געזיכט פון דער ערד מיט ניי־אַנגעשאָטענעם פרישן מן פון הימל.

דאָסמאָל האָט דער מן ניט מער לאַנג אָנגעהאַלטן אונטער די בריענדיקע שטראַלן. ווי נאָר די בני־ישראל האָבן אויפגעקליבן זייער עומר אויף אַ נפש אין די כּלים אַריין, אַזוי איז דאָס ברויט פון יהוה צעגאַנגען אין דער זון און פאַרשוואונדן פון דער ערד.

איצט האָבן זיי שוין איינגעזען, אַז יהוה וויל האָבן זיין אייגענעם דרך אין באַזאָרגן זיי מיט חיונה און אַז ער וועט זיי בייטן צו האָבן בטחון אין אים און איטלעכן טאָג אויסוואַרטן אויף זיין הילף.

ווען משה האָט דערהערט, אַז טייל פון פאָלק האָבן ניט אויסגעפאָלגט דעם

פאַרבאָט ניט איבערצולאָזן פון דער שפּייז אויף מאָרגן, איז ער בייז געוואָרן און האָט געזאָגט צו די מענטשן, וואָס זענען געווען אַרום אים:

— פאַרוואָס טוט איר ניט דעם ווילן פון יהוה אייער גאָט? ווי לאַנג וועט איר ניט גלויבן אין אים און ניט פאַרלאָזן זיך אויף זיין חסד?

אויפן זעקסטן טאָג האָבן די בני־ישראל געפונען אַז זיי האָבן אָנגעקליבן צווייָמאָל אַזוי פיל ברויט ווי אין אַן אַנדער טאָג, צו צוויי עומרס פאַר אַ נפש. זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט, און האָבן מורא געהאַט צו האַלטן עס, געדענקענדיק, וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם איבעריקן מן אין זייערע כלים.

די עלטסטע פון די בני־ישראל זענען געקומען פאַר משהן און האָבן אים דערציילט פון דער זאַך.

ווען משה האָט זיי אויסגעהערט, האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן ווי אַ שטראַלנ־דיקע זון. ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן:

— איך דאַנק דיר און לויב דיך, יהוה, גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, וואָס דו פירסט־איין די חוקים און די משפּטים פון דיין נאַטור. דורך דעם ברויט, וואָס דו גיסט די בני־ישראל, ביסטו זיי מדריך אין דיין תּורה, אַז זיי זאָלן ראוי זיין צו ווערן דיין פאָלק.

און צו די עלטסטע פון די בני־ישראל האָט ער געזאָגט:

— דאָס ברויט, וואָס גאָט גיך אייך, איז ניט נאָר נערונג פאַר אייערע קערפּערס, נאָר עס איז אויך נערונג פאַר אייערע נשמות. דורך גאָטס ברויט וועט איר דערנערט און דערוואַקסן צו ווערן אַ הייליק פאָלק. זעט צו, וואָס גאָט טוט מיט אייך. דאָס איז, וואָס גאָט האָט גערעדט: אַ רואונג, אַ הייליקער שבת איז מאָרגן צו גאָט. וואָס איר ווילט באַקן, באַקט היינט, און וואָס איר ווילט קאָכן, קאָכט היינט, און אַלץ, וואָס בלייבט איבער, לייגט עס אַוועק צו האַלטן ביז אינדערפרי.

מיט גרויס אימה האָבן די בני־ישראל אויסגעפירט משהס באַפעל. זיי האָבן דאָס ברויט פון מן איבערגעלאָזט אין די כלים ביז אינדערפרי, אַזוי ווי משה האָט זיי אָנגעזאָגט, און זע, גאָטס ברויט האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין שלעכטע ריחות און קיין ווערים זענען דערין ניט געווען.

און משה האָט זיך געפעדערט און איז געשטאַנען אויף דער וואַך, און ער האָט געלאָזט דורך די עלטסטע אויסרופן אין פאָלק:

„עסט היינט פון דעם איבערגעבליבענעם ברויט, וואָרעם היינט איז שבת צו גאָט, היינט וועט איר עס ניט געפינען אין פעלד. זעקס טעג זאָלט איר עס קלייבן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת, דענסמאָל וועט איר עס ניט געפינען".

עס זענען אָבער דאָך געווען אַזעלכע חכמים צווישן די בני־ישראל וואָס האָבן ניט געגלויבט משהן. זיי האָבן זיך געטראַכט: און טאָמער יאָ? ווי איז עס שייך, איטלעכן פרימאָרגן פאַלט דאָך דער טוי מיט די ווייסע בלימלעך פון הימל. טאָמער וועט עס היינט אויך אַזוי זיין, אויב אַפילו נישט אויף דער אייבערפלאַך, איז לפּחות אין די שפּאַלטן פון די שטיינער, וואו מען געפינט שטענדיק די סאַמע פעטע און זיסע בלימלעך. און אַזוי האָבן זיי זיך אַרויסגע־

גנבעט פון זייערע געצעלטן און זענען געקראָכן אויף אַלע פיר צו זוכן אין די שפּאַלטן פון די פעלדזן־שטיינער פרישן מן. אָבער קיין קרישל, קיין שפּרענקל דערפון האָבן זיי ניט געפונען. און ווי גנבים, האָבן זיי זיך צוריקגעדראַפּעט פון די פעלדער אין די געצעלטן אַריין.

משה האָט געהערט אין זיין האַרץ יהוהס שטים, וועלכע האָט געשטורעמט אין אים:

— ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מיינע געבאָטן?

משה האָט זיך פאַרשעמט פאַר יהוהן און געוואָרפן זיך אויף דער ערד פאַר אים:

— האָב איינזען מיט זיי. שקלאַפן האָסטו אַרויסגענומען פון מצריים, פרייע מענטשן וועסטו ברענגען צום באַרג סיני.

און כדי עס זאָל זיך ניט איבערחזרן די פאַרשוועכונג פון שבת, האָט משה באַפוילן די בני־ישראל:

— זעט, גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת. ער גיט אייך דערפאַר אין זעקסטן טאָג ברויט אויף צוויי טעג. זיצט איטלעכער ביי זיך. קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין אָרט אין זיבעטן טאָג.

און עס איז געוואָרן אַ געזעץ פאַר די בני־ישראל אויף אַלע אייביקייטן צו רוען דעם זיבעטן טאָג פון דער וואָך.

דורך דעם ברויט, וואָס די בני־ישראל האָבן אָנגעהויבן רופן „מן", האָט גאָט אָנטפּלעקט פאַר זיי זיין שבת.

און משה האָט באַפוילן אַהרנען, אין יהוהס נאָמען, צו נעמען אַ קרוג, אַריינטון אין אים אַן עומר פון דעם מן און עס אַוועקשטעלן פאַר גאָט — פאַר אַ היטונג אויף דור־דורות. און דאָס איז געווען דאָס ברויט פון גאָט, וואָס די בני־ישראל האָבן געגעסן אין מדבר ביז זיי זענען אָנגעקומען צו באַוואוינטן לאַנד.

אָבער מיט דעם מן אַליין איז די גרויסע מחנה יוצאי־מצריים נאָך ניט באַזאָרגט געווען אינגאַנצן מיט חיונה דורך זייער לאַנגן וועג אין מדבר. עס זעט אויס, אַז יהוה האָט זיי געוואָלט אויסשמידן אין פייערדיקע קאַלכאויוונס, אַרויסשלאָגן פון זיי דורך הונגער און דאָרשט די לאַנגע פאַרקנעכטונג פון מצריים און אויספורעמען זיי אין אַ פריי פאָלק, וואָס זאָל ראוי זיין אָנצונעמען זיינע געבאָטן ביים באַרג סיני. דער גאַנג פון ים־סוף צום באַרג סיני איז געווען אַ שווער שטייגן צו אויסגעוויילטקייט און באַזונדערקייט. איטלעכער טראָט אין דעם גאַנג האָט געמוזט געקויפט ווערן מיט פּיין און נויט, מיט שרעק פאַר די מצרים, מיט קאַמף פאַר דערהאַלטן דאָס חיות. עס איז געווען ווי יהוה וואָלט געוואָלט אין זיי אַריינשמייסן דאָס וויסן, אַז פון דעם ערשטן טראָט, וואָס זיי האָבן געשטעלט ביים פאַרלאָזן מצריים, זענען זיי געוואָרן זיינע קנעכט, אָפּהענגיק איטלעכע רגע פון אים. צו אים מוזן זיי אָנקומען נאָך איטלעכן ביסן ברויט, פון זיין האַנט מוזן זיי טרינקען דאָס וואַסער, וואָס זיי באַדאַרפן צו דערהאַלטן דאָס לעבן פון זייערע משפחות. און משה האָט געוואוסט דערפון, און ער האָט זיי מדריך געווען און אַריינגעבראַכט זיי מיט אַ מעכטיקער האַנט אין דער דיסציפּלין פון יהוהן, ווי מען ברענגט אַריין אַ ווילדן אייזל אין זיין כאָמעט אַריין.

משה האָט ניט איין מאָל באַזוכט דאָס אָרט, ווען ער האָט געפּיטערט יתרוס שאָף, און ער האָט געוואוסט, אַז טיפער אין מדבר סיני, צופוסנס פון די ליים־בערג פון חורב, אויף יענער זייט רפידים, געפינט זיך דער בשפעדיק־באַוואַ־סערטער טאָל פאָרן, אָדער נחל פאָרן, ווי די מדבר־לייט רופן אים. דער נחל פאָרן האָט אַרויסגערופן מחלוקות און מלחמות צווישן די וואַנדער־שטאַמען. קוואַלן פריש וואַסער, וואָס ווערן גענערט דורך שניי־איינזאַמלונגען אין די הויכע קופער־בערג, גיסן זיך אַרונטער דורך שטיינער־קאַרעטעס אין טאָל אַרונטער און באַפרוכפּערן גאָטס גאָרטן, אַן אַאַזיס פון גרינער, פרישער פּאַשע, אַרקאַדעס ביימער און טייטל־פּאַלמען אין דעם שפּאַלט פון טאָל. דאָס אָרט איז דער אבן־נגף צווישן די פּאַסטוך־שבטים פון מדבר. עס רופט־אַרויס די קנאה קעגן די שבטים, וואָס פאַרמאָגן פיל סטאַדעס שאָף. די מדינים, וועלכע וואוינען ניט ווייט פון דעם אָרט, אויף יענער זייט פון דעם ים־פּאַס אַקאַבאַ, האָבן אַ חזקה אויף דעם אָרט און פירן אין פרילינג, ווען דער טאָל איז גרין, זייערע שאָף אויף פּאַשע אין דעם טאָל אַריין. אויך משה האָט דאָרט געפּיטערט יתרוס שאָף.

די עמלקים, אַן אָפּשטאַם פון איינעם פון עשוס אייניקלעך, וואָס זיי טראָגן זיין נאָמען, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין מדבר כנען. זיי פלעגן אָפט באַפאַלן אַנדערע פּאַסטוך־שבטים, וואָס האָבן געפירט זייערע שאָף אין דעם טאָל אַריין אויף דעם סעזאָן פון פּאַשע, אַוועקרויבן די שאָף און פאַרכאַפּן פאַר זיך די פּאַשע־פעלדער. משה האָט ניט איין מאָל געהאַט צו טון מיט זיי, שיצנדיק זיין שווערס סטאַדע פון דער רויבער־באַנדע. דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט זיי איז געווען ביים ברונים אין מדין, ווען אַ כאַליאַסטרע פּאַסטוך־יונגען פון צווישן זיי זענען באַפאַלן יתרוס טעכטער.

משה האָט געוואוסט, אַז די עמלקים האָבן אויסקוקערס אין די בערג, אַרום דעם פּעטן טאָל פון פאָרן, און זיי לאָקערן נאָר אויף אַ פּאַסטוך־שבט, וואָס פירט זיינע סטאַדעס אין דעם טאָל אַריין. צי דערפאַר ווייל משה האָט געוואָלט אויסמיידן אַזוי פרי אַ צוזאַמענשטויס מיט דעם רויבערישן שבט, ווען ישראל איז מיד און אָפּגעשוואַכט פון דעם שווערן וועג אין מדבר, אָדער אַזוי איז געווען דער באַפעל פון גאָט, נאָר ער האָט, אויף זיין וועג דורכן מדבר־סין צום באַרג חורב, געמאַכט אַן אָפּשטעל ניט אין דעם וואַסער־רייכן נחל פאָרן, נאָר אין אַן אָרט פאַר דעם טאָל, וואָס מען האָט גערופן רפידים, אַן אָרט, וואָס איז געווען וויסט און טרוקן.

קוים האָט די מחנה בני־ישראל זיך אויסגעצויגן איבער דעם שטיינערנעם באָדן, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך נאָך וואַסער. אין אילם האָבן זיי געהאַט וואַסער לרוב, און זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אויפן וועג צו רפידים לעדערנע לאָגלען, קרוגען און אַנדערע כלים מיט וואַסער, וואָס זיי האָבן אָנגעלאָדן אויף זייערע אייזלען. אַוועק פון ברעג ים טיפער אין מדבר, האָבן זיי געהאַט אויס־גענוצט איטלעכן טראָפּן וואַסער, ווי שפּאָרעוודיק און ווי קאַרג די נויט האָט זיי ניט געלערנט אומצוגיין מיט וואַסער.

רפידים איז אָבער געווען איין פּלאַטפאָרמע פון שטיין. זיי האָבן דאָרט געזוכט און גענישטערט אין די שפּאַלטן פון די בערג און טאָלכלעך, אין באַ־

די אַלטענע היילן און לעכער, וואו עס האַלטן זיך געוויינטלעך אויף איינזאַמלונגען וואַסער. אָבער קיין טראָפּן איז דאָרט ניט געווען צו געפינען. דער דאָרשט האָט אויפסנייַ גענומען פּלאָגן די מחנה. צוערשט דערפילן עס די קינדער און די בהמות, — און דאָס געוויין פון קינדער, דאָס מעקען און ריטשען פון די בהמות איז געווען ניט צום איבערטראָגן.

איינגעשטילט און איינגענומען פון דעם ברויט, וואָס גאָט שיקט זיי אַרונטער איטלעכן פרימאָרגן, האָט אַ נייע ביטערקייט איצט באַהערשט די בני־ישראל. צו יהוהן האָבן זיי גאָרניט. וואָלטן זיי נאָר געוואוסט, אַז יהוה איז מיט משהן, ווי ער איז מיט אים געווען אין אילם, אין אַנדערע ערטער, וואָלטן זיי געוואַרט, אויסגעוואַרט. אָבער דאָס וואַרטן אַן האָפענונג איז שוין אוממעגלעך. די קינדער שמאַכטן און גייען־אויס פאַר זייערע אויגן. בחינם לויפן די אָנפירער צו משהן: „דאָס פאָלק גייט־אויס פאַר דאָרשט!" משה האָט אָבער ניט קיין באַפעל פון גאָט, ער וואַרט אויף גאָטס אָנווייזונג.

דערווייל צעטראָגט זיך אַ ידיעה אין פאָלק: יהוה האָט פאַרלאָזט משהן, יהוה איז ניט מער מיט אים. צי די בני־קורח האָבן די ידיעה פאַרשפרייט, צי דאָס פאָלק אַליין האָט אין זיין פאַרביטערטקייט דאָס אויסגעטראַכט, נאָר אויפגעבראַכן ווערט די דיסציפּלין, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי געוואונען געוואָרן, פאַרגעסן ווערן די נסים און די חסדים, וואָס יהוה האָט געטון מיט זיי. ניין, צו יהוה האָבן זיי גאָרניט. יהוה האָט זיי גענערט און אָנגעטרונקען אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען מיט זיי. איצט אָבער, איבער עפּעס אַ זינד, וואָס משה איז באַגאַנגען, האָט ער זיי פאַרלאָזט. משה אַליין טראָגט דערפאַר דאָס אַחריות פאַר דעם מצב, אין וועלכן זיי געפינען זיך.

— ווען יהוה וואָלט געווען מיט אונדז, וואָלטן מיר שוין געהאַט וואַסער. האָט ער ניט פאַרזיסט פאַר אונדז דאָס וואַסער פון מרה? ניין, ניט אַנדערש, נאָר יהוה האָט פאַרלאָזט משהן.

— אויב אַזוי, איז דאָך ווי און ווינד צו אונדז. מיר זענען איינגעשלאָסן אין די ווענט פון די פעלדזן־בערג.

— וואָס וועלן מיר טון?

און אָט איז משהס געצעלט אַרומגערינגלט — ניט פון די געשטעלטע פירער פון פאָלק, נאָר פון אַ ווילדן, אויפגערייצטן המון־עם, וואָס ווערט געפּייניקט פון דאָרשט און שרעק. און ווידער שטרעקן זיך צו אים הענט, פאַרדריקטע אין פויסטן, און צאָרנדיק־אָנגעצונדענע אויגן.

— גיב אונדז וואַסער צו טרינקען!

— וואָס קריגט איר זיך מיט מיר? דאָס איז יהוהס האַנט. ער ווייסט אייער נויט און וועט אייך העלפן. וואָס פּרוּווט איר יהוהן?

— איז יהוה דאָ מיט אונדז, אָדער ניט? זאָג!

און איינער פון דער מחנה איז אַרויסגעשפּרונגען, מיט די הענט אויסגע־שטרעקט צו משהן:

— נאָך וואָס האָסטו אונדז אַרויסגענומען פון מצרים? צו טייטן מיך, מיינע קינדער און מיין פי מיט דאָרשט?

און דער המון, שוין הינטער משהן, ווייל אים אָנגרייפן, ווייל אים אומברענגען.

גוט, וואָס יהושע שטייט ביי זיין זייט, יהושע מיט אַ פּאָר פון זיינע לייט, יונגע מענטשן, אַלע דערצויגן אין דער הייל פון די זקני־ישראל, וואו זיי זענען געווען אויסבאַהאַלטן פון די אויגן פון פּרעהס אויפזעער. די יונגע מענטשן, וואָס יהושע האָט זיך אויסגעקליבן, זענען אַלע באַפליגלט מיט דעם הייליקן גייסט פון פרייהייט, וואָס משה האָט דערצויגן אין זיי. זיי טראָגן אַלע קורצע שווערדן, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון די מצרים. מיט זייערע שטאָלענע אָרעמס רייסן זיי זיך אַריין אין דער צעווילדעוועטער מאַסע, שפּאַרן זיך דורך אַ וועג, באַפרייען זייער פירער און לערער און ברענגען אים צוריק אין זיין געצעלט אַריין, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפגעשלאָגן פאַר אים.

אין געצעלט וואַרפט זיך משה פאַר גאָט און שרייט־אויס מיט אַ גרויס געשריי פון צער און נויט:

— זאָג מיר, וואָס זאָל איך טון מיט דעם דאָזיקן פאָלק? נאָך אַביסל, און זיי וועלן מיך פאַרשטיינען.

ער קריגט דעם ענטפער. ער הערט יהוהס קול אין זיין האַרץ, און ער ווייסט, וואָס ער האָט צו טון.

ער רופט צונויף די עלטסטע און די אָנפירער, נעמט דעם שטעקן פון גאָט אין זיין האַנט און גייט אַרויס מיט זיי. ער גייט־צו צו דער וואַנט פון די בערג. ער זוכט צווישן די בערג. ביי איינעם פון די בערג שטעלט ער זיך אָפּ. ער לאָדט־אָן די אויגן און עגבערט זיך אין מיטן בליק אין דעם באַרג. זיין אָטעם איז שווער, זיינע ברייטע נאָז־פליגל צוקן און שעפּן־איין לופט, די אויגן ווערן ביי אים גרעסער, פייערדיקער, הייליקער, זיין פּנים לייכט. ער שטייט לאַנג און קוקט אויף דעם באַרג. פּלוצלינג דערזעט ער עפּעס אויף דעם באַרג... דעם שטראַל, דעם שטראַל, דעם שטראַל!

— יהוה!

און ער הויבט־אויף דעם שטעקן פון גאָט און שלאָגט מיט אים אויפן שטיין.

— יהוה! יהוה! יהוה! — דערהערט זיך אַ מעכטיק געשריי.

ווי זאַנגען, אונטערגעשניטן פון דער קאַסע, פאַלט דאָס פאָלק צו דער ערד. פאַר שרעק און שטוינונג פאַרגעסן זיי אַפילו צו טרינקען פון דעם לעבעדיקן, קוועלנדיקן וואַסער, וואָס פלייצט מיט אימפּעט פון דעם שטיין ווי נאָר משה האָט אים באַרירט מיט זיין שטעקן.

אַ טייך גיסט זיך פונאַנדער ביי זייערע פיס, צערינט פון שטיין אין אָן אַ שיעור קאַרעטעס, פילט־אָן אַלע גריבער און לעכער מיט וואַסער.

זיי דערוועגן זיך ניט צוצונייגן די מיילער. פאַר פּחד פאַרגעסן זיי דעם דאָרשט.

— משהס שטעקן!

— דער שטעקן, וואָס האָט געשלאָגן מצריים!

— דער שטעקן העלפט ישראל!

— יהוה איז מיט אונדז!

— דאָס אָרט וועט ווערן גערופן פון הײנט־מאָל אָן מסה און מריבה, פּראָוואָונג און קריג, ווײל איר האָט געפּרואווט גאָט און געקריגט קעגן אים, — האָט משה געזאָגט און איז צוריקגעגאַנגען אין זײן געצעלט אַרײן.

— יהוה איז מיט אונדז, אומעטום, אויף אַלע צײטן! — האָט דאָס פאָלק אויסגעשריגן.

## 3

קוים האָבן זײ געמאַכט דעם ערשטן שריט צו פרײהײט, — אײדער נאָך זײ האָבן צײט געהאַט אײנצונעמען דעם הונגער מיטן ביסן פון גאָטס ברויט און שטילן דעם דאָרשט מיט וואַסער, אַזוי וואונדערלעך אַרויסגעשלאָגן פון אַ פעלדזן־שטײן, — און עס האָט זיך שוין באַוויזן דער ערשטער שונא זײערער, וואָס האָט איגנאָרירט די נסים־ונפלאות, וואָס יהוה האָט געוויזן זײן פאָלק, נסים ונפלאות, וואָס האָבן געוואָרפן אַ פחד אויף אַלע אַנדערע פעלקער, און געפּרואווט מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד צו פאַרשטעלן זײ דעם וועג צום באַרג סיני.

און דווקא אין די רײען פון אײגענע, פון נאָענטע, וואָס זײ האָבן רעכט געהאַט צו דערוואַרטן פון זײ ברידערלעכע הילף און אײנזעעניש, האָט דער שונא זיך באַוויזן. וואָרעם אַ ברודערס האַנט האָט עס אויפגעהויבן די שווערד אויף זײ.

אײדער נאָך יהוה האָט מקיים־געווען זײן הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן די אבות בנוגע ישראל, האָט ער פריער מקיים־געווען די הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן אַברהמען און יצחקן בנוגע ישמעאלן און לוטן. און ער האָט עס געטון אויף אַ פיל נאַטירלעכערן אופן, אָן עבודת־מצריים און אָן קריעת ים־סוף. די קינדער פון לוט, פון ישמעאלן, פון עשון האָבן אַדורכגעמאַכט אַ נאַטירלעכן אַנטוויקלונג־גאַנג אין באַזעצן זײערע לענדער. נאָך דעם ווי זײ האָבן געהאַט אָנגעזאַמלט סטאַדעס שאָף אין מדבר, האָבן זײ גענומען זוכן פאַשע־לענדער. זײ זענען געוואָרן, אַזוי אַרום, אַ נאָמאַדן־פאָלק, ביז וואַנען זײ האָבן דערגרײכט פעסטע לענדער און זיך דאָרט באַזעצט. זײ האָבן באַזעצט די ראַנדן פון מדבר, אַ טײל פון נגב נאָך עציון־גבר, דאָס לאַנד פון סדום ביז צום ירדן אַרויס. די ניט־באַרירלעכקײט פון זײערע גרענעצן איז געהײליקט געוואָרן דורך דער הבטחה פון יהוהן צו אַברהמען און יצחקן. משה האָט גאַנץ גוט געוואוסט דערפון און ער האָט זיך קײנמאָל ניט געקליבן צו פאַרטרײבן די קינדער פון עשו, אדום, אָדער די קינדער פון לוט, מואב, און צו פאַרנעמען זײערע לענדער.

די הבטחה פון יהוהן בנוגע ישראל האָט באַשטימט פאַר די בני־ישראל

די לענדער פון יריחו אָן ביז צום אויסגאַס פון גרויסן ים. די לענדער, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן פון פרעמדע שטאַמען, ניט קיין אָפּשטאַמיקע פון אַבֿרהמען אָדער פון יצחקן, נאָר געצנדינער, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַריין פון אַריבער די הויכע בערג פון כּרמל, פון צור און צידון, ווי די כּנענים, וואָס האָבן פּאַרמיאוסט און פּאַרוויסט דאָס לאַנד מיט זייערע פינצטערע, אומווערדיקע עבֿודה־זרות פון אשדוד און מולך און זייערע סדומישע מנהגים און מידות.

איינער פון די שטאַמען פון עשׂו אָן אייניקל איז געווען עמלק. עמלק האָט זיך ניט באַזעצט אין קיין טייל לאַנד, ווי די אַנדערע שבֿטים, נאָר איז איבערגעבליבן אין אַ פּרימיטיוון נאָמאַדישן צושטאַנד, ווי אַ רויבער־פאָלק, וואָס האָט געלעבט פון איבערפאַלן אויף אַנדערע וואַנדער־שטאַמען, האָט זיך איבערגעוואָרפן פון איין לאַנד צום אַנדערן, ניט צו פאַרוואָרצלען זיך פעסט אין איין פּלאַץ. דאָ האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין נגבֿ, דאָ איז ער אַריבערגעגאַנגען דאָס וואַסער ביי עציון־גבֿר און איבערגעפאַלן מדין אָדער אַרויפגעקראָכן אויף די הויכע בערג פון מדבר, ביים באַרג סיני, און זיך באַזעצט דאָרט אויף אַ געוויסער צייט.

משה האָט קיינמאָל ניט בדעה געהאַט אַוועקצונעמען זייער לאַנד, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט דויערדיק באַזעצט. זייער שטאַם און זייער לאַנד האָט גאָט ניט דערמאָנט פאַר משהן ביים ברענענדיקן דאָרן. די עמלקים, ווי דירעקטע אָפּשטאַמיקע פון אַבֿרהמען און פון יצחקן, וואָלטן באַדאַרפט אָנהאַלטן די פאַמיליע־טראַדיציע פון דעם בונד, וואָס זייער שטאַם־פאָטער אַבֿרהם האָט געשלאָסן מיט יהוהן, און פאַרהאַלטן זיך מיט יראת־הכּבֿוד צו דעם אומבאַקאַנטן און מעכטיקן גאָט יהוה, וואָס אַבֿרהם איז גרייט געווען פאַר אים מקריבֿ צו זיין זיין איינציקן זון. אויך וואָלטן ביי זיי באַדאַרפט הערשן געוויסע מאָראַלישע און עטישע מנהגים און חוקים, דהיינו, כּבֿוד־אָב ואם, דאָס אויסהיטן־זיך פון לייבלעכער באַהעפטונג מיט די נעענטסטע קרובֿים, דאָס ניט־עסן קיין אבֿר מין החי און נאָך אַזעלכע געבאָטן, וואָס זענען געטריי אָפּגעהיט געוואָרן פון די אַנדערע אָפּ־שטאַמיקע פון דעם לעגענדאַרישן פּאַטריאַרך אַבֿרהם. אַנשטאָט דעם, האָבן זיי געשפּאָט אויס יהוהן און פאַרוואָרפן דעם צייכן פון דעם ברית־אַבֿרהם, וואָס איז הייליק אָפּגעהיט געוואָרן פון די אַנדערע שבֿטים פון אַבֿרהמס אָפּשטאַם. זיי האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ צייכן פון שאַנד.

זיי האָבן געלעסטערט גאָטס נאָמען ביים דערמאָנען אים. זייער געצנדינעריי איז באַשטאַנען אויס ווילדע אומווערדיקייטן. זיי האָבן פאַרערט קעץ און ווערים, האָבן זיך איבערגעגעבן די אויסגעלאַזנסטע סדומישע געשלעכטלעכע שענדלעכ־קייטן. זיי האָבן פאַרשוועכט די טהרת־המשפּחה, זענען באַגאַנגען בלוטשאַנד און געהרגעט זייערע פאָטערס, ווען זיי זענען אַלט געוואָרן, און אַוועקגענומען פאַר זיך זייערע קעפּסווייבער. לעבנדיק אַזוי אין צעלאָזנקייט און ווילדקייט, אין סדומישער דעגענעראַציע, האָט זיך דערצויגן ביי זיי אַ דעגענערירטע ראַסע, וועלכע האָט שוין ניט געהאַט קיין צורת־אדם. האַלב־מענטש און האַלב־חיה, האָבן זיי געלעבט פון רויב און איבערפאַל; אַ שאַנדפלעק פון מענטשלעכן מין, אַן אָפּשרעק און אַ פאַראַכטונג פאַר די שכנים.

און זיי, די אוממענטשן, האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן און אויסצוראָטן ישראל ביי זיינע ערשטע טריט, וואָס ער האָט געשטעלט.

ניט קיין קנאה פאַר די ברכות פון דער בכורה, וואָס יעקב האָט אַוועקגע־נומען פון עשון, האָט זיי געטריבן אַרויסצוקומען פון זייערע היילן אין נגב צו באַפאַלן ישראל, — ניין, זיי האָבן זיך מער ניט מתקנא געווען אויף דער פאַר־לוירענער בכורהשאַפט פון זייער שטאַם־פאָטער, — נאָר לויטער לוסט נאָך רויב און גזילה האָט זיי אָנגעטריבן צו גיין אויף ישראל. זיי האָבן געהערט פון דעם גאָלד און זילבער, פון די טייערע שטאָפן, פון דעם פורפל און זיידנס, פון דעם עלפאַנטביין, פון די בראָנדזענע כּלים, וואָס די בני־ישראל האָבן אַרויסגענומען פון מצריים; זיי האָבן געהערט פון די סטאַדעס שאָף, פון די רינדער און לאַסט־חיות, וואָס די בני־ישראל האָבן געפירט מיט זיך; זיי האָבן געהערט פון דעם רייכן זאַקרויב פון כּלי־זין און גילדערנע פאַנצערס, פון די שטיין־באַזעצטע קרוינען און האַלדזבענדער, וואָס די בני־ישראל האָבן אַראָפּגעצויגן פון די טויטע מצרישע רייטער, וואָס די וועלן פון ים האָבן אַרויסגעשפּיגן אויפן ברעג ביי קריעת ים־סוף. און להוט נאָך די דאָזיקע אוצרות, האָבן די עמלקים זיך אַרויס־געלאָזט פון זייערע נאָרעס און לעכער פון דעם זומפּיקן נגב.

צוערשט האָבן זיי געפּרואווט צורעדן די שכנישע שבטים, די אדומער, די מואבער, די כּנענים, זיי זאָלן מיטגיין מיט זיי צו באַפאַלן און אונטערצוברענגען די בני־ישראל, איידער יענע דערגרייכן זייערע גרענעצן. אָבער די שבטים האָבן זיך צוריקגעהאַלטן.

— זעט איר דען ניט איין, אַז יהוה פירט זיי מיט אַ מעכטיקן אָרעם איבער דעם מדבר? זעט די נסים, וואָס ער טוט פאַר זיי. יהוה אַליין איז מיט זיי אין לאַגער.

— ווער איז יהוה? אין וואָס באַשטייט זיין כּוח? אונדזערע געטער זענען שטאַרקער פון אים. לאָמיר צונויפנעמען אונדזערע געטער, און זיי וועלן פירן מלחמה מיט יהוהן.

— אויב די געטער פון מצריים האָבן אים ניט געקאָנט בייקומען, ווי אַזוי וועלן אונדזערע געטער קאָנען דאָס באַווייזן? ניין, די בני־ישראל זענען אַרומ־גערינגלט מיט די מלאכים פון יהוהן. ער שפּאַלט פאַר זיי ימים און לייגט־אויס פאַר זיי אַ וועג מיט ברויט און וואַסער דורך די טריקענישן פון מדבר. גייט, גייט, איר וועט האָבן דעמזעלבן סוף, וואָס די מצרים האָבן געהאַט, ווען זיי זענען נאָכגעלאָפן נאָך די בני־ישראל.

און זיי זענען געגאַנגען, די עמלקים.

צוערשט האָבן זיי זיך געשלייכט נאָך די בני־ישראל, ווי שאַקאַלן שלייכן זיך נאָך אַ סטאַדע שאָף, ריכטיקער, ווי כּיטרע פוקסן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין לעכער און נאָרעס בייטאָג און באַפאַלן די סטאַדע ביינאַכט, ווען דער פאַסטוך דרימלט. כּל־זמן די מחנה פון די בני־ישראל האָט זיך געפונען פאַזע דעם ברעג פון ים־סוף, האָבן די עמלקים ניט דערוועגט זיך זיי אָנצוגרייפן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר גוטע פריינד און געשפּילט אויף דער בלוט־קרובישאַפט

מיט די בני־ישראל. זייערע אויספירער האָבן געבראַכט צו פירן אין דער מחנה אייזלען, באַלאַדענע מיט עסנוואַרג, געבראָטענע זאַנגען, צוקער־ראָרן, האָניק־באַדעקטע בלעטער, געטריקנטע פלעצלעך פון זויערמילך, פאַרשימלטע געבעקסן, קרוגן וואַסער און זויערן ביר. זיי האָבן פאַרפירט אַ האַנדל מיט די בני־ישראל.

— זענען מיר דען ניט קיין ברידער? איז ניט אַברהם אונדזער אַלעמענס שטאַם־פאָטער? מיר זענען קינדער פון איין משפּחה־בונד. וואָס איז אַ גאָל־דענער האַלדזבאַנד צווישן אונדז? פאַר איין שנאָל פון גאָלד, וואָס דו האָסט אין דיין זאַק, גיב איך דיר פינף פלעצלעך פון געטריקנטן קעז, — האָט אַרויסגערעדט אַ פאַרסלינעט מויל פון אַ פאַרזעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ קאַץ מיט אויגן פון אַ קאַלב.

— מיר האָבן געהערט, אַז דער גאָט פון אונדזער פאָטער אַברהם איז גוט געווען צו אייך. ער האָט איבערגעגעבן פּרעהס גאָלד אין אייערע הענט. איי, האָבן מיר זיך געפרייט, ווען די גוטע בשורה איז אָנגעקומען צו אונדזערע אויערן, און מיר האָבן געאיילט מיט וואַסער און ברויט צו קומען אייך אַנטקעגן. אָ, קומט אַרויס מיט מיר, אַ זון פון אַברהם, צו אונדזערע געצעלטן אין מדבר, וואָס מיר האָבן אויפגעשלאָגן פאַר אייך. מיר האָבן גרייט פאַר אייך האָניק־קיכלעך און קוועלנדיק וואַסער. פאַר איין מצריש קלייד קאָנט איר אייער דאָרשט שטילן און דעם דאָרשט פון אייערע קינדער. מיר האָבן פיל קרוגן מיט וואַסער אַרויסגע־בראַכט צו אייך.

און קוים האָט אַ בן־ישראל זיך איינגעשטעלט אַרויסצוקומען פון לאַגער מיט זיין געפּעק, וואָס איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן, און איז נאָכגעגאַנגען דעם עמלק מיט פאַרראָפּעטע אויגן, האָבן אים שוין אָפּגעוואָרט ניט ווייט אַ כאַליאַסטרע ווילדע פאַרזעענישן, וואָס האָבן אים געבונדן, אים אויסגעשניטן דעם שאַנדגליד, ווי אַ לעסטערונג פאַר יהוהן, האָבן געוואָרפן דעם גליד צום הימל צו און גערופן מיט געשפּעט:

— נאָ, יהוה, דו האָסט דאָך ליב באַשניטענע!

שפּעטער, ווען משה האָט אַוועקגעפירט די מחנה פון ישראל פון דעם סועזער ים־פאַס טיפער אין דעם שטיינערנעם מדבר־סין צווישן די בערג, האָבן די עמלקישע אויספירער געאיילט מיט דער נייס אין זייער לאַגער אַריין: „ישראל איז איינגעשלאָסן צווישן די בערג!“

אויף אייזלען, אויף קעמלען און אויך צופוס האָבן זיי זיך געלאָזט, די עמלקים, ווי אַ כמאַרע היישעריקן, פון נגב איבער דעם מדבר־גבר און זיך אַריינגעלאָזט אין די בערג פון מדבר־סין. זיי האָבן אויסגעמיטן אָן אָפענעם קאַמף מיט ישראל אין פרייען פעלד. זיי זענען געקראָכן אויף אַלע פיר איבער־נאַכט אויף די בערג אַרויף און באַפעסטיקט זיך צווישן די ווענט און אין די שפּאַלטן. זיי האָבן געהאַט מיט זיך פיילנבויגנס, הילצערנע וואָרפשפּיזן און ניט פיל שווערדן. נאָר זיי האָבן ניט באַדאַרפט אָנקומען צו כלי־זין. זיי האָבן געפונען גענוג שטיינער אין די בערג צו פאַרשטיינען מיט זיי אַ גאַנצע מחנה.

אונטן, אין טאָל, צופוסנס פון די עמלקים, זענען אויסגעלעגן די בני־ישראל. מיט דאָרשטיקע אויגן און מיט ציין־קריצעניש, האָבן די עמלקים געלאָקערט אויף

זיי, אויסוואַרטנדיק אויפֿן זון־פֿאַרגאַנג צו באַוואָרפֿן די בני־ישׂראל מיט די גראַניט־שטיינער, וואָס זיי האָבן צונויפֿגענומען געקליבן.

משה האָט זיך געריכט אויף זיי. ווי אַ גוטער פּאַסטוך, וואָס ווערט באַ־צייטנס אַלאַרמירט פֿון אַ מעגלעכער סכּנה פֿאַר זײַנע שאָף, האָט משה אויך דאָ דערשפּירט די לאַקערדיקע סכּנה. עס איז אים לכתּחילה ניט געפֿעלן געווען די גוטפֿריינדשאַפֿט פֿון די עמלקישע סוחרים, און ער האָט זיי משלח געווען פֿון דער מחנה, אָנזאָגנדיק זיי, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן מער צו קומען נאָענט צו די בני־ישׂראל. ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט היטער צו היטן זייער יעדער טראָט.

ווען משה האָט געהערט, אַז די עמלקים קלײַבן זיך אין די בערג אַרום, וואו די בני־ישׂראל לאַגערן, האָט ער געוואוסט, אַז דאָס הייסט מלחמה מיט עמלקן. ניין, ער האָט זיך ניט געווענדט צו יהוהן נאָך הילף. ער האָט ניט געשריגן און ניט געבעטן, אַז יהוה זאָל קומען מלחמה האַלטן מיט עמלקן פֿאַר ישׂראל. ישׂראל אַליין מוז פֿירן די מלחמה. דאָ וועט זײַן דער אויספּרואוו־שטיין פֿאַר די בני־ישׂראל, צי זיי וועלן זיך אויפֿפֿירן ווי בני־חורין און זיך אַנט־קעגנשטעלן דעם שונא, ניט אויסצואוואַרטן, אַז דער האַר זאָל זיי קומען באַ־פֿרייען. משה האָט זיך נאָר געווענדט צו יהוהן נאָך הילף, ווען ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווען די בני־ישׂראל האָבן זיך אַליין ניט געקאָנט העלפֿן. משה איז געווען זייער שפּאָרעוודיק מיט דער הילף פֿון יהוהן. ער האָט זיך נאָר געווענדט נאָך איר ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפֿן האַלדז.

דאָ, אין דעם פֿאַל, האָט משה געזען אַ גוטע געלעגנהייט צו ברענגען די בני־ישׂראל אויפֿן דרך פֿון בני־חורין. זיי וועלן זיך מוזן פֿאַרטיידיקן, פֿאַרשטייט זיך, מיט דער הילף פֿון יהוהן, נאָר זיי אַליין וועלן באַדאַרפֿן אויספֿירן דעם אַקט פֿון קאַמף.

ער האָט זיך ניט געווענדט צו קורחן, ניט צו דתן און אבירם, די אויפֿזעער און אָנפֿירער פֿון די בני־ישׂראל, וועלכע זענען געוואוינט געווען זיך צוצוהערן צו זייער קול און אויספֿאָלגן זייערע באַפֿעלן נאָך פֿון מצרים אָן. ניין, אָנטרײַבער פֿון שקלאַפֿן קאָנען ניט זײַן קיין פֿירער פֿון בני־חורין. ער מוז מאַכן אַ סוף צו דעם גייסט פֿון פֿאַרקנעכטונג, ער מוז געבן די בני־ישׂראל דאָס אינעווייניקסטע געפֿיל פֿון בני־חורין. זיי וועלן מוזן זיך פֿאַרטיידיקן קעגן אַ פֿרעמדן שונא ניט ווײַל זייערע פֿירער וועלן זיי אָנטרײַבן דערצו מיט בייטשן, נאָר אויס זייער אייגענעם פֿרייען ווילן, אויס ליבע פֿאַר פֿרייהייט. ער האָט דערפֿאַר גערופֿן יהושען, זײַן געהילף. ווי יונג ער איז ניט און ווי ניט־געניט אומצוגיין מיט שקלאַפֿן־מאַסן, איז ער דער פּאַסיקער פֿירער, ווײַל ער געהערט צום נײַעם דור, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די תּשוקה און די ליבע צו פֿרייהייט, צוזאַמען מיט דער מסורה און דער לערע פֿון די זקני־ישׂראל. ווי יונג ער איז ניט, איז ער אָבער באַפֿליגלט מיט דער וויזיע פֿון די אבות, וואָס ער האָט געזען אין דער פֿינצטערער הייל ביי די זקני־ישׂראל. ער איז בכוח אײַנצופֿירן די נײַע דיסצי־פּלין, דעם נײַעם סדר, וואָס ער, משה, וויל אײַנפֿירן ביי די בני־ישׂראל.

יהושע וועט פֿירן די בני־ישׂראל אין מלחמה קעגן די עמלקים, און כּדי

די בני־ישראל זאָלן וויסן, אַז יהוה איז מיט זיי, זאָלן זיי זען דעם שטעקן פון גאָט אין משהס האַנט. זאָלן זיינע הענט זיין אויסגעשטרעקט נאָכאַנאַנד צו יהוהן, צו זיינע הימלען, כדי זיי זאָלן זען, אַז משה שטייט אין פאַרבינדונג מיט יהוהן דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האַלטן מלחמה מיט עמלקן, און האָבן בטחון, אַז יהוה איז צווישן זיי. און מיט דעם גלויבן אין יהוהס הילף זאָלן זיי געווינען דעם גייסט פון קאַמף־לוסט און העלדישקייט. אָ, משה האָט געוואוסט, אַז נאָך וויכטיקער פון פיזישן כּוח איז דער מאָראַלישער כּוח אין מלחמה. און זאָלן זיי שעפּן דעם מאָראַלישן כּוח פון זיין אָנבליק. ער וועט שטיין די גאַנצע צייט אויפן באַרג און אַהרן וועט זיין ביי זיין רעכטער האַנט, מיט דעם אָנפירער פון די זקני־ישראל ביי זיין לינקער האַנט. ניין, ניט קורחן און ניט קיין אַנדער פּנים פון די אַלטע שקלאַפן־אַנטרייבער זאָלן זיי זען פאַר זיך. נייע פּנימער, יונגע, גבורהדיקע, פרייע.

ער האָט גערופן יהושען צו זיך און אים באַפוילן:

— גיי, יהושע, און קלייב זיך אויס מענטשן פון פאָלק און גיי אַרויס מלחמה האַלטן מיט עמלקן.

יהושע איז נשתּומם געוואָרן:

— איך פון אַלע בני־ישראל? איך בין נאָך אַזוי יונג.

— דו ביסט אָבער אַלט אין דעם גייסט פון אונדזערע אבות. גיי, קלייב זיך אויס מענטשן. „קלייבן" האָב איך געזאָגט. קלייב זיי גוט, איינעם און איינעם, יונגע און פרייע גייסטער, וואָס גלויבן אין יהוהן, זענען בטוח אין זיינע הבטחות, לעבן מיט דער אמונה און זענען קינדער פון אַברהם. איך וועל שטיין אויפן שפּיץ באַרג, כּדי אַלע זאָלן מיך זען, און דער שטעקן פון גאָט וועט זיין אין מיין האַנט. גיי, די צייט איז קורץ, דער שונא איז אין די בערג.

יהושע איז געגאַנגען און ער האָט געטון ווי משה האָט אים באַפוילן, טייל יונגעלייט האָט ער שוין געהאַט מיט זיך. ער האָט זיי געהאַלטן אַרום משהס געצעלט פאַר אַ וואַך. נאָך דער מי־מריבה איז ער נאָך מער אַלאַרמירט געוואָרן און האָט פאַרשטאַרקט די וואַך אַרום משהן. די יונגעלייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער מחנה. שפּעטער אין טאָג האָט יהושע געקאָנט מיטטיילן משהן:

— איך האָב אויסגעקליבן יונגע און מוטיקע מענטשן. זיי זענען פול מיטן גייסט פון יהוה. מיר האָבן אויך געפונען צווישן פאָלק שווערדן, פיל שווערדן, מער ווי מיר האָבן זיך געריכט. ניט אַנדערש, נאָר יהוה האָט זיי אָנגעגרייט פאַר אונדז, ווען ער האָט באַפוילן די וועלן פון ים־סוף, אַז זיי זאָלן אויסשפּייען פּרעהס טויטע רייטערס פאַר אונדזערע פיס. מיר האָבן אָבער ניט גענוג פיילן־בייגנס און האָבן קיין צייט ניט זיי צו פאַרמערן. די עמלקים זענען באַוואָפנט מיט פיילנבייגנס און וואַרפשפיזן. ווי אַזוי וועלן מיר צו זיי צוקומען? זיי וועלן אונדז פאַרוואַרפן מיט שטיינער און אונדז טרעפן מיט זייערע פיילן.

— ווי יהוה האָט פאַרניכטעט פּרעהס רייטוועגן אין דער טיפעניש פון ים, אַזוי וועט ער פאַרניכטן די פיילנבייגנס פון עמלק אין דער הייך פון די בערג.

נאָר דאָסמאָל באַדאַרפן מיר דאָס וועלן אַליין טון. מיר באַדאַרפן באַווייזן יהוהן, אַז מיר זענען ראוי צו ווערן אויסגעלייזט, ווייל מיר זענען ווילָיק מלחמה צו האַלטן און צו שטאַרבן פאַר דער פרייהייט, וואָס ער גיט אונדז. און דענסמאָל וועט אונדז יהוה העלפן.

און משה האָט געגעבן יהושען די לעצטע פאַראָרדענונג און אים אָנגעוויזן די סטראַטעגישע אָפּווער־טאַקטיק קעגן דעם שונא:

— דאָס איז די זאַך, וואָס דו זאָלסט טון. צעטייל די מחנה אויף צוויי חלקים. נעם די שטאַרקסטע און מוטיקסטע, וואָס קאָנען ציען אַ בויגן, און ברענג זיי צופוסנס פון באַרג, וואו די עמלקים זענען. איבער דעם אַנדערן טייל שטעל אַוועק אַן עלטסטן, און גיב זיי די שווערדן אין די הענט, און זאָלן זיי אין דער שטיל פאַרנעמען דעם צופוסנס פון באַרג אויף דער צווייטער זייט. די סאַמע שטאַרקע און מוטיקע פון דער מחנה זאָלן אין געהיים אַרויפשטייגן אויפן באַרג. און עס וועט זיין, ווען די עמלקים וועלן אָנהויבן שלײדערן שטיינער און וואַרפשפּיזן אויף אונדזער מחנה, וועלן זיי מיינען, אַז דאָס זענען די אַלע קריגסלייט, וואָס די בני־ישראל האָבן אַרויסגעשטעלט, לייכט באַוואָפנטע מיט בלויזע פיילנבייגנס, אָן שווערדן. דער שונא וועט אַזוי קריגן מוט איבערצולאָזן די שטיינער און אַרונטערקומען פון באַרג צו דערשלאָגן אונזער מחנה מיט דער שווערד. און דענסמאָל זאָל דער טייל פון דער מחנה מיט די שווערדן, וואָס דו האָסט געשיקט אַרויף דעם באַרג, באַפאַלן די עמלקים אין נאַקן און זיי אויס־שלאָכטן. איך וועל שטיין מיט גאָטס שטעקן אין האַנט אויף אַ שפּיץ באַרג אַנטקעגן דעם עמלק. מיר וועלן האָבן דעם עמלק צווישן די צוויי טיילן פון אונדזער מחנה און מיר וועלן אים פאַרניכטן.

אַן אויסגעשטודירטער אין פרעהס אַקאַדעמיע, מיט געניטשאַפט פון פריער־דיקע קאַמפן קעגן אומגעשולטע, ווילדע אַזיאַטישע שבטים, האָט משה געוואוסט, אַז מיט זיין באַשרענקטן וואָפן פון כמעט לויטער שווערדן וועט ער אַנדערש ניט קאָנען באַזיגן דעם שונא סיידן דורך אַ מאַנעוורע פון אַרויפצווינגען אויף אים אַ האַנט־צו־האַנט־קאַמף, וואו די שווערדן וועלן האָבן די אַנטשיידענע פּעולה.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן די עמלקים פון באַרג אַראָפּ דערזען אַ הייפעלע קריגער מיט אויסגעשטרעקטע פיילנבייגנס אין די הענט, ווי זיי פּרוּוון אַרויפדראַפּען זיך אויף די שטיינערנע ווענט פון די בערג.

— זע די גבורים, וואָס ישראל האָט אַרויסגעשטעלט אַנטקעגן אונדז. קיין איין שווערד־מאַן ניטאָ צווישן זיי, לויטער בויגן־שיסער. און ווי קליין איז זייער צאָל! מיר וועלן זיי מיט די שטיינער פאַרשיטן!

אַ מבול פון שטיינער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן זיך שיטן אויף די קעפּ פון די יידישע קריגער.

מיט זייערע פיילן האָבן די יידישע קריגער ניט געקאָנט טרעפן די עמלקים; די פיילן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דער שטיינערנער וואַנט פון באַרג. אַנטקעגן־אָבער די עמלקים, אַליין אויסבאַהאַלטן הינטער די ווענט, האָבן געקאָנט זען אָפּן די יידישע קריגער און צילן אין זיי. אַ פּאָר מאָל האָבן די בני־ישראל אַפילו

צוריקגעטראָטן אין באַהעלטעניש פון די באַרג־שפּאַלטן. די עמלקים האָבן, קענטיק, געמיינט, אַז זיי האָבן שוין אַרויסגעשלאָגן די יידישע בויגן־שיסער און זיי קאָנען זיך אַרונטערלאָזן פון באַרג צו נעמען זיך צו דער גרויסער אומבאַ־וואָפנטער, אומבאַשיצטער מאַסע מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, איינגעקאָפּיעט הינטער די ווענט פון די אַרומיקע בערג. אָבער איטלעכן מאָל, ווען די עמלקים זענען שוין פאַרטיק געווען נאָכצוגעבן זייער חיהשער לוסט פון מאָרד און רויב, האָט דאָס הייפעלע יידישע גבורים זיך ווידער באַוויזן אויף די שוץ־ווענט און מיט זייערע פיילנבויגנס צוריקגעהאַלטן דעם שונא, אים צוריקגעטריבן אין זיין באַהעלטעניש. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ גבורה ביי די יידישע קריגער? פון וואַנען האָבן זיי געשעפּט דעם העלדנמוט אַנטקעגנצושטעלן זיך אַ הונדערט־פאַך גרעסערער און בעסער באַוואָפנטער מחנה?

און מיטאַמאָל האָבן די עמלקים דערזען.

זיי האָבן דערזען דעם מעכטיקן מאַן. מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, שטייט ער, ווי אַ סטאַטוע, צווישן צוויי קלענערע מענטשן און האַלט די הענט אויסגע־שטרעקט צום הימל. און איטלעכס מאָל, ווען דער מאַן שטרעקט־אויס זיין שטעקן צום הימל, באַווייזן זיך די יידישע גבורים פון הינטער דער שוץ־וואַנט און האַלטן מיט זייערע פיילן צוריק די עמלקים פון דעם לאַגער פון די בני־ישראל.

אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט דער קאַמף. עס זעט־אויס, אַז דאָס קלעטערן אַרויף דעם באַרג איז ניט אָנגעקומען גרינג די שווערד־לייט פון דער יידישער מחנה. יהושע, וואָס זיין שווערע אויפגאַבע איז געווען צוריקצוהאַלטן די עמלקישע האָרדע פון דעם לאַגער פון ישראל, האָט ניט געקאָנט וויסן, ווען און וואו די שווערד־לייט וועלן דערגרייכן דעם שונא און אָנהויבן זייער אַטאַקע. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז זיי וועלן אַריינקריגן דעם שונא און אויספירן גענוי משהס פּלאַן, וואָס ער האָט אויך געגלויבט, אַז ער איז געקומען פון יהוהן.

יהושע האָט זיינע מענטשן אַזוי פונאַנדערגעטיילט, אַז דער מבול שטיינער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט פאַלן פון דער באַרג־הייך, זאָל אָנטון וואָס ווייניקער שאָדן אין זיינע רייען. עס זענען דאָך געפאַלן אין דעם לויף פון טאָג זייער פיל פון זיינע בעסטע מענטשן, ביז ער איז, לסוף, איבערגעבליבן ניט מער ווי מיט אַ גרופּע גבורים, וואָס אויך פון זיי זענען פיל געווען שווער פאַרוואונדט, מיטן בלוט רינענדיק אין שטראָמען פון זייערע וואונדן. נאָר איטלעכן מאָל, ווען זיי זענען שוואַך געוואָרן און גענומען צוריקטרעטן, האָט זיי יהושע אָנגעוויזן אויף דער פיגור, וואָס איז געשטאַנען אויפן שפּיץ באַרג אַנטקעגן זיי.

און אויפן שפּיץ באַרג אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען משה. ווי אַ פלאַקערדיקע זייל אויף אַ באַרג איז ער געשטאַנען. זיין ווייסע באָרד האָט זיך געזילבערט אין דער זון און זיין לאַנג ווייס קלייד איז געווען ווי אַ פייערדיקע שילד איבער אים. זיינע בלויזע אָרעמס, וואָס ער האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט צום הימל מיטן שטעקן פון גאָט, זענען געווען די הייך פון גבורה.

— זעט, משה שטייט אויפן באַרג און רעדט מיט יהוהן. יהוה זאָגט אים, וואָס ער זאָל טון.

— משהס שטעקן וועט צעברעכן דעם געניק פון עמלק, ווי ער האָט צעבראָכן דעם געניק פון פּרעהן.

— נאָך מיר מיט יהוה! — האָט יהושע גערופן צו זיינע קריגער.

און ווי אָנגעטריבן פון נייער גבורה, באַפליגלט מיט נייעם גייסט, האָט דאָס הייפעלע גבורים אַרויסגעלאָזט זיך פון זייער שוצפּלאַץ, געקראָכן אויף אַלע פיר אויף די שטיינערנע טעראַסן פון באַרג, אָפּגעשלאָגן מיט שטיינער און פיילן די אַטאַקע פון די עמלקים.

די עמלקים האָבן געמוזט איינזען, אַז ניט דאָס הייפעלע יידישע קריגער איז די מחיצה צווישן זיי און דעם רויב־אָנפאַל אויף דעם לאַגער פון די בני־ישראל. דאָס איז די געשטאַלט פון דעם מאַן, וואָס האַלט די הענט אויסגעשטרעקט צום הימל. זיי קוקן אַרויף צו אים, און ער גיט זיי די מאַכט און דעם מוט צוריקצוהאַלטן די גרויסע מאַסע עמלקישן חייל. עס איז ווי ער וואָלט פון הימל אַראָפּגעבראַכט די גבורה, וואָס זיי ווייזן. און די עמלקים האָבן אָנגעשטעלט זייערע פיילנבייגנס אויף דער הויכער פיגור, וואָס שטייט ווי אַ פייערדיקע זייל אויפן שפּיץ באַרג. זיי האָבן אויסגעקליבן זייערע בעסטע בויגן־שיסער צו צילן אין אים זייערע טויטלעכע פיילן, האָבן געפּרואווט אים באַוואַרפן מיט שטיינער. נאָר ווי אַ מלאך פון גאָט איז די פיגור געשטאַנען אויף דעם באַרג, אומבאַרירט, ניט צו דערלאַנגען. עס איז געווען ווי די זון וואָלט אויסגעגליט אַ פלאַקערדיקן פּאַנצער אַרום אים, און די שטראַלן פון דעם פּאַנצער האָבן אָפּגעשלאָגן די פיילן און זיי זענען צוריקגעפאַלן פון אים.

דערווייל האָט משהס פּלאַן אָנגעהויבן ווירקן. זיכער אין זיך און אומדערשראָקן פאַר דער קנאַפּער צאָל יידישע קריגער, האָבן די עמלקים פאַרלאָזט זייערע שוץ־פּלעצער אויפן שפּיץ באַרג. עס איז געווען פאַרנאַכט־צו, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן זיך פון באַרג צו באַגעגענען די יידישע קריגער. דער טייל פון יהושעס קריגער, באַוואָפנטע מיט שווערדן, וואָס האָבן אויסגעוואַרט אויף דעם מאָמענט אין זייער באַהעלטעניש אויפן צווייטן עק באַרג, האָבן זיך אַ לאָז געטון אויפן שונא ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזט זיין פּאָזיציע און די אָנגעוואָרפענע בערג לויזע שטיינער, און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרם, וואָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר יהושען, גענומען האַקן מיט די שווערדן אויף רעכטס און לינקס. מיטן רוף „נאָך מיר מיט יהוה!" האָט יהושע אַרויפגעדראַפּעט זיינע מענטשן אויפן שפּיץ באַרג. זיי האָבן געצויגן זייערע קורצע מעסערס און געשניטן די עמלקים. דאָ און דאָרט האָבן שוין טויטע קערפּערס אַראָפּגעקוילערט זיך פון משופּעדיקן באַרג אַרונטער. די איבעריקע זענען געלאָפן אויף אַלע פיר ווינטן.

אין אָוונט האָט יהושע געקאָנט אַריינפירן אין טאָל אַרייך, וואו דער לאַגער פון ישראל האָט זיך געפונען, די קעמלען און אייזלען, באַלאָדענע מיט פּראָוויזיע און וואַסער, וואָס די עמלקים האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך, אויך די טראָפּעען פון פעק קליידער, כּלים און כּלי־זין. ער האָט דאָס אַלץ געבראַכט צו משהס פיס.

אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג האַלטן די הענט אין דער הייך, נאָר מיט אַ

פנים, וואָס האָט אין דער נאַכט געשיינט ווי די זון, האָט משה גענומען יהושען אָן אַ זייט און אים געזאָגט:

— יהוה האָט מיר צו וויסן געגעבן, אַז איך זאָל עס פאַרשרייבן פאַר אַ געדעכעניש אין אַ ספר און זאָל עס דיר פאַרטרויען אויפן אויער, אַז אויסמעקן וועט יהוה אויסמעקן דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל.

צומאָרגנס האָט ער זיך געפעדערט גאַנץ פרי, האָט גענומען יהושען מיט אַהרנען און חורן, מרימס מאַן, און געהייסן איינזאַמלען די עלטסטע פון ישראל און די גאַנצע עדה פון ישראל אַרום זיי. און משה האָט גענומען שטיינער און האָט אויפגעשטעלט אַ הויכן מזבח פאַר יהוהן אין מדבר.

— דיין נאָמען זאָל זיין „יהוה נסי״, יהוה איז מיין פאָן! — האָט משה אויסגערופן און ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מזבח און געזאָגט: — איך שווער, איך שווער מיט דער האַנט אויפן טראָן פון יה, אַ מלחמה איז ביי יהוהן מיט עמלקן פון דור צו דור.

און ער האָט זיך געווענדט צו די זקני־ישראל און צו דער פאַרזאַמלטער עדה און ער האָט געזאָגט:

— פאַרוואָר, פאַרוואָר, ניט קעגן אייך איז עמלק אַרויסגעגאַנגען מלחמה האַלטן, ווען איר זענט מיד געווען און אויסגעמאַטערט, נאָר קעגן יהוהן איז ער אַרויסגעגאַנגען. וואָרעם עמלק איז דער אייביקער שונא פון יהוהן, פון אַלץ, וואָס יהוה לערנט, און פון אַלע, וואָס גלויבן אין אים. עמלק איז דער היפוך פון דעם, וואָס יהוה איז. ווי יהוה איז רחמנות, יושר און סדר, אַזוי איז עמלק אַכזריות, אומרעכט און תהו־ובהו. ער האָט פיינט אַלץ, וואָס יהוה האָט ליב, און ער וועט מיט אייך מלחמה האַלטן ביז צו דעם לעצטן דור, ווייל איר זענט די דערפילונג פון יהוהס געבאָט. וואָרעם וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז אויס־געלאַכט און פאַראַכט וועט איר ווערן פון וועגן יהוהן. איר וועט גערודפט ווערן מיט פינצטערע רדיפות. איר וועט געפירט ווערן צו דער שחיטה און געטויט ווערן מיט אַלערליי מיתות־משונות איבער יהוהס געזעצן און געבאָטן. ביז צום לעצטן טאָג וועט די מלחמה געפירט ווערן. אין איטלעכן דור און דור וועלן אויפשטיין נייע עמלקים און וועלן באַנייען די מלחמה קעגן יהוהן. זיי וועלן פאַרלייקענען זיין זיין, שפּעטן פון זיינע חוקים און צעשטערן זיין סדר־העולם. איר מוזט זיין די קריגער פון יהוהן, די שטרייטער פאַר זיין כבוד, די אָפּהיטער פון זיינע חוקים, די אויפהאַלטער פון זיין סדר־העולם. יהוה איז פון היינטיקן טאָג אָן אייער פאָן. עס איז ניט גענוג, אַז איר זאָלט ליב האָבן מיט אייער גאַנצן לייב און לעבן דאָס גוטע און גערעכטע, נאָר איר מוזט פיינט האָבן מיט אַלע אייערע חושים דאָס שלעכטס און די זינד, ביז עס וועט קומען אַ טאָג און די זינד וועט ווערן אָפּגעמעקט פון דעם פּנים פון דער ערד און יהוה אַליין וועט זיין דער איינציקער הערשער איבער דער ערד, ווי ער איז דער הערשער איבער די הימלען. דענסמאָל וועט די גאַנצע וועלט דערקענען אייער קאַמף און אייער עקשנות, אייער געטריישאַפט און אייער ליבע צו יהוהן, און וועט זיך באַקערן צו אים. וואָרעם יהוה וויל ניט, אַז דער זינדיקער זאָל אונטערגיין, נאָר ער וויל, אַז דאָס שלעכטע זאָל פאַרניכטעט ווערן. דורך דעם האַלט מלחמה מיט דעם

שלעכטן, ביז איר וועט אָפּווישן דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל.

דאָס פֿאָלק האָט אָפּגעענטפערט נאָך משהן:

— די האַנט אויפֿן טראָן פון יה, אַ מלחמה מיט עמלקן פון דור צו דור. יהוה איז אונזער פאָן, אים געהערט די גאַנצע ערד!

# 4

משה האָט איצט געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. זינט ער האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצריים, האָט ער ניט געהאַט קיין איין מינוט מנוחה. אין תמידיקער סכנה, — צוערשט מיט די מצרים, דערנאָך פון אייגענער מרידה, פון הונגער און דאָרשט און, צולעצט, פון דעם פרעכן, אומרחמנותדיקן שונא, וואָס האָט געוואָלט אָפּהאַלטן אַ גרינגן און שנעלן נצחון איבער די אויסגעמאַטערטע בני־ישראל, — האָט משה ניט געהאַט קיין צייט צו באַשרייבן אָדער אַפילו נאָר פֿאַרצייכענען אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר די מעשים און נסים, וואָס גאָט האָט געטון מיט זיי. עס האָבן זיך אויך אָנגעזאַמלט פיל מנהגים און חוקים, וואָס די בני־ישראל האָבן געירשנט דורך דער מסורה פון די אבות, חוקים און מנהגים, וואָס זיי האָבן אָפּגעהיט, ווען זיי זענען נאָך געווען אין מצריים. צו זיי זענען צוגעקומען נייע חוקים, וואָס זיי האָבן געוואונען אין מדבר דורך זייערע נייע נסיונות.

דאָס אַלץ האָט געמוזט פיקסירט ווערן מיט אַ סדר אין שריפט, געלייטערט פון די פֿאַרשיידענע הוספות און ווערסיעס, לויט דער טייטשונג פון די כהנים אָדער פון די בני־לוי, וועלכע האָבן געזוכט אַרויסצוהייבן זייער אייגענעם יחוס און וויכטיקייט. עס איז געווען רעכט צייט צו ברענגען די אַלע מסורות און קבלות, הימנען און ברכות פון די אבות אונטער איין נוסח, שאַפן אַ ספר־היחוס פֿאַר די בני־ישראל, וואָס זאָל זיין פֿאַרהייליקט אין אַלע צייטן און אַלע דורות און ניט צולאָזן מער קיין שנויים.

איצט, ווען גאָט האָט געזאָגט משהן, אַז ער זאָל פֿאַרשרייבן אין אַ ספר דעם רויב־אָנפאַל פון עמלקן אויף די בני־ישראל און אים אויסצייכענען מיט דעם צייכן פון ביטערן שונא פון יהוהן פֿאַר אַלע דורות, איז משה טאַקע גלייך צוגעטראָטן צו טון גאָטס געבאָט.

עס האָבן עקסיסטירט צווישן די פעלקער פֿאַרשיידענע אופנים פון פֿאַר־אייביקן אין וואָרט די מעשים פון זייערע מלכים, זייערע מלחמות און נצחונות, די חוקים און די משפטים פון זייערע געטער. די מצרים האָבן מערסטנס אויסגע־האַקט אויף גראַניט־שטיין אין זייער לשון די כראָניקעס פון זייערע העלדן און געטער, אָדער געניצט פֿאַר דעם פּאַפּירוס־בלעטער. די בבלער האָבן זייערע

חוקים און משפטים און אַלע זייערע קאָנטראַקטן און אָפּמאַכן אויסגעקריצט אויף ליים־טאַבלעטן, וואָס זיי האָבן געטריקנט אין באַק־אויוונס אָדער אויף דער זון. משה האָט באַשטימט דעם ספר צו שרייבן אויף שאָפענע פעלכלעך מיטן אויספּלוס פון אַ טינט־פיש פון ים, כדי זיי זאָלן קאָנען גרינג מיטפירן מיט זיך דעם ספר אויף אַלע זייערע נסיעות אין מדבר, ביז זיי וועלן קומען אין דעם לאַנד אַריין, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט.

דער ספר וועט דערציילן פון ששת ימי־בראשית, פון יהוהס מעשים פון דעם ערשטן טאָג אָן פון באַשאַף; עס וועלן פאַרשריבן ווערן אין אים אַלע מסורות וועגן די תולדות פון די אבות, זייערע מעשים, מנהגים, זייערע מידות און דינים, זייערע תפילות און ברכות, וואָס זיי האָבן געגעבן די בני־ישראל. אויך וועט דער ספר זיין אַ ספר־הזכרונות פאַר די בני־ישראל, וואָס וועט פאַר־צייכענען די מעשה פון יציאת־מצרים און פון די נסיעות דורכן מדבר, אַלע נסים און נפלאות, וואָס גאָט האָט געטון מיט די בני־ישראל. אָבער דער עיקר וועט דער ספר זיין דאָס געזעץ־בוך פון ישראל, וואָס וועט האַלטן אַלע חוקים און משפטים, וואָס גאָט האָט געגעבן און וועט געבן די בני־ישראל, דאָס בוך פון דער לערנונג, וואָס לויט איר זאָלן זיי משפטן, לויט איר זאָלן זיי זיך אויפ־פירן און לויט איר זאָלן זיי לעבן. און מחמת דעם זאָל דער ספר גערופן ווערן ספר־תורה, דער ספר פון לערנונג.

שטייען שוין גאַרבער־יידן פאַר משהס געצעלט און שטרייכן מיט מצרישע שווערדן די שעפּסענע פעלכלעך, מאַכן זיי גלאַטיק און ריין אויף אויפצונעמען די הייליקע שריפט. און אַ ועד פון די זקני־ישראל, וואָס פלעגן איינחזרן די מסורה וועגן די אבות אין דער באַהאַלטענער הייל אין מצריים, חזרן איצט איבער די מסורה פאַר די סופרים. זיי דיקטירן זי וואָרט פאַר וואָרט, אין דעמזעלבן לשון, ווי עס איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן פון די פריערדיקע דורות. דאָס געשעעניש, דער נוסח פון דעם געשעעניש און דאָס לשון ווערן פאַרגליכן, ווי דאָס קומט אַרויס פון פיל מיילער. יעדער וואָרט מוז זיך פּאַסן און געשטעלט ווערן אויפן ריכטיקן אָרט, ווי פאַרגליכן מיטן רוב ווערסיעס פון די זקני־ישראל. וואָרעם ניט נאָר דאָס געשעעניש גופא איז וויכטיק, נאָר דאָס לשון, אין וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן אין דער מסורה, איז אויך זייער וויכטיק און הייליק. קיין זאַך ווערט ניט פאַרהוילן, דאָס שלעכטע, ווי דאָס גוטע, ווערט אַלץ איינס מיטגעטיילט; קיין זאַך ווערט ניט פאַרשווינט און ניט פאַרשענערט, נאָר אויס־דערציילט גאָר פשוט, מיט אַ צמצום פון ווערטער, וואָס עס ברענגט זייער קלאָר און בולט אַרויס דעם אמת. דער נוסח פון דער מסורה איז אַ פעסטגעשטעלטער, אויסגעהאַמערט אין דער געשיכטע ווי אין קיזלשטיין. קיין וואָרט קאָן אין איר ניט איבערגעאַנדערשט ווערן, וואָרעם די ווערטער זענען אָפּגעקליבן און אויס־געציילט געוואָרן פון די פאַרגאַנגענע דורות און מען טאָר זיי ניט מינערן און ניט פאַרמערן.

ניט אַזוי אָבער איז געוועזן די זאַך מיט די לויפיקע געשעענישן ווי זיי זענען באַשריבן געוואָרן אין די כראָניקעס.

פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיינע ברידער אין מצריים האָט משה זיך

אַנגעשטויסן אויף פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס האָבן געוואָלט אַרויפצווינגען זייער העגעמאָניע אויפן פאָלק. די עברים זענען געווען קנעכט ניט נאָר ביי פּרעהן, נאָר אויך ביי זייערע אייגענע ברידער. פאַר אַלעמען האָט דער שבט לוי, אַשטייגער, זיך אויסגעשלאָסן פון אַלע אַנדערע שבטים, ווי אַ יוצא מן הכלל, און זיך פּראָקלאַמירט פאַר אַ הערשערישן שבט. קורח, זייער פאָרשטייער און עלטסטער, האָט, פאַרשטייט זיך, זיך געקליבן מיט אָט־דעם רעכט צו שפּילן אַן ערשטע ראָלע אין דער באַפרייאונג פון די עברים. ער האָט אויך געהאַט די אַמביציע צו באַטרעטן דעם אַמט פון כהן־גדול, וואָס אַהרן האָט געהאַלטן. ווען משה האָט אים אָבער דערוויטערט פון זיך און האָט דערהויבן צו דעם העכסטן אַמט פון זיין געהילף ניט אים, קורחן, נאָר זיין אייגענעם ברודער, אַהרנען, און שפּעטער פאַר זיין צווייטן געהילף — זיין שוואָגער חורן, מרימס מאַן, האָט קורח געזוכט צו שעדיקן משהס שם, זיין גרויסן אָנזען ביים פאָלק.

קורח און זיינע לייט האָבן פאַרשפּרייט רכילות אויף משהן, אַז ער טיילט־איין די ממשלה איבער ישראל צווישן זיין אייגענער משפּחה.

אָבער נאָך גרעסערע שוועריקייטן ווי מיט קורחן האָט משה געהאַט טאַקע מיט זיין משפּחה.

אַהרן האָט נאָך אין מצריים געחלומט פון אַ העגעמאָניע פון כהנים איבער די שבטים אויפן שטייגער פון די מצרישע כהנים, מיט אַ היעראַרכישער פּירער־שאַפט, מיט רייכע שפּיכלער־שטעט אַרום די טעמפּלען און גרויסע פאַרמעגנס, אָנגעזאַמלט פון מעשר פון תבואות און אַנדערע שטייער־צאָלונגען. די כהונה, לויט אַהרנס השגה, האָט געזאָלט געהערן ניט דעם גאַנצן שבט לוי, ווי קורח איז באַשטאַנען, נאָר ניט מער ווי די אָפּשטאַמיקע פון איין משפּחה, פון די בני־עמרם, בעת די אַנדערע משפּחות פון די בני־לוי האָבן געזאָלט זיין אַ מין טעמפּל־שקלאַפן, משרתים פון די כהנים.

אַזוי אַרום האָט אַהרן, וואָס נאָר זיינע אייגענע נאָכקומער האָבן געקאָנט באַטרעטן דעם כהנים־אַמט, דערצויגן זיינע אייגענע זין אין דעם גייסט. זיינע צוויי עלטסטע זין, נדב און אַביהוא, האָבן זיך געזען, אינאיינעם מיט זייער פאָטער, ווי די אָנהייבער, די גרינדער פון אַ כהנים־דינאַסטיע, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אַמביציעזע שטרעבונג נאָך מאַכט און הערשאַפט פון זייער פריער יוגנט אָן. אייפערזיכטיק אויף דער פירערשאַפט אַפילו פון זייער אייגענעם פאָטער און פעטער, האָבן זיי אויסגעקוקט אויף זייער טויט צו קאָנען איבערנעמען די פולע מאַכט איבערן פאָלק. אָבער שוין ביים לעבן פון משה און אַהרן האָבן זיי זיך באַנומען צום פאָלק ווי הערשער צו קנעכט. זיי האָבן באַטראַכט די עברים ווי שקלאַפן פון יהוהן, און אַזוי ווי זיי זענען געווען יהוהס שטעלפאַרטרעטער, זענען די עברים, בכן, אויך געווען זייערע שקלאַפן. זיי האָבן אַזוי אַרום געהאַלטן פאַר רעכט אַרויפצולייגן אַ שטייער, אַ מס פאַר יהוהן, אויף איטלעכן קאָפּ. זיי האָבן ווייטער באַרעכטיקט זייער ממשלה דורך אויסטייטשן יהוהס געזעצן, די חוקים און די משפּטים פון זייער טובה וועגן, ווי עס וואָלט געווען דער ווילן פון יהוהן אַליין, אַז דאָס פאָלק זאָל אָננעמען פאַר ליב דעם נייעם עול, וואָס די כהנים־דינאַסטיע לייגט אויף זיינע פּלייצעס.

משה אַליין פון צווישן די בני־עמרם איז געווען פריי פון וואָסערע־עס־איז הערשערישע אַמביציעס. משה האָט געהאַט איין לײדנשאַפט, וואָס איר האָט ער מקריב־געווען זיין לעבן, זיין משפּחה, זיינע נאָכקומער, — און דאָס איז געווען, יהוה. אויך אומפאַרגלייכלעך גרויס איז געווען צוגלייך משהס ליבע צו זיין פאָלק, זיין תשוקה מדריך צו זיין זיין פאָלק אַזוי, אַז עס זאָל ווערן אַן עם־סגולה אין יהוהס מצוות, אַ מוסטער־פאָלק פון יושר און ערלעכקייט. צוליב אָט־דער ליבע האָט ער אַפילו פאַרנאַכלעסיקט זיין ווייב און קינדער.

ער האָט ניט גערופן צו זיך זיין זון גרשום פון מדין ווי באַלד ער איז אַריבער דעם ים־סוף, אַז ער זאָל אים דערציען ווי זיין יורש־עצר פאַר אַ פירער פון ישראל, אַזוי ווי אַהרן האָט עס געטון מיט זיינע זין, אַנהויבנדיק מיט זיי אַ נייע כּהנים־דינאַסטיע. נייִן, משה האָט גענומען אַ ווילד־פרעמדן, אַ יינגל פון דעם שבט אפרים, יהושע בן־נון, וואָס קיינער האָט ניט געקענט, און האָט אים געמאַכט פאַר זיין נעענטסטן מיטאַרבעטער. משהס אַמביציע איז ניט געווען צו האַלטן די מאַכט פאַר זיך און זיינע קינדער, צו באַפעסטיקן די העגעמאָניע פון אַ דינאַסטיע אָדער אַ קאַסטע איבער זיין פאָלק, נאָר צו מאַכן אויס דעם גאַנצן פאָלק אַ פאָלק פון כּהנים, אַ הייליק פאָלק.

וויסן האָט ער געוואוסט, אַז די בני־ישראל וועלן באַדאַרפן האָבן אַ ריטואַל און אַן עבודת־הקודש פאַר יהוהן, וואָס פאַר דעם וועלן דאַרפן באַשטימט ווערן ספּעציעלע כּהנים. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט אויסמאָלן, אַז עס וועט אויפשטיין אַ גאַנצע קאַסטע כּהנים, וואָס וועלן לעבן פון דער פּראַצע פון פאָלק, וואָס פאַר זיי וועט באַדאַרפן דער יידישער פעלד־אַרבעטער אָפּגעבן אַ צענטל פון זיינע תּבואות און דער יידישער פאַסטוך איטלעכן בכור פון זיינע שאָף; אַ קאַסטע מיט אַ מעכטיקן, רייכן משכן, מיט אַ גאָלדענעם מזבח, אויף וועלכן עס וועלן זיך תּמיד רויכערן קרבנות פון פּי און אָקסן.

ער אַליין האָט נאָך דעם נצחון איבער עמלק אויפגעשטעלט אַ מזבח פון שטיינער פאַר יהוהן פאַר אַן אָנדענק און אַ צייכן פון גאָטס וואונדער. קיין קרבנות האָט ער אָבער ניט געבראַכט אויף אים, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אָן קרבנות וועלן די בני־ישראל זיך ניט באַגיין. צו ברענגען קרבנות פאַר אַ גאָט איז געווען די איינציקע פאָרעם פון גאָט־דערקענטעניש, פון עבודת־הקודש, וואָס די דענסמאָלדיקע וועלט האָט געקענט. דעם מענטשנס מויל איז נאָך געווען פאַרשלאָסן, און דער איינציקער אויסדרוק פון אַ האַרץ, וואָס איז געווען איבערגעפילט מיט ליבע און אימה פאַר גאָט, איז באַשטאַנען אין דער אַקציע פון אַ קרבן, ניט אין דעם וואָרט פון תּפילה, אָבער אין האַרצן האָט משה געגלויבט, אַז ניט קיין קרבן וויל גאָט, נאָר גוטע מעשים און אַ לעבן אין גערעכטיקייט.

שוין ביים אַריינשרייבן אין דעם ספר דאָס ערשטע געזעץ, וואָס משה האָט פּראָקלאַמירט אין נאָמען פון יהוהן צו די בני־ישראל, דאָס געזעץ וועגן הייליקן צו גאָט איטלעכן בכור, וואָס עפנט דעם טראָכט פון דער מוטער, סיי פון מענטש, סיי פון בהמה, ווי אַן אָנדענק פון יציאת־מצריים, איז געקומען צו אַ

קאָנפליקט צווישן משהן און די כהנים, וואָס צו זיי האָט געזאָלט געהערן דאָס ערשט־געבוירענע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַהרן מיט זיינע זין, וואָס האָבן זיך גענומען דאָס רעכט אויסצואַרבעטן אַלע געזעצן, וואָס האָבן אַ שייכות צום ריטואַל פון קרבנות, האָבן אויסגעטייטשט דאָס געזעץ אין דעם זינען, אַז דער בכור סיי פון מענטש, סיי פון בהמה געהערט צום כהן, ווייל ער איז יהוהס שטעלפאַרטרעטער אויף דער ערד.

— ברודער משה, מיינט ניט גאָט מיט דעם וואָרט, וואָס ער האָט דיר געזאָגט, „צו מיר געהערט עס", אַז דער בכור פון מענטש געהערט צו דעם מקדש פון גאָט, ווי אַ שקלאַף, און דער בכור פון דער בהמה געהערט צו זיין מזבח? און דאָס שוין דאָ, ווען מיר וועלן אויפשטעלן דעם משכן, — האָט אַהרן געזאָגט.

— גאָט האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז יעטוועדער בכור פון מענטש צווישן דיינע זין זאָלסטו אויסלייזן, און דאָס ערשט ווען דו וועסט קומען אין דעם לאַנד, וואָס ער וועט דיר געבן צו ירשענען.

— און וועמען געהערט דער אָפּצאָל פון פדיון, ניט דעם כהן?

— דאָס ווייס איך ניט. פאַר דעם האָב איך נאָך ניט קיין אָנווייז פון גאָט. גיב מיר צייט, איך וועל אָנפרעגן ביי גאָט.

משה, וואָס איז געווען אָפּגעהיט אין אויספירן דעם ווילן פון גאָט אות־באות, ווי ער האָט אים פאַרנומען אין זיין האַרץ, איז איצט געווען נאָך מער אָפּגעהיט, ווען מען האָט באַדאַרפט פאַרשרייבן די מעשים און די געבאָטן פון גאָט, די טרעפעניש, וואָס האָבן געטראָפן מיט די בני־ישראל, די נסים, וואָס גאָט האָט זיי באַוויזן, זיין אייגענע ראָלע, וואָס ער האָט אין דעם געשפּילט, די ראָלע פון זיין ברודער אַהרן און די אַנדערע באַטייליקטע. ער איז געווען אָפּגעהיט אין דער פּינקטלעכקייט, אין דער קנאַפּקייט פון באַשרייבונג, באַ־גרענעצט נאָר אויף פאַקטישע געשעעניש, אָן נשיאת־פּנים צו וועמען־עס־איז. ער האָט צוליב דעם געשאַפן אַ וועד פון סופרים, וואָס ער האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו רעדאַקטירן די כראָניקעס. דער וועד האָט אויפגענומען ווי אַ גבית־עדות די באַטייליקטע. משה אַליין איז געקומען פאַר זיי און האָט זיך געמיט איבערצוגעבן געטריי און ריכטיק יעדער וואָרט, וואָס ער האָט געהערט פון גאָט פּה־אל־פּה, אָדער דורך דער שטים אין זיין האַרץ, אין דעם גענויען לשון און סטיל, ניט צו פאַרענדערן קיין אות. און אַזוי האָט דער וועד אויסגעהערט די אַנדערע, — אַהרנען, אַפילו קורחן און דתן און אַבירם וועגן דער עבדות פון די יידן אין מצריים. אויך מרים, משהס שוועסטער, האָט איר פּרשה פאַרשריבן אין די כראָניקעס. זי האָט דערציילט פון משהס געבוירן, פון דעם ווי פּרעהס טאָכטער האָט אים געפונען אין טייך.

דער פאַקטישער מאַטעריאַל, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן דורך גבית־עדות ביים וועד, איז אויפגעשריבן געוואָרן ניט נאָר אין וואָרט און אין תוכן, נאָר אויך אין סטיל, אַז עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דער ראַם פון דער גאַנצער שריפט, וועלכע הויבט זיך אָן פון בראשית, און ווערן איין ניט־איבערגעריסענער המשך

פון דעם לעבן פון די אבות. און ווען דער וועד פון די סופרים איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן טעקסט, האָבן זיי געבראַכט די שריפט צו משהן. משה האָט גע־פּאַרשט דעם טעקסט אין דעם ליכט פון די געבאָטן און די אָנווייזונגען, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, און ערשט ווען זיין אינטואיציע האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס געשריבענע טראָגט דעם שטעמפּל פון אמת און איז באַהויכט מיט דעם גייסט פון יהוהן, האָט ער געגעבן דעם רשות דאָס צו פאַרשרייבן אין דער ספר־תורה פאַר אַלע דורות אין נאָמען פון יהוהן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט ווי משה האָבן אויך די אַנדערע פאַרצייכנט זייער נוסח פון די געשעענישן. אַזוי האָט אויך קורח מיט זיין עדה פאַרשריבן אין ספרים די געשעענישן מיט די יידן אין מצרים, לויט זייער השגה, און אַזוי האָט אויך אַהרן מיט זיינע זין אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע ריטועלע דינים מיט דער באַהאַלטענער כוונה פון העגעמאָניע פון די כהנים איבערן פאָלק לויטן מאָדעל פון די כהנים פון מצריים. נאָר כּל־זמן משה האָט זיי ניט סאַנק־ציאָנירט און ניט דערקלערט זיי פאַר געבאָטן, וואָס זענען אים דירעקט געגעבן געוואָרן פון יהוהס מויל, זענען זיי ניט אַריינגענומען געוואָרן אין דעם בוך פון די געזעצן.

אַחוץ דעם וועד פון כראָניק־שרייבער, האָט משה באַשטימט נאָך אַ וועד, וואָס איז געזעסן אין זיין אוהל, אַ וועד פון געזעץ־אויסטייטשער.

ווי יונג עס איז נאָך געווען די באַפרייאונג, ווי קורץ עס איז ניט געווען די צייט, וואָס די בני־ישראל האָבן זיך געפונען אין מדבר, און ווי שווער עס זענען ניט געווען די באַדינגונגען פון שפּייז־פאַרזאָרגונג, האָט דאָך דאָס צוזאַמענלעבן פון דער גרויסער מחנה מענטשן אין מדבר געשאַפן פּראָבלעמען און סיטואַציעס פון אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, וואָס מען האָט געמוזט געפינען פאַר זיי אַ לייזונג און אַ שטעלונג. ווי באַשרענקט דאָס לעבן פון די בני־ישראל איז ניט געווען אין מדבר, האָט עס דאָך געוויזן אַלע סימנים פון מענטשלעכער שוואַכ־קייט, — זשעדנעקייט, ווילדע תאוות, חיהשע אינסטינקטן, סעקסועלע פאַרדאָרבנ־קייט. עס האָט זיך געפונען אַ היבשע צאָל צווישן די יוצאי־מצרים, וואָס האָבן געהאַט אָנגעזאַמלט אַזאַ גרויס פאַרמעגן, אַז זיי האָבן אַפילו דאָ אין מדבר שוין געפּרואווט איינפירן שקלאַפעריי; זיי האָבן זיך געדונגען באַדינער, האָבן אויס־געבאָרגט כלים, קליידער פאַר אַ וואָכער־לוין. עס זענען אויך געווען פאַלן פון גנבה. פיל פון די אָרעמע, אייפערזיכטיק אויף די פאַרמעגלעכע, האָבן געפּאָדערט, אַז דער רויב פון מצריים זאָל באַטראַכט ווערן פאַר אַ מלחמה־טראָפעע, וואָס זאָל פאַרטיילט ווערן גלייך צווישן דער גאַנצער עדה. ווען דאָס איז זיי אָפּגעזאָגט געוואָרן, האָבן זיי אָנגעווענדט געוואַלד און זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון גנבה און רויב. און עס זענען פאָרגעקומען פאַלן פון אָנטון געוואַלד און באַצווינגען צו שאַנד פרויען און קינדער. פיל פון די בני־ישראל, וואָס האָבן זיך איבערגע־נומען מיט זייער אייגענעם יחוס, האָבן אַרונטערגעקוקט אויף די גרים צווישן זיי ווי אויף נידעריקערע באַשעפענישן און זיי באַהאַנדלט מיט ווילדקייט און אַכזריות. עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין פאַלן פון מאָראַלישער געזונקענקייט,

אַ נאָכקרימען און אַ נאָכמאַכן די מידות און מנהגים פון די פעלקער, וואָס זיי האָבן געלעבט צווישן זיי, אָפטע פאַלן, וואָס האָבן שיר־ניט פאַרדאַרבן דעם שורש פון ישראל שוין ביים סאַמע אָנהייב. נאָך אַלעמען זענען דאָס געווען פריי־געלאָזטע שקלאַפן, וואָס משה האָט זיי געפירט אין מדבר אַריין. די אַלטע דיס־ציפלין, איינגעפונדעוועט אין משך פון דורות דורך נוגשים און נוטרים, איז געווען אויפגעבראָכן. קיין נוגשים און נוטרים זענען ניט געווען, וואָס זאָלן צווינגען מיט שטעקנס און קאַנטשיקעס צו האַלטן זיי אין אַ געוויסן סדר. קיין דינים און משפטים האָבן נאָך ניט עקסיסטירט, און — וואָס דאָס איז געווען דאָס ערגסטע — עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל זיי איינפירן און זען, אַז זיי זאָלן געהעריק אָפּגעהיט ווערן.

אין איינציקע אויטאָריטעט איז דאָך געווען, וואָס מען האָט זיך געשראָקן פאַר איר. און דאָס איז געווען משה. זיי האָבן געוואוסט, אַז משה האָט די מאַכט צו באַשטראָפן דורך דעם שטעקן פון גאָט, וואָס ער האָט אין זיין האַנט. זענען די באַוולטע טאָקע געקומען פאַר זיין געצעלט צו באַקלאָגן זיך פאַר אים.

ער האָט אַליין געפירט די משפטים. ער האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט באַשטימען שופטים פון די בני־אהרן, וועלכע האָבן אַזוי געגלוסט נאָך דעם, אָדער פון די פאַרשטייער פון די שבטים. ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיך אויף קיינעם. די פאַרשטייער פון די שבטים האָבן ניט געקאָנט משפטן זייערע אייגענע, וואָרעם יעדער שבט איז צוזאַמענגעקניפּט געווען ווי איין משפּחה און אַ שופט פון אַ שבט וואָלט שטענדיק געהאַלטן מיטן צד פון זיינע אייגענע.

משה האָט אויך געטראַכט איינצופירן שוין דאָ אין מדבר דעם יושר, וואָס ער האָט דערוואַרט און געהאָפט, אַז די בני־ישראל וועלן מאַכן פאַר זייער אייגנס אין דעם לאַנד, וואָס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן. און ער האָט געזען, אַז איטלעכער פסק־דין, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, זאָל ניט אָפּנייגן פון דער מאָראַלישער הייך, וואָס די בני־ישראל וועלן דערגרייכן אין זייער אייגענעם לאַנד. נאָך אַן פעסטגעשטעלטע חוקים און משפטים, האָט ער דאָך אָנגעמאָסטן זיין איטלעכן אַרויסגעגעבענעם פסק־דין אַן דער נייער מאָראַל, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז יהוה וועט געבן די בני־ישראל ביים באַרג סיני. און אָט צוליב דעם איז ער אַליין אויסגעזעסן ביים משפט, האָט אַליין אויסגעהערט אַלע טענות, אַרויסגעגעבן דעם פסק־דין און געצייט מיט זיין אויטאָריטעט, אַז ער זאָל שטרענג אויס־געפירט ווערן.

געוויס האָט ער געהאַט אַ ידיעה אין די געזעצן פון דעם בבלשן פאָלק און פון פיל מדבר־שבטים, וואָס זענען ניט געווען אַן אַ מאָס יושר און מענטש־לעכקייט, ווי, למשל, אין די רעגולאַציעס בנוגע שקלאַפעריי. ער האָט זיך געשטיצט אויף זיי אין פיל פאַלן. נו, דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט אין אַרויסגעבן אַ מער אָדער ווייניקער יושרדיקן פסק־דין, וואָס זאָל העלפן פאַרריכטן די עוולה פון מאָמענט, נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט אין איינשטעלן אַ נייעם סדר, אַ סדר פון גאָט פאַר זיין אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס זאָל ווערן אַ משל פאַר אַלע

אַנדערע פעלקער. ניט אין אַרויסגעבן אַ פסק־דין אין אַן איינצל־פאַל, וואָס האָט געטראָפן אין מדבר, איז דאָ געגאַנגען, נאָר אין אַוועקשטעלן אַ פעסטן פּרינציפּ, וואָס זאָל זיין אַ וועגווייזער פאַר די בני־ישראל, ווען זיי וועלן זיך איינסטאַלירן אין זייער נייעם לאַנד.

ער האָט פאַר דעם צוועק צונויפגערופן אין זיין געצעלט אַ וועד פון די זקני־ישראל. ער האָט אויך צוגעצויגן צו זיי אַ טייל געלערנטע, וואָס זענען געווען באַהאַוונט אין די געזעצן פון אַנדערע פעלקער.

ניט אַלע עברישע קנעכט אין מצרים האָבן געקנאָטן ליים און ציגל. עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי סופרים, געזעץ־קענער, וואָס האָבן געדינט די מצרים מיט זייער קענטשאַפט, מיט זייער געניטן שרייבן. מצרים האָט געהאַט פיל שקלאַפן, און די שקלאַפן זענען געווען פאַרטיילט אין אַלע געביטן פון קונסט, פאַכמאַנשאַפט און וויסנשאַפט. משה האָט מיט יהושעס הילף אויסגע־פונען די געזעץ־געלערנטע אין דער מחנה און זיי צוגעצויגן צום נייעם וועד.

ווען די זקני־ישראל האָבן געפונען אַ טראַדיציאָנעלן מנהג פון די אבות בנוגע אַ געוויסן יורידישן פאַל, האָט מען, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען דעם מנהג פון די אבות פאַר אַ מאָס און אַן אָנווייז. טאָמער אָבער האָט אין דער טראַדיציע געפעלט אַ פּרעצעדענט פאַר אַזאַ און אַזאַ פאַל, האָט מען אים באַ־טראַכט אין דעם ליכט פון דער געזעצגעבונג פון די בבלער, די מצרים, אָדער דעם שטייגער פון פּרימיטיווע מדבר־שבטים. און משה האָט די אַלע געזעצן פאַרגליכן און אָפּגעשאַצט, לויט זייער פּאַסיקייט פאַר דעם נייעם סדר פון סאָציאַלן יושר, וואָס ער האָט געשטרעבט איינצופירן צווישן יידן. און לויט דעם געזעץ, וואָס איז געווען בעסער אָנגעפּאַסט אָן זיין געוויסן און זיין געפיל פון גערעכטיקייט, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין צייטווייליקן פסק־דין. אַזוי אַרום האָט משה געשאַפן אַ געזעצגעבונג, וועלכע האָט געטראָגן אין זיך קערנער פון דעם ערלעכסטן און יושרדיקסטן פון אַלע פעלקער פון דער דעמאָלטדיקער וועלט און איז צוגלייך געווען אַ געלייטערטער תמצית פון אַלע געזעצן און מנהגים, וואָס האָבן געהערשט צווישן די שבטים על־פי טראַדיציע אָדער דורך קענטעניש פון די מנהגים פון אַנדערע.

ער האָט דאָס געזעץ אויפגעשריבן, אָבער נאָך ניט אַריינגעבראַכט אין דער ספר־תורה. ער האָט געוואַרט אויפן גרויסן מאָמענט פון באַרג סיני, ווען גאָט אַליין וועט אים געבן די עיקרים פון דעם יושר, וואָס לויט זיי וועט ער ריכטן אַלע געזעצן און וועט זיי דערקלערן פאַר געזעצן פון גאָט.

דערווייל האָבן די משפטים פאַרנומען זיין גאַנצע צייט און ער האָט ניט געקאָנט צוגרייטן דאָס פאָלק צום גרויסן מאָמענט, וואָס שטייט אים פאַר, ווען ער וועט עס ברענגען צום באַרג, אויף וועלכן יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים, משהן.

ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז איידער ער ברענגט דאָס פאָלק צום באַרג פון גאָט צו פאַרנעמען דאָס געזעץ פון גאָט, מוז ער פריער האָבן אַן אויספּיר־מאַכט, וואָס זאָל זען, אַז דאָס פאָלק זאָל אָפּהיטן די געזעצן און די געבאָטן, וואָס ער וועט באַקומען פון יהוהן. פאַר דעם האָט מען באַדאַרפט קודם־כל געפינען

פּאַסיקע מענטשן, וואָס מען זאָל זיי קאָנען אָנפּאַרטרויען די מאַכט מיט דער זיכערקייט, אַז זיי וועלן ניט אויסנוצן די געזעצן פון גאָט פאַר זייערע אייגענע אַמביציעס און ניט אַרויפצווינגען זייער העגעמאָניע איבערן פאָלק דורך גרינדן אַ פּריווילעגירטע דינאַסטיע, צי פון איין משפּחה כּהנים, אָדער פון דעם גאַנצן שבט לוי. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו באַשאַפן די נייע אויספיר־מאַכט, און ער האָט געהאָפט צו באַקומען אַן אָנווייז דערויף פון יהוהן, איידער ער ברענגט דאָס פאָלק פאַר דעם באַרג, וואו גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים.

*

ווי משה איז נאָך אַזוי פאַרנומען מיט לייזן די פּראָבלעם פון זיין אָרגאַניזאַציע, קומט־אָן אַ שליח צו רייטן אויף אַ קעמל אין דער מחנה אַריין און פרעגט זיך נאָך אויף משהן. און עס איז געווען, ווען מען האָט דעם רייטער־שליח געבראַכט פאַר משהן, האָט אים משה דערקענט. עס איז געווען איינער פון יתרוס מענטשן.

— אַזוי זאָגט יתרו, דיין שווער, דער כּהן פון מדין, — האָט דער שליח אָנגעהויבן, — איך, דיין שווער יתרו, קום צו דיר, און דיין ווייב און דיינע צוויי זין זענען מיט מיר.

משה האָט זיך פאַרשעמט. זינט גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אויפן באַרג חורב ביזן היינטיקן טאָג, האָט ער ניט געהאַט קיין איין מינוט מנוחה צו קאָנען אָפּגעבן זיך מיט זיינע פּריוואַטע ענינים. ווי נאָענט עס איז ניט געווען דאָס לאַנד מדין צום מדבר־סין און ווי זיין האַרץ איז ניט אויסגעגאַנגען צו צפּורהן, זיין ווייב, פאַר דער געטריישאַפט, וואָס זי האָט אים געוויזן, איינווילנדיק מיטצוגיין מיט אים קיין מצריים, און ווי פול מיט דאַנק ער איז ניט געווען צו זיין שווער, וואָס ער האָט אים מקרב געווען, און ווי ער האָט ניט ליב געהאַט זיינע צוויי זין, וועלכע טראָגן אין זייערע נעמען אַ דערמאָנונג פון זיין עלנדקייט און פרעמדקייט און זיין בטחון אין גאָט, האָט ער דאָך זיי ניט צו וויסן געלאָזט פון זיין אָנקומען אין מדבר און זיי ניט געבעטן צו קומען צו אים. נאָר זיין שווער האָט אים געמוזט איבערראַשן מיט זיין פּלוצלינגדיקן וויזיט.

געשווינד האָט משה געאיילט מיט יתרוס שליח און איז אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען זיין שווער און זיין פאַמיליע. זיי האָבן שוין טאַקע געוואַרט אויף אים הינטער דער מחנה: דער זקן יתרו, אָנגעטון אין זיין ווייסן כּהנישן טראַכט לכבוד דער געלעגנהייט, באַהאַנגען אינגאַנצן מיט אַמולעטן, מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ, וואָס איז געווען אַ צייכן פון זיין הויכן אַמט; הינטער אים — זיין זון חובב אין אַ פאַסטוך־פּעל, מיטן פאַסטוך־שטעקן אין האַנט. ערשט הינטער חובבן איז געזעסן צפּורה אויפן אייזעלע, איר פּנים באַדעקט מיט אַ שלייער, שוין לויט דעם מנהג פון די עברישע פרויען, אַזוי ווי רבקה האָט געהאַט איר פּנים פאַרשלייערט, ווען זי איז אַרויסגעקומען באַגעגענען יצחקן. ביי איר זייט אירע צוויי זין, דער שוין דערוואַקסענער בחור, גרשום, און דער ייִנגערער, אליעזר, —ביידע שוין מער ניט נאַקעט, נאָר די שאַנד באַדעקט לויט דעם מנהג פון די עברים, אָנגעטון אין פיל־קאָלירטע העמדער.

משה האָט ליב געהאַט זיין ווייב, ליב געהאַט זיינע קינדער, נאָר פאַרערט

האָט ער זיין שווער. פיל חכמה האָט ער געלערנט ביי דעם זקן יתרו, און ער האָט געהאַט פאַר אים אַ טיף געפיל פון דאַנק פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטון מיט אים, ווען ער איז אַנטלאָפן פון פרעהן.

משה האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים, איז געפאַלן אויפן האַלדז פון זיין שווער און זיינע קינדער און זיי געקושט. און מיט גרויס פרייד האָט ער זיי אַריינגעבראַכט אין דער מחנה און דערנאָך אין זיין געצעלט אַריין.

און שוין שטייט משה פאַר זיין שווער און דערציילט אים אויס פון אַלץ, וואָס גאָט האָט געטון מיט פרעהן צו נייטן אים און די מצרים, אַז זיי זאָלן פריילאָזן די בני־ישראל, און ווי אַזוי יהוה האָט געשפּאָלטן פאַר זיי דעם ים־סוף און זיי אַדורכגעפירט דורך דער טריקעניש, און פון די צרות און דעם פּיין און דער מאַטערניש, וואָס די בני־ישראל האָבן געהאַט אויסצושטיין אין מדבר, און ווי יהוה האָט זיי געראַטעוועט פון דאָרשט, פון הונגער און פון עמלקס רויב־אָנפאַל.

יתרו פרייט זיך מיט אַלדעם גוטן, וואָס יהוה האָט געטון מיט די בני־ישראל, מיט דער הצלחה, דער חכמה און דער דערהויבנקייט פון זיין אייגעם, און ווי אַ כהן גיט ער אָפּ אַ דאַנק און אַ לויב צום גאָט פון זיין אייגעם, דערקלערט יהוהן פאַר דעם גרעסטן גאָט פון אַלע געטער און ברענגט אַ בראַנדאָפּפער און אַ שלאַכטאָפּפער פאַר יהוהן, טאָקע אויף דעם מזבח, וואָס משה האָט אויפגעשטעלט ווי אַ דענקמאָל פאַר דעם נצחון איבער עמלקן.

און באַלד קומט אַהרן און די אָנגעזעענסטע און עלטסטע פון דער עדה, אַפילו קורח ווי אַ פאָרשטייער פון די בני־ישראל, און פיל פון די זקני־ישו אל — אָפּצוגעבן כבוד משהס שווער. און שוין שטייט דער יונגערמאַן יהושע זון זיינע מיטהעלפער, און זיי גרייטן טישן פאַר משהן מיט זיין שווער און די אָנ־ געזעענסטע מענטשן פון דער עדה, פאַרן מזבח גרייטן זיי די טישן, און זיי עסן ברויט פאַר גאָט ווי אַ צייכן פון כבוד און פאַרערונג.

אויפן צווייטן טאָג פאַרבעט משה זיין שווער, אַז ער זאָל זיצן לעבן אים ביי זיין משפטן דאָס פאָלק. און יתרו זעט וויפל פאָלק עס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר משהס געצעלט פון פרימאָרגן אָן, און זיי וואַרטן־אויס צו קומען פאַר משהן און ברענגען זייערע משפטים פאַר אים.

משה זיצט און הערט אויס איטלעכן פאַל באַזונדער. עס זענען פאַראַן לייכטע פאַלן, געשעענישן, וואָס זענען עלול פאַרצוקומען אין איטלעכן גרויסן קיבוץ מענטשן, פאַלן פון געשלעגערייי, פון גנבה. עס זענען אָבער שוין געווען שווערע פאַלן, ווי, אַשטייגער, אַ פאַל פון אַן אָקס, וואָס האָט געשטויסן אַ טראָגעדיקע פרוי, אָדער דאָס אָנטון אַ פרוי געוואַלד.

ס'רוב משפטים זענען געווען איבער סכסוכים, וואָס זענען אַרויסגעקומען איבער די טייערע חפצים, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון מצריים. משה האָט שוין געהאַט איינגעזען, אַז דאָס נתעשר־ווערן פון די בני־ישראל אויף דעם שטייגער איז אַ שטעקן מיט צווי עקן. דאָס עשירות פון די רייכע האָט געוועקט שנאה־קנאה און גורם געווען זינד, זנות און אַלערליי אומרעכט.

משה האָט ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן באַהאַנדלען אַ שווערן אָדער לייכטן פאַרברעך. ער האָט אַליין אויסגעהערט די עדות, געלאָזט פאַרענטפערן דעם באַשולדיקטן און אַרויסגעטראָגן זיין פּסק־דין. די פּסק־דינים, וואָס משה האָט אַרויסגעגעבן, זענען יתרון זייער געפעלן. זיי זענען געווען גערעכטע און ניצלעכע. ער האָט געהייסן, למשל, אָפּגעבן דעם משכון, דאָס קלייד פון אָרעמאַן, ביים זון־פאַרגיין, ווייל דאָס איז זיין איינציקער צודעק, דאָס קלייד פאַר זיין לייב, — ווי אַזוי וועט ער אָן דעם שלאָפן? אָבער דאָס, וואָס משה גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע קליינע משפּטים, וואָס אַנדערע וואָלטן עס געקאָנט טון, און פאַר־נעמט זיין גאַנצע צייט מיט דעם, דאָס איז יתרון ניט געפעלן. אויך איז אים ניט געפעלן, וואָס דאָס פאָלק באַדאַרף שטיין דעם גאַנצן טאָג אין דער שרעק־לעכער היץ און וואַרטן אויף דער ריי צו קומען צום משפּט. טיילמאָל פאַלט די נאַכט צו איידער עס קומט־אָן זייער ריי צו לאָדן זיך פאַר משהן, און די מענטשן מוזן קומען צומאָרגנס ווידער. און בכלל, וואָס איז עס פאַר אַן עסק, אַז דער אָנפירער פון דער מחנה אַליין זאָל אויסזיצן צום משפּט און אָפּגעבן זיך מיט אַזעלכע ענינים, וואָס יעדער ערלעכער פאָרשטייער פון דער עדה וואָלט געקאָנט גאַנץ גוט מתקן זיין. משהס אָנזען מוז בלייבן געהויבן אין די אויגן פון פאָלק, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלירן דעם דרך־ארץ פאַר אים. ער אַליין וועט באַלד מיד ווערן דערפון. זעט ער דען ניט, יתרו, ווי די אַנגסטן שלאָגן אַרויס אויף משהס הויכן שטערן און ווי זיין קלייד ווערט נאַס אויף אים פון אויסזיצן אַ גאַנצן טאָג אין דער זון? און ווי ער, אַזוי איז דאָס פאָלק.

אין אָוונט האָט יתרו געהאַט אַ שמועס מיט משהן.

— דיינע פּסק־דינים געפעלן מיר. זיי זענען גערעכטע און ניצלעכע. ניט אַנדערש, נאָר גאָט אַליין האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט פון גערעכטיקייט אין דיין האַרץ. אָבער דער אופן ווי דו פירסט־אויס דיינע משפּטים געפעלן מיר ניט. דו אַליין זיצסט, בשעת דאָס גאַנצע פאָלק שטייט אויף די פיס פון פרימאָרגן ביז אָוונט.

משה דערקלערט פאַר זיין שווער די שווערע פּראָבלעם, וואָס ער האָט. ער האָט מורא צו טיילן זיין מאַכט מיט אַנדערע. און ער פאַרטרויט פאַר אים די שוועריקייטן, וואָס ער האָט מיט די פאָרשטייער פון דעם שבט לוי און מיט זיין אייגענעם ברודער.

משה האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו יתרוס עצה. ער האָט געוואוסט, אַז זיין שווער האָט געניטשאַפט אין די זאַכן. האָט ער אים ניט געהערט אויסטיילן גערעכטיקייט אויף זיין אופן פאַר זיין עדה אין מדין? און ער איז להוט צו הערן, וואָס זיין שווער האָט אים צו זאָגן אין דעם ענין.

און יתרו זאָגט אים און וואָרנט אים:

— ניט גוט איז די זאַך, וואָס דו טוסט. דו וועסט מיד ווערן און דאָס פאָלק וועט מיד ווערן, ווייל די זאַך איז צו־שווער פאַר דיר, קאָנסט עס ניט טון אַליין. אַצינד הער מיך אויס, איך וועל דיר אַן עצה געבן. דו מוזט זיין אַ גאָט פאַר דעם פאָלק, שטיין צווישן זיי און גאָט און ברענגען זיי די געזעצן

און די לערנונג פון גאָט. לאָז זיי וויסן דעם וועג, וואָס זיי זאָלן גיין אין אים, און די מעשים, וואָס זיי האָבן צו טון. די אויספירונג פון די געזעצן, די פאַר־שפּרייטונג פון דער לערנונג מוז איבערגעגעבן ווערן אין אַנדערע הענט. ערשטנס, קלייב זיך אויס טויגלעכע, גאָטספאָרכטיקע, אמתע מענטשן, וואָס האָבן פיינט גייציקייט, און מאַך זיי פאַר עלטסטע פון טויזנט, עלטסטע פון הונדערט, עלטסטע פון פופציק און עלטסטע פון צען. די לערנונג מוז אַריינדרינגען אין פאָלק אַריין, זי מוז דערגיין צו די נידעריקסטע טיילן פון פאָלק, צו די וואַסער־שעפּער און צו די האָלץ־העקער. דאָס קאָנסטו ניט אויספירן דורך אַ פאַרשטייער פון איטלעכן שבט באַזונדער. לאָז איבער די שבטים ווי זיי זענען און באַשאַף אַן אויספיר־מאַכט פאַר זיך. ניט די פאַרשטייער פון די שבטים זאָלן משפּטן דאָס פאָלק, נאָר מענטשן פאַר זיך. גיב זיי איבער די מאַכט צו משפּטן דאָס פאָלק צו יעדער צייט. יעטוועדער גרויסע זאַך וועלן זיי ברענגען צו דיר, די קליינע זאַכן וועלן זיי אַליין משפּטן, לויט די כּללים און די געזעצן און דער לערנונג, וואָס דו וועסט זיי געבן אין גאָטס נאָמען. דורך זיי וועסטו האָבן דעם קאָנטראָל איבערן גאַנצן פאָלק, ניט דורך די פאַרשטייער פון די שבטים, וואָס יעדערער וויל אויסנוצן זיין מאַכט פאַר זיין אייגענעם שבט, אָדער פאַר זיין אייגענער משפּחה.

משה האָט זיך צוגעהערט צו זיין שווערס עצה. ניט איין מאָל איז ער געזעסן אין מדין און זיך צוגעהערט צו זיינע פּסק־דינים, ווען ער איז אויסגעזעסן צו משפּטן איבער זיין עדה. עס זענען געווען פּסק־דינים, וואָס האָבן אַרויסגע־שטראָמט מיט חכמה און פאַרשטייעניש, ווי לעבעדיק וואַסער פון אַ פרישן קוואַל. ניט איין חכמה האָט ער געלערנט פון זיין שווער. אַפילו טייל פון זיינע אייגענע פּסק־דינים, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער געהאַט געלערנט פון זיין שווער. איצט האָט אים יתרו געעפנט די אויגן. ער האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג ווי אַזוי ער זאָל אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט די שבטים, ווי אַזוי ער זאָל אַריינברענגען דאָס פאָלק אין אַן איינהייטלעכער דיסציפּלין און דערגיין מיט דער לערנונג פון גאָט צו אַלע טיילן פון פאָלק. ער וועט פון היינט־מאָל אָן וויסן ווי אַזוי אויסצואווייכן די קרומע סטעזשקעס און פאַרבלאָטיקטע זייטן־קאָרעטעס, וואָס די פאַרשטייער פון די שבטים ווילן פאַרפירן אַהין דעם שטראָם פון גאָטס גערעכטער לערנונג.

ער האָט געזען דעם וועג, וואָס גאָט האָט אים אָנגעוויזן דורך יתרוס ליפּן, און ער האָט זיך גענומען מיט זיין גאַנצן אימפּעט אויפצובויען די אויספיר־מאַכט, וואָס ער האָט זיך אַזוי געגויטיקט אין איר, איידער ער וועט קאָנען ברענגען דאָס פאָלק צום באַרג פון גאָט.

# 5

די אויספיר־מאַכט, וואָס משה האָט אינגיכן געבראַכט צום לעבן, איז געווען אַ נייער אַפּאַראַט, וואָס האָט אים געזאָלט גרינגער מאַכן דאָס פירן און דאָס משפּטן די בני־ישראל. ער האָט דאָך ניט אינגאַנצן מבטל געמאַכט דעם שבטים־סיסטעם, וואָס איז געווען צו־טיף פאַרוואָרצלט און פאַרהייליקט ביי די בני־ישראל, אַז מען זאָל עס קאָנען אויף אַמאָל אָפּשאַפן. אויך זענען די בני־לוי אויף ווייטער פאַרבליבן דער פּריווילעגירטער שבט, ווען אַפילו ער האָט נאָך פאַר זיי ניט געהאַט געפונען קיין ספּעציעלע פונקציע. דערוויייל האָט ער אָבער אינגאַנצן אַוועקגענומען פון זיי די פירערשאַפט און די אייבערהערשאַפט, וואָס זיי האָבן ביז איצט געהאַלטן איבער די בני־ישראל. פאָלגנדיק יתרוס עצה, האָט ער געגרינדעט אַ פאַרזאַמלונג פון זיבעציק, וואָס ער האָט גערופן מיטן אַלטן, גלאָריפיצירטן נאָמען זקני־ישראל.

זיי, די זיבעציק, וועלן אויסטייטשן די געזעצן פון גאָט און זען, אַז זיי זאָלן איינגעפירט ווערן אין לעבן. מיט זיי וועט משה זיך מיישב זיין אין אַלע שווערע ענינים.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, איבערגעלאָזט זיין ברודער אַהרן אין זיין הויכן אַמט ווי אַ צווייטן צו זיך — צו טיילן מיט אים די פירערשאַפט, ער האָט אָבער צוגלייך אויך צוגעצויגן אַ פאָרשטייער פון שבט יהודה, זיין שוואָגער חור, וואָס ער האָט אים דערהויבן כּמעט צו דער אייגענער מדרגה, וואָס זיין ברודער אַהרן.

ער האָט נאָך אַנדערע פון די בני־יהודה אַריינגענומען ווי מיטגלידער פון די זקני־ישראל, ווי, למשל, נחשון בן־עמינדב, וואָס איז ביים אַריבערגיין דעם ים־סוף אַריינגעלאָפן דער ערשטער אין וואַסער אַריין, אָדער כּלב בן־יפונה. אָבער דער נעענטסטער צו אים, וואָס ער האָט אויסגעקליבן צו דערציען אים ווי אַ דירעקטן יורש פון זיין מאַכט און פירערשאַפט, איז געווען יהושע בן־נון פון שבט אפרים, וואָס ער האָט אים אָנגעטרויט די פירערשאַפט אין דעם קאַמף קעגן עמלקן.

אין דריטן חודש נאָך זייער אַרויסגיין פון מצריים האָט משה געבראַכט די בני־ישראל צום באַרג פון גאָט אין מדבר־סיני.

זיי האָבן זיך געהאַט געפונען אין מדבר־סין די גאַנצע צייט. איצט האָט ער זיי אַרויסגעפירט פון רפידים און זיי געבראַכט נעענטער צו די בערג פון סיני. זיי זענען ניט דערגאַנגען צו די סאַמע בערג. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם פרוכפּערדיקן אָאַזיס פון נחל פאַרן, וואָס איז הינטער די בערג פון סיני. דאָרט האָבן זיי געפונען רייכע שטראָמען וואַסער, וואָס פליִיצן אַרונטער פון די בערג, אויך געזנוג פּאַשע־פעלדער פאַר זייער פי און פאַלמען־וועלדלעך, וואָס האָבן געשאַפן אַ מנוחהדיקן שאָטן, — אַן אידעאַלער אָאַזיס פאַר אַ גרויסער מחנה. באַזאָרגט די בני־ישראל מיט דעם מן, וואָס איז געקומען אין פרימאָרגן מיט דעם געדיכטן טוי, האָט משה געלאָזט די מחנה אונטער דער השגחה פון אַהרן און חור, און אַליין איז ער אָפּגעגאַנגען אין די בערג אַריין, וואָס זענען

געלעגן אַ פּאָר שעה גאַנג פון דעם פּרוכפּערדיקן טאָל. ער האָט קיינעם ניט מיטגענומען מיט זיך, אַפילו ניט זיין משרת יהושע. ער האָט געוואָלט זיין אַליין, ווען ער וועט זיך שטעלן פאַר יהוהן ביי דעם באַרג.

ער האָט געזוכט צווישן די באַרג־שפּיצן און באַלד געפונען דעם באַרג חורב, וואו ער האָט געזען דעם דאָרן ברענען אין פייער און געהערט דאָס קול פון יהוהן. ער האָט דערקענט דאָס אָרט. עס איז געווען אַ ניט גאָר הויכער באַרג, פיל נידעריקער פון די אַנדערע בערג אַרום, וואָס האָבן דערלאַנגט מיט זייערע שפּיצן אין הימל אַריין. שאַרף־משופּעדיקע טעראַסן, נידערנדיק ווי וואַסער־קאַסקאַדן, האָבן אים אַרומגענומען, אַ פלאַך־קעפּיקן באַרג פון זאַמד־שטיין, ניט פון קופּער־אַרץ, ווי זיינע שכנים. ער האָט געטראָגן אויף זיינע זייטן, אין די שפּאַלטן קאַרגע שפּראָצונגען פון דערנער און קאַקטוס־געוויקסן, און אַליין צווישן מוראדיק־הויכע, מיט עזות שרייענדיקע פעלדזן־בערג, וואָס האָבן זיך אַרויפגעריסן חוצפּהדיק אין די הימלען, האָט דער באַרג חורב אויסגעזען אַזוי שטיל, שפּלדיק, אויסבאַהאַלטן.

משה איז געשטאַנען צופוסנס פון דעם באַרג. ער האָט געקוקט מיט אימה און פּחד אַרויף, צי וועט ער ניט דערזען דאָרט אַ צייכן פון יהוהן. גאָרניט איז געווען צו זען אויף אים, נאָר אַן אומגעוויינטלעך־אימהדיקע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. אויפן באַרג אַליין האָט זיך קיין געשטאַלט ניט געוויזן און קיין בלאָט פון אַ קאַקטוס־בוים האָט זיך קיין ריר ניט געגעבן.

משה האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אין דער הייך און זיך אָנגערופן מיט אַ בעטנדיקער שטים:

„גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, הער צו מיין קול. זע, אַלץ איז געשען, לויט דיין וואָרט, וואָס דו האָסט געגעבן אונדזערע אבות, און דו האָסט מקיים־געווען דיינע רייד, וואָס דו האָסט גערעדט צו מיר אויף דעם אָרט. די קינדער פון ישראל זענען באַפרייט פון דעם יאָך פון מצריים, האָסט זיי צוגעשטעלט דיין ברויט צו דער צייט און וואַסער, ווען זיי זענען דאָרשטיק געווען. איצט האָב איך זיי געבראַכט צו די פיס פון דיין באַרג, אַז זיי זאָלן פאַרנעמען פון דיר דיין געבאָט און דיין געזעץ, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט צו מיר, ווען דו האָסט זיך באַוויזן צו מיר דאָ, אויף דעם אָרט, באַגלייבטער און וואָרהאַפטיקער גאָט".

אין דער שאַלנדיקער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום, האָט משהס קול אָפּגעקלונגען און וויברירט איבער די געוועלבן פון די בערג, און עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ביז זיין קול איז אויסגעגאַנגען צווישן די בערג.

נאָך דעם האָט ער דערהערט אַ שטים רופן פון דער הייך פון באַרג. עס איז געווען דיזעלבע שטים, וואָס ער האָט געהערט פון ברענענדיקן דאָרן אַרויס:

„אַזוי זאָלסטו זאָגן צום הויז פון יעקב און דערציילן עס די קינדער פון ישראל. איר האָט געזען, וואָס איך האָב געטון צו מצריים, און איך האָב אייך געטראָגן אויף אָדלער־פליגל און האָב אייך געבראַכט צו מיר. און אַצינד, אויב צוהערן וועט איר צוהערן מיין קול און איר וועט היטן מיין בונד, וועט איר זיין מיין באַזונדער אייגנס פון צווישן אַלע אומות, וואָרעם צו מיר געהערט די

גאַנצע ערד. און איר וועט מיר זיין אַ קיניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק. דאָס זענען די ווערטער, וואָס דו זאָלסט ריידן צו די קינדער פון ישראל״.

מיט פרייד איז משה צוריקגעקומען אין דערי מחנה אַריין. ער האָט צוזאַמענגערופן די זקני־ישראל און האָט פאַר זיי פאַרגעבראַכט די רייד פון גאָט, ווי גאָט האָט אים געבאָטן דאָס צו טון.

— פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָס געהערן צו אים, וויל יהוה אונדז אויסקלייבן ווי זיין באַזונדער פאָלק, אַ פאָלק פון כהנים, אַ פאָלק פון הייליקע, כדי מיר זאָלן ווערן אַ משל פאַר אַלע אַנדערע פעלקער פון דער ערד. מיר זענען די ערשטע און די אויסדערוויילטע, וואָס האָבן אָנערקענט דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט און גענומען זיין געזעץ ווי אַ פּירונג פון אונדזער לעבן, אַז די וועלט זאָל זען, וואָס גערעכט איז און וואָס איז אומגערעכט, און פון אונדז זאָל זי אָפּלערנען די וועגן פון גאָט. ווילט איר נעמען אויף זיך דעם יאָך פון דער לערנונג? ווילט איר זיך אונטערוואַרפן די געזעצן, וואָס גאָט וועט אייך געבן, כדי צו ווערן דאָס הייליקע פאָלק, וואָס ער דערוואַרט פון אייך?

— יאָ, מיר ווילן. אַלץ, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טון! — האָבן די עלטסטע פון פאָלק געענטפערט אין איין קול.

און משה האָט צו זיי ווייטער גערעדט:

— ניט נאָר פאַר אייך אַליין נעמט איר אויף זיך צו דערפילן דעם געבאָט פון גאָט, נאָר פאַר אייערע קינדער און קינדס־קינדער, וואָרעם ניט מיט אייך אַליין מאַכט ער דעם בונד, נאָר מיט אַלע, וואָס זענען היינט דאָ מיט אונדז, און מיט די, וואָס זענען ניטאָ מיט אונדז היינט.

— מיר מאַכן דעם בונד מיט גאָט פאַר קינדער און קינדס־קינדער, פאַר די, וואָס זענען דאָ מיט אונדז היינט, און פאַר די, וואָס זענען ניטאָ מיט אונדז היינט, — האָבן די זקני־ישראל געענטפערט.

— און וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז ווען אַפילו די געבאָטן פון גאָט זענען ניט שווער אויסצופירן, ווייל עס זענען ניט קיין געבאָטן פון הימל, נאָר פון דער ערד, און זיין לערנונג איז ניט פאַר מלאכים, נאָר פאַר מענטשן, דאָך וועט איר געפּלאָגט ווערן און גערודפט ווערן פאַר זיי אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט. איר וועט זיין צום געלעכטער פון דער וועלט פון יהוהס וועגן און זיינע מצוות וועלן זיין מילשטיינער אויף אייערע פּלייצעס און שטרויכל־שטיינער צו אייערע פיס. איר וועט געטריבן ווערן פון לאַנד צו לאַנד צוליב זיי, ביז עס וועט קומען אַ טאָג, און אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן אָנערקענען דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, און זיינע געבאָטן, וואָס זיי האָבן געשעפּט פון זיי, וועלן ווערן די געזעצן פון דער ערד. דער שבת, וואָס צוליב אים וועט איר ווערן דער שפּאָט פון די פעלקער, וועט פאַרהייליקט ווערן פון די קינדער פון דער ערד. דענסמאָל וועלן זיי וויסן, אַז פאַר יהוהן און פאַר זיין לערנונג האָט איר געליטן און אַריבערגעטראָגן פיל פּיין און פאַרשעמונג... זענט איר גרייט צו נעמען אויף זיך די יסורים פון די מצוות, וואָס יהוה וועט אייך געבן, און זיי טראָגן מיט שטאָלץ און פרייד ביז צום טאָג פון נצחון פון גאָט?

— מיר זענען מוכן־ומזומן איבערצוטראָגן די יסורים, דעם שפּאָט און די דערנידערונג פאַר יהוהן און זיין לערנונג ביז צו דעם טאָג פון נצחון פון גאָט!
— האָבן די עלטסטע פון פאָלק געענטפערט פאַרן גאַנצן פאָלק.

ערשט דענסמאָל האָט משה אַרויסגעגעבן, אין נאָמען פון יהוהן, פאַראָרדע־נונגען איבער דעם ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אויפפירן, וואָס זיי זאָלן טון און ווי זיי זאָלן זיך מאַכן גרייט פאַר דעם גרויסן געשעעניש, וואָס באַדאַרף פאָרקומען אויפן דריטן טאָגביים באַרג פון גאָט.

ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דורך דער גאַנצער צייט ניט גענענען צו קיין פרוי, זיי זאָלן זיך הייליקן און וואַשן זייערע קליידער צו זיין גרייט פאַרן דריטן טאָג, וואָרעם אויפן דריטן טאָג וועט יהוה אַליין פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק אַראָפּנידערן אויפן באַרג סיני.

שטייען זיי איצט, די בני־ישראל, אין משפחות, אין גרופּן און איינציקוויז, און וואַשן זייערע קליידער אין די שטראָמען רעשעדיק וואַסער, וואָס לויפט אין קאַסקאַדן פון די בערג אַרונטער. ניט נאָר וואַשן זיי זייער דרויסנדיק קלייד, נאָר זיי האָבן דאָס געפיל, אַז די קוואַלן שוימעדיק און רוישעדיק וואַסער גייט־אַדורך דורך זיי און וואַשט־אָפּ סיי פון דרויסן, סיי אינעווייניק זייער עבדות, רייניקט זיי און מאַכט זיי גרייט צו שטיין אַרום דעם הייליקן באַרג. זיי ווייסן שוין גאַנץ גוט, אַז דער באַרג וועט זיין אין פלאַם־פייער און זיי טאָרן זיך ניט צורירן צו אים. דער באַרג וועט, ווי פריער, פאַרלענדן איטלעכן, סיי מענטש, סיי בהמה, וואָס וועט צוקומען נאָענט צו אים. עס באַפאַלט זיי שוין איצט די שרעק פאַר יהוהס אָנבליק, און זיי רעדן צווישן זיך וועגן דעם גרויסן געשעעניש, וואָס שטייט זיי פאַר, אויף אַ נידעריקן קול.

— מען זאָגט, אַז ניט נאָר אַ נייעם סדר־העולם, נאָר אַ נייע בריאת־העולם וועט יהוה געבן פון דעם באַרג. ער וועט די גאַנצע בריאה אַריינפאַסן אין זיינע חוקים־ומשפטים; די זון וועט שיינען, די ערד וועט אַרויסגעבן איר פרוכט און די קוואַלן זייער וואַסער, לויט דעם סדר פון זיין תורה. אַ גלייכע מאָס פאַר איטלעכן, קיין חילוק ניט, צי ער וועט פאַרזייען אַ גרויס שטיק, אָדער אַ קליין שטיק פעלד, דער שניט וועט זיין איין־און־דערזעלבער, אַזוי ווי ער טוט עס מיט זיין ברויט, וואָס ער מאַכט רעגענען פון הימל, — זאָגט אַן אַלטער עברי פון די זקני־ישראל בדחילו־ורחימו, בשעת זיינע אויגן גלאָצן אַרויס פון זיין זון־אָפּגעברענטן, אַלט־פאַרקנייטשטן פּנים.

— מען זאָגט, אַז ער וועט צוריקברענגען דעם סדר, וואָס ער האָט געהאַט איינגעפירט אין דער וועלט פון ששת ימי־בראשית. דער מענטש וועט ניט מער באַדאַרפן אַקערן און זייען, די ערד און דיביימער וועלן אַליין פון זיך אַרויסגעבן זייער פרוכט, ווי עס איז געווען אין גן־עדן בשעת אדם און חוה האָבן געלעבט, איידער זיי זענען באַגאַנגען די ערשטע זינד, — זאָגט אַ צווייטער איד, אַ הויכער און אַ דאַרער, ווי אַ שטעקן, לויטער הויט און ביינער, אַ פאַר־טראַכטער, מיט פאַרחלומטע אויגן.

אַזוי האָט מען גערעדט צווישן איין גרופּע געלערנטע, די היטערס פון דער

מסורה, פון דעם שבט יהודה. אָבער אין אַנדערע גרופּן זענען געפירט געוואָרן גאַנץ אַנדערע שמועסן.

— ווער ווייסט, וואָס פאַראַ חומרות און גזירות ער וועט אונדז אַרויסגעבן. איידער ער פירט אונדז נאָך צו צום באַרג, האָט ער אונדז שוין אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ניט גענענען צום ווייב, איז וואָס וועט נאָך זיין דערנאָך? אפשר וועט ער אונדז אינגאַנצן פאַרווערן צו האָבן פּריה־ורביה, נאָר מיר זאָלן זיין ווי די מלאכים? — האָט זיך געקלאָגט אַ הויכער, ברייטביינעקער זון פון שבט דן, אַן עברי מיט אַ שוואַרצער, שטאַרקער פאַרקניפּטער באָרד און אַ ברוסט, באַוואַקסן מיט אַ וואַלד האָר, צעפירנדיק זיינע מעכטיקע הענט.

— דו האָסט אַן אַנדער עצה? אונדזערע אבות האָבן אונדז פאַרקויפט צו יהוהן פאַר קנעכט. ווען אונדזער פאָטער אַברהם האָט מיט אים אַ בונד געמאַכט, האָט ער אונדז איבערגעגעבן מיט אונדזערע ווייבער און קינדער פאַר אייביקע קנעכט צו יהוהן, צו דערפילן זיין ווילן.

— זענען מיר ניט זיינע קנעכט? גיט ער אונדז ניט זיין הימלש ברויט און דעקט ער ניט אויף פאַר אונדז קוואַלן וואַסער? און וואָס וויל ער פון אונדז? האָסט ניט געהערט, וואָס משה האָט געזאָגט? אויב מיר וועלן טון זיין ווילן, וועט ער אונדז צונעמען פאַר זיינע קינדער...

— פאַרוואָס גיט ער ניט אַוועק זיין תורה די מלאכים אין הימל? זיי באַדאַרפן ניט האָבן קיין ווייבער, זיי באַדאַרפן ניט עסן און טרינקען. זיי קאָנען לעבן פון זיין אָנבליק אַליין, — האָט געהאַלטן אין איין קאָכן זיך דער מעכטיקער בן־דן.

— עקדישן אין דיין מויל און שלאָגנען אין דיינע אויגן. פאַר דעם, וואָס דו לעסטערט דיין גאָט, וועסטו האָבן אַזאַ שוואַרצן סוף ווי פּרעה און עמלק האָבן געהאַט. האָסט פאַרגעסן משהס שטעקן?

— היינט מעג איך נאָך, מאָרגן, קאָן זיין, וועל איך ניט טאָרן מער. לאָמיך כאָטש זיך אָפּרעדן פון האַרצן. דריי טעג אָן אַ ווייב צו זיין! און ווער ווייסט, וואָס עס קומט נאָך.

— און דאָס זאָל זיין די כּלה פון גאָט. משה האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך הייליקן און זיך רייניקן, ווי אַ כּלה פאַר איר חתונה, וואָרעם גאָט וועט אונדז נעמען פאַר זיין הייליק פאָלק, ווי אַ מאַן נעמט אַ ווייב. שוין היינט ווידערשפּעניקט ער, וואָס וועט נאָך זיין שפּעטער?

— זעסטו ניט דעם קנעכט אין אים? וואַרט אויף זיינע קינדער, זיי וועלן זיין בני־חורין.

אין קורחס קרייזן האָט מען, פאַרשטייט זיך, אויך גערעדט פון דעם גרויסן געשעעניש:

— דער מנהג פון דער וועלט איז, אַז צוערשט נעמט מען איין אַ לאַנד, מען באַזעצט עס, און ערשט דערנאָך פירט מען איין חוקים און משפּטים, לויט די מנהגים, לויט דעם שטייגער לעבן פון דעם אָנגעהעריקן פאָלק. און דאָ, איידער מען האָט נאָך איינגענומען דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט אונדז צוגעזאָגט,

אײדער מען האָט עס נאָך באַטראַכט, מאַכט מען שוין דינים און מען זאָגט אונדז װי אַזױ מיר זאָלן זיך אױפֿפֿירן אין דעם לאַנד, אין װעלכן מיר װעלן אַרײַנקומען, — זאָגט דער קלוגער קורח.

— ער זאָגט, אַז דאָס איז טאַקע דער ענדציל פֿון אונדזער באַפֿרײַאונג. ניט פֿאַר אונדז אַלײן האָט אונדז גאָט באַפֿרײַט, נאָר כּדי מיר זאָלן זײַן די אױספֿירער פֿון זײַנע געזעצן. פֿאַר דער תּורה, װאָס ער גיט אונדז, האָט ער אונדז אַרױסגעפֿירט פֿון מצרים. און ניט צוליב אונדז אָדער צוליב דער הבטחה, װאָס ער האָט געגעבן אונדזערע אבות, װעט ער אונדז אַרײַנברענגען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, נאָר צוליב די דינים און די חוקים, װאָס ער האָט געבאָטן פֿאַר דעם לעבן פֿון לאַנד. מיר אַלײן, אַזױ אױך אונדזערע װײַבער און קינדער, זענען גאָרניט, נאָר דאָס געזעץ איז דער עיקר. פּרעה האָט אונדז געהאַלטן פֿאַר קנעכט אין מצרים, כּדי מיר זאָלן אים בױען פּיתום און רעמסס; משה פֿירט אונדז קײן כּנען, כּדי מיר זאָלן זײַן קנעכט צום געזעץ, װאָס ער גיט אונדז, — האָט דתן געזאָגט.

— יאָ געזעץ, ניט געזעץ, איך װאָלט נאָר געװאָלט זען, אַז ער זאָל אונדז אַרײַנברענגען אין דעם לאַנד פֿון מילך און האָניק, װאָס גאָט האָט אים צוגע־זאָגט. דערװײַל האָט ער אונדז אַרײַנגעבראַכט ניט אין קײן פֿרוכפּערדיקן לאַנד, נאָר אין אַ שטײנערדיקן מדבר אַרײַן.

— האָט ניט גאָט געהאָלפֿן יהושען מנצח־זײַן עמלקן? — האָט אַ בײַ־שטײער געפֿרעגט.

— װער איז עמלק? אַן אָפּצװײַג פֿון װאַלד. זאָל ער נאָר זיך אָנשטױסן אױף די גרױסע טענענבײמער פֿון לבנון, אױף די כּנענים, אױף די חתּים, אױף מואב.

— װי ער האָט מנצח־געװען עמלקן, אַזױ װעט ער מנצח־זײַן אַלע אַנדערע שונאים פֿון גאָט, פֿון ישׂראל און פֿון משהן...

די נײַע אױפֿזעער איבערן פֿאָלק האָבן געהאַלטן די מענער אין דער מחנה אָפּגעזונדערט פֿון די װײַבער. זײ האָבן צעטײלט די משפּחות. די װײַבער און די קלענערע קינדער אין לאַגער גופֿא און די מענער מיט די עלטערע קינדער, אָפּגעשײדט פֿון דער מחנה, האָבן געגנעכטיקט אױף די פֿעלדזיקע פּלאַטאָס הינטער די בערג. אױפֿן צװײטן טאָג, איבערגעטונענע אין זײערע געװאַשענע העמדער און שאַנד־בענדער, האָט זײ משה צוגעפֿירט צום באַרג חורב און געלאָזט זײ רוען איבער נאַכט אין דער סבֿיבֿה, די מענער מיט די עלטערע קינדער אױף אײן זײַט באַרג, די װײַבער מיט די פּיצלעך קינדער אױף דער צװײטער זײַט. עס איז געװען דאָס ערשטע מאָל, װאָס מענער און װײַבער זענען געהאַלטן געװאָרן אָפּגעשײדט אײנע פֿון די אַנדערע בײַם קומען נאָענט צו גאָט.

די בני־ישׂראל האָבן איצט שױן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים. די דרײַ חדשים לעבן װי פֿרײַע מענטשן אין מדבר האָבן אָפּגעטון פֿון זײערע אױגן דעם שקלאַפֿישן, אונטערטעניקן, צו דער ערד געזונקענעם בליק. זײ האָבן געקוקט איצט אױף דער װעלט מיט אָפֿענע, קלאָרע אױגן פֿון בני־חורין. אױך דער

קאַליר פון זייערע פּנימער האָט זיך געביטן. אויפן אָרט פון דער אַש־גראָער מראה פון געשוואָלענעם פלייש, וואָס איז די מראה פון שקלאַף, האָבן זייערע פּנימער געקראָגן אויף זיך אַן אָפּגעברענטע, טונקעלע, שטאַרקע הויט. און זייערע אַלע גלידער, ניט מער מאַט און שווער באַוועגלעך, ווי דער שטייגער ביי שקלאַפן, האָבן באַקומען אַ פרייע, לייכטע, עלאַסטישע רירעוודיקייט. זייערע פּנימער זענען געווען באַוואַקסן מיט שוואַרצע, געקרייזלטע בערד און זייערע קעפּ באַדעקט מיט מעכטיקע לאָקן, וואָס צוויי פון זיי, די פּיאות, ווי אַ קענצייכן פון זייער שטאַם, זענען אַראָפּגעהאַנגען פון זיי ווי טראָלדן איבער די באַקנ־ביינער. ניט איין געדיכט־האָריקע ברוסט איז געווען באַצירט מיט אַ גאָלדענעם האַלדזבאַנד, וואָס איז געקומען פון דעם האַלדז פון אַ מצרי, אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן, אָדער ווי אַ מלחמה־טראָפּעע, אַראָפּגענומען פון אַ טויטן עמלק. מיט רינגען אויף די פינגער און מיט אוירינגען, א קענצייכן פון פרייע מענטשן, אין די אויערן, מיט טייערע מצרישע לייוונטענע שטאָפן אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען, האָבן זיי, די נעכטיקע שקלאַפן, אויסגעזען אינגאַנצן ווי אַ גרויסע פאַר־זאַמלונג פון איינעם פון די געבירטיקע מדבר־שבטים.

דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט די ווייבער. אויסגעפּוצט לכבוד דעם גרויסן יום־טוב פון זייער גאָט אין די רייכע שטאָפן, אין די קאָלירטע טיכער, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט פון די מצרים, געצירט אין אוירינגען, נאָז־רינגען און האַלדזבענדער, זענען זיי, געוואַשענע און אויסגעצוואָגענע, געשטאַנען מיט אויסגערוטע פּנימער און שיינענדיקע אויגן, באַפרייט ניט נאָר פון דעם יאָך פון פּרעהן, נאָר אויך פון דעם אינעווייניקסטן יאָך, וואָס האָט געהאַלטן זייערע נשמות געפאַנגען, — אַ בתולהדיק, פריש פאַראַקערט פעלד, וואָס איז גרייט אויפצונעמען דעם זאָמען פון גאָט.

שוין אין דער נאַכט, ווי זיי האָבן גערוט, אריינגענומען אין דעם באַגרע־נעצטן חלל פון די הויכע באַרג־ווענט, האָבן זיי געפילט ווי עס וועלבט זיך איבער זייערע קעפּ אַ באַדעקנס, אַ באַדעקנס ווי אומענדלעכע פליגל פון אומ־געזעענע אָדלערס אָדער מלאכים. זיי ווערן איינגעהילט אין אַ רשות און אָפּגעשלאָסן פון דעם גאַנצן אַרום, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אין אַ גרויסן היכל, וואָס זיינע ווענט זענען ווענט פון בערג, מיט אַ פאַרוועבטן וואָלקן פאַר אַ דאַך, און זיי קאָנען זיך ניט רירן פון אָרט. ווען דער חלל האָט אָנגעהויבן זיך אויסבלייכן, האָבן זיי דערזען, אַ שווערע מאַסע וואָלקנס הויערט איבער זיי; די זון איז ניט אַרויסגעקומען, נאָר עס האָט געהערשט אַ בין־השמשות; דער שפּיץ באַרג איז אינגאַנצן געווען צוגעדעקט מיט אַ שווערן וואָלקן, פון וועלכן עס זענען אויפגעגאַנגען קנוילן רויך, ווי דער באַרג וואָלט געשטאַנען אין פייער. דעם פייער האָבן זיי ניט געזען, מער ניט ווי דעם רויך, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון באַרג, האָט זיך געלייגט ווי איין טונקעלער, דורכזיכטיקער שלייער איבערן אַנדערן און צוגעדעקט דעם באַרג. פון צייט־צו־צייט האָבן בליצן אַרויסגעשאָסן פון באַרג, זיך געצונדן ווי פייערדיקע פינגער, געשפּאָלטן די דיקלעכקייט פון וואָלקן, באַלויכטן כהרף־עין דעם אַרום און זיך פאַר־

לאַשן. נאָך די בליצן האָבן די דונערן אָפּגעקנאַלט איבער די בערג אין ווייטע עכאָס, און אַ שאַל פון אַ שופר האָט זיך געהערט, וואָס איז געוואָרן וואָס־אַמאָל שטאַרקער און שאַלנדיקער.

אַ גרויס ציטערניש איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער מחנה. אָבער משה האָט זיי באַפוילן צו קומען נעענטער צום באַרג. מיט שרעקעדיקע הערצער האָבן זיי זיך דערוועגט אַריינצוטרעטן אין דער געדיכטעניש פון וואָלקן, ביז ער האָט זיי געהייסן זיך אָפּשטעלן.

דער באַרג האָט שוין גערויכערט פון זיך ווי אַ קאַלך־אויוון. פון די קנוילן רויך האָט אַלץ אַרויסגעשאַלט דאָס קול פון שופר.

משה האָט אָנגעהויבן רופן צום באַרג אַרויף:

— יהוה! יהוה!

און אַ קול האָט זיך געהערט פון באַרג אַרונטער:

— משה! משה!

און דאָס פאָלק האָט געזען ווי משה גייט אַריין אין געדיכטן רויך־וואָלקן, וואָס גייט־אויף פון באַרג, און פאַרשווינדט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער צוריק אַרויסגעקומען פון דער געדיכטעניש פון וואָלקן און האָט אָנגעזאָגט די עלטסטע און די כהנים, וואָס זענען געשטאַנען ביים באַרג, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן דערנענטערן זיך צום באַרג, אַפילו ניט די כהנים. ווער עס וועט זיך דערנעענטערן צום באַרג, האָט משה זיי געוואָרנט, וועט ניט בלייבן לעבן, מחמת יהוה אַליין איז אויפן באַרג.

די קולות פון די דונערן און בליצן האָבן נאָך דעם אויפגעהערט. דאָס שאַלן פון שופר האָט זיך אויך מער ניט געהערט. אַ געדיכטע שטילקייט איז געפאַלן פון הימל און האָט אַרומגענומען די גאַנצע ערד. קיין בלאַט פון אַ בוים האָט זיך ניט גערירט. קיין פויגל האָט זיך ניט אויפגעהויבן פון אָרט. קיין זאַך האָט זיך ניט באַוועגט אין דער לופט אָדער אויף דער ערד, ווי דער גאַנצער באַשאַף וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן. און די ציטערדיקע שרעק, וואָס איז איצט באַפאַלן די מחנה אין דער שטילקייט, איז נאָך שטאַרקער געווען ווי די שרעק, וואָס די קולות־וברקים האָבן פריער אָנגעוואָרפן אויף איר.

דערנאָך האָט זיך געהערט אַן איינצעלנע שטים, וואָס האָט אַרויסגעשאַלט פון דעם געדיכטן רויך־וואָלקן אויפן באַרג:

— איך בין יהוה, דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון לאַנד מצריים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווייל, ביז דאָס קול איז דורכגעלאָפן די שפּיצן בערג און האָט צוריקגעשאַלט אין אַן עכאָ פון די טאָלן אַרויס. און דענסמאָל האָט מען עס געהערט ווי עס וואַנדלט ווייטער, געטראָגן אויף די וועלן פון דער לופט איבער די מרחקים, און מען האָט ווידער געהערט אַן עכאָ אַרויסשאַלן פון דער ווייט, און עס האָט ווידער געוואַנדלט, און דער צוריקגעקומענער עכאָ איז שוין געווען שוואַכער, אויסגעייענדיקער פון דער ווייטקייט. און אַזוי האָט

דאָס קול געוואַנדלט איבער דער וועלט דורך דער לופט און האָט דערגרייכט צו אַלע ימים און מדבריות, אומעטום, וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק.

און אָט האָט מען ווידער דערהערט דאָס קול:

„זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פנים...״

און ווידער האָט דאָס קול געוואַנדלט איבער די בערג און צוריקגעשלאָגן אין עכאָס וואָס־אַמאָל דינער, אויסגייענדיקער, ביז עס איז דערגאַנגען ווי אַ וויברירן פון אַ האַרף.

„זאָלסט ניט אַרויפברענגען דעם נאָמען פון יהוה דיין גאָט צום פאַלשן...

„געדענק דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק...

„האַלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער...

„זאָלסט ניט הרגענען...

„זאָלסט ניט מזנה זיין...

„זאָלסט ניט גנבענען...

„זאָלסט ניט זאָגן אויף דיין חבר פאַלשע עדות...

„זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס הויז...״

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז דאָס קול פון גאָט האָט אויסגעשאָלט אַלע צען געבאָט פון רויכערדיקן באַרג אַרויס. נאָך איטלעכן געבאָט איז געקומען אַ לאַנגע הפסקה. דאָס קול פון גאָט האָט געוואָרט ביז דער געבאָט האָט דורכגעוואַנדערט די וועלט און האָט דערגרייכט צו יעדער אומה־ולשון. וואָרעם ניט פאַר איין פאָלק זענען די ווערטער געזאָגט געוואָרן און ניט פאַר איין צייט, נאָר פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט און פאַר אַלע דורות, וואָס וועלן קומען ביז צו דעם סוף פון טעג. וואָרעם די צען געבאָט זענען געווען אַ נייער באַשאַף פון גאָט. און פונקט ווי דער מענטש און די גאַנצע יצירה לעבן דורך דעם אַקט פון ערשטן באַשאַף, אַזוי קאָנען זיי נאָר לעבן און געדייען דורך דעם צווייטן אַקט פון באַשאַף, דורך דעם געזעץ. און פונקט ווי דער ערשטער באַשאַף האָט געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן תהו־ובהו און אָרדענונג, אַזוי מאַכט דער צווייטער באַשאַף אַ צווישנשייד צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן רעכט און אומרעכט. פון היינט־מאָל אָן וועט זיין אַן אָרט פון צוגעהעריקייט, אַ ליניע פון פירונג און אַ מאָס צו מעסטן גוטס און שלעכטס אין אַלע ווינקלען פון דער ערד, אין אַלע צייטן, אין אַלע דורות, פאַר דעם גאַנצן מין מענטש ביז צו דעם גרויסן טאָג פון גאָט.

די בני־ישראל זענען געשטאַנען אַרום דעם באַרג. שוין האָבן די בליצן און דונערן, אין דעם בין־השמשותדיקן ליכט, וואָס איז געפאַלן איבער דער וועלט, זיי געהאַט אָנגעפילט מיט גרויס שרעק, און זיי האָבן זיך געוואָרפן אין אימה מיטן פנים צו דער ערד. זיי האָבן מורא געהאַט צו קוקן צום באַרג צו, וואָס איז איצט שוין געשטאַנען אין איין פלאַמיקן פייער, פון וועלכן עס האָט געזעצט אַ מוראדיקער געדיכט־בלאָער רויך. איצט האָבן זיי שוין גאָרניט געזען, זיי האָבן נאָר געהערט. דאָס הערן איז אָבער געווען ווי אַ זען. זיי האָבן געהערט ווי דאָס קול פון גאָט וואַנדלט איבער דער ערד און שלאָגט־אָפּ צוריק אירע עכאָס

פון מרחקים, ווי ניט נאָר צו זיי אַליין וואָלט געגרעדט דאָס קול, נאָר עס זענען נאָך דאָ אַנדערע מחנות, אַנדערע בני־ישראל אַריבער די בערג, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט ווי זיי, און פאַר זיי שטעלט זיך עס דאָס קול פון גאָט אָפּ און חזרט־איבער איטלעכן געבאָט. און זיי האָבן ממש געזען ווי די גאַנצע וועלט פעלקער זענען אַרויס פון זייערע באַהאַלט־פּלעצער, געצעלטן, שטעט, וועלדער, און זיי ליגן מיטן פּנים צו דער ערד פאַר גאָט און זיי הערן גאָטס קול רעדן צו זיי. און מיטאַמאָל האָבן זיי טאַקע דערזען ווי דער פייערדיקער באַרג, וואָס גאָט רעדט פון אים, הויבט זיך אויף, נעמט שוועבן אין דער לופטן איבער זייערע רוקנס און קעפּ. און ווי זיי ליגן אַזוי, איינגעהילט אין די בלאָע רויך־וואָלקנס, שוועבט דער באַרג אַלץ העכער און העכער, און די רויך־וואָלקנס טיילן זיך אָפּ פון אים און נעמען זיך וויקלען אַרום די אַנדערע בערג. און עס איז זיי פאַרגעקומען ווי זיי אַליין וואָלטן געשוועבט צווישן הימל און ערד. און זיי האָבן געזען די גאַנצע ערד ליגן ביי זייערע פיס, און פעלקער, וואָס זיי קענען ניט און ווייסן ניט פון זיי, ליגן מיטן פּנים צו דער ערד, און איבער זיי אַלעמען וואַנדלט דאָס קול פון גאָט. און דאָס קול פאַלט איבער זיי ווי אַ שטראַל ליכט, וואָס שיינט אַרויס פון הינטער די וואָלקנס. און מיטאַמאָל האָבן זיי דערפילט, אַז זיי זענען ניט אַליין, נאָר דער גאַנצער חלל איז אָנגעפילט מיט אַ סובסטאַנץ, וואָס זיי קאָנען זי ניט זען, נאָר זיי שפּירן איר ממשות דורך דער באַוועגונג אין דער וועלט, אַ באַוועגונג ווי אַ פלאַטער פון פליגל, אַ פאַלן פון געדיכטע שאָטנס. דאָס האָבן אַלע נשמות פון אַלע צייטן, פון אַלע מענטשן, סיי פון די, וואָס זענען געווען דענסמאָל אין לעבן, סיי פון די, וואָס זענען אָנגעגרייט צו קומען אין לעבן אַריין — פון אַלע צייטן ביז דעם לעצטן טאָג פון גאָט, — דאָס האָבן אַלע נשמות זיך דאָרט פאַרזאַמלט, ווען גאָט האָט מיט פייער און רויך אַראָפּגענידערט אויף דעם באַרג חורב און געגעבן זיין סדר דער וועלט און דעם מענטשן. איטלעכע נשמה, איטלעכע נשמה איז דאָרט געווען.

עס האָט געדויערט אַן אייביקייט, עס האָט געדויערט אַ רגע. עס איז געווען איינער פון די מאָמענטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס קאָן ניט געמאָסטן ווערן מיט דער מאָס פון אונדזער באַגרענעצטן באַנעם, נאָר באַדאַרף געמאָסטן ווערן מיט דער מאָס פון דעם אין־סוף, פון געטלעכער אייביקייט. מחמת דעם קאָן מען ניט זאָגן ווי לאַנג עס האָט געדויערט די רגע פון דער־הויבונג. נאָר ווען גאָטס קול האָט אויפגעהערט, איז די וועלט צוריקגעפאַלן אין איר צייט און אָרט. און ערשט דענסמאָל האָבן די בני־ישראל דערפילט די שרעק. אַ פּחד איז זיי באַפאַלן פאַר דער אומבאַוואוסטקייט. זיי האָבן ניט גע־וואוסט, וואו זיי געפינען זיך אויף דער ערד, צי זיי שוועבן נאָך מיט גאָט, צוגעצויגן מיט אַן אומגעזעענעם כּוח צו זיין פליענדיקן באַרג. און זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען צו משהן:

— רעד דו צו אונדז, און מיר וועלן זיך צוהערן. ניט גאָט זאָל ריידן, מיר שטאַרבן פאַר שרעק!

און משה, וואָס איז געשטאַנען נעענטער צום באַרג ווי זיי, האָט זיי געענט־פערט מיט אַ הויך קול:

— האָט ניט קיין מורא. איך צו דערהויבן איז גאָט געקומען, זיין אימה זאָל פאַלן איבער אייך, אַז איר זאָלט ניט זינדיקן.

און משה האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריינגעגאַנגען אין וואָלקן אַריין אַנצונעמען וויטערדיקע אָנווייזונגען פון גאָט.

און די גאַנצע צייט איז דאָס פאָלק געשטאַנען אין איין שרעק און האָט געוואַרט אויף דעם, וואָס עס וועט געשען. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן זיי געזען ווי משה פאַרשווינדט אין וואָלקן־רויך, וואו עס געפינט זיך גאָט. ער איז אָבער באַלד צוריק אַרויסגעקומען און איז צוגעגאַנגען צו די זיבעציק עלטסטע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, און צו אַהרנען און זיינע זין, וואָס זענען געשטאַנען מיט אים די גאַנצע צייט, וואָס גאָט האָט גערעדט פון באַרג. און ער האָט זיי גענומען מיט זיך און צוגעפירט צום וואָלקן, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט ברענגען פאַר גאָט, געוואָלט זיי ווייזן דעם כבוד פון גאָט. אָבער אַהרן מיט זיינע פיר כהנים־זין און די זיבעציק עלטסטע האָבן געבויגן די קעפּ און זענען ניט געקומען צו־נאָענט צום באַרג. נאָר משה אַליין איז צוריקגעגאַנגען אין וואָלקן אַריין און ער איז דאָרט געבליבן. און דאָס פאָלק האָט אַלץ געוואַרט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, געוואַרט צו זען, וואָס עס וועט געשען, צו הערן, וואָס זיי זאָלן טון.

עס האָט געדויערט אַ לענגערע ווייל איידער משה האָט זיך ווידער באַוויזן. די גאַנצע צייט האָט די מחנה ניט גערירט זיך פון אָרט; זי איז געשטאַנען און האָט אויסגעוואַרט אין אַנגסטן. לסוף האָט משה זיך באַוויזן פון וואָלקן אַרויס און איז צוגעקומען צום פאָלק. אַרומגערינגלט מיט די כהנים און די זיבעציק זקני־ישראל, האָט ער זיך געשטעלט פאַרן פאָלק אויף אַ בערגל און אויסגערופן:

— דאָס זענען די געבאָטן, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אייך. ווילט איר זיי אָננעמען?

דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט אין איין קול:

— אַלע ווערטער, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טון.

דענסמאָל ערשט האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס פאָלק, נאָך דעם ווי ער האָט זיי געהייסן צוזאַמענקומען זיך צומאָרגנס גאַנץ פרי אויפן זעלבן אָרט.

## 6

משה האָט צונויפגערופן זיינע סופרים. מען האָט אויפגעוויקלט די גרויסע פאַרמעטענע מגילות, און משה האָט געהייסן פאַרשרייבן די ווערטער פון גאָט, ווי גאָט האָט אים דאָס געהייסן.

ער האָט פאַרגעברייט אַזוי דעם ספר־הברית, דאָס בוך פון בונד, וואָס ער האָט געזאָלט צומאַרגנס פאַרלייענען פאַרן פאָלק. ניט נאָר די צען געבאָט, וואָס גאָט האָט גערעדט, האָט ער דיקטירט זיינע סופרים, די צען געבאָט, וואָס וועלן שפּעטער, אויפן באַרג, אויפגעקריצט ווערן אויף שטיינערנע לוחות און וועלן דינען פאַר אַן אייביק גבית־עדות פון בונד צווישן גאָט און מענטש. דאָ האָט זיך אויך געהאַנדלט אין פאַרשרייבן די געזעצן און די דינים, וואָס די בני־ישראל האָבן איבערגענומען על־פּי מסורה פון זייערע אבות, און יענע געזעצן, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט גורם־געווען, געזעצן, וואָס עס וועט נויטיק זיין זיי צו האָבן פאַר דעם לעבן און אויפפירן־זיך פון די בני־ישראל ביי זייער אָנקומען אין דעם אָרט, וואָס גאָט האָט באַשטימט פאַר זיי. די עשרת־הדברות זענען איבער צייט און אָרט, זיי זענען ניט אָנגעפּאַסט פאַר איין פאָלק אַליין אָדער פאַר איין מין שטייגער לעבן, אָדער פאַר איין תקופה, זיי זענען געגעבן דעם גאַנצן מין מענטש פאַר אַלע צייטן און אַלע אומשטענדן. ער האָט אָבער צוגלייך אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי געזעצן, אין נאָמען פון יהוהן, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו רעגולירן דעם נייעם שטייגער לעבן, וואָס עס שטייט־פאַר די בני־ישראל צו פירן אין דעם לאַנד, אין וועלכן יהוה וועט זיי באַלד אַריינברענגען, כדי זיי זאָלן ווערן דאָס באַזונדערע פאָלק, דאָס פאָלק פון כהנים, וואָס גאָט וויל מאַכן אויס זיי ווי אַ משל פאַר אַנדערע פעלקער.

די עשרת־הדברות שטעלן־פעסט דעם פּרינציפּ פון איין־אייציקן לעבעדיקן גאָט. סיי אין זיין פּאָזיטיוון, סיי אין זיין נעגאַטיוון כאַראַקטער. דער איינציקער גאָט קאָן ניט זיין קיין קלענער און ניט דער גרעסטער גאָט, — עס איז נאָר דאָ איין־און־איינציקער, אַלע איבעריקע זענען געצן, — און דו ביסט אים אונטערגעוואָרפן, ווייל אין זיין האַנט ליגט דיין גורל, צי דו ווילסט עס יאָ, אָדער דו ווילסט עס ניט. ער איז אַ גאָט פון נקמה, ער איז אויך אַ גאָט פון חסד. ער וועט נקמה נעמען פאַר זינדיקן קעגן זיינע געבאָטן און באַשטראָפן קינדער און קינדס־קינדער ביזן דריטן דור, אָבער חסד וועט ער טון אויף טויזנטער דורות פאַר די, וואָס היטן זיינע געבאָטן. ער איז דערפאַר דער גאָט פון אָרדענונג, ווייל דאָס באַקערן־זיך צו אים קומט ניט פאַר פון דיין אייגענעם פרייען ווילן, נאָר ער צווינגט עס אַרויף אויף דיר. דו ביסט אים אונטערגע־וואָרפן און דו מוזט זיך אויפפירן לויט זיין ווילן נאָך.

די עשרת־הדברות שטעלן־פעסט דעם פּרינציפּ פון שבת — ניט נאָר פון גאָטס וועגן, נאָר פון וועגן דיר אַליין. דו ביסט ניט קיין בהמה, וואָס דו לעבסט נאָר פאַר דיין חיונה און וואָס די חיונה איז דער תכלית פון דיין לעבן. איין טאָג אין דער וואָך געהערסטו צו גאָט, ווערסטו אַ טייל פון גאָט. דו מאַכסט אַ הפסקה אין דיין חיהשן לעבן פאַר אַ העכערן לעבן.

די עשרת־הדברות שטעלן־פעסט דעם פּרינציפּ פון משפחה. זיי פירן־איין סאָציאַלע געזעצן ניט דערפאַר ווייל דאָס איז אַ מוז־זאַך פאַר דעם קיום פון דער געזעלשאַפט, ווי ווען זיי ווערן אַרויסגעגעבן פון אַ מלך, וואָס איז דער קאָפּ פון דער געזעלשאַפט, און זיי קאָנען, בכן, איבערגעאַנדערשט ווערן פון אַן אַנדער מלך אין אַן אַנדער געזעלשאַפט. די סאָציאַלע געזעצן פון די עשרת־

הדברות זענען אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון גאָט, ווי געזעצן פון זיין נאַטור, געזעצן, וואָס קאָנען קיינמאָל ניט איבערגעאַנדערשט ווערן. אויב דו רירסט־אָן דיין חבר, אויב דו הרגעסט, גנבעסט, אויב דו זאָגסט פאַלש עדות אָדער דו גלוסט נאָך דיין חברס פאַרמעג, פאַרזינדיקסטו זיך — ניט פאַר דער געזעל־שאַפט, נאָר פאַר מיר, גאָט, ווייל דער מענטש איז הייליק, איז אַ טייל פון מיר, איז געבוירן געוואָרן אין מיין געשטאַלט.

משה האָט שוין אָבער געהאַט אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע ריי געזעצן, וואָס זיין אייגענער וועד האָט אויסגעאַרבעט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון די געזעצן זענען געווען דירעקט גענומען פון אַנדערע פעלקער, וואָס משה האָט זיי געלערנט פון זיין שווער יתרו, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו זיינע משפטים און פסק־דינים. איצט אָבער האָט ער זיי געלייטערט אין דעם גייסט פון די עיקרים פון יושר, וואָס ער האָט דאָס געקראָגן דורך די עשרת־הדברות, און האָט זיי איינגעשלאָסן אין דעם ספר־הברית. דעם טייל געזעצן, וואָס האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דעם גייסט פון די עשרת־הדברות, האָט ער פאַרוואָרפן. ווי תּמיד, האָט ער דערביי אויסגעלאָזט זיין אייגענעם נאָמען און געגעבן די געזעצן אין דעם נאָמען פון גאָט.

ער האָט, גאָר אין אָנהויב, אויסגעאַרבעט אַ ריטואַל פאַר דעם גאָט יהוה, וואָס אָן דעם האָט קיין אומה־ולשון זיך ניט געקאָנט באַגיין. דאָס איז געווען דער איינציקער שטייגער פון קאָנטאַקט מיט זייער גאָט. ער האָט פאַרוואָרפן דאָס פאַרשטעלן גאָט אין וועלכער־עס־איז פאָרעם אָדער געשטאַלט, ווי די אומות־העולם האָבן דאָס געטון מיט זייערע געטער. „אַ פּשוטן מזבח פון ערד זאָלסטו פאַר מיר מאַכן. דאָרט, אויב דו ווילסט, קאָנסטו ברענגען פאַר מיר אַ קרבן פון שאָף און רינדער". ניט אויף אָן אויסגעקליבענעם אָרט, נאָר אויף איטלעכן אָרט, וואו דו וועסט דערמאָנען מיין נאָמען, וועל איך קומען און דיך בענטשן, וואָרעם די גאַנצע ערד געהערט צו מיר און די גאַנצע ערד איז הייליק, ניט נאָר איין אָרט. און אויב דו ווילסט דווקא מאַכן אַ מזבח פון שטיינער פאַר מיר, אָן קונצן זאָלסטו אים אויסהאַקן, אָן טרעפּ אַרויפצוגיין אויף אים, נאָר אויס נאַטירלעכע שטיינער, אַזוי ווי איך האָב זיי באַשאַפן.

עס זעט־אויס, אַז עס האָט פאַר משהס אויגן תּמיד געפלאַקערט דער רויטער, בלוטיקער שאַנדפלעק פון שקלאַפערײַ אין מצרים, וואָס אין איר אַטמאָספער איז ער אויסגעוואַקסן. ער האָט פיל געקלערט דערפון, און איינס פון זיינע ערשטע געזעצן, וואָס ער האָט געשאַפן, איז דאָס געזעץ פון ברענגען וויפל־עס־איז אָרדענונג און מענטשלעך איינזעעניש אין דעם סיסטעם. געוויס האָט ער פיל געלערנט פון די בבלשע געזעצן, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די שקלאַפן מיט אַ געוויסער מאָס יושר. ער האָט אין דעם סיסטעם פון שקלאַפערײַ אַריינגעבראַכט אַ נייעם פּרינציפּ, דעם פּרינציפּ פון בן־חורין.

דערווייל האָט ער דעם פּרינציפּ אָנגעווענדט נאָר אויף אייגענע, אויף עברים. דער עברי איז ניט קיין שקלאַף. דער עברי פאַרדינגט זיך נאָר צו אַרבעטן פאַר אַ צייט. נאָך זעקס יאָר מוזטו אים לאָזן פריי, אים מיט זיין ווייב, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט. ערשט ווען דער עברי זאָגט זיך אָפּ מיט זיין אייגענעם גוטן

ווילן צו ווערן פריי, ווערט ער דעגראַדירט צום קלאַס שקלאַפן. דערצו נאָך האָט משה אַזוי שווער געמאַכט די באַדינגונגען, וואָס דער בעל־הבית מוז אויספאָלגן, האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַזעלכע פאַרפליכטונגען, אַז ער האָט כמעט געמאַכט אוממעגלעך פאַר וועמען־עס־איז צו האַלטן אַן עברישן שקלאַף. און די שפּעטערדיקע אויסטייטשער פון געזעץ האָבן עס נאָך ווייטער באַשווערט אַזוי, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס ווערטל: „דער, וואָס נעמט זיך אַן עברישן שקלאַף, נעמט אַ האַר איבער זיך".

אָבער אויך פאַר דעם פרעמדן שקלאַף האָט ער באַשאַפן אַ ריי מענטשלעכע געזעצן, וואָס ניט נאָר לויט דעם מעמד פון שקלאַפן אין יענער צייט, נאָר אַפילו לויט דעם שקלאַפן־שטאַנד פון טויזנטער יאָרן שפּעטער קאָנען זיי באַטראַכט ווערן פאַר רעפאָרמען פון אַ סאַמע רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. ווען איז דאָס פריער געהערט געוואָרן, אַז ווען איינער שלאָגט מיט אַ שטעקן זיין שקלאַף אַזוי, אַז דער שקלאַף שטאַרבט דערפון, זאָל ער, דער בעל־הבית, דערפאַר האַרט באַשטראָפט ווערן? אָדער — אַז ווען איינער שלאָגט־אויס אַן אויג אָדער אַ צאָן פון זיין קנעכט, זאָל דער קנעכט אַרויסגיין פריי, ווי שאָדן־פאַרגיטיקונג פאַר דעם אויג אָדער צאָן, וואָס ער האָט פאַרלוירן?

ער האָט אויסגעטייטשט און אויסגעברייט די הייליקע ניט־באַרירלעכקייט פון דעם מענטשן, וואָס די עשרת־הדברות שטעלן־פעסט: „און אַז אַ מאַן וועט מוטוויליק קומען אויף זיין חבר אים צו הרגענען מיט ליסטיקייט, זאָלסטו פון מיין מזבח אים אַראָפּנעמען צו שטאַרבן".

און דער, וואָס שלאָגט זיין פאָטער, אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן.

אַז אַ מאַן וועט גנבענען אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, און וועט אים שעכטן, אָדער ער וועט אים פאַרקויפן, זאָל ער באַצאָלן פינף רינדער פאַרן אָקס, און פיר שאָף פאַרן שעפּס. ער מוז באַצאָלן; אויב ער האָט ניט, זאָל ער פאַרקויפט ווערן פאַר זיין גנבה. אויב אָבער די גנבה וועט געפונען ווערן אין זיין האַנט אַ לעבעדיקע, סיי אַן אָקס, סיי אַן אייזל, סיי אַ שעפּס, זאָל ער באַצאָלן טאָפּל.

אַז אַ גנב וועט דיך איבערפאַלן (ביינאַכט) און דו וועסט אים דערשלאָגן, און ער וועט שטאַרבן, איז ניטאָ פאַר דיר קיין בלוטשולד. אויב אָבער די זון איז אויפגעגאַנגען איבער אים, דאָס הייסט, עס איז געווען טאָג, ווען דו האָסט געקאָנט רופן מענטשן צוהילף, איז דאָ אַ בלוטשולד.

געוויס האָט משה, ווי יעדער שטאַרבלעכער בן־אדם, געהאַט די השגה פון יושר, וואָס האָט געהערשט אין זיין צייט, און דערפאַר האָט ער אויסגערופן: אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן. ערשט די שפּעטערדיקע אויסטייטשער וועלן דאָס געזעץ קאָרעגירן און טייטשן, אַז עס ווערט דאָ ניט געמיינט אַ צאָן אָדער אַן אויג בפועל־ממש, נאָר שאָדן־געלט, וואָס דער שולדיקער זאָל באַצאָלן. דערפאַר אָבער האָט משה צוגלייך געשאַפן אַ ריי געזעצן פון ציווילן כאַראַקטער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער יושרדיקייט. דאָס זענען די געזעצן, וואָס דאָס לעבן פון די עברים ווי בהמות־ציער און פאַסטוכער האָט מסתמא גורם־געווען, געזעצן איבער די שאָדנס, וואָס בהמות קאָנען ברענגען די שכנים. די געזעצן זענען ווי ליכטיקע זיילן, וואָס באַשטראַלן מיט

ליכט די פינצטערניש פון יענער צייט און דערגרייכן מיט זייער שיין פון גערעכטיקייט ביז צו אונדזערע טעג.

ער ברענגט־אַריין אַ שטרענגע דיסציפּלין אין פאַמיליע־באַציאונגען, וואָס שטאַרקט די פאַמיליע־באַנדן, און פעסטיקט די הייליקייט פון דער פאַמיליע פאַר אַלע צייטן, באַשטראָפט מיט טויט פאַר סדומישער אויפפירונג, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט געווען, אַז עס איז ביי פיל פעלקער און קלאַסן אָנגענומען געוואָרן ווי אַ נאָרמאַלע זאַך, אין וועלכער זיי האָבן ניט געזען קיין שום אומוועדיקייט; דער עיקר איז די סדומישע אומווערדיקייט געווען פאַרשפּרייט צווישן פאַסטוך־שטאַמען. משה האָט אַכטונג געגעבן צו האַלטן זיין פאָלק ריין פון דער זינד.

„דער, וואָס שלאַכט צו אַפּגעטער, אַחוץ צו יהוהן אַליין, זאָל ווערן חרם.

„און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט קריוודען, און זאָלסט אים ניט דריקן, וואָרעם פרעמדע זענט איר געווען אין לאַנד מצריים.

„אַן אַלמנה און אַ יתום זאָלט איר ניט פּייניקן. אויב פּייניקן וועסטו אים פּייניקן, איז, ווי נאָר ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך זיכער צוהערן זיין געשריי. און מיין צאָרן וועט גרימען, און איך וועל אייך הרגענען מיטן שווערד, און אייערע ווייבער וועלן זיין אַלמנות און אייערע קינדער יתומים.

„אַז דו וועסט געלט לייען מיין פאָלק, דעם אָרעמאַן ביי דיר, זאָלסטו ניט זיין צו אים ווי אַ בעל־חוב; איר זאָלט ניט אַרויפלייגן אויף אים קיין צינזן.

„אַז דו וועסט נעמען אין משכון דיין חברס קלייד, זאָלסטו עס אים אומקערן איידער די זון גייט אונטער; וואָרעם דאָס איז זיין איינציקער צודעק, דאָס איז זיין קלייד פאַר זיין לייב; אין וואָס וועט ער שלאָפן? און אַז ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך צוהערן, וואָרעם איך בין לייטזעליק...

„און הייליקע מענטשן זאָלט איר מיר זיין, און פלייש פון אַ פאַרצוקטער חיה אין פעלד זאָלט איר ניט עסן.

„זאָלסט ניט אַרויסלאָזן אַ פאַלשן קלאַנג; זאָלסט ניט מאַכן איין האַנט מיט דעם רשע צו זיין אַן עדות אויף אומרעכט. זאָלסט ניט נאָכגיין נאָך אַ רבים צום בייזן; און אין אַ קריג זאָלסטו ניט עדות זאָגן, כּדי זיך צו נייגן נאָך אַ רבים. און אַן אָרעמאַן זאָלסטו ניט שאַנעווען אין זיין קריג (ווייל ער איז אַן אָרעמאַן).

„אַז דו וועסט טרעפן דיין שונאס אָקס, אָדער זיין אייזל, בלאָנדזשענדיק, זאָלסטו אים אומקערן צו דיין שונא.

אַז דו וועסט זען דיין שונאס אייזל ליגן אונטער זיין משא, זאָלסטו זיך אָפּ־האַלטן פון פאַרלאָזן אים; אָפּבינדן זאָלסטו דעם אייזל אינאיינעם מיט דיין שונא.

„און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט דריקן, וואָרעם איר ווייסט דעם געמיט פון דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זענט איר געווען אין לאַנד מצריים.

„און זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין לאַנד, און איינזאַמלען איר תּבואה; אָבער דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו עס פאַרלאָזן און עס איבערלאָזן פריי, כּדי די אָרעמעלייט פון דיין פאָלק זאָלן עס עסן; און וואָס עס בלייבט פון זיי, זאָל עסן די חיה פון פעלד. דאָס אייגענע זאָלסטו טון מיט דיין וויינגאָרטן, מיט דיין איילבירטגאָרטן.

„זעקס טעג זאָלסטו טון דיין אַרבעט, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל, און עס זאָל אָפּאָטעמען דער זון פון דיין דינסט, און דער פרעמדער.

„דריי מאָל אין יאָר זאָלסטו האַלטן אַ יום־טוב צו מיר. דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו היטן: זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן, צו דער געשטעלטער צייט אין חודש אביב, וואָרעם אין אים ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון מצריים; און מען זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיר מיט ליידיקן; און דעם יום־טוב פון שניט, פון די ערשטע פרוכט פון דיין אַרבעט, פון וואָס דו וועסט פאַרזייען אין פעלד; און דעם יום־טוב פון איינזאַמלונג ביים אויסלאָז פון יאָר, ווען דו זאַמלסט־איין דיין אַרבעט פון פעלד. דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספּאַרשוינען זיך ווייזן פאַר דעם האַר, גאָט.

„די ערשט פריצייטיקע פון דיין ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון יהוה, דיין גאָט.

„און דו זאָלסט ניט קאָכן אַ ציגעלע אין זיין מוטערס מילך (ווי עס איז דער מנהג פון די גויים צו טון דאָס פאַר זייערע אָפּגעטער).״

צומאָרגנס אינדערפרי האָט משה זיך באַוויזן פאַרן פאָלק. דאָס פאָלק האָט שוין געוואָרט אויף אים, האַלטנדיק זיך ווייטלעך פון באַרג. דער באַרג האָט געהאַלטן אין איין פלאַקערן אין פייער אויף זיין שפּיץ, און דער בלאָער רויך פון פייער האָט אַרומגעשוועבט אַרום דעם באַרג און פאַרשטעלט אים פון פאָלק. און משה האָט גענומען און געבויט אַ מזבח אונטערן באַרג. ער האָט אַרומגע־שטעלט צוועלף זיילן־שטיינער אַרום דעם מזבח אַנטקעגן די צוועלף שבטים פון ישראל. און ער האָט געשיקט — ניט די כהנים, נאָר יונגעלייט פון די קינדער פון ישראל — און זיי האָבן אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און געשלאַכט אָקסן ווי פרידאָפּפער פאַר גאָט.

און משה האָט גענומען אַ העלפט פון דעם בלוט און עס אַריינגעגאָסן אין בעקנס, און אַ העלפט פון דעם בלוט האָט ער געשפּרענגט אויפן מזבח.

און ער האָט גענומען דעם ספר־הברית און פאָרגעלייענט אין די אויערן פון פאָלק.

און ער האָט זיי צוגעזאָגט, אין נאָמען פון גאָט, נאָכדעם ווי ער האָט געענ־דיקט פאָרלייענען די חוקים־ומשפטים:

— זע, איך שיק דיר פאָראויס אַ מלאך דיך צו היטן אויפן וועג און דיך צו ברענגען אויף דעם אָרט, וואָס איך האָב אָנגעברייט פאַר דיר.

משה האָט זיך אויסגעהיט פון צו געבן די יידן אַפילו נאָר אַ רמז אויף אַ לעבן נאָכן טויט, אָדער וועגן שכר און עונש אויף יענער וועלט פאַר מצוות אָדער עבירות פון דער וועלט. געדענקען האָט ער געדענקט די אומווערדיקייטן פון די מצרים, זייער טויטן־קולט, וואָס פאַרשקלאַפּט די לעבעדיקע פאַר די טויטע. ער האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה דעם געצנדינערישן ריטואַל פון די זבחי־מתים, און ער האָט זיך דערפאַר אויסגעהיט ניט צו דערמאָנען מיט קיין וואָרט דעם שכר אָדער עונש אויף יענער וועלט. אין דעם גייסט פון די עשרת־הדברות האָט ער פאַרלאַנגט דאָס פירן אַ מאָראַליש לעבן ניט מחמת דעם, וואָס

מען וועט באַקומען שכר אויף יענער וועלט: עס קומט דיר ניט קיין שכר פאַר אויספירן מיינע געבאָטן; מיינע געבאָטן זענען אַ תּנאַי פאַר אַ געזונט און פול לעבן אויף דער ערד, פאַר צוריקהאַלטן פון דיר די קראַנקהייטן, וואָס באַפאַלן די אַנדערע פעלקער, פאַר אויסמיידן אַלערליי מומים, אומפּרוכפּערקייט, צרעת, וואָס עס קומט אַלץ פון סדומעריי, פון בלוטשאַנד, פון אַנדערע אומווערדיקייטן פון די געצנדינער. אויב דו וועסט אָפּהיטן מיינע געבאָטן, וועסטו לעבן אַ געזונט און אַ פול לעבן. „איר זאָלט דינען יהוה אייער גאָט, און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיין וואַסער; און איך וועל אָפּטון קראַנקשאַפט פון צווישן דיר. עס וועט ניט זיין אַ פאַרוואַרפערין אָדער אַן עקרה אין דיין לאַנד; די צאָל פון דיינע טעג וועל איך אויספילן". דאָס איז דער שכר פאַר אַ גערעכט לעבן. „מיין אימה וועל איך שיקן דיר פאָראויס", — האָט משה זיי געזאָגט אין יהוהס נאָמען, — „און איך וועל פאַרטומלען אַלדאָס פאָלק, וואָס דו וועסט קומען צווישן זיי, און איך וועל קערן אַלע דיינע פיינט מיטן נאַקן צו דיר. איך וועל זיי ניט פאַרטרייבן פון פאַר דיר אין איין יאָר, טאָמער וועט דאָס לאַנד ווערן אַ וויסטע־ניש, און עס וועט זיך מערן אויף דיר די חיה פון פעלד. ביסלעכווייז, ביסלעכ־ווייז וועל איך זיי פאַרטרייבן פון פאַר דיר, ביז וואַנען דו וועסט זיך פּרוכפּערן און וועסט אַרבן דאָס לאַנד . . . און דו זאָלסט ניט שליסן אַ בונד מיט זיי און זייערע געטער. זיי זאָלן ניט זיצן אין דיין לאַנד, כּדי זיי זאָלן דיך ניט מאַכן זינדיקן צו מיר, אַז דו וועסט דינען זייערע געטער; וואָרעם דאָס וועט דיר זיין פאַר אַ שטרויכלונג".

דאָס פאָלק איז געשטאַנען געפּאַקט ארום משהן. פון איין זייט — די מענער, פון דער צווייטער זייט — די ווייבער מיט די קליינע קינדער אויף די הענט און קינדער אין די בייכער. עס האָבן אַרויפגעקוקט צו משהן אַ ים קעפּ און אַ וואַלד בערד, בערד געדיכטע, ווי געפלאָכטן פון שטריק, גראָע, ברוינע, שוואַרצע בערד; נאַקעטע בריסט, נאַקעטע אָרעמס. און אַלע האָבן זיי אויס־געהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, וואָס האָט געבלאָזן, ווי אַ ווינט, אויס די פליגל פון די מעכטיקע אָדלער־נעז. זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט אויס פּחד און פרייד פאַר דער דערהויבענער שעה, און עס איז געווען, ווען משה האָט אויפגעהערט לייענען פון דעם ספר־הברית, האָט ער די גרויסע פאַרמעט־מגילה אויפגעהויבן הויך איבער זייערע קעפּ, אַזוי הויך אויפגעהויבן מיט זיינע מעכטיקע הענט, אַז ער האָט דערגרייכט מיט דער שריפט ביז צום וואָלקן־רויך, וואָס איז געהאַנגען איבער אים. און עס האָט זיך זיי ווידער אויסגעדאַכט, אַז דער באַרג פון גאָט האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופט און געשוועבט הויך איבער זייערע קעפּ און זייערע רוקנס.

און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול און אָנגעהויבן שרייען איינער העכער פון אַנדערן:

— אַלץ, וואָס גאָט האָט געזאָגט, וועלן מיר טון און הערן!

— . . . וועלן מיר טון און הערן! — האָבן זיך געהערט די עכאָס פון זייערע קולות, וואָס האָבן געוואַנדערט איבער די בערג, געשוועבט אין דער לופטן, און

דאָס וויברירן פון די טויזנטער קולות האָט צוריקגעשלאָגן, ווי כוואַליעס פון ים, פון מרחקים.

און משה האָט גענומען פון דעם בלוט אין די בעקנס און האָט עס געשפּרענגט איבער די קעפּ פון דער מחנה, און ער האָט אויסגערופן:

— אָט איז דאָס בלוט פון דעם בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אייך אויף אַלע דידאָזיקע ווערטער.

— אַלץ, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טון און הערן!

און משה האָט זיך געווענדט צום פאָלק, האָט אַרומגענומען אַלעמען מיט זיין בליק, און ווי זיינע הענט וואָלטן דערגרייכט אַלעמען און איטלעכן באַזונדער, האָט ער זיי אויסגעשטרעקט צו דער מחנה:

— איר שטייט היינט אַלע פאַר יהוהן, אייער גאָט, — אייערע הויפּטלייט, אייערע שבטים, אייערע עלטסטע, אייערע אויפזעערס, אַלע מענער פון ישראל, אייערע קליינע קינדער, אייערע ווייבער, און דיין פרעמדער, וואָס אין דיין מחנה, פון דיין האָלצהעקער ביז דיין וואַסער־שעפּער; אַז דו זאָלסט אַריינטרעטן אין דעם בונד פון יהוהן דיין גאָט און אין זיין שבועה, וואָס יהוה, דיין גאָט, שליסט מיט דיר היינט; כּדי דיך אויפצושטעלן היינט פאַר אַ פאָלק צו אים, און ער זאָל דיר זיין צום גאָט, אַזוי ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט, און אַזוי ווי ער האָט געשוואוירן צו דיינע עלטערן, צו אַברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן. און ניט מיט אייך אַליין שליס איך דעם דאָזיקן בונד און די דאָזיקע שבועה, נייערט אי מיט דעם, וואָס שטייט דאָ מיט אונדז היינט פאַר יהוהן, אונדזער גאָט, אי מיט דעם, וואָס איז דאָ ניט פאַראַן היינט מיט אונדז.

און משה האָט נאָך דעם גענומען אַהרנען מיט זיינע צוויי זין, די כּהנים, און די זיבעציק עלטסטע פון ישראל און האָט זיי צוגעפירט צום רויכערדיקן באַרג, אַז זיי זאָלן זען דאָס אָרט, אויף וועלכן גאָטס פוס האָט גערוט. עס איז געווען אַזוי ווי אויסגעפלאַסטערט מיט סאַפּירשטיינער, ווי דער הימל אַליין אין זיין לויטערקייט. און גאָט האָט ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף די אדל־לייט פון ישראל, און זיי זענען ניט ביזוק געוואָרן. און דאָס פאָלק האָט זיך געפרייט, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען.

און משה האָט געזאָגט צו די לייט:

— גאָט האָט מיר באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: „קום אַרויף צו מיר אויפן באַרג, און זיי דאָרטן, און איך וועל דיר געבן די שטיינערנע לוחות מיט דער תּורה און דעם געבאָט, וואָס איך האָב אויפגעשריבן זיי צו לערנען”.

און ער האָט גערופן זיין באַדינער יהושען און ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך צו גיין אויפן באַרג, און איידער ער איז געגאַנגען, האָט ער געזאָגט צו די עלטסטע:

— וואַרט דאָ אויף אונדז, ביז וואַנען מיר וועלן זיך אומקערן צו אייך. און אָט זענען אַהרן און חור מיט אייך. ווער עס האָט אַ משפּט, זאָל קומען פאַר זיי.

און ער האָט גענומען יהושען, און דאָס פאָלק האָט געזען ווי ער גייט מיט אים אַריין אין דער געדיכטעניש פון וואָלקן, וואָס האָט צוגעדעקט דעם באַרג, און ווערט פאַרשוואונדן.

און דאָס פֿאָלק איז צוריקגעגאַנגען צו זייערע געצעלטן אין דעם רייכן טאָל, וואָס איז געווען אונטער די בערג פֿון סיני. און זיי האָבן נאָר געזען ווי גאָטס פּראַכט רוט אויף דעם שפּיץ באַרג, וואָרעם אַ פֿאַרצערנדיק פֿייער האָט געברענט אויף אים און באַלויכטן די גאַנצע געגנט אַרום.

און משה און יהושע זענען פֿאַרשוואונדן אין וואָלקן, וואָס רינגלט דעם באַרג אַרום.

און עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ טאָג, און משה האָט זיך ניט באַוויזן. און עס איז אַדורכגעגאַנגען נאָך אַ טאָג, און משה האָט זיך ניט באַוויזן. און אַזוי האָט ער זיך ניט באַוויזן אַ לאַנגע צייט.

# 7

און דער מענטש משה איז פֿאַרשוואונדן און איז ניטאָ.

ווי שאָף, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייער פּאַסטוך, אַזוי דרייען זיך אַרום אין דער מחנה די עברים, קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. אין אַלע־מענס אויגן ליגט שרעק. אַלע טראַכטן פֿון איין זאַך, ווען אַפֿילו זיי דערוועגן זיך עס ניט איבער די ליפּן צו ברענגען.

— האָט ער אונדז ניט געזאָגט, משה, אַז מיר זאָלן זיך ניט צורירן צו דעם באַרג, ניט מיר און אַפֿילו ניט אונדזערע אַ בהמה? אַ מענטש אָדער אַ בהמה, וואָס וועט פֿאַרבלאָנדזשען און וועט צוקומען נאָענט צום באַרג און אים אָנרירן, וועט געטייט ווערן.

— אויב אַזוי, וואָס וועט אויס אונדז ווערן? ווער וועט אונדז ווייטער פֿירן אין וועג אַריין? ווער וועט פֿאַר אונדז איינבעמען די לענדער, וואָס יהוה האָט אונדז צוגעזאָגט און וואָס צוליב דעם האָט ער אונדז געגעבן די געזעצן? ווער וועט מנצח־זיין אונדזערע שונאים? אַז יהושען האָט ער מיטגענומען מיט זיך, און אויך ער איז פֿאַרשוואונדן. ער האָט אונדז אַפֿילו איבערגעלאָזט אַהרנען און חורן און געזאָגט, אַז מיר זאָלן קומען צו זיי מיט אַלע אונדזערע נייטן. נאָר מען זעט ניט פֿון אַהרנען און מען הערט ניט פֿון אים. ער זיצט אין זיין געצעלט מיט זיינע צוויי זין, די כהנים, און זיי זענען זיך וועגן עפּעס מיישב. און די זקני־ישראל זענען נאָך נייע, דאָס פֿאָלק קען זיי נאָך ניט. און אַפֿילו קורח באַהאַלט זיך אויך אויס פֿון דער מחנה און באַווייזט זיך ניט.

— איז נאָך יהוה מיט אונדז? געפֿינט ער זיך אין דער מחנה? אויך פֿון אים הערט מען און מען זעט קיין צייכן ניט מער. אפֿשר האָט ער זיך צוריק־געצויגן אין זיינע הימלען, אָדער ער האַלט זיך אויפֿן באַרג סיני, וואָס מיר

האָבן אַהין קיין צוטריט ניט? דערנעענטערן זיך צום באַרג טאָרן מיר ניט, ווייל טאָמער וועלן מיר זיך אָנרירן אָן אים, וועלן מיר שטאַרבן.

זיי באַמערקן ניט ווי יהוה שטעלט זיי צו איטלעכן פרימאָרגן זייער טעג־לעכן מן פון הימל. זיי זענען שוין אַזוי צוגעוואוינט צו די ווייסע קרישטאָל־בלימלעך, וואָס אַנטפּלעקן זיך נאָך דעם ווי דער פרימאָרגן־טוי הויבט זיך אויף פון דער ערד, אַז זיי מיינען, אַז עס איז שוין אייביק אַזוי געווען, אַז אַזוי באַדאַרף עס זיין און עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו וואונדערן זיך דערויף. זיי האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען זיי האָבן דאָס ניט געהאַט.

— און דאָ זענען מיר איינגעמויערט אין אַ שטיינערדיקן מדבר. די מצרים האָבן מיר פאַרלאָזט, אין דעם נייעם לאַנד זענען מיר ניט אַריינגעקומען. און די פעלקער, וואָס יהוה האָט אונדז צוגעזאָגט זייערע לענדער, ווייסן, אַז מיר געפינען זיך אין מדבר און גייען אויף זיי, און זיי קאָנען זיך זאַמלען און קומען איבער אונדז, — און ווער וועט אונדז באַשיצן? ווער וועט אונדז פירן צו נצחון? ווער וועט זיך פאַר אונדז אָננעמען?

זיי זאָגן עס נאָך ניט אָפן, נאָר יעדער איינער טראַכט וועגן דעם, אין די דערשראָקענע בליקן אין זייערע אויגן ליגט עס, ווען אַפילו זייערע ליפּן זענען נאָך פאַרשלאָסן.

און זיי האָבן רעכט געהאַט אַזוי צו טראַכטן, די בני־ישראל. ערשט נעכטן האָט זיי יהוה אויפגעהויבן מיט זיין באַרג אין דער לופטן צו אים אין די הימלען; און היינט האָט ער זיי געלאָזט פאַלן, אַ צעשטרייטע סטאַדע צווישן די שפּאַלטן און די אָפּגרונטן פון פעלדזן־בערג, וואו אויס יעדער הייל לאָקט אויף זיי די חיה־רעה זיי צו פאַרצוקן.

זיצט אַהרן מיט זיינע זין, נדב און אַביהוא, אין זיין געצעלט, און זיי זענען זיך מיישב — ניט וועגן די בני־ישראל, וואָס משה האָט איבערגעלאָזט אויף זייערע הענט, נאָר וועגן זייערע אייגענע ענינים, וועגן דער כהונה, וואָס משה וויל אָפּנעמען פון זיי.

זינט משה האָט זיך באַוויזן צו די יידן אין גושן, האָט אַהרן ניט אויפגעהערט מאַכן פּלענער וועגן דער היעראַרכיע פון דער כהונה. ער האָט זיך פאַרגעבנרייט פאַר דעם זיין גאַנץ לעבן, געהאַלטן אין איין רייניקן זיך, אין איין זאַלבן זיך און הייליקן זיך פאַר דער עבודת־הקודש. ער האָט געהאַלטן גאַנץ די באָרד, די האָר אויפן קאָפּ און די פּיאות, לויט דער טראַדיציע פון די בני־ישראל. דערפאַר אָבער האָבן שוין זיינע צוויי זין, נדב און אַביהוא, זיך געגאָלט די קעפּ און די בערד, אויך די ברעמען, נאָך דעם שטייגער נאָך פון די מצרישע כהנים. זיצן זיי איצט, די צוויי נאַקעטע קעפּ, מיט זייער פאָטער און וואַרפן אים פאָר:

— ניט פון גאָלד און ניט פון זילבער, האָט ער געזאָגט, נאָר אַ מזבח פון ערד זאָלסטו מיר מאַכן, אָדער פון שטיינער אָן באַפּוצונג, און אָן טרעפּ אויף אַרויפצוגיין אויף אים. און דו באַדאַרפסט גאָר ניט האָבן קיין באַזונדער אָרט אויף צו ברענגען קרבנות. אומעטום, וואו דו וועסט דערמאָנען מיין נאָמען, וועל איך קומען און דיך בענטשן. דאָס הייסט, אָן א היכל, אָן אַ משכן, — גאָרניט!

און מיט דעם וויל ער אויפהאַלטן דעם גייסט און די דיסציפּלין פון אַ פאָלק פון שקלאַפן. מיט דעם וויל ער זיי באַגייסטערן, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אָן זייער גאָט און אויספירן זיינע שווערע געבאָטן. מיט דעם וויל ער זיי מדריך־זיין צו זיין העלדן, וואָס זאָלן בייקומען שטאַרקע און איינגעזעסענע פעלקער, וואָס האָבן זייערע אייגענע קולטן, ריטואַלן און צערעמאָניעס צו באַגייסטערן זיי און זיי האַלטן אין רעליגיעזן עקסטאַז, — האָט געזאָגט דער עלטסטער נדב.

— און אָן כהנים. ניין, מען באַדאַרף ניט קיין כהנים. יינגלעך האָט ער געשיקט צו שעכטן די קרבנות. ניט דיך האָט ער גערופן צו הייליקן און באַ־שפּרענגען דעם מזבח מיט דעם בלוט פון די קרבנות, נאָר ער אַליין האָט גענומען אויף זיך צו באַטרעטן די כהונה. עס איז אים אַלץ ווייניק. אי די מלוכה וויל ער, אי די כהונה. רעדט דען גאָט מיט אים אַליין? האָט גאָט גאָר ניט גערעדט צו דיר? האָט ער דיך ניט געשיקט מיט משהן צוזאַמען צו פּרעהן? דו האָסט געטון די נסים מיט דעם שטעקן פון גאָט, ניט ער. דו האָסט געבראַכט די אַלע מכּות, וואָס האָבן גענייט פּרעהן פריי־צולאָזן די יידן. דו ביסט געווען זיין מויל, האָסט גערעדט פאַר אים. דו ביסט אַזוי וויכטיק ביי יהוהן ווי ער. ווייסט ער דען ניט, אַז יהוה האָט דיך באַשטימט פאַר דער כהונה, וואָס ער רויבט זי אַוועק פון דיר פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל? — האָט אַביהוא געשטורעמט זיין פאָטער און אים אַריינגעבראַכט אין דער אַמביציע אַריין.

— קיין איין וואָרט ניט וועגן דער כהונה האָט ער ניט געלאָזט יהוהן אויסרופן פון באַרג סיני; קיין איין באַפעל ניט וועגן ריטואַל, וועגן משכן, וועגן כהנים, וועגן קרבנות האָט ער ניט דערמאָנט אין די עשרת־הדברות. און איצט, ווי ער איז מיט יהוהן אויפן באַרג, וועט ער זען, אַז דער גאַנצער אַמט פון דער כהונה זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. און וואו וועסטו דענסמאָל זיין? און וואָס וועלן מיר דענסמאָל טון? — האָט נדב געקלאָגט.

— ער האָט גענומען אַ פרעמדן, אַ יינגל פון שבט אפרים, ניט זיין אייגע־נעם זון, ניט זיין ברודערס זון, אַפילו ניט איינעם פון זיין אייגענעם שבט לוי, און אים געמאַכט פאַר זיין נעענטסטן מיטהעלפער. ער דערציט אים צו זיין זיין פאַרטרעטער און האָט אים געמאַכט פאַרן אָנפירער פון חיל צו באַקעמפן עמלקן, — האָט אַביהוא געזאָגט.

— און דו שווייגסט? נעמסט אַלץ אָן פון אים און שווייגסט? — האָט נדב ווייטער געטענהט. — ניט דיך האָט ער מיטגענומען אויפן באַרג צו יהוהן, נאָר אַ פרעמדן. און באַלד וועט ער דיך אינגאַנצן דערווייטערן, און דו, און מיר אלע וועלן זיין פון די קלענסטע אין פאָלק, ווי האָלץ־העקער און וואַסער־שעפּער.

אַהרן האָט געשוויגן. אויסגעהערט די טענות און תּרעומות פון זיינע זין און געשוויגן. ער האָט אַריינגענומען דעם שפּיץ פון זיין שיינער, ווייסער באָרד צווישן די ציין און געשוויגן. און זיין האַרץ האָט זיך געשניטן פאַר ווייטיק, וואָס זיינע זין רעדן קעגן זיין ברודער. דער צער האָט זיך אָנגעזעצן אין זיין פּנים, דאָך האָט ער זיי ניט פאַרווערט רעדן, ניט אָפּגעשטעלט זייערע טענות. ער אַליין האָט געטראַכט און געפילט דאָס אייגענע, און די זין האָבן אַרויסגעזאָגט זיינע מחשבות, וואָס ער האָט זיך ניט דערוועגט צו ברענגען אויפן מויל. עס

איז דאָך געווען זיין ברודער, עס איז געווען משה, און ער האָט געקעמפּט קעגן זיין אייגענער ביטערקייט. נאָר דאָס געפיל איז סוף־כּל־סוף געווען שטאַרקער פון אים און ער האָט געזאָגט צו זיינע זין:

— יאָ, עס איז אַלץ אמת, וואָס איר זאָגט. נאָר דאָך איז עס משה, דער איש־אלהים, וואָס גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים. יאָ, אָפטמאָל פאַרשטיי איך אים ניט. איך האָב פאַר אים פאַרגעבראַכט די זאַך. איך האָב אים געזאָגט: „אויב גאָט האָט דיר געהייסן זאָגן די בני־ישראל, זיי זאָלן זיך אויסבאָרגן גאָלד און זילבער און קליידער פון די מצרים, האָט ער דאָס געטון ניט ווייל ער האָט געוואָלט די בני־ישראל רייך מאַכן; זיין כּוונה איז געווען, אַז זיי זאָלן האַלטן דאָס גאָלד און זילבער און די טייערע שטאָפן פאַר זיין גרויסן פּרעכטיקן משכּן, וואָס ער וויל אויפשטעלן". און איך האָב זיך געפרייט, ווען איך האָב געזען ווי די בני־ישראל ליידיקן אויס די מצרים. און ביים ים־סוף, ווען די כוואַליעס האָבן אַרויסגעשווענקט פּרעהס רייטערס אין זייערע גאָלדענע פּאַנצערס, האָב איך געזאָגט צו משהן: „דאָס שיקט אונדז יהוה צו דאָס גאָלד, וואָס מיר וועלן באַדאַרפן האָבן צו בויען זיין משכּן, מיט די מזבחות, בראָנטפּאַנען, טעפּ, בעקנס און אַלע אַנדערע כּלים, וואָס מיר וועלן באַדאַרפן האָבן פאַר דער עבודה". ווען איך האָב, מיט אייער הילף, אויסגעאַרבעט דעם ריטואַל פון דער כּהונה, כּדי די בני־ישראל זאָלן קאָנען דורך אים זען די פּראַכט פון יהוה און אים ערן און מורא האָבן פאַר אים, האָב איך געוואָלט, אַז משה זאָל דאָס אַלץ פאַרשרייבן אין דעם ספר־הברית, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַרצולייענען פאַרן פאָלק. נאָר ער האָט מיר געזאָגט, אַז גאָט האָט אים געהייסן אַרויפגיין צו אים אויפן באַרג; גאָט וועט אים דאָרט איבערגעבן די תּורה, וועט ער, משה, דענסמאָל פרעגן ביי יהוהן וועגן דער עבודה, און ער וועט פון יהוהן אַליין ברענגען די מצוות און די חוקים פון כּהנישער עבודה. בכן איז מיין עצה, אַז מיר זאָלן גאָרניט טון, נאָר וואַרטן ביז משה וועט צוריקקומען פון באַרג און וועט ברענגען מיט זיך דאָס וואָרט פון יהוה פאַר אונדזער זאַך.

— צו־שפּעט, עס וועט שוין דענסמאָל זיין צו־שפּעט, — האָט נדב אויס־געשריען. — דאָס פאָלק איז אומרואיק. משה איז פאַרשוואונדן און איז ניטאָ. זיי זוכן אַ פירער, וואָס זאָל זיי ברענגען אין זייער לאַנד אַריין. דאָס פאָלק האָט גאָלד און זילבער, און זיי ווילן האָבן אַ גאָט, וואָס זיי זאָלן זיך פרייען מיט אים און ער מיט זיי, אַ גאָט, וואָס זיי זאָלן אים קענען זען, אים אָנטאַפּן, טאַנצן אַרום אים, אים האָבן אין זייערע געצעלטן, אים טראָגן אויפן האַלדז. אויב מיר וועלן גאָרניט טון וועגן דער דאָזיקער זאַך, וועלן עס אַנדערע טון. זיי וועלן זייער גאָלד און זילבער ברענגען צו קורחן, און ער וועט שאַפן פאַר זיי אַן עבודה, ער וועט ווערן זייער כּהן, ניט דו און ניט מיר.

— און ווער קאָן וויסן, צי משה וועט טאַקע אַראָפּברענגען פון באַרג חוקים פאַר אונדזער כּהונה און אונדזער עבודה? — האָט אביהוא געזאָגט. — האָט דיין ברודער ניט דערקלערט אין נאָמען פון יהוה, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז אַ פאָלק פון כּהנים? „איר זאָלט מיר זיין אַ קיניגרייך פון כּהנים און אַ הייליק פאָלק". משה באַדאַרף ניט קיין כּהנים, ער באַדאַרף ניט קיין משכּן. ער האָט געבראַכט

די בני־ישראל אַ פלאַקער־פייער אויף אַ באַרג, דונערן און בליצן. דאָס פאָלק וויל אַ גאָט — צו פרייען זיך מיט אים ווי יעדער אַנדער פאָלק. אָבער אַנשטאָט אַ גאָט, גיט משה דעם פאָלק שטרענגע און האַרבע געבאָטן, וואָס דאָס פאָלק קאָן זיי ניט אויספירן.

— אַביהוא, וואָס רעדסטו? — האָט אַהרן אויסגערופן.

— ניט איך רעד עס, נאָר דאָס פאָלק. גיי אַרויס אין דער מחנה און הער זיך צו, וואָס דאָס פאָלק רעדט. משה האָט אונדז געגעבן אַן אומגעזעענעם גאָט! מיר ווילן זען אונדזער גאָט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. מיר ווילן זיך פרייען מיט אונדזער גאָט, ניט מורא האָבן פאַר אים. די בני־ישראל קאָנען ניט לעבן מיט חוקים און משפטים אַליין. זיי מוזן האָבן אַ גאָט, וואָס זיי קאָנען אים זען און הערן. דער גאָט מוז וואוינען צווישן זיי. ער מוז האָבן זיין היכל צווישן זיי. יהוה מעג וואוינען אין די הימלען, אין פלאַקער־פייער אויף די בערג פון סיני, עס מוז אָבער זיין ווער, וואָס צוזאַמען מיט יהוהן זאָל ער זיין אַ גאָט פאַרן פאָלק. דער גאָט מוז האָבן זיין משכן, זיין אָרט צווישן פאָלק, וואָס דאָס פאָלק זאָל קומען אַהין, זאָל ברענגען קרבנות פאַר אים און זיך פרייען מיט אים און מיט זיינע כהנים, וואָס זאָלן רעדן פאַר דעם גאָט צום פאָלק, זאָלן אים פאַרטרעטן און זאָלן אָפּריכטן זיינע יום־טובים.

— יהוה האָט אונדז אָנגעזאָגט פון באַרג סיני, אַז מיר זאָלן ניט האָבן קיין אַנדערע געטער, אַחוץ אים, — האָט אַהרן אָפּגעענטפערט.

— ער וועט בעסער ווערן. ער וועט זען, אַז דאָס פאָלק קאָן ניט לעבן מיט אַ גאָט, וואָס איז נאָר אין הימל, נאָר מוז אויך האָבן אַ גאָט אויף דער ערד, וועט ער נאָכגעבן און וועט אונדז לאָזן דאָ האָבן גאָטס אַ פאַרטרעטער. דענסמאָל וועלן מיר, די כהנים, זיין די פירער פון דעם גאָט. מיר וועלן קאָנען אַרויסגעבן באַפעלן און געזעצן אין זיין נאָמען, ווי משה טוט עס איצט. דו וועסט זיין זיין כהן־גדול, וועסט רעדן אין זיין נאָמען און מיר וועלן אויספירן די זאַך פאַרן פאָלק.

— איך האָב מורא צו פאַרזינדיקן זיך קעגן יהוהן און קעגן משהן.

— משה איז ניטאָ מער צווישן די לעבעדיקע, און דו וועסט פאַרנעמען זיין פלאַץ. וועסט ברענגען די זאַך פאַר יהוהן, און ער וועט דאָס באַווילקן.

אַהרן האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה.

דערווייל איז דאָס פאָלק וואָס אַ טאָג אַלץ אומרואיקער געוואָרן. זיי האָבן ניט געוואוסט פון קיין איין און קיין אויס אָן משהן. זיי האָבן אויסגעקוקט איטלעכן טאָג אויף אים. און משה האָט זיך אַלץ ניט באַוויזן. זיי זענען געקומען פאַר אַהרנס געצעלט און האָבן געפאָדערט פון אים, ער זאָל זיי צושטעלן משהן:

— וואו איז משה? פאַרוואָס קומט ער ניט צוריק?

אַהרן האָט ניט געוואוסט, וואָס זיי צו ענטפערן. ער האָט זיי געהייסן וואַרטן, — מאָרגן וועט ער קומען, איבערמאָרגן וועט ער קומען. און עס איז געקומען מאָרגן, און עס איז געווען איבערמאָרגן, און דער מענטש משה האָט זיך ניט באַוויזן.

זיי האָבן זיך געווענדט צום צווייטן פאַרטרעטער, וואָס משה האָט איבערגע־לאָזט, צו חורן. חור, משהס און אַהרנס שוואָגער, איז שוין געווען זייער אַלט. ער

האָט זיי געפּרוּווט באַרוּאיקן: משה איז געגאַנגען צו יהוהן, ער איז מיט יהוהן אויפן באַרג, וואו יהוה גיט אים איבער זיין תורה און זיינע געזעצן. ער וועט צוריקקומען. איטלעכן טאָג קאָנען זיי זיך ריכטן אויף אים, זיי זאָלן נאָר האָבן אַביסל געדולד.

— ניין. אויב משה האָט זיך ניט באַוויזן ביז איצט, וועט ער שוין ניט צוריקקומען. ניט אַנדערש, נאָר יהוה האָט אים צוגענומען צו זיך.

זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן זייערע אַלטע פירער, די בני־לוי, און זיי האָבן זיך געווענדט צום ראש פון די בני־לוי, צו קורחן, וואָס איז געווען זייער פאַר־טרעטער ביי פּרעהן אין מצריים.

— קום, זיי אונדזער פירער, ווי דו ביסט עס געווען אין מצריים, איידער משה האָט זיך באַוויזן צו אונדז, וואָרעם דער מענטש משה איז פאַרשוואונדן און איז ניטאָ.

קורח, אין זיין קלוגשאַפט, האָט באַלד דערשפּירט די סכנה, אין וועלכער דאָס פאָלק געפינט זיך. ער האָט דערזען, אַז דאָס פאָלק איז גרייט, אין זיין פאַרלוירנקייט, אָפּצוטון ווילדע מעשים, אויסצוברעכן פון דער דיסציפּלין, אין וועלכער משה האָט עס געהאַט אַריינגעבראַכט. ער האָט אָפּגעשאַצט דעם מעמד פון פאָלק און איינגעזען, אַז דאָס בעסטע פאַר אים, קורחן, איז צו האַלטן זיך פון דער וויטנס, נייטראַל, און לאָזן אַהרנען און חורן אַליין מיט דעם אויפ־געררייצטן המון. זאָלן זיי טראָגן דאָס אַחריות פאַר יהוהן און פאַר משהן פאַר די מעשים־תעתועים, וואָס דאָס פאָלק איז קאַפּאַבל און גרייט אָפּצוטון אין זיין פאַרלוירנקייט. אַזוי אַרום וועט ער זיין דער איינציקער פירער, וואָס וועט זיך ניט האָבן באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד, וואָס דאָס פאָלק איז גרייט צו מאַכן קעגן יהוהן און קעגן משהן, און ער וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואָס עס קומט אים ווי דעם עלטסטן פון די בני־לוי, דעם פּלאַץ און דעם אַמט פון כהן־גדול. אויב אָבער עס איז אמת, אַז דער משה לעבט ניט מער, ווי דאָס פאָלק רעכנט, איז ווער וועט דענסמאָל קאָנען פאַרנעמען משהס אָרט ביי יהוהן, אויב טאַקע ניט ער, קורח? אַ גוטן תירוץ האָט ער געהאַט, — ער איז אַ פאַרשטויסענער פירער, — און ער האָט אויפגעשפּילט די ראָלע פאַרן פאָלק:

— ווער בין איך, אַז איך זאָל פאַרנעמען משהס אָרט? איך בין נאָר איינער פון פאָלק. משה האָט איבערגעלאָזט זיינע שטעלפאַרטרעטער פאַר אייך, מענטשן פון זיין אייגענער משפּחה. גייט צו זיין ברודער אַהרן און צו זיין שוואָגער חור. זיי האָט ער באַשטימט פאַר זיינע פאַרטרעטער, און זיי זענען אייערע פירער. זאָלן זיי אייך זאָגן וואו איין און וואו אויס.

און צו די בני־לוי האָט קורח געזאָגט:

— איר מישט זיך ניט און זאָגט ניט דעם פאָלק, וואָס עס זאָל טון. ניט אייך האָט משה געהייסן אָנפירן מיטן פאָלק, נאָר מענטשן פון זיין אייגענעם פלייש. זאָלן אַהרן און חור פון דעם שבט לוי זאָגן דעם פאָלק, וואָס עס האָט צו טון.

און אַזוי איז דאָס פאַרווירטע פאָלק געגאַנגען איטלעכן טאָג פון איין געצעלט אין אַנדערן, און קיינער האָט ניט געוואוסט צו ברענגען זיי אַ וואָרט פון יהוהן.

און עס זענען אַדורכגעגאַנגען טעג און וואָכן, און דער מענטש משה איז פאַרשוואונדן און איז ניטאָ.

*

איין פרימאָרגן האָט אין דער מחנה אַריינגעריטן אויף זיין אייזעלע דער זעער בלעם. ביידע, דער מענטש און די חיה, זענען געווען אינגאַנצן באַהאַנגען מיט תּרפים. דאָסמאָל האָט בלעם געפירט הינטער זיין אייזעלע אַ שוואַרצע נעגער־פרוי. אין אירע אָרעמס האָט זי געטראָגן צוויי נאַקעטע קינדער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין טשמאָקען פון אירע מעכטיקע בריסט, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען ביי איר ווי צוויי פולע טאָרבעס. ביי אירע פיס האָט זיך געפּלאָנטערט אַ כאַליאַסטרע קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. די מוטער מיט די קינדער זענען אויך אַלע געווען באַהאַנגען מיט תּרפים.

אַלע תּרפים האָבן געהאַט איין פּנים, — די פיגור פון אַן עקסל, געקלעפּט אויס ליים, אָדער אויסגעמאָלט אויף טאַבלעטן מיט שריפט־צייכנס.

בלעם מיט זיין סוויטע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער מחנה, ביי די געצעלטן פון שבט דן, פון די זין פון שטורעם און מרידה, און ער האָט אויסגערופן:

— ווער עס וויל דעם נאָכקום פון זיינע לענדן מערן, זאָל קומען צו מיר! ווער עס וויל דעם צואוואוקס פון זיינע רינדער פאַרגרעסערן, זאָל געבענטשן אַהער!

באַלד האָבן זיך געוויזן די הויכע, האָמטנע, ברייט־פּלייציקע און האַרט־נעקיקע בני־דן. זיי זענען אַרויסגעקומען פון אונטער זייערע שוואַרצע געצעלטן און האָבן אַרומגערינגלט דעם זעער און די שוואַרצע פרוי מיט די קינדער.

זיי זענען געשטאַנען אַרום דעם זעער, האָבן זיך געקראַצט אין די ווילד־צעוואַקסענע בערד און געקוקט פאַר זיך מיט גרויסע אויגן.

דער תּרפים־באַהאַנגענער זעער האָט זיך געבוקט פאַר דעם רעדל מענער:

— שלום צו אייך, זין פון דן. אַ פריינד איז אייער פאָטער געווען צו מיר נאָך פון די צייטן פון יוספן. משפּחה־לייט זענט איר צו מיר. אַ קרובה אַ נאָענטע איז געווען צו אונדז אייער מוטער בלהה, אַ טאָכטער פון אונדזער שטאַם, פון מיין ברודער, דעם מלך פון צוהר. לויט אייער אָפּשטאַם, וואָלט איר באַדאַרפט האַלטן די בכורה צווישן די שבטים פון יעקב. ווי רחל איז געווען יעקבס באַליבט וויב, אַזוי איז בלהה געווען די צווייטע נאָך רחלען אין יעקבס אויגן. נאָר אייער ברודער לוי האָט אויסגעכאַפּט די בכורה!

— ווער ביסטו און פון וואַנען קומסטו, פרעמדער? — האָבן די בני־דן געפרעגט.

— ווער בין איך? פרעגט ביי די שטערן און זיי וועלן אייך זאָגן. מיין נאָמען איז אויפגעשריבן צווישן זיי, ווי דער אַנטפּלעקער פון מזלות. פון וואַנען קום איך? פון אַלע פיר עקן פון דער ערד. מיין היים איז אַזוי אויבן ווי זי איז אונטן. מיינע אויגן און מיין מויל זויגן דאָס ליכט פון די שטערן, ווען אַפילו מיינע פיס טרעטן אויף דער ערד. ווּעמען איך בענטש, דער איז געבענטשט, און וועמען איך שעלט, דער איז פאַרשאָלטן. „בלעם" רופן מיך די מענטשן; „דער זעער" רופן מיך די שטערן.

— און די תּרפים, וואָס דו טראָגסט אויף זיך, צו וואָס טויגן זיי? אין וואָס באַשטייט זייער כּוח? — פרעגט איינער פון די ביישטייער אַרום דעם זעער.

— צו וואָס טויגן זיי? אַ, פרעגט אייערע פּאָטערס און זיי וועלן אייך זאָגן; פאָרשט־נאָך ביי די פאַרגאַנגענע דורות, און זיי וועלן אייך קלוג מאַכן. פון דעם לאַנד, פון וואַנען איר קומט און וואָס איר גייט איצט אַהין, קומט ער. כּנען איז זיין היים און עגל איז זיין נאָמען. ער איז דער גאָט פון די פּאַסטוכער. ער האָט געמערט דעם זאָמען פון אייער פּאָטער יעקב און גרעסער געמאַכט זיינע סטאַדעס, ווען ער האָט געדינט ביי לבן האַרמי פאַר זיינע ווייבער. בלהה, אייער מוטער, האָט אים אַריינגעבראַכט אין יעקבס הויז, און עס איז געווען, ווען יעקב האָט פאַרלאָזט לבן האַרמי, האָט רחל אים צוגעגנבעט פון איר פאָטער און אים באַהאַלטן אונטער דעם זאָטל פון איר אייזל, מחמת ער איז אויך דער גאָט, וואָס עפנט דעם טראַכט פון וויב און מערט דעם זאָמען פון מאַן. ער איז דער גאָט פון אייערע פּאָטערס און ער איז אויך אייער גאָט, וואָרעם ווי אייערע פּאָטערס וועט איר אויך זיין פּאַסטוכער. ער וועט מערן דעם זאָמען פון אייערע לענדן און וועט פאַרגרעסערן די צאָל פון אייערע שאָף און רינדער.

— עקדישן אין דיין מויל און זאַמד אין דיינע אויגן! דער גאָט פון אונדזערע פּאָטערס איז יהוה, און ער איז אויך אונדזער גאָט, וואָס האָט אונדז ערשט געגעבן זיינע געזעצן פון באַרג סיני דורך משהן, זיין קנעכט, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון דעם געזעמל.

— יהוה, יהוה, יהוה! איך קען אים, — האָט דער זעער געזאָגט פאַר זיך און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ער איז אַ גאָט פון שקלאַפן, איר זענט פרייע מענער היינט. ער איז אַ גאָט פון אָרעמעלייט, וואָס האָבן ניט קיין אָקסן, קיין סטאַדעס, קיין גאָלד און קיין זילבער, — איר זענט רייכע מענטשן היינט. מיר האָבן געהערט, אַז איר האָט צוגענומען ביי די מצרים זייער פאַרמעגן, זייער גאָלד און זילבער, זייערע אוירינגען, וואָס איר טראָגט, די גאָלדענע קייטן, די האַלדזבענדער, — פרייע, רייכע מענער זענט איר היינט. איר האָט אויסגעליידיקט די מצרים. מיר האָבן געהערט דערפון. וואָס אָבער קאָנט איר מאַכן מיט אייער גאָלד און זילבער, מיט אייערע שאָף און רינדער ביי אַ גאָט, וואָס איז זיך מתקנא אויף יעטוועדער פרייד, וואָס אַ מענטש פרייט זיך, ביי אַ גאָט, וואָס האַלט דעם מענטשן ווי אַ שקלאַף, געבונדען צו זיינע שטרענגע חוקים און משפּטים? וואָס האָט ער געטון מיט אייך, ווען ער האָט אייך צונויפגערופן אויף אַ יום־טוב צום באַרג סיני? פון אייערע ווייבער אייך אָפּגעשיידט, דריי טעג אייך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון זיי. איז דאָס דער שטייגער צו פייערן אַ יום־טוב פאַר אַ גאָט? איר מאַכט בעסער אַ יום־טוב פאַר דעם גאָט עגל, און ער וועט אייך געבן אַלדאָס גוטס. איר וועט זען, וואָס פאַר אַ פרייד, וואָס פאַראַ טענץ, וואָס פאַראַ געטראַנקען. היינט די פרייקייט מיט די ווייבער. איר זענט זיינע מענערלעכע כּוחות. קוקט זיך גוט צו צו זיין מענערקראַפט, — ווייזט ער זיי אָן אויף דעם גליד פון זיין ליימענעם עקסל. — ער וועט אָנגיסן אייערע לענדן מיט כּוח און גבורה, אַזוי ווי ער איז אַליין. ברענגט אייערע ווייבער אַרויס! זאָלן זיי זען דעם גאָט פון פרוכפּערקייט. שוין פון אָנקוקן אים אַליין וועלן זיי אייך

נאָכגעביק ווערן; זייערע בריסט וועלן אָנגעפילט ווערן מיט מילך, זייערע בוזימס וועלן גיין אויף־און־אָפּ מיט גלוסטיקייט; זייערע בייכער וועלן זיך פּאַלדעווען און וויליק און גרייט זיין אויפצונעמען אייער זאָמען; זייערע טראַכטן וועלן זיך עפּענען, און זיי וועלן אייך געבערן קינדער זכרים, שטאַרקע און קרעפּטיקע, ווי דער גאָט אַליין איז. און ווי אייערע ווייבער, אַזוי וועלן אייערע שאָף און אייערע רינדער זיין, כי־כי־כי . . . רופט־אַרויס אייערע ווייבער, זאָלן זיי זען, און זיי וועלן אייך נאָכגעביק זיין, ווי נאָכגעביק עס זענען די קי דעם שפּרינגענדיקן אָקס. דאָס רוף איך אַ גאָט פּאַר פּריַיע מענער, ווי איר זענט.

— דבורה! מרים! מאַפּימאַ! פּיהאַ! — האָבן זיך געהערט צעיוירענע קולות פון די מענער, רופנדיק זייערע ווייבער פון די געצעלטן אַרויס, און דאָ און דאָרט האָט שוין אַ מאַן מיט רויטע אויערן און ברענענדיקע אויגן געשלעפּט אַ ווייב פון געצעלט אַרויס צום זעער און געוויזן איר מיט דער האַנט אויף דעם עקסל פון די תּרפים.

— קוקט זיך צו, נשים, קוקט זיך צו. שוין פון קוקן אַליין וועט איר פאַרגיין אין טראָגן. אַן עקרה איז זי געווען, די שוועסטער אונדזערע, — ווייזט דער זעער אַן אויף דער נעגער־פּרוי מיט די קינדער, — אַן עקרה אַ פאַר־שאָלטענע. איר טראַכט איז געווען פאַרשלאָסן, פאַרחתמעט מיט זיבן חתימות. דער מאַן האָט זי געוואָלט אָוועקשיקן. איינער פון די תּרפים אויף איר האַלדז איז געווען אַ סגולה פאַר קינדער האָבן. זעט די קוואַלן פון מילך, וואָס דער גאָט האָט אויפגעעפנט אין אירע בריסט. זעט די פרוכט פון איר בויך. לויטער צווילינגען, און אַלץ זכרים, אַלע אָנגעגאָסן מיט גבורה, ווי דער גאָט אַליין איז. קויפט זיך תּרפים, ווייבער, עס איז אַ סגולה צו קינדער האָבן.

און אָט גלייך האָבן שוין מענער געריסן די אוירינגלעך פון די ווייבערשע אויערן, אויסגעביטן זיי אויף דעם זעערס עקסלעך און זיי אָנגעהאַנגען אויף די העלדזער פון זייערע ווייבער.

— בני־ישראל, בני־ישראל, וואָס טוט איר? געדענקט אין יהוהן, געדענקט אין דעם בונד, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אייך, געדענקט אין די עשרת־הדברות, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אייך! געדענקט אין דעם נעשה־ונשמע, וואָס איר האָט געשוואוירן! געדענקט אין דער תּורה, וואָס גאָט גיט משהן פאַר אייך אויפן באַרג סיני! — האָט אַ זקן מיט פינקלדיקע אויגן צווישן סקעלעטן־ביינער, מיט אַ ווייסער, ציטערדיקער באָרד און שטעקלדיק־דאַרע אָרעמס, גע־שטרעקט פון אַ ביינערדיקן לייב, זיך אַדורכגעשפּאַרט אַ וועג דורכן עולם.

דאָס איז געווען דער אַלטער חור. מען איז אים געקומען זאָגן, אַז אַ כּהן פון אַ געץ האָט אַריינגעבראַכט זיינע תּרפים אין דער מחנה. איז ער געלאָפן אָן אַן אָטעם פון זיין געצעלט צו די בני־דן. ער האָט זיי אָנגעטראָפן ווי זיי האָבן אָנגעהאַנגען די תּרפים אויף די העלדזער פון זייערע ווייבער, און ער האָט אָנגעהויבן אַרונטעררייסן דעם עגל פון איין האַלדז נאָכן אַנדערן.

בלעם האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער מיט אַ שפּריץ סלינע פון זיין מויל אַן ציין.

— חוקים־ומשפּטים, די תּורה פון יהוהן . . . יאָ, יהוה האָט אָנגעבאָטן זיין

תורה און זיינע חוקים־ומשפטים צו פיל לענדער. ער האָט געשיקט שליחים צו די מצרים, די כנענים, די חתים, צו אונדז אַלעמען. מיר האָבן די תורה ניט געוואָלט אָננעמען, ביז ער האָט געפונען אַ בעלן אין אייך, נאַראָנים ווי איר זענט.

— געצנדינער, טמא, רשע, אַרויס פון דער מחנה, טמא! טראָגט אים אַרויס!

— איז דער אַלטער צוגעשפּרונגען, ווי אַ יונגערמאַן, צו בלעמען און אָנגעהויבן רייסן די תּרפים פון אים, זיי וואַרפן אויף דער ערד און טרעטן מיט די פיס. — אַרויס פון דער מחנה, טמא! — האָט ער אויפגעהויבן די הענט אויף אים.

— איך גיי, איך גיי, — האָט בלעם געזאָגט און גענומען צונויפקלייבן די תּרפים פון דער ערד, — איך וועל אָבער קומען צוריק. לאָזט זיך ניט פאַר־קויפן צוריק פאַר שקלאַפן צו יהוהן, קלוגע בני־דן. איר זענט פרייע מענטשן, רייכע מענטשן, איר זענט בני־חורין, איר ווילט זיך פרייען מיט אייער גאָט.

— צוריק אין די געצעלטן אַריין! משה וועט קומען און וועט אייך באַ־שטראָפן מיט דעם שטעקן. געדענקט, משה קומט צוריק, — האָט חור געהופן צו די בני־דן.

— משה וועט שוין ניט צוריקקומען. מען האָט געזען זיין ארון אין הימל, איבערן באַרג סיני. יהוה האָט אים געטייט, — האָט בלעם געדעדט צו די בני־דן.

— ווער האָט געזען משהס ארון? פון וואַנען ווייסטו, אַז יהוה האָט אים געטייט? — זענען די בני־דן צוגעשטאַנען צו בלמען.

— די חרטומי־מצריים האָבן געזען דעם ארון. איך וועל זיי ברענגען אַהער, וועט איר דאָס הערן פון זייער מויל.

— אַרויס, טמא, אַרויס פון גאָטס מחנה! — האָט דער אַלטער חור, אין זיין גרימצאָרן, געיאָגט מיט די פאַכעדיקע הענט בלעמען מיט זיין אייזעלע פון זיך.

*

ווי אַ חיה־רעה, וואָס גייט־נאָך אַ סטאַדע שאָף אין מדבר בייטאָג, באַהאַלט זיך אויס אין לעכער און היילן ביינאַכט און טשאַטעוועט פון דער פינצטער אויף אַ קרבן צו פאַרצוקן, אַזוי האָט בלעם זיך געשלייכט נאָך די בני־ישראל פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט מצריים.

בלעם אַליין איז ניט געווען קיין כהן פון וועלכן־עס־איז קולט אָדער געץ. ער איז געווען אַ זעער און אַן עצה־געבער פאַר אַלע עבודה־זרות. זיי האָבן זיך מיט אים שואל־עצה געווען אין יעטוועדער עת־צרה. ער איז געווען באַשאָנקען מיט פאַנטאַזיע און פאַטאָס. ער האָט געקאָנט אַריינברענגען זיך אין אַזאַ טראַנס, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז באַנומען פון אַ רוח. ער האָט דערנסמאָל געזען וויזיעס און נביאות־געזאָגט. דער עיקר אָבער איז ער געווען אַ פאַכמאַן אַ שעלטער, האָט געהאַט אַ מויל פאַר קללות און חרמות און געדינט מיט דעם פעלקער און עבודה־זרות. פעלקער האָבן מלחמה געהאַלטן מיטן כוח פון זיינע קללות. ווען אַ פירער פון חייל האָט געגרייט אַן אַטאַקע אויפן שונא, האָט ער גערופן צו זיך בלעמען, אַז ער זאָל פאַרשעלטן דעם שונא און מיטן כוח פון זיין כישוף ליימען דעם שונאס גבורה.

ער האָט געגלויבט אין אַלע רוחות און געדינט צו אַלע עבודה־זרות. ער האָט אָבער, ווי יתרו, אויך געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ העכערער גייסט איבער

אַלע געטער, וואָס מען רופט אים יהוה. דאָך האָט ער, להיפּוך צו יתרון, זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוגעבן זיך יהוהן און דינען צו אים צוגלייך מיט זיינע אַרטיקע געטער. ער האָט, פאַרקערט, רעוואָלטירט קעגן יהוהן, אין דעם נאָמען און לטובת די אַנדערע געטער. ער האָט געוואוסט, אַז דער אייבערשטער גאָט האָט דערקלערט אייביקע מלחמה די אַנדערע געטער און איז, בכן, אַ טויט־סכּנה פאַר אַלע אַנדערע גלייבענישן. האָט ער געטון אַלץ אין זיינע כּוחות אים צו באזיגן און אים אונטערצוברענגען.

דעם גרעסטן שטער אין זיין קאַמף קעגן יהוהן האָט בלעם, פאַרשטייט זיך, געזען אין משהס באַקערן די בני־ישראל צום איין־איינציקן גאָט. האָט ער גענומען זוכן עצות ווי אַזוי צו ברענגען אַ ריס צווישן דעם פאָלק און זיין פירער.

אַ שאַרפער מענטשן־קענער, האָט בלעם זיך אָנגעשטויסן, אַז משה וועט האָבן גרויסע שוועריקייטן, ווען ער וועט וועלן איינפירן יהוהס חוקים און משפטים אין לעבן. נו, האָט ער אויסגעוואַרט אויף דער גוטער געלעגנהייט, ווען ער וועט קאָנען אַריינרייסן זיך, ווי אַ פוקס, אין דעם גאָרטן, וואָס משה האָט פאַרפלאַנצט פאַר יהוהן, און אים צעשטערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט גרינג וועט משהן אָנקומען צו דערהאַלטן די בני־ישראל אין דער דיסציפּלין פון יהוהן, און איין טאָג וועלן זיי מסתּמא וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די אַלע געזעצן, וואָס יהוה לייגט אַרויף אויף זיי. און דאָ וועט קומען זיין געלעגנהייט.

קוים האָט ער דערשפּירט די אומרואיקייט, וואָס איז געקומען אויף די בני־ישראל, זינט משה איז פאַרשוואונדן אויפן באַרג סיני, די סטירדעס און די קנאה־שנאה איבער דער כּהונה, וואָס האָט צעטיילט אַהרנען מיט זיינע זין און קורחן מיט זיינע נאָכפאָלגער אויף צוויי פיינטלעכע צדדים, האָט בלעם זיך צוגעאיילט צו ברענגען דעם גאָט פון עגל אין דער מחנה פון ישראל.

נאָך דעם ווי יהוה האָט פּראָקלאַמירט זיינע געבאָטן פון באַרג סיני און האָט דערקלערט אַ מלחמה פון אויסראָטונג קעגן די פאַלשע געטער, האָט בלעם געשלאָגן אַלאַרם צווישן די כּהנים פון די פאַלשע געטער. און גרויס פּחד איז באַפאַלן די כּהנים און די כּישוף־מאַכער פון די אָפּגעטער, ניט ווייניקער ווי די מלכים פון די פעלקער, וואָס יהוה האָט זיך געקליבן צו פאַרטרייבן פון זייערע לענדער, כּדי צו מאַכן דאָרט פּלאַץ פאַר זיין אויסדערוויילטן פאָלק.

ער האָט אויך געהאַט זיינע אויסשפּירער אין דער מחנה פון ישראל, וואָס ער האָט זיי געפונען צווישן דעם ערב־רב, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט די יידן פון מצריים. פון זיי איז ער געוואויר געוואָרן וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגע־קומען אין דער מחנה.

ווען די ידיעה איז געקומען צו אים וועגן דעם געפאַלענעם מוט, וואָס עס איז געווען צו מערקן צווישן די בני־ישראל זינט משהס פאַרשווינדן, האָט בלעם געשווינד צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון זיינע פריינד, די כּהנים, צו האַלטן אַן עצה מיט זיי. זייער באַשלוס איז געווען אַריינצושמוגלען, מיט דער הילף פון די אויסשפּירער, אין דער מחנה פון ישראל געצנדינערישע כּהנים, וואָס זאָלן אַריינברענגען נאָך מער צעמישונג אין דער מחנה און ברענגען אַזוי אַרום די בני־ישראל נעענטער צו די אַנדערע געטער.

בלעם האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז צוריקגעקומען צו דער מחנה פון ישראל, ווי ער האָט געהאַט געזאָגט הורן בשעת יענער האָט אים פאַרטריבן פון דער מחנה. דורך איין טויער האָט מען אים פאַרטריבן און דורך צען איז ער צוריקגעקומען. און יעדער מאָל האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ נייעם מין גבית־עדות פון דער גבורה פון זיינע געטער און דער שוואַכקייט פון יהוהס הערשאַפט, וועלכע דערנענטערט זיך צו איר סוף.

ער האָט אַריינגעפירט אין דער מחנה אַריין צווי באַרימטע מכשפים און שטערנזעער פון מצריים, יאַנעס און יאַמברעס, וואָס מען האָט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען טאַקע זיינע, בלעמס, אייגענע זין. אָנגעטון אין זייערע פאַנטאַסטישע, מיט שטערן־פיגורן באַזעצטע מאַנטלען, אין זייערע הויכע, געטורעמטע העלמען, האָבן זיי געטון כישוף און געוויזן כלערליי קונצן פאַר די בני־ישראל אין דער מחנה. זיי האָבן אויסגעקוקט אין די שטערן פאַר זיי און אָנגעוויזן זיי אויף סימנים אין די הימלען, אויפגעדעקט פאַר זיי די הימלשע קו, וואָס רעגירט ביינאַכט אין הימל, ווי די זון רעגירט בייטאָג, געוויזן זיי די עקדישן און די יאַשטשערקעס, די פאַרשיידענע חיות, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין הימל, ביז זיי האָבן אויפגעדעקט פאַר זיי משהס ארון ווי ער האָט געשוועבט אין הימל איבערן באַרג סיני.

— אָט זעט, זעט, דאָרט שוועבט ער, דער ארון, וואָס יהוה האָט באַהאַלטן משהן דערין. איר זעט, פונקט אַזאַ ארון ווי דער ארון מיט יוספס ביינער, וואָס איר פירט דאָ מיט זיך פון מצריים. און אָט זעט איר ווי דער ארון רוט אויפן באַרג סיני. ניט אַנדערש, נאָר יהוה האָט אומגעבראַכט משהן, ווי ער טוט עס מיט יעדערן, וואָס קומט נאָענט צו אים, מחמת ער פאַרטראָגט ניט, אַז אַ מענטש, אָדער אַפילו אַ גאָט, זאָל זיך טרעפן מיט אים פנים־אל־פנים.

— יאָ, משה האָט אונדז טאַקע אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך ניט אָנרירן אָן יהוהס הייליקן באַרג, טאָמער וועט אונדז יהוה טייטן.

— אויב אַזוי, זענען מיר דאָך ניט זיכער מיט אונדזער לעבן. איטלעכער בשר־ודם קאָן דאָך אויפוועקן דעם צאָרן פון יהוהן, און ער וועט אונדז פאַרלענדן.

— ווער קען דען שטיין אין זיין אָנגעזיכט?

און די אויסשפּירער, וואָס בלעם האָט געהאַט צווישן דעם ערב־רב, האָבן באַלד פאַרשפּרייט די ידיעה איבער דער גאַנצער מחנה:

— משה איז פאַרלענדט געוואָרן. יהוה האָט אים פאַרצוקט, ווי אַ לייב פאַרצוקט אַ שעפעלע. מען האָט געזען זיין ארון שוועבן אין די הימלען, איבער דעם באַרג סיני.

און אַ יללה איז אויפגעגאַנגען אין דער מחנה: משה איז פאַרלענדט געוואָרן, יהוה האָט אים פאַרלענדט!

און ישראל איז געוואָרן ווי אַ זונה, ערשט פון אונטער דעם חופּה מיט יהוהן, שטייענדיק פאַר די פאַרשיידענע בעלנים, וואָס זענען געקומען זי קויפן פאַר זייערע אָפּגעטער.

אויפן אַנדערן טאָג האָט בלעם אַריינגעפירט צו זיי אין דער מחנה זיין פריינד נערם, אַ כהן פון דער געטין עשתרות. אַ שיינער, אויסגעצערטלטער

בחור מיט אַ יונגער, קרעפּטיקער געציירטער באָרד אַרום זיין שיינעם געפּאַרבטן פּנים, מיט רויט־אונטערגעפּירטע אויגן און בלאָע ליפּן, נאָר אָנגעטון איז ער געווען אין מלבושים פון אַ נקבה, מיט אויסגעפּילטע בריסט, און גערעדט האָט ער מיט אַ דינעם, קוויטשעדיקן נקבה־קול. ער איז געקומען מיט אַ וואָגן, פול מיט עשתּרות־געשניצן, וואָס פיר נאַקעטע בתולות, מיט גאָלדענע קייטלעך איבער דער שאַנד, האָבן געשלעפּט נאָך זיך. ער האָט די געטין מיט די צעשפּרייטע, דיקע היפּטן, האַלטנדיק אַ טויב צוגעדריקט צו אירע געשוואָלענע בריסט, פאָרגעשטעלט פאַר די בני־ישראל:

— זי איז די געטין פון ליבע. זי דעקט־אויף פאַר אירע גלויביקע אַלע פאַרבאָרגענע סודות פון דער תּאווה, אַלע תּענוגים פון באַגער סיי צום ווייב, סיי צום מאַן, די ליבע צום אייגענעם און די ליבע צום פרעמדן לייב. ווער עס באַקערט זיך צו איר, דעם באַשענקט זי מיט דער ברכה פון טאָפּעלן געשלעכט, און ער ווערט טויגלעך סיי פאַר דעם ווייב, סיי פאַר דעם מאַן.

בלעם האָט אַפילו אַריינגעבראַכט אין דער מחנה פון ישראל זיין פריינד באָש, דעם כּהן פון גאָט מולך, אַ מאַן מיט אַ נאַקעטן, געשוואָלענעם בויך, גרויסע האָריקע הענט און פעטע, גראָבע ליפּן, וואָס זענען ביי אים געשמירט געווען מיט בלוט, מיט אַ גרויסן, מוראדיקן בלוט־צייכן אויפן שטערן. ער האָט פאַר די בני־ישראל פאָרגעשטעלט זיין גאָט, אַ פיגור מיט אַ קאָפּ פון אַ חיה, צוויי הערנער פון אַן אָקס, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אַ מענטשן־פּנים; שאַרפע, חיהשע ציין האָבן אַרויסגעקוקט פון אַן אָפענעם מויל. ער האָט געהאַט אַ געשוואָלענעם בויך, ווי זיין כּהן, אַן אָפענעם בויך, אין וועלכן עס האָט גע־פלאַקערט אַ פייער.

— מיין גאָט איז דער גאָט פון שטורעם און דונער. ער איז אָבער אויך דער גאָט פון רעגן און טוי. ווען ער דערפילט אין זיין מויל דאָס ווייכע, איידעלע לייב פון אַ קינד; ווען זיין צונג פאַרזוכט דעם זיסן טעם פון קוועלנ־דיקן, פרישן בלוט און זיינע ציין צעמורשן דעם יוגנטלעכן מאַרך־ביין, אַזוי ווערט ער געמילדערט און שיקט דעם שפּריי־רעגן, וואָס באַפרוכפּערט ניט נאָר אייערע פעלדער און מאַכט אייערע תּבואות וואַקסן. ער באַפרוכפּערט אויך די פּי אין שטאַל און דאָס ווייב פאַר דיינע לענדן.

די עברים, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין קנעכטשאַפט ביי פרעהן, האָבן אָבער געטראָגן דאָס ליכט פון דער גאולה, וואָס זיי האָבן געירשנט פון די אבות, אין זייערע הערצער. צו־געזונט, צו־נאַטירלעך, איז זיי פרעמד געווען די פאַרדאָרבענע פיינפיליקייט פאַר דער תּאווה פון טאָפּעלן געשלעכט, וואָס איז געווען די גאָב פון דער געטין עשתּרות פאַר אירע גלויביקע. נאָך ווינציקער האָט זיי גענומען דאָס מסופּקדיקע פאַרגעניגן פון זען און הערן דאָס קנאַקן פון די קינדערשע ביינער צווישן די ציין פון גאָט מולך. דערפאַר אָבער האָט דער אינסטינקט פון פּריה־ורביה, וואָס איז געווען גאָר לעבעדיק אין זיי פון דער צייט פון מצרים, זיי צוגעצויגן צו דער עבודה פון עגל. דאָס קינדלען איז ביי זיי שטענדיק געווען זייער אָנגעלייגט, און דער אָנבליק פון עגל, וואָס וועקט־אויף די תּאווה און רייצט־אָן צו פּריה־ורביה, האָט זיי דערפאַר געקאָנט מער

פאַרכאַפּן, אײדער די עקרותדיקע תאווה פון טאָפּעלן געשלעכט. דער עגל, יאָ! קינדער האָבן, יאָ! שאַף און רינדער צו מערן, — דאָס איז אַן ענין פאַר זײ, און זײ האָבן מער גאָרניט געוואָלט און גאָרניט געגלוסט װי נאָר דעם עגל, דעם עגל. גיב זײ דעם עגל.

און אַט האָט זיך מיטאַמאָל באַװיזן אויף די העלדזער פון די מענער און די װײבער דאָס געשניץ פון עגל. עס האָט ניט געהאָלפן, װאָס חור און טײל אַנדערע פון שבט יהודה האָבן זײ געפּרואװט אָפּשרעקן מיט יהושס שטראָף, מיט משהס שטעקן. עס איז געװען װי דער קולט פון עגל װאָלט געװען אַרײנגעדרונגען אין זײ, װי אַ כּישוף־געטראַנק, און פאַרװירט זײערע געפילן. אַפילו די מיושב־דיקע צװישן זײ האָבן זיך אַנגעשטעקט מיט אים. מען האָט געזען באַיאָרנטע מענער, װײבער, װאָס אַט ערשט האָבן זײ געשריגן נעשה־ונשמע, טראָגנדיק װי אַ טײער שטיק צירונג דאָס געשניץ פון עקסל אויפן האַלדז.

פּונקט װי מאַלפּעס, פאַרכאַפּטע פון גרױליקער מורא אין דער פינצטער פון דער נאַכט, שיצן זיך אין דער היץ פון פאָרונג, אַזױ האָבן די בני־ישראל, געפאַנגען אין דעם קולט פון עגל, געפונען אין דעם נאָכגעבן די תאוות פון גוף אַ פאַרטױבונג פאַר זײער עלנד און אומזיכערקײט. דער אָפּגאָט פון עגל איז באַלד געװאָרן פאַר זײ ניט נאָר אַן אַנרעג פאַר זײערע לײדנשאַפטן, נאָר, דער עיקר, זײער רעטער, זײער פירער, דער, װאָס קאָן זײ אַרױסבראַנגען און אַרױספירן פון מדבר; זײער גאָט, װאָס האָט זײ אַרױסגעפירט פון מצרים און װעט זײ אַרײנברענגען אין דעם לאַנד פון זײערע אבות.

צעװילדעט אין זײערע צעפלאַמטע תאוות, אין זײער פאַנישער שרעק, װאָס האָט זיך דאָך ניט געלאָזט אײנגאַנצן פאַרטױבן, זענען זײ געקומען פאַר אַהרנס געצעלט. זײ זענען דאָרט געשטאַנען, מענער, יונגע און עלטערע, מענער מיט שטאַרקע, שװאַרצע קודלעס און שװאַרצע בערד און מענער מיט װײסע בערד און אױסגעלאָשענע אױגן; מענער מיט מעכטיקע ברוסטקאַסטנס און מענער קראַנקע, אױסגעמוטשעטע פון דינען בײ פּרעהן. יידן און ניט־יידן זענען זײ געװען. פּנימער, אָפּגעבערנטע פון דער זון; פּנימער, שװאַרץ פון געבױרן. װײבער מיט צעשױבערטע האָר און אױפגעדעקטע בריסט. בריסט יונגע, װי עפּל, און בריסט, װי לײדיקע װאַסער־לאָגלען. און אַלע האָבן זײ געשריגן און געליאַרמט און געפּאָדערט מיט אױסגעשטרעקטע הענט, מיט צאָרנדיקע בליקן:

— שטײ־אויף און מאַך אונדז אַ גאָט, װאָס זאָל גײן פאַר אונדז, װאָרעם דער מענטש משה, װאָס האָט אונדז אַרױסגעבראַכט פון מצרים, — מיר װײסן ניט, װאָס עס איז געשען מיט אים.

עס זעט־אױס, אַז נדב און אַביהוא האָבן נאָר געװאָרט דערױף, און זײ האָבן געזאָגט צו זײער פאָטער:

— דאָ האָסטו די געלעגנהײט צו װײזן משהן, אַז מיט טרוקענע חוקים און משפּטים אַלײן קאָן אַ פאָלק ניט לעבן. אַ פאָלק מוז האָבן אַ היכל, אַ משכן, אַ מזבח, אַ היעראַרכיע פון כּהנים, יום־טובים און טענץ, געזאַנג און פרײהײט, אַניט מאַכן זײ זיך אַן עגל. מאַך זײ אַן עגל!

און אַהרן האָט צוגעשטימט דערױף:

— נעמט אַרונטער די גרויסע אוירינגען, וואָס זענען אין די אויערן פון אייערע ווייבער, אייערע זין און אייערע טעכטער, און ברענגט זיי צו מיר.

און מענער רייסן אַרונטער די אוירינגען פון זייערע ווייבער, פון זייערע קינדער, נעמען אַרונטער זייערע אייגענע אויר־ינגען און וואַרפן עס אין אַ קופּע אַריין.

מען זוכט צווישן פאָלק אַרבעטער, וואָס זענען געניט אין שמידן מעטאַלן און אין האָלץ־געווערק. אָט שטייען שוין האָלץ־שניצערס, גרייט צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. מען באַקומט פון ערגעץ אַ פּניאַק פון אַ געשעדיקטןביימל, מען שניצט־אויס אַ געשניץ פון אַן עקסל מיט אַלע סימנים פון זיין זכרשקייט. די שמידן ברענען שוין פייערן אונטער גרויסע שמעלץ־בעקנס, שמעלצן צוזאַמען דאָס צונויפגעזאַמלטע גאָלד. מען שמידט, מען האַמערט, מען שטאַמפּעוועט, מען באַשלאָגט דעם געשניצטן עקסל מיט בלאַט־גאָלד. די פיגור קומט־אַרויס אומגעלומפּערט, גראָב. אַ קאָפּ פון אַ קאַלב מיט סימנים פון אַן אָקס.

אַהרן, דער כהן־גדול אַליין, האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אַרבעט.

איידער דער עגל איז נאָך פאַרטיק, שרייען שוין טייל פון פאָלק, ס׳רוב פון בלעמס לייט פון צווישן דעם ערב־רב:

— דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך אַרויסגעבראַכט פון מצריים.

— און זיי צערטלען און קושן די געשניצן פון עגל, וואָס באַמבלען זיך ביי זיי אויפן האַלדז.

אַהרן זעט, אַז דאָס פאָלק ווערט פאַרשיכורט פון דעם אָנבליק פון דער עבודה־זרה. ער זעט־איין, אַז ער איז שוין צו־וויט אַוועק אין זיין נאָכגעבן דעם ווילן פון דעם המון־עם. ער וויל נאָך געווינען אַביסעלע צייט, אפשר וועט מאָרגן משה אָנקומען, עס ענדיקן זיך די פערציק טעג, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך זאַמען אויפן באַרג. ער וועט אָפּלייגן דעם יום־טוב ביז מאָרגן. דערווייל הייסט ער בויען אַ מזבח. ער אַליין און זיינע זין לייגן אויך דאָ צו אַ האַנט.

עס ווערט שפּעט. ער האָט געוואונען אַ טאָג. היינט איז צו־שפּעט. פּעדערט זיך מאָרגן אינדערפרי. א יום־טוב צו יהוהן וועט מאָרגן זיין.

ניין, ניט קיין יום־טוב פאַר דעם עגל. ער וועט דעם טאָג פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טוב פאַר יהוהן. ער וועט אַריינברענגען דעם עגל אין דער עבודה פאַר יהוהן.

דאָס איז זיין טרייסט און זיין באַרעכטיקונג פאַר זיין פעלשן אין יהוהן.

— גייט צוריק צו אייערע געצעלטן. מאָרגן איז דער יום־טוב, היינט איז צו־שפּעט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן, — שיקט אַהרן דאָס פאָלק צוריק.

ניין, דאָס פאָלק גייט ניט. דאָס פאָלק וויל שוין האָבן זיין יום־טוב. פיל ליגן אַרום דעם עגל. זיי היטן דעם עגל. זיי הויבן שוין אָן פּראַוון דעם יום־טוב, שוין גלייך אין דער נאַכט אַריין.

ברענען שוין פלאַקער־פייערן אונטער דעם ליכטיקן אויסגעשטערנטן הימל, און גרופּן צעווילדעטע מענער טאַנצן אַרום די פייערן, שלעפּן די ווייבער און רופן־אויס ווילדע געשרייען. די פייערן פלאַקערן, באַלייכטן דעם דיקן רויכער־דיקן וואָלקן, וואָס ליגט געדיכט איבער דעם באַרג חורב. אַן אימהדיקייט פאַלט־

אַרויס פון דער שווערער מאַסע פון וואָלקן, מעכטיקע הענט ציען זיך אַרויס פון אים, פאַרדריקטע אין פויסטן, פילן־אָן דעם גאַנצן אַוויר פון מדבר מיט פּחד, נאָר די בני־ישראל באַמערקן דאָס ניט. אויסגעדרייט מיטן רוקן צום באַרג חורב, טאַנצן זיי אַרום די פלאַקער־פייערן, מיט ווילדע אויסגעשרייען, פאַרכאַפּט אין שיכרות פון זייער אָפּגאָט. אָבער די פּראַכט פון יהוהן איז אויסגעלייגט איבער דעם נאַכט־צודעק פון מדבר.

עס איז געווען אַ נאַכט פון שאַנד. עס איז געווען ווי אַלע רוחות און שוואַרצע כּוחות, ווי אַלע עבודה־זרות און טמאדיקע געצן וואָלטן זיך צונויפגע־קומען אין דער מחנה פון ישראל. זיי קעמפן מיט יהוהן דעם לעצטן קאַמף. פון די געצעלטן פון ישראל זענען אויפגעגאַנגען שיכורע קולות. מענער האָבן פאַראומריינט פרויען אונטער די שטערן פון דער נאַכט און אָפּגעטון אַלערליי מעשים־תעתועים. צעיושעט פון דער כּישוף־זינד, וואָס דער עגל האָט אויפגע־וועקט אין זיי, האָבן זיי אויפגעבראָכן אַלע צאַמען, צעשטערט אַלע פאַרבאָטן. זיי האָבן אויסגעמעקט פון זייערע הערצער איטלעכן געזעץ, וואָס בלוט, ירושה, טראַדיציע און יחוס־אבות האָבן געהאַט איינגעקריצט אין זיי דורך יאָרן פון פּיין און פאַרשקלאַפונג. עס איז געווען ווי די בני־ישראל וואָלטן געוואָלט זיך אויס־שטורעמען און זיך אָפּרעכענען פאַר די אַלע יאָרן, וואָס גאָט האָט זיי געהאַט פאַרמשפּט צו דער פאַרשעמטקייט פון שקלאַפעריי ביי פּרעהן אין מצרים.

און עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל זיי געוועץ שטערן. די אימה פון דער צעיושעטער מאַסע איז אויך באַפאַלן די פירער, דעם נייעם וועד, וואָס משה האָט געשאַפן, די נייע זקני־ישראל. זיי האָבן אַלע זיך אויסבאַהאַלטן אין זייערע לעכער, ציטערנדיק פאַרן אויפברויז פון המון. קורח און זיינע אויפזעער, די לויים, וואָס האָבן געקענט דאָס פאָלק און וואָס דאָס פאָלק האָט נאָך געהאַט אַביסל דרך־ארץ פאַר זיי, האָבן זיך אינגאַנצן געהאַלטן פון דער ווייטנס, זיך געשייעט אַריינצומישן זיך אין דעם עסק. „אַהרן און חור זענען די פירער", — האָבן זיי געזאָגט. איצט אָבער, אַז זיי האָבן געזען ווי אַהרן אַליין, משהס ברודער, דער נעענטסטער צו גאָט נאָך משהן, איז דער אָנפירער פון גאַנצן אויפשטאַנד און האָט אַפילו געהאָלפן אויסגיסן דעם עגל און בויען דעם מזבח פאַר אים, האָבן זיי זיך געפרעגט: „ווער ווייסט, אפשר איז עפּעס דאָ אין דער זאַך?"

און גאָטס עדה איז פון אירע פירער גופא איבערגעליפערט געוואָרן אָן פּחד אין די הענט פון משחית.

דער איינציקער, וואָס האָט געפּרוּאווט זיך שטעלן צווישן דער מחנה פון ישראל און דעם משחית, געפּרוּאווט צוריקהאַלטן דעם משחית מיט זיין אַלטן, צעבראָכענעם קערפּער, זיינע ברענענדיקע הענט און פלאַמענדיקער אמונה, איז געווען חור, דער צווייטער פירער, וואָס משה האָט איבערגעלאָזט.

ווען אַהרן האָט מסכּים געווען צו גיסן פאַרן פאָלק דעם עגל, האָט ער געשיקט רופן בצלאלן, חורס אייניקל, וואָס אַלע האָבן אים פון מצריים נאָך געקענט פאַר אַ גרויסן מייסטער גאָלדשמיד און בויער פון פּאַלאַצן. מרים האָט אָבער בצלאלן געהאַט אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל, און אַליין איז זי אַוועק מיט

חורן, איר מאַן, צו אַהרנען. זיי האָבן זיך אים געוואָרפן צו די פיס און אויסגערופן:

— אַהרן, ביסט דער עלטסטער פון עמרמס הויז, וואָס טוסטו?

— דאָס פאָלק וויל עס, — האָט אַהרן געענטפערט, — און איך וועל זיך ניט שטעלן קעגן דעם ווילן פון פאָלק, ווייל איך האָב מורא, אַז זיי זאָלן מיך ניט הרגענען.

— איז ניט בעסער געטייט צו ווערן פאַר גאָט איידער צו פאַרזינדיקן זיך קעגן אים? — האָט אים חור געפרעגט.

— גאָט איז אַ גוטער און ער וועט אונדז מוחל זיין. משה וועט זיין אונדזער מליץ־יושר.

— גייט אַרויס, אַלטע, גייט אַרויס. איר שטעלט זיך קעגן פאָלק און זיין גאָט, — האָבן נדב און אַביהוא געטריבן די אַריינדרינגער אין אַהרנס געצעלט.

חור און מרים זענען אַוועקגעגאַנגען צו קורחן. זיי האָבן אים אויפגעזוכט און געזאָגט צו אים:

— קורח, קורח, דו ביסט דער עלטסטער פון די בני־לוי. שטיי־אויף און זיי מציל ישראל פון דעם מויל פון משחית! דו מיט די בני־לוי.

— זאָל דער מציל־זיין די בני־ישראל פון דעם מויל פון משחית, וואָס האָט זיי אַהין אַריינגעבראַכט. דו, חור, און אַהרן זענט די פירער. מיר זענען די פאַרשטויסענע. — און קורח האָט פאַרמאַכט פאַר זיי דעם פאַרהאַנג פון זיין געצעלט.

חור איז דענסמאָל אַוועק צו זיין אייגענעם שבט, צו די בני־יהודה. ער האָט אויפגעוועקט פון זייער שלאָף די פירער פון שבט, נחשון בן עמינדב און כלב בן יפונה, און האָט געזאָגט צו זיי:

— קומט אַרויס מיט מיר, איר בני־יהודה, וואָס איר זענט אָנגעברייט צו הערשן איבער די בני־ישראל, און לאָזט זיי ניט דינען דעם עגל, וואָס זיי וועלן דורך דעם פאַרלירן זייער בכורה פון אַלע פעלקער ביי גאָט.

האָבן זיי אים אָפּגעענטפערט:

— אונדזער צייט איז נאָך ניט געקומען. זאָלן יענע אַרויסנעמען דעם שפּליטער פון דעם לייב פון לייב, וואָס האָבן דעם שפּליטער אין אים אַריינגע־שטעקט. מיר קאָנען ניט גאַנץ מאַכן דאָס, וואָס אַהרן האָט צעבראָכן.

איינגעזען, אַז עס איז קיינער ניטאָ, וואָס זאָל צוריקהאַלטן ישראל פון פאַרזינקען אין תהום אַריין, האָט חור זיך געזאָגט: „איך וועל שטעלן מיין אייגן לייב פאַר אַ מחיצה און אַ פאַרצאַם פאַר ישראל, אַז ער זאָל ניט אַריינ־פאַלן אין אָפּגרונט אַריין".

און ער איז געגאַנגען און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער פון דער מחנה, און ער האָט קיינעם ניט געוואָלט צולאָזן צום עגל.

דערווייל האָט אויפגעבראַכן דער מאָרגנשטערן. ער איז אַרויסגעקומען אויפן הימל און האָט אונטערגעצונדן דעם האָריזאָנט מיט פייער און בלוט, און די אַלע בלאָ־ווייסע וואָלקנס זענען באַזוימט געוואָרן מיט פייערדיקע טייכן בלוט.

און די בני־ישראל זענען אַרויסגעקומען פון זייערע געצעלטן און זיי האָבן

זיך געלאָזט איבער די שטיינערנע טעראַסן, איבער די באַרג־שפּיצן צו זוכן און אויפצוקלייבן זייער טעגלעך ברויט.

און דעם טאָג האָט גאָט ניט געמינערט פון זיי זייער שפּייז, און איטלעכער האָט געפונען זיין עומר מן, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר אים אויף דער אייבערפלאַך פון די שטיינער, ווי נעכטן און אייערנעכטן און יעדער אַנדער טאָג. און זיי האָבן עס אָנגעקליבן אין זייערע קערב אַריין און געטראָגן אין זייערע געצעלטן.

און באַלד זענען זיי אַרויסגעקומען פון זייערע געצעלטן. משפחהווייז זענען זיי אַרויסגעקומען, מיט זייערע ווייבער, זין און טעכטער. און זיי זענען געווען אויסגעפּוצט אין אַלדעם בעסטן, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן. פון זייערע לייבער האָט אַראָפּגעשיינט דער רויב פון מצריים. גאָלדענע קייטן, שטערנבענדער, באַזעצט מיט רובינען, סאַפּירשטיינער, אַמעטיסטן, ברוסט־־שילדן, אוירינגען, פינגערלעך און בראַסלעטן. און די נאַקעטקייט פון די ווייבער איז געווען באַדעקט מיט פּורפּל־שטאָפן, מיט בלאָ־געפאַרבטן זיידנס, וואָלנס, דינעם לייוונט; און זייערע קעפּ זענען געווען באַפּוצט מיט קרענץ באַרג־בלומען, און פון זייערע העלדזער איז אַראָפּגעהאָנגען, באַמבלענדיק זיך צווישן די בריסט, דער געשניץ פון עגל. אין די הענט האָבן זיי געטראָגן קערב, אָנגעפילט מיט יהוהס ברויט צו ברענגען עס פאַר זייער בייעם אָפּגאָט. און זיי זענען געגאַנגען מיט אַ יום־טובדיקן מוט. דאָס פייפל האָט געפייפט פאַר זיי, די טאַצן האָבן געקלימפּערט פאַר זיי, און זיי זענען געגאַנגען, טאַנצנדיק און זינגענדיק, צום יום־טוב פון זייער געץ.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון דער מחנה, האָבן צוויי דינע, ביינערדיקע אָרעמס זיי פאַרהאַלטן. אַן אַלטע ברוסט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם שטראָם מענטשן, ווי אַן אויסגעהאַמערטער פאַנצער; צוויי פייערדיקע אויגן האָבן זיי אַנטקעגנגעשאָסן מיט פייערדיקע שפּיזן. און אַ קול, אַ קול ווי אויס אַ גרוב אַרויס, אַ קול, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן משחית פון טויט, האָט געשריגן, געקרעכצט, געוואָרנט:

— אַחינו בני־ישראל, געדענקט די שבועה, וואָס איר האָט געשוואוירן פאַר יהוהן. געדענקט אין זיין הייליקן בונד, וואָס איר האָט געשלאָסן מיט אים. גייט ניט, גייט ניט דינען דעם עגל, יהוה איז אייער גאָט.

— גיי, אַלטער, אויס דעם וועג, טאָמער וועלן דיך אונדזערע פיס צעטרעטן, — האָבן זיי אים אָוועקגעשאַרט.

אָבער דער אַלטער איז ניט געגאַנגען אויס דעם וועג. מיט דער ברוסט האָט ער געפּרואווט פאַרשטעלן זיי דעם וועג, און מיט די הענט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן זייערע קליידער, זייערע פיס און זיי ניט געלאָזט גיין.

— געדענקט דעם בונד, וואָס אייערע אבות, אַברהם, יצחק און יעקב, האָבן געשלאָסן פאַר אייך מיט יהוהן.

— אז אונדזערע עלטערן האָבן אונדז פאַרקויפט פאַר שקלאַפן צו יהוהן, מוזן מיר טאַקע אַזוי זיין? מיר זענען בני־חורין.

— גיי, אַלטער, אויס דעם וועג. זיי אונדז ניט קיין שטרויכלונג, — און זיי האָבן זיך אַוועקגעריסן פון אים.

אָבער דער אַלטער האָט מיט עקשנות געקלעפּט זיך, געקלאַמערט זיך אָן זייערע לייבער, זייערע קליידער און זיי ניט געוואָלט אַדורכלאָזן.

— גאָט האָט אייך געמאַכט פאַר אַן עם־סגולה, אַז איר זאָלט זיין אַ ליכט פאַר די פעלקער פון דער וועלט, אַז פון אייך זאָל קומען די ישועה און די גאולה.

ער האָט שוין ניט געענדיקט רעדן. זיי האָבן אים צעטראָטן מיט די פיס, אַפילו אים ניט אָפּגעשאַרט פון וועג. נאָר זענען געגאַנגען איבער זיין ביינערדיקן, צעקנאָטענעם קערפּער.

און זיי זענען געקומען פאַר אַהרנען. און ער איז שוין געשטאַנען ביים מזבח, וואָס האָט געשיינט מיט זיין גאָלדענעם באַשלאָג אין דער העלער זון.

און זיי האָבן געפרעסן און געזויפן, און זיי האָבן זיך לוסטיק געמאַכט, און זייער געלעכטער און פרייד און געשריי איז אויפגעגאַנגען אין הימל אַריין....

נאָר פון הימל האָט זיך דערהערט אַ דין קול, אַ קול פון אַ פרוי, וואָס האָט אָנגעפילט דעם חלל מיט טרויער און געוויין. עס איז געווען דאָס קול פון דער מוטער רחל, וואָס עס האָט זיך געהערט פון דער הייך, וויינענדיק איבער אירע קינדער.

וואָרעם דער טאָג איז געווען אַ טאָג פון שטן, און אַלע גזירות און פורעניות און צרות, וואָס עס איז פאַרגעשטאַנען די בני־ישראל אויסצושטיין דורך די לאַנגע יאָרן פון דער צוקונפט, זענען אונטערגעשריבן געוואָרן און געחתמעט געוואָרן יענעם טאָג.

# 8

נאָך פערציק טעג און פערציק נעכט איז משה אַרונטערגעקומען פון באַרג. צופוסנס פון באַרג האָט ער געטראָפן זיין באַדינער יהושען, וואָס האָט געוואַרט אויף אים.

און עס איז געווען, ווען יהושע האָט געזען משהן אַרויסקומען פון וואָלקן, וואָס האָט איינגעוויקלט דעם באַרג ביז צו זיין נידער, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן משהן אין פּנים אַריין. יהושע האָט זיין רבין און פירער ניט דערקענט. משה איז איינגאַנצן באַוואַקסן געווען מיט לאַנגע, ווייסע האָר, ווייסע ברעמען און אַ ווייסער, צעשפּרייטער באָרד, און פון דעם ווייסן וואַלד האָט אַרויסגעשיינט אַ מעכטיק פּנים, ליכטיק, אויפגעהעלט ווי אַ זון. זיין ריזן־קערפּער איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסן מאַנטל, וואָס האָט גע־

לויכטן איבער אים ווי זילבער אין דער זון. אין די הענט, הויך אויפגעהויבן האָט ער געהאַלטן די מיסטישע שטיין־לוחות מיט פייערדיקע אותיות, וואָס האָבן געפלאַקערט אויף זיי מיט דער שריפט פון די עשרת־הדברות.

ער האָט געשוויגן איבער דעם וועג, אַריינגעטון אין זיינע געדאַנקען, פרעמד צו אַלץ אַרום אים. ער איז איינגעהילט אין אַ מיסטישן וואָלקן, ווי ער וואָלט זיך נאָך געפונען אין יענער פאַרבאָרגענער וועלט, אין דער פמליא של־מעלה, וואו ער האָט זיך געראַנגלט מיט מלאכים און טייוואָלים פאַר גאָטס לערע. זיין געשטאַלט איז אָבער געווען באַהויכט ניט מיט פריידיקער דערהייבנקייט, ווי יהושע האָט דערוואַרט, נאָר מיט באַצערטער עצבות. זיין פּנים, ווי עס האָט געלויכטן און אַרויסגעשיינט פון זיינע ווייסע האָר, איז געווען טרויעריק און פאַרשטומט, — אַ שוואַרצער, שווערער וואָלקן, וואָס האָט זיך פאַרצויגן איבער דער זון.

יהושע האָט געפילט, אַז משה מוז וויסן עפּעס פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער מחנה, עפּעס, וואָס איז ניט גוט, און דערפאַר איז ער עס אַזוי באַזאָרגט. ער האָט מורא געהאַט צו שטעלן משהן פראַגעס. ער האָט אפילו מורא געהאַט אַרויפצוקוקן צו אים. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ער גייט מיט אַ מענטשן, וואָס איז פערציק טעג און פערציק נעכט געווען אין די הימלען מיט גאָט און זיין פמליא של־מעלה, און ער האַלט איצט אין די הענט די שטיין־לוחות, פון וועלכע עס שיינט אַרונטער די שריפט, וואָס גאָט אַליין האָט אויסגעקריצט מיט זיינע אייגענע הענט. און דער מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלאך פון גאָט אין יהושעס אויגן, און יהושע האָט מורא געקראָגן פאַר אים.

משה איז געווען שטיל און טרויעריק. ער האָט געהאַלטן פאַר זיך, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט.

„גיי אַרונטער, דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים, איז פאַרדאָרבן געוואָרן״.

גאָט האָט אים אָנגעבאָטן אויפצושטעלן אַ ניי פאָלק פון אים אַליין, פון משהן: „איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק״.

און שוין אין די הימלען האָט ער געבעטן צו גאָט: ניין, ער וויל ניט זיין דער פאָטער פון אַן אַנדער פאָלק; ער וויל דאָס פאָלק, די קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב, וואָס גאָט האָט אַרויסגענומען פון מצרים מיט אַ מעכטיקער האַנט. „און פאַרוואָס זאָלן זאָגן די מצרים, אַז צום בייזן האָסטו זיי אַרויסגענומען, כּדי זיי צו הרגענען אין די בערג? ניט פאַר זיי, ניט פאַר מיר, נאָר פאַר דיר, פאַר דיין נאָמען, פאַר דיין כּבוד און פאַר דיין שבועה, וואָס דו האָסט געשוואוירן דיינע קנעכט, אַברהם, יצחק און יעקב״.

ער האָט געלאָשן דאָס ערשטע פייער פון גאָטס צאָרן נאָך אין די הימלען. ניין, גאָט האָט זיך באַדענקט. ער וועט זיי ניט אויסראָטן. ער וועט ניט ברענגען דאָס בייז, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו ברענגען אויף זיין פאָלק ביים ערשטן אויסבראָך פון זיין גרימצאָרן.

משה האָט אָבער ניט געוואוסט, וואָס גאָט רעכנט צו טון מיט זיי, צי וועט ער זיי ברענגען אין לאַנד אַריין, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט, אָדער ניט.

און משה איז באַזאָרגט געווען און טרויעריק. ער האָט אָבער באַהאַלטן די זאַך פאַר זיך און האָט דאָס מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט פאַר יהושען.

גייען זיי ביידע און שווייגן.

ווען זיי זענען אַרונטערגעקומען פון באַרג און דערגרייכט דעם שטיינערנעם פּלאַטאָ, האָבן זיי שוין דערהערט די געשרייען און די ליאַרעמס, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן צוריק אין אַן עכאָ פון טאָל, וואו די מחנה פון ישראל האָט גערוט.

יהושע, פול מיט שפּאַנונג איבער דער אַנקומענדיקער סכנה, האָט אויסגערופן:

— אַ קול פון מלחמה הערט זיך פון דער מחנה!

— ניין, איך הער ניט קיין קול פון גבורה, אויך ניט קיין קול פון שוואַכקייט; אַ קול פון געזאַנג הער איך, — זאָגט משה אין צער.

און משה גייט. אין די הענט, צוגעדריקט צו דער ברוסט, האַלט ער אַלץ די שטיין־לוחות, און זיי פינקלען אַלץ, די ווערטער פון די עשרת־הדברות, אויסגעקריצט אויף ביידע זייטן מיט אַ פייערדיקן קריצער פון גאָטס האַנט.

ער דריקט צו די לוחות צו זיין האַרץ, ווי ער וואָלט אין זיי געוואָלט געפינען שוץ און ראַט אין דער שעה פון נויט, און שווייגט מיט אַ שווייגן, וואָס זאָגט קיין גוטס ניט צו.

באַלד זענען זיי אָנגעקומען צום ראַנד פון דעם פעלדזיקן פּלאַטאָ, וואו עס הויבט זיך אָן דער שאַרפער אָפּריס אין טאָל אַרונטער, אין דעם טאָל, וואו עס לאַגערן די בני־ישראל. משה האָט זיי דערזען. אין די פאַרביקע, לויז פאַרוואָרפענע קליידער, טאַנצן זיי אַ משונה־ווילדן טאַנץ אַרום אַ גאָלדענעם קאַלב, וועלכער פּלאַקערט אין דער זון איבער אַ הויכן מזבח. ער האָט געהערט די אויסגעשרייען, דאָס ווילדע געזאַנג, ליאַרעמען און קוויטשען. ער איז געבליבן שטיין ביים ראַנד פון דעם פּלאַטאָ. ער האָט צוגעלייגט דאָס פּנים צו דער שריפט פון די לוחות און איז געבליבן שטיין אַזוי, פאַרשטיינערט ווי אַ זייל, אַ לענגערע ווייל. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, ווי אַ בליץ וואָלט געווען אַדורכגעגאַנגען דורך אים. ער האָט אויפגעהויבן די לוחות הויך איבערן קאָפּ און מיט אַלע זיינע כּוחות זיי געגעבן אַ שליידער אַרויף צום הימל, ווי ער וואָלט זאָגן: „גייט צוריק פון וואַנען איר זענט געקומען!“

די לוחות האָבן זיך צעבראָכן, פאַלנדיק מיט אַ קראַך אויפן פעלדזן־שטיין, און די שברי־לוחות האָבן גענומען זיך קוילערן פון דעם פּלאַטאָ איבער די משופּעדיקע טעראַסן־טרעפּ אין טאָל אַרונטער. דער עכאָ פון דעם קראַך האָט מיט גרויס רעש אָפּגעשלאָגן פון טאָל אַרויפצו און געוואַנדערט, ווי אַ דונער, איבער די באַרג־שפּיצן אין די מרחקים אַריין. עס איז געווען ווי די אותיות פון די לוחות וואָלטן אויסגעשריגן זייער ווייטערדיקן געשריי, פליענדיק צוריק אין די הימלען אַריין.

מיט מעכטיקע טריט האָט משה זיך געלאָזט אין טאָל אַרונטער, שפּרינגענדיק ווי אַ יינגל פון פעלדז צו פעלדז אין דעם אימפּעט פון זיין גרימצאָרן. יהושע, לויפנדיק הינטער אים, איז געבליבן ווייט הינטערשטעליק.

ווי אַ פלאַקער־פייער האָט ער זיך אַריינגעריסן אין דער מחנה אַריין, דורכשפּאַרנדיק זיך אַ וועג מיט זיינע מעכטיקע אָרעמס צווישן דעם צעיושעטן,

ווילד־געוואָרענעם המון. מען האָט אים באַלד דערקענט, און אַ פּאַניקע האָט זיי אַלעמען אַרומגעכאַפּט. קעפּ האָבן זיך געבויגן, זענען געזונקען צו דער ערד, דער טאַנץ איז אינמיטן אָפּגעהאַקט געוואָרן, דאָס ווילדע שרייען פאַרשטיקט אין האַלדז.

משה, אין זיין ווייסן מאַנטל, האָט ווי אַ שטיק פייער זיך דורכגעברענט אַ וועג אין דעם געדראַנג פון דער מאַסע, ביז ער איז אָנגעקומען צום עגל.

מיט זיינע אייגענע הענט האָט ער אָנגענומען דעם אָפּגאָט, געגעבן אים אַ צי אַרונטער פון מזבח איבער די קעפּ פון זיינע אָכפּערער, צעטראָטן אים מיט די פיס און די ברוכשטיקער געוואָרפן אין דעם פייער, וואָס האָט געברענט אויף דעם מזבח. דער הילצערנער טייל פון עגל ווערט פאַרצערט אין פלאַם, דאָס גאָלד צעשמעלצט זיך. משה הייסט נעמען דאָס צעפלאָסענע גאָלד, עס אויסמישן מיטן קויל און אַש פון אויסגעברענטן האָלץ, צעמורשן עס צווישן מילשטיינער און דעם שטויב דערפון צעזייען איבער דעם וואַסער, וואָס שטראָמט פון באַרג אַרונטער.

— טרייב זיי צום וואַסער און טרינק זיי אָן מיט דעם, ווי אַ זונה, — באַפעלט ער יהושען.

דאָס פאָלק האָט מורא צו טרינקען דאָס וואַסער, זיי שרעקן זיך, אַז די בייכער וועלן ביי זיי געשוואָלן ווערן. דאָס וואַסער איז פאַרסמט. משה האָט עס פאַרסמט מיטן אַש און שטויב פון עגל. זיי ווילן אַנטלויפן צו זייערע געצעלטן. יהושע און זיינע לייט רינגלען־אַרום די אָכפּערער פון עגל אין דער מחנה פון ישראל, טרייבן זיי צום וואַסער און נייטן זיי צו טרינקען.

משה זעט זיין ברודער אַהרן שטיין ביים מזבח פון עגל. ער וואָלט אים אויך באַדאַרפט צווינגען צו טרינקען דאָס פאַרסמטע וואַסער פון עגל, ער האַלט זיך אָבער צוריק. ער קומט־צו נעענטער און פרעגט אים צאָרנדיק:

— וואָס האָט דיר דאָס פאָלק געטון, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף אים די גרויסע זינד?

אַהרן, בלייך פון שרעק און טרייסלענדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער ווי אין קדחת, בייגט דעם קאָפּ פאַר בושה און הויבט־אָן שטאַמלען:

— זאָל ניט גרימען דער צאָרן פון מיין האַר. דו קענסט דאָס פאָלק, אַז עס איז שלעכט. זיי זענען געקומען צו מיר און געזאָגט: „מאַך אונדז אַ גאָט, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, וואָרעם דער דאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אויפגעבראַכט פון לאַנד מצריים, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן". האָב איך זיי געזאָגט: „ווער עס האָט גאָלד, זאָל עס אַראָפּנעמען פון זיך". און זיי האָבן עס מיר געגעבן, און איך האָב עס אַריינגעוואָרפן אין פייער, און עס איז אַרויסגעקומען דאָס דאָזיקע קאַלב.

איבער משהס ליפּן האָט דורכגעצויגן אַ ביטערער שמייכל, גלייך ער וואָלט טועם געווען פון ביטערע קרייטעכצער; ער האָט געשמייכלט איבער זיין ברו־דערס יינגלשן תירוץ. ער האָט אָנגעקוקט אַהרנען מיט פאַראַכטונג און אויסגערופן:

— וואו איז חור?

— חור איז טויט. זיי האָבן אים צעטראָטן ווי אַ וואָרעם, ווען ער האָט געפּרואווט זיי צוריקהאַלטן פון דער עבודה־זרה.

משהס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, זיין אָטעם איז שווער געוואָרן, די אויגן פאַרנעפּלט.

— וואו זענען די זקנים, די זקני־ישראל? — האָט ער געברומט ווי אַ לייב.

עס האָט געדויערט אַ ווייל, ביז וואַנען מען האָט פאַר אים געבראַכט איינעם און אַ צווייטן פון די זקני־ישראל, וואָס יהושעס מענטשן האָבן אַרויסגעשלעפּט פון זייער אויסבאַהאַלט.

— פאַרוואָס האָט איר געלאָזט ברענגען די גרויסע זינד אויפן פאָלק? פאַרוואָס האָט איר זיי ניט צוריקגעהאַלטן?

— מיר האָבן מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן מיט אונדז ניט טון דאָס אייגענע, וואָס זיי האָבן געטון מיט חורן, — האָבן די זקנים געענטפערט אין ציטערניש און גרויס שרעק.

משה האָט געקוקט אויף זיי מיט ווידערווילן.

— איר האָט מורא געהאַט? אָ, עס איז מיין שולד, מיין שולד! זע, יהוה, אין וועמענס הענט איך האָב איבערגעגעבן די בני־ישראל! — האָט ער געזאָגט אין צער. — יאָגט זיי אין פאָלק אַריין! זיי זענען אַזוי זינדיק ווי דאָס פאָלק! — האָט ער געברומט אין זיין צאָרן.

משה האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי און זיך אַרומגעקוקט אויפן פאָלק, וואָס איז געלעגן אויסגעלייגט אויפן פּלאַטאָ. פּלוצלינג איז זיין בליק געפאַלן אויף די געשניצן פון עגל, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון די העלדזער אָדער פאַר־שטעקט געווען צווישן די טאַרבעדיקע בריסט ביי די האַלב־נאַקעטע ווייבער. פיל פון די ווייבער, מיט רויט־געפאַרבטע פּנימער, אויפן שטייגער פון מצרישע ווייבער, און אויך מענער, האָבן בשעתן ווילדן טאַנץ פאַרן עגל געהאַט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך זייערע בענדער און טיכער און זענען געלעגן איצט, אויסגעצויגן אויפן שטיינערנעם פּלאַטאָ, נאַקעטע, מיט אַנטבלייזטע שאַנדגלידער.

עס איז ניט מער דאָס פאָלק, וואָס צוליב אים איז יהוה אַליין אַרונטערגעקומען פון זיינע הימלען מיט בליצן און דונערן צו לאָזן זיי הערן זיין קול. עס איז ניט דאָס פאָלק, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אים אַ בונד אין גאָטס נאָמען. ניין, ניט די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב זענען זיי, נאָר אַ צווילדעטע שקלאַפן־האַרדע, וועלכע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדער יאָך און געבראָכן אַלע צאַמען. פיל פון זיי האָבן נאָך געדריקט צום לייב דעם עגל, געקושט אים, צוגעטראָגן אים צו די אויגן, ווי זיי וואָלטן מתפּלל געווען צו אים, ער זאָל זיי אָפּראַטעווען פון משהס שטראָפנדיקער האַנט, זיי שיצן פון זיין גרימיקן גאָט.

דאָס האָט זיי אהרן אַזוי צעווילדעוועט, — האָט זיך משה געטראַכט, — דאָס האָבן די זקנים, אין וועמענס הענט איך האָב זיי איבערגעגעבן, געמאַכט זיי צו שאַנד ביי זייערע פיינט. ביז איצט האָט דער צער און דער פּיין געשטילט זיין כּעס און געהאַלטן אים אין צוים. איצט אָבער האָט דאָס געפיל פון בייזן צאָרן מיטאַמאָל זיך צעפלאַמט אין אים, דאָס בילד, וואָס האָט זיך אויפגעדעקט פאַר אים, האָט אים אויפגערייצט ווי עס ווערט אויפגערייצט אַ לייב ביים אָנבליק

פון בלוט, און ווי אַ לייב, איז ער אויפגעשפרונגען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים איינגאַנג אין לאַגער און אַרויסגעבראָמט:

— ווער עס איז פאַר יהוהן, צו מיר!

עס זענען געקומען צוזאַמענצולויפן אַלע זין פון שבט לוי און האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום משהן.

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישׂראל: טוט־אָן איטלעכער זיין שווערד אויף זיין דיך, גייט אַדורך דעם לאַגער פון טויער צו טויער, גייט אַדורך אַהין און צוריק, זוכט־אויס די שולדיקע, און הרגעט איטלעכער זיין ברודער, און איטלעכער זיין חבר, און איטלעכער זיין קרוב.

די בני־לוי האָבן נאָר געוואַרט דערויף. זיי האָבן געקענט דאָס פאָלק, זיי האָבן געקענט די אָנפירער, די שולדיקע, די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אומווערדיקייט פון אָפּגאָט, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער מחנה אַריין, געשלעפּט מענער און ווייבער, יונגע און אַלטע, פון זייערע געצעלטן, זיי אויסגעזוכט אין זייערע באַהעלטענישן. און עס האָבן זיך שוין באַלד געוואַל־גערט צעשאָכטענע קערפּערס אויפן פּלאַטאָ, וואָס זענען אָפּגעגאַנגען אין זייער בלוט. דאָס גאַנצע אָרט איז פול געוווען מיט קרעכצן און געשרייען פון פאַר־וואונדטע, מיט כאָרכל־קולות פון גוססדיקע, און פאַר איטלעכן געצעלט איז שוין געוווען אַ מת, אָדער אַ הרוג, וואָס האָלט ביים שטאַרבן.

און משה האָט געזאָגט צו די בני־לוי:

— איר האָט אייערע הענט געשאָנקען גאָט היינט, וואָס איר האָט ניט געשוינט אייערע אייגענע זין און ברידער. דורך אייך זאָל קומען אַ ברכה היינט.

— און משה האָט זיי פאַרלאָזט און איז אָפּגעגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין, נאָכצוקלערן, וואָס ער האָט ווייטער צו טון.

שפּעטער, ווען ער איז אַריינגעקומען אין זיין געצעלט אַריין, האָט ער דאָרט געטראָפן זיין שוועסטער מרים, וואָס איר אייניקל בצלאל האָט זי געבראַכט צו אים. איר ווייסער קאָפּ האָר, ווי איר גאַנצער איינגעשרומפּענער גוף, איז געווען פאַרהילט אין אַ טונקעלן אלמנה־שלייער. זי האָט זיך געבויגן פאַר משהן.

משה איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אַרומגענומען, געהאַלדזט און געזאָגט צו איר:

— שוועסטער מרים, דיין ברודער אַהרן האָט געהרגעט חורן. דיין מאַנס בלוט איז אויף זיינע הענט.

— בן־עמרם, איך בין דיך געקומען בעטן פאַר מיין ברודער אַהרן.

— איך ווייס נאָך ניט, וואָס איך זאָל טון מיט אים. איך וועל אָנפרעגן ביי גאָט.

— דיין ברודער אַהרן ווייסט יאָ, וואָס דו באַדאַרפסט טון מיט אים. דיין ברודער איז געקומען צו דער טיר פון דיין געצעלט, אָנגעטון אין צעריסענע קליידער, מיט אַש אויפן קאָפּ און מיט אַ שטריק אויפן האַלדז, אַז דו זאָלסט טון מיט אים, וואָס דו האָסט געהייסן די אַנדערע טון מיט זייערע אייגענע ברידער און זין. שטיי־אויף, בן־עמרם, און טייט דיין אייגענעם ברודער, ווי די אַנדערע האָבן געטון.

משהס פנים איז בליך געוואָרן. מרים האָט געזאָגט אין דער הייך, וואָס ער האָט אַליין געטראַכט. ער האָט טאַקע געטראַכט צו טון מיט אַהרנען דאָס אייגענע, וואָס ער האָט אַנדערע געהייסן טון מיט די אַכפּערער פון עגל. ווען ער האָט דאָס אָבער איצט געהערט פון זיין שוועסטער, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיינע מחשבות. אין איין מינוט איז צוריק געקומען צו אים זיין ברודערס געשטאַלט, ווי ער שטייט מיט אים פאַר פרעהן און טוט די וואונדער פון גאָט מיטן שטעקן, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, — זיין ברודער אַהרן, דער שותּף אין דער שליחות פון גאָט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע מחשבות און געזאָגט צו זיין שוועסטער:

— וואו איז ער, אַהרן?

— ער שטייט הינטער דיין טיר, ער וואַרט אויף דיין משפּט.

— גיי רוף אים אַריין, בצלאל, — האָט משה באַפוילן.

ווען אַהרן איז געקומען פאַר משהן, האָט ער זיך געוואָרפן מיטן פּנים פאַר משהס פיס, האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים און אויסגערופן:

— מיין האַר און געביטער, טו מיט דיין קנעכט, וואָס עס איז וואוילגעפעלן אין גאָטס אויגן, וואָרעם דיין קנעכט האָט זיך שווער פאַרשולדיקט קעגן זיין גאָט און זיין פאָלק.

און אַהרן האָט געהאַלטן דאָס פּנים האַרט ביי דער ערד.

משה האָט געקוקט אויף זיין ברודער, האָט געזען דאָס צעריסענע קלייד אויף אים, דעם אַש אויפן קאָפּ און די שטריק פון אַ פאַרמשפּטן אויפן האַלדז, און דאָס האַרץ איז צעגאַנגען אין אים פון רחמנות. כּהרף־עין איז אַדורכ־געגאַנגען אין זיין מוח דער געדאַנק: ווי ער וועט האַנדלען קעגן אַהרנען, אַזוי וועט גאָט האַנדלען קעגן זיין פאָלק. ווי אַזוי קאָן ער בעטן ביי יהוהן רחמנות און פאַרגעבונג פאַר ישראל, אויב ער וועט ניט האָבן רחמנות אויף זיין אייגענעם ברודער און אים ניט פאַרגעבן? וואָס אָבער איז מיט די אַנדערע ברידער, וואָס ער האָט געלאָזט אומברענגען? און די פראַגע האָט געברענט אין אים ווי אַן אָנגעגליטע שפּיז. ער וועט ברענגען די זאַך פאַר גאָט. ווי גאָט וועט אים הייסן, אַזוי וועט ער טון. דערוויילן זעט ער ווי זיין אייגענער ברודער ליגט צו זיינע פיס אין קליידער פון אַ בן־מוות. און דאָס איז אַהרן. און מיטאַמאָל האָט ער דערזען אין דמיון אַ פאַנטאַסטישע וויזיע: אַהרן אין די קליידער פון כּהן־גדול, ווי גאָט האָט אים געהאָט געוויזן אַהרנס געשטאַלט אין הימל. און ער איז צוגעגאַנגען צו זיין ברודער, האָט אים אויפגעהויבן פון דער ערד און געזאָגט:

— עס פּאַסט ניט פאַר דעם, וואָס איז געווען אָנגעברייט צו טון די עבודה פאַר דעם העכסטן, צו טראָגן דאָס קלייד פון אַ בן־מוות. — און ער האָט געגומען זיין ברודער, האָט אים אָוועקגעזעצט לעבן זיך און געווענדט זיך צו אים מיט ביטערן צער, אָבער שוין אָן כּעס:

— אַהרן, אַהרן, נאָך וואָס האָסטו אַזוינס געטון? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט דיר דאָס פאָלק געטון, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף אים אַזאַ גרויסע זינד?

— איך האָב עס געטון פאַר יהוהן, און פאַר דיר, — האָט אַהרן געענטפערט.

— פאַר יהוהן אויפגעשטעלט אַ מזבח פאַרן עגל? — פרעגט משה מיט כּעס.

— יאָ, — האָט שוין אַהרן אָנגעהויבן מוטיקער, מיט מער צוטרוי, — יאָ, פֿאַר יהוהן און פֿאַר דיר, כּדי יהוה זאָל זען, ווי הונגעריק און ווי דאַרשטיק דאָס פֿאָלק איז נאָך אים. דאָס פֿאָלק וויל, אַז יהוה זאָל רועך צווישן אים, זיין מיט אים, אַז עס זאָל זען זיין גאָט, הערן אים און וויסן, אַז זיין גאָט גייט אים פֿאָראויס. דאָס פֿאָלק לעבט אין אייביקער מורא. האָסט אַרויסגענומען שקלאַפֿן פֿון מצריים און זיי אַריינגעבראַכט אין אַ שטיינערדיקן מדבר. פֿון אויבן ברענט די זון, אונטער זייערע פֿיס איז דער באָדן פֿון קופּער; מיט זייער ברויט זענען זיי אָנגעוויזן אויפֿן הימל, מיט זייער וואַסער אויף דעם פֿעלדזן־שטיין. אַרומ־געריננגלט מיט שונאים, וואָס לאָקערן זיי צו פֿאַרטיליקן, זענען די בני־ישראל אין שטענדיקער אימה. זיי זענען אין אימה, טאָמער וועלן זיי זיך פֿאַרזינדיקן, און דער הימל וועט אויפֿהערן רעגענען מיט ברויט, די פֿעלדזן וועלן פֿאַרשליסן זייערע וואַסער־קוואַלן, די שונאים וועלן זיי אָנגרייפֿן. זיי מוזן דערפֿאַר וויסן, זען און הערן, אַז גאָט איז צווישן זיי, אַז ער פֿירט זיי מיט זיין אייגענער האַנט, ניט דורך בלויזע וואונדער, דורך קולות־וברקים פֿון באַרג אַרונטער. און ווען דו, ברודער משה, האָסט זיך פֿאַרשלאָסן מיט דיין גאָט אין וואָלקן פֿון באַרג און האָסט אַזוי לאַנג געזאַמט זיך דאָרט, איז דאָס פֿאָלק אומרואיק געוואָרן, פֿאַרלוירן, אָנמעכטיק. זיי זענען געקומען צו מיר און געפֿאָדערט פֿון מיר, איך זאָל זיי באַשאַפֿן אַ גאָט. ווען איך וואָלט עס ניט געטון, וואָלטן זיי מיך געוועזן געהרגעט, ווי זיי האָבן געהרגעט חורן. און זיי וואָלטן זיך געווענדט צו קורחן. קורח וואָלט געטון זייער ווילן. און ווען ער וואָלט געקראָגן די מאַכט איבערן פֿאָלק, וואָלט דיר אָנגעקומען אַ סך שווערער צו געווינען זיי צוריק פֿאַר יהוהן. וואָרעם קורח וואָלט זיי געמאַכט דעם עגל ניט אַזוי ווי איך, וואָס איך האָב אויסגערופֿן אַ יום־טוב פֿאַר יהוהן; ער וואָלט זיי געמאַכט דעם עגל פֿון זיין אייגענער טובה וועגן, צו באַקומען דורך דעם די מאַכט איבערן פֿאָלק.

משה האָט אויסגעהערט אַהרנס רייד און נאָכגעקלערט איבער דעם, וואָס זיין ברודער האָט געזאָגט. געוויס האָט ער געקענט קורחס אַמביציע, זיין חשק צו דער כּהונה, וועלכע וואָלט אים געמאַכט פֿאַר אַ הערשער איבערן פֿאָלק. געוויס איז ער געווען צופֿרידן, וואָס כאָטש די בני־לוי האָבן זיך ניט פֿאַרזינדיקט מיט דינען דעם עגל און האָבן געענטפֿערט אויף זיין רוף, זענען געקומען אים צוהילף און האָבן אייפֿערדיק אויסגעפֿאָלגט זיין באַפֿעל. עס איז ניט געווען גוט צו זיין געזעגענען צו פֿאַרשניידן דריי טויזנט נפֿשות פֿון דער מחנה, כאָטש ער האָט די גערופֿענע בני־לוי גערימט פֿאַר דעם; נאָך ווייניקער ניחא איז אים געווען, וואָס ער האָט גאָר געמוזט אָנקומען צו זייער הילף אין זיין פֿירערשאַפֿט, ווער רעדט נאָך פֿון איבערטראָגן די דינאַסטיע פֿון דער כּהונה אויף קורחן. אָבער נאָך אַהרנס אויפֿטו מיטן עגל בלייבט אים קיים איבער אַן אַנדער ברירה.

ער האָט ניט געגעבן אַהרנען צו מערקן זיינע געפֿילן.

— דו זאָגסט, אַז די בני־ישראל האָבן קיינעם ניט געהאַט, וואָס זאָל זיי פֿירן, ווען איך בין געגאַנגען צו גאָט אויפֿן באַרג. האָב איך זיי ניט איבערגעלאָזט די חוקים־ומשפּטים, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן אויפֿן באַרג סיני? און האָבן זיי ניט געענטפֿערט אַלע אין איין קול: „נעשה ונשמע“?

— בן־עמרם, וויפל מאָל האָב איך דיך געוואָרנט, אַז אַ פאָלק קאָן ניט לעבן מיט חוקים־ומשפטים אַליין. אַ פאָלק מוז האָבן מער. עס מוז פילן און פאַרשטיין, אַז גאָט איז מיט אים, ביי אים, אין אים. און קאָן ער זיך ניט באַהעפטן מיט גאָט דורך קומען פנים־אל־פנים מיט אים, ווייל קיינער קאָן ניט זען גאָט און בלייבן לעבן, וויל ער דאָס דערגרייכן דורך אַן עבודה פאַר אים. ער קומט צו גאָט און באַהעפט זיך מיט אים דורך דעם קרבן, וואָס ער ברענגט צו אים. און ניט אויף יעטוועדער אָרט זאָל זיין קרבן ווערן אָנגענומען, נאָר אויף אַ באַזונדער אָרט, באַשטימט פאַר דעם, וואָס ער ווייסט, אַז דאָרט געפינט זיך זיין גאָט. דערפאַר באַדאַרף דאָס פאָלק האָבן אַ משכן, וואָס עס זאָל וויסן, אַז גאָט רוט דאָרט; אַ מזבח, וואָס נאָר אויף אים זאָל מען קאָנען ברענגען קרבנות, און אַ כהן, וואָס באַטרעט זיין אָמט פון גאָט און נאָר ער אַליין איז אויסגעוויילט און געהייליקט צו דערפילן דאָס הייליקע שליחות. דאָס פאָלק איז רייך, דאָס פאָלק האָט גאָלד. דאָס פאָלק וויל בויען אַ היים פאַר זיין גאָט, אַז גאָט זאָל שטענדיק זיין אין זיין מיט. מיר האָבן דאָ ביי אונדז אונדזער קרוב, בצלאל, וואָס איז באַשאָנקען מיטן גייסט פון גאָט. ער האָט געלערנט ביי די מצרים אַלערליי מלאכות. ער איז געניט, מיט פאַרשטאַנדיקייט און קענטשאַפט, אויסצואַרבעטן קונציקע זאַכן, צו אַרבעטן אין גאָלד, אין זילבער, אין קופּער; און אין שניידונג פון שטיינער, אין שניצונג פון האָלץ, אין יעטוועדער מלאכה. באַפעל דעם פאָלק, און זאָלן זיי פאַר אַן אויסקויף פון זייער זינד פון עגל אָפּגעבן יהוהן זייער גאָלד און זילבער, זייערע ווּעבערייען און שטיקערייען, זייער צירונג און איידלשטיינער, אַלץ, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן אין מצריים. און שטעל־אויף אַ משכן פאַר יהוהן, וואָס זאָל זיין פיל, פיל שענער, פּרעכטיקער, רייכער און חשיבותדיקער פון יעטוועדער משכן אָדער היכל פון די מצרים. זאָל דער משכן זיין אין פאָלק, מיטגיין מיטן פאָלק. און עס וועט זיין, ווען די בני־ישראל וועלן זען דעם משכן צווישן זיך, וועלן זיי וויסן, אַז גאָט איז מיט זיי, און זיי וועלן מורא האָבן צו זינדיקן קעגן אים, און זיי וועלן זיך פרייען מיט זיין זיין אויפן אָרט און וועלן האָבן נחת־רוח פון זיין פּראַכט און הערלעכקייט.

משה האָט אויסגעהער"ט און געשוויגן, לאַנג געשוויגן, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַהרן, אַהרן, האָסט געבראַכט אויפן פאָלק אַ גרויסע זינד, האָסט עס פאַראומרייניקט אין די אויגן פון יהוהן. יהוה מוז דאָס פאָלק צוערשט ריין מאַכן פון זיין טומאה, פריימאַכן פון זיין זינד, און אַזוי אויך דיך. איך ווייס ניט, וואָס גאָט האָט בכוונה צו טון מיט זיין פאָלק, אָדער מיט דיר, און איך אַליין קאָן קיין זאַך ניט טון, און איך קאָן קיין וואָרט ניט זאָגן רעכטס אָדער לינקס, גוט אָדער שלעכט, ביז וואַנען גאָט וועט מיר ניט אָנווייזן זיין ווילן. גיי אַהיים און וואַש דיר דאָס פנים, און עס ברויט. מאָרגן וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טון.

משה איז די נאַכט ניט געשלאָפן. ער איז געלעגן אויף זיין געלעגער, און יהושע, זיין באַדינער, איז געזעסן ביים איינגאַנג פון געצעלט. ער האָט מתפלל געווען אין זיין האַרץ און נאָכגעקלערט איבער די רייד, וואָס אַהרן האָט

גערעדט צו אים. ער, משה, האָט געוואָלט דאָס פאָלק אויסבילדן אויף גאַנץ אַנדערע יסודות, אַז קיין זאַך זאָל זיך ניט שטעלן צווישן זיי און זייער גאָט, נאָר דאָס ריינע האַרץ אַליין זאָל זיי פאַרבינדן. עס איז אים ניט געלונגען. ער זעט איצט איין, אַז אַהרן האָט רעכט. דאָס פאָלק איז צו־יונג און צו־ווייניק דערצויגן פאַר דער הויכער מדרגה צו פילן די פאַרבינדונג מיט גאָט דורך טון זיין ווילן. אפשר איז עס טאַקע רעכט, אַז דאָס פאָלק, וואָס איז געפאַלן דורך מאַכן אַן עגל, זאָל צוריק דערהויבן ווערן דורך אויפשטעלן אַ משכן פאַר גאָט, און אַז אַהרן, וואָס האָט זיי פאַראומרייניקט דורך זיין דינען דעם עגל, זאָל זיי ריין מאַכן דורך זיין עבודה פאַר יהוהן.

צומאַרגנס האָט משה צונויפגערופן דאָס פאָלק אין דער מחנה. ער האָט זיך געשטעלט צווישן זיי און האָט צו זיי געזאָגט:

— איר האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד. און אַצינד וועל איך אַרויפגיין צו גאָט, אפשר וועט עס מיר געלינגען מכפר צו זיין אויף אייערע זינד.

ער איז געגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין און האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער דעם פאָרהאַנג, וואָס איז געהאַנגען אויפן איינגאַנג פון געצעלט. און יהושע, זיין באַדינער, איז געשטאַנען ביים איינגאַנג אויף דער וואַך, ניט צוצולאָזן קיינעם צו משהן, אַז ער זאָל ניט געשטערט ווערן אין זיין תּפילה.

און משה האָט זיך געוואָרפן מיטן פּנים אויף דער ערד און האָט אויסגע־שטרעקט די הענט אין דער הייך און האָט גערופן:

— יהוה, יהוה, הער מיך!

ער האָט געוואָרט אַ ווייל אין גרויס אַנגסטלעכקייט און ניט גערעדט, ביז ער האָט ניט דערפילט, אַז יהוה איז איבער אים און הערט זיין שטים.

און משה האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין ניט קיין מאַן פון קיין רייד, ניט פון נעכטן און ניט פון אייער־נעכטן, און איך ווייס ניט ווי אַזוי צו בעטן צו דיר. איך בעט דיך, לערן מיך ווי אַזוי צו רעדן צו דיר און הער־צו מיין געוויין און מיין געשריי.

און ער האָט געזאָגט צו יהוהן:

— דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ גאָט פון גאָלד. און אַצינד, הער מיך צו. אויב דו וועסט פאַרגעבן זייער זינד, — און אויב ניט, מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין ספר, וואָס דו האָסט געשריבן.

און יהוה האָט אים געענטפערט:

— ווער עס האָט געזינדיקט צו מיר, אים וועל איך אויסמעקן פון מיין ספר. און אַצינד גיי פיר דאָס דאָזיקע פאָלק אַהין, וואו איך האָב דיר געזאָגט. זע, מיין מלאך וועט דיר גיין פאַראויס. אָבער אין דעם טאָג, וואָס איך וועל זיך רעכענען, וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט זיי פאַר זייער זינד.

דאָס פאָלק האָט געהערט דעם דאָזיקן שלעכטן אָנזאָג, און זיי האָבן גע־טרויערט, און קיינער האָט מער ניט אָנגעטון זיין צירונג אויף זיך.

און יהוה האָט זיך ווידער באַוויזן פאַר משהן און האָט אים געזאָגט:

— זאָג צו די קינדער פון ישראל: איר זענט אַ האַרטנעקיק פאָלק. איין

רגע, ווען איך וועל אויפגיין צווישן דיר, וועל איך דיך פאַרלענדן, און אַצינד נעם אַראָפּ דיין צירונג פון זיך, און איך וועל זיך באַטראַכטן, וואָס איך זאָל טון צו דיר.

און די בני־ישׂראל האָבן ניט געטראָגן מער קיין צירונג פון באַרג חורב אָן.

און משה האָט ניט געטון, וואָס גאָט האָט אים באַפוילן. ער האָט ניט גערירט די מחנה פון אָרט. ער האָט נאָר גענומען זיין געצעלט און אים אַריבערגעטראָגן מחוץ דעם לאַגער, ווייט פון לאַגער, ווייט פון זיינע אייגענע. ער האָט געוואָלט זיין מיט זיין גאָט אַליין. און ער האָט גערופן זיין געצעלט אוהל־מועד, דאָס געצעלט פון אַנטפּלעקונג, כּדי דאָס פאָלק זאָל וויסן, אַז דאָרט אַנטפּלעקט זיך יהוה צו אים. און אַהין איז געקומען צו אים איטלעכער, וואָס האָט געזוכט גאָט.

און עס איז געווען, ווען משה איז אַרויסגעגאַנגען צו דעם געצעלט פון אַנטפּלעקונג, איז דאָס גאַנצע פאָלק אַרויסגעקומען און געשטאַנען ביי דעם איינגאַנג פון געצעלט. זיי האָבן נאָכגעקוקט משהן מיט גרויס שרעק און גערעדט צווישן זיך:

— דאָס גייט משה באַגעגענען יהוהן.

און ווען משה איז אַריינגעגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין, האָט אַראָפּגעני־דערט אַ וואָלקן־זייל און איז שטיין געבליבן ביים איינגאַנג פון געצעלט, און עס האָט זיך געהערט פון דאָרט אַ שטים.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די זייל שטיין ביים איינגאַנג פון משהס געצעלט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געבוקט איטלעכער ביים איינגאַנג פון געצעלט.

און דאָס פאָלק האָט געזאָגט:

— ניט אַנדערש, נאָר יהוה רעדט צו משהן פּנים־אל־פּנים, ווי אַ מענטש רעדט צו זיין חבר.

משה אַליין פלעגט אַרויסקומען פון געצעלט און קומען אין דער מחנה, אָבער זיין באַדינער, יהושע בן־נון, דער יונגערמאַן, פלעגט ניט אָפּטרעטן פון געצעלט.

און דאָס פאָלק האָט געוואוסט, אַז משה רעדט מיט יהוה וועגן זיי, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיין גרימצאָרן. זיי זענען אָבער ביי דעם אויך זיכער געווען, אַז זיי זענען ניט פאַרלאָזט, ניט אַליין, אַז משה שטעלט זיך איין פאַר זיי.

און משה האָט אַלץ ניט גערירט די מחנה פון אָרט.

ער איז געשטאַנען אין זיין געצעלט און דער וואָלקן־זייל איז געשטאַנען ביים איינגאַנג. און ער האָט גערעדט צום וואָלקן־זייל, ווי אַ מענטש רעדט צו אַ מענטשן. ער האָט גערעדט און אַ שטים האָט אים געענטפערט פון וואָלקן אַרויס.

— דו האָסט מיר געהייסן אַוועקציען פון דאַנען און ברענגען דאָס פאָלק אין דעם לאַנד אַריין, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט זייערע אבות, דו האָסט מיר אָבער ניט געלאָזט וויסן, וועמען דו וועסט שיקן מיט מיר. דו האָסט מיר אנומעלט געזאָגט: „איך האָב דיך אויסדערוויילט צו דערקענען מיך מיט מיין נאָמען, און האָסט אויך געפונען חן אין מיינע אויגן". און אַצינד, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, לאָז מיך וויסן דיינע וועגן, אַז איך זאָל דיך

קענען. און זע, אויך דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס איך שטעל זיך איין פאַר אים, איז דאָך דיין פאָלק, — האָט משה געזאָגט צו גאָט, וואָס האָט זיך געפונען אין וואָלקן־זייל.

און גאָט האָט אים געענטפערט פון זייל אַרויס :

— מיין פּנים וועט מיטגיין מיט דיר און איך וועל זיין מיט דיר אין באַריר.

אָבער משה האָט זיך ניט באַנוגענען געלאָזט מיט דעם. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַנטקעגן יהוהן אַליין : ער רירט ניט די מחנה פון אָרט ! עס איז געווען ווי ער האָט געוואָלט פּרוּאוון יהוה, ווי ווייט עס גייט זיין כּוח און רשות.

— אויב דיין פּנים גייט ניט מיט אונדז, זאָלסטו אונדז ניט אויפברענגען פון דאַנען. מיט וואָס דען זאָל דערקענט ווערן, אַז איך האָב טאַקע געפונען חן אין דיינע אויגן, איך און דיין פאָלק, אויב ניט דורך דיין מיטגיין מיט אונדז, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז מיר זענען אויסגעצייכנט, איך און דיין פאָלק, פון אַלע פעלקער אויפן געזיכט פון דער ערד ? — האָט משה געטענהט צו יהוה.

און גאָט האָט אים נאָכגעגעבן. פון וואָלקן־זייל האָט זיך דערהערט די שטים פון יהוהן :

— אויך וועגן דער דאָזיקער זאַך, וואָס דו ווילסט, וועל איך טון. האָסט געפונען חן אין מיינע אויגן און איך האָב דיך דערקענט און דיך אויסגעצייכנט דורך מיין נאָמען.

אין דער מיסטעריעזער פאַרבינדונג מיט זיין גאָט האָט משהן אָנגענומען אַ הייסער באַגער צו זען די פּראַכט פון גאָט, פון דעם גאָט, וואָס ער האָט אַלץ געבויט און געשטעלט אויף אים. און משה האָט זיך געבעטן ביי אים :

— באַווייז מיר דיין פּראַכט, איך בעט דיך.

און יהוה האָט אים געענטפערט :

— איך וועל מאַכן פאַרבייגיין אַל מיין גוטסקייט פאַר דיין פּנים, און איך וועל אויסרופן פאַר דיר דעם נאָמען יהוה ; און איך וועל לייטזעליקן וועמען איך וועל לייטזעליקן, און וועל דערבאַרימען וועמען איך וועל דערבאַרימען. נאָר מיין פּנים קאָנסטו ניט זען, וואָרעם אַ מענטש קאָן מיך ניט זען און בלייבן לעבן. און אַצינד האַק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און איך וועל אויפשרייבן אויף די לוחות די ווערטער, וואָס זענען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צעבראָכן. און זיי אָנגעברייט אינדערפרי, און גיי אַרויף אינדערפרי אויפן באַרג סיני, און שטעל זיך דאָרט פאַר מיר אויפן שפּיץ באַרג. און קיין מענטש זאָל ניט אַרויפגיין מיט דיר, און קיין מענטש זאָל אויך ניט געזען ווערן אויפן גאַנצן באַרג.

# 9

דאָסמאָל האָט משה איבערגעלאָזט אין דער מחנה זיין באַדינער, דעם יונגן יהושען, און ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך, — די מחנה וועט זיך געפינען אין גוטע הענט.

ער האָט זיך געפעדערט גאַנץ פרי. די צוויי לוחות האָט ער נאָך נעכטן זיך געהאַט אויסגעהאַקט פון רויטן קיזלשטיין. האָט ער זיי גענומען מיט זיך און איז איינער אַליין אויפגעגאַנגען אויפן באַרג, אויפן באַרג סיני.

ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויפקלעטערן פון דעם פּלאַטאָ פון באַרג חורב אויף די שפּיציקע ווענט פון באַרג סיני, האָט ער די לאַנדשאַפט ניט דערקענט. צי האָט דען גאָט, אין סאַמע האַרץ פון די קופּערנע פעלדזן־בערג, משנה געווען זיין נאַטור און אויסגעלייגט זיין, משהס, שטיינערדיקן וועג מיט אַנגענעם־ווייכן מאָך? אויףביידע זייטן וועג האָבן געריזלט לעבעדיקע קליינע קוואַלן־טייכלעך, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די הערצער פון די בערג. די טייכלעך זענען אויסגעבעט אין ווייכן גרינס און אַלערליי געוויקסן, אַזעלכע, וואָס ער האָט יאָ געקענט, און אַזעלכע, וואָס ער האָט ניט געקענט. אומעטום זענען געווען צו זען אזוב־שטענגלעך. די ספּיראַלע קנאָספּן האָבן אויסגעשפּרייט אַ מאָזאַאיק פון בלעטלעך. עס זענען אויפגעגאַנגען וואוילגערוכן פון די קנאָספּן־שפּראָצן, פון דער בליאונג פון די אַלע מינים געוויקסן, וואָס עס איז צו זיי קיין שיעור ניט געווען.

ניט וואָס די פלאָרע איז דאָ געווען אַן אַנדערע ווי אין מדבר, נאָר עס איז געווען ווי די גאַנצע נאַטור פון אונדזער וועלט איז געווען אַן אַנדערע, פון אַן אַנדער סדר. עס האָבן זיך באַוויזן ביימער, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט ווי מעכטיקע הענט פון די נעפּל־אָנגעפּילטע שפּאַלטן אין די בערג, זייערע וואָרצלען באַדעקט מיט מאָך און זייער קאָרע מיט אַ קלעטער־שטענגל, וואָס טראָגט אויף זיך בשמים־דופטיקע קנאָספּן־בלעטלעך און שופּן. דער שטאַרקער אַראָמאַט פון זאַפראַן, דער פעפערדיק־האַרבער ריח פון נעגעלעך, דער פעטער געשמאַק פון יאַסמין, אויסאָטעמענדיק פון דער טיפעניש פון פאַרצווייגטן געבלי, האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם אָטעם־הויך פון מאַי־כוסעלעך און דעם בתולה־צאַרטן פערפום פון פיילכלעך, וואָס זענען געוואַקסן אין גרינס פאַזע די לוסטיק־רוישיקע, ריזלדיקע קוועלכלעך וואַסער.

וואָס העכער ער איז געקומען, אַלץ אויסטערלישער זענען געוואָרן די ריחות, וואָס דער ווינט האָט דערטראָגן צו אים דורך די וויסטעס אין די באַרג־הייכן. און ביימער האָבן זיך געהויבן, אַזעלכע, וואָס ער האָט געקענט, און אַזעלכע, וואָס ער האָט ניט געקענט, — דער קאַריק־באַצויגענער צעדערבוים, דער ערנסטער, טונקעלער, שטיין־האַרטער אַקאַציע־בוים, די הייס־אָטעמענדיקע פּאַלמע, צוזאַמען מיט דעם קילן נאָדל־בוים; דער קאַלטער, שטרענגער דעמב מיט דעם בלהדיק אויסגעפּוצטן, אין רויטן און ווייסן געצירטן אַלעאַנדער. זייערע קנאָכיקע וואָרצלען האָבן זיך צוזאַמענגעוועבט, ווי אָדערן, דורך די שטיין־מויערן פון די

בערג, זייערע צווייגן, באַבלעטערט מיט פֿאַרשיידנאַרטיק געקאַרבטע און פּינגערדיק־געטיילטע בלעטער, האָבן זיך באַהאָפּטן אין דער לופֿט; זייערע וואוילגערוכן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, ווי זיי וואָלטן אַלע געוועבט געוואָרן פֿון דיזעלבע כראָמאָזאָמען, און עס האָט אויסגעזען ווי די נאַטור וואָלט זיך אַ באַשטעלונג געגעבן דאָ אויף דעם באַרג סיני זיך צוזאַמענצוטרעפֿן מיט אַלע אירע מינים.

ווען משה האָט געשטיגן העכער, איז ער אַריינגעקומען אין אַ וועלדל, וואו דיביימער, הויך אַרויפֿגעשאָסן, האָבן פֿאַרשאָטנט פֿון אויבן דאָס אָרט מיט דער ברייטער אויסגעשפּרייטקייט פֿון זייערע צווייגן, פֿון וועלכע עס זענען אַראָפּגעהאַנגען שטענגלעך ווי הענגלען ווייִנטרויבן. עס זענען געווען אַקאַציע־ענלעכע ביימער. ער האָט זיך אָבער זייער געוואונדערט איבער דער ניט־געוויינטלעכער דיקקייט פֿון די שטאַמען. ניט אין מצריים און ניט אין די אַנדערע לענדער, וואו ער איז געווען, האָט ער ניט געזען אַזאַ דיקקייט פֿון אַקאַציע־ביימער. ניט קיין ביימער, נאָר גאַנצע בנינים זענען דאָרט געשטאַנען, איינער און איינער, אָפּגערוקט איינער פֿון אַנדערן אויף אַ געוויסן שטח. זייער קאָרע איז געווען געקאַרבט אין דינע און טיפֿע שפּאַלטן, זייערע בלעטער זענען געווען ווי לאָרבער־בלעטער און דאָס האָלץ־לייב האָט אויסגעזען קערנדיק און זאַפֿטיק. זיי האָבן געוואָרפֿן אַ געדיכטן שאָטן און אַ שלווהדיקע שטילקייט אַרום זיך. ער האָט זיך געוואונדערט, פֿון וואַנען עס קומט אויף דעם אָרט אַזאַ דיקקייט און קאָמפּאַקטקייט פֿון אַ בוים. ער איז געוואוינט געווען צו דעם קאָריק־ענלעכן ווייכלייב פֿון דער פּאַלמע, אָדער די זיפּטרייבלעך פֿון ראָר־געוויקסן. ניט אַנדערש, נאָר דער דרום מיט דעם צפֿון אין גאָטס נאַטור גיבן זיך די הענט אויף דעם באַרג פֿון גאָט.

עס איז אים אַנגענעם געווען די שטילקייט און מנוחה, וואָס עס הערשט אויף דעם אָרט, און ער האָט זיך געזעצט אונטער אַ בוים זיך אָפּצורוען, מיט די שטיין־לוחות לעבן אים. מיטאַמאָל האָט ער דערפֿילט ווי אַ טיפֿע ריייניקייט גייט־אַדורך זיין קערפּער: ער ווערט געהייליקט, גלייך די שטילקייט וואָלט געווען אַ וואַסער, וואָס וואַשט אים און זויבערט אים. ער האָט פֿאַרלוירן די הצטרכות פֿון עסן און טרינקען און געפֿילט אַ לייכטיקייט ווי ער וואָלט פֿליגל באַקומען און געקאָנט פֿליען.

אינאיינעם מיט דער ריייניקייט, איז אויך געקומען אויף אים אַן אימה, און ער האָט זיך געטראַכט: „ניט אַנדערש, נאָר גאָט געפֿינט זיך אויף דעם אָרט".

ער האָט דערהערט טריט, ניט פֿון גיין, נאָר פֿון שפּרינגען. און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, איז אַ הינד אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַן אונטערוואוקס. זי האָט אויפֿגעהערט שפּרינגען, ווען זי האָט דערזען משהן. זי איז געשטאַנען אַ ווייל, ווי זי וואָלט זיך איבערגעלייגט, און איז מיט גראַציעזע טאַנצנדיקע טריט צוגעטראָטן צו משהן, האָט אויסגעצויגן צו אים איר האָרנדיקן קאָפּ און אים געלעקט מיט דער פֿייכטער צונג דעם פֿוס.

משה האָט זי באַטראַכט. זי איז געווען די ריינקייט אַליין. אויף איר פֿעל האָבן געבלישטשעט טראָפּנס טוי ווי זי וואָלט ערשט אַרויסגעקומען פֿון אַ וואַסער. אויף איר קאָפּ האָט געקרוינט אַ הערנער־געצווייג. זי האָט אָנגעקוקט משהן מיט שטומע אויגן. אַזאַ רירנדיקע ריינקייט, אַזאַ אומשולד און תּמימות

האָט אַרויסגעשיינט פון אירע אויגן, אַז משה האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער חיה און זי געגלעט. און די פעל פון דער יונגער הינד איז געווען אַנגענעם גלאַט און וואַרעם, ווי די הויט פון אַ קליין קינד, און משה האָט געזאָגט אַזוי ווי פאַר זיך:

— דיין פעל איז ראוי צו באַדעקן דעם משכן פון גאָט.

עס איז געווען ווי די חיה וואָלט געהערט און פאַרשטאַנען זיינע רייד, און זי האָט געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפט און דאַנק.

ביי יתרון האָט ער געהערט פון אַ לעגענדאַרישן אַקאַציע־בוים, וואָס זיין האַלצלייב גיט אַרויס פון זיך די איידלסטע בשמים־דופטיקייט, אַ דופטיקייט, וואָס ווער עס אָטעמט זי איין, ווערט גערייניקט פון אַלע זינדיקע מחשבות. און אין דעם בוים האַלט זיך אויף אַ הינד, וואָס לעבט איינזאַם צווישן אַקאַציע־ביימער.

„פון אַקאַציע־האָלץ וועל איך בויען דעם משכן פאַר יהוהן און מיט דער פעל פון דער הינד וועל איך אים באַדעקן".

אַז ער איז אויפגעשטיגן נאָך העכער אויפן באַרג, איז ער אַריינגעטראָטן אין שניי־פעלדער. ער האָט געהאַט געוואוסט, אַז אין דער הייך פון די סיני־בערג, אין די שפּאַלטן, וואָס די זון קומט זעלטן־ווען צו אַהין, האַלט זיך אויף שניי. עס איז אָבער געווען ניי פאַר אים צו זען, אַז דאָס גאַנצע פּנים פון באַרג איז אין דער צייט, אין מיטן זומער, אַזוי פול באַדעקט מיט שניי. און דער שניי האָט אויסגעזען פריש, ווי ער וואָלט ערשט נאָרוואָס געווען אויסגעפאַלן, און פון אַזאַ אומבאַפלעקטער, שיינענדיקער ווייסקייט, ווי שיינענדיקע וואָלקנס, וואָס שוועבן אַרום אין דער לופטן, וואָלטן געפאַלן איבער די ווענט פון די בערג און זיי צוגעדעקט. אַ קילע זויבערקייט האָט אים באַהויכט, ווי ער וואָלט ווידער געווען אַדורכגעגאַנגען אַ ריינינקונג־פּראָצעס און אָפּגעוואַשן געוואָרן פון זינד און טרויער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי יהוה וואָלט אים גערייניקט פון די זינד פון עגל, וואָס ער, דער אָנפירער פון די בני־ישראל, טראָגט אויף זיך, אינאיינעם מיט זיין פאָלק, איידער ער דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, דאָס אָרט, וואו ער באַדאַרף זיך טרעפן מיט יהוהן.

ער איז געשטיגן אַלץ העכער, פון מדרגה צו מדרגה. ער איז באַהויכט געוואָרן מיט וואוילגערוכן, ער איז געוואַשן געוואָרן פון טוי, ער איז גערייניקט געוואָרן פון שניי־פעלדער. איצט איז ער אַדורכגעלופטיקט און אַדורכגעבלאָזן געוואָרן פון ווינטן. און וואָס העכער ער איז געשטיגן, אַלץ מער איז ער אויס־געטון געוואָרן פון זיין מענטשלעכער נאַטור. עס איז געווען ווי עס וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אים זיין דרויסנדיקער גוף, אַראָפּגעפאַלן ווי אַ קלייד, און ער איז געוואָרן הוילע נשמה, באַפרייט פון אַלע זיינע מענטשלעכע הצטרכותן.

עס האָט זיך אויפגעעפנט פאַר אים אַ הערלעך בילד. די האָריזאָנטן האָבן פאַרלוירן די ענגשאַפט פון די באַרג־ווענט, אין וועלכע זיי זענען געווען איינ־געשלאָסן. ער איז געשטאַנען אויף דעם שפּיץ פון דער וועלט. פון הינטן האָבן קופער־באַדעקטע באַרג־שפּיצן אויסגעצויגן פלאַקערדיקע קעפּ פון ווייס־באַ־שנייטע קערפּערס אַרויס. עס איז געווען ווי גאָלדענע זיילן זענען געשטאַנען אויף אַ זילבערנעם פונדאַמענט, און איבער זיי איז געהאַנגען אַ בלאָער חשמל־

דיקער הימל. און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי גאָט וואָלט אים געוויזן אַ בילד, — אַזוי זאָל אויסזען מיין משכן: גאָלדענע זיילן אויף זילבערנע פונדאַמענטן, ווי די שפּיצן קופּער־בערג, וואָס רייסן זיך פון שניי־פעלדער אין הימל אַריין.

די וועלט איז געלעגן צו זיינע פיס. פון בלאָען ים האָבן זיך אַרויסגעשניטן צוויי מעכטיקע אָרעמס און האָבן אַרומגענומען דעם מעכטיקן געמאַך פון די סיני־בערג. פון אויבן האָט ער געקאָנט זען ווי די וואַסער־אָרעמס שטעקן אַרויס לאַנגע פינגער און שניידן זיך אַריין אין דעם זאַמד, גליך זיי וואָלטן געטייטלט אין צוויי זייטן, צוויי וועלטן. איין פינגער האָט געוויזן צום וועג פון ים־סוף, צו מצריים, צום לאַנד גושן; דער פינגער פון צווייטן אָרעם האָט געוויזן צום מדבר־סין, צום ים־המלח, צו דעם לאַנד פון דער הבטחה. עס איז געווען ווי די צוויי אָרעמס האָבן געוויזן משהן פון באַרג אַראָפּ די צוויי וועגן, דעם וועג צו עבדות און דעם וועג צו חרות.

מיטאַמאָל איז אַלץ שטיל געוואָרן אַרום אים. משה האָט געזען ווי פון הימל לאָזט זיך אַרונטער אַ געוויקלטער וואָלקן. ער קנוילט זיך און קומט מיט שטורם, ווי אַ טאָרנאַדע, אַרונטער, הויבט משהן אויף אין דער הייך און טראָגט אים, ביז ער ברענגט אים אין אַ געוועלב, אויסגעהאַקט אין איינעם פון די באַרג־שפּיצן, וואָס פלאַקערט אַרויס מיט זיין גאָלדענעם קופּאָל פון שניי־פעלד, און זעצט אים דאָרט אַריין אין אַן אָרט אין באַרג, קעגנאיבער דעם שפּיץ באַרג, אויף וועלכן ער איז פריער געשטאַנען.

ער קוקט זיך אַרום. ער געפינט זיך אין אַן עפּענונג, וואָס איז געוועלבט איבער אים מיט אַ חשמל־ליכטיקן און גלאַנציקן באַלקן. און ער זעט פון דעם אָרט, וואו ער זיצט, אַלע באַרג־שפּיצן אויבן אין הימל און די אָרעמס פון ים אונטן. אין דער עפּענונג שטייט אַ שלחן מיט דעם לחם־הפּנים אויף אים, און אַ מנורה מיט זיבן רערן, אויסגעגאָסן אין פייערדיקן גאָלד, פלאַקערט העל, און אַ פּרוכת אין בלאָ, פּורפּל און ווערמיל הענגט אין דער לופטן, ווי אַ פלאַקער־פייער, און פאַרשטעלט עפּעס פון אים.

דער פּרוכת רוקט זיך פונאַנדער, און משה דערזעט צוויי מעכטיקע פליגל. בלויזע פליגל, אָן אַ פּאַרעם פון אַ קערפּער, באַשאָטענען אַ גאָלדענעם ארון, און אַ וואָלקן רויך קומט־אויף פון צווישן די פליגל, נעמט זיך קנוילן, ביז ער הילט־איין די פליגל און פאַרשטעלט זיי פון משהס בליק.

און משה האָט אויסגערופן:

— יהוה! יהוה!

אַ האַנט איז געפאַלן איבער זיינע אויגן און פאַרדעקט אַלץ פון אים. ער האָט אָבער געהערט אַ שטים פון וואָלקן אַרויס:

— יהוה, יהוה איז אַ דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער גאָט, איינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד און טריישאַפט. ער האַלט גענאַד ביז דעם טויזנטסטן גליד. ער פאַרטראָגט זינד און פאַרברעכן און חטאים, נאָר שענקען שענקט ער ניט. ער רעכנט זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער און מיט די קינדס־קינדער, מיטן דריטן און מיטן פערטן דור.

און משה האָט זיך געבייגט צו דער ערד, געבוקט זיך און געזאָגט:

— אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, זאָל, איך בעט דיך, גאָט גיין צווישן אונדז, וואָרעם אַ האַרטנעקיק פאָלק איז דאָס; און זאָלסט פאַרגעבן אונדזער זינד און אונדזער חטא און אונדז מאַכן פאַר דיין אַרב.

און די שטים האָט אים געענטפערט:

— זע, איך שליס אַ בונד; אַנטקעגן פאַר דיין גאַנצן פאָלק וועל איך טון וואונדער, וואָס זענען ניט באַשאַפן געוואָרן אויף דער גאַנצער ערד און צווישן אַלע אומות; און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס דו ביסט צווישן אים, וועט זען די מעשים פון גאָט, וואָס איך טו מיט דיר, אַז זיי זענען פאַרכטיק.

און די האַנט, וואָס איז געפאַלן איבער זיין פּנים, האָט זיך אָפּגעטון פון אים, און ער האָט געזען ווי אַ פייערדיקע געשטאַלט, איינגעהילט אין וואָלקן, שוועבט פאַרביי און פאַרשווינדט.

און משה איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און האָט אויסגערופן:

— אָ, יהוה, יהוה, דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער גאָט, איינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד און טריישאַפט, זיי מוחל דאָס פאָלק, וואָרעם דאָס פאָלק האָט געזינדיקט אומגערן.

און גאָט האָט אויפגעעפנט פאַר משהן אַן עפענונג אין דער צוקונפט, און ער האָט אַדורכגעפירט אַל זיין גוטס פאַר אים, און משה האָט געהערט און געזען זאַכן, וואָס וועלן געשען ביז צו דעם סוף פון די טעג.

און עס זענען אַדורכגעגאַנגען פאַר אים די גערעכטע פון אַלע דורות, — סיי די, וואָס דינען גאָט מיט זייער חכמה, סיי די, וואָס דינען אים מיט זייער פירערשאַפט, מיט זייער קענטשאַפט און מיט זייער וויסנשאַפט, אויך די, וואָס גאָט לאָזט רוען זיין גייסט אויף זיי, די אַלע, וואָס זענען ראוי צו ווערן געפייניקט און שטאַרבן פון זיין נאָמען וועגן, און די אַלע, וואָס זענען ראוי צו פאַרשפרייטן זיין כּבוד איבער דער וועלט.

און גאָט האָט אים געוויזן דעם פּרייז, וואָס זיינע גלויביקע וועלן באַצאָלן צו היטן די רייד, וואָס ער זאָגט זיי און וואָס ער האָט געהערט פון דעם מויל פון די נביאים. און גאָט האָט אַדורכגעפירט פאַר אים דעם גאַנצן מאַרטירער־וועג פון דור־דורות, וואָס ציט זיך אָן אָן עק, דעם בלוטיקן וועג, וואָס עס האָבן געהאַט אַדורכצוגיין די אַלע, וואָס האָבן מקיים געווען די מצוות פון גאָט; די לאַנגע מלחמה צווישן יהוהן און די אָפּגעטער מיט זייערע גלויביקע.

און ער האָט געזען דאָס אויסגעמאַטערטע לייב פון אַ הייליקן רבין, וואָס ליגט אויף אַ ברעט. לעבן אים ליגט אַ ספר־תורה, אין דעמזעלבן פאַרמאַט, וואָס ער, משה, שרייבט. און זעלנער שטייען איבער אים און גראַבלען אַראָפּ פון אים די הויט מיט אייזערנע קאַמען. זיי שינדן אַזוי די הויט פון דעם הייליקן, דאָס פלייש, רוי, צעריסן, צעגראַבלט, גייט־אָפּ מיט בלוט, און דער קדוש קוקט מיט אַרויסגעזעצטע אויגן אַרויף צו די הימלען און זאָגט מיט גרויס פרייד, מיט חדווה די ווערטער, וואָס זענען פאַרשריבן אין דעם ספר־הברית: „זאָלסט ליב האָבן גאָט מיט דיין גאַנץ האַרץ און מיט דיין גאַנצן נפש".

און אַ האַנט האָט אויפגעריסן פאַר אים אַ פאָרהאַנג אין הימל, און ער האָט

דערזען דורות מאַרטירער און געהערט דעם רוף „שמע ישראל!" וואָס איז אויפגעגאַנגען פון אַלע פיר ווינקלען פון דער ערד. קעלערס, פול מיט כּלערליי מאַטער־אינסטרומענטן, טאָרטור־בענק, צוואַנג־קלעצער, פוס־בלאָקן, ברען־אייזנס, שפּיצריטער; מענטשן אין שוואַרצע מאַסקעס, מיט הייליקע בילדער און צייכנס פון זייער אמונה אין די הענט, פירן־אָן מיט צערעמאָניע, אין נאָמען פון גאָט, די ענויים־קשים. און ער האָט געזען ווי מענטשן ווערן פאַרברענט אין די פלאַמען פון אויטאָ־דאַ־פעס, בשעת כּהנים זיצן אַרום, קוקן־צו דעם ספּעקטאַקל און זינגען שבחים צו גאָט, און פון די שייטער־פייערן גייט־אויף דער רוף „שמע ישראל!" וואָס פאַרטושט די הללויהס פון די כּהנים. און ניט נאָר מאַרטירער פון צווישן זיינע אייגענע ברידער, נאָר אויך פון אַנדערע פעלקער האָט אים גאָט געוויזן, געוויזן ווי זיי ווערן פאַרפייניקט פאַר זייער גלויבן אין דעם איין־איינציקן גאָט, פאַר דערפילן די געבאָטן פון גאָט. און ער האָט געזען און געהערט די פאַלשע נביאים, וואָס רעדן אין נאָמען פון פאַלשע געטער, און די כּהנים פון די פאַלשע אָפּגעטער, וואָס טוען־אָפּ מעשים־תעתועים אין נאָמען פון גאָט.

און משה האָט גענומען אַ פייערדיקע שטריכנאָדל און האָט אויסגעקריצט אויף די שטיין־לוחות דעם געבאָט: „זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים... זאָלסט ניט אַרויפברענגען דעם נאָמען פון יהוה דיין גאָט צום פאַלשן..."

נאָר גאָט האָט אים נאָך ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט געריסן פאַר אים קריעות פון נעפּלען און אויפגעדעקט פאַרהאַנגען און געוויזן אים דעם עתיד.

און ער האָט געזען די ממשלת־זדון, וואָס רעגירט איבער דער וועלט. און ער האָט געזען הרוגים. די ערד איז צוגעדעקט מיט בלוט, ווי איין גרויסע מכּה וואָלט זיך אויפגעעפנט אין לייב פון דער ערד און עס רינען פון איר טייכן בלוט. די עבדות פון מצריים איז אַ קינדער־שפּיל אַנטקעגן דער עבדות פון מלכות־זדון. אויסגעמאַטערטע, פאַרהונגערטע, אויסגעדייוועטע קערפּערס פון מאַן און ווייב שלעפּן וועגענער, האַקן פעלדזן־שטיינער, רייסן ביימער פון די וועלדער, אַנגעטריבן דערצו מיט שקלאַפן־בייטשן ביז זיי פאַלן איינער נאָכן אַנדערן אונטער דער לאַסט. און פון דער צווייטער זייט, אָפּגעפרעסענע לייבער, וואָס פּליושקען זיך אין דעם בלוט פון די קרבנות; לעבן אויף דעם שווייס און דער פּראַצע פון די שקלאַפן; פרעסן און זויפן און טוען־אָפּ אַלערליי מעשים־תעתועים. און ער האָט געזען ווי גאַנצע מחנות ווערן מיט באַטעקעס און שווערדן אַריינגעטריבן אין פלאַקערדיקע קאַלכאויוונס, און די מחנות רופן אַלץ אויס „שמע ישראל!" און מיט אָט־דעם געשריי צו גאָט גיבן זיי זיך איבער די פאַר־צערנדיקע פלאַמען.

און משה האָט אויסגעשריגן צו גאָט:

— גענוג, גענוג! איך קאָן ניט מער. וויפל זענען מיינע כּוחות? איך בין נאָר אַ בשר־ודם.

און גאָט האָט אים געזאָגט:

— קוק און זע און הער, כּדי דו זאָלסט קאָנען פאַרשטיין, פילן און וויסן ווי צו שרייבן מיינע געזעצן.

און משה האָט גענומען די שטריכנאָדל און האָט אויסגעקריצט אויף די שטיין־לוחות דעם געבאָט: „דו זאָלסט ניט הרגענען".

און זיין האַרץ איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט צער און צאָרן, און ער האָט אויסגערופן אַ מלחמה, אַן אייביקע מלחמה צווישן יהוהן און עמלקן פון דור צו דור: אויסמעקן זאָל ווערן אויסגעמעקט דער זכר פון עמלק פון אונטערן הימל, כּדי דאָס שלעכטס זאָל ווערן אָפּגעווישט פון דער ערד.

אָבער אויך אַנדערע הימלען האָט גאָט אויפגעעפנט פאַר אים, און ער האָט געזען די פעלקער, ווייט פונאַנדערגעוואָרפן איבערן געזיכט פון דער ערד, און געהערט זיי זינגען אַ לויב צו גאָט און רימען זיין נאָמען. ער האָט געהערט אַ געזאַנג אויפגיין פון באַשנייטע פעלדער און באַגרינטע טאָלן, פון אַלע ברעגן פון גרויסן ים און פון אַלע באַהעלטענישן אין די וועלדער, פון אַלע הייכן און פון אַלע נידער־ערטער. אומעטום ווערט גאָטס נאָמען גערימט און געהויבן.

פון אומעטום הערט זיך אויפגיין געזאַנג און געבעט צו יהוהן. אין אַלע לשונות פון אַלע פעלקער, ווי די רייד, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אים, צו משהן, וואָלטן פון ווינט פאַרטראָגן געוואָרן אויף אַלע פיר עקן וועלט, און עס האָט גערעדט צו אַלע פעלקער און צו איטלעכן אין זיין אייגענעם לשון.

און משה האָט אין די לשונות פון פעלקער איינגעקריצט אין די שטיין־לוחות: „איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון לאַנד מצריים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט".

פון דער גאַנצער ערד האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווידער־קול און נאָכגעזאָגט:

„איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון לאַנד מצריים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט".

אין דער לופטן איז פון הימל אַראָפּגעקומען, שוועבנדיק, אַ גרינער אינדזל. באַזוימט מיט חשמל־ליכט, האָט דער אינדזל געשוועבט, געשוועבט לייכט, ביז ער איז געקומען פאַרן פּנים פון דער ערד און איז דאָרט געבליבן רוען. און משה האָט געזען אויפן וואָלקן־אינדזל, אויסגעבעטעט אין זאַנפטיקן גראָז, ביי אַ מנוחהדיק ריזלדיקן טייכל, אַ קליינע סטאַדע שעפעלעך הויערן. און ער האָט געזען ווי אַ וואָלף און אַ שעפעלע הויערן צוזאַמען און אַ יינגל פּירט זיי.

און משה האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און האָט גערופן אין דעם עתיד אַריין, וואָס גאָט האָט אויפגעדעקט פאַר אים ביי דער עפענונג אין הימל:

„מיט די אַלע, וואָס זענען יאָ הײַנט דאָ מיט אונדז פאַר גאָט אונדזער גאָט, און די אַלע, וואָס זענען נישטאָ הײַנט מיט אונדז דאָ, שליסט גאָט אַ בונד הײַנט".

און ער נעמט די שבועה, און ער שרייבט־אויף די ווערטער אויף די לוחות, וואָרעם די גאַנצע ערד געהערט צו יהוהן און זיין כּבוד רוט איבער דעם גאַנצן לאַנד.

און אַזוי איז משה געזעסן אין עפענונג פון שטיין פערציק טעג און פערציק נעכט. קיין ברויט האָט ער ניט געגעסן און קיין וואַסער האָט ער ניט

געטרונקען. און יהוה האָט פאַרבייגעפירט פאַר אים אַל זיין גוטס און אים געוויזן — אַלע קדושים און אַלע צדיקים, סיי פון זיין פאָלק, סיי פון די פעלקער פון דער וועלט, וואָס וועלן פאַרשפרייטן זיינע רייד און ברענגען גאָטס וואָרט צו אַלע אומות און לשונות; און די, וואָס וועלן שטאַרבן אויף קידוש־השם, סיי פון יידן, סיי פון פרעמדע; און די אַלע, וואָס פאַרשן גאָט סיי אין שריפט, סיי דורך זיין באַשאַף; און די אַלע, וואָס זיצן בצינעה אין זייערע חדרים און לויבן גאָט דורך זייער וויסן, דורך זייער קלערן און דורך די ווערק פון זייערע הענט. און גאָט האָט משהן געוויזן און ער האָט געהערט די אַלע נביאים, וואָס וועלן אויפשטיין פאַר יהוהן, סיי פון יידן, סיי פון אַלע אַנדערע פעלקער, צו ברענגען די ליבע צו גאָט און די פרייד צו דינען אים — סיי דורך זייער גערעדטן וואָרט, סיי דורך זייער קענטשאַפט אויסצומאָלן געמעלן, צו פורעמען שטיין־בילדער, וואָס דערהויבן, באַפרייען, באַגייסטערן די מענטשן און ברענגען זיי נאָענט צו גאָט. און ער האָט געהערט דאָס געזאַנג, וואָס וועט אויסזינגען גאָטס לויב, און דאָס געזאַנג, וואָס וועט אויסוויינען די תפילות פון מענטשן. און ער האָט געזען און געהערט די אַלע, וואָס וועלן אויספאָרשן גאָטס געזעצן און זיי אויסטייטשן צו ברענגען גערעכטיקייט צו די מענטשן; און די אַלע, וואָס פאַרשן גאָטס מעשים און ברענגען זיי צו שלימות: די אַלע, וואָס האָבן אַ חלק אין גאָט און זענען שותּפים מיט אים אין זיין באַשאַף און פאַראייניקט מיט אים אין זיין ווערק, פאַראייניקט אין איין גרויסן אחד.

און משה האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט אויסגערופן, — פאַר דעם גאַנצן באַשאַף, פון איין עק אַלוועלט צום אַנדערן, פאַר אַלע צייטן פון באַשאַף ביז צום לעצטן טאָג, פאַר אַלע נשמות, סיי די, וואָס זענען געוועזן מיט אים, סיי די, וואָס זענען ניט געוועזן מיט אים, און פאַר אַלע מענטשן פון אַלע פעל־קער און אַלע קאָלירן, וואָס באַוואוינען און וועלן באַוואוינען דאָס געזיכט פון דער ערד ביז צום לעצטן טאָג, האָט משה אויסגערופן:

— שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד!

*

און נאָך די פערציק טעג איז משה אַרונטערגעקומען פון באַרג סיני, און ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די נייע לוחות, וואָס ער האָט געהאַט אויסגע־קריצט אויף זיי די עשרת־הדברות פון גאָט.

און עס איז געווען, ווען משה איז אַרונטערגעקומען פון באַרג סיני מיט די צוויי לוחות פון געזעץ אין זיינע הענט, האָט ער ניט געוואוסט, אַז די הויט פון זיין פּנים האָט געשטראַלט פון גאָטס רעדן מיט אים. און אַהרן און אַלע קינדער פון ישראל האָבן באַגעגנט משהן און זיי האָבן געזען ווי די הויט פון זיין פּנים שטראַלט, און זיי האָבן מורא געהאַט גענענען צו אים. און משה האָט זיי צוגערופן, און אַהרן, און אַלע אַנדערע פירשטן פון דער עדה זענען געקומען נאָענט צו אים און ער האָט גערעדט צו זיי און האָט זיי באַפוילן אַלץ, וואָס גאָט האָט מיט אים גערעדט אויפן באַרג סיני.

און ווי משה האָט געענדיקט רעדן מיט זיי, האָט ער באַדעקט זיין פּנים מיט אַ צודעק. נאָר אַז משה איז געקומען פאַר יהוהן צו רעדן מיט אים, פלעגט ער אַראָפּנעמען דעם צודעק ביז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון גאָט; און אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען צו די בני־ישראל, פלעגט ער ווידער פאַרדעקן זיין פּנים.

# 10

דריי זאַכן האָט משה מיטגעבראַכט מיט זיך פון דעם באַרג סיני: די עשרת־הדברות, אויסגעקריצט אויף די נייע לוחות; אַ באַפעל פון יהוהן וועגן אַ מלחמה פון אויסראָטונג קעגן די פאַלשע געטער פון די לענדער, וואָס די בני־ישראל וועלן באַזעצן; און אַ מאָדעל פון אַ משכן, אָדער געצעלט, וואָס זאָל ווערן דער אוהל־מועד, דאָס געצעלט פון צונויפקום מיט גאָט, וואָס די בני־ישראל זאָלן אים פירן מיט זיך דורך דעם גאַנצן וועג פון מדבר, ביז זיי וועלן קומען אין זייער לאַנד אַריין.

דער מאָדעל פון משכן, וואָס משה האָט געזאָלט קאָפּירן אין איטלעכן פּרט, איז געווען אַ בנין, וואָס האָט זיך געלאָזט איבערפירן פון אָרט צו אָרט. אַנשטאָט אַ גרונטגעפעסטיקטן פונדאַמענט, האָט ער דערפאַר געהאַט אַן אונטערבוי פון שוועלן און איז צונויפגעשטעלט געווען אינגאַנצן פון איינצלנע טיילן, וואָס האָבן זיך אַריינגעפּאַסט איינס אין אַנדערן און זיך צוזאַמענגעהאַלטן דורך ריגלען, האָקן, צאַפּנס און רייפנבענדער.

משה האָט געזאָלט קאָפּירן דעם משכן סיי אין זיין פאָרעם און מאָס, סיי אין די בוי־מאַטעריאַלן פון געהילץ און מעטאַלן, סיי אין די געוועבטע שטאָפן און די איידלשטיינער פאַר דעם אויסשטאַט פון כלים, פּרוכתן און דעם אויסציר פון חושן און אופד.

אַ קול איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער מחנה, אין נאָמען פון יהוהן:

„דאָס איז די זאַך, וואָס גאָט האָט באַפוילן: נעמט אייך אַ תּרומה, אַן אָפּשיידונג צו גאָט, איטלעכער, וואָס זיין האַרץ איז ווילִיק, זאָל ברענגען די אָפּשיידונג ווי אַ גאָב צו גאָט, — גאָלד, זילבער, קופּער; און בלאָע וואָל, און פּורפּל, און ווערמיל־רויט און ליינען און ציגנהאָר; און רויט־געפאַרבטע ווידערפעלן, און תּחש־פעלן, און אַקאַציע־האָלץ; און אייל פאַר דער לייכטונג, און בשמים פאַר דעם אייל פון זאַלבונג און פאַר דעם ווייערעך פון שמעקעדיקע געווירצן; און אָניקל־שטיינער, און שטיינער צום איינפאַסן פאַרן אפוד און פאַרן חושן”.

און דאָס פאָלק האָט געבראַכט. מענער און ווייבער האָבן אויסגעטון זייערע אוירינגען, האָבן געבראַכט נאָזרינגען, פינגערלעך, האַלדזבענדער, געגאָסן

אין אַלערליי פּאַרעמס. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זיי אַזאַ עשירות? עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס גאַנצע צירונג פון די מצרישע ווייבער האָבן זיי מיט־געשלעפּט מיט זיך, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט מצרים, ווי אַ באַלוינונג פאַר הונ־דערטער יאָרן פּראַצע און פּיין, פאַר דער בלוט און שווייס פון די דורות, וואָס זענען געשטאָרבן אין קנעכטשאַפט. און אָט־דעם שכר פון דורות האָבן זיי אויס־געשאָטן פון קערב צו די פיס פון משה און אהרן. און זיי האָבן געבראַכט בלאָע וואָל און פּורפּל, און ווערמיל־רויט, און לײַנען און ציגנהאָר, און זיי האָבן עס אַוועקגעגעבן פאַרן משכן.

משה האָט אַרויסגעשיקט וואַלדהעקער אויפן באַרג סיני צו האַקן די הויכע, דיקע אַקאַציע־ביימער, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אויפגעדעקט. אויך האָט ער געשיקט אין וואַלד אַריין פון באַרג סיני יעגער צו פאַנגען ווידערס און פישער־לייט צום ברעג פון ים־סוף צו כאַפּן די לעגענדאַרישע ים־חיה, תחש, וואָס פון איר פעל האָט גאָט געהייסן מאַכן דעם לעצטן צודעק איבערן משכן.

דער באַרג סיני, אַ רייך פעלד פון קופּער־ און זילבער־אַרץ, האָט אויך צוגעשטעלט די מעטאַלן, וואָס זענען גענוצט געוואָרן פאַר די שוועלן און די כלים פון משכן. און אין דער מחנה פון די בני־ישראל איז געווען צו געפינען לרוב קופּערשמידן, זילבער־שלעגער, גאָלד־האַמערער, וואָס האָבן געטון די אַרבעט אין מצרים. און עס זענען געווען פיל קלוגהאַרציקע ווייבער, וואָס האָבן געקענט שפּינען דעם דינסטן איידעלן לײַנען, וועבן די טייערסטע געוועבן פון פּורפּל און תכלת און אײַנהעפטן אין זיי קונציקע פיגורן פון פייגל און חיות.

נאָר דער קליגסטער און דער געניטסטער בעל־מלאכה אין דער מחנה, וואָס האָט געקענט אויסקינצלען קונציקע כלים פון גאָלד, זילבער און קופּער, איז געווען דער יונגער בצלאל, דער זון פון אורי, דער זון פון חור, פון דעם שבט יהודה, — מרימס אייניקל.

ער האָט געלערנט די מלאָכה ביי די געניטסטע גאָלדשמידן אין מצרים. פאַר זיין פעאיקייט און קינסטלערישער אויסצייכענונג איז ער, שוין ווי אַ לערן־יינגל, אָנגעקומען צו אַרבעטן אונטער דעם אייבער־מייסטער פון דעם קיניגס יוֹוועלירן. און טאַקע צוליב דער גרעסטנקייט זיינער האָט ער אויס־געמיטן דעם גורל פון די אַנדערע יינגלעך צו ווערן צעטראָטן אין די ליים־גריבער.

אין זיינע הענט האָט משה, אויף גאָטס באַפעל, איבערגעגעבן די אייבער־השגחה איבער דער בויאונג פון משכן.

בצלאל האָט גענומען צו זיך פאַר זיין ערשטן מיטאַרבעטער זיין חבר, וואָס ער האָט געקענט פון פאַך אין מצרים, אהליאָב, פון שבט דן. אהליאָב האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מייסטערשאַפט אין אײַנוועבן פיגורן אין פּורפּל־שטאָפן.

בצלאל און אהליאָב האָבן צונויפגערופן די מייסטער־בעל־מלאכות פון פאַר־שיידענע פאַכן, האָבן זיי געשטעלט אויף פּראַבע און אָפּגעקליבן פון זיי די געניטסטע און די פעאיקסטע. משה האָט זיי איבערגעגעבן דעם גאַנצן אָנגע־זאַמלטן אוצר פון גאָלד, זילבער און געוועבטע שטאָפן.

איבערפול איז באַלד געוואָרן דער מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפאָדערט

פאַר בויען דעם משכן, לויט דעם געגעבענעם פּלאַן, מיט אַלע זיינע אָרנאַמענטן, כּלים און אויסשטאַטונג. אָבער דאָס פאָלק האָט ניט אויפגעהערט צו ברענגען נאָך צירונג און נאָך מאַטעריאַלן. איטלעכן פרימאָרגן זענען זיי געקומען פון אַלע ווינקלען און עקן פון דער מחנה, די הענט פול מיט קליידער און פורפּל־שטאָפן, מיט קערב גאַנצע איידלשטיינער, אויסטערלישע בשמים און קרייטעכצער.

אויך האָבן אַלץ נייע בעל־מלאָכות און קינסטלער זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט. איטלעכער איז געוועזן להוט צו האָבן אַ חלק אין דעם אויפשטעל פון דעם הויז פאַר יהוהן, דאָס ערשטע הויז, וואו גאָט וועט וואוינען אויף דער ערד. אָבער סיי די מאַטעריאַלן, סיי די בעל־מלאָכות זענען געווען איבערגע־נוג, און די מייסטערס בצלאל און אָהליאָב האָבן עס געלאָזט משהן וויסן. און אַ קול איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער מחנה: „דיינו, מיר האָבן גענוג מאַטעריאַלן און גענוג בעל־מלאָכות אויף צו בויען דעם משכן!״

און דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו באַשטייערן זיך און ברענגען נייע נדבות, וואָרעם עס איז גענוג געווען אויף צו טון די גאַנצע אַרבעט, און נאָך מער ווי גענוג.

אונטער אַ שירעם פון פאַלמען־צווייגן זענען שוין אויפגעשטעלט שפּין־רעדער און וועבשטולן. און פרויען, אַלטע און יונגע, דרייען און פלעכטן ציגנ־האָר אין שנורן. די עלטערע לערנען די יונגע צו קניפּלען שנורן, צו וועבן פאָרהאַנגען, אַ צודעק פאַרן משכן. ניט איין פאָרהאַנג פאַר דער גאַנצער לענג און ברייט פון משכן. פאַר אַ בנין, וואָס מען וועט באַדאַרפן פונאַנדערנעמען און איבערטראָגן פון אָרט צו אָרט, וואָלט געווען צו־שווער צו שלעפּן עלף פאָרהאַנגען, יעדערער דרייסיק איילן די לענג און פיר איילן די ברייט, ווען צוזאַמענגעוועבט אין איין גרויסן פאָרהאַנג. זענען די פאָרהאַנגען דערפאַר אָנגע־העפט געוואָרן איינס אָן אַנדערן דורך פופציק שלייפן און פופציק קופּערנע האָקן, און עס איז געוואָרן איין צודעק.

עס שטייען די ווייבער און רעדן צווישן זיך:

— עס איז ניט מער אַזוי ווי ביי פּרעהן, ווען מיר זענען געזעסן אין דער פינצטער און האָבן געוועבט נעצן פאַר זיינע פישער־לייט.

אָ, זיי געדענקען די צייט פון שעבוד־מצריים, ווען די אָנטרייבער זענען געשטאַנען איבער זיי און זיי אָנגעיאָגט מיט שקלאַפן־בייטשן צו דער אַרבעט! קוים האָט איינע פון זיי איינגעדרימלט פון דער היץ פון טאָג, פון גרויס מיד־קייט, אַזוי האָט זי גלייך דערפילט אויף איר לייב די שמאַרציקע שמיץ פון אויפזעערס קאַנטשיק. דאָ טוען זיי די אַרבעט מתוך חירות, מיט פרייד און געלעכטער. זיי וועבן דעם צודעק פון גאָטס משכן; יהוה וועט וואוינען מיט זיי, וועט רוען צווישן זיי אונטער דעם צודעק. און זייערע פינגער טאַנצן ביי דער אַרבעט. פיל זענען זיי געווען, די פרויען־שפּינערקעס, וואָס האָבן געוואָלט האָבן די זכיה צוצולייגן אַ האַנט. מען האָט געמוזט בייטן אָפטמאָל די שיכטן אַר־בעטאָרינס, ווייל איטלעכע שפּינערקע האָט געוואָלט האָבן אַ חלק אין דער הייליקער אַרבעט, מיט עפּעס באַהילפיק זיין.

באַלד לעבן די שפּינערקעס שטייען די גאַרבערס, יידן מיט נאַקעטע בריסט, די האָר אויפן קאָפּ, די בערד און פּיאות צעשוויצט און צעיאַכמערט פון דער היץ, אָבער די אַרבעט טוען זיי מיט פרייד און מונטערקייט. זיי שטרייכן די פעלן פון די ווידערס וואָס די יעגער האָבן געבראַכט פון סיני אַרונטער, פאַרבן די אויסגעאַרבעטע פעלן מיט ווערמיל־רויטער פאַרב. אויך די ווידער־פעלן וועלן צונויפגענייט ווערן צו מאַכן אַ צווייטן צודעק, וואָס וועט באַצויגן ווערן איבער דעם ערשטן צודעק פון ציגנהאָר. וואָרעם פיר צודעקן וועט דער משכן האָבן: אַ צודעק פון איידעלן, געדרייטן ליינען, און תכלת, און פורפּל און ווער־מיל־רויט, וואָס וועט באַדעקן דעם משכן פון אינעווייניק; אַ צודעק פון ציגנהאָר, וואָס וועט זיך לייגן איבער דעם צודעק פון ליינען; אַ צודעק פון רויט־גע־פאַרבטער ווידערפעל, וואָס וועט איבערציִען דעם צודעק פון ציגנהאָר; און אַ צודעק פון תחש־פעל. די אַלע צודעקן זענען געמאַכט פון קלענערע יריעות, וואָס ווערן צוזאַמענגעהאַלטן דורך קופּערנע האָקן און שלייפן, צוגעפּעסטיקטע צו די זוימען פון יעדער איינציקער יריעה. און דער צודעק פון תחש־פעל, אויסגעשפּרייט אויבן איבער דעם משכן, האָט אָפּגעגלאַנצט אין דער זון מיט זיין שיינענדיק־רויטן קאָליר, ווי געגאָסענער קופּער, און פאַרצוקט אַלעמען מיט זיין מיסטישער מראה.

די אַלע צודעקן זענען געווען אַ באַשירעמונג פאַר דעם דרויסנטייל פון משכן, אַ באַשירעמונג קעגן זאַמד־ווינטן און שטורעמס, וואָס טראָגן זיך אַדורך דעם מדבר. דער אינעווייניקסטער צודעק, וואָס איז געהאַנגען איבערן משכן און האָט געדינט פאַר אַ באַלקן־צודעק, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער וועבעריי, וואָס איז אויפגעשטעלט געווען אונטער אַ געשיצטן פּלאַץ. קונסט־וועבערינס האָבן דאָס אויסגעוועבט די טיר־פאַרהאַנגען, די פּרוכתן, אויך די כהנים־טראַכטן פאַר אַהרנען און זיינע זין צו באַנוצן פאַר דער עבודה.

דאָס זענען געווען געניטע וועבערינס, וואָס האָבן זיך פיל אויסגעצייכנט מיט זייערע קונסט־אַרבעטן. זיי האָבן געוועבט דעם צודעק פון אינעווייניק אין משכן, צען באַזונדערע פאַרהאַנגען, אויס דעם דינסטן, איידעלן געדרייטן ליינען, אַדורכגעשטריפּט מיט דעם טיפן בלאָ פון תכלת, מיט פורפּל־פעדים און ווער־מיל־רויט. זיי האָבן קונציק אַריינגעוועבט אין די פאַרהאַנגען געשטאַלטן פון מיסטישע כרובים, געפאַרבט מיט סאָלידע בלאָע קאָלירן. דאָס בלאָ פון תכלת האָט פאַרמירט בלאָע וואָלקנס, באַזוימט מיט פורפּל־ליכט, שוועבנדיק איבער אַ הימל, און די פונקען פון דעם ווערמיל־רויט האָבן געפינקלט ווי שטערן אין דעם הימל. די צען יריעות פון צודעק, איין יריעה אָנגעהאָפטן אָן דער אַנ־דערער מיט שלייפן פון תכלת, אַדורכגעצויגן דורך רינגען פון גאָלד, האָבן געשאַפן אַ שטענדיקן בין־השמשות אין משכן, דאָס ליכט פאַרשטילט, פאַר־טונקלט, ווי ווען די שטערן הויבן ערשט אָן אַרויסקומען אויפן הימל, מיטן גאַנצן חלל אַריינגענומען אין שאָטן, וואָס די אויסגעשפּרייטע פליגל פון די כרובים האָבן געוואָרפן פון באַלקן־צודעק אַרונטער.

די אַרבעט פון די וועבערייען אין אַלע פאַרעמס איז געשטאַנען אונטער דער איבער־השגחה פון בצלאלס ערשטן מיטאַרבעטער, דעם מייסטער אָהליאָב, פון

שבט דן. עס איז געווען ווי די צוויי פאַרטרעטער פון די צוויי שבטים, — בצלאל פון דעם אַריסטאָקראַטישן שבט יהודה, און אָהליאָב פון דעם שפּל־געהאַלטענעם שבט דן, וואָס האָט מער פון אַלע אַנדערע שבטים זיך פאַרשולדיקט אין דער מעשה־עגל, — האָבן זיך געגעבן די הענט ביים אויפשטעלן דעם משכּן. אין אָנגעזיכט פון גאָט איז נישטאָ קיין גרויס און קיין קליין, — אַלע שבטים זענען גלייך.

בצלאל אַליין האָט איבערגענומען די מעטאַל־אַרבעטן, די שאַפונג פון די כּלים און די גאַנצע אינעווייניקסטע אויסשטאַטונג פון דעם משכּן ווי אַ פּלאַץ פון הייליקער עבודה פאַר יהוהן.

אַ גרויסע איבעראַנדערשונג איז פאָרגעקומען בנוגע דעם צערעמאָניאַל פון דער עבודה צווישן דער צייט פון פאַר דעם עגל און נאָך דעם עגל — ביי גאָט און ביי משהן. גאָט און משה זענען געווען שווה־בדעה, און וואָס משה האָט געוואָלט, האָט עס אים גאָט נאָכגעגעבן, מער נאָך נאָכן עגל ווי פאַר דעם. עס האָט אויסגעזען ווי משה וואָלט באַהערשט די דעה, חלילה, פון כּביכול, און ער האָט אים אויך נאָכגעגעבן אין דעם עניין פון צערעמאָניאַל.

פאַר דעם עגל האָט משה געזאָגט אין נאָמען פון גאָט, אַז גאָט וויל ניט קיין גאָלד און קיין זילבער: „אַ מזבח פון ערד זאָלסטו מיר מאַכן... און אויב אַ מזבח פון שטיינער וועסטו מיר מאַכן, זאָלסטו זיי נישט בויען געהאַקטע... און אין יעטוועדער אָרט, וואו איך וועל מאַכן דערמאָנען מיין נאָמען, וועל איך קומען צו דיר און וועל דיך בענטשן". נאָכן עגל האָט משה אַראָפּגעבראַכט פון באַרג סיני אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון אַן אוהל־מועד, — אַ משכּן אין דער פאָרעם פון אַ גאָלדן הויז. דאָס גאָלדענע הויז וועט טאַקע נישט זיין גרויס, און עס וועט זיך לאָזן צוזאַמענשטעלן און פונאַנדערנעמען. עס וועט באַשטיין אינגאַנצן פון דרייסיק איילן די לענג, צען איילן די ברייט און צען איילן די הייך. אָבער די ברעטער, אויסגעהאַקט פון די דיקע, ברייטע שטאַמען פון די אַקאַציע־ביימער, וואָס מען האָט אַרונטערגעבראַכט פון באַרג סיני, וועלן באַצויגן ווערן פון ביידע זייטן מיט בלאַט־גאָלד, — צען איילן די לענג פון אַ ברעט און אַן אייל און אַ העלפט די ברייט. די ברעטער וועלן איינגעפּאַסט ווערן דורך צאַפּנס אין זילבערנע שוועלן, צו צוויי שוועלן אויף אַ ברעט. צוואַנציק אַזעלכע גאָלד־באַשלאָגענע ברעטער וועלן פאָרמירן איין וואַנט, נאָך צוואַנציק — די צווייטע וואַנט. אין מערב־זייט וועט די וואַנט האָבן אַכט גאָלד־באַדעקטע ברעטער, איטלעכע ברעט איינגעפּאַסט אין צוויי זילבערנע שוועלן.

די ווענט וועלן באַפעסטיקט ווערן איינע צו דער אַנדערער דורך גאָלדענע ריגלען, אַדורכגעצויגן דורך דער מיט פון די ברעטער, און אויבן, אין דער הייך, צוזאַמענגעהאַלטן דורך גאָלדענע רינגען.

פון מזרח־זייט, איבער דעם איינגאַנג פון משכּן, וועט הענגען אַ טייערער געשטיקטער פאָרהאַנג. דער פאָרהאַנג, ווי אַלע אַנדערע פאָרהאַנגען אין משכּן, זאָל זיין געקניפּלט און געוועבט פון לייוונט, פּורפּל, בלאָער וואָל און ווערמיל־רויט. דער דאָזיקער פאָרהאַנג, אָנגעהעקלט אויף גאָלדענע רינגען, באַפעס־

טיקטע מיט רייפנבענדער, וועט אַראָפּהענגען איבער פינף גאָלד־באַדעקטע זיילן, איינגעפּאַסטע אין פינף קופּערנע שוועלן.

דאָס גילדערנע צירונג־שקעטל, באַדעקט מיט די פּיר צודעקן, זאָל שטיין אינמיטן אַ הויף פון הונדערט איילן די לענג און פופציק איילן די ברייט. אויף בײדע זייטן אין דער לענג און אויף דער מערב־זייט אין דער ברייט וועלן זיין זילבער־באַדעקטע זיילן, איינגעפּאַסטע אין קופּערנע שוועלן, צו צוואַנציק זיילן און צוואַנציק שוועלן אויף בײדע זייטן אין דער לענג, צען זיילן און צען שוועלן אויף דער מערב זייט. די זיילן וועלן זיין דורכגענומען מיט רינגען און פאַרהאַנגען מיט פאָרהאַנגען אויס געדרייטן לײַנען. אויף מזרח־זייט, ביים אַרייַנגאַנג, וועט אויף דריי זילבער־באַדעקטע זיילן אין קופּערנע שוועלן הענגען אַ פאָרהאַנג פון צוואַנציק איילן, געשטיקט אויס בלאָער וואָל, פּורפּל, ווערמילרויט און געדרייטן לײַנען. די העקלען פון די זיילן אַרום דעם הויף און זייערע רייפנבענדער וועלן געמאַכט ווערן אויס זילבער, די שוועלן אויס קופּער, אַזוי אַז פון דרויסן זאָל עס אויסקוקן ווי דער משכּן וואָלט זיך אַרויסגעגאָסן מיט זיינע פלאַמענדיקע גאָלדענע ווענט פון אַ שוימענדיקן זילבער־ים.

אָן אַ שיעור און אָן אַ צאָל זענען די אַלע מלאָכות. אויסגעשפּרייט איבער אַ וויטן שטח זענען די מעטאַל־גיסערייען און שמידערייען, אָפּגעשלאָסן פון דער מחנה מיט דערנער־צאַמען, מיט פּאַלמען־צווייגן, איבערגעצויגן מיט געפּלאָכטענע ראָגאָזשעס צו פאַרשטעלן זיי פון דער הייסער מדבר־זון. שמעלץ־טעפּ גליִען דאָרט איבער פייערן, בלעזלען־אויף דאָס צעשמאָלצענע גאָלד.

ניין, דאָס גאָלד פון דעם צירונג, וואָס דאָס פאָלק האָט צוזאַמענגעבראַכט, וועט נישט קלעקן אויף צו באַדעקן מיט דעם די ברעטער פון די ווענט, אויסצוהאַמערן דערפון די אַלע כּלים פאַר דער עבודה און די איבעריקע אויסשטאַטונג פון משכּן. אַ באַזונדער מס האָט משה דערפאַר אַרויפגעלייגט אויף איטלעכן אין דער מחנה, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, אַ שטייער־אָפּצאָל אין דער וואָג און אין דעם ווערט פון אַ האַלבן שקל, ווי אויסלייז־געלט פאַר דער זינד פון דינען צום עגל: „דער רייכער זאָל ניט מערן און דער אָרעמער זאָל ניט מינערן פון אַ האַלבן שקל”. לויט דער צאָל האַלבע שקלים, וואָס וועלן איינגעצאָלט ווערן אויף צו בויען דעם משכּן, וועט מען אויך באַקומען די צאָל מענער פון צוואַנציק יאָר און העכער, וואָס געפינען זיך אין דער מחנה. דער מס וועט, אַזוי אַרום, זיין אי אַ שטייער פאַרן משכּן, אי כּופר־געלט פאַר באַגאַנגענע זינד, אי אַ מיטל צו ציילן דאָס פאָלק. דער אָפּצאָל ווערט געגעבן אין גאָלד און זילבער, אין דער וואָג און אין דעם ווערט פון אַ האַלבן שקל, אויך אין שטאָפן, אין בשמים. דאָס מאַכט מעגלעך זיך איינצושאַפן דאָס איבעריקע גאָלד און זילבער און די טייערע שטאָפן, וואָס מען באַדאַרף האָבן פאַרן משכּן. וואָרעם דער משכּן עסט־אויף, ווי אַ היה, דאָס אָנגעזאַמלטע פאַרמעגנס פון די בני־ישראל. און עס איז גוט אַזוי, מחמת דאָס פאַרמעגנס, וואָס איז אויסגעבאָרגט געוואָרן פון די מצרים, געהערט צו יהוהן. און די גאָלדענע קרוגן, בעכערס, האַלדז־קייטן, ברוסט־שילדן, קרוינען, העלמען, זילבער־באַשלאָגענע

שטולן, טישן, זילבערנע בעקנס און פערד־געשפאַנען, — דאָס גאַנצע גוטס, וואָס איז אויסגעבאָרגט און אָנגערויבט געוואָרן פון די מצרים, ווערט פונאַנדער־געשמאָלצן אין גרויסע שמעלץ־אויוונס, און ניט איין מייסטערווערק אין צירונג אָדער אין אַ כּלי ווערט אַזוי צעלאָזן אין רוי־מאַטעריאַל פאַרן משכּן, — דאָס גאָלד באַזונדער און דאָס זילבער באַזונדער.

קופער־ערץ ווערט געבראַכט פון די סיני־פעלדער. געמישט פון געניטע בעל־מלאָכות מיט אַנדערע מאַטעריאַלן, ווערט עס אויסגעגאָסן אין פרעגנטעס פאַרבראָנדזעטער קופער. נאָר די רוי־מאַטעריאַלן אַליין ווערן געשמאָלצן. די כּלים, די חפצים, אַלץ, וואָס וועט ווערן גענוצט פאַרן משכּן, טאָר ניט גע־שמאָלצן אָדער געגאָסן ווערן אין טיגל־אויוונס, נאָר מוז אויסגעהאַמערט ווערן מיט שטיין־האַמערס. אויף גרויסע אַמבעסן, אויף פעלדזן־שטיינער, ווערן אויס־געהאַמערט פון בעל־מלאָכות, אונטער דער השגחה פון אייבער־מייסטערס, דאָס בלאַט־גאָלד, די העקלען, די רינגען, די ריגלען, די רייפנבענדער, וואָס וועלן באַדעקן און צוזאַמענהאַלטן די ברעטער פון משכּן.

די האָלץ־אַרבעטער, אין זייער אָפּטייל, שניידן־אויס פון די סאָלידע בייכער פון די אַקאַציע־שטאַמען די ברעטער פאַרן משכּן, טעסן זיי מיט שאַרפע העק, שניידן זיי צו דער גענויער מאָס, געמאָסטן מיט שטריק־מעסטער; האָלץ־שניצער שניצן די ריגלען, די רינגען און די האָקן, דאָס גאַנצע האָלץ־געווערק, וואָס דאַרף באַשלאָגן ווערן מיט גאָלד, זילבער אָדער קופער.

די האָלץ־ווערקער פון איין זייט, די קופער־גיסער פון דער צווייטער זייט, די זילבער־שלעגער און גאָלד־האַמערער אין זייער אָפּטייל. פון אומעטום גייט־אויף דאָס קלאַפּן, דאָס האַקן, דאָס בראַזגען, דאָס רוישיקע האָוועניש פון אַרבעט. פורעמס פון טעפּ, פון בעקנס, פייערפאַנען, אַש־פאַנען, בשמים־רוי־כערער, שפּרענג־בעקנס, קופּערנע געזימסן, זיפּן, וואַש־שיסלען, טראָג־שטאַנ־גען, רינגען, העקלען, שלייפן, רייפנבענדער פון גאָלד, זילבער און קופער, הער־נער און קרענץ, די אַלע טיילן פון גרויסאַרטיקן בנין ווערן אויסגעשמידט און אויסגעהאַמערט אין די אַנצאָליקע ווערקשטעלן.

און דער גרויסער אַרכיטעקט פון משכּן, דער מייסטער פון די אַלע מלאָכות, איז איינגעשלאָסן אין זיין געצעלט מיט אַ פּאָר פון זיינע נע־ענטסטע מיטאַרבעטער, מייסטערס ווי ער, און ער אַרבעט־אויס אַליין מיט זיינע הענט די אויסשטאַטונג פאַר דער עבודה, די הייליקסטע כּלים פון משכּן. זיין נאָמען — בצלאל — הייסט, אין שאָטן פון גאָט. גאָט׳ס שאָטן פאַלט איבער אים און באַשיינט אים מיט אַ געטלעכן חסד, מיטן חסד פון קינסטלער.

אַלע קונסטן זענען פאַראייניקט אין זיינע מייסטערווערק. ער זינגט־אויס דאָס געזאַנג פון באַשאַף פאַר גאָט דורך זיין קונסט. ער געפינט זיך אין שטענ־דיקער אינספּיראַציע, באַהאַפטן מיט די העכערע ספערן דורך דער וויזיע פון דעם מייסטערווערק, וואָס ער שאַפט.

ער איז אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט משהן. משה מערקט נאָר אָן פּאָר

אים די וויזיע, וואָס ער האָט געזען אויפֿן באַרג סיני פֿון יעטוועדער כּלי און יעטוועדער חפֿץ באַזונדער. און לויט דער וויזיע, פֿורעמט בצלאל אויס דאָס ווערק. נאָך אַ יונגער מענטש איז ער. די אויגן גלאַנצן ביי אים ווי דאָס פֿייער פֿון חשמל, וואָס משה האָט געזען אונטער דעם כּסא־הכּבֿוד פֿון גאָט. וואָרעם דער יונגערמאַן מיט זיינע אויגן איז איינגעעגבערט אין די הימלען, און ער האָלט־אָן פֿאַר זיין בליק די פֿאָרעם פֿון יעטוועדער כּלי באַזונדער, וואָס גאָט האָט געוויזן משהן אין אַ פֿאָרעם פֿון פֿייער.

איצט איז ער אַריינגעטון אין דעם וויכטיקסטן חפֿץ, וואָס וועט פֿאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין משכּן. דאָס איז אַ חפֿץ, וואָס צוליב אים ווערט עס דער משכּן אויפֿגעשטעלט, — דער אָרון, וואָס וועט האַלטן די לוחות מיט די עשׂרת־הדיברות, וואָס משה האָט געבראַכט פֿון הימל, דער ספֿר־הבּרית, דער תּנאַי פֿון דעם בונד צווישן יהוהן און ישׂראל.

דעם אָרון אַליין האָט בצלאל שוין געהאָט אויסגעשניטן אויס איין שטיק האָלץ־בלאָק און אים באַשלאָגן אינעווייניק און אויסווייניק מיט דעם איידלסטן גאָלד. איצט פּלאַנט ער אין זיין געטלעך־שעפּערישער פֿאַנטאַזיע דעם צודעק פֿאַרן אָרון. עס איז אַ צודעק, וואָס וועט דינען ווי אַ טראָן פֿאַר יהוהן, פֿון וועלכן ער וועט רעדן צו משהן. דער אָרון מיטן צודעק וועלן זיך געפֿינען אין דעם קדשי־קדשים, מער גאָרניט ווי נאָר דער אָרון אַליין וועט זיך דאָרט געפֿינען, מיט די לוחות באַהאַלטן אין אים. אַהין וועט אַהרן אַריינקומען איין מאָל אין יאָר, יום־כּפּור, און וועט בעטן צו גאָט נאָך פֿאַרגעבונג פֿון די זינד פֿון ישׂראל.

אויס ריינעם גאָלד האָט בצלאל געמאַכט דעם צודעק פֿון אָרון, אַ שווערע מאַסע גאָלד, איבערגעצויגן איבערן אָרון, און ער האָט אויסגעהאַמערט צוויי כּרובֿים, צוויי מעכטיקע, מיסטישע פֿייגל, וואָס זאָלן פֿאַרשאָטענען דעם אָרון מיט זייערע מעכטיקע פֿליגל. און דאָרט, צווישן די פֿליגל, צווישן די פּנימער פֿון די פֿייגל, איין פּנים אַנטקעגן אַנדערן, זאָל יהוה אָדער זיין שכינה רוען.

מערקווערדיק, אָט דאָ ערשט ניט לאַנג האָט גאָט באַפֿוילן משהן, — קיין געשניץ, קיין געשטאַלט! און בצלאל האָט געקראָגן דעם שטרענגן באַפֿעל: ניט לויטן שטייגער פֿון די מצרים אָדער אַנדערע געצנדינער זאָלסטו מאַכן דאָס הויז פֿון גאָט! קיין צורה פֿון מענטש אָדער חיה, קיין באַצירונג! און דאָ האָט מען אים געהייסן מאַכן די צורה פֿון די כּרובֿים, די צורה פֿון די כּרובֿים, אַריינגעזעצט אין דעם פּרוכת, וואָס וועט אָפּזונדערן דעם קדשי־קדשים.

בצלאל האָט אין דעם געבוי און אין דעם אויסשפּרייט פֿון די פֿליגל, אין דעם אויסלייג פֿון זייערע פֿאַכפֿעדערן געקענט אַריינוועבן די גאַנצע צאַרטקייט, האַרציקייט, רחמנותדיקייט פֿון מוטערלעכער ליבע בשעת די פֿויגל־מוטער נעמט־אַרום אירע עופֿעלעך מיט די פֿליגל. און ער האָט אויך אויסמאָדעלירט אין דעם שטרענגן, שאַרפֿן אויסבייג פֿון די פֿליגל די גאַנצע אימה פֿון דער מוטער־חיה בשעת זי באַשיצט אירע עופֿעלעך, — „אונטער דיינע

פליגל באַשיץ מיך״, — און ער האָט אויסגעקלאַפּט די פעדער־עקן ווי שטע־כעדיקע שפּיזן, ווי שאַרפע מעסערס, ווי גראַבלענדיקע קרעלן, — אַ כּלי־זיין קעגן די שונאים, וואָס קומען רויבן פון איר אירע עופעלעך. אָבער וואָסערע פּנימער זאָל ער זיי געבן? און ער מוז זיי דאָך געבן פּנימער. זיי מוזן אָנקוקן איינס דאָס אַנדערע מיט זייערע פּנימער. ניין, ניט קיין פּנים פון אַן אָדלער מיט זיין שפּיציקן, קריגערישן שנאָבל, ניט קיין פּנים פון אַ מענטש מיט אַ באָרד. די שפּעטערדיקע מסורה וויסט צו דערציילן, אַז בצלאל האָט געגעבן די כּרובים די פּנימער פון צוויי אומשולדיקע יינגלעך וואָס קוקן־אָן איינס דאָס אַנדערע מיט אַ בליק, אויף וועלכן עס הויערט דער טוי פון ריינלעכקייט, פון אומבאַפלעקטער יוגנטלעכער פריינדשאַפט. וואָרעם די צוויי פּנימער פון די צוויי כּרובים האָבן געזאָלט סימבאָליזירן דאָס איבערבעטן־זיך פון יהוהן מיט זיין פאָלק ישראל נאָך דער זינד פון עגל.

די גרעסטע שוועריקייט האָט אָבער בצלאל געהאַט מיט אויסהאַמערן די פאָרעם פון דער מנורה, וואָס גאָט האָט געזאָגט משהן, אַז זי זאָל לייכטן אין משכּן ווי אַ נר־תּמיד.

משה האָט לחלוטין פאַרגעסן די פאָרעם פון דער מנורה, וואָס ער האָט געזען אין זיין חזיון אויפן באַרג סיני, שיינענדיק אין איין שטיק פייער־גאָלד, וואָס גאָט האָט אים געוויזן. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווי זי האָט אויסגעקוקט, וואָס פאַר אַן אויסציר זי האָט געהאַט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז זי האָט געהאַט זיבן רערן, און פון איטלעכער רער האָט געלויכטן ליכט. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוווּט אַרויסרופן די אילוזיע פון דער מנורה. ער האָט אַפילו געפּרוווּט גיין אויפן באַרג סיני, טאָמער וועט זיך ווידער באַ־וויזן פאַר אים די פאָרעם פון דער מנורה, נאָר איטלעכס מאָל, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זי, איז די פאָרעם פאַרשוואונדן אינגאַנצן פון זיינע אויגן און פון זיין זכּרון.

ער האָט, לסוף, זיך פאַרלאָזט אינגאַנצן מיט דער פורעמונג פון דער מנורה אויף בצלאלס אייגענער פאַנטאַזיע.

און בצלאל האָט אויסגעהאַמערט די מנורה אויס איין שטיק גאָלד, אַ צענטנער אין וואָג. איר פוסגעשטעל און איר שטאָם דערמאָנען אָן אַ פעסט־פאַרוואָרצלטן בוים, מיט די זעקס רערן אויףביידע זייטן ווי אויסגעשטרעקטע צווייגן. צווישן איין רער און דער אַנדערער האָט ער אויסגעהאַמערט אַ מאַנדל־בלום־בעכערל, מיט אַ צאַרט־אויסגעבלעטערטן מיילכל, אַז עס דאַכט זיך, אַז עס הענגען דערויף טוי־טראָפּנס, ווי קינדער־טרערן, וואָס קוועלן אַרויס פון אַ פולן אויג. אַ בלום פון ריינקייט וועט אַרויסוואַקסן פון דעם בעכערל. און עס איז געווען, ווען די זיבן רערן פון דער מנורה האָבן זיך אָנגעצונדן, זענען אויך באַלויכטן געוואָרן די בלומען־טרערן, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ליפּן פון די בעכערלעך. און צוזאַמען מיט דעם שיין פון ליכט האָט אויך אַריינ־געטריפט אין די הערצער פון די מענטשן אַ צניעותדיקע ריינקייט, וואָס האָט זיי דערהויבן, געאיידלט און זיי משפּיע געווען מתפּלל צו זיין, וואָרעם די

מנורה איז אויך געווען ווי די געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס ציט־אויס די הענט אין אַ תּפילה צו גאָט.

ווען משה האָט דערזען די מנורה, וואָס בצלאל האָט אויסגעמייסטערט פון איין שטיק גאָלד, האָט ער אויסגערופן:

— דאָס איז די פאָרעם פון דער מנורה, וואָס גאָט האָט מיר געוויזן אויפן באַרג סיני אין ברענענדיקן פייער!

פון אַלע כּלים פון משכּן איז די פאָרעם פון דער מנורה מיטגעגאַנגען מיט די בני־ישראל אין זייער לאַנגן וועג. די מנורה, ווי די לוחות, זענען גע־וואָרן דער סימבאָל פון די בני־ישראל ביזן היינטיקן טאָג. וואָרעם אויב די לוחות שטעלן־פאָר דאָס געזעץ פון גאָט, איז די פאָרעם פון דער מנורה די תּפילה צו גאָט.

די מנורה ברענגט אַריין שבת און יום־טובדיקייט אין יידישע שטובן, ווישט אָפּ די וואָכעדיקע טרערן פון דער מאַמעס פאַרקנייטשטן פאַרמעט־פּנים און טוט־אָן די שבת־קרוין אויף איר קאָפּ. און זי לייכט, די מנורה, דורך אַלע ימים טרערן פון דעם ערשטן מאָל, וואָס אַהרן האָט זי אָנגעצונדן אין משכּן, ביז צום היינטיקן טאָג.

*

סוף־כּל־סוף איז געקומען דער גרויסער טאָג פון מקדיש־זיין דעם משכּן. עס איז געווען דער ערשטער חודש פון צווייטן יאָר פון דער באַפרייאונג. שוין אַכט טעג ווי דער משכּן איז אָפן און דער וואָלקן, וואו די שכינה פון יהוהן האַלט זיך אויף, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט און צוגעדעקט דעם קדשי־קדשים, דעם אוהל־מועד, וואָס די לוחות האַלטן זיך דאָרט אויף אין גאָלדענעם אָרון, און דער כּבוד פון יהוהן האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן משכּן.

אַ גאַנצע וואָך האָט עס גענומען משהן איינצוקנעלן מיט אַהרנען און זיינע זין דעם ריטואַל פון ברענגען קרבּנות אויפן גרויסן קופּערנעם מזבח, וואָס שטייט ביים איינגאַנג פון משכּן; פון דעמפן בשׂמים אויפן גאָלדענעם מזבח, וואָס שטייט אין מיטעלן טייל משכּן פאַר דעם לחם־הפּנים און דער מנורה. אַהרן און זיינע זין זענען די גאַנצע זיבן טעג געזעסן אין אהל־מועד און גע־ניט זיך אין ברענגען קרבּנות, געהייליקט זיך פאַר דער עבודה. אויפן אַכטן טאָג פון ערשטן חודש פון צווייטן יאָר פון זייער אַרויסגיין פון מצרים האָט משה צונויפגערופן אַלע עלטסטע פון פאָלק און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום דעם הויף פון משכּן.

און ער האָט גענומען אַהרנען און זיינע זין און ער האָט זיי געוואַשן די הענט און די פיס אין דעם קופּערנעם האַנטפאַס, וואָס שטייט אין הויף ביים איינגאַנג־טויער פון משכּן. נאָך דעם האָט ער אָנגעטון אַהרנען און זיינע זין אין דער געאָרדנטער הלבשה פון דער עבודה, וואָס בצלאל האָט געשאַפן פאַר זיי נאָך משהס אָנווייזונגען. און ער האָט אַרויפגעטון אויף זיין ברודער דאָס העמדל און אים אַרומגעגורט מיטן גאַרטל, און אים אָנגעקליידט דעם מאַנטל און אַרויפגעטון אויף אים דעם אפוד, געוועבט פון לויטער תּכלת, וואָס פון זיין עק זענען אַראָפּגעהאָנגען מילגרוימען, אויסגעאַרבעט אויס פּורפּל־וואָל, און

גאָלדענע גלעקלעך, כדי מען זאָל קאָנען הערן דעם כהן־גדול, ווען ער קומט אַריין איינער אַליין אין קדשי־קדשים, וואָס קיין אַנדערער טאָר דאָרט ניט זיין; און ער האָט אָנגעטון אַהרנען אויף דער ברוסט דעם חושן, וואָס איז, אַזוי ווי דער אפוד, אויסגעאַרבעט פון גאָלד, בלאָער וואָל, פורפל, ווערמיל־רויט און געדרייטן ליינען, מיט פיר שורות איידלשטיינער, וואָס זענען אַריינגעזעצט געווען אין אים: איין שורה פון רובין, טאָפּאַז און שמאַראַק; די צווייטע שורה: גאַר־פונקל, סאַפּירשטיין און דימענט; די דריטע שורה: יאַכצום, אַגאַט און אַמעטיסט; און די פערטע שורה: גאָלדשטיין, אָניקל און יאַשפּיז, — און אויף איטלעכן שטיין איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון אַ שבט פון די בני־ישראל; און ער האָט אָנגעטון אַהרנען די הויב אויפן קאָפּ און אַרויפגעטון אויף דער הויב די הייליקע קרוין פון ריינעם גאָלד, וואָס אויף איר איז געווען אויסגע־קריצט ווי אַ געשריפטס פון אַ זיגל: „קודש ליהוה״, הייליק צו גאָט.

און אויך די זין אַהרנס האָט משה אָנגעטון אין די העמדלעך פון ליינען, ווי עס איז פאַרגעשריבן געוואָרן פאַר זיי, און זיי אַרומגעגורט מיט גאַרטלען.

און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען:

— גענען צום מזבח און ברענג דיין זינדאָפּפער און דיין בראַנדאָפּפער, און זיי מכפר אויף זיך און אויף דעם פאָלק.

און אַהרן האָט גענענט צום קופּערנעם מזבח און האָט געשאָכטן דעם קאַלב פון זינדאָפּפער, וואָס איז געשטאַנען גרייט פאַר אים. און זיינע זין הינטער אים האָבן אויסגעשעפּט דאָס בלוט, וואָס איז גערונען פון דעם געשאָכטענעם קאַלב, אין בעקנס און דערלאַנגט עס דעם כהן־גדול.

אַהרן האָט איינגעטונקען דעם פינגער אין דעם בלוט און באַרירט מיט דעם די הערנער פון מזבח.

און די זין האָבן צוגעפירט צו אַהרנען די אַנדערע קרבנות פון טאָג, און ער האָט געטון מיט זיי לויטן דין נאָך, ווי משה האָט אים געלערנט. און ער האָט אויסגעלייגט טיילן פון די קרבנות אויפן מזבח, און די איבעריקע טיילן האָבן די זין אַוועקגעטראָגן מחוץ דער מחנה, אַזוי ווי משה האָט זיי געלערנט.

און משה און אַהרן זענען אַרויסגעגאַנגען פון אוהל־מועד צום פאָלק אַרויס, און אַהרן האָט אויפגעהויבן די הענט צום פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אַרום דעם משכן, און ער האָט זיי געבענטשט מיט דער ברכה, וואָס גאָט האָט זי געגעבן דורך משהן. און ער האָט געבענטשט די קינדער פון ישראל צום ערשטן מאָל מיט דער ברכה, וואָס איז געוואָרן די ברכה פאַר אַלע פעלקער ביזן היינטיקן טאָג:

„גאָט זאָל דיך בענטשן
און דיך היטן.
גאָט זאָל דערלייכטן דיין פּנים צו דיר
און דיך לייטזעליקן.
גאָט זאָל אויפהויבן זיין פּנים צו דיר
און זאָל טון שלום איבער דיר״.

און עס איז געווען ווי אַהרן האָט געבענטשט דאָס פאָלק, האָט אַ שיין פון

הימל אַראָפּגענידערט און איז געפאַלן איבער דעם גאַנצן פאָלק, וואָס איז גע־שטאַנען אַרום משכּן.

אינעווייניק אין משכּן האָט אַ פלאַקער־פייער זיך באַוויזן איבערן מזבח און פאַרברענט די חלקים פון די קרבנות, וואָס זענען געלעגן אויף אים.

און ווען דאָס פאָלק אינדרויסן האָט דערזען ווי דער פלאַקער־פייער איז אַרונטערגעקומען פון הימל און האָט זיך באַוויזן אויפן מזבח, זענען זיי אַרויס אין אַ געזאַנג־געשריי און געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד.

ווען משה און אַהרן מיט זיינע זין זענען צוריק אַריין אין משכּן, האָבן זיי דערזען ווי דער גאַנצער משכּן איז אָנגעפילט מיט אַ הייליקן, שוועבנדיקן רויך. די כּלים פון משכּן זענען געשוואומען ווי אין אַ וואָלקן רויך. די מנורה האָט געפינקלט מיט אירע אויסגעשפּרייטע רערן, און ליכט האָבן געברענט אין זיי. דער מן אויפן לחם־הפּנים האָט געפינקלט ווי איידלשטיינער און דורך דעם שיינעם פּרוכת זענען די שטאַנגען פון אָרון אָפּגעשטאַנען ווי צוויי יונגע בריסט פון אַ פרוי. די כּרובים איבער דעם צודעק האָבן פאַרשפּרייט זייערע פליגל און געוואָרפן אַ שאָטן, און פינקלדיקע שטערן האָבן געשיינט פון צודעק אַרונטער.

אָבער פאַר נדב און אביהוא, אַהרנס עלטערע זין, איז דאָס ניט געווען גענוג. זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַ געדיכטערן רויך, צוהעלפן מיט דעם יהוהן, — און זיי האָבן געטון אַ זאַך, וואָס משה האָט זיי ניט אָנגעזאָגט. זיי האָבן גענומען איטלעכער זיין פייערפאַן און אַרויפגעלייגט ווירעך דערויף און גע־בראַכט פאַר גאָט פרעמד פייער. און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע דעמפּיקע ווירעך־פאַנען, כּדי אָנצופילן דעם משכּן מיט ווירעך. איז אַרויס אַ פלאַמפייער פון מזבח און האָט זיי פאַרצערט אויפן אָרט, און זיי זענען געשטאָרבן פאַר גאָט אין משכּן.

ווען משה האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין ברודער:

— דאָס איז, וואָס גאָט האָט גערעדט, אַזוי צו זאָגן: „דורך מיינע נאָענטע וועל איך געהייליקט ווערן, און פאַרן גאַנצן פאָלק וועל איך געערלעכט ווערן".

אָבער אַהרן האָט געשוויגן.

און משה האָט גערופן מישאל און אלצפן, די זין פון עוזיעל, אַהרנס פעטער, און האָט זיי באַפוילן:

—געגענט, טראָגט אַרויס אייערע ברידער פון פאַר דעם הייליקטום מחוץ דער מחנה.

און זיי האָבן אַרויסגעטראָגן די צוויי פאַרברענטע אין זייערע העמדלעך, ווי משה האָט זיי געהייסן.

און צו אַהרנען האָט משה געזאָגט, און אויך צו זיינע צוויי יינגערע זין, אלעזר און איתמר, וואָס זענען געבליבן מיט זייער פאָטער אין משכּן ביי דער עבודה:

— אייערע קעפּ זאָלט איר ניט לאָזן פאַרוואַקסן, און איר זאָלט ניט רייסן קיין קריעה און ניט טרויערן, נאָר אייערע ברידער, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, זאָלן באַוויינען די פאַרברענונג, וואָס גאָט האָט פאַרברענט. און פון דער טיר פון

אוהל־מועד זאָלט איר ניט אַרויסגיין, כּדי איר זאָלט ניט שטאַרבן; וואָרעם דאָס אייל פון גאָטס זאַלבונג איז אויף אייך.

אין זיי האָבן געטון נאָך משהס וואָרט נאָך.

און מיט דעם האָט זיך אָפּגעענדיקט די הייליקונג פון משכּן.

# 11

באַלד נאָך דער הייליקונג פון משכּן האָט משה אָפּגעגעבן אַ פולן, גענויען דין־וחשבון פון דעם גאָלד, זילבער און קופּער, פון די טייערע שטיינער פון די נשׂואים, — אויף וואָס און ווי אַזוי די אַלע אוצרות, וואָס ער האָט איינגעזאַמלט פון די בני־ישׂראל, זענען פאַרברויכט געוואָרן.

אַפילו בנוגע משהן האָבן די בני־ישׂראל ניט איינגעהאַלטן זיך פון נאָכזיגגען און נאָכזאָגן אים וואָרטשפּילן, שאַרפע ווערטלעך, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער חשד... און משה האָט דערפאַר געפונען פאַר נויטיק אָפּצוגעבן אַן אָפענעם דין־וחשבון.

נאָך דעם האָט ער זיך גענומען אָרגאַניזירן אויפסניי די בני־ישׂראל.

דאָס, וואָס ניט די בני־לוי און ניט די זקנים האָבן ניט צוריקגעהאַלטן דאָס פאָלק פון מאַכן דעם עגל, ניט צוריקגעהאַלטן, אויב ניט מיט גוטן, איז אַפילו מיט מאַכט און כּוח, האָט אים קלאָר געוויזן, אַז ער מוז איינפירן צווישן די בני־ישׂראל אַ נייע דיסציפּלין, אַ מיליטערישע דיסציפּלין, וואָס זאָל באַזירן איר אויטאָריטעט אויף יהוהן. ער האָט איינגעזען, אַז די בני־ישׂראל וועלן זיך לאָזן צום בעסטן קאָנטראָלירן דורך די פאָרשטייער און די עלטסטע פון זייערע אייגענע שבטים, און ער האָט, בכן, באַשלאָסן צוריקצוגיין צום אַלטן סיסטעם פון שבטים־איינטיילונג.

דער שבטים־סיסטעם איז געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט צווישן די בני־ישׂראל און האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין זייער לעבן נאָך פון די צייטן פון מצרים, אַז ער האָט זיך באַין־אופן ניט געלאָזט אָפּשאַפן. משהן איז איצט קלאָר געווען, אַז נאָר דורך דעם סיסטעם וועט זיך אים איינגעבן איינצופירן די מיליטערישע דיסציפּלין, ווי זיין שווער יתרו האָט אים געהאָט געעצהט.

ער האָט צוערשט אַדורכגעפירט אַ ציילונג פון פאָלק, אַ ציילונג פון אַלע מאַנסבילן פון צוואַנציק יאָר אַן אין איטלעכן שבט באַזונדער. און ער האָט, אויף גאָטס באַפעל, באַשטימט איין מענטשן אין איטלעכן שבט פאַר דעם עלטסטן פון שבט. פאַר דעם שבט ראובן האָט ער באַשטימט אליעצר בן שדיאור; פאַרן שבט שמעון — שלמיאל בן צורישדי; פאַרן שבט יהודה — נחשון בן עמינדב, און אַזוי ווייטער. און ער האָט איטלעכן שבט אויסגעטיילט אַן אייגענע פאָן,

מיט די אייגענע שילד־צייכנס פון איטלעכן שבטס יחוס; און ער האָט אויס־געטיילט פאַר איטלעכן שבט באַזונדער אַ באַשטימטן אָרט אין דעם לאַגער אַרום דעם משכּן.

די מענער איבער צוואַנציק יאָר פון איטלעכן אָנגעהעריקן שבט זענען גערופן געוואָרן חייל, און דער ראש פון שבט — פּירשט. דאָס גאַנצע חייל צו־זאַמען איז צעטיילט געוואָרן אויף פיר לאַגערן, צו דריי שבטים אויף אַ לאַגער. איטלעכער לאַגער האָט געהאַט זיין אייגענע פאָן, וואָס אונטער איר האָבן זיי גערוט. אַחוץ דעם, האָט אין דער מיט פון איטלעכן שבט אין לאַגער געפלאַטערט די אייגענע פאָן מיט אירע אָנגעהעריקע עמבלעם־צייכנס. די צייכנס זענען גע־ווען אַן אילוסטראַציע פון די בילדלעכע ברכות, מיט וועלכע יעקב האָט געבענטשט אַלע זיינע זין פאַרן טויט. אַזוי האָט די פאָן פון שבט יהודה, וואָס איז אין דער נייער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע געהאַלטן געוואָרן פאַרן ערשטן שבט, געטראָגן אויף זיך דאָס בילד פון אַ לייב; די פאָן פון שבט זבולן — דאָס בילד פון אַ שיף.

די פירשטן פון די שבטים האָבן געפייערט זייער איינסטאַלירונג מיט ברענגען מתּנות פאַר יהוהן.

זיי האָבן, ראשית, צוגעשטעלט זעקס צוגעדעקטע וועגענער און צוועלף רינדעראָקסן אויף צו פירן דעם פונאַנדערגענומענעם משכּן פון אָרט צו אָרט. אַלע צוויי שבטים האָבן בייגעטראָגן צו איין וואָגן און צוויי אָקסן.

משה האָט גענומען די וועגענער און די שלעפּ־אָקסן און זיי איבערגעגעבן די לויים. צוויי פון די וועגענער זענען געגאַנגען צו די בני־גרשון, פיר וועגע־נער און אַכט אָקסן — צו די בני־מררי, — די צוויי לויים־משפּחות, וואָס זייער עובֿדא איז געווען צו פירן דעם משכּן, ווען די מחנה פון ישראל איז געווען אין וועג. זיי זענען געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון איתמר, דעם זון פון אַהרן הכּהן. די כּלים פון משכּן, וואָס מען האָט זיי געמוזט איבערטראָגן ווי אַ באַזונדער לאָדונג אויף די אָקסן, זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער לויים־משפּחה, די בני־קהת.

די פירשטן האָבן ווייטער געפייערט זייער באַטרעטן דעם אַמט פון עלטסטע דורך ברענגען קרבּנות צום משכּן. איטלעכן טאָג האָט אַן אַנדער פירשט פון אַ שבט געפייערט די הייליקונג פון משכּן, און דער טאָג איז אָנגערופן געוואָרן אין משכּן דער טאָג פון אָנגעהעריקן שבט. דעם ערשטן טאָג פון פייערונג האָט משה צוגעטיילט ניט דעם שבט ראובן, וואָס האָט געהאַט די בכורה, ניט אַפילו דעם שבט לוי, וואָס האָט געטראָגן די גייסטיקע בכורהשאַפט; דעם כּבוד האָט משה צוגעטיילט דעם איידעלן שבט יהודה, זיין פירשט נחשון בן עמינדב, וואָס איז דער ערשטער אַריין אין ים אַריין ביי קריעת ים־סוף.

נחשון בן עמינדבס קרבּן איז געווען אַ זילבערנע שיסל, וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פון זי־בעציק שקל וואָג,ביידע פול מיט זעמלמעל, פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייז־אָפּפער, און איין גילדערנע שאָל פון צען שקל וואָג, פול מיט ווייערעך; איין יונג עקסל, איין ווידער, איין שעפּס פון אַ יאָר — פאַר אַ בראַנדאָפּפער, איין

ציגנבאָק פֿאַר אַ זינדאָפּער, און פֿאַר אַ פֿריד־אָפּער — צוויי רינדער, פֿינף ווידערס, פֿינף בעק און פֿינף שעפּסן פֿון איין יאָר.

און אויפֿן שטייגער פֿון נחשון בן עמינדבס געשאַנקען און קרבנות פֿאַרן משכּן זענען געווען די קרבנות און די געשאַנקען פֿון איטלעכן פֿירשט פֿון איט־לעכן שבט.

צוועלף טעג האָט געדויערט די פֿייערונג, לויט דער צאָל שבטים, און איט־לעכן טאָג איז איין פֿאַרטרעטער פֿון אַ שבט געזאַלבט געוואָרן פֿאַר אַ פֿירשט אין ישראל.

די לוויים, וואָס נאָך זינט די צייטן פֿון מצרים זענען זיי געווען די אויפֿ־זעער איבער די בני־ישראל, זענען איצט אינגאַנצן אָוועקגעגעבן געוואָרן דער עובֿדא פֿון באַדינען דעם משכּן. איטלעכער לוי האָט פֿון פֿינף־און־צוואַנציק יאָר אָן ביז ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פֿון פֿופֿציק געמוזט דינען אַקטועל ביים משכּן. נאָך פֿופֿציק איז די אַקטועלע אַרבעט אָרונטערגענומען געוואָרן פֿון אים, ער איז דאָך פֿאַרבליבן ביים משכּן „אונטערצוהעלפֿן זיינע ברידער צו היטן די אָרדענונג".

די עובֿדא פֿון די לוויים איז געווען ניט נאָר אַכטונג צו געבן אויפֿן משכּן, צו באַוואַכן אים, צו האַלטן אים און זיינע כּלים אין ריינקייט און אים טראַנס־פּערירן פֿון אָרט צו אָרט; זיי זענען אויך אָפּגעגעבן געוואָרן אין רשות פֿון אַהרנען און זיינע זין צו טון די עבֿודה פֿון די בני־ישראל אין אוהל־מועד. זיי האָבן אַרויסגעהאָלפֿן די כּהנים אין זייער פֿאַרצווייגטער אַרבעט — פֿון אָפּרייניקן דעם אַש פֿון מזבח און אָפּוואַשן דאָס בלוט דערפֿון, ביז אַכטונג צו געבן, אַז די קרבנות זאָלן זיין אָן אַ מום, לויטן דין, שוין אָפּגערעדט פֿון שייערן און רייניקן די כּלים און האַלטן זיי אין פֿעכלדיקן גלאַנץ.

די לוויים זענען געהאַלטן געוואָרן פֿאַר די בכורים פֿון ישראל. און אַזוי ווי איטלעכער בכור, וואָס עפּנט צוערשט דעם טראַכט פֿון דער מוטער, געהערט צו גאָט („וואָרעם מיר געהערט איטלעכער בכור צווישן די קינדער פֿון ישראל, סיי פֿון מענטש, סיי פֿון בהמה... פֿון דעם טאָג, וואָס איך האָב דערשלאָגן אַלע בכורים פֿון מצריים"), האָט משה, אין נאָמען פֿון יהוהן, דערקלערט די לוויים פֿאַר שקלאַפֿן פֿון משכּן, וואָס געהערן צו גאָט. מען האָט זיי אָנגעטון ווייסע, געוואַשענע העמדער, זיי אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ און די באָרד, כּדי מען זאָל דערקענען אין זיי די טעמפּל־שקלאַפֿן, און אַהרן האָט מכפּר געווען אויף זיי און זיי מקדיש־געווען צו דער עבֿודה פֿון משכּן.

די עבֿודה אין משכּן איז אויך ניט געווען די איינציקע טואונג פֿון די כּהנים. דער כּהן איז אויך געווען דער היילער צווישן די בני־ישראל. צו אים איז מען אָנגעקומען מיט אַלע מינים חולאתן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער מחנה פֿון ישראל. דער עיקר, אָבער, האָט דער כּהן געהאַלטן אַן אויג אויף אָנשטעקיקע קראַנקהייטן, ווי הויט־אָנצינדונג, צרעת, אַלערליי אויסשיטן און אויספֿלוסן, און ער האָט, לויט סימנים, וואָס זענען אים באַוואוסט געווען, גע־שטעלט דעם דיאַגנאָז, צי די קראַנקהייט איז צום אויסהיילן און טראָגט ניט קיין סכּנה פֿון אָנשטעקונג, אָדער זי איז פֿון אַזאַ נאַטור, אַז זי שטעלט־אויס די

מחנה אויף סכּנות פון מגפה־אויסבראָך. די אָנשטעקיק־קראַנקע זענען איזאָלירט געוואָרן, ביז זיי זענען מער ניט געווען קיין סכּנה פאַר די געזונטע. דערקלערט פון כּהן פאַר אויסגעהיילט, האָבן די איזאָלירטע געבראַכט אַ רייניקונג־אָפּער און זיך אומגעקערט צוריק צו דער מחנה. די לוויים זענען אויך באַהילפיק געווען אין דער עובדא פון אויפהאַלטן און אויפהיטן דאָס געזונט פון דער מחנה.

כּדי צו שאַפן די מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די כּהנים, אינאיינעם מיט אַ גאַנצן שבט, פאַר דער באַדינונג פון משכּן, האָט אהרן מיט זיינע זין אויסגע־אַרבעט אַ גאַנצן צערעמאָניאַל פאַר ברענגען קרבנות. אָן אַ שיעור זענען געווען די קרבנות, וואָס די בני־ישראל האָבן באַדאַרפט ברענגען אין משכּן צו די כּהנים. פאַר יעטוועדער מינדסטן פאַרברעך, וואָס איינער איז באַגאַנגען, האָט ער געמוזט ברענגען אַ קרבן; און אַזוי ווי דער קרבן איז געווען צוגלייך אַ ווידוי אויף דער פאַרבאַרגענער זינד, איז ער איינגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשיידענע פאָרעמס און תּנאים. עס זענען געווען זינד־אָפּער, רייניקונג־אָפּער, פריד־אָפּער, בראַנד־אָפּער, שפּייז־אָפּער. די אַלע אָפּער זענען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע בהמות, קליין־פי, עופות, שפּייז, איילן; פון אָקסן, רינדער, שעפּסן, ציגנבעק, טויבן. אַחוץ אַ טייל אָפּער, וואָס זענען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן אויפן מזבח, איז אָבער פון די מערסטע אָפּער נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל אָפּגעגעבן געוואָרן דעם מזבח, ווי אַ שפּריץ בלוט, אַביסל פעטס, נירן, פיסלעך. דאָס אי־בעריקע, — דאָס פלייש פון די קרבנות, פון די אָקסן, שעפּסן, ציגן, דער אייל, דאָס זעמל־מעל, — איז אַלץ אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די כּהנים און די לוויים. שפּעטער וועט משה נאָך באַשטימען אַ ספּעציעלן מס, וואָס זאָל גיין פאַר די כּהנים און די לוויים: מעשר פון יעטוועדער שניט, אַחוץ דעם אויסלייז־געלט פון איטלעכן מענטשלעכן בכור און דעם קרבן פון איטלעכן בכור ביי בהמות און פי.

כּדי צוצוגעבן דעם איינשטעל פון קרבנות־ברענגען די מראה פון אַ טיף־רעליגיעזן אַקט, האָבן די כּהנים אויסגעאַרבעט זייער פיל ריטועלע כּללים, וואָס מען האָט זיי געמוזט אויספאָלגן אות־באות ביי איטלעכן מין קרבן באַ־זונדער. די כּללים האָבן אָנגעוויזן וויפל עס זאָל אָפּגעגעבן ווערן פון איט־לעכן אָקס, שעפּס און רינד, וואָסער טייל עס זאָל געהערן צו גאָט צום פאַר־ברענען אָדער צום דעמפן און וואָסער טייל עס זאָל געהערן צום כּהן; ווער עס מעג יאָ עסן פון דעם פלייש פון קרבן און ווער ניט, ווער עס מעג אָפּרייניקן דעם אַש און דאָס בלוט פון דעם מזבח און ווער ניט. דער ריטואַל איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין אַזאַ פאָרעם, גלייך ער וואָלט געקומען פון דעם איין־און־איינציקן, אַלמעכטיקן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד.

דאָס געשריי קעגן די כּהנים האָט זיך שפּעטער געהערט דורכן מויל פון די נביאים. אין נאָמען פון יהוהן פּראָטעסטירן זיי קעגן די קרבנות: „צו וואָס מיר אייערע פיל שלאַכטאָפּער?" — זאָגט גאָט. — „איך בין זאַט מיט בראַנד־אָפּער פון ווידערס, מיט פעטס פון געשטאָפּטע, און בלוט פון אָקסן, שעפּסן און בעק וויל איך ניט האָבן". ניין, יהוה האָט זיי ניט באַדאַרפט האָבן, די קרבנות. דער בעסטער קרבן פאַר אים איז אַ צעבראָכן האַרץ, — האָט געזונגען דער

זיסער זינגער פון ישראל. די שפּעטערדיקע דורות האָבן פאַרביטן דאָס קרבנות־ברענגען אויף תּפילה. אָבער די כּהנים און די לויִים האָבן יאָ באַדאַרפט האָבן די קרבנות: פאַר זיי זענען די קרבנות געבראַכט געוואָרן, ניט פאַר גאָט. וואָרעם די קרבנות האָבן זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אַ גאַנצן שקלאַפן־שבט ביים משכּן.

*

בשעת אַהרן מיט זיינע זין האָבן אויסגעאַרבעט דעם ריטואַל פון די קרבנות און דעם צערעמאָניאַל פון דער עבודה אין משכּן, האָט משה געבראַכט צו די בני־ישראל, אין נאָמען פון יהוה, אַ רייכן קאָדעקס געזעצן, וואָס האָבן גע־לייגט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער מאָראַל, האָבן געפורעמט דעם כאַראַק־טער פון יידישן פאָלק אויף אַלע צייטן און אים געגעבן דעם כּוח פון ווידער־שטאַנד, דעם כּוח צו דערהאַלטן זיך דורך דעם ים יסורים, וואָס די געשיכטע האָט געבראַכט אויף אים.

משה האָט זיך געשטעלט צוויי אויפגאָבן. די ערשטע אויפגאָב איז געווען — צו באַשאַפן אַ ציוויליזאַציע פאַר אַ פאָלק, וואָס באַדאַרף ערשט ווערן, אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט. דאָס לאַנד איז נאָך דערווייל באַזעצט פון דער געבירטיקער באַפעלקערונג. די געבירטיקע באַפעלקערונג איז זינ־דיק, געצנדינעריש און טרייבט מעשׂי־סדום. דערפאַר פאַריאָגט זיי גאָט פון זיי־ער לאַנד, כּדי צו מאַכן פלאַץ פאַר דעם פאָלק, וואָס באַדאַרף פירן אַ לעבן פון אַ הייליק פאָלק און שאַפן די נייע ציוויליזאַציע, אַ ציוויליזאַציע, וואָס זאָל ווערן דער מוסטער פאַר דעם באַנעמען־זיך פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. פאַר דעם צוועק גיט גאָט משהן אינסטרוקציעס וועגן געזעצן און דינים, אינסטי־טוציעס און אָרגאַנען, וואָס ער זאָל איינפירן אין דעם נייעם לאַנד, וואָס די בני־ישראל וועלן באַזעצן, אויף צו קאָנטראָלירן זייער שטייגער לעבן און זיי האַלטן אין דער דיסציפּלין פון דער געטלעכער אָרדענונג, אָדער ציוויליזאַציע, וואָס גאָט וויל שאַפן, מיט זיי, די בני־ישראל, פאַר אַ מעדיום.

דערווייל אָבער באַשטייט דער מעדיום פון נעכטיקע שקלאַפן מיט דער פּסיכאָלאָגיע און די נטיות פון אייביקן שקלאַף. אַחוץ דעם גרויסן ערב־רב, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט די בני־ישראל פון מצריים, דעם אויסמיש פון פאַר־שיידענע פעלקער, וואָס האָט נאָך געשטעקט אין געצנדינעריי און איז צוריק־געפאַלן צו דעם ביי דער מינדסטער געלעגנהייט, האָבן צווישן די שבטים פון ישראל גופא זיך געפונען עלעמענטן, וואָס זענען נאָך פון מצריים אָן געווען אַסימילירט מיט די הינטערשטעליקע, פאַרגרעבטע שיכטן פון די מצרים. דער גאַנצער שבט דן, אַ שטייגער, האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו געצנ־דינעריי. דער עגל, מיט די אַלע אומווערדיקייטן, וואָס די עבודה צו אים ברענגט מיט זיך, איז געווען מער צוגעפּאַסט צו זייער נידעריקן גייסטיקן צושטאַנד, איידער דאָס הויכע מאָראַלישע אויפפירן־זיך, וואָס דער גאָט פון ישראל וויל זיי פאַר דעם מתנה־זיין. אַפילו נאָכן עגל האָבן זיי געהאַלטן אין איין בענקען נאָך אים און זיי האָבן געדינט צו אים אין געהיים. פיל פון זייערע פרויען האָבן געהאַט מצרישע מאַנען, און זיי זענען מיטגעגאַנגען מיט די ווייבער ווי אַ טייל

פון דעם ערב־רב ביי יציאת־מצריים. אַפּילו אין זייער פאַמיליע־לעבן האָבן זיי זיך געפירט ווי די מצרים, און עס איז געווען צווישן זיי פיל זנות און שמוציקייט, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר לייכטע קרבנות פון אַלערליי עבודה־זרות.

משה האָט באַדאַרפט דערציען דעם שקלאַפן־עלעמענט טריט ביי טריט, כּדי צו ברענגען אים צו דער מדרגה פון קאָנען פאַרנעמען די געבאָטן פון יהוהן. ער האָט געמוזט אַרויסברענגען אַ גאַנצע ריי היגיענישע און סאַניטאַרישע פאַראָרדענונגען, כּדי צו האַלטן דעם לאַגער ריין און געזונט, און ער האָט זיי דערקלערט פאַר דירעקטע געבאָטן פון יהוהן, ווייל נאָר אַזוי אַרום, ווען אָנגענומען ווי מצוות, ניט ווי פּשוטע פאַראָרדענונגען, האָבן זיי באַקומען וואָג אין די אויגן פון דעם שקלאַפן־עלעמענט אין דער מחנה און זענען גיכער אויסגעפאָלגט געוואָרן. אַפּילו אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך ווי האָבן נקיות בצינעה, וואָס איז אַזוי נויטיק געווען פאַר דעם גוטן געזונט־צושטאַנד פון גאַנצן לאַגער, האָט געמוזט דערקלערט ווערן ווי אַ מצווה אין נאָמען פון יהוהן: „און אַן אָרט זאָלסטו האָבן אויפן לאַגער, און אַהין זאָלסטו אַרויסגיין. און אַ פלעקל זאָלסטו האָבן ביי דיין וואָפן; און עס וועט זיין, אַז דו זעצסט זיך דרויסן, זאָלסטו דערמיט אויפגראָבן, און זיך אומקערן און פאַרדעקן דיין קויט״.

די לויים האָבן אויפגעפאַסט אויף דער אָרדענונג אין לאַגער און באַשטראָפט אַליין פאַר טייל פאַרברעכנס, ווי חילול־השם בפרהסיא, אָדער דאָס שעלטן דעם נאָמען פון גאָט. עס זענען געווען פאַלן פון פאַרברעכנס אין לאַגער, פאַר וועלכע מען האָט באַשטראָפט מיט טויט דורך סקילה.

אַ גאַנץ אַנדער משה איז געווען דער משה פון נאָכן עגל. ער האָט איינגעזען, אַז נאָר דורך אַן אייזערנער דיסציפּלין און אַ שטראָפנדיקער האַנט קאָן ער דערציען דאָס פאָלק פאַר דער מיסיע, וואָס גאָט האָט באַשטימט פאַר אים.

און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן געזעצן אין נאָמען פון יהוהן, וואָס זאָלן רעגולירן די אַלע טואונגען פון מענטשן נישט נאָר אין זייער פאַרהעלטעניש פון איינעם צום צווייטן, אין זייער פאַרהעלטעניש צו גאָט, נאָר אין זייער פאַרהעלטעניש, אין זייער באַנעמען־זיך צו זיך אַליין, אָנווייזנדיק זיי ווי צו האַלטן זיך ריין און ציכטיק, וואָס זיי מעגן יאָ עסן און וואָס זיי טאָרן ניט עסן, כּדי „צו מאַכן פון זיי אַ הייליק פאָלק״.

מיר ווייסן ניט, פאַרוואָס משה האָט אויסגעשלאָסן געוויסע בהמות, חיות־ברואים, פיש, אַלערליי שרצים און פאַרווערט זיי ווי שפּייז פאַר די בני־ישראל. אפשר האָט ער געזען אין דעם אַ היגיענישע פאַרהיטונג־מיטל, אַ באַוואָרעניש קעגן דער סכּנה פון קראַנקהייטן. מעגלעך, אַז דער הייסער קלימאַט, אין וועלכן די בני־ישראל האָבן געלעבט, האָט עס באַוועגט משהן צו דערקלערן די ספּעציעלע געזעצן פון דיעטע. עס איז אויך גריילעך מעגלעך, אַז דאָס לעכצן נאָך פלייש מצד די געזונטע, שטאַרקע מענער אין לאַגער, וואָס דער וואַסערדיקער מן האָט זיי ניט געקאָנט זעטיקן, האָט געהאַט אַרויסגערופן ביי משהן די מורא פאַר דער סכּנה פון פאַרגיפטונג מיט זשאַבעס און אַנדערע מינים שרצים, אויב ער וועט לאָזן די דיעטע ניט־קאָנטראָלירט. און כּדי צוצוגעבן דעם געבאָט די

וואַגיקייט פון אַ מצווה, האָט ער אים, ווי יעטווועדער אַנדערן פון זיינע געבאָטן, דערקלערט פאַר אַ געבאָט אין דעם נאָמען פון יהוהן.

משה און דער וועד, וואָס האָט אים געהאָלפן צוזאַמענשטעלן די רשימה חיות, שרצים, „די אַלע, וואָס קריכן אויף זייערע בייכער", פיש און ים־ברואים, וואָס האָבן ניט קיין שופּן, האָבן געמוזט האָבן אַ גרויסע ידיעה וועגן דער סכּנה פון פאַרגיפטונג און פון אַנשטעקיקע הויט־קראַנקהייטן, וואָס די ברואים טראָגן אין זיך פאַר מענטשן אין אַ הייסן קלימאַט. מען דאַרף געדענקען, אַז משה האָט אַרויסגעפירט פון מצריים געזונטע אַרבעט־פעאיקע מענער און פרויען, וואָס זענען געוואוינט געווען צו נערן זיך סיי מיט ווערים און זשאַבעס, וואָס דער נילוס וואַרפט־אָפּ, סיי מיטן פלייש, וואָס די רייכע פּעטע פאַשע־פעלדער פון מצריים שטעלן־צו. ער האָט די מענער געהאַלטן אויף דעם קאַרגן שליימיק־וואַסערדיקן מן. די מענטשן האָבן געלעכצט נאָך פלייש, זייערע ציין, צונגען און ליפּן האָבן געחלשט צו קנאַקן, צו סמאַטשקען און צו נאָגן די ווייך־ביינערדיקע, מאַרך־זאַפטיקע ברואים. זיי זענען גרייט געווען צו פאַרשלינגען כלערליי ווערים, היישעריקן, עקדישן, שפּינען, אַלדאָס לעבעדיקע, וואָס איז זיי אַנטקעגנגעקומען, און צו כאַפּן אין רויטן ים אַלערליי סם־טראָגנדיקע שרצים. משה, וואָס איז אַזוי באַזאָרגט געווען צו ברענגען אין דעם לאַנד אַריין, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט, אַ פיזיש שטאַרק פאָלק, ווי אַ הויך־מאָראַליש פאָלק, האָט געמוזט אָננעמען מיטלען אויפצוהאַלטן און אָפּצוהיטן דאָס געזונט פון דער מחנה.

אָבער אַחוץ זייער צייטווייליקן ווערט, האָבן די אַלע געזעצן פון דיעטע, פאַראָרדענונגען וועגן ריינהאַלטונג און געזונט־פאַרהיטונג געהאַט אַ מעכטיקע דערציערישע פּעולה אויפן יידישן כאַראַקטער, אויף דער יידישער באַנעמונג און אויף דער יידישער פּסיכיק. שוין דאָס דערקלערן דעם הויכן פּרינציפּ, אַז יעטוועדער לעבעדיקע בריאה געהערט צו גאָט, און דערפאַר האָסטו ניט קיין רעכט זי צו טייטן אויף צו שטילן דיין אייגענעם אַפּעטיט אָדער פאַר עפּעס אַן אַנדער נוצן, סיידן נאָר דו ברענגסט זי פאַר אַ קרבן צו גאָט, וואָס דענסמאָל קאָנסטו אין געוויסע פאַלן אויך נהנה־זיין פון איר פלייש, האָט אַרויסגעבראַכט די הומאַניטאַרע פאַרהעלטעניש ביים יידן צו גאָטס ברואים. אויך די בהמה איז אין זיינע אויגן געוואָרן אַ צוגעהעריקע צו גאָט, וואָס פון איר בלוט טאָר ער ניט נהנה־זיין, מחמת בלוט איז לעבן, און דאָס לעבן געהערט צו גאָט. און דאָס האָט שפּעטער אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע ריי געזעצן, וואָס האָבן איינגעשטעלט די פאַרהעלטעניש צו בהמות. ער טאָר ניט פאַרשליסן דאָס מויל פון אָקס בשעת ער דרעשט; די בהמה האָט געמוזט רוען מיט אים אום שבת; ער האָט איר באַדאַרפט פריער געבן עסן און טרינקען, איידער ער עסט און טרינקט אַליין. און ביז צו דער היינטיקער צייט איז די שחיטה דער סאַמע הומאַניטאַרער שטייגער פון טויטן בהמות פאַרן מענטשלעכן געברויך, ווייל דורך איר איז דער טויט פון דער בהמה געווידמעט ניט צום מענטשן, נאָר צו גאָט.

די געזעצן פון דיעטע און ריינהאַלטונג האָבן אויך געהאַט זייער גרויסן ווערט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געהאָלפן דערציען דעם כאַראַקטער פון יידן. ער איז איינגעהאַלטן און האָט אַ גרענעץ אין זיין עסן. ער דיסציפּלינירט זיין

לעבן. וואָס שייך די געזעצן פון ריינלעכקייט, ווען מיר זאָגן ווי דער גרויסער רבי האָט געזאָגט: „טויטע ביינער מאַכן ניט אומריין און וואַסער מאַכט ניט ריין. נאָר עס איז אַ גזירה פון הימל, מוזן מיר עס האַלטן". די געזעצן פון ריינלעכקייט זענען געווען די שוץ־ווענט, וואָס האָבן ניט דערלאָזט, אַז דער קליינער אינדזל פון די בני־ישראל זאָל פאַרפלייצט ווערן אין אַ ים פון עבודה־זרה, שמוץ און אויסגעלאַזנקייט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. די געזעצן פון ריינלעכקייט זענען געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו האַלטן דעם יידישן מענטשן אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיין גאָט. „פאַר וועמען רייניקט איר זיך?" — פרעגט דער גרויסער ר' עקיבא — „פון גאָטס וועגן".

*

מיר גלויבן, אַז די אַלע געזעצן פון דיעטע און ריינהאַלטונג, וואָס משה האָט אַרויסגעגעבן, זענען געווען פאַראָרדענונגען, וואָס זייער כוונה איז געווען דאָס פאַרהיטן די בני־ישראל פון פאַרגיפטונג דורך ניט־פּאַסיקע שפּייזן, פון אַנשטעקיקע קראַנקהייטן, וואָס קומען פון אומזויבערקייט. מחמת דעם האָט משה אַזוי מקפּיד געווען, אַז ניט נאָר זאָלן זיי ניט עסן קיין אומריינע ווערעם, נאָר אויך ניט באַרירן קיין נבלה אָדער יעטוועדער אַנדער אומריינקייט. משה האָט געמיט זיך מיט אַלע זיינע כּוחות ניט נאָר צו דערציען די בני־ישראל גייסטיק, נאָר אויך אויפצוציען זיי פיזיש, צו מאַכן זיי פאַר אַ געזונט, שטאַרק פאָלק, כּדי זיי זאָלן קאָנען ווערן דאָס הייליקע פאָלק, וואָס גאָט וויל מאַכן פון זיי.

די אַלע געזעצן זענען געווען דערווייליקע פאַראָרדענונגען, פאַראָרדע־נונגען פאַר דער צייט, וואָס זיי וועלן זיך געפינען אין מדבר. אָנטקעגן־אָבער פאַר זייער אויפפירן־זיך אין דעם פעסטן לאַנד, וואָס זיי וועלן באַזעצן, האָט משה געשאַפן אַ ריי פּערמאַנענטע געזעצן, וואָס זאָלן רעגולירן דאָס יידישע לעבן און זיי ברענגען צו דער מדרגה פון אַן עם־קדוש. די געזעצן שיינען־אַרויס מיט זייער אייביקער ווערטיקייט פון די אַנדערע געזעצן, וואָרצלען זיך איין מיט זייער טיפער מאָראַל, מיט זייער פּרינציפּ פון יושר אין דער אָרדענונג און אין דעם באַנעם פון אַלע אַנדערע ציוויליזאַציעס ביז צום היינטיקן טאָג. זיי גילטן פאַר אונדז היינט, ווי זיי האָבן געגאָלטן אין יעטווע־דער ציוויליזאַציע, וואָס איז אינספּירירט פון דעם גייסט און דער לערנונג פון גאָט דורך אַלע זיינע נביאים.

משה פירט־איין דעם פּרינציפּ פון שמיטה און יובל. ער שטעלט־איין אַ זיבעטן רו־יאָר פאַר דער ערד, ווי דער זיבעטער רו־טאָג איז פאַר מענטש און לאַסט־חיה. אַ האַרטער אַגראַרישער איינפיר, וואָס די מענטשן וועלן ערשט שפּעטער אויסגעפינען זיין נוצן און נויטיקייט. דער פּרינציפּ פון יובל באַדייט, אַז די ערד געהערט צו גאָט, און דער מענטש קאָן די ערד אויסנוצן נאָר פאַר אַ באַשטימטער, באַגרענעצטער צייט.

משה וואָרנט די בני־ישראל, זיי זאָלן ניט נאָכטון די מצרים אָדער די כּנענים אין זייערע מנהגים, אין זייערע חוקים, אין זייער אויפפירן־זיך. „איר

זאָלט היטן מײַנע חוקים און מײַנע געזעצן, וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי".

און וואָס באַשטייען די חוקים און די מעשים פון די מצרים און די כנענים, וואָס גאָט וואָרנט אַזוי די בני־ישראל קעגן זיי?

זייערע מעשים באַשטייען אין בלוט־שאַנד, אין לײַבלעכער נאָענטקייט צווישן גאָר נאָענטע קרובים. עס איז ניטאָ קיין פאַרבאָט פאַר אַ מצרי חתונה צו האָבן מיט זײַן אייגענער שוועסטער, אָדער פאַר אַ כנעני צו לעבן מיט זײַן אייגענער מוטער. און אַז אַ פאָטער זאָל מאַנס זײַן זײַן אייגענע טאָכטער, אָדער אַז איינער זאָל באַגיין די אומוועדיקייט פון משכב־בהמה, — דאָס איז ניט קיין זעלטנקייט ביי די פעלקער. עס זענען צוליב דעם געבוירן געוואָרן ביי זיי דעגענערירטע דורות, ווילדע ברואים, בעלי־מום, אידיאָטן, אויסוואורפן.

פון הײַנט־מאָל אָן וועט עס פאַרבאָטן ווערן. אַ שטרענגע ליניע ווערט געצויגן אין לײַבלעכער נאָענטקייט צווישן מיטגלידער פון איין משפחה. אַ נײַער פאַמיליע־בונד וועט דורך דעם אויפקומען אין לעבן, אַ פאַמיליע־בונד, וואָס וועט געהייליקט ווערן דורך אַ רעגולירטן, אין ריינלעכקייט איינגעשטעלטן געשלעכט־לעבן. דער נײַער פאַמיליע־בונד וועט שפּעטער ווערן דער מוסטער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און מען וועט זיך וואונדערן ווי אַזוי האָט עס גאָר אַמאָל געקאָנט אַנדערש זײַן, און מען וועט זיך פרעגן, ווער איז דער, וואָס האָט געשטעלט אַ מחיצה אין לײַבלעכער נאָענטקייט צווישן די מיטגלידער פון איין פאַמיליע.

„די שאַנד פון דײַן פאָטער און די שאַנד פון דײַן מוטער (דאָס הייסט, געשלעכטלעכע פאַרהעלטעניש) זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן. זי איז דײַן מוטער, טאָרסטו ניט אַנטפּלעקן איר שאַנד".

„די שאַנד פון דײַן פאָטער'ס ווײַב זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן. די שאַנד פון דײַן שוועסטער, דײַן פאָטער'ס טאָכטער, אָדער דײַן מוטער'ס טאָכטער, געבוירן אין הויז אָדער פון אויסן, זייער שאַנד זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן".

„און פון דײַנע קינדער זאָלסטו ניט געבן צו מולך".

„און מיט אַ מאַנספּאַרשוין זאָלסטו ניט ליגן ווי מען ליגט מיט אַ פרוי. אַן אומוועדיקייט איז דאָס".

„און מיט קיין בהמה זאָלסטו ניט ליגן זיך צו פאַראומרייניקן מיט איר. און אַ פרוי זאָל ניט שטיין פאַר אַ בהמה צו ליגן מיט איר. אַ פאַרמישונג איז דאָס".

„איר זאָלט אײַך ניט פאַראומרייניקן מיט אַלע די דאָזיקע זאַכן, וואָרעם מיט אַלע די דאָזיקע זאַכן האָבן זיך פאַראומרייניקט די פעלקער, וואָס איך טרײַב אַרויס פון פאַר אײַך. און דאָס לאַנד איז געוואָרן אומריין, און איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט איר פאַר איר זינד, און דאָס לאַנד האָט אויסגעשפּיגן אירע באַוואוינער".

„איטלעכער, וואָס וועט טון פון אַלע די דאָזיקע אומוועדיקייטן, זאָל פאַרשניטן ווערן פון צווישן זײַן פאָלק".

„הייליק זאָלט איר זיין, וואָרעם איך, יהוה אייער גאָט, בין הייליק“.

„אַז איר שניידט דעם שניט פון אייער לאַנד, זאָלט איר ניט דערענדיקן שניידן דעם עק פון לאַנד... פאַרן אָרעמאַן און פאַרן פרעמדן זאָלט איר עס איבערלאָזן. איך בין יהוה. איר זאָלט ניט ליגן זאָגן איינער דעם אַנדערן“.

„דו זאָלסט ניט דריקן דיין חבר און אים ניט באַגזלענען. זאָלסט ניט לאָזן איבערנעכטיקן דעם לוין פון אַ געדונגענעם (אַרבעטער) ביי דיר ביז אינדערפרי. זאָלסט ניט שעלטן אַ טויבן און פאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט לייגן קיין שטרויכלונג. און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט“.

„זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן. אויסרעדן זאָלסטו אויסרעדן דיין חבר, כּדי דו זאָלסט ניט טראָגן איבער אים אַ זינד. זאָלסט זיך ניט נוקם־זיין און ניט האַלטן קיין שנאה אויף די קינדער פון דיין פאָלק“.

און, לסוף, דאָס וואָרט, וואָס איז געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַלע פאַר־העלטענישן צווישן מענטש און מענטש אין אונזער ציוויליזאַציע:

„ז אָ ל ס ט ל י ב ה אָ ב ן ד י י ן ח ב ר אַ ז ו י ו ו י ז י ך אַ ל י י ן. א י ך ב י ן י ה ו ה!“

און כּדי זיי זאָלן ניט מיינען, אַז דער „ואהבת לרעך כמוך“ איז נאָר גע־מיינט אויף זייער ברודער פון די בני־ישראל אַליין און ניט אויף קיין פרעמדן, באַשטימט ער דאָס זעלבע געזעץ פאַרן פרעמדן ווי פאַרן אייגענעם.

נאָך דעם ווי ער זאָגט זיי אָן: „פאַר אַן אַלטן זאָלסטו זיך אויפהויבן, און דאָס פּנים פון אַ גרייז זאָלסטו בכבוד האַלטן, און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט“ — שטעלט ער איין דאָס געזעץ פון פרעמדן:

„און אַז עס וועט וואוינען מיט דיר אַ פרעמדער אין דיין לאַנד, זאָלסטו אים ניט פּייניקן, אַזוי ווי אַן איינגעזעסענער זאָל ער זיין צו דיר, דער פרעמ־דער, וואָס וואוינט מיט דיר, ד ו ז אָ ל ס ט א י ם אַ ז ו י ל י ב ה אָ ב ן ו ו י ז י ך אַ ל י י ן. וואָרעם פרעמדע זענט איר געווען אין לאַנד מצרים. איך בין גאָט אייער גאָט“.

צווישן די אַלע פונדאַמענטאַלע געזעצן משהס איז פאַראַן איין פאַרבאָט, וואָס איז מסתמא אַרויסגעגעבן געוואָרן צוליב היגיענישע טעמים. דאָס געזעץ האָט אָבער געהאַט די העכסטע השפּעה אין אויסבילדן די יידישע משפּחה. דאָס איז דאָס געזעץ, וואָס פאַרווערט דעם מאַן צו זיין מיט זיין פרוי דורך דער צייט פון איר מענסטרואַציע.

דורך דעם פעריאָד פון איר רייניקונג, טעג פאַר דעם און טעג נאָך דעם, וואָס עס איז שפּעטער געגעבן געוואָרן אין אַלע פּרטים, מוז דער מאַן זיך צוריק־האַלטן פון יעטוועדער נאָענטקייט צו זיין פרוי, מחמת סכּנה פאַר פאַראומ־רייניקן זיין נשמה אין דער העכסטער זינד. דער מאַן מוז רעספּעקטירן דער פרויס געמיט און ניט באַלעסטיקן זי מיט קיין צודרינגלעכקייט דורך דער צייט פון איר פּסיכישן קריזיס. לויט דער אויסרעכענונג פון דער צייט פון איר רייניקונג, קאָן דער יידישער מאַן אויסנוצן זיין מענעריש רעכט ניט מער ווי צוויי וואָכן אין חודש. ווען די פרוי קומט אַרויס פון איר שוואַרצן וואָלקן, אַ ריינע און אַ לויטערע צוליב דעם רעספּעקט פון איר ווייבלעכקייט, וואָס דער

מאַן האָט איר אַרויסגעוויזן, איז זי אָנגעגאָסן מיט ליבע און דאַנק צו אים, ווי אַ רייפער ווײַנטרויב איז אָנגעגאָסן מיט ווײַן. אין זײַנע אויגן שטייט זי פאַר אים, אַ באַנייטע אין איר בתולהשאַפט.

דאָס פּרימיטיווע, ראַפינירטע געזעץ פון אָפּהאַלטן־זיך דורך דער צייט פון מענסטרואַציע האָט אַרויסגעבראַכט ראָמאַנטיזם און שײנקייט אין יידישן לעבן, ווי אַ פרישן ריח פון גרינס און בליאונג אין דעם יום־טוב שבועות. אַ שטענ־דיק חתן־כלה־שפּיל קומט־פאָר צווישן מאַן און ווײַב אין דער פרילינג־צייט פון זייער לעבן צוזאַמען. דאָס געזעץ האָט געהייליקט און גערייניקט די יידישע פאַמיליע און איר כוחות געגעבן אויסצושטיין אַלע פּלאָגענישן, וואָס דאָס לעבן בכלל און דער יידישער מצב בפרט האָבן געבראַכט מיט זיך.

# 12

דער בלאָ־זילבערדיקער וואָלקן, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך געררויכערט איבערן משכן, האָט, לסוף, זיך אויפגעהויבן. דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר משהן צו ציען.

צוויי העראָלדן האָבן זיך געשטעלט פאַר דעם אוהל־מועד און אָנגעהויבן בלאָזן אין לאַנגע זילבערנע טראָמפּייטן, וואָס משה האָט געלאָזט מאַכן אויף גאָטס באַפעל. צוערשט אַ לאַנגער בלאָז, און עס זענען זיך צונויפגעקומען די אָנפירער און די עלטסטע פון די שבטים. משה האָט זיי באַפוילן אויסצוריכטן די שבטים אין וועג אַרײַן, און די טראָמפּייטן האָבן גענומען בלאָזן דעם גרויסן שאַלנדיקן רוף. ווען די מחנות האָבן זיך אויסמאַרשירט, האָט משה דורך שופרות און טראָמפּייטן זיי געגעבן דעם סיגנאַל אָפּצוגיין.

ווי אַ שטראָמיק־אויפגעברויזטער טײַך, וואָס שלאָגט זיך אַרויס פון זײַן קאָרעטע און צעגיסט זיך איבער אַלע פעלדער, אַזוי האָבן די בני־ישראל גע־שטראָמט אַרויס פון מצריים. דער גאַנג פון גושן ביז צום באַרג סיני, ביי איין זייט פון דעם איינגאָס פון ים־סוף, איז פאָרגעקומען אָן סדר, אומדיסציפּלינירט. אַלע שבטים זענען געווען צונויפגעמישט, און זיי האָבן מער ניט געהאַט מיט־צונעמען מיט זיך ווי נאָר דעם אָרון מיט יוספס ביינער, די פעק גאָלד, זיל־בער און שטאָפן, וואָס זיי האָבן זיך „אויסגעבאָרגט" פון די מצרים, און שפּע־טער — די אוצרות פון פּרעהס דערטרונקענע רייטערס, וואָס דער ים־סוף האָט אויסגעשפּיגן.

ווי אַנדערש אָבער האָט אויסגעזען דאָס אָפּציען פון די שבטים פון דעם באַרג סיני צו זייער צוגעזאָגטן לאַנד!

דער באַרג סיני איז ווי אַ מעכטיקע מוטער־ברוסט, וואָס שטאַרצט־אַרויס

פון צווישן די צוויי וואַסער־אָרעמס פון רויטן ים, וואָס איינער ציט זיך קיין מצריים און דער צווייטער — צום ירדן. דער ערשטער גאַנג, פּאַזע דעם סועזער ים־פּאַס, איז געווען אַ גאַנג מעבדות לחירות; דער צווייטער גאַנג, פּאַזע דעם ים־פּאַס צו עציון־גבר צו, האָט געזאָלט זיין דער גאַנג פון באַפרייאונג צום אייגענעם לאַנד פון דער הבטחה.

דער באַרג סיני איז געווען מער ווי אַ ברוסט צווישן צוויי אָרעמס. דער באַרג סיני איז געווען אַ מוטער־טראַכט, אַ טראַכט, וואָס האָט געבוירן אַ פאָלק. געקומען צום באַרג זענען די יוצאי־מצריים ווי שקלאַפן, אָפּגעצויגן פון באַרג האָבן זיי ווי אַ פאָלק, דאָס פאָלק ישראל. די בני־ישראל האָבן פאַרלאָזט דעם באַרג סיני, אויסגעריכט מיט גרונטגעזעצן, וואָס וועלן ווערן דער יסוד פון אַ נייער אָרדענונג, געלייטזעליקט פון גאָט מיט דער העכסטער ברכה פון אויס־דערווײלטקייט און אָפּגעזונדערטקייט און באַקרוינט מיט דער קרוין פון עשרת־הדברות און דעם ספר־הברית, וואָס זיי האָבן געפירט מיט זיך.

אין שטרענג־געאָרדנטער מיליטערישער פאָרמאַציע האָבן די בני־ישראל פאַרלאָזט דעם באַרג סיני. געעפנט דעם אויפמאַרש האָט די ערשטע מחנה, — די מחנה פון שבט יהודה, שבט יששכר און שבט זבולן, אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאָרשטייער און עלטסטן פון שבט יהודה, נחשון בן־עמינדב. באַלד נאָך נחשון בן־עמינדב זענען נאָכגעגאַנגען די עלטסטע פון די צוויי אַנדערע אָנ־געשלאָסענע שבטים, נתנאל בן־צוער און אליאב בן חלון. איטלעכער שבט איז געגאַנגען אונטער דעם פלאַטערדיקן שאָטן פון זיין אייגענער פאָן.

ווען די ערשטע דריי שבטים האָבן אָפּגעצויגן, האָבן ווידער די טראָמ־פּייטן געגומען שאַלן. דענסמאָל זענען אָנגעקומען די בני־גרשון פון דעם שבט לוי, די טרעגער פון משכן.

אויף זעקס וועגענער, אַ מתנה פון די עלטסטע פון די שבטים, איז דער משכן געווען צעלייגט, — די גאָלד־באַשלאָגענע ברעטער, די שוועלן, די פּיל איבערדעקן. אויף איין וואָגן האָט מען אויך אָרויפגעזעצט די יונגע אייניקלעך פון אַהרן־הכהן, די פּרחי־כהונה, וואָרעם זיי זענען געווען דער איינציקער און קנאַפּער נאָכקום פון אַהרן־הכהן, און מען האָט מיט באַזונדער זאָרג זיך אָפּ־געגעבן מיט דער יונגער גזע פון די כהנים, אַז זיי זאָלן אויפגעצויגן ווערן און גרויס ווערן אָן שום מום, וואָס עס וואָלט זיי, חלילה, געפּסלט פאַר דער עבודה. און ווייל די יונגע כהנים זענען געהייליקט געווען צו יהוהן, האָט מען זיי אָנגע־נומען פאַר אַ טייל פון משכן און געפירט, ווי דעם משכן גופא, אין וועגענער, געשלעפּט פון אַ גרופּע לוויים פון די בני־גרשון, וועלכע זענען צוליב דער הייליקייט פון זייער עובדה, געגאַנגען אַלע באָרוועס.

נאָך דעם משכן האָט געצויגן דער אָפּטייל פון דער מחנה, וואָס האָט אונטער דער פּירערשאַפט פון שבט ראובן, איינגעשלאָסן דעם שבט שמעון און דעם שבט גד. די פאָן פון דעם פירנדיקן שבט ראובן האָט געהאַט דעם דעוויז: „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד״.

נאָך דעם האָט געפאָלגט דאָס הייליקסטע, וואָס די בני־ישראל האָבן געפירט מיט זיך: דער ארון, וואָס האָט געהאַלטן דעם ספר־הברית, די עשרת־הדברות,

דער ארון, וואָס איז געשטאַנען אין קדשי־קדשים און וואָס איבער זיין צודעק, צווישן די כּרובים, האָט יהוהס גייסט גערוט.

דאָס אַרויסטראָגן דעם אָרון פון קדשי־קדשים איז דורכגעפירט געוואָרן מיט צערעמאָניע פון אַהרנען און זיינע זין. ווען דער משכּן איז נאָך געשטאַנען גאַנץ, ניט פונאַנדערגענומען, זענען די כּהנים אַריינגעקומען אין קדשי־קדשים און האָבן איבערגעדעקט דעם אָרון מיט אַ בלאָען שיינענדיקן צודעק, געוועבט אויס לויטער תּכלת. נאָך דעם האָבן זיי אָנגענומען די גאָלדענע טראָג־שטאַנגען, אַריינגעפּאַסטע אין די רינגען פון אָרון, האָבן אַרויסגעטראָגן דעם אָרון אין דרויסן און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון אַן אויסדערוויילטער משפּחה פון שבט לווי, וואָס איר באַשטימטע עבודה איז געווען צו טראָגן אין וועג דעם אָרון און די כּלים פון משכּן אויף די אַקסלען.

ניין, ניט די בני־קורח, וואָס זענען געווען די אָנגעזעענסטע נאָך די בני־עמרם צווישן די לוויים, איז דער כּבוד פון טראָגן דעם אָרון צוגעטיילט געוואָרן, נאָר דער משפּחה פון די בני־קהת.

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט האָט די משפּחה פאַרנומען צווישן די לוויים. די משפּחה איז אויסגעוויילט און באַשטימט געוואָרן פאַר דער הייליקער עבודה פון גאָט אַליין דורך משהן. זייער עלטסטער, אלעזר ביים נאָמען, אַ הויך געבוי־טער, שיינער, שטאַרקער מאַן מיט אַ הדרת־פּנים, אַ געפלאָכטענער שוואַרצער באָרד און קלאָרע גרויסע אויגן, איז געגאַנגען פאָראויס. אין די הענט האָט ער געהאַלטן די גאָלדענע קריגלעך מיט דעם איידעלן, לויט אַ ספּעציעלן רעצעפּט געשלאָגענעם אייל, וואָס אַהרן האָט באַנוצט פאַר דעם תּמידיקן ליכט, וואָס האָט געברענט אין דער מנורה. דער אייל איז געהאַלטן געוואָרן זייער וויכטיק און טייער, ווייל עס איז געווען אַ לאַנגער פּראָצעס אים צו דיסטילירן פון פאַרשיי־דענע זעלטענע בשמים־געוויקסן, וואָס גייען־אויף אין מדבר. די עבודה אין משכּן האָט געמוזט אָפּגעריכט ווערן ווי נאָר די יידן האָבן גערוט פון וועג און דאָס אייביקע ליכט פאַר גאָט האָט געמוזט ברענען, איז דעם עלטסטן אַליין פון די בני־קהת אָנגעטרויט געוואָרן די אָפּהיטונג פון דעם מנורה־אייל, ווען דער לאָגער פון די בני־ישראל האָט געצויגן.

נאָכן עלטסטן האָבן די יונגע לוויים פון דער משפּחה, מעכטיקע בחורים אין ווייסע, ריין געוואַשענע קליידער, געטראָגן דעם בלאָ־איבערגעדעקטן אָרון, מיט די טראָג־שטאַנגען אַרויפגעלייגט אויף די אַקסלען. די פאָדערשטע טרעגער זענען געגאַנגען הינטערוויילעכץ, מיט די פּנימער געווענדט צום אָרון.

נאָך דעם אָרון האָבן געפאָלגט די הייליקע כּלים פון משכּן, אַלע צוגעדעקט מיט דעקן פון בלאָען תּכלת, — די מנורה, דער לחם־הפּנים, די פּיל בעקנס, קרוגן, פייערפּאַנען, — איטלעכע כּלי געטראָגן אויפן אַקסל פון אַ לווי, וואָס איז געווען געקליידט אין ווייסן. די לאַנגע ריי כּלים־טרעגער איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן מיט משהן און אַהרנען מיט זיינע זין, וואָס ווי בני־לווי זענען זיי געגאַנגען מיט די לוויים, — אַהרן מיטן שטעקן פון גאָט, וואָס איז אָנגעטרויט געוואָרן אין זיין האַנט, און משה — בראש פון די זיבעציק זקני־ישראל, וואָס ער האָט אויס־געקליבן, מיט יהושען, זיין באַדינער, מיט די העראָלדן און שופרות־טרעגערס,

סיגנאַל־געבערס פאַר איטלעכן אָפּשטעל און אָפּגאַנג, אויסרופערס פאַר דעם צונויפקום פון די עלטסטע אויף מיטצוטיילן זיי די באַפעלן פון יהוהן.

און אַזוי גייען זיי, די שבטים, באַגלייט מיט די ברכות, וואָס דער פּאַטריאַרך יעקב האָט געגעבן איטלעכן פון זיינע זין, די אָבות פון די שבטים, פאַר זיין טויט, ווי זיי פלאַקערן־אַראָפּ פון זייערע פענער, בילדלעכע סימבאָלן פון דער באַשערטקייט פון איטלעכן אַנגעהעריקן שבט. דער ערשטער איז יהודה. „אַ יונגער לייב איז יהודה", האָט יעקב געזאָגט זיין זון. — „ניט אָפּגעטון וועט ווערן אַ צעפּטער פון יהודהן און אַ הערשער־שטאָק פון צווישן זיינע פיס". אין דער האַלטונג פון דעם אָנפירער נחשון בן־עמינדב זעט מען שוין די האַלטונג פון די צוקונפטיקע מלכים. איינער און איינער זענען די זין פון יהודה, ניט געבויגן פון קנעכטשאַפט, גלייך די שקלאַפן־בייטש וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען אַראָפּגעלאָזט זיך איבער זייערע לייבער. און זיי וועלן בלייבן געטריי, די ערשטע אין ים אַריין צו שפּרינגען, די ערשטע אין קריג צו ציען. אַ לייב איז יהודה, און אַ לייב הויערט אויף זיין פאָן. רויט פון ווייַן זענען זיינע אויגן; זיין לאַנד איז דאָס לאַנד פון ווייַנשטאָק. „ער וואַשט אין ווייַן זיין קלייד, און אין בלוט פון טרויבן זיין בגד".

נאָך יהודהן אין דערזעלבער מחנה זענען זבולן און יששכר. אין די בני־זבולן דערקענט מען די שפּעטערדיקע פישערלייט און שיפלייט. אַ שיף באַצירט זייער פאָן. יעקב האָט זיי באַשטימט פאַר דעם באַרוף: „זבולן וועט וואוינען ביים באָרטן פון ים און ער וועט זיין אַ באָרטן פאַר שיפן". ער גייט צוזאַמען מיט זיין ברודער יששכר. „יששכר איז אַ ביינינקער אייזל; ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט, האָט ער געבויגן זיין רוקן צו טראָגן". זאָגן די שפּעטערדיקע זקנים: „געבויגן זיין רוקן האָט ער איבער דעם ספר, וואָרעם געלערנטע לייט וועלן זיין די בני־יששכר. און זיי וועלן געפינען דאָס לאַנד פון דער תורה און די רו פון דער חכמה. און שותפות וועט יששכר מאַכן מיט זיין ברודער זבולן: זבולן וועט אַרבעטן פאַר אים און אים געבן צו עסן, און יששכר וועט בויגן זיין רוקן איבער דעם ספר און וועט פאָרשן די לערנונג פון גאָט". מחמת דעם איז דער קאָליר פון זיין פאָן שוואַרץ און דאָס געמעל פון זיין פאָן די זון און די לבנה. שוואַרץ, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט צו פאָרשן די זון און די לבנה. פון דעם שבט וועלן אויפשטיין די געלערנטע, וואָס וועלן פאָרשן דעם גאַנג פון די שטערן אין הימל און די חכמה פון צייט־מעסטונג.

און אַזוי גייען־אַדורך איין שבט נאָכן אַנדערן. דער שבט דן מיט זיין פאָן אין דעם קאָליר פון סאַפּירשטיין און מיט דעם געמעל פון אַ שלאַנג. „דן וועט זיין אַ שלאַנג אויפן וועג, אַ האָרנשלאַנג אויפן שטעג, וואָס בייסט די טריט פון דעם פערד, און זיין רייטער פאַלט אַהינטער". אָפּגעבערנט שוואַרץ, מיט ווייסע ציין און געקרייזלטע האָר, וואָרעם אַ פּאַסטוך־פאָלק זענען די בני־דן, אויסגעשטעלט אַנטקעגן דער היץ פון דער זון. אַלע מידות־רעות פון די פּאַסטוכער אין מצריים האָבן איבערגענומען די בני־דן. אַ האָרנשלאַנג אויפן שטעג פון די בני־ישראל איז דן. לייכט צוריקצופאַלן צו געצנדינערײַ, וואָס זיי זענען צוגעוואוינט דערצו פון מצריים, די ערשטע צו דינען דעם עגל; זייער גומען לעכצט נאָכן פלייש פון אַ יונג ציגעלע, געקאָכט אין דער מילך פון זיין מוטער, — אַן

אַנצוהערעניש אויף דער געטין איזיס, וואָס זיי האָבן געדינט צו איר אין געהיים אין מצריים: מוטער און קינד זענען איינס, די מוטער איז דאָס קינד און דאָס קינד איז די מוטער, — דער ניט־אונטערגעבראָכענער המשך פון פרוכפּערדיקייט. יהוהס כּעס און משהס האַנט וועלן אַרויסשלאָגן די עבודה־זרה פון זייער האַרץ. זיי זענען די ערשטע, וואָס טראָגן אויף זייער פאָן, ווי אַ סימבאָל, די ברכה, וואָס האָט געגעבן אונדז אַלעמען, ביז צום לעצטן מענטשן, אַן אָנהאַלט פון האָפענונג אין דער שעה פון אונדזער נויט: „אויף דיין הילף, גאָט, טו איך האָפן“.

נאָך דעם שבט דן קומען די צוויי לעצטע אָפּטיילן פון דער מחנה: דער דריטער אָפּטייל, וואָס איז אונטער דער פירערשאַפט פון שבט אפרים, — אָן דעם אָפּטייל זענען געווען אָנגעשלאָסן דער שבט מנשה און דער שבט בנימין; און דער פערטער אָפּטייל, אונטער דער פירערשאַפט פון שבט דן, וואָס האָט איינגעשלאָסן דעם שבט אָשר און דעם שבט נפתּלי.

„שטיי־אויף, גאָט, זאָלן צעשפּרייטן דיינע פיינט,
זאָלן אַנטלויפן דיינע שונאים פאַר דיר!“

מיט דעם קאַמף־רוף, אויסגערופן פון די פאַראויס־גייענדיקע לוויים און אונ־טערגעהאַלטן אין כאָר פון אַלע מאַרשירער, זענען די בני־ישראל אויפגעגאַנגען פון דעם באַרג סיני.

נאָך די אויסמושטירטע יוגנט אַליין מאַרשירט אין מיליטערישער פאָרמאַציע. דאָס פאָלק, — די אַלטע לייט, די ווייבער, די קינדער, מיט זייער געפּעק און קליין־פי, מיט זייערע שעפּסן און אייזלען, מיט זייערע צונויפגעלייגטע געצעלטן, גייען נאָך די געשלאָסענע רייען מאַרשירער, באַוואַכט פון שווערד־לייט און בויגן־שיסער, אונטער דער קאָמאַנדע פון הויפּטלייט איבער הונדערט און הויפּט־לייט איבער צען.

די מחנה וואַנדערער האָט אויפגעהויבן אַ מעכטיגן שטויב־וואָלקן אין מדבר, וואָס האָט זיך געקנוילט אַרויף אין דער לופטן, געטראָגן ווי אויף פליגל פון אומגעזעענע מלאכים איבער די קעפּ פון די בני־ישראל, געטראָגן זיך ווי אַ באַדעקנס, וואָס פאַרהוילט זיי. דער טונקעלער וואָלקן האָט געשוועבט פאַר זיי בייטאָג ווי אַ רויכערדיקע זייל, וואָס ווייזט זיי דעם וועג, און געשיינט פאַר זיי ביינאַכט מיט אַ ליכטיקן רויך, ווי אַ פייערדיקע זייל.

*

אין אַ גאַנץ אַנדער מדבר איז משה איצט אַריינגעקומען, און מיט אַ גאַנץ אַנדער ציל און כוונה. קיין סיני האָט ער געאיילט אויף דעם באַפעל פון יהוהן, און ער האָט געוואוסט וואוהין ער פירט די שבטי־ישראל. פון דעם ים־סוף ביז צום סיני האָט ער זיך ניט געריכט אויף איבערפאַלן פון שונאים. ער האָט ניט באַדאַרפט אַדורכגיין קיין באַזעצטע ישובים, דורך פיינטלעכע, אָדער אַפילו נייטראַלע פעלקער, — עמלק איז געווען אַן איבעררראַשנדיקער אויסנעם. אויפן וועג אָבער פון סיני צום ירדן, דעם צווייטן מאַרשרוט צום צוגעזאָגטן לאַנד כנען, האָט ער זיך יאָ געריכט אויף פיל שטרויכלונגען. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט אים דאָרט ניט איין מאָל אויסקומען אַרויסשטעלן זיינע מחנות אויף סכנות פון איבערפאַל, איידער זיי וועלן דערגרייכן די גרענעצן פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד.

ער האָט געוואָלט אויסמיידן צוזאַמענשטויסן מיט די אַרומיקע פעלקער, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט פאַראויס, אַז זייער לאַנד איז זיי אָפּגעגעבן געוואָרן לצמיתות, אויף תמיד, און ער וועט זיי פון דאָרט ניט פאַרטרייבן. און ווען אַפילו די אַרומיקע לענדער האָבן זיך אָנגעקערט דורך משפחה־באַנדן מיט די בני־ישראל, ווי די בני־עשו און די בני־לוט, וואָס ער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף איינזעעניש און פריינדלעכקייט פון זייער צד, האָט ער אָבער אויך געוואוסט וועגן דער מורא, וואָס איז זיי באַפאַלן פאַר די בני־ישראל, די יוצאי־מצרים, וואָס יהוה פירט זיי מיט אַ מעכטיקן אָרעם, ווי אַ שטורעם דורך דעם מדבר, צו לאָזן זיי איינעמען די לענדער, וואָס ער האָט מבטיח געווען זייערע אבות. משה האָט זיך דערפאַר געריכט אויף איבערפאַלן און אַנדערע שטערונגען. ער איז אויך ניט באַקאַנט געווען מיט דעם טייל מדבר, האָט ניט געוואוסט וואו עס געפינען זיך דאָרט די אָאַזיס־פלעצער, די אויסגעטריקנטע טייך־קאָרעטעס, וואָס עס געדייען אַרום זיי גרינסן און ביימער. ער האָט דערפאַר פאַרלאַנגט פון זיין שוואָגער חובב, וועלכער האָט זיך אויסגעקענט אין מדבר, אַז ער זאָל מיטגיין מיט די בני־ישראל און אויסזוכן פאַר זיי די אַלע פלעצער, וואו זיי וועלן קאָנען זיך אויפהאַלטן; און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט האָבן אַ טייל אין דעם גוטס, וואָס יהוה וועט טון מיט די בני־ישראל. אָבער חובב האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט ליבערשט געוואָלט פאַרבלייבן מיט זיינע אייגענע אין זיין אייגענעם לאַנד.

עס זעט אויס, אַז משה׳ס פאַרהאַלטן־זיך צו זיין משפחה, דאָס, וואָס ער האָט פאַרזען זיינע אייגענע זין און ניט געמאַכט זיי פאַר זיינע מיטהעלפער, אויך ניט אויסגעטיילט זיי קיין בכבודיקן אָרט אין דער פירערשאַפט אָדער אין דער כהונה, האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג קעגן אים צווישן זיין ווייב׳ס משפחה. ווען חובב האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין, האָט משה באַשטימט אַרויסצושיקן אין מדבר מיט דריי טעג פריער אַן אַוואַנגאַרד פון זיין מיליטערישן אָפּטייל, וואָס האָט באַגלייט, ווי אַ וואַך, דעם ארון־הברית און די כלים פון משכן, מיט דער שליחות אויסצוזוכן פאַר דעם פאָלק אַ געהעריקן פּלאַץ צו לאַגערן. און אַ סימן האָט ער זיי געגעבן: ווען זיי וועלן זען, אַז אַ וואָלקן פון הימל נידערט־אַראָפּ און בלייבט רוען איבער דעם משכן, זאָלן זיי וויסן, אַז דאָס איז דאָס געהעריקע אָרט, וואָס יהוה האָט אויסגעזוכט פאַר זייער אויפהאַלט. אויף יענעם אָרט זאָלן זיי אויפשטעלן דעם משכן און מאַכן אַלע הכנות פאַר אויפנעמען די גרויסע מאַסע פון די שבטי־ישראל מיט זייערע ווייבער און קינדער, וואָס ציען אין אַ גאַנג פון דריי טעג הינטער זיי.

און דאָך האָט דאָס אַלץ ניט געהאָלפן. די מענטשלעכע נאַטור בלייבט מענטש־לעך אונטער אַלע אומשטענדן, און שוין ביי די ערשטע אָפּשטעלן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דעם שווערן, ביטערן זאַמדיקן מדבר, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַראָפּגע־נידערט פון די שטיינערדיקע הייכן פון סיני, האָט אויפסניי זיך אויפגעהויבן דאָס ווידערשפעניקע מורמלען, און משה האָט דערפילט מרידה אין דער לופט. עס איז געווען אַ מרידה ניט נאָר קעגן די שווּעריקייטן פון דער נסיעה דורכן מדבר, נאָר קעגן די אַלע געזעצן וואָס משה האָט פעסטגעזעצט אין נאָמען פון יהוהן: די געזעצן פון טהרת־המשפחה, די געזעצן פון געשלעכטלעכער צוריקהאַלטונג, די געזעצן פון ריינלעכקייט. און אַזוי האָט דער אָפּגעשטאַנענער שבט דן, אינאיינעם

מיטן ערב־רב, געלעבט ווייטער אין זינד און זנות, פאַרקוקט די חוקים, זיך אויס־געלאַכט אויס יהוהס באַפעלן.

— וואָס נאָך וועט ער אונדז פאַרבאָטן? אפשר גאָר אײַנגאַנצן צו באַשלאָפן אַ ווײַב? ער וועט אונדז באַלד פאַרבאָטן פּריה־ורביה, — האָבן זיי געדעדט צווישן זיך.

— און פאַר וואָס? פאַר דעם וואָסערדיקן שליים, וואָס ער שטעלט אונדז צו איטלעכן פרימאָרגן? עס קריכט שוין פון האַלדז דאָס ביסל האָניק. איידער דו פאַרזוכסט נאָך דעם טעם דערפון, האָסטו עס שוין אַראָפּגעשלונגען, — זאָגט אַ באַבערדלטער אַבעסיניער, וואָס ליגט אויסגעצויגן אין הייסן זאַמד און זוכט אַ יאַשטשערקע, גרייט אַרײַנצוכאַפּן זי אין מויל אַריין.

— צוואַנציק יאָר האָב איך געלעבט מיט מײַן שוועסטער אין מצרים. זי האָט מיר געבוירן קינדער, סאַמע זכרים, יונגען איינער און איינער. מיר האָבן צוזאַמען אונדזער הײַזל אויסגעקלעפּט אויס דער בלאָטע, וואָס מיר האָבן גענומען פון דעם נילוס־אויסגאָס, און קיינער האָט מיר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט דערפאַר. און דאָ קומט ער, אַ שליח פון משהן, און באַפעלט מיר, אין נאָמען פון יהוהן, מײַן ווײַב אָוועקצושיקן פון געצעלט. איך טאָר ניט וואוינען מיט איר, איך טאָר זי ניט באַרירן, זי איז פאַר מיר טמא. ווער איז יהוה, אַז איך זאָל זיך צו אים צוהערן? — האָב איך אים געזאָגט. וואָס האָט ער געטון פאַר מיר? פּרעה האָט מיר באַפוילן, האָט ער מיר דערפאַר געגעבן צו עסן. וואָס טוט יהוה פאַר מיר?

— נאָר מיט אַן אייגענער שוועסטער טאָרסטו ניט לעבן? און מיט ניט קיין שוועסטער מעגסטו יאָ? האָט ער אונדז ניט פאַרזאָגט, יהוה, דורך משהן, און משה דורך זײַנע שליחים, ניט צו באַרירן דאָס ווײַב, ווען זי בלוטיקט? און אַז זי בלוטיקט, איז וואָס? ווער האָט דאָס געהערט אַזאַ זאַך? ניט צו באַרירן דאָס אייגענע ווײַב, ווען איך וויל זי און איך האָב חשק צו איר?

— אָט דאָס זאָג איך, ער וועט אונדז אײַנגאַנצן פאַרווערן צו האָבן פּריה־ורביה. ווי די שפּייז, אַזוי די פּריה־ורביה!

— אַז ער ווייסט ניט מער ווי נאָר אַרויסצוגעבן חוקים־ומשפּטים: דאָס טאָרסטו ניט, דאָס איז דיר פאַרווערט און צו יענעם ריר זיך ניט אָן. און קיין קראַבן און שילדראָקעס, אַלץ אין וואַסער, וואָס איז אָן שופּן און אָן פלוספעדערן, טאָרסטו ניט עסן. און דאָס ערשטע, וואָס ווערט געבוירן ביי דיר, פון דײַן זון ביז צו דײַן לעמעלע, גיב מיר אָפּ, מיר געהערט עס. באַלד וועט ער צונעמען אונדזער אייגן לעבן. איך זאָג אײַך, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, ביי פּרעהן איז אונדז בעסער געוועזן. מיר האָבן, לפּחות, געוואוסט וואָס מיר האָבן. דאָ האָבן מיר דאָך גאָרנישט. מאָרגן קאָן ער עס פון אונדז צונעמען, אָדער פאַרווערן אונדז נהנה צו זײַן דערפון.

— ער זיצט זיך דאָרט אין געצעלט מיט זײַנע לייט און האַלט אין איין צוטראַכטן פאַרבאָטן פאַר אונדז, — ווײַזט איינער מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון אוהל־מועד.

דער מדבר, וואו זיי האָבן זיך געפונען, איז געוועזן אַן אומדערבאַרעמדיקער, אַ בייזער, אַן אָנגעכמורעטער, אַ ברוגזדיקער. ווי פאַרחתמעט די אייבערפלאַך פון דעם פּלאַטאָ פון סיני איז ניט געוועזן מיט אַ רויט־שטיינערדיקער אייבערשיכט,

האָבן דאָך די שפּרינגענדיקע קוואַלן אויף די סיני־בערג, דער שניי־אייז אויף די באַרג־שפּיצן און די ווינטער־רעגנס אויסגעקאָרבט דעם קיזלשטיין און אויסגע־הוילט זיך קאַרעטעס איבער די באַרג־ווענט אין טאָל אַרונטער. און שוין דער אָנבליק אַליין פון וואַסער־קאַרעטעס, מעגן זיי אַפילו זיין טרוקן, פאַרשטאָפּט מיט זאַמד און שטיין, אַנשטאָט צו פליצן מיט וואַסער־שטראָמען, דערפרישט דאָס אויג און ברענגט האָפענונג אין האַרץ פון מדבר־וואַנדערער. צו זיינע אויערן דער־גרייכט דער עכאָ פון וואַסער־געמורמל. ווי קאַרג און ווי קורץ־דויערלעך די שטראָמען זענען ניט אין די ווינטער־חדשים, לאָזן זיי איבער אייביקע סימנים פון פרוכפּערדיקייט פאַר דעם גאַנצן יאָר. דאָס וואַסער נעצט־אַדורך, צעמורשט און צעקרישלט די ליים־שטיינער און לאָזט־איבער אַ פייכטקייט. דאָ און דאָרט האַלט זיך אויף אין אַ גריבל אין דער נידער אַ וואַסער־איינזאַמלונג; דאָ און דאָרט זעצט זיך אָפּ אַ שיכט ערד, וואָס די וואַסער־שטראָמען ברענגען־מיט פון ערגעץ־וואו, קנעט זיך איין אין די שפּאַלטן פון די שטיינער און שלאָגט אַרויס מיט אַ מאָכיקער גרינקייט; דאָ און דאָרט ציט עס אַרויס פון האַרץ פון קיזל־שטיין אַן אַקאַציע־בוים, אַ קאַקטוס־קוסט, היימישע און אומבאַקאַנטע געוויקסן, וואָס דינען פאַר גרינוואַרג צום עסן, פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם היימישן רעטיך, פון דער בעל־הבתּישער ציבעלע און דעם שאַרפן קנאָבל.

זינט אָבער די שבטים פון ישראל זענען אַרונטער פון די סיני־בערג, זע־נען זיי פאַרשאָטן געוואָרן פון זאַמד־שטורעמס. די גאַנצע אייבערפלאַך איז גע־ווען איין זאַמדיקער ים, איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן און זיך געכוואַליעט זאַמד־שיכטן, ווי ריזן־שופן איבער אַ לוויתן. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט דורך אַ זאַמד־וואָלקן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער זייערע פיס, האָט זיך געמאָטערט אַדורכצושטראַלן זיך דורך דער זאַמדיקער זיפּ. זיי האָבן געהאָט זאַמד־שטויב אין זייער מן. וואָס זיי האָבן ניט טועם געווען, זענען געווען אין דעם זאַמד־שטויבעלעך, וואָס האָבן געקנאַקט ביי זיי צווישן די ציין. זיי האָבן געגעסן זאַמד, האָבן געאָטעמט זאַמד. דער זאַמד־שטויב איז געלעגן איבער זייערע אויגן און איבער זייערע מיילער.

*

פון דער טיר פון זיין געצעלט, וואָס ער האָט געהאָט אויפגעשלאָגן צו־פוסנס פון באַרג, וואו דער משכן איז געשטאַנען, האָט משה געקאָנט זען די געצעלטן פון די בני־ישראל, ווי זיי שאָטענען זיך איבער דעם בלענדיקן ווייס פון די זאַמד־וועלן אויף ברייטע שטחים. עס איז געווען ווי אַ מחנה פון גאָט וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל און צוגעדעקט די פלאַך פון מדבר. אָנ־צאָליק זענען זיי, און זיי זענען אַלע אָנגעוויזן מיט זייער עסן און טרינקען, מיט זייער לעבן אויף דעם איין־און־איינציקן, אויף יהוהן.

זינט זיי האָבן באַטראָטן דעם מדבר פּאַרן, פעלט זיי, אמת, ניט אויס קיין וואַסער. פון די זאַמד־בערג אַרונטער פליצן אויפגעעפנטע קוואַלן אין דער צייט פון יאָר, שניידן זיך אויס זאַמד־קאַרעטעס און גיסן זיך אַרונטער אין מדבר־טאָל, וואו די בני־ישראל הויערן.

משה, מיט זיין ווייטן און שאַרפן בליק פון אַן אָדלער, האָט געקאָנט באַ־

מערקן ווי די בני־ישראל ראַיען זיך, ווי מערעשקעס, ביי די וואַסער־אויסגאָסן, ביי די רינשטאָקן. אויסגעצויגן אין גרופּן און ביחידות איבער דער לענג און ברייט פון מדבר, קריכן זיי אויף אַלע פיר, זוכן און נישטערן, שמעקן און לעקן אין איטלעכער וואַסער־איינזאַמלונג, אין איטלעכער עפּענונג, שאַרן אין די זאַמדן. משה ווייסט, וואָס זיי זוכן, נאָך וואָס זיי לעכצן, נאָך וואָס זיי דאָרשטן. אַ בלאַט, אַ גרעזל, אַ קאַקטוס־דאָרן, אַ שטאַכער־בליאונג, וואָס עס זאָל ניט זיין, אַבי ניט דער נודנער, אין מויל צעגייענדיקער, צעפּלאָסענער מן, וואָס האָט פאַרעקלט זייערע מיילער אים צו פאַרזוכן און פאַרמיאוסט זייערע אויגן אים אָנצוקוקן. זיי נאַשן־אויף ווי אַ פרישן געטראַנק אַ היישעריק אָדער אַ גראָז־שפּרינגער, וואָס זיי שטעלן זיך עס נאָר פאָר אין דער מחשבה; זיי זענען זיך מחייה מיט אַ זשאַבע אָדער אַ יאַשטשערקע, וואָס עס ברענגט זיי דער כּוח־הדמיון.

ניין, עס האָט ניט געהאָלפן דאָס גרויסע געשעעניש פון באַרג סיני. עס זענען פאַרגעסן געוואָרן די דונערן און בליצן. עס רייצט זיי מער ניט דער אָנבליק פון משכּן, וועלכער פלאַקערט מיט זיינע גאָלדענע ברעטער אין דער זון אויפן בערגל. זיי זעען אַפילו צו מיט גלייכגילטיקייט דעם געדיכטן בלאָען וואָלקן, וואָס שיקט־אַרויס די ווייסע חשמלדיקע צונגען פון זיינע ראַנדן. דער הונגער האָט אויסגעברענט אין זיי איטלעכע אימה, איטלעכן שטאָלץ, איטלעכן מענטשלעכן יתרון פאַר געטלעכקייט און איבערגעלאָזט, ווי אַ נאָגנדיקע מכּה, איין־איינציקן וואונטש און באַגער, — און דאָס איז, צו שטילן דעם הונגער מיט שפּייז, וואָס זיי זאָלן קאָנען זיך איינבייסן אין איר מיט וואָלפישער גירייקייט.

כּל־זמן זיי האָבן זיך געפונען אויף זייער וועג פון מצרים צום באַרג סיני, האָבן זיי ניט געפילט אַזוי דעם הונגער. דער מן האָט נאָך געהאַט פאַר זיי דעם רייץ פון פרישקייט און נייקייט, און זיין סודותדיק קומען און פאַרשווינדן האָט געהאַלטן וואַך זייער נייגיריקייט און וואונדער. אויך האָבן זיי זיך געפונען די גאַנצע צייט ביי די ברעגן פון רויטן ים, וואו זיי האָבן זיך צוגעהאָלפן מיט אַלערליי שרצים און וואַסער־ברואים, וואָס עס איז זיי נאָך דענסמאָל ניט געווען פאַרווערט צו עסן. ווייטער האָבן זיי דערוואַרט, אַז מיט זייער אָנקומען צום באַרג סיני וועט זיך אָנהייבן פאַר זיי אַ נייער סדר־העולם. דער מן איז נאָר אַ פּראָוויזאָרישע שפּייז, וואָס יהוה שטעלט זיי צו, ביז זיי וועלן קומען צו זיין באַרג. ביים באַרג סיני, אינאיינעם מיט דער תּורה, וועט יהוה אויף פליגל פון אָדלער זיי ברענגען אין זיין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין. זינט אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַנג פון באַרג סיני צום צוגעזאָגטן לאַנד, האָט דער הונגער נאָך מענטשלעכער נערונג געוואונען אין זיי די אייבערשאַפט איבער אַלע אַנדערע גייסטיקע זכיות אָדער מאַטעריעלע דערוואַרטונגען. דער מדבר, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, איז געווען ליידיק און לויז פון איטלעכן חי און צומח. איין אייבערשיכט, געשאָטן אין געקאַרבטע שופן, האָט צוגעדעקט די אייבער־פלאַך פון דער ערד, ווי זאַמד־פאַרשטיינערטע וועלן איבער דער פלאַך פון ים. בחינם האָבן זיי געזוכט און גענישטערט, געפּעדערט זיך איינער פאַרן אַנדערן

אויפצוכאַפּן אַ רעגן־וואָרעם, אַ שלענגל, אַ יאַשטשערקע, וואָס וועט זיך באַ־ווייזן אין די שפּאַלטן פון זאַמד, צו פאַרשלינגען עס קעגן דעם געבאָט פון משהן. עס איז מער גאָרניט איבערגעבליבן ווי נאָר דער פאַרעווער, שליימיקער מן. וואָס דער טוי האָט געבראַכט מיט זיך, אַ מאכל, וואָס איז צעשמאָלצן גע־וואָרן אויפן שפּיץ צונג נאָך איידער דער פאַרשמאַכטער גומען האָט עס געקאָנט טועם־טעם זיין, איבערלאָזנדיק די ציין אומאַקטיוו, דעם מאָגן ליידיק, די גע־דערים הויל, דעם בויך קאַלט און דעם גאַנצן מענטשלעכן מעכאַניזם אין אַן אַטראָפּירטן מצב. ווי ער איז געקומען, דער מן, אַזוי איז ער פאַרשוואונדן, ניט איבערצולאָזן קיין סימן פון מענטשלעכער נערונג.

משה האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אויף דעם דויער וועט ער ניט קאָנען האַלטן די בני־ישראל אין שפּאַן מיט דעם קאַרגן מן, וואָס דערהאַלט זיי נאָר ביים לעבן. ער האָט אַרויסגענומען פון מצריים אַרבעטנדיקע מענטשן. מענטשן, ניט קיין מלאכים, וואָס באַדאַרפן זיך נערן ווי איטלעכער בעל־חי מיט ערדישער שפּייז. משה, ווי אַ חייל־פירער ביי פּרעהן, און משה, דער פירער פון ישראל אין מדבר, איז געוווען אַ מענטשן־קענער. ער האָט געוואוסט ווי ווייט דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן זיינע חייהשע הצטרכותן, ניט אַנדערש ווי יעט־וועדער אַנדער בעל־חי, נאָר ער האָט געגלויבט אין יהוהן, געגלויבט, אַז יהוה וועט איבעראַנדערשן די נאַטור פון דעם פאָלק, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מצריים מיט אַזוי פיל וואונדער. זענען דען ניט די בני־ישראל אַרויסגע־נומען געוואָרן דורך זייער אויסדערוויילטקייט פון מענטשלעכן סדר, פון דעם סדר פון אַלע אַנדערע פעלקער, און זענען זיי ניט געשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַזונדער בחירה — צו ווערן אַן עם־סגולה? זענען זיי דען ניט אַרונטער־געקומען אונטער אַ גאַנץ אַנדער סדר־העולם דורך די וואונדערלעכע געשעענישן, וואָס זענען געשען מיט זיי? איז דען ניט יהוה — ניט נאָר זייער הימלשער גאָט, נאָר אויך זייער ערדישער פּאַטער? ער באַשערט דעם גורל פון די בני־ישראל. ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצריים ניט לויט דעם סדר פון אַלע אַנדערע באַפרייטע פעלקער, נאָר ביד־חזקה, דורך נסים־ונפלאות. ער האָט זיי דערהאַלטן דורך לאַנגע חדשים, כמעט צוויי יאָר, אין אַן אומבאַזעצטן מדבר.

יהוה האָט זיי געגעבן אַ תורה, אַ תורה און געזעצן ניט פאַר מלאכים, נאָר פאַר מענטשן. ער האָט זיי געגעבן געזעצן וועגן אַ סדר־העולם, וואָס זיי וועלן באַדאַרפן איינפירן, ווען זיי וועלן קומען אין לאַנד אַריין. די אַלע דינים פון זריעה, פון תרומה, פון מעשר, די עשרת־הדברות, וואָס יהוה האָט אויסגערופן פון באַרג אַרונטער אין דונערן און בליצן, זענען ניט פאַר מלאכים, וואָס וואוינען אין הימל, אַזוי אויך ניט פאַר רויבערישע נאָמאַדן־שבטים, וואָס וואַלגערן זיך אין מדבר אַרום און לעבן פון זייער פיילנבויגן און רויבעריי, נאָר זיי זענען חוקים־ומשפטים פאַר אַ נאָרמאַלן לעבן אין אַ זיכער לאַנד, וואָס יהוה האָט עס צוגע־זאָגט זייערע אָבות. מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן זיי אָנקומען צו די גרענעצן פון דעם נייעם לאַנד און וועלן איבערלאָזן דעם מדבר הינטער זיך אויף אַלע איי־ביקייטן. זיי וועלן זיך באַזעצן אין דעם לאַנד, וואָס יהוה האָט באַשטימט פאַר זיי, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט פון קדמונים אָן פאַר זייערע אָבות. ער וועט

פאַריאָגן די געצנדינער, וואָס האָבן באַזעצט דאָס לאַנד, און אַריינפירן די בני־ישראל אין דער נחלה פון זייערע אָבות, וואו זיי וועלן לעבן און פירן זיך לויט זיין תורה און זיינע געבאָטן. זיי וועלן ווערן דער עם־הסגולה, דער עם־הבחירה, אַ ליכט און אַ שיין פאַר אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, דער עם־הקודש, וואָס יהוה האָט זיי באַשטימט צו ווערן, לויט דעם סדר, וואָס ער האָט איינגעשטעלט פאַר זיי, לויט די חוקים־ומשפטים, וואָס ער האָט זיי גע־געבן. און אָט פירן זיי מיט זיך די עשרת־הדברות, אויסגעקריצט אויף די לוחות, וואָס יהוה האָט געבאָטן. און אָט איז דער משכן, און אָט איז דער וואָלקן איבערן משכן, וואָס יהוה רוט דאָרט צווישן זיי. וואָסער אַנדער פאָלק האָט דערגרייכט צו אַזאַ גדולה? פאַר וואָסער אַנדער פאָלק האָט ער געטון די נסים־ונפלאות, וואָס ער האָט געטון פאַר זיי? היתכן? קאָנען זיי טאָקע ניט צוימען זייער תאווה נאָך מענטשלעכער שפייז, פאַרשטיקן זייער לעכצן נאָך פלייש, נאָך גרינס — נאָך אַ חודש, נאָך צוויי, ביז זיי וועלן אָנקומען צום ברעג פון מדבר, וואו עס הייבט זיך אָן דער ישוב פון לאַנד? אָט באַלד, באַלד קומען זיי שוין אָן צו די גרענעצן פון אדום. זיי האָבן געמאַכט גרויס פאָרשריט אין זייער גאַנג אין מדבר. זינט דער משכן געפינט זיך צווישן זיי, איז עס גלייך ווי יהוה וואָלט זיי אַריבער־געטראָגן אויף די פליגל פון וואָלקנס איבער דעם מדבר און געבראַכט זיי מיט גרויס האַסט צו די גרענעצן פון זייער לאַנד. וואָס קלאָגן זיי, וואָס וואָיען זיי ווי די וועלף? אָט באַלד קומען זיי אָן צו די גרענעצן פון זייער לאַנד — און אַלץ וועט בעסער ווערן.

## *13*

עס איז אָבער ניט בעסער געוואָרן, עס איז ערגער געוואָרן. משה האָט געקאָנט הערן דאָס ברומען פון פאָלק, וואָס עס האָט דערגרייכט צו זיין געצעלט. יהושע בן־נון, וואָס משה האָט אים געשיקט אין דער מחנה אַריין אויסצוגע־פינען, וואָס עס באַדייט דאָס ברומען, האָט געאיילט צו אים, מיט דעם חייל־פירער, נחשון בן־עמינדב.

— עס איז ווידער דער ערב־רב! — האָט יהושע אָנגעהויבן אָן אָן אָטעם, ווען ער און נחשון בן־עמינדב זענען אָנגעקומען צו משהן. — זיי רייצן־אויף דאָס פאָלק, רייצן־אויף אין אים די תאווה צו דער אַכילה. רק זיי רעדן וועגן די אַלע גרינסן, וואָס דאָס פאָלק האָט אַזוי לאַנג פאַר די אויגן ניט אָנגעזען. זיי רייצן זיי מיט דעם ריח פון בלוט פון לעבעדיקע ברואים און פאַרמיאוסן מיט דעם דעם מן נאָך מער אין זייערע אויגן.

— זיי האָבן אָנגעשטעקט דאָס גאַנצע פאָלק מיט דער תאווה פון פלייש

ווי מיט אַ צרעת, דערמאָנענדיק זיי נאָכאַנאַנד אָן די טעפּ פליישׁ, וואָס זיי האָבן געגעסן אין מצרים, — זאָגט נחשון בן־עמינדב. — דאָס צרעת פון דער תאווה צעשפּרייט זיך, עס האָט שוין דערגרייכט אַפילו צו דעם חייל פון די שבטים. אויך צווישן דעם חייל הערט זיך אַ בייז מורמלען. זיי פאָדערן זכרשע אָקסן, ניט קיין קינדערשע מילך. איך קאָן זיי מער ניט האַלטן אין צוים.

— און דאָס — נאָך דעם באַרג סיני? און גלייך אַנטקעגן דעם משכן? און באַלד ביי דער גרענעץ פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד? — זאָגט משה אין טרויער.

— טאָקע דער משכן האָט עס אויפגעוועקט אין זיי דעם פאַרלאַנג נאָך פליישׁ. די קרבנות, וואָס זיי זעען אויפן מזבח, דער אָנבליק פון בלוט, דער ריח פון ברענענדיקן פעטס, וואָס גייט־אויף אין זייערע נאָזלעכער, — זיי פאַרלאַנגען אויך שעפּסן פאַר זיך, און רינדער און אָקסן און פי, ווי די כהנים.

— פון וואַנען זאָלן מיר זיי נעמען, די שאָף און רינדער, אויף צו זעטיקן אַזאַ מחנה? צי זעען זיי ניט איין, אַז דער מן איז נאָר אויף דערווייל, פאַר דער צייט נאָר פון זייער זיין אין מדבר? באַלד וועלן זיי דאָך אָנקומען אין אַ באַזעצט לאַנד, וואו זיי וועלן קאָנען זייען און אַקערן און פּיטערן שאָף.

— איך זאָג נאָכאַמאָל, ניט די בני־ישׂראל בונטעווען זיך קעגן יהוהן און דיר. דאָס איז דער ערב־רב, די אַבעסינישע קנעכט, די קינדער פון כּוש, די זין פון ליבעריע און אַנדערע אַזיאַטישע שטאַמען, די עגיפּטער אַליין, וואָס זענען מיטגעלאָפן מיט אונדז, אַלץ פּרעמדע, וואָס זענען ניט פון דער זרע פון אַברהם. דאָס רייצן זיי אָן דאָס פאָלק. איך האָב שטענדיק געוואָרנט קעגן זיי.

— רופט זיך אָן אַהרן, וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט זיין זון אַלעזר, ביידע אין כהנישן טראַכט, פון זיין געצעלט, וואָס איז געווען באַלד לעבן משהס געצעלט. — די קינדער פון אַברהם פאַרמאָגן די אמונה פון אַברהם, דעם פּחד פון יצחק און דאָס ענוות פון יעקב אַנטקעגן זייער גאָט יהוה. די קינדער פון די אָבות האָבן די מידות פון די אָבות. די פּרעמדע אָבער, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט אונדז, מוזן מיר דערווייטערן פון דער מחנה. אפשיידן מוזן מיר זיי פון די בני־ישׂראל און מאַכן זיי פאַר האָלצהעקער און וואַסער־שעפּער.

— יהוה האָט אונדז געבאָטן ניט איין מאָל, נאָר פיל מאָל, אַז איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם פּרעמדן ווי פאַר אייך און אַז איר זאָלט ליב האָבן דעם פּרעמדן, וואָרעם פּרעמדע זענט איר אַליין געווען אין לאַנד מצרים. די, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען מיט אונדז פון מצרים, זענען ווי מיר אַליין: ניט נאָך אונדז זענען זיי געגאַנגען, נאָר נאָך יהוהן, און ניט אין אונדז האָבן זיי געגלויבט, נאָר אין יהוהן. און זיי זענען, ווי מיר אַליין, אונטער דעם שוץ און אונטער דעם געזעץ פון יהוהן, — זאָגט משה אַרויס מיט פעסטקייט.

— און ווי האַלטן זיי די געזעצן פון יהוהן? זיי האָבן שיר־ניט פאַרשטייערט די זקני־ישׂראל, ווען יענע זענען געקומען זיי זאָגן, אין נאָמען פון יהוהן, אַז זיי זאָלן אָוועקשיקן פון זיך זייערע שוועסטער, וואָס זיי האָבן זיך גענומען פאַר ווייבער. זיי האָבן פאַרטריבן מיט שטעקנס די אויפזעער, ווען יענע האָבן

זיי געזאָגט, אַז יהוה האָט פאַרבאָטן צו לעבן, ווי מיט אַ ווייב, מיט אַן אייגענער מוטער אָדער שוועסטער, — רופט זיך ווידער אָמאָל אָן אַהרן.

— ווער זענען די זקני ישראל, אַז די בני־ישראל זאָלן זיך צוהערן צו זייער קול? האָבן זיי אָפּגעהאַלטן די בני־ישראל פון מאַכן דעם עגל? ניין. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די לעכער און די נאָרעס, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיי ניט פאַרשטיינערן, אויב זיי ווילן אים נאָר פּרואוון צו־ריקהאַלטן פון דער עבודה־זרה. די, וואָס קאָנען ניט איינשטעלן זייער לעבן פאַר יהוהן, קאָנען ניט זיין קיין שליחים פאַר יהוהן.

אַהרן איז שטום געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, ווען משה האָט דערמאָנט די מעשה־עגל, און אַזוי אויך די אַנדערע.

— ניין, די בני־ישראל האָבן רעכט ניט צוצוהערן זיך צום קול פון די זקני־ישראל. אַ נייער וועד פון זקני־ישראל מוז געשאַפן ווערן, אַ וועד, וואָס דאָס פאָלק זאָל האָבן צוטרוי צו אים און זיך צוהערן צו זיין קול. קום, לאָמיר גיין צו זיי, — האָט ער זיך געווענדט צו יהושען.

— מיין האַר משה, גיי ניט אַרויס אין דער מחנה.

— פאַרוואָס?

— דאָס פאָלק איז אויפגערייצט. עס איז עלול צו באַגיין אַן עוולה.

— גלייכער זאָלן זיי זינדיקן קעגן מיר איידער קעגן יהוהן. גיי הינטער מיר.

— און משה האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פון בערגל.

— ברודער משה, זאָל איך מיטגיין מיט דיר? — פרעגט אַהרן.

— דיין כבוד איז גרעסער פון מיינעם, — ענטפערט משה. — בלייב אין געצעלט. דיין טראַכט, אין וועלכן דו טוסט די עבודה פאַר יהוהן, טאָר ניט פאַרפלעקט ווערן.

ווען משה איז אָנגעקומען צו די מחנות פון ישראל, האָבן זיי אים ניט באַמערקט. בחינם האָט יהושע און די אַנדערע, וואָס זענען געווען מיט משהן, גערופן צו זיי:

— משה רבינו איז צווישן אייך!

זיי האָבן זיך ניט אומגעקוקט אויף אים ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען זייער פירער. זיי זענען געווען פאַרטון אין עפּעס אַנדערש.

פאַר די פאַרהאַנגען פון זייערע געצעלטן זענען אויסגעזעסן די בני־ישראל, מידע, מיט אַראָפּגעזונקענע קעפּ, און האָבן גערעדט מיט בענקשאַפט וועגן די מאכלים, וואָס זיי האָבן געגעסן מיט הנאה אין מצריים. משה האָט געזען ווי אַ מוטער, אַרומגערינגלט מיט אירע קינדער, קריכט אַרום צווישן די געצעלטן, ווי אַ פאַרלאָזענע הון מיט אירע הינדעלעך, און נישטערט אין דעם פאַרמיס־טיקטן זאַמד.

— בחינם דיין זוכן, — רופט צו איר דער מאַן. — וואָס מיינסטו, דו ביסט אין מצריים? פון דעם בלויזן אָפּפאַל, וואָס מען האָט דאָרט אַרויסגע־וואָרפן פון די געצעלטן, האָט מען געקאָנט מאַכן אַ קיניגלעכן מאָלצייט. דאָ וועסטו מער ווי קנאַקעדיקן זאַמד ניט געפינען. פון דעם מן בלייבט דיר גאָר קיין שפור ניט איבער אין די געדערים. ווי ער קומט אומבאַמערקט, אַזוי ווערט

ער ניט, — רופט צו דער מוטער אַ הויך־אַרויפגעשאָסענער מאַן, דאָר און דין ווי אַ שטעקן, מיט אַ קאָזע־בערדל אויף אַ שפּיציקער גאָמבע.

— דו זאָגסט, מצריים? ווען איך וואָלט איצט געהאַט די ציבעלע־שאָלעכץ, וואָס איך האָט אַרויסגעוואָרפן פאַר די הינער אין מצריים, ווען איך וואָלט גע־האַט די ביינער, וואָס איך האָב געוואָרפן צו די הינט, אַפילו נאָר די שאָלעכץ פון דעם קנאָבל....

— אוי, דערמאָן מיר דאָס ניט, די סלינע קומט מיר אין מויל אַריין, — האָט זיך אַ מאַן געווישט די סלינע, וואָס איז גערונען ביי אים פון מויל. — ווען אונטערן האַרץ האָט אַזאַ ברי געטון, ווען דו האָסט נאָך געקאָנט איינבייסן די ציין אין אַ געשמאַקן ביסן...

— אוי, אַז מיר האָבן זיך געלאָזט איבערערדן און פאַרלאָזן אַזאַ טייער לאַנד ווי מצריים, מיט די פיש אין די טייכן און דעם ברויט אין די קערב, — קרעכצט אַ יידענע, — צו גיין נאָך משהן אין אַזאַ מדבר אַריין!

— וואָס, ווילסט אפשר גיין צוריק קיין מצריים צו קנעטן ליים און מאַכן ציגל אַן שטרוי? — האָט איינער געפרעגט.

— וואָס איז אַרבעט אַזוי שלעכט? מיר האָבן טאַקע געאַרבעט, אָבער אונ־דזער שטיקל ברויט איז געווען זיכער. ווען דו ביסט אַהיימגעקומען פון דער אַר־בעט, האָסטו געוואוסט צו וואָס דו קומסט אַהיים: פליייש, פיש, ברויט, קנאָבל, ציי־בעלעס. צו וואָס קוקסטו דאָ אויס? צום ביסעלע זיסן שניי, וואָס צעשמעלצט זיך אויף דער צונג נאָך איידער דו פאַרזוכסט עס?

— אָבער, אַחינו בני־ישראל, קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב, דאָס איז דאָך נאָר אויף דערווייל, ביז איר וועט אָנקומען אין אייער לאַנד אַריין. זעט די חוקים־ומשפּטים, וואָס גאָט האָט אייך געגעבן. פאַר אַ פּעט לאַנד, פאַר אַ רייך לאַנד האָט ער אייך חוקים־ומשפּטים געגעבן! — האָט ווער אויסגערופן צווישן זיי.

— יאָ, חוקים־ומשפּטים האָט אונדז משה געגעבן. וואָס קאָנען מיר טון מיט די חוקים־ומשפּטים? קאָנען מיר זיי עסן? בעסער וואָלט ער אונדז ברויט געגעבן, פּשוט מענטשלעך ברויט, געמאַכט פון ווייץ, פון קאָרן, פליייש, אָקסן־פליייש, שעפּסן־פליייש, שטיקער פליייש...

— דאָס פליייש באַדאַרף ער פאַר זיך, — האָט אַן אַנדערער אויסגערופן.

— פאַר קרבנות פאַר יהוהן... יונגע ציגעלעך, בעק, רינדער, אַלץ פאַר יהוהן.

— נאָר דאָס פעטס אַליין גיבן זיי אַוועק יהוהן, דאָס פליייש לאָזן זיי פאַר זיך, אַהרן דער כהן מיט זיינע זין, משה מיט זיין עדה. האָסט געזען זיין שטאַרקן נאַקן, דעם בויך זיינעם? דאָס קריגט מען ניט פון חוקים־ומשפּטים, דאָס קריגט מען פון פרעסן גוט, פון פליייש, מאַרך־ביינער, ציבעלעס, קנאָבל... אונדז שטאָפּט ער מיט חוקים־ומשפּטים, און אַליין פרעסט ער, ער, מיט זיין ברו־דער דעם כהן און די בנים. אונדז לאָזט ער פאַרהונגערן, נערט אונדז מיט דעם נאַסן מן, און אַליין פרעסט ער פליייש....

— און איך זאָג, אַז הלוואַי וואָלטן מיר איצט געהאַט די אַלטע פירער, וואָס מיר האָבן געהאַט אין מצריים, קורחן מיט דתן און אבירם. זיי וואָלטן

אונדז ניט געלאָזט פאַרהונגערן. געדענקסט ווי קורח האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אונדז, אינאיינעם מיט דתן און אַבירם, ווען פּרעהס משרתים האָבן אונדז געוואָלט שלעכטס טון. זיי האָבן אַפילו איבערגעטראָגן פון אונדזערט וועגן שמיץ פון פּרעהס אויפזעערס. זיי האָבן גענומען אויף זיך די שולד און האָבן אונדז געשוינט. וואָלט עס משה אויך געטון? וואָלט ער אויך איבערגעטראָגן שמיץ פון אונדזערט וועגן? ווייסט ער דען פון אונדזער נויט? ער אַליין פרעסט פליש פון קרבנות און אונדז לאָזט ער פאַרהונגערן.

— איך האָב עס שטענדיק געזאָגט: זינט משה האָט זיך באַוויזן צווישן אונדז, האָט ער געבראַכט נאָר צרות און פּורעניות, פון מצריים אָן.

אין יהושע'ס האַנט האָט געבריט דאָס הענטל פון דער שווערד, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרשטעקט אין גאַרטל.

— משה רבינו, זאָל איך זיך וואַרפן אויף זיי מיט מיין שווערד? — האָט יהושע איינגערוימט משהן אויפן אויער.

— פאַרוואָס? ווייל איך הער מיין שאַנד? איך פיל ניט זייער צער און ווייס ניט פון זייער נויט! יאָ, זיי זאָגן מיר דעם אמת. קורח און דתן און אַבירם זענען געווען געטרייערע פירער. זיי האָבן גענומען אויף זיך שמיץ פון פּרעהס שמייסער פאַר די בני־ישראל. האָב איך אונטערגעשטעלט מיין לייב אַנטקעגן דער שפּיצרוט פון שמייסער? ניין! משה, האָסט געהערט היינט דעם אמת... קום מיט מיר.

און אַזוי איז משה געגאַנגען פון איין געצעלט צום אַנדערן. ער איז גע־גאַנגען אומבאַמערקט. צי מען האָט אים יאָ דערקענט, אָדער ניט, קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף אים. די מענטשן זענען געווען פאַרטון אין עפּעס אַנדערש. אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן מענטשן, אַריינגעכאַפּטע אין אַ היפּ־נאָז, וואָס זייערע חושים זענען אָפּגעטייט געווען פאַר אַלע אַנדערע עמאָציעס, נאָר וואָך פאַר איין פאַרלאַנג, איין תאווה, פאַר דער תאווה נאָך פליש.

די תאווה האָט אויפגעוועקט אַ בענקשאַפט אין זייער האַרץ נאָך דער שפּייז, וואָס זיי האָבן שוין אַזוי לאַנג ניט נהנה געווען פון איר, האָט צעפלאַמט זייער פאַנטאַזיע צו זען, ווי אין אַ מיראַזש, טעפּ פליש און צו פילן בחוש דעם גערוך פון געבראָטנס, ווי עס פלעגט אויפגיין פון די פעלד־קיכן אין מצריים.

לסוף איז משה מיט יהושען אָנגעקומען צו די געצעלטן, וואו דער ערב־רב האָט געוואוינט. דאָ האָט פאַר משהן און יהושען זיך אויפגעעפנט אַ ניי בילד. בעת די געצעלטן פון די בני־ישראל האָט די תאווה נאָך די מצרישע מאכלים זיך אויס־געלייזט אין אַ פיינלעכער בענקעניש, אין אַ געוויין, האָט דאָ, ביי דעם ערב־רב, די אייגענע תאווה זיך אויסגעשפּילט אין אַ מין אומגעצוימטער אַרגיע, אויסגעשפּילט זיך דורך מימיק און זשעסטן.

— און דו געדענקסט די קאַטשקעס, וואָס האָבן זיך געגאַרעט אין די בלאָטיקע ריטשקעלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אונדזערע ליימענע הייזלעך? ווען איך בין אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט פאַרנאַכט, האָב איך שוין געהערט זייער קוואַקען פון דער ווייטנס. אוי, ווי זיס עס איז געווען פאַר אונדז זייער פּליושקען־זיך אין וואַסער! געדענקסט? געדענקסט? דאָ איז געווען דאָס הייזל און דאָ דאָס וואַסער־

ריטשקעלע. האָסט נאָר באַדאַרפט די האַנט אויסציען, און אַט האַלטסטו שוין און פּילסט מיט דער האַנט דעם וואָרעמען, פּוכיקן, פעטן בײַליק, וואָס גיסט זיך מיט זײַן פעטס אַרויס פון אונטער די פעדערן. האָסט נאָר באַדאַרפט געבן אַ דריי־אָפּ דעם קאָפּ, אַ פליק די פעדערן, אַ שטאָך־אַרויף איפן דרענגל, און אַט האַלטסטו עס שוין איבערן פייער... דו הערסט ווי די טראָפּנס פעטס רייַשן־אויף, שיפּעג־דיק, ווען זיי פאַלן אין פייער אַריין. דער ריח פון געבראָטן פלייש גייט־אויף אין דיינע נאָזלעכער. אַט האַלט איך עס שוין צווישן די פינגער... אַ בייס־איין מיט די שאַרפע ציין... די ציין האָבן וואָס צו קייען. זיי קנאַקן־אויף די ביינער, אַט אַזוי, אַט אַזוי... און טיפער אין פעטן פלייש אַריין. די צונג גיט זיך אַ גיס־איבער מיט פעטס. דיין מויל איז פול מיט פעטס, וואָס רינט, רינט איבער די ליפּן, אויף דער גאָמבע... אין דער קעל קומט־אַריין אַזאַ וואַרעמקייט. זי גיט זיך אַ שמיר־איבער מיט פעטס. דו פילסט ווי עס גיסט זיך אין דיינע בעבעכעס אַריין. עס ווערט דיר וואַרעמער אין בויך, די געדערעם ווערן אויפגעריכט, די אָדערן גיסן זיך אָן מיט בלוט און פעטס, און דו קייסט, און דו קייסט, און דו בייסט זיך מיט די ציין אין מאַסיוון בייליק אַריין. אַט אַזוי, אַט אַזוי, אַט אַזוי...

דער מענטש, פון אַבעסינישן אָפּשטאַם, האָט געציטערט מיט זיין גאַנצן טונקעלן, ווי פון בראַנדז געגאָסענעם לייב, ווען ער האָט אויפגעשפילט די קאָ־מעדיע פון עסן פאַר די פאַרהונגערטע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע שקלאַפן, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט די בני־ישראל פון מצרים. ער האָט זיך געוואָרפן אין קאַנוואולסיעס. דער איינגעפאַלענער בויך האָט זיך געפאַלדעוועט ביי אים, זיך געהויבן און געפאַלן מיטן גיין אַרויף און אַראָפּ פון דער גאָמבע אין כלומרשטן קייען. ער האָט אַריינגעשטעקט די שוואַרצע אויסגעדאַרטע פינגער אין מויל אַריין און זיי געגאָגט, סמאַטשקענדיק מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט אויף אַן אמתן גע־האַלטן אַ שטיק געבראָטנס אין מויל, סאָפּענדיק און פרייכנדיק שווער ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט לופט, בשעת די פאַרבאַקטע סלינע האָט אַרויסגעזעצט ביי אים אויף די ליפּן.

זיינע העוויות און זיינע גרימאַסן פון איינעם, וואָס איז פאַרכאַפּט אין אַ טראַנס פון עקסטאַטישער הנאה, האָבן אַנגעשטעקט, ווי אַ כישוף, דעם עולם אַרום אים. זיי האָבן אָנגעהויבן אים נאָכמאַכן. זיי האָבן געגומען מאַכן מיט די מיילער, קייען אָפּגעדוכטע שפּייז, זיך וואַרפן אין קאַנוואולסיע. די קאַנוואולסיע איז געוואָרן וואָס־אַמאָל צאַפּלדיקער, שווינדלדיקער, און דאָ און דאָרט האָט זיך שוין איינער און אַן אַנדערער געוואָרפן אויף דער ערד, איינגענורעט דעם פּנים אין זאַמד, גע־נומען מיטן מויל און מיט די אויגן שלינגען זאַמד און אויסרופן אין עקסטאַז:

— און איך עס ציבעלעס, זאַפטיקע, געשמאַקע, שאַרפע, בייסיקע ציבעלע־בלעטער, אָנגעגאָסן מיט ציבעלע־זאַפט. אָ, ווי דער זאַפט פילט־אָן מיין מויל! ער גיסט זיך מיר אין קעל אַריין. אוי, ער בייסט מיר די קעל מיט זיין שאַרפן, פייער־דיקן ברען. ער ריכט־אויף די געדערעם אין מיר. איך פיל מיין בויך, מיינע קיש־קעס. זיי ווערן ווידער לעבעדיק. און איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין ניט קיין קישקעס... קישקעס, קישקעס, קישקעס...

— און איך בייס זיך איין אין שאַרפן קנאָבל, אין כריין־ביטערן גיל... עס פּילט מיך אָן מיט שרפהדיקן זאַפט.

— יאָ, קנאָבל און ציבעלעס, גיל־קרייטעך און מערן, רעטיכער, סאַלאַטן... איך עס און עס, און מיינע מענערישע כּוחות וואַקסן, אַלע מיינע גלידער גיסן זיך אָן מיט אַ זאַפט, וואָס ברענט מיט תּשוקה צום ווייב...

— און איך טרינק מילך, איידעלע ווייסע מילך. זי טריפט פון פעטן הייטער אַרויס גלייך מיר אין מויל אַריין. איך פיל, מיין קינד אונטער מיין האַרץ טרינקט מילך מיט מיר, — רופט־אויס אַ פרוי מיט אויסגעבלייזטע טאָרבעדיקע בריסט, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, מיט אַ מויל, פול מיט זאַמד.

דאָס וואָרט „מילך" האָט זיי אָנגעשטעקט מיט נייער תּאווה. עס איז געווען ווי עס וואָלט געבראָכט אָן אויספלוס פון אַ געטראַנק אין זייערע אויסגעטריקנטע קעלן אַריין צו שטילן זייער דאָרשט.

— און איך סמאַטשקע די יונגע, דעליקאַטע ביינדלעך פון אַ יונג ציגל, געקאָכט אין זיין מוטער'ס מילך, ווי די מצרים טוען עס אין זייערע יום־טובים. געדענקסט, אין מצריים, ביי די טעמפּלען, וואו זיי האָבן געקאָכט אין קעסלען יונגע ציגעלעך אין דער מוטער'ס מילך? ווי זיס זענען די ביינדלעך, אַדורכגעזאַפּט און איינגעקאָכט אין דער מוטער'ס מילך! דער טעם פון דער מאַמען און קינד צוזאַמען. דו ווייסט, עס איז ווי דו וואָלסט געשלאָפן מיט דער מוטער און דער טאָכטער צוזאַמען, וואָס משה האָט דאָס אונדז פאַרווערט, — האָט אַ מענטש פון מעכטיקן געביי און וואוקס אויסגערופן מיט אַ גרימאַסן־אויסגעקרימטן פּנים, מיט אַרויס־געשאָסענע אויגן, באַטאָנענדיק די ווערטער מיט זשעסטן און מיט באַוועגונגען פון זיין קערפּער.

און אויך די ווערטער פון דעם מענטשן־ריז און זיין מימיק האָבן געהאַט דעם כּוח פון אַ כּישוף איבער די מענטשן אַרום, און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך רייבן מיט די אויסגעדאַרטע לייבער איינער אָן אַנדערן, זיך צאַפּלען אין ספּאַזמען און מאַכן ווילדע קולות, ווי די אַרגיע פון זנות וואָלט איינגענומען דעם פּיין פון הונגער, וואָס האָט זיי געפּלאָגט.

משה און יהושע זענען געשטאַנען אינמיטן דעם לאַגער פון דעם ערב־רב, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ געמיש פון פעלקער און ראַסן: נעגערס פון אַבעסיניע אָפּשטאַמיקע פון אַראַבישע שבטים, עמלקים, מואבים, מדינים, ווייס־הויטיקע כּנענים, אַסיריער, ליביער, און אַפילו אָפּשטאַמיקע פון די גריכישע אינזלען, פון אומעטום, וואוהין עס זענען דערגאַנגען פרעהס חיילות און האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך שקלאַפן פאַר מצריים.

משה האָט גערעכנט, אַז זיי האָבן זיך שוין צונויפגעשמאָלצן מיט די בני־ישראל דורך די נסים־ונפלאות, וואָס זיי האָבן געזען, דורך די חוקים־ומשפּטים, וואָס ער, משה, האָט זיי געגעבן אין יהוה'ס נאָמען. ניין, קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן. דער עול פון דער תּורה האָט ניט אַריינגעגעבן אין זיי קיין נייע נשמה, ניט כּשר געמאַכט זייער גויאישקייט, ניט אַנדערש געמאַכט זייער מהות. דער ערשטער הונגער האָט אויסגעמעקט פון זייערע הערצער יעטוועדער געשריפטס, וואָס גאָט'ס האַנט האָט דאָרט געהאַט אויסגעקריצט. די תּאווה נאָך פלייש האָט

אויפגעפלאַמט אין זיי די תאווה נאָך עבודה־זרה, נאָך זנות, נאָך מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט. די עשרת־הדברות זענען צעבראָכן אין זייערע הערצער, און די שברי־לוחות ווערן צעמורשט צווישן די קיזלשטיינער פון גערירשנטער, אַנגעוואַק־סענער האַרטנעקיקער היהשקייט. אַלץ איז פאַרצערט אין דעם פלאַקערפייער פון תאווה, און עס איז ניטאָ, חלילה, קיין האָפענונג, אַז דאָס ברויט פון גאָט, וואָס ער האָט פאַרזייט אין זייערע הערצער, זאָל נאָך אַמאָל אויפגיין.

— משה רבינו, זאָל איך זיי פאַרלענדן מיט דער שאַרף פון דער שווערד, ווי עמלק? — האָט דער בלוט־אויפגעקאָכטער יהושע אויסגערופן צו משהן.

— זיי? — האָט משה געפרעגט. — פאַרוואָס זיי? אונדז קומט מיתה, מיר און דיר און די זקני־ישראל, אונדז, זייערע פירער, ניט זיי. ווער זענען זיי? ווער איז געווען זייער פאָטער? דער אַכזריותדיקער וואַלד, וואו עס עקסיסטירט דאָס געזעץ פון דער חיה. ווער איז געווען זייער מוטער? די שטומע, שוואַרצע נאַכט, וועלכע דעקט־צו דאָס פּנים פון דער ערד מיט אַ שוואַרצן שלייער און פאַרשטעלט דאָס ליכט פון גאָטס הימל מיט פינצטערניש. זיי צו פאַרניכטן וואָלט געהייסן מודה צו זיין, חלילה, אַז דעם מענטשנס האַרץ איז ניט דער אַקער־באָדן, אין וועלכן גאָטס געזעץ קאָן ווערן פאַרפלאַנצט. אויב אַזוי, צו וואָס דער באַשאַף? און אויב דער זאָמען פון אַברהם, יצחק און יעקב פוילט אין דער בלאָטע פון תאווה, ווי אַזוי זאָלן זיי בעסער זיין? הער דאָס געוויין, וואָס גייט־אויף פון די געצעלטן פון יעקב; הער דאָס געשריי נאָך פלייש, נאָך ציבעלעס, נאָך קנאָבל, וואָס פאַר־שטיקט דעם נעשה־ונשמע! ניין, ניט זיי זענען שולדיק. מיר, די פירער, זע־נען געווען שלעכטע זייער, מיר האָבן געפעלט אין אונדזער מלאכה. מיר האָבן זיי ניט געגעבן קיין גוטן משל. זע, וואָס די פירער האָבן געטון ביי דער מעשה־עגל. מיין ברודער, די זקני־ישראל, — ווי מייז אין די לעכער האָבן זיי זיך באַהאַלטן און געלאָזט דאָס פאָלק אויף הפקר. דער פאַסטוך איז שולדיק, אויב זיינע שאָף ווערן צעזייט און פאַלן אין די אָפּגרונטן אָדער ווערן געפרעסן פון חיות־רעות, ווי זיי, די בני־ישראל, פון שלעכטע תאוות. קום, לאָמיר גיין און אָפּגעבן צוריק די סטאַדע צו דעם, וואָס האָט זי אונדז אָנגעטרויט צו פיטערן. שלעכטע פאַסטוכער זענען מיר געווען.

און משה איז צוריקגעגאַנגען און איז אַריינגעגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם פאַרהאַנג איבער דעם איינגאַנג פון גע־צעלט, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אין זיין גאַנצער לענג און געוויינט אין די הענט אַריין.

— דערבאַרעמדיקער גאָט, גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, זע מיין שאַנד, זען מיין דערנידערונג. מיין שוואַכקייט און מיין פעלן זענען אויפגעדעקט פאַר דיר ווי אַ בלוטיקע מכה. ווען האָסטו אויסגעזוכט, אין וועמענס הענט האָסטו איבערגעגעבן די קינדער פון דיינע פריינד, אברהם, יצחק און יעקב? ווען דו ביסט צום ערשטן מאָל געקומען צו מיר און האָסט מיך אַוועקגענומען פון מיינע שאָף, אַז איך זאָל ווערן דער פאַסטוך פון דיין אויסדערוויילט פאָלק, האָב איך דיר געזאָגט: „ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פרעהן, אַז איך זאָל אַרויסנעמען די קינדער פון ישראל פון מצריים?" ניט זייער שולד איז

עס, עס איז מיין שולד. האָסט געפֿונען דיין פֿאָלק און עס איבערגעגעבן אין אומווערדיקע הענט. זע, האָסט מיר, דיין קנעכט, מיט דעם נאָר שלעכטס געטון. מיט וואָס האָב איך זיך פֿאַרזינדיקט קעגן דיר, אַז דו זאָלסט וואַרפֿן אויף מיינע שוואַכע פּלייצעס די משא פֿון דעם גרויסן פֿאָלק? האָב איך אויסגעטראָגן דאָס דאָזיקע פֿאָלק, האָב איך עס געבוירן, וואָס דו האָסט מיר געהייסן, אַז איך זאָל עס טראָגן אין מיין שויס אַזוי ווי אַן אָם טראָגט איר קינד — צו ברענגען עס אין דעם לאַנד אַריין, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט די אבות? — האָט משה געוויינט מיט טענות פֿאַר גאָט. — ווער בין איך, אַז איך זאָל זיי געבן פֿלייש? פֿון וואַנען זאָל איך עס נעמען? ניין, מעכטיקער יהוה, איך קאָן ניט מער אַליין טראָגן דאָס פֿאָלק אויף זיך. איך קען ניט פֿאַרנעמען זייער געוויין, איך קאָן ניט פֿאַרטראָגן דעם צער פֿון זייער הונגער און דאָרשט. און אויב דו טוסט אַזוי צו מיר, בעט איך דיך, הרגע מיך בעסער. לאָז מיך ניט פֿאַרלוירן גיין אין מיין פֿאַרלאָזנקייט, און ברענג ניט דאָס שלעכטס אויף מיר.

משה האָט געמיינט, אַז יהוה וועט קומען איבער אים אין אַ שטורעם, מיט דונערן און בליצן, און וועט אים צודריקן צו דער ערד, אויף וועלכער ער ליגט, איבער דעם, וואָס ער וואַרפֿט־אָפּ פֿון זיך דעם עול פֿון שליחות, וואָס יהוה האָט געלייגט אויף אים. משה האָט זיך געריכט און איז גרייט געווען דערשלאָגן צו ווערן פֿון יהוהס גרימצאָרן. ער האָט ניט געקאָנט מער צוזען דעם צער פֿון ישראל און איז מיד געוואָרן צו טראָגן אויף זיך די לאַסט פֿון צוזען זייער פּיין און ניט קאָנען זיי העלפֿן. אַנשטאָט דעם, איז געפֿאַלן אויף אים אַ לייכטער וואָלקן, ווי אַ שלייער. די שלייערן האָבן זיך געמערט, און זיי האָבן אים אַרונטערגענומען אונטער וואַרעמע פֿליגל, אַזוי ווי זיין קאָפּ וואָלט געווען ווייך אַנגעלענט צווישן די פֿליגל פֿון די כרובים. און ער האָט געהערט יהוהס שטים, מילד און ווייך און זאַנפֿטיק, ווי אַ מוטערס געזאַנג. און ווי אַ פֿאָטער האָט אים יהוה געטרייסט און געשטאַרקט און גערעדט צו זיין האַרץ, גערעדט מיט פֿאָטערלעכן רחמנות און איינזען:

— גיי און קלייב מיר אויס זיבעציק לייט פֿון די עלטסטע פֿון ישראל, וואָס דו קענסט זיי און ווייסט, אַז זיי זענען די אָנגעזעענסטע אין פֿאָלק פֿון זיינען אויפֿזעערס, און נעם זיי צוזאַמען און ברענג זיי אין דעם אוהל־מועד, און זאָלן זיי בלייבן מיט דיר. און איך וועל קומען און וועל רעדן מיט דיר דאָרט. און איך וועל אָפּטיילן פֿון דיין גייסט, וואָס איז אין דיר, און וועל זיי באַקליידן מיט דעם גייסט, און זיי וועלן טראָגן די משא פֿון פֿאָלק צוזאַמען מיט דיר, און דו וועסט ניט מער טראָגן דעם גאַנצן עול אַליין. און אויך דעם פֿאָלק זאָג, אַז זיי זאָלן זיך הייליקן און זיך פֿאַרבאַרייטן פֿאַר מאָרגן. מאָרגן וועל איך זיי אָנזעטיקן מיט פֿלייש, וואָס זיי האָבן אַזוי געוויינט איבער דעם אין די אויערן פֿון יהוהן: „ווער וועט אונדז געבן עסן פֿלייש? עס איז אונדז בעסער געווען אין מצריים". און ניט איין טאָג, ניט צוויי טעג, — אַ גאַנצן חודש וועלן זיי עסן פֿלייש, ביז עס וועט זיי פֿאַרמיאוסט ווערן און וועט זיך קערן פֿון זייער

קעל, איבער דעם, וואָס זיי האָבן פאַרמיאוסט זייער גאָט, וואָס איז מיט זיי, און געוויינט פאַר אים: „נאָך וואָס זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פון מצריים?"

משה איז געווען אַזוי איינגענומען פון יהוהס מילדע רייד, אַז ער האָט אין דעם עקסטאַז, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט, גאָר פאַרגעסן, ווער עס רעדט צו אים. עס איז אים פאַרגעקומען ווי אַ פאָטער טרייסט אַ זון און איז זיך מיט אים מיישב איבער דעם ענין פון די בני־ישראל, און ווי אַ זון פאַר אַ פאָטער, האָט ער זיך דערוועגט צו זאָגן פאַר יהוהן:

— וואו וועסטו נעמען פלייש צו נערן זעקס מאָל הונדערט טויזנט מענטשן? שאָף און רינדער וועסטו פאַר זיי שעכטן? די פיש פון ים וועסטו פאַר זיי איינזאַמלען?

און גאָט האָט זיך ניט געבייזערט אויף אים. ער האָט אים דערמאָנט מיט פריינדלעכקייט, ווען ער שטעלט אַזאַ פראַגע:

— איז דען גאָטס האַנט קורץ? וואָרט און זע, צי עס וועט טרעפן אַזוי ווי איך זאָג אָדער ניט.

ווען משה איז אַרויסגעקומען פון דעם עקסטאַז, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט איטלעכן מאָל, ווען יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים, האָט ער זיך איבערגעלייגט, האָט אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן איטלעכן וואָרט און איטלעכן אַנדייט, וואָס ער האָט געהערט אין זיין עקסטאַטישן צושטאַנד פון יהוהס מויל. איטלעך וואָרט איז געווען אַן אָנווייז אויף עפּעס וויכטיקס, וואָס משה האָט מורא געהאַט צו פאַרזינדיקן זיך קעגן דעם. אויך דאָס מאָל האָט ער זיך איבערגעלייגט אין זיין מחשבה יהוהס ווערטער, די עצות, וואָס יהוה האָט אים געגעבן און וואָס משה האָט זיי באַטראַכט פאַר געבאָטן. גאָט האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל איינזאַמלען זיבעציק חשובע לייט פון די זקני־ישראל, וואָס ער ווייסט, אַז זיי זענען די זקני־העם און זיינע „אויפזעערס". שוטרים, האָט ער אים געזאָגט, זאָלן זיי זיין. דאָס זאָל זיין דער חילוק צווישן זיינע ערשטע זיבעציק און די נייע זיבעציק.

זינט יהוה האָט אַרויסגעפירט די בני־ישראל פון מצריים, האָבן זיי ניט געהאַט קיין אויפזעערס. זיי האָבן געהאַט לערער, אָנווייזער, פאַרשפרייטער און אויסטייטשער פון יהוהס געזעץ, אָבער ניט קיין אָנטרייבער. אָנטרייבער, באַצווינגער האָבן זיי געהאַט אין מצריים, ווען זיי זענען געווען קנעכט ביי פרעהן. זאָל עס הייסן, אַז יהוה וויל, אַז ער זאָל אַריינברענגען די בני־ישראל אין אַ נייע שקלאַפישע דיסציפּלין, זיי זאָלן שטיין אונטער דער השגחה פון שוטרים, וואָס זאָלן זיי אָנטרייבן צו דער עבודה פון יהוהן ווי זיי זענען אָנגעטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט ביי פרעהן? חלילה! די בני־ישראל זענען בני־חורין. זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון דער מצרישער קנעכטשאַפט. די חוקים־ומשפּטים, די עשרת־הדברות האָבן זיי גענומען אויף זיך מיט זייער פרייען ווילן, ווי פרייע מענטשן, מיט זייער אויסרופן „נעשה ונשמע!" ווי אַזוי קאָן ער שטעלן איבער זיי שוטרים, שוטרים מיט שקלאַפן־בייטשן אין די הענט, וואָס זאָלן טרייבן בני חורין צו דער עבודה פון יהוה? ניין, יהוה וויל דאָס ניט פון אים!

וואָס־זשע האָט ער געמיינט מיט דעם וואָרט „שוטרים"? זאָל עס הייסן, אַז

ער נעמט אַוועק פון זיי די פרייהייט און פאַרקערט זיי אין זיינע קנעכט, ווי זיי זענען געווען קנעכט ביי פרעהן?

חלילה! משה האָט ניט געקאָנט צולאָזן אויף אַ רגע, אַז יהוה זאָל וועלן פאַרוואַנדלען די בני־ישראל אין קנעכט.

וואָס־זשע האָט ער פאָרט געמיינט מיט דעם וואָרט „שוטרים״? — האָט זיך משה ווידער געפרעגט.

אין זיין, משהס, פאַרצווייפלטער אומוויסנקייט האָט יהוה אויפגעעפנט פאַר אים אַן עפענונג אין דער ווייטער צוקונפט.

און משה האָט געזען די בני־ישראל פאַרשפּרייט צווישן די אומות־העולם. ער האָט זיי געזען לעבן ווי אַ באַזונדער פאָלק צווישן די גויים, ווי אַן אינדזל, וואָס טוקט זיך אין ים. ער האָט געזען דעם גאַנצן דאָרנדיקן וועג פון די בני־ישראל, ווי זיי גייען איבער אים, פאַרבלוטיקטע, געשמיסענע, געפּייניקטע. ער האָט געזען דעם גאַנצן קידוש־השם פון יידישן פאָלק, ווי זיי ברענען זיך אויף שייטערן און שרייען־אויס „שמע־ישראל!״ מיט זייער לעצטן אָטעם. ער האָט געזען ווי גויים שמירן מיט חזיר די מיילער פון יידן און נייטן זיי דאָס צו עסן. און דער ייד שטייט, אַ פאַרפּייניקטער, אָפּגעגאָסן אין אַנגסטן. ער מאַכט־צו די אויגן, פאַרשטשעמעט דאָס מויל און לאָזט פאַלן אויף זיך די שמיץ פון די באַטעקעס, ער קערט זיך אָבער אָפּ פון טועם־זיין דעם טעם פון חזיר, וויפל די רויע הענט זאָלן אים ניט אויפרייסן דאָס מויל. ער האָט געזען ווי לייבער טליען זיך אין פייער, און פון די פייערן זינגען אַרויס פריידיקע געזאַנגען, ניט קיין געוויין פון לייד און צער. ער האָט געזען די פרייד, וואָס די בני־ישראל קריגן ווי שכר פאַר דער קנעכטשאַפט. נייִן, אַנגעטריבענע קנעכט דינען ניט אַזוי זייער האַר. אַזוי דינען בני־חורין, פריינד פאַר אַ פריינד, אייגענע פאַר אַן אייגענעם. דער עול פון די מצוות איז אַ פרייוויליקער. און ער האָט איינגעזען, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די קנעכטשאַפט צו יהוהן מאַכט פריי: דער קנעכט פון יהוהס מצוות איז אַ פרייער מענטש מיט אַ פרייען ווילן צו דינען זיין גאָט מיט זיין גאַנץ האַרץ, מיט זיין גאַנצער נשמה קעגן דעם בייזן ווילן און דער אַכזריות פון אַ גאַנצער וועלט און אַ גאַנצער מענטשהייט.

— איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט מיך געלאָזט זען ווי דיין ווילן מאַכט דיין באַשעפעניש פריי.

משה האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען צו דתן און אַבירם, די אַלטע שוטרים פון די בני־ישראל אין מצריים. ער איז ניט געגאַנגען צו קורחן. קורח, אַ בן־לוי, איז געווען פריי פון יעדער פליכט־טואונג מחוץ דער באַדינונג פון משכן. דתן און אַבירם זענען געווען שוטרים ביי פרעהן; איצט האָט משה זיי געוואָלט מאַכן פאַר שוטרים ביי יהוהן.

— ברידער דתן און אַבירם, — האָט משה געזאָגט, בייגנדיק זיך פאַר זיי, — איך בין געקומען אייך בעטן, איר זאָלט מיר העלפן אין דער אָנפירונג פון די בני־ישראל, איר זאָלט זיין פון די ערשטע זקנים, וואָס יהוה האָט מיר געהייסן אויסקלייבן פון צווישן די זקני־ישראל. דער רוח פון יהוהן זאָל רוען

אויף אייך ווי אויף מיר, איר זאָלט זיין אַ טייל פון דעם שליחות, אינאיינעם מיט מיר, פון יהוהן צו די בני־ישׂראל.

— מיר? — האָבן דתן און אַבירם אויסגערופן מיט וואונדער. — מיר זאָלן זיין אין איין שליחות מיט דיר פון יהוהן פאַר די בני־ישראל?

— איר זאָלט האָבן אַ טייל פון מיין גייסט.

— מיר, וואָס זענען געווען שוטרים ביי פרעהן? — האָבן זיי זיך ווייטער געוואונדערט.

— האָב איך ניט געזען ווי איר זענט געשטאַנען נאַקעט פאַר פרעהס משרתים, און זיי האָבן אייך געשלאָגן מיט שטעקנס און ריטער — צו צווינגען אייך אָב־צוטרייבן די בני־ישראל צו קלייבן שטרוי פאַר ציגל און איר האָט איבערגע־טראָגן די קלעפּ פון פרעהס שטעקנס און ריטער אויף אייער לייב און זיך אָפּ־געזאָגט צו באַצווינגען די בני־ישראל צו טון אַן אַרבעט, וואָס איז איבער זייערע כוחות? מיין אייגן לייב האָט קיינמאָל ניט די זכיה געהאַט צו פילן דעם טעם פון שלעק פון וועגן די בני־ישראל. הלוואי זאָל גאָט געבן, אַז מיין חלק זאָל זיין צוזאַמען מיט אייערן, ווי אייער חלק אין דעם רוח־הקודש וועט זיין צו־זאַמען מיט מיר. און ווי גאָט איז געווען מיט אייך, ווען איר זענט געווען די שוטרים איבער די בני־ישראל פאַר פרעהן, אַזוי זאָל גאָט זיין מיט אייך, ווען איר וועט זיין די שוטרים איבער די בני־ישראל פאַר דער עבודה פון יהוהן.

און דתן און אַבירם זענען געוואָרן אַ טייל פון די שוטרים־זקנים פון די בני־ישראל, און ווי זיי האָבן אַמאָל געדינט פרעהן — האָבן זיי איצט געדינט יהוהן.

*

און אויך פלייש האָט יהוה זיי געגעבן, ווי ער האָט צוגעזאָגט משהן. איין פרימאָרגן האָבן די בני־ישראל געזען ווי שאָטנס פון פליגל פאַלן איבער די זאַמדן פון מדבר, באַלד איז דער שיין פון דער זון טונקל געוואָרן פון די שאַרן פייגל, וואָס זענען געקומען אָנצופליען. עס זענען געווען דיזעלבע פייגל, וואַכטל־פייגל, וואָס זענען געקומען צו פליען צו זיי, ווען זיי האָבן זיך געהאַט געפונען ביים ים־סוף אויפן וועג צום באַרג סיני, וואָס גאָט האָט געשיקט צו זיי — און זיי זענען באַלד פאַרשוואונדן. איצט זענען זיי צוריקגעקומען פון ברעג ים־סוף איבער דער ברייט פון מדבר און האָבן, ווי אַמאָל, זיך אַרונטער־געלאָזט צו די פיס פון די בני־ישראל. מען קאָן זיך פאַרשטעלן די געשרייען, דעם ליאַרם, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין דער מחנה. פון אַלע געצעלטן, פון אַלע ווינקלען און עקן פון דער גרויסער מחנה זענען זיי אָנגעקומען צו לויפן, מאַן, ווייב און קינד, און האָבן געוואָרפן זיך אויף די וואַכטל־פייגל מיט זשעדנע מיילער, פאַרצאַפּלט פון פרייד און אויפרעגונג. טייל פון זיי האָבן ניט געוואַרט ביז זיי וועלן אַהיימברענגען די פייגל און צוגרייטן פון זיי אַ מענטשלעכן מאכל. זיי האָבן גלייך אויפן אָרט זיי אָפּגעדרייט די קעפּ, אָפּגעפּליקט אַ זשמוט פעדערן און זיך איינגעביסן מיט היהשער זשעדנעקייט אין דעם רויען האַרטן פלייש, וואָס קיין קאָכן, קיין בראָטן און זאַטן האָט עס ניט באַטעמט געמאַכט צום עסן. מיט זייערע מאָגנס איינגעשרומפּן פון דעם ווייכן, צעפּלאָסענעם מן, זענען

זיי מער ניט מסוגל געווען אויפצונעמען און פאַרדייען די שווערע, האַמעטנע שפּייז, וואָס זיי האָבן זיך ראַשיק געשטופּט אין מויל אַריין. נאָך האָבן זיי געזעטיקט די תּאווה פון עסן דורך פאַרצוקן מיט די ציין דאָס פעטע פלייש, כראַמטשענדיק די האַרטע ביינער, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט מער שטילן דעם הונגער פון זייער מאָגן. איידער די זאַפטן פון דעם הנאהדיקן ביסן האָבן געקאָנט דערגרייכן דורך דעם שפּייז־קאַנאַל צום ליידיקן פאַרחלשטן מאָגן, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך וואַרפן אין פיינלעכע קראַמפּן אויפן זאַמד. דער ביסן איז זיי געבליבן שטעקן אין האַלדז, זיי האָבן זיך געשטיקט מיטן ניט־פאַרדייטלעכן רויען פלייש און פיל פון זיי זענען געשטאָרבן. מען האָט אָנגערופן דאָס אָרט אין מדבר „קברות־התּאווה״, די קברים פון דער תּאווה.

אָבער משה, פאַרזאָרגט איצט מיט דער נייער אויספיר־מאַכט, וואָס יהוה האָט אים געגעבן דורך איבערפירן זיין אייגענע אויטאָריטעט אויף די זקנים־שוטרים, האָט זיך גענומען איינפירן די חוקים־ומשפּטים פון יהוהן צווישן די בני־ישראל מיט אַן אייזערנער האַנט. דיזעלבע שוטרים, וואָס האָבן זיי אָנגעיאָגט צו דער אַרבעט ביי פּרעהן, זאָלן זיי איצט אָניאָגן צו דער עבודה פון יהוהן. דתן און אַבירם, און אַפילו אלדד און מידד, אויסגעריכט מיט מאַכט פון יהוהן אַליין, זאָלן אָנווענדן די מאַכט איבער די בני־ישראל ניט דורך דער רוט, נאָר דורך זייער גייסטיקן סטאַטוס, דורך דעם רוח־הקודש, וואָס איז אין זיי. צו נביאים האָט משה זיי דערהויבן, כּדי זייער אָנזען אין די אויגן פון די בני־ישראל זאָל ניט זיין ווי פון שקלאַפן־אָנטרייבער, ווי זיי זענען געווען ביי פּרעהן, נאָר פון זעערס, פון נביאים, ווי ער אַליין איז געווען. און ער האָט זיי געלאָזט נביאות זאָגן.

יהושע, משהס תּלמיד און באַדינער, איז געווען אייפערזיכטיק אויף משהס כּבוד און האָט ניט געקאָנט צוזען, אַז אַזעלכע לייט ווי אלדד און מידד, אָדער דתן און אַבירם, אַמאָליקע נוגשים ביי פּרעהן, זאָלן טיילן דעם כּבוד און דעם רשות מיט משהן צוגלייך און זאָגן נביאות ביי דער מחנה פון ישראל. מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט איז ער גרייט געווען צו וואַרפן זיך אויף זיי און זיי פאַרניכטן. אָבער משה האָט אים צוריקגעהאַלטן:

— וואָס, דו ביסט זיך מתקנא פון וועגן מיין כּבוד? הלוואַי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק פון יהוהן זיין נביאים, אַז יהוה זאָל לאָזן זיין גייסט רוען אויף זיי.

אויסגעריכט מיט דער מאַכט פון יהוהן, האָבן זיי זיך באַלד גענומען אויספירן זייער עובֿדה מיט דערזעלבער שטרענגקייט ווי ביי פּרעהן.

באַלד האָבן זיי געבראַכט פאַר משהן אַ מאַן, וואָס מען האָט געטראָפן, קלייבנדיק אום שבת פאַרטריקנטע צווייגלעך פאַר אַ פייער אויף צו קאָכן זיין געקעכטס. אַזעלכע פאַלן פון צעשטערן אָדער פאַרזעען משהס געבאָטן האָבן געטראָפן פיל ביז איצט, עס איז אָבער ניט געווען ווער עס זאָל וועמען שטערן. אַזוי אַרום האָבן זיי ניט געוואוסט, וואָס זיי זאָלן טון מיט דעם מענטשן. זאָלן זיי אַרויפלייגן אויף אים דעם גאַנצן האַרבן עונש, וואָס משה האָט פעסטגעשטעלט פאַר מחלל שבת זיין שוין דאָ אין מדבר, אָדער אָפּהאַלטן די געזעצן ביז זיי

וועלן אָנקומען אין זייער נייעם ישוב? זיי האָבן דעם מענטשן אַריינגעזעצט אין וואַך און געבראַכט דעם עניץ פאַר משהן. משה, פעסט און זיכער מיט די נייע שוטרים־זקנים, וואָס יהוה האָט אים געגעבן צוהילף, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אין נאָמען פון יהוהן, אַז מען זאָל אַרויספירן דעם מענטשן מחוץ למחנה און די גאַנצע עדה זאָל אים פאַרשטיינען. מען האָט אַרויסגעפירט דעם מענטשן מחוץ למחנה און אים געטון זיין רעכט מיטן טיילנעמען פון דער גאַנצער עדה, כּדי זיי זאָלן זען און מורא קריגן.

די נייע דיסציפּלין פאַר יהוהן האָט זיך אָנגעהויבן.

# 14

אַרום און אַרום איז משה געווען אַן איינזאַמער מענטש. מיט זיין אייגענער משפּחה האָט ער זיך באַקענט שפּעט, ווען ער איז שוין געווען אַ פול דערוואַקסענער מענטש און האָט געלעבט זיין אייגן לעבן, וואָס עס איז געווען לחלוטין אַנדערש פון דעם לעבן אין דער סביבה פון זיינע אייגענע. דער נעענטסטער מענטש אין זיין משפּחה איז אים געווען זיין שוועסטער מרים, וואָס ער האָט געהאַט פאַר איר דאָס וואַרעמע געפיל פון אַ קינד פאַר אַ מוטער, און זי האָט אין אַ געוויסער מאָס טאַקע פאַרנומען פאַר אים דעם פּלאַץ פון זיין אייגענער מוטער, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק געלעגנהייט געהאַט זי צו קענען. ער האָט געוואוסט ווי מרים האָט געהאַלטן וואַך איבער אים פון זיינע פריע קינדער־יאָרן אָן, ווען אַפילו ער האָט זיך געפונען ווייט פון דער היים, צווישן פרעמדע.

משה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַמביציעס, קיין אַספּיראַציעס פאַר זיך, נאָר אַלע זיינע באַגערן און וואונטשן זענען געווען קאָנצענטרירט אויף דער באַפרייאונג פון זיין פאָלק, אויף דער שטרעבונג צו מאַכן אויס זיי דעם עם־סגולה, וואָס יהוה האָט זיי פאַר דעם אויסגעוויילט, האָט באַין־אופן ניט געקאָנט פאַרגעבן אהרנען די מעשה־עגל. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט דורך זיינע תחנונים און בקשות, וואָס ער האָט מיט גרויס מסירת־נפש געבראַכט פאַר יהוהן, געפּועלט ביי יהוהן אַ מחילה פאַר זיין ברודער און אים צוריקגעשטעלט אין זיין רעכט, האָט אים משה ניט געקאָנט מוחל־זיין זיינע אַמביציעזע שטרעבונגען, וואָס צוליב זיי האָט ער פאַרראַטן יהוהן און אַזוי אַרום געבראַכט דאָס פאָלק צום ברעג פון אָפּגרונט.

ניט בעסער איז אויך געווען זיין פאַרהאַלטן־זיך צו דער משפּחה, וואָס ער האָט זיך געשאַפן אין מדין. יתרוס משפּחה איז מער געווען פאַר אים אַן אַנטרינונג — און אַ רעטונג — פון זיין פאַרלאָזנקייט און פרעמדקייט נאָכדעם ווי זיינע אייגענע ברידער האָבן אים פאַרטריבן פון זיך. ער האָט זיכער געהאַט אַ גוט געפיל פאַר זיין ווייב צפּורה און זיין שווער יתרו, וואָס ער האָט געפונען ביי זיי אַ

נייע היים, נאָר דאָס געפיל איז מער געווען אַ געפיל פון דאַנק פאַר דער געטריי־שאַפט, וואָס צפורה האָט אים אַרויסגעוויזן מיט איר נאָכקומען נאָך אים קיין מצרים, ווען אַפילו זי איז געווען אויסגעשטעלט מיט די קינדער אויף סכנות פון פאַרקנעכטונג, און פאַר דער גוטסקייט פון זיין שווער יתרו, וואָס האָט אים באַשיצט פון פרעהס שומרים און געטיילט מיט אים זיין חכמה און זיין וויסן, — מער אַ געפיל פון דאַנק איידער פון ליבשאַפט און קרובישאַפט. אַז משה האָט זיך געפילט ווי אַ פרעמדער אין יתרוס הויז, האָט ער דערויף אָנגעוויזן מיט דעם נאָמען ג ר ש ו ם, וואָס ער האָט געגעבן איינעם פון זיינע זין. דאָס געפיל פון פרעמדקייט, פון ניט־אָנגעהעריקייט צו זיין אייגענער משפחה האָט זיך ניט געביטן אין אים אַפילו נאָך יציאת־מצרים, ווען זיין ווייב און זייגע זין זענען מיטגעגאַנגען מיט אים אין מדבר.

משה האָט ניט נאָר פאַרנאַכלעסיקט זיין משפחה; נאָך מער, ער האָט בכלל ניט געהאַט קיין געפיל און קיין באַדערפעניש פאַר אַן אייגענעם, אַ פערזענלעכן לעבן. זיין משפחה איז געווען כל־ישראל, זיין טאַטע־מאַמע — דער גאָט פון ישראל, יהוה. ביי יתרון האָט מען עס געפילט. מען האָט דאָרט געוואוסט דערפון, און עס האָט אַרויסגערופן פאַרביטערונג און אַפילו שנאה צו משהן, וואָס עס האָט זיך שפּעטער אַריבערגעטראָגן פון יתרון צו די מדינים און האָט אַריינגענומען אַלע בני־ישראל, פירנדיק דערצו, אַז די מדינים זאָלן זיך פאַרבינדן מיט די שונאים פון די בני־ישראל. דער פאַקט, וואָס משה האָט פאַרפעלט צו גרינדן אַן אייגענע דינאַסטיע, ווי זיין ברודער אהרן האָט עס געטון, האָט אַזוי אויפגעבראַכט זיין שווער יתרו און זיין שוואָגער חובב, אַז דער שוואָגער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין אַ וועגווייזער פאַר די בני־ישראל אין מדבר, ווען משה האָט דאָס אים אָנגעבאָטן, און איז צוריקגעגאַנגען צו זיין אייגענעם לאַנד און צו זיין געבוירן־אָרט — נאָך זיין פאָטער, און ביידע, דער פאָטער מיטן זון, האָבן בדעה געהאַט מיטצו־נעמען מיט זיך צפורהן מיט די קינדער קיין מדין, כדי אַרויסצוציען זיי פון דער סכנה פון מדבר. און ווען צפורה האָט ניט צוגעהערט די רייד פון איר פאָטער און ברודער און איז נאָכגעגאַנגען נאָך משהן אין מדבר, האָט משה זיין משפחה איינ־געשטעלט אין אַ געצעלט צווישן די בני־ישראל, און אַליין האָט ער זיך אויפגע־האַלטן אין אַ געצעלט, וואָס ער האָט תמיד געהאַט אויפגעשטעלט פאַר דעם איינ־גאַנג פון משכן־הויף, — מיט דעם בחור יהושען, וואָס ער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט פון די אויגן, פאַר זיין באַדינער.

משה, וואָס יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים און גערעדט צו אים פה־אל־פה, און אָפטמאָל גאָר פלוצלינג, אומגעריכט, האָט זיך תמיד געמוזט געפינען אין אַ צו־שטאַנד פון דערוואַרטונג, צי יהוה וועט קומען צו אים אין אַ דערשיינונג, אָדער ער וועט רעדן צו אים דורך אַ שטים אין זיין האַרץ, דורך זיין רוח־הקודש, — האָט ער, דעריבער, זיך געהאַלטן אין ריינקייט און הייליקייט און ניט גענענט זיך צו קיין פרוי. עס האָבן זיך אָפּגעטון פון אים די גלוסטונגען פון אַ בשר־ודם און אין זיין האַרץ זענען נאָר אָפן געווען די קוואַלן פון ליבשאַפט און תשוקה נאָך דעם שיין פון דער שכינה. ער האָט, פאַרשטייט זיך, פון צייט־צו־צייט באַזוכט צפורהס

געצעלט און פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג מיט זיין משפּחה. זינט אָבער דער מעשה־עגל, ווען יהוה האָט אים געוואָלט מאַכן פאַרן פאָטער פון אַ גרויס פאָלק אויפן אָרט פון אברהמען, האָט משה זיך אויסגעהיט פון האַלטן אין חשיבות אָדער צוטיילן יעטוועדער מין כבוד זיינע אייגענע קינדער. ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון זיי און געלאָזט זיי פאַרלוירן גיין צווישן די בני־ישראל, ווי אַ טראָפּן אין ים.

צפּורה האָט אַלץ פאַר ליב גענומען, און ווי אַ שטילע טויב האָט זי פאַרטראָגן דעם צער פון פאַרלאָזנקייט — און זי האָט גאָרניט געזאָגט. און עס איז געווען, ווען די אַנדערע ווייבער האָבן זי פאַרשעמט און איר פאַרגעוואָרפן:

— עס איז דער סדר פון דער וועלט, אַז איטלעכער מאַן זאָל זיין באַהעפט אָן זיין אייגן ווייב און איטלעכער פאָטער זאָל זאָרגן פאַר זיינע קינדער, און דיין מאַן משה האָט דיך פאַרלאָזט, און אַ פרעמדן האָט ער זיך גענומען פאַר אַ זון. . . .

האָט זי דערויף געענטפערט:

— איז דען משה אַ מאַן, ווי יעטוועדער אַנדער מאַן, און אַ פאָטער, ווי יעט־וועדער אַנדער פאָטער? משה איז דער פירער פון ישראל און אַלצדינג, וואָס ער טוט, טוט ער עס על־פּי הדיבור. ווער בין איך, אַז איך זאָל מתרעם זיין אויף משהן? איז דען ניט גענוג פאַר מיר, וואָס זיין נאָמען ווערט גערופן אויף מיר און זיין שאָטן פאַלט איבער מיר?

אויך זיין שוועסטער מרים, ווי די עלטערע פון אים אין דער משפּחה, האָט זיך דאָס רעכט גענומען אויסצורעדן משהן פאַר זיין פאַרנאַכלעסיקן דאָס ווייב און די קינדער. משה, דער עניו, וואָס ער איז געווען, האָט אויסגעהערט זיין שוועסטער און איר ניט אָפּגעענטפערט.

*

פון אַלע זיינע ערדישע אייגענע איז אים צום נעענטסטן געווען זיין פרעמדע מוטער, די מוטער, וואָס האָט אים ניט געבוירן, נאָר אים געפונען און צוגענומען צו זיך, — פּרעהס טאָכטער, וואָס ער האָט גערופן בתיה. מיט רירנדיקער בענ־קעניש פלעגט ער זיך דערמאָנען ווי די פרעמדע מוטער האָט אים באַשיצט פון פּרעהס אייפערזיכטיקע משרתים, פון די כהנים, וואָס האָבן געלויערט אויף אים ווי ווילדע היענעס אויף אַ שעפעלע, וואָס פאַרבלאָנדזשעט פון דער סטאַדע. וויפל מאָל האָט זי זיך איינגעשטעלט פאַר אים! ווען פּרעהס שווערד איז אים שוין געלעגן אויפן האַלדז, האָט זי דאָס אָפּגעווענדט פון אים דורך אונטערשטעלן איר אייגענעם האַלדז.

אָפטמאָל פרעגט ער זיך, וואָס עס איז געוואָרן פון איר. צי דינט זי נאָך די אָפּגעטער פון מצריים? צי גלויבט זי, אַז זי איז די פאַרקערפּערונג פון איזיס און אַז ער, משה, איז איר זון האָרוס? ער דערמאָנט זיך ווי זי פלעגט אים מדריך־זיין אין דעם גלויבן, ווען ער איז אַ קינד געווען און איז מיטגעגאַנגען מיט איר אין איר טעמפּל אַריין, — גלויבט זי נאָך אין דער אומוואַרדיקייט? וויפל מאָל האָט ער געקניט פאַר יהוהן און געבעטן צו אים, אַז ער זאָל איר עפענען די אויגן און זי זאָל דערזען, אַז ניט די זון איז גאָט, ווי מען זאָל אים ניט רופן, רא אָדער אַטאָן, נאָר דער, וואָס האָט באַשאַפן די זון און די לבנה און אַלע אַנדערע שטערן, נאָר ער אַליין איז דער אמתער און איינציקער גאָט! און אויב אַזוי, מוז דאָך איר לעבן זיין

אין גרויס סכנה אין פרעהס הויף. ער ווייסט אָבער, אַז יהוה האָט זי אַרונטערגע־ נומען אונטער זיין שוץ, אַז ער באַשירעמט זי פון אַלעם בייזן און איז איר מוחל די נאַרישקייט פון איר גלויבן צוליב דער גוטסקייט פון איר האַרץ, וואָרעם אויב ניט אירע אויגן, האָט דאָך איר האַרץ דערפילט דעם איינציקן דערבאַרעמדיקן גאָט פון ישראל.

זינט ער האָט פאַרלאָזט פרעהס הויף, האָט ער זי ניט געזען. ער איז ניט געגאַנגען צו איר, ווי ער האָט איר געהאַט צוגעזאָגט, ווען גאָט האָט אים געשיקט קיין מצריים צו באַפרייען ישראל, ווייל ער האָט ניט געוואָלט געבן קיין פּתחון־פּה די אַלע מלשינים — די איצטיקע און די צוקונפטיקע, וואָס וועלן קומען, — צו זאָגן, אַז ניט יהוהס מעכטיקע האַנט און זיין אויסגעשטרעקטער אָרעם האָבן באַפרייט ישראל פון דער קנעכטשאַפט ביי פרעהן, נאָר אַז משה האָט עס אויסגע־ פירט דורך דער שתדלנות פון זיין מוטער. משה איז געווען אויסגעהיט ניט אָפּצו־ שוואַכן מיט וואָס־עס־איז יהוהס אַנטפּלעקטע מאַכט, האָט ער, צוליב דעם, אויס־ געמיטן יעטוועדער פאַרקער מיט די, וואָס ער האָט געקענט אין פרעהס הויף און וואָס זענען געווען סימפּאַטיש צו אים. ער האָט דערפאַר די מוטער מער ניט געזען און מער ניט געהערט פון איר, זינט ער האָט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזט דאָס לאַנד מצריים.

ביז איינמאָל, ווען ער האָט אין דער מחנה פון ישראל באַגעגנט אַן אַלט, באַקאַנט פּנים פון פרעהס הויף.

ווען משה פלעגט זיך באַווייזן אין דער מחנה פון ישראל מיט זיין פאַרדעקט פּנים, פלעגט דאָס פאָלק שטיין אין די טירן פון די געצעלטן, בייגן די קעפּ פאַר אים און אים נאָכקוקן ביז ער איז פאַרשוואונדן אין דער געדיכטקייט פון וואָלקן, וואָס האָט געהויערט איבער דעם גאַנצן שטח פון דעם משכן־פעלד, וואו זיין אוהל איז געשטאַנען. און איין טאָג, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען די געצעלטן פון דעם ערב־רב, וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ דער מחנה פון ישראל, איז אַ פרוי אַרויס פון אַ געצעלט, איז אים געקומען אַנטקעגן, נאָר אַנשטאָט צו בייגן דעם קאָפּ פאַר אים, ווי די אַנדערע האָבן געטון, ווען זיי האָבן גערעדט צו משהן, איז די פרוי געפאַלן פאַר אים, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, ווי מען ציט זיך אויס פאַר אַ גאָט אָדער אַ מלך, האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין זאַמד און גערופן צו אים:

— מיין האַר און מיין געביטער!

משה האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— נאָר פאַרן גאָט פון ישראל, ווען דו קומסט אין אָנגעזיכט פון זיין משכן צו בעטן פאַר אים, שיקט זיך עס צו קניען און פאַלן אויפן פּנים, ניט אָבער פאַר קיין בשר־ודם. הייב זיך אויף, שטעל זיך אויף דיינע פיס און זאָג מיר, וואָס דו האָסט צו זאָגן.

ווען די פרוי האָט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל און זיך אויפגעשטעלט פאַר אים, האָט משה זי אָנגעקוקט און זי דערקענט.

— ביסטו ניט פּיהא, די דינסט פון מיין מוטער דער פּרינצעסין?

— יאָ, איך בין פּיהאַ, — האָט די פרוי געענטפערט און געבייגן איר הויכן, שטאָלצן קאָפּ פאַר אים.

— וואָס טוסטו צווישן די מחנות פון ישראל? — האָט משה געפרעגט.

— איך בין געקומען זיך באַהעפטן אָן דעם גאָט פון ישראל. האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז יעדערער, ווער ער זאָל ניט זיין, צו וואָס פאַר אַ שבט אָדער פאָלק ער זאָל ניט אָנגעהערן, קאָן זיך באַהעפטן אָן דעם גאָט פון ישראל, ווייל ער איז דער פאָטער פון אַלע יצירים?

— יאָ, איך האָב עס דיר געזאָגט. ווייסט מיין מוטער, אַז דו ביסט דאָ מיט אונדז אין מדבר, צווישן די שבטים פון ישראל?

— אויף איר באַפעל בין איך געגאַנגען נאָך די בני־ישראל אין מדבר, און אַזוי אַרום בין איך דאָ מיט אייך.

— דאָס הייסט, אַז מיין מוטער, די טאָכטער פון פרעהן, לעבט?

— ניין. דער באַפעל, וואָס זי האָט מיר געגעבן, איז געווען איר לעצט וואָרט אײדער זי איז געגאַנגען רוען אין שאָטן פון דעם גאָט פון שלום, וואָס איז דער גאָט פון ישראל.

— אין שאָטן פון דעם גאָט פון שלום, וואָס איז דער גאָט פון ישראל, זאָגסטו? ניט אין שאָטן פון דעם גאָט פון טויט, פון איר מאַן אָזיריס, אין דער פּיראַמידע פון איר פאָטער רעמסס דעם צווייטן? — וואונדערט זיך משה.

— ניין. דאָס זענען אירע אייגענע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט איר ברודער, פרעה מענעפּטאַ, און די כהנים פון גאָט ראַ, ווי זיי זענען אַלע געשטאַנען אַרום איר ביי איר טויט.

— זאָג מיר אַלצדינג, וואָס דו ווייסט וועגן מיין מוטער. פאַרהויל קיין זאַך ניט פון מיר, ווארעם איך בין דאַרשטיק צו וויסן פון אַלע אירע טואונגען.

— דאָס האָט זי מיר טאַקע אָנגעזאָגט. זי האָט מיר באַפוילן צו ברענגען פאַר דיר אַלע אירע רייד, צו זאָגן דיר, אַז זי גייט נאָך דיר, צו דיין גאָט.

— און פאַרוואָס האָסטו ניט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון דיין האַרינטע?

— ווער בין איך, אַז איך זאָל זיך דערנעענטערן צום הייליקן געצעלט, וואו מיין האַר געפינט זיך, אין דעם שאָטן פון דיין גאָט? איך בין אַן אומריינע פרעמדע.

— די, וואָס באַקערן זיך צום גאָט פון ישראל, זענען ניט מער קיין פרעמדע, און אין זיין אָנגעזיכט זענען אַלע זיינע גלויביקע רייך.... ברענג די פרוי אין געצעלט אַריין און זאָל זי מיר דערציילן פון אַלץ, וואָס עס איז געשען מיט מיין מוטער, — האָט משה באַפוילן יהושען, זיין באַדינער.

שטייט זי פאַר משהן אין זיין געצעלט. איר נאַקעטקייט איז טיף פאַרהוילן אין שוואַרצע הילעס, אַזוי אויך דאָס פנים אירס און די האָר, אינגאַנצן פאַרהוילן פון קאָפּ ביז צו די הוילע פיס, אַ נאַקעטע קאָלאָנע, באַהאַנגען אין שוואַרצן, און זי דערציילט פאַר משהן פון די לעצטע טעג פון זיין מוטער בתיה:

— עס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי פרעה, אין שפּיץ פון זיינע רייטערס, איז אַרויסגעגאַנגען אייך נאָכצויאָגן צום באָרטן פון ים־סוף. ווארעם שליחים זענען געקומען און האָבן געבראַכט די ידיעה, אַז איר בלאָנדזשעט אין מדבר. זיי האָבן

עס אויסגעטייטשט, אַז דער גאָט רא האָט פאַרצאַמט פאַר אייך דעם וועג מיטן ברעג פון ים. און די כהנים האָבן געזאָגט, אַז דאָס פירט רא דעם לעצטן קאַמף קעגן דעם גאָט אַטאָן. וואָרעם זיי האָבן געגלויבט, אַז דיין גאָט, דער גאָט פון ישראל, איז גאָר דער גאָט אַטאָן און אַז דו ביסט דער גלגול פון אמענהאָטעפּ דעם פערטן, נאָר דו האָסט אָנגענומען דעם נאָמען משה אַזוי ווי אַמענהאָטעפּ האָט אָנגענומען דעם נאָמען טוטענקהאָטען. — און אָט דערפאַר איז פרעה אַליין אַרויס־געריטן דיך צו באַזיגן.

„אויף דער עצה און דעם באַפעל פון די כהנים, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך פיל עשירות. זיי האָבן געוואָלט בייקומען דעם גאָט אַטאָן ניט נאָר מיט דער שווערד, נאָר אויך מיט עשירות, ווען זיי וועלן אויפוויזן, אַז פרעה מענעפטא איז פיל רייכער פון טוטענקהאָטען און האָט דערפאַר געבויט פאַר רא גרעסערע און רייכערע טעמפּלען ווי טוטענקהאָטן האָט געבויט פאַר אַטאָן.

„אָבער פרעה מענעפטא האָט נאָר אַרויסגעפירט די חיילות אין מדבר אַריין, און אַליין האָט ער באַלד זיך אומגעקערט צוריק. די כהנים האָבן באַפוילן, אַז אַלע גלויביקע זאָלן זיך זאַמלען אין די טעמפּלען און העלפן מיט זייערע תפילות און קרבנות דעם גאָט רא אין זיין קאַמף קעגן יהוה־אַטאָן. אויך דיין מוטער, וואָס דו רופסט בתיה, ווי די אייבערפּריסטערין פון דער געטין איזיס, האָט איר ברודער, פרעה מענעפטא, מיט די כהנים אויפגעפּאָדערט, אַז זי זאָל אָפּריכטן אַ גאָטסדינסט פאַר איר געטין. וואָרעם דער פחד פון דעם גאָט פון ישראל איז געפאַלן איבער די מצרים. נאָכדעם ווי זיי האָבן געפונען זייערע בכורים טויט האָבן זיי אָנגעהויבן פעסט גלויבן, אַז ניט אַנדערש, נאָר דער גאָט אַטאָן, פאַרשטעלט אונטערן נאָמען יהוה, איז ווידער געקומען צו נעמען נקמה ניט נאָר פון פרעהן און זיינע כהנים איבער דעם, וואָס זיי האָבן זיין שטאָט חרוב געמאַכט און זיינע טעמפּלען פאַרוויסט און זיין נאָמען אויסגעמעקט פון צווישן די לעבעדיקע, נאָר אַז ער וועט אויך רעכענונג נעמען פון אַלע עגיפּטער פאַר דער פאַרשעמונג פון שקלאַפערייַ, מיט וועלכער זיי האָבן געטון פאַרשעמען די עברים אין גושן. און זיי האָבן אַלע אויס־געקוקט מיט גרויס אימה אויף דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, וואָס דער גאָט רא האַלט מיט פרעהס רייטוועגן קעגן יהוהן ביים ברעג ים־סוף. די טעמפּלען פון רא און פון אַלע אַנדערע געטער זענען געווען איבערפול מיט מתפללים. פרעה מיט אַלע זיינע משרתים און פיל פאָלק האָבן געקניט ביים ברעג פון נילוס־טייך, האָבן געזונגען, מיט די הענט געשטרעקט אַנטקעגן דער זון, הימנען צו דעם זון־גאָט רא, געריכערט ווייַרעך און מקריב געווען קרבנות. דאָס אייגענע איז אויך געווען אין דעם טעמפּל פון שריפטן, פון חכמה און וויסן, — אין דעם טעמפּל פון דעם גאָט טאָט און אין אַלע אַנדערע טעמפּלען. אומעטום האָט מען אָפּגעריכט אַ פייערלעכע עבודה. נאָר דער איינער טעמפּל פון דער גרויסער געטין איזיס איז געשטאַנען פאַרשלאָסן. דיין מוטער, די אייבערפּריסטערין, האָט דעם טעמפּל ניט געוואָלט עפענען. זי האָט ניט געוואָלט עפענען דעם טעמפּל און זיך אָפּגעזאָגט פון אָפּריכטן די עבודה פאַר דער געטין, ניט געקוקט אויף אַלע סטראַשונקעס פון איר ברודער און די כהנים. לסוף האָבן זיי געפּרואווט זי נייטן דערצו. איך בין געווען דערביי.

איך האָב געזען ווי פּרעה מיט זיין „בעסטן פריינד", דער שני־למלך, און דעם הויפּט־כּהן האָבן זיך אַריינגעריסן צו איר. זי איז שוואַך געווען און איז געלעגן אויף איר געלעגער. איך האָב איר דערלאַנגט לאָטוס־בלומען צו שמעקן, געשמירט איר דעם קאָפּ מיט אייל. זיי האָבן זי געבראַכט פאַר דער געטין נעפּטיס, וואו זיי האָבן זי געריינִיקט פאַר דער עבודה, געוואַשן זי און געזאַלבט, זי אָנגעקליידט אין דעם פּריסטער־טראַכט, איר אָנגעטון אויפן קאָפּ דעם איזיס־העלם מיט די אָקסן־הערנער און געלאָזט אירע העלפערינס זי צופירן צו דער פאַרשלאָסענער טיר פון טעמפּל.

„צוערשט האָט זי געטון אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט טון. זי האָט אַראָפּגעֶנומען דעם באַנד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער טיר פון טעמפּל און געזאָגט דעם שפּרוך פון דער פּריסטערין ביים קומען אָפּריכטן די עבודה: „איך קום פאַר דיר מיט רויכערדיקע בשמים. מיין ריינִיקונג איז אויף מיינע הענט. איך בין ביי דער געטין נעפּטיס געווען. נעפּטיס האָט מיך געריינִיקט. איך בין אַ פּריסטערין און אַ טאָכטער פון אַ פּריסטערין. איך בין געקומען צו טון פאַר דיר, וואָס מען באַדאַרף, און ניט צו טון, וואָס מען באַדאַרף ניט."

„אַלע זענען געווען צופרידן. זיי האָבן געמיינט, אַז איצט וועט די פּריסטערין אָפּריכטן די עבודה און בעטן אויף דער מפּלה פון איר זון. אַלע האָבן אויסגעוואַרט.

„זי האָט אויפגעעפנט די טיר פון טעמפּל מיט די ווערטער:

„— איך האָב אַ רעכט די טיר איבערצוטרעטן. איך האָב אַלדאָס בייזע, וואָס איז אין מיר, אָפּגעוואָרפן.

„און זי האָט די שוועל איבערגעטראָטן.

„ווען זי איז אין טעמפּל אַריינגעגאַנגען, מיט די כּהנים, די פּריסטערינס און דעם פאָלק נאָך איר, האָט זי גענומען די רויכערפאַן פון דער האַנט פון אַ פּריסטערין, איז צוגעגאַנגען צו דער געטין איזיס, וועלכע איז שוין געווען איינגעהילט אין ווייִרעך, האָט זיך געשטעלט אויף די טרעפּלעך פאַר דער געטין און אויסגעשטרעקט די הענט — ניט צו דער געטין, נאָר צום פאָלק, צו אַלע מתפּללים, וואָס זענען געלעגן מיט די פּנימער אויף דער ערד. אירע אויגן, טיף אַריינגעזעצט אין קאָפּ, האָבן פּלוצלינג אויפגעפלאַמט מיט אַ הערלעך ליכט, איר פּנים איז באַלעבט געוואָרן און זי האָט אָנגעהויבן פירזאָגן מיט אַ קלאָרער שטים.

„צוערשט האָט מען געמיינט, אַז זי לייענט אַ לויב פאַר איזיס, רעציטירט די מעשים פון דער געטין, נאָר באַלד האָט מען איינגעזען, אַז זי האָט אימפּראָוויזירט רייד פון נביאות:

„— גאָט רא איז אַלט געוואָרן, און פון זיין מויל רינט גאַווער. און ווי מיין מוטער איזיס, וועל איך פון דעם שפּייעכץ אַ גיפט מישן און אים דאָס געבן צו טרינקען. איך וועל אָנצינדן אין אים אַ גרויס פייער, וועל אים פּייניקן מיט יסורים, ביז וואַנען איך וועל פון אים זיין סוד אַרויסקריגן, דעם סוד פון זיין נאָמען, מיט וועלכן איך וועל אים בינדן."

„די כּהנים וואַרטן־אויס. זיי רעכענען, אַז באַלד וועט זי איבערגיין צו דער תּפילה פאַר דעם נצחון פון רא. מיטאַמאָל דערהערן זיי אירע ווערטער, וואָס קלינגען העכער און לויטערער:

„— וואָרעם ראַ איז ניט קיין גאָט, און אַזוי איז אויך ניט אַטאָן מיט זיינע פיל שטראַלן. ראַ, ווי אטאָן, זענען באַשעפענישן פון דעם איין־און־איינציקן גאָט פון ישראל, וועלכער האָט אַלץ באַשאַפן. די זון טוט זיין ווילן און פירט־אויס זיין געבאָט, ווי יעטוועדער פויגל, וואָס פליט, ווי יעטוועדער וואָרעם, וואָס קריכט. זי גייט־אויף אין פרימאָרגן, זי זינקט אין אָוונט, ווייל יהוה האָט איר געהייסן אַזוי טון. שקלאַפן האָבן דאָס דערזען, די האַרן בלייבן בלינד. — און זי האָט געהייבן איר שטים און גערופן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס: — קומט, לאָמיר אַלע פאַלן אויף די קני פאַר דעם גרויסן גאָט פון ישראל, דעם באַשאַפער פון הימל און ערד, דעם פאָטער פון אָרעם און רייך, פון קליין און גרויס, פון שקלאַף און האַר, דעם גרויסן גאָט, וואָס האָט אונדז געוויזן זיין מעכטיקע האַנט און זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם. — און זי איז געפאַלן אויף די קני און האָט אויפגעהייבן די אָרעמס אין דער הייך און גערופן: — אָ, גאָט פון ישראל, האָב רחמנות אויף דיינע באַשעפענישן און ברענג זיי צו דיר....

„מער האָט מען זי ניט געלאָזט רעדן. באַלד זענען די כהנים צוגעלאָפן צו איר, זי איינגעהילט אין אַ שוואַרצע הילע, אַרויסגעטראָגן זי פון טעמפל, געבראַכט זי אין איר שטוב אַריין און אַוועקגעלייגט אויף איר געלעגער.

„שפּעטער איז אַריינגעקומען צו איר איר ברודער, פרעה מענעפטא, מיט דעם כהן־גדול מענעקא, וועלכער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ בעכער מיט אַ געטראַנק. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען באַלזאַמירער, מומיע־אויסריכטער, און דינער האָבן אַריינגעבראַכט אַ מומיע־ארון און געפלאָכטענע קערב מיט ווינדל־לייוונט.

„און פרעה האָט גענומען דעם בעכער פון כהן־גדולס האַנט, איז צוגעגאַנגען צו דער פרינצעסין און האָט איר געזאָגט:

„— נעם, שוועסטער, און טרינק דאָס אויס. עס איז דיין צייט געקומען צו רוען אין דעם שאָטן פון דיין מאַן אָזיריס, דעם הערשער פון טויט.

„און זי האָט אָפּגעענטפערט:

„— ניט ביים הערשער פון טויט וועל איך רוען, נאָר ביים הערשער פון אייביקן לעבן, אונטער די פליגל פון דעם גאָט פון ישראל, וואו עס הערשט אייביקער שלום.

„און זי האָט גענומען דעם בעכער מיטן געטראַנק אין האַנט אַריין, האָט זיך אַרומגעקוקט, ביז אירע אויגן... ביז אירע אויגן האָבן מיך דערזען. און זי האָט מיר געגעבן אַ צייכן צוצוקומען צו איר, און איך בין צוגעקומען נאָענט צו איר, און זי האָט מיר איינגערוימט אויפן אויער:

„— גיי אַרויס אין מדבר, וואו מיין זון פירט די עדה פון ישראל צו דעם באַרג פון גאָט. דערקען זיך צום גאָט פון ישראל, און דערצייל מיין זון פון אַלץ, וואָס דו האָסט געזען און געהערט.

„— און עס איז געווען, ווען איך האָב זיך אַדורכגעשלייכט דורך די פיל באַלזאַמירער און מומיע־אויסריכטער, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם קליינעם געמאַך פון דיין מוטער, האָב איך געהערט דאָס געזאַנג פון די בלינדע קלאָגערינס. זיי האָבן געזונגען די הימנע פון טויט:

„דער טויט שטייט היינט פֿאַר מיר,
אַזוי ווי אַ קראַנקער דערזעט זיין רפואה.
דער טויט שטייט היינט פֿאַר מיר,
ווי איינער, וואָס קומט־אָן אַהיים
נאָך יאָרן פֿיל אין געפֿאַנגענשאַפֿט".

משה האָט זיך געוואָרפֿן אויף די קני, האָט אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופֿן:

— איך דאַנק דיר און לויב דיך, גאָט פֿון רחמנות, וואָס דו האָסט זיך מרחם געווען אויף איינער פֿון דיינע באַשעפֿענישן, וואָס האָט דיך געזוכט אין איר האַרץ תמיד, און אויפֿגעעפֿנט אירע אויגן צו זען דיך און צו דערקענען דיך פֿאַר דעם איין־און־איינציקן לעבעדיקן גאָט פֿון ישראל, איידער דו האָסט זי גענומען צו זיך צו רוען אין דיין אייביקן שלום. אָ, גאָט פֿון צדק און גאָט פֿון חסד, דיין כּבוד זאָל רוען איבער דער גאַנצער ערד און אַלע דיינע באַשעפֿע־נישן זאָלן דערזען דיין גלאָריע און דיין מאַכט, און זיי זאָלן דיך דערקענען פֿאַר זייער פֿאָטער, וואָס לאָזט זיין גוטסקייט און זיין שפֿע פֿאַלן איבער זיי, סיי זיי רופֿן יאָ צו דיר, סיי ניט. וואָרעם איידער זיי דערקענען דיך זוכן זיי דיך.

און צו איר, דער נעגער־פֿרוי, האָט ער זיך געווענדט און געזאָגט:

— זאָל גאָט דיר באַצאָלן פֿאַר דעם חסד, וואָס דו האָסט געטון מיט מיין מוטער און מיט מיר צו ברענגען מיר איר לעצט שליחות. און איצט ביסטו פֿריי, פֿריי צו גיין צוריק צו דיין פֿאָלק און צו דיין לאַנד, פֿון וואַנען דו ביסט גע־בראַכט געוואָרן אַהער אין קנעכטשאַפֿט.

די הויכע, אין שוואַרצן איינגעהילטע געשטאַלט האָט זיך פֿאַרבויגן פֿאַר משהן און געזאָגט מיט געוויין:

— מיט וואָס האָב איך זיך פֿאַרזינדיקט קעגן מיין גאָט, וואָס דו, מיין האַר, שיקסט מיך אַוועק פֿון זיין אַנגעזיכט און פֿאַרטרייבסט מיך פֿון דער מחנה פֿון ישראל?

— ביסט געקומען צום גאָט פֿון ישראל און געפֿינסט זיך אין זיין הייליקער עדה, ווייל דיין האַרינטע האָט דיר באַפֿוילן אַזוי, אָדער דו האָסט עס געטון אויס דיין אייגענעם גוטן ווילן?

— האָב איך דען ניט געזען גאָטס גערעכטיקייט? און בין איך דען ניט קיין עדות געווען פֿון זיין מעכטיקער האַנט, ווי זי האָט געשטראָפֿט די שטאַרקע און די שטאָלצע און זיך אָנגענומען פֿאַר די שוואַכע און באַליידיקטע? ניין, איך האָב ניט קיין אַנדער היים ווי נאָר די היים, וואָס דער גאָט פֿון ישראל האָט מיר געגעבן אין זיין עדה, און איך האָב ניט קיין אַנדער געבוירן־אָרט ווי נאָר די נחלה און דעם חלק, וואָס איך האָב אין גאָט פֿון ישראל, אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט. און בין איך ניט ווערט צו זיין אַ טאָכטער אין ישראל — צוליב מיין אָפּשטאַם, אַזוי ווי די אַנדערע זאָגן, איז לאָז מיך זיין אַ דינסטמויד צו מיין האַר — צו דינען אים ווי איך האָב געדינט זיין מוטער, נאָר פֿאַרטרייב מיך

ניט פון דיין אַנגעזיכט, האַר משה, — האָט זי געזאָגט און אַנגענומען מיט די הענט משהס קלייד אין געבעט.

— ווער האָט עס געזאָגט און ווער דערוועגט זיך צו מאַכן אַ חילוק און אַן אָפּשייד אין גאָטס מחנה? — האָט משה געשריגן ווי אַ לייב.

— פיל פון די בני־ישראל זאָגן עס אויף אונדז, פרעמדע. זיי זאָגן עס אין נאָמען פון די שוטרים, פון דיין ברודער אַהרן און דיין שוועסטער מרים. מיר זענען פרעמדע, און קיינמאָל וועלן מיר ניט זיין קיין טייל פון ישראל.

— איין געזעץ, האָט יהוה געזאָגט, איז סיי פאַר דעם פרעמדן, סיי פאַר דעם היימישן. דיין גלויבן אין גאָט פון ישראל מאַכט דיך פאַר אַ טאָכטער אין ישראל, און דיין האַלטן־זיך אָן אים מאַכט דיך פריי. צו די טעכטער פון שבט יהודה ביסטו געגליכן. גיי, מיין שוועסטער, אין דער מחנה אַריין און זיי נהנה פון דיין חלק אין דער נחלה פון גאָט. און אויב עס וועט דיך ווער קרייוודען, אָדער וועלן דיך באַרויבן פון דיין חלק אין דער נחלה, צוליב דיין אָפּשטאַם, קום צו מיר. די טיר פון מיין געצעלט וועט שטענדיק זיין אָפן פאַר דיר, ווי מיין אויער וועט זיין אָפן פאַר דיין וואָרט. גיי, מיין שוועסטער, אין שלום.

# 15

באַלד איז משהן אויסגעקומען צו הערן מער איבער דעם, וואָס פּיהא האָט אים דערציילט וועגן דער האַרטער באַהאַנדלונג פון דעם ערב־רב.

דאָס אויפהויבן דעם פרעמד־געבוירענעם ערב־רב, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט די בני־ישראל פון מצריים אין מדבר, צום שטאַנד פון גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון יהוהן איז געווען פון אַזאַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, אַז עס האָט אויפגערודערט די געמיטער סיי ביים פאָלק, סיי ביי זיינע אָנפירער. די בני־ישראל זענען ניט בעסער געווען פון אַנדערע פעלקער. געלעבט אַזוי לאַנג אין מצריים, האָבן זיי איבערגענומען דעם שטייגער לעבן און די פירונגען פון די מצרים. אין מצריים האָבן שקלאַפן ניט געטאָרט האָבן קיין גאָט, ניט געטאָרט באַקערן זיך צו קיין אמונה. נאָר די מצרים אַליין זענען געווען אויסדערוויילט צו דינען דעם גאָט רא און צו קומען אין די טעמפּלען. אַ שקלאַף אָדער אַ פרעמד־געבוירענער האָט זיך ניט געטאָרט באַווייזן אַפילו אין דער נאָענט פון אַ טעמפּל. שוין דער הויך אַליין פון אַ שקלאַף האָט מטמא געווען. עס איז פאַררעכנט געווען פאַר אַ דערנידערונג פאַר אַ מצרישן האַר צו באַרירן מיט די אייגענע הענט אַ שקלאַף אַפילו אויף צו באַשטראָפן אים.

שוין אין מצריים האָט זיך געפילט צווישן די שבטים פון ישראל אַ שטרעבן צו יחוסדיקער געהייבנקייט און אויסדערוויילטקייט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַנ־

קורענץ פאַר אָנגעהעריקייט צווישן די זין פון די לעגיטימע ווייבער פון יעקב און די זין פון די שפחות. צוערשט האָט די טענדענץ גענומען זיך מערקן צווישן די אָפּשטאַמיקע פון די אָנגעזעענע שבטים. דער שבט לווי האָט געוואונען די גייסטיקע בכורה איבער דער פיזישער בכורה פון די קינדער פון ראובן, וועלכע האָבן דאָס קיינמאָל די לוויים ניט מוחל געווען. יהודה האָט זיך געשטאַרקט אי־בער ביידע, און די קינדער פון שפחות, די בני־דן, זענען דעגראַדירט געוואָרן כּמעט צום שטאַנד פון ערב־רב. אָבער דער פאַקט פון זייער אַלעמענס אָנגע־העריקייט צו די אָבות אַברהם, יצחק און יעקב האָט זיי געגעבן אַ געפיל פון חשיבות, אינאיינעם מיט גרויסהאַלטונג אַנטקעגן דעם ערב־רב.

ניט געקוקט אויף משהס „חוק אחד", איין געזעץ פאַר אַלעמען, וואָס ער האָט שטרענג איינגעשטעלט אין דעם נאָמען פון יהוהן, האָבן די בני־ישראל באין־אופן ניט געקאָנט מוותּר־זיין אויף זייער פּריווילעגירטקייט פון יחסנים, און זיי האָבן באַטראַכט משהס אויסגלייכן די רעכט פון די אַלע פרעמדע, וואָס האָבן זיך באַ־קערט צום יידישן גאָט און זענען מיטגעגאַנגען מיט די בני־ישראל אין מדבר, פאַר אַ באַרויבונג פון זייער אייגענעם זכות־אָבות. זיי האָבן באין־אופן ניט גע־קאָנט פאַרשטיין און זענען ניט איינגעגאַנגען דערויף, אַז אויך די פרעמד־גע־בוירענע זאָלן האָבן אַ חלק אין דעם גאָט פון ישראל, אינאיינעם מיט די קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב. און וויפל מאָל משה האָט ניט געלאָזט הערן דעם פּרינציפּ פון דער אַלמענטשלעכקייט פון דעם גאָט פון ישראל, להיפוך צו אַלע אַנדערע געטער, האָבן זיי דעם פּרינציפּ באין־אופן ניט געוואָלט אָננעמען. זיי האָבן באַטראַכט יהוהן, ווי די מצרים האָבן באַטראַכט דעם גאָט רא: יהוה איז נאָר דער גאָט פון די קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב, וואָס ער האָט מיט זיי כּורת־ברית געווען; אַלע אַנדערע, וואָס קערן זיך ניט אָן מיט אַברהם, יצחק און יעקב, מעגן זיי זיך באַהעפטן אָן דעם יידישן גאָט, גיין נאָך אים אין מדבר אַריין און טראָגן מיט די בני־ישראל צוזאַמען דעם גאַנצן עול פון די מצוות, האָבן זיי פאָרט ניט קיין גלייכן רעכט מיט די בני־ישראל. זיי וועלן ניט ירשענען בשותּפות מיט די אַנדערע די נחלאות אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, נאָר וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין האָלצהעקערס און וואַסערשעפּערס, דאָס הייסט, געבראַכט ווערן צו דעם סטאַטוס פון שקלאַפעריי, וואָס פיל פון די מיוחסדיקע בני־ישראל האָבן עס גע־פּרוּווט פּראַקטיצירן שוין גלייך אין מדבר. די מיינונג האָבן די נידעריקע שיכטן פון די בני־ישראל געטיילט צוגלייך מיט די פירער פון דער הויכער אַריס־טאָקראַטיע פון די בני־לוי און די בני־יהודה, ניט אויסצושליסן אַפילו די נעענטסטע משפּחה פון משהן — אַהרן און מרים.

עס איז טאַקע אמת, אַז דער ערב־רב, וואָס די טראַדיציע פון די אָבות, די אַלע מנהגים און דינים, וואָס האָבן נאָך געשטאַמט פון די אָבות, זענען אים געווען פרעמד, איז לייכט צוריקגעפאַלן צום קולט פון זיין אַמאָליקער עבודה־זרה און צו די אומווערדיקע פירונגען פון מצריים. די מידות־סדום און די פאַר־געטערונג פון שרצים, וואָס פיל פון זיי האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן אין געהיים, האָבן קוים געלאָזט זיך אויסוואָרצלען. די פּקודים האָבן געהאַט גרויס שווע־

ריקייט אין זייער באַמיאונג ניט צו דערלאָזן דאָס לעבן־צוזאַמען ווי מאַן און ווייב צווישן די נעענטסטע קרובים. זיי האָבן באַטראַכט דאָס אָוועקרייסן אַ מוטער פון לעבן ווי אַ ווייב מיט איר אייגענעם זון ווי אַ צעשטערונג פון דעם פאַמיליע־לעבן. פונקט אַזוי האָבן זיי געהאַלטן פאַר נאַרמאַל די סדומישע פּירוג־גען פון משכב־זכר און משכב־בהמה און זענען אויך צוריקגעפאַלן צו אַנדערע מנהגים, וואָס משה האָט זיך געמיט אויסצוראָטן, ווי, למשל, דאָס קאָכן אַ ציי־געלע אין דער מוטערס מילך, וואָס איז געווען דער סימבאָל פון עבודה־זרה. משה האָט זיך געמיט דאָס אויסצוראָטן צוליב הומאַנישע און רעליגיעזע מאָ־טיוון און האָט דעם פאַרבאָט אָפט מאָל איבערגעחזרט אין דעם נאָמען פון יהוהן.

דאָך האָט דער ערב־רב זיך ביסלעכווייז אַסימילירט. די חוקים־ומשפטים, וואָס משה האָט איינגעפירט, האָבן אויפגעוועקט אין זיי די מענטשלעכע אינסטינקטן, וואָס זענען פון אייביק אָן פאַרהוילן און פאַרבאָרגן אין איטלעכן בן־אָדם. זיי האָבן איינגעזען די אומווערדיקייט פון זייער אויפפירונג, האָבן ביסלעכווייז גע־לערנט צו מאַכן אַ חילוק צווישן גוטס און שלעכטס און ווערן שותפים מיט גאָט אין דעם פונאַנדערשייד צווישן גוטס און שלעכטס, ווי גאָט האָט עס געטון אין זיין יצירה פון ששת ימי־בראשית.

אַגב, איז משה ניט אויסן געווען קיין איינצל־פאַלן פון אַפּטריניקייט, וואָס זענען פאָרגעקומען סיי צווישן די בני־ישראל, סיי צווישן דעם ערב־רב, ווען אַפילו אין אַ פיל גרעסערער מאָס ביי די לעצטע ווי ביי די ערשטע, וואָס משה האָט שוין איצט געהאַט קאָנטראָלירט מיט אַן אייזערנער האַנט דורך די נייע שוטרים־זקנים. עס איז משהן, דער עיקר, געגאַנגען אין דעם גרויסן וויכטיקן פּרינציפּ פון דער אַלמענטשלעכקייט פון דעם גאָט פון ישראל, וואָס ער האָט געוואָלט אַדורכזעצן בכל־אופן דורך אַלע שטערונגען. און דער פּרינציפּ האָט עס אים געמאַכט פאַר אַ באַשיצער און אַ פּראָטעקטאָר פון דעם ערב־רב קעגן זיין אייגענעם פאָלק און זיין אייגענער משפחה.

וואָרעם די אָפּאָזיציע קעגן דעם ערב־רב איז אַלץ מער געוואַקסן אין פאָלק. דער ערב־רב איז געווען דער שעיר־לעזאזל — מיט רעכט אָדער אומ־רעכט — פאַר אַלע זינד און פעלערן, וואָס גאַנץ ישראל איז באַגאַנגען. שוין נאָך דער מעשה־עגל האָבן די בני־ישראל געלייגט די גאַנצע זינד אויפן ערב־רב, ווען אַפילו עס איז געווען קלאָר, אַז אַהרן אַליין איז געווען דער הויפּט־שולדיקער. דאָס אייגענע איז געשען ביי יעטוועדער אויפרודער קעגן משהן, וואָס איז גע־קומען מחמת הונגער אָדער דאָרשט פון פאָלק. די ביטערקייט און קעגנערשאַפט צום ערב־רב האָבן זיך אָבער נאָך מער געשטאַרקט נאָך די „קברים פון דער תאווה״, וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דאָס גלוסטן נאָך די טעפּ פלייש פון מצריים. עס איז טאַקע אמת געווען, אַז פיל פון ערב־רב זענען געווען די אָנפירער פון דעם פלייש־רעוואָלט. מער פון די בני־ישראל האָבן זיי געליאַרעמט און אָפּגעטון מעשים־תעתועים בשעת די תאווה נאָך פלייש האָט זיי אַלעמען פאַרכאַפּט. אָבער נאָך דער מגפה, וואָס גאָט האָט געשיקט אויף זיי, האָבן די בני־ישראל געוואָרפן די גאַנצע שולד אויף די פרעמדע.

— די נעגערס, די אַפריקאַנער, די אַבעסיניער, די קינדער פון די כּושים.
— דאָס האָבן זיי געגלוסט נאָך די טעפּ פלייש אין מצרים, ניט מיר.
— אונדז איז געגוג דער מן. דער מן גיט אונדז אַלע טעמים. וואָס פאַר אַ טעם איך וויל נאָר פילן אויף מיין גומען, פיל איך אים אין דעם מן, — באַ־רימט זיך איינער אין פאָלק.
— מיר טראָגן די זינד פאַרן ערב־רב, — האָט זיך געהערט דאָס געשריי אין דער מחנה פון ישראל.
— דעם ערב־רב האָט זיך פאַרגלוסט פלייש, און שטראָפן שטראָפט מען אונדז דערפאַר. אויף אונדז גיסט ער אויס זיין צאָרן.
— דערווייטערט דעם ערב־רב פון צווישן אונדז. אַן אַבן־נגף איז ער נאָר פאַר ישראל.
— טיילט זיי אָפּ פון די שבטי־ישראל, מאַכט זיי פאַר האָלצהעקערס און וואַסערשעפּערס.
— קיינמאָל, קיינמאָל וועלן זיי ניט טיילן די נחלה מיט ישראל. זיי זענען ניט פון די בני אַברהם, יצחק און יעקב.
— פרעמדע זענען זיי, אַ מכּה אויפן לייב פון ישראל. אויסשניידן מוז מען זיי, ווי אַ קרעץ אויפן לייב.
— מצורעים זענען זיי אין ישראל. מצורעים — און ווי מצורעים באַ־דאַרף מען זיי האַלטן.
משה האָט געהערט דאָס געשריי פון די בני־ישראל און געקלערט וואָס צו טון אַנטקעגן דעם.

*

די ווייבער זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אויסגעפונען די תּפילה. באַרויבט פון יעטוועדער אָנטייל אין דער עבודה אין דעם משכּן פון גאָט, פאַר־ווערט אַפילו צו געפינען זיך אין דער נאָענט פון משכּן, האָבן זיי אויסגעפונען אַ קירצערן און אַ דירעקטן וועג צו דעם, וואָס זיי האָבן געזוכט. ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין פרימאָרגן מיט דער אויפגייענדיקער זון צו קלייבן דעם מן, וואָס האָט געבליט פון טוי אַרויס, האָבן זיי דערזען דעם משכּן ווי ער האָט געפינקלט מיט זיינע גאָלד־באַדעקטע ווענט אין די ערשטע שטראַלן פון דער הייך אַרונטער (משה האָט תּמיד געלאָזט אויפשטעלן דעם משכּן אויף אַ הויכן אָרט, כּדי ער זאָל באַהערשן און באַשיינען די גאַנצע מחנה), זענען זיי גע־פאַלן אויף די קני פאַר דער שיינענדיקער הערלעכקייט, האָבן אויפגעהויבן די הענט און געבראַכט זייערע תּפילות, זייערע תּחנונים און בקשות פאַר אַלע זיי־ערע נויטן און וואונטשן דירעקט פאַר גאָט, אָן דער פאַרמיטלונג פון כּהן. משה האָט זיי ניט געשטערט. אַדרבה, ער האָט געלאָזט וויסן די ווייבער דורך זיין שוועסטער מרים, וועלכע איז געוואָרן די אָנפירערין פון די ווייבער, ווי משה פאַר די מענער, אַז עס איז וואוילגעפעלן יהוהן, וואָס די נשים ברענגען זייערע תּחנונים און בקשות פאַר אים, לויט ווי עס איז אין זייערע הערצער, און אַז זייערע תּפילות זענען אָנגעלייגט ביי אים ווי די קרבנות, וואָס די כּהנים

ברענגען אין משכּן, און ער וועט צוהערן זייער געבעט און דערפילן אַלע זייערע בקשות.

אויך די ווייבער פון ערב־רב האָבן איבערגענומען פון די ווייבער פון ישראל דעם מנהג. איינגעוואוינט צו פאַלן אויפן פּנים פאַר דער אויפגייענדיקער זון אין מצריים, זענען זיי איצט אַרויסגעגאַנגען אין פרימאָרגן פון דער מחנה, האָבן געשטעלט זיך צופוסנס פון בערגל, וואו דער משכּן האָט גערוט, געוואָרפן זיך מיטן פּנים אויפן זאַמד פאַרן משכּן און אויסגעשטרעקט די הענט צו אים און אויפגעהויבן אַ היסטעריש געשריי, ווי זיי פלעגן עס טון אין מצריים. משה האָט, דורך מרימען, פאַרווערט זיי דאָס שרייען און געוואַלדעווען אין ווילדן עקסטאַז, וואָס עס איז געווען אַן איבערבלייב פון זייער אַמאָליקער עבודה־זרה, און גע־הייסן זיי לערנען ווי מתפּלל צו זיין אין דער שטיל, — דער גוף זאָל בלייבן אומבאַוועגלעך, נאָר די ליפּן זאָלן מורמלען. און אַזוי איז עס געבליבן.

דאָס איז אָבער אַלץ געשען קעגן דעם ווילן פון מרימען און די כּהנים, וועל־כע האָבן געוואָלט אינגאַנצן פאַרווערן דעם ערב־רב צוצוקומען נאָענט צום משכּן און דאָרט מתפּלל זיין, זיי האָבן געהאַלטן דעם ערב־רב פאַר אומריין. נאָך די קברות־התאווה האָט מרים, מיט דער הילף פון איר ברודער אַהרן, אויסגעפירט איר פאַרלאַנג. ניט צו זאָגן משהן קיין וואָרט וועגן דעם, האָבן זיי אַרויסגעשיקט פּקודים צום ערב־רב, און עס איז געווען, ווען די ווייבער פון ערב־רב זענען זיך צונויפגעקומען צופוסנס פון בערגל, וואו דער משכּן איז גע־שטאַנען, האָבן די פּקודים זיי אָוועקגעטריבן מיט די ווערטער:

— גייט פון דאַנען, אייערע לייבער זענען אומריין צו קומען נאָענט צום משכּן און אייערע ליפּן זענען אומריין צו בעטן צום גאָט ישראל.

דעמזעלבן טאָג נאָך האָט יהושע געמאָלדן משהן, אַז די פּרוי פון כּושישן אַפּשטאַם, וועלכע האָט געבראַכט משהן דעם גרוס פון זיין מצרישער מוטער, שטייט אין דרויסן פון זיין אוהל: זי דערוועגט זיך ניט צוצוקומען גאָר נאָענט און האָט געשיקט אַ שליח צו בעטן, אַז משה זאָל זי אויפנעמען.

משה האָט גלייך געשיקט יהושען, ער זאָל זיך דערוויסן, צי די פּרוי איז ריין, און אויב יאָ, זאָל ער זי אַריינפירן אין אוהל אַריין.

ווען פּיהאַ, איר גוף און איר פּנים פאַרשלייערט, האָט זיך באַוויזן פאַר משהן, האָט זי זיך געוואָרפן אויף די קני פאַר אים און אויסגערופן:

— מיין האַר משה, פאַרוואָס האָט דער האַר פאַרשלאָסן אונדזערע ליפּן, ווען אונדזערע הערצער זענען איבערגעפילט מיטן זאַפט פון גאָטס הערלעכ־קייט? אויך מיר האָבן אַ פאַרלאַנג צו שטילן דעם דאָרשט פון גאָטס לויב, וואָס ברענט אין אונדזערע הערצער, מיט דעם געטראַנק פון אונדזערע תּפילות. האָסטו מיר ניט געזאָגט, האַר משה, אַז דער גאָט פון ישראל איז דער גאָט פון אַלע יצירים? און אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל אונדז פאַרווערט זיין צו טון גאָטס ווילן, וואָס עס איז דערלויבט איטלעכן פויגל און איטלעכן בלאַט פון בוים?

— ווער לאָזט דען דיר ניט אויסגיסן דיין געבעט פאַרן גאָט פון ישראל?

— דיין שוועסטער מרים האָט דערקלערט, אין נאָמען פון יהוהן, אַז אונ־

דזערע לייבער זענען אומריין צו דערנעענטערן זיך צום באַרג פון גאָט, אונדזערע אויגן זענען טמא צו זען די הערלעכקייט פון גאָט, וואָס רוט איבערן משכן, און אונדזערע ליפּן זענען אומווערדיק צו ברענגען אונדזערע תּפילות פאַר אים.

— יהוה האָט עס קיינמאָל ניט געזאָגט, און אויך מיר האָט ער דאָס ניט באַפוילן. איך האָב נאָר אין דעם נאָמען פון גאָט אייך געלאָזט וויסן, אַז ווען איר וועט קומען בעטן פאַר גאָט, זאָלט איר עס ניט טון ווי איר פלעגט עס טון פאַר אייערע אָפּגעטער — דורך געוואַלדן און געשרייען. יהוה איז ניט טויב און שטומ. ווי אייערע אָפּגעטער, וואָס איר מוזט שרייען און ליאַרעמען צו זיי. יהוה זעט אייער האַרץ, און ער ווייסט פון אַלע אייערע נויטן איידער נאָך איר בעט צו אים, און ער דערהערט דאָס שטילע ברומען פון אייערע ליפּן איידער איר עפנט זיי נאָך. גיי אַהיים, מיין שוועסטער, און איך וועל זען וועגן דער זאַך, וואָס דו האָסט געבראַכט פאַר מיר.

אָבער די פרוי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— מיין האַר משה, האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז מיין גלויבן אין יהוהן און מיין אויספירן זיינע געבאָטן מאַכן מיך ריין?

— ריין ווי מיין שוועסטער, ווי איטלעכע טאָכטער אין ישראל.

— פאַרוואָס פאַרטרייבן זיי אונדז פון גאָטס אָנגעזיכט דענסמאָל, ווען ער האָט אונדז אויפגעעפנט די אויגן צו זען זיין גלאָריע און זיין הערלעכקייט?

— איז די פרוי אַרויס מיט שטילן געוויין. — ווי אַ נגע־צרעת זענען מיר אין זייערע אויגן.

משה האָט געשוויגן. ער איז גערירט געוואָרן פון דער פרויס רייד, און ווי תּמיד ווען ער איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַן אומגערעכטיקייט, האָט ער דערפילט דעם צער פון דער עוולה ווי אַ ברי אויף זיין נאַקעטן לייב. ער האָט נאָכגעקלערט אַ וויילע, וואָס ער זאָל טון. ער האָט געקלערט צו הילף יהוהן, געבעטן, אַז יהוה זאָל אים אויפעפענען אַ טיר, אַז ער זאָל קאָנען אַרויסקומען פון דער ענגשאַפט, אין וועלכער זיינע אייגענע האָבן אים אַריינגעבראַכט. ער האָט זיך געפילט שולדיק און זינדיק קעגן דער פרוי, וועלכע איז געקומען צו יהוהן מיט דער גאַנצער תּמימות פון איר האַרץ, און דורך איר — שולדיק קעגן אַלע דורות פרעמדע, וואָס ווילן זוכן גאָט. וואָס זאָל ער טון אַזוינס, וואָס זאָל אָפּווישן די עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַלע פרעמדע זוכער פון גאָט? ער האָט דערפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז אַ טואונג מוז ער טון, אַ טואונג פון אים אַליין, לטובת דער פרוי, ווייל די שולד איז זיינע, ווען זיין אייגן פלייש און בלוט איז באַגאַנגען די עוולה.

כּהרף־עיין, ווי גאָט וואָלט אויפגעעפנט פאַר אים אַ שפּאַלט אין דער טיר, אַז ער זאָל זען דאָס ליכט, איז אים עפּעס איינגעפאַלן.

— ביסט פאַרקנסט צו אַ מאַן, אָדער דו ביסט פריי? — האָט משה פּלוצלינג געפרעגט די פרוי, וואָס ער האָט אין זיין פאַרלוירנקייט פאַרגעסן אויפצוהויבן פון איר קניען פאַר אים.

די פרוי איז שטום געבליבן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען זיין פראַגע. משה האָט

זי געמוזט איבערחזרן. ווען זי האָט דערהערט און פאַרשטאַנען די פראַגע, האָט זי אָנגעהויבן ציטערן און פלאַטערן מיטן גאַנצן לייב. די רויטקייט פון איר פּנים און דער פּחד אין אירע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט דורך דעם טונקעלן שלייער און זי האָט אָפּגעענטפערט מיט ציטער אין איר קול:

— מיין האַר און געביטער, נאָך קינדווייז בין איך געבראַכט געוואָרן פון מיין היים אין פּרעהס הויף אַריין. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט קיין מאַן. מיין לעבן אין געפאַנגענשאַפט איז געווען איבערגעגעבן דיין מוטער; מיין לעבן אויף דער פריי איז איבערגעגעבן דעם גאָט פון ישראל.

— ביסטו ווילּיק פאַרקנסט צו ווערן צו מיר, צו משהן, צו ווערן מיין ווייב?

— האָט ער זי גלייך געפרעגט.

דאָס האַרץ איז דער פרוי שיר־ניט איינגעפאַלן. זי האָט געאָטעמט שווער און הייס דורך דעם געדיכטן שלייער אַרויס.

— איך — משהס ווייב? — האָט זי איבערגעפרעגט אין אַנגסטלעכער שרעק.

— איך קאָן דיר מער ניט געבן ווי נאָר מיין נאָמען, וואָס זאָל גערופן ווערן אויף דיר. מיין אָרט און שטעל איז דאָ, לעבן אוהל־מועד, ביי דער טיר פון גאָט, און איך מוז זיך האַלטן גרייט, וואָרעם יעדער רגע קאָן איך דערהערן די שטים פון מיין גאָט רופן נאָך מיר. און מחמת דעם מוז איך זיין אָפּגעזונדערט פון יעדער פרוי. נאָר מיין נאָמען אַליין וועט גערופן ווערן אויף דיר, אַז פאַרקנסט ביסטו פאַרקנסט צו משהן, אין הייליקייט און ריינקייט, נאָך דעם דין פון ישראל. ביסטו ווילּיק און מסכּים דערויף?

— אָ, מיין האַר און מיין געביטער, לאָז מיך ווערן די דינסטמויד פון מיין האַר צו וואַשן זיין קלייד און צו גרייטן זיין בעט.

— ניט קיין דינסט, נאָר דאָס ווייב פון משהן! אַ חלק זאָלסטו האָבן אין משהן, מיט צפורהן צוגלייך. מיטן תּנאַי, וואָס איך נעם אויס מיט דיר, אַז נאָר מיין נאָמען אַליין זאָל גערופן ווערן אויף דיר. לאָז מיך הערן דיין קלאָרן ענטפער.

— מיין האַר משה, איך בין גליקלעך צו ווערן דיין ווייב מיטן תּנאַי, וואָס דו נעמסט־אויס מיט מיר, אַז נאָר דיין נאָמען אַליין זאָל גערופן ווערן אויף מיר.

— אַזוי ווי מיר שטייען פאַר גאָט, אַזוי זאָל אונדז גאָט היינט זיין פאַר אַן עדות, — האָט משה אויסגערופן.

און משה איז צוגעגאַנגען צו פּיהאַן, האָט אויפגעדעקט איר שלייער און געקוקט אין איר פּנים אַריין. אין אַ וויל אַרום האָט ער צוריק פאַרדעקט איר פּנים מיטן שלייער, און ער האָט זיך געווענדט צו יהושען, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ביים איינגאַנג פון געצעלט און האָט צוגעהערט און צוגעזען, וואָס זיין רבּי טוט:

— אַן עדות ביסטו היינט, אַז איך, משה בן־עמרם, האָב אויפגעדעקט און צוגעדעקט דאָס פּנים פון דער פרוי און זי פאַרקנסט צו מיר אין ריינקייט און אין הייליקייט — אין דעם אָנגעזיכט פון גאָט, נאָכן געזעץ פון ישראל.

און יהושע האָט געענטפערט:

— אַן עדות בין איך היינט אויף דער זאַך.

און משה האָט ווייטער געזאָגט צו יהושען:

— גיי ברענג די פרוי אין געצעלט אַריין און זע, אַז איר שפּייז און איר קליידונג זאָלן איר ניט פעלן. און רוף אויס די זאַך אין דער גאַנצער מחנה פון די בני־ישראל, אַז געהייליקט איז די פרוי געוואָרן צו מיר דורך דעם קנס, וואָס איז אָנגעגנומען אין ישראל, אַז אויפדעקן האָב איך אויפגעדעקט איר פּנים, אויפ־געדעקט און צוגעדעקט, כּדי די זאַך זאָל ווערן באַוואוסט אין גאַנץ ישראל און עס זאָל קיינער ניט טון זינדיקן דורך איר.

און ווען די פרוי האָט פאַרלאָזט זיין געצעלט, האָט משה געגלויבט, אַז דורך דער פרוי האָט ער אַלע גויים פון אַלע דורות, וואָס וועלן קומען זוכן גאָט, פאַר־קנסט צו יהוהן, וואָרעם יהוה האָט אים געלאָזט פילן, אַז די זאַך, וואָס ער האָט געטון, האָט געפונען גענאָד אין זיינע אויגן.

*

מרים, ווי משהס און אַהרנס שוועסטער, איז געווען אָנגעזען ווי די מוטער פון די שבטי־ישראל. צוגלייך מיט משהן און אַהרנען איז זי פאַררעכנט געווען פאַר אַ נביאה, וואָס יהוה האָט אַנטפּלעקט פאַר איר זיין וויסן, ווען אַפילו זי האָט ניט באַטראַכטן קיין שום אמת. דאָס פאָלק אַליין האָט זי דערהויבן צו דער מדרגה. דאָס פאָלק האָט זי הויך געשעצט נאָך פון די טעג פון מצריים. דאָס פאָלק האָט געדענקט אירע מעשים־טובים, ווי זי האָט געוואוסט פון אַלע זייערע נויטן און געפּרואווט זיי העלפן. עס איז אויך באַקאַנט געווען איר אָנזען און איר שטעל ביי משהן און אַהרנען. משה האָט איר כּבוד צוגעטיילט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ווען זי האָט זיך באַוויזן פאַר אים, ווי מען שטעלט זיך אויף פאַר אַ מוטער. און נאָך מער האָט דאָס געפיל פון פאַרערונג זיך געשטאַרקט אין אים פאַר זיין שוועסטער, ווען זי האָט, דורך דער מעשה־עגל, פאַרלוירן איר מאַן חור אויף אַזאַ טראַגישן אופן.

עס זענען אַרומגעגאַנגען אין פאָלק פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן איר. אַזוי האָט מען געגלויבט אין פאָלק, אַז זי שטייט אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט יהוהן, ווי משה אַליין, און אַז טייל נסים, וואָס זענען געשען מיט די שבטי־ישראל, זענען געשען אין איר זכות, ווייל זי האָט זיי אויסגעבעטן ביי יהוהן פאַר די בני־ישראל. אַזוי האָט מען געזאָגט, אַז די ברונימער וואַסער, וואָס זיי געפינען אויף זייער וועג, באַווייזן זיך אין איר זכות, ניט אין משהס. דאָס פאָלק האָט אָנגערופן אין ברונעם „מרימס ברונעם״, גלויבנדיק, אַז דער ברונעם גייט זיי נאָך אין מדבר כּל־זמן מרים איז מיט זיי.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איר אָנזען און איר חשיבות זענען נאָך גרעסער געווען אין די אויגן פון די ווייבער. זי איז געוואָרן ביי זיי, וואָס משה איז גע־ווען ביי די מענער, — זייער אָנפירערין און וועגווייזערין. זיי זענען אַליין דער־הויבן געוואָרן דורך איר, און זיי האָבן אין איר געזען זייער חלק און זייער חשיבות אין די אויגן פון דעם גאָט פון ישראל.

ווי אין מצריים, אַזוי האָט מרים אויך איצט געוואוסט פון אַלע זאָרג און נויטן פון די משפּחות פון די שבטי־ישראל. אירע כּוחות זענען ניט געמינערט געוואָרן מיט די יאָרן, איר ענערגיע איז ניט אויסגעגאַנגען מיט דער עלטער. פאַר־

קערט, וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ ענערגישער, אַלץ באַוועגלעכער איז זי געוואָרן. איר הויכע שלאַנקע פיגור איז ניט קלענער געוואָרן. אַ גוף, דאַר ווי אַ שטעקן, אַ גערונצלטע, אָפּגעברענטע לעדערנע הויט איבער אַ סקעלעטן־געביין, אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון איר פּנים ווי צווי כּישוף־פלאַקערן, — האָט זי זיך באַוועגט מיט איר דורכגעווינטיקטן לייב און שאַרף־געשליפענע פיס, ווי אַ ווינט צווישן די געצעלטן פון די בני־ישראל. ווי אַמאָל אין מצרים, האָט זי געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין איטלעכן געצעלט. דאָ האָט זי געבראַכט אַ פּאָר טראָפּן געלייטערטן אייל, וואָס זי האָט עס אַרויסגעקראָגן פון די כּהנים־היילער פאַר אַ קראַנק קינד, דאָרט האָט זי געבראַכט איר גוט וואָרט, איר טרייסט פאַר אַן אַלמנה אָדער אַ יתום. זי האָט געשטאַרקט די געמיטער, אויפגעמוטיקט די שוואַכע און פאַרזיכט די האָפענונג פון באַלדיקן דערגרייכן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד צווישן די אויסגעשעפּטע און פאַרהונגערטע מוטערס.

איר האָבן די ווייבער אַלץ דערציילט און אַלץ פאַרטרויט. זי האָט געוואוסט, אַז דאָ האָט אַ כּושישע פרוי פאַרלאָקט אַ מאַן פון ישראל, אים איינגעוואוינט אין אומוועדיקייטן פון זנות, און איצט נייט ער זיין אייגענע פרוי נאָכצוטון דער כּושישער פרוי אין אירע אומוועדיקייטן... דאָרט האָט אַ מואָבער פרוי געבראַכט אַ יידישער שכנה אַ ליימענע פיגור פון דער געטין עשתּרות ווי אַ סגולה קעגן עקרות. יידישע מענער קומען זיך צונויף אין די געצעלטן פון ערב־רב און טרייבן אין געהיים עבודה־זרה, נעמען טייל אין צעלאָזענע אָרגיעס, אין סעודות פון ציגעלעך, געקאָכט אין דער מוטערס מילך, וואָס רייצט אַזוי די פאַנטאַזיע און דעם אַפּעטיט פון די בני־ישראל. אויף אַן אַנדער אָרט האָט זי אַפילו נאָך געפונען געשניצן פון עגל, וואָס ווער פון דעם ערב־רב האָט אַריינגעשמוגלט פאַר דעם געהיימען קולט פון פּריה־ורביה.

זי האָט די איינצל־פאַלן פון אָפּטריניקייט צו דער עבודה־זרה, אָדער פון בלוטשאַנד, וואָס עס האָט געטראָפן צווישן ערב־רב, אַריבערגעטראָגן אויפן גאַנצן ערב־רב און ניט געזען דאָס, וואָס משה האָט געזען, — אַז פאַר דעם פּרינציפּ פון דער אַלמענטשלעכקייט פון דעם גאָט פון ישראל לוינט זיך אַלץ אַריבער־צוטראָגן און אַלץ אויסצוהאַלטן פון דעם ערב־רב, ווייל משה האָט אין דעם ערב־רב געזען אַ סימבאָל פון אַלע גויים, וואָס וועלן מוזן סוף־כּל־סוף דערקענען דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט פון ישראל.

ווי אַ זאַמד־שטורעם אין מדבר, וואָס הויבט־אויף דעם שטויב אין הימל אַריין, אַזוי האָט אין דער מחנה פון די בני־ישראל זיך אויפגעהויבן אַ געמורמל פון פּראָטעסט, אויסגעמישט מיט רכילות און הלצות, קעגן משהן, ווען מען איז געוואויר געוואָרן, אַז ער האָט זיך גענומען אַן אישה כּושית.

— אונדז האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלן דערזען אַ יפת־תּואר צווישן די שונאים, זאָלן מיר איר אָפּשניידן די האָר, לאָזן וואַקסן אירע נעגל, זי לאָזן זיצן ווי אַ סוטה אין אַ ווינקל פון שטוב, אָן צירונג און אָן זיידנס, כּדי זי זאָל פאַרמיאוסט ווערן אין אונדזערע אויגן. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער האַנדלט אויך אַזוי קעגן דער אישה כּושית, וואָס ער האָט זיך גענומען

פאַר אַ ווייב, — האָט אַ לץ געפּראַוועט ליצנות פאַר אַ רעדל אין דער מחנה פון ישראל.

— ער וועט אונדז באַלד אויסבייטן אויפן ערב־רב, ווערליג ער נעמט זיך אַן פאַר זיי. ניט אַנדערש, נאָר ער וויל צוריקגעבן עשון די בכורה, וואָס אונ־דזער מוטער רבקה האָט אויסגענאַרט פון פאָטער יצחק פאַר יעקבן.

— יאָ, ער האַלט אונדז אין איין אַנזאָגן, מיר זאָלן ליב האָבן דעם גר, און נאָר דעם גר, מיר זאָלן זאָרגן פאַר זיין שפּייז און קלייד, וואָרעם יהוה האָט ליב דעם גר. אויב ער האָט ליב דעם גר, פאַרוואָס האָט ער זיך ניט גענומען די גרים פאַר זיין פאָלק, נאָר אויף אונדזערע פּלייצעס אָנגעלאָדן דעם פּאַק מצוות מיט די לא־תעשהס?

— אָנשטאָט לעסטערונג, זאָלן שלאַנגען און ווערים קריכן פון דיין מויל. קעגן וועמען רעדסטו? קעגן דעם הייליקן פון ישראל? וואָס, ווילסט ווידער ברענ־גען אַ מגפה אויף אונדז?

— חלילה, ווער רעדט קעגן דעם הייליקן פון ישראל, קעגן גאָט, חלילה? נאָר אַז משה מעג, מעג איך אויך; אַז ער האָט זיך גענומען אַן אישה כושית, פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָרן?

— ווער פאַרווערט דיר דען דאָס? משה האָט דיר ניט פאַרווערט צו נעמען זיך אַ ווייב פון דעם ערב־רב, אויב זי האָט זיך באַקערט צום גאָט פון ישראל. ער האָט אונדז נאָר פאַרווערט פרעמדע ווייבער פון די געצנדינער, כדי מיר זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן צו דינען זייערע געטער.

— אָבער מרים, זיין שוועסטער, האָט אונדז דאָס פאַרווערט, און אַזוי אויך אַהרן.

— מען וועט זען, צי זי וועט פאַרווערן איר אייגענעם ברודער אַן אישה כושית, צי וועט זי זיך דערוועגן משהן דאָס אויסצורעדן ווי זי רעדט אונדז אויס.

און אָט האָבן זיי געזען, גאַנץ ישראל האָט געזען ווי מרים, אין באַגלייטונג פון איר ברודער אַהרן, גייט מיט ענערגישע טריט צום בערגל פון משכן, וואו עס שטייט משהס געצעלט.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגערוקט מיט כבוד, געמאַכט איר אַ וואָרע און געבויגן די קעפּ פאַר איר.

— וועט ער דאָס הערן ווערטער פון איר!

און משה האָט געהערט ווערטער פון זיין שוועסטער מרים, וואָס האָבן אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן:

— משה בן־עמרם, איז דאָס דער משל, וואָס דו גיסט די בני־ישראל? איז דיר ווייניק געווען צו נעמען אַ מדינית פאַר אַ ווייב, האָסטו זיך איצט גענומען אַן אישה כושית און געבראַכט זי אין אוהל־מועד אַריין!

— יהוה האָט קיינמאָל ניט פאַרבאָטן די בני־ישראל צו נעמען אַן אישה

כּושית פאַר אַ ווייב. ער מאַכט ניט קיין אונטערשייד, צי איינער האָט אַ ווייסע אָדער אַ שוואַרצע הויט. אַלע זענען זיינע באַשעפענישן. ער קען נאָר די, וואָס גלויבן אין אים, — האָט משה געזאָגט מיט הכנעה, אויפשטעלנדיק זיך פאַר זיין שוועסטער און ברודער.

— וויסטו ניט, אַז זי איז פון ערב־רב?

— פיל מאָל האָט מיר יהוה אָנגעזאָגט, אַז איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם פרעמדן ווי פאַר דעם היימישן און אַז מיר זאָלן ליב האָבן דעם פרעמדן, וואָרעם פרעמדע זענען מיר געווען אין לאַנד מצריים, — האָט משה אָפּגעענטפערט.

— וויסטו דען ניט, אַז דער ערב־רב איז ווי אַ צרעת אויפן לייב פון ישראל? זיי זענען אַן אבן־נגף פאַר די בני־ישראל. זיי האַלטן זיך אָן זייערע עבודה־זרות און רעדן־אָן די בני־ישראל צו באַקערן זיך צו זיי. פרעג מיך, און איך וועל עס דיר זאָגן. איך קום אין די געצעלטן פון ישראל, און איך וויס, אַז אַלדאָס בייז קומט פון זיי. זייערע ווייבער רעדן־אָפּ די מענער פון די בנות־ישראל און לערנען זיי אומווערדיקע זאַכן. די זינד פון עגל איז זייער זינד, אַזוי אויך די תאווה פון פלייש. אַלדאָס בייז קומט פון זיי.

— איך האָב דאָס שטענדיק געזאָגט, דער ערב־רב איז שולדיק פאַר דעם עגל, ניט די בני־ישראל. זיי שעכטן צו מתים, ניט צו גאָט, ביז צום היינטיקן טאָג. זיי רעדן־אָן די מענטשן צו שלעכטס. אַן אבן־נגף זענען זיי פאַר ישראל, — האָט אַהרן צוגעלייגט, — ווי די מצורעים מוז מען זיי דערווייטערן.

— בנוגע דער זאַך, וואָס איר ברענגט פאַר מיר, אַז דער ערב־רב איז אַן אבן־נגף פאַר ישראל. יאָ, וויסן ווייס איך, אַז פיל פון ערב־רב פאַלן צוריק צו זייער עבודה־זרה, מען מוז זיי אָבער פיל מוחל זיין. פרעמדע זענען זיי גע־קומען צו אונדז. זיי זענען ניט די קינדער פון אַברהם, און זיי האָבן ניט געירשנט די מידות און די מנהגים פון די אָבות. מחמת דעם מוז מען האָבן גרויס איינ־זען מיט זיי און זיי מדריך־זיין אין דעם וועג פון גאָט ביסלעכווייז. יהוה וועט לאָזן צייטיקן די פרוכט פון דעם זאָמען, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט דורך זיינע מצוות און חוקים אין זייערע הערצער. די מצוות און די חוקים פון יהוהן איז דאָס הייליקע פייער, וואָס וועט אויסברענען די טומאה פון זיי. ניט קיין מצורעים זענען זיי, נאָר באַשעפענישן פון גאָט. און אויב יהוה האָט אונדז אָנגעזאָגט ניט אַראָפּצונעמען אַ פויגל־מוטער פון אירע קינדער, ווען מיר טרעפן־אָן אַ נעסט אין פעלד; אויב יהוה האָט אונדז באַפוילן ניט צו פאַרשליסן דאָס מויל פון דער בהמה, ווען זי דרעשט אין פעלד, — וועט ער דען קיין רחמנות ניט האָבן אויף זיין אייגענער יצירה, אויף דעם מענטשן, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים אין אַ וויסטן מדבר אַריין און פאַרלאָזט זיך אויף זיין חסד? ניין, מיין ברודער און מיין שוועסטער, דער ערב־רב איז אַ טייל פון ישראל. און אויב עס טרעפט זיך צווישן זיי אַ זינדיקער, זאָל ער געשטראָפט ווערן, ווי דער זינדי־קער אין ישראל. אָבער „קיין פאָטער זאָל ניט געטייט ווערן פאַר די זינד פון זיינע קינדער, און ניט די קינדער — פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. איטלע־כער מאַן זאָל געטייט ווערן פאַר זיינע אייגענע זינד", האָט מיר יהוה אָנגעזאָגט.

— דאָס זענען ווערטער, וואָס דו רעדסט, אָבער ניט יהוה, הער־צו, מיין ברודער, משה בן־עמרם, אַ גרויסע זינד נעמסטו אויף זיך. צוליב דיר וועט געשטרויכלט ווערן גאַנץ ישראל. אַלע מענער אין ישראל וועלן זיך פאַרקוקן אויף דיר, און זיי וועלן אַהיימברענגען פרעמדע ווייבער אין זייערע געצעלטן אַריין, און זיי וועלן פאַראומרייניקן די געצעלטן פון ישראל מיט אומוועדיקייטן. משה בן־עמרם, פאַרריכט דיין פעלער אין די אויגן פון גאַנץ ישראל, שיק אַוועק דאָס ווייב, וואָס דו האָסט זיך גענומען פון די פרעמדע, און זאָל עס ווערן אַ חוק אין ישראל, אַז קיינער פון די בני־ישראל טאָר זיך ניט נעמען קיין פרעמד ווייב. דערקלער אָפן פאַר אַלעמען, אַז גרייזן האָסטו געגרייזט צו נעמען זיך אַ ווייב פון די פרעמדע, וואָס גאָט האָט עס דיר פאַרבאָטן, — האָט מרים באַפוילן משהן מיט אַ שטרענגן טאָן.

— יאָ, משה, פאַרזע דיין כבוד און טו עס פון דעם כבוד וועגן פון גאָט און פון וועגן דער טובה פון ישראל, — האָט אַהרן צוגעגעבן, — שיק אַוועק דאָס פרעמדע ווייב.

משה האָט אויסגעהערט זיין פאַרשעמטקייט און געשוויגן. ער האָט געשטיקט דעם כּעס, וואָס האָט זיך געצונדן אין אים, און געשוויגן. ער האָט זיך געשטאַרקט איבער זיין אויפגעברויזטן געמיט, ביז ער איז אים בייגעקומען, און ער האָט אָפּגעענטפערט אין אַ קאַלטן און רואיקן טאָן:

— נייך, מיין ברודער און מיין שוועסטער, מיטן גאַנצן כבוד, וואָס איך לייג אויף אייך, קאָן איך ניט טון, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר. דאָס וואָלט געווען אַ זינד קעגן גאָט. גאָט האָט מיר ניט געהייסן פאַרבאָטן די בני־ישראל צו נעמען זיך ווייבער פון ערב־רב, און ער האָט מיר אויך ניט אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אויסשליסן דעם ערב־רב, וואָס האָט אים דערקענט, פון דער מחנה פון ישראל און זיי פאַרקערן אין שקלאַפן. צו טון אַזוינס וואָלט געהייסן האַנדלען אויף אייגענער אַחריות, ניט לויטן רצון פון גאָט. און איך קאָן ניט טון קיין זאַך, רעכטס אָדער לינקס, אָן דעם רצון פון יהוהן.

— רעדט יהוה נאָר צו דיר אַליין, משה? אויך צו אונדז רעדט יהוה! — האָט מרים שוין אָנגערופן זיך מיט כּעס. — אויך מיר ווייסן דעם ווילן פון יהוהן! וואָס נעמסטו זיך איבער?

— אויך צו אונדז באַווייזט זיך יהוה, און ער רעדט צו אונדז, און מיר ווייסן, וואָס עס איז וואוילגעפעלן אין זיינע אויגן, — האָט אַהרן צוגעשטימט מיט זיין שוועסטער.

— דאָס רעכט צו לאָזן הערן דעם ווילן פון יהוהן געהערט אויך אונדז, ניט נאָר דיר אַליין. און מיר וועלן דאָס לאָזן וויסן דעם פאָלק, — האָט מרים געזאָגט און פאַרלאָזט אין געבייזער, אינאיינעם מיט אַהרנען, משהס געצעלט.

משה איז געבליבן זיצן, אַ פאַרשטיינערטער, אַ שווייגנדיקער. שרעקלעכע ווערטער האָבן זיינע אויערן געהערט: זיין אייגענע משפּחה פרעגט־אָפּ זיין מאַכט. נייך, ער האָט זיך ניט מתקנא געווען אויף זיין שוועסטער און אויף זיין ברודער פאַר דעם, וואָס זיי פאָדערן פאַר זיך דאָס רעכט צו טיילן מיט אים זיין מאַכט, ווייל אויך צו זיי באַווייזט זיך גאָט און לאָזט זיי וויסן זיין ווילן. הלוואַי וואָלט

דאָס גאַנצע פאָלק געווען געזען גאָט און געהערט זיין שטים. ער איז געווען באַאומרואיקט און באַזאָרגט איבער דעם, וואָס ער האָט אין דער צעטיילונג פון דער מאַכט געזען די גרעסטע סכּנה פאַר דער אייניקייט פון פאָלק און דעם קיום פון גאָטס געבאָטן. ווען דאָס פאָלק וועט דערהערן, אַז אויך זיין שוועסטער און זיין ברודער פאָדערן דאָס רעכט פון מאַכט פאַר זיך, — צו וועמען וועט זיך דאָס פאָלק צוהערן? וועמען וועלן זיי גלויבן?

ער האָט ניט געוואָלט אָנקומען מיט דעם צו גאָט. ער האָט זיך ניט געווענדט צו גאָט מיט תּחנונים און בקשות, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טון אין אַן עת־צרה. דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין זיין אייגענער פּערזאָן, וועלכע איז באַליידיקט און אָפּגעפּרעגט געוואָרן, אין זיין אייגענער מאַכט, אויף וועלכער עס איז געוואָרפן געוואָרן אַ שאָטן פון ספק. און משה האָט זיך קיינמאָל ניט געווענדט צו גאָט צו בעטן עפּעס פאַר זיך. פאַר זיך אַליין האָט ער קיינמאָל גאָרנישט פאַרלאַנגט פון יהוהן. זיינע אַלע תּפילות זענען געווען פאַר זיין פאָלק, קיין מאָל ניט פאַר זיך.

„אויב יהוה וויל, אַז איך זאָל טיילן מיין שליחות צו אים מיט מיין שוועס־טער מרים און מיין ברודער אַהרן, וועט ער מיר דאָס לאָזן וויסן. און ווי זיין ווילן וועט זיין, אַזוי זאָל עס געשען", — האָט ער זיך געזאָגט און געפונען זיין מנוחה.

אויב אָבער משה האָט ניט געוואָלט ברענגען זיינע פּערזענלעכע ענינים פאַר יהוהן, האָט יהוה אַליין געוואַכט איבער זיי. יהוה איז געוואָרן זיין פּערזענ־לעכער פריינד ווי ער איז געווען דער פּערזענלעכער פריינד פון זיין זיידן אַברהם. ניין, ניט נאָר דער גאָט פון דער אַלוועלט איז ער געווען פאַר משהן, ניט נאָר דער גאָט פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק ישראל, וואָס האָט נאָר אינזינען דאָס גאַנצע און דאָס גרויסע און לאָזט דעם גורל פון יחיד אויף הפקר, נאָר אויך דער גאָט פון יחידות, וואָס וואַכט איבערן גורל פון איטלעכן מענטשן באַזונ־דער, מאָדעלירט אים און קנעט אים ווי ליים אין דער האַנט פון טעפּער. ניט דער זון־גאָט פון מצריים, וואָס שיינט איבערן הימל, נאָר דער גאָט יהוה, וואָס שיינט אין איטלעכן מענטשנס האַרץ. משה האָט דערפילט ניט נאָר דאָס יחידות פון גאָט, נאָר אויך דאָס יחידות פון מענטשן.

נאָך האָט משה קיין צייט ניט געהאַט ריכטיק אָפּצושאַצן, וואָס עס איז ערשט פאָרגעקומען אין זיין געצעלט, און קוים זענען אַהרן און מרים אָפּגע־גאַנגען פון זיין געצעלט, נאָך גאַנץ ווייט פון דער מחנה פון ישראל, וואָס זיי האָבן געוואָלט ברענגען אַהין זייער גערעד מיט משהן און מאָנען פאַר זיך דאָס רעכט צו טיילן די גאַנצע מאַכט מיט משהן, — ערשט אַלע דריי דערהערן צוגלייך די שטים פון גאָט אין זייערע הערצער. זיי פאַרנעמען אַלע דריי גאָטס אויפפאָ־דערונג, אַז זיי זאָלן זיך באַווייזן פאַר אים — אין דעם אוהל־מועד, וואו גאָט טרעפט זיך מיט משהן און רעדט צו אים, איינגעהילט אין וואָלקן ביים איינגאַנג פון משכּן.

געשווינד האָט יהוה געאיילט צו קומען משהן צוהילף.

עס לאָזט זיך אַרונטער דער בלאָ־רויכערדיקער וואָלקן פון הימל איבער

דעם משכּן. ווייט, מחוץ למחנה, דערזעען די בני־ישראל ווי דער וואָלקן דעקט־צו דעם משכּן. זיי ווייסן, אַז דאָס באַווייזט זיך איצט יהוה צו משהן — און צו אַהרנען און מרימען, וואָס זיי האָבן זיי געזען פריער אויפגיין צום משכּן, און מיט קלאַפּעדיקע הערצער וואַרפן זיי זיך אויף די קני — פאַר דער אימה פון גאָט, און זיי ווייסן, אַז ער קומט איצט פון וואָלקן אַרויס.

עס הערט זיך פון וואָלקן דאָס רופן פון יהוהן. ער פאָדערט־אויף אַהרנען און מרימען, זיי זאָלן זיך שטעלן באַזונדער, אָפּגעטיילט.

און יהוהס צאָרנדיקע שטים דערהערט זיך ווי דאָס רוישן פון ווינט און ווי דאָס קראַכן פון דונער:

— הערט־צו מיינע ווערטער: אויב אַ נביא איז דאָ ביי אייך, טו איך, גאָט, אין אַ זעאונג זיך דערקענען צו אים, אין אַ חלום רעד איך מיט אים. ניט אַזוי איז מיין קנעכט משה. ער איז דער באַגליבטער אין מיין גאַנצן הויז. מויל צו מויל רעד איך מיט אים, און באַשיינפּערלעך און ניט מיט רעטענישן, און די געשטאַלט פון גאָט קוקט ער אָן. און ווי אַזוי האָט איר קיין מורא ניט געהאַט צו רעדן אויף מיין קנעכט, אויף משהן?

און דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ צאָרנדיקן קראַך פון אַ דונער — און איז אָפּגעגאַנגען. נאָר עס איז געשען, ווען דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן איבער זייערע קעפּ און איז אָפּגעפּליגן פון געצעלט, איז מרים געבליבן שטיין, אַ באַדעקטע אינגאַנצן מיט צרעת.

אַהרן דערזעט זי, דערזעט אַ מצורעדיקע פרוי. די קני ברעכן זיך אים אונטער פאַר שרעק. ער זעט זיך שוין ווי זיין אייגן לייב ווערט אויפגעפרעסן פון קרעץ, ער ווערט אויסגעשלאָסן פון דער כּהונה, פאַרשטויסן פון דער מחנה פון ישראל, — און ער וואַרפט זיך צו משהס פיס:

— אָ, טו ניט אַרויף אויף אונדז די זינד, וואָס מיר האָבן געזינדיקט קעגן דיר! לאָז זי ניט זיין ווי אַ טויט־געבוירענער, וואָס זיין פלייש איז האַלב צע־געסן, ווען ער גייט־אַרויס פון זיין מוטערס טראַכט.

אויך משה דערזעט זיין שוועסטער און דערשרעקט זיך. אויפן אָרט פון ערב־רב, וואָס זי האָט צוגעגליכן צו קרעציקע, שטייט זי אַליין, זיין אייגענע שוועסטער, אַ באַדעקטע מיט צרעת, מיט ראָפּיע־טריפנדיקע מכּות, וואָס דער־גייען ביי איר ביז צו די סאַמע אויגן. משה געדענקט ניט, וואָס עס איז געוועזן, וואָס ער האָט געהערט, — ער זעט נאָר זיין באַליבטע שוועסטער מרים, די מוטער פון ישראל, אַן אַרויסגעשטויסענע, אַ פאַרוואָרפענע, אַ פאַרשעמטע. און ער וואַרפט זיך אויף דער ערד מיט אויפגעהויבענע הענט, און ער לאָזט אַרויס איין גרויס געשריי:

— אל נא רפא נא לה! אָ, גאָט, איך בעט דיך, הייל זי אויס!

אָבער גאָטס שטים הערט זיך אין זיין האַרץ: „ווען איר אייגענער פאָטער וואָלט איר אין פּנים געשפּיגן, וואָלט זי זיך ניט געשעמט זיבן טעג? זאָל זי זיין איינגעשלאָסן זיבן טעג מחוץ דער מחנה, און דערנאָך זאָל זי אַריינגענומען ווערן".

באַלד האָט דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז געלעגן, מיט די פּנימער איינגע־

קנאַטן אין זאַמד, און האָט אויסגעוואָרט אויף דעם באַפעל פון יהוהן, דערזען ווי אַ וואָך פון לוויים פירן פון בערגל אַרונטער אַ פאַרהילטע און אַ פאַרשטעלטע מרים און רופן־אויס פון דערווייטנס:

— ניט דערנעענטערן זיך! טמא, טמא! ניט דערנעענטערן זיך!

זייערע הערצער שטייען שטיל פאַר שרעק איבער דעם, וואָס זייערע אויגן זעען. מרים, די מוטער פון ישראל, די שוועסטער פון משהן, ווערט אַרויסגע־פירט מחוץ למחנה און איינגעשלאָסן, אַ קרעציקע, אַן אומריינע.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס זי האָט אויסגערעדט רכילות אויף גאָטס באַ־שעפעניש, — האָט געזאָגט אַ געלערנטער צווישן פאָלק, — און די שטראָף פאַר רכילות איז — צרעת!

— יאָ, זי האָט גערופן דעם ערב־רב קרעציקע, איז זי אַליין קרעציק געוואָרן.

נאָר דאָס פאָלק האָט געוואָרט אויף איר און ניט גערירט זיך פון לאַגער, ביז וואַנען זי איז ניט צוריק דערקלערט געוואָרן פאַר ריין.

# *16*

עס האָט אויסגעזען ווי יהוה טראָגט זיי אויף פליגל פון אָדלערס אין זייער לאַנד אַריין. עס זענען קוים דריי חדשים פאַרביי, זינט זיי האָבן פאַרלאָזט די סיני־בערג, דאָך האָבן זיי, ביי די אַלע שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט מיטן פונאַנדערנעמען און אויפשטעלן דעם משכן ביי איטלעכן אָפּשטעל און אָפּגאַנג פון לאַגער, און ניט געקוקט אויף די שטערונגען פון הונגער און דאָרשט, וואָס זיי האָבן געהאַט בייצוקומען, ניט געקוקט אויף די שווערע משאות, וואָס זיי האָבן געפירט מיט זיך, אויף די פיל זקנים צווישן זיי, די אַלע טראָגעדיקע ווייַבער און אָנצאָליקע קינדער, וואָס עס האָט אַלץ פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, — האָבן זיי דאָך פאַר דער קורצער צייט דערגרייכט דעם ראַנד פון מדבר פּאָרן, וואו עס הויבט זיך אָן דער מדבר צין, דער מדבר, וואָס איז שוין צוגערעכנט צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד. צווישן די צוויי מדבריות איז געלעגן די אַלטע פאַר־הייליקטע שטאָט קדש־ברנע, וועלכע האָט פאַרמאָגט קוואַלן מיט וואַסער און פאַשע־פעלדער. דאָרט, ביים אויסלאָז פון מדבר פּאָרן, האָבן די בני־ישראל געלאַגערט.

אויף זייער רעכטער האַנט האָבן זיי געהאַט אדום. אדום איז שוין געווען אַן אַלט־געזעסענער יישוב. ווען אַפילו די אדומער זענען געווען הייל־איינוואוי־נער, — זייער לאַנד איז ס'רוב באַשטאַנען אויס פעלדזן־שטיינערדיקן באָדן, אין וועלכן זיי האָבן אויסגעבויערט טעמפּלען, שטעט, — זענען זיי געווען אַלט־

געזעסענע תּושבים און האָבן פֿאַרמאָגט די גאַנצע עקשנותדיקע צוגעבונדנקייט צו זייער לאַנד און אַ געפּערלעכע קנאה פֿאַר זייַנע גרענעצן. וואָרעם ווען אַפּילו זייערע פֿעלדזן־בערג זענען געווען וויסט און נאָר גוט פֿאַר פֿעסטונג־שטעט, זענען אַלע זייערע טאָלן אין דער רעגן־צייט פֿון יאָר געווען שפּעדיק מיט פֿאַ־שע־גרינס און געפֿלעקט מיט סטאַדעס שאָף. די לויפֿנדיקע וואַסער־שטראָמען האָבן אויסגעהוילט קאַרעטעס אין דעם געבערג, אַרונטערגעבראַכט אין דער נידער פֿעטע ערד און באַפֿרוכפּערט די טאָלן מיט גרינס און געוויקסן. די בני־ישׂראל, אויסגעהונגערט פֿון לאַנגן גאַנג אין מדבר, זייער אויג להוט נאָך גרין גראָז, האָבן מיט זייער סענסיטיווער בענקשאַפֿט דערשמעקט און דערזען אין זייער פֿאַנטאַזיע גרינע פֿעלדער, האָבן מיט זייערע גיריק־צוקעדיקע נאָז־פֿליגלען אַרויסגעשפּירט פֿון דער וויַיט געשמאַקן פֿון גרינס, פֿון מענטשלעכן ברויט, דעם שאַרפֿן ריח פֿון קו־הייטערס, וואָס עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער ווינט ברענגט צו טראָגן פֿון אדומס גרענעצן. פֿאַר דעם פּריַיז פֿון גוטע שטיקער זילבער אָדער קופּער האָבן זיי דאָרט אויך געקאָנט קריגן וואַסער צום טרינקען, גע־בראָטענע זאַנגען, קרוגן האָניק און ביר, געברויט פֿון גרויפּן־קערנער. די אדומער האָבן אויך געהאַט גוטע וועגן, וואָס די בני־ישׂראל וואָלטן געקאָנט דורך זיי דערגרייכן די פֿליינען פֿון די מואָבער פֿרוכפּערדיקע טאָלן, — וועגן, וואָס פֿירן גלייך צום צוגעזאָגטן לאַנד. אָבער דער דורכגאַנג דורך אדומס לאַנד איז זיי פֿאַרבאָטן געווען פֿון יהוהן, און דערצו איז אדום געזעסן אין זייַנע פֿעסטונג־שטעט אין די פֿעלדזן־בערג.

דאָס פֿאָלק, ווי זייַנע פֿירערס, איז געווען אין אַ געהויבענעם געמיט־צושטאַנד, פֿול מיט דערוואַרטונג. סוף־כּל־סוף האָבן זיי דערגרייכט דעם ברעג פֿון זייער לאַנד. די הבטחה פֿון יהוהן צו זייערע אָבות ווערט דערפֿילט. ווי אַזוי אָבער וועט זי דערפֿילט ווערן, — דורך אַ נס, ווי ער האָט עס געטון מיט זייער אַרויסגיין פֿון מצרים, אָדער זיי וועלן, ווי יעדער אַנדער פֿאָלק, מוזן אייננעמען דאָס לאַנד מיט שווערד און מיט בויגן?

זיי האָבן ניט געוואוסט. משה האָט נאָר געוואוסט איין זאַך: אַז יהוה וויל ניט מאַכן פֿון זיין פֿאָלק אַ פֿאָלק פֿון מלאכים, וואָס זאָל לעבן אין אַן אַנדער סדר־העולם, לחלוטין אַנדערש פֿון דער גאַנצער וועלט, אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע ברואים. יהוה וויל מאַכן אויס זיין פֿאָלק אַן עם־סגולה, אַן אויסדערוויילט פֿאָלק, וואָס זאָל זיך אויסנעמען מיט זיין באַנעמונג און אויפֿפֿירונג. יהוה וויל נאָר איינפֿירן אַ נייעם סדר פֿון גערעכטיקייט און ערלעכקייט אין זיין פֿאָלק, כּדי עס זאָל זיין אַ משל פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער; ער וויל אָבער ניט משנה־טבע זיין צוליב זיין פֿאָלק. און פּונקט ווי די תּורה, וועלכע פֿאַרקערפּערט מיט אירע חוקים און משפּטים דעם סדר־צדק, איז ניט געגעבן פֿאַר מלאכים און געפֿינט זיך ניט אין הימל, נאָר איז באַשטימט פֿאַר אַ לעבן און אַ סדר דאָ אויף דער ערד, — אַזוי מוז דאָס יידישע פֿאָלק, אַן עדה פֿון בשׂר־ודמס, דערהאַלטן זיין קיום פֿון אַ פֿאָלק דורך מיטלען און מדרגות ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער. יהוה וויל, אַז די בני־ישׂראל זאָלן זיין שותּפֿים מיט אים אין זייער אייגענער באַפֿרייאונג, זיי זאָלן זיך איינאייגענען זייערע זכיות דורך זייערע אייגענע מעשׂים. איין זאַך איז

משנה צו זיין דעם סדר־העולם דענסמאָל, ווען עס איז נישטאָ קיין אַנדער עצה און קיין אַנדער אויסוועג, ווי עס איז געווען ביי יציאת־מצרים, ביי קריעת־ים־סוף, ביים מן אָדער ביים קריגן וואַסער אין מדבר; דאָרט אָבער, וואו עס איז דאָ אַן אַנדער אויסוועג, לאָזט יהוה זיין פאָלק זיך אַליין העלפן, ווי עס העלפט זיך אַליין יעדער אַנדער בשר־ודם.

און משה האָט די בני־ישראל געהאָט גוט צוגעגרייט פאַר דער אויפגאַבע פון איינבעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד מיט זייער אייגענעם כוח. ער האָט גע־שאַפן, צוליב דעם, שטאַרקע, שטרענגע אָרגאַניזאַציעס מיט רעליגיעזע, ציווילע און מיליטערישע פונקציעס. דער גאַנצער שבט לוי, מיט די כהנים בראש, האָט דאָס פאָלק מדריך־געווען אין די חוקים־ומשפטים פון דער תורה, אין דעם רי־טואַל פון דער עבודת־קודש אין משכן; די זיבעציק זקנים, די זקנים־שוטרים, וואָס ער האָט באַנייט, האָבן געהאַט די השגחה איבער דעם מאָראַלישן אויפפירן־זיך פון פאָלק: זיי זיינען געווען די שופטים פון פאָלק, די ממונים פון די חוקים־ומשפטים, וואָס זענען נוגע די פאַרהעלטענישן בין אָדם לחברו; די אַלפי־ישראל, די הויפטלייט איבער טויזנט, די עלטסטע פון די שבטים, האָבן מוש־טירט די יוגנט אין מיליטערישער דיסציפלין, צוגרייטנדיק זי פאַר דער גרוי־סער אויפגאַבע פון איינגעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — טאַקע מיט דער הילף פון יהוהן, אָבער מיט זייער אייגענעם כוח.

משה האָט גערעכנט, אַז די אַלע נסים־ונפלאות, וואָס זיי האָבן צוגעזען אין די קאַרגע צוויי יאָר, זינט זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן געמוזט געבן די בני־ישראל גענוג פאַרזיכערונג, אַז יהוה געפינט זיך תמיד מיט זיי, אַז ער האָט זיי גענומען אונטער זיין שוץ און אַז עס איז נישטאָ קיין מאַכט, וואָס זאָל זיך אים קאָנען אַנטקעגנשטעלן. ער האָט, בכן, געהאַלטן, אַז די בני־ישראל, באַשענקט מיט אַלע זכיות פון אַן אויסדערוויילט פאָלק און דערצויגן אין דער נייער מאָראַלישער דיסציפלין, זענען גרייט און וויליק איבערצונעמען זייער לאַנד, וואָס אַזעלכע גרויסע הכנות זענען פאַר דעם געמאַכט געוואָרן. איז ניט דער באַרג סיני געווען דער מזבח, וואָס ישראל האָט אויף אים מקריב געווען זיין לעבן, זיין קיום, ווי אַן עולה־תמימה פאַר גאָט? איז ניט דער באַרג סיני געווען דער שמעלץ־טיגל, וואָס ישראלס נשמה איז אין אים איבערגעגליט גע־וואָרן פון עבדות צו חירות, פון טומאה צו טהרה? קענעכט האָבן זיי פאַרלאָזט מצרים, פירשטן וועלן זיי קומען אין זייער לאַנד אַריין.

און אַזוי אַרום האָט משה, ווי נאָר די מחנה האָט דערגרייכט די ברעגן פון מדבר־צין, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם אָנהויב פון צוגעזאָגטן לאַנד, אָב־געהויבן זיך גרייטן פאַר דעם קאַמף צו געווינען דאָס לאַנד.

צוערשט האָט ער, אויף יהוהס באַפעל, געשיקט אויסשפירער צו פאָרשן די נאַטור פון לאַנד און מענטש, אויסצוגעפינען, וועלכע סטראַטעגישע פונקטן זע־נען באַזעצט און פון וועמען. משה איז ניט געווען באַקאַנט מיט דער טעריטאָריע. די אַזיאַטישע געביטן זענען פאַר אים געווען ניי. זיין גענייטקייט ווי אַ פירער פון פרעהס חייל האָט ער געוואונען אין די אַפריקאַנישע געביטן, ביי דער לעפצונג פון נילוס, — אין די אַבעסינישע לענדער, וואו דער קלימאַט איז גע־

ווען אַ גאַנץ אַנדערער, אַזוי אויך די נאַטור פון די מענטשן, האַלב־ווילדע שבטים, וואָס האָבן געקעמפט מיט פּרימיטיווע מיטלען. דאָ אָבער, האָט ער געוואוסט, וועט ער זיך אָנשטויסן אויף מלחמה־געניטע פעלקער, וואָס פּרעה האָט לעצטנס אָנגעהויבן קריגן מורא פאַר זיי. טייל פון זיי, ווי די פּלישתּים, האָבן זיך אַפילו דערוועגט לעצטנס מצריים אַליין צו אַטאַקירן. די אַזיאַטישע שטאַמען האָבן זיך געשטאַרקט, און קעגן זיי האָט עס רעמסס דער גרויסער אויסגעבויט זיין נייע הויפּטשטאָט רעמסס. ער האָט אויך געוואוסט, אַז די באַפעלקערונג, וואָס באַזעצט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, די כּנענים, די חתּים, די פּלישתּים, זענען האַרט־אויס־געהאַמערטע מענטשן. זיי זענען ניט קאַליע געוואָרן, ניט פאַרצערטלט געוואָרן אין פּוילקייט דורך דער שפע פון זייער לאַנד, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט די מצרים. זייערע לענדער זענען קנאַפּ און אָרעם, און זיי זענען אָנגעוויזן מיט זייער וואַסער אויפן הימל, אָדער אויף זייער טייך ירדן, פון וועלכן זיי מוזן ציען דאָס וואַסער אויף צו באַוואַסערן די פעלדער, — ניט ווי אין מצריים, וואָס וואו מען טוט אַ טראָט, קוועלט אַרויס וואַסער פון אונטער די פיס. זיי מוזן זייער ברויט אַרויסקריגן פון דער ערד דורך שווערער אַרבעט, וואָס מאַכט זיי שטאַרק און קרעפטיק. אויך דער געביט, אויף וועלכן עס וועט אים אויסקומען צו האַלטן מלחמה, איז אַ גאַנץ אַנדערער, — ניט די פרייע זאַמדיקע שטחים פון מדבר, אָדער די פינצטערע זומפּן פון די אַפריקאַנישע פעלדער, וואָס זענען לייכט באַזעצט געוועזן פון אַ האַלב־נאָמאַדישער באַפעלקערונג. דער געביט באַשטייט אויס פעסט־געבויטע שטעט, טייל פון זיי אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע מויערן, וואָס אַן אַלט־איינגעזעסענע באַפעלקערונג, איינגעהיימישט אין אירע ערטער, וואו זי ציט איר חיונה, וועט מיט ציין און נעגל פאַרטיידיקן אירע פאַר־אַקערטע פעלדער, גערטנער, שטעט און נחלאות, וועט מלחמה האַלטן ביז די לעצטע כּוחות פאַר איר האָב און גוטס. טייל באַפעלקערונג זיצט אויף די הויכע בערג. עס וועט אים אויך אויסקומען צו קעמפן מיט בערג־איינוואוינער פון לבנון, פון חרמון, וואו דער אייביקער שניי רוט, אויף באַרג־הייכן, וואָס ניט ער, ניט די בני־ישראל האָבן דאָרט ווען־עס־איז אַ פוס געשטעלט צו פילן און וויסן דעם טעם פון שניי און קעלט. געהאַרטעוועט פון ווינטן, פעלדזן־פעסט אין זייער נאַטור, וועלן די בערג־מענטשן אַרויסשטעלן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. און דאָך איז דאָס דאָס איינציקע לאַנד, וואָס יהוה האָט צוגעזאָגט אַברהמען, קיין אַנדער לאַנד האָבן זיי ניט. דאָס איז זייער נחלה, וואָס יהוה האָט באַשטימט פאַר זיי פון קדמונים אָן, געגעבן זי אַברהמען ווי אַן אייביקע ירושה פאַר זיינע קינדער. די נחלה איז באַזעצט פון פרעמדע, וואָס זענען געקומען אַהין פון יענער זייט בערג, פון אַנ־דערע ראַסן און פעלקער, ניט פון אַברהמס זאָמען. זיי געהערן דערפאַר ניט אַהער, און זיי וועלן מוזן באַזיגט און פאַרטריבן ווערן, איידער די בני־ישראל וועלן קאָנען באַזעצן דאָס לאַנד פון דער הבטחה.

און עס איז ניט גרינג צוצוקומען צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד. דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז נאָך אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פעלקער, וואָס טייל פון זיי קומען־אַרויס פון אַברהמס זאָמען און האָבן באַקומען זייער ירושה אין הסכּם מיט יהוהס ווילן. ער האָט דעם שטרענגן אָנזאָג פון יהוהן ניט צו באַאומרואיקן זיי.

אויף זיין רעכטער האַנט זיצט אדום, דער זון פון עשו. ער איז שוין לאַנג איבערגעגאַנגען פון אַ נאָמאַדישן צו אַן איינגעזעסענעם צושטאַנד. ער פאַר־נעמט זיך מיט ערד־אַרבעט און איז טיף פאַרוואָרצלט אין זיין לאַנד. משה קאָן ניט איבערטרעטן זיינע גרענעצן, סיידן נאָר מיט זיין צושטימונג און גוטן ווילן. משה האָט געוויס גרונד צו גלויבן, אַז אדום, ווי אַן אָפּשטאַמיקער פון אַברהם אָבינו, וועט נאָר גליקלעך זיין צו הערן, אַז אויך די בני־יעקב זענען סוף־כּל־סוף אויסגעלייזט געוואָרן פון שעבוד־מצריים, און וועט זיי צוהעלפן איינצונעמען און צו באַזעצן זייער טייל ירושה פון זייער בשותפותדיקן פאָטער אַברהם.

אַרויף צום ברעג פון ים־המלח, אויף דער צווייטער זייט, זיצט מואָב, אַן אַנדער קרוב פון אַברהמען, אַן אָפּשטאַמיקער פון זיין פּלימעניק לוט. מואָב האָט געירשנט די שטעט סדום און עמורה, וואָס גאָט האָט פאַרוויסט. נאָך אים זיצט דער אמורי, וועלכער האָט זיך לעצטנס זייער געשטאַרקט אויף די בערג, דער „טויער־היטער" פון כּנען, וואָס מען זאָגט, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון די ריזן. די אמורים זענען אַ מיליטעריש פאָלק, וואָס היט דעם צוגאַנג פון כּנען, און משה וועט זיי מוזן באַזיגן איידער ער וועט גענענען צום ירדן. אויף דער זייט ירדן זיצן אויך די בני־עמון, אָפּשטאַמיקע פון לוטן. דאָס איז אַלץ פאַר־באַטענע ערד פאַר אים, וואָס ער וועט קאָנען אַדורכגיין נאָר מיטן גוטן ווילן און דער הסכּמה פון די פעלקער, וואָס באַוואוינען זי.

אין זיין תּמימות גלויבט אַלץ משה, אַז די קרובים פון ישראל וועלן אים נאָר העלפן, ווארעם נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַן אייגענער, וואָס קומט צוריק אַהיים.

דער צווייטער וועג, דער דירעקטער, צום צוגעזאָגטן לאַנד האָט געפירט דורך דעם באַרגיקן מדבר־צין, וואָס איז פון קדש־ברנע געלעגן אָפּן פאַר אים ביז צום ברעג פון יישוב, ביז באר־שבע און חברון. דער מדבר־צין איז אַ קעסל־גרוב, אין וועלכן עס קאָכן זיך אויס פאַרשיידענע פעלקער און ראַסן. די ערד איז נאָך אומבאַזעצט, און די נאָמאַדן, וואָס וואַנדערן דאָרט אַרום, זענען דער רויער מאַטעריאַל פון נאָך ניט אויספאָרמירטע פעלקער. אַן עלעמענט פון עמלקישע נאָמאַדן, וואָס וואַנדערן־אַרום איבערן מדבר, האָבן דערוויילע באַזעצט אַ טייל מדבר. נאָך אַנדערע נאָמאַדישע באַנדעס, ווי אָפּגעריסענע, פאַרלוירענע וואַלקן־קריעות, וואַלגערן זיך אַרום אין דעם מדבר, — באַנדעס חתּים, יבוסים, אמורים. די פּלישתּים, אַדער כּנענים, וואָס האָבן באַזעצט דעם ברעג ים, גייען־אויף פון עזה און אַנדערע יישובים פון ברעג ים און פאַרטרייבן די נאָמאַדישע שטאַמען, וואָ־רעם אויך זיי פאָדערן פאַר זיך דעם מדבר־צין און זענען גרייט אויף מלחמה קעגן דעם אַריינדרינגער.

משה האָפט און גלויבט, אַז ער וועט ניט באַדאַרפן פירן די בני־ישראל דורך דעם מדבר־צין, און ניט דווקא דערפאַר, ווייל ער שרעקט זיך פאַר די אומאָרגאַניזירטע נאָמאַדישע באַנדעס פון מדבר, — מיט זיין אָרגאַניזירטן חיל פון די בני־ישראל וואָלט ער זיי זייער לייכט געקאָנט פאַרטרייבן; ער ווייסט ווי מיד און אויסגעמאַטערט די בני־ישראל זענען נאָך די צוויי יאָר וואַנדערן אין

מדבר, ער ווייסט פון די צרות פון נויטבאַדערפטיקייט אין שפייז, נאָך מער — פון וואַסער־נויט, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, און ער וויל ניט שטעלן מער די בני־ישראל אויף אַ פּראָבע פון אויסהאַלטן די לאַסט פון מדבר. זינט די בני־ישראל האָבן דערגרייכט קדש־ברנע און אין זייערע נאָזפּליגלען איז אויפ־געגאַנגען דער געשמאַק פון יישוב, — פון באַאַקערטע פעלדער, פון צייטיקע פירות אין די גערטנער, וואָס דער ווינט האָט אַריבערגעבלאָזן פון אדומס גרענעצן, האָט אַ נייער גייסט באַלעבט זייערע געמיטער. זייערע הערצער זענען אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט דער האָפענונג פון דער הבטחה, ווי הענגלען וויינטרויבן מיט וויין. אויפגעהערט האָט יעדער תרעומה, פאַרשוויגן איז געוואָרן יעדער קנאַפּקייט, וואָס די בני־ישראל זענען אַזוי האַסטיק געווען צו לאָזן משהן הערן דערפון ביי דער מינדסטער געלעגנהייט. זיי האָבן מיט חשק זיך געקליבן צו באַזעצן זייערע לענ־דער, מיט אַזאַ פליים און תשוקה, ווי פערד, וואָס נאָך אַ שווערן, לאַנגן וועג דער־שפירן זיי דעם ריח פון זייערע שטאַלן ביים אָנקומען נאָענט צו דער היים.

זיי זענען געווען אַזוי אייליק, אַזוי ווילליק און גרייט אָנצוהויבן באַלד די אינוואַזיע פון זייער לאַנד, אַז זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט איטלעכן פרימאָרגן פאַר משהס געצעלט און געבעטן זיך ביי אים: „שיק מענטשן, זאָלן זיי אויסקוקן פאַר אונדז דאָס לאַנד און די ערטער, וואָס מיר באַדאַרפן פאַרנעמען, און זאָלן זיי אונדז צוריקברענגען ווערטער, דורך וועלכע וועגן מיר זאָלן אויפגיין, וועלכע שטעט עס זענען לייכט איינצונעמען".

משה איז צופרידן געווען צו זען די ווילליקייט פון די בני־ישראל צו פאַר־נעמען זייער לאַנד. ער האָט אויסגעקליבן צוועלף אָנגעזעענע לייט, צו איין פאַר־שטייער פון איטלעכן שבט, וואָס צווישן זיי זענען געווען צוויי פון זיינע נעענטסטע און פאַרגלויבטסטע מענטשן אין דער מחנה, — זיין העלפער און באַדינער, דעם בחור יהושע בן־נון, וועלכער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין דעם ערשטן צו־זאַמענשטויס, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט עמלקן, און דעם טיכטיקן כלב בן־יפונה, דעם פאַרשטייער פון שבט יהודה. אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געקליבן צו פאַר־נעמען די שטעט פון די בני־עשו און בני־לוט, האָט ער די שליחים ניט גע־שיקט דורך דעם וועג פון יישוב, דורך אדום, מואָב אָדער עמון, נאָר דורך דעם מדבר־צין. ער האָט זיי געשיקט אויסצוקוקן און צו ברענגען ידיעות נאָר פון די שטעט און לענדער, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט.

פערציק טעג האָט געדויערט די אויסשפּיר־עקספּעדיציע, וואָרעם משה האָט זיי באַפוילן אויסצושפּירן דאָס לאַנד אין אַלע זיינע ווינקלען. ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן דערגיין ביז צו זיינע מזרחדיקע גרענעצן, ביז צו די לבנון־בערג און ביז צו דעם חרמון. ער האָט געוואוסט און געהערט פון די כנענים, אָדער די פלישתים, וועלכע האָבן באַזעצט דעם ברעג פון גרויסן ים, אַז זיי זענען אַ זייער אונטערנעמעריש און מוטיק פאָלק. זיי לאָזן זיך אַרויס אויף זייערע שיפן איבער דעם גרויסן ים צו די וויטסטע ברעגן און בויען דאָרט אויף שטעט און פעס־טונגען. זיי האָבן באַהערשט די קונסט פון די מצרים צו גיסן קופער, וואָס זיי ברענגען מיט זייערע שיפן פון די קיפּרוס־אינדזלען. זיי באַאַרבעטן זייערע פעלדער, האַקן געהילץ פון זייערע בערג־וועלדער און בויען דערפון שיפן. זיי

גראָבן זייערע קופּער־מינען דורך אַ סיסטעם פון קייטן שקלאַפן, אויפן שטייגער
פון די מצרים, ברענגענדיק די שקלאַפן צו זיך אין לאַנד פון די ווייטסטע מקומות,
וואו נאָר זייערע שיפן דערגרייכן. זיי קענען די קונסט פון בויען און וועבן. און
זיי האָבן פאַר זייער אָפּגאָט מולך אויפגעבויט די פּרעכטיקסטע טעמפּלען, וואו זיי
פירן־אויס די מיאוסטע אומווערדיקייט פון פאַרברענען זייערע קינדער אין דער
עבודה־זרה, און זיי טרייבן סדומיש זנות מיט די לייבלעכסטע קרובים. משה האָט
געוואָלט וויסן פון דער ערשטער האַנט וועגן דער שטאַרקייט פון זייערע שטעט,
פון זייערע חיילות. אויך האָט ער געוואָלט האָבן מוסטערן פון פּירות און תבואות,
וואָס וואַקסן אין דעם לאַנד, האָט ער באַפוילן די אויסשפּירער צו מיען זיך צו
ברענגען אים אויסטערלישע מוסטערן פון מילגרוימען, טרויבן, פייגן און טייטלען,
אויך מוסטערן פון תבואות, גרינסן, אַלערליי געוויקסן, מיט וועלכע דאָס לאַנד
נעמט זיך נאָר אויס.

דערווייל האָט דאָס פאָלק אויסגעוואַרט מיט אומגעדולד אויף די אויסשפּי־
רער. מיט קנאה האָבן זיי אַריבערגעקוקט איבער דער גרענעץ פון אדום, געזען
די באַאַרבעטע פעלדער און די היימען, און זיי האָבן געטראַכט מיט בענקשאַפט
פון דער צייט, ווען אויך זיי וועלן האָבן זייערע אייגענע היימען און באַאַרבעטן
זייערע אייגענע פעלדער, פיטערן זייער אייגענע פי אויף די פּאַשע־פעלדער און
וואוינען אין זייערע אייגענע שטעט, ווען אַפילו זיי זענען ניט זייער באַגייסטערט
געוועזן פון דעם לאַנד, וואָס אדום האָט באַוואוינט. ניין, עס איז ניט געקומען צו
דער פעטער, שוואַרצער ערד, וואָס דער אויסגאָס פון נילוס לאָזט איבער נאָך
זיך דאָרט אין דער אַלטער היים, אין גושן. דאָ, אין דעם לאַנד פון אדום, מוז
יעדער הויפן ערד אויסגעקעמפּט ווערן פון דעם ים זאַמד פון מדבר דורך פיל
פּראַצע און האָרעוואַניע, און אָרעם און קאַרג זענען די שיטערע אַדורכגעוויב־
טיקטע זאַנגען פון די תבואה־פעלדער מיט זאַמדיקן באָדן, וואָס זיי האָבן געזען,
ווען זיי זענען אַריבערגעקומען פון לאַגער אין אדומס שטעט אַריין צו קויפן אַביסל
געברענטע זאַנגען און אַ קרוג וואַסער, וואָס משה האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז נאָר
פאַר געלט קאָנען זיי באַקומען די פּראָדוקטן פון די בני־עשו. זיי האָפן, אַז זייער
לאַנד, דאָס לאַנד פון דער הבטחה, איז גאַנץ אַנדערש פון דעם לאַנד, וואָס אדום
באַוואוינט. האָט זיי משה ניט געזאָגט, אַז עס איז אַ לאַנד, וואָס רינט מיט מילך
און האָניק?

לסוף האָבן זיך צעבלאָזן די זילבערנע טראָמפּייטן ביים משכן. דאָרט, ביי
משהס געצעלט, ביים איינגאַנג פון משכן־טויער, שטייען שוין משה און אַהרן און
די עלטסטע פון די שבטים און וואַרטן־אויס אויפן אָנקומען פון דער אויסשפּיר־
עקספּעדיציע, וואָס פאַרלויפערס האָבן מבשר געווען, אַז די שליחים קומען־אָן.
און באַלד ווערט דער גאַנצער ברייטער פּלאַץ, וואָס משה פלעגט שטענדיק רע־
זערווירן פאַר דעם איינגאַנג פון משכן ווי אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר די בני־ישראל,
אָנגעפּילט מיטן מאַן, ווייב און קינד. פון אַלע געצעלטן, פון אַלע גאַסן און געס־
לעך פון דעם גרויסן לאַגער קומען זיי אָנצולויפן, — מענער פון פאַרשיידענעם
עלטער, מיט פאַרשיידענע בערד און פּנימער; פּאַטערס טראָגן זייערע דערוואַק־
סענע קינדער אויף די אַקסלען, כדי אויך די קינדער זאָלן זען און געדענקען די

מערקווערדיקע שעה; די מוטערס טראָגן די קליינע קינדער אויף די הענט. דער גאַנצער פּלאַץ ווערט פול, איבערפול, אַ געדיכטער וואַלד פון לייבער, קעפּ, בערד, ווייבערשע האָר, מיט משהן, אַהרנען און די פּני איינגעקנאָטן דעריין.

און אָט זעט מען זיי אָנקומען. די עדה שפּאַלט זיך, מאַכט אַ וואָרע פּאַר די מרגלים. איינציקווייז קומען זיי אָן, און זיי גייען אין גרויסן סדר. איטלעכער פון זיי טראָגט פאַר זיך אַ באַזונדערע, אַן אויסטערלישע פרוכט, אַ בינטל זאַנגען, אַ געוויקס; צוויי טראָגן אויף די אַקסלען אַ הענגל ווייַנטרויבן פון ניט־געווינטלעכער גרייס, — און זיי לייגן די פּירות, די גרינסן, די אַלע געוויקסן פאַר די פיס פון משהן און אַהרנען. נאָך באַוואונדערן די בני־ישראל מיט גליקזעליקער דערוואָרטונג די אויסטערלישע פרוכט, וואָס די אויסקוקערס האָבן געבראַכט פון צוגעזאָגטן לאַנד, — די פּאַטערס טייטלען מיט די פינגער אויף די פּירות, דערקלערן די קינדער, וואָס זיצן רייטנדיק אויף זייערע פּלייצעס: „זע, זע, דאָס זענען די פּירות, וואָס וואַקסן אין אונדזער לאַנד!" — און די אויסקוקערס נעמען איבערגעבן פאַר משהן און אַהרנען, בפני כל עם־ועדה, וואָס זיי האָבן אויסגעפונען אין זייער שליחות. עס הויבט־אָן דער עלטסטער פון די שליחים, דער פאָרשטייער פון דעם שבט ראובן, — אַ פלעגמאַטישער מענטש, מיט אַ פּלאַטשיקן פּנים, ווי אַן אויסגעוואַלגערט טייגל, מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז אין מיטן. ער רעדט אויך מיט אַ פלעגמאַטישער שטים, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען:

— מיר זענען געקומען אין דעם לאַנד, וואוהין דו האָסט אונדז געשיקט. עס איז אמת, עס איז אַ לאַנד פון מילך און האָניק, און דאָס איז זיין פרוכט. אָבער שטאַרק איז דאָס פאָלק, וואָס זיצט אין לאַנד, און די שטעט זענען זייער גרויסע פעסטונגען. אויך ריזן־קינדער האָבן מיר געזען דאָרט. עמלק זיצט אין נגב־לאַנד, און דער חתּי, און דער יבוסי, און דער אמורי זיצן אין דעם געבערג, און דער כּנעני זיצט ביים ים און ביים ברעג ירדן.

דאָס פאָלק איז שטיל געוואָרן. אַ מוראַדיקע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע עדה. זייערע בליקן האָבן זיך איינגעעגבערט אין משהן. אַ שטילער געמורמל איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער מחנה, ווי אַ רוישן און אַ פייפן פון אַ שטילן ווינט, וואָס זאָגט־אָן אויף אַ שטורעם.

אָבער כלב פון שבט יהודה האָט געפּרוּווט איינשטילן דאָס פאָלק און לעשן דעם פלאַם פון כּעס אין די אויגן פון די מאַסן, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן קעגן משהן:

— און דאָך אויפגיין וועלן מיר אויפגיין, און מיר וועלן עס אַרבן, וואָרעם בייקומען וועלן מיר זיי בייקומען.

— ווי אַזוי? קאָנסטו צונעמען די פאַרצוקונג פון אונטער דעם לייב? אָדער אפשר קאָנסטו נאָכיאָגן דעם אָדלער, וואָס טראָגט זיך אין די הימלען אויף זיינע פליגל מיט זיין רויב אין די שאַרפע קרעלן? ווער זענען מיר, אַז מיר זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דעם פאָלק? עס איז שטאַרקער, מעכטיקער פון אונדז! — האָט אויסגערופן דער שליח פון שבט דן, אַ מענטש מיט אַן אויפגעריסענעם

פנים און אַ ברייטן מויל, און ווי שטאַרק און מעכטיק ער איז געווען אין געביי און וואוקס, אַזוי איז אויך געווען זיין טעמפּעראַמענט.

און די ווערטער פון דעם עלטסטן האָבן געגעבן דעם סיגנאַל פאַר די אַנדערע שליחים אָפּצומאָלן פאַרן פאָלק זייערע איינדרוקן און אַרויסצוזאָגן זייערע מיי־נונגען.

און זיי האָבן זיך שוין ניט געווענדט צו משהן, זיי האָבן זיך געווענדט צום פאָלק און דערציילט דעם פאָלק:

— און וואָס פאַר אַ לאַנד איז עס אינגאַנצן? איטלעכן שפאַן ערד מוזטו דיר אַרויסרייסן מיט די נעגל פון די שטיינער־שפאַלטן, און מיט וואַסער ביסטו אָנגעוויזן אויפן הימל, אויף יהוהן, און ניט אויפן נילוס. ניין, עס איז ניט ווי דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט. וואו נאָר דו האָסט דאָרט געטראָטן, האָסטו געפונען פעטע, מיט שליים קוועלנדיקע ערד, — האָסט נאָר באַדאַרפט פאַר־פלאַנצן, און עס איז אַליין געוואַקסן. דאָ מוזטו שווער פראַצעווען, מאַטערן זיך איבער איטלעכן שפאַן ערד, קאָפּיען און גראָבן. מיטן שווייס פון דיין פנים, מיטן בלוט פון דיינע הענט קריגסטו אַרויס אַ ביסן עסן פון דער ערד. עס איז אַ לאַנד, וואָס מאַכט פרי אַלט, וואָס מוטשעט דיך אויס מיט פראַצע און האָרעוואַניע, אַ לאַנד, וואָס עסט־אויף זיינע איינוואוינער. און כדי צוצוקומען דערצו, מוזטו אַדורכ־גיין די בערג, אויף וועלכע עס זיצן די ריזן, אמתע ריזן, קינדער פון די נפילים, וואָס זענען געפאַלן פון הימל. זיי זענען די מויער־היטערס פון כנען. זיי זיצן אין באַפעסטיקטע שטעט אין די בערג און לאָזן קיינעם ניט צו צו דעם ברעג פון ירדן.

— ווי היישעריקן זענען מיר זיך פאָרגעקומען אין אונדזערע אויגן אַנטקעגן זיי, און אַזוי האָבן מיר אויך אויסגעזען אין זייערע אויגן, — האָט אַן אַנדערער צוגעלייגט, — אַזוי גרויס און מעכטיק זענען זיי.

אַ גאַנצע נאַכט האָט עס געקאָכט אין דער מחנה ווי אין אַ קעסל. קיינער איז ניט געשלאָפן אין דער נאַכט. רעדלעך מענטשן האָבן אַרומגערינגלט איטלעכן פון די שליחים, און יענע האָבן דערציילט פאַרן פאָלק די פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן די ריזן, וואָס זיי האָבן געזען אין די בערג. די שרעק האָט זיי געגעבן גרויסע אויגן. מיט פיל איבערטרייבונג האָבן די שליחים אָפגעמאָלט פאַרן פאָלק דעם הויכן וואוקס פון די איינוואוינער, — יעדער איינער פון זיי איז אַליין אַזוי גרויס ווי אַ באַרג, — די כלי־זיין, וואָס זיי באַנוצן, די מאַכט און די שטאַרקייט פון די באַפעסטיקטע שטעט, די אומגעהייערע מויערן, וואָס רינגלען־אַרום די שטעט, און די גבורה פון די איינוואוינער, — זיי רייסן־אויס מיט די ציין אַ פעלדזן־שטיין פון זיין אָרט און וואַרפן אים אַרונטער אין אָפגרונט. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג געווען אויף אויסצורייסן די האָפענונג אויף יהוהן, דעם בטחון אין אים, וואָס זיי האָבן געוואונען זינט יציאת־מצרים און דורך זייער וואַנדער אין מדבר. די שליחים האָבן זיך געמיט אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן די האָפענונג און דער בטחון האָבן גערוט, און זיי האָבן פאַרשפּרייט לשון־הרע און גערעדט רכילות אויף דעם לאַנד פון דער הבטחה. און דאָס האָט

יהוהן מער אויפגעבראַכט ווי דאָס רכילות און די שלעכטע רייד, וואָס זיי האָבן אויסגערעדט אויף אים.

— איר פאַרשטייט, יהוה וויל אונדז האַלטן אַנגעבונדן אָן אים, אַזוי ווי ער האַלט אונדז אַנגעבונדן דאָ אין מדבר. אָן אים זענען מיר פאַרלוירן אין דעם זאַמד פון מדבר, ווי אַ שיף אין מיטן ים. מיר זענען אַנגעוועגדט מיט איטלעכן ביסן ברויט און איטלעכן שלונג וואַסער אויף אים, און אַזוי וועלן מיר אויך זיין אין דעם לאַנד, אין וועלכן ער וויל אונדז ברענגען. נאָר דענסמאָל, ווען ער וועט געבן זון און רעגן, וועלן מיר עסן ברויט. קוים וועלן מיר זיך פאַרזינדיקן קעגן אים מיט אַ קלייניקייט, וועט ער אָפּשליסן די הימלען און וועט ניט שיקן קיין רעגן, און מיר וועלן מיט אונדזערע קינדער פאַרדאַרן און פאַרשמאַכט ווערן לעבעדי־קערהייט אין זיין אייגענעם לאַנד.

— איטלעכן אָטעם וויל ער פון אונדז. כּדי מיר זאָלן שטענדיק געדענקען אין אים, וועט ער אונדז האַלטן אונטער דער מורא פון הונגער און דאַרשט, אַזוי ווי מיר זענען געווען אין מצריים אונטער דער מורא פון רוט.

— ניין, ניט ער ברענגט אונדז אין אַ לאַנד, וואו מיר וועלן אונטערגיין פון הונגער און דאַרשט, נאָר ער ברענגט אונדז אין אַ מדבר, וואו מיר וועלן פאַרטיליקט ווערן פון דער שווערד. מיט אַ קייט פון שונאים האָט ער אונדז אַרומגערינגלט. האָסט דאָך געהערט, עמלק זיצט אין עמק און לויערט נאָר אויס אויף אונדז, דער אמורי שאַרפט שוין זיין שווערד און די ריזן אין די בערג קוקן נאָר אויס אויף אונדז. איידער מיר וועלן נאָך דערלעבן איבערצוטרעטן די שוועל פון דעם לאַנד, וועלן מיר מיט אונדזערע קינדער זיין אַ נערונג פאַר דער היענע און פאַר דעם ווילדן פויגל. אונדזערע פּגרים וועלן זיך אַרומוואַלגערן אין זאַמד ווי דער פּגר פון געפאַלענעם קעמל.

און אַ געוויין האָט זיך אויפגעהויבן אין דער עדה. פון אַלע געצעלטן אַרויס, פון אַלע ווינקלען האָט זיך געטראָגן די יללה:

— ווי און ווינד צו אונדז! וואָס האָט ער געמאַכט פון אונדזערע ווייבער און קינדער, — רויב־פליִיש פאַר דעם ווילד־פויגל אין דער לופט און פאַר דער היענע אין מדבר!

פון זיין געצעלט האָט משה געהערט דאָס קלאָגן פון פאָלק. ער האָט פאַר־נומען די יללה, וועלכע איז געווען אַדורכגעקוויקט מיט אַנגסטן פון שרעק, מיט ביטערקייט פון אָפּגענאַרטער האָפענונג. ניין, דאָס איז ניט מער געווען די יללה, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון די בעלי־תּאווה אין זייער גלוסטן נאָך פליִיש. יענער מריטשען איז געווען אַ קאַפּריז־געוויין פון צעבאַלעוועטע קינדער. משה האָט גע־קאָנט זיך פונאַנדערקלייבן אין די באַזונדערע שיכטן פון פאָלק, אָפּקלייבן די צו־ריקגעשטאַנענע פון די אויסדערוויילטע. דאָ האָט ער אָבער געהערט דאָס גאַנצע פאָלק, אָנגעהויבן פון די פּני, אויפהויבן דאָס קול אין געשריי. ניט דער ערב־רב האָט איצט געוויינט, נאָר די עלטסטע פון דער עדה אַליין זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אין פּאַנישער מורא; ניט קיין געוויין פון קאַפּריז הערט ער איצט, נאָר אַ פאַרצווייפלטן געשריי פון גענאַרטער האָפענונג, אַ קלאָגן איבער נישט־דער־

פילטע הבטחות. אַזוי שרייט אַ פאַרלוירענע מאַסע, ווען זי דערזעט פאַר זיך די פאַסטקע פון טויט, אין וועלכער מען האָט זי פאַרנאַרט.

משה איז ניט געווען קיין פאַנטאַסט, משה איז געווען אַ מענטש פון רעאַלער ווירקלעכקייט. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער איז געקומען אין באַרי־רונג מיט זיינע ברידער אין מצריים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ניט גרינג וועט אים אָנקומען דאָס האַנדלען מיט מענטשן, וואָס זענען אַריינגעשמיסן געוואָרן אין קנעכטשאַפט; ער האָט געגלויבט, אַז אינעווייניק ביי זיך זענען זיי פאַר־בליבן פרייע מענטשן, ווייל זיי האָבן זיך געקלאַמערט מיט ציין און נעגל אָן דער טראַדיציע פון פרייהייט דורך זייער גלויבן אין דעם גייסט, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט זייערע אָבות. נאָך דעם לאַנגן וועג — פון יציאת־מצריים ביז קדש־ברנע — האָט משה געגלויבט, אַז די בני־ישראל האָבן גענוג צייט געהאַט און גענוג באַוויזן באַקומען צו זען קלאָר, אַז יהוה איז ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, קיין חלום, קיין איינרעדעניש, נאָר מער רגילות ווי זייער אייגן לעבן, ווי זייער אייגן לייב אָדער דאָס לייב פון זייערע נאָענטע; אַז שוין דער עצם זיין פון משכן צווישן זיי דאַרף זיין גענוג זיי צו באַגייסטערן מיט אַזאַ בטחון און גלויבן אין יהוהן, אַז זיי זאָלן גרייט זיין אויסצופאָלגן זיינע באַפעלן בלינדערהייט, ווען ער וועט זיי אַפילו הייסן גיין פאַר אים צום טויט, ווי זייער פאָטער אַברהם האָט עס געטון. זענען זיי ניט די קינדער פון אַברהם? לעבט ניט אַברהמס גייסט אין זיי? רינט ניט אין זייערע אָדערן דאָס בלוט פון די אָבות? אויב ניט, ווער זענען זיי? מיט וואָס זענען זיי בעסער פון די אַנדערע גויים? פאַרקערט, ווען יהוה וואָלט געטון פאַר די בני־עשו די וואונדער, וואָס ער האָט געטון פאַר די בני־ישראל, וואָלטן די בני־עשו מער געגלויבט אין יהוהן און געהאַט מער בטחון אין אים.

אויב אַזוי, וואָס האָט ער צו טון מיט זיי? אַ טעות, אַ טעות איז עס נאָר געווען, וואָס ער האָט געגלויבט צו די בני־ישראל. עס איז נישטאָ קיין ישראל, עס זענען נישטאָ קיין קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב. זיי זענען פונקט אַזוי שלעכט און פאַרלוירן ווי די אַנדערע בני־אָדם. עס איז נישטאָ קיין עם־סגולה. עס האָט זיי ניט געהאָלפן ניט דער סיני, ניט די חוקים־ומשפטים, ניט די תורה און ניט די נסים־ונפלאות. קנעכט זענען זיי געווען, און קנעכט זענען זיי געבליבן. און נאָר אַ חלום איז עס געווען פון יהוהן, אָדער פון אים, צו גלויבן, אַז ער קאָן אויס קנעכט מאַכן אַן עם־סגולה.

אַנטלויפן וועט ער אַנטלויפן פון זיי, איבערלאָזן וועט ער זיי אין מדבר אויף די פאַרצוקנדיקע ציין פון די וועלף. זאָלן זיי אונטערגיין, זאָלן זיי זיין צו רויב און זעטונג פאַר די חיות און פייגל.

אָבער ניט מער ווי אַ שאָטן פון זיין ביטערן צאָרן האָט זיך עס געלייגט ווי אַ וואָלקן און פאַרשטעלט אויף איין רגע זיין אינעווייניקסט ליכט. באַלד איז דער וואָלקן פאַרשוואונדן, און משהס גייסטיקער בליק איז אַדורכגעדרונגען ביז צום אַחרית־הימים. ער האָט דערזען ווידער, וואָס ער האָט געזען אויפן באַרג סיני, ווען יהוה האָט געעפנט פאַר אים אַ פענצטער אין עתיד. ניין, ניט דער היינ־טיקער ישראל וועט פעסטיקן דעם יסוד־העולם. דער היינטיקער ישראל קאָן זיין

קליין און שלעכט און געשטראָפט פון גאָט מיט בלינדקייט, — דער אייביקער ישראל זעט. ער איז דאָס אויג, וואָס יהוה האָט געגעבן דעם מענטשן צו דער־זען דאָס ליכט פון גאָט.

און ווי אַ לייב האָט ער אויסגעברומט:

„אויב יהוה איז אמת וקיים, איז ישראל אמת וקיים!

וואָס עס זאָל ניט זיין, די זרע פון אַברהם מוז דערהאַלטן ווערן, — ניט פאַר ישראל, נאָר פאַר יהוהן, פאַר דעם מענטשן, פאַר דעם עתיד.

ער וועט גיין צו זיי, ער וועט זיך בעטן ביי זיי, ער וועט מיען זיך מיט אַלץ אין זיין מאַכט אויפצוּוועקן אין זיי דעם גייסט פון אַברהם.

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן זיי זיך געפעדערט פאַר משהס געצעלט. עס זע־נען געווען די פני פון די שבטים, זייערע פירשטן־אָנפירערס, און נאָך זיי די גאַנצע עדה. ניין, זיי האָבן ניט גערעשט און ניט געליאַרעמט, נאָר זיי האָבן זייערע פנימער געטראָגן איינגעגראָבן אין דער ערד, און זיי האָבן געוויינט מיט שטילע קולות, שטרעקנדיק די הענט צו משהן און אַהרנען, וואָס זענען געגאַנגען זיי אַנטקעגן.

— וואָס האָט איר געוואָלט פון אונדז? צו וואָס האָט איר אונדז אַרויסגע־נומען פון מצריים, וואו מיר האָבן געהאַט אונדזער באַדעקנס איבערן קאָפּ, אונ־דזער ביסן ברויט? צו וואָס ברענגט אונדז יהוה אין דעם לאַנד אַריין, אַז מיר זאָלן דאָרט פאַלן פון דער שווערד און אונדזערע ווייבער און אונדזערע קינדער זאָלן ווערן צו רויב? עס איז דאָך בעסער פאַר אונדז צוריקצוקערן זיך קיין מצריים.

— יאָ, צוריק קיין מצריים, — האָבן אַנדערע גערופן נאָך די פירער.

— לאָמיר באַשטימען אַן עלטסטן און לאָמיר זיך צוריקקערן קיין מצריים!

— האָט שוין דאָס גאַנצע פאָלק גערופן.

משה האָט זיך געוואָרפן מיטן פנים צו דער ערד פאַר דעם גאַנצן קהל, פאַר דעם גאַנצן קהל, און אַהרן נאָך אים. און משה האָט אָנגעהויבן זיך בעטן ביי זיי:

— געדענקט, וואָס יהוה האָט געטון פאַר אייך. וואָס האָט איר מורא? יהוה, וואָס גייט פאַר אייך, וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך, אַזוי ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט די מצרים פאַר אייערע אויגן; און דורך דעם מדבר, — האָט איר דען ניט געזען ווי יהוה, אייער גאָט, האָט אייך אַדורכגעטראָגן, אַזוי ווי אַ מענטש טראָגט זיין זון, דורך דעם גאַנצן וועג, וואָס איר זענט געגאַנגען, ביז איר זענט אָנגעקומען אויף דעם אָרט? וואָס האָט איר מורא?

און ווי יהושע בן־נון און כלב בן־יפונה האָבן געזען ווי משה ליגט מיטן פנים אויף דער ערד פאַרן פאָלק און בעט זיך ביי זיי צו האָבן בטחון אין יהוהן, האָבן זיי ביידע צעריסן זייערע קליידער אויף זיך, ווי אַ צייכן פון טרויער, און אויסגעשטרעקט די הענט צו דער עדה.

— אַחינו בני־ישראל, — האָט יהושע געזאָגט, — מיר האָבן געזען דאָס לאַנד. דאָס לאַנד איז גוט. אויב יהוה באַגערט אונדז, וועט ער אונדז ברענגען אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס רינט מיט מילך און האָניק. ווידערשפּעניקט נאָר ניט אָן יהוהן, און האָט ניט קיין מורא פאַר דעם פאָלק פון לאַנד. זיי זענען אונדזערע

אַזוי ווי אונדזער ברויט. זייער שאָטן האָט זיך אָפּגעטון פון זיי. זיי זענען פאַר־לאָזט און אַליין. גאָט איז מיט אונדז!

און כלב בן־יפונה האָט אויסגערופן:

— וואָס האָט איר מורא צו האָבן? און אַז משה וועט אונדז הייסן, אין נאָמען פון יהוהן, צו גיין אין הימל אַריין, וועלן מיר דען ניט גיין? מיר וועלן אויפשטעלן לייטערס, און מיר וועלן קלעטערן אין הימל, ווייל יהוה איז מיט אונדז.

— זעט די פאַררעטער! זעט די גענאַרער! אונדזער טויט ווילן זיי. אַוועק מיט זיי! — האָבן זיך געהערט קולות פון פאָלק.

— פאַרוואַרפן מיט שטיינער וועלן מיר זיי!

און דאָ און דאָרט האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַ האַנט מיט אַ שטיין אין איר. אָבער די האַנט איז פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופטן.

— זעט, זעט!

— יהוה!

— יהוה!

און דאָס פאָלק האָט דערזען ווי פון הימל לאָזט זיך אַרונטער אַ שוואַרצע געדיכטע מאַסע, וואָס רויכערט זיך מיט הונדערטער שטורעם־טראָגעדיקע, בייז־אַנגעלאָדענע וואָלקן־קריעות. די קריעות וויקלען זיך אייגע אין דער אַנדערער, ווערן וואָס־אַמאָל געדיכטער און פינצטערער. אַ באַרג פון צאָרן לאָזט זיך אַרונ־טער איבער דער עדה, וויכערט אַרויס פון זיך אַ שטורעם־ווינט, וואָס וואַרפט אַלץ אונטער זיך. די גאַנצע עדה ווערט אויך געוואָרפן צו דער ערד פון דעם דרוק פון דער לופט.

— יהוה! יהוה! — הערט זיך אַן אימהדיק געבעט.

זיי ליגן מיט די פּנימער אייגעגראָבן אין זאַמד, זיי הערן און פילן דעם געווירבל פון שטורעם־ווינט איבער זייערע לייבער, וואָס גייט־אַדורך דורך זיי מיט וואולקאַנישער אויפטרייסלונג. יעדער רגע וועט דער אָטעם פון יהוהן זיי פאַרניכטן. ער וועט אַרויסשיקן אַ צונג פייער פון זיין וואָלקן און זיי וועלן אויפפלאַקערן ווי אַהרנס זין. נאָר דער וואָלקן גייט איבער זייערע לייבער, זיי פילן דעם דרוק פון זיין ברויזנדיקן כּעס איבער זיך, — און דאָך טוט ער זיי קיין זאַך ניט. זיי שטעלן זיך איין אויפצוהויבן די קעפּ, און זיי דערזעען ווי משה קניט און האַלט זיינע מעכטיקע אָרעמס אויסגעשטרעקט צום וואָלקן אין געבעט. משהס פלאַמענדיקע אָרעמס זענען ווי צוויי זיילן, וואָס האַלטן־אונטער דעם פאַרכ־טיקן וואָלקן פון יהוהן, ווי דעם געוועלב פון הימל, און דערלאָזן ניט די צאָרן־געלאָדענע פייער־ווינטן, וואָס יאָגן פון אים, זיי צו פאַרניכטן. משהס בעטנ־דיק פּנים שטייט צווישן יהוהן און זיי, און זיי זעען ווי דער וואָלקן ציט־אָפּ פון זיי און שפּרייט זיך אויס איבער דעם גאַנצן אַרום פון משכּן.

זיי זעען ווי משה הויבט זיך אויף פון דער ערד און גייט־נאָך דעם וואָלקן אין אוהל־מועד אַריין. ער פאַרשווינדט אין די רויכערדיקע קריעות.

ווי איין מענטש, בלייבט די גאַנצע מחנה ליגן, איינגעגראָבן אין דעם זאַמד פון מדבר אַרום דעם משכּן־פּלאַץ, און וואַרט־אויס מיט קלאַפּעדיקע הערצער און אַנגסטלעכער אימה צו פאַרנעמען דעם פּסק־דין פון יהוהן איבער זיי.

אינעווייניק אין וואָלקן רויך, וואָס פילט־אויס דעם גאַנצן אוהל־מועד, קניט משה און וואַרפט זיך מיטן פּנים צו דער ערד פאַר דעם פּאַרכטיקן כּבוד פון יהוהן:

— עס איז מיין שולד. איך האָב זיי צופיל אונטערגעאיילט, איך בין אומ־געדולדיק געווען צו וואַרטן, ביז זיי וועלן מנצח־זיין דאָס עבדות אין זיך און וועלן ראוי זיין פאַר דעם חרות, וואָס דו ברענגסט זיי. עס איז מיין שולד, איך האָב ניט געקענט זייער נאַטור, איך האָב זיי ניט דערצויגן אין דיין גייסט. שטראָף מיך, און האָב רחמנות אויף די קינדער פון אַברהם, יצחק און יעקב.

אָבער יהוה האָט אים ווידער, ווי ביי דער מעשה־עגל, אָנגעבאָטן אויפ־צושטעלן אַ נייעם עם־סגולה פון זיין אייגענעם נאָכקום:

— ביז וואַנען וועט דאָס דאָזיקע פאָלק מיך לעסטערן? ביז וואַנען וועלן זיי ניט גלויבן אין מיר? איך וועל שיקן אַ מגפה אויף אים, איך וועל אים אויסראָטן, און וועל דיך מאַכן פאַר אַ פאָלק, גרעסער און מעכטיקער פון אים.

אָבער משה האָט געענטפערט:

— יהוה, דו קאָנסט ניט פאַרטיליקן די בני־ישראל, דו קאָנסט זיי ניט אויס־בייטן אויף אַן אַנדער פאָלק: דיין נאָמען ווערט גערופן אויף זיי, זיי זענען דיין כּבוד. וואָס וועלן די מצרים זאָגן, ווען זיי וועלן דערהערן, וואָס דו האָסט גע־טון מיט זיי נאָך דעם ווי דו האָסט אַרויסגעבראַכט דאָס דאָזיקע פאָלק מיט שטאַר־קייט פון זייער לאַנד? וואָס וועלן זאָגן די באַוואוינער פון דעם לאַנד, וואָס האָבן געהערט, אַז דו, יהוה, ביסט צווישן דעם דאָזיקן פאָלק? וואָס וועלן זיי זאָגן, אויב דו וועסט טויטן דאָס פאָלק ווי איין מאַן? זיי וועלן זאָגן: ווייל יהוה איז ניט ביכולת צו ברענגען דאָס דאָזיקע פאָלק אין דעם לאַנד, וואָס ער האָט זיי צוגע־שוואוירן, האָט ער זיי אויסגעשאָכטן אין מדבר. דו האָסט זיך פאַרבונדן מיט ישראל אויף אַלע אייביקייטן, דערום זאָל אַצינד גרויס זיין, איך בעט דיך, דער כּוח פון יהוהן, לויט ווי דו האָסט אַליין גערעדט: „גאָט איז איינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד; ער פאַרטראָגט זינד און פאַרברעכן, נאָר שענקען שענקט ער ניט; ער רעכנט זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער, מיטן דריטן און מיטן פערטן דור". שטראָף דעם דור, שטראָף דעם צווייטן דור, נאָר לאָז ישראל לעבן. וואָרעם ישראל איז דיין נחלה אויף אַלע אייביקייטן. גע־דענק אין די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך זיי, און פאַרגיב, איך בעט דיך, די זינד פון דעם דאָזיקן פאָלק, לויט דער גרויסקייט פון דיין חסד, אַזוי ווי דו האָסט פאַרגעבן דעם דאָזיקן פאָלק פון מצריים ביז אַהער.

און יהוה האָט זיך צוגעהערט צו משהס געבעט און האָט צו אים געזאָגט:

— איך האָב פאַרגעבן אַזוי ווי דו האָסט געבעטן צו מיר.

ניין, ניט פון צווייטן דור וועט ער נקמה נעמען, ניט פון דריטן דור און ניט פון פערטן; נאָר דער, וואָס האָט געזינדיקט, דער זאָל שטאַרבן, — מען זאָל ניט טויטן קיין זון פאַר די זינד פון פאָטער.

# 17

אַ לאַנגע צייט געדויערט דאָס טרעפן־זיך פון יהוהן מיט משהן, און די גאַנ־צע צייט, וואָס משה געפינט זיך אין דעם פאַרוואָלקנטן משכּן, דערוועגן זיך ניט די בני־ישראל צו רירן זיך פון זייערע ערטער. מיט די פּנימער איינגעגראָבן אין דער ערד, ליגן זיי אַרום דעם משכּן־פּלאַץ און וואַרטן־אויס אויף דעם באַפעל פון יהוהן, וואָס משה וועט זיי ברענגען.

אַן אַנדער משה קומט־אַרויס פון וואָלקן. אין זיין פּנים, אין זיינע גרויסע אויגן ליגט אַ טייל פון דעם שטורעם־וואָלקן, אין וועלכן יהוה איז געווען איינגע־הילט. נייך, ער בעט זיך ניט מער ביי זיי. מיט אַנשרעק אין זיין קול ברענגט ער זיי דעם פּסק־דין פון יהוהן:

— ניט פון אייערט וועגן, נאָר פון אייערע קינדער וועגן, פון אייערע קליינע קינדער וועגן, וואָס איר האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין צו רויב... זיי וועל איך ברענגען אַהין, און זיי וועלן דערקענען דאָס לאַנד, וואָס איר האָט פאַראַכט. אָבער איר . . . אייערע פּגרים וועלן פאַלן אין דעם דאָזיקן מדבר, האָט יהוה געזאָגט.

און ער האָט גערופן צו זיך יהושען און כּלב בן־יפונה.

— יהוה האָט מיר באַפוילן: מאָרגן קערט זיך אום צוריק, ציט זיך צוריק צום מדבר, אויפן וועג צום ים־סוף. גייט און פירט־אויס יהוהס געבאָט!

צוריק אין מדבר!

ווען דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, האָט עס איבערגעלאָזט נאָך זיך, מיט די פּנימער איינגעגראָבן אין זאַמד, די צען מרגלים, וואָס האָבן פאַרשפּרייט די שלעכטע בשורה. זיי זענען געשטאָרבן אויפן אָרט אין אַ מגפה פאַר גאָט.

און אויפן פאָלק איז געפאַלן דער פּחד פון יהוהן.

צומאָרגנס האָבן זיך געפעדערט טייל פון די שבטים. זיי זענען געקומען פאַר משהן, טרויעריקע און פאַרשעמטע, און זיי האָבן געזאָגט:

— אָט זענען מיר גרייט מלחמה צו האַלטן מיטן שונא. מיר וועלן אַרויפגיין צו דעם אָרט, וואָס גאָט האָט געזאָגט, צו באַקעמפן דעם עמלק און דעם כּנעני. מיר ווייסן, מיר האָבן געזינדיקט. לאָז אונדז אויסמעקן אונדזער זינד מיט אונ־דזער בלוט.

— גייט ניט, טרעט ניט איבער דעם באַפעל פון יהוהן. איר וועט ניט באַ־גליקן. גאָט איז ניט מיט אייך. איר וועט פאַלן דורך דער שווערד, וואָרעם איר האָט זיך אָפּגעקערט פון גאָט, און דער עמלק און דער כּנעני זענען דאָרט פאַר אייך.

און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו משהן, און זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג. נאָר משה און דער אָרון פון גאָט האָבן זיך ניט גערירט פון לאַגער.

און עס איז געווען ווי משה האָט געזאָגט: דער עמלק און דער כּנעני, וואָס

זענען געזעסן אויפֿן באַרג, האָבן אַראָפּגעגנידערט, און זיי האָבן צעשלאָגן און צעקלאַפּט די מחנות און זיי צוריקגעטריבן ביז צום אָרט חרמה.

איצט איז זיי קיין אַנדער ברירה ניט געבליבן ווי נאָר אויסצופֿירן יהוהס באַפֿעל און אַריינטרעטן צוריק אין דעם מוראדיקן לאַנגן מדבר, וואָס זיי האָבן ערשט פֿאַרלאָזט, צוריק צו די אַלע נויטן און אָפּקומענישן פֿון מדבר. אַ טרויער האָט אַרומגעכאַפּט די עדה. זיי זענען אויסגעזעסן — איינציקווייז און אין גרופּן — ביים איינגאַנג פֿון זייערע געצעלטן און האָבן געוויינט.

— וואָס וועט איצט זיין מיט אונדז? האָבן מיר צוליב דעם פֿאַרלאָזט מצריים, אַז אונדזער געביין זאָל זיך אַרומוואַלגערן אין די זאַמדן פֿון מדבר? וועלן מיר טאַקע שוין מער ניט אָנזען דאָס פּנים פֿון דער ערד? וועט אונדזער גומען שוין מער קיינמאָל ניט פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון גרינס, פֿון זאַלץ? וועלן אונדזערע ליפּן מער קיינמאָל ניט נאָגן די זיסקייט פֿון פֿייגן? וועלן אונדזערע הענט שוין מער קיינמאָל ניט פֿילן די וואָג פֿון אַ הענגל ווייַנטרויבן? וועלן מיר שוין אַזוי תּמיד מוזן אויסקומען מיטן שליימיקן מן, ווען די קעל לעכצט נאָך אַ טרונק פֿריש, קוועלעדיק וואַסער? תּמיד, תּמיד אַזוי, ביז מיר וועלן פֿאַלן אין מדבר, ווי עס פֿאַלט דער קעמל, דער אייזל, און אונדזערע ביינער וועלן זיך אַרומוואַלגערן אין זאַמד און איינטריקענען אין דער היץ פֿון דער זון?

משה האָט געהערט דאָס געוויין פֿון פֿאָלק. ער האָט פֿאַרנומען זייערע קרעכצן. ער האָט געזען זייערע פֿינצטערע אַראָפּגעלאָזטע פּנימער, די געלקייט פֿון זייער הויט, די טיף־איינגעזונקענע אויגן. דער צייכן פֿון דעם אימהדיקן פּסק־דין איז געווען אויסגעקריצט אויף זייערע שטערנס. אַלע, אַלע זענען זיי אָנגעצייכנט געווען צום טויט. וואָס נאָך האָט ער דען געקאָנט טון, אַחוץ בעטן צו יהוה?

משה איז געלעגן אויפֿן פּנים אין ווינקל פֿון זיין געצעלט. יהושע, וועלכער האָט געהיט דעם איינגאַנג פֿון געצעלט, האָט געהערט זיינע קרעכצן, זיין געוויין, זיין בעטן־זיך צו יהוהן:

— איך האָב דיך געפֿרעגט און געבעטן, דו זאָלסט מיר זאָגן: וואָס איז דער חסד, מיט וועלכן דו פֿירסט־אָן דיין וועלט? — און דו האָסט מיר געזאָגט, אַז עס איז דער חסד פֿון רחמנות און ליבע. און אָט־דעם חסד וועק איך אויף ביי דיר: אל רחום וחנון, קוק־אַראָפּ פֿון דיין הייך און זע ווי די קינדער פֿון דיינע פֿריינד האָבן חרטה אויף די זינד, וואָס זיי האָבן געטון זינדיקן. געדענק אין דעם ברית פֿון אַברהם און דערבאַרעם זיך איבער זיי. דיין פּחד האָט זיי צעטומלט, דיין שטראָף האָט זיי צעבראָכן. ווי אויסגעקלאַפּטע זאַנגען ליגן זיי, צעדריקט פֿון דיין גרימצאָרן. ריכט זיי אויף, גאָט פֿון רחמנות, און באַלייכט מיינע אויגן. לאָמיך זען דיין גערעכטיקייט. וואָרעם דיין גערעכטיקייט איז דאָס ליכט פֿון מיין וועג. זאָג מיר, וואָס האָב איך צו טון און ווי אַזוי זאָל איך זיך פֿירן? וואָרעם מיר אַלע זענען דערשראָקן פֿון דיין צאָרן און בלאָנדזשען אַרום ווי פֿאַרלוירענע שאָף.

און יהוה האָט געלאָזט זען דאָס ליכט פֿון זיין גערעכטיקייט.

ניין, ער וועט זיי ניט אָוועקפֿירן פֿון קדש־ברנע, — האָט זיך משה גע־טראַכט. — ער וועט ניט רירן דעם לאַגער פֿון אָרט. און אויך דער וואָלקן, וואָס רוט איבער דעם משכּן, הייבט זיך ניט אויף און באַוועגט זיך ניט. אַ סימן,

אַז יהוה וויל, אַז ער זאָל לאָזן די מחנה רוען אין קדש־ברנע. ווען אַפילו יהוה האָט אים באַפוילן, אַז צומאָרגנס זאָלן זיי ציען צוריק אין מדבר, צום וועג פון ים־סוף, האָט משה געטייטשט צ ו מ אָ ר ג נ ס — אין אַ צייט אַרום. ער האָט געוואָלט געווינען צייט נאָכצוקלערן, וואָס ער זאָל טון, אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פאַר דעם ווייטערדיקן וואַנדער־וועג אין מדבר. ער האָט וואויל געוואוסט, אַז דער דור פון יציאַת־מצריים איז פאַרפאַלן. ער וועט מוזן אויסשטאַרבן אין מדבר. יהוה האָט אַזוי געשוואוירן. ער אַליין האָט איצט איינגעזען דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט קאָנען איבערהיפּן דעם נאָמאַדישן צושטאַנד פון די בני־ישראל, אָדער איבעראַנדערשן אויפאַמאָל זייער שקלאַפן־נאַטור, וואָס עס איז דורכאויס נויטיק אויף צו מאַכן פון זיי קריגער און לאַנד־פאַרנעמער. ישראל וועט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, מוזן אַנטוויקלען זיך אין אַ פריי פאָלק ביסלעכווייז, בהדרגה. דער ריח פון די טעפּ פלייש פון מצריים וועט מוזן פריער זיך אויסוועפּן פון זייערע נאָזלעכער, עס וועט מוזן אויך פאַרגיין פון זייער גומען דער געשמאַק פון גרינסן, פון קנאָבל און ציבעלעס, און די מראה פון דער פעטער שליימיקער ערד, וואָס דער נילוס־טייך לאָזט איבער נאָך זיך, וועט מוזן צערינען אין זייער דמיון. זייערע לייבער, אויסגעגליט אין דער פייערדיקער זון פון מדבר, וועלן מוזן פאַרהאַרטעוועט ווערן ווי געהאַמערטער קופּער, דער בליק פון זייערע אויגן — שאַרף, פייערדיק, זייערע נאָזפליגלען אויפגעצוקט פאַרן געשמאַק פון וואַסער און פון גרינער פּאַשע פאַר זייערע סטאַדעס, ווי עס צוקן אויף די נאָזלעכער פון שאַקאַלן, וואָס דערשפּירן זייער רויב. וואָרעם זייער האָב־און־גוטס וועט מער ניט זיין דאָס לייב און די צייט פון שקלאַף, נאָר די סטאַדע פי און שאָף, וואָס זיי פירן פאַר זיך. ווי זייערע פּאָטערס, מוזן זיי פּאַסטוכער ווערן, נאָך די טריט פון זייערע שאָף נאָכגיין, זוכן פּאַשע אין מדבר, גראָבן ברונימער. און נאָר אַזוי אַרום וועלן זיי זיך גרייט מאַכן צו קעמפן מיט ציין און נעגל פאַר איטלעכן פּאַשע־פעלד וואָס זיי וועלן פאַרנעמען, פאַר איטלעכן ברונים, וואָס זיי וועלן אויסגראָבן.

ער ווייסט, אַז דאָס וועט געדויערן יאָרן. פאַר דער צייט וועט דער ערשטער דור, די יוצאי־מצריים, אויסשטאַרבן אין מדבר, בעת דער צווייטער דור וועט זיך גרייט מאַכן צו פאַרנעמען די לענדער, אַזוי ווי גאָט האָט געשוואוירן. און וואָס וועט זיין מיט אים אַליין? איז ער ניט איינער פון די יוצאי־מצריים? איז ער אַליין ניט פון דעם ערשטן דור?

ער ווערט פאַרציטערט פון דעם געדאַנק. ער קאָן ניט איבערלאָזן די בני־ישראל אויף אַן אַנדערנס הענט. ער מוז זיי זען אין זייער אייגן לאַנד. גאָט וועט רחמנות האָבן אויף אים און אים לאָזן אַזוי לאַנג לעבן, ביז דאָס ווערק פון גאָט וועט זיין פאַרענדיקט. און אפשר וועט יהוה זיך מרחם זיין, וועט די פערציק יאָר קירצן און צואיילן די בני־ישראל צו ווערן ראָוי און גרייט צו פאַרנעמען דאָס לאַנד פאַר דער צייט. ער וועט ניט אויפהערן בעטן צו יהוהן. ער באַמערקט שוין צווישן די יונגע פון די בני־ישראל אַן אַנדער גייסט, — אַ נטיה אויפצוציען זייערע אייגענע קליינע סטאַדעס. אין דעם שבט ראובן און אין דעם שבט דן איז קענטיק דער ווילן צו פּיטערן שאָף. זיי וועלן ליבערשט הונגערן, אויסגיין פון דער

תאווה נאָך פלייש, און זיך ניט פאַרגינען צו שעכטן איינס פון זייערע ציגעלעך. זיי היטן־אָפּ זייערע סטאַדעס מער ווי זייער אייגן לייב, און זיי קלאָגן זיך מער אויפן דאָרשט פון זייערע סטאַדעס ווי אויף זייער אייגענעם דאָרשט. יהוה עפנט־אויף די קוואַלן פון זייערע אָבות אין זייערע הערצער, ער באַנייט אין זיי די מידות פון פּאַסטוכער.

בכל־אופן וועט ער זיך מיען צו האַלטן זיך ביי די גרענעצן פון זייער לאַנד. ער וועט ניט צוריקפירן די בני־ישראל אין טיפן מוראדיקן מדבר, וואָס זיי זענען פון דאָרט נאָר וואָס געקומען. ער וועט זיי לאָזן פילן דעם געשמאַק פון די גרינסן, וואָס דער ווינט וועט ברענגען אַהער פון די באַאַרבעטע פעלדער פון דעם שכנות־דיקן מואָב. ער וועט זיך מיען ביסלעכוויז אַריינצודרינגען אין מדבר־פּאָרן — צו עציון־גבר, כּדי אויסצוקעמפן פאַר די שבטים פון ישראל פּאַשע־פעלדער אין נגב, אַז זיי זאָלן ווערן פון די וואַנדער־שבטים, וואָס וואַלגערן זיך אַרום נגב, ביי די גרענעצן פון אדום. ער וועט פּרוּאוון זוכן פריינדשאַפט און פאַרבינ־דונג מיט די משפּחהדיקע שטאַמען, מיט די בני־עשו, מיט די בני־לוט, מיט מואָב און עמון, וואָס זיצן ביי די גרענעצן פון צוגעזאָגטן לאַנד, — און מיט יהוהס הילף וועט ער פאַריאָגן די פרעמדע אַריינדרינגער, דעם עמלק און דעם כּנעני. ער וועט זיך אַזוי שלייכן מיט די שבטים פון ישראל איבער דעם מדבר, פון עציון־גבר ביז צו קדש־ברנע, ביז ער וועט אָנקומען צו די גרענעצן פון אייגענעם לאַנד. אפשר וועט יהוה זיך מרחם זיין און לאָזן זיי פאַרנעמען זייער לאַנד איידער עס וועלן פאַרבייגיין די פערציק יאָר פון זייער באַשטראָפונג.

## 18

אָבער אויך אַנדערע, אַחוץ משהן, האָבן איינגעזען די פאַרלוירנקייט, די צעטומלטקייט אין דער מחנה פון די בני־ישראל, און זיי האָבן געפונען אין דעם אַ שעת־הכּושר אויף אויסצופירן זייער לאַנג־געפּלאַנטע מרידה קעגן משהן און אהרנען פאַר דער פירערשאַפט איבער ישראל.

קורח, משהס אַלטער פיינט נאָך פון מצרים, האָט אויך געהאַט די אַמביציע צו באַטרעטן דעם אַמט פון כּהן־גדול, וואָס פאַלט־צו דעם שבט לוי, פון וועלכן ער איז עלטסטער און אָנפירער. אַזוי ווי אהרן, האָט ער זיך אויך געהאַט פאַרגע־ברייט פאַר דער כּהונה, און ניט געקוקט אויף זיין קעגנערשאַפט צו משהן, האָט ער דאָך גערעכנט זיך, אַז משה וועט אים באַשטימען אויפן אַמט פון כּהן־גדול: איז זיין משפּחה ניט די ערשטע מיט דער משפּחה פון זיין פעטער עמרם — אין דעם שבט לוי? נאָך דער מעשה־עגל האָט ער גערעכנט, אַז דאָ איז געקומען די צייט זיין אַמביציע צו דערגרייכן. ווען משה האָט אָבער ניט געענדערט די שטעל פון

כהן־גדול און איבערגעלאָזט אהרנען אויף זיין אָרט, איז צו קורחס כּעס ניט געווען קיין שיעור. איז ניט דער כּהן־גדול דער פאָרטרעטער און דער פאַרטיידיקער פון זיין פאָלק פאַר דער גאָטהייט ? מוז ניט דער כּהן־גדול נעמען אויף זיך די זינד פון פאָלק און זיין דער מליץ־יושר פון פאָלק פאַר דער גאָטהייט אין צייט פון אַ סכּנה ? ער האָט דערפאַר געטענהט, אַז ניט נאָר איז אהרן ניט קיין מליץ־יושר פאַר די בני־ישראל, נאָר דער שולדיקער פאַר יהוהס כּעס און צאָרן.

— ווי אַזוי קאָן אהרן נעמען אויף זיך די זינד פון די בני־ישראל און בעטן אויף אַ מחילה ביי יהוהן, אַז ער אַליין איז זינדיק, אַז ער אַליין האָט געמאַכט דעם עגל און צוגערעדט די בני־ישראל צו בוקן זיך צו אים ? — האָט קורח געטענהט פאַר די בני־ישראל.

אויך דתן און אבירם פון שבט ראובן, אינאיינעם מיט און בן־פלת, פון דעמ־זעלבן שבט, האָבן געהאַט זייערע טענות צו משהן און געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף אים, — ניט נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט זיי גופא באַוועלהט אין דער פירער־שאַפט, נאָר זיי האָבן, דער עיקר, זיך אָנגענומען די קריוודע פון זייער גאַנצן שבט.

קורח איז אָבער צו־קלוג געווען, אַז ער זאָל אויפהויבן אַ מרידה קעגן יהוהן. זיין כּוונה איז געווען אויפצוהויבן די מרידה קעגן משהן — אין נאָמען און מיט דער הילף פון יהוהן. אַ צייט לאַנג האָט ער, ווי די אַנדערע, פאַרדריקט די עוולה אין זיך און געשוויגן. אדרבה, זיי האָבן זיך געוויזן פאַר משהס געטרייסטע געהילפן, שטענדיק גרייט אים צו דינען. איצט אָבער, נאָך דער קאַטאַסטראָפע מיט די מרגלים, איז זייער צייט געקומען. משהס און אהרנס פירערשאַפט האָט געפעלט. זיי, ניט די בני־ישראל, זענען די שולדיקע פאַר יהוהס שטראָף, פאַר זיין אָפּלייגן די דערפילונג פון דער הבטחה אויף אַ גאַנצן דור. יהוהס חסד האָט זיך אָפּגעטון פון משהן ; יהוה האָט אים פאַרלאָזט. און וואָס איז שייך אהרנען, וועט דער צייכן פון דער זינד פון עגל זיך אַמאָל אָפּטון פון אים ?

— אַמאָל האָבן מיר באַדאַרפט פאַרטיידיקן דאָס פאָלק קעגן אַ פרעמדן הערשער, קעגן פּרעהן און קעגן פרעמדע שקלאַפן־אָנטרייבער ; היינט מוזן מיר פאַרטיידיקן די בני־ישראל קעגן זייער אייגענעם הערשער און די אָנטרייבער פון זייער אייגענעם פאָלק, — האָט קורח געזאָגט צו די בני־לוי.

— וועמען מיינסטו, קורח ?

— וועמען זאָל איך מיינען, אויב ניט דעם הערשער משהן. קומט און זעט, וואָס ער טוט. וועמען שיקט זיך אָפּצוגעבן תּרומות און מעשׂרות ? וועמען געהערן די בכּורים פון ישׂראל ? אַן איינציקער משפּחה, אָדער אַ גאַנצן שבט ? יהוה האָט אונדז, די בני־לוי, געמאַכט פאַר זיין בכור — און אונדז געהערן די מעשׂרות און דער אָפּצאָל פון די בכּורים. וואָרעם קיין אַנדער נחלה האָט אונדז יהוה ניט געגעבן. קומט משה און נעמט אַוועק, וואָס געהערט צו אונדז, און גיט עס אַוועק איין משפּחה, אהרנס משפּחה, אַ באַלוינונג אַוודאי פאַר דער מעשׂה־עגל.

— משה האָט באַפוילן אַהרנען, ער זאָל טיילן די מעשׂרות מיט די לויים. די כּהנים דאַרפן זיין נאָר די אויפזעערס איבער די מעשׂרות, די אויפמאָנערס, — האָט ווער פון די בני־לוי אָפּגעענטפערט.

— די בהמה, וואָס שטייט ביי דער קאַרעטע, — זי עסט. די אַנדערע זענען מעלה־גירה. פאַר קנעכט און באַדינער האָט ער אונדז געמאַכט צו די כהנים, און ווי קנעכט און באַדינער וועלן מיר זיין צו אהרנען און זיינע קינדער.

און צום פאָלק איז ער געגאַנגען. אַריינגעקראָכן אין די געצעלטן. נאָכגעקוקט די קליינע סטאַדעס ביים פאָלק. און קוים האָט ער געזען אַ מוטער טראָגן אויף די הענט איר ניי־געבוירן עופעלע, האָט ער זי געפרעגט:

— האָסטו שוין אָפּגעצאָלט אהרנען פאַר דיין בכור מיט דעם לעצטן קלייד דיינעם, מיט דעם לעצטן שטיקל זילבער, וואָס דו האָסט באַהאַלטן פאַר אַ שעת־הדחק? אין מצרים האָט ביי אונדז פרעה צוגענומען די קינדער, דאָ נעמען ביי אונדז משה און אהרן צו דעם לעצטן ביסן פאַר אונדזערע קינדער־בכורים.

— האָט אים ניט יהוה אַזוי געהייסן? האָט משה ניט געזאָגט, אַז ער האָט אַ באַפעל אַזעלכן פון יהוהן, כדי די כהנים זאָלן האָבן זייער חיונה?

— די כהנים און די לווים? משהן און אהרנען מיינסטו? דערווייל איז דאָ נאָר איין משפחה כהנים. און מיינסטו טאַקע, אַז יהוה וויל, אַז דו זאָלסט נעמען דיין איינציק ציגעלע, וואָס ער האָט דיר געגעבן, אַז דו זאָלסט פון דעם אויפציען אַן אייגענע סטאַדע, און עס אַוועקגעבן ווי אָפּצאָל פאַר דיין קינד אָדער פאַר דיין רינד? ניין. יהוה איז אַ גוטער, און ער ווייסט פון דיין נויט און באַדערפעניש. ער וויל, אַז דו זאָלסט האַלטן דיין ערשט־געבוירן ציגעלע, כדי דו זאָלסט פון דעם אויפציען אַ סטאַדע ציגעלעך. ער וויל אויך ניט, אַז דו זאָלסט ברענגען דיין לעצט שעפל פאַר אַ קרבן צו אים. און ער וויל אַוודאי ניט, אַז דו זאָלסט אָפּגעבן אַ צענט־חלק פון דיין האַרעוואַניע און פראַצע דעם כהן. דאָס האָט משה אויסגע־טראַכט, כדי צו באַרייכערן זיין אייגענע משפחה. עס איז פונקט אַזוי ווי עס איז געווען אין מצרים. אויך אין מצרים האָבן די שוטרים געזאָגט, אַז פרעה וויל אַזוי. ניט פרעה האָט אייך געוואָלט פאַרפייניקן מיט דער אַרבעט אין מצרים, און ניט יהוה וויל אייך באַרויבן און באַגזלען. סיי דאָרט, סיי דאָ זענען עס די משרתים, די שוטרים. איר קענט מיך נאָך פון מצרים, איר ווייסט, ווער איך בין. אין מצרים האָב איך אייך געמוזט באַשיצן פון פרעהס שוטרים און דאָ — פון יהוהס נוגשים.

נאָך ראַנגלט זיך משה אַרויסצוקריגן זיך פון דער פינצערניש, וואָס איז געפאַלן איבער אים פון יהוהס שטראָף; נאָך טוט ער זיך אָן אַ כוח זיך אָנצוהאַלטן אָן דעם שטראַל האָפענונג, וואָס יהוה האָט אים צוגעוואָרפן אין דער נאַכט פון צער און פאַרצווייפלונג, — ערשט יהושע לאָזט אים וויסן מיט אַ באַזאָרגטן, פינצטערן פנים, אַז די פירשטן פון דער עדה, די אָנגעזעענסטע לייט, מיט קורחן און דתן און אבירם בראש, שטייען ביים איינגאַנג פון זיין געצעלט און ווילן זיך אויפריידן מיט אים.

ווען משה איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי, האָט ער דערזען, אַז מיט קורחן און דתן און אבירם און און בן־פלת זענען געווען ניט נאָר די פירשטן פון דער עדה, נאָר פיל פון זיינע עצה־געבער און אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק. די בני־לוי שטייען

באַזונדער הינטער זיי, נאָר אין זייער האַלטונג און באַנעמונג קאָן מען דאָך זען, אַז זיי זענען אַלע געקומען אין איין עדה.

עס פירט דאָס וואָרט, ווי תמיד, קורח. דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ שיינענדיק ביי אים ווי אויסגעקלאָפּטער בלעך, דאָס פּנים נאַקעט, אָן ברעמען, גראָע, טיף־געזעצטע אויגן, מיט אַ הערשער־שטאָק אין האַנט, — זעט ער אויס ווי אַ מצרישער כהן־גדול. ער ווענדט זיך צו משהן:

— מיר זענען געקומען צו דיר, בן־עמרם, דו זאָלסט אונדז זאָגן ווי דו האָסט בדעה צו פירן דאָס פאָלק פון דאַנען. דאָס פאָלק איז פאַרלוירן און דערשראָקן, עס ווייסט ניט מער פון אויס און איין. און מיר זענען זיינע פאָרטרעטערס און וואָרט־זאָגערס, און מיר ווילן וויסן, וואָס דו האָסט בדעה צו טון מיט דעם פאָלק, — איצט, נאָכדעם ווי יהוה האָט אָפּגעשלאָסן פון דיר דעם איינגאַנג פון דעם דאָזיקן לאַנד.

משה האָט אים אָנגעקוקט. זיין פּנים איז טרויעריק געוואָרן און געפאַלן איבער דער נייער צרה, וואָס ער האָט דערקענט, און ער ענטפערט אים צו דער זאַך:

— ניט איך פיר דאָס פאָלק, נאָר יהוה פירט זיי, בן־יצהר, און וואוהין די זייל פון גאָט וועט גיין, אַהין וועלן מיר נאָכגיין. און ווער זענען מיר, אַז מיר זאָלן זאָגן יהוהן, וואוהין ער זאָל אונדז פירן?

— נאָך יהוהן וועלן מיר גיין, אָבער ניט נאָך דיר און ניט נאָך דיין ברודער אהרן. יהוה איז ניט מער מיט עמרמס זין. זינדיקן האָט איר געזינדיקט פאַר גאָט.

— דאָס וועט יהוה באַשטימען, ניט קיין בשר־ודם. און איר, בני־לוי, איז ווינציק דאָס ווידערשפעניקן אָן יהוהן, וואָס דאָס פאָלק האָט ווידערגעשפעניקט ביז איצט און וואָס איבער דעם ווערן מיר געשטראָפט, ווילט איר נאָך מער דער־צערענען יהוהן מיט נייע זינד און מרידות, — איר, פירער פון דער עדה, און איר, בני־לוי, וואָס גאָט האָט אייך אויסגעווײלט פון גאַנצן הויז פון ישראל?

— ניט מיר ווידערשפעניקן אָן יהוהן און ניט איבער די זינד פון פאָלק שטראָפט אונדז יהוה. ער שטראָפט אונדז איבער די זינד פון דיין ברודער אהרן. דעם כהן פון דער עבודה־זרה פון עגל האָסטו געמאַכט פאַר אַ כהן פון יהוהן. ער קאָן ניט טראָגן די זינד פון פאָלק פאַר יהוהן. זיין גאָב און זיין אָפּער נעמט יהוה ניט אָן. דאָס האָט ער געבראַכט דעם צאָרן פון גאָט — און דאָס גאַנצע פאָלק ליידט פאַר דעם.

— איבער די זינד פון עגל האָט עס יהוה פאַרשלאָסן פאַר אונדז דעם איינ־גאַנג פון דעם לאַנד, ניט איבער די אומשולדיקע מרגלים. נעם־אַוועק די כהונה פון דיין ברודער, און יהוה וועט ווענדן זיין פּנים צו אונדז.

— פאַרוואָס האָט ער ניט געטייט זיין אייגענעם ברודער, ווי ער האָט געטייט דריי טויזנט פון דעם אומשולדיקן פאָלק? נאָך אַלעמען, האָט דאָך אהרן געמאַכט דעם עגל פאַר זיי.

— ניין, ער האָט אים נאָך באַלוינט דערפאַר, אַוועקגעגעבן אים און זיינע זין דעם מעשר פון אַלע תבואות און פּירות, די ערשט־געבוירענע פון דער בהמה און

אויסלייז־געלט פאַר קינדער־בכורים. האָט דיר גאָט געהייסן, אַז דו זאָלסט נאָך באַלוינען דיין ברודער פאַר זיין זינד?

אָבער קורח האָט מיט אַ באַפּעלערישן פּאַכע מיטן שטעקן איינגעשטילט די אויפגערעגטע עדה, און ער האָט זיך אָנגערופן אין זיין געוויינטלעך קאַלטן און רואיקן טאָן:

— דאָס גאַנצע פאָלק איז הייליק, און צווישן דעם פאָלק געפינט זיך יהוה. פאַרוואָס דערהייבט איר זיך איבערן פאָלק? זיך אַליין האָסטו געמאַכט פאַר אַ קיניג איבער אונדז, און דו ביסט זיך מיט קיינעם ניט מיישב; דיין ברודער האָסטו געמאַכט פאַר דעם כהן־גדול. האָסט צעטיילט די נחלה פון גאָט צווישן דיינע אייגענע. האָסטו ניט אַנומלט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז אַ פאָלק פון כהנים און אַז איטלעכער קאָן אַליין ברענגען זיין קרבן פאַר יהוהן? צו וואָס האָסטו געמאַכט דיין ברודער פאַרן כהן־גדול און זיינע זין פאַר כהנים און געהייסן דעם פאָלק זיי אָוועקצוגעבן זיין מי און פראַצע?

ווען משה האָט דאָס אויסגעהערט, אַזוי איז ער געפאַלן אויפן פּנים און האָט זיך געבעטן ביי זיי:

— קינדער פון די לויים, אויסדערוויילטע פון דער גאַנצער עדה, וואָס טוט איר? באַדענקט זיך איבער דער נייער זינד, וואָס איר טוט זינדיקן מיט אייער ווידערשפּעניקייט. איך האָב ניט געטון קיין זאַך פון מיר אַליין. אַלצדינג, וואָס איך האָב געטון, האָט עס מיר גאָט געהייסן. גאָט האָט מיר געהייסן הייליקן אהרנען און זיינע קינדער פאַר דער כהונה, און נאָר אהרן אַליין און אַלע, וואָס קומען אַרויס פון אים, קאָנען גענענען צו גאָט, — און ניט קיין פרעמדער. און אָט קאָנט איר אַליין קלאָר ווערן אין דעם. גייט אַהיים. אינדערפרי וועט גאָט לאָזן וויסן, וועמען ער האָט באַשטימט און וועמען ער האָט געהייליקט. יאָ, דעם, וועמען ער וועט אויסדערוויילן, וועט ער מאַכן גענענען צו זיך. דאָס זאָלט איר טון: נעמט אייך פייערפאַנען, קורח און זיין גאַנצע עדה, און לייגט אַריין אין זיי פייער. און טוט אויף זיי אַרויף ווייערעך פאַר גאָט — מאָרגן. און עס וועט זיין, דער מאַן, וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן, ער איז דער הייליקער. גענוג אייך, קינדער פון לוי! — און ער האָט זיך געווענדט צו קורחן און צו אים געזאָגט: — הערט־צו, קינדער פון לוי. איז ווינציק אייך, וואָס דער גאָט פון ישראל האָט אייך אָפּגעשיידט פון צווישן דער עדה פון אַלע קינדער פון ישראל אייך צו מאַכן גענענען צו זיך, צו דינען דעם דינסט פון משכן און צו שטיין פאַר דער עדה און זי באַדינען, אַז איר זאָלט אויך פאַרלאַנגען די כהונה? פאַרוואָר, דו מיט דיין גאַנצער עדה, וואָס דו האָסט איינגעזאַמלט, אַנטקעגן גאָט זענט איר איינגעזאַמלט. וואָרעם וואָס איז אהרן, אַז איר זאָלט מורמלען אַנטקעגן אים? רודערט ניט אויף די מחנה און דערוועקט ניט דעם צאָרן פון יהוהן. מיר זענען גענוג געשטראָפט. מאָרגן וועלן מיר זען, צי דאָס, וואָס איך האָב געטון, איז פון יהוהן אָדער ניט.

און משה איז צוריקגעגאַנגען אין זיין געצעלט און איבערגעלאָזט קורחן און זיין עדה אינדרויסן.

אָבער זיי זענען זיך ניט פונאַנדערגעגאַנגען. פאַרקערט, זיי האָבן געדופן צום

פאָלק און אויסגערעדט אויף משהן און אהרנען און פאַרשפּרייט רכילות אין די אויערן פון פאָלק.

משהן איז געגאַנגען זייער אין דעם, אַז ער זאָל איינצאַמען דאָס פייער איידער עס צעפלאַקערט זיך. איצט, באַלד נאָך דער מעשה מיט די מרגלים, האָט ער זיך נאָך מער געשראָקן פאַרן צאָרן פון יהוהן, מורא געהאַט, אַז יהוה זאָל ניט אינגאַנצן פאַרוואַרפן די בני־ישראל. ער האָט געקלערט ווי אַזוי איינצושרענקען אין איין פלאַץ די מרידה, וואָס קורח פּרוּווט אויפהויבן, און פאַרמינערן די זאַך צו אַ משפּחה־מחלוקה צווישן די בני־לוי. ער האָט געוואָלט אָפּטרייסן די איבעריקע שבטים פון קורחס מרידה. עס זענען אים געקומען אויפן געדאַנק דתן און אבירם, וואָס ער האָט זיי געזען צווישן קורחס עדה. ער האָט געהאַלטן, אַז די שוטרים־זקנים זענען אויפריכטיקער פון קורחן און נעמען זיך טאַקע אויף אַן אמתן צום האַרצן דעם צער פון פאָלק. זיי זענען פון די זקנים, וואָס זענען זייער אָנגעזען ביים פאָלק, און ער דאַרף איצט נאָך מער ווי פריער זייער הילף אין איינ־האַלטן און איינגעמען דאָס פאָלק. ווי תמיד, האָט ער אויך איצט פאַרבויגן זיין אייגענעם כבוד און געשיקט שליחים צו זיי, — יהושען בן־נון, כלב בן־יפונה און אַנדערע פון זיינע נאָענטע, — צו זאָגן, אַז ער בעט זיי קומען צו אים אין געצעלט אַריין, ער וויל זיך אויפריידן מיט זיי און זיך מיישב זיין, וואָס עס איז צו טון; צו זיי האָט ער צוטרוי, — זיי טוען די זאַך ניט אויס קנאה, ווי קורח, נאָר מחמת זיי ווייסן ניט דעם אמתן מעמד: דאָס איז דער פּסק־דין פון יהוהן; אפשר וועט מען קאָנען אָפּווענדן די גזירה מיט תפילה און תשובה, מען וועט אָבער באַין־אופן ניט קאָנען שטילן דעם צאָרן פון יהוהן מיט מער ווידערשפּעניקייט און מער מורמלען אַנטקעגן אים.

יהושע בן־נון און כלב בן־יפונה האָבן געבראַכט משהס רייד צו דתן און אבירם. זיי האָבן אָפּגעענטפערט אָפן און הויך, אַז די גאַנצע עדה זאָל זיי הערן:

— ניין, מיר וועלן ניט אַרויפקומען. ווינציק וואָס דו, משה, האָסט אונדז אַרויסגענומען פון אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אונדז צו טויטן אין דעם מדבר, ווילסטו נאָך הערשן איבער אונדז? אין קיין לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, האָסטו אונדז ניט געבראַכט, קיין נחלה פון פעלד און ווייגאָרטן האָסטו אונדז ניט געגעבן. ווילסטו די דאָזיקע מענטשן די אויגן פאַרשטעכן? מיר ווילן ניט אַרויפקומען צו דיר!

און זיי האָבן גענומען זאַמד און געשאָטן אין דער לופטן און גערופן צום פאָלק:

— זעט, זעט, נאָר אָפּגענאַרט האָט אונדז משה!

די ווערטער פון דתן און אבירם האָבן משהן מער צער פאַרשאַפט ווי דאָס גאַנצע מורמלען און רכילות־טרייבן פון קורחן און זיין עדה. דאָס זענען געווען די ווערטער פון פאָלק; נאָך מער, עס איז געלעגן אין זיי אַ גרויס שטיק אמת. קורחס טענות קאָן ער גרינג פאַרענטפערן: גאָט האָט אים אַזוי באַפוילן; אָבער דתן און אבירמס רייד זענען אַ באַשולדיקונג קעגן דער פירערשאַפט. עס איז די שולד פון פירער, ווען ער קאָן ניט אויספירן זיין שליחות, אָפּגעזען פון אַלע מעגלעכע סיבות

און שטערונגען. דער פירער, וואָס פירט ניט אויס זיין שליחות און איז ניט מקיים זיין הבטחה, איז אַן אָפּנאַרער. אַזוי זעט אים דאָס פאָלק. דאָס פאָלק ווייסט ניט פון קיין סיבות. דאָס פאָלק משפט נאָר נאָך דעם אויסגאַנג פון דער זאַך און אַנערקענט נאָר דעם פירער, וואָס איז מצליח.

ער האָט געבראַכט די בני־ישראל צו די טויערן פון זייער לאַנד, ווי אַ געווינערין צו איר בראַכשטול, — און געווינען האָט זי ניט געוואונען. עס זענען געווען דונערן און בליצן, נאָר קיין רעגן איז ניט געקומען.

און אויב ער האָט ניט געקאָנט ברענגען די בני־ישראל אין זייער צוגעזאָגט לאַנד, זענען ניט נאָר די הבטחות זיינע פאַלש, נאָר אַלצדינג, וואָס ער האָט געזאָגט און גערעדט אין נאָמען פון יהוהן, איז פאַלש אין די אויגן פון פאָלק. זיין גאַנצע תּורה, וואָס ער האָט געלערנט מיט די בני־ישראל, איז פאַלש און אויסגעטראַכט פון זיין האַרץ. זיי וואַרפן אַ שאָטן פון ספק ניט נאָר אויף אים אַליין, נאָר אויך אויף יהוהן און אויף דעם באַרג סיני. זיי גראָבן אונטער די גאַנצע אַרבעט, וואָס איז געטון געוואָרן ביז איצט צו מאַכן אויס די בני־ישראל דעם עם־סגולה, וואָס יהוה וויל אויס זיי מאַכן, — און אינאיינעם מיט ישראל, קאָן פאַרלוירן גיין די גאַנצע האָפענונג פאַרן מין מענטש, זיין קלאַמערן־זיך אָן גאָט, — אַלץ קאָן פאַלן און גיין לאיבוד.

ניין, דאָס טאָר ניט געשען.

„אַן אות מוז געשען, אַן אות פאַר גאַנץ ישראל, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געלערנט, געזאָגט און געטון, איז געווען על־פּי הדיבור. יהוה אַליין מוז זיך באַווייזן און באַשטעטיקן דורך אַ טואונג פאַר אַלע בני־ישראל, אַז ער האָט מיר געהייסן באַשטימען און הייליקן מיין ברודער אהרן פאַר דער כּהונה. איך האָב עס ניט געטון אומגעהייסן".

און משה האָט גערופן צו יהוהן:

„קום און באַשטעטיק פאַר דער עדה־ישראל, אַז דו ביסט אמת און דיין תּורה איז אמת. ווייל דיין פאָלק איז אין ענגשאַפט. דו האָסט זיי געצייכנט מיטן צייכן פון טויט, זענען זיי גרייט צו גלויבן קורחן און זיין עדה. דו זאָלסט זיך ניט קערן צו זייער אָפּער. קיין איינציקן אייזל האָב איך ניט גענומען פון זיי און קיין איינציקן פון זיי האָב איך קיין שלעכטס ניט געטון. איך האָב נאָר געטון דאָס, וואָס דו האָסט מיר באַפוילן".

צומאָרגנס איז קורח געקומען מיט זיין עדה, און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך צוויי הונדערט און פופציק פייערפאַנען. זיי האָבן אַרויפגעטון אויף זיי פייער און ווייראַך און האָבן זיך געשטעלט ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד. און אַ גרויסע עדה פון פאָלק איז געקומען מיט זיי און געשטעלט זיך מיט זיי צו זען, מיט וועמען יהוה וועט זיין. וואָרעם אויך משה און אהרן זענען געקומען און האָבן זיך געשטעלט ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד.

משה האָט ניט געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ טויט יהוה וועט שטראָפן קורחן מיט זיין עדה. ער האָט געמיינט, אַז אַ פייער וועט אַרויסגיין פון מזבח און פאַרברענען קורחן, אַזוי ווי דאָס פייער פון מזבח האָט פאַרברענט אהרנס צוויי עלטסטע זין,

נדב און אביהוא, ווען זיי האָבן געבראַכט פרעמד פייער אין משכן אַריין. אָבער קיין פייער איז ניט געקומען ניט פון משכן אַרויס, ניט פון הימל, און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום קורחן האָט געזען ווי קורח און זיינע לייט דעמפן ווייִרעך אויף זייערע פייער־פאַנען, אַזוי ווי אהרן, — און עס טרעפט זיי גאָרנישט.

נאָך שטייען משה און אַהרן פאַרוואונדערט און אויך דערשראָקן פאַרן גאַנצן פאָלק, וואָס איז אַרויסגעקומען מיט קורחן, ערשט די פראַכט פון יהוהן באַווייזט זיך פאַר דער גאַנצער עדה, און דאָס קול פון יהוהן רעדט צו משהן און צו אהרנען:

— שיידט זיך אָפּ פון דער דאָזיקער עדה. שטייט ניט מיט זיי, וואָרעם איך וועל זיי פאַרלענדן אין אַ רגע.

משה האָט געזען, אַז די גאַנצע עדה, וואָס איז געקומען בייצוזיין דעם צייכן פון יהוהן, איז אין סכנה אונטערצוגיין מיט זיי, האָט ער זיך געוואָרפן פאַר יהוהן און געבעטן צו אים:

— גאָט פון די גייסטער פון אַלע דיינע באַשעפעניש, איין מענטש האָט געזינדיקט און אויף דער גאַנצער עדה זאָלסטו אויסגיסן דיין צאָרן?

האָט אים גאָט געזאָגט, וואָס ער האָט צו טון. אָבער ניט קורח און ניט זיין עדה האָבן געהערט די וואָרנונג, וואָס גאָט האָט איבערגעגעבן משהן און אהרנען, און זיי האָבן געקאָנט אָפּגיין מיט טריאומף צוריק צו זייערע געצעלטן — מיט דעם קלאָרן אויפווייז פאַר דער גאַנצער עדה, אַז ער, קורח, האָט רעכט: אויך זיי האָבן גערויכערט ווייִרעך פאַר יהוהן, און עס איז זיי גאָרנישט געשען. משהס צייכן, וואָס ער האָט זיי געגעבן, איז אַדורכגעפאַלן פאַר די אויגן פון דער עדה.

קורח, כאָטש אַ לוי, האָט געהאַט זיין געצעלט לעבן די געצעלטן פון דתן און אבירם. איצט שטייען זיי אַלע ביים איינגאַנג פון זייערע געצעלטן און קלערן־אויף דאָס פאָלק, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, אַז אויך זייער אָפּער און גאָב האָט גאָט אויפגענומען, און דער צאָרן פון גאָט האָט, דעריבער, זיך אויסגעגאָסן אויפן גאַנצן פאָלק נאָר דערפאַר, ווייל משה האָט געשטעלט אויף זיך און אַליין דער־הויבן זיין ברודער צו דער כהונה.

נאָך האַלטן זיי אין אויפרודערן די געמיטער פון די פאַרביטערטע בני־ישראל קעגן משהן און אהרנען, ערשט משה און אהרן באַווייזן זיך, אַרומגערינגלט מיט פיל פון די שבעים זקנים, וואָס ער האָט געקאָנט איינזאַמלען אין דער מחנה פון ישראל. קורחס לייט האַלטן דערוויל אין איין שיטן זאַמד אין דער לופטן פאַרן פאָלק, ווי אַן אָנווייז דערויף, אַז ווי דאָס זאַמד פאַלט אין אַ שטויב־וואָלקן און פאַרשטעלט מענטשן די אויגן, אַזוי פאַרשטעלט און פאַרפינצטערט משה די אויגן. משה האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן די געצעלטן פון דתן און אבירם און גערופן צום פאָלק:

— טרעט־אָפּ, איך בעט אייך, פון די געצעלטן פון די דאָזיקע שלעכטע מענטשן. איר זאָלט זיך ניט אָנרירן אָן קיין זאַך, וואָס געהערט צו זיי, כּדי איר זאָלט ניט אומקומען דורך זייערע זינד.

דאָס ביישטייענדיקע פאָלק האָט זיך דערשראָקן פאַר משהס וואָרנונג, און זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פון די געצעלטן פון קורח, דתן און אבירם.

דתן און אבירם זענען אָבער אַרויסגעקומען פון זייערע געצעלטן, — און ניט

נאָר זיי, נאָר זיי האָבן מיטגעבראַכט זייערע ווייבער און זייערע זין און זייערע קליינע קינדער, און זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן קורחס געצעלט, אינאיינעם מיט קורחס לייט, צו ווייזן, אַז זיי זענען מיט קורחן אין איין דעה און שרעקן זיך ניט פֿאַר משהס וואָרנונג.

און משה האָט זיך אָנגערופֿן צום פֿאָלק אַרום, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעשיידט פֿון קורחס עדה:

— דורך דעם וועט איר וויסן, אַז יהוה האָט מיך געשיקט צו טון די דאָזיקע אַלע מעשים און אַז ניט פֿון מיין האַרץ האָב איך זיי אויסגעטראַכט. אויב אַזוי ווי אַלע מענטשן שטאַרבן, וועלן די דאָזיקע לייט שטאַרבן און די באַשערונג פֿון אַלע מענטשן וועט זיי באַשערט זיין, האָט מיך גאָט ניט געשיקט; אויב אָבער אַ באַשאַפֿונג וועט גאָט באַשאַפֿן און די ערד וועט אויפֿעפֿענען איר מויל און וועט איינשלינגען זיי און אַלץ, וואָס איז זייערס, און זיי וועלן אַראָפּנידערן לעבעדיקער־הייט אין אונטערערד, וועט איר וויסן, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט מיך געלעסטערט, נאָר זיי האָבן געלעסטערט גאָט.

און עס איז געווען ווי משה האָט געענדיקט רעדן די דאָזיקע ווערטער, אַזוי האָט זיך די ערד געשפּאָלטן אונטער זיי, און די ערד האָט אויפֿגעעפֿנט איר מויל און האָט זיי איינגעשלונגען, — זיי און זייערע וואוינונגען און אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעקערט מיט קורחן, און זייער גאַנץ פֿאַרמעג. און זיי און אַלץ, וואָס איז זייערס, האָבן אַראָפּגענידערט לעבעדיקערהייט אין אונטערערד — און די ערד האָט זיי צוגעדעקט. גאַנץ ישראל, וואָס רונד אַרום זיי, איז אַנטלאָפֿן פֿון זייערע קולות, וואָרעם זיי האָבן געזאָגט: „די ערד וועט אונדז איינשלינגען".

# 19

מיטן טויט פֿון די רכילות־טרייבערס האָט דער ענין קורח זיך נאָך ניט איינגעשטילט. מען קאָן ניט איינשטילן אַ מחלוקה מיטן טויט פֿון דעם בעל־המחלוקה. דער סם פֿון לעסטערונג, וואָס דתן און אבירם האָבן אַריינגעגעבן אין די בני־ישראל, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פֿונאַנדערגיין נאָך זייער טויט. עס האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס קיינער פֿון קורחס לייט, וועלכע האָבן זיך דערוועגט אַריינצוגיין אין אוהל־מועד, דאָס הייסט, אין משכן, מיט זייערע רויכערדיקע פֿאַנען, איז ניט לעבן געבליבן. די וואָס האָבן זיך ניט געפֿונען אַרום די געצעלטן פֿון דתן און אבירם און זענען ניט איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד, זענען אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופֿן פֿאַרברענט געוואָרן, לויט דער שטראָף, וועלכע מיידט ניט אויס די פֿאַרשוועכער פֿון דער הייליקייט. צווישן קורחס עדה האָבן זיך געפֿונען די אָנגעזעענסטע לייט פֿון די שבטים. פֿיל פֿון די בני־לוי, וואָס זענען מיטגעגאַנגען

מיט קורחן, זענען אַליין געווען פון די טרעגערס פון משכן, וואָס זענען פאַררעכנט געווען פאַר דינערס פון משכן, אַזוי ווי אהרן און די כּהנים. און צווישן די לייט פון דתן און אבירם האָבן זיך געפונען פאַרשטייערס פון די שוטרים, וואָס די בני־ישראל האָבן זיי נאָך געקענט פון מצריים. און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן מורמלען אויף משהן און אהרנען, אַז זיי, און ניט יהוה, האָבן דורך אַ פּישוף געטייט „דאָס פאָלק פון גאָט" דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען די פריינד פון פאָלק און האָבן נאָר געמיינט דעם פאָלקס טובה.

די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די בני־ישראל, ווען זיי האָבן געהערט זייער פסק־דין, אַז משה וועט זיי אַרומשלעפּן אין מדבר פערציק יאָר, ביז זיי אַלע וועלן אויסשטאַרבן און פאַרשאָטן ווערן אין די זאַמדשטורעמס, און ערשט זייערע קינדער וועלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין, — די פאַרצווייפלונג און די פאַרביטערונג זייערע איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי זענען געווען גרייט אויף אַלץ. קיין זאַך האָט זיי מער ניט אָפּגעשראָקן, אַפילו ניט די מוראדיקע שטראָף, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף קורחן און זיין עדה. קורחס איינזינקען אין דער ערד האָט נאָר שטאַרקער צעפלאַמט זייער צאָרן קעגן משהן און אהרנען.

— וואָס האָט ער געטון אַזוינס, קורח? און פאַר וואָס קומט אַזאַ האַרבע שטראָף דתן און אבירם און אַלע אונדזערע פירער פון מצריים? נאָר פאַר אונדז, פאַר אונדז האָבן זיי זיך אָנגענומען, פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט האָבן זיי געמאָנט רעכענונג פון משהן און אהרנען! אין נאָמען פון יהוהן האָבן זיי, משה און אהרן, אונדז צוגעזאָגט צו ברענגען אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיר וועלן גאָר אויסגיין אין מדבר, ווי די חיות אין פעלד. פאַר וואָס קומט עס אונדז?

— געוויס האָבן דתן און אבירם רעכט געהאַט. נאָר אָפּנאַרן האָבן זיי אונדז אָפּגענאַרט, זאַמד געשאָטן אין די אויגן.

— איך האָב ניט קיין מורא פאַר קיינעם. זאָל ער מיך לאָזן פאַרזינקען אין דער ערד, ווי קורח איז פאַרזונקען, — האָט געטענהט אַ מאַן פון שבט דן, — אַ הויכער, אַ דינער און אַ דאַרער, אַ סקעלעט מיט אַ פּאָר אויגן. — איידער אַזאַ לעבן אין מדבר, איידער אויסצוגיין פון דאָרשט און הונגער, איז שוין גלייכער דער טויט.

— ניט בחינם פלעגט קורח שטענדיק טענהן, אַז נאָר אַן אומגליק איז ער געווען פאַר אונדז, פון דער מינוט אָן, וואָס ער האָט זיך באַוויזן צו אונדז. מיר האָבן געלעבט בשלום אין מצריים. מיר האָבן דאָרט געאַרבעט. ווער אַרבעט דען ניט? אין דעם נייעם לאַנד, צו וועלכן ער פירט אונדז, וועלן מיר דען ניט אַרבעטן? אויב ניט פאַר פרעהן, וועט עס זיין פאַר אַן אַנדער מושל, — פאַר די כּהנים, אַז זיי זאָלן פרעסן אונדזערע שאָף און רינדער — און מיר זאָלן פאַרהונגערן. וואָס האָט אונדז געפעלט אין מצריים? נאָך וואָס איז ער געקומען? אונדז אַריינצושלעפּן אין מדבר, אַז מיר זאָלן דאָ שטאַרבן?

— דערפאַר וועלן אונדזערע קינדער אַריינקומען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד

אַריין. מיר וועלן טאַקע אויסשטאַרבן, אָבער אונדזערע קינדער וועלן דערפאַר לעבן פאַר אונדז.

— איך וויל אַליין אויך לעבן. איך בין איך, איך וויל פאַר מיר מיין חלק און מיין נחלה, וואָס מען האָט אונדז צוגעזאָגט. איך וויל זען גרין גראָז, איך וויל מענטשלעך ברויט, גרינס און פלייש, איך וויל טרינקען דעם ווייַן פון וויינטרויבן און דעם זאַפט פון מילגרוים, איך וויל רוען אין שאָטן פון אַ פּאַלם־בוים, ווי איך האָב געררוט אין מצריים; איך וויל דרעשן מיינע תּבֿואות, ווי איך האָב זיי געדראָשט אין מצריים, איך וויל עסן פּירות פון מיינעביימער, פלייש פון מיין פי, טראָגן קליידער פון דער וואָל פון מיינע שאָף. מ י ר האָט מען דאָס צוגעזאָגט, ניט נאָר מיינע קינדער! — האָט דער מאַן פון שבט דן געטענהט מיט שוים, וואָס האָט זיך געזעצט פון זיין מויל אַרויס.

— און ווער זאָגט מיר דאָס, אַז אונדזערע קינדער וועלן טאַקע אַריינקומען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד אַריין? מיט וואָס בין איך דאָס אַזוי זיכער, אַז די הבטחה וועט דערפילט ווערן פאַר מיינע קינדער? פאַר דער מינדסטער זאַך, וואָס זיי וועלן טון קעגן דעם ווילן פון יהוהן, — ווי נאָר זיי וועלן זיך דערוועגן צו פאָדערן וואַסער, ווען זיי וועלן דאַרשטיק זיין, אָדער אַ ביסן ברויט אויף צו שטילן זייער הונגער, — וועט יהוה זיך דערצערענען אויף זיי און וועט זיי אומברענגען אין מדבר, ווי ער ברענגט אונדז אום, — זאָגט אַ ייד אַ חכם, איינער פון שבט יהודה, אַ מאַן מיט קליינע אייגעלעך, וואָס זיצן ביי אים ווי קליינע ראָזשינקעס אין זיין אַשיקן, הוילן פּנים.

— ער האָט דען ניט רעכט?

— אויב אַזוי, איז דאָך ווי און ביטער צו אונדז און צו אונדזערע קינדער!

— און אונדזערע בעסטע פריינד האָבן זיי געטייט. און ווער וועט זיך אָננעמען איצט פאַר אונדז?

— און משה ווייסט ניט מער, נאָר יעדער מאָל נייע חוקים און נייע משפּטים צו ברענגען אונדז, — דאָס מעגסטו יאָ און דאָס טאָרסטו ניט... און אַזוי זאָלסטו זיך יאָ פירן אין דיין לאַנד, ווען דו וועסט אַהין קומען, און אַזוי זאָלסטו זיך ניט פירן, גלייך ווי דאָס לאַנד וואָלט שוין געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן. ברענג אונדז צוערשט אין לאַנד אַריין, און מיר וועלן שוין וויסן, וואָס מיר האָבן צו טון.

— און זיין ברודער אהרן? וואָס האָט ער געטון פאַר אונדז? אַז ער איז יאָ כּהן־גדול, פאַרוואָס האָט ער ניט מכפּר געווען די זינד פאַר אונדז? פאַרוואָס האָט ער ניט צוריקגעהאַלטן דעם צאָרן פון יהוהן איבער אונדז?

— ווי אַזוי האָט ער געקאָנט, אַז ער אַליין האָט געמאַכט דעם עגל?

— אָט דאָס האָט דאָך קורח געטענהט: ווי אַזוי קאָן אהרן זיין דער כּהן־גדול און מכפּר זיין די זינד פאַר אונדז, ווען ער אַליין איז זינדיק?

— און דערפאַר טאַקע האָט אים משה באַשטראָפט און געלאָזט איינזינקען אין דער ערד.

— אויב אַזוי, וואָס שטייען מיר, וואָס שווייגן מיר? פאַרוואָס לאָזן מיר זיך

אויסשעכטן ווי די שאָף ? לאָמיר זיך מאַכן אַן עלטסטן און צוריקגיין קיין מצריים און בעטן זיך ביי פּרעהן, ער זאָל אונדז צוריקנעמען פאַר שקלאַפן.

— ווער וועט אונדז פירן, אַז אונדזערע עלטסטע און בעסטע פירערס האָט ער געטייט ?

משה האָט געוואוסט, משה האָט געהערט פון די אַלע רייד און די אַלע מורמלענישן. ער האָט עס אויך געזען אין די איינגעפאַלענע, פאַרמרה־שחורהטע פּנימער, אין די אויסגעלאָשענע אויגן, אין דער משא פון טרויער, וואָס האָט באַשווערט זייערע פּלייצעס, אין די בייזע בליקן, וואָס האָבן געשלאָגן מיט פייער ניט נאָר אויף אים, אויף זיין אוהל, נאָר אויך אויפן משכן. דער משכן־פּלאַץ איז ליידיק געוועזן. קיינער האָט זיך מער ניט געווענדט צו אים. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, איז געוועזן אין סכנה איינצופאַלן. די דיסציפּלין איז צעשטערט געוואָרן. צו קורחס עדה האָבן געהערט פיל פון די שוטרים־זקנים, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר דער אויספיר־מאַכט און וואָס דתן און אבירם האָבן זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך. די אַנדערע האָבן זיך פאַרלוירן, ניט געוואוסט וואָס צו טון. די אַפּאַטיע, וואָס איז באַפאַלן דאָס פאָלק נאָכן פּסק־דין, האָט ניט אויסגע־מיטן אַפילו דאָס חייל, וואָס האָט באַוואַכט דעם משכן, אַפילו די בני־לוי, די דינער פון משכן. עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט גאָר, חלילה, קיין מאַכט ניט געוועזן, און די מחנות האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פון פאַרלוירענע שאָף אין מדבר, וואָס האָבן קיין פירער ניט.

אויף משהן האָט געציטערט די הויט, דאָס האַרץ איז אים צעגאַנגען ווי וואַסער. ער האָט זיך געשראָקן, אַז יהוהס ווילן צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע פאָלק נאָך דער מעשה־עגל, ווי נאָך דעם דורכפאַל פון די מרגלים, וואָס עס איז אים געלונגען אָפּצוהאַלטן, זאָל איצט ניט געשען. ער האָט מורא געהאַט, אַז יהוה, אין זיין נייעם צאָרן, וואָס ער, משה, וועט מער ניט קאָנען איינשטילן, זאָל ניט איצט פאַרוואָרפן ניט נאָר דעם דור פון יציאת־מצריים, נאָר, חלילה, דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, און אויסדערוויילן אַן אַנדער אומה צו מאַכן אויס איר דעם עם־סגולה.

ער איז געשטאַנען צווישן צוויי פייערן און האָט געפּרוּווט ביידע צו לעשן. פון איין זייט האָט ער געהאַט די פאַרביטערטע שבטי־ישראל, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען גרייט אַלע צאַמען צו צעברעכן און אַרויסצוגיין פון דעם ברית פון די לוחות ; פון דער צווייטער זייט האָט ער מיט זיין צעבראָכן האַרץ, מיט זיינע תחנונים און בקשות געמיט זיך איינצושטילן יהוהס כעס, צו לעשן זיין צאָרן. און דאָ זענען זיך ביידע פייערן צונויפגעקומען, און ער איז איינגעוויקלט געוואָרן אין פלאַמען. די פאַרביטערונג פון די בני־ישראל האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, און די קליינע גרופּן זענען געוואָרן אַלץ גרעסער און גענומען זיך קלייבן, ווי אָנגעזאַמלטע וואָלקנס אויפן הימל, און גענענען צום איינגאַנג פון משכן. זיי האָבן גענענט מיט פינצטערע פּנימער, מיט הענט, פאַרדריקטע אין אָנשרעקנדיקע פויסטן, און אין דעם אימפּעט פון זייער גאַנג, אין דער פאַר־שטייפטקייט פון זייערע לייבער איז געוועזן צו זען, אַז זיי זענען גרייט אויף

אַלצדינג. עס איז שוין ניט געווען קיין מורמלען, עס איז געווען אַ געשריי, אַ רופֿן, אַן אַנשרעק קעגן משהן און אהרנען:

— איר, איר האָט געטייט יהוהס פֿאָלק!

נאָר איידער נאָך די געדיכטע, צוזאַמענגעקנאָטענע מאַסע לייבער, קעפּ און בערד איז צוגעקומען נאָענט צו זיין געצעלט, איז דער שוואַרצער געדיכטער וואָלקן מיט זיינע רויכערדיקע, חשמל־ברענענדיקע זוימען געפֿאַלן איבער דעם משכּן.

משה און אהרן האָבן פֿאַרלאָזט די צאָרנדיקע מחנה, וועלכע האָט זיך אַפילו ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר דעם צאָרנדיקן, שוועך־אַנגעלאָדענעם יהוהס וואָלקן. זיי זענען אַריין אין הויף פֿון משכּן, אין וואָלקן אַריין, און האָבן זיך געוואָרפֿן מיט די פּנימער אויף דער ערד.

און משה האָט דערהערט יהוהס דונערדיק קול פֿון וואָלקן אַרויס:

— שיידט אייך אָפּ פֿון דער דאָזיקער עדה, איך וועל זיי פֿאַרלענדן אין אַ רגע.

און באותו רגע דערהערט זיך אינדרויסן פֿון משכּן־פּלאַץ אַן אוממענטשלעך געשריי, אַ געוואַלד־געשריי פֿון טויזנטער קולות, אַ כאָרכלדיק קלאַגן, וואָס פֿאַר־שפּרייט אימה און פּחד אַרום, ווי אַ מעכטיקער רויך אויס פֿלאַמען פֿייער אַרויס, ווי מחנות מלאכים, כּרובים און שׂרפֿים מיט אויסגעצויגענע שווערדן אין זייערע הענט וואָלטן פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן און באַפֿאַלן די מחנה. משה האָט געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט. יהוה פֿירט־אויס זיין גזר־דין אויף די בני־ישׂראל.

אין דער פֿאַרצווייפֿלטער מינוט צווישן טויט און לעבן איז אין משהס האַרץ אויפֿגעגאַנגען אַ ליכט, ווי יהוה, אַפילו אין זיין צאָרן, וואָלט פֿאַר אים אויפֿגעעפֿנט אַ שפּאַלט אין דער טיר פֿון זיין מלכות פֿון חסד, אַז ער זאָל זען ווי אַזוי ער קאָן איינשטילן יהוהס כּעס. ניין, ניט דורך תּחנונים און בקשות, — ווערטער זענען ווייניק איצט, — עס מוז געשען אַן אַקט פֿון סכּנת־נפֿשות. דער אַקט מוז אויס־געפֿירט ווערן ניט דורך אים, נאָר דורך אהרנען, זיין ברודער. אהרן האָט גורם געווען די מרידה, אהרן טראָגט די זינד פֿון עגל, — מוז אהרן אַליין די זינד אָפּווישן, אָפּווישן זי מיט אַן אַקט, מיט אַ טואונג. און משה האָט באַפֿוילן אהרנען:

— נעם די פֿייערפֿאַן, לייג אַרויף אויף איר פֿייער פֿון מזבח און טו אַרויף ווייעך, און טראָג עס אויף גיך צו דער עדה און זיי מכפּר אויף זיי די זינד, וואָרעם אַ צאָרן איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר גאָט.

אהרן איז בלייך געוואָרן, זיינע אויגן האָבן אויפֿגעפֿינקלט פֿון דער בלייכקייט אַרויס, און ער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן פֿאַר שרעק.

— מיינע צוויי זין זענען פֿאַרברענט געוואָרן, קורח און זיין עדה זענען אומגעקומען פֿאַר פֿאַרשוועכן דאָס פֿייער פֿון מזבח. ווילסטו, אַז איך זאָל טיילן זייער גורל מיט זיי? ווי נאָר איך וועל זיך צורירן צו זיין מזבח, וועט מיך יהוה פֿאַרברענען. ער איז אייפֿערזיכטיק אויף זיין פֿייער.

— באַווייז, אַז דו ביסט ראוי צו זיין אַ כּהן־גדול, ווייל דו ביסט גרייט צו נעמען אויף זיך די זינד פֿון פֿאָלק און צו שטאַרבן פֿאַר אים אין אַנגעזיכט פֿון גאָט.

מיט ציטערדיקע קני איז אהרן צוגעגאַנגען צום מזבח, האָט אַרויפגעלייגט פייער אויף דער פייערפאַן און איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן צו דער עדה.

דערווייל האָט אינדרויסן צווישן דער פאַרזאַמלטער עדה דער טויט געבו־שעוועט. דאָ און דאָרט, אינמיטן דער מחנה, זענען לייבער געפאַלן מיט אַ געשריי צו דער ערד, האָבן זיך געדרייט אין קאָנוואולסיע, ביז די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט אין טויט. פיל בלויזן זענען אַזוי געוואָרן אין דער מאַסע. אומגעזעענע מלאכים האָבן מיט אומגעזעענע מעסערס פאַרשניטן די מחנה, ווי שניטערס שניידן די שטייענדיקע זאַנגען אין פעלד, און דאָ און דאָרט זענען גופים געפאַלן איינע אויף די אַנדערע, ווי בינטלעך אונטערגעשניטענע זאַנגען.

אהרן, מיט דעם פייער אויף זיין פייערפאַן, האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַרויפגעלייגט ווייערך. אַ דינער בלויער רויך האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פייערפאַן. ער האָט זיך געשטעלט צווישן די געפאַלענע און די נאָך לעבעדיקע, און ער האָט אויפגעהויבן די פייערפאַן הויך איבער די קעפּ פון די לעבעדיקע. דער בלאָער דינער רויך איז געפאַלן, ווי אַ דינער שלייער, איבער די קעפּ.

און די אומגעזעענע שרפים מיט די שווערדן איבער זייערע קעפּ זענען פאַר־שוואונדן, און די מגפה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען, אַז אהרן איז באַשטימט פון יהוהן מכפּר צו זיין פאַר אים די זינד פון פאָלק.

און כדי דאָס מורמלען זאָל זיך איינשטילן און די בני־ישראל זאָלן איינזען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז אהרן, און ניט קיין אַנדערער, איז אויסדערוויילט פון דעם שבט לוי צו באַקליידן די כּהונה פאַר יהוהן, — האָט יהוה געהייסן משהן באַפעלן די בני־ישראל, אַז יעדער שבט זאָל ברענגען זיין שטעקן אין אוהל־מועד אַריין, צו איין שטעקן פון אַ שבט, וואָרעם איטלעכער שבט האָט געהאַלטן אַ שטעקן, וואָס איז געווען דער סימבאָל פון מאַכט און ממשלה אין דעם שבט. די שטעקנס זענען געווען אַנגעטרויט דעם פירשט פון איטלעכן אַנגעהעריקן שבט. דעם שטעקן פון די בני־לוי האָט געהאַלטן אַהרן, ווי דער פירשט פון שבט, ניט משה. און אַזוי האָט יהוה געהייסן נעמען דעם שטעקן, וואָס אהרן האָט געהאַלטן, מיט זיין נאָמען אויפגעשריבן דערויף, און אים אַוועקשטעלן, אינאיינעם מיט די אַנדערע עלף שטעקענס פון די שבטים אין אוהל־מועד. און עס וועט זיין, — האָט יהוה געזאָגט צו משהן, — דער מאַן, וואָס איך וועל אויסדערוויילן, וועט זיין שטעקן אַרויסשפּראָצן מיט בליאונג.

און משה האָט אַזוי געטון. ער האָט די צוועלף שטעקנס פון די צוועלף שבטים אַוועקגעשטעלט אין געצעלט פון געזעץ אין משכּן, דאָרט, וואו גאָט טרעפט זיך מיט אים. און עס איז געווען אויף מאָרגן, ווען משה איז געקומען אין דעם געצעלט פון געזעץ, ערשט אהרנס שטעקן פאַר דעם הויז פון לוי האָט אַרויסגעשפּראָצט מיט בליאונג, וואָס האָט געצייטיקט מאַנדלען. און גאַנץ ישראל האָט איינגעזען, אַז אהרן, ניט קיין אַנדערער, איז אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט פאַר דער כּהונה.

און משה האָט, אויף יהוהס באַפעל, צוריקגעבראַכט אהרנס שטעקן אין

געצעלט פון געזעץ אין משכּן — צו האַלטן אים דאָרט פאַר אַ שטענדיקן צייכן און וואָרנונג צו די ווידערשפּעניקע בני־ישראל, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ סוף צו זייער מורמלען, כּדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן.

איז אַ גרויסע אימה געפאַלן איבער די קינדער פון ישראל, און זיי זענען געקומען צו משהן מיט געוויין און שרעק און געזאָגט צו אים:

— מיר גייען אונטער, אַלע גייען מיר אונטער. איטלעכער, וואָס גענענט צום משכּן פון גאָט, שטאַרבט. וועלן מיר אַלע אומקומען?

האָט זיי משה באַרואיגט. אין נאָמען פון יהוהן האָט ער פעסטגעשטעלט דאָס געזעץ, דעם ריטואַל פון דער עבֿודה אין משכּן, אַז נאָר אהרן און זיינע זין מיט אים זאָלן טראָגן די זינד פון ישראל פאַרן משכּן, נאָר זיי אַליין זאָלן קאָנען ברענגען די אָפּפער פאַר די זינד און אַנדערע אָפּפער אין אָפּריכטן די עבֿודה אין משכּן, און דער שבט לוי זאָל מיטהעלפן די כּהנים ווי טרעגערס און משרתים צו רייניקן די כּלים און צו היטן דעם משכּן.

און משה האָט אויך פעסטגעשטעלט די פאַרהעלטענישן צווישן די כּהנים פון אהרנס הויז און דעם רעשט פון שבט לוי. אין נאָמען פון יהוהן האָט ער באַשטימט זייער הכנסה. וואָרעם אי די כּהנים, אי די לוויים זענען אָוועקגעגעבן צו יהוהן, צו טון די עבֿודה אין אוהל־מועד, און זיי וועלן ניט אַרבן קיין חלק און קיין נחלה אין דעם לאַנד, וואָס זיי וועלן קומען אַהין מיט די אַנדערע בני־ישראל, „וואָרעם איך, יהוה, בין דיין חלק און דיין נחלה צווישן די קינדער פון ישראל". פאַר די כּהנים האָט ער באַשטימט, אַחוץ זייער חלק אין די קרבּנות, וואָס זיי מוזן עסן אין ריינ־קייט, און די תּרומות, דאָס הייסט, „די אָפּשיידונג פון זייערע מתּנות". — „אַלדאָס בעסטע פון אייל און אַלדאָס בעסטע פון וויין און תּבֿואה, דאָס ערשטע דערפון, וואָס זיי גיבן צו גאָט, זאָל געהערן צו דיר... און איטלעכס, וואָס עפנט דעם טראַכט פון יעטוועדער באַשעפעניש, סיי פון מענטש, סיי פון בהמה, זאָל געהערן צו דיר; אָבער אויסלייזן זאָלסטו דעם בכור פון אַ מענטשן". „און צו די קינדער פון לוי האָב איך געגעבן יעטוועדער מעשׂר (אַ צענט־חלק פון תּבֿואות און וויינ־גערעטעניש) פאַר אַן אַרבּ פאַר זייער דינסט פון אוהל־מועד".

## 20

אָבער פאַר משהן איז אַלץ געשטאַנען די אומגעהייער־שווערע פראַגע: וואָס זאָל ער ווייטער טון מיט די בני־ישראל? וואוהין זאָל ער זיי ברענגען? ניין, עס האָט זיך אים באַין־אופן ניט געוואָלט אַריינפירן די בני־ישראל צוריק אין דעם מוראדיקן מדבר אַריין, וואָס זיי זענען ערשט פון דאָרט אַרויסגעקומען, מיט דעם

גזר־מות פֿאַר זייערע אויגן, מיטן וויסן, אַז זיי גייען אַהין דאָרט אויסצושטאַרבן. ער האָט אַלץ געהאַפֿט, אַז איצט, מיט אהרנס דערהייבונג און מיט זיין כּהנישער מאַכט מכפּר צו זיין אויף די זינד פֿון די בני־ישׂראל, וועט ער געפֿינען אַ שעת־הכּושר אָפּצובעטן ביי יהוהן די שרעקלעכע גזירה. זיין האַרץ האָט געבלוטיקט איטלעכס מאָל ווען ער האָט דערזען די בני־ישׂראל פֿון זיין אייגענעם דור, ווי זיי גייען־אַרום, פֿאַרלוירענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, איינגעהילט אין טרויעריקייט, איבער דער אומבאַוואוסטקייט, וואָס איז פֿאַר זיי. ביז איצט האָבן זיי געהאַט אַ ציל און אַ תּכלית, — זיי גייען צו די גרענעצן פֿון זייער לאַנד, אָט באַלד קומען זיי אָן אַהין, — זענען זיי, דעריבער, ביכולת געווען איבערצוטראָגן די אַלע יסורים און אָפּקומענישן, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אין זייער ניט־געוואוינטן וואַנדערן אין מדבר. דער הונגער נאָך פֿרישער שפּייז, דער דאָרשט נאָך וואַסער, דער געווימל עקדישן און שלאַנגען, די אַלערליי חולאתן, וואָס האָבן זיי געפּלאָגט, — אָט־אָט האָבן זיי געזאָלט פּטור ווערן דערפֿון . . . איז דען ניט יהוה מיט זיי, צווישן זיי? זיי האָבן נאָר באַדאַרפֿט אויפֿהויבן די אויגן אויף דעם גאָלדענעם איבערצוג פֿון משכּן, אַז זייערע הערצער זאָלן אָנגעפֿילט ווערן מיט בטחון און האָפֿענונג און זייערע געמיטער זאָלן זיך שטאַרקן. אָבער איצט, אויף וואָס האָבן זיי איצט צו האָפֿן? פֿאַר זיך אַליין גאָרנישט, בלויז דער טויט; פֿאַר זייערע קינדער — פֿריי־הייט. קוים ווער פֿון זיי האָט געקאָנט זיך דערהייבן צו זיין גרייט צו לעבן אין נויט און דחקות פֿון זייערע קינדער וועגן. דער רוב פֿון די בני־ישׂראל איז באַשטאַנען פֿון פּשוטע אַרבעט־מענטשן, וואָס זענען געוואוינט געווען פֿון פּרעהס ליים־גריבער צו זען דעם שׂכר פֿון אַרבעט — אין ברויט און דעם צוועק פֿון לעבן — אין דער אייגענער בלויזער עקסיסטענץ.

משה האָט זיך פֿאַרזאַמט אין קדש־ברנע אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָר געקאָנט. קדש־ברנע איז געווען מער־ווייניקער צוגעפּאַסט פֿאַר אַ רו־פּלאַץ פֿאַר אַזאַ גרויסער עדה. גאָט האָט אים אָבער געזאָגט, ער זאָל צוריקפֿירן די בני־ישׂראל אין מדבר אַריין, אויפֿן וועג צום ים־סוף. דער נעענטסטער וועג צום ים־סוף איז דער באָרטן פֿון אויסגאָס פֿון רויטן ים, עציון־גבר, ביי די גרענעצן פֿון מדין־לאַנד אין מדבר־פּארן. אַחוץ די שוועריקייטן פֿון מדבר, דער איבערחזרונג פֿון דער וואַסער־נויט, האָט ער געקאָנט דערוואַרטן נאָך אַנדערע מניעות. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט אים ניט גרינג אָנקומען אַדורכצופֿירן די בני־ישׂראל דורך דעם מדבר־פּארן צו עציון־גבר: דער אמורי זיצט אין מדבר, און ער קאָן זיך אויך ריכטן אויף אַן איבערפֿאַל פֿון די כּנענים, וואָס עס וועט זיי איצט קלאָר ווערן, אַז די בני־ישׂראל וואַנדלען־אַרום אין מדבר און קאָנען ניט צוקומען צו די גרענעצן פֿון זייער צוגעזאָגטן לאַנד, — און דאָס וועט אויך זיין אַ פֿאַרבעטונג פֿאַר אַנדערע שונאים, ווי די עמלקים, צו גיין אין מלחמה אַנטקעגן די בני־ישׂראל. ער וויל אָבער איצט אויסמיידן בכל־אופֿן אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ שונא: ביי דער פֿאַרצווייפֿלונג און ביטערקייט, וואָס הערשט איצט צווישן די בני־ישׂראל איבער יהוהס גזר־דין, זענען זיי קוים ביכולת צו קומען פּנים־אל־פּנים מיט אַ שונא. ניין, ער וועט ניט פֿירן די בני־ישׂראל צוריק אין מדבר אַריין, קיין טריט ניט אויף

צוריק! ער וועט זען מיט אַלע מעגלעכקייטן אַדורכצושלייכן זיך דורך אדום און מואב. אדום און מואב זענען די קינדער און די קרובים פון אברהמען, ממילא אויך ברידער פון ישראל. וועט ער זיי בעטן, זיי זאָלן אים לאָזן אַדורכגיין דורך זייער לאַנד. ער וועט זיי באַצאָלן פאַר אַלצדינג, פאַר ברויט און וואַסער, און גיין וועלן זיי גיין מיטן דרך־המלך, מער ניט ווי אַדורכגיין אויפן וועג צו זייערע אייגענע גרענעצן.

און וואָס וועט זיין מיט יהוהס געבאָט? „צומאַרגנס זאָלסטו פירן די בני־ישראל אין מדבר אַריין, אויפן וועג צום ים־סוף". ווי אַזוי קאָן ער אַרויסרופן דעם צאָרן פון יהוהן מיט טון אַזאַ זאַך אַנטקעגן זיין שטרענגן פאַרזאָג?

משה האָט באַשלאָסן צו נעמען די גאַנצע שולד אויף זיך, אויף זיך אַליין. די בני־ישראל זענען ניט שולדיק, וואָס ער פירט זיי דורך אדומס לאַנד. ער, משה, איז שולדיק. אַזוי אַרום קאָן יהוה נאָר אים באַשטראָפן, ניט די בני־ישראל. און וואָס איז משה, און ווער איז משה, אַז ער זאָל זיך שאַנעווען? דער פירער, וואָס קאָן ניט נעמען אויף זיך די זינד פאַרן גאַנצן פאָלק און באַצאָלן פאַר דעם מיט זיין אייגענעם לייב־און־לעבן, איז ניט ראוי צו זיין אַ פירער פון ישראל. פון ישראל וועגן איז ער גרייט צו גיין אין שאול אַריין, פון ישראל וועגן איז ער גרייט אַפילו, חלילה, ווידערשפעניקן אַן גאָט.

„הונדערט משהס זאָלן אונטערגיין, איידער עס זאָל געקרימט ווערן אַ האָר אויף אַ בן־ישראל", — האָט ער זיך געזאָגט.

און משה האָט געטון אַ זאַך, וואָס ער האָט עס קיינמאָל פריער ניט געטון, אויך קיינמאָל ניט דערנאָך. ניט אָנצופרעגן ביי יהוהן, האָט ער אויף זיין אייגענער אחריות געשיקט שליחים פון קדש־ברנע צום מלך פון אדום צו זאָגן אים אַזוי:

„אַזוי זאָגט דיין ברודער ישראל: דו ווייסט אַלדי מאַטערניש, וואָס האָט אונדז געטראָפן, ווי אונדזערע עלטערן האָבן געניידערט קיין מצרים, און מיר זענען געזעסן אין מצרים פיל טעג, און די מצרים האָבן שלעכטס געטון אונדז און אונדזערע עלטערן. און מיר האָבן געשריגן צו גאָט, און ער האָט געהערט אונדזער קול און געשיקט אַ מלאך און האָט אונדז אַרויסגענומען פון מצרים. און אָט זענען מיר אין קדש, אַ שטאָט ביים עק פון דיין געמאַרק. לאָז אונדז, איך בעט דיך, אַדורכגיין דורך דיין לאַנד. מיר וועלן ניט באַטרעטן אַ פעלד אָדער אַ וויינגאָרטן. און מיר וועלן ניט טרינקען וואַסער פון אַ ברונים. אויף דעם מלכס וועג וועלן מיר גיין. מיר וועלן ניט אָפּנייגן רעכטס אָדער לינקס, ביז וואַנען מיר וועלן אַדורכגיין דיין געמאַרק".

האָט אדום אים אָפּגעענטפערט:

„זאָלסט ניט אַדורכגיין דורך מיר, וואָרעם מיט דער שווערד וועל איך אַרויס־גיין אַנטקעגן דיר".

האָבן די קינדער פון ישראל געלאָזט אים זאָגן:

„אויפן וועג וועלן מיר גיין. און אַז מיר וועלן טרינקען דיין וואַסער, איך און מיין פי, וועל איך באַצאָלן דערפאַר. עס איז דאָך גאָרנישט. לאָמיך בלויז אַדורכ־גיין אויף מיינע פיס".

„דו קאָנסט ניט אַדורכגיין".

און אדום איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן ישראל מיט פיל פאָלק און מיט אַ שטאַרקער האַנט, כּדי ניט צו לאָזן ישראל באַטרעטן זיין לאַנד. און ישראל האָט זיך אָפּגענייגט פון אים.

יהוה האָט גאָרניט געזאָגט משהן און האָט אויך גאָרניט געטון. עס איז געווען ווי יהוה וואָלט באַדויערט משהס תּמימות, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז דער „ברודער אדום" וועט אים העלפן.

און משה האָט איצט איינגעזען, אַז עס איז נישטאָ פאַר אים קיין אַנדער אויס־וועג ווי נאָר אויסצופאָלגן יהוהס באַפעל און ציען אין מדבר אַריין, אויפן וועג צום ים־סוף, כּדי צו גיין אַרום דעם לאַנד אדום, און ער איז טרויעריק געווען אין זיין געמיט.

און עס איז געווען, ווען משה האָט אין געפּאַלענעם מוט זיך געקליבן אויסצו־פירן יהוהס באַפעל, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז זיין שוועסטער מרים איז קראַנק און האַלט ביים שטאַרבן. האָט משה אַלץ איבערגעלאָזט און איז געגאַנגען זיך זען מיט זיין שוועסטער אין איר געצעלט, איידער זי ווערט איינגעזאַמלט צו אירע אבות.

*

ער האָט זי געטראָפן אויף איר געלעגער, איינגעהילט שוין אין שאָטן פון טויט, נאָר אויס דעם טויט האָבן נאָך אַרויסגעקוקט אירע גרויסע, לעבעדיקע שוואַרץ־בליצנדיקע אויגן. ווי ליכט־שטראַלן, וואָס מאַטערן זיך אַדורכצוברעכן זיך דורך אַ ווירבלדיקן שוואַרצן וואָלקן־שטורעם, אַזוי האָבן אירע אויגן, איינגע־גראָבן און פאַרפאַלן אין שטורעמדיקע פאַלדן־וועלן, אַרויסגעשטראַלט זייער ליכט פון זיך. איר אייניקל בצלאל איז געווען לעבן איר, אַזוי אויך אַנדערע פון איר משפּחה און אירע פאַרערער. ווען מען האָט איר געזאָגט, אַז משה איז געקומען, האָט זי זיך אָנגעטון אַ כּוח און אויפגעזעצט זיך אויף איר געלעגער. און זי האָט אויסגעשטרעקט אירע ביינערדיקע סקעלעטן־הענט און דערלאַנגט צו משהס הענט. און זי האָט געצערטלט משהס הענט, און אירע אויגן האָבן אַריינגעקוקט מיט זייערע פייער־בליקן אים אין פּנים אַריין. און זי האָט אָנגעהויבן רעדן, — ניט וועגן זיך האָט זי גערעדט, ניט וועגן איר אַוועקגיין צו אירע אבות, ניט צו האָבן געזען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, — זי האָט גערעדט וועגן משהן:

— פאַרוואָס ציטערן אַזוי ביי דיר די הענט, ברודער? זענען דאָס די הענט, וואָס האַלטן־אונטער די הימלען איבער ישראלס קאָפּ? פאַרוואָס איז דיין פּנים אַזוי פאַרטונקלט? פאַרוואָס האָט גאָטס שיין זיך אָפּגעטון פון דיינע אויגן? פאַרוואָס ציטערט דיר דאָס האַרץ אַזוי? ווען דיין האַרץ ציטערט, פאַלט דער יסוד, וואָס האַלט־אויף ישראל. ווען דיינע הענט ווערן שוואַך, פאַלט דער בנין איין איבער ישראלס קאָפּ. ביסטו טרויעריק אַזוי איבער יהוהס גזירה, וואָס ער האָט גוזר געווען אויף אונדז?

— איז ניט גענוג, מיין שוועסטער, צו פירן אַן עדה, וואָס איז געצייכנט מיטן גזר־דין אויסצושטאַרבן אין מדבר, איידער זיי דערזעען דאָס ליכט פון מאָרגן, אַז

מיינע אויגן זאָלן אויסגעלאָשן ווערן אין אַן אייביקע נאַכט? עס איז צו־שווער פאַר מיר אויסצופאָלגן יהוהס באַפעל צו פירן די בני־ישראל פון דער גרענעץ פון זייער לאַנד אין שאָטן פון טויט אַריין.

— וואו איז דיין בליק, וואָס דערלאַנגט ווייט, ווי דער בויגן אין גבורס האַנט? זעסטו ניט דאָס ברויזן פון יונגטלעכע לייבער, וואָס שפּרינגען, ווי וואַסער־שטראָמען איבער דעם צאַם פון זייער קאַרעטע, און פאַרשפּרייטן די געמאַרקן און פליינען פון די פעלקער? הערסטו ניט דאָס שאַלן פון פריידיקע קולות, וואָס דערגייט צו אונדז אַהער פון די צוקונפטיקע דורות, צו די ברעגן פון אונדזערע קברים? צי גלויבסטו ניט, ברודער, אין דער הבטחה פון יהוהן? ישראל קאָן פאַלן, ווי אַ ציגעלע, און אויפהויבן זיך, ווי אַ לייב. עגבער־אַדורך מיט דיין בליק דעם שאָטן פון טויט, וואָס דערוואַרט דעם דור פון יציאת־מצריים, און זע דאָס אייביקע לעבן פון ישראל, וואָס שיינט־אויף ווי אַ זון נאָך דער נאַכט פון טויט.

— איך גלויב אין יהוהן. זיין משפט איז גערעכט און אמת און קיומדיק איז זיין הבטחה. איך גלויב, אַז אייביק וועט באַשטיין דער זאָמען פון אברהמען. איך גלויב נאָר ניט אין זיך, שוועסטער. איך בין אַ פאַסטוך, וואָס האָט געלאָזט פאַלן זיין אַנגעטרויטע סטאַדע צווישן די שפּאַלטן פון אָפּגרונט.

— ברודער משה, זון פון עמרם, זון פון צוויי מוטערס, די שטערן זענען געשטאַנען וואַך איבער דיר, און יהוה אַליין האָט געטון באַשערן דיין גורל — פון דעם טאָג פון דיין געבוירן. דיין וויג איז געווען דיין קבר, און ביי ביידע בין איך געשטאַנען, און איך האָב געזען ווי גאָטס האַנט וואַכט איבער דיר. קום און הער, זון פון יוכבד, זון פון בתיה! אין דעם קעסטל האָט דיך די מאַמע יוכבד אַריינגע־לייגט. איך האָב עס געהאָלפן טראָגן צו די ברעגן פון נילוס־טייך. דיין פּנים האָט אַרויסגעשיינט, ווי אַ זון, פון דעם קעסטל־קבר, אין וועלכן די מאַמע יוכבד האָט דיר אויסגעבעט צו דיין טויט. אירע טרערן האָבן דאָס ליכט פון דיינע אויגן ניט געקאָנט אויסלעשן. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי דיין לייב אין טיכער געוויקלט, און דאָך צום טויט ביסטו געהייליקט געוואָרן. די הענט, וואָס האָבן דיך געצערטלט ביי דיין קומען אויף דער וועלט, — די אייגענע הענט האָבן דיך מיט ציטערדיקער צאַרטקייט די וועלן פון נילוס איבערגעגעבן. געצויגן איר שוואַרצן שלייער איבער די אויגן האָט די מאַמע יוכבד — ניט צו זען דיין טויט, און דערווייטערט האָט זי זיך מיט פלינקע טריט — ניט צו פאַרנעמען דיין געוויין און לעצטן געשריי.

„אָבער איך בין געשטאַנען ביים ברעג טייך, און איך האָב געזען ווי די וועלן שפּילן זיך מיט דיין קעסטל־קבר, — דאָ האַלטן זיי דיך אויף און דאָ וואַרפן זיי דיך צום לויפנדיקן שטראָם. פון דעם טויטן־קעסטל שיינט דיין לעבעדיק פּנים אַרויס. באַגאָסן מיט דעם ליכט פון גאָט, זינגט עס שירה אין גאָטס הימל אַריין. דיינע אויגן שיינען גליקלעך, כאָטש די וועלן טראָגן דיך מיט אימפּעט צו דער וואַסער־איינזאַמלונג, וואו די קראָקאָדילן געדייען. מיט דער געשווינדקייט פון פייגלבויגן טראָגן דיך די וועלן צום עק פון נילוס, וואו די קראָקאָדילן הויערן. אין וועל יאָגט איבער דיר נאָך דער אַנדערער, און מיט יעדער וועל, וואָס לויפט־

אָן, קומסטו אַ שפּאַן געענטער צו דיין טויט. אָט דערשפּירן זיי שוין דעם ריח פון דיין צאַרטן מענטשן־לייב. און איין קאָפּ פון דער משהית־חיה הויבט זיך אויף איבער אַן אַנדערן, און זיי קוקן־אַרויס ווי די וועלן טראָגן דעם געשמאַקן ביסן פון דיין קינדעריש לייב גלייך זיי אין די מיילער אַריין.

„מיין האַרץ שטייט שטיל, מיינע הענט — בלייערדיק שטייף, דאָך זענען מיינע אויגן באַהאַפטן מיט דיין לייב, וואָס ווערט געטריבן מיט דעם אימפּעט פון אַ וואַסערפאַל אין מויל אַריין פון משחית. אַ וועל קומט. געשווינד, מיט דעם שפּרונג פון אַ הינד, שווענקט זי דיך אָוועק, כאַפּט דיך אויף אויף איר האַרץ, ווי גאָט אַליין וואָלט איר פאַרטרויט דעם טייערסטן שטערן פון זיין קרוין, און טראָגט דיך מיט פרומער פאַרכטיקייט אַוועק אין אַן אַנדער זייט. זי מיידט־אויס די ברומענדיקע לייבן, וועלכע ווילן דיך אָוועקרייסן פון איר, זי קעמפּט מיט וועלן־היענעס, מיט וועלן־וועלף, וואָס ווילן דיך פאַרצוקן, און טראָגט דיך מיט דער ראַשיקייט פון אָטעם צו דעם אַנדערן ברעג, וואו די טעכטער פון פרעהן באָדן זיך אין קלאָרן וואַסער. און אָט זע איך די האַנט, — די האַנט פון רחמנות, די האַנט פון ליבע, די האַנט פון אייביקער מוטערלעכער געטריישאַפט, מיט מוטער־מילך און מוטער־חסד טריפנדיק פון אירע פינגער. איך זע די האַנט, ניט מער ווי די האַנט, די האַנט פון הילף, די האַנט פון ליכט, וואָס שטרעקט זיך אויס נאָך דיר, די האַנט פון יהוהן, וואָס שטרעקט זיך צו דער רעטונג פון ישראל! פאַר וועמען האָסטו מורא, מיין ברודער? פאַר וועמען ציטערסטו, אויב יהוה איז מיט דיר? דיין קעסטל שווימט אין זיכערע וואַסערן, יהוהס האַנט צייכנט־אָן דיין וועג״.

— און מרים האָט געניגט איר קאָפּ אויף משהס הענט.

— דו האָסט מיך געטרייסט, אַ, מוטער פון ישראל!

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון איר ברודער משהן, וואָס מרים האָט געהערט.

# ד ר י ט ע ר ט י י ל

## 1

אכט־און־דרייסיק יאָר זענען פאַרביי, אַכט־און־דרייסיק יאָר פון גאָטס שטראָף. אַ גאַנצער דור איז אויסגעשטאָרבן, דער דור פון יציאת־מצרים. זייערע ביינער ווערן אויסגעבלייכט אין דער הייסער זון, ביז זיי צעשיטן זיך אויף שטויב אין די זאַמדן פון מדבר. דער גאַנצער נגב אין פאַרזייט מיט פּגרים. פון עציון־גבר אָן, ביים באָרטן פון רויטן ים, ביז צו די הייכן פון אדום פאַרפלייצט דער ווינט מיט זאַמד־כוואַליעס די עצמות־היבשות. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, ווער האָט עס געקאָנט דערוואַרטן, אַז זיי, די טויט־פאַרמשפּטע, פון גאָט פאַרלאָזטע, צו די היענעס פון מדבר איבערגעגעבענע, די אַרויסגעוואָרפענע, פאַרשטויסענע שקלאַפן פון מצריים, וועלן, ווי פרייגעלאָזטע שטראָמען, פאַרפלייצן און פאַרטרענקען דעם גאַנצן אָפענעם שטח פון מדבר מיט טשערעדעס ציגן, פי, קעמלען און אייזלען, וואָס וועלן, ווי דער אָקס, אָפּעסן דאָס גראָז פון פעלד. פון וואַנען זענען זיי געקומען? פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען?

יאָרן, יאָרן לאַנג איז משה געזעסן אין קדש־ברנע. נייך, ער האָט זיך ניט געאיילט, נאָך דער מעשה־שליחים, אַרויסצופירן אַ פאַרצווייפלטע מחנה, וועלכע האָט געהערט דעם פסק־דין, אַז זי מוז אויסשטאַרבן אין מדבר, — אַ מחנה, דעזאָרגאַניזירט דורך דער מרידה פון די פירער, — אין אַ ביטערן אומבאַזעצטן מדבר, צוריק צום וועג קיין מצריים. נייך, ער האָט זיך ניט געאיילט אַפילו אַריינצודרינגען מיט דער מחנה טיפער אין מדבר אַריין אַרום קדש־ברנע — צו ווערן ווי איינער פון די נאָמאַדישע שטאַמען, וועלכע וואַלגערן זיך אַרום אין נגב. ער האָט זיך געהאַלטן אין דעם טאָל, אין נידער פון באַרגיקן לאַנד, וואו עס האָט זיך

געפונען אַ מיעוט וואָסער אין די שטיינער־קאַרעטעס אויסער דעם סעזאָן פון רעגן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט רעאָרגאַניזירן די שוטרים־זקנים, די אויפזעערס און אָנפירערס פון די שבטים, און באַשטימען נייע עלטסטע אויפן פלאַץ פון די, וואָס זענען געפאַלן אין קורחס מרידה. ער האָט אויך אויסגעוואָרט אויפן נייעם דור, אויפן דור קינדער, וואָס זענען אַרויסגעקומען מיט זייערע עלטערן פון מצריים, און די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין מדבר, — אַ דור בני־ישראל, וואָס וועלן ניט מער געדענקען אַן קיין טעפּ פלייש, וואָס זיי האָבן געגעסן אין מצריים.

ניינצן יאָר איז ער געזעסן אין קדש־ברנע. דערנאָך האָט ער געפירט די מחנה צום ים־סוף, צו עציון־גבר, וואו זיינע אויגן זענען לאַנגע יאָרן געווען עדות פון טויט און פאַרניכטונג. פון וואַנען האָט ער גענומען די כוחות און די געדולד אויסצוהאַלטן די אַלע יאָרן? עס זענען אים בייגעשטאַנען צוויי אמתן, וואָס האָבן אים געדינט ווי אַן אָנלען און אַן אָנשפּאַר.

דער ערשטער אמת איז געווען די הבטחה, וואָס יהוה האָט געגעבן אַברהמען, אַז ער וועט מערן זיין נאָכקום ווי דעם זאַמד פון ים און ווי די שטערן אין הימל (די הבטחה האָט זיך אָבער ניט באַצויגן צו איין־איינציקן דור, נאָר צו אַלע דורות פון אַברהמס גזע. די הבטחה דאַרף אויך גענומען ווערן אין דעם זינען, אַז טיילמאָל וועלן די בני־ישראל זיין געפאַלן, גרינגגעשעצט און נידעריק ווי דער זאַמד פון ים, אַן אַנדער מאָל וועלן זיי זיין דערהויבן און גרויס ווי די שטערן אין הימל. דער שטערן איז אין איטלעכן זעמדל; דאָס זעמדל און דער שטערן זענען איינס. דער דור פון זאַמד מוז פאַרשווינדן וואָס גיכער צו מאַכן פלאַץ פאַר דעם דור פון שטערן). דער צווייטער אמת איז, אַז דורך דעם בונד מיט אַברהמען האָט יהוה אויסגעקליבן די בני־ישראל פאַר זיין עם סגולה, און וויפל די בני־ישראל זאָלן ניט זינדיקן, און וויפל יהוה זאָל ניט צערענען אויף זיי און זיי וועלן פאַרניכטן און אָפּווישן פון דעם געזיכט פון דער ערד, איז נישטאָ קיין אויסוועג פון דעם בונד. ישראל ווערט געצוואונגען צו טראָגן אויף זיך דעם עול פון אויסדערוויילטקייט. ער מוז אַריינגעשמיסן ווערן אין דער עבדות פון יהוהן, ווי אַן אָקס אין זיין יאָך אַריין, ער האָט ניט די ברירה פון פרייער בחירה ווי יעדער אַנדער פאָלק. דורך דעם ברית פון אַברהמען איז ער פאַרקויפט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן אין דינסט פון יהוהן צו זיין דער עם־סגולה אויף אַלע אייביקייטן.

ער האָט איצט איינגעזען מיט קלאָרקייט, אַז רעכט און אמתדיק איז דער משפט, וואָס גאָט האָט אַרויסגעגעבן איבער דעם דור פון יציאת־מצריים. דער דור פון זאַמד מוז זיך פאַרוואַנדלען אין אַ דור פון שטערן. דער דור פון עבדות וועט מוזן אויסשטאַרבן, כדי דער דור פון חרות זאָל קאָנען לעבן און ווערן דער עם־סגולה, וואָס גאָט וויל מאַכן אויס זיי. און ווי אין אַלץ, וואָס יהוה טוט און הייסט טון, איז אויך פאַראַן אַן אייביקער אמת אין דער זאַך, און ער טוט עס מיט דער כוונה צו פירן זיין יצירה און זיי ברענגען צום תכלית פון שלימות, וואָס ער האָט אינזינען געהאַט בעתן באַשאַף. און אַזוי פירט ער אויך די בני־ישראל צו דעם תכלית, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר זיי פון סאַמע אָנהייב.

און אין דעם תכלית פון שלימות, וואָס האָרט ביי דער אַחרית־הימים, האָט איט־לעכע פאַזע פון דער יצירה, ווי אומפּערפעקט און חסרדיק זי זאָל ניט זיין, איר שותפות און איר חלק. אויך דער דור פון יציאַת־מצריים האָט זיין שותפות און זיין חלק אין דעם עם־סגולה, פונקט אַזוי ווי דער דור פון פאַרקנעכטונג, וואָס האָט געשפּילט זיין גרויסע ראָלע און וואָס זיין ביישטייער וועט בלייבן לעולם־וועד: דורך זיין קיום איז אַדורכגעגאַנגען דער פּראָצעס פון שלימות. ער איז געווען דער דור, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די גאולה. ער איז געווען דער דור פון קריעת ים־סוף, דער דור פון באַרג סיני. זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אין דער אייביקייט דעם „נעשה־ונשמע", וואָס וועט אָפּשלאָגן, ווי אַ לאַנגער עכאָ, ביז צום סוף פון אַלע דורות. בלינדערהייט, ווי שטומע שאָף, זענען זיי נאָכגעגאַנגען זייער פאַסטוך אין מדבר אַריין. זיי האָבן איבערגעטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן לאַנגן מאַרטירער־וועג פון מדבר, און מיט זייער גאַנצער קרומקייט און פע־לערדיקייט זענען זיי, און ניט קיין אַנדער דור, דער גרויסער אָנהייב פון דעם עם־סגולה־וועג. און מעגן זייערע אויסגעטריקנטע סקעלעטן־ביינער זיך ווייסלען אין די זאַמד־כוואַליעס פון מדבר, ווי די סקעלעטן־ביינער פון אַ געפאַלענעם קעמל אָדער אייזל, — זייערע מעשים לעבן און וועלן באַפרוכפּערן מיט אמונה און בטחון, ווי אַ פרישער טוי, די אַלע דורות פון דעם עם־סגולה, וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

און משה האָט געזען אין די מתי־מדבר דאָס בילד, וואָס זיין שוועסטער מרים האָט אויסגעמאָלט פאַר אים, — דאָס בילד פון זיין אייגענעם קעסטל, אין וועלכן זיין מוטער האָט אים געלאָזט שווימען אויף די וועלן פון נילוס. ער האָט זיך געזען ליגן, ווי אַ קליין קינד, אין זיין אויסגעבעט קעסטל. די וועלן טראָגן עס און געבן עס איבער איינע די אַנדערע און שיפלען עס אַוועק צו דעם מויל פון משחית, צו דעם באַסיין, וואו די קראָקאָדילן שטרעקן שוין אויס זייערע העלדס־לעכע מיילער נאָך אים. עס קומט אָבער אָנצולויפן מיט דעם אימפּעט פון אַ שליחות אַ נייע וועל, כאַפּט־אַרויס דאָס קעסטל פון די וועלן פון טויט און פאַר־טראָגט עס אין אַן אַנדער זייט, צו דעם באַסיין, וואו פרעהס טאָכטער האַלט איר האַנט אויסגעשטרעקט צו אים.

דער דור פון מתי־מדבר איז די נייע כוואַליע, וואָס גאָט האָט איר אָנגע־טרויט דאָס שליחות פון ראַטעווען דאָס קעסטל, — גאָט האָט דעם דור אָנ־געטרויט דאָס שליחות אָפּצוקערן דעם עם־סגולה פון דעם וועג צום משחית און צו געבן אים אַ נייע ריכטונג, צום וועג פון שלימות.

*

שווער שלעפּן זיך די לעצטע רייען פון די מחנות איבערן געדיכטן זאַמד. ווי זייערע פיס וואָלטן געווען געשלאָסן אין קייטן, דראַפּען זיי זיך אַרויף די באַרגיקע הייכן, וואָס ליגן אויף זייער וועג צוריק פון ים־סוף, פון עציון־גבר קיין קדש־ברנע. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן אומוועג, כדי אויסצומיידן דאָס לאַנד פון אדום, וואָס איז זיי פאַרווערט געווען צו באַטרעטן. די קאַראַוואַנען שלעפּן זיך פּאַמעלעך, מיט גרויס מי, ציען זיך דערפאַר אויס אין אַ לאַנגער ליניע. די הינטערשטע רייען פון די מחנות באַשטייען ס'רוב פון סטאַדעס שאָף און רינ־

דער, וואָס ווערן אָנגעטריבן פון פּאַסטוכער און באַוואַכט פון חיילסלייט. דער שטויב, וואָס די חיות און די מענטשן ראַיען־אויף אין זייער גאַנג, הענגט ווי אַ געדיכט־געפּילדיקער פּאַרהאַנג אין דער לופט און פּאַרשטעלט דעם רוקן פון די אָפּציענדיקע מחנות. מען ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך פון פאָרנט, מען הערט נאָר אַ פּאַרשטיקטן געריש פון אַ באַוועגונג, וואָס קומט־פאַר ערגעץ ווייט און רייסט זיך מיט שוועריקייטן אַדורך, ווי אַן אויסגייענדיקער עכאָ פון אַ רוישיק־ריזלדיקן וואַסער, דורך דער שטויביקער געדיכטקייט. דאָס ליכט פון דער זון איז פּאַרטונקלט אין אַ בין־השמשות. דער וואָלקן שטויב הענגט אין חלל לאַנגע שעהן נאָכדעם ווי די מחנות האָבן אַדורכגעצויגן און איבערגעלאָזט נאָך זיך נאַקעטע, אַלטע גופים, וואָס וואַלגערן זיך איצט אַרום אין די זאַמד־כוואַליעס אויף די משופּעדיקע בערגלעך. איינציקווייז און קופּעסווייז וואַלגערן זיי זיך דאָרט אַרום, ווי אָפּגעניצטע שמאַטעס, ווי מיסט־פּעקלעך, וואָס די מחנות האָבן אָפּגעוואָרפן פון זיך, — סקעלעטן־ביינער, וואָס טייל פון זיי זענען שוין טויט, די קעפּ שוין האַלב־פאַרשאָטן דורך דעם זאַמד־ווינט, וואָס הערט ניט אויף צו בלאָזן, און טייל זשיפּען נאָך און מאַטערן זיך אויפצוהויבן דעם קאָפּ, אַפילו דעם גאַנצן קערפּער פון די זאַמד־שיכטן אַרויס. ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, הויבט דעם קאָפּ אַרויס פון וואַסער אין אַ לעצטן צאַפּל צו שעפּן לופט, איידער די כוואַליעס פּאַרטרענקען אים, אַזוי מיען זיך די גוססער אויפצוהויבן זיך, צו רירן מיט די אברים, צו שטעלן זיך אַפילו אויף די פיס. אָבער די זאַמד־כוואַליעס שמייסן מיט כּוח איבער זייערע שלאַבעריקע קערפּערס, און זיי פאַלן צוריק און ווערן באַלד דערטרונקען אין זאַמד. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס נעמען־אָן דעם טויט און געבן זיך אונטער דער מדברשער ערד מיט קינדערשער צוטרוילעכקייט, לייגן אַנידער דעם קאָפּ אויף די ווייך־אויסגעבעטע זאַמד־בריסט און פּאַרמאַכן די אויגן; אַנדערע ברומען מיט זאַמד־פּאַרלייגטע מיילער, כאַרכלען־אַרויס שנאַרכעדיקע קלאַנגען, וויינען־אויס זייער גורל, איידער זיי געבן זיך איבער דעם הפקרדיקן טויט אין מדבר־ווינט. ניט אַלע זענען אינגאַנצן אַליין, פּאַרלאָזן. דאָ און דאָרט זיצט אַ קרוב איבער אַ געפאַלענעם בן־מוות, זיצט און וואַרט־אָפּ ביז דאָס לעבן וועט אויסגיין אינגאַנצן אין דעם קוים לעבעדיקן קערפּער. אָט האַלט אַ זון אונטער דעם קאָפּ פון זיין גוססנדיקן פאָטער, טרייסט אים, טראָגט־צו אַ קריגל וואַסער צו זיינע אויסגייענדיקע ליפּן.

— נאָך וואָס? האַלט דעם טרונק וואַסער פאַר די קינדער. אַ שאָד צו פּטרן עס אויף מיר. איך קאָן שטאַרבן, אַ דאָרשטיקער.

— לאָזט מיך איבער, גייט ווייטער, איר וועט פאַרלירן די מחנות, — בעט זיך אַן אַנדער גוססער ביי זיינע קרובים, וואָס ווילן אים ניט איבערלאָזן אַליין אין וויסטן מדבר.

אָבער ניט אַלע נעמען זייער גורל אַן אַזוי גוטוויליק.

— דאָס איז מיין נחלה, וואָס משה האָט מיר צוגעזאָגט, מיין פעלד און מיין ווייַנגאָרטן, — דער קבר אין מדבר! — שרייט מיט די לעצטע כּוחות אַ זקן. ער טוט זיך אַן אַ כּוח אַרויסצוהויבן זיין סקעלעטן־ברוסט פון זאַמד; עס געלינגט אים

נאָר אויפצוהויבן אַביסל זיין צעשויבערטן ווייסן קאָפּ מיט די פאַרבלוטיקטע אויגן, וואָס קוקן־אַרויס, ווי צוויי לעבעדיקע וואונדן, פון זיין אויסגעדייווערטן פּנים.

— משה האָט דיר ניט צוגעזאָגט קיין אייביק לעבן. ווען דו וואָלסט שוין אַפילו געהאַט דיין נחלה, וואָלסטו סיי־ווי־סיי געשטאָרבן. ביסט אַן אַלטער מאַן, — זאָגט צו אים אַ שכן אַ בן־מוות, וואָס זיינע קינדער האָבן אים איבערגעלאָזט מיט אַ קרוג וואַסער — צו זיצן אין די זאַמדן און אויסצוּוואַרטן אויף זיין טויט.

— איך האָב זיך אַליין געבעטן ביי מיין עלטסטן זון, ער זאָל מיך דאָ איבערלאָזן. איך וויל ניט זיין קיין שטערונג פאַר אים אין וועג. סיי־ווי־סיי וועלן מיר אַלע פון דעם אַלטן דור אויסגיין אין מדבר, — איינער פריער, דער צווייטער שפּעטער. צו וואָס זיך פּייניקן נאָך מיט דעם שווערן גאַנג ? — זאָגט דער שכן מיט אַ גוטן שמייכל אויף זיין צעאַקערטן פּנים.

— עס איז ניט אַזוי דער טויט ווי דאָס לעבן, — קרעכצט דער אַנדערער אַרויס פון זיין זאַמדיקן גסיסה־בעט. — נאָך וואָס האָבן מיר געלעבט ? — פרעג איך. — וואָס איז געווען אונדזער לעבן ?

— וואָס, דו געדענקסט נאָך די טעפּ פליישׁ ? וואָלסט זיי שוין סיי־ווי־סיי ניט געקאָנט עסן. אין מצרים וואָלסטו שוין פריער געווען געשטאָרבן פון שווערער אַרבעט. נאָך וואָס האָסטו געלעבט ? כּדי דיין זון זאָל זיין פריי. זינדיק ניט פאַר דעם טויט, שטאַרב בעסער מיט בטחון אין גאָט. דו האָסט עס ניט זוכה געווען, דערפאַר וועלן דיינע קינדער די זכיה האָבן צו באַטרעטן דאָס לאַנד און צו ירשענען די נחלה, וואָס איז געווען פאַר דיר אָנגעגרייט.

ווי זיי שעפּטשען זיך אַזוי איבער, די צוויי שלאַבעריקע זקנים, דערהערט זיך אַ כאָרכלדיקער אויסגעשריי :

— איך זע אים ... איך זע אים ...

מיט די לעצטע כּוחות האָבן ביידע זקנים אויסגעדרייט די קעפּ צו זען, ווער עס רופט די ווערטער.

עס איז געווען דער בן־מוות, וואָס איז געלעגן לעבן זיי. דער גאַנצער קערפּער שוין פאַרשאָטן אין זאַמד, האָט ער זיך די גאַנצע צייט קיין ריר ניט געטון, און זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט. ערשט זיין קאָפּ האָט זיך אַרויסגעהויבן, מיט זאַמד אַראָפּשיטנדיק זיך פון דער לאַנגער ווייסער באָרד, פון דעם מויל, פון די אויגן, אַ ביינערדיקער נאַקעטער אָרעם האָט זיך אויפגעדעקט פון אונטער דעם זאַמד, זיך אויסגעשטרעקט שלאַבעריק אין דער לופט, זיינע ליפּן האָבן זיך פונאַנדערגערוקט און, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט פאַר זיך, האָט דער בן־מוות גערופן :

— איך זע אים ... איך זע אים ...

— וועמען זעסטו ?

— אים, משהן ... — האָט דער בן־מוות געטייטלט מיט דער האַנט.

וויפל כּוחות זיי האָבן נאָך געהאַט, האָבן די געפאַלענע בני־מוות אויסגעשטרעקט די העלדזער אין יענער זייט, און זייערע אויגן, איידער זיי האָבן זיך פאַרמאַכט, האָבן דערזען משהן. אין זיין הויכער, מעכטיקער געשטאַלט, איינגע־

הילט אין זיין ווייסן קלייד, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ווייסע זייל, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיי (יהושע בן־נון איז געשטאַנען הינטער אים).

— משה... משה... משה... — האָט זיך געהערט אַ כאָרכלדיק ברומען פון אַ לעצטן אָטעם.

און פון אַלע ווינקלען האָבן אָנגעהויבן קריכן צו דער ווייסער לייכטנדיקער זייל סקעלעטן־לייבער. פון האַלב־פאַרשאָטענע קברים אַרויס זענען זיי געקראָכן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף שטעקלדיקע אָרעמס, און געצויגן זיך, געצויגן זיך צו משהן, אויסגעשטרעקט צו אים זייערע דינע העלדזער, זייערע אויסגעצערטע פּנימער מיט די ווייסע, שטייפע זאַמד־באַדעקטע בערד, און גערופן מיטן לעצטן אָטעם אין אַ פאַרחלשטן, ווייַנענדיק־בעטנדיקן כאָרכלען:

— משה, אונדזער לערער...

— משה איז געקומען זען די מתי־מדבר...

אַ כאָר פון בני־מוות האָט אויסגעזונגען זיין לעצטן געזאַנג.

— משה, ביסט געקומען זען דעם דור פון די מתי־מדבר?

— ניין, ניט דער דור פון מתי־מדבר זענט איר. איך בין געקומען זען דעם דור פון יציאת־מצרים, דעם דור פון מתן־תורה, דעם דור, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון עבדות צו חירות. ווער איז נאָך אַ פאָלק, ווי ישראל? איין־איינציק פאָלק איז ישראל אין דער וועלט. ביז צום לעצטן דור וועלן אייערע מעשים ווערן דערציילט. איר זענט דער דור, וואָס יהוה האָט ליב געהאַט, און ער האָט אייך אויסגעקליבן צו זיין זיין עם־סגולה. וואויל צו אייך, ישראל, מיין חלק זאָל זיין מיט אייך! גייט בשלום צו אייערע עלטערן. אייערע קינדער קומען נאָך אייך. איר וועט זיין אין אייערע קינדער און אייערע קינדער וועלן זיין אין אייך ביז צום לעצטן דור, ביז צום סוף פון דער וועלט.

— משה רבינו איז געקומען אונדז טרייסטן... משה... — האָט געשעפּטשעט איינער און אַן אַנדערער פאַר זיך מיט אַ לעצטן זיפץ און, געטרייסטע, אָנגעטרויט די קעפּ דעם זאַמד.

— איך זע... איך זע... — האָט אַ קול גערופן.

—זאָג, וואָס זעסטו?

— איך זע אונדזער לאַנד, איך זע דאָס הויז פון מיין נחלה. עס שטייט צווישן די געצעלטן פון ישראל, דער בוים בליט — און אַ געזאַנג פון קינדער גייט־אויף אויף די ברעגן פון טייך, דאָרט, וואו זיי פּיטערן די שאָף.

— אויף די ברעגן פון טייך, וואו זיי פּיטערן די שאָף, — האָבן שטילע, פאַרוויגנדיקע טענער זיי איינגעשלעפערט אין טויט אַריין.

# 2

סוף־כּל־סוף האָבן זיי דערגרייכט קדש־ברנע, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזט מיט פֿיל יאָרן צוריק — צו גיין צוריק אין גלות־מדבר. וואָרעם די צייט פֿון זייער גלות האָט זיך געענדיקט. דער אַלטער דור, וואָס איז פֿאַרמשפּט געווען אויסצושטאַרבן, איז שוין אויסגעשטאָרבן, — געשטאָרבן מיט דעם פֿלאַם פֿון האָפֿענונג אין די אויגן, געגנידערט מיט דעם שיינענדיקן שטראַל פֿון בטחון אין זייער זאַמד־קבר אַריין. און איצט פֿירט משה אַרויס פֿון אומדערבאַרעמדיקן מדבר אַ נייעם דור, אַ דור, וואָס איז פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין דער רויער לופֿט פֿון מדבר. זייערע ביינער זענען ווי שטאָל אויסגעגליט אין דער הייסער זון און זייערע לייבער אַדורכגעווינטיקט פֿון שטורעמס, זייערע פּנימער — ברוין ווי שיינענדיקער בראָנדז און זייערע געקרייזלטע שוואַרצע קעפּ האָר, זייערע שווערע לאָקן און בערד — אַדורכגעקעמט מיט די אייזערנע קאַמען פֿון מדבר־ווינטן. דעם דאָזיקן נייעם דור פֿירט משה אַריין אין דעם אַלטן גוט־באַקאַנטן פֿריינדלעכן אָרט, אין קדש־ברנע, אויף זיין וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד.

אַ גרויסן חסד האָט גאָט געטון מיט דעם נייעם דור פֿון ישׂראל. ער האָט די שׂונאים פֿון ישׂראל, די אַרומיקע שכנים, — דעם עמלק, די כּנענים, אדום, — וועלכע האָבן געלויערט אויף זיי, ווי ווילדע היענעס, פֿון די פֿעלדזן־שפּאַלטן, געלאָזט זען נאָר די אויסגעטריקנטע סקעלעטן־ביינער פֿון די מתי־מדבר, וואָס זענען געפֿאַלן אין די זאַמדן. ער האָט זיי אָבער ניט געלאָזט זען דאָס, וואָס די פּגרים האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך, — די צען נפֿשות, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פֿון איטלעכן קבר, די סטאַדע שאָף, די הורטע רינדער — פֿון איטלעכן געפֿאַלענעם באָק און פֿון איטלעכן געפּגרטן אָקס.

אָבער אַ נייעם קדש־ברנע האָבן זיי איצט געפֿונען. די עלטערע האָבן געדענקט, די ייִנגערע האָבן געהערט דערציילן, אַז קדש־ברנע איז אַן אָרט, וואָס איז געבענטשט מיט קוואַלן. זיי האָבן געשטילט זייער דאָרשט אויפֿן וועג פֿון עציון־גבר מיט דער האָפֿענונג אויף דעם פֿרישן קוועלענדיקן וואַסער, וואָס זיי וועלן געפֿינען אין קדש־ברנע. קדש־ברנע, וואָס איז אויך אָנגערופֿן געוואָרן עין־משפּט, דער קוואַל פֿון משפּט, האָט געשמט פֿאַר אַ געבענטשטן אָאַזיס פֿאַר אַלע וואַנדערערס אין מדבר. די בני־ישׂראל האָבן שוין געהאַט אַ חזקה דערויף דורך זייער לאַנג־יעריקן באַזיץ, און ווען אַפֿילו זיי זענען געווען אַוועק פֿון דאָרט זיבעט פֿיל יאָרן, האָט משה פֿון עציון־גבר אָנגעהאַלטן אַ פֿאַרבינדונג מיט דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר זייער וויכטיק ווי אַ שוצגעביט קעגן אדום און מואב; ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַ קליינעם גאַרניזאָן חיילסלייט צו באַוואַכן דעם פּלאַץ קעגן דער אַריינדרינגונג פֿון אַנדערע נאָמאַדישע שטאַמען. ער האָט אויסגעשפּרייט די בני־ישׂראל איבער דעם טייל נגב, וואָס ציט זיך פֿון קדש־ברנע קיין עציון־גבר, כּדי צו קרעפֿטיקן און פֿאַרהאַרטעווען דעם יונגן דור אין מדבר. ווען משה האָט אָבער צוריקגעבראַכט די בני־ישׂראל צו דעם פֿיל־צוזאָגנדיקן קדש־ברנע, האָט ער

געפונען דאָס אָרט פאַרוויסט. עס האָט געטראָפן מיט קדש ברנע, וואָס עס טרעפט אָפט אין מדבר. די זאַמדן פון מדבר האַלטן מלחמה מיט די קליינע אָאַזיסן, — און ווי די כוואַליעס פון ים פאַרשלינגען מיט דער צייט די קליינע אינדזלען, אָפּמעקנ־דיק זיי פון דעם פּנים פון דער ערד, אַזוי טרעפט עס אויך מיט אָאַזיסן: די שטורעמווינטן טראָגן אַזוי לאַנג אָן דערויף ווירבלדיקע זאַמד־כוואַליעס, אַז זיי ווערן אינגאַנצן פאַרשאָטן; די פאַשע־פעלדער ווערן דענסמאָל פאַרוויסט, די וואָרצלען פון די פאַלם־ביינער פאַרטריקנט און איינגעשרומפן, די קוואַלן פאַר־שטאָפּט, — אַלץ פאַרחתמעט מיט דער חתימה פון טויט, וואָס די זאַמדן־כוואַליעס לייגן דערויף אַוועק.

בחינם זוכן די בני־ישראל, ווי דאַרשטיקע הינדן, אַן עפענונג, — אַ גריבל, אַ שפּאַלט, — צו געפינען אַ טראָפּן פון דעם קוועלנדיקן וואַסער, וואָס זייער פאַנ־טאַזיע ברענגט זיין ריזלדיק רוישן צו זייערע אויערן: די ערד איז צוגעדעקט מיט איין געדיכטער אייבערשיכט פון קרישלדיקן שטיין, באַהויכט מיט דעם הויך פון זאַמדיקן טויט; דאָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען אַ רינשטאָקל, איז עס פאַרלייגט מיט שטיינער, — אויסגעשטאָרבענע קוואַלן־טייכלעך, באַגראָבן אין קבֿרים פון זאַמד.

דער קוואַל ווערט צוגעגליכן צום ווייב: טיף איז דעם ווייבס חסד, און פון איר בויך קומט אַרויס לעבן; אַזוי טיף איז דער חסד פון דעם קוואַל, און פון זיין עפענונג שטראָמט אַרויס דאָס לעבעדיקע וואַסער. דער פאַרשטאָפּטער קוואַל ווערט אָנגערופן טויט וואַסער. די בני־ישראל האָבן זיך דערמאָנט אָן דער צייט ווען זיי האָבן געטרונקען פון די קוואַלן, וואָס זענען היינט וואַסער־קבֿרים. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן מרימען, דער שוועסטער פון משהן און אהרנען, און צוגערעכנט די פאַרשטאָפּונג פון די קוואַלן צו איר טויט: כּל־זמן מרים האָט געלעבט און איז געווען מיט זיי אויפן אָרט, האָבן אין איר זכות די קוואַלן געפּלייצט מיט וואַסער; איצט, אַז זי איז געשטאָרבן, זענען די קוואַלן אָפּגעשטאָרבן מיט איר. זיי האָבן שוין ניט געהאָט מער קיין האָפענונג, אַז די קוואַלן וועלן צוריק לעבעדיק ווערן, — און אַ גרויסע יללה האָט זיך אויפגעהויבן אין די מחנות פון ישראל. וואָרעם דער דאַרשט האָט ווי אַ שטריק צוזאַמענגעצויגן די קעלן פון מענטש און בהמה און ווי אַ חיה־רעה געגנאָגט דאָס חיות אַרויס פון די קליינע קינדער.

און ווי זייערע עלטערן, אַזוי האָבן זיי אויך משהן און אהרנען געהאַלטן אחריותדיק פאַר אַלע זייערע אָפּקומענישן אין מדבר. ווידער האָט זיך אויפגעהויבן אַ געמורמל אין דער מחנה קעגן משהן. זיי זענען געקומען מאַסנווייז צו דעם זאַמל־פּלאַץ פאַרן משכּן, וואָס משה האָט דאָ, אין קדש־ברנע, געלאָזט אויפשטעלן, און געשטורעמט משהס געצעלט. זיי האָבן געשריגן און געהויבן די פויסטן צו אים:

— הלוואי וואָלטן מיר אומגעקומען, ווען אונדזערע ברידער זענען אומגע־קומען פאַר גאָט! און נאָך וואָס האָט איר געבראַכט די עדה פון גאָט אין דעם דאָזיקן מדבר, — אַז מיר און אונדזער פי זאָלן דאָ אויסשטאָרבן?

און ווידער האָט זיך דערהערט דאָס שרעקלעכע וואָרט, דאָס וואָרט פון די מתי־מדבר:

— און נאָך וואָס האָט איר אונדז אַרויסגעבראַכט פון מצריים, אונדז צו ברענגען אין דעם דאָזיקן שלעכטן אָרט, וואָס קיין זאָמען נעמט זיך דאָ ניט אָן, און קיין פייגן, וויינשטאָקן אָדער מילגרוימען וואַקסן דאָ ניט, און קיין וואַסער צו טרינקען איז נישטאָ?

משה האָט דערהערט די ווערטער און ער איז פאַרציטערט געוואָרן. זיין מעכטיקער קערפּער האָט זיך געוואַקלט ווי אַ הוילע ראָר, זיין לאַנגע ווייסע באָרד איז געגאַנגען אויף־און־אָפּ אויף זיין ברוסט, זיינע הענט האָבן זיך פאַרשטייפט אין פויסטן, זיינע אויגן זענען טונקל געוואָרן: וואָס הערט ער? וואָס זעט ער? זענען עס די מתי־מדבר אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים און שטייען איצט פאַר זיין געצעלט מיט אויפגעהויבענע פויסטן, מיט שטיינער אין די הענט, מיט פלאַמענ־דיקע אויגן און ביטערע פנימער — און שרייען צו אים: „גענאַרער! פאַרפירער! וואָס האָט איר געוואָלט פון אונדז? לאָמיר זיך מאַכן אַן עלטסטן און גיין צוריק קיין מצריים!"

אויך זיי, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט אָנגעזען מצריים און קיינמאָל ניט געוואוסט פון דער פאַרשעמונג פון שקלאַפן־ברויט; אויך זיי, וואָס דער מדבר האָט זיי געבוירן, וואָס די זון האָט זיי אויסגעגליט און ווינטן און שטורעמס האָבן זיי אויסגעהאַמערט, קינדער, געבוירן אין פרייהייט, — אויך זיי בענקען נאָך דעם ברויט פון פאַרשקלאַפונג? איבער אַזוי, וואָס איז געווען דער תכלית פון דעם לאַנגן מאַרטירער־וועג איבער דעם מדבר, צו וואָס דער נצחון איבער אַלע שטרויכ־לונגען? צו וואָס האָט דאָס אַלץ געטויגט, אַז ביים סוף פון וועג שיינט ניט אויף פאַר זיי די זון פון דער גאולה, נאָר עס טונקלט נאָך אַלץ פאַר זיי די נאַכט פון פאַרקנעכטונג? אין קנעכטשאַפט זענען זיי געבוירן, בלוט פון פאַרשקלאַפונג רינט אין זייערע אָדערן, די קללה פון זייערע אבות ליגט, ווי אַ שטריק, אויף זייערע העלדזער און שלעפּט זיי צוריק אין דער גרוב אַריין, פון וואַנען יהוה האָט זיי אַרויסגעצויגן. וועט ער מיט דעם פאָלק, וואָס זיינע אויגן זענען נאָך געווענדט קיין מצריים, קאָנען באַווייזן דעם וואונדער, וואָס יהוה גרייט־אָן פאַר זיי, — צו באַ־צווינגען פעלקער, וואָס זענען שטאַרקער, מעכטיקער פון זיי?

מיט אַ שווער האַרץ און פאַרנעפּלטע אויגן, אין אַ בין־השמשותדיקן געמיט פון ניט־זיכערקייט און ספקות איז משה געגאַנגען בעטן יהוהן פאַר אַ פאָלק, וואָס זיין אמונה איז ניט געווען בשלימות. ער האָט זיך מיטגענומען אַ העלפער, זיין ברודער אהרן, — און ביידע האָבן זיי זיך געוואָרפן מיטן פנים צו דער ערד ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד.

ער האָט ניט געפונען קיין ווערטער צו רעדן צו יהוהן. צום ערשטן מאָל האָט משה זיך געשראָקן, אַז טאָמער וועט יהוה קומען מיט שטורעם און וועלן פאַר־ניכטן די בני־ישראל, וועט ער, משה, ניט געפינען קיין כוחות אין זיך איינצוהאַלטן יהוהס כעס און אים רירן צו סליחה און מחילה, ווי ער האָט עס געטון ביי אַנדערע געלעגנהייטן, — ביי דער מעשה־עגל, ביי די מרגלים. משהס כוח איז באַשטאַנען

ניט נאָר אין זיין אמונה אין יהוהן, נאָר אויך אין זיין אמונה אין די בני־ישראל. ווען די אמונה אין די בני־ישראל איז שוואַך און פאַרנעפּלט געוואָרן, זענען זיינע זכיות פאַר יהוהן אויך שוואַך און פאַרנעפּלט געוואָרן. און משה איז געלעגן מיט אַ ציטערדיק האַרץ, זיין פּנים איינגעגורעט אין דער שוועל פון אוהל־מועד, — און זיינע ליפּן זענען געווען געשלאָסן. נאָר יהוה איז באַלד געקומען פאַר אים. ניין, ניט איינגעהילט אין אַ טונקעלן וואָלקן פון גרימצאָרן, ווי ער האָט גערעכנט, נאָר אין אַ גלאַנץ פון הערלעכקייט. און גערעדט האָט ער צו אים ניט דורך דעם שטורעם פון נקמה, נאָר דורך דעם חסדיקן שטראַל פון רחמים:

— נעם דעם שטעקן און זאַמל־איין די עדה, דו און אַהרן, דיין ברודער, און איר זאָלט רעדן צום פעלדז פאַר זייערע אויגן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן פון זיך וואַסער. און דו וועסט פאַר זיי אַרויסציען וואַסער פון פעלדז, און וועסט אָנטרינקען די עדה און זייער פי.

שטייען זיי איצט, משה און אַהרן, פאַר אַ מעכטיקן פעלדז. אַרום און אַרום זענען פאַרזאַמלט די בני־ישראל, זיי, זייערע ווייבער און קינדער, צו זען און צו הערן דעם וואונדער, וואָס יהוה וועט טון פאַר זיי. זיי שטייען אַלע מיט פאַר־קלעמטע הערצער און וואַרטן־אויס דעם נס. משה האַלט אין זיין מעכטיקער האַנט דעם שטעקן, מיט וועלכן ער האָט געשפּאָלטן דעם ים, דעם שטעקן פון וואונדער, דעם שטעקן, וואָס איז אויפגעהיט אין משכן פאַר אַן עדות פון דער ליבע און דער זאָרג פון יהוהן פאַר די בני־ישראל.

משה, תמיד אַזוי אָפּגעהיט, אַזוי באַדאַכט אין אויספירן די געבאָט פון יהוהן געענוי אַזוי ווי יהוה האָט אים באַפוילן; משה, וואָס זיין סענסיטיוו האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט איטלעכן וואונטש פון יהוהן; משה, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו באַנעמען ניט נאָר דעם אַרויסגעזאָגטן געבאָט, נאָר די געמיינטע כוונה פון יהוהן, אַזוי ווי ער וואָלט שטענדיק געווען מיט אים אין איין דעה, ווערט איצט דורך דעם ספקות, וואָס ער האָט אין די בני־ישראל, וואַקלדיק אין זיין מחשבה. זיין אינטואיטיוו אויג ווערט פאַרטונקלט. דער כּעס האָט אויפגע־שטעלט אַ מחיצה צווישן יהוהס כוונה און זיין מעשה, — און צום ערשטן מאָל פירט משה אויס יהוהס געבאָט אונטער אַ פאַרוואָלקנטער מחשבה.

קודם־כל ווענדט ער זיך צו ישראל מיט רייד, וואָס יהוה האָט אים ניט באַפוילן און ניט געהייסן:

— הערט זיך צו, איר ווידערשפּעניקער, זאָלן מיר פון דעם דאָזיקן פעלדז אַרויסשעפּן וואַסער פאַר אייך?

און משה האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן מיט כּעס, און ער האָט ניט גערעדט, נאָר געשלאָגן דעם פעלדז.

עס איז געווען אַ פעלדז, ווי יעטוועדער אַנדער פעלדז און דער אומגעגנט פון קדש־ברנע, האַלב אַרויסגעוואַקסן פון אַ שטיינערנעם פּלאַטאָ, אויסגעשליפן פון זאַמדיקע שטורעמס, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען דורך אים פון קדמונים אָן, מיט שאַרף־עקיקע פּלייצעס, און אויף די ברייטע שטיינערדיקע פּלייצעס זיצט אַ קאָפּ, אַ הויכער קאָנוס־פאַרעמדיקער קאָפּ. איצט באַקומט דער קאָפּ אַ פּנים, אַ פּנים פון אַ גרייז־גראָען זקן. אַ שטיינערדיקער זקן זיצט אין מדבר פון ששת

ימי־בראשית — און וואַרט, און וואַרט אויף דער געלעגנהייט אויסצופירן דעם געבאָט, וואָס יהוה האָט באַשטימט פאַר אים ביי בריאת־העולם, — דעם געבאָט משנה־טבע צו זיין און פון זיין שטיינערן האַרץ אַרויסציען קוואַלן וואַסער. פון קדמונים און קדמונים זיצט ער דאָ, דער שומר פון דער הבטחה, ביים עק פון מדבר, ביים אויסגאַנג פון דער לאַנגער נסיעה פון די בני־ישראל דורך דעם מדבר, און וואַרט מיט אַנגסט און פחד אויסצופירן יהוהס געבאָט. און דאָ שטייט פאַר אים משה, מיטן שטעקן פון פאַרזיכערונג, וואָס יהוה האָט געגעבן אין זיין האַנט אַריין, און ער ברענגט ניט צו אים דעם געבאָט פון יהוהן, אַזוי ווי יהוה האָט אים געגעבן, נאָר שלאָגט אים מיטן שטעקן.

דאָס פנים פון שטיינערדיקן זקן באַקומט אויגן, גרויסע, טיפע, טונקעלע לעכער, און זיי קוקן־אָן משהן. אַ שטיינערדיקער משה פנים־אל־פנים מיט אַ בשר־ודמיקן משהן. און פון די פעלדזן־אויגן הויבן־אָן אַרויסשפּריצן טראָפּנס טרערן, וואָס רינען אַריין אין די שפּאַרעס פון שטיינערדיקן פנים.

דאָס פאָלק אַרום, מיט קלאָפּעדיקע הערצער און פחדנישע אויגן, קוקט. זיי זעען איינצעלנע טראָפּנס וואַסער, זיי דערפילן ניט, אַז דאָס זענען טרערן, טרערן פון פאַרשעמטקייט און צער, — זיי זעען אין די טרערן נאָר טראָפּנס וואַסער און שאַצן זיי אויף וויפל זיי וועלן שטילן זייער דאָרשט.

און אַ שאָטן פון פאַרלוירנקייט פאַלט איבער זייערע פנימער.

— וועלן מיר פון די פּאָר טראָפּנס אָנפילן אונדזערע קאַרעטעס פאַר אונדזער פי? וועלן זיי קלעקן צו שטילן דעם דאָרשט פון אונדזערע קינדער? — הערט זיך אַ ברומען אין דער מחנה.

משה זעט אויך ניט קיין טרערן. ער זעט טראָפּנס וואַסער, און ווי דאָס פאָלק מעסט ער זיי אויך נאָך דעם דאָרשט נאָך פון פאָלק. ער פאַרלירט זיין געדולד, הויבט־אויף זיין שטעקן — און שלאָגט דעם שטיין נאָך אַמאָל.

דענסמאָל רייסט דער זקן אויף זיין שטיינערדיק האַרץ און שטורעמט אַרויס די קוואַלן מיט אימפּעט, וואָס גאָט האָט זיי אָנגעגרייט אין זיין האַרץ פון ששת ימי־בראשית אָן אויף אָנצוטרינקען די דאָרשטיקע בני־ישראל.

*

נאָך רוישן די פריילעכע קולות, וועלכע מישן זיך אויס מיט דעם געזאַנג פון דעם פלייצנדיקן וואַסער; נאָך שאַלן די שטימען מיט לויב און געשריי, וואָס דער עכאָ טראָגט אויף זיינע פליגל איבער דעם פרייען חלל פון מדבר; נאָך הערט זיך דער דערפרישנדיקער געמורמל פון ריזלדיקן וואַסער, אין וועלכן מענטש און בהמה טוקן זיך, — ערשט דאָס קול פון יהוה דונערט אין משהס האַרץ. ניין, עס קומט ניט צו אים ווי פריער, באַגלייט מיט דער נחמהדיקער מילדקייט פון חסד, נאָר שטורעמט מיט אָנגעלאָדענעם צאָרן:

— פאַרוואָס האָסטו פאַרשעמט מיין באַשאַף? — משה, מיטן פנים אויף דער ערד, ליגט אַ פאַרשטומטער און אַ פאַרקלעמטער. — צי איז דען מיין באַשאַף אַזוי ווידערשפּעניק קעגן מיר, ווי איר בשר־ודמס, אַז מען באַדאַרף אים באַצווינגען? איך האָב מיין ווילן אַריינגעטון אין זיין נאַטור. עס וואַקסט מיין ווילן אין דעם

האַרץ פון באַשאַף, ווי אַ פּרי אויף דעם בוים, וואָס ווען זי ווערט צייטיק, גיט זי אַרויס פון זיך איר ברכה מיט פרייד און ליבּ, ניט מיט ווידערשפּעניקייט און מורמל. רעדן, האָב איך דיר באַפוילן, זאָלסטו רעדן צום פעלדזנשטיין, ניט שלאָגן אים.

ערשט איצט פאַרשווינדט דער נעפּל, וואָס איז געלעגן איבער משהס אויגן. ער זעט־איין זיין שולד, און ער מורמלט־אַרויס די ווערטער:

— איך האָב געזינדיקט קעגן דיר, פאָטער פון רחמנות!

— און פאַרוואָס האָסטו פאַרשעמט מיין פאָלק? ווידערשפּעניקער האָסטו זיי אָנגערופן. וואָס האָבן זיי געטון? זיי זענען דאָרשטיק געווען און זיי האָבן געשריגן נאָך וואַסער. אַ פאַסטוך האָב איך דיך געמאַכט איבער מיינע שאָף, האָסטו באַדאַרפט פילן דעם צער פון די, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אין דיין האַנט אַריין, און באַדאַרפט שרייען צו מיר נאָך וואַסער. דו האָסט זיי אָבער געשמיסן מיט ריטער פון פאַרשעמונג און פאַראַכטונג. ניט דיין ווי, ניט דיין געבעט האָב איך געהערט, נאָר זייער ווי און זייער געבעט, און האָב געאיילט צו זייער הילף.

— איך האָב געזינדיקט קעגן דיר, פאָטער פון רחמנות!

— און איך האָב אַריינגעקוקט אין די שפּאַלטן פון דיין האַרץ און געפּרואווט דיינע מחשבות, וואָס דו האָסט געטראָגן איבער מיין פאָלק. אַ דור פון מדבר האָסטו זיי אָנגערופן, ווי מתי־מדבר האָסטו זיי פאַרמשפּט. ניין, ניט זיי, נאָר דו און דיין ברודער אַהרן געהערן צום דור פון די מתי־מדבר, ווארעם איר האָט ניט געגלויבט אין מיר מיך צו הייליקן פאַר די אויגן פון די קינדער פון ישראל. און דערפאַר וועט איר ניט ברענגען די דאָזיקע עדה אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב זיי געגעבן.

— דו ביסט גערעכט און יושרדיק איז דיין משפּט, פאָטער פון רחמנות, — האָט משה טיפער געגראָבן זיין פּנים אין זאַמד פאַר יהוהס כבוד.

## 3

לכתחילה זעט מען גאָרניט. אַ געדיכטער וואָלקן־שטויב, ווי אַ סטאַדע שוואַרצע שאָף, שטייט אין דער לופטן און פאַרשטעלט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין אים. פון דעם רויכערדיקן וואָלקן־שטויב הערט זיך אַ רוישן, וואָס קומט־אָן ווי דאָס שטראָמען פון פיל וואַסערן. איינגעהילט נאָך אין דער וואָלקן־מאַסע, קאָן מען אַרויספילן די געדיכטקייט פון פאָלק און הערן דעם גערודער פון באַוועגונג, דעם טראָט פון פיס, וואָס קלינגט־אָפּ ווי אַ ווייט קלאַפּן אין פייקלען. דער וואָלקן צעררייסט זיך, און עס וויזן זיך אַרויס די שטויב־באַדעקטע מאַרשירער. אַ געמישט שאַלן און בלאָזן פון טראָמפּייטן און שופרות שניידט־אויס אַ וועג אין

וואָלקן־שטויב פאַר דער געדיכטער מאַסע, וועלכע קומט־אַרויס פון צעגאַנגענעם נעפּל. אַן אויסמושטירטער גאַנג, אַ האַרטער טראָט פון פיס איבער וואולקאַנישן לאַווע־זאַמד, וואָס דעקט־צו מואבס ערד.

צווערשט קומט דער חייל־פירער. עס וויגט זיך אויפן רוקן פון זיין קעמל אַ הויך־אַרויפגעשאָסענער מאַן אין זיינע בעסטע יאָרן. אַ מאַסע שוואַרצע האָר, געמישט מיט גראָ, פאַלט געוויכטיק איבער זיינע ברייטע אַקסלען; די זאַמד־באַשאָטענע ברעמען שטאַרצן־אַרויס פון זיין פּנים מיט כמורער שטרענגקייט, זיין באָרד איז ברייט און צעשפּרייט. ווער וואָלט עס געקאָנט גלויבן, אַז דער אָפּגעברענטער, מעכטיקער גוף, וואָס זיצט ווי אַ מויער אויף זיין קעמל, דאָס שטרענגע פּנים מיט די געדיכטע כמורע ברעמען, די שווערע מאַסע האָר איבער דעם מעכטיקן נאַקן געהערן דעם סענסיטיוון יינגל יהושע בן־נון, וועלכער פלעגט זיצן, ווי אַ שאָטן, אין דעם ווינקל פון משהס געצעלט?

נאָך אים גייט, אין שפּיץ פון דער ערשטער מחנה, כלב בן־יפונה. ווי יהושע, איז ער אויך גראָ, שטאַק פול מיט מענערישער גבורה. אונטער דער פאָן פון דער מחנה יהודה טרעט ער אין פראָנט פון זיין אָפּטייל.

די צוויי פירערס זענען באַיאָרנט, גראָלעך, אָבער ווי וואַסער־שטראָמען, וואָס קוועלן פון דער ערד אַרויס, גיסט זיך הינטער זיי אַ מענערישע יוגנט, וואָס באַוועלטיקט דעם אַוויר מיט דער מאַכט און דער קראַפט פון אירע בליענדיקע לייבער. קיין איין אַלט פּנים, קיין איין גראָער קאָפּ! זייערע געדיכטע קעפּ האָר און בערד גלאַנצן־אָפּ מיט אַ שיינענדיקער שוואַרצקייט פון אונטער דעם שטויב, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיי. זייערע ברייטע נאַקעטע בריסט זענען ברוין פון דער הייסער זון פון מדבר, אַדורכגעווייעט פון ווינט און זאַמד־שטורעמס, זייערע ציין בליצן מיט ווייסקייט און זייערע נאַקעטע פיס טרעטן מיט מאַכט פון שטאָל, צעמאַלן און צעקרישלען דעם לאַוואַ־שטיין אונטער זיי. אַזוי גייען זיי, רייען נאָך רייען, האַלב־נאַקעטע לייבער, מיט שווערדן אָנגעהאַנגען אויף די לענדן, איטלעכער אונטער דער פאָן פון זיין אָנגעהעריקן שבט. און אַזוי ווי די קאַדרען פון חייל, זענען אויך די לויים, די טרעגערס פון משכן, וואָס גייען־מיט מיט די מחנות פון די שבטים: יונגע לייט פירן די אָקסן־געשפּאַנטע וועגענער, באַלאָדענע מיט די ברעטער און די איבערדעקן פון דעם בנין פון משכן; יונגע הענט האַלטן מעכטיק און זיכער די כּלים פון משכן אויף זייערע שטאַרקע אַקסלען, אויף זייערע רוקנס.

נאָך דעם משכן פאָרן־נאָך וועגענער מיט די קליינע קינדער פון די כּהנים, די פּרחי־כּהונה, — דער דור קינדער פון כּהנים, וואָס איז אויפגעקומען אין מדבר. נאָך די קינדער פאָלגן די איבעריקע אָפּטיילן פון חייל, וואָס שליסן־אָפּ די באַוואַכונג פון משכן, פון זיינע כּלים און פון דעם קודש־קדשים, דעם בונד מיט יהוהן, — די עשרת־הדיברות, וועלכע רוען אין דעם גאָלדענעם ארון, פאַרהילט איצט אין דער פּורפּל־קאָלירעדיקער איבערדעק.

נאָך דעם חייל פון די שבטים קומט די גרויסע עדה פון די בני־ישראל, וועלכע ציט זיך אויף מיילן און ווייט און דעקט־צו, ווי אַ שוואַרעם

היישעריקן, די הייכן פון מואבס סדומישן געבערג. ווי ווייט דאָס אויג קאָן נאָר דערגרייכן, זעט זיך די באַוועגלעכע מאַסע לייבער, דער שוואַרצער וואַלד קעפּ, די זעק מיט געפּעק, די צונויפגעלייגטע געצעלטן, אָנגעלאָדענע אויף די רוקנס פון אָנצאָליקע אייזלען און קעמלען, — אַ מעכטיקער שטראָם, וואָס פאַרפּלייצט די הייכן און די טאָלן פון מואבס גרענעצן. אַזוי ווי צווישן דעם חיל, איז אויך דאָ ניט צו זען קיין עלטערע לייט, בלויז יונגע, מיט לעבן שפּראָצנדיקע, פלינק און מונטער שפּאַנענדיקע קערפּערס. די מענער, אַליין באַהאַנגען מיט שווערע זעק, מיטן געפּעק פון זייער גאַנצן האָב־און־גוטס, אָדער מיט קינדער, וואָס זיי טראָגן אויף די פּלייצעס. די ווייבער, פול־ברוסטיקע, זענען אויך באַלאָדן מיט קינדער, קינדער אויף די הענט, אויף די פּלייצעס, אין די בייכער, אַ שפע קינדער, וואָס הענגען אַרונטער ווי הענגלען ווייַנטרויבן פון געזונטע, שטאַרקע ווייַנשטאָקן. אָנצאָליקע סטאַדעס שאָף, פי און רינדער, אָנגעטריבן פון יינגלעך־פּאַסטוכער, גייען־נאָך איטלעכן שבט, פאַרשפּרייטנדיק זיך איבער ווייטע שטחים, שאַפנדיק אַ מחיצה צווישן שבט און שבט.

מיט גרויס שטוינונג און שרעק קוקן־נאָך די באַוועגלעכע מאַסע גרופּן נאָמאַדן פון די מואבער שטאַמען, וועלכע הויערן מיט זייערע סטאַדעס אַרום די איינציקע וואַסער־איינזאַמלונגען פון די סדומישע בערג. פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען, אַט־די אָנצאָליקע מחנות, וואָס קומען אָנצוציען פון דעם אדומער מדבר? ווער זענען זיי? און פאַרוואָס האָט דער מושל פון מואב, בלק בן צפור, זיי אַדורכ־געלאָזט דורך זייער לאַנד? זיי גריזשען־אָפּ, ווי אַ היישעריק, יעדער ביסל גראָז, וואָס וואַקסט אַרום אַ וואַסער־איינזאַמלונג, — און ווי אַ מעכטיקער אָקס, טרינקען זיי אויס און לאָזן טרוקן איטלעכן ברונים, וואָס זיי טרעפן־אָן אויף זייער וועג.

שליחים אײלן אויף ברייט־שפּרייזנדיקע קעמלען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט דורך הינטערוועגן, און זיי זאָגן־אָן די מוראדיקע בשורה: „זיי קומען! זיי פאַרמאַכן די ברונימער, פאַרשטאָקן זיי מיט שטיינער, פאַר־שטעלן די עפענונג מיט איבערדעקן, אַז מען זאָל זיי ניט דערקענען, וואָרעם אויסטרינקען וועלן זיי אויסטרינקען דעם לעצטן טראָפּן וואַסער און וועלן דיר איבערלאָזן אַן אויסגעטריקנטן קוואַל. שטעלט־אויס שומרים, זאַמלט אייער יוגנט, באַוואָפנט זיי מיט כּלי־זיין, און זאָלן זיי האַלטן וואַך אויף אַלע וועגן, איבער וועלכע עס ציט די רויבער־מחנה, אַז זיי זאָלן ניט אָפּניגן אין פּרוכפּערדיקע טאָלן אַריין, כּדי דאָרט אָפּצוגריזשען, זיי און זייערע סטאַדעס, דאָס לעצטע ביסל גרינס און איבערלאָזן דאָס לאַנד לער און פּוסט".

*

נאָך דער מעשה מי־מריבה („מי־מריבה", דאָס וואַסער פון קריג, ווי עס איז אָנגערופן געוואָרן דאָס אָרט, וואו משה האָט געשלאָגן דעם שטיין) האָט משה ניט געוואָלט פאַרבלייבן מער אין קדש־ברנע, ווען אַפילו ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט פון די גרויסע שוועריקייטן און מניעות, וואָס ער וועט באַגעגענען אין די לענדער פון אדום, מואב, — לענדער, וואָס ער קאָן ניט אויסמיידן אויף זיין וועג צום ירדן. אדומס לאַנד האָט ער דאָך אויסגעמיטן, ווען דער „ברודער אדום"

האָט אים פֿאַרצאַמט דעם וועג; ער האָט אָפּגעניגט אין אַ זײַט, צום אַראַבישן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געצויגן פֿאַזע אדומס גרענעצן. אָבער מיט מואבן האָט ער געשלאָסן אַן אָפּמאַך.

אַ שווערער, פֿול מיט שטרויכלונגען, איז געווען דער גאַנג איבער דעם אַראַבישן קאָרידאָר. צו דעם הונגער און דאָרשט זענען צוגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט קליינע שבטים־גרופּן פֿון כּנענישן אָפּשטאַם, נאָמאַדן פֿון נגב, וועלכע האָבן געפּרואווט פֿאַרהאַלטן דעם פֿאַראויסגאַנג פֿון ישראל. אָבער ווי אַ מעכטיקער שטראָם האָבן די בני־ישראל אָפּגעשווענקט די מניעות, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף זייער וועג. הונגעריקע, דאָרשטיקע, באַפֿאַלן פֿון שלאַנגען און עקדישן, וואָס האָבן געפּויזעט אין די זאַמדיקע נאָרעס און אַרײַנגעגנבעט זיך אין די געצעלטן, געביסן קינדער, אַרומגעוויקלט זיך אַרום די העלדזער פֿון קעלבער און שאָף; געפּלאָגט פֿון בלוט־זויגנדיקע שרצים, וואָס דער וויסטער מדבר ברית־אויס, האָבן זיי דאָך בײַגעקומען אַלע שטערונגען, ביז זיי האָבן, לסוף, דערגרייכט צו די קוואַלן פֿון זרד, וואָס פֿליסן אין דעם טאָל צווישן אדום און מואב.

זרד איז געווען די גרענעץ־ליניע צווישן אדום און מואב. עס איז פֿאַררעכנט געווען פֿאַר אַ הפֿקרדיק לאַנד, אַ לאַנד, וואָס געהערט צו קיינעם ניט. אַ שטענדיקער קריג איז אָנגעגאַנגען צווישן אדום און מואב איבער די רייכע קוואַלן פֿון זרד. משה האָט דאָס אויסגעניצט און פֿאַרנומען דעם טאָל מיט די קוואַלן פֿאַר אַן אָפּרו־פּלאַץ פֿאַר די שבטים פֿון ישראל, אויסגעמאַטערטע פֿון דעם שווערן פֿײַנלעכן וועג דורך דער וויסטעניש פֿון אדום. משה האָט גערעכנט, אַז אַזוי ווי די קוואַלן פֿון זרד געהערן ניט צו אדום, ניט צו מואב, מעג ער, בכן, זיי אויסניצן פֿאַר זיך, און ער וועט מיט דעם ניט עובֿר־זײַן אויף יהוהס פֿאַרבאָט אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פֿון אדום און מואב אָן זייער דערלויבעניש.

פֿון דעם טאָל פֿון זרד האָט ער אָנגעהויבן פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען מיט מואב וועגן אַזאַ דערלויבעניש. בלק בן־צפּור, מלך פֿון מואב, האָט צוגערשט, אַזוי ווי אדום, אָפּגעענטפֿערט, אַז ער וועט משהן און זײַנע מחנות מיט דער שווערד פֿאַריאָגן פֿון די קוואַלן פֿון זרד. נאָר ווען דער מלך האָט איינגעזען, אַז משה שרעקט זיך ניט פֿאַר אים, האָבן די „ברידער פֿון ישראל״ פֿון לוטס אָפּשטאַם דערלויבט די בני־ישראל איבערצוטרעטן זייערע געמאַרקן — פֿאַר אַ פּרייז פֿון פֿינף הונדערט שאָף, הונדערט יונגע עקסלעך, הונדערט אייזלען, פֿינף גאָלד־שטאַבעס און זילבער אין וואָג פֿון פֿינף הונדערט שקלים, אַחוץ פּורפּל־וואָל און פּורפּל־שטאָף פֿאַר אַ מלכות־בגד פֿאַר בלקן, דעם מלך פֿון מואב.

און פֿאַר דעם פּרייז האָט בלק זיי דערלויבט צו גיין איבער דעם מלכס וועג, איבער די וויסטע הייכן פֿון די סדומישע לאַוואַ־בערג פֿון מואב, — זיי טאָרן אָבער ניט אָפּנייגן ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס צו די פֿרוכפּערדיקע וואַסער־שפּעדיקע טאָלן, וואָס רינגלען־אַרום דעם געביט פֿון מואב. דערצו האָבן די דורכגייער געמוזט נאָך צאָלן פּופּציק שאָף און צען יונגע אָקסן פֿאַר איטלעכן ברונים, ביי וועלכן זיי וועלן זיך אָפּשטעלן.

גייען זיי איצט, די שבטים פון ישראל, איבער די הייכן פון מואבס בערג. זיי — און זייערע סטאַדעס שאָף און רינדער — לעכצן נאָך וואַסער, נאָך גרין גראָז. פון די הייכן פון די בערג זענען צו זען די טאָלן, אויסגעבעטע מיט רייצעדיקן גרינס. ווי גרינג וואָלט עס געווען פאַר זיי צו פאַרפּלייצן די טאָלן, ווי שטראָמען וואַסער, וואָס זענען פּריגעלאָזט געוואָרן פון דעם צאַם פון שטאַרקע דאַמבן! זיי האָבן אָבער קיין רעכט ניט אָפּצוניגן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס, וואָרעם משה האָט זיי אָנגעזאָגט, אין נאָמען פון יהוהן, „זאָלסט ניט טראָגן אַ שנאה אויף מואבן און זיך מיט אים ניט אָנהויבן, וואָרעם איך וועל דיר ניט געבן זיין לאַנד פאַר אַ ירושה, — צו די קינדער פון לוט האָב איך עס איבערגעגעבן פאַר אַ ירושה".

ניין, זיי ווילן ניט זייער לאַנד. עס רייצט זיי ניט די שטיין־לאַוואַ פון דער סדומישער ערד. זיי זענען מיד פון מדבר. אויף גאַנץ אַנדער ערד קוקן זיי אויס. ווי זייער אויג איז ניט צוגעוואוינט צו די זאַמדן־וועלן, זייערע מײַלער — צום טעם פון זאַמד־שטויב, ווי זייערע לייבער זענען ניט אַדורכגעווייעט פון מדבר־ווינטן, — דאָך נאָך אַן אַנדער ערד בענקען די מענטשן, וואָס זענען געבוירן און גרויס געוואָרן אין מדבר. זייער אויג איז להוט נאָך די גרינע לאַנקעס פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד, פון וועלכע זיי האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעהערט פון זייערע פאָטערס, נאָך פּאַשע־פעלדער פאַר שאָף און רינדער. דער גומען און די קעל לעכצן נאָך דעם זאַפט פון וויינטרויבן, דער פעטקייט פון דעם מילגרוים, דער זיסקייט פון האָניק, נאָך דעם דערקוויקנדיקן געטראַנק פון מילך, וואָס זייער צוגעזאָגט לאַנד זאָל טריפן מיט דעם. ווען זיי וואָלטן נאָר געהאַט גענוג וואַסער צו לעשן זייער ברענענדיקן דאָרשט, צו מילדערן דעם פיין פון זייערע קינדער, גענוג וואַסער צו מונטערן די פאַרחלשטע שאָף און רינדער. וועט גאָר קיינמאָל ניט נעמען קיין סוף צום וועג אין מדבר?

צווישן די חיילות פון די שבטים, וואָס רינגלען־אַרום, ווי אַ מעכטיקע קייט, די לויים, די טרעגערס פון משכן, און דער מאַסע פון פאָלק געפינען זיך די ראשי־העדה מיט משהן אין צענטער. לעבן משהן, אויף אַ קעמל, וואָס איז רייך אויס־געפּוצט, אויסגעריכט מיט אַ תכלת־קאָלירעדיקן זאָטל, זיצט שוין איצט רייטנדיק דער נייער כהן־גדול אלעזר. ער טראָגט אַ מאַנטל־הילע און אַ לאַנגן ווייסן שלייער, וואָס פאַלט פון זיין קאָפּ־באַדעק אַרום זיינע פּלייצעס. בלויז זיין שוואַרץ־גראָע לאַנגע באָרד באַווייזט זיך אַרויס פון זיין פאַרדעקטן פּנים. אַלץ איבער אים איז פאַרשלייערט און פאַרוויקלט אין ווייסן לייוונט. אַרום אים זענען זיינע זין און אייניקלעך. זיין יינגערער ברודער, איתמר, געפינט זיך מיט די משכן־טרעגערס, ווי אַן אויפזעער. אַלע אין אַהרנס משפחה זענען אין ווייסן געהילט, סיי זיי רייטן אויף קעמלען הינטער דעם כהן־גדול, סיי זיי גייען צופוס, סיי זיי רינגלען־אַרום דעם כהן־גדול אים צו באַדינען. מיט משהן און אלעזרן געפינען זיך די פירשטן פון די שבטים. יעדער שבט האָט זיין פאַרשטייער אין משהס סביבה. אין זיין סוויטע גייט אויך אַריין אַ גרויסער טייל פון זיינע נעענטסטע עצה־געבערס, פון די זיבעציק זקנים און אַ צאָל שליחים, אָדער מרגלים, ווי מען

רופט זיי, וואָס האַלטן משהן און זיין סביבה אין שטענדיקער פאַרבינדונג סיי מיטן פאַראויסגייענדיקן חייל, סיי מיטן חייל, וואָס גייט אַהינטער.

כמעט די גאַנצע אימפּאָזאַנטע באַגלייטונג אַרום משהן רייט אויף קעמלען. נאָר משה אַליין גייט צופוס: ער, דער פאַרטרעטער פון די בני־ישראל, וויל ניט זיין אַנדערש ווי יעדער אַנדער בן־ישראל, וואָס גייט־מיט אין דער מחנה. נאָר זיין הויכער קאָפּ, וואָס איז, ווי דעם כהן־גדולס קאָפּ, באַדעקט מיט אַ לאַנגן ווייסן שלייער, וואָס פאַלט איבער זיינע מעכטיקע פּלייצעס, הויבט זיך אַריבער איבער זיין גאַנצער רייטנדיקער סביבה. עס דאַכט זיך, אַז וואָס עלטער ער איז געוואָרן, משה, אַלץ העכער איז ער געוואַקסן, אַלץ ברייטער, אַלץ מעכטיקער זיינע הענט און אַלץ שטייפער זיינע מוסקולן. ניט קיין מענטש טרעט, נאָר אַ ריז, וואָס איז געפאַלן פון הימל. זיין קרוין גראָע האָר הויבט זיך אויף אונטער זיין קאָפּ־באַדעק און לויפט אַרונטער אין ווייסע געדיכטע לאָקן פון דעם שלייער אַרויס; זיין באָרד, לאַנג און ברייט, שיינט מיט איר הערלעכער ווייסקייט איבער זיין ווייס־קלאָרער מאַנטל־היליע. אַלץ אין אים איז גרויס; אין מאָס מיט זיין הויכער פיגור, זענען אַלע זיינע אברים גרעסער ווי פון יעטוועדער אַנדער מענטשן, שאַרפער, בולטער, און נעמען זיך אויס מיט זייערע גראַד־געשניטענע ליניעס און דער שאַרפקייט פון זייערע קאַנטורן. ניט נאָר די גאַנצע הויכע פיגור, נאָר די אברים פון זיין גוף, די שטריכן פון זיין פּנים זעען־אויס ניט ווי פון בלוט און פלייש געשאַפן, נאָר ווי געפורעמט און אויסגעהאַקט פון איין שטיק מעכטיקן קיזלשטיין. דער שאַרפער קאַנטור פון זיין אַדלער־נאָז, די גרויסע ראַנדן פון זיינע אויגן, וועלכע זיצן אין אויסגעבעטע קישעלעך און באַהערשן מיט זייער קלאָרן הימלשן בליק, ווי אַ שיינענדיק ליכט פון גאָט, זיין פּנים — זענען אויסמאָדעלירט, אויסגעפורעמט פון אַ מייסטער־האַנט, — און דאָך, אַ רירנדיקע, האַרץ־ברעכנדיקע טרויעריקייט שוועבט, ווי אַ לייכטער שאָטן, איבער דער הערלעכקייט פון זיין פּנים, און די געדיכטע קאַרבן אויף זיין מעכטיקן שטערן, די געכוואַליעטע קנייטשן אַרום זיינע גרויסע אויגן און די געבייגענע ליניע אַרום זיין מויל ציטערן מיט מענטשלעכער שוואַכקייט. זיי זענען אָנגעפילט מיט דעם זאַפט פון מענטשלעכן צער, וואָס פאַרווייכט די שטרענגע שטיין־ליניעס און טראַנספאָרמירט זיי פון אַ געטלעכער אומבאַרירלעכקייט אין מענטשלעכער עניוות, וואָרעם „דער מענטש משה איז געווען זייער אַן עניו, מער פון אַלע מענטשן, וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד".

אין דער מאַיעסטעטישער פיגור מיט דעם שטיין־געהאַקטן פּנים וואוינט אַ האַרץ, וואָס איז אַדורכגעזאַפּט, ווי אַ שוואָם זאַפּט־איין וואַסער, מיט די נייטן און די ווייטיקן פון זיין פאָלק. ער ווייסט, אַז אויך זיין צייט רינט־אויס, אַז ער מוז טיילן דעם גורל מיט דעם דור פון יציאת־מצרים. אויך ער איז איינער פון זיי, — יהוה האָט דאָס אים אָנגעזאָגט. און ווען ער האָט זיין ברודער אַהרן אַרויסגעפירט אויפן באַרג און פון אים אַראָפּגענומען די בגדי־כהונה און זיי אָנגעטון אויף אלעזרן, איז זיך, משהס, לעצט וואָרט געווען צו זיין ברודער, איידער ער האָט אים פאַרלאָזט, אַ נאַקעטן, אין דער הייל, וואו אַ מלאך פון גאָט

האָט געוואָרט אויף אים: „גיי, ברודער אַהרן, אין דעם מלכות־השלום, צו וועלכן דער מלאך פון גאָט וועט דיך פירן. איך קום דיר באַלד נאָך, איך וועל נאָר פאַרענדיקן דעם טאָג אַרבעט, וואָס יהוה האָט מיר איבערגעגעבן". ער האָט זיך געהאַלטן, משה, פאַר אַ פּועל־יום ביי יהוהן, און ער האָט נאָר געוואָלט פאַרענדיקן זיין טאָג אַרבעט, דאָס הייסט, ברענגען די בני־ישראל צו זייער צוגעזאָגטן לאַנד, זייער אָרט פון מנוחה. וואָרעם זיין האַרץ ציטערט און פלאַטערט איבער די נסיונות, וואָס די שבטים פון ישראל האָבן אויסצושטיין. ער ווייסט פון זייערע נייטן. דער לעצטער גאַנג דורך דעם מדבר איז דער שווערסטער. ער ווייסט, אַז די קינדער שמאַכטן נאָך וואַסער, די פי, די שאָף, די רינדער הויערן אין שטויב פון זאַמד און ווילן זיך פון אָרט ניט רירן פאַר מידקייט און דאָרשטיקייט. שלעכט איז געווען דער גאַנג דורכן מדבר ביי די גרענעצן פון אדום, נאָך ערגער איז דער גאַנג איבער די געמאַרקן פון מואב. די שבטים ציען־דורך דורך דער וויסטעניש מיט זייערע לעצטע כּוחות. יעדער רגע קאָן זייער געדולד פּלאַצן און זיי קאָנען נאָך אויפסניי זיך נעמען בונטעווען, און ווידער וועט ער הערן דעם שקלאַפן־רוף: „פאַרוואָס האָסטו אונדז אַרויסגענומען פון מצרים?" — און יהוהס כּעס וועט זיך ווידער צעפלאַקערן, און ווידער וועט ער זיי פאַרשיקן אין מדבר אַריין. ווער וועט זיך אָננעמען פאַר זיי, ווען ער וועט שוין ניט זיין? ווער וועט איינהאַלטן דעם כּעס פון יהוהן?

ער וויל צואיילן דעם גאַנג. ער ווייסט, ער האָט ניט קיין פיל צייט, אויב ער האָט געקראָגן זיין פּסק־דין. ער וועט זיין איינער פון די מתי־מדבר. אפשר דער לעצטער, אָבער דאָך איינער פון זיי. ער מוז זיך צואיילן. ניין, קיין אָפּשטעל אין דעם מדבר פון מואב! ער מוז דערגרייכן די ברונימער פון ארנון. ארנון ליגט צווישן דער גרענעץ פון מואב און דעם אמורי. עס איז אַן אבן־נגף צווישן מואב און דעם אמורי. דער אמורי האָט מיט געוואַלד אַוועקגענומען ארנון פון מואבן. ארנון ליגט מחוץ די גרענעצן פון מואב, האָט, בכן, משה רשות איבער דעם לאַנד און קאָן עס פאַרנעמען פאַר די בני־ישראל, ווייל אויך דער אמורי האָט ניט קיין רשות דערויף. ער ווייסט, די קוואַלן פון ארנון זענען רייך מיט וואַסער. אָ, וואָס פאַר אַ דערפרישונג וועט עס זיין פאַר די דאָרשט־פאַרשמאַכטע וואַנדערערס, וואָס זינט זיי האָבן פאַרלאָזט דעם טאָל פון זרד, האָבן זיי ניט פאַרזוכט דעם טעם פון פריש וואַסער. וועט ער אָבער זיין ביכולת צו נעמען די קוואַלן אין זיין רשות? צי וועט סיחון, מלך פון אמורי, אים אָפּוואָרטן דאָרט מיט זיין חייל אַזוי ווי עס האָט געטון מואב נאָכדעם ווי די בני־ישראל האָבן פאַרלאָזט די וויסטע פון אדום? אַנשטאָט צו געבן זיי וואַסער, וועט ער ניט אַזוי אַרום ברענגען די בני־ישראל אונטער דער שאַרף פון דער שווערד? און וועט יהוה אים לאָזן פאַרנעמען די ברונימער פון ארנון? צי זאָל ער ניט שוין איצט שיקן שליחים צו סיחון און אָנבאָטן דעם אמורי אַ פּרייז פאַר דער דערלויבעניש אַדורכצוציען זיין לאַנד, אָדער ער זאָל וואַרטן, ביז ער וועט אָנקומען קיין ארנון און דאָרט פאַרנעמען די ברונימער, וואָס געהערן צו קיינעם ניט?

ווי משה איז נאָך אַריינגעטון אין זיינע מחשבות, קומט אָנצולויפן, רייטנדיק

אויף אַ קעמל, אַ שליח פון דעם שבט גד. דער שבט גד האָט, צוליב די פיל סטאַדעס שאָף, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, זיך געהאַלטן ביים סאַמע עק פון די מחנות פון ישראל, שעהן ווייט אָוועק פון צענטער. זיי האָבן ניט געקענט מער אַריבערטראָגן דאָס שמאַכטן, וואָס זיי האָבן צוגעזען, פון זייערע שאָף, האָבן זיי אָפּגעניייגט מיט די שאָף אין אַ פאַרבאָטענע טעריטאָריע פון מואב, אַרונטער־געלאָזט זיך מיט די סטאַדעס אין איינעם פון די טאָלן און פאַרנומען פאַר זיך די ברונימער וואַסער, וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען. די איינוואוינער פון אָרט זענען אַרויסגעגאַנגען אין קריג מיטן שבט, פאַרלאַנגט געצאָלטס מיט שאָף און רינדער פאַר דעם וואַסער, לויט דעם אָפּמאַך, וואָס משה האָט געשלאָסן מיט בלקן און וואָס די בני־גד זענען גאָרניט וויליק צו פאָלגן.

— שר פון שבט גד, — האָט משה אויסגערופן, — גיי צו דיין שבט און באַפעל זיי, אין נאָמען פון יהוהן, צו באַצאָלן די בני־מואב די צאָל שאָף און רינדער וואָס עס קומט זיי פאַר איטלעכן ברונים וואַסער, לויטן אָפּמאַך, וואָס מיר האָבן געשלאָסן מיט זיי.

— זיי האָבן אַ גרויסן טייל פון אונדזערע סטאַדעס שוין אָוועקגענומען ביי אונדז, — האָט דער שר פון שבט גד אָפּגעענטפערט. — משה רבינו, אויב מיר זאָלן צאָלן פאַר איטלעכן טרונק וואַסער, וואָס מיר נעמען אין לאַנד פון מואב, וועלן מיר ניט האָבן קיין שאָף אויף אַריינצוברענגען אין אונדזער לאַנד אַריין.

— יהוה האָט מיר באַפוילן: „עסנוואַרג זאָלט איר פון זיי פאַר געלט איינ־האַנדלען — און עסן, און אַפילו וואַסער זאָלט איר פון זיי פאַר געלט קויפן — און טרינקען". גיי און פאָלג־אויס יהוהס באַפעל!

— משה רבינו, מיר קאָנען זיי ביי קומען, מיר זענען שטאַרקער פון זיי. מיר קאָנען זיי צעשלאָגן, ווי מיר האָבן צעשלאָגן דעם כנעני, וואָס איז אונדז באַפאַלן.

— מיר ווילן קיינעם ניט באַפאַלן און קיינעם ניט בייקומען. מיר פאַרטיי־דיקן זיך נאָר קעגן די, וואָס באַפאַלן אונדז און ווילן אונדז בייקומען. און מיר פאַרנעמען ניט קיין לענדער, וואָס יהוה האָט זיי אָוועקגעגעבן אַנדערע פעלקער. מיר ווילן נאָר אָפּנעמען אונדזער טייל, וואָס יהוה האָט פאַר אונדז באַשטימט.

— וואו איז ער, אונדזער טייל, וואָס יהוה האָט פאַר אונדז באַשטימט? — האָט זיך געהערט אַ קול. — פאַרוואָס דערווייטערט ער זיך פון אונדז? יעדער שטיק לאַנד, וואָס מיר באַטרעטן, געהערט צו אַנדערע און איז באַשטימט פאַר אַנדערע. וועט גאָר קיינמאָל ניט נעמען קיין סוף צו דעם לאַנגן שרעקלעכן מדבר? וועלן מיר תּמיד, תּמיד מוזן קויפן איטלעכן טרונק וואַסער פון פרעמדע? וועלן אויך מיר מוזן אויסשטאַרבן אין דעם וויסטן מדבר און איבער־לאָזן אונדזערע קינדער, אַז זיי זאָלן חלומען פון אַ לאַנד ווי אונדזערע עלטערן האָבן געחלומט? פאַרוואָס באַווייזן זיך ניט די פעלדער, וואָס טריפן מיט האָניק און מילך, ווי מען האָט אונדז צוגעזאָגט? מיר זעען מער גאָרניט ווי נאָר מדבר, מער גאָרניט ווי אַ קייט שונאים אַרום אונדז.

— גיי, שר, און פיר־אויס יהוהס געבאָט. פאַרוואָס זאָלט איר זיך פאַר־זינדיקן, ווי אייערע עלטערן האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן יהוהן, ווען איר האָלט

שוין ביים ראַנד פון אייער וואַנדער־וועג? וואַרט נאָך אַ וויַיל, די צייַט קומט, — און יהוה איז וואָרהאַפטיק אין זיין הבטחה.

דורך דעם גאַנצן גאַנג איבער דעם לאַנד פון מואב האָט משה קיין איין מאָל ניט געלאָזט אויפשטעלן דעם משכן; ער האָט זיך אַלץ געאיילט וואָס שנעלער אָנצוקומען צו די וואַסער־קוואַלן פון ארנון. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָר־דענונג, אַז מען זאָל אויך ניט אויפשלאָגן די געצעלטן ביים לאַגערן אין פעלד אויף נאַכטלעגער, ווייל מיטן ערשטן שטראַל פון מאָרגנשטערן האָט מען זיך שוין געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך פון חילסלייט, האָט דאָס גאַנצע פאָלק, מיט די ווייבער און די קינדער, גערוט ביינאַכט אונטערן פרייען הימל, איינמיטן די סטאַדעס שאָף, וואָס האָבן געהויערט אַרום, צעלייגט ווייט און ברייט מיט זייער געפעק און צונויפגעלייגטע געצעלטן. נאָר דריי געצעלטן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין לאַגער. אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער וואַך פון לויים, מיט העראָלדן און סיגנאַל־געבער, גרייט צו געבן, ווען נויטיק, אַלאַרם־סיגנאַלן מיט שופרות און פלאַקער־פייערן, האָט גערוט אין זיין געצעלט דער ארון מיט די לוחות, אַזוי אויך די כלים, די ברעטער, די פאָר־האַנגען און אַלע איבערדעקן. דער צווייטער געצעלט איז געווען פאַרן כהן־גדול. דאָס חשיבות פון זיין הויכן אַמט האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך ביינאַכט געפינען אונטער אַ דאַך; ער האָט געמוזט זיין אויסגעהיט פון אָנרירן אַ שרץ אָדער אַן אַנדער מין אומווערדיקייט, וואָס וואָלט אים טמא געמאַכט. דער דריטער געצעלט איז געווען פאַר משהן, — צוליב זיין שטענדיקן באַהעפט מיט דער געטלעכקייט: יהוה קאָן יעדער רגע זיך באַווייזן צו אים אָדער אים רופן, האָט ער, בכן, באַדאַרפט האָבן אַ מקום־מיוחד צו קאָנען זיין אַליין מיטן גייסט, ניט געזען און ניט געשטערט פון קיינעם. ווען די מחנות האָבן מיטן אָנקום פון דער נאַכט געלאַגערט אין פעלד, איז משה אויסגעזעסן ביי דעם איינגאַנג פון זיין געצעלט, אַרומגערינגלט מיט די שרים פון די שבטים און די עצה־געבער פון די זקנים, און האָט אויסגעהערט כלערליי ידיעות, וואָס העראָלדן אויף קעמלען האָבן געבראַכט צו אים פון די וויַיטסטע עקן און ווינקלען פון דעם ברייט־אויס־געשפרייטן לאַגער, ידיעות סיי פון חיל, סיי פון דער מאַסע פון פאָלק, און דורך דיזעלבע שליחים האָט ער געשיקט צוריק אין לאַגער אַריין, אין נאָמען פון יהוהן, פאַראָרדענונגען און באַפעלן אין שייכות מיט דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די מחנות פון ישראל.

זיצט ער, משה, ביים איינגאַנג פון זיין געצעלט, אונטער דעם אויסגעצ־שטערנטן הימל, אַרומגערינגלט מיט זיינע עצה־געבער. די ידיעות, וואָס די שליחים פון אַלע ווינקלען פון דער מחנה ברענגען אים, מאַכן אים שווער דאָס האַרץ: „זינט די בני ישראל האָבן באַטראָטן די הייכן פון מואב, האַלטן זיי אין איין אויסקוקן צו דער זייט פון מערב און זוכן דאָרט מיט בענקענדיקע בליקן די לאַנדשאַפט פון זייער צוגעזאָגטן לאַנד" — גיט־איבער איין שליח, וואָס איז געקומען פון דעם לעצטן פליגל פון דער מחנה. — „און וואָס זעען זיי? זיי זעען ניט מער ווי וויסטע בערג, הורבעס שטיין, אָנגעהויפטע איינע אויף דער

אַנדערער, דעם ים־המלח, וואָס פינקלט־אַרויס ווי אַן אויג פון דער טיפעניש פון טאָל, נאָר קיין איין בוים, קיין איין גרין בלעטל איז ניט צו זען אַרום. גאַלע בערג און בערג קוילערן זיך אַוועק אין מרחקים. מען האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס וואַסער פון דער גרויסער אַזיערע איז געזאַלצן און איז ניט צום הנאה האָבן פאַר מענטש אָדער בהמה. און די ערד, וואָס זיי באַטרעטן איצט, איז די ערד פון סדום, וואָס גאָט האָט פאַרטיליקט דורך פייער פאַר די זינד פון אירע איינוואוינער. זיי האָבן מורא, אַז אויך זייער לאַנד באַשטייט ניט מער ווי פון מדבר און שטיין און אַז אָפּגענאַרט זענען זיי אָפּגענאַרט געוואָרן. באַפעל אַן אָפּטייל פון די לוויים צו גיין צו די בני־ישראל און זיי דערקלערן און אויפווייזן, אַז איבער די זינד פון סדום האָט גאָט פאַרטיליקט זייער לאַנד מיט פייער און שוועבל, — און זאָלן זיי שטאַרקן די געמיטער פון די בני־ישראל.״

באַפעלט משה איינעם פון די כהנים, אַן אויפזעער איבער די לוויים, צו שיקן אַן אָפּטייל לוויים אין דער מחנה אַריין. און פלינק איילן די לוויים אין דער מחנה אַריין, און זיי דערקלערן דעם פאָלק, ווער און וואָס די בני־לוט זענען, פאַרוואָס גאָט האָט זיי געגעבן דאָס לאַנד, — און זיי דערציילן דעם פאָלק וועגן אַברהמען, ווייזן אים אַן פון דער ווייט אויפן אָרט באר־שבע, וואו אַברהם האָט געוואוינט. אַברהם האָט דאָרט אַ ברונים געגראָבן, וואָס די קנעכט פון דעם מלך פון די פלישתים האָבן מיט געוואַלד אַוועקגענומען פון אים; האָט אַברהם אַן אָפּמאַך געשלאָסן מיט דעם קיניג אַבימלך און אָפּגעקויפט דעם ברונים פאַר זיבן שאָף. און פון נאָך אַנדערע מעשים פון פאָטער אַברהם דערציילן די לוויים די בני־ישראל, כּדי צו שטאַרקן זייערע געמיטער. און זיי זאָגן צו די בני־ישראל, אַז די גרענעץ פון זייער לאַנד הויבט זיך אָן פון אָט־דעם אָרט באר־שבע און אַז דער טייך ירדן, וואָס זיי וועלן אָט באַלד אָנקומען צו אים, גיסט זיך אַריין אין דעם געזאַלצענעם ים, וואָס זיי זעען פאַר זיך. באַלד, באַלד וועלן זיי אַריבערגיין דעם ירדן און פאַרנעמען דאָס לאַנד, וואָס איז אויף יענער זייט, אין זייער אַחוזה און נחלה אויף שטענדיק.

אָבער די בני־ישראל האָבן זיך ניט געלאָזט טרייסטן. אַ גרויסע טרויעריקייט האָט אַרומגענומען די עדה, און מיט ביטערקייט האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב זייער אַחוזה און נחלה איז אַזוי וויסט און לער, ווי די נחלאות וואָס יהוה האָט אויסגעטיילט די אַנדערע אָפּשטאַמיקע פון אַברהמען, — די בני־עשו און די בני־לוט, — ווילן זיי אַזאַ נחלה ניט האָבן. זיי זענען שוין מיד און קראַנק פון מדבר. ניט זייערע אבות זענען געווען און ניט זיי זענען מדבר־לייט. זייערע אבות זענען געזעסן אויף פעטע פעלדער ביי דעם טייך נילוס, וואו זיי זענען ניט אָנגעוויזן געווען אויף רעגן פון הימל, נאָר די ערד אַליין האָט דאָרט אַרויסגעגעבן איר וואַסער, איר טוי און איר שטענדיקע פעטקייט.

און דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ געוויין צווישן דער מחנה.

— אונדזערע נשמות זענען אויסגעטריקנט פון מדבר, ווי אונדזערע קעלן זענען דאָ פאַרשמאַכט פון דאָרשט. און משה האָט אונדז אַרויסגענומען פון אַ לאַנד פון מילך און האָניק, און ער פירט אונדז אין אַ לאַנד, וואָס גיט אַרויס

פון זיך דערנער און שטאָכערס, — ברענגען די שליחים צו אים ידיעות פון אַנדערע ווינקלען פון דער מחנה.

משה הערט־אויס מיט אַ באַטריבטן געמיט די ידיעות פון די לווים־אויפ־זעערס. ער ווייסט, אַז דאָס פאָלק איז אויסגעמוטשעט פון מדבר און שרעקט זיך פאַרן אָנבליק פון לאַנד, אָבער יהוה האָט געזאָגט, — און וואָרהאַפטיק איז זיין וואָרט. און כאָטש ער, משה, האָט קיינמאָל ניט אָנגעזען דאָס לאַנד, צו וועלכן ער פירט די בני־ישראל, האָט ער אָפּגעענטפערט די לווים־אויפזעערס, וואָס האָבן אים געבראַכט די טרויעריקע בשורה:

— גייט און זאָגט די בני־ישראל: בחינם שרעקט איר זיך, בחינם צעגייט דאָס האַרץ אין אייך איבער דעם אָנבליק פון דעם לאַנד. אַזוי זאָגט יהוה: „איך וועל מאַכן די דערנער און שטאָכערס טריפן מיט מילך און האָניק פאַר אייך. און ווען איר וועט צוהערן מיינע געבאָטן און זיי היטן, וועל איך דאָרט, וואו איר וועט באַטרעטן אייער פוס, פאַרוואַנדלען די ערד פון סדום אין אַ גאָרטן פון עדן פאַר אייך". און נאָך זאָגט זיי, אַז ניט קיין זון פון עשו איז ישראל ביי גאָט — און ניט קיין זון פון לוט. ישראל איז זיין זון וואָס גאָט האָט זיך גענומען, זיין פאָלק, וואָס ער האָט אויסגעוויילט פון אַלע אַנדערע פעלקער. און אָט באַלד, נאָך אַ טאָג און נאָך צוויי, — אָט באַלד וועט איר דערזען, ווי אויף דער פלאַך פון דער האַנט, אייער לאַנד אַרויסקומען פאַר אייך.

אָבער ניט אַלע ידיעות, וואָס ער באַקומט, זענען אַזעלכע טרויעריקע. די ידיעות פון דעם חייל, וואָס יהושע שיקט אים, פילן־אָן זיין האַרץ מיט פרייד און האָפענונג, ווי עס פילט־אָן האָניק דעם צייטיקן מילגרוים:

„ווי אַ הונגעריקער לייב איז ישראל, וואָס קוקט־אַרויס גיריק אויף זיין געפאַנג, זיין אויג איז שאַרף און זיין לאַפּע איז מעכטיק; ווי אַ יונגער הירש שאַרפט ער זיינע הערנער פאַרן אַנקומענדיקן געראַנגל, און ווי אַן אייזל שלעפּט ער זיין עול, און ער איז ניט ווידערשפּעניק".

די נאַכט האָט משה געקניט אין זיין געצעלט, און ער האָט גערופן צו יהוהן:

„יהוה, גאָט פון רחמים און גענאָד, זע, דיין פאָלק איז מיד — און דיין קנעכט איז מיד. אונדזערע נשמות זענען אויסגעטריקנט און מיר לעכצן נאָך דעם לאַנד, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט צו אונדזערע אבות. מיר קאָנען ניט ווייטער טראָגן. דיין פאָלק האָט באַצאָלט דעם פולן פּרייז, דערפיל דיין הבטחה. עפן־אויף פאַר אונדז די קוואַלן פון דיין חסד, טרינק אונדז אָן מיט דיין וואַסער, וואָרעם מיר זענען דאָרשטיק, דאָרשטיק, דאָרשטיק".

און משה האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין געצעלט, מיטן פּנים צו דער ערד, און אַ טיפער שלאָף איז געפאַלן איבער אים. און אין דעם שלאָף האָט ער זיך געזען, — דער פּאַסטוך פון יתרוס שאָף. ער בלאָנדזשעט אַרום אין דער וויסטע פון סיני מיט זיין סטאַדע איבער די קופּערנע בערג און ליימיקע טאָלן. די ערד איז פאַרשטיינערט און פאַרחתמעט, און די שאָף זענען אויסגעמוטשעט פון דאָרשט, און ער איז מיד פון קלעטערן איבער די בערג. און מיטאַמאָל דערזעט ער ווי וואַסער שלאָגט־אַרויס מיט אַ שטאַרקן שטראָם פון אַ שפּאַלט אין אַן

אַפּגרונט און לאָזט זיך אַרונטער מיט פיל רעש פון דער הייך. כּהרף־עין פילט זיך אָן מיט לעבעדיק קוועלנדיק וואַסער אַ לאַנגע אויסגעבלייכטע קאַרעטע, וואָס ציט זיך פון דעם קוואַל צו די פיס פון זיינע שאָף.

ער דערהערט יהוהס קול רופן צו אים:

— זאַמל־איין דאָס פאָלק און איך וועל זיי געבן וואַסער.

*

איין פרימאָרגן, ווען דער מאָרגנשטערן האָט אויפגעבראָכן און אָנגעצונדן דעם שוואַרצן הימל מיט פייער, האָבן די מחנות פון ישראל זיך אויפגעכאַפּט און זיך אויסגעשטעלט אין רייען פאַר זייער טעגלעכן גאַנג און געוואַרט אויף דעם סיגנאַל פון די שופרות פאַר דעם אויפמאַרש. מיטאַמאָל האָט אַ גערודער אויפגעבראָכן אין די פאָדערשטע רייען פון דעם פאָראויסגייענדיקן שבט יהודה. מיט גרויס שטוינונג האָבן אַלע געקוקט פאַר זיך. נעכטן האָבן זיי דאָרט גאָרניט געזען ווי נאָר פאַרשרפעטע לאַווע־ערד און שטיינערדיקע הייכן. אָן אַ ברעג און אָן אַן עק האָט דער מדבר זיך געצויגן פאַר זיי. און איצט האָט זיך די ערד אויפגעעפנט פאַר זיי. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זעען אַ מיראַזש אין מדבר, וואָס עס האָט זיך זיי אַזוי אָפט געטראָפן. דער באַרג האָט געגעבן אַ פאַל אַרונטער, ווי עס וואָלט אים ווער מיטאַמאָל אָפּגעשניטן, און אונטן, צופוסנס פון באַרג, איז אַן אַנדער וועלט, אַ נייע וועלט, וואָס זיי זעען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. גרינע, פעטע לאַנקעס ציען זיך אויס איבער ווייטע שטחים. אונטער אַ קלאָרן, ליכטיקן בלאָען הימל, אין וועלכן זילבער־באַזוימטע וואָלקנדלעך שווימען שפּילעוודיק אַרום, שאָקלען זיך צניעותדיק קלומפּן ציפּרעסן־ביימלעך און פאַרשאָטענען דערפער און שטעטלעך, מיט נידעריקע ווייסע הייזלעך, וואָס קוקן־אַרויס פון צווישן די גרינע צווייגן; בייטן, באַזעצטע מיט גרינוואַרג און תבואות, שאָף פיטערן זיך אויף גרין־גראָזיקע לאַנקעס. ביים סאַמע צופוסנס פון באַרג האָבן זיי דערזען קוועלנדיק וואַסער . . . וואַסער, וואַסער, וואָס קוועלט־אַרויס פון אַ ברונים און פאַרפּלייצט אַלץ אַרום, זאַמלט זיך מיט גערויש און שניידט זיך אויס קאַרעטעס און קאַרעטלעך, פילט זיי אָן מיט קוועלנדיקער פרייד, לויפט־אָפּ, — און פרישע שטרעמלעך, מיט תמיד באַנייטן אימפּעט פון אַ ברונים־קוואַל, פילן זיי גלייך ווידער אָן.

די בני־ישראל, וואָס די מערסטע פון זיי זענען שוין געבוירן געוואָרן אין מדבר, האָבן קיינמאָל פריער אַזוינס ניט געזען, אָבער אַפילו די, וואָס זענען נאָך געבוירן געוואָרן אין מצרים, האָבן אויך מער ניט געדענקט די פלייצנדיקע שפע פון נילוס, פון וועלכן זייערע פאָטערס פלעגן זיי דערציילן מיט אַזוי פיל נאַגנדיקער בענקשאַפט. זייער בליק, אויסגעגליט אין דער היץ פון מדבר, איז אויסגעטריקנט געוועזן, ווי זייערע קעלן. זייערע לייבער פאַרשרפעט פון זון און שטויב, זייערע ביינער פאַרטריקנט, האָבן זיי קיינמאָל פריער ניט פאַרנומען דאָס געזאַנג פון וואַסער, קיינמאָל פריער ניט געשפּירט דעם ערדישן ריח, וואָס פרישע וואַסער־קוואַלן ברענגען־מיט מיט זיך, ניט געפילט די נחמה, מיט וועלכער זיי פילן־אָן די נשמות, די האָפענונג, וואָס זיי ברענגען אין די הערצער.

ביין, עס זענען ניט געווען די וואַסערן פון נס, ניט דאָס וואַסער, וואָס משה האָט אַרויסגעצויגן פון שטיין פאַר זיי. דאָס וואַסער פון נס איז באַגלייט געווען מיט שרעק, אַז אָט באַלד וועט עס פאַרשווינדן; דאָס וואַסער, וואָס זיי זעען איצט צום ערשטן מאָל, איז דאָס ערדישע תּמידיקע וואַסער, וואָס גאָט האָט באַשענקט מיט דעם די ערד, דאָס וואַסער, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרשלאָסן פאַר זיי.

ווי דאָס ברכהדיקע רוישן פון דעם וואַסער גופא, האָט זיך געטראָגן די ברכהדיקע בשורה: וואַסער, וואַסער פון דער ערד, וואַסער, וואָס שפּריצט פון אַ ברונים אַרויס, וואַסער, וואָס פילט־אָן, פאַרפלייצט אויסגעטריקנטע קאַרעטעס, — עס גיסט, עס גיסט — און רינט קיינמאָל ניט אויס; וואַסער, וואָס זינגט מיט פרישקייט.

דער בלויזער קלאַנג פון וואָרט האָט זיי אָנגעפילט מיט אַ פרייד פון הימל. עס האָט זיי געהויבן, ווי אויף זייערע לייבער וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פליגל.

אַלע פּנימער און הערצער זענען געווענדט צו משהן.

— וואַסער . . . איז עס פריי פאַר אונדז, אָדער פאַרשלאָסן פאַר אונדז? וואַסער . . . געהערט עס צו אדום, צו מואב, און מיר קאָנען עס נאָר קויפן פאַר געלט, אויב נאָר דער ברודער עשו וויל עס אונדז פאַרקויפן?

— וואַסער . . . האָט עס יהוה אונדז געגעבן, אָדער די פרעמדע?

און משה זאָגט דאָס וואָרט צו אויסגעמאַטערטע, פאַרחלשטע, צו דעם לעצטן נסיון געבראַכטע פאַרשטייער פון די שבטי־ישראל.

זיי שטייען אַרום אים, די פאַרשטייער פון די שבטי־ישראל, אין זייערע מאַנטלען, מיט זייערע הערשער־שטאָקן. עס שטייען ארום אים די זקני־ישראל, עס שטייט פאַר אים, אַ בלייכער, דער כּהן־גדול אלעזר, די פאַרשטייער פון די לוויים, — און דאָס פאָלק מיט פלאַטערדיקע, אָנגעשראָקענע הערצער, מיט אויס־געפּוישטע אויגן און אַרויסגעשטעקטע פאַרשמאַכטע צינגער.

און משה זאָגט דאָס וואָרט:

— דאָס איז דער ברונים, וואו גאָט האָט געזאָגט צו מיר: „זאַמל־איין דאָס פאָלק, און איך וועל זיי געבן וואַסער". עס איז דער ברונים, וואָס אונדזער פאָטער אַברהם האָט געגראָבן; דער ברונים, וואָס אונדזערע אבות, די האַרן, האָבן געגראָבן.

און מיט אַ רעשיקער פרייקייט, וואָס האָט צעשטערט יעטוועדער סדר, האָבן די בני־ישראל צעבראָכן זייערע רייען. מוטערס האָבן געטראָגן קינדער, פאָטערס האָבן געפירט די פאַרשמאַכטע קליינע סטאַדעס . . . כּהרף־עין האָבן מענטשן, בהמות זיך אַרונטערגעלאָזט, ווי שטראָמיקע וואַסערפאַלן, פון באַרג אַרונטער און באַלייגט די ברונימער, די קאַרעטעס, די טייכן.

און מיטאַמאָל זענען אויסגעוואַקסן די פרויען, יונגע ווייבער און מיידלעך. געפלאָכטן ביי די הענט איינע אין דער אַנדערער, האָבן זיי געטאַנצט אַרום דעם ברונים מיט געזאַנג און פרייד. אַרויסגעבנדיק פון זיך גאַרגל־קולות און נאָז־קולות, האָבן זיי געזונגען:

אונדזער ברונים, אונדזער ברונים,
דער ברונים, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געגראָבן.
מלכים זענען זיי געווען, האַרן גרויסע,
פירשטן פון פאָלק.
מיט זייערע צעפּטערס האָבן זיי געגראָבן,
מיט זייערע הערשערשטאָקן
האָבן זיי אים פאַרטיפט.
קום אַרויף, וואַסער, קוועל אַרויף, קוואַל,
טרינק אונדז אָן, פריש אונדז אויף.
אונדזערע עלטערן, די פירשטן,
האָבן דיך געגראָבן
פון זייערע קינדער וועגן.

און עס איז געווען ווי דער ברונים וואָלט געוואוסט, אַז דאָס זענען די קינדער פון די פירשטן איצט צוגעקומען צו אים, האָט ער אַרויפגעשאָסן זיינע וואַסערדיקע שטראַלן מיט קראַפט און מאַכט. ווי ער וואָלט אויפגעעפנט געהיימע קוואַלן פון זיין האַרץ אַרויס, וואָס ער האָט זיי באַהאַלטן פון קדמונים אָן פון די קינדער וועגן. דאָס געזאַנג פון די ווייבער און מיידלעך האָט אַרויפגעשעפּט זיינע וואַסערן, און די קוואַלן האָבן אָפּגעענטפערט מיט פרייד, אָנפילנדיק מיט לעבעדיק וואַסער די קאַרעטעס, וואָס באַלד האָבן זיי זיך איבערגעגאָסן. און פי און מענטש פאַלן צו צום וואַסער און טרינקען מיט גליק און פרייד, ווי אַ הונגעריק קינד, וואָס נאָגט פון זיין מוטערס ברוסט.

און פאַרשיכּורט פון נייע האָפענונגען, וואָס דאָס פרישע וואַסער האָט דערוועקט אין זיי, האָבן די מענער געזונגען נאָך די פרויען:

טרינקט די ברכות פון אונדזערע אבות,
טרינקט די הבטחות פון יהוהן.
טרינקט אמונה, טרינקט בטחון,
טרינקט כּוחות, טרינקט מוט —
פאַר אונדזער לאַנד און פאַר אונדזער פאָלק,
פאַר יהוהן און פאַר זיין געזעץ —
אונדזערע אבות האָבן דעם ברונים געגראָבן,
מיט זייערע צעפּטערס האָבן זיי געגראָבן.

און עס איז געווען ווי די מענער פון ישראל האָבן געטרונקען פון דעם וואַסער פון ברונים, האָבן זיי געפילט ווי אַ נייער גייסט איז אַריינגעקומען אין זיי, אַ גייסט, וועלכער האָט איינגעפלאָסן נייע כּוחות פון בטחון און גלויבן, און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— ניט אַנדערש, נאָר דער גייסט פון די אבות האָט זיך באַזעצט אין אונדז מיטן טרינקען די וואַסערן פון ברונים, וואָס אונדזערע אבות האָבן אים געגראָבן.

# 4

און דאָך האָט משה ניט געהייסן אויפשטעלן דעם משכן (און אַזוי האָט אויך קיינער, פאַרשטייט זיך, אין דעם לאַגער ניט אויפגעשלאָגן זיין געצעלט). אַנ־שטאָט דעם, האָט ער באַפוילן די בני־ישראל צו ציען ווייטער אין דעם לאַנד פון אמורי.

און ווען די ראשי־העם האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע פנימער, האָט משה זיי אָפּגעענטפערט:

— אונדזער וועג מוז זיין איבעראייליק, וואָרעם איידער מיר וועלן דערגרייכן דעם ברעג פון ירדן, דעם טייך פון יריחו, האָבן מיר נאָך אַדורכצוגיין די לענ־דער פון פיל פעלקער.

און ווען דער שר פון שבט ראובן האָט זיך איינגעשטעלט צו דערמאָנען משהן, אַז די ברונימער פון טאָל אַרנון פליסן בשפעדיק מיט וואַסער, וואָס איז גוט פאַר זייערע שאָף און רינדער, האָט אים משה געזאָגט:

— יהוה פאַרמאָגט פיל לענדער, וואָס האָבן טיפע ברונימער, איבערפול מיט וואַסער, און די ערד געהערט צו יהוהן, ניט צו קיין בשר־ודם. און יהוה האָט איטלעכן פאָלק איינגעטיילט זיין נחלה און זיין חלק, און מיר טאָרן ניט נעמען, וואָס עס איז ניט אונדזערס.

— ניט אַזוי אָבער דער אמורי. דער אמורי איז ניט פון אַברהמס גזע, און ער האָט דאָס לאַנד, אויף וועלכן ער זיצט, פאַרנומען פון מואבן דורך רויב, גזילה און דער שאַרף פון שווערד. איז פאַרוואָס קאָנען מיר דאָס ניט אָפּנעמען פון אים מיט דער שאַרף פון דער שווערד? דאָס לאַנד האָט גוטע פיטער־פעלדער פאַר אונדזערע שאָף, און די ברונימער דערין האָבן אונדזערע אבות געגראָבן, — האָט דער שר פון שבט ראובן זיך איינגעשטעלט פאַר זיין שבט.

— זיי זענען פרעמדע פאַרכאַפּערס, ניט פון אַברהמס משפחה. סיחון האָט אָוועקגענומען די שטאָט חשבון פון דעם מלך פון מואָב. ער האָט מלחמה גע־האַלטן מיטן מלך פון מואב און איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד ביז אַרנון, — האָבן די אַנדערע פירשטן געשטיצט דעם פירשט פון שבט ראובן.

— אויך די בני־עשו און די בני־לוט האָבן אָפּגענומען זייערע לענדער פון פעלקער, וואָס זענען דאָרט פריער געזעסן, מיט דער שאַרף פון דער שווערד, — האָט משה געזאָגט, — נאָר אַזוי האָט יהוה באַשטימט זייער חלק לאַנד, און מיר קאָנען עס ניט אָנרירן. איך האָב דעם באַפעל פון יהוהן ניט צו באַפאַלן עמון, די קינדער פון לוט.

— דער אמורי איז ניט קיין קינד פון לוט, ער איז ניט פון עמון. ער איז אַ באַפאַלער און אַן אַריינדרינגער, און גאָט האָט אים ניט געגעבן קיין חלק אין דער ערד. אַ פרעמדער איז ער.

— דאָס וועלן מיר זען. דערווייל מוזן מיר אויספירן יהוהס געבאָט. מיר קאָנען נאָר נעמען דאָס אונדזעריקע, דאָס, וואָס יהוה האָט צוגעזאָגט אונדזערע אָבות, דאָס לאַנד אויף יענער זייט ירדן, ביז צום גרויסן ים. מיר קאָנען אויף

קיינעם ניט אָנפאַלן, מיר קאָנען זיך נאָר פאַרטיידיקן, ווען זיי וועלן אויף אונדז אָנפאַלן.

און משה האָט געררופן שליחים פון די שבטי־ישראל און זיי געשיקט צו ברעג־גען די ווערטער פאַר סיחון, מלך פון חשבון, אין נאָמען פון די בני־ישראל:

„לאָז אונדז אַדורכגיין דורך דיין לאַנד. נאָר אויף די וועגן וועלן מיר גיין, מיר וועלן זיך ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס. עסנוואַרג וועסטו אונדז פאַר געלט פאַרקויפן, און מיר וועלן עסן, און וואַסער וועסטו אונדז פאַר געלט געבן, און מיר וועלן טרינקען. לאָמיר נאָר צופוס אַדורכגיין, אַזוי ווי עס האָבן מיט מיר געטון די קינדער פון עשו, וואָס זיצן אין שעיר, און די מואָבים, וואָס זיצן אין דער שטאָט ער; ביז וואַנען איך וועל אַריבערגיין דעם ירדן צו דעם לאַנד, וואָס יהוה אונדזער גאָט האָט אונדז געגעבן".

— פון וואַנען וועלן מיר נעמען דאָס זילבער? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די כהנים, וואָס האָט געהאָט דעם אויפזען אויף דעם אוצר פון גאָלד און זילבער אין משכּן. — מיר האָבן אונדזער אוצר אויסגעליידיקט פאַרן ברויט און דעם וואַסער, וואָס מיר האָבן געקויפט ביי אדום און ביי מואָב.

— מיר וועלן אים באַצאָלן מיט שאָף און רינדער אין דעם ווערט פון זיל־בער. נעמט־אויס מיט אים אַ מקח פאַר איטלעכן ברונים וואַסער, וואָס מיר וועלן אויסטרינקען, — האָט משה געזאָגט צו די שליחים.

דאָס האָט געבראַכט צוריק די גאַנצע ביטערקייט, וואָס די קוואַלן פון ארנון האָבן געהאַט פאַרזיסט, און די גאַנצע טרויעריקייט פון מדבר, וואָס די קוועלנ־דיקע ברונימער האָבן געהאַט געמילדערט. זיי האָבן געמיינט, אַז מיט זייער אָנ־קומען צו די גרענעצן פון יישוב וועט דאָס לאַנד שוין זיין זייערס און דאָס וואַסער זייערס. איצט, מיטאַמאָל — ווידער פרעמדע, ווידער וואַנדערער! עס ציט זיך דער מדבר און די קללה פון וואַנדערן אַריין אין יישוב. ווען וועט זיך שוין דאָס אַמאָל אויסלאָזן?

— אָבער אונדזערע סטאַדעס שרימפּן־איין. צוערשט דער דאָרשט פון מדבר, איצט — דער פּרייז פאַר וואַסער און ברויט. און מיר האָבן געמיינט, אַז די ברונימער פון אַרנון זענען שוין אונדזערע און אַז פון דאַנען אָן הויבט זיך אָן אונדזער מקום־מנוחה.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. משה האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל ווייטער צו ציען. די טראָמפּייטן האָבן געשאַלט, די שופרות האָבן געבלאָזן. די פאָדערשטע רייען פון חייל האָבן אָנגעהויבן דעם אויפמאַרש, און דער גאַנצער לאַגער האָט געצויגן אין דעם נייעם אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין.

זיי האָבן געצויגן אָן מונטערקייט, אָן מוט, מיט אַ בענקשאַפט נאָך די קוואַלן, וואָס זיי לאָזן הינטער זיך. אַ היפּשע צאָל בני־ישראל, דאָס רוב פון שבט ראובן און שבט גד, די צוויי שבטים, וואָס האָבן געהאַט רייכע סטאַדעס שאָף און האָבן, צוליב דעם, אויסגעפילט די הינטערשטע רייען פון דער מחנה, האָבן זיך פאַר־האַלטן אַרום די ברונימער פון אַרנון. די מחנה, ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט, האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגן און אַזוי לאַנג האָט עס געדויערט, ביז דער גאַנצער לאַגער האָט זיך פונאַנדערגערירט, אַז איידער עס איז געקומען די ריי פון די צוויי

שבטים מיט זייערע סטאַדעס, איז נאַכט געוואָרן, און זיי זענען געבליבן אַרום די ברונימער ביי אַרנון און ווייטער ניט געגאַנגען. די עלטערע פון זיי האָבן אי־בערגעלאָזט די דערוואַקסענע זין מיט די ווייבער און די סטאַדעס שאָף אַרום די ברונימער און אַליין זענען זיי פּאַמעלעך, אָפּשטייענדיק, נאָכגעגאַנגען נאָך דער מחנה. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס לאַנד האָט זיי גאָט געגעבן, און זיי האָבן עס ניט געוואָלט פאַרלאָזן.

נאָך האָבן די פאָדערשטע רייען פון דער מחנה ניט אַרויסגעטראָטן פון די גרענעצן פון מואָבס טעריטאָריע, זיי האָבן נאָך ניט געהאַט באַטראָטן קיין איין דאָרף אָדער שטאָט פון דעם אמורי, ערשט די מרגלים, וואָס זענען געגאַנגען ווייט פאָראויס פון די מחנות, האָבן געבראַכט יהושען די ידיעה, אַז סיחון, מלך פון אמורי, האָט צונויפגעקליבן זיין פאָלק און גייט־אַרויס מיט כּלי־זיין אין מלחמה קעגן די בני־ישראל, — און ער געפינט זיך שוין גאָר נאָענט פון זיי. געשווינד האָט יהושע אַליין געאײַלט אויף זיין קעמל צו ברענגען די ידיעה צו משהן.

משה האָט אים אויסגעהערט — און זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— ניט אַנדערש, נאָר יהוה האָט האַרט געמאַכט דאָס האַרץ פון סיחון, כּדי אים און זיין פאָלק איבערצוגעבן אין אונדזער האַנט — דעם הײַנטיקן טאָג, — האָט משה געזאָגט מיט אַן אויפבליץ אין די אויגן.

— סיחון מיט זיין גאַנץ פאָלק מוזן פאַרטיליקט ווערן שנעל, איידער די אַנ־דערע שבטים, יעזר און עוג מלך הבשן, וועלן צייט האָבן צו זאַמלען זיך און קומען דעם מלך סיחון צוהילף. מיר מוזן דעם שונא פאַרניכטן, כּדי די שרעק פון יהוהן זאָל פאַלן אויף זיי, אַז זיי זאָלן זיך מער ניט דערוועגן אונדז צו באַפאַלן.

— ווי גרויס איז זיין חייל, ווי שטאַרק איז עס? — האָט משה געפרעגט די שליחים, וואָס זענען געקומען מיט יהושען —און וואָס זענען זיינע כּלי־זיין?

— חייל? אַן אַנגעלויף פון מענער און ווייבער, יונג און אַלט. ער האָט גע־רופן דאָס פאָלק צו גיין אין מלחמה קעגן אונדז. זיי מיינען, אַז שוין דער נאָמען ס י ח ו ן וועט אונדז איבערשרעקן — און מיר וועלן לויפן פון זיי. אויך מיינען זיי, אַז מיר זענען אַ הייפעלע, אַ שריד, אַן איבערבלייב פון די מתי־מדבר, וואָרעם זיי האָבן געהערט, אַז יהוה האָט פאַרלאָזט די בני־ישראל און געלאָזט זיי אויס־שטאַרבן אין מדבר.

— גוט, — זאָגט משה צו יהושען, — נעם צונויף די בעסטע פון די חילות, צו טויזנט מאַן פון אַ שבט, און ריכט זיי אויס מיט שווערדן. דו, יהושע, וועסט גיין קעגן זיי; כּלב בן־יפונה, מיט אַן אַנדער חייל, צו טויזנט מאַן פון אַ שבט, זאָל אַרומרינגלען און באַלאַגערן חשבון הינטער זיי. מען וועט אויך באַדאַרפן נאָך חייל פאַר אַן אָפּוועער־וואַך קעגן מואָבן, וואָרעם עס קאָן גריילעך זיין, אַז מואָב זאָל געוואויר ווערן פון סיחונס איבערפאַל און זאָל אונדז באַפאַלן אין רוקן.

— בלק בן־צפור פון מואָב און סיחון פון דעם אמורי זענען בלוט־פיינט, זינט סיחון האָט צוגענומען פון מואָבן זיין בעסטן טייל לאַנד מיט אַלע ברונימער און וואַסערן.

— מיר קאָנען זיך ניט פאַרלאָזן אויפן שונא פון ישראל. אויף צו פאַרענגן און שלעכט צו טון די בני־ישראל וועלן שונאים בדאַי פריינד ווערן.

— משה, אונדזער לערער, קעגן מואָבן וועלן אונדזערע יונגען זיך אַנט־קעגנשטעלן. מיר האָבן איבערגעלאָזט אונדזערע זין ביי די וואַסערן פון אַרנון. זיי האָבן אַרומגערינגלט אַרנון מיט אַן אייזערנער קייט און וועלן קיינעם ניט אַדורכלאָזן.

— גוט. אויב אַזוי, נעמט אַן אַנדער אָפּטייל פון חייל — און זאָלן זיי באַ־פאַלן דעם אמורי פון דער לינקער זייט. און געדענקט, ניט צו צעשטערן שטעט און ניט חרוב צו מאַכן דערפער, ווי איר האָט עס געטון מיט די שבטים פון כנען, וואָס זענען אייך באַפאַלן. שאַנעוועט די שטעט, די דערפער, ווייל מיר וועלן זיי פאַרנעמען צו באַזעצן זיך אין זיי. יהוה האָט געהערט אונדזער געוויין, האָט פאַרנומען אונדזער גערעכטקייט און דאָס שלעכטס, וואָס עס האָט געטראַכט אויף אונדז דער שונא. און ער האָט זיך באַוויזן צו מיר און מיר געזאָגט: „זע, איך האָב איבערגעגעבן סיחונען און זיין לאַנד אין דיין האַנט. הויב־אָן איינצונעמען און פאַרפיר מיט אים מלחמה”. גייט און נעמט דאָס, וואָס יהוה האָט אייך גע־געבן. און געדענקט, מיט מאַכט און אין געאייל, איידער די שונאים האָבן צייט אייך צו באַפאַלן.

די זילבערנע טראָמפּייטן האָבן געשאַלט, די שופרות האָבן געבלאָזן. פּנחס בן־אלעזר, דער יונגער כהן, איז באַשטימט געוואָרן פון די כהנים צו גיין מיטן חייל. ער האָט געריטן מיט יהושע בן־נון און כלב בן־יפונה פאַראויס פון די מחנות. די מחנות האָבן זיך צעטיילט אין דריי צווייגן, און ווי אַ טייך, וואָס איז איינגע־שלאָסן אין די בערג, ברעכט־אַדורך די צאַמען און רייסט זיך מיט דעם אימפּעט פון זיין פרייגעלאָזטער מאַכט אין אָפּגרונט אַרונטער, פאַרפלייצט מיט רעש און געוואַלד די טאָלן אַרום, אַזוי האָבן די בני־ישראל געוואָרפן זיך פון אַלע דריי זייטן אויף דעם פאַניק־אָנגעגריפענעם, פון גאווה פאַרשיכורטן, רויען פאָלק, וואָס סיחון האָט אַרויסגעפירט קעגן זיי. לאַנג געשאַרפט האָבן די מחנות פון ישראל זייערע הערנער; ווי אַ יונגער אָקס, הונגעריק און גיריק, האָט ישראל געשטויסן אויף רעכטס און אויף לינקס, און דער פּחד פון יהוהן, וואָס איז זיי באַפאַלן, האָט געטון דאָס איבעריקע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די זיגערישע מחנות זיך צוריקגעקערט צו משהן אין לאַגער אַריין. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ גרויסן שטויב, זיי און די פיל סטאַדעס שאָף און רינדער, וואָס זיי האָבן געטריבן פאַר זיך. זיי זענען צוריקגעקומען אין דער מחנה אַריין מיט אַ טריאומף־ליד:

ווי צו דיר, מואָב!
פאַרלוירן ביסטו, פאָלק פון כמוש!
ער האָט געלאָזט ווערן זיינע זין אַנטרונענע,
און זיינע טעכטער אין געפאַנגענשאַפט
צו סיחון, דעם מלך פון אמורי.
און מיר האָבן זיי צעשטויסן.
פאַרלוירן איז חשבון ביז דיבון.
און מיר האָבן פאַרוויסט
ביז נופח, וואָס איז ביז מדבא.

— ניט פֿאַרלוירן איז חשבון. פֿאַרלוירן איז סיחון און דער אמורי. גייט, פֿאַרנעמט דאָס גאַנצע לאַנד פֿון אמורי — און באַזעצט עס. יהוה האָט עס אייך געגעבן פֿאַר אַן אייביקער ירושה, — זאָגט משה.

עס איז גרינג אָנגעקומען די בני־ישראל צו פֿאַרנעמען די שטעט פֿון דעם אמורי, וואָרעם חשבון און אַלע אירע ישובים און דערפֿער זענען אויסגעליידיקט געווען פֿון דער באַפֿעלקערונג.

משה האָט אַ טייל פֿון שבט ראובן און שבט גד געלאָזט פֿאַרנעמען דאָס לאַנד פֿון אַרנון און די שטאָט חשבון מיט די דערפֿער אַרום איר, און אַליין מיט דער מחנה האָט ער אָפּגעצויגן ווייטער אין זיין וועג צום ירדן צו. ער האָט גע־מוזט מאַכן אַן אומוועג און האַלטן זיך מער אין מדבר־דיקן טייל אויף די בערג פֿון מואָב, וואָס הויבן זיך אַרויס פֿון דער קויל־פֿאַרברענטער, אַש־באַדעקטער ערד פֿון סדום (דער גאַנצער דאָרטיקער ברעג פֿון ים־המלח זעט אויס ווי בערג אַש און קויל־פֿאַרברענטע לאַוואַ, גלייך ווי די חורבות פֿון סדום וואָלטן געווען אונטער זיי). ער האָט ניט געקאָנט נידערן אין טאָל אַריין, וואו דאָס לאַנד איז געווען באַזעצט פֿון עמון. און אַזוי האָבן די בני־ישראל געמוזט גיין ווי אויף אַ שטריק, אַ שטריק מיט פֿיל שטרויכלונגען, און עס איז זיי געגעבן געוואָרן אָנ־צוזען נאָכאַמאָל דעם וויסטן מדבר נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון יישוב, איידער זיי קומען־אָן צום ברעג ירדן, וואָס ביי יריחו.

אָבער אויך דער וועג איבער די בערג פֿון לאַוואַ־שטיין איז געווען פֿאַר־מאַכט און פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיי. אין די שפּאַלטן פֿון די בערג איז געזעסן, ווי אויסבאַהאַלטן, אַ שבט, וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט ביי אַלע שכנים ווי אַ פֿאָלק פֿון גבורים. זיי האָבן געהאַט זייערע באַפֿעסטיקטע שטעט איינגע־מויערט צווישן די שפּיצן בערג, וואָס עס האָט שווער געמאַכט דעם צוטריט צו זיי. זיי זענען געווען די „טויער־היטערס" פֿון לאַנד כנען, אַ מין פֿאָלק פֿון קריגסלייט, וועלכע האָבן פֿאַרצאַמט דעם וועג פֿאַר יעטוועדער אַריינדרינגער פֿון דער זייט פֿון מדבר אין דעם געביט פֿון ירדן. זיי זענען געווען הויכע, מעכ־טיקע מענער, און וועגן זייער קיניג אָדער אָנפֿירער, עוג מלך הבשן, זענען אַרומגעגאַנגען מעשיות און לעגענדעס, — למשל, אַז ער איז אַ לעצטער איבער־בלייב פֿון די ריזן, וואָס זענען געפֿאַלן פֿון הימל, און אַז זיין בעט פֿון אייזן איז ניין איילן די לענג און פֿיר איילן די ברייט. און אָט־דער קיניג־ריז מיט זיין שטאַרקן פֿאָלק פֿון קריגערס האָט ניט געוואַרט ביז די בני־ישראל וועלן זיך דערנענטערן צו זיינע שטעט, נאָר איז מיט זיין גאַנצער מאַכט אַרויסגעגאַנגען אין מלחמה קעגן זיי.

ווען משה האָט דערהערט, אַז עוג מלך הבשן פֿאַרלאָזט זיינע באַפֿעסטיקטע שטעט אין די בערג און גייט אַנטקעגן ישראל אויפֿן וועג קיין אדרעי, האָט ער זיך געוואָרפֿן צו דער ערד אויף די קני און אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל:

„דאָס האָסטו געמאַכט, יהוה. האָסט אים אַרויסגענאַרט פֿון זיינע באַפֿעס־טיקטע שטעט, כּדי דו זאָלסט אים מיט זיין גאַנץ פֿאָלק איבערגעבן אין אונדזער האַנט". — און ער האָט געבעטן צו יהוה: — „צעברעך די רינגען פֿון אייזן, וואָס דו האָסט געצויגן אַרום דעם לאַנד, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט אונדזערע

עלטערן. עפן־אויף דעם טויער פון דיין הבטחה פאַר אונדז, וואָרעם אַ שטאַרק פאָלק איז אויפגעשטאַנען אַנטקעגן אונדז און פאַרצאַמט פאַר אונדז דעם וועג צו אונדזער צוגעזאָגטער נחלה".

און ער האָט דערהערט יהוהס קול רופן צו אים:

— זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר אים, וואָרעם איך האָב אים מיט זיין גאַנצן פאָלק און זיין לאַנד געגעבן אין דיין האַנט, און דו וועסט טון מיט אים אַזוי ווי דו האָסט געטון מיט סיחון, דעם מלך פון אמורי, וואָס איז געזעסן אין חשבון.

און משה האָט זיך געווענדט צו יהושען און אים געזאָגט:

— דו גייסט אַרויס אין היינטיקן טאָג קעגן אַ שטאַרקן און מעכטיקן פיינט. זיי זענען די טויער־היטערס פון לאַנד כנען פאַר אַריינדרינגערס פון מדבר. די מרגלים, וואָס איך האָב געשיקט אויסצושפּירן דאָס לאַנד, זענען געשטרויכלט געוואָרן דורך זיי. דאָס האַרץ איז זיי צעגאַנגען אין אַנגסטן ביים אַנבליק פון די איינוואוינער פון לאַנד, וואָרעם ווי ריזן האָבן זיי אויסגעזען אין זייערע אויגן. אָבער דו זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי און דיין האַרץ זאָל ניט אויפציטערן אין דיר, וואָרעם יהוה האָט זיי היינט איבערגעגעבן אין אונדזער האַנט.

„און איצט הער און טו אַזוי ווי איך זאָג דיר.

„יהוה האָט זיי אַרויסגענאַרט פון זייער באַפעסטיקטן אויסבאַהאַלט. ער האָט זיי פאַרשטעלט די אויגן, זיי זאָלן ניט זען, אַז מיר זענען פיל און מעכטיק. זיי מיינען, אַז מיר זענען ווייניק אין צאָל און שוואַך. זיי האָבן, דעריבער, ניט גע־וואַרט ביז מיר וועלן דערגרייכן זייערע באַפעסטיקטע שטעט — צו האַלטן מלחמה מיט אונדז פון די שפּאַלטן און שפּיצן פון זייערע הייכן, נאָר זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון זייערע שטעט אונדז צו פאַרטיליקן אויפן וועג צווישן די בערג. צוליב דעם טו אַזוי: נעם־צונויף די שטאַרקע יונגען פון דיין חייל און צעטייל זיי אין צוויי טיילן. איין טייל גיב־איבער כלב בן־יפונה; זאָל ער גיין און אַרומרינגלען דעם באַרג אַהינטער זיי און אַזוי אַרום פאַרצאַמען פאַר זיי דעם וועג צוריק צו זייערע באַפעסטיקטע שטעט. און דו גיי פאָראויס מיט אַן אָפּקלייב פון דיינע בעסטע חיילסלייט. גרייף זיי אָן מיט דיין גאַנצער מאַכט. האַלט זיי אין פרייען פעלד, — דו מיט דיין חייל אין פראָנט, כלב בן־יפונה — אין רוקן. און פנחס בן־אלעזר דער כהן וועט זיין מיט אייך — אייך צו שטאַרקן. גורט זיך אָן מיט כוח און טו מיט אים, וואָס דו האָסט געטון מיט עמלקן און מיט סיחונען. גאָט האָט אים איבערגעגעבן אין אונדזער האַנט. צעטרעט די שלאַנג, וואָס ליגט אויף אונדזער וועג — און עפן־אויף דעם טויער צו דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן. שטאַרק זיך און מוטיק זיך, יהוה איז מיט דיר!"

און עס איז געווען ווי די בני־ישראל וואָלטן באַדאַרפט לערנען אַלע אופנים פון מלחמה־פירונג, — מלחמה אין די בערג, מלחמה אין די טאָלן. יהוה האָט זיי אויסגעפּרואווט פאַר די טויערן פון זייער לאַנד. ער האָט געשטעלט פאַר זיי אַלער־ליי שטערונגען, געלייגט שטרויכל־שטיינער אויף זייער וועג: ער האָט אויפגע־שטעלט פאַר זיי פיינט אין טאָל, פיינט אין די בערג, כדי ישראל זאָל אויסגע־גליט ווערן אין די פייערן פון קאַמף איידער ער באַטרעט נאָך די גרענעצן פון זיין צוגעזאָגטן לאַנד. איצט קריכן די יונגע העלדן פון די מחנות פון ישראל

איבער די הייכן פון די לאָוואַ־בערג. מיט די שווערדן צווישן די ציין, קלעטערן גלאַנציקע אָפּגעבערענטע לייבער איבער די שפּיציקע בערג. זייערע שטאַרקע הענט קלאַמערן זיך אָן דעם צעגריבלטן פעלדזן־גרונט, זייערע בייגיקע לייבער קלייבן זיך פלינק אַרויף אויף די משופּעדיקע ווענט. זיי שפּרינגען ווי יונגע הינדן פון שפּיץ צו שפּיץ, היפּערן איבער אָפּגרונטן. די בערג־ווענט זענען באַ־האַנגען מיט שוויס־באַגאָסענע, ווי מיט אייל געשמירטע, לייבער, וואָס גלאַנ־צען־אָפּ אין דער זון. איינער איבער דעם אַנדערן, ווי אויף לייטערס געקלעטערט, שטייגן זיי אַרויף די הייכן, די שוואַרצע האָר צעפאַלן איבער די רוקנס, די שווערדן צווישן די ווייס־גלאַנציקע ציין, ביז זיי דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג און — ריזן אָדער ניט־ריזן — מיט אַ מלחמה־געשריי, וואָס פאַרהילכט די בערג מיט שטור־רעם־אַנזאָגנדיקע עכאָס, — „יהוה האַלט מלחמה פאַר אונדז!" — וואַרפן זיי זיך אַריין אין די רייען פון עוג מלך הבשן... און שוין פאַלן צעשטאָכענע ליי־בער איבער די בערג־שפּיצן אין די אָפּגרונטן אַריין, פאַלן ווי שאָף, וואָס דער שטורעם־ווינט וואַרפט פון די בערג אַרונטער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי פאַרנומען די שטעט, סיי די באַפעסטיקטע, סיי די אָפענע, און געמאַכט זיי פריי פאַר די בני־ישראל צו באַזעצן זיך אין זיי. און זיי זענען צוריקגעקומען אין דער מחנה, טייל פון זיי רייטנדיק אויף קעמלען, אַנדערע אויף איזלען, אַנטרייבנדיק פאַר זיך מעכטיקע סטאַדעס שאָף און רינדער.

*

דער נצחון איבער עוג מלך הבשן און זיינע חיילות אין די בערג האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף די אַלע קליינע מלוכות און שבטים, וואָס זענען גע־זעסן אויפן וועג פון די בני־ישראל, אַז זייערע הערצער זענען צעגאַנגען פאַר אימה. ניט אַנדערש, נאָר אַ מעכטיקער גייסט האַלט מלחמה פאַר זיי. דער גייסט פון זייערע אָבות איז צוריק אויפגעשטאַנען. זיי האָבן זיך דערמאָנט, זייערע געלערנטע און זייערע כהנים האָבן זיי דערציילט פון דעם גייסט, אַז ער איז אויך זייערער. דער גייסט, וואָס מען רופט אים יהוה, האָט אַ בונד געשלאָסן מיט זייער פאָטער אַברהם. זיי האָבן זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן אים און אָנגעהויבן זיך מיחס־זיין צו אים. די מורא פאַר דעם גייסט, וואָס גייט־מיט מיט די בני־ישראל, מיט די וואַנדערער, וואָס זענען פלוצלינג אַרויסגעקומען פון מדבר, און האַלט מלחמה פאַר זיי, האָט באַוואָרנט ישראל קעגן נאָך אַן איבערפאַל. זיי זענען צערונען געוואָרן און זענען צעגאַנגען געוואָרן פאַר גרויס מורא, און דאָס האָט אויפגעעפנט ברייט דעם וועג פאַר משהן און די שבטי־ישראל, האָט אויפגעעפנט ניט נאָר דעם ברעג ירדן ביי יריחו, נאָר דעם גאַנצן עבר־הירדן. זיי האָבן געקאָנט זיך אויסשפּרייטן און פאַרפלייצן דאָס לאַנד ביז צו די בערג פון גלעד — און ווייטער. דער גאַנצער וועג פון יענער זייט ירדן איז געשטאַנען אָפן פאַר משהן און די בני־ישראל, וואָרעם עס איז ניט געווען קיין מאַכט, וואָס זאָל קאָנען זיך שטעלן אַנטקעגן אַ פאָלק, וואָס האָט מנצח געווען די ריזן.

עוג מלך הבשן מיט זיינע חיילות און זיינע פּאַרפּעסטיקטע שטעט זענען געווען דער צאָם, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן די נאָמאַדישע מדבר־שבטים פון די פּרוכפּערדיקע געגנטן, פון די פּאַשע־פעלדער ביים ברעג ירדן, פון דעם פעטן לאַנד פון די כנענים, וואָס זיי האָבן זיך גערי‌סן אַריינצודרינגען אַהין. אַפילו פּרעהס חיילות, די באַצווינגער פון די אַזיאַטישע לענדער, האָבן זיך ניט דערוועגט אָפּצושטעלן זיך ביי די פּאַרפּעסטיקטע שטעט אין די בערג פון בשן. דער שם פון די באַרג־לייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז פאַרשיידענע גוזמאַדיקע מעשיות זענען דערציילט געוואָרן וועגן זיי, — וועגן זייער ריזן־וואוקס, וועגן זייערע גבורות און זייערע מנהגים. און דאָ איז געקומען אַן אומבאַוואוסט פאָלק פון מדבר, וואָס אַלע האָבן געמיינט, אַז זייער גייסט יהוה האָט זיי געטויט אין מדבר און צעשפּרייט זייערע ביינער איבער די מדבר־זאַמדן, — און זיי האָבן אויפגעפּראַלט דעם טויער, וואָס די ריזן האָבן געהיט. ניט אַנדערש, נאָר יהוה, דער גרויסער גייסט, גייט פאַראויס פאַר זיי און האַלט מלחמה פאַר זיי. ווער וועט זיך זיי אַנטקעגנשטעלן?

*

קודם־כל האָט משה זיך באַוואָרנט קעגן אַ מעגלעכן איבערפאַל אין רוקן פון זיין מחנה מצד מואב און אדום. ער האָט, צוליב דעם, גלייך געלאָזט דעם שבט ראובן און דעם שבט גד פאַרנעמען דאָס גאַנצע לאַנד פון דעם אמורי, — פון דעם טאָל אַרנון מיט אַלע זיינע פּאַשע־פעלדער, קוואַלן און ברונימער ביז צו דעם אָפענעם טויער פון בשן און אַלע אַרומיקע שטעט אין די בערג, ביז צו דעם באַרג גלעד. און מיט אַ וועג, וואָס איז איצט געלעגן פריי און אָפן פאַר אים, האָט משה באַפוילן אויפצושטעלן דעם משכן. שוין ניט מער אין הפקרדיקן מדבר, נאָר אין אַ יישוב, אין אַ באַזעצטן לאַנד, אין זייער אייגענעם לאַנד, וואָס זיי האָבן פאַרנומען פון שונא. עס גייט שוין אָן אין דעם פּרוכפּערדיקן טאָל פון שטים אַ באַוועגונג און אַ ברומען און אַ רוישן ווי אין אַ ריזיקן בינשטאָק. די לוויים זוכן־אויס פאַרן משכן אַ פּאַסיקן פּלאַץ אויף אַ באַוואַקסענעם בערגל, וואָס באַהערשט די געגנט אַרום, און רייניקן־אָפּ דעם פּלאַץ פון יעטוועדער ווילדגראָז און שטאַכער־געוויקסן. אונטער דעם אויפזען פון איתמר, דעם כהן־גדולס יינגערן ברודער, מאַכן די לוויים אויך ריין דעם אָפענעם פּלאַץ פאַר דעם איינגאַנג פון משכן, וואו משה זאַמלט־איין די בני־ישראל פאַרן אוהל־מועד.

זיי זענען שוין אַביסל אָפּגעריבן, די זילבערנע שוועלן פון משכן, און די גאָלד־באַשלאָגענע ברעטער פּאַסן זיך שוין ניט אַזוי ריכטיק אַריין אין זיי, ווי אין דעם טאָג, ווען בצלאל האָט זיי אויסגעמייסטערט. אויך די פּרוכתן האָבן שוין אַביסל פאַרלוירן דעם קאָליר פון דעם לאַנגן באַניץ אין מדבר מיט די אָפּטע ווינטן, רעגנס און זאַמד־שטורעמס. דאָך דאָס גאָלד פון די ברעטער גלאַנצט־אָפּ פעכלדיק אין דער זון, אויסמישנדיק זיך מיטן העלן אָפּשיין פון די זילבערנע שוועלן. וואָרעם די לוויים האַלטן דעם משכן מיט אַלע זיינע כלים און מכשירים אין אויסנעמלעכער אָרדענונג. אַ גאַנצער שבט באַדינט דעם

משכּן, גיט אַכטונג צו האַלטן אים אין הייליקייט און זויבערקייט. און אַזוי שימערט דער משכּן אַרונטער פון דער הייך פון בערגל מיט זיין גאָלד און זילבער, מיט דעם פּורפּל־רויט פון זיינע איבערדעקן, ווי אַן אַלטע פאָן, וועלכע איז אויסגעטראָגן געוואָרן אין פיל מלחמות.

אַרום דעם משכּן, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קאָן נאָר גרייכן און נאָך ווייטער, וואַקסן־אַרויס, ווי שוואָמען פון דער ערד, די געצעלטן פון ישראל. איצט שטייען זיי, די בני־ישראל, זייערע ווייבער און קינדער, און פּליושקען זיך אין דעם ריזלדיקן וואַסער, וואָס לויפט אַרונטער פון באַרג אין טאָל אַריין. זיי פּליושקען זיך, וואַשן זיך, וואַשן די קליידער, וואָרעם אַ גרויסן יום־טוב האָט משה אויסגערופן, אַ יום־טוב פון דאַנק און לויב צו יהוהן.

איצט שטייט שוין דאָס גאַנצע פאָלק, פּילט־אָן דעם ברייטן פּלאַץ, וואָס שפּרייט זיך אויס ביים איינגאַנג פון משכּן. אַלע זענען ריין געוואַשן, געצוואָגן, מיט לאַנגע שוואַרצע קודלעס, וואָס פאַלן איבער די פּלייצעס, מיט לאַנגע פּיאות, דעם קען־צייכן פון די בני־ישראל, וואָס דערלאַנגען, געפּלאָכטענע, ביז צום עק פון די שטאַרקע טראָלדן־בערד. בלויז שוואַרצע קעפּ, איינער און איינער. קיין איין גראָען קאָפּ איז ניט צו זען. און זייער נאַקעטקייט איז איצט באַדעקט מיט היליעס, טיכער און באַנדן פון שימערדיקע שטאָפן, געצירט מיט איידלשטיינער. פון זייערע אויערן הענגען־אַרונטער אוירינגען, זייערע פינגער זענען באַשטעקט מיט רינגלעך. טייל טראָגן קייטן אויפן האַלדז, העלמען פון אייזן און קופּער אויפן קאָפּ; די פירשטן און פירער צירן זיך אין ברוסט־שילדן פון קופּער און זילבער, וואָס זיי האָבן באַקומען ווי טראָפּעען אין דער לעצטער מלחמה. זיי האָבן זיך אויך געפּוצט אין כּלי־זיין, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעריסן פון טויטע קריגסלייט, באַרויבט פון שטובן און געצעלטן. און ווי זיי, אַזוי זענען אויך זייערע ווייבער. עס איז ניטאָ קיין שיעור צו דעם שימערדיקן זיידנס, צום תּכלת און די פּורפּל־שטאָפן, וואָס זיי האָבן אָנגעהאַנגען אויף זייערע ווייבער; עס נעמט ניט קיין עק צו די נאָזרינגען, אוירינגען, בראַסלעטן און קייטן, אַראָפּגעריסן פון דעם אמוריס טעכטער, פון זיינע פּרינצן און פּריסטערס אין די טעמפּלען און פּאַלאַצן, וואָס די ווייבער האָבן אָנגעהאַנגען און אָנגעשטעקט אויף זיך לכּבוד דעם יום־טוב פון דאַנק פאַר זייער גאָט. שפּעטער וועט משה צונעמען פון זיי דאָס גאָלד און זילבער, דעם קופּער און אייזן און וועט עס איבערגעבן די כּהנים צו האַלטן עס אין דעם אוצר פון משכּן. דערוויל אָבער, געצירט אין די כּלי־זיין, אין דעם צירונג און די קליידער פון זייערע שונאים, שטייען זיי אַרום דעם משכּן, — און ווען פון אינעווייניק פון דעם אַרומגעצאַמטן הויף גייט־אויף, ווי אַ זייל, דער טונקעלער רויך פון די פיל שאָף און רינדער, וואָס אַ גאַנצע מחנה כּהנים, — עלטערע, יונגע און אַפילו קינדער, אַלע זין, אייניקלעך און אוראייניקלעך פון אַהרן הכּהן, — דעמפּן אויף דעם גאָלדענעם מזבח, וואַרפט זיך דאָס פאָלק אויף דער ערד, מיט די פּנימער און די הענט אויסגעצויגן צום משכּן.

און פאַר זיי ליגט משה, מיטן פּנים אויף דער שוועל פון איינגאַנג אין משכּן־הויף. זיין ווייס קליד דעקט אים צו, און מען זעט מער ניט ווי זיינע מעכטיקע הענט, וועלכע הייבן זיך אויף און שטרעקן זיך אַרויף צום משכּן, — און ער רופט־אויס אויף אַ הויך קול:

— אָ, גאָט פון אַלע רוחות! וואָרהאַפטיקער גאָט, יהוה אונדזער גאָט, גאָט פון אונדזערע אָבות, אַברהם, יצחק און יעקב! האָסט מקיים געווען דיין וואָרט, האָסט געשיקט אונדז אַ פייערדיקע זייל, און זי האָט אויסגעברענט אַלע עקדישן און שלאַנגען, וואָס האָבן זיך געלייגט אויף אונדזער וועג. דער הויך פון דיין אָטעם האָט זיי פאַרלענדט. וואָרהאַפטיקער גאָט פון ישראל, דו ביסט באַגלויבט און דיין וואָרט איז באַגלויבט!

## 5

פון דעם טאָל אין דער שטאָט פּתור, וואָס ליגט ביים טייך, גייט־אויף איבער די גרינע פּיטער־פעלדער אַ קליינער קאַראַוואַן. אַן אויסטערלישער צוג איז עס געווען, וואָס מען זעט זעלטן אין לאַנד, און די מענטשן אין פעלד, וואָס האָבן געאַרבעט ביי זייער ערד, האָבן אָפּגעשטעלט דאָס באַוואַסערן די בייטן גרינס און נאָכגעקוקט דעם ניט־געוויינטלעכן קאַראַוואַן און געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— דאָ איז דער זעער בלעם מיט די גרויסע פון מואב און מדין... ער גייט־אויף צום קיניג בלק.

אַן עקזאָטישער קאַראַוואַן איז עס געווען, וואָס האָט אין דער הערלעכקייט פון טאָג אַדורכגעצויגן איבער די פעלדער און די וויינגערטנער פון מואבס פּרוכפּערדיקע טאָלן. אַן אויסרופער אויף אַן אייזל, מיט זיינע לאַנגע הוילע פיס אַראָפּהענגענדיק בידעריק צו דער ערד, מיט אַ קאָלירעדיקן ליילעך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין לייב, האָט געפאָכעט מיט אַ גרויסן שטעקן און אויסגערופן אויף אַ הויך קווישעדיק קול:

— מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ וואַרע פאַר דעם זעער בלעם דעם גרויסן. פון פּתור גייט ער אויף, פון דעם קיניגס לייט באַגלייט, צו בלקן, דעם קיניג פון מואב דעם מעכטיקן.

נאָך דעם אויסרופער רייטן־נאָך אויף קעמלען די שליחים פון מואב און מדין, — די קעמלען אויסגעריכט אין זילבער־געשפּאַן מיט רייך־געוועבטע, אין פיל קאָלירן אויסגעהאַפטענע זאָטלען און טאַשן. אין בגדי־מלכות אָנגעטון, מיט לאַנגע גרויס־רינגיקע גאָלדענע קייטן אויפן האַלדז, האַלטן די שליחים אין די הענט די מתּנות, וואָס די מעכטיקע מלכים פון מואב און מדין האָבן געשיקט צום

באַרימטן גרויסן זעער בלעם, — קרוגן מיט וואַסער פון געהיימע ברונימער, וואָס שטאַמען פון די צייטן פון סדום, — אַ וואַסער, וואָס פאַרמאָגט דעם כּוח צו באַנייען די מענערישע כּוחות אין זקנים און אויפצונעמען די קוואַלן פון פרוכ־פּערדיקייט אין עקרות; וואָרצלען פון געהיימע געוויקסן, וואָס מען קאָן מיט זייער כּוח טון כּישוף, ליימענע און שטיין־טאַבלעטן מיט מיסטישע שפּרוכן, וואָס טראָגן אין זיך די זעערישע קראַפט פון אורים־ותומים; מאַנטלען און מיצן מיט כּישוף־צייכנס און שפּרוכן, רינגען און צעפּ פון אַלטע מכשפות.

ערשט נאָך זיי קומט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע קאַליקעס פון ביידע געשלעכטער, מיט אויסגעקרימטע, אין געדריק דעפאָרמירטע גלידער, מיט אומפּראָפּאָרציאָנעל־גרויסע, אַלטע קעפּ, — פאַרזעעענישן, מאָנסטערס אין אַפּשטויסיקע פאַרעמס און געשטאַלטן, מיט פּנימער פון מאַלפּעס און פאַרשיידענע מינים שטוב־חיות, וואָס טייל פון זיי האָבן טאַקע געפירט נאָך זיך אמתע שטוב־חיות און פעלד־חיות, אַזעלכע פאַרזעענישן ווי זיי אַליין. נאָך זיי קומען בלעמס צוויי זין, די גערימטע גרויסע כּישוף־מאַכערס נאָך פון מצריימס צייטן, יאַן און יאַמברעס.

ביידע זענען הויך געוואַקסן, אַזוי הויך, אַז מען מוז פאַררייסן דעם קאָפּ אַרויפצוקוקן צו זיי, מיט לאַנגע שפּיציקע גראָע בערד, מיט קאָנוסדיק־טורעמ־דיקע העלמען אויף די קעפּ, איינגעהילט אין ליילעכער מיט רויט־בלאָע שטרייפן און פיל־קאָלירעדיקע פאַטשערקעס, וואָס בלישטשען אין דער זון. ביידע האַלטן זיי אין די הענט די כּישוף־צייכנס פון זייער גרויסן פאָטער, דעם זעער בלעם.

איינער האַלט בלעמס צויבער־שטעקן. אַ מעכטיקער שטעקן איז דאָס, גע־שניטן אויס אַ וואָרצל פון אַן איילבירטן־בוים, מיט אַ פלאַנטער צווייגן און אָפּ־צוויגלעך, וואָס דרייען זיך אין מיטן און רינגלען זיך, ווי אַ בינטל צוזאַמענגע־פלאָכטענע שלאַנגען. דער צווייטער זון טראָגט דעם פאָטערס טיאַרע, אַ הויך־געוועלבטן קרוין־העלם מיט צוויי הערנער אויף ביידע זייטן, וואָס האַלטן, ווי די געטין איזיס, די לבנה געפאַנגען, מיט אַ מיסטישן שפּרוך און אַ כּישוף־צייכן אויסגעקריצט דערויף.

ערשט אָפּגערוקט פון זיי, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרלוירן זיין אין זיינע מחשבות און ניט געשטערט אין זיין דבקות, רייט איינזאַם אויף זיין אייזל מיט אַ מענטשן־פּנים דער זעער אַליין.

בלעם איז ניט עלטער געוואָרן, זינט מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אים ביים באַרג סיני. בלעם שטייט מחוץ דער צייט. בלעם איז אייביק. ער איז גע־בוירן געוואָרן ווי ער איז איצט, — אַלט, מיט אַ פאַרמאַכט אויג און אַ לאַמען פוס. ער איז געבוירן געוואָרן אין לבן האַרמיס הויז און איז געווען לבנס אַ נאָענ־טער קרוב, זיין ברודערס זון, ווי יעקב איז געווען זיין שוועסטערס זון. ער האָט געקענט יעקבן שוין פון יענער צייט, ווען יעקב, געשיקט צו לבנען פון זיין מוטער רבקה, איז אָנגעקומען צום ברונים, וואו ער האָט באַגעגנט רחלען, ווען זי איז געקומען אַהין אָנטרינקען איר פאָטערס שאָף. טאַקע אויף בלעמס עצה האָט לבן אויסגעביטן לאהן פאַר רחלען און אַרויפגעצוואונגען אַזוי אַרום אויף יעקבן נאָך זיבן יאָר שווערע אַרבעט. און געטון האָט עס בלעם דערפאַר, ווייל ער אַליין האָט געהאַפּט, זיך געוואונטשן און זיך געריכט צו נעמען רחלען פאַר אַ ווייב. בלעם,

וואָס פון זיין פריער יוגנט אָן האָט ער פאַרמאָגט דעם מאַגישן כּוח אַדורכצו־דרינגען דעם געוועב, וואָס פאַרהילט די צוקונפט, האָט איינגעזען, אַז רחל איז בבחינת חסד און לאה — בבחינת דין. האָט ער געוואָלט, אַז יעקבס קינדער זאָלן זיין אונטער דער רוט פון דין און זיינע אייגענע קינדער זאָלן קומען אונ־טער דעם שיין פון חסד. אָבער רחל האָט בלעמן פיינט געהאַט און יעקבן האָט זי ליב געהאַט. און פאַר דעם, וואָס ער האָט צוגערעדט לבנען צו פאַרבייטן איין טאָכטער אויף דער אַנדערער, האָט ער אויך פאַרלוירן לאהן, וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר אים, און איז אַזוי אַרום אויסגעלאָזט געוואָרן סיי פון גאָטס חסד, סיי פון זיין דין. איז ער געגאַנגען און האָט זיך איבערגעגעבן דעם מחבל פון דער טומאה. האָט אויפגעהערט דינען גאָט און אויסגעקליבן די עבודה־זרות. ער איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ נביא פאַר די גוים און אַ שונא און אַנקלעגער פון יעקבן און זיינע קינדער. יעקב האָט אים געוואָלט איבערבעטן, און ער האָט אים, ווי לא־יחרץ־געלט, געשענקט אַ מתנה אַן אייזלטע. און דאָס איז די אייזלטע, אויף וועלכער ער רייט ביז צום היינטיקן טאָג. זי איז די איינציקע צדיקת אין בלעמס משפחה און זי קאָן פריער דערזען זאַכן ווי בלעם אַליין. דערפאַר האָט זי בלעם פיינט און ער פייניקט זי ביז צום היינטיקן טאָג. נאָר אויפגעצויגן אין יעקבס הויז, וואו זי האָט געלערנט געהאָרכיקייט און גאָטספאָרכטיקייט, טראָגט די אייזלטע אויף זיך דעם עול פון אייזלשער אונטערטעניקייט, נעמט־אָן פאַר ליב די יסורים, וואָס בלעם פאַרשאַפט איר, און פאַרשווייגט די זאַך.

אויך איצט, ווי בלעם, אָנגעטון אין זיין כּישוף־מאַנטל מיט די אַלע צייכנס און שפּרוכן און באַהאַנגען מיט תּרפים אין דער פאָרעם פון כּלערליי ברואים, — ווערים, עקסלעך, שלאַנגען און שילדקרויטן, — רייט איינער אַליין אין עק פון זיין קאַראַוואַן, רעדט ער צו דער אייזלטע, ווי איינער רעדט צו זיינעם אַ פריינד, ניין, צו זיינעם אַ שונא, שעלטנדיק און שרייענדיק אויף איר, וואָרעם בלעם האָט די אייזלטע געהאַלטן ערב פאַר אַלע מעשים פון די בני־ישראל, און ער האָט דערפאַר אויסגעגאָסן אויף איר זיין גאַנץ ביטער האַרץ:

— נו, וואָס זאָגסטו צו דעם, צדיקת מיינע? מיינסט טאַקע, אַז יהוה איז מיט זיי און העלפט זיי? אָסור! עס איז אַלץ מיטן כּוח פון לבנס תּרפים, וואָס רחל האָט צוגעגנבעט און באַהאַלטן אונטער דעם זאָטל פון איר אייזל, ווען יעקב האָט באַ־גנבעט זיין וואוילטוער, האָט אַרויסגעפירט בגנבה לבנס טעכטער פון זיין הויז אַרויס. מיטן כּוח פון די תּרפים, וואָס רחלס קינדער האָבן מיטגענומען קיין מצרים, האָט עס משה באַוויזן די אַלע נסים. אַ גנב, אַ ליגנער און אַ גענאַרער איז געווען דיין בעל־הבית יעקב פון תמיד אָן, און מיט גנבה און גענאַרעריי לעבן זיינע קינדער ביז צום היינטיקן טאָג. צוערשט האָט ער אויסגענאַרט די בכורה פון זיין ברודער עשו פאַר אַ טאַפּ לינדזן, דערנאָך האָט ער מיט זיין מוטערס הילף אויסגענאַרט די ברכות פון זיין פאָטער יצחק, וואָס זיי האָבן אויך געזאָלט גע־געבן ווערן עשון. קוים האָט ער זיך באַוויזן ביי לבנען, אַ נאַקעטער, אַ בלויזער, מיטן בלויזן שטעקן אין האַנט, — און שוין האָט ער אַוועקגעגנבעט רחלס האַרץ פון מיר מיט זיינע פרומע חנדלעך און פאַרגלאָצטע אויגן, און טאַקע אויך מיט זיין קושן און האַלדזן, וואָס ער האָט עס געקאָנט באַהאַלטן הינטער זיין פרומען

מאַנטל. פונקט אַזוי האָט ער מיט זיינע געפּלעקטע שטעקנס אויסגענאַרט די בעסטע שאָף און רינדער פון אונדזער פעטער לבן. און איצט פאַרנעמען זיינע קינדער בגזילה די לענדער, וואָס יהוה האָט געגעבן די בני־עשו און די בני־לוט, — און אַלץ מיטן כּוח פון די תּרפים, וואָס רחל האָט צוגעגנבעט פון איר פאָטער. ווי די עלטערן, אַזוי די קינדער, — לויטער גנבה און גזילה! און זיי טוען אַלץ אין דעם נאָמען פון יהוהן. ניין, יהוה האָט גאָרניט מיט דעם צו טון. יהוה איז אַ גאָט פון גערעכטיקייט, האָב איך שטענדיק געזאָגט, און ער איז ניט קיין מענטש, וואָס ער זאָל חרטה האָבן אויף זיין וואָרט. ניט מיט גאָטס כּוח טוט משה די אַלע וואונדער, נאָר מיטן כּוח פון די געגנבעטע תּרפים. דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? מיטן כּוח פון גנבה און גזילה, ווי זיין פאָטער יעקב!

זיינע ווייסע קודלעס זענען געפאַלן איבער זיין פּנים און האָבן עס צוגע־דעקט, ווי ער וואָלט פאַרשאָטן געווען מיט שניי. זיין ווייסע, מיט בלאָ־תּכלת־דיקע פּאַסן און צייכנס און פּאַטשערקעס באַזייטע מאַנטל־היליע האָט זיך גע־פּאָלדעוועט לויז אויף אים. מיט אַ ווייסן טוך פאַרהאַנגען איבער זיין מויל, ווי ער איז צוגעוואוינט געווען פון מדבר, כאָטש ער האָט עס איצט ניט באַדאַרפט, האָט זיין זעענדיק אויג אַרויסגעפינקלט פון דעם שטיק אויפגעדעקטן פּנים, וואָס איז געווען אַשיק־טונקל, האַרט און געקאַרבט ווי די שילד פון אַ שילדקרויט. ער האָט געהאַלטן אין איין פּלאַפּלען מיט זיין מויל אָן ציין. האָט ער ניט גערעדט צום אייזל, האָט ער געמורמלט פאַר זיך קוים פאַרשטענדלעכע רייד:

— און ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן דערויף? די זין פון יעקב... שוין געמיינט, אַז זייער מפּלה איז געקומען אויף זיי ביי דער מעשה־עגל, געמיינט, אַז יהוה וועט זיי פאַרברענען מיט זיינע דונער־שטראַלן, אַז ער וועט צעמאַלן זיינע ביינער צו שטויב — און זיי וועלן זיך אויסמישן מיט די זאַמדן פון מדבר. נאָך פערציק יאָר וואַנדערן, ווער האָט שוין געהערט פון זיי? קיין שריד־ופּליט וועט ניט איבערבלייבן פון זיי, האָבן מיר געמיינט, און דאָ מיטאַמאָל — ווי אַ יונגער שטאַרקער אָקס קומט ער אַרויס פון מדבר, דער יעקב, און ווי אַ יונ־גער שטאַרקער אָקס עסט ער אָפּ דאָס גרינס פון לאַנד, זאָגט בלק, — און ער שיקט צו מיר שליחים. אַנגעזעענע שליחים, פיינע שליחים. „גיי שעלט מיר דאָס פאָלק". בלק האָט שוין קיין כּוח ניט איבער זיי מיט זיין שווערד, וויל ער זיך באַנוצן מיט מיין מויל. ער ווייסט, זאָגט ער, אַז דער, וועמען איך בענטש, איז געבענטשט, און דער, וועמען איך שעלט, איז פאַרשאָלטן. „גיי שעלט מיר זיי, אפשר וועל איך קאָנען מלחמה האַלטן מיט זיי און זיי פאַרטרייבן". יאָ, בלק ווייסט, ווער בלעם איז. בלק איז אַליין אַ כּישוף־מאַכער, און ער ווייסט אין וואָס מיינע כּוחות באַשטייען. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז יהוה הייסט מיר ניט, און איך קאָן ניט טון קיין זאַך אָן יהוהן, רעכטס אָדער לינקס, און איך האָב בפירוש געלאָזט זאָגן, אַז ווען אַפילו בלק וועט מיר אָנפילן זיין הויז מיט זילבער און גאָלד, קאָן איך ניט ווידערשפּעניקן אָן דעם געבאָט פון יהוהן צו טון אַ זאַך, קליין אָדער גרויס. אַזוי האָב איך אים געזאָגט: פאַר קיין שום געלט... בלעמען קאָן מען ניט קויפן... און וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָט מיר שוין בלק אינגאַנצן גע־שיקט דורך זיינע בכּבודיקע שליחים? אַביסל צויבער־וואַסער, וואָס ער האָט

געשעפט פון די פאַרהוילענע ברונימער אין אַלטן סדום, אַ פּאָר פאַרשימלטע אָפּשפּרוך־וואָרצלען, אפשר צעפּ פון אַלטע מכשפות. קסמים און תּרפים האָב איך אַליין, באַדאַרף איך ניט אָנקומען צו בלקן. אַ שאַרפער קאָפּ איז דער בלק, ניט בחינם שטאַמט ער אָפּ פון לוטן, וואָס האָט באַמאַנט זיינע אייגענע טעכטער. איך האָב אים בפירוש געלאָזט זאָגן, אַז איך וועל ניט ווידערשפּעניקן אָן יהוהן. צי ווייס איך דען ניט, ווער יהוה איז? איך האָב זיך שטענדיק באַקערט צו אים. איך בין געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיין נאָמען פאַרשפּרייט אין דער וועלט. איך האָב זיין נאָמען גרויס געמאַכט צווישן פריילע פעלקער, ניט צווישן שקלאַפן. און איך האָב שטענדיק געטענהט פאַר יהוהן: — נאָך וואָס באַדאַרפסטו נעמען אַ שקלאַפן־שטאַם פאַר דיין עם־סגולה און האָבן צרות מיט זיי און איבער זיי זיין אין קריג מיט אַ גאַנצער וועלט פעלקער, מיט אַזאַ מעכטיק פאָלק ווי די מצרים זענען? נעם מיך אָן פאַר דיין נביא אויף משהס אָרט — און איך וועל ברענגען אַלע פעלקער פון דער וועלט צו דיינע פיס. זיי פאַרמאָגן מער שאָף, אָקסן און רינדער, און זיי קאָנען דיר אויפשטעלן מער מזבחות ווי די בני־ישראל. און ווער איז ער דען אינגאַנצן, דער משה, וואָס דו האָסט אים אַזוי ליב באַקומען? אַן אַנטלאָפענער שקלאַף פון מצריים, אַ כבד־פה. ווען דו וואָלסט מיר געגעבן די מאַכט, וואָס דו האָסט געגעבן דעם משהן, ווען איך וואָלט געהאַט זיין שטעקן צו טון וואונדער מיט אים, ווען דו וואָלסט געלאָזט פאַלן מן פון הימל און געבראַכט פייגל פון דעם ברעג ים, וואָס זאָלן אָנפילן אַלע הונגעריקע בייכער, — די גאַנצע וועלט וואָלט איך געבראַכט צו דיינע פיס, אין איטלעכן ווינקל פון דער ערד וואָלטן זיך געריכערט קרבנות אויף מזבחות פאַר דיר. אַלע, אַלע וואָלטן זיי דיר געדינט. מיר קאָנען דיר גרעסערן לויב נאָכזאָגן ווי די בני־ישראל. מיר וועלן פאַר דיר אַזעלכע הימנען שאַפן, ווי די מצרים שאַפן פאַר זייער גאָט, וואָרעם ווער נאָך ווי דו, יהוה, גרויסער און מעכטיקער פאָטער פון אַלע געטער און מענטשן, איז ווערט דעם לויב? הער, הער, וואָס פאַראַ געזאַנגען מיר וועלן זינגען צו דיר און וואָס פאַר אַ לויב מיר וועלן דיר נאָכזאָגן.

און בלעם האָט אָנגעהויבן מורמלען מיט דבקות אַ הימן, לויטן נוסח פון אַ מצרישן לויבגעזאַנג פאַרן גאָט ראַ:

דאָס גאַנצע לאַנד טוט דיין אַרבעט.<br>
די פי פרייט זיך אויף דער פּאַשע,<br>
די געוויקסן גרינען,<br>
די פייגל פלאַטערן אין די נעסטן,<br>
זייערע פליגל לויבן דיך.<br>
די לעמער שפּרינגען אויף זייערע פיס,<br>
די פייגל — אַלץ, וואָס פלאַטערט און פליט,<br>
אַלץ לעבט,<br>
ווייל דו ביסט אויפן הימל אויפגעגאַנגען.<br>
די שיפן שווימען אויף־און־אָפּ דעם שטראָם,<br>
אַלע וועגן זענען אָפן,<br>
ווייל דו באַלייכטסט דעם טאָג.

די פיש אין די טייכן שפּרינגען פֿאַר דיר,
ווייל דיינע שטראַלן דרינגען אין די וואַסערן אַריין.
דו לאָזסט די פּראַכט געדייען אין לייב פֿון ווייב,
דו באַשאַפֿסט דעם זון אין בויך פֿון זיין מוטער,
די נערונג אין מוטערלייב.

און ווי בלעם איז פֿאַרצוקט פֿון דער הערלעכקייט פֿון דער לאַנדשאַפֿט אַרום און פֿאַרדבקהט פֿון זיין אייגענעם געמורמל, איז ער פּלוצלינג אַרויס אין אַ פֿוריע פֿון כּעס און האָט מיט דער רוט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, גענומען שלאָגן דעם אייזל.

— דו, צדיקת מיינע, דאָס האָסטו ביי יעקבן אַזוי געלערנט צו קריכן איבער פּלויטן און טרעטן אין פֿרעמדע פֿעלדער, ניט ביי מיר. ניט אַנדערש, נאָר יעקבס שיינער זון, יוסף, האָט געריטן אויף דיר, — און פֿון אים האָסטו עס איבערגענומען דאָס חלומען, וואָס דו חלומסט, ווען דיין האַר רייט אויף דיר!

די בהמה האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט איר בעל־הבית מיט אַזאַ פֿרום־בעטנדיקן בליק, אַז בלעמן האָט זיך געדאַכט, אַט עפֿנט זי איר מויל און נעמט רעדן צו אים, וואָרעם די אייזלטע האָט גערעדט צו בלעמען דורך איר שטומען בליק.

— וואָס קוקסטו מיך אָן? וואָס איז, דיר געפֿעלט אויך ניט מיין גאַנג? האָסט מורא, איך זאָל ניט פֿאַרשעלטן יעקבס בנים? און דערפֿאַר האָסטו מיך אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג? אַזוי פֿיל יאָרן ביסטו מיט מיר, און דו ביסט נאָך אַלץ געטריי געבליבן יעקבן און זיינע קינדער? וואָס אַזוינס האָסטו עס געהאַט ביי יעקבן, וואָס ביי מיר קריגסטו עס ניט? וואָס פֿאַר אַ כּישוף האָט ער דיר אָנגעטון? צוריק אויף דיין וועג! גיי, וואוהין דיין האַר פֿירט דיך! — האָט בלעם אַרויסגעשלאָגן די בהמה פֿון פֿעלד אַרויס און געקערעוועט זי אויפֿן וועג אַרויף.

„און סיי־ווי־סיי קאָן איך גאָרניט טון אָן יהוהן, — האָט ער ווייטער גערעדט פֿאַר זיך. — און יהוה איז אַ גרויסער גאָט, אַ מעכטיקער גאָט, אָן אל־עליון. אוי, ווען ער וואָלט נאָר ניט אַזוי אייפֿערזיכטיק געווען אויף די אַנדערע געטער. וואָס אַרט עס דיר, יהוה, אַז עס זענען נאָך פֿאַראַן אַנדערע געטער? — טענה איך צו אים. — דער הימל איז גענוג גרויס און ברייט פֿאַר אַלעמען. לאָז ראַ זיין דיין אויפֿזעער איבער דער זון, און אַשדוד איבער פּריה־ורביה, בעל איבערן דער שפֿע, — און דו — דער מלך פֿון אַלע. זיי זענען נאָר דיינע שליחים, און אַלע מוזן דיר געהאָרכן. איך האַלט אין איין בעטן זיך ביי אים: יהוה, צעקריג זיך ניט מיט אַ וועלט געטער און מאַך ניט די מענטשן שווער זייער לעבן מיט אַזוי פֿיל מצוות און חוקים. לאָז זיי צורה, און דו וועסט זען ווי אַלע פֿעלקער וועלן דיך דערקענען און וועלן נעמען דינען צו דיר. ניט נאָר דער שקלאַפֿן־שטאַם אַליין, וואָס דו האָסט אַרויסגענומען פֿון מצרים. קיין נחת האָסטו סיי־ווי־סיי ניט פֿון זיי. איך זאָג דיר, יהוה, ווען דו טוסט די בני־עשו אַזעלכע נסים־ונפֿלאות, ווי דו האָסט געטון די בני־יעקב, וואָלטן זיי דיר געטרייער געבליבן. און נאָך אַלעמען, זענען מיר דאָך אַלע אָפּשטאַמיקע פֿון דיין פֿריינד אַברהם. מאַך מיך, יהוה, פֿאַר דיין שליח אויפֿן אָרט פֿון דעם שטומען משהן. שעלטן קאָן איך

בעסער פון אים און אויך בעגטשן קאָן איך בעסער פון אים. אַלע צויבערמאַכערס פון מצריים קומען צו מיר לערנען די קונסט, און מיין נאָמען איז פאַרשפּרייט איבער אַלע פעלקער און לענדער. אויב אַפילו דו נעמסט מיך ניט אָן, יהוה, פאַר דיין שליח און האָסט בעסער אויסגעקליבן משהן, — זע, דער גרויסער בלק, וואָס איז אַליין אויך ניט קיין קליינער כּישוף־מאַכער, וואָס ער פאַרמאָגט די זכיות פון אַברהמען און די זכיות פון די אָפּגעטער, פון עשתּורת אַליין, צוליב זיין אָפּשטאַמען פון לוטס יינגערער טאָכטער, — דער גרויסער בלק האָט געמוזט אָנקומען צו מיר. ער ווייסט, וואָס פאַר אַ פּעולה עס האָבן מיינע שפּרוכן, וואָס פאַר אַ כּוח איך האָב אין מיין מויל. אָ, ווען דו, יהוה, וואָלסט מיך נאָר אויסגעקליבן פאַר דיין שליח אויף משהס אָרט, וואָלסטו געזען, וואָס איך קאָן אויפטון פאַר דיר!"

און ווי בלעם האָלט נאָך אין איין מורמלען פאַר זיך, פאַרלוירן אין די מחשבות איבער זיין גרויסקייט, וואָס זיין צעהיצטע פאַנטאַזיע האָט אויסגעמאָלט פאַר אים, שרייט ער פּלוצלינג אויס מיט אַ ווייטיקדיקן געשריי:

— אוי, מיין פוס, מיין קראַנקער פוס! זי האָט מיר דעם גאַנצן פוס צע־דריקט!

— וואָס איז, פאָטער? — האָבן די צוויי זין צוגעאיילט צו אים.

— דאָס איז די פאַרשאָלטענע בהמה, יעקבס אייזלטע, וואָס ער האָט מיר געשענקט. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי זי פירט מיך הייגט אַראָפּ פון וועג. אויף אַ צאָם פון אַ ווייַנגאָרטן האָט זי מיך אויפגעהאַנגען. עס געפעלט איר ניט, הפּנים, וואָס איך גיי צו בלקן צו פאַרשעלטן איר האַרס קינדער. זי דינט ביי מיר און געטריי איז זי געבליבן יעקבן, — זאָגט בלעם און דערלאַנגט דער אייזלטע ווי־דעראַמאָל מיט זיין רוט.

ווידער דרייט די בהמה אויס צו אים דעם קאָפּ און קוקט אים טרויעריק אָן מיט אירע מענטשלעכע אויגן, פאַכעט מיט אירע גרויסע אַרויסגעשטעקטע אויערן, און די ליפּן ביי איר רירן זיך, ווי זי וואָלט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר קאָן די ווערטער ניט אַרויסברענגען פון איר מויל.

— וואָס איז? וואָס גלאָצטו אַזוי די אויגן אויף מיר? וואָס ווילסטו מיר זאָגן? אפשר זעסטו דאָ עפּעס, וואָס איך זע ניט? אין יעקבס הויז האָבן אַפילו די בהמות רוח־הקודש און זעען זאַכן, וואָס בלעם קאָן ניט זען? ווילסט מיר זאָגן, אַז דו ביסט גרעסער פאַר בלעמן? ווילסט מיך, דעם גרויסן בלעם, קלענער מאַכן פאַר יעקבס בהמה?

און בלעם האָט אויסגעלאָזט זיין צאָרן אויף איר.

די אייזלטע האָט פאַר ליב גענומען די קלעפּ מיט אייזלשער אונטערטעני־קייט. בלעמס זין האָבן געהאָלפן אַרויסנעמען זי פון דעם ענגן קלעם צווישן די צוויי פּלויטן, אין וועלכן זי איז אַריינגעקראָכן, האָבן צוריקגעזעצט דעם פאָטער אויף איר רוקן און זי אַרויסגעפירט צוריק אויפן וועג.

נאָר קוים האָבן די זין זיך דערווייטערט פון אים און ער האָט זיך אַריינגע־טון אין זיינע געדאַנקען, רעדנדיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, צו זיך אַליין, איז די אייזלטע אַריין אין אַ נייעם קלעם צווישן צוויי שטיינערדיקע ווענט, וואו זי האָט זיך ניט געקאָנט קערעווען ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס. און מיט

אַמאָל האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אירע הינטערשטע קני, האָט זיך אַוועק־געלייגט אונטער בלעמען און מיט עקשנות ניט גערירט זיך פון אָרט.

— וואָס איז ווידער? וואָס האָסטו זיך אַוועקגעלייגט? ווילסט מיך טאַקע ניט לאָזן גיין צו בלקן צו שעלטן יעקבס קינדער? וועל איך דיר ווייזן, ווער עס איז דער בעל־הבית, — איך איבער דיר, אָדער דו איבער מיר!

און בלעם האָט גענומען אַ רוט פון אַ צווייגל און מיט שוים אויף די ליפּן געקילט זיין כּעס אויף דער פעל פון דער בהמה.

און ווידער האָט די אייזלטע, אונטער די קלעפּ, וואָס בלעם האָט איר אויס־געטיילט מיט אַלע זיינע כּוחות, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און אים אָנגע־קוקט מיט איר מענטשלעכן בליק. זי האָט ווידער געעפנט איר ברייט מויל, נאָר דאָס מאָל האָט זי ניט נאָר באַוועגט אירע גרויסע ליפּן, נאָר מיט ווערטער, און דווקא מענטשלעכע ווערטער, ניט מיט קיין אייזלשן מריטשען, אין בלעמס איי־גענעם לשון האָט זי גערעדט צו אים:

— וואָס האָב איך דיר געטון, וואָס דו האָסט מיך שוין דריי מאָל געשלאָגן?

— האָט זי געפרעגט ביי איר האַר.

בלעם האָט זיך גאָרניט געוואונדערט, וואָס זיין אייזלטע רעדט צו אים אין מענטשלעכן לשון. ער האָט ניט איין מאָל אַליין באַוויזן צו פאַרצויבערן אַ מענטשן אין דעם גלגול פון אַ בהמה און פאַרקערט. און די אייזלטע איז דאָך געווען אַן אויסנעם פון אַ בהמה, זי האָט דאָך געשטאַמט פון יעקבס הויז. אַז זי האָט געהערט און פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס ער רעדט, האָט ער שוין פון לאַנג געוואוסט; און איצט האָט ער זי אויך געהערט רעדן.

— וואָס דו האָסט מיר געטון? — האָט ער גענומען זיך אויסטענהן מיט דער אייזלטע. — האָסט געשפּאָט פון מיר, האָסט חוזק געמאַכט פון מיר. האָסט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז אַפילו נאָר יעקבס אַ בהמה האָט מער רוח־הקודש אין זיך, ווי איך, און קאָן זען זאַכן, וואָס איך זע זיי ניט. ווען איך האָב אַ שווערד אין האַנט, וואָלט איך דיך געהרגעט.

— בין איך דען ניט דיין אייזל? — האָט די בהמה זיך געווענדט צו בלעמען אין אַ פרומען טאָן און כּשר פאַרגלאָצט אירע אויגן, אַזוי ווי זי האָט עס געלערנט אין יעקבס פרומען הויז. — בין איך ניט דיין אייזל, וואָס דו האָסט געריטן אויף מיר דיין גאַנץ לעבן ביז צום היינטיקן טאָג? בין איך געוואוינט געווען דיך אַזוי צו באַהאַנדלען און אַזעלכעס צו טון מיין האַר?

— איך מוז מודה זיין, אַז ניין. דו האָסט זיך שטענדיק גאַנץ אָרנטלעך אויפגעפירט. וואָס טוט זיך אָבער מיט דיר היינט?

און פּלוצלינג האָט בלעם עפּעס דערזען. מיט זיין בלינד אויג האָט ער עס דערזען צוערשט, — דאָ, אין דעם שמאָלן שטעג, צווישן די צוויי ענגע שטיינערנע ווענט. פאַר אים שטייט אַ מלאך מיט מעכטיקע פליגל, מיט אַ שווערד אויסגע־שטרעקט אין זיין האַנט, און פאַרשטעלט פאַר אים דעם וועג.

— אָ, דאָס ביסט דו? זיי מוחל, איך האָב ניט געוואוסט, — זאָגט בלעם אין אַ תּחינה־טאָן און בוקט זיך און נייגט זיין פּנים נידעריק צו דער ערד.

— פאַרוואָס האָסטו געשלאָגן דיין אייזל שוין דריי מאָל? זע, איך בין אַרויסגעגאַנגען דיר צו שטערן אויף דעם וועג, וואָס לויפט מיר אַנטקעגן, — זאָגט דער מלאך צו אים מיט אַ שטרענגן טאָן. — דיין אייזל האָט מיך דערזען און האָט אָפּגענייגט פאַר מיר דריי מאָל. ווען זי וואָלט ניט אָפּגענייגט פאַר מיר, וואָלט איך דיך זיכער געהרגעט, און זי וואָלט איך געלאָזט לעבן.

— איך האָב געזינדיקט, געזינדיקט, מיין האַר לעבן. איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו שטייסט מיר אַנטקעגן אויפן וועג. און אַצינד, אויב עס געפעלט דיר ניט, וואָס איך גיי אין דעם וועג, קער איך זיך שוין אום צוריק, — זאָגט בלעם מיט אַ טיפן פאַרנייג פאַרן מלאך.

— ניין, גיי מיט די מענטשן, אָבער נאָר דאָס וואָרט, וואָס איך וועל רעדן צו דיר, דאָס זאָלסטו רעדן.

— געוויס, מיין האַר, געוויס. ווי דען אַנדערש?

דער מלאך איז פאַרשוואונדן פון וועג. בלעם איז צוריק אַרויפגעקראָכן אויף זיין אייזלטע, האָט איר אַ בעל־כּרחדיקן גלעט געגעבן, און די אייזלטע האָט אַ צופרידענעם שנאָרך געגעבן מיט אירע נאָזלעכער און פאַרשוויגן דעם גאַנצן סכסוך, וואָס זי האָט נאָרוואָס געהאַט מיט בלעמען, פאַרשוויגן למען־השלום, און איז, ווי זי האָט געלערנט אין יעקבס פרומען הויז, געגאַנגען מיט איר אייזלשער געדולדיקייט וויטער איר וועג, און קיין שטערונג איז שוין ניט געווען אויפן גאַנצן וועג.

דער קבלת־פּנים, וואָס בלעם האָט באַקומען פון בלקן, איז ניט אויסגעפאַלן אַזוי אימפּאָזאַנט, אויף אַזאַ גרויסן פאַרנעם, ווי בלק האָט געהאַט צוגעזאָגט. בלק איז בייז געווען אויף בלעמען, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַזוי לאַנג בעטן און איז ניט געקומען צו אים אויפן ערשטן רוף. בלק האָט אים באַגעגנט איינער אַליין, אָן זיין סוויטע, ביי דעם ראַנד פון באַרג, וואו עס שטייט די שטאָט פון מואב. בלק, אַליין אַ שטיקל כּישוף־מאַכער, וואָס ער האָט עס איבערגענומען בירושה פון זיינע לאַנדסלייט, די אונטערגעגאַנגענע בני־סדום, האָט געטראָגן איבער זיינע בגדי־מלכות זיין צויבער־צייכן, און דער הויכער קאָנוס־פאָרעמדיקער העלם אויף זיין קאָפּ האָט אים געמאַכט אויסקוקן אויסערגעוויינטלעך הויך, ווי איינער פון די ריזן.

די פּראָפעסיאָנעלע קנאה־שנאה האָט ניט אויסגעלאָזט די צוויי מכשפים. מען האָט געזאָגט, אַז בלק ווייסט די מקורים פון די סדומישע כּישוף־לייט, וואָס ער קאָן דורך זיי אָנשטעקן מיט זינד, געעבנדיק צו טרינקען דאָס וואַסער פון פאַרהוילענע ברונימער, וואָס ער האָט אין זיין מלכות. בלעם האָט זיך מתקנא געווען אויף די סדומישע ברונימער, בעת בלק האָט ניט פאַרגונען בלעמען זיין בלינד אויג, וואָס דורך זיין אָפּגעטייטן בליק דערזעט ער און דערשפּירט די טרעפּונגען פון דער צוקונפט. זיי האָבן אָבער אויף דערווייל, צוליב דער שותפותדיקער שנאה, וואָס זיי האָבןביידע געפילט צו משהן און די בני־ישראל, געמיט זיך צו פאַרשטיקן די שנאה פון איינעם צום אַנדערן, כאָטש אינגאַנצן

האָבן זיי עס ניט געקאָנט באַווייזן, און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעזוען ביי זייער ערשטער באַגעגעניש.

נאָך די געהעריקע באַגריסונגען, ביי וועלכע איינער האָט דעם אַנדערן אויס־געדרעכנט זיין לאַנגן יחוס־צעטל, די וויכטיקייט פון זיין פּערזענלעכקייט און די מאַכט פון זיין באַרוף, און נאָך די געהעריקע פאַרנייגן און רעוועראַנסן, ביי וועלכע זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער ענטוזיאַסטישע פרייד איבער זייער באַגעגעניש, האָבן זיי באַלד געלאָזט פילן די ביטערקייט, וואָס איינער האָט געטראָגן צום אַנדערן:

— האָב איך דיך ניט געשיקט רופן? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען צו מיר? קאָן איך דיך ניט געהעריק אויפנעמען און דיר כּבוד אָפּגעבן? — האָט בלק פאַרגעוואָרפן בלעמען.

— זע, איך בין דאָך געקומען צו דיר. נאָר וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אַז איך אַליין קאָן גאָרניט רעדן ווי נאָר דאָס וואָרט, וואָס גאָט וועט אַריינטון אין מיין מויל, — זאָגט בלעם און קוקט אויף בלקן מיט זיין בלינדן אויג.

— ווי דען אַנדערש? — ענטפערט בלק. — ווער איז דען קעגן גאָט? יהוה איז דאָך אויך אונזער גאָט, ניין? האָט ניט מיין שטאַם־פאָטער לוט געדינט צו אים פונקט אַזוי ווי אַברהם? און איז ער ניט געווען קיין מכניס־אורח ווי אַברהם? דו געדענקסט, וואָס די בני־סדום האָבן אים געוואָלט טון, ווען ער האָט די מלאכים, וואָס ער האָט געמיינט, אַז זיי זענען מענטשן־אורחים, אַריינגענומען פון מאַרק צו זיך אין שטוב אַריין? זיינע אייגענע טעכטער האָט ער גיכער געוואָלט אַרויסגעבן צו די בני־סדום, אַבי עס זאָל קיין שלעכטס ניט געשען די אורחים.

— געוויס, געוויס איז דאָס אַ זכיה ביי יהוהן. יהוה האָט ליב אַ מכניס־אורח. פאַרגעס אָבער ניט, בלק, דיין יחוס. יהוה האָט ניט ליב די זאַכן: טעכטער זאָלן אָנשיכּורן זייער אַלטן פאָטער, אַז ער זאָל זיי באַמאַנען.

— מיינע זכיות זענען טאָפּעלע, און דערפאַר זענען מיינע כּוחות אומפאַר־לענדלעך. איך ווער געשיצט פון יהוהן און אָפּגעהיט פון אשדוד און בעל. אין מיר איז פאַראייניקט דער פאָטער און די טאָכטער. איך בין דאָס לעמעלע, געקאָכט אין דער מוטערס מילך, געמישט פון פאָטער און טאָכטער.

— און דאָך האָסטו מורא פאַר די בני־ישראל און נאָך בלעמען האָסטו געטון שיקן: „קום און שעלט מיר ישראל”. איך האָב ניט געזען קיין זינד אין ישראל. ניט דיין לאַנד האָבן זיי פאַרנומען, נאָר פון דיין שונאס האַנט האָבן זיי עס אָוועקגענומען. האָסט זיי פאַרווערט דיין לאַנד אַדורכצוגיין און זיי אָנגע־שראָקן מיט דיין מעכטיקער שווערד. פאַר דורכגיין דורך דיינע הוילע בערג האָבן דיינע שטאַמען פון זיי בלוט געצויגן. זיי האָבן געשוינט דיינע געמאַרקן און זיי ניט איבערגעטראָטן, ווי יהוה האָט זיי געזאָגט. וואָס האָסטו צו זיי?

— ביסטו געקומען ווי אַ שעלטער אָדער אַ בענטשער פון ישראל?

— דו ווילסט, איך זאָל זיי שעלטן, איך זאָל זיי באַלעסטיקן מיט מיינע

שפּרוכן? ווייז מיר זייער שוואַכקייט. גיב מיר אַן אָנהאַלט, וואָס איך זאָל דערויף קאָנען אָנהענגען מיינע קללות. דערוועק מיין כעס, רייץ־אויף מיין שנאה, אַז איך זאָל קאָנען גובר זיין זייערע זכיות. וואָס פאַר אַן עוולה האָבן זיי דיר געטון, זון פון לוט, וואָס איך זאָל זי מאָנען פון זייערע הענט?

— קום, איך וועל דיר ווייזן דאָס אָרט, וואו זיי הויערן. ווי אַ היישעריק זענען זיי אַרויסגעקומען פון מדבר און זיי האָבן באַזעצט דעם גאַנצן טאָל — פון די טייכן פון ארנון ביז צו דעם אויסגאַס פון ירדן. ווי אַ יונגער אָקס זענען זיי געקומען, און זיי עסן־אָפּ דאָס גרינס פון לאַנד. ווי אַ שטראָמעדיק וואַסער זענען זיי געקומען, און זיי האָבן פאַרפלייצט דעם אמורי. אויף די בערג זענען זיי געקראָכן און האָבן אָפּגעווישט בשן פון דער ערד. אָן צאָל זענען זייערע שאָף און רינדער, אַלע ברונימער האָבן זיי פאַרנומען. „אונדזערע עלטערן האָבן זיי געגראָבן, מיט זייערע צעפּטערס האָבן זיי געגראָבן", זאָגן זיי. מאָרגן וועלן זיי זיך באַווייזן אין אונדזערע טאָלן, אויף אונדזערע בערג, ווי אַ פייער, וואָס דער ווינט פאַרשפּרייט. אונדזערע שטעט וועלן אָפּן זיין פאַר זיי. אונדזערע מאַנסבילן וועלן זיי אויסקוילן, ווי שאָף, אונדזערע טעכטער און אונדזער פי וועלן זיי זיין צום רויב. און דו פרעגסט מיך, וואָס זיי האָבן מיר געטון. איך בין שוואַך קעגן זיי. איז דאָס ניט גענוג סיבה מורא צו האָבן פאַר זיי? בויגן און שווערד זענען מער קיין וואָפן ניט אַנטקעגן זיי. זייערע לייבער שליידערן־אָפּ פון זיך די פיילן, וואָס זענען אין זיי געצילט, ווי זיי וואָלטן מיט קופּער באַפּאַנצערט געווען; די שאַרף פון דער שווערד ווערט שטומפּיק, ווען זי קומט אין באַריר מיט זייער געביין. איינגעהילט אין אַ וואָלקן האַלט זיי יהוה. וועלכער מענטש קאָן מלחמה האַלטן קעגן זיי? עס ציטערן די געטער אין אונדזערע טעמפּלען, עס באַהאַלטן זיך די כהנים אין די שפּאַלטן פון די בערג אויס אימה, וואָס איז זיי באַפּאַלן פאַר דעם גאָט פון ישראל. און דו פרעגסט מיך, וואָס איך האָב קעגן זיי. קיין קופּער און קיין אייזן האָבן ניט קיין פּעולה קעגן זיי, — אָבער דער כוח פון דיין שנאה, דאָס פייער פון דיין קללה? דערמאָן זיי זייערע זינד פון אַמאָל, עגבער זיך איין מיט דיין אויג אין עתיד, כישוף־אַרויס פון דאָרט זייער פעלן און זייער גרייזן. רוף־אַרויס די שאָטנס, וואָס ליגן אויף זייער וועג און וויקל זיי איין אין פינצטער־ניש. באַרויב זיי פון זייערע זכיות, טו זיי אויס נאַקעט אין די אויגן פון זייער גאָט. רוף די געטער צוהילף. פאַרכישוף דאָס וואָרט, דו האָסט די מאַכט, זעער.

— פון די בני־סדום האָסטו געירשנט דעם חוש פאַר זינד. שפּיר־אויס פאַר מיר דאָס אָרט, פון וועלכן איך קאָן זיי זען אין זייער שאָטן, בלק.

בלק האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. זיינע נאָז־לעכער האָבן אויפגעצוקט, ער האָט אָנגעהויבן שווער אָטעמען, ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער. באַלד איז ער שטיין געבליבן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין פאַרשטיינערטן עקסטאַז. און מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעוויזן אויף איינעם פון די בערג אַרום:

— אויף דעם באַרג, וואו עס שטייט דער במה־מזבח פון בעל, דאָרט וועסטו זיי זען. נאָר אַ טייל פון פאָלק, ניט אינגאַנצן. זייערע זכיות וועלן זיי פאַרהוילן. בעל וועט זיי איינהילן אין זינד.

— בוי מיר דאָ אויבן זיבן מזבחות און גרייט מיר אָן זיבן אָקסן און זיבן ווידערס, און ברענג מיך מאָרגן אינדערפרי אַרויף אַהער. אפשר וועט גאָט זיך טרעפן צו מיר און וועט אויפעפענען מיין מויל, וואָס ער האָט פאַרשלאָסן, ווי ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל פון מיין אייזל, און וועט מיר צוריקגעבן דעם כּוח אין מיין וואָרט.

# 6

שטייען זיי אויפן בערגל, וואָס איז איבער דעם טאָל פון די וואַסערן פון ארנון. עס געפינט זיך שוין דאָרט אַ במה־מזבח פאַרן גאָט בעל. בעל, אין געשטאַלט פון אַ קריגער, האַלט אַ בינטל בליץ־שטראַלן אין זיין פאַרדריקטער האַנט, וואָס ער האָט אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויף וועמען פאַרמאָסטן. בעל, דער גאָט פון פעלד און בליענדיקן גאָרטן, וואָס גיט רעגן צו דער צייט, ווען ער איז גוט, און באַשטראָפט מיט דונערן און בליצן, ווען ער איז אין כּעס, באַפּרוכפּערט דעם בויך פון וויב און קו, ווען מען דינט צו אים, און פאַרשליסט זייער טראַכט, ווען מען פאַרגעסט אין אים, — בעל שטייט היינט פאַרלאָזן און פאַרשעמט. דערפאַר געפינען זיך היינט בלק און בלעם און אַלע גרויסע האַרן פון מואב, — מיט די קאָנוס־פאַרעמדיקע קופּערנע העלמען אויף די קעפּ, אין פּיל־קאָלירעדיקע טיכער, געוויקלט אַרום די לייבער, מיט קייטן אויפן האַלדז, מיט קופּער־פּלאַטן איבער די אַקסלען, מיט הויכע הערשער־שטאָקן אין די הענט, — אַרום די זיבן מזבחות, וואָס בלק האָט אויף שנעל אויפגעשטעלט אויף בלעמס באַפעל. עס רויכערן זיך אָקסן און ווידערס אויף די מזבחות, עס דעמפן זיך אין די פייערפאַנען בשמים אַנטקעגן הימל.

און בלעם, אין זיין טיאַרע פון אַן אייבערפּריסטער, אין זיין ווייסער, מיט כּישוף־צייכנס אויסגענייטער און מיט באַנדן באַהאַנגענער מאַנטיע, האַלט די הענט אין דער הייך און ער שרייט אויף אַ הויך קול:

— זיבן מזבחות האָבן מיר פאַר דיר אויפגעשטעלט, יהוה, פון זיבן מזבחות דעמפן זיך צו דיר קרבנות. קום און גיב אונדז דיין צייכן.

און פון הימל באַווייזט זיך ניט קיין צייכן.

— שטיי ביי דיין בראַנדאָפּפער, בלק, און איך וועל אַרויפגיין אין דער הייך אויפן באַרג. אפשר וועט זיך מיר יהוה טרעפן אַנטקעגן, און וואָס פאַר אַ זאַך ער וועט ווייזן, וועל איך דיר דערציילן.

בלעם אין זיינע בגדי־כּהונה דערווייטערט זיך, קריכט אויפן באַרג אַרויף. און ווען ער בלייבט איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פון די האַרן פון מואב, וואַרפט ער זיך צו דער ערד, הויבט־אויף די ציטערנדיקע הענט צום הימל און רופט־אויס:

— יהוה, יהוה, וואָס דו טראָגסט ניט קיין נשיאת־פּנים פֿאַר קיינעם און אַלע זענען גלייך אין דיינע אויגן, — איך, דער נביא פֿון די פֿעלקער, ווי משה איז דער נביא פֿון ישׂראל, — איך שטיי איצט פֿאַר דיר אין זייער זכות. דו קאָנסט ניט אַרויסהייבן איין אומה און זי אויסדערוויילן פֿאַר דיין עם־סגולה. דו ביסט אַ גאָט פֿון גערעכטיקייט. אַלע פֿעלקער זענען דיינע קינדער. זע, זיבן מזבחות האָב איך צוגעגרייט פֿאַר דיר: איינעם — קעגן דעם זכות פֿון אדומען; דעם צווייטן — קעגן דעם זכות פֿון קיינען; דעם דריטן — קעגן דעם זכות פֿון נוחן; דעם פֿערטן — קעגן דעם זכות פֿון אַברהמען; דעם פֿינפֿטן — קעגן דעם זכות פֿון יצחקן; דעם זעקסטן — קעגן דעם זכות פֿון יעקבן; דעם זיבעטן — קעגן דעם זכות פֿון משהן. אויסגעגליכט זענען איצט די פֿעלקער מיט ישׂראל. זיי האָבן זכיות ווי ישׂראל. קום און אַנטפּלעק זיך פֿאַר מיר, און גיב מיר דיין וואָרט צו די פֿעלקער פֿון דער וועלט.

און איבער בלעמען קומט אַ גייסט. זיין קערפּער ווערט העכער און גרעסער, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעוויקלט פֿון זיין איינגעקאָרטשעטער אַלטקייט אַזוי ווי אַ שילדקרויט פֿון זיין שילד אַרויס; זיין אַשיק־טונקל, לעדערן פּנים טוט זיך אויס פֿון דער שטויביק־פֿאַרביטערטער מאַסקע פֿון אָפּגעלעבטקייט און באַקומט אַ יונגן אָנבליק. די קנייטשן זענען אויסגעפּילט געוואָרן מיט לייטזעליקייט. אַפֿילו דער ווייסער וואָלקן, וואָס איז געלעגן ווי אַ פֿאַרהויכטע שויב איבער זיין טויטן אויג, איז פֿאַרשוואונדן. דאָס אויג, האָט זיך געדאַכט, איז געוואָרן זעענדיק, איז אַפֿילו לעבעדיקער געוואָרן, העלער און פֿינקלדיקער פֿון זיין גוטן אויג. און פֿון זיינע אַלטע פּלייצעס איז אַראָפּגעפֿאַלן די אומגעזעענע פֿאַרשאָלטענע חרמה, וואָס איז געלעגן איבער אים: זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, און ער איז געשטאַנען אין דער זון, אַן אויסדערוויילטער זעער פֿון גאָט.

די שטים אין זיין האַרץ זאָגט:

— קער זיך אום, און אַזוי זאָלסטו רעדן צו אים, וואָס איך וועל דיר זאָגן.

ווען בלעם האָט זיך דערנעענטערט צו בלקן און די גרויסע פֿון מואב, וואָס האָבן אין ציטערניש אויסגעוואַרט אויף אים ביי די זיבן מזבחות, האָבן זיי אים ניט דערקענט: אַן אַלטער בלינדער מאַן איז געווען אָפּגעגאַנגען פֿון זיי, אַ מעכטיקער זעער האָט זיך איצט באַוויזן פֿאַר זיי. אַ פּחד איז געפֿאַלן איבער זיי פֿאַר דעם כּבוד, וואָס עס האָט גערוט אויף אים. וואָרעם בלעם איז פֿאַרכאַפּט געווען אין התלהבות, און ער איז געגאַנגען אַנטקעגן זיי, ווי אַ באַנומענער מענטש, מיטן פּנים צום הימל, קוקנדיק אין דער בלאָער הערלעכקייט אַריין, ווי ער וואָלט פֿון חשמל־באַשיינטע הימלשע לוחות זיין שפּרוך אַראָפּגעלייענט. זיין פּנים איז בלייך געווען, און פֿון זיין אָפֿענעם מויל האָט אַ גייסט אַרויסגערעדט:

פֿון ארם טוט מיך בלק פֿירן
פֿון די מזרח־בערג דער מלך פֿון מואב:
קום שעלט מיר יעקבן,
קום צערן מיר אויף ישׂראל.
ווי זאָל איך שעלטן
וועמען גאָט שעלט ניט?

און ווי זאָל איך צערענען
איבער וועמען גאָט צערנט ניט?
פון שפּיץ פון די פעלדזן זע איך אים,
פון די הייכן קוק איך אים אָן.
זע, אַ פאָלק, וואָס רוט באַזונדער,
און רעכנט זיך ניט צווישן די גוים.
ווער האָט געציילט דעם שטויב פון יעקב
און באַרעכנט דעם זאָמען פון ישראל?
זאָל שטאַרבן מיין נפש דעם טויט פון די גערעכטע,
און מיין סוף זאָל זיין ווי זיינער.

בלק און די האַרן פון מואב זענען בלייך געוואָרן פאַר כּעס און פאַר מורא. זיי האָבן געזען, עס שטייט פאַר זיי אַ מענטש, אַ באַנומענער פון אַ גייסט, וואָס באַצווינגט אים צו רעדן ווערטער, וואָס ער וויל ניט. זיי האָבן געזען, ווי זיין קערפּער וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיע, ווען ער רעדט־אויס די רייד, און זיי האָבן געוואָלט אים אויפוועקן פון דעם טראַנס פון עקסטאַז, אין וועלכן ער איז פאַר־כאַפּט געווען. זיי האָבן אים גענומען טרייסלען, שאָקלען.

— בלעם, בלעם, וואָס טוסטו? צו שעלטן מיינע שונאים האָב איך דיך גענומען, און דו בענטשסט זיי גאָר.

ביסלעכווייז האָט זיך בלעם אויפגעכאַפּט און איז געקומען צו זיך. אַ פאַר־שעמטער, האָט ער זיך אָנגערופן צו בלקן:

— וואָס קאָן איך טון? דאָס, וואָס דער גייסט פון גאָט טוט אַריין אין מיין מויל, דאָס מוז איך רעדן.

בלק האָט אויסגעקוקט די געגנט אַרום. אונטן, אין טאָל, האָבן געלאַגערט די בני־ישראל. דער לאַגער האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ ווייטן שטח, — פון די וואַסערן פון ארנון ביז צום אויסגאַס פון ירדן. פון דעם נידעריקן בערגל פון בעל בלק האָט בלק נאָר געקאָנט זען אַ טייל פון די סטאַדעס שאָף, וואָס די בני־ראובן האָבן געפּיטערט לעבן די וואַסערן; דאָס גאַנצע פאָלק מיטן משכן האָט ער ניט געקאָנט זען. מיט זיין חוש צו דערשפּירן די שאָטנדיקע זייט פון אַ מענטשן, ווי פון אַ גאַנצן פאָלק, און מיט זיין פעאיקייט, וואָס איז אים געקומען בירושה פון די בני־סדום, אָנצורעדן דעם מענטשן צו שלעכטס, האָט בלק גע־בלאָנדזשעט מיט זיין שאַרפן בליק, זוכנדיק אַן אָרט, וואָס ער זאָל קאָנען ברענגען אַהין דעם זעער בלעם צו זען דעם לאַגער פון די בני־ישראל אין אַזאַ ליכט, אַז עס זאָל דערוועקן אין אים זיין גאַליקע קנאה־שנאה צו די בני־ישראל. אין צפון־זייט, קעגנאיבער דעם גרויסן לאַגער פון די בני־ישראל, האָט זיך געהויבן דער הויכער שפּיציקער באַרג פסגה. אין דער הערלעכער מאָרגן־שעה, ווען די זון האָט געצויגן פאַרהאַנגען ליכט איבער די משופּעדיקע בערגלעך, האָט בלק באַמערקט ווי איבער דעם באַרג פסגה ליגט אַ טונקעלער שאָטן. זיין זעערישער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אויף דעם באַרג וואַרט אַן אומגליק פאַר די בני־ישראל. ער האָט ניט געוואוסט גענוי וואָס פאַר אַן אומגליק, ער האָט אָבער געוואוסט, אַז פון דער הייך פון פסגה וועט מען קאָנען זען די הויפּט־מחנה

פון די בני־ישראל, די גאָלד־באַשלאָגענע ברעטער פון משכּן און משהן אין זיין ווייסן קלייד. דאָס וועט אַזוי פונאַנדערפלאַקערן בלעמס קנאה, אַז ער וועט גובר זיין דעם גייסט אין זיך און וועט געפינען אין זיך כּוחות צו פאַרשעלטן ישראל.

— קום מיט מיר, איך בעט דיך, צו אַן אַנדער אָרט, וואָס דו וועסט אים זען פון דאָרט. נאָר אַ טייל פון אים וועסטו זען, ניט אינגאַנצן, און שעלט מיר אים פון דאָרט.

און בלק האָט גענומען בלעמען מיט אַלע זיינע האַרן פון מואב און איז אַרויף מיט זיי אויפן באַרג פסגה, צו דעם פעלד צופים. זיי האָבן דאָרט געשווינד צונויפגעקליבן שטיינער פאַר זיבן נייע מזבחות, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט, און געבראַכט די געהעריקע קרבנות אויף זיי.

און בלק האָט געזאָגט צו בלעמען:

— איך זע, אַ שאָטן פאַלט איבער די געצעלטן פון ישראל. דרינג־אַריין מיטן כּוח פון דיין כּישוף אין די פאַרהוילענע ווינקלען פון דער צוקונפט פון ישראל. געפין־אויס זייער באַשערטקייט, רוף־אַרויס זייערע זינד פון אַמאָל און די זינד פון זייער צוקונפט, און וואַרף זיי, ווי שלאַנגען, צווישן ישראל און זיינע זכיות. זאָלן זיי אָפּגריזשען די וואָרצלען, וואָס ישראל איז איינגעפלאַנצט מיט זיי אין זיינע אבות. שטעל זיך קעגן משהן מיט דיין גאַנצער מאַכט. דו ביסט שטאַרקער פון משהן; דו ביסט דער נביא פון פיל פעלקער. און יהוה וועט חרטה קריגן אויף דעם, וואָס ער האָט געטון, און וועט פאַרוואַרפן ישראל אַזוי פיל מאָל ווי ער האָט עס געוואָלט טון.

אָן אויפגעטרייסלטער נאָך בלקס דערמאָנען זיין ביטערן שונא, משהן, איז בלעם אַרויף אויפן שפּיץ פון באַרג פסגה און האָט אַרונטערגעקוקט מיט זיין בלינדן אויג אין טאָל אַריין. אַ נעפּל האָט פאַרצויגן בלעמס בלינד אויג און פאַרשטעלט פאַר אים דעם אָנבליק פון דעם לאַגער, — און ער האָט גאָרניט געקאָנט רעדן.

בחינם האָט ער זיך געמיט מיטן כּוח פון זיינע כּישוף־שפּרוכן אַדורכצו־דרינגען די פינצטערניש, וואָס איז געהאָנגען איבער זיין אויג, אַז ער זאָל דערזען די שוואַכקייט און דאָס פעלן פון זיינע שונאים. וואָרעם קוים האָט ער אַרויס־גערופן דעם גייסט פון יהוהן, איז דער גייסט אים באַפאַלן, האָט אים גענומען געפאַנגען, האָט אים אַרויפגעטון אַ יאָך אויפן האַלדז און אַ צוים איבערן מויל — און אים צוריקגעשיקט צו בלקן, אַ פאַרכאַפּטן מיט דעם וואָרט פון יהוהן.

און ווידער האָט בלעם אויפגעהויבן זיין שפּרוך פאַר בלקן און זיינע האַרן:

שטיי־אויף, בלק, און הער,
פאַרנעם מיך, זון פון צפּור.
ניט אַ מאַן איז גאָט, ער זאָל ליגן זאָגן,
ניט אַ מענטשנקינד, ער זאָל חרטה האָבן,
ניט טון, וואָס ער זאָגט,
און ניט מקיים זיין, וואָס ער רעדט.
איך בין פאַרנומען געוואָרן פון ברכות,
זיין בענטשן קאָן איך ניט צוריקהאַלטן.

מען זעט ניט קיין אומרעכט אין יעקב,
קיין עוולה אין ישראל.
גאָט איז מיט אים,
דעם מלכס לייטזעליקייט שיינט איבער אים.
גאָט האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים,
ווי הערנער פון אַ ווילדער איז ער אים.
עס איז ניטאָ קיין כּישוף אין יעקב
און קיין וואָרזאָגער אין ישראל.
אַצינד ווערט פון יעקב און ישראל געזאָגט:
וואָס גאָט האָט אויפגעטון פאַר דיר!
אַ פאָלק, וואָס שטעלט זיך אויף ווי אַ לייבינטע
און רייסט זיך אויף ווי אַ לייב.
ער לייגט זיך ניט צוריק ביז ער עסט רויב
און טרינקט בלוט פון דערשלאָגענע.

בלק איז אויפגעבראַכט געוואָרן:

— פאַרוואָס בענטשסטו נאָך אים? שעלט אים ניט און בענטש אים ניט.

— וואָס זאָל איך טון, אַז אַ צוים ליגט איבער מיין מויל? האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז נאָר וואָס גאָט וועט מיר זאָגן, דאָס קאָן איך טון?

— קום, איך וועל דיך פירן אויף אַן אַנדער אָרט. וועסט זען פון אויבן דעם שפּיץ פון באַרג פעור. מיין חוש זאָגט מיר, אַז ישראל וועט געשטרויכלט ווערן אין בעל פעור. אפשר וועסטו דאָרט געפינען אַ שוואַך אָרט וואו אַנצופאַלן אויף אים און עס וועט וואוילגעפעלן אין די אויגן פון גאָט און דו וועסט מיר אים שעלטן פון דאָרט.

בלק האָט אַרויפגעפירט בלעמען אויפן שפּיץ פון באַרג פעור. מען האָט פון דאָרט ניט נאָר געזען דעם טייל טאָל, וואו דער משכן איז געשטאַנען, דעם אויסגאַנג פון ירדן און דאָס גאַנצע לאַנד אויף יענער זייט ירדן, נאָר מען האָט געזען דעם גאַנצן לאַנגן וועג פון מדבר, וואָס האָט געפירט אין טאָל אַריין. דער גאַנצער לאַגער פון ישראל איז געלעגן ווי אויף דער פלאַך פון דער האַנט, און עס איז געווען ווי גאָט וואָלט אויפגעעפנט בלעמס בלינד אויג און ער האָט פלוצלינג דערזען די שבטים פון ישראל.

ווי פלייצעדיקע טייכן האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון מיטן דעם פלאַץ, וואו דער משכן איז געשטאַנען. אויסגעשטעלט אין אַ סדר, האָבן זיך די געצעלטן פון די שבטים אויסגעשפּרייט ווייט און ברייט איבערן גאַנצן אָפענעם שטח, וואָס דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט אַרומנעמען. אַן צאָל זענען זיי געווען. אינמיטן פון די שבטים פון ישראל האָבן געפלאַקערט אין דער זון די גאָלד־באַשלאָגענע ברעטער פון משכן, זיינע בלאָ־תּכלתדיקע פאָרהאַנגען איבערן איינגאַנג און זיין רויטע איבערדעק. אַזוי ווי די פיר טייכן, וואָס גיסן זיך אַרויס פון גן־עדן, האָבן אויסגעקוקט די פיר מחנות פון די בני־ישראל, ווי זיי גיסן זיך אַרויס פון דעם זון־פאַרפלייצטן משכּן.

בלעם האָט געפילט און געזען די באַוועגונג, וואָס גייט־אָן אין די מחנות, דאָס גיין אויף־און־אָפּ איבערן גרויסן פּלאַץ פאַר דעם אוהל־מועד, וואו משהס געצעלט שטייט. ער האָט געזען משהן אין זיינע ווייסע בגדים, ווי אַ ריז, אַרומ־גערינגלט מיט די פירשטן פון די שבטים. ער האָט געזען נאָך מער, וואָרעם גאָט האָט אים געלאָזט אַריינדרינגען אין דער מיסטעריע פון זיינע זכיות. ער האָט געוואָרפן זיין בליק אויפן מדבר, און ער האָט געזען דעם גאַנצן לאַנגן גאַנג, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט פון דעם באַרג סיני ביז אַהער. דער באַרג סיני האָט געפלאַקערט אין דער ווייט. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט משהן אויף דעם באַרג מיט די עשרת־הדיברות, וואָס פלאַקערן אַרונטער, ווייס פייער אויף שוואַרץ פייער, פון די ברענענדיקע לוחות. ניין, ניט קיין שיכּורער געפילדער איבער דעם עגל גייט איצט אויף אין טאָל, ווי ער וואָלט געוואָלט הערן; עס איז דאָס געשריי פון נעשה־ונשמע, וואָס דער עכאָ ברענגט אַהער צו אים אויף די פליגל פון ווינט. ער האָט געזען די מתי־מדבר, ווי זייערע ביינער וואַלגערן זיך אַרום אין די הויכע, אַרויסשטאַרצנדיקע ווענט פון זאַמד. אָבער אויך פון די ביינער האָט זיך געהערט דאָס געשריי פון נעשה־ונשמע. כּהרף־עין האָט פאַר זיין גייסטיק אויג געשטעלט זיך די פיגור פון אַברהם־אבינו. העכער פון אַלע מענטשן, גרעסער פון אַלע ריזן, גייט דאָרט דער אַלטער מאַן מיט זיין הויכן קאָפּ און פירט אַ ייִנגל ביי דער האַנט. דער אייזל, באַלאָדן מיט אַ ברעם האָלץ, גייט ביי זיין זייט. ער גייט אין שפּיץ פון אַלע מתי־מדבר. וואָרעם די ביינער פון די מתי־מדבר האָבן זיך איצט אויפגעהויבן פאַר זיינע אויגן. איין ביין האָט זיך באַהאָפטן אָן צווייטן. און עס איז געווען ווי די מתים־סקעלעטן וואָלטן אַרויסגעקומען פון זייערע קברים און גייען נאָך דעם אַלטן הויכן ריז מיט זיין ייִנגל און דעם אייזעלע. אַלע גייען זיי נאָך דעם אַלטן אַברהם, וואָס פירט זיין זון צו דער עקידה. דאָס זענען די מתי־מדבר. דאָס איז דער גרויסער גאַנג פון מדבר אַרויס אַהערצו. זיי אַלע, וואָס הויערן אַרום דעם משכּן, זענען אָפּשטאַ־מיקע פון יצחקן. מיט יצחקן זענען זיי געווען אויף דער עקידה און נאָך יצחקן זענען זיי אויף דער עקידה. עס איז איין לאַנגע עקידה פאַר דעם נעשה־ונשמע, וואָס זיי האָבן גערופן.

ניין, ער האָט ניט מער מקנא געווען משהן. אַן אַנדער פאַרלאַנג האָט איצט אָנגעצונדן זיין האַרץ: צו זיין איינער פון זיי, צו זיין איינער פון די מתי־מדבר, דער צוזאַמענגעשטעלטער סקעלעט, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים און געפינט זיך דאָ אין דער מחנה אַרום דעם משכּן.

אין בלעמען האָט זיך אַנטפּלעקט דער גייסט. ער איז אויף איין אויגנבליק גערייניקט געוואָרן פון אַלע טומאות. עס האָבן זיך אָפּגעטון פון אים אַלע עבודה־זרות. זיין בלינד אויג איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט דעם ליכט פון דער העכסטער ריינקייט, און עס האָט אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע מיס־טעריעס פון ישראל. ער האָט געזען דעם פּרייז און געזען דעם שכר פון דער אויסגעלייזטקייט. ער האָט געזען אַלע זיינע זכיות פון זיין פאַרגאַנגענהייט און די באַשערטקייט פון זיין צוקונפט. דער עבר, דער הוה, דער עתיד האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין בליק, און ער האָט געזען פון דעם ערשטן אָנהייב ביז

צו דעם סוף פון די טעג, — און אַלץ איז געווען איינס, די באַשערטקייט פון ישראל.

און ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן בלקן און זיינע האַרן, און ער האָט אָנגעהויבן רופן צו זיי מיט אַ קול פון באַפעלונג און מאַנונג, מיט דעם קול פון דעם נביא, וואָס וועט קומען אין די צוקונפטיקע טעג. אַ נביא איז בלעם געוואָרן, אַ נביא פון ישראל, מיט אַ שליחות צו די גויים:

אַזוי רעדט בלעם, דער זון פון בעור,
און אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג.
אַזוי רעדט דער, וואָס הערט גאָטס ווערטער,
וואָס די זעאונג פון שדי טוט ער זען,
וואָס איז געפאַלן אויף זיינע אַנטפּלעקטע אויגן.

ווי שיין זענען דיינע געצעלטן, יעקב,
דיינע וואוינונגען, ישראל!
ווי טייטלביימער זענען זיי אויסגעשטרעקט,
ווי גערטנער ביים טייך,
ווי איילבירטן, וואָס גאָט האָט געפלאַנצט,
ווי צעדערן ביים וואַסער . . .

דער צאָרן האָט זיך צעפלאַמט אין בלקן. ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן צו בלעמען:

— שעלטן מיינע שונאים האָב איך דיך גערופן, ערשט בענטשן האָסטו זיי געבענטשט דריי מאָל. אַנטלויף דיר אַהיים. איך האָב געמיינט דיר גרויס כּבוד אָנצוטון, ערשט גאָט אַליין האָט פאַרמיטן דיר כּבוד אָפּצוגעבן.

אָבער בלעם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נביא פון ישראל נאָר אויף איין מינוט. עס האָבן געקעמפט אין אים די כּוחות פון טומאה און פון טהרה, דאָס נביאות מיט כּישוף־מאַכעריי. שוים האָט געזעצט פון זיינע ליפּן, זיין קערפּער האָט זיך געוואָרפן אין עקסטאַז. ער האָט געוואָלט אַרויסרייסן זיך פון דעם צושטאַנד, אין וועלכן דער רוח פון גאָט האָט אים אַריינגעטריבן — צו זאָגן ווערטער און צו זען זאַכן, וואָס ער וויל ניט, נאָר דער רוח פון גאָט האָט אים געשלאָגן ווי מיט אייזערנע ריטער, האָט אַריינגעטון אין אים ווערטער ווי הייס בליי, וואָס האָבן זיך געריסן פון זיין מויל קעגן זיין ווילן.

און ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר בלקן מיט אַ וויינענדיקער שטים:

— האָב איך ניט געזאָגט דיינע שליחים, אַז ווען בלק זאָל מיר געבן זיין הויז, פול מיט זילבער און גאָלד, קאָן איך ניט איבערטרעטן דעם באַפעל פון גאָטס גייסט? איך מוז זען דאָס, וואָס ער הייסט מיר, איך מוז הערן די שטימען, וואָס רופן צו מיר, איך מוז רעדן די ווערטער, וואָס ער זאָגט מיר.

און פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן, פאַרשטאַרט ווי אַן אויסגעטריקנטער, אָפּגעשיילטער בוים אין מדבר. זיין פּנים איז פאַרענדערט געוואָרן, פאַרשטאַרט געוואָרן. ער איז געוואָרן ווי אַ מאַסקע פון טויט. נאָר זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרויסזעצן פון די טיפע אויגנלעכער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד פאַלן

זיי אַרויס. ער איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן און האָט מיט דעם זעענדיקן און דעם בלינדן אויג געקוקט אין די מרחקים אַריין, ווי אַ וואַנדערער אין מדבר, וואָס דערזעט אַ מיראַזש פֿון דער ווייטנס.

ער האָט געפּישטשעט מיט זיינע ציטערדיקע ליפּן:

— איך זע, איך זע . . .

— וואָס זעסטו, וואָס? — האָבן די שרים אים געפֿרעגט אין שרעק.

— איך זע, איך זע, — האָט ער ווייטער גערעדט צו זיך זינגענדיק.

— זאָג אונדז, וואָס זעסטו?

און ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין טראַנס און געקוקט אויף בלקן —

איך זע אים, אָבער ניט אַצינד,
איך קוק אים אָן, אָבער ניט נאָענט.
אַ שטערן טרעט אַרויס פֿון יעקב
און אַ צעפּטער וועט אויפֿשטיין פֿון ישראל.

— פֿאַרמאַכט אים דאָס מויל! איך וויל ניט הערן. פֿאַרמאַכט אים דאָס מויל! נעמט אים אַהיים! — האָט בלק געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן צו בלעמס צוויי זין.

# 7

ווען בלעם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם טראַנס, אין וועלכן דער גייסט פֿון גאָט האָט אים געהאַלטן געפֿאַנגען, איז ער צוריקגעפֿאַלן צו דעם מחבל פֿון טומאה און כּישוף. ער האָט זיך געפֿונען רייטנדיק אויף זיין אייזלטע, אויפֿן וועג אַהיים. די אייזלטע איז געגאַנגען מיט מונטערע טריט, טאַקע נאָר ווי זי וואָלט גרייט געווען צו עפֿענען ווידער דאָס מויל און זינגען שירה, צו געבן גאָט ברוך הוא אַ לויב און אַ דאַנק פֿון בלעמס וועגן, אַ לויב און אַ דאַנק איבער דעם, וואָס דער בעל־הבית האָט גובר געווען דעם נסיון, צו וועלכן בלק האָט אים געבראַכט, און איז שטאַרק געבליבן אין זיין אמונה אין יהוהן. אָבער דער בעל־הבית אַליין איז גאָר געווען אין אַן אַנדער געמיטצושטאַנד. נאָך האַלט ער אין איין מורמלען פֿאַר זיך מעכאַניש די ווערטער: „ווען בלק זאָל מיר געבן זיין הויז, פֿול מיט זילבער און גאָלד . . ." — אָבער זיין האַרץ איז שוין ניטאָ דערביי. ער קוקט זיך אַרום. ער איז אויף זיין וועג צוריק אַהיים, איינער אַליין, רייטנדיק אויף זיין אייזלטע. בלק האָט אָוועקגענומען פֿון אים אַלע באַגלייטער, — דעם קאַראַוואַן פֿון די בכבודיקע שליחים, די גאַנצע כאַליאַסטרע כּישוף־מאַכערס, פֿאַרקאַרליקטע פֿאַרזעענישן, מאַלפּעס, — וואָס ער האָט געשיקט צו ברענגען דעם זעער פֿון די גויים צו אים מיט פּאָמפּע און גרויס פּאַראַד, האָט אויסגעטון פֿון אים די טייַערע

פון איבער־מכשף, זיין מאַנטיע מיט כּישוף־צייכנס, האָט אים באַרויבט פון אַלע אינסיגניעס פון זיין אַמט און ראַנג. אַפילו זיינע צוויי זין, וועלכע האָבן אים געהאָט באַגלייט מיט די מערקצייכנס פון זייער הויכן אַמט, האָבן אים אויך פאַרלאָזט. שעמען זיי זיך מיט אים? זיי זענען, אין יעדן פאַל, איבערגעבליבן ביי בלקן. זיי וועלן אַוודאי בלקן אַליין קרוינען פאַרן איבער־זעער פון די גויים און אים איבערגעבן אַלע סודות און צייכנס פון די פאַרבאָרגענע כּישוף־שפּרוכן, וואָס ער האָט זיי געלערנט, די אַלע קונצשטיק און פאַרטלען פון די חרטומי־מצרים, — און ער, בלעם, אַליין איז געוואָרן אַ משרת ביי יעקבן, זיין נאָכלויפער, זיין האָלץ־העקער און וואַסער־שעפּער.

און בלעם האָט חרטה געקראָגן. קוים האָט דער גייסט פון גאָט נאָכגעלאָזט זיין צוואַנג איבער אים, האָט ער דערזען, האָט ער האָט אָפּגעטון, נאָר אין אַן אַנדער ליכט. ער האָט אָפּגעגעבן יעקבן די הסכּמה אויך פון דעם רוח־הטומאה, — זיין אויסגעברענטע קללה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין גליען אין זיין האַרץ פאַר יעקבס קינדער, איז מגולגל געוואָרן אין זיין מויל אין אַ ליכטיקע ברכה. ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך זיין גאַנצע שטאַרקייט, ווי אַ שלאַנג, וואָס וואַרפט אַרויס פון זיך איר סם־המוות, — און אַליין איז ער געבליבן אַ הוילער, אַ שאָלעכץ, וואָס מען האָט פון איר די יאָדרע אַרויסגענומען. ניט נאָר האָט זיך אָפּגעטון פון אים דער רוח־הקודש, וואָס האָט אים געלאָזט זען אויף איין אויגנ־בליק די הערלעכקייטן, וואָס רוען ביי דער טיר פון אַחרית־הימים, נאָר אויך דער רוח־הטומאה האָט אים פאַרלאָזט. ער האָט ניט מער קיין כּוחות צו רינגען קייטן, צו באַפעלן מיט חרמות, צו באַצווינגען גייסטער, צו באַשערן מזלות און צו פאַרשעלטן מיט קללות. זיין בלינד־זעענדיק אויג איז פאַרמאַכט, אַ שוואַרץ הייטל איז פאַרצויגן דערויף און פאַרשטעלט פון אים ניט נאָר דאָס ליכט פון טאָג, נאָר די פינצטערניש פון דער נאַכט. אַן אייביקער נעפּל פון בית־השמשות ליגט איבער זיין בלינד־זעענדיק אויג, און ער אַליין איז באַרויבט פון אַלע זכיות. ער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון די הימלען, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ קורצע ווייל. אַרויסגעריסן פון דער כּף־הקלע, וואו ער האָט געהאַט זיין וואָרצל, שוועבט ער אַרום אין דער לופטן, ווי אַ הוילע פּלעווע, וואָס דער ווינט טראָגט.

— האָסט מיך ווידער מנצח געווען, יעקב, — האָט ער אַנגעהויבן וואָיען ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. — ווידער האָסטו מיך אָפּגענאַרט, יעקב. אַזוי ווי ביי דיין ברודער, האָסטו אויסגענאַרט פון מיר די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן. האָסט אָנגעטון אַ צוים אויף מיין מויל און אַרויסגעקראָגן פון מיר די ברכות, וואָס איך האָב אויסגעוואָרימט פאַר אדום און מואב, פאַר מדין, פאַר עמלק, דיין פיינט, מיינע פריינד האָב איך פאַרשאָלטן. איך האָב געמאַכט אדום פאַר דיין אַרב און מואבס ווינקלען האָב איך דיך געלאָזט צעברעכן, — און דיך אַליין האָב איך געמאַכט פאַר דעם הערשער איבער פעלקער. האָסט זיך געראַנגלט מיט מיר, ווי דו האָסט זיך געראַנגלט מיטן מלאך פון גאָט, און האָסט מיך ביי־געקומען. האָסט בייגעקומען אי גאָט, אי דעם שטן. האָסט אויסגענאַרט פון מיר מיינע גייסטיקע שאָף, ווי דו האָסט אויסגענאַרט די בעסטע לעמער ביי לבנען. און איצט בין איך ווי אַ פייג, וואָס מען האָט פון איר דעם האָניק אויסגענאָגט.

קיין חלק אין ישראל האָב איך ניט, און פון מיין חלק אין דעם רוח־הטומאה האָסטו מיך באַרויבט.

און ווי ער האַלט אַזוי אין איין באַקלאָגן זיך און באַדויערן זיך, גיט זיך זיין בלינד אויג אַ צאַפּל, דורך זיין גאַנצן קערפּער לויפט־אַדורך אַ ציטער. ער זעט עפּעס, אַ ליכט פאַלט איבער זיין זכרון. ער דערמאַנט זיך, אַז בשעת ער האָט אַרונטערגעקוקט פון באַרג אַרונטער אויף די געצעלטן פון ישראל, האָט ער געזוכט אַ שאָטן, וואָס זאָל פאַלן איבער זיי. ער האָט אים ניט געזען מיט זיין רוח. דער רוח־הטומאה האָט איצט דעם שאָטן אַרויסגערופן אין זיין זכרון. ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ שאָטן, אַזוי געדיכט, ווי אַ וואָלקן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַש און שוועבל. און מיט גרויס באַגייסטערונג האָט ער אויסגערופן:

— איצט ווייס איך, איצט זע איך עס, — האָט ער געציטערט אין זיין גאַנצן לייב, — איצט שפּיר איך עס. איך האָב ניט געזען קיין זינד אין ישראל. און דערפאַר זענען מיינע כוחות אָפּגעשוואַכט געוואָרן. יעקב מוז זינדיק ווערן.

מיט ענערגיע האָט ער געפּרואווט אויסקערעווען זיין אייזלטע אויף צוריק, צו עיר־מואב, אָבער די אייזלטע האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט גיין. מיטן קאָפּ אויסגעבויגן צו בלעמען, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן.

— גיי ווי איך הייס דיר. קיין מלאך פון גאָט וועט זיך מער ניט שטעלן אין דיין וועג. איך בין פריי פון דעם גייסט פון יעקב. מיטן כוח פון דעם גייסט פון עשו און מיט דעם רשות פון דעם רוח־הטומאה באַשווער איך דיך און באַצווינג דיך צו טון מיין ווילן אָן אָפּפרעג און אָן עקשנות.

בלעם האָט געמאַכט אַ כישוף־צייכן איבער זיין אייזלטע — און זי איז געגאַנגען אין דעם וועג, וואָס ער האָט געוואָלט.

אין עיר־מואב, אין בלקס רייכן הויז, האָט בלעם אָנגעטראָפן בלקן, ווי ער האָט מיט די גרויסע פון זיין אייגענעם לאַנד און מיט די האַרן פון מדין זיך געהאַלטן אַן עצה, וואָס זיי זאָלן איצט טון קעגן ישראל. פאַר זיי זענען געשטאַנען כישוף־מאַכערס, מיט בלעמס צוויי זין בראש. אין דער פולער רעגאַליע פון הויכע העלמען און כישוף־מאַנטיעס, מיט כישוף־צייכנס אין די הענט, האָבן זיי באַשווּוירן פאַרשיידענע אותות און כישוף־אָפּשפּרוכן אויף בייצוקומען ישראל.

ווען די פאַרזאַמלונג האָט דערזען בלעמען, ווי ער, אַ באַרויבטער פון אַלע זיינע כישוף־צייכנס, שטייט דאַך פאַר זיי, אַן אויפגעוואַכטער, צוריק אין זיין גאַנצער מאַכט, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער און געמאַכט אַ וואַרע פאַר אים.

בלעם האָט זיך געשטעלט פאַר בלקן און די האַרן פון מואב און מדין. ער האָט אָנגעלאָדן זיין בלינד אויג אויף בלקן, — דאָס פאַרראָפּיעטע הייטל האָט זיך פונאַנדערגערוקט און עס האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצאַפּל, רויט, בלוט־פאַרגאָסן ווי אַ ברענענדיקע וואונד, — און ער האָט אויסגערופן:

אַזוי זאָגט בלעם, דער זון פון בעור,<br>
און אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג.<br>
מיין אויג האָט זיך געעפנט און איך האָב געזען<br>
ישראלס סוף איז צום אונטערגאַנג.

דער וואָלקן פון שטורם און צאָרן
איז איבער זיין קאָפּ.
יהוה מיט פייער און שוועבל
טראָגט זיך צו פאַרניכטן דאָס פאָלק,
וואָס ער האָט פון מצרים אַרויסגענומען.

די גרויסע לייט פון מואב און מדין און בלק אַליין זענען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער מיט העוויות פון וואונדער און פרייד, און זיי האָבן אויסגערופן צו בלעמען:

— ווי אַזוי?

— איך האָב ניט געמערקט קיין זינד אין ישראל.
האָבן מיך דערפאַר די כוחות פאַרלאָזט.
וואָרעם עשו שטאַרקט זיך איבער יעקבן
דענסמאָל נאָר, ווען ישראל איז שוואַך אין דער האַנט פון גאָט.
בחינם האָב איך געזוכט, בחינם געפאָרשט
צו געפינען אַ שאָטן איבער ישראלס געצעלט.
פון דעם באַרג פון פעור
האָב איך דערזען דעם שאָטן פאַלן,
וואָס מאַכט פינצטער ישראלס הימל.
האָב געפונען אַן עפענונג, האָב דערזען דעם פינגער,
דעם אָנווייז —
וואו מיינע קללות אָנצוהענגען.
זינדיק, זינדיק מוז ישראל ווערן!

— ווי אַזוי? ווער וועט אים אָנרעדן צו שלעכטס? — פרעגט בלק.

— דו, זון פון צפור.
די זינד איז געשטאַנען ביי דיין וויג,
געזויגן האָסטו זי מיט דיין מוטערס מילך.
פון פאָטער און טאָכטער ביסטו געבוירן.
דאָס שעפעלע, געקאָכט אין מוטערס מילך,
וועט זיין סם פאַר ישראל.

— וואָס זאָל איך טון? זאָג! — זאָגט בלק.

— דו ביסט דער היטער פון די זינד. די ברונימער פון סדום זענען אין דיין רשות. קום און פיר מיך צו זיי, — זאָגט בלעם.

— ביי דער עפענונג פון ברונים ליגט דער נחש הקדמוני, די מוטער פון זינד. קיינער קאָן ניט צוקומען אַהין, סיידן ער דינט פריער צו איר, אָדער בוקט זיך פאַר איר.

— פיר מיך צו איר.

און בלק האָט געפירט בלעמען, אין באַגלייטונג פון זיינע האַרן, צו די ברונימער פון סדום.

די קוואַלן, וואָס די זינד פון סדום פליסן פון זיי אַרויס, האָבן זיך געפונען אין אַ הייל, וואָס דער וועג אַהין האָט געפירט דורך אַ לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר

אין די חורבות פון די סדומישע לאַוואַ־אָנגעשאָטענע בערג. די האַר־ן פון מואב האָבן געטראָגן שטורקאַצן צו באַלייכטן דעם וועג, און בלעם, צוריק אין זיין כישוף־מאַנטיע, אין זיין טיאַרע פון אייבער־צויבערער, איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קיניג פון מואב צו די ברונימער פון סדום. אין איין האַנט האָט בלעם געהאַלטן זיין צויבער־שטעקן, אין דער צווייטער — אַ נבלה פון אַ שוואַרצן פויגל, וואָס נערט זיך מיט נבלות. אַז זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער עפענונג פון הייל, האָט אַן איבלדיקער ריח פון שוועבל אָפּירגעשלאָגן צו זיי און אַ געדיכטער רויך, אָנגעלאָדן מיט אַש פון לאַוואַ־פייער, האָט זיי אַרומגענומען. אינעווייניק אין הייל האָט בלק צוגעלויכטן מיטן פלאַם פון שטורקאַץ, און בלעם האָט דערזען מיט זיין בלינד אויג: אַ גרויסע מעכטיקע שלאַנג, געוויקלט אין לייוונט, אַ מומיע, ליגט פאַר דעם איינגאַנג, מיט איר טויטן קאָפּ אַרויסגעשטעקט פון די וויקלבאַנדן. פאַר איר איז געשטאַנען אַ שטיינערנער מזבח, אויף וועלכן עס האָט זיך גערויכערט אַ געדעמפּעכץ פון שוועבל־אַש, וואָס טאַקע פון דאַנען איז דער איבלדיקער שוועבל־רויך אויפגעגאַנגען.

— דאָס איז דער נחש הקדמוני, די מוטער פון זינד, וואָס איטלעכער בעל־חי מוז קניען פאַר איר איידער ער קאָן דערגרייכן די קוואַלן פון זינד, — זאָגט בלק.

בלעם האָט זיך געוואָרפן פאַרן מזבח, האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין קויטיקן לאַוואַ־אַש, אַרויפגעלייגט די נבלה פון שוואַרצן פויגל אויפן דעמפּיקן מזבח און אָנגעהויבן בעטן צו דער שלאַנג:

מוטער פון אַלעם לעבעדיקן,
וואָס דו ביסט דער אָנהייב פון דער יצירה,
דו באַוואוינסט דאָס האַרץ פון מענטש פון זיין יוגנט אָן.
עפן־אויף פאַר מיר די קוואַלן פון זינד —
צו מאַכן זינדיק אַ פאָלק,
וואָס וויל אונטערברענגען די זינד.

ווען בלק האָט אַריינגעפירט בלעמען אין די אינעווייניקסטע חדרים פון הייל, האָט אַ דאַמפּיקייט אַלעמען איינגעוויקלט ווי אין אַ מאַנטל־הילע. בלק האָט אָנגעוויזן בלעמען אויף דער עפענונג אין דער ערד, וואָס די דאַמפּיקייט האָט פון דאָרט געשלאָגן ווי אויס אַ ברענענדיקן קאַלכאויוון:

— דאָס איז דער ברונים פון אכזריות, וואָס די לייט פון סדום האָבן געטרונקען דערפון איידער יהוה האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ קאַלכאויוון. קוק אַריין און זע, וואָס עס טוט זיך דאָרט אויפן דנאָ.

בלעם האָט אַריינגעקוקט אין די וואַסערן פון ברונים, און זיין בלינד אויג איז זעענדיק געוואָרן. און ער האָט געזען די אַלע מעשים־תעתועים פון די בני־סדום אויפן דנאָ פון וואַסער, אין וועלכן עס האָט זיך געראַיעט אַ געווימל ווייסע שלאַנגען.

— דער וואָס טרינקט פון דעם וואַסער, אין דעם דערוועקט זיך די לוסט נאָך אכזריותדיקע מעשים. זיין נאַטור ווערט פאַרענדערט, און ער גלוסט צו זען דעם פּיין פון מענטש און חיה, ווי זיי וואַרפן זיך אין קאָנוואולסיע, ווען זיי ווערן געמאַטערט.

און מיטאַמאָל האָט בלעם דערזען מיט זיין בלינד אויג אַרויסגעזעצטע פּנימער. עס זענען געווען פּנימער פון יונג און אַלט, פּנימער פון מאַן און פרוי, פּנימער פון קינדער. טייל האָבן אַרויסגעזאָגט אין ווערטער דעם ווייטיק, וואָס באַוואוינט זייערע הערצער, אַנדערע האָבן דאָס אַרויסגעוויזן דורך פאַרקרימטע גרימאַסן און אַ היסטעריש לאַכן. נאָר די קינדערשע פּנימער האָבן מיט די בלויזע אויגן דערציילט פון דעם געוואַלד פון שרעק, וואָס איז זיי באַפאַלן.

— דאָס זענען די קרבנות פון די בני־סדום, וואָס די וואַסערן שפּיגלען־אָפּ. פון זיי האָבן עס די בני־סדום גענערט זייער לוסט נאָכן אַנבליק פון פּיין און יסורים.

— פיר מיך צום ברונים פון זנות! — האָט בלעם אויסגערופן, אַוועקנייגנדיק זיין אַלט פּנים מיטן בלינדן אויג, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט. — איך וויל דאָס ניט זען. — אויך פאַר אים איז עס צו־שטאַרק געווען.

אויפן דנאָ פון דעם ברונים פון זנות האָט בלעם דערזען מיט זיין בלינד אויג די פאַרדאָרבנקייט פון זנות אין אַלע פאָרעמס, נאַטירלעכע און אומנאַטירלעכע, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן נאָר צוטראַכטן, — זנות פון משכב־זכר און משכב־בהמה, זנות פון בלוטשאַנד צווישן לייבלעכע קרובים און זנות דורכן אייגענעם לייב.

— דער, וואָס טרינקט פון די וואַסערן, אין דעם ווערט דאָס בלוט פאַר־וואַנדלט אין קאָכעדיקע זרע; ער ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ לוסט, וואָס ער קאָן זי קיינמאָל ניט שטילן.

— אָט דאָס ברענענדיקע וואַסער זוך איך. קומט אַהער, איר, האַרן פון מואב, און איר, גרויסע פון מדין, שטעלט זיך אַרום מיר — און איך וועל אייך זאָגן, וואָס איר זאָלט טון, כּדי זינדיק צו מאַכן ישראל, אַזוי ווי עס האָט מיר באַשייד געגעבן דער נחש הקדמוני, די מוטער פון זינד.

ווען די גרויסע פון מואב און מדין, מיט בלקן אין שפּיץ, האָבן אַרומגערינגלט דעם ברונים פון זנות, האָט בלעם געדופן אויף אַ פאַרשטיקט קול:

אַזוי זאָגט בלעם, דער זון פון בעור,
דער מאַן מיטן אָפענעם אויג.
גייט נעמט אייערע טעכטער צונויף,
די יונגע און די שיינע,
די פּרינצעסינס פאַר די פּרינצן,
די טעכטער פון פאָלק — פאַרן פאָלק.
יונג איז ישראל ווי אַ שפּרינגענדיקער אָקס,
ווי אַן אומגעצוימטער אייזל, וואָס שרייט נאָך דער אייזלטע.
נאָך אומגעמלט, שטייט אים ניט צו
דער זכות פון אַברהם.
זעצט אייערע טעכטער איןביידלעך אַריין.
ביידלעך פון זנות? חלילה!
ביידלעך־קראָמען, ביידלעך מיט כּל־טוב.
רייך איז ישראל,

אַנגערויבט פון דעם אמורי
און פון בשן דער שטאָט.
ער גלוסט נאָך לייוונט פון בית־שן,
נאָך פלאַכטן לעדער און קופּער,
נאָך סאַנדאַלן צו באַהיטן די פיס פון שטיין,
נאָך עסן און טרינקען —
ווייל ניט אָנגעזעטיקט איז ישראל.
נאָר געהיט זאָלט איר זיין ניט אָנצושיכּורן אים מיט ווייז,
ווייל אָן אויסרייד וועט דאָס אים זיין,
אַז ניט געוואוסט האָט ער פון רעכטס און לינקס,
ווי לוט זיין פאָטער אין דער נאַכט צו געדענקען.
נאָר מיט דעם וואַסער פון ברונים,
וואָס פילט די ביינער מיט בריענדיקער זרע אָן.
אָבער זאָגט אייערע טעכטער אָן,
אַז געדענקען זאָלן זיי געדענקען
דעם געלעגער ניט צו פאַרקויפן
פאַר זילבער און גאָלד
נאָר בייגן זאָל ישראל די קני
פאַר דעם בעל פון פעור,
אַ האַנט בשמים זאָל ער אויף זיין מזבח רויכערן.
געדענקט, ניט בלויז זנות וויל איך פון ישראל, —
זנות וועט אים גאָט פאַרגעבן, —
נאָר אַז באַהעפטן זאָל ער זיך אָן דעם בעל פון פעור.
און איצט, מיינע ברידער, שטיל זאָלט איר שוויגן,
איך האָב ניט געזאָגט און ניט געטון קיין זאַך,
נאָר דעם געבאָט פון גאָט האָב איך געפאָלגט,
און איך גיי מיר צוריק צו מיין אייגן אָרט.

— בלעם, זון פון בעור, ביסט ווערט, אַז בלק זאָל דיר אָנפילן אַ הויז, פול מיט זילבער און גאָלד פאַר דיין גוטער עצה, — רופן די האַרן פון מואב און מדין אויס.

— איך האָב עס ניט געטון פאַר קיין לוין.
דאָס איז אונדזער אַלעמענס זאַך.
נאָר ווען דאָס איז געפעליק אין אייערע אויגן,
אָפן שטייט שטענדיק מיין געמאַך.

בלעם וויקלט זיך איין אין זיין געשטרייפטער מאַנטיע, זעצט זיך, מיט דער הילף פון זיינע צוויי זין, אַרויף אויף זיין אייזלטע און לאָזט זיך צוריק אַהיים.

— וואָס הויבסטו אַזוי דיין פרום פנים און וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן מיט די פאַרגלאָצטע אויגן ? — פרעגט בלעם זיין אייזלטע. און ער פאַרענטפערט זיך פאַר איר :

איך האָב ניט געזאָגט און ניט געטון קיין זאַך
קעגן יהוהן, דעם גרויסן גאָט.
געטון האָב איך נאָר זיין שליחות,
און גיי זיך אַצינד צו מיין אייגן אָרט.

# 8

צופוסנס פון דעם משופּעדיקן באַרג, וואו עס שטייט די שטאָט פון מואב, אין טאָל פון ארנון, — קעגנאיבער דעם לאַגער פון ישראל, וואָס איז אין ירדן־טאָל פון שטים, — איז אויסגעוואָקסן אַ באַזאַר פון קאָלירטע לייוונטענע ביידלעך־געוועלבער. עס נעמט ניט קיין עק צו די פאַרשיידנאַרטיקע סחורות און זאַכן, וואָס ליגן אויסגעלייגט אויף די אויסשטעל־טישן ביים איינגאַנג אין די ביידלעך — צו פאַרכאַפּן דאָס אויג פון פאַרבייגייער און אים צווינגען זיך אָפּצושטעלן. די וואָל־געוועבטע זאָטלען, רייט־דיוואַנען און דעקן אין רויטע און וויאָלעטע קאָלירן פלאַמען אין דער זון ווי אַ רעגנבויגן. מאַנטיעס און מאַנטל־היליעס, טיכער און קליידער, טוניקעס און העמדער פון ווייסן דינעם לייוונט, געשטרייפט מיט בלאָ־תכלתדיקע און פּורפּל־רויטע פּאַסן, הענגען איבער די ווענט פון די ביידלעך. שוין פון וויט שימערט און פינקלט אַן אויסמיש פון פאַרשיידן־פאַרביקע פאַלשע שטיינער, אַריינגעזעצט אין שנאַלן פון פּאַסיקעס, אין נאַזרינגען און אָרעמבענדער.

אַ דומפּיקער רויך שלאָגט אַנטקעגן פון געבראָטענעם שעפּסן־פלייש, געדעמפּט מיט בשמים פיל, — שמעקעדיקע נעגעלעך, צימרינג, לאָרבער־בלעטלעך, אינגבער, וואָס רייצן דעם אַפּעטיט, רייסן־אויף די נאָזלעכער און לאָזן די סלינע רינען פון מויל.

פון דעם לאַגער פון ישראל, פון דעם אָרט, וואו דער שבט שמעון האָט געהאַט זיין באַשטימטן פּונקט, זענען אַרויסגעגאַנגען יונגע צוויי פון דער מחנה אַרויס צום בערגל פעור. צי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען גלאַט שפּאַצירן אין דער היץ פון טאָג, אָדער אויסקוקן אויף אַ הינד אָדער הירשל, וואָס קומט פון דעם באַרגיקן וועלדל צו דעם אַרנון־טייך צו טרינקען, אָדער אויסשפּירן די היענע, וואָס שרעקט מיט איר וואָיען די סטאַדעס שאָף ביינאַכט, — זיי זענען געגאַנגען ביידע אין מונטערן יוגנטלעכן געמיט. געטראָגן האָבן זיי יעדערער, פאַרשטעקט אין זיין שווערדנגאַרטל, אַ קינזשאַל מיט אַ קופּערנעם הענטל, באַזעצט מיט פאַלשע שטיינער, אין די אויערן — אוירינגען מיט בלאָע שטיינער געצירט, — טראָפּעען פון קריג מיטן אמורי; די בראַסלעטן אויף די הענט און די גרויס־רינגיקע קייטן אויפן האַלדז, אויסגעהאַמערט אויס ריינעם זילבער און אויך באַזעצט מיט פאַלשע שטיינער, זענען געווען נאָך מלחמה־טראָפּעען, אַראָפּגעצויגן

פון אַ העלד אַ ריז פון בשן דער שטאָט, וואָס זיי האָבן אין די בערג באַצוואונגען. זייערע געדיכטע שוואַרצע האָר לאָזן זיך איבער זייערע נאַקנס אַרונטער אין טראָלדן, און צוויי צעפּ, ווי צוויי קייטן, באַשווערט מיט אַריינגעפלאָכטענע שטיקער גאָלד און זילבער, הענגען אַרונטער צו זייערע קורצע רונדיקע בערד — און ווייטער, דערגייענדיק ביז צו דער ברוסט. זייערע לייבער זענען כמעט נאַקעט. אַחוץ דעם זאַק־באַנד אויף די היפּטן, וואָס פאַרשטעלט שווערלעך די שאַנד, און דער הירשן־פעל, אַנגעבונדן אויפן אָרעם, זענען זייערע בייכער, בראָנדז־שייַנענדיקע, און זייערע מעכטיקע היפטן, ווי געזימסן, אויסגעהאַמערט פון קיזלשטיין, אינגאַנצן אַנטבלייזט. זיי מאַכן זיך זייער ווייניק אויס זייער נאַקעט־קייט. די הייסע שטראַלן פון דער זון וועבן פאַר זיי אַ העמד פון ליכט און פייערלעכקייט, וואָס באַשיינט זייער נאַקעטקייט. זיי האַלטן זיך ביי די הענט מיט יוגנטלעכער פרייד, און מיט שאַרפע, דורכגעבערנדיקע בליקן, וואָס פאַלן ווי פיילן פון בויגן אויס זייערע שוואַרצע גליענדיקע אויגן, קוקן זיי ביידע אויס, זוכן די נאַרע, וואו עס באַהאַלט זיך אויס די היענע, וואָס שרעקט די לעמעלעך אין זייער סטאַדע.

דערווייל, ווי זיי זוכן די היענע, זענען זיי ביידע אַריינגעטון אין אַ שמועס.

פון וואָס רעדן העלדישע יונגען צוויי, וועלכע האָבן נאָרוואָס אַדורכגעמאַכט אַ זיגערישע מלחמה? זיי רעדן פון די שלאַכטן, פון די „ילדות״, די מיידלעך, וואָס זיי האָבן גענומען געפאַנגען און זיי אַהיימגעבראַכט און וואָס משה האָט זיי ניט געלאָזט האַלטן, און זיי רעדן אויך פון מעשים, וואָס טוען זיך אָפּ אין לאַגער.

— שוין פיר וואָכן זענען פאַרביי, זינט מיר האָבן מנצח געווען דעם אמורי און דעם מלך פון בשן. מיר האָבן איינגענומען יעזר און אַלע שטעט אַרום. מיר האָבן אָפּגערייניקט דעם גאַנצן עבר הירדן, — און איצט האָבן עס דער שבט ראובן און דער שבט גד באַזעצט, — און דאָך פירט אונדז משה ניט אַריבער דעם ירדן, אַז מיר זאָלן דאָרט איינגעמען אונדזערע שטעט. ראובן און גד און דער האַלבער שבט מנשה האָבן באַקומען זייערס. זיי בויען צוריק אויף די שטעט, וואָס זיי וועלן זיי באַזעצן מיט זייערע ווייבער און קינדער. נאָר אונדז האַלט משה צוגעבונדן צום מדבר. פאַרוואָס פירט ער אונדז ניט אַריבער דעם ירדן?

— מען זאָגט, ינדב, אַז ער וויל אונדז פריער מל־זיין, איידער ער וועט אונדז אַריבערפירן אין אונדזער לאַנד אַריין.

— משה וועט אונדז ניט לאָזן פריער אַריינקומען אין דעם ברית פון אַברהם, איידער מיר וועלן ניט איינגעמען יריחו. ער האָט מורא, אַז דער שונא זאָל דאָס ניט אויסניצן צו באַפאַלן אונדז, ווען מיר וועלן זיין אָפּגעשוואַכט און גרינג בייצוקומען. איך וועל דיר אָבער זאָגן, אסנת, די ריכטיקע סיבה. משה ווייסט, אַז ער וועט שטאַרבן דאָ, אויף דער זייט ירדן, אַזוי ווי גאָט האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז שטאַרבן מיטן טויט פון די מתי־מדבר, — און פאַרן טויט וויל ער אונדז איבערלאָזן זיין צוואה, אַ נייעם פּאַק מיט מצוות, געזעצן און משפטים. זיצט ער דאָרט ביי זיך אין געצעלט און האַלט אין איין אָנגרייטן פאַר אונדז

נייע דינים, חוקים און משפטים. און ביז ער וועט ניט פּאַרטיק ווערן מיט דעם, וועט ער אונדז האַלטן דאָ, אויף ד ע ר זייט ירדן.

— און איך זאָג דיר, ינדב, אַז אונדזער פירער איבער טויזנט, זמרי, האָט באמת רעכט, ווען ער טענהט צו אונדז: „פאַרוואָס קאָנען מיר ניט זיין ווי די אַנדערע גוים, ווי מואב, ווי אדום? זיי זענען אויך קינדער פון אַברהם. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט משדך זיין מיט זיי?" דו געדענקסט די שיינע אמורית, וואָס איך האָב מיר אַהיימגעבראַכט פון דער מלחמה? אַן עלטסטער איז אַריינגעקומען אין מיין געצעלט און האָט מיר באַפוילן זי אַהיימצושיקן. דאָס מיידל האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. זי האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם געצעלט. אַפילו ביי מיין ווייב צפורה האָב איך געפּועלט, אַז זי זאָל לאָזן די אמורית זיין מיט אונדז. עס האָט גאָרניט געהאָלפן. זי האָט ניט געקאָנט בלייבן דאָ אַפילו ווי אַ דינסט. מיר טאָרן גאָרניט האָבן צו טון מיט זיי. זמרי האָט רעכט. ער, משה, האָט געמעגט זיך נעמען אַ מדינית פאַר אַ ווייב, נאָר אונדז איז עס פאַרווערט.

— איך האָב אַליין געהערט זמרין זאָגן פאַר די עלטסטע פון ישראל, אַז עס וואָלט בעסער געווען פאַר אונדז צו לעבן בשלום מיט אונדזערע שכנים, איידער צו זיין אין קריג מיט זיי. מיר וואָלטן באַדאַרפט זיך נעמען זייערע טעכטער פאַר ווייבער און געבן זיי אונדזערע טעכטער.

— זיי האָבן זמרין טאַקע פאַרמסרט פאַר משהן, און פון דענסמאָל אָן האַלט אים משה אָפּגעזונדערט פון דער מחנה.

— משה האָט מורא פאַר אים. ער ווייסט, אַז זמרי איז אַ בעסערער היילס־מאַן פון יהושען. די גבורות, וואָס ער האָט באַוויזן אין בשן! זע, זע . . . זעסט דאָרט, אסנת, דאָס זאַמד־בערגל? דאָרט מוז זיין די נאָרע פון דער היענע. דאָס וואָיען ביינאַכט קומט פון דער זייט. דו גיי אויף רעכטס און איך וועל גיין אויף לינקס, און מיר וועלן זי פּאַקן.

נאָר קוים זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען, זענען זיי ביידע מיטאַמאָל שטיין געבליבן. ביידע האָבן זיי צוגלייך אויפגעהויבן די הענט און געטייט צום אָפּנייג פון באַרג ביים עק פון זייער טאָל.

דער שאַרפער ריח פון דעם געבראָטענעם שעפסן־פלייש, וואָס דער ווינט האָט דערטראָגן צו זייערע נאָזלעכער, האָט געקערט זייערע אויגן אין יענער זייט, און זיי האָבן דערזען די לייוונטענע ביידלעך־געוועלבער, וואָס האָבן גע־בלענדט מיט זייערע העלע קאָלירן ביים ראַנד פון טאָל. זיי האָבן פאַרגעסן אין דער היענע און געאיילט אַהין צו זען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס.

ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ערשטן ביידל, פון וועלכן עס האָט זיי געזעצט אַנטקעגן מיט חוצפהדיקן סוואַנט דער אַפּעטיט־אויפרייצנדיקער ריח פון געבראָטענעם שעפסן־פלייש, האָט זיי מקבל־פנים געווען אַ באַיאָרטע גראַ־האָריקע מוטערלעך־אויסזעענדיקע פרוי, מיט אַ נאָזרינג, וואָס האָט זיך געבאָמבלט קלינגענדיק פון איר פאַרהילטן פנים.

— שלום־עליכם, — האָט די פרוי באַגריסט די געסט מיט אַ זיסער שטימע,

— שלום־עליכם, יעקבס קינדער, שלום־עליכם, אונדזער פאָטער אַברהמס אייניק־לעך. ווי האָבן מיר אויסגעקוקט אויף אייך מיט בענקענדיקע אויגן, זינט מיר

האָבן געהערט, ווי דער גאָט פון אונדזערע אבות האָט אייך אַרויסגענומען פון קנעכטשאַפט. איצט, אַז איר זענט געקומען אין אונדזער לאַנד אַריין, זענט איר זייער אָנגעלייגטע געסט. מיר זענען דאָך לייבלעכע קרובים. פון איין פאָטער קומען מיר, פון תרחן, און פון איין משפחה זענען מיר, פון אַברהמען. קלייבט אייך אויס, וואָס אייער האַרץ גלוסט, און טוט אונדז די טובה און נעמט עס אָן ווי אונדזערע אַ מתנה.

פאַרוואונדערט שטייען די צוויי יונגע לייט איבער אַזאַ וואַרעמען קבלת־פּנים. זיי זענען גאָרניט חושד, זיי זעען ניט קיין טאָפּלשפּיל דערין. ניט קיין יונגע פרוי נעמט זיי דאָס אַזוי אויף, — אַן עלטערע מוטערלעכע שטימע רעדט צו זיי, מוטערלעכע אויגן קוקן אויף זיי מיט פריינדלעכקייט, — און מוטערלעכע, מיט בלאָע אָדערלעך אַדורכגעוועבטע הענט דערלאַנגען זיי ווייסע מאַנטל־הילעס, געשטרייפטע מיט בלאָע פּאַסן.

— אייערע קליידער זענען פאַרפוילט געוואָרן אויף אייך אין דעם לאַנגן וואַנדערן אין מדבר. קיין צירונג און קיין פוץ פעלט אייך ניט, נאָר קיין קלייד אויפן לייב האָט איר ניט. זאָל דאָס קלייד, געוועבט אין בית־שן פון דעם דינסטן לייוונט, מיט עכטער תכלת־וואָל באַזוימט, צודעקן אייער אײדעלע נאַקעטקייט. אַ מתנה פון אַ מומע פאַר אירע פּלימעניקעס, — זאָגט די פרוי און פאַרוואַרפט איבער זייערע אַקסלען די לייוונטענע הילעס.

— וויפל שטיקער זילבער? אָדער אפשר אַ נאָזרינג, אַ בראַסלעט? — פרעגט איינער פון די יונגע לייט.

— צווישן אונדז און אייך, וואָס איז זילבער און וואָס איז גאָלד? האָט איר ניט אונדזער שונא, דעם אמורי, אומגעבראַכט?

— משה האָט אונדז אָנגעזאָגט, אין נאָמען פון יהוהן, אַז מיר זאָלן אייך, די לייט פון מואב, שוינען, ניט רויבן און ניט נעמען קיין זאַך פון אייך, נאָר קויפן זאָלן מיר אַלץ קויפן ביי אייך פאַר געלט.

— גאָט ווייסט, אַז קרובים זענט איר אונדזערע, אייגענע משפחה־לייט, און איר פאַרהאַלט זיך צו אונדז מיט פריינדלעכקייט, קומט, קרובים ליבע, לענט זיך אונטער דאָס האַרץ מיט אַלדעם בעסטן, וואָס מיר האָבן נאָר. מיר האָבן נאָך פאַר אייך בעסערע סחורות, טייערערע שטאָפן אָט־דאָ דרינען אין דער קאָמער. קומט נעענטער, פריינד, מיר האָבן פאַר אייך אַלדאָס גוטס אָנגעגרייט. ילדה, שרפיה, קומט אַרויס און זעט, ווער עס איז געקומען צו אונדז. אונדזערע משפחה־לייט, די העלדן, וואָס האָבן אונדזער שונא, דעם אמורי, אומגעבראַכט, פאַר אונדזער שאַנד נקמה גענומען. נעמט זיי אויף מיט שפּיל און געזאַנג, אַזוי ווי עס קומט זיי.

און די אַלטע רוקט־פונאַנדער אַ פאַרהאַנג און לאָזט די צוויי העלדן אין דעם אינעווייניקסטן חדר אַריין.

ילדה איז טאַקע נאָך גאָר אַ קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר צען־צוועלף. חווה־נאַקעט, מיט אַ פּאָר טויבן־בריסט, וואָס הויבן זיך אַרויס צניעותדיק און שלימות־דיק פון איר יונגן לייב, מיט בלויז אַ שמאָלן באַנד איבער דער שאַנד. די האָר צעלאָזן אין דין־געפלאָכטענע צעפּלעך, זיצט זי מיט אַ האַרף אין שויס, שפּילט

פּאַר אַ געשניץ פון אַ בעל, אַ קריגסמאַן מיט אַ בינטל בליץ־שטראַלן אין האַנט, און זינגט צו אַ שטיל־האַרמאָנישן הימן.

דערפאַר אָבער איז שרפּיה, אַזוי ווי איר נאָמען, אַ שטיק פלאַקער־פייער. אַ העל לייב, רייף־ברוסטיק און רייף־בייכיק, מיט צעלאָזענע, גאָלדיק־צעפלאַמטע האָר. ליגט אויסגעצויגן אויף אַ געלעגער פון געוואָשענע שעפסענע און ציגענע פעלן. פאַר איר שטייט אַ סטאַטועטקע פון עשתורת, אַ פיגור מיט צענומענע פיס, אַ גרויסן בויך, פון וועלכן עס שטאַרצט אַ נאָפּל, ווי אַ גליד, אַרויס, מיט אַ טויב, וואָס זי האַלט צוגעדריקט צו איר ברוסט. אַ פייערפאַן מיט רויכערדיקע בשמים פאַר דעם געץ און אַ געשטעל מיט כל־טוב, — פלעצלעך, אייער, גרינסן, קרוגן מיט מילך, וויין, ביר און וואַסער. אויף אַ דרייפוס מיט ברענענדיקע האָלץ־קוילן קאָכט זיך אין אַן ערדענעם טאָפּ אַ ציגעלע אין דער מילך פון זיין מוטער, באַ־ווירצט מיט שמעקעדיקע בשמים און נעגעלעך.

די יונגען שטייען פאַרגאַפט, פאַרלוירן. שטורכען איינער דעם אַנדערן און לאַכן אין פאַרלעגנהייט, אַרויסווייזנדיק זייערע ווייסע שאַרפע ציין. וואַרעמע בליקן און פריינדלעכע רייד נעמען זיי באַלד ווידער אויף:

— קומט אַריין, פריינד. אַנגעלייגטע געסט זענט איר, משפחה־לייט. איר האָט אונדזער שאַנד אָפּגעווישט, נקמה גענומען פון דעם אמורי, אונדזער שונא. מיר האָבן פאַר אייך אָנגעגרייט עסן און טרינקען, און אַלדאָס גוטס. — און צאַרטע הענט פירן זיי אונטער צו די געלעגערס.

בעת זיי לאָזן זיך וואוילגיין מיט עסן און טרינקען, האַלט שרפּיה אַנטקעגן שווער־באַלאָדענע געפלאָכטענע פּיאה אין אירע הענט. ווען ער זאָל איר נאָר לאָזן אָפּשניידן די פּיאה, וואָלט זי זיך געמאַכט אַ האַלדזבאַנד, מיט גאָלד און שטיינער געצירט, צו טראָגן אים אין אַלע אירע יום־טובדיקע טעג.

ניין, די פּיאה קאָן ער איר ניט געבן. דאָס איז דער צייכן פון זיין אָפּשטאַם. ווי אַזוי וועט ער זיך אָן איר אין דער מחנה קאָנען ווייזן? אַלע וועלן עס באַלד באַמערקן. איז ניטאָ עפּעס אַנדערש, וואָס ער זאָל מיט דעם קאָנען קויפן דעם שליסל, וואָס עפנט־אויף דעם טויער צו איר גאָרטן? אפשר דער אָרעמבאַנד, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון אַ גבור אין דער מלחמה מיט די ריזן אין דער פעסטונג פון בשן? ער איז געהאַמערט אויס ריינעם זילבער און געצירט מיט לבנה־שטיינער, וואָס וועלן שיינען ווי שטערן אין דער נאַכט.

ניין, ניט קיין גאָלד און ניט קיין זילבער און ניט קיין איידלשטיינער קאָנען עפענען דאָס פאַרשלאָסענע טירל צו איר גאָרטן, נאָר אַ בייג פון דער קני און אַ האַנט בשמים, געוואָרפן אויף דער פייערפאַן פון איר געטין עשתורת, אַז דער וואוילגערוך זאָל דערגיין צו אירע נאָזלעכער, — און דערפון וועלן זיך אירע געבליטן אָנצינדן.

ווי אַזוי קאָן ער טון אַזאַ זאַך? משה האָט שטרענג פאַרבאָטן, אין נאָמען פון יהוהן, צו דינען צו פרעמדע געטער. מיט ארבע מיתות וועט ער באַשטראָפט ווערן, אויב ער וועט באַגיין אַזאַ זינד.

נאָר דווקא דער קליינער ילדה געלינגט עס צו באַצווינגען די שטאַרקע מענער צום געץ. אַ קדשה איז זי, — זינגט זי אויס מיט אַ זינגענדיק קולכל,

פּישטשעט ווי אַ פּיגעלע, — אָפּגעגעבן פון איר מוטער צום גאָט בעל פון איר קינדהייט אָן. אַ בתולה. פאַרחתמעט איז איר טראַכט מיט זיבן חתימות, און קיינער קאָן איר טראַכט ניט עפענען, ביז ער דינט ניט צום בעל פון פעור און באַצאָלט אים ניט איר לוין.

וואָס איז איר לוין?

אַ פּאַלן מיטן פּנים פאַר דעם מעכטיקן בעל, בשמים אויף זיין מזבח און אַ מאָלצייט פון אַ ציגעלע, געקאָכט אין דער מוטערס מילך, פאַרן גאָט צו עסן. אַלץ שטייט שוין אָנגעגרייט. די פייערפאַן פאַרן גאָט, דאָס ציגעלע קאָכט זיך אין טאָפּ. נאָר צוערשט מוז ער זיך שטעלן נאַקעט פאַר בעל, אַנטפּלעקן פאַר אים זיין שאַנד, וואָרעם איר ערשט אויפדעקן־זיך פאַר אַ מאַן מוז געהייליקט זיין דעם בעל פון פעור.

ווי קאָן ער טון אַזאַ זאַך? יהוה האָט עס שטרענג פאַרבאָטן.

עס איז גאָרניט צו שטיין נאַקעט פאַרן גאָט. עס וועט נאָר געדויערן אַ ווייל, און געבענטשט וועט ער ווערן מיט מענערישער גבורה אויפן גאַנצן לעבן.

ניט דאָס וואָסער פון די ברונימער פון סדום האָבן, ווי בלעם האָט געזאָגט, פאַרשיכורט זייערע חושים. דאָס האָט אויפגעטון דער ביר, געברויט פון גרייפּ־לעך, וואָס זיי האָבן געטרונקען; דאָס האָבן אויפגעטון די געווירצטע זאַלבן, מיט וועלכע שרפיה און ילדה האָבן זיך די בריסט און די שאַנד באַשמירט, — דאָס פאַרשלאָסענע קוועלכל, וואָס איז פאַרחתמעט געווען מיט זיבן חתימות. די צוויי מענער אין ישראל, עלטסטע איבער הונדערט פון שבט שמעון, זענען געשטאַנען נאַקעט מיט די טעכטער פון מואב, זייער שאַנד אַנטפּלעקט פאַרן אָפּגאָט בעל, האָבן געבויגן די קני פאַר אים, געדעמפּט בשמים אויף דער פייערפאַן, געקושט דעם האָניק־באַשמירטן נאָפּל פון עשתורת.

שפּעט אין אָוונט, אונטער דעם צודעק פון דער נאַכט, גנבענען זיך די צוויי מענער פון שבט שמעון צוריק אין לאַגער אַריין. זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין זייערע געצעלטן. זייערע לייבער זענען געווען איינגעהילט אין מאַנטל־היליעס פון בית־שנער לייוונט, און הינטער דער הילע האָבן זיי איצט געטראָגן, ווי אַ האַלדזבאַנד, אַ געשניצט פאַרזעעניש פון דעם בעל פון פעור, מיט די בליך־שטראַלן אין זיין האַנט, וואָס זיי האָבן געגלויבט, אַז מיט זייער כוח וועלן זיי קריגן באַנייטע און געשטאַרקטע מענערישע גבורה.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג, אַ הליכה פון דעם לאַגער צו די געשטעלן פון מואב הינטער דער עיר־מואב, צופוסנס פון באַרג. עס זענען געגאַנגען פּראָסטע פון פאָלק, און עס זענען געגאַנגען די עלטסטע פון פאָלק, אָנפירער פון הונדערט און אַפילו פון טויזנט. צוערשט האָבן זיי זיך אַרויסגעשאַרט בגנבה פון דעם לאַגער און אַזוי שטילערהייט צוריק אַריינגעגנבעט זיך אין לאַגער אַריין. שפּעטער האָבן זיי געגומען גיין אַהין פראַנק און פריי. אין דער מחנה פון ישראל האָבן זיך באַוויזן מענער און פרויען, וואָס מען האָט זיי דאָרט פריער קיינמאָל ניט געזען, — מענער מיט בלאָ־אונטערגעפירטע אויגן און רויט־געפאַרבטע ליפּן, ווי ווייבער, און ווייבער אין מאַנסבילשן אָנטועכץ, מיט לאַמפּאָסן איבער די בריסט און שווערדן ביים דיך. אויך אין די יידישע פרויען איז פאַרגעקומען אַ

שינוי. מען האָט עס געקאָנט מערקן אין די רויטע טיכער, וואָס זיי האָבן געטראָגן, אין די אויפגעדעקטע בריסט, אויפגעשלאָגענע, צעלאָזענע האָר. נאָך ערגער איז געווען, וואָס מען האָט אָנגעהויבן אָנטרעפן פרויען, וואָס האָבן געטראָגן קליינע געשניצן פון עשתורת צווישן זייערע אַנטבלייזטע בריסט, און מענער מיט אַזעלכע געשניצן פון דעם בעל אויפן האַלדז. און שפּיל און געזאַנג האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די יידישע געצעלטן, און געדעמפטע ריחות פון רויכערדיקע פייערפאַנען זענען אויפגעגאַנגען אין דער מחנה.

*

משה איז געווען באַהאַלטן אין זיין געצעלט. זינט יהוה האָט אים אָנגעזאָגט, אַז איבער דעם, וואָס ער האָט געשלאָגן דעם שטיין צו קריגן פון אים וואַסער, ניט באַפוילן אים פּשוט, אין נאָמען פון יהוהן, — אַז איבער אָט־דער זינד וועט ער מוזן טיילן דעם גורל פון די מתי־מדבר, האָט משה זיך פאַרנומען מיט איבערזען און רעווידירן דעם גאַנצן קאָמפּלעט משפּטים, די אַלע עשהס און לאָ־תעשהס, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין דעם משך פון די פערציק יאָר אין מדבר, אין נאָמען פון יהוהן, כּדי צו מאַכן דערפון זיין פּערזענלעכע צוואה צו די בני־ישראל, וואָס וועט אַריינעמען זיינע אייגענע נסיונות, מחשבות, שטערונגען און אָפּקומענישן פון די אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען מיט די בני־ישראל. ער האָט געוואָלט איבערלאָזן די בני־ישראל אַן אייביקע וואָרנונג, אַ מאָנער און אַן אויפזעער איבער זייער אויפפירן־זיך פאַר אַלע צייטן. ער האָט דערפאַר אין זיין רעווידירטן קאָדעקס נאָך אַריינגעוועבט, אַחוץ זיינע אייגענע איבערלעבענישן, רייד פון מוסר, פון שטראָף, פון מאָנונג. „און איצט, ישראל, וואָס וויל דען יהוה דיין גאָט פון דיר? נאָר בלויז מורא צו האָבן פאַר יהוה דיין גאָט, צו גיין אין אַלע זיינע וועגן און אים ליב צו האָבן מיט דיין גאַנצן האַרץ און דיין גאַנצער נשמה". און ער האָט געוואויגן און געמאָסטן איטלעכן חוק באַזונדער, באַטראַכט זיין יורידישן און עטישן ווערט און אים איינגעפאַסט מיט אַ צמצום ווערטער אין אַ פּרעציז־אויסגעהאַקטן זאַץ. אָפטמאָל האָט ער קאָרעגירט, וויכער געמאַכט געזעצן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בויטשטאַנד, ווי וואָרנונגען און שטראָפמאָסן. — „ניט קיין נקמה ביזן צווייטן און דריטן דור, נאָר דו זאָלסט ניט באַשטראָפן דעם זון פאַר די זינד פון זיין פאָטער, און דעם פאָטער פאַר די זינד פון זיין זון. דער, וואָס האָט געזינדיקט, דער זאָל באַצאָלן זיין לעבן". — עס איז געווען אַ באַליבטע אַרבעט, און משה האָט איר אַוועקגעגעבן איטלעכע מינוט פון זיין פרייער צייט. ניט נאָר אַ קאָדעקס זאָל עס זיין, נאָר זיין אייגן לעבן זאָל דערינען זיין איינגעוועבט. און קאָן ער אַליין ניט מיטגיין מיט די בני־ישראל אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד אַריין, זאָל די ליבשאַפט זיינע און זיין געטריישאַפט, איינגעקערפּערט אין געזעצן און מצוות, זיי באַגלייטן דורך זייער גאַנצן לעבנס־וועג, דורך אַלע דורות, מיטגיין מיט זיי אין דעם פרייען לאַנד אַריין און פאַרזייט ווערן, ווי דער זאָמען פון גאָט פאַר אַלע לענדער, וואו דער מענטש וואוינט, פאַר אַלע צייטן, וואָס וועלן קומען נאָך זיי. — „און ניט מיט אייך אַליין שליס איך אַ בונד היינט און שווער אַ שבועה, נאָר סיי מיט די, וואָס

שטייען היינט מיט אונדז פאַר יהוה אונדזער גאָט, סיי מיט די, וואָס זענען ניטאָ מיט אונדז היינט".

און בשעת ער איז פאַרנומען מיט שרייבן די צוואה צו זיין פאָלק, זאָגט מען אים אָן די שרעקלעכע בשורה פון דער פאַרדאָרבנקייט אין לאַגער פון ישראל.

שטייט ער איצט אין דער נאַכט מיט זיין באַגלייטער יהושען, מיט דעם יונגן פנחס, זיין ברודערס איייניקל, דעם כהן פון די אנשי־חייל, פון דעם נייעם יונגן מדבר־דור פון ישראל, — שטייט ביי זיין געצעלט, פאַר דעם גרויסן זאַמל־פּלאַץ הינטער דעם אוהל־מועד, און קוקט אין דער נאַכט אַריין. ער זעט די ליכטער, וואָס שימערן אַהער פון צופוסנס פון דעם באַרג, וואו עס שטייט דער בעל פון פעור. די בני־ישראל זענען דאָרט מיט די טעכטער פון מואב און מדין, וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר זונות, און שעכטן צוזאַמען צום אָפּגאָט בעל. ער קאָן הערן זייער טומלען, זייער הירזשען, אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געהערט דאָס ווילדע שרייען, דאָס ליאַרעמען פון דעם דור־המדבר ביים עגל. זאָל עס זיין נאָכאַמאָל אַן עגל — איצט, ביי דער אָפּענער טיר פון צוגעזאָגטן לאַנד, נאָך פערציק יאָר זיין אין מדבר?

ער ווענדט־אָפּ זיין בליק. ניין, ער קוקט ניט אַריבער אין דער ליכטיקער שטערן־נאַכט צו יענער זייט פון ים המלח, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ, ווי אַן אויג, אין טאָל, כדי צו זוכן מיט בענקשאַפט די קאַנטן פון דעם באַגעריקן און פאַר אים פאַרבאָטענעם לאַנד. ער ווענדט זיין בליק צו דער זייט פון מדבר, וואָס הויבט זיך אויף איבער דעם טייך ארנון. די שטערן זענען גרויס און שיינענדיק איבער די ווייס־שימערדיקע געכוואַליעטע מדבר־הייכן. אַ שטילקייט איז אויס־געגאָסן אונטער דעם ליכטיקן הימל. די שטילקייט פון טויט, וואָס הערשט איבער די וויסטן פון מדבר. דאָך קאָן ער, משה, הערן קולות אין דער שטילקייט. עס דרינגט צו אים אַהער אַ קלאַגן און אַ וואָיען פון היענעס. ער הערט דאָס טריאומפירנדיקע שרייען פון דעם שאַקאַל, אַ לאַנג־אויסגעצויגן וואָיען, וואָס גיט־אַרויס די פרייד פון דער רויב־חיה איבער דער געפונענער נבלה, וואָס זי קאָן פרעסן. זאָל עס ווידער זיין אַ דור פון מדבר, זאָלן יונגע לייבער ווידער ווערן צו רויב פאַר היענעס און שאַקאַלן? ער קאָן הערן זייער געשריי. די חיות פון מדבר זענען הונגעריק. יאָ, ער קאָן שוין שפּירן דעם ריח פון נבלה.

ניין, ניין! ער מוז איינשטילן דעם צאָרן פון יהוהן, איידער ער צעפלאַקערט זיך.

— גיי, רוף מיר צונויף די עלטסטע פון ישראל און זייערע שופטים.

און נאָך אין דער נאַכט גיט משה אַרויס דעם באַפעל צו די עלטסטע פון ישראל און זייערע שופטים, אין נאָמען פון יהוהן:

— ניט דאָס פאָלק, נאָר די עלטסטע פון פאָלק, די, וואָס האָבן באַדאַרפט געבן אַ משל דעם פאָלק מיט זייער אויפפיר, נעמט־צונויף און פירט־אויס אַ שנעלן משפט איבער זיי. נעמט די אַלע, וואָס האָבן זיך געבוקט צו די געטער פון מואב און זיך באַהעפט אָן דעם בעל פון פעור, און הענגט זיי אויף פאַר גאָט אַנטקעגן דער זון. און זאָל עס זיין אַ וואָרעניש פאַר די בני־ישראל ניט אַרויס־

צוגיין צו ד׳ טעכטער פון מואב און מדין, וואָס זייערע פאָטערס האָבן זיי איבער געגעבן צו זנות, כדי אַראָפּצופירן ישראל פון יהוהס וועג.

צומאָרגנס אינדערפרי, אין דער ליכטיקייט פון דער זון, האָבן אויף תּליות, אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ פון אוהל מועד, אַ וואָרעניש פאַר ישראל, זיך געוויגט אין ווינט די אַלע הויפּט־לייט, וואָס האָבן חוטא געווען מיט דינען דער עבודה־זרה פון בעל.

צווישן די געהאַנגענע זענען געווען די צוויי עלטסטע איבער הונדערט פון דעם שבט שמעון, ינדב און אסנת, מיט די געשניצן פון דעם געץ, וואָס זיי האָבן באַקומען אַ מתּנה פון די צוויי טעכטער פון מואב, ילדה און שרפיה, באַמבלענדיק זיך אין ווינט אויף זייערע נאַקעטע בריסט.

## 9

מיט דעם האָט זיך דער ענין פון די מואבים נאָך ניט איינגעשטילט.

זמרי בן־סלוא איז געווען אַ פירשט פון אַ פאָטערהויז אין דעם שבט שמעון. ער איז אויך געווען אַן עלטסטער איבער טויזנט אין דעם חייל פון זיין שבט. די אויפגעהאַנגענע ינדב און אסנת, וואָס זענען געווען פון זיין משפּחה, האָבן געדינט אונטער אים, פּונקט ווי פיל אַנדערע יונגעלייט פון דעם פּרוכפּערדיקן שבט שמעון, וואָס זענען אויך אַלע פאַרמשפּט געוואָרן צו דער תּליה. ווי אַנפירער און עלטסטער פון דער משפּחה, האָט זמרי, נאַטירלעך, געפילט אַן אַחריות פאַר זיין פאָטערהויז. אויף משהן האָט ער שוין פון לאַנג געטראָגן אַ בייז האַרץ. אַ פירשט פון אַן אָנגעזעענער משפּחה, האָט ער געהאַט אַ פּרעטענציע אויף דעם ראַנג פון הויפּט־אָנפירער פון דעם חייל פון זיין שבט. יהושע האָט אָבער געוואוסט פון זיין אויפפירונג, פון זיין צעלאָזענעם לעבן מיט ווייבער און פון דער מיינונג, וואָס ער האָט געהאַט וועגן דעם יידישן איזאָלירן־זיך פון אַנדערע פעלקער: ער איז געווען מיט דער דעה, וואָס ער האָט עס ניט געהאַלטן בסוד, אַז די בני־ישראל דאַרפן זיך ניט איינרייסן מיט אַנדערע פעלקער דורך זייער איזאָלירטקייט, נאָר, פאַרקערט, געווינען זיי פאַר פריינד דורך אויסמישן־זיך און זיך משדך זיין מיט זיי. אויף יהושעס עצה, האָט אים משה ניט לאַנג צוריק אינגאַנצן באַפרייט פון זיין דינסט־פליכט אין חייל און באַשטימט אַ פירשט פון דער זרחי־משפּחה אויף זיין פּלאַץ.

זמרי איז אָבער זייער באַליבט ביי זיין חייל. אַ העלדישער חיילסמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה מיט די אמורים און די בשנים, איז ער געוואָרן דער אָנגענומענער קריגס־העלד, וואָס די יונגע לייט אין זיין שבט האָבן אים אַרומגערינגלט מיט גרויס פאַרערונג. אויך האָט זיין לייכט לעבן

צוגעצויגן די יוגנט צו אים. ער האָט זיינע סובאָרדינירטע דערלויבט מער פריי־הייט ווי אַלע אַנדערע אָנפירער איבער טויזנט, — געלאָזט זיי מאַנס זיין די טעכטער פון שונא, נעמען זיי פאַר ווייבער, אַנטקעגן דעם געבאָט פון משהן, און איינגעטיילט ברייטלעך דעם רויבזאַק צווישן זיי. צו אים האָבן עס ינדב און אסנת געבראַכט די ערשטע ידיעה וועגן זנות־געצעלטן, וואָס די טעכטער פון מואב האָבן אויפגעשטעלט קעגנאיבער דער מחנה פון ישראל, און ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע צווישן די עלטסטע פון די אָנגעזעענע משפחות, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו די טעכטער פון מואב.

איצט זיצט ער אין דעם רייכן, מיט קאָלירטע רייט־דיוואַנען און זאַטלען אויסגעצירטן געצעלט פון דער פירשטין כזבי, דער טאָכטער פון צור, וואָס איז געווען אַ פאַלקהויפטמאַן פון אַ פאַטערהויז אין מדין. דער רייכער פאַלקהויפט־מאַן צור האָט אָוועקגעגעבן זיין אויסגעוואַקסענע טאָכטער כזבי צו העלפן, אינאיינעם מיט פיל אַנדערע טעכטער פון מדין, ברענגען די בני־ישראל צו שטרויכלונג אין דעם וועג פון יהוה דורך דער פאַרפירונג פון זנות. דער פאָטער אַליין האָט אויסגעשטאַט איר געצעלט אין טאָל מיט פיל לוקסוס, — געפלאָכטענע און געוועבטע פאַרהאַנגען אין רייכן וויאָלעט און בלאָ, אַ געלעגער פון טייערע פעלן און נאָך געוועבטע, געהעקלטע און געשטריקטע פאָרטיערן. כזבי האָט נאָך געהאַט מיט זיך אַ גאַנצן אַנסאַמבל פאַרוויילער און באַדינערינס, — פלייטן־שפּילערינס, טענצערינס, מיידלעך פאַר פוצן די האָר, פאַר זאַלבונג, פאַר מישן פערפומען. אויך איז געווען מיט איר אין געצעלט אַ כהן אַ סריס, וואָס זיין עובדה איז געווען אָפּצוריכטן גאָטסדינסט פאַר דעם שטיינערנעם בעל, וואָס האָט פאַרנומען דעם צענטער פון גרויסן געצעלט.

כזבי איז געווען באַשטימט ווי אַ צוצי־מיטל, אַ פאַרלאָקונג פאַר אַ וויכטיקן פאַנג. דער נאַטירליכער רייץ פון איר ווייבערשן קערפּער, קאָמבינירט מיט דער גאַנצער קונסט פון ראַפינירטן זנות, ווי אויך איר הויכער אַדלשטאַנד, האָבן געזאָלט פאַנגען אין דער נעץ פון פאַרפירונג טאַקע דעם קריגספירער אַליין, יהושע בן־נון, אָדער, לפחות, דעם כהן־גדולס זון, דעם מיליטאַנטישן כהן מיט דעם עגיפּטישן נאָמען פנחס, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער ברענגט יהוהן אַליין אַריין אין קריגערישן התפעלות מיט זיין תפילה־טון און האַלט־אויף מיט זיינע פייערדיקע רעדעס דעם העלדנמוט אין די יידישע שלאַכטלייט. ווען כזבי זאָל קענען כאַטש אַזאַ פאַנג מאַכן און אָפּטייטן דעם העלדנמוט פון ישראל דורך זינדיק מאַכן פאַר יהוהן דעם מלחמה־כהן, וואָלט דער עסק זיך זייער געלוינט. אָבער קיינער פון די גרויסע איז ניט געקומען אין איר געצעלט אַריין, — ניט משה, ניט דער כהן־גדול, ניט יהושע און ניט דער יונגער שטאַרקער מיליטאַנ־טישער כהן, וואָס פון זיין מענערישער שיינקייט און גבורה דערציילט מען זיך אָן וואונדער, — האָט זי זיך געמוזט באַנוגענען לאָזן מיט זמרין, וואָס איז פאָרט אַ פירשט פון אַ פאָטערהויז פון דעם וויכטיקן שבט שמעון און אַ קריגספירער פון טויזנט.

די פירשטין כזבי איז אַ פרוי שוין אין די יאָרן, מיט אַ פליישיק לייב, ווי די מענער פון מדין האָבן עס ליב, אַ לייב, וואָס יוירט אַריבער דעם אויסגעפּוצטן

געלעגער, אויף וועלכן זי זיצט אָנגעלענט, האַלטנדיק, לויט דער עגיפּטישער מאָדע, אַ לאָטוס־בלום אין האַנט, וואָס זי טראָגט פון צייט־צו־צייט צו צו דער נאָז. אַ שווערער גאָלדיק־רויטער שייטל פון פרעמדע האָר הענגט, ווי אַ לאַפּנמיצל, איבער איר קאָפּ. אויגן, טיף איינגעזעצט אין בלאָ־געפאַרבטע רעמלעך, און אַ האַלדז־און־נאַקן, באַהאַנגען מיט אַ ברייטן גאָלדענעם האַלדזבאַנד, וואָס פאַלט נידעריק אַרונטער, דער איינציקער צודעק איבער איר נאַקעטקייט. זי טענהט זיך אויס מיט דעם רייך־אויסגעפּוצטן פירשט פון ישראל, וועלכער זיצט לעבן איר אין זיין בלאָ־רויטן לאַמפּאַסן־קלייד:

— איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר אַ שליח און אַ צייכן פון גוטן ווילן פון אונדזער פאָלק, די מדינים, פאַר אונדזערע ברידער, די בני־ישראל. אונדזערע פאָטערס האָבן אונדז געשיקט אין לאַגער פון די בני־ישראל צו ברענגען אונדזערע ברכות פאַר אונדזערע ברידער, וואָס זענען געקומען אין זייער לאַנד אַריין. איך בין אַ פירשטין, און פאַר אַ פירשט פון ישראל בין איך באַשטימט. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָ באַגריסט ווערן פון אייערע העלדן. אַזוי האָבן אויך געמיינט מיינע שוועסטער, די טעכטער פון מואב. מיר האָבן גערעכנט אַז מען וועט אונדז אויפנעמען מיט אָפענע אַרעמס און אָננעמען מיט דאַנק אונדזערע גוטע וואונטשן און שלום־גרוסן. צום סוף האָבן זיי פאַרשלאָסן זייער לאַגער פאַר אונדז, — און די מוטיקע בחורים פון די בני־ישראל, וואָס זענען אַרויסגעקומען צו אונדז מיט גוטע כוונות, האָבן זיי באַשטראָפט מיט טויט. וואָס פאַר אַ פאָלק איז דאָס? וואָס פאַראַ מענטשן און וואָס פאַראַ מנהגים?

— די מנהגים, פירשטין, זענען אונדז געקומען פון דעם צו־לאַנגן פאַרבלייבן אין מדבר. זיי ווערן אַרויפגעצוואונגען אויף אונדז פון אַ קליינעם געזינדל כהנים, מיט משהן בראש, וואָס ווילן האַלטן דאָס פאָלק אָפּגעזונדערט פון אונדזערע גוטע שכנים. דאָס פאָלק אַליין וויל לעבן מיט אייך בשלום, אין פריינדלעכקייט, ווייל פון איין משפחה זענען מיר אַלע, ווי די פירשטין האָט עס געקאָנט אַליין זען פון דער גרויסער פרייד, וואָס אונדזערע חיילסלייט האָבן אַרויסגעוויזן, אַרויסקומענדיק אַהער צו אייך מיט רייכע מתנות, אַנטקעגן משהס שטרענגן פאַרבאָט. איך קאָן פאַרזיכערן די פירשטין, אַז קוים וועט זי זיך באַווייזן מיט מיר אין מיין רייטוואָגן אין דעם לאַגער פון די בני־ישראל, וועט דאָס גאַנצע פאָלק אַרויסקומען זי צו באַגריסן און איר אָפּגעבן כבוד, אַזוי ווי עס קומט איר, לויט איר שטאַנד, פאַר די שלום־גרוסן פון די מדינים.

מיט עלעגאַנטע זשעסטן, ווי וויט ער קאָן זיי אַרויסברענגען מיט זיינע דיקלעכע הענט, ווי אַן אויסדרוק פון פערזענלעכער פאַרערונג פאַר דער פירשטין, לייגט ער צו אירע פיס דעם גאַרטל־באַנד, וואָס איז רייך באַזעצט מיט איידל־שטיינער, און צוויי ברוסט־שילדן, וואָס ער האָט געהאַט אַרונטערגענומען פון דעם אמורישן קיניגס באַליבטסטער קעבסווייב.

— מיט דיר, פירשט, אין דעם לאַגער פון די בני־ישראל? האָסטו ניט מורא, אַז משה וועט טון מיט דיר דאָס אייגענע, וואָס ער האָט געטון מיט די אַנדערע הויפּטלייט? און וועט מיין אייגן לעבן ניט זיין אויסגעשטעלט אויף סכנות?

— משה וועט טון מיט מיר, וואָס ער האָט געטון מיט די אַנדערע הויפּט־לייט? — זאָגט זמרי איבער מיט גרויסהאַלטונג. — איך בין פּונקט אַזוי וויכטיק ווי משה. איך בין אַ פירשט אין ישראל, דער עלטסטער פון דער אָנגעזעענסטער משפחה אין שבט שמעון. אונדזער משפחה ציילט הונדערטער היילסלייט. איך בין אַ פירער פון טויזנט. עס געפינען זיך דאָ צווישן די געצעלטן פון די טעכטער פון מואב הונדערטער גבורים פון די שטאַרקסטע יונגען אין ישראל, פירער און הויפּטלייט פון די אָנגעזעענסטע משפחות, וואָס זענען אַלע מיט מיר אין איין דעה, אַז מיר מוזן לעבן אין שלום און אין פריינדלעכקייט מיט אונדזערע שכנים. זיי האָבן מורא צו גיין צוריק אין לאַגער, טאָמער וועט משה טון מיט זיי, וואָס ער האָט געטון מיט די אַנדערע. איך וועל זיי צוזאַמענעמען און וועל שאַפן פון זיי אַ וואַך פאַר דער פירשטין. מיט אונדזערע שפּיזן און פיילנבויגנס וועלן מיר אַריינרייטן אין דער מחנה פון ישראל, און איך וויל טאַקע זען, ווער עס וועט זיך דערוועגן אונדז אַנטקעגנשטעלן זיך.

— אויף אַ מאַן ווי דו האָב איך אויסגעקוקט! — רופט די פירשטין אויס מיט פייער און באַלוינט אים מיט איינעם פון אירע רייצן, צערטלט אים פּיקאַנט און וויסיק מיט אירע אייל־טריפנדיקע פינגער אין אַ קיצלדיקן אָרט. אָבער ווען דער פירשט פון ישראל, אויפגעמוטיקט פון דער פירשטינס צוגעלאָזנקייט, ווערט צודרינגלעכער און פאָדערנדיקער, האַלט זי אים אָפּ מיט אַ פינגער פון וואָרנונג, נאָר מיט אַ חנדל און אַ וואונק פון אירע בלאָ־געפאַרבטע אויגן, שעפּ־טשעט זי אַרויס מיט פאַרשמאַכטקייט:

— ניט דאָ, פירשט . . . אין דיין אייגענעם געצעלט, אין דיין אײ־גענעם לאַגער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קריגסמאַן, וואָס קומט פון דער מלחמה מיט דער פרוי, וואָס ער האָט גענומען געפאַנגען.

*

צו דער פּרינצעסין כזביס באַטירלעכע און געמאַכטע רייצן איז באַך, ווי אַ פאַרשטאַרקונג, צוגעקומען אַ כהן פון בעל. די גרויסע פון מדין האָבן דעם יונגן כהן מיט דער שיין־געצירטער, לענגלעך געשניטענער שוואַרצער באָרד מיטגעשיקט מיט דער פּרינצעסין צו העלפן איר פאַנגען די פּני פון ישראל אין דער נעץ פון פאַרפירונג.

— און דאָך וועט אייך יהוה ניט אַריינברענגען אין דעם לאַנד אַריין, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אייערע אבות, נאָר שטאַרבן וועט ער אייך לאָזן אויסשטאַרבן אין מדבר, ווי אייערע פאָטערס און אייערע מוטערס זענען דאָרט אויסגע־שטאָרבן, — האָט דער כהן פון בעל אָנגעהויבן אַ שמועס מיט זמרין.

— פאַרוואָס? האָט דען ניט יהוה אונדז געבראַכט צום ראַנד פון אונדזער לאַנד און צום האַרץ פון מואב? — האָט זמרי געפרעגט.

— יאָ, צום ראַנד פון אייער לאַנד האָט ער אייך געבראַכט און צום האַרץ פון מואב האָט ער אייך דערפירט, נאָר צוריקפירן וועט ער אייך צוריקפירן, ווי מען פירט אַן אָקס פאַר זיין באַזרינג, צום מדבר, וואו ער וועט אייך האַלטן איינגעשלאָסן אין די בערג, ביז אייער געביין וועט דאָרט צעשאָטן ווערן און

זיך אויסמישן מיט די זאַמד־כוואַליעס, אַזוי ווי דאָס געביין פון אייערע עלטערן. ווייל יהוה איז נאָר אַ גאָט פון מדבר, ניט קיין גאָט פון ישוב. ווילט איר ווערן אַ פאָלק פון ישוב, מוזט איר זיך דערקענען צום גאָט פון ישוב, וואָס איז דער בעל, אַזוי ווי מיר, די מדינים, האָבן געטון.

— זאָג מיר, — רופט זיך אָן זמרי, — וואָס מיינסטו מיט די רייד, אַז יהוה איז נאָר אַ גאָט פון מדבר? און וואָס האָט געטראָפן מיט די מדינים?

— אויך מיר, די מדינים, זענען אַמאָל געווען אַ פאָלק פון מדבר. אויך מיר האָבן געלעבט מיטן כוח פון דעם שטורעם און דעם וואָלקן, אין וועלכן יהוה טראָגט זיך איינגעהילט. אין די צייטן פון יתרון, ווען משה איז געקומען צו אונדז, האָט ער אונדז געבראַכט יהוהן. יתרו האָט געדינט צו אים, — און אַזוי ווי איר, זענען מיר אויך געווען אָפּהענגיק מיט דער שפייז פאַר אונדזער מויל און מיט דעם געטראַנק פאַר אונדזער דאָרשט פון דעם חסד פון יהוהן. אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן יתרון געהרגעט און זיך פרייגעמאַכט פון יהוהן און אָנגענומען דעם גאָט פון ישוב, דעם גאָט פון עמון און מואב, וואָס איז דער בעל. און מיר האָבן אָנגעהויבן באַאַרבעטן אונדזער ערד און גראָבן ברונימער, און מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק פון ישוב. וואָרעם דער בעל איז דער האַר פון ישוב, און אָן אים קאָן קיין פאָלק ניט אַרויסבאַקומען די פרוכט פון דער ערד, אָדער אַרויסשעפּן דאָס וואַסער פון אָפּגרונט.

— דערצייל מיר מער, כהן פון בעל.

— יהוה, האָב איך דיר געזאָגט, איז דער גאָט פון מדבר. דו ווייסט עס אַליין. ער האָט קיין פּאָרעם ניט, קיין געשטאַלט, ווייל דער מדבר האָט קיין פּאָרעם ניט, — ער איז וויסט און לער. יהוה טראָגט זיך, איינגעהילט אין אַ טונקעלען, מיט גרימצאָרן באַלאָדענעם וואָלקן, איבער דעם גאַנצן שטח פון מדבר און האַלט די מדבר־איינוואוינער אונטערטעניק דורך די שרעק־אַניאָגנדיקע דונערן, וואָס ער קראַכט־אַרויס פון זיין גרימיקן וואָלקן. אַזוי האָט ער געהאַלטן פיל פעלקער, אָפּשטאַמיקע פון אַברהמען, — אדום, עמלק, מואב, — און אויך אונדז, די פרעמדע מדינים, — די אַלע שטאַמען, וואָס האָבן געלעבט אין מדבר, — ביז די פעלקער האָבן איינציקווייז זיך באַפרייט פון אים. און ווען זיי האָבן זיך באַפרייט פון אים, האָבן זיי אָנגעהויבן באַאַרבעטן זייער ערד, גראָבן ברונימער, פיטערן שאָף און רינדער, און זיי האָבן זיך געווענדט צום גאָט פון דער ערד, צום בעל. און דער גאָט בעל האָט געמאַכט פרוכפּערדיק פאַר זיי דעם מדבר מיט תבואות און פירות — אויפן אָרט פון דעם וואַסערדיקן מן; ער האָט פאַר זיי אויפגעעפנט די קוואַלן פון דער ערד און זיי געגעבן וואַסער בשפע פון דעם בויך פון דער ערד, ניט פון דעם בויך פון שטיין. ער שטאַרקט אויך די לענדן פון מאַן און מאַכט פרוכפּערדיק דעם טראַכט פון ווייב; ער מערט אונדזערע שאָף און רינדער. ער גיט אונדז שפע פון דער ערד, ווייל ער איז דער גאָט בעל, דער גאָט פון דער ערד. ער איז דער האַר פון ישוב, און אָן אים קאָן קיין פאָלק ניט געדייען אין ישוב, ווייל ער איז די ברכה פון באַזיץ, — זאָגט דער כהן מיט שטראַלנדיקע אויגן. — און ווילט איר ווערן אַ פאָלק פון ישוב, מוזט

איר לאָזן יהוהן נאָך זיך אין מדבר, אַזוי ווי אדום, עמון, מואב און מיר, מדינים, האָבן עס געטון, און זיך דערקענען צום בעל, צום גאָט פון ישוב.

— און וואָס איז דיין עצה? ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס טון? — פרעגט זמרי.

— דו געהערסט צו אַ גרויסער משפחה אין ישראל, ביסט אַ פירשט פון אַ פאָטערהויז אין ישראל, אַ פירער פון טויזנט. דאָס פאָלק קען דיך, עס וועט זיך צוהערן צו דיין שטים. גיי צו דיין פאָלק און זאָג אים: „כּל־זמן מ'יר, די בני־ישראל, זענען געווען אין מדבר, האָבן מיר באַדאַרפט יהוהן — און משהן, זיין נביא און וואָרטזאָגער. היינט, אַז מיר זענען אַרויסגעקומען פון מדבר אין ישוב, ווילן מיר ווערן ווי אַלע אַנדערע פעלקער, ווי עמון, ווי מואב. מיר ווילן זיך באַקערן צום גאָט פון ישוב, צום בעל". און דו, זמרי, וועסט דער נביא פון בעל אין ישוב, ווי משה איז געווען דער נביא פון יהוהן אין מדבר.

*

שטייט ער, זמרי דער פירשט, אינמיטן אַ גרויסער עדה פליטים, אַנטלאָפענע פון דער מחנה, הויפּטלייט און חיילסלייט, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צו די טעכטער פון מואב און האָבן איצט מורא צו גיין צוריק צו דעם לאַגער פון די בני־ישראל, אַז עס זאָל זיי ניט טרעפן דער גורל פון די אַנדערע, וואָס זענען געהאַנגען געוואָרן פאַר דעמזעלבן חטא, — שטייט זמרי אין דעם לאַגער פון מואב און רעדט פאַר זיי:

— וואָס האָבן מיר געטון אַזעלכעס, וואָס משה האָט ניט געטון? פאַרוואָס האָט ער זיך געמעגט נעמען אַ מדינית פאַר אַ ווייב און מיר טאָרן ניט? פאַרוואָס איז געקומען אסנתן און ינדבן און אַנדערע אונדזערע ברידער אויפצוהענגען? אונדזערע פריינד זענען אַרויסגעקומען אונדז צו באַגריסן, אונדזערע שכנותדיקע פעלקער, אונדזערע משפחה־פעלקער, וואָס יהוה אַליין האָט אונדז אָנגעזאָגט צו שוינען. מיר זענען פרעמדע אין לאַנד. מיר קאָנען ניט אייביק האַלטן אונדזערע שכנים אין שרעק פאַר אונדזער שווערד. שלום מוזן מיר שליסן מיט זיי. מיר זענען ניט מער אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין מדבר. מיר זענען אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד אַריין, און מיר מוזן זוכן דעם שלום פון די פעלקער, קומט, ברידער, נאָך מיר אין דער מחנה אַריין פון ישראל. וואָס האָט איר מורא צו האָבן? איר האָט שפּיזן אין די הענט, איר זענט גבורי־חיל, וואָס האָבן מנצח געווען די אמורים און עוג מלך הבשן. קומט, לאָמיר זיי ווייזן, משהן און די כהנים, אַז מיר זענען פרייע מענטשן אין ישראל און טוען, וואָס עס איז וואויל געפעליק אין אונדזערע אויגן.

קומט אָן אַריינצורייטן אין דער מחנה פון ישראל, וואָס אין עיר־מואב, אַ קאַראַוואַן אייזלען און קעמלען, מיט אַ באַגלייטונג פון פיל חיילסלייט, — חיילסלייט פון ישראל, פון מואב, פון מדין. אין שפּיץ פון קאַראַוואַן, נאָך די אויסרופערס און וועג־אָנווייזערס, הויך אויפגעזעצט אין דעם פּיל־קאָלירטן און רייך באַפּוצטן זאָטל, רייט אויף זיין קעמל זמרי אַליין. מיט אַ לאַנגער שפּיז אין האַנט, האַלט ער דעם אָרעם הויך אויסגעשטרעקט פאַר זיך, אַ נאַקעטן אָרעם, אַרומגענומען, ווי מיט רייפן, מיט ברייטע בראָנדזענע אָרעמבענדער. אַ הויכער,

רונדיקער קופּערנער העלם, מיט אַ גרויסן קנאָפּ פון אויבן, דער העלם פון דעם גאָט בעל, וואָס אַלע זיינע גלויביקע טראָגן, הויבט זיך אַרויס אויף זיין קאָפּ; אַ קופּערנע אויסגעהאַמערטע שילד באַדעקט זיין ברוסט. הינטער דעם גבור מאַרשירן פיר כּושים, טראָגנדיק אויף די אַקסלען דעם געפרייזטן ביישטייער, וואָס מדין האָט געבראַכט אין דער קאָנספּיראַציע צו פאַרניכטן ישראל דורך זנות און פאַרדאָרבנקייט. די פירשטין כּזבי, האַלב זיצנדיק אין איר טראָג־בעט, האַלט אויסגעשטעלט פאַר אַלע אויגן צו זען אירע רייצן און אירע שיינקייטן, — דעם שווערן שייטל מיט די גאָלדיק־רויטע לאָפּנס אויפן קאָפּ; אירע אויגן, גרויס און רונדיק, אין בלאָע רעמלעך איינגעפאַסט; אירע פולע ליפּן אין בלוט־רויט געפאַרבט; און אירע בריסט, צוויי טורעם־קופּאָלן, אין גאָלדענע ברוסט־שילדן איינגעפאַנצערט. אָן צאָל זענען די אָרנאַמענטן פון גאָלד און זילבער, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון אירע אויערן, פון אירע צעפּ, פון איר האַלדזבאַנד, פון די אויסגעהאַמערטע ברוסט־שילדן, פון אירע ברייטע אָרעמבענדער און פוסרינגען, פון איר גאַרטל־באַנד — אַלץ צונויפגעהאַלטן דורך קייטן און העקלען, זעט עס אויס ווי די פירשטין וואָלט געפאַנגען געווען אין אַ גאָלדענער געהעקלטער נעץ, וואָס דער גבור זמרי פירט נאָך זיך. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ טויב, צוגעדריקט צו דער ברוסט, דעם סימבאָל פון עשתורת, וואָס די פירשטין האָט געזאָלט זיין איר פאַרקערפּערונג אויף דער ערד. נאָר אויב די פירשטין איז געווען כּמעט באַגראָבן אונטער דעם באַרג אָרנאַמענטן, האָט דערפאַר די סוויטע אירע אַרויסגעשטעלט איר פולע נאַקעטקייט. אַ כאַליאַסטרע טענצערינס, חוה־נאַקעט, נאָר די שאַנד אַליין פאַרשטעלט מיט שמאָלע שלייפן, פאַרהעקלט אין קייטלעך, מיט גלעקלעך אויף די פיס, האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון צימבלען און טאַצן, מיט אַ צושפּיל פון פייפלעך. נאָך דעם האָט געשפּאַנט איינער אַליין אַ קאַרליק מיט אַ מאַלפּע אויף זיין גרויסן קאָפּ, דער פירשטינס באַליבט חיהלע. ווייטער זענען נאָכגעקומען פרויען און מיידלעך אין פאַרשיידענעם עלטער, — פון באַלייבטע מאַטראָנעס, שווער באַלאָדן מיט אָרנאַמענטן און צירונג, ביז נאַקעטע קינדער־מיידלעך, שלאַנקע, מיט שיין־געטאָקטע, ריטמיש־באַוועגטע גלידער, און פעטע, מאַלפּישע פאַרזעענישן מיט דעפאָרמירטע אברים, צוגעפּאַסט צום אַזיאַטישן גוסט, אַ רייכער אויסוואַל, וואָס זאָל צופרידנשטעלן איטלעכן גוסט און קאַפּריז.

אַזוי, באַוואַכט מיט פיל באַוואָפנטע קריגער, האָט זמרי אַריינגעפירט די פירשטין פון מדין, כּזבי, די טאָכטער פון צור, אין דער מחנה פון ישראל. די וועגווייזערס און די אויסרופערס מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט פירן דעם פאַראַד צום גרויסן פּלאַץ פאַרן משכּן, וואו ישראל קומט זיך צוזאַמען צו פאַר־נעמען יהוהס וואָרט, וואו משה און אלעזר, דער כּהן־גדול, און פּנחס, דער מלחמה־כּהן, און פיל פון די זקני־ישראל זענען פאַרזאַמלט פאַרן איינגאַנג פון אוהל־מועד צו באַטראַכטן וואָס ווייטער צו טון, כּדי אויסצוראָטן די אומוואָר־דיקייט און די פאַרדאָרבונג, וואָס די טעכטער פון מואב און מדין האָבן אַריינ־געבראַכט אין דער מחנה פון ישראל.

אַ גרויסער אָנגעלויף פון די געצעלטן פון ישראל צום פּלאַץ פאַרן אוהל־

מועד — צו זען דעם בייזוואונדער. און זמרי פון זיין הויכן זיץ רופט צו זיי:

— מענער פון ישראל, אונדזערע ברידער, די פעלקער פון מואב און מדין, האָבן געשיקט צו אונדז זייערע טעכטער, — ניט ווי פיינט האָבן זיי זיי געשיקט, נאָר ווי פריינד, — צו פרייען זיך מיט אונדז און אונדז צו באַגריסן מיט שלום צו אונדזער קומען אין לאַנד.

און צו משהן האָט ער זיך געווענדט:

— עס זאָל ניט זיין דעם פאָלק פאַרווערט, וואָס דיר איז מותר, — האָט ער אויפגעלאַכט אויף אַ הויך קול.

און צו די פאַרזאַמלטע האָט ער אויסגערופן:

— מיר, מענער פון ישראל, מיר קאָנען ניט פאַרשעמען די טעכטער פון אונדזערע פריינד. ווייזט, אַז איר זענט פרייע מענער. — און אויסציענדיק די האַנט צו דער טאָכטער פון מדין, האָט ער ווייטער אויסגערופן: — זעט, די פירשטין כזבי, די טאָכטער פון הויפטמאַן צור פון מדין, איז געקומען אַהער צו באַגעגענען אייך און באַגריסן אייך, מענער פון ישראל. אַ גרויסן יום־טוב, אַ גרויסע שלאָכטונג גיט זמרי, הויפטמאַן פון ישראל, פאַר דער טאָכטער פון צורן. אַלע זענט איר פאַרבעטן אין זמריס געצעלט. לאָמיר ווייזן אונדזערע פריינד, אַז נאָר שלום ווילן מיר, און עס איז קיין בייז צווישן אונדז ניטאָ. קומט זיך שפּילן מיט די טעכטער פון אונדזערע פריינד. מיר וועלן זען, ווער עס וועט אייך שטערן. פרייע מענער זענען די קינדער פון ישראל!

און זמרי איז מיט דער פירשטין כזבי אָפּגעריטן צו זיין געצעלט, און זיין באַגלייטונג פון פיל פון פאָלק — נאָך אים.

וואָס האָט משה געקאָנט ענטפערן? ער איז אויף איין רגע שוואַך געוואָרן. דער גרויסער משה האָט זיך פאַרלוירן. זאָל אַלץ מיטאַמאָל איינגעזונקען ווערן אין דער ערד, ווי קורח מיט זיין עדה, — איצט, ביים אָפענעם טויער פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד? אַ מאַן פון ישראל, אַ פירשט און אַן עלטסטער פון אַן אָנגע־זעענער משפחה פון ישראל, דערוועגט זיך אַריינצופירן אַ מדינית אין דער מחנה פון ישראל, — פאַר די אויגן פון דער גאַנצער עדה, פאַר די אויגן פון יהוהן אַליין און זיין משכן, — און קיינער זאָגט אים גאָרניט, קיינער שטערט אים ניט נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ פירשט אין ישראל און האָט זיך אַרומ־גערינגלט מיט זיינע משפחה־לייט! זאָל ניט יהוה ברענגען אַ מגפה אויף ישראל און פאַרטיליקן דאָס פאָלק, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל נסים געבראַכט צו די טויערן פון זיין לאַנד?

און די מגפה האָט זיך אָנגעהויבן. און ער האָט ניט קיין האַרץ, משה, צו בעטן צו יהוהן. זיינע ליפן זענען פאַרשטומט. ער זיצט, אַ פאַרשטיינערטע מענטשלעכע פיגור. רירט זיך ניט פון אָרט. זיין גרויס, לאַנג פנים איז בלייך. די האָר פון קאָפּ און די באָרד באַוועגן זיך ניט, ווי זיי וואָלטן אויך פאַרשטיינערט געוואָרן מיט אים. נאָר פלוצלינג דערזעט מען ווי אויס זיינע גרויסע אויגן גיבן אַ שפּריץ אַרויס צוויי גרויסע טרערן־טראָפּנס, און זיי פאַלן אַרונטער און רינען אַריין אין די טיפע קנייטשן פון זיין פנים. און נאָך זיי קומען אַנדערע, און זיי רינען, ווי ריטשקעלעך, אין די קאַרבן פון זיין פאַרשטיינערט בלייך פנים.

קיין וואָרט הערט זיך ניט פון זיין מויל. ווי דער שטיין, וועלכן ער האָט געשלאָגן אין מדבר, זיצט ער, און פון די אויגן רינען טרערן.

פון דרויסן הערט זיך אַ געוואָלדעווען, אַ קלאָגן, אַ רוף נאָך הילף, קולות רופן: „משה! משה!" משה רופט זיך ניט אָפּ. ער זיצט, און פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן. די אַרומיקע אלעזר, פנחס, די זקנים, — זיי ווייסן, וואָס דאָס רופן באַדייט. יהוה האָט געשיקט אַ מגפה אין פאָלק אַריין, און דאָס פאָלק רופט נאָך הילף, רופט נאָך משהן. אָבער משה שוויגט. שוויגט, ווי אַ ריזיקער שטומער באַרג, וואָס קאָן גאָרניט געבן, בלויז וואַסער פון זיינע פאַרמאַכטע קוואַלן.

— זאָל איך אַרויסטראָגן דאָס פייער פון מזבח אין פאָלק אַריין, כדי איינצוהאַלטן די מגפה, ווי מיין פאָטער אַהרן האָט געטון? — פרעגט אלעזר דעם שוויגנדיקן משהן.

משה קוקט אים אָן מיט זיינע פאַרוויינטע גרויסע אויגן.

— ווילסט גאָטס פייער טראָגן אין אַ בית־זנות אַריין? — האָט משה אויסגערופן צו אים. — אינדרויסן איז זנות. פאַרשוועך ניט דאָס פייער פון גאָט.

פנחס, דער יונגער כהן, שטייט אַזוי די גאַנצע צייט, אָנגעלענט אָן דעם איינגאַנג פון משכן, און קוקט משהן אין פנים אַריין. משה וויינט. פנחס קוקט מיט משהן אין דעם טיפן תהום אַריין, אין דעם כף־הקלע, וואָס ישראל איז דאָרט פאַרזונקען. ער פאַרשטייט אויך דעם ענטפער, וואָס משה האָט געגעבן זיין פאָטער. ווי אַזוי קאָן מען עס אַריינטראָגן די קדושה פון גאָט אין דער טומאה אַריין? ישראל איז טמאדיק. מען מוז צוערשט אויסרייניקן דאָס שלעכטס פון ישראל, און ערשט דענסמאָל וועט מען זיי קאָנען אויסרויכערן און רייניקן מיטן פייער פון מזבח. זיין שיין, מענעריש פנים, איינגעראָמט אין זיין פריש־שפּראָצנדיקער, שטאַרקער שוואַרצער באָרד, איז בלייך. אויך פון זיינע גלאַנציקע שוואַרצע קוילן־אויגן רינען טרערן. די הענט ציטערן ביי אים, פאַרשטייפן זיך אין פויסטן. ער האָט געקלערט פון דער ערשטער רגע, ווען ער האָט דערזען דעם חוצפהדיקן זמרין אויף זיין קעמל, צו נעמען אַ שפּיז און אים דערשטעכן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט מיט אַלע זיינע כוחות איינצוהאַלטן זיין כעס. ער ווייסט וואויל, אַז די כהונה פאַרווערט אָנצורירן זיך אָן מענטשלעך בלוט, אָנצורירן אַ מענשלעכע נבלה, אַריינצומישן זיך אין אַ קריג אָדער אין אַ געשלעג. דער קלענסטער מום אין זיין גוף וועט אים פּסול מאַכן פאַר דער כהונה, און ער מוז היטן זיין באַרוף, וואָס איז אויף אים אויסגעפאַלן, פון יעטוועדער פגימה. ער איז באַרופן פאַר העכערע זאַכן. איז ער דאָך נאָר איינער פון דער קליינער צאָל בני־אַהרן. איצט אָבער, ווען ער האָט דערהערט משהס האַרטן ענטפער, ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין משהס טרערנדיקע אויגן, האָט ער געוואוסט, וואָס ער האָט צו טון. אָן אַנדער פייער מוז ער טראָגן אין פאָלק אַריין, — ניט קיין פייער פון קדושה, נאָר אַ פייער פון טומאה, ווי עס פּאַסט זיך פאַר זיי. וואָס זאָל עס אים אָרן, אויב ער וועט פּסול ווערן פאַר דער כהונה? זאָלן אַ הונדערט פנחסן אונטערגיין, נאָר ישראל זאָל געראַטעוועט ווערן!

ער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן, איז אַרויס צו די מחנות, האָט זיך דערגעגענטערט צו זמריס געצעלט. ביים ערשטן וואַכמאַן, וואָס האָט געהיט דעם איינגאַנג

האָט ער אַרויסגעריסן די שפּיז פון זיין האַנט און זיך אויסגעפּאַכטן מיט איר אַ וועג דורך די פיל וואַכלייט און מענער פון ישראל, וואָס זענען געקומען זיך משמח זיין און שפּילן זיך מיט די טעכטער פון מואב. אַ מלאך פון גאָט מיט אַ מענטשלעך פּנים, אַ מלאך מיט אַ שפּיז אין דער האַנט פּעכט זיך אויס אַ וועג דורך אַ המון, וואָס איז פאַרשיכורט און צעווילדעוועט פון וויין און זנות, — און ווי פאַרטריקנטע שטענגלעך זענען זיי פאַרצערט געוואָרן אין פייער פון זיין שפּיז. נבלות זענען געפאַלן ביי זיינע פיס.

מיט איין זעץ אַדורכגעזעצט די מאַסיווע טיר פון זמריס געמאַך, און עס האָט ניט געדויערט לאַנג — און אַ מלאך פון גאָט מיט אַ מענטשלעך, בלייך, נאָר שיין פּנים, באַזוימט מיט אַ יונגנטלעכער שוואַרצער באָרד, האָט אין זיינע מעכטיקע הענט געהאַלטן אַ לאַנגע שפּיז, און אויף איר האָבן זיך געוויגט, אַדורכגעשטאָכענע, דער חוטא זמרי און זיין זונה כּזבי, — ביידע צוזאַמען דורך די בייכער אַדורכגעשטאָכן. און ער האָט זיי, דעם צייכן פון טומאה, געטראָגן אין דער מחנה אַריין. און ער האָט זיי, די פאַרבלוטיקטע נבלות, געוואָרפן צו די פיס פון פאָלק.

די מגפה אין דער מחנה פון ישראל האָט זיך אָפּגעשטעלט איצט, ביי פּנחסעס אָנקומען מיט דער טומאה אויף זיין שפּיז, ווי אַמאָל ביי אהרנען — מיטן פייער פון מזבח אויף זיין פייערפּאַן.

# 10

ניט אומזיסט האָט די מעשה־זמרי געמאַכט אַזאַ פּיינלעכן רושם אויף משהן, אַז ער האָט, אין זיין קורצער פאַרלוירנקייט, נאָכגעגעבן דער שוואַכקייט פון טרערן און צוגעלאָזט דעם יונגן הייסבלוטיקן פּנחס בן־אלעזר הכּהן אַריינצומישן זיך מיט אַ געוואַלדאַקט, ווען ער אַליין וואָלט באַדאַרפט אָננעמען די געהעריקע מיטלען, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טון אין די אַלע שווער־געפּרוּווטע יאָרן מיט די בני־ישראל אין מדבר. די מעשה־זמרי האָט אויפגעדעקט פאַר משהס אויגן דעם תּהום, פאַר וועלכן די בני־ישראל זענען איצט געשטאַנען. כּל־זמן זיי זענען געווען אין מדבר און האָבן ניט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט אַנדערע פעלקער, האָט משה, פאַרשטייט זיך, אָן שוועריקייט געקאָנט זיי האַלטן איזאָ־לירט, דערציען זיי אין דער נייער דיסציפּלין, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פאַר זיי פון הימל, און זיי אויסבילדן פאַר דעם עם־סגולה, וואָס יהוה האָט געהאַט בדעה צו מאַכן פון זיי. אַ גאַנץ אַנדער סיטואַציע האָט זיך געשאַפן איצט, ווען די בני־ישראל האָבן דערגרייכט דעם ישוב. זיי זענען געקומען אין באַרירונג מיט אדום, מיט מואב, מיט מדין, מיט עמון און אַזוי פיל אַנדערע שבטים און

פעלקער. זיי קוקן זיך צו צום שטייגער לעבן פון די שכנים, זיי זעען זייערע מנהגים, — און עס געפעלט זיי דער לייכטער אופן פון זייער אויפפירן־זיך: אַ לעבן, ניט באַשווערט, ווי זייער אייגן לעבן, מיט דעם גאַנצן עול פון מצוות, פאַרבאָטן, וואָס באַשרענקן דעם מענטשנס גלוסטונגען און צוימען זיין נאַטירלעכע נייגונג צו מאָראַלישער הפקרות. די בני־ישראל פון דעם נייעם דור, געבוירן און אויפגעצויגן אין מדבר, זענען נאַטור־מענטשן, מדבר־מענטשן, — אַ טייך, וואָס גיסט זיך פון די בערג אַרונטער, פריי און ניט באַצוואונגען אין געשלאָסענע ברעגן, — אַ בתולהדיקע ערד, נאָך אומבאַרירט פון אַקער, גרייט אויפצונעמען יעטוועדער זאָמען. אין דער מעשה־זמרי האָט משה דערזען די גאַנצע סכנה, וואָס שטייט־פאַר די בני־ישראל — שוין באַלד, און נאָך מער אין דער צוקונפט, ווען ער וועט ניט מער זיין מיט זיי.

ניט וואָס ער האָט געגלויבט אין זיך, אַז נאָר ער אַליין איז בכוח די בני־ישראל צו האַלטן אין אייזערנעם צאַם, — ער האָט גאַנץ וואויל געוואוסט פון יהושעס פעאיקייטן אַנצוהאַלטן מיט אַ שטרענגער האַנט די מיליטערישע דיסציפלין, פון זיין האַלטן אַ וואַכיק אויג איבער די בני־ישראל, און ער האָט זיך געריכט, אַז יהוה וועט באַשטעטיקן יהושען אויף זיין פּלאַץ, וואָס ער האָט עס פון לאַנג געפלאַנט און צוגעגרייט יהושען פאַר דעם הויכן אַמט. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז קיינער איז ניט ביכולת צו לעשן דעם שטורעמדיקן רוגז פון יהוהן אויף די בני־ישראל, ווי ער, משה; אַז קיינעם וועט דער גייסט פון זייערע אבות אַזוי ניט נאָכגעבן, ווי ער גיט אים נאָך, ווען ער בעט פאַר די בני־ישראל. ניט דערפאַר, חלילה, וואָס יהוה איז אים נושא־פנים, נאָר יהוה ווייסט זיין האַרץ, — ער האָט אַדורכגעקוקט דורך אים און קען אים, קען זיין גרייטקייט צו שטאַרבן פאַר די בני־ישראל, צו נעמען אויף זיך זייערע זינד, אונטערצושטעלן זיין אייגן לייב אונטער דער בייטש, וואָס שמייסט ישראל, ווי די שוטרים האָבן עס געטון אין מצריים. און נאָך עפּעס: ער האָט באַקומען פון יהוהן צוויי אויפגאָבן, וואָס ער האָט זיי געמוזט אויספירן. די ערשטע אויפגאָב איז געווען — צו באַפרייען די בני־ישראל פון דעם אייזערנעם קאַלכאויוון פון מצריים. דאָס האָט ער דערפילט. די צווייטע אויפגאָב, וואָס ער האָט נאָך ניט דערפילט, איז — אַריינצוברענגען די בני־ישראל אין זייער צוגעזאָגטן לאַנד. און ער וויל ניט שטאַרבן, ער וויל ניט פאַרלאָזן די בני־ישראל, איידער ער וועט זיי ניט זען זיכער אין זייער צוגעזאָגטן לאַנד.

זינט אָבער דער מעשה־זמרי איז אים צוגעקומען נאָך אַ גרונד פאַר מורא האָבן צו פאַרלאָזן די בני־ישראל. דאָס איז זיין באַשטיין דערויף, אַז די בני־ישראל זאָלן פאַרבלייבן אַן עם־סגולה. ווי ער האָט ניט ליב געהאַט ישראל און געגאַרט צו זען אים, אַ גליקלעכן, איינגעפלאַנצט אין זיין לאַנד אונטער דער שיינענדיקער זון, וואָס שטראַלט אַרויס מיט די ברכות פון יהוהן, האָט משה געזען דעם תכלית פון דער עקסיסטענץ פון ישראל אין זיין אויסדערוויילטקייט, אין זיין אויסגעמלעכקייט ווי אַן עם־סגולה. אַ ישראל אָן דעם באַזונדערן געט־לעכן גורל, וואָס איז געפאַלן אויף אים דורך אַברהמס בונד מיט יהוהן, האָט פאַר אים ניט געהאַט קיין ווערט און קיין אינטערעס.

ווען אַפילו משה איז שוין זייער אַלט געווען אין יאָרן, האָט ער אינעווייניק אין זיך געפילט זיך יונג און געזונט. זיינע האָר זענען געווען ווי פריש אָנגעפאַלענער שניי, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איין שאָקל פון קאָפ קאָן ער דעם שניי אָפטרייסלען פון זיך און אַנטפלעקן זיך אין זיין נאַטירלעכן יוגנטלעכן אויסזען. זיינע אויגן זענען ניט טונקל געוואָרן, זיינע ציין, ריזן־פערל, זענען גאַנץ אין זיין מויל און זיינע באַוועגונגען עלאַסטיש און פלינק. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט נאָך אין זיך סיי די פיזישע, סיי די מאָראַלישע כוחות אויסצופירן זיין שליחות בשלימות.

ער האָט אָבער אויך אויף קיין רגע ניט אַרויסגעלאָזט פון געדאַנק דעם גזר־דין, וואָס הענגט אויף אים, דעם פירער, ווי אויף די אַנדערע פון דעם דור פון מדבר. ער האָט ניט געוואוסט, ווען דער גזר־דין וועט אויסגעפירט ווערן, ווי יהוה האָט אים אָנגעזאָגט. ער האָט אָבער געוואָלט האָפן, אַז יהוה וועט חרטה האָבן און וועט זיך לאָזן איבערבעטן און אים מוחל זיין די זינד, ווי ער האָט אַזוי פיל מאָל מוחל געווען די זינד פון די בני־ישראל, ווען ער האָט געבעטן צו אים, און וועט אים לאָזן לעבן אַזוי לאַנג ביז ער וועט ברענגען זיין שליחות צו פולער שלימות.

דערווייל האָט ער זיך גענומען פאַרהיילן די וואונדן, וואָס די מעשה־זמרי האָט געשלאָגן אין דער מחנה, ברענגען די מחנה צוריק צו איר נאָרמאַלן שטאַנד און זי צוגרייטן פאַר דעם ענדגילטיקן מאַרש אַריבער דעם ירדן אויף איינצו־נעמען דאָס לאַנד כנען.

קודם־כל האָט ער געוואָלט באַשטראָפן די, וואָס האָבן געטראָגן די שולד פאַר דער מעשי־זמרי; און דאָ איז ער אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן נסיון. ווען ער האָט געפרעגט ביי גאָט ווי אַזוי צו האַנדלען קעגן די פעלקער, וואָס האָבן פאַרדאָרבן ישראל דורך אַזאַ שאַלקהאַפטיקן מיטל, האָט ער באַקומען דעם ענטפער פון יהוהן: צו באַשטראָפן די מדינים און זיי דערשלאָגן! משהן איז אָנגעקומען זייער שווער צו שיקן אַ שטראָף־עקספּעדיציע קיין מדין. איז ער ניט געזעסן אַזוי לאַנג צווישן זיי? האָט אים יתרו ניט אויסבאַהאַלטן פון פרעהן? און איז זיין אייגן ווייב, איצט שוין מער ניט צווישן די לעבעדיקע, ניט געווען קיין מדינית? ער האָט געקענט אי די גוטע, אי די שלעכטע מידות פון די מדינים, און ער האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן זיין שווער יתרו, דעם כהן־גדול פון מדין, ניט נאָר פאַרן שוץ, וואָס ער האָט אים געגעבן, ווען ער איז געלאָפן פון פרעהס נאָכיעגערס, נאָר אויך פאַר די גוטע עצות און פאַר דער לערע, וואָס ער האָט געלערנט ביי אים. אָבער משה איז ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל צוליב פערזענלעכע מאָטיוון זיך אָפּהאַלטן פון אויספירן גאָטס אַ באַפעל, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער מוז זיין גערעכט און דרינגלעך. זיינע אויגן זענען באַלד געעפנט געוואָרן, און ער האָט איינגעזען, אַז ניט די מואבים, נאָר טאַקע די מדינים זענען די הויפּט־שולדיקע אין זייערע אומווערדיקע תחבולות, וואָס זיי האָבן אויסגעקלערט קעגן ישראל. מואב האָט געהאַט אַ גרונד מורא צו האָבן פאַר ישראל: נאָך אַלעמען, איז ישראל געזעסן אין שאָטן פון זיין לאַנד און האָט זיך באַפעסטיקט לעבן זיינע גרענעצן. ער האָט זיך אויך געשראָקן, אַז

משה זאָל ניט נקמה נעמען אין אים איבער דעם, וואָס ער האָט געמאַכט ישראל טייער באַצאָלן פאַר דורכגיין דורך זיין טעריטאָריע. די מדינים אָבער האָבן ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר ישראל. משה האָט קיינמאָל ניט באַרירט זייערע גרענעצן, און זייער לאַנד איז ניט אַריינגעקומען אין חשבון פון די לענדער, וואָס יהוה האָט צוגעזאָגט צו די אבות פון ישראל. ער האָט זיך שטענדיק פאַרהאַלטן צו זיי, ווען ער האָט זיך געפונען אין זייער שכנותשאַפט, מיט איינזעעניש און פריינדלעכקייט. זייער שנאה צו ישראל איז געווען אַ שנאת־חינם, אַזוי ווי עמלקס, און צוליב דער שנאה האָבן זיי זייערע טעכטער, די טעכטער פון די אָנגעזעענסטע משפחות, געמאַכט פאַר זונות. און טאַקע מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך געפילט אַזוי נאָענט צו די מדינים, האָט ער זיי ניט געקענט מוחל זיין און איז געווען מער אויפגעבראַכט אויף זיי ווי אויף די מואָבער. עס איז אים אויפגעקומען אין זכרון זיין ווייב צפורה, ווי זי איז געשטאַנען ביים ברונים מיט יתרוס אַנדערע טעכטער. אַלע זענען זיי געווען פרינצעסינס, אַלע! און אַזעלכע מיידלעך האָבן עס די מדינים געמאַכט פאַר זונות, כּדי צו ברענגען ישראל צו אַ שטרויכלונג. עס האָט דאָך געקאָנט זיין נאָך איינע ווי זיין אייגענע צפורה צווישן די פאַרפירערינס פון זינד און פאַרדאַרבונג. מואב האָט פונדעסטוועגן ניט אַריינגעשיקט זיינע טעכטער אין דעם לאַגער פון ישראל. דאָס האָט געטון מדין אַליין, וואָס האָט געשיקט אַ פירשטין אין דעם האַרץ פון לאַגער, כּדי אויפצורודערן אַ בונט, אַ מרידה קעגן משהן און די עלטסטע פון ישראל. און זי האָט טאַקע אַריינגעכאַפּט אַ פירשט אין ישראל און געוואָלט דורך אים איינפירן דעם קולט פון דעם בעל פון פעור צווישן זיין פאָלק.

די מעשה־זמרי האָט אויך אַרויסגערופן פיל ביטערקייט אין לאַגער. דאָך האָט משה זיך דערווייל צוריקגעהאַלטן פון דער שטראָף־עקספּעדיציע. ער האָט צוערשט געוואָלט אַריינברענגען אָרדענונג אין דער מחנה גופא, וואָס די מעשה־זמרי האָט אַזוי צעשטערט: עס האָבן ניט געפעלט קיין הויפּטלייט פון משפחות, וואָס האָבן געמורמלט קעגן פנחסן פאַר דערשטעכן איינעם פון זייערע ברידער.

אויפן באַפעל פון יהוהן, האָט משה, קודם־כּל, אַדורכגעפירט אַ ציילונג פון די בני־ישראל, איידער זיי גייען אַריבער דעם ירדן, און צוריק איינגעשטעלט די העגעמאָניע פון די עלטסטע פון די שבטים און אַ שטרענגע גראַדאַציע פון צוגעהעריקייט, לויט דעם פאַרנעם און אָנזען פון די שבטים און די משפחות, וואָס ער האָט עס באַדאַרפט האָבן פאַר דער געהעריקער איינטיילונג פון די בחלאות אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, ווען זיי וועלן עס האָבן איינגענומען. די איינטיילונג וועט פאָרקומען, לויט דער גרייס פון די שבטים, לויט די משפחות, וואָס זיי ציילן. אין די פערציק יאָר, וואָס די בני־ישראל האָבן זיך געפונען אין מדבר, זענען פיל מנהגים פון די שבטים אונטערגעגאַנגען. אַזוי איז אויך פאָרגעקומען אַן אויסמישונג פון די שבטים און די משפחות. משה האָט געוואָלט צוריק איינשטעלן דעם פריערדיקן סדר, איידער די בני־ישראל גייען אַריבער דעם ירדן. די מעשה־זמרי האָט נאָך שאַרפער אַרויסגעבראַכט די נויטיקייט צו רעווידירן די הויפּט־לייט פון די משפחות און באַשטימען אַחריותדיקע פירער, וואָרעם נאָר דורך דער

דיסציפלין אין די שבטים און אין די משפּחות, אָנגעהאַלטן דורך די הויפּטלייט און עלטסטע, איז מעגלעך געווען צו קאָנטראָלירן די בני־ישראל.

קוים האָט משה אָדורכגעפירט די ציילונג און די איינשטעלונג פון בייע הויפּטלייט איבער די משפּחות, האָט ער באַקומען דעם באַפעל און די דערמאָנונג פון יהוהן:

— זיי זיך נוקם די נקמה פון די בני־ישראל אָן די מדינים, און דערנאָך וועסטו איינגעזאַמלט ווערן צו דיין פאָלק.

און אַזוי ווי יהוה האָט געלאָזט משהן וויסן, אַז די נקמה, וואָס ער וועט זיך נוקם זיין אָן די מדינים, וועט זיין זיין לעצטע אַקציע פאַר זיין טויט, האָט משה זיך געאײַלט אויסצופירן יהוהס באַפעל. ער האָט זיך געהיט, עס זאָל ניט אויסזען, אַז ער האַלט־אָפּ דאָס נקמה־נעמען אָן די מדינים צוליב זיין טויט. ער איז שוין איצט געווען זיכער אין דער גערעכטיקייט און דער נויטיקייט פון דעם אַקט. די שכנותדיקע פעלקער מוזן וויסן, אַז ישראל קומט אין זיין לאַנד אַריין צו לעבן אַ באַזונדער און אייגן לעבן און אַז ישראל פאַראַכט זיי צוליב זייערע אָפּגעטער און זייערע מעשים־תעתועים און וועט זיך קיינמאָל ניט אויסמישן מיט זיי. ישראל איז באַשטימט פון יהוהן צו לעבן אַן אָפּגעזונדערט לעבן, לויט זיינע געבאָטן, וואָס דורך דעם וועט ער ווערן דער עם־סגולה ניט נאָר פאַר זיך, נאָר ווי אַ משל פאַר דעם גאַנצן מין מענטש, וואָרעם יהוה איז ניט נאָר דער גאָט פון ישראל, נאָר דער פאָטער פון אַלע באַשעפעניש.

משה האָט אָפּגעקליבן פאַר דער עקספּעדיציע צו טויזנט חיילסלייט פון איטלעכן שבט און האָט מיטגעשיקט מיט זיי פּנחסן, דעם זון פון אלעזר דעם כּהן, מיט די הייליקע כּלים און די שאַלטרומייטן אויף צו שטאַרקן און אויפצו־האַלטן דעם גייסט פון דעם חייל. און די חיילסלייט פון ישראל האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די מדינים און זיי האָבן אויסגעהרגעט יעטוועדער מאַנספּאַרשוין, און אויך די פירשטן פון מדין זענען געווען צווישן די דערשלאָגענע. און זיי האָבן אויך דאָרט, אין מדין, ביי די פירשטן געפאַנגען בלעמען. ער איז געווען געקומען אַהין אויפמאָנען דעם שכר פאַר זיין קלוגער עצה, וועלכע האָט גורם געווען דעם טויט פון פיר־און־צוואַנציק טויזנט נפשות. די חיילסלייט האָבן שפּעטער דערציילט וואונדערלעכע זאַכן וועגן בלעמס געפאַנגענשאַפט און זיין טויט.

בלעם, וועלכער האָט געזאָלט זיין מיט יעקבן פון איין עלטער, האָט דער־גרייכט זיין טיפע עלטער דורך כּישוף. ער האָט געוואוסט פון אַ מיטל אַרויסצו־דרייען זיך פון די הענט פון מלאך־המוות. איטלעכס מאָל, ווען דער מלאך־המוות איז געקומען נאָך זיין לעבן, האָט ער דורך זיינעם אַ כּישוף־פאָרטל אָנגענומען אַ ניי געשטאַלט. אַמאָל איז ער געווען אַ בעל־חי, אַמאָל אַ צומח, און אַמאָל איז ער גאָר גאָלם געוואָרן אין אַ דומם. דער מלאך־המוות האָט אַרומגעפּלאָנטערט אַרום אים און אים ניט דערקענט. איצט, ווען די בני־ישראל זענען געקומען קיין מדין, האָט בלעם אויך געוואָלט באַניצן זיין צויבערמאַכעריי און בייטן זיין געשטאַלט, אָבער זיין אייזלטע האָט אים אַרויסגעגעבן. זי האָט עדות־געזאָגט קעגן אים ביים משפּט, וואָס פּנחס האָט געמאַכט איבער אים, אַז ער, בלעם, האָט

ניט געהאַלטן זיין הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן יעקבן, און האָט ערשט גורם געווען דעם טויט פון פיר־און־צוואַנציק טויזנט נפשות אין ישראל. ווען עס איז געקומען צו טון אים זיין רעכט, האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיינערנע זייל, און אַלע שווערדן, מיט וועלכע מען האָט געפּרוּווט אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן, זענען שטומפּיק געוואָרן. ער האָט נאָך אויך אָנגעווענדט אַנדערע צויבער־פּאַרטלען אויף צו ראַטעווען זיך מיטן לעבן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן אין געשטאַלט פון אַ שוואַרצן פויגל און געפּרוּווט אַנטרינען פון מדין. מען האָט אים אַנדערש ניט געקאָנט טון זיין רעכט, ביז פּנחס האָט מיטן כּוח פון דעם כהן־גדולס שטערנבלעך, וואָס משה האָט אים געהאַט מיטגעגעבן אין חייל, באַוויזן גובר צו זיין זיין כּישוף. פּנחס האָט אים אַראָפּגעצוואונגען צוריק אויף דער ערד און אים פאַרקערט אין זיין אייגענעם געשטאַלט, — און ערשט דענסמאָל האָט מען אים געקאָנט קעפּן. און ווען מען האָט אים שוין, לסוף, געטון זיין רעכט, זענען בלויז זיינע אַלטע, לאַנגע גרייז־גראָע קודלעס אָפּגעפאַלן פון זיין קאָפּ, די נעגל האָבן זיך אָפּגעשיילט פון זיינע פינגער, בשעת זיין גאַנצער גוף, וואָס איז באַשטאַנען פון פּרוכנע שטויב, האָט זיך צעשאָטן.

אָפּגערעכנט זיך מיט די מדינים, האָט די שטראָף־עקספּעדיציע פאַרנומען זייער האָב און גוטס, — זייערע כּלים און זייערע קליידער, זייער צירונג און אַלדאָס גאָלד און זילבער, זייערע שאָף און רינדער, און זיי האָבן אויך גענומען אין געפאַנגענשאַפט פיל ווייבער און קינדער, אינגלעך און מיידלעך, און צוריק־געקערט אין דער מחנה אַריין.

*

משה איז געווען אַ זון פון זיין צייט. ווי טיף ער איז ניט אַריינגעדרונגען מיט זיינע אָדלער־אויגן אין דעם עתיד צו גרונטפעסטיקן אַ נייעם סדר־העולם, איז ער אָבער אין מלחמה קעגן זיינע שונאים, וואָס זענען אויך געווען די שונאים פון יהוהן, געווען ניט אַנדערש ווי יעדער אַנדער מלחמה־פירנדיקער מושל פון זיין צייט. קיינער, קיינער וועט ניט פאַרענטפערן, אָדער, חלילה, באַרעכטיקן משהס האַנדלען בנוגע די מדינים. נאָר אָן באַרעכטיקונג און אָן פאַרענטפערונג מעג דערלויבט זיין צו דערקלערן משהס פאַרטיליקונג־קריג, וואָס ער האָט געפירט קעגן די פרויען און די קינדער פון מדין אין דעם ליכט פון זיין אייגענעם מאָראַלישן איינשטעל.

משהס אמונה אין יהוהן איז געווען בלינד, אָן אָפּפרעג און אָן ספקות. ער האָט אָנגענומען די געזעצן פון יהוהן ניט מחמת דעם, וואָס זיי זענען גערעכטע געזעצן על־פּי דעם מענטשלעכן שכל און דער מענטשלעכער השגה, נאָר שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זענען די געזעצן פון גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד, דאָס הייסט, געזעצן פון דער נאַטור, דורך וועלכע ער פירט זיין וועלט, און ממילא זענען זיי שוין יושרדיק. ער האָט אויך געגלויבט, אַז איטלעכע אינספּיראַציע, וואָס ער באַקומט פון דעם העכערן גייסט, איז אַן אַנטפּלעקונג פון זיין ווילן, און דערפאַר טראָגט זי אין זיך דאָס שלימות פאַרן תּכלית פון דער וועלט. וואָרעם אַזוי ווי יהוה איז דער פאָטער פון דעם גייסט פון איטלעכן

נפש, טראָגן דערפאַר זיינע חוקים־ומשפטים אין זיך אַ העכערע גערעכטיקייט און אַן אייביקן אמת ניט נאָר פאַר איינעם פון זיינע באַשעפעניש, נאָר פאַר זיין גאַנצן באַשאַף. אויך האָט זיין אמונה אין זיין אויסשליסלעכן שליחות אויפ־געצויגן אין אים אַן אומבייגיקע עקשנות צו דערפירן דאָס שליחות צו אַ פולן נצחון, אָפּגעזען פון די אַלע קרבנות, וואָס זיינע אייגענע אָדער פרעמדע זאָלן ניט דאַרפן ברענגען פאַר דעם. ווייל אין דעם ציל פון זיין שליחות, — דאָס דערהייבן די בני־ישראל צום עם־סגולה, — האָט ער געזען דעם ציל און דעם תּכלית, וואָס יהוה האָט געשטעלט פאַר מענטש און וועלט.

און ער איז געוואוינט געווען צו באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פון בלוטיקע קרבנות פאַר דעם ציל. האָט יהוה ניט פאַרוואָרפן אַ גאַנצן דור, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון מצריים, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז דער דור איז ניט פעאיק צו ווערן דעם עם־סגולה? וויפל מאָל האָט יהוהס צאָרן אונטערגעצונדן אַ פייער אין די רייען פון זיין אויסדערוויילטן פאָלק? מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם האָט יהוה אַרויסגעפירט זיין פאָלק פון מצריים; מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם צווינגט ער ישראל אַריין דורך בויט און טויט אין דער דיסציפּלין פון זיינע געבאָטן; און מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם קערט יהוה אויך אויס יעטוועדער אבן־נגף, וואָס ליגט אין דעם וועג פון זיין ציל.

די ווייבער פון מדין זענען אַ שטערונג, אַן אבן־נגף אויף ישראלס וועג. זייערע פאַטערס, זייערע מאַנען האָבן זיי אַריינגעשיקט אין יידישן לאַגער, זיי מפקיר געווען צו זנות, כּדי זיי זאָלן צוריידן די בני־ישראל צו דינען צום בעל פון פעור. זיי האָבן געבראַכט אומגליק און אויפרודער אין לאַגער פון די בני־ישראל. פיר־און־צוואַנציק טויזנט נפשות זענען אומגעקומען אין דער מגפה איבער זיי. יהוה האָט אים, משהן, געהייסן נקמה נעמען אַן זיי און זיי דערשלאָגן, „וואָרעם זיי האָבן אייך געענגט מיט זייערע תּחבולות, וואָס זיי האָבן אויסגעקלערט אַנטקעגן אייך מיט דער מעשה פון פעור". פאַרוואָס זאָל ער האָבן מער איינזען מיט זיי ווי מיט די בני־ישראל? זיי זענען געווען אַ סכנה פאַר די בני־ישראל, האָבן זיי דערפאַר געמוזט אָפּגעראַמט ווערן פון וועג.

און משה האָט ווידער דערזען אַ נייע סכנה, וואָס קומט אויף די בני־ישראל פון די טעכטער פון מדין.

ווען ער איז מיט אלעזרן דעם כּהן אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען די חיילס־לייט, וואָס קערן זיך צוריק פון שלאַכט, האָט משה דערזען, אַז צווישן דעם גאַנצן זאַקרויב און דעם גאַנצן טרייבערויב פון מענטשן און בהמות, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, געפינען זיך זייער פיל ווייבער, און דאָס גאַרניט קיין אַלטע, נאָר אין די בעסטע רייפע יאָרן, און ניט ווייניק אויך יונגע און גאָר יוגנטלעכע, מיט בלאָע רעמלעך אונטערגעפירט אַרום די אויגן, מיט רויט־געפאַרבטע ליפּן, אויסגעצירט און אויסגעפוצט צו דער געפאַנגענשאַפט. משה האָט גלייך דערשמעקט דעם פאַרראַט פון די מענטשן פון מדין און די פאַרפירונג פון די בני־ישראל. וואָס, וועט דער זנות פון מדין ווידער ווערן אַן אבן־נגף

פאַר ישראל? ווען זיי דאַ, אין געפאַנגענשאַפט, טאַקע אויספירן, וואָס בלעם האָט זיי געראָטן און וואָס עס איז זיי פריער, אויף דער פריי, ניט געלונגען?

און משה האָט זיך געבייזערט אויף די עלטסטע פון טויזנט און די עלטסטע פון הונדערט, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז זיי זענען באַשיצער פון די געפאַנגענע ווייבער, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— האָט איר געלאָזט לעבן די ווייבער? דאָס האָבן זיי דאָך, אויף דעם אָנרייד פון בלעמען, געבראַכט די בני־ישראל צו זינדיקן מיטן בעל פון פעור, וואָס צוליב דעם איז די מגפה פון יהוהן געקומען אין דער מחנה אַריין.

און משה האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, וואָס איז געווען אין גייסט פון מלחמה־פירונג פון זיין צייט.

*

די שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס ער האָט געשיקט קיין מדין, איז געווען די איינציקע אַגרעסיווע שלאַכט, וואָס משה האָט אויסגעריכט. אַלע אַנדערע מלחמות, וואָס ער האָט געפירט, זענען געווען דעפענסיווע. ווי אַ צייכן, אַז דאָס הרגענען אַ נפש, ווען אַפילו אין קריג, און דאָס אָנרירן אַ דערשלאָגענעם איז אַ חטא, וואָס מאַכט אומריין, האָט ער באַפוילן די חיילסלייט צו פאַרבלייבן מחוץ־למחנה זיבן טעג, — זיי און זייערע געפאַנגענע, און זיי זאָלן זיך רייניקן אויפן דריטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג; „און יעטוועדער בגד, און יעטוועדער זאַך פון פעל, און אַלץ, וואָס איז געמאַכט פון ציגנהאָר, און יעטוועדער הילצערנע כּלי זאָלט איר רייניקן״.

משה האָט ביי דער געלעגנהייט אַריינגעבראַכט אַ סדר אין דער צעטיילונג פון דעם מלחמה־רויב, וואָס די חיילסלייט האָבן געבראַכט פון מדין. אַ העלפט פון דעם רייכן רויב אין פי און שאָף, ווי אויך אין געפאַנגענע און אומבאַריהרטע מיידלעך, וואָס האָבן ניט געקענט קיין מאַן, האָט משה געהייסן צעטיילן אויף צוויי חלקים, — איין חלק זאָל גיין פאַר די, וואָס זענען געווען אין קריג, דער צווייטער חלק זאָל איינגעטיילט ווערן צווישן דער גאַנצער עדה. די שבטים האָבן, ווידער, פון זייער חלק באַדאַרפט אָפּשיידן אַן אָפּגאָב פאַר די לויים. אויך דער משכן פון גאָט איז ניט אויסגעלאָזט געוואָרן: אַ גאַנץ קליינעם טייל פון זייער העלפט רויב האָבן די חיילסלייט באַדאַרפט איבערגעבן „אַן אָפּגאָב צו גאָט״ אין די הענט פון כהן־גדול. דערפאַר אָבער האָבן די עלטסטע פון טויזנט און די עלטסטע פון הונדערט, אויפן כהן גדולס אָנווייז, געבראַכט זייער „פּריווילעקע״ מתנה צו גאָט, ווי אַ דאַנקזאָגונג פאַר דעם, וואָס קיין איינער פון זייערע לייט איז ניט געמינערט געוואָרן: „איטלעכער, וואָס ער האָט געפונען, — גילדערנע זאַכן, אָרעמבענדער, האַנטקייטלעך, פינגערלעך, אוירינגען און האַלדזבענדער, — האָט דאָס געבראַכט צו גאָט, מכפר צו זיין אויף אונדזער נפש פאַר גאָט״. און די איינטיילונג פון דעם מלחמה־רויב איז געוואָרן אַ מוסטער אויך פאַר די שפּעטערדיקע מלחמות. דער אָפּגאָב פון גאָלד און זילבער צום משכן האָט, פאַרשטייט זיך, באַדאַרפט זיין אַן אייביקער. ער איז אָנגערופן

געוואָרן „קרבן" און איז געוואָרן דער קערן פון דעם פאָלקס־אוצר, וואָס האָט זיך געפונען ביים משכן. און ווען אַפילו דאָס אָפּגעבן דאָס גאָלד און זילבער און אַלע אַנדערע טייערע מאַטעריאַלן ווי אַ מתנה פאַר גאָט איז פאָרגעקומען פריי־וויליק — דורך אַ נדר, וואָס האָט זיך גערופן „קרבן", — איז עס געוואָרן אַ חוק און אַ חזקה, וואָס יעדער פעלשונג אין דעם איז, אין שפּעטערע צייטן, שווער באַשטראָפט געוואָרן.

משה האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם פאַר פונאַנדערטיילן אין באַזונדערע נחלאות דאָס לאַנד, וואָס די בני־ישראל וועלן איינגעמען. ער האָט אָפּגעשיידט געוויסע שטעט פאַר די לויים און אָפּגעזונדערט געוויסע טעריטאָריעס ווי ערי־מקלט פאַר מערדער בשוגג צו ראַטעווען זיך פון דער נקמה פון די גואלי־הדם. ער האָט אויך פעסטגעלייגט די גרענעצן, אין נאָמען פון יהוהן, פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד, וואָס זיי וועלן האָבן איינצונעמען פון די פעלקער אויף יענער זייט ירדן. און ער האָט באַפוילן דורך יהושען די עלטסטע פון די שבטים גד, ראובן און אַ האַלבן שבט מנשה איבערצולאָזן זייערע קינדער און זייערע סטאַדעס אין דעם טייל לאַנד אויף דער זייט ירדן, וואָס זיי האָבן איינגענומען אין די מלחמות מיטן אמורי, אין בשן און אַנדערע שטעט, און אַליין אַריבערגיין מיט די אַנדערע שבטים דעם ירדן צו טון זייער טייל אין איינגעמען די לענדער, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט, — און ערשט דענסמאָל וועלן זיי קאָנען באַקומען אין זייער שטענדיקן באַזיץ דאָס לאַנד, וואָס זיי ווינטשן צו האָבן. די צווויי און אַ האַלב שבטים האָבן גערן צוגעשטימט דערצו.

אין פאַרבינדונג מיט דער צעטיילונג פון דעם לאַנד צווישן די משפּחות, וואָס ער האָט דאָס אָנגעטרויט זיין באַהעלפער יהושען, האָט משה אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אין נאָמען פון יהוהן, וואָס איז געווען פון גאָר גרויסער וויכטיקייט פאַר דעם סטאַטוס פון דער פרוי אין זיין צייט. פינף מיידלעך, טעכטער פון אַן אָנגעזעענעם מאַן פון דעם שבט מנשה, צלפחד ביים נאָמען, זענען געקומען פאַר משהן, פאַר אלעזר דעם כהן און פאַר די פירשטן פון דער גאַנצער עדה און האָבן פאָרגעלייגט זייער טענה:

— אונזער פאָטער איז געשטאָרבן אין מדבר, און ער איז ניט געווען צווישן דער עדה, וואָס האָט זיך איינגעזאַמלט מיט קורחן אַנטקעגן גאָט, נייערט אין זיין אייגענער זינד איז ער געשטאָרבן; און קיין זין האָט ער ניט איבערגעלאָזט. פאַרוואָס זאָל געמינערט ווערן דער נאָמען פון אונדזער פאָטער פון צווישן זיין משפּחה איבער דעם, וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זון? גיב אונדז אַ טייל ירושה צווישן די ברידער פון אונדזער פאָטער.

עס איז געווען אַזוי ניי, אַזוי אומגעהערט, אַז טעכטער זאָלן פאָדערן זייער רעכט, ווי זין, אויף די נחלאות פון גאָט, אַז די לייט האָבן געוואָלט די מיידלעך פאַרטרייבן פון משהס אָנזען. נאָר משה האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט ברענגען זייער משפּט פאַר גאָט.

און משה האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ פּסק אין נאָמען פון יהוהן:

„געדערכט טענהן די טעכטער פון צלפחד: געבן זאָלסטו זיי געבן אַן אייגנ־טום פון אַ נחלה צווישן די ברידער פון זייער פאָטער, און זאָלסט מאַכן איבערגיין די נחלה פון זייער פאָטער צו זיי. און צו די קינדער פון ישראל זאָלסטו רעדן אַזוי: אַז אַ מאַן וועט שטאַרבן, און ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זון, זאָלט איר מאַכן איבערגיין זיין נחלה צו זיין טאָכטער״.

# 11

דער הימל איבער דער מחנה פון ישראל איז באַדעקט מיט געדיכטע, טונקעלע — און לייכטע, בלאָע — וואָלקנס, ווי שיפן, באַלאָדענע מיט הימלשער שפע, וועלכע ווערט איצט אויסגעלאָדן און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. עס זענען געקומען די טעג פון מלקוש, פון שפעט־רעגן. די בני־ישראל, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל טועם געווען דאָס געבענטשטע וואַסער, וואָס גאָט שיקט אַראָפּ פון הימל, האָבן זיך געפרייט מיט דער שפע פון גאָט. און ווי דער רעגן האָט געמאַכט אויפגיין די זריעה אין דער ערד, אַזוי האָט אויך די פייכטע שפע געמאַכט אויפגיין די זריעה פון בטחון און אמונה אין די הערצער פון די בני־ישראל. אַדורכגעווייקט מיט זייערע ווייבער און קינדער ביזן ביין, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווינקעלעך פון זייערע אַדורכגענעצטע געצעלטן, איינגע־נאַרעט און געטוליעט איינער צום אַנדערן.

אין דער מחנה פון ישראל האָט געהערשט אַ שטילקייט. די שטילקייט פון בין־השמשות, ווען דער קנויליקער וואָלקן־רויך גייט־אויף פון משכן־הויף, וואו אלעזר מיט די כהנים זענען מקריב דעם קרבן פון פאַרנאַכט. אין פרימאָרגן און פאַרנאַכט, ווען די בני־ישראל האָבן געזען דעם רויך אויפגיין פון משכן־הויף, האָבן זיי געקניט ביים איינגאַנג פון זייערע געצעלטן און אויסגעשטרעקט די הענט אין תפילה צום משכן צו. זיי האָבן דאָס אייגענע אויך איצט געטון. די מענער זענען אַרויסגעקומען פון די געצעלטן, האָבן געקניט אויף דער נאַסער ערד און אויסגעשטרעקט די הענט צום משכן.

דערינען אין משכן שטייט אלעזר און פאַרריכט דאָס ליכט פון דער מנורה, גיסט פון אַן איידל־געהאַמערטן גילדערנעם קריגל דאָס אויסגעליטערטע אייל, וואָס מען האָט אַרויסגעקראָגן פון די זעלטנסטע, די ריינסטע געוויקסן. אויפן הויף פון משכן, פאַר דעם גאָלדענעם מזבח, שטייען אלעזרס זין אין זייערע כהנישע קליידער. זיי שיטן בשמים אויפן פייער פון מזבח, שיטן בשמים אויף די פייערן, וואָס טליען זיך אויף זייערע פייערפאַנען, טראָגן אַרום די פייער־פאַנען איבער דעם הויף פון משכן און לאָזן די בלאָע, דינע רויך־וואָלקנדלעך, וואָס גייען אויף פון די דופטיקע פייערפאַנען, זיך ציען אַריבער די פלאַטערדיקע

פאַרהאַנגען, וואָס הענגען צווישן די ריגלען אַרום דעם משכּן, אַז זיי זאָלן זיך אויסשפּרייטן איבער די געצעלטן פון די בני־ישראל און זיי מטהר זיין.

אין אוהל־מועד, אין דעם טייל משכּן, וואָס האַלט דעם אָרון מיט די כּרובים, הערשט אַן אימהדיקע שטילקייט, וואָס עס דאַכט זיך, אַז זי וויקלט זיך אויס פון דער הימלשער לייכטנדיקער טונקלקייט, וואָס פילט־אָן דעם קדשי־קדשים. דאָס ליכט פון דער מנורה, פאַרנעפּלט דורך דעם דינעם בלאָען וואָלקן־רויך, וואָס גייט־אויף פון די פייערפאַנען, שימערט אַריין דורך דעם געוועבטן פאַרהאַנג, וואָס שיידט־אָפּ דעם קדשי־קדשים פון דעם טייל משכּן, וואו עס געפינען זיך די מנורה און דער לחם־הפּנים. אין דעם שפּאַלט פון פאָרהאַנג, אויסגעצויגן מיטן פּנים ביי דער שוועל פון אוהל־מועד, ליגט משה אין זיין ווייסער מאַנטיע. ער איז גערופן געוואָרן צו קומען פאַר יהוהן אין דעם אינעווייניקסטן געמאַך פון אוהל־מועד, וואָס נאָר דענסמאָל, ווען יהוה האָט אים צו פאַרטרויען גאָר וויכטיקע געבאָטן, רעדט ער מיט אים פּנים־אל־פּנים אין זיין קדשי־קדשים.

מיטן פּנים איינגעגראָבן אין די הענט אויף דער שוועל פון אוהל־מועד, פאַרנעמט משה דאָס קול פון יהוהן, וואָס הויבט זיך אַרויס פון דעם געדיכטן וואָלקן־רויך, וואָס הענגט צווישן די צוויי כּרובים איבער דעם ארון, מיט זייערע ייִנגליש־קינדערשע פּנימער אַרויסשימערנדיק פון דעם שוועבעדיקן וואָלקן, וואָס וויקלט זיי איין.

— גיי אַרויף אויף דעם דאָזיקן באַרג עברים, און קוק אָן דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן צו די קינדער פון ישראל. און אַז דו וועסט עס האָבן אָנגעקוקט, וועסטו אויך איינגעזאַמלט ווערן צו דיין פאָלק, אַזוי ווי דיין ברודער אַהרן איז איינגעזאַמלט געוואָרן; אַזוי ווי איר האָט ווידערגעשפּעניקט אָן מיין באַפעל, אין מדבר צן ביי דעם קריג פון דער עדה — מיך צו הייליקן פאַר זייערע אויגן.

משה האָט נאָך טיפער באַהאַלטן זיין פּנים אין די הענט, ליגנדיק אויף דער ערד, כּדי ניט צו זען קיין איין שטראַל פון דער הערלעכער הייליקייט דורך זיינע פינגער, און האָט זיך אָנגערופן:

— זאָל יהוה, דער גאָט פון די גייסטער פון אַלע באַשעפענישן, אויפזעצן אַ מאַן איבער דער עדה, וואָס זאָל אַרויסגיין פאַר זיי און אַריינקומען פאַר זיי, וואָס זאָל זיי אַרויספירן און וואָס זאָל זיי אַריינברענגען, כּדי די עדה פון גאָט זאָל ניט זיין אַזוי ווי שאָף, וואָס האָבן ניט קיין פּאַסטוך.

— נעם דיר יהושען בן־נון, אַ מאַן, וואָס אין אים איז דאָ גייסט, און זאָלסט אָנלייגען דיין האַנט אויף אים. און זאָלסט אים שטעלן פאַר אלעזר דעם כּהן, און פאַר דער גאַנצער עדה, און זאָלסט אים איבערגעבן דיין צוואה פאַר זייערע אויגן. און זאָלסט אַרויפטון פון דיין גלאַנץ אויף אים, כּדי די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל זאָלן געהאָרכן. און ער זאָל שטיין פאַר אלעזר דעם כּהן, און ער וועט פרעגן פאַר אים דעם באַשייד פון די אורים פאַר גאָט. לויט זיין מויל זאָלן זיי אַרויסגיין, און לויט זיין מויל זאָלן זיי אַריינקומען, ער און גאַנץ ישראל מיט אים, די גאַנצע עדה.

אָבער משה האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דאָס פּנים איינגעגראָבן אין די הענט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן ביי יהוהן:

— אָ, פאָטער פון אַלע באַשעפענישן, אין מיינע הענט האָסטו איבער־געגעבן דיין פאָלק, איך זאָל זיי אַריינברענגען אין דיין צוגעזאָגט לאַנד. אַציננד, אַז דו הייסט מיר, איך זאָל זיי איבערגעבן אין אַנדערע הענט, לאָז מיר וויסן, גאָט פון רחמנות, צי מיין נאָכקומער וועט אויספירן דאָס שליחות, וואָס איך האָב פאַרפעלט; לאָז מיר וויסן דעם גייסט פון מיין נאָכקומער. וועט ער זיין אַ געטרייער שופט צו דיינע קינדער? וועט ער זיי פאַרשטיין, איטלעכן באַזונדער? וועט ער פילן זייער באַדערפעניש, זייערע נייטן? וועט זיין אין אים דער גייסט פון איטלעכן פון זיי און פון זיי אַלעמען, כּדי ער זאָל קאָנען זיין אַן אמתער שופט פאַר זיין פאָלק און זייער געטרייער פירער?

— ניט נאָר דעם גייסט אַליין און דיין נאָכקומער זאָלסטו זען, נאָר דו זאָלסט זען דעם גייסט פון אַלע דיינע נאָכקומער, פון אַלע שופטים און נביאים, וואָס וועלן קומען נאָך דיר, ביז צום טאָג פון תחיית־המתים! עפן־אויף דיינע אויגן און זע! — האָט דאָס קול אַרויסגעשאָלט פון צווישן די כּרובים.

און משה האָט אויפגעהויבן די אויגן — און ער האָט געזען.

כּהרף־עיין האָט משה דערזען אויפשטייגן פון דעם וואָלקן, וואָס האָט אָנגעפילט דעם אוהל־מועד, פּנימער — ניט אין פאָרעם, נאָר פּנימער פון גייסט, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים. און ער האָט דערזען זייער אינעווייניקסטן מהות, זייער גייסטיקן עצם, די מדרגות פון זייערע נשמות, די מעכטיקייט פון זייער אויפשטייג — אַן אַ דערגיין צום תּכלית.

און משה האָט זיך אָנגערופן:

— פאָטער פון אַלע באַשעפענישן, איך זע גייסטער. גרויס און מעכטיק זענען די, וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט פאַר די פירערס פון דיין פאָלק. זיי טראָגן זיך אויף די פליגל פון נביאות אין די הייכן און נעמען־מיט מיט זיך דאָס גאַנצע פאָלק. ביז צו דיין שטול פון דיין הערשאַפט קומען זיי, נאָר דערגיין דער־גייען זיי ניט. איך זע, ווי זיי האַלטן מלחמה מיט מענטשן און רוחות פאַר דיין הערשאַפט. ווי גבורים שטייגן זיי אַרויס פון דעם ים פון שלעכטס, און זיי שלעפן נאָך זיך דעם איינגעזונקענעם מענטשן. איך זע ווייטער: זיי דערנעענ־טערן דעם טאָג פון שלימותדיקן תּכלית, נאָר אַליין דערגרייכן זיי אים ניט. זיי גייען און גייען — און קומען ניט אָן. וועלן זיי אַלע אַזוי פעלן, ווי איך? — האָט משה געזאָגט אין צער.

— פון די אַלע, וואָס איך האָב דיר געוויזן, האָט איטלעכער פון זיי זיין באַזונדערן יחידישן גייסט און זיין אייגענעם וויסן, אָבער אַזאַ מאַן, וואָס דו ווינטשסט צו האָבן פאַר דיין נאָכקומער, וואָס זיין גייסט זאָל אַרומנעמען די גייסטער פון אַלע בני־ישראל אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען רעדן צו איטלעכן פון זיי, לויט איטלעכנס פאַרשטענדיקונג, — אַזאַ מענטש וועט ניט פריער אויפשטיין ווי ביז צום סוף פון די טעג. נאָר ער אַליין וועט האָבן דעם גייסט, וואָס וועט אַרומנעמען די גייסטער פון אַלע מענטשן, — האָט דאָס קול פון די כּרובים אים געענטפערט.

— ווער איז עס ? — האָט משה געפרעגט.
— דאָס איז משיח ! — האָט גאָט אים אָפּגעענטפערט.

*

יהושע איז שוין פון לאַנג ניט געווען מער דער יונגערמאַן מיט דעם איידעלן פּנים, וואָס פלעגט ניט אָפּטרעטן פון משהס געצעלט. דורך די יאָרן וואַנדערניש אין מדבר און די פיל מלחמות מיט די שונאים פון ישראל, וואָס ער האָט אָנגעפירט, איז ער אַרויסגעקומען אַ מעכטיקער איש־חייל מיט כאַראַקטער־פעסטקייט און גרויס געניטשאַפט אין תכסיסי־מלחמה. די בראָנדזן־גראָע האָר אויף זיין שטאַרקן קאָפּ, וואָס ער האָט ניט קיין איבעריקע צייט געהאַט אָפּצו־געבן זיך מיט איילן און פוצן זיי, ווי די אַנדערע פירשטן און הויפטלייט אין חייל, זענען זיך צעפאַלן איבער זיין נאַקן און זיך אויסגעמישט אין איין געדיכטער מאַסע מיט זיינע געקניפּטע פּיאות און לאַנגער דראָטן־באָרד. זיין דורכגעווינטיקט פּנים איז געווען אַדורכגעשניטן מיט קנייטשן און קאַרבן, און אין זיינע גראָע אויגן, אַרומגענומען מיט אַ געקנייטשטן, נאָר סאָליד־געצייכנטן הויטגעוועב, איז געלעגן אַ בליק, באַפעלעריש און דורכדרינגלעך אונטער די שטרענגע ברעמען, וואָס האָט באַצוואונגען און אונטערטעניק געמאַכט איטלעכן, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין שלאַגקראַפט.

משה האָט אַריינגעבראַכט יהושען אין זיין געצעלט אַריין, האָט זיך אָפּגע־שלאָסן מיט אים אין זיין חדר־מיוחד, וואו ער פלעגט זיך מתדבק זיין מיט זיין גאָט, און אים פאַרטרויט דעם באַפעל פון יהוהן. יהושען אין באַפאַלן אַ שרעק.

אמת, ער האָט אָפטמאָל געטראַכט פון דעם טאָג, ווען משה וועט איינגע־זאַמלט ווערן צו זיינע אבות, ער האָט זיך אָבער באַין־אופן ניט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז דאָס זאָל געשען אַזוי שנעל, טאַקע באַלד. און כאָטש ער האָט געוואוסט פון דעם גזר־דין, וואָס העגנגט איבער משהן פון דעם טאָג אָן פון מי־מריבה, האָט ער דאָך געוואָלט האָפן און גלויבן, אַז יהוה וועט אָפּטון דעם גזר פון אים און לאָזן ברענגען זיין שליחות צו שלימות. ניין, יהושע האָט באַין־אופן ניט געקאָנט משיג־זיין ווי אַזוי עס וועט מעגלעך זיין איינצונעמען די לענדער אַריבער דעם ירדן אָן משהן, וואָס זיין גלייכגעשטעלטע פיגור און זיין בליענדיק געזונט האָבן זיך גאָרניט געפּאָרט מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ זקן, וואָס זיין צייט איז אויסגערונען. און יהושע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאָר משהן, אַרויסגעזאָגט זיך קאָלט, מיושבדיק, ניט ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט אין אַ געשעעניש, וואָס שטייט מחוץ זייער קאָנטראָל, נאָר אין אַ געשאַפענער סיטואַציע, וועלכע שטעלט די זיכערקייט פון ישראל אין סכנה, און ער מוז, דעריבער, זיך אַן עצה האַלטן מיט משהן :

— האָר משה, — יהושע האָט אַלץ טיטולירט משהן ווי זיין האָר, — ווער בין איך, אַז איך זאָל, חלילה, זיך אַריינמישן און אַריינרעדן אין דעם סוד, וואָס יהוה האָט מיט דיר ? נאָר ווי דער אָנפירער פון דעם חייל פון די בני־ישראל, מוז איך דיר אָנווייזן דערויף, אַז מיט דיין אָפּטרעטן איצט פון דער מחנה פון ישראל שטעלסטו די זיכערקייט פון פאָלק אין גרויס סכנה. דיין נאָמען איז

פֿאַרבונדן מיט דעם יציאת־מצרים פֿון ערשטן טאָג אָן. די אותות־ומופתים, וואָס יהוה האָט געטון דורך דיין האַנט, האָבן אַנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף די פֿעלקער. דיין אָנפֿירונג אונטער יהוהס באַפֿעל האָט זיי געבונדן, ווי בינטלעך אָפּפֿאַלנדיק האָלץ, און געלייגט זיי צו אונדזערע פֿיס. מיר שטייען דאָך ערשט ביים אָנהויב פֿון אונדזערע נצחונות. דאָס לאַנד ליגט נאָך פֿאַר אונדז אויף יענער זייט ירדן, — און מיר האָבן פֿאַר זיך אַ מעכטיקן שונא מיט שלאַכטפֿעאיקע חיילות, — אַ ניט־געשלאָגענעם מואב, אַ שטאַרקן עמון און אַ בייזן אדום. איצט, ווען זיי וועלן דערהערן, אַז דו ביסט צוגענומען געוואָרן פֿון אונדז, וועלן זיי זאָגן: ניט אַנדערש, נאָר יהוה האָט זיי פֿאַרלאָזט און גיט זיי איבער, ווי שעפֿעלעך אָן אַ פּאַסטוך, אין אונדזערע הענט אַריין. און זיי וועלן זיך זאַמלען און זיך פֿאַראייניקן און אָנפֿאַלן אויף אונדז — צו נעמען נקמה אָן אונדז פֿאַר מדין. ניין, מיין האַר משה, דו קאָנסט אונדז איצט ניט פֿאַרלאָזן. דו מוזט שטאַרקן דיינע תּפֿילות און אויפֿוועקן דאָס רחמנות ביי יהוהן, אַז ער זאָל דיך לאָזן מיט אונדז ביז דו וועסט איינגעמען די לענדער אויף יענער זייט ירדן, וואָס יהוה האָט צוגעזאָגט אונדזערע אבות.

פֿון משהס אויגן האָט אַרויסגעשיינט אַ טרויעריקער גלאַנץ. ער האָט געשוויגן אַ וויילע אין נאָכקלערן. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע געדיכטע ברעמען און אָנגעקוקט יהושען מיט אַ טרויעריק־שמייכלענדיקן בליק. ער האָט גענומען יהושעס האַנט אין זיינער און געזאָגט:

— יהושע בן־נון, דו ווייסט אַזוי ווי איך, אַז אָן דעם ווילן און אָן דער הילף פֿון יהוהן וואָלטן מיר ניט דערגאַנגען אַזוי וויט. מיר וואָלטן פֿאַרלוירן געגאַנגען ביי דער ערשטער סכּנה, וואָס האָט געלויערט אויף אונדז פֿון עמלקן. ניט פֿאַר דעם שונא פֿון דרויסן שרעקסטו זיך. ניין, דו שרעקסט זיך פֿאַר עפּעס אַנדערש. זאָג מיר, וואָס דריקט דיין האַרץ?

יהושע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני פֿאַר משהן און אויפֿגעהויבן די הענט צו אים:

— מיין האַר משה, דו קענסט די בני־ישראל בעסער פֿון מיר. דו האָסט זיי אויך מער ליב ווי איך. דו ביסט דער איינציקער, וואָס דו שטייסט ווי אָן אייזערנע וואַנט צווישן די זינד פֿון ישראל און דעם צאָרן פֿון יהוהן. אָ, ישראלס שילד און זיין בויגן, ווער בין איך און וואָס בין איך, אַז איך זאָל ברענגען מיין געבעט פֿון ישראל פֿאַר יהוהן? איך פֿאַרמאָג ניט דיין ליבע, איך האָב ניט דיין פֿאַרשטענדעניש און עס פֿעלט מיר דאָס יכולת איינצושטעלן זיך פֿאַר ישראל. ביי דער ערשטער זינד פֿון ישראל וועל איך צעמאָלן ווערן ווי אַ שוואַכע זאַנג צווישן די צוויי מילשטיינער פֿון יהוהן און ישראל. אָן דיר בין איך גאָרניט. דו ביסט אַלץ! פֿאַרלאָז מיך ניט, מיין האַר משה! — און פֿון יהושעס אויגן האָבן גענומען זיך גיסן בעך טרערן.

משה האָט אויפֿגעהויבן יהושעס קאָפּ און אים באַפֿוילן:

— שטיי־אויף, מיין זון, — עס פּאַסט ניט פֿאַר דעם פֿירער פֿון ישראל צו קניען פֿאַר אַ בשר־ודם, — און זעץ דיך דאָ לעבן מיר. מאַך דיך ניט קליין, יהושע, זיי געטרייסט — און הער אויס מיינע ווערטער:

„אַלע פעלקער, וואָס זענען פאַראַן אין דעם אין־סוף, האָט יהוה באַשאַפן, און מיר זענען איינס פון זיי. נאָר אין אונדז אַליין האָט ער געזען דאָס יכולת אים צו פאַרשטיין און אונדז האָט ער אויסגעקליבן צו זיין שליחים פאַר די אַנדערע פעלקער — פון דעם אָנהויב פון באַשאַף ביז צום סוף פון די טעג. ער האָט גאָרניט פאַרזען. ער ווייסט פון אַלצדינג. ער ווייסט פאָראויס, וואָס עס וועט געשען. ער האָט אָנגעצייכנט דעם וועג. ער האָט געשטעלט די מעטעס אויף צו דערגרייכן דעם ציל. ער האָט מיך באַשטימט פאַר אַ פירער פון ישראל, אַ מליץ־טוב ביי זיין זינדיקן און זיין פעלן. ניט צוליב מיינע אייגענע זכיות, וואָס איך באַזיץ, נאָר פון זיין אייגענעם חסד און זיין אייגענעם איינזען. איך פאַרזיכער דיך, יהושע, ניט פון ישראל וועגן, ניט פון וועגן זיינע אייגענע זכיות און מידות וועט גאָט מאַכן אונטערטעניק די פעלקער פון כנען פאַר דיר און פאַרניכטן די גויים, וואָס דינען צו אָפּגעטער. נאָר צוליב דעם וועג, וואָס ער האָט געצייכנט פאַר אַלע פעלקער פון דעם אָנהויב פון דער וועלט ווי אַ ציל און אַ תכלית פאַר זיין גאַנצן באַשאַף. זיי, דעריבער, פון פריילעכן געמיט און פון שטאַרקן האַרץ, דו ביסט אַ שליח פון יהוהן אַזוי ווי איך. ער וועט רעדן דורך דיין מויל און וועט האַנדלען דורך דיין האַנט. פאַרלענגד די שונאים פון יהוהן, באַשטראָף מיט אַ שווערער רוט די שולדיקע פון ישראל, באַלוין די ווערדיקע, נאָר זיי זיכער, אַז ווי האַרט און שווער ער זאָל ניט שטראָפן ישראל מיט שונאים און פיינטשאַפט, וועט ער אים ניט פאַרניכטן, ווייל ישראל איז באַשטימט צו זיין די כלי פון גאָט אויף אויסצופירן זיין ווילן. גיי, דעריבער, און האָב קיין מורא ניט, די מלאכים פון יהוהן וועלן דיך באַגלייטן און וועלן איינגעמען דאָס לאַנד, וואָס ער האָט פאַרשוואוירן צו אונדזערע אבות".

יהושע, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט לעבן משהן, בייסנדיק און קייענדיק אַן עק פון זיין האַלב־גראָער באָרד, האָט זיך אָנגערופן צו משהן מיט אַ בעטנ־דיקער שטימע:

— אָבער פאַרוואָס — מיך, מיך דעם מינדסטן פון ישראל? איך בין אַ פירער פון חייל, אָבער ניט פון פאָלק. איך קען מיך אויס אין קריגספּירונג, אָבער ניט אין ענינים פון מלוכה. איך בין אַ קריגסמאַן, ניט קיין שופט. עס זענען דאָך פאַראַן פיל געניטערע און געלערנטערע פון מיר צווישן די זקני־ישראל.

— דאָס האָב איך אַליין אויך געפרעגט, — זאָגט משה. — ווען יהוה האָט זיך באַוויזן צו מיר אין ברענענדיקן דאָרן, האָב איך אים אויך געפרעגט: פאַרוואָס — מיך? נאָר יהוה, ווי אַ מעכטיקער אָדלער, פליט אין דער טיפעניש פון הימל און זוכט־אויס מיט זיין שאַרפן אויג דעם, וואָס ער זוכט־אויס, — און ווען ער געפינט אים אויס, קומט ער איבער אים, ווי אַן אָדלער איבער זיין קרבן, און טראָגט אים אַוועק מיט זיינע קרעלן. אַזוי האָט ער געטון מיט מיר, און אַזוי וועט ער טון מיט איטלעכן, וואָס ער וועט אים אויסזוכן פאַר זיין שליחות, ביז צום סוף פון די טעג. און מיר מוזן אים געהאָרכן, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן ניט, מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט.

יהושע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און איז פאַרזונקן

אין נאָכקלערן. פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט זיך ווידער אַרונטער־געלאָזט אויף די קני פאַר משהן און געבעטן ביי אים:

— מיין האַר און מיין לערער, זאָג מיר, גיב מיר איבער די סגולה, וואָס מיט איר כּוח האָסטו בייגעקומען אַלע דיינע שוועריקייטן, — האָסט אָפּגעראָמט די אַלע שטרויכל־שטיינער, וואָס זענען געלעגן אויף דיין לאַנגן וועג, האָסט אַרויסגענומען ישראל פון די אַלע סכּנות, וואָס האָבן געלויערט אויף אים ביז היינט, און ווייך געמאַכט און איבערגעבעטן יהוהן און געבראַכט ישראל צו גיין אין זיינע וועגן.

— די סגולה, מיט וועלכער איך בין בייגעשטאַנען אַלע מיינע שטרויכ־לונגען, איז געווען די ליבע, — דער „ואהבת את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך" און דער „ואהבת לרעך כּמוך". די צוויי ליבעס זענען געווען מיין שילד און מיין בויגן. איך גיב זיי דיר איבער. קום, לאָמיר בעטן צו יהוהן, אַז ער זאָל פאַראייניקן די צוויי ליבעס אין דיין האַרץ צו איין יחידות.

*

זיי, די בני־ישראל, וואָס האָבן אַזוי אָפט געמורמלט קעגן משהן און געהאַלטן אין איין רעדן ביטערע רייד אויף אים הינטער זיין פּלייצע, זענען טאַקע געוואָרן, ווי אַ סטאַדע שאָף, וואָס מען האָט פון איר דעם פּאַסטוך אַוועקגענומען, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז משה וועט באַלד צוגענומען ווערן פון זיי און יהושע וועט איינגעשטעלט ווערן אויף זיין פּלאַץ. זיי האָבן זיך גיזאַמלט אין רעדלעך און גערעדט צווישן זיך מיט שטילע קולות: „משה ווערט צוגענומען פון אונדז, וואָס וועט איצט זיין?" זיי האָבן געלאָזט זייערע קעפּ הענגען אויף דער ברוסט, זייערע פּנימער זענען געווען געפאַלן און די אומזיכערקייט האָט ווידער אַרויס־געקוקט פון זייערע אויגן. „ווי איז צו אונדז, ווער וועט אונדז פירן אַריבער דעם ירדן? ווער וועט פאַר אונדז מלחמה האַלטן?"

משה האָט געפילט ווי טיף דאָס פאָלק איז אַנגעשראָקן און פאַרלוירן. ער האָט דערפאַר געוואָלט יהושען איינסטאַלירן אין דער פירערשאַפט אויף אַ געהויבענעם, אַן אימפּאָזאַנטן אופן, רעכענענדיק מיט דעם צו שטאַרקן דעם געמיט פון פאָלק און געווינען זיין צוטרוי צו יהושען.

אין דעם טאָג פון דער איינסטאַלירונג האָט משה פאַררופן דאָס גאַנצע פאָלק אויפן גרויסן פּלאַץ פאַרן איינגאַנג פון אוהל־מועד, וואו עס איז געשטאַנען זיין שטול פון משפּט, באַפּוצט מיט אַן איבערדעק פון תּכלת און גאָלד, וואָס ער האָט אַנגעגרייט פאַר יהושען. אַ צווייטע שטול, ביי דער שטול פון משפּט, האָט פאַרנומען דער כּהן־גדול. דער כּהן־גדול איז געווען אַנגעטון ווי פאַר דער עבודה, מיטן חושן און אפוד אויף דער ברוסט. די יונגע כּהנים, דעם כּהן־גדולס זין, און די פּרחי־כּהונה, אַלע אין זייערע ווייסע קליידער, זענען גע־שטאַנען הינטער דער שטול פון כּהן־גדול. אויף שטולן אויסגעזעצט זענען אויך געווען די זיבעציק זקנים, די צוועלף פירשטן פון די שבטים און די עלטסטע איבער טויזנט.

משה אַליין, בראש פון אַ דעלעגאַציע פון די זקני־ישראל, פון אַ גרויסער

צאַל הויפּטלייט איבער טויזנט און דעם פּירשט פון שבט בנימין, פאַר וועלכן אַ פאַנענטרעגער האָט פאַראויסגעטראָגן די פאָן פון שבט, איז אַוועק צו יהושעס געצעלט צו ברענגען אים צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין משהס שטול.

משה אַליין איז אַריינגעגאַנגען אין יהושעס געצעלט. ער האָט אים געטראָפן, ליגנדיק מיטן פּנים צו דער ערד, אין תּפילה. משה האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— יהושע בן־נון, דיין צייט איז געקומען צו באַדינען ישראל. הויב דיך אויף פון אָרט — און גיי טו דיין שליחות.

ווען יהושע, זיין פּנים געבאָדן אין טרערן, האָט דערזען משהן, זיין רבין, האָט ער זיך געבויגן פאַר אים. אָבער משה האָט אים צוריקגעהאַלטן.

— פון היינט מאָל אָן וועל איך זיך בייגן פאַר דיר, — האָט משה געזאָגט און זיך געבויגן פאַר אים און אים גערופן: — מיין רבי יהושע. — און ער האָט גענומען דעם קרוג וואַסער און די גאָלדענע שיסל, וואָס אַ העראָלד האָט געטראָגן נאָך אים, און געוואָלט וואַשן יהושעס הענט.

אָבער יהושע האָט זיך ניט געלאָזט און ער האָט געזאָגט:

— משה, מיין רבי, ווי אַזוי קאָן איך דיך לאָזן באַדינען מיך?

— דיין חוב איז מיך צו לאָזן באַדינען דיך, ווי איך האָב זיך געלאָזט באַדינען פון דיר, — האָט אים משה אָפּגעענטפערט. — ווידערשפּעניק ניט אָן דעם געבאָט פון גאָט.

און יהושע האָט זיך געלאָזט באַדינען פון משהן.

משה האָט געוואַשן זיינע הענט און זיין פּנים, האָט גענומען אַ ווייס געוואַנט, וואָס אַן אַנדער העראָלד האָט נאָכגעטראָגן נאָך אים, און איבערגעדעקט מיט דעם יהושעס פּלייצעס, האָט אַראָפּגענומען דעם ווייסן לאַנגן שלייער פון זיין קאָפּ און באַדעקט מיט אים יהושעס קאָפּ.

און ווען יהושע האָט זיך באַוויזן אין משהס קליידער אויף דער שוועל פון זיין געצעלט, און משה מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ הינטער אים, זענען זיי אַלע פון דער באַגלייטונג בלייך געוואָרן, דערשראָקן, און זיי האָבן געוואָלט זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען. אָבער משה האָט זיי מיט זיין בליק געניית צו בלייבן אויף די ערטער. און ער האָט באַפוילן די העראָלדן אויסצושאַלן דאָס אָנקומען פון דעם נייעם פירער און לערער פון ישראל.

מיט דער פאָן פון שבט בנימין פאַראויס פאַר דעם פּירשט פון בנימין, פון איין זייט, מיט משהן פון דער צווייטער זייט, און מיט דער באַגלייטונג — הינטער זיי, האָבן זיי יהושען אַריינגעפירט מיט טראָמפּייטן־שאַל אין דעם זאַמל־פּלאַץ פאַרן אוהל־מועד, וואו עס האָבן שוין געוואַרט אויף אים אלעזר דער כהן־גדול, די עלטסטע פון ישראל און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום.

ווען דאָס פאָלק האָט דערזען יהושען אין משהס קליידער, און משהן מיט זיין אויפגעדעקטן קאָפּ — הינטער אים, ווי אַ תּלמיד מיט זיין רבין, האָבן זיי באַהאַלטן די קעפּ אויף דער ברוסט און טייל פון זיי האָבן זיך געוואָרפן צו דער ערד און באַהאַלטן די פּנימער אין דער ערד, אַז זיי זאָלן ניט זען.

אָבער משה האָט גענומען יהושען, האָט אים צוגעפירט צו זיין שטול, לעבן

דער שטול פון כּהן־גדול, מיט די זקני־ישׂראל אַרום, האָט אים אָוועקגעזעצט, און אַליין האָט ער זיך געשטעלט פאַרן פאָלק און אָנגעהויבן רעדן:

— הערט, בני־ישׂראל, דאָס וואָרט פון גאָט. אַ מאַן פון הונדערט און צוואַנציק יאָר בין איך היינט. איך קאָן ניט מער אַרויסגיין און אַריינגיין צו באַדינען אייך. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: וועסט ניט אַריבערגיין דעם ירדן. יהוה דיין גאָט, ער גייט אַריבער דיר פאָראויס. ער וועט פאַרטיליקן די דאָזיקע פעלקער פון פאַר דיר, און דו וועסט זיי ירשענען. יהושע גייט אייך פאָראויס, ער וועט אייך פירן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט . . . זייט שטאַרק און פעסט, איר זאָלט ניט מורא האָבן און זיך ניט שרעקן פאַר זיי, וואָרעם יהוה אייער גאָט, ער איז דער, וואָס גייט מיט אייך, ער וועט אייך ניט אָפּלאָזן און אייך ניט פאַרלאָזן.

און ער איז צוגעגאַנגען צו יהושען, האָט אים אויפגעשטעלט פון שטול, אים צוגעפירט פאַרן פאָלק און האָט צו אים געזאָגט אין די אויגן פון גאַנץ ישׂראל:

— זיי שטאַרק און פעסט, וואָרעם דו וועסט קומען מיט דעם דאָזיקן פאָלק אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט געשוואוירן זייערע עלטערן זיי צו געבן, און דו וועסט עס זיי מאַכן אַרבן. גאָט, ער איז דער, וואָס גייט דיר פאָראויס. ער וועט זיין מיט דיר, ער וועט דיך ניט אָפּלאָזן און דיך ניט פאַרלאָזן. זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן.

און משה האָט אַרויפגעלייגט זיינע בײדע הענט אויף דעם קאָפּ פון דעם קניענדיקן יהושען און האָט אויסגערופן:

— דעם גייסט, וואָס גאָט האָט געגעבן אין מיר, גיב איך אין דיר. גיי מיט כּוח, חזק ואמץ!

און משה האָט געקניט ביי דער זייט פון יהושען, און ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן:

— איך דאַנק דיר, גאָט, גאָט פון אונדזערע עלטערן, וואָס דו האָסט מיך מזכּה געווען צו זען דעם פירער פון ישׂראל, איידער דו פאַרמאַכסט מיינע אויגן. און איך בעט דיך, גאָט פון אונדזערע אבות, שטאַרק זיינע הענט און זיי מיט אים אַזוי ווי דו ביסט געווען מיט מיר ביזן היינטיקן טאָג.

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און אויסגערופן צום פאָלק:

— זעט אייער פירער יהושע, אים זאָלט איר געהאָרכיק זיין!

אָבער אין פאָלק האָט געהערשט אַ שטילקייט און אַ דערשלאָגנקייט. עס האָט זיך ניט געהערט קיין קול און קיין רויש, נאָר בלויז יהושעס שטים, וואָס האָט געוואָרקעט ווי אַ וויינענדיקע טויב:

— מיין האַר, מיין רבי, מיין פאָטער!

און משה האָט גענומען יהושען און אים צוגעפירט צום כּהן־גדול און אים אַוועקגעזעצט אויף דער שטול פון משפּט, און אַליין האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז צוריקגעגאַנגען אין זיין געצעלט אַריין.

און פיר העראָלדן האָבן זיך געשטעלט ביי די פיר זייטן פון די מחנות פון ישׂראל, האָבן אויסגעשאַלט מיט טראָמפּייטן און אויסגערופן אויף אַלע פיר זייטן:

— ישׂראל, ישׂראל, משה שטייט ביי יהושעס טויער, און ער לאָזט וויסן,

אַז יעדער איינער, וואָס וויל הערן און וויסן גאָטס וואָרט, זאָל קומען צו יהושען, וואָרעם ער איז, נאָך דעם באַפעל פון יהוהן, דער עלטסטער און דער פירער פון ישראל.

נאָר דאָס פאָלק האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. קיינער איז ניט געקומען מיט זיין משפט פאַר יהושען, נאָר דאָס פאָלק האָט געוויינט אין די ווינקלען.

# 12

ער איז צייטיק געוואָרן פאַרן טויט ווי אַ צייטיקע פרי, וואָס באַדאַרף אָראָפּ־פאַלן פון בוים. דאָך האָט משה ניט געוואָלט שטאַרבן, ווי אַ מוטער, וואָס וויל ניט שטאַרבן כל־זמן איר קינד ליגט לעבן איר ביי דער ברוסט: זי קעמפט מיט גאָט און דעם מלאך־המוות און וויל זיך ניט אונטערגעבן דעם טויט, ביז מען נעמט ניט איר קינד אַוועק פון איר. און אַזוי איז משה געווען. ישראל איז משהס זויגקינד, וואָס איז נאָך ניט אַנטוויינט, און דאָס קינד האָט באַין־אופן ניט געוואָלט אָננעמען די ברוסט, וואָס גאָט האָט באַשטימט פאַר אים, — יהושען. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס די העראָלדן האָבן אויסגערופן איטלעכן פרימאָרגן די מודעה פון משהן, אַז „ווער עס וויל פאַרנעמען גאָטס וואָרט, זאָל קומען צו יהושען, וואָרעם ער איז, נאָכן באַפעל פון גאָט, דער פירער פון ישראל". דאָס פאָלק איז ניט געקומען צו יהושען, אַזוי אויך ניט די פירער, די זקני־ישראל, די פאַרשטייער פון די שבטים און די שופטים. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי יתומים, אַרום משהס געצעלט.

משה איז געזעסן אין זיין געצעלט איינער אַליין און האָט געשריבן זיין צוואה. ער האָט זיך געאיילט, וואָרעם ער האָט געוואוסט, אַז כל־זמן ער לעבט, קאָן ישראל ניט אַריבערגיין דעם ירדן, און אַ סך טייערע צייט גייט, אַזוי אַרום, לאיבוד. און דאָך איז עס אַזוי וויכטיק געווען, אַז ער זאָל פאַרטיק מאַכן זיין לעצט וואָרט צו ישראל. יהוה האָט עס אים באַפוילן צו שרייבן, — אַ מאָנונג און אַ וואָרעניש פאַר ישראל פאַר אַלע וויטערדיקע דורות.

און בשעת ער האָט געשריבן זיין משנה־תורה, איז געשען אַזוינס, וואָס האָט אים אויפגעטרייסלט ביזן מאַרך פון די ביינער. דווקא פאַר אים האָט יהוה אַנטפּלעקט דעם גאַנצן מאַרטירער־וועג פון ישראל, — זיין לאַנג וואָג־לעניש און בלאָנקעניש, זיין קלעטערן אויפן באַרג צו שלימות; דאָס קריכן אויפן הויכן באַרג, וואו דער מענטש רייסט זיך צו די הימלען, צו זיין נעענטער צו גאָט, און זיין צוריקפאַל אין טיפן אָפּגרונט אַריין. דאָס, וואָס בלעם האָט אַזוי געזוכט, — די וואונד, די מכה אין ישראלס נשמה, וואָס ער זאָל קאָנען אין איר אַריינשפּריצן דעם סם־המוות פון זיין קללה; ישראלס שוואַכקייט, אַז

ער זאָל קאָנען מיט זיין סמיקער שפּיז דערלאַנגען אים דעם לעצטן טויטקלאַפּ. — דאָס האָט גאָט איצט אַנטפּלעקט פאַר משהס אויגן אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט. און משה האָט געזען, געזען דעם לאַנגען גלות, וואָס ישראל וועט באַזייען מיט זיין געביין און אַדורכזאַפּן מיט זיין בלוט, איטלעכן שפּאַן פון זיין וועג. און משה האָט מיט זיין שרייבפּען, פון וועלכער עס האָט געטריפט מוטערלעכע אַנגסט, קללה, ברכה, שרעק און מאַנונג, געשריבן:

„און עס וועט זיין, אַז דו וועסט ניט צוהערן צו דעם קול פון יהוהן דיין גאָט צו טון אַלע זיינע געבאָט און געזעצן, וואָס איך געביט דיר היינט, וועלן קומען אויף דיר אַלע די דאָזיקע קללות און וועלן דיך דערגרייכן. . . .

„גאָט וועט דיך געבן אַ געשלאָגענעם פאַר דיינע פיינט; אויף איין וועג וועסטו אַרויסגיין אַנטקעגן זיי, און אויף זיבן וועגן וועסטו אַנטלויפן פאַר זיי . . . וועסט טאַפּן אין מיטן טאָג אַזוי ווי אַ בלינדער טאַפּט אין דער פינצטער, און וועסט ניט באַגליקן אין דיינע וועגן, און וועסט רק זיין באַרויבט און באַגזלט אַלע טעג, און קיינער וועט ניט העלפן . . . דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן אַוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פאָלק, און דיינע אויגן וועלן זען און אויסגיין נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, און דיין האַנט וועט זיין אָן מאַכט . . .”

מיט פּוריע, אין שרעק און אַנגסט, האָט זיין שרייבפּען געשריבן די פּאָרכ־טיקע ווערטער:

„און וועסט ווערן משוגע פון דער זעאונג פון דיינע אויגן, וואָס דו וועסט זען . . . און וועסט זיין פאַר אַ שרעק, פאַר אַ שפּריכוואָרט און פאַר אַ שפּאָט פאַר אַלע פעלקער, וואָס גאָט וועט דיך אַהין אַוועקפירן . . .”

ער איז געזעסן אויף דער ערד אין זיין געצעלט. פאַר אים איז געווען אויסגעשפּרייט אַ געשטרייכטע הירשן־פעל, און מיט אַ ראָר־שטעקעלע, געטונקען אין בלאָען פיש־טינט, האָט ער געשריבן דערויף. זיינע גראָע האָר זענען געשטאַנען ווי נאָדלען איבער זיין מעכטיקן קאָפּ, זיין גרויס פּנים איז געווען בלייך און געל און שיינענדיק, און פון זיינע גרויסע אויגן האָבן זיך געגאָסן גרויסע טרערן. זיין לייב איז אַדורכגעוויקט געווען פון זיינע אייגענע אַנגסטן, און ער איז געזעסן, צוגעשפּאַנט און געבונדן צו זיין אָרט, ווי אַ חיה, וואָס איז געפאַנגען אין אַ נעץ. ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. יהוה האָט אים צוגעשמידט מיט קייטן און געצוואונגען אים צו זען אין דער פאַרחתמעטער צוקונפט און געפירט זיין האַנט איבערן פאַרמעט. און ער האָט געשריבן:

„און דערפאַר וואָס דו האָסט ניט געדינט יהוהן דיין גאָט מיט שמחה און מיט אַ פריילעך האַרץ, אין אַ שפע פון אַלץ, וועסטו דינען דיין פיינט, וואָס גאָט וועט אים אָנשיקן אויף דיר, אין הונגער און אין דאָרשטיקייט, און אין נאַקעט־קייט, און ער וועט אַרויפטון אַן אייזערנעם יאָך אויף דיין האַלדז . . .”

— איך קאָן ניט מער, איך קאָן ניט מער! — האָט משה אויסגעשריגן. — איך בין נאָר אַ בשר־ודם. וויפל זענען מיינע כּוחות? שטעך מיר אויס די אויגן, לאָמיך ניט זען . . . מאַך שלאַקרירק מיין האַנט — און לאָמיך ניט שרייבן. איך קאָן ניט מער, יהוה מיין גאָט! — האָט משה אויסגערופן און געוואָרפן זיך צו דער ערד.

אָבער דער גייסט פון יהוהן האָט אים געצוואונגען אויפצוהויבן זיין טרערן־געווייקטן פּנים פון דער ערד, האָט אים ווייטער געצוואונגען אַריינצוקוקן אויפן דעק פון אָפּגרונט, צו זען און צו הערן — און אויסדונערן דורך זיין שריפט דעם צאָרנדיקן געשריי פון יהוהן:

„ . . . און גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע אומות, פון עק ערד ביז עק ערד, און דו וועסט דאָרט דינען פרעמדע געטער, וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן ניט געקענט, האָלץ און שטיין. און צווישן די דאָזיקע פעלקער וועסטו קיין רו ניט האָבן, און קיין מנוחה וועט ניט זיין פאַר דיין פוסטריט . . . און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, און וועסט אַנגסטן טאָג און נאַכט, און ניט זיכער זיין מיט דיין לעבן. אין פרימאָרגן וועסטו זאָגן: הלוואי ווערט אָוונט! און אין אָוונט וועסטו זאָגן: הלוואי ווערט פרימאָרגן! פון וועגן דער אַנגסט פון דיין האַרץ, וואָס דו וועסט אַנגסטן, און פון וועגן דער זעאונג פון דיינע אויגן, וואָס דו וועסט זען . . .”

*

— פאַרוואָס האָסטו אונדז פאַרשאָלטן מיט דער קללה פון אויסדערוויילט־קייט? — האָט משה געשריגן צו גאָט — אויך אַנדערע פעלקער זינדיקן קעגן דיר און טוען ניט דיין ווילן. פאַרוואָס מוזן דווקא די קינדער פון דיינע פריינד צאָלן די פולע מאָס? פאַרוואָס האָסטו דווקא פאַר זיי אָנגעצייכנט אַזאַ בלוטיקן וועג?

— אייך, נאָר אייך אַליין האָב איך אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער צו זיין אַ הייליק פאָלק צו מיר. און דערפאַר וואָס איך האָב ליב געהאַט אייערע עלטערן און האָב אויסגעקליבן זייערע קינדער צו זיין אַ הייליק פאָלק צו מיר, מיין עם־סגולה פון אַלע אַנדערע פעלקער, מוזט איר געהערן צו מיר. אייערע עלטערן האָבן אייך פאַרקויפט צו מיר דורך דעם בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט זיי. און אויב איר ווילט עס ניט, וועל איך אייך נייטן דערצו, וועל צעברעכן אייער עקשנות. פאַר אייער אויסדערוויילטקייט מוזט איר צאָלן די פולע מאָס. — האָט משה געהערט גאָטס קול אין זיין האַרץ.

— גאָט פון מיינע אבות, גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, צו מיר ביסטו געקומען אין דער וויסטע, מיך האָסטו אויסגעקליבן צו שיקן צו זיי. איך האָב זיך געוועהרט קעגן דעם שליחות, נאָר דו האָסט מיך געצווינגען דערצו. און דו האָסט אָנגעהויבן ווייזן דיין גרויסקייט און דיין שטאַרקע האַנט. ווער איז אַ גאָט אין הימל אָדער אויף דער ערד, וואָס זאָל טון, וואָס דו האָסט געטון? איך בעט דיך, לאָז מיך זען דאָס גוטע לאַנד, וואָס איז אויף יענער זייט ירדן, דעם שיינעם געבערג, דעם לבנון.

— נאָך וואָס און נאָך וועמען? האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז דו וועסט ניט אַריבערגיין דעם ירדן, נאָר יהושע וועט אַריבערגיין דעם ירדן — און דורך אים וועל איך מאַכן די בני־ישראל ירשענען זייער לאַנד?

— יהוה, גאָט פון רחמים, האָסט רחמנות אויף אַלע דיינע באַשעפענישן, האָב רחמנות אויך אויף דיין קנעכט. מיין האַרץ ציטערט אין מיר, איך צעגיי

פֿאַר אַנגסטן, פֿאַר פּחד. איך האָב מורא, אַז ישראל וועט אַראָפּגיין פֿון דיין וועג און ניט היטן די געבאָט, וואָס דו האָסט זיי געבאָטן, און אַז דו זאָלסט ניט ברענגען איבער זיי די אַלע קללות, די אַלע שלעק, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט אויף זייער וועג פֿאַר זיי.

— ווילסטו זיין מיט זיי דורך אַלע דורות און ווייזן זיי דעם וועג ביז צו די לעצטע פֿון די טעג? ווייסטו ניט, אַז אַ גרויסן חסד האָב איך געטון דעם מענטשן מיט דעם, וואָס איך האָב געשאַפֿן דעם טויט? דורך דעם טויט האָב איך אים געגעבן לעבן, דורך זיין צייטלעכקייט האָב איך אים געמאַכט אומ־ענדלעך. עס לעבן נאָר די, וואָס שטאַרבן; אייביק זענען נאָר די, וואָס זענען צייטלעך. ווילסטו זיין מיט מיר אין אַלע אייביקייטן? גלויבסטו, אַז אָן דיר וועל איך ניט קאָנען ברענגען ישראל צו זיין נחלה און אָן דיר וועט ישראל אונטערגיין? — האָט משה דערהערט גאָטס צאַרנדיק קול אין זיין האַרץ.

— אין דיר גלויב איך, אין דיר האָב איך בטחון. איך גלויב ניט אין ישראל און האָט ניט קיין בטחון אין ישראל, — זאָגט משה.

— איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר, אַז ניט נאָר אין מיר זאָלסטו גלויבן, ניט נאָר אין מיר זאָלסטו האָבן בטחון, נאָר אויך אין מיין באַשאַף. און דערפֿאַר איז געווען מיין ווילן, אַז שטאַרבן זאָל שטאַרבן דער מענטש מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן. איך האָב געשטעלט אַ פֿייערדיקע וואַנט צווישן לעבן און טויט, און קיינער קאָן ניט אַדורכדרינגען די וואַנט. און קיין אַנדער פֿאַרזיכערונג האָב איך ניט געגעבן דעם מענטשן אויף צו נעמען מיט זיך אין טויט אַריין ווי נאָר גלויבן און בטחון. און דאָס פֿאַרלאַנג איך אויך פֿון דיר. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן גיי דיר אין דיין רו אַריין, און מער קיין זאַך זאָל דיר ניט באַגלייטן אין דיין וועג ווי נאָר גלויבן און בטחון, בטחון און גלויבן ניט נאָר אין מיר, נאָר אויך אין ישראל, וואָס דו לאָזסט איבער נאָך זיך.

אָבער משה האָט אַלץ געקניט אויף זיין אָרט און איז ניט אָפּגעטראָטן.

— גיב מיר אַ צייכן, אַן אָנווייז, אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועסטו ניט פֿאַר־לענדן ישראל, — האָט זיך משה געבעטן.

— דעם צייכן און דעם אָנווייז האָב איך דיר געגעבן ביים ערשטן מאָל, ווען איך האָב זיך באַוויזן צו דיר, — האָט ער געהערט גאָטס קול אין זיין האַרץ.

— אָ, גאָט פֿון רחמנות, יהוה מעכטיקער, עפֿן־אויף מיין האַרץ, לאָז מיך פֿאַרשטיין, וואָס דו מיינסט.

— האָב איך זיך ניט באַוויזן צו דיר אין אַ ברענענדיקן דאָרן? געברענט, געברענט האָט דער דאָרן — און איז ניט פֿאַרלענדט געוואָרן. דאָס וועט אויך זיין דער גורל פֿון ישראל.

— זאָל זיך ישראל שטענדיק פֿלאַקערן אויפֿן מזבח, אַן עולה־תּמימה? — האָט משה אויסגעשריגן אין שרעק. — גאָט פֿון רחמים, לאָז מיך צערייסן דיין גזר־דין. לאָז מיך זיין לעבן זיי און זיי וואָרענען. איך קען זיי, איך ווייס זייער האַרץ, און איך ווייס ווי אַזוי צו רעדן צו זיי.

— איך האָב באַשטימט נביאים, פֿאַר איטלעכן דור און דור. זיי וועלן פֿון זיי מאָנען, זיי וועלן זיי וואָרענען. טייל וועלן געשמיסן ווערן פֿאַר זייערע רייד.

זייערע לייבער וועלן אַדורכגעוויקט ווערן מיט זייער אייגענעם בלוט און זייערע אַנגסטן. זיי וועלן לויפן פאַראויס פאַר זיי, ווי אייזלען, און זיי וועלן זייערע ביינער פאַרזייען אויף זייער בלוטיקן וועג. דיין מערכה איז בעסער פון זייערער. דיין לייב איז אויסגעהיט געוואָרן פון שמיץ און דיין קאָפּ פון שטיינער. וואָס ווילסטו נאָך?

— אָ, פאָטער פון אַלע באַשעפענישן, גיב איבער מיין לייב צו שמיץ, לאָז מיך זיין אַ העלפער יהושעס, זיין משרת און זיין תּלמיד, אַבי נאָר איך זאָל זיין לעבן זיי, איך זאָל האַלטן מיין אויג אויף זיי און יהושען העלפן אין זיין וועג.

— גענוג פאַר דיר. איך האָב באַשטימט פאַר דיר, ווי פאַר איטלעכן מענטשן, דיין צייט און דיין דור. צו דיין דור געהערסטו, און דו מוזט טיילן דעם גורל מיט אים. דו מוזט שטאַרבן אויף דער זייט ירדן, כּדי זיי זאָלן אויפֿ־שטיין מיט דיר צוזאַמען צום אייביקן לעבן. דיין צייט איז אָפּגעלאָפֿן. פֿאַרוואָס האַלטסטו־אויף ישׂראל פון קומען אין זיין לאַנד אַריין? יהושע קאָן ניט אָנהייבן זיין ממשלה כּל־זמן דו לעבסט.

— אָ, גאָט פון ישׂראל, זאָלן הונדערט משהס אונטערגיין, איידער ישׂראלס גאולה זאָל פאַרהאַלטן ווערן אויף איין טאָג, אויף איין שעה. זאָג מיר, וואָס איך זאָל טון.

— דיינע טעג לאָזן זיך אויס. רוף יהושען, און שטעלט אייך ביידע אין אוהל־מועד — און איך וועל אים באַפעלן.

אַ גאַנצע נאַכט איז משה געזעסן מיט יהושען, אָפּגעשלאָסן אין זיין געצעלט. און ער האָט איבערגעגעבן יהושען די סודות פון דער פאַרבאָרגענער תּורה, און ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר די מלאכים, זיינע פריינד, וואָס ער האָט אין הימל, און געבעטן זיי, זיי זאָלן אים ביישטיין אין נויט אַזוי ווי זיי זענען אים, משהן, בייגעשטאַנען. און ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָט ער אַרויסגעפירט יהושען פון זיין געצעלט, אים אָנגעוויזן אויף דער אויפגייענדיקער זון און אים געזאָגט:

— ווען דו וועסט לערנען ישׂראל צו געהאָרכן גאָט און צו היטן אַלע זיינע געבאָט, וועלן דיר ניט נאָר מענטשן און פעלקער אונטערטעניק זיין, נאָר אויך די שטערן אין הימל, די לבנה און די זון. זיי וועלן געהאָרכן דיין באַפעל, וואָרעם זיי זענען אויך יהוהס באַשאַף אַזוי ווי מיר, און גאָט וועט זיי איבערגעבן אין דיין רשות, אַז זיי זאָלן דיר דינען.

ער האָט געוואַשן יהושעס הענט, האָט אים איינגעהילט אין ווייסן, האָט פאַרהאַנגען זיין פּנים מיט אַ שלייער, און געהייליקט און גערייניקט, האָט ער אים אַריינגעפירט אין אוהל־מועד. און יהוה האָט זיך באַוויזן אין געשטאַלט פון אַ וואָלקנזייל ביים איינגאַנג פון אינעווייניקסטן געצעלט. און גאָט האָט גערעדט צו יהושען און גאָט האָט גערעדט צו משהן, צו איטלעכן פון זיי באַזונדער. און משה האָט ניט געהערט, וואָס גאָט האָט גערעדט צו יהושען, נאָר ער האָט געהערט און באַנומען, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אים.

יהוה האָט אים געטרייסט, און ער האָט אים געגעבן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט ביז איצט פאַרמיטן פון אים, וואָרעם גאָט האָט געזאָגט צו אים:

— זע, דו לייגסט זיך באַלד מיט דיינע עלטערן, און דאָס דאָזיקע פאָלק וועט אויפשטיין און זיך אָפּקערן נאָך די געטער פון די פרעמדע פון דעם לאַנד, וואָס ער קומט אַהין, און ער וועט מיך פאַרלאָזן און פאַרשטערן דעם בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אים. און מיין צאָרן וועט גרימען אויף אים אין יענעם טאָג, און איך וועל זיי פאַרלאָזן און פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי, און ער וועט זיין צום פאַרצערן, און אים וועט טרעפן פיל בייז און צרות, און ער וועט חרטה האָבן און זאָגן אין יענעם טאָג: פאַרוואָר, ווייל מיין גאָט איז ניט צווישן מיר, האָט מיך געטראָפן דאָס דאָזיקע בייז. און פאַרבאָרגן וועל איך פאַרבאָרגן מיין פּנים אין יענעם טאָג פאַר אַלעם בייזן, וואָס ער האָט געטון, אַז ער האָט זיך געקערט צו פרעמדע געטער. און אַצינד, שרייב דיר אויף דאָס דאָזיקע געזאַנג, און לערן עס אויס די קינדער פון ישראל. טו עס אַריין אין זייער מויל, כּדי דאָס דאָזיקע געזאַנג זאָל מיר זיין אַן עדות קעגן די קינדער פון ישראל.

און צו יהושען האָט ער געזאָגט:

— זיי שטאַרק און פעסט, וואָרעם דו וועסט ברענגען די קינדער פון ישראל אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב זיי צוגעשוואוירן, און איך וועל זיין מיט דיר.

*

פאַר משהן איז מער גאָרניט איבערגעבליבן ווי נאָר צו פאַרענדיקן דאָס בוך פון דער לערנונג, וואָס ער האָט געשריבן די גאַנצע צייט, און צו לאָזן נאָך זיך אַ צוואה פאַר אַלע דורות פון ישראל, וואָס וועלן קומען נאָך אים. און עס איז געווען, ווען ער האָט פאַרענדיקט שרייבן דאָס בוך פון דער לערנונג און זיין צוואה, אָדער דאָס געזאַנג, ווי גאָט האָט עס אָנגערופן, האָט ער דאָס איבער־געגעבן די לויים, וועלכע האָבן געטראָגן דעם ארון מיט די לוחות, מיט דעם אָנזאָג, אַז זיי זאָלן דאָס בוך פון דער לערנונג לייגן ביי דער זייט פון ארון, ביים בונד פון יהוהן, און עס זאָל זיין דאָרט אַן עדות און אַ מאָנונג און אַ וואָרעניש פאַר ישראל פאַר אַלע דורות. און ער האָט באַפוילן די לויים:

— זאַמלט־איין צו מיר אַלע עלטסטע פון אייערע שבטים און אייערע אויפזעערס, און איך וועל רעדן אין זייערע אויערן די דאָזיקע ווערטער, און איך וועל נעמען הימל און ערד פאַר עדות קעגן זיי.

און עס איז געווען, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען פאַרזאַמלט אַרום דעם פּלאַץ ביים משכן, איז משה אַרויסגעקומען צו זיי אין באַגלייטונג פון דעם נייעם פירער, יהושע בן־נון, וואָס האָט שוין געטראָגן אַ ווייסן שלייער, דעם קאָפּ־באַדעק פון כּבוד. און ער און יהושע האָבן זיך געשטעלט פאַרן פאָלק, און משה האָט איבערגעחזרט פאַר די בני־ישראל די עשרת־הדברות און דערנאָך געווענדט צו זיי די דאָזיקע רייד:

„זע, איך האָב היינט געלייגט פאַר דיר לעבן און גוטס, און טויט און שלעכטס, וואָס איך באַפעל דיר היינט ליב צו האָבן יהוהן דיין גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן . . . כּדי זאָלסט לעבן און זיך מערן און יהוה דיין גאָט זאָל דיך בענטשן. . . .

„וואָרעם אַצינד, ישראל, וואָס פאַרלאַנגט דען יהוה דיין גאָט פון דיר?

נאָר בלויז מורא צו האָבן פאַר יהוה דיין גאָט, און אים ליב צו האָבן און צו דינען יהוה דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרץ און מיט דיין גאַנצער נשמה . . . וואָרעם אַ הייליק פאָלק ביסטו ביי יהוהן דיין גאָט. דיך האָט יהוה אויסדערוויילט פאַר אים צו זיין זיין אייגן פאָלק . . . ניט ווייל איר זענט מער פון אַלע פעלקער האָט יהוה געגלוסט צו אייך, — נייך, איר זענט דאָס ווינציקסטע פון אַלע פעלקער, — נייערט ווייל גאָט האָט אייך ליב און ווייל ער היט די שבועה, וואָס ער האָט געשוואוירן צו אייערע עלטערן. און ווען ער שטראָפט אייך, איז עס ווי אַ פאָטער שטראָפט אַ זון, וואָרעם קינדער זענט איר צו גאָט. און וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס האָט אַ גאָט, וואָס איז נאָענט צו אים אַזוי ווי יהוה אונדזער גאָט, ווען נאָר מיר רופן אים? וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס האָט חוקים און משפּטים גערעכטע אַזוי ווי די דאָזיקע תּורה? טוט גערעכטיקייט דעם יתום און דער אַלמנה, און האָט ליב דעם פרעמדן אים צו געבן ברויט און אַ קלייד. און איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, וואָרעם פרעמדע זענט איר אַליין געווען אין לאַנד מצריים. און דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין, און זאָלסט רחמנות האָבן אויף אים, וואָרעם דיין גאָט איז אַ גאָט פון רחמים און פאַרגעבונג. דערפאַר האָט ער דיר געגעבן חוקים גערעכטע און רחמנותדיקע. וואָרעם דאָס דאָזיקע געבאָט, וואָס איך געביט דיר היינט, איז ניט אין הימל, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונדז אַרויפגיין אויפן הימל און עס נעמען פאַר אונדז און דאָס אונדז לאָזן הערן? — נייערט זייער נאָענט איז דאָס וואָרט צו דיר, אין דיין מויל און אין דיין האַרץ. עס איז דער וועג פון לעבן און גוטס, און לעב מיט דעם. וואָרעם נאָר דורך דעם קאָנסטו באַגליקן אין דעם לעבן, וואָס שטייט דיר פאַר אין דיין לאַנד".

און ער זאָגט זיי פאַראויס דאָס אָנקומען פון דעם נביא מיט די דאָזיקע ווערטער:

„אַ נביא פון צווישן דיר, פון דיינע ברידער, אַזאַ ווי איך, וועט דיר אויפשטעלן יהוה דיין גאָט; צו אים זאָלט איר זיך צוהערן".

און משה זינגט פאַר זיי דאָס געזאַנג, וואָס איז זיין צוואה:

„פאַרנעמט איר, הימלען, און איך וועל רעדן,
און זאָל הערן דיר ערד די רייד פון מיין מויל.
זאָל טריפן ווי רעגן מיין לערנונג,
זאָל רינען ווי טוי מיין וואָרט."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„וואָרעם דעם נאָמען פון יהוה וועל איך רופן.
גיט גרויסקייט צו אונדזער גאָט.
דער פעלדז — זיין ווערק איז גאַנץ,
ווייל אַלע זיינע וועגן זענען רעכט."

און ער זאָגט זיי פאַראויס, אַז זיי וועלן ווידערשפּעניקן אַן גאָט נאָכדעם ווי ער וועט זיי ברענגען אין לאַנד אַריין פון מילך און האָניק:

און ישורון איז פעט געוואָרן און האָט געבריקעט,

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ער האָט פאַרלאָזט גאָט, וואָס האָט אים באַשאַפן.

און ער דערמאָנט זיי, ווער זיי זענען געווען און וואָס יהוה האָט געטון פאַר זיי:

„יעקב איז דער טייל פון זיין נחלה.
ער האָט אים געפונען אין מדבר־לאַנד,
און אין וויסטן געוואָי פון דער ווילדערניש,
אים אַרומגערינגלט, אים אויפגעפּאַסט,
אים אָפּגעהיט ווי זיין אויגאַפּל.
ווי אַן אָדלער וועקט זיין נעסט,
פלאַטערט איבער זיינע יונגע,
שפּרייט זיינע פלעדערן און נעמט זיי,
טראָגט זיי אויף זיינע פליגל."

— — — — — — — — — — — — —

„און ער האָט אים געמאַכט זויגן האָניק פון פעלדז,
און אייל פון קיזלשטיין."

און נאָך דעם ווי ער שרעקט זיי אָן מיט דעם, וואָס עס וועט קומען אויף זיי, אויב זיי וועלן פאַרלאָזן יהוהן, און וואַרפט זיי אין שאול־תחתיה אַריין: „דרויסן וועט פאַרטיליקן די שווערד, און אין די קאַמערן די אימה" — הויבט ער זיי צו די העכסטע הייכן, איבער אַלע פעלקער, און ער טרייסט זיי מיט דער הבטחה פון גאָט, וואָס ער האָט באַקומען:

„גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר זיין פאָלק,
און אויף זיינע קנעכט זיך דערבאַרעמען,
ווען ער זעט, אַז אויסגעגאַנגען איז די קראַפט,
און זיי זענען עלנד און פאַרלאָזט.
און מ'פרעגט: וואו זענען זיינע געטער,
דער פעלדז, וואָס זיי האָבן זיך געשיצט אין אים?

— — — — — — — — — — — — — — —

פאַר'ן בלוט פון זיינע קנעכט וועט ער זיך נוקם זיין."

און נאָך דעם ווי ער האָט איטלעכן שבט באַזונדער געבענטשט, האָט ער זיך געווענדט צו גאַנץ ישראל מיט אַ טריאומפירנדיקן אויסרוף פון האָפענונג און טרייסט:

וואויל איז דיר, ישראל, ווער איז דיין גלייכן?
אַ פאָלק, געהאָלפן דורך גאָט —
די שילד פון דיין הילף,
די שווערד פון דיין גרויסקייט!
און דיינע פיינט וועלן איינגיין פאַר דיר,
און איבער זייערע הייכן וועסטו טרעטן.

און משה האָט אויפגעהויבן די הענט און אויסגערופן צום פאָלק:

— הער, ישראל, יהוה אונדזער גאָט, יהוה איז איינער!

און מיט די ווערטער האָט ער זיך געזעגנט מיט די בני־ישראל.

# 13

דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען, ווי איינגעמויערט, אויף די ערטער און האָט צוגעזען ווי משה גייט־אָפּ צו דער זייט פון באַרג נבו, וואָס איז פסגה, וואָס איז אין עק לאַגער. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, קיין טרער האָט זיך ניט באַוויזן אין קיין אויג און קיין וואָרט איז ניט אַרויס פון קיין מויל, נאָר דאָס שווערע אָטעמען אַליין פון דער מענטשן־מאַסע האָט געשטערט די שטילקייט.

עס איז געווען אין מיטן הערלעכן טאָג, ווען משה איז אָפּגעגאַנגען פון זיי. ניט ביינאַכט, ניט פאַרטאָג, ווען דער טוי־וואָלקן דעקט נאָך צו די ערד, כּדי אַלע זאָלן זען, אַז משה ווערט ניט צוגענומען פון זיי, אַז ער גייט ניט אָפּ אין קיין אַנדער לאַנד אַריין. ער מיידט ניט אויס גאָטס געבאָט, נאָר ווי גאָט האָט אים געבאָטן, גייט ער אויף דעם באַרג אַרויף דאָרט צו שטאַרבן. ער גייט איינער אַליין. קיינער באַגלייט אים ניט. דער באַפעל פון גאָט איז: „אַליין זאָלסטו אַרויפגיין אויפן באַרג”. און יהושע, מיט דעם כּהן־גדול אלעזר אין זיינע כּהונה־קליידער, מיט די פירשטן פון ישראל און די זקני־ישראל און די פירערס פון חייל און אַלע זייערע אויפזעערס, בראש פון שבט לוי, וואָס משה געהערט צו אים, און צווישן זיי משהס אייגענע צוויי זין, גרשום און אליעזר, וואָס ער האָט נאָך פריער זיך געהאַט געזעגנט מיט זיי, — זיי אַלע שטייען, ווי דאָס פאָלק, אַרום, איינגעוואָרצלט אויף זייערע ערטער. קיין טרער ניט פון קיינעמס אויג, קיין מורמל פון קיינעמס מויל, נאָר אַלע מיט בלייכע פּנימער און געפרוירענע בליקן, וואָס זענען געווענדט צו דער ווייסער פיגור, וועלכע גייט־אָפּ מיט אַ רואיקן געמאָסטענעם טראָט, אָנגעלענט אויף דעם מעכטיקן שטעקן, צו דער זייט פון באַרג. קיין סימן פון שוואַכקייט, פון טרויעריקייט. די פיגור איז מעכטיק, און זי נעמט זיך אַרויס פון דעם ווייסן געוואַנט, אין וועלכן זי איז פאַרהילט מיט איר מאַסיווער שטאַלטנקייט; אַ קיניגליכער ריז, געהילט אין געוואַנט, וואָס שטראַלט און בליאַסקעט מיט זיין אומבאַפלעקטער ווייסקייט. און די שטראַלן פון דער הערלעכער זון פאַלן אויף זיין קאָפּ, ווי אַ קרוין פון ליכט וואָלט געזעסן אויף די ווייסע לאָקן, וואָס לאָזן זיך אַרונטער, ווי שטראָמען קוועלנדיק וואַסער, איבער זיין נאַקן, רוקן און פּלייצעס. ער קוקט זיך אום אויף צוריק, אויף די, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך. ער האָט אַלץ געטון, אַלץ אָפּגעזאָגט, וואָס עס איז געווען צו טון און וואָס עס איז געווען צו זאָגן, — און איצט גייט ער אָפּ איינער אַליין צו זיין גאָט, וואָס רופט אים צו זיך.

לאַנג שטייען די עלטסטע און דאָס גאַנצע פאָלק, — טייל ביים איינגאַנג פון זייערע געצעלטן, טייל אַרום די פירערס, טייל געזאַמלט אין גרופּן, פאָטערס און מוטערס מיט קינדער אויף די הענט, — און זיי קוקן נאָך די אָפּגייענדיקע פיגור ביז צו דעם לעצטן שימער פון איר ווייסן געוואַנט. און דאָס איז געווען דער לעצטער בליק זייערער אויף דעם מענטש משה.

אַלץ, וואָס עס איז געשען מיט משהן אויף דעם דאָזיקן באַרג, פאַרבלייבט אַ סוד צווישן גאָט און אים. נאָר די ליבע פון ישראל, וואָס איז אים נאָכגע־

גאַנגען אויף זיין לעצטן וועג, איז אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאַרגנסטע סודות און ווייסט צו דערציילן פון דער באַרג־מיסטעריע אין אַלע אירע פּרטים.

*

דער באַרג עברים, דער באַרג נבו, וואָס איז פסגה, איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן צוויי וועלטן. זיין אונטערשטער טייל האָט געהערט צו דער וועלט, זיין אייבערשטער טייל האָט געהערט צו דער העכערער וועלט. אויף אים האָט זיך געפונען די גרענעץ צווישן די צוויי וועלטן.

עס איז פריער פרילינג, אָנהייב חודש אדר. די רעגנס האַלטן נאָך אָן, אָבער די זון שטאַרקט זיך איבער זיי. עס גייט־אָן אַ מלחמה צווישן ווינטער און זומער. און אויך אין דעם טאָג, ווען משה איז געוועזן אויף זיין וועג צום באַרג, איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה אין חלל צווישן ליכט און שאָטן. דער זונס שטראַלן האָבן ווי פייערדיקע שפּיזן אַדורכגעשטאָכן דאָס דיקע געוועב פון דעם רעגן־וואָלקן, וואָס האָט געהויערט איבערן באַרג, און געשפּרייט זיך העל אויף די דורכגעווייקטע גראָזן. טראָפּנס רעגן און טוי זענען געפאַלן פון דיביימער אויף משהס לאָקן. די אַלעקסאַנדערס זענען אַרויסגעקומען פון דער בלעטער־געדיכטעניש אין זייער פולער בליאונג. ווי אָנגעצונדענע ליכט האָבן די רויטע און די ווייסע בלומען אַרויסגעלויכטן פון די פייכטע לאַרבער־קוסטעס. וואָס העכער משה איז געשטיגן אויפן באַרג, אַלץ פרייער איז דער האָריזאָנט געוואָרן פון ווילדוואוקס, דערנער און פלעכט־גראָזן, וואָס האָבן אים פאַר־שטעלט, און עס האָט אָנגעהויבן אַנטפּלעקן זיך פאַר אים, ווי פון אַ וואָלקן אַרויס, די לאַנדשאַפט אויף יענער זייט גרענעץ־לאַנד. ער האָט געזען דעם ירדן שלענגלען זיך אין דעם גרינעם ירדן־טאָל, אין זיין לויף צום ים־המלח; ער האָט געזען וואָלקן־רויכן, וואָס שטייגן־אויף פון גרין־פאַרפלייצטע טאָלכלעך; ער האָט געזען די גראָע באַוועגלעכע פלעקן פון סטאַדעס שאָף. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אויך אַ ווייטן ווידערקלאַנג פון מענטשלעכע קולות. און גאָט האָט באַשענקט זיין אויג מיט דעם כּוח פון אַריינבליק אין דעם, וואָס דאַרף קומען — און עס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים זעאונגען פון נאָך ניט געבוירענע צייטן, און דער אָפּקלאַנג פון זייער רוישן האָט דערלאַנגט צו זיין געהער. ער האָט געזען „די געצעלטן פון ישראל", די ישובים און ערטער אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט די אבות, מיט איטלעכן פון די בני־ישראל „אונטער זיין פייגנבוים און אונטער זיין טייטלבוים", און ער האָט געהערט דאָס געזאַנג, וואָס גייט־אויף פון דער מנוחה און דעם חסד, און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, און איבער זיין פּנים האָט געשיינט דער שיין פון געגאָד און רחמים.

אָבער כּל־זמן משה האָט זיך געפונען אויף דעם אונטערשטן טייל באַרג, האָט ער אַלץ געזען און געהערט, וואָס עס קער זיך אָן מיט דעם לעבן פון דער וועלט. ער האָט געזען די שטאָט יריחו, וואָס ליגט אויף יענער זייט ירדן, און ער האָט געזען די בערג, וואָס הויבן זיך אויף פון איר און קוילערן זיך אַרויף, ביז זיי לאָזן זיך אַרונטער אויף דער צווייטער זייט צום גרויסן ים.

ער האָט געזען טײטלבײמער און װײנגערטנער, װאָס רינגלען־אַרום, װי אַ גרינער גאַרטל, די שטאָט, און ער האָט געזען די שטעט און דערפער, װאָס ליגן אױסגעשפּרײט אױף די משופּעדיקע בערג, און די ישובים, װאָס זענען אײנגעבעט אין די טאָלן.

און פּלוצלינג איז די גאַנצע לאַנדשאַפט אױף יענער זײט ירדן פאַרשװאונדן פון זײן בליק. פון דער הײך האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ געדיכטער מילכיקער װאָלקן, װאָס האָט אױסגעפּילט דעם גאַנצן חלל און פאַרשטעלט פון אים אַלץ, װאָס האָט זיך געפונען אין דער הײך און אין דער נידער.

ער איז געגאַנגען אין אַ װאָלקן. װאָלקן־רױך האָט זיך געקנױלט אונטער זײנע פיס און װאָלקן־רױך האָט געדעמפּט איבער זײן קאָפּ. ער האָט ניט געװאוסט, װאו ער געפינט זיך אױף דער ערד און צי איז ער שױן איבערגע־טראָטן די גרענעץ צװישן לעבן און טױט, צװישן דער װעלט און יענער װעלט. און װי ער טראַכט אַזױ, זעט ער מיטאַמאָל װי די געדיכטע מילכיקײט, װאָס הענגט פאַר אים, שפּאַלט זיך, און פון דעם האַרץ פון װאָלקן שװעבט אַרױס אַן אינדזל. אָפּגעריסן פון דעם נאָפּל פון דער ערד, הענגט דער אינדזל אין דער לופטן, אין אַ ים רױכערדיקע װאָלקנס. אַ מיראַזש שװימט אין דער לופטן. אױפן אינדזל געפינט זיך גאָרניט װי נאָר אַ גאָלדענער בנין אין דער פאָרעם פון דעם משכּן. בלאָע תּכלתדיקע פאָרהאַנגען, װאָס הענגען איבער גאָלדענע זײלן, פלאַטערן און שװעבן אַרום דעם היכל. באַלד נעמען זײ זיך פונאַנדער פאַר אים. ער זעט דעם דרינען פון היכל. ער זעט זײן ברודער אַהרן, אָנגעטון אין זײנע בגדי־כּהונה, שטײט ער פאַר דער גאָלדענער מנורה און פאַר־ריכט די פלעמלעך. ער זעט אָבער נאָך אײנעם. װי אַ מלך, אָנגעטון אין אַ זילבערנער מאַנטיע, װאָס בלישטשעט פון אים אַרונטער מיט אַלע קאָלירן; אַ קרױן זיצט אױף זײן קאָפּ. און װען אַפילו ער האָט דעם אָנבליק פון אַ בשר־ודם, שײנט פון זײן פּנים אַרונטער דאָס ליכט פון דער שכינה. שױן ריכט משה זײנע טריט צום בנין פון בית־המקדש, װאָס שטײגט אַרױס פון די װײסע װאָלקן־רױכן, און ער דערהערט גלײך דאָס קול פון זײן ברודער אַהרן, װאָס רופט צו אים:

— משה בן־עמרם, דערנען דיך ניט אַהער. דאָ איז דאָס אָרט, װאו די שכינה רוט, און קײן בשר־ודם קאָן ניט אַרײנקומען אַהער אײדער ער גיט ניט פריער איבער זײן נשמה צום מלאך פון טױט. דו געפינסט דיך בײם בית־המקדש, װאָס די בני־ישראל װעלן בױען דאָ אױף דער ערד.

אָבער משה װאַרפט זיך מיטן פּנים צו דער פאַרהױלענער ערד, װאָס איז אונטער זײנע פיס, און בעט צו גאָט:

— פאָטער פון רחמים, איך װײס, אַז דער, װאָס איז דאָ מיט אַהרנען אין בית־המקדש, איז דער מלך־משיח. לאָז מיך רעדן צו דודס זון, אײדער איך גיב־אָפּ מײן נשמה.

גאָט איז מגלה פאַר אים דעם שם־המפורש און זאָגט אים:

— מיט דעם כּוח פון שם װעלן די פלאַמען פון דער שכינה דיך ניט פאַרלענדן.

װי נאָר משה האָט באַקומען פון גאָט ברוך־הוא דעם רשות אַרײנצוקומען

אין בית־המקדש אַריין לעבעדיקערהייד, האָט אַ ווינט אים אויפגעהויבן אין דער הייך און אים אַריבערגעטראָגן אַריבער דעם ירדן און געבראַכט אים צו דעם טויער פון היכל.

משיח און אַהרן זענען אים אַנטקעגנגעקומען און האָבן אים באַגריסט:

— געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט.

משה האָט זיך געווענדט צום משיח און געזאָגט צו אים:

— גאָט האָט מיר געזאָגט, אַז די בני־ישראל וועלן בויען אַ בית־המקדש פאַר אים. איצט דאַנק איך און לויב דעם האַר פון אַלע וועלטן, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען צו זען דעם בית־המקדש — און דיך אין אים — מיט מיינע אויגן, ביי מיין לעבן נאָך אויף דער ערד.

— אויך דיין פאָטער יעקב האָט געזען דעם בית־המקדש, וואָס זיינע קינדער וועלן בויען פאַר גאָט, ווען ער האָט געזען די מלאכים אין זיין חלום אויפן פעלד. נאָר וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אַז דער בית־המקדש, וואָס די בני־ישראל וועלן בויען אויף דער ערד, איז נאָר אויף אַ צייט לאַנג. אייביק־קיומדיק איז דער בית־המקדש, וואָס גאָט האָט געבויט מיט זיינע אייגענע הענט אין הימל. דער בית־המקדש של־מעלה און דאָס ירושלים של־מעלה וועלן אייביק, אייביק לעבן און זיין.

ווען משה האָט דערהערט די ווערטער פון משיחן, האָט ער זיך געווענדט צום רבונו־של־עולם מיט תחינה־ובקשה:

— אָ, האַר פון דער וועלט, זאָג מיר, ווען וועסטו אַרונטערברענגען דיין אייביקן בית־המקדש, וואָס דו האָסט געבויט מיט דיינע הענט, פון הימל אויף דער ערד אַרונטער?

— דאָס איז דער סוד פון קץ. דעם סוד האָב איך פאַר קיין בשר־ודם ניט אַנטפּלעקט און וועל אים אויך להבא פאַר קיינעם ניט אַנטפּלעקן. אויך פאַר דיר וועל איך דעם סוד ניט מגלה זיין. נאָר אַ סימן וועל איך דיר געבן: דאָס וועט ניט פריער געשען, איידער איך וועל ניט צעשפּרייטן די בני־ישראל, ווי מיט אַ שפּאָדל, איבער דעם אַנגעזיכט פון דער ערד, און זיי זאָלן זיין צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע אומות פון דער וועלט, כּדי זיי זאָלן ברענגען די תּורה, וואָס איך האָב דיר געגעבן אויפן באַרג סיני, צו אַלע פיר עקן פון דער וועלט. וואָרעם דער קץ קאָן ניט קומען און דאָס מלכות פון הימל קאָן זיך ניט אָנהייבן, ביז די תּורה פון באַרג סיני וועט ניט ווערן אָנגענומען ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט.

און די פאַרהאַנגען פון די הימלשע ווייסע וואָלקנס האָבן זיך פאַרמאַכט פאַר משהס אויגן, און דער אינדזל מיט דעם בנין פון בית־המקדש אויף אים איז פאַרשוואונדן הינטער די הימלשע טויערן. און משה האָט זיך ווידער געפונען אויף דעם שטיינערדיקן וועג אויפן באַרג, וואו ער איז וואָס־אַמאָל העכער געשטיגן. און אַ מלאך אין שוואַרצן געהילט, מיט צוויי מעכטיקע שוואַרצע פליגל, איז אים נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט און באַגלייט אים אַזוי איבערן גאַנצן וועג.

און עס איז געשען, ווען משה האָט דערגרייכט אַ געוויסן פּונקט אויפן באַרג אַרויף, איז דער מלאך אַפּירגעטראָטן פון הינטער אים און האָט זיך געשטעלט פאַר אים און פאַרשטעלט אים מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד דעם וועג.

— משה בן־עמרם, ביסט אָנגעקומען צום לעצטן שפּאַן פון דער וועלט. קיין ילוד־אישה קאָן ניט איבערטרעטן די שוועל פון דער צווייטער וועלט, סיידן איך נעם־אָפּ זיין נשמה פון זיין גוף. אויך דיין נשמה געהערט צו מיר.

— מיין באַשעפער און דיין באַשעפער האָט מיך גערופן אויף דעם שפּיץ באַרג אַרויף. איך האָב זיך קיינמאָל ניט אָפּגעהאַלטן פון אויספירן זיין באַפעל, אַפילו אונטער דער סכנה פון טויט, און איך וועל זיך אויך דאָסמאָל ניט אָפּהאַלטן.

און משה האָט געשטעלט זיין טראָט, דעם שפּאַן פון איין וועלט אין דער אַנדערער. אָבער דער מלאך האָט פאַרצאַמט פאַר אים דעם וועג מיט דער שווערד.

— אויך איך פיר־אויס מיין האַרס געבאָט. אָדער דו וועסט מיך הרגענען, אָדער איך — דיך.

— דיין שליחות איז פאַרן טויט, מיין שליחות איז פאַרן לעבן, — האָט משה אויסגערופן און זיך פאַרמאָסטן צו טייטן דעם מלאך־המוות.

אָבער אַ בת־קול האָט זיך דערהערט פון דער הייך:

— משה, טו דאָס ניט, לאָז אים לעבן, וואָרעם די וועלט באַדאַרף אים.

און משה האָט געהאָרכט דעם באַפעל פון בת־קול, און ער איז אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון דער וועלט אין דער אַנדערער מיט דער נשמה אין זיין גוף.

אַז משה האָט איבערגעטראָטן די גרענעץ, האָט ער גאָרניט געזען פאַר זיך. ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין אַ שוועבעדיקן, שווער מיט נאַכט אָנגעלאָדענעם וואָלקן. ער אַליין איז לייכט געוואָרן, ווי פליגל וואָלטן אויסגעוואַקסן הינטער זיין קלייד, און אָט הויבט ער זיך אויף אין דער לופט. און ער האָט זיך טאַקע אויפגעהויבן, שוועבנדיק איבער דער אייבערפלאַך פון וואָלקן.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט שטימען רופן צו אים פון דעם וואָלקן:

— משה, אונדזער לערער, משה, אונדזער לערער, איז געקומען צו אונדז.

אַז ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם דעק פון וואָלקן, האָט ער געזען ווי דאַרע,ביינערדיקע הענט שטרעקן זיך צו אים — אַרויס פון דעם רויכערדיקן וואָלקן. פּנימער און בערד אויף סקעלעטן־קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן צו אים און גערופן צו אים:

— משה, אונדזער לערער, נעם אונדז מיט.

ער האָט זיי דערקענט. עס זענען געווען די מתים, וואָס ער האָט געלאָזט אין מדבר.

— אייער צייט איז נאָך ניט געקומען!

— משה, אונדזער לערער, בלייב מיט אונדז, — האָבן די הענט און די קעפּ געשטרעקט זיך צו אים פון וואָלקן אַרויס און געוואָלט אָנכאַפּן זיין ווייס קלייד.

— איך מוז גיין אויספירן מיין שליחות, — האָט משה זיך אָנגערופן צו זיי, — איך קאָן ניט בלייבן מיט אייך.

— משה, אונדזער לערער, מיר ווילן זיין מיט דיר, — האָבן זיי זיך געבעטן ביי אים מיט קלאָגעדיקע שטימען.

— איר וועט אויפשטיין תחיית־המתים מיט מיר, — האָט משה זיי געטרייסט און אַדורכגעשוועבט דעם טאָל פון טויט אויף די פליגל פון וואָלקן.

ווען משה איז אַרויסגעשוואומען פון דעם טאָל פון טויט, האָט ער זיך געפונען אויף אַן אומענדלעך ברייטן ווייס־ליכטיקן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבער בלאָע טויאיקע פעלדער צו די פיס פון אַ באַרג. דער שפּיץ פון באַרג איז געשטיגן אין הימל און איז געוואָרן איינס מיט דעם הערלעך שיינענדיקן הימל דורך אַ פלאַקערדיקן חשמל־פייער, וואָס האָט הימל און ערד צוזאַמענ־געגאָסן אין איין יחוד. אַרום און אַרום האָט געהערשט שטילקייט, מנוחה. משה איז געווען דער איינציקער באַוועגלעכער חי אין דער גאַנצער יצירה. די ליכ־טיקייט פון חשמל־פייער האָט זיך נאָר געזען פון דעם שפּיץ באַרג, אָבער דער באַרג אַליין איז פאַרהילט געווען אין אַ בלאָען אויסטערלישן וואָלקן־ליכט, וואָס האָט דאָ פאַרשטעלט, דאָ אויפגעדעקט גרין־בלאָלעך באַלויכטענע פעלדער. משה איז געגאַנגען איינער אַליין, האָט ניט פאַרנומען קיין שטים און האָט ניט געהערט קיין שאָרך אַרום. נאָר וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו די פיס פון באַרג, האָט ער באַמערקט ווי דורך די ריסן פון דעם בלאָען שוועבעדיקן וואָלקן, וואָס וויקלט זיך אַרום דעם באַרג, ווי דורכזיכטיקע שלייערן וואָלטן אים איינגע־הילט, גלימערן־דורך גאָלדענע שיינענדיקע קופּאָלן פון היכלען, וואָס טורעמען זיך איינער איבערן אַנדערן. באַלד באַמערקט ער ווי אַ גאַנצע שטאָט ווייס־שיינענ־דיקע בנינים מיט גאָלדענע קופּאָלן הויבן זיך אַרויס פון די גרין־בלאָלעכע טויאיקע טאָלכלעך, הויבן זיך אַריבער די ווענט פון באַרג און שטייגן, שטייגן וואָס־אַמאָל העכער, ביז זיי דערלאַנגען צו דעם חשמל־פייערדיקן שפּיץ, וואָס פלאַקערט זיך אין הימל, ווי דער הימל וואָלט געווען איין פלאַקערדיקע חופּה איבער דער שטאָט. אַ שטיל געזאַנג טראָגט זיך אַהער צו אים פון דעם באַרג אַרונטער, וואָס גייט־אויס אין אַ תּפילהדיקן השתּפכות־הנפש און צעשפּרייט זיין זינגענדיקן עכאָ ווי אַ טוי־ברכה איבער די האָריזאָנטן פון גאַנצן באַשאַף. און די שטילקייט איז אַלץ אַרום אים, און ער גייט אין דעם מנוחהדיקן אין־סוף איבער דעם ווייסן וועג צום באַרג־צו. און ווען משה איז צוגעקומען צום ראַנד פון דער פלאַקערדיקער שטאָט, האָט ער אַנידערגעקניט און אויסגעשטרעקט די הענט צום ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון דעם העכערן בית־המקדש, וואָס איז געווען אויפן שפּיץ באַרג, און גערופן:

— פאָטער פון אַלע רוחות, אין ליבע האָסטו באַשאַפן דיין וועלט, דורך ליבע פירסטו זי, פיר אויך אויף מיר אויס די מידה פון ליבע, גיב מיך ניט איבער אין שאול אַריין, נאָר האָב רחמנות אויף מיר און נעם מיך צו דיר.

און עס איז געווען, ווען משה האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט, וואו ער האָט געקניט, האָט ער געזען דריי מלאכים שטיין: מיכאל, דער מלאך פון ישראל, גבריאל, דער מלאך פון שלום, און זנגאל, דער מלאך, וואָס איז געווען זיין לערער אין הימל. זיי האָבן אים באַגריסט מיט די ווערטער:

— געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט. דיין גערעכ־טיקייט גייט פאָראויס פאַר דיר, און די לייטזעליקייט פון גאָט זאָל זיין דיין לוין.

און זיי האָבן גענומען משהן און אים אַריינגעפירט אין אַ היכל אַריין. גבריאל האָט פאַר אים געשטעלט אַ געלעגער, מיכאל האָט אויסגעשפּרייט דעריבער אַ פּורפּל־דעק און זנגאל האָט אים געלייגט דעם קישן פון וויסן, וואָס איז געווען יעקבס שטיין, צוקאָפּנס. מיכאל איז געשטאַנען ביי זיין רעכטער האַנט, גבריאל ביי זיין לינקער האַנט און זנגאל — צופוסנס.

און דאָס קול פון יהוה האָט זיך געהערט ביי משהס טויט אַזוי ווי עס האָט זיך געהערט ביי זיין לעבן:

— שטרעק־אויס דיינע פיס.

און משה האָט אויסגעפירט גאָטס באַפעל.

— פאַרלייג דיינע הענט און טו זיי אַרויף איבער דיין ברוסט.

און משה האָט אויסגעפירט גאָטס באַפעל.

— שליס־צו דיינע אויגן.

און משה האָט אויסגעפירט גאָטס באַפעל.

און משה האָט נאָך דעם דערפילט ווי אַ ווינט בלאָזט איבער אים. און אַ פייער האָט באַרירט זיינע ליפּן.

אַ שמייכל האָט געהויערט אויף משהס פּנים, וואָרעם דער קוש פון יהוהן האָט געשוועבט איבער זיינע ליפּן, דער קוש, וואָס מיט אים האָט גאָט צוגענומען משה רבינוס נשמה, אַז זי זאָל רוען ביי אים.

— ס ו ף —

# קאַטאַלאָג

| | |
|---|---|
| אַיאַלטי, ח., — טאַטע און זון | $ 5.00 |
| אויערבאַך, א., — לויטער איז דער אַלטער קוואַל | 3.00 |
| אייבעלסאָן, ד״ר פּ., — ענציקלאָפּעדישער ווערטער־בוך (ענגליש־יידיש) נעט | 15.00 |
| אַש, שלום, — איסט ריווער | 5.00 |
| „ „ — אָנקל מאָזעס (נעט) | 2.75 |
| „ „ — דער ברענענדיקער דאָרן (נעט) | 3.00 |
| „ „ — דער תּהלים ייד | 5.00 |
| „ „ — משה | 5.00 |
| „ „ — קיין אַמעריקע | 2.75 |
| באַטאַשאַנסקי, י., — דער בראשית פון מדינת ישראל (2 בענד) | 6.00 |
| באַטוויניק, ב., — געקליבענע דערציילונגען (2 בענד) | 5.75 |
| באַשעוויס, י., — דער שטן אין גאריי | 4.50 |
| „ — די פאַמיליע מושקאַט (2 בענד) | 8.00 |
| ביאַליק, ח. נ., — לידער | 4.00 |
| ביאַליק און ראַבניצקי — די יידישע אַגדות (2 בענד) | 7.50 |
| „ „ „ „ „ „ דע־לוקס | 9.00 |
| ביק, א., — וועלט און היים | 1.75 |
| בערמאַן, ל., (לייבעטשקע) — אין לויף פון יאָרן | 3.50 |
| בריינין, ר., — פון מיין לעבנס־בוך | 3.00 |
| גאָדינער, ש., — דער זאַוועלער טראַקט | 2.50 |
| גאָלדבערג, א., — דערצייל דיין זון | 4.00 |
| גאָלדשטיין, ב., — פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ | 5.00 |
| גלאַשטיין, י., — ווען יאָש איז געקומען (נעט) | 4.00 |
| „ — עמיל און קאַרל | 1.75 |
| „ — קרעדאָס | 1.50 |
| געלבאַרט, מ., — פון משוררים לעבן | 3.00 |
| דובנאָוו, ש., — יידישע געשיכטע | 2.50 |
| דלוזשנאָווסקי, מ., — דאָס ראָד פון מזל | 3.50 |
| דער נסתּר, — די משפּחה מאַשבער (2 בענד) | 7.00 |
| דרוק, ד., — די מפרשים פון דער תּורה | 4.00 |
| הערץ, י. ש., — די געשיכטע פון אַ יוגנט | 5.00 |
| ווידאַנס, עמיל און דניאל, — אַ שטאָט אין דער ליטע | 3.00 |
| ווינער, מ., — צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן י״ה (2 בענד) | 7.00 |
| ווינטשעווסקי, מ., — דער משוגענער פילאָזאָף — דראַמען (3 בענד) | 7.50 |
| זאַקס, א. ש., — חרובע וועלטן | 2.50 |
| זשיטלאָווסקי, ד״ר ח., — דער זין פון מענטשלעכן לעבן | 3.50 |
| „ „ — ייד און וועלט | 3.50 |
| „ „ — וויזיע און געדאַנק | 3.50 |
| טרייסטער, ל., — אַריבער די ברעגן | 3.50 |
| וויט, ב., — יהואש — אַ ביבליאָגראַפיע | 5.00 |
| יאַנג, בועז, — מיין לעבן אין טעאַטער | 3.50 |
| יהואש, — הערות צום תּנ״ך | 6.00 |
| „ — תּנ״ך (2 בענד) | 7.50 |
| מאַרק, ב., — געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן | 3.00 |
| מאַרקס, ק., — דער דלות פון פילאָזאָפיע | 2.50 |
| מייזיל, נ., — י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן | 3.00 |
| „ — פּאָרגייער און מיטצייטלער | 4.00 |
| „ — צווישן חורבן און אויפבוי | 3.00 |

| | |
|---|---|
| מיללער, ש., — דור המדבר | 4.50 |
| „ — דור הפלגה | 3.00 |
| „ — רויט און שוואַרץ | 3.00 |
| מישקאָווסקי, ג., — מיין לעבן און מיינע רייזעס (2 בענד) | 7.50 |
| סטוטשקאָף, נ., — דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך | 10.00 |
| „ „ „ „ „ לוקסוס אויסגאַבע | 15.00 |
| ספיר, ש., — דער בעל תשובה | 3.50 |
| „ — דער גר צדק פון ווילנע | 3.00 |
| „ — דער דיכטער פון טאָלידאָ | 3.00 |
| „ — דער ווילנער באַלעבעסל (2 בענד) | 6.00 |
| „ — רמב"ם | 4.00 |
| „ — שלמה המלך (נעט) | 5.00 |
| עפראָן, מ., — צווישן שאָטנס | 2.50 |
| פאַלישוק, ד"ר י., — די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן (2 בענד) | 7.50 |
| „ — די אַנטוויקלונג פון אייראָפּעאישן דענקען און דער יידישער בייטראַג (2 בענד) | 7.50 |
| פיינבערג, ל., — די יורשים פון דער ערד | 1.25 |
| פרוג, ש., — שריפטן (3 בענד) | 6.00 |
| פרץ, י. ל., — אַלע ווערק (8 בענד) | 40.00 |
| „ — די צייט, דראַמען, (2 בענד), מגילות, יעדער בוך צו | 2.00 |
| צינבערג, ד"ר י., — די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן (10 בענד) | 60.00 |
| „ — קולטור־היסטאָרישע שטודיעס | 5.00 |
| קאַץ, ל., — נקמה | 2.75 |
| קוסמאַן, ל., — עזרא | 2.50 |
| ראַבאָי, א., — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע | 2.75 |
| ראַבניצקי, י. ח., — יידישע וויצן (2 בענד) | 7.00 |
| „ „ „ „ — דע־לוקס | 8.25 |
| רבן, ז., — שיר השירים | 15.00 |
| „ „ — „ (לעדער) | 35.00 |
| רומשינסקי, י., — קלאַנגען פון מיין לעבן | 5.00 |
| ריווקין, ב., — אונדזערע פּראָזאַאיקער | 3.50 |
| „ — הויפּט־טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור | 3.50 |
| „ — יידישע יום־טובים | 3.00 |
| רייזין, ד"ר מאַקס, — גרויסע יידן וואָס איך האָב געקענט | 3.25 |
| רעסלער, ב., — דער וועג צו ישראל | 2.50 |
| שאָמער־באַטשעליס, ראָזע, — אונדזער פאָטער שמ"ר | 2.50 |
| שוב, ד., — העלדן און מאַרטירער (2 בענד) | 6.00 |
| שלום־עליכם, — אַלע ווערק (איינצלנע בענד) צו | 2.00 |
| שמן, נ., — די באַציאונג צום פרעמדן | 3.00 |

MOSES S. SKLARSKY
10 Monroe Street
New York 2, N. Y.

געדרוקט אין דער דרוקעריי פון פישל מאַליניאַק, 270 לאַפאַיעט גאַס, ניו־יאָרק 12, נ"י